ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

## בלשון הקודש ואידיש

**38**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

בעזהשי"ת

## ספר

# קב הישר

והוא ספר נחמד לתועלת הנפש וגוף ונשמה, וכל ההוגה בו מימים ימימה, לעבוד בוראו לבו יהיה ברה כחמה, ובו ק"ב פרקים ומהות הספר תמצא בהקדמת הספר, אמרי שפר, הן בפשטים טובים ובמשלים ומליצה, כל הרואה אותם ישמח בשמחה ודיצה.

חברו חד זעירא דמן חבריא ה"ה האלוף התורני מוהר"ר **צבי הירש** בן הרב הגאון המפורסם בעל מחבר ברכת הזבח וספר ברכת שמואל וספר תפארת שמואל וספר אמונת שמואל, כבוד הרב המנוח מוהר"ר **אהרן שמואל קאיידנור** ז"ל אשר אור תורתו היתה זורחת בקהלה קדושה פראַנקפורט דמיין ובקהלה קדושה קראקא יע"א.

**נדפס פה ק"ק ורנקבורט דמיין**

לסדר **הש**קיפה **מ**מעון **קדשך** מן השמים וברך את עמך את ישראל

**תס"ה לפ"ק**

הוצאת אמונה פאבלישינג

ברוקלין נוא-יארק

ספר

# קב הישר

בלשון הקודש, ובלשון אשכנז, בכתב עברי ונקודות, הנקרא עברי טייטש ·

הוא ספר נחמד לתועלת הנפש וגוף ונשמה · וכל ההוגה בו טימים וטימה · לעבודת בוראו לבו יהיה ברה כחמה · ובו ק"ב פרקים · ומהות הספר תמצא בהקדמת הספר · אמרי שפר · הם הפשטים טובים והמשלים ומליצה · כל הרואה אותם ישמח בשמחה ודיצה :

חברו חד וזעירא דמן חבריא ה"ה הרב הגדול המופלג בתורה ויראה חכם חרשים ונבון לחש מוה' צבי הירש בן הרב הגאון המפורסם בעל המחבר ס' ברכת הזבח וס' ברכת שמואל וס' תפארת שמואל וס' אמונת שמואל כבוד הרב המנוח מוה' אהרן שמואל קידנאוור ז"ל · אשר אור תורתו זורחת בק"ק פפ"ד ובק"ק קראקא יע"א :

# הקדמת הרב בעל המחבר

## הישר ה׳ לפני דרכך בצדקתך נחני

**ואתחנן אל ה׳** אמרו רז״ל שמשה רבינו ע״ה התפלל תקט״ו תפלות כמנין ואתחנ״ן על שבקש ליכנס לארץ: גם אני מזקנים אתבונן ואשפוך שיחי לפני האל העונה אותי ביום צרתי בתקט״ו תפלות כמנין שמי החול היר״ש שהוא גימטריא תקט״ו ה׳ נחני בדרכי ישרה כמנין ואתחנ״ן בתחנונים ידבר רש לפני כל יודעי דת היושבים על מדין · שיהיו לרצון אמרי פי בחבור קודש זה שאין בו דבור דופי · וקראתי שם הספר **קב הישר** ע״ש שני טעמים נכונים והגונים טעם הראשון שכתבתי והצגתים לפנים ק״ב פרקים כמנין שמי הקודש שהוא גימטריא צ ב " י כמנין ק״ב · הי ש " ר הוא בהיפוך אתוון בשמי החול היר״ש אותיות דדין באותיות דדין · וטעם הב׳ הוא שקראתי ק״ב הי ש " ר זה הספר שהוא קב ונקי כסולת המנופה בי״ג מיני נפה ומיישר לב האדם ולב העקשים לילך בתמימות בדרכי ה׳ אשר צדיקים ילכו בה ויראו צדיקים וישמחו בראותם אור ותועלת גדול שהיא תוכחת מגולה ואהבת נסתרה הן על דרך פשט ודרך משל ומליצה דברים המתיישבים על הלב ומושכין לבו של אדם בראיות ברורות על פי הזוהר ושאר מאמרי רז״ל וחברתי זה הספר לא להתפאר בו וליטול עטרה לעצמי רק כוונתי בימי עניי ומרודי ליתן מרגוע לנפשי לזכות בו את הרבים וזכות הרבים יהיו תלויין בי ובוודאי יפקחו עיני העברים אשר ישקיפו בהשקפת העין עינא פקיחא בודאי יעלוזו ויגילו ולא ימוש ספר הזה מפיהם ומפי זרעם וכהיום זכני ה׳ שתפלתי עשתה מחצה שהבאתי מחצית הספר שהוא חלק ראשון לבית הדפוס כאשר עיניכם רואות · על כן אמרתי במה אכף לאלהי מרום ובמה ארצה אותו ברבוא ואלפי נחלי שמן על כל הטובות אשר גמלני · מאפילה לאורה הוציאני · וממות לחיים ומכור הברזל הצילני · באשר שרבים קמו עלי לבלעני חנם אין כסף בלא כיסופא יצאוני · ומחבלין חובלין וככסלא לאוניא עטרוני ומאה גלבין הכוני פצעוני · אתה ה׳ דן משפטי ודינ׳ · כי נשאו רדידי מעלי ומחמד עיני וכספי וזהבי ומטמוני · וכבעל חשור נקי מנכסי יצאוני ·ונשכוני כנחש וצפעוני· שליו הייתי יושב בביתי ובעלי קרנים דחפוני · המה בעלי זרוע אשר אין להם שר ומושל סבבוני · (אנשי בליעל שאינם מרים למשמעת הממשלה וחוקי המדינה שהיו בימי המחבר בשעת שערורות) אמרתי שחה לעפר נפשי אך חסדי אל יעזרוני · אז נדר נדרתי ביום צרתי בשברון מתנים בדמעות עיני · לקיים בעצמי מאן דביש ליה בהאי מתא ליזיל למתא אחריתי כך סליקו לי על רעיוני · לעזוב ארץ מולדתי ונחלת אבותי לתקוע אהלי אפדני · בית תמוהי היא קרתא קדישא פראנקפורט דמיין ומלכו של עולם חדריו הביאני · בעירום ובחוסר כל ולא נשאר בידי כי אם חבורי שחברתי זה הספר לזכות בו את הרבים · ובודאי יהיה לרצון לפני כל כטל וכרביבים · לא נחתי ולא שקטתי עד שהבאתי לבית הדפוס להורות הדרך הישר והטוב לאנשים אשר המה כערכי ולפחותים ממני · לנהלם על מי מבוע מים חיים כאשר ראיתי ממורי והורי הקדושים אשר בארץ המה ה״ה מהגאון אבי הרב הגאון מוהר״ר אהרן שמואל קאידנור ז״ל ומשאר רבותי גאוני ארץ אך לפעמים הוספתי נופך משלי בדבריהם ולפעמים חסרתי כדי שיהיו שפתותיהם דובבות בקבר וכדי שלא אקח עטרה לעצמי על כל פרק ופרק אתן תהלה למעבדי ואשא עיני אל ההורים ומורים ולקיים דברי רז״ל כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם · ואני תפלתי בכל עת רצון שכל מי אשר יראת ה׳ בלבבו יקרא פעמים ושלש בזה הספר · הנותן אמרי שפר · ולקיים אמרי שאני מזהיר ומזכיר קצת מצות אשר האדם דש בעקביו לקיים אותן בכל לב ונפש כי אותן המצות מונחים ממש בקרן זוית ואין בני האדם נזהרין בהן אמרתי לדבר נגד גדולים ולא אבוש · והעתקתי הספר הזה ג״כ בלשון אשכנז כדי שידעו דעת בינה וידי כל אדם יהיו שולטים בזה הספר להבין ולהשכיל כאשר עיניכם הרואות תחזינה מישרים אפס קצהו בחלק זה וכולה תראה בחלק השני · וסהדי במרומים שלא היה בידי שום פרוטה בתחלת הדפוס ומהשמים עזרוני שנגמרתי חלק ראשון · ותפלתי לאל חיי שיגמלני חסד לגמ׳ר גם חלק שני · על כן עושו חושו ואל תחוסו על כספכם המעוטה לקנות מעמדי זה החלק ויאירו עיניכם כשמש בצהרים · והמקיים זה הספר יזכה לראות בבנין ציון וירושלים:

**כ״ד המעתיק הכותב** ברפיון ידים ובשברון מתנים הקטן צבי הירש בן הגאון כמהור״ר **אהרן שמואל** זלה״ה קאידנור:

א יי בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה מקרא זה בא להודיע שעיקר תפארת החכמה והתבונה הוא כשהולידו והצמיחו דבר שיש בו תועלת ויסוד ומקור : (ב) ובזאת יתהלל יהחכם יויתפאר יהמבין כשפועל בחכמתו ובינתו מה שהוא תכלית גדול ותועלת לנשמתו החצובה מתחת כסא כבודו יתב׳ ונתנה אל האדם אשר הוא קרוץ מחומר כדי לקשטה בקישוטין נאים ומהודרין במעשיו הטובים ובדרכיו הישרים ולהחזירה כאשר יבא זמן פקידתה של נשמה לשוב בין נשמות הצדיקים בעוז ובהדוה : (ג) ועל חכמה זו נאמר והחכמה תחיה את בעליה · מה שא״כ כשמוליד בחכמה דברים שאין בהן תועלת כי אם תוהו והבל וריק והגוף יהיה כלה ואבד וכל תאוותיו והגאותיו כלא היו מה יתרון בחכמה זו : (ד) ואצ״ל כשהאדם מוליד בחכמתו פעולת שוא ושקר ועניינים רעים ומקולקלים שלא כדין ודת תורתנו הקדושה אז עושה כתמים ופגם בנשמתו :(ה) אוי לה לאותה החכמה אוי לה לאותה הבינה הגורם לנשמה דיליה צער וגלגולים קשים ומרים ויסורים בגיהנם ונדחית מפרגודא קדישא בחרפה ובבושה גדולה : (ו) ע״כ עצה היעוצה לכל מי אשר בשם ישראל יכונה להכניע לבבו הקשה ויקח פנאי לעצמו להתבודד במקום מוצנע שתפול עליו הכנעה גדולה ואימת הקב״ה ויחשוב בימיו ושנותיו אשר כבר עברו וחלפו והיו כלא היו וכל יום ויום זמנו מתקצר · ומתקרב אל הפרידה שהוא יום המות אשר מי יודע אותו כי הוא שם ובא כנשר פתע פתאום והשלוחי ב״ד של מעלה אצים וממהרים להביאו ליתן דין וחשבון על כל דבור ומעשה ומחשבה ובלתי ויתור מאומה : (ז) ווי לנו מיום הדין ווי לנו מיום תוכחה וכל לב יודע מרת נפשו כמה שמרד בהקב״ה והכעיס לפניו בילדותו ובזקנותו במקום גלוי ובמקום נסתר כי לפני הקב״ה הכל גלוי וידוע ובשעת הדין כולם עומדים ומעידים

בפניו

(א) הי׳ בחכמה יסד ארץ גאט ברוך הוא האט מיט קלוגשאפט גיגרונד פעסטיגט דיא וועלט כונן שמים בתבונה ער האט אן גיברייט די הימלען מיט פאר שטאנד · דער פסוק קומט מודיע צוא זיין אז דאש שיינקייט פון חכמה אונ פאר שטאנד איז נאר אז זייא זאלין קענען מוליד זיין מיט דער חכמה אזו איין זאך וואש דרינן איז פאר האנדין איין העלפונג אונ איין יסוד : (ב) אונ דר מיט זאל זיך בארימן דר חכם אונ דר פר שטאנדיגר · דאש אז ער ווערקט מיט זיין חכמה אונ פאר שטאנד אזעלכש וואש איז איין גרויש תכלית אונ איין הילף צוא זיין נשמה וואש זיא איז ארויש גינומן גיווארן פון אונטר דעם כסא הכבוד · אונ גאט האט זיא גיגעבין צוא דעם מענטשין וואש ער איז אויש גישניטן פון ליים · פון וועגין ער זאל זיא צירן מיט שיינע צירונג · אונ זאל זיא בשיינן מיט זיינע גוטע מעשים אונ מיט זיינע רעכט פארטיגע וועגין · אונ אז איר צייט וועט קומען ארויס צו גיין פון דעם גוף זאל ער זיא ווידער קערין זיא זאל זיצן צווישין דיא נשמות פון צדיקים מיט שטארקייט אונ מיט פרייד : (ג) אונ אויף דער חכמה ווערט גיזאגט אונ דיא חכמה איז מחיה איר לעהרר אבער אז ער איז מוליד מיט דער חכמה אזעלכע זאכין וואס אין זייא איז ניט פאר האנדין קיין הילף · נאר נארישקייט אונ הבל · אונ דר גוף וועט פאר לענגט אונ פאר לארין ווערין · אונ אלע זיינע תאוות אונ הגאות וועלין זיין וויא נישט גוא וואש קומט אים ארויש פון דער חכמה : (ד) אונ מכל שכן אז דער מענטש איז מוליד מיט זיין חכמה פאלשע ווערק אונ שלעכטע ענינים · ניט אזו וויא דיא רעכט פון דער תורה דהיינו ער טרייבט רכילות אונ לשון הרע אונ זנות אונ נאך אזעלכע גלייכין · דען מאכט ער נאך פלעקין אונ פגם אין זיין נשמה : (ה) וויא איז צוא דער חכמה ווייא איז צוא דעם פאר שטאנד וואש איז גורם צוא זיין נשמה צער אונ שווערי אונ ביטרי גלגולים אונ יסורים אין גיהנם · אונ ווערט אוועק גישטוסין פון דעם היילינגן היכל מיט גרויס חרפה אונ בושה : (ו) דרום איז די עצה צוא איטליכין וואס ווערט גירופין אין דעם נאמן ישראל · צו אונטר טעניג מאכין זיין שווער הארץ · אונ זאל זיך נעמען אצייט צו זיין אליין אין אפאר בארגענעם חדר עם זאל אויף אים פאלין איין גרויש אונטער טעניקייט אונ דיא פארכט פון גאט · אונ זאל טראכטין אין זיינע יארין אונ טעג וואש זיינען שוין אוועק גנאנגן אונ זיינען גלייך וויא זייא זיינען נאר ניט גיוועןן · אונ איטליכער טאג ווערט זיין צייט קירצער · אונ ער גינעהנט צוא דעם טויט וואש קיינער ווייסט ניט וועןן ער וועט קומען דען דער טויט שוועבט אונ קומט וויא איין אדלער פלוצלונג · אונ דיא שלוחים פון דעם בית דין של מעלה איילין צוא ברייגנען אים ער זאל אפ געבין דין אונ חשבון אויף איטליכין דיבור אונ מעשה אונ מחשבה · אונ מען שיינקט נאר ניט : (ז) ווייא צוא אונז פון דעם יום הדין · ווייא צוא אונז פון דעם יום תוכחה · אונ איטליכש

הארץ

בפניו באיזה יום ובאיזה שעה נעשית הרעה ובאיזה מקום : (ח) ובא וראה מה שמצאתי כתוב בספר אותיות דר' עקיבא כי יש מלאך אחד עומד סמוך לרקיע הראשון ורואה מעשים של בני אדם ומכריז למלאך אחר ואותו המלאך השני מכריז הכרוז לפני פרגודא קדישא (פי' פרוכת סקדש) ומחמת קול כרוז זה מה שבני אדם עושין עבירות מתרחקים משם כל המלאכים שרוצים לומר שירה עד שמטהרין את המקום בטבילות : (ט) אוי לנו קל וחומר אם מהמקום ששומעין כרוז קול העבירה מלאכי השרת מתרחקים ומטהרים המקומות כל שכן שיש טומאה באותו מקום עצמו שנעשה בה העבירה וק"ו הבן אדם שעושה העבירה בעצמו : (י) אל יאמר הבן אדם יתמרמר לבי בקרבי ווי לי אין תרופה עוד שהרביתי לחטוא לפני הקב"ה אדרבה תחשוב בדעתך כי ה' אלהי העולם הוא מלך רחמים כפיו וידיו פרושות לקבל תשובה ובפרט מעמו ונחלתו : (יא) ותיכף לכשיקח האדם פנאי לעצמו ומתבודד כך אז בודאי אלהים יהיה בעזרו לגדור גדר על להבא ויהיה ה' אלהיו עמו והבא לטהר מסייעין לו ויש לו להבן אדם בעצמו לראות לישר המסלה ולתקן את המעוות : (יב) ואל יהיה מיקל לעצמו לומר זה הוא עבירה קלה ואין כדאי לחרוט בזה או לעשות תשובה ואניח את הקלים ואתבונן על החמורות לתקן כי צריך האדם לידע שאין הקב"ה וותרן אפילו על דבור קל · ובא וראה מ"ש הרב החסיד בספר רכב אליהו מה שאירע בימיו : (יג) באשה אחת שהיתה יושבת בין שארי נשים והיו מספרים אשה אחת עם חברתה בענין התשובה של דין וחשבון שצריך כל אדם ליתן על מעשיו : (יד) פתחה אשה בדרך שחוק ואמרה ואני בבואי לפני יום הדין בב"ד של מעלה

וישאלו

הארץ ווייסט דאך זיין ביטרקייט וואש ער האט ווידער גישפעניגט אן גאט ב"ה אונ האט פאר אים דער צערינט אין זיין יוגנט אונ אויף זיין עלטער · אויף איין אנפלעקט ארט אונ אויף איין פאר בארגין ארט · ווארום פאר גאט ב"ה איז אליך אנפלעקט · אונ בשעת דין שטייען אלע אונ זאגין אים עדות אין די אויגין אין וואשר טאג אונ אין וואשר שעה ווערט גיטאן דם שלעכטש אונ אין וואס פר איין ארט : (ח) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין ספר אותיות דר"ע דען עס איז פר האנדין איין מלאך וואש ער שטייט נאהנט בייא דעם ערשטין הימל אונ זעהט דיא ווערקין פון דיא לייט · אונ ער רופט אויש דיא מעשים צוא אנדרן מלאך אונ דער אנדרער מלאך רופט דאש אויש פאר דעם היילגן פרוכת · אונ מחמת דעם קול וואש דער אנדרר מלאך רופט אויס דיא עבירות וואש דיא מענטשין טוען · ווערין דער ווייטרט פון דארטין אלע מלאכים וואש ווילין זאגין שירה ביז זייא ריינגין דאש ארט מיט טבילות : (ט) ווייא איז צוא אונז דען מה דאך אז פון דעם ארט וואש מען רופט אויש דיא עבירה דער ווייטערין זיך דער פון דיא מלאכים אונ ריינגין דאש ארט מכל שכן דאש ארט וואש דיא עבירה ווערט דרינן גיטאן איז בוודאי פר האנדין דרינן איין טומאה · מכל שכן דער מענטש אליין וואש טוט דיא עבירה : (י) אונ דער מענטש זאל ניט זאגין ווייא איז צוא מיר איך האב שוין קיין תקומה ניט ווייל איך האב גימערט צוא זינדיגין פאר גאט ב"ה · נאר אדרבא דוא זאלשט טראכטין אין דיין דיעה אז גאט דער גאט פון דער גאנצר וועלט איז איין דער בארמיגר מלך · זיינע טעניר אונ הענט זיינן פר שפרייט צוא מקבל זיין תשובה אונ בפרט בייא זיין פאלק אונ זיין נחלה : (יא) אונ תיכף וויא דער מענטש וועט זיך נעמען אצייט אונ וועט זיצין אין איין בזונדר חדר אונ וועט נאר אן הייבין תשובה טאן · וועט גאט ב"ה בוודאי זיין אין זיין הילף ער זאל זיך מאכין גדרים אז ער זאל ווייטער שוין ניט טאן קיין עבירות · אונ דער וואש קומט זיך מטהר זיין העלפט מען אים · אונ דער מענטש גיהער זיך אליין אן צוא גרייטין צוא זעהען רעכט פארטיגין דאש וואש ער האט פאר קרימט : (יב) אונ ער זאל זיך ניט גרינג מאכן צו זאגין דש איז איין גרינגע עבירה אונ עש איז ניט כדאי דרויף חרטה צוא האבין אדער דרויף תשובה צוא טאן דרום וועל איך לאזין שטיין דיא גרינגע עבירות אונ וועל תשובה טאן אויף דיא הארבי עבירות · זאל ער אזוא ניט זאגין ווארום דער מענטש בדארף וויסין אז השי"ת שיינקט ניט אפילו אויף איין דבור הקל · קום אונ זעה וואש עש שטייט אין ספר רכב אליהו וואש אין זיינע צייטן האט זיך גטראפין : (יג) דאש עטליכע ווייבר זיינן גזעסן בייא אנדר · אונ האבין גרעט איינע מיט דער אנדערער אין דעם ענין פון תשובה וויא איטליכער מענטש מוז דין אונ חשבון אפ געבין אויף זיינע מעשים : (יד) האט איין אשה גיזאגט אין

גילעכטר

וישאלו אותי למה עשית כך אעשה את עצמי אילמית שלא אוכל להשיב ולא היו ימים מועטים עד שנעשית אילמית עד יום מותה עכ"ל: (טו) הרי מוכח שהדבור סליק למעלה ועושה רושם ואל יחשוב וידמה האדם לומר אתר חטא ופעולות שוא שעושה יש לי כל תענוגי עולם הזה ועושר ובריות גופו ובשביל זה לא יחריד לו חרדה אדרבה עליו נאמר יש עושר שמור לבעליו לרעתו כי הקדוש ברוך ה"א ממתין לו עד שתתמלא סאתו ובפעם אחת ישפוך חרון אף ה' עליו ובא יבואו עליו בעלי חצים ודינים קשים ר"ל בלי חנינה וחמלה: (טז) בן אדם אם אתה יודע כמה שדים מס"א האורבים על רביעית הדם שבלב האדם בוודאי היית משעבד גופך ונשמתך להבורא יתברך: (יז) והנה כתיב חדשים לבקרים רבה אמונתך בכל בקר בהקיץ משנתו נעשה אדם בריה חדשה וידוע כי תכלית בריאות האדם ע"מ לקיים התורה והחוקים ומצות ה': (יח) וע"כ צריך האדם כשיעור משנתו לחשוב בדעתו תיכף במעמד הר סיני ויצייר בשכלו איך היה לישראל טהרה ופרישות כשהיו עומדים בהר סיני באימה ויראה ברתת ובזיע והר סיני עשן מפני האש אשר ירד הקב"ה עליו ברבבות מלאכים וקול השופר ומשה רבינו ע"ה אדון כל הנביאים היה הסרסור בין הקב"ה ובין עמו ישראל: (יט) ואח"כ יהיה האדם זריז שיוציא מפיו דבור של קדושה׳ ע"כ כתב הרב בעל סדר היום שתיכף ומיד כשיקיץ האדם משנתו יאמר׳ מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה׳ רבה אמונתך׳ ואח"כ ינקה את גופו ויטול ידיו׳ ואח"כ ילך בזריזות לבהכ"נ להתפלל: (כ) ובהיות ידוע כי אוירא דעלמא מלא מסטרא אחרא וביותר מקטריגים הנעשים מחטאים ופשעים

גילעכטער אז איך וועל קומן פאר דעם בית דין של מעלה אונ מען וועט מיך פרעגין וואָרום האסטו גיטאן עבירות וועל איך מיך מאכן שטום גלייך וויא איך קען ניט ענטפערן אין ווייניג צייט ארום איז די אשה שטום גיוואָרן: (טו) פון דאנען איז גידרונגען אז דער דיבור גייט ארויף אונ מאכט איין צייכען אונ זאל ניט טראכטן חאטשי איך האב גיזינדיגט אונ שלעכטש גיטאן׳ פון דעסט וועגין האב איך דאך אלי תענוגי עולם הזה׳ אונ עשירות׳ אונ גיזונד׳ איז דאך גידרונגן אז גאט ב"ה האט מיר מוחל גיוועזן מיינע זינד׳ זאל ער עש ניט טראכטין דען אדרבא אויף אים ווערט גיזאגט עש איז פאר האנדין עשירות וואש ווערט גיהיט צוא זיין בעל הבית פון זיין בייזקייט וועגין׳ וואָרום גאט ב"ה וואַרט אים ביז זיין מאס ווערט פול׳ אונ מיט אמאל וועט גאט ברוך הוא פאר גיסין זיין גרים צארין אויף אים׳ אונ עש וועלין אויף אים קומן דיא שווערי דינים רחמנא ליצלן אן דער בארמקייט: (טז) דוא בן אדם דוא זאלשט ווישין וויא פיל שדים פון דער סטרא אחרא לויערין אויף דעם רביעית דם וואש איז אין דעם מענטשינס הארץ׳ וואלשטו בוודאי משעבד גיוועזן דיין גוף אונ דיין נשמה צום בשעפר יתברך: (יז) אונ עש שטייט חדשים לבקרים השם יתברך בשאפט אלע פריא מארגין נייאי מלאכים רבה אמונתך דיין וואָרהייט איז זייער פיל׳ דען אלי פריא אז ער תאפט זיך אויף פון זיין שלאף ווערט ער איין נייאי בשעפעניש אונ דאש איז דאך גיוויש אז דער תכלית פון דעם מענטשינס בריאה איז צוא מקיים זיין תורה אונ מצות: (יח) אונ דרום אז דער מענטש תאפט זיך אויף פון זיין שלאף בדארף ער תיכף טראכטין וויא דיא ישראל זיינן גישטאנן אויף דעם בארג סיני׳ אונ זאל אויס מאלין אין זיין שכל וויא דיא ישראל האבין גיהאט טהרה אונ פרישות בשעת זייא זייגען גישטאנען אויף דעם בארג סיני מיט פארכט אונ ציטרניש אונ שוויים׳ אונ דער בארג סיני האט זיך אין גאנצין גירויכערט פון וועגין דעם פייער דאש גאט ב"ה האט אויף אים אראפ גינידערט מיט פיל טויזנט מלאכים אונ מיט דעם קול השופר אונ משה רבינו ע"ה דער הער פון אלע נביאים איז גיוועזן דער מעקלער צווישין גאט ב"ה אונ צווישן זיין פאלק ישראל׳ אונ דער נאך זאל דער מענטש גוואָרינט זיין ער זאל ארויס ציהן פון זיין מויל איין דיבור פון קדושה׳ דרום שרייבט דער בעל סדר היום׳ אז תיכף וויא ער תאפט זיך אויף פון זיין שלאף זאל ער זאגין מודה אני לפניך מלך חי וקים איך דאנק פאר דיר לעבדיגער גאט שחזרת בי נשמתי וואש דוא האסט ווידר גיקערט אין מיר מיין נשמה בחמלה מיט דער בארמקייט רבה אמונתך דיין וואָרהייט איז זייער פיל: (יט) אונ דער נאך זאל ער אויס ריינגין זיין גוף אונ זאל וואשין דיא הענט אונ זאל גיין גישווינד אין שול אריין דאווענן: (כ) אונ דאש איז ידוע אז דער אויר פון דער וועלט איז פול פון דער סטרא אחרא אונ דיא מקטריגים וואש ווערין פון דיא

זיגד

פשעים של בני אדם משוטטים בעולם באוירא כנזכר כמה פעמים בזוהר ויש לחוש פן בהליכתו לבהכ"נ יתדבקו חיצונים בהאדם שממהר ללכת לבהכ"נ: (כא) לזה צריך לידע מה שכתוב בזוהר כי לצד שמאל בפתח יש ס"א חד ועליו נאמר לפתח חטאת רובץ והמזוזה הרומזות על שכינתא קדישא קבוע מימין וסימן לב חכם לימינו ושם מקומה והיא נקראת רחל ואלמלא שם של שדי שכנגדו לא יוכל האדם לילך כי בצד שמאל עומד הס"א שם והיא ברמז דילה לפתח חטאת רובץ בהיפוך אתיון ר"ת רח"ל ולכן שם של שדי שכנגדו הוא מכניעו וע"ז כתיב והיה שדי בצירך: (כב) אמנם עיקר שמירת צריך ממנו בצאתו מן פתח ביתו לבלתי ידביק בס"א להביאו לידי חטא ח"ו וע"כ בפתח הפנימי שבבית יכוין בהנחת יד על המזוזה כי יצ"ר במילוי אותיות הוא יו"ד צדי רי"ש ס"ת שד"י ר"ל ששם של שדי הוא טוב להנצל מיצר הרע ובצאתו מביתו יתפלל תפלה קצרה: (כג) רבש"ע חוסה נא עלי למלטני מיצר הרע וכל כת דיליה אמן או יקרא ק"ש פרשה ראשונה שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד עד וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך ואז ימלט באותו יום מכל עון ואשמה:

פרק ב דוד המלך ע"ה אמר בתהלים העבר עיני מראות שוא בדרכך חיני· צריך אדם לדעת כי הרבה דברים הם תלוין בראיות של אדם ע"כ נראה לי שצריך ליזהר תיכף בקומו משנתו אם מסתכל בראיה אל הבתים יכוין שהקב"ה נתן מצות מזוזה בפתח הבית· מצות מעקה לגג הבית כדכתיב ועשית מעקה לגגך: (ב) ואם יוצא מפתח ביתו ופוגע בבהמות טהורות הראויין לקרבן יחשוב בדעתו שהקב"ה צוה לנו להקריב קרבנות ואם פגע בבהמות ובחיות טמאות יחשוב בדעתו איסור אכילתן וכל איש ואיש כל אחד צריך להקדיש ראיתו לפי ידיעתו ולפי לימודו והוא ענין גדול מאוד שהוא מכנים

זינד פון מענטשין· דיא שוועבין אויף דעם אויר פון דער וועלט אזוא וויא עש שטייט אין זוהר· אונ מען גיהער מורא צו האבין מאמר בשעת ער גייט אין שול אריין וועלין זיך בהעפטין דיא חיצונים אין דעם מענטשין: (כא) דרום בדארף ער וויסין וואש עש שטייט אין זוהר· דאש אויף דער לינקר זייט טיר שטייט איין משחית אונ דיא מזוזה וואש איז מרומז אויף דער היילגר שכינה איז איין גזעצט פון דער רעכטר זייט טיר אונ דער שם שדי וואש שטייט אויף דער מזוזה מאכט אונטער טעניג דעם משחית אונ דרויף שטייט אין פסוק והיה שדי בצירך אונ דער שם שדי וועט זיין אויף דיינע טירין: (כב) נאר דער עיקר שמירה דארף ער האבין אז ער גייט ארויס פון דר טיר פון זיין הויז· אז דיא סטרא אחרא (אדער דיא ביינצונג צוא זינד) זאל זיך אין אים ניט בהעפטין אונ ברייגין אים צוא איין עבירה חס ושלום דרום זאל דער מענטש לייגין זיין האנט אויף דער מזוזה איידער ער גייט דאוגען זאל ער מכוין זיין אז דאש ווארט יצר איז יוד צדי ריש· אונ דיא הינטערשטע אותיות דער פון זיינען שדי· דאש איז דער שם פון שדי איז גוט דורך אים ניצול צוא ווערין פון דעם יצר הרע· אונ אז ער גייט ארויש פון זיין הויז זאל ער מתפלל זיין איין קורצע תפלה: (כג) רבונו של עולם דער הער פון דער וועלט דער בארים דיך איבר מיר מיך צוא אנטרינן פון דעם יצר הרע אונ פון גאר זיין כתה· אמן: אדר ער זאל זאגין דיא ערשטע פרשה פון שמע ישראל ביז ביתך ובשעריך· אונ דענמאלט וועט ער דעם טאג אנטרינען ווערין פון אלערלייא זינד:

פרק ב דוד המלך ע"ה האט גיזאגט אין תהלים העבר עיני מראות שוא פיר איבר מיינע אויגין פון צוא זעהן פאלשקייט בדרכיך חייני אין דיינע וועגין לאז מיך לעבין דער מענטש דארף וויסן אז פיל זאכן הייגען אין דעם זעהן פון דעם מענטשין· דרום בדארף דער מענטש נזהר זיין תיכף וויא ער שטייט אויף פון זיין שלאף· אז ער קוקט אויף די הייזר· זאל ער מכוין זיין אז גאט ברוך הוא האט גיגעבין דיא מצוה מזוזה אין דער טיר פון דעם הויז· אונ דיא מצות פון צוא מאכין איין מעקה ארום דעם דאך אזוא וויא עש שטייט אין דער תורה ועשית מעקה לגגך אונ דוא זאלשט מאכין איין גילענדער ארום דיין דאך: (ב) אונ אז ער גייט ארויס פון זיין הויז אונ בגעגינט בהמות טהורות וואש זיינען ראוי אויף קרבנות זאל ער טראכטין אז גאט ב"ה האט אונז גיבאטין מקריב זיין קרבנות· אונ אויב ער בגעגינט טמא בהמות און חיות· זאל ער טראכטין אז מען טאר זייא ניט עסין· אונ איטליכער מענטש באדרף היילגן זיין ראיה וועדליג זיין ווישין שאפט אין אונ וועדליג זיין לערנן· אונ דאש איז גייער אגרוישע זאך דאש ער ברייננט אריין דיא

קדושה

העינים בקדושה בגוונין דעיניו וזה לעומת זה כמו שהמסתכל בדברי קדושה הוא עושה מלבוש לראיות עיניו בקדושה כן ח"ו הוא להיפך כיון שהאדם ממציא לראות בדברים האסורים ובנשים זרים אז מכנים את עצמו לטומאה גדולה: (ג) וראיה גדולה שהראיה הוא פוגם ומפגים מעוף אחד הנקרא בת היענה שעל ידי שהביצים מונחים לפניה והיא מסתכלת בהן בראייתה מנקבת הביצה ויוצא מכל ביצה אפרוח אחד ועוד אוכיח לקמן בפרקים חדושים מזה: (ד) ולכן תקנו חכמינו ז"ל גדר וסייג שלא להסתכל במקום רע שלא יבא לידי חטא כגון בנשים ובתולות המביא לאדם לידי קרי ועל זה כוון דוד המלך עליו השלום העבר עיני מראות שוא בדרכך חיני ר"ל כי אותיות שו"א הוא גמטריא ש"ז והוא ראשי תיבות שכבת זרע והוא רמז גדול· ונ"ל עוד דלילית עם כיתותיה נקראים חבלי שוא חבלי דמיתה כדאיתא בזוהר ולכן התפלל דוד ע"ז ואמר בדרכך חיני דהוא מסטרא דחיים ולא מסטרא דמיתה ח"ו: (ה) והנה כבר כתבו בעלי מוסר שיש סגולה נפלאה להנצל מעבירה זו יצייר האדם תמיד כאילו שם הוי"ה כתוב לפניו בדיו שחור ע"ג קלף וכמ"ש שויתי ה' לנגדי תמיד וזהו סוד הכתוב שאמר ג"כ דוד המלך ע"ה עיני תמיד אל יי כי הוא יוציא מרשת רגלי וק"ל: (ו) והנה המגיד להרב בית יוסף זצ"ל נתן עצה הוגנת להרב ז"ל כדי שלא יבא לידי חטא וזה יצייר האדם כאילו דיוקנו של אביו עומדת לפניו והביא ראייה מיוסף הצדיק שביקש לשכב עם אשת פוטיפרע ונזדמן לפניו דיוקנו של אביו ופירש יוסף מהחטא ועוד רמז בתורתנו הקדושה דשא עשב מזריע זרע· דשא הוא ר"ת דיוקנו של אביו הוא עשב שהוא טוב למזריע זרע למינה ולא להוציא זרע לבטלה כ"א במינו דוקא: (ז) ובא וראה מה דאיתא בזוהר פ' פקודי כי יש ממונה אחד הנקרא פתות על שם שהוא מפתה לבני נשא למסתכלא ולעיינא במה דלא איצטריך ליה בכמה

קדושה אין זייני אויגן אבר ח"ו אז דער מענטש פלייסט זיך צוא זעהען זעלכע זאכין וואס מען טאר ניט· דהיינו ער קוקט אויף פרעמדע ווייבר אדר בתולות אונ נאך אזעלכע גלייכין· ברייננט ער דיא אויגן אין גרויש טומאה אריין: (ג) אונ איין ראיה איז אז מיט דער ראיה איז ער פוגם אויף שלעכטש דען עש איז פאר האנדין איין פויגל וואש הייסט בת היענה· דאש אז אירי אייער ליגין פאר איר· אונ זיא קוקט אויף זייא· איז איר ראיה אזו שטארק· ביז זיא לעכרט דאש איי מיט איר ראיה אונ פון איטליכם איי גייט ארויש איין הינדעל: (ד) דרום האבין אונזרי חכמים מתקן גיוועז איין גדר אז דער מענטש זאל ניט קוקין אויף אשלעכטער זאך כדי ער זאל ניט קומן צו קיין עבירה דהיינו ער זאל ניט קוקין אויף פרעמדי ווייבר אונ בתולות ווייל דאש ברייננט דעם מענטשין צוא דעם חטא פון קרי חס ושלום· אונ דרויף האט זיך דוד המלך מכוין גיוועז מיט דעם פסוק (העבר עיני מראות שוא) פיר איבער מיינע אויגין פון צוא זעהן (שוא) דען שוא טרעפט אן ש"ז אונ דיא ראשי תיבות פון ש"ז איז שכבת זרע דאש האט ער גימיינט ער זאל ניט קוקין אויף ווייבר אונ בתולות כדי ער זאל ניט קומען צוא מוציא קרי זיין חס ושלום אונ אויך דיא לילית מיט אירע כיתות ווערין אן גירופין חבלי שוא אונ חבלי מות דרום האט דוד המלך מתפלל גיוועזן דרויף צו השם יתברך אונ האט גיזאגט (בדרכיך חייני) רבונו של עולם אין דייני וועגין וויל איך גיין וועל איך בלייבין לעבין אונ וויל ניט גיין אין דעם שלעכטין וועג וואש ווערט אן גירופין חבלי מות: (ה) אונ נון די ספרי מוסר שרייבן אז עש איז פאר האנדן אוואונדערליכי סגולה דאש דער מענטש זאל ניצול ווערין פון דער עבירה· דאס דער מענטש זאל זיך תמיד אויס מאלין גלייך וויא דער שם (הויה) איז גישריבין פאר אים מיט שווארצין טינט אויף פארמיט· אונ דאס האט דוד המלך גיזאגט (עיני תמיד אל יי) מיינע אויגין זיינען תמיד צוא קוקין אויף דעם שם (הויה) (כי הוא יוציא מרשת רגלי) ווארום ער וועט אויס ציהען מיינע פיס פון דעם נעץ פון דעם יצר הרע וואש ער רעט מיך אן צוא מוציא קרי זיין: (ו) אונ נון דער מגיד האט גיגעבין איין עצה צוא דעם הרב בית יוסף אז ער זאל קיין מאל ניט קענען קומען צוא דער עבירה פון קרי דאש דער מענטש זאל זיך אויש מאלין גלייך וויא דיא צורה פון זיין פאטר שטייט פאר אים· וועט ער ניצול ווערין פון דער עבירה· אונ איין ראיה דער צוא איז פון יוסף הצדיק וואש ער האט גיוואלט ליגען מיט פוטיפרם ווייב· האט זיך גוויזין פאר אים דאש גישטאלט פון זיין פאטר יעקב אבינו ע"ה האט ער זיך אפ גישייד פון דער עבירה: (ז) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר אז עש איז פאר האנדין איין ממונה וואש הייסט פתות· אונ דרום הייסט ער אזו· ווייל

ער

ניאופין וזנונין ולאחר מיתת האדם שנקבר בקבר בא הממונה ההוא ומחזיר להאדם נשמתו ואח״כ נוטל את האדם באכזריות ומשבר העצם של עינים ונוטל ממנו את העינים ואח״כ דן את האדם ביסורין קשים ומרים ואח״כ מורידין אותו לבור שיש בו הרבה נחשים ועקרבים ואוחזין בו ודנים אותו בדינין קשים ומרים רחמנא ליצלן: (ח) ואמר הקדוש האר״י ז״ל כי יש עוף קטן הנקרא בתורה ראה ונקרא כך ע״ש שרואה מרחוק ועל עוף זה אמרו חז״ל שנקרא כן שרואה למרחוק וממלא תאותו בראייתו · ולכן העונש של האיש המסתכל בנשים יתגלגל נשמתו בעוף זה מדה כנגד מדה וסובל שם צער גדול מאוד: (ט) וצריך שתדע לכל עון יש גרם וסיבה המביאה אותו לידי כך · וה״נ יש גרם וסיבה המביאות אותו לידי הסתכלות בנשים האסורות והסיבה הראשונה כשאדם מסתכל בדברים טמאים עד שהשביע עינו בהם בהסתכלות אף שיש לאדם רשות לראות בריות משונות הבאים ממדינות מרחקים ועל זה תקנו חכמינו ז״ל וקבעו ברכה ברוך משנה הבריות מ״מ לא ישביע עינו בהסתכלות ולא יראה בהם כי אם דרך עראי · כי מאור העינים דומים בד׳ גוונין שהן נגד אותיות שם יהו״ה: (י) ואם הבן אדם רואה בראיותיו בריות טמאות אז הוא ממשיך רוח הטומאה התופף עליו בזה הדבר והוא הגורם אח״כ להסתכל בדבר היותר גרוע המביא האדם לידי מכשול ולכן הזהירו חז״ל שלא להסתכל אפילו באשתו נדה כי טומאה של נדה החופף על האשה בימי נדתה ע״י הראיות שואב הוא אותו הזוהמא ומדבק הטומאה בעיניו: (יא) והראיה לזה שכיון שהאשה נדה מסתכלת במראה (שקורין בל״א שפיגל) חדש עושה ראייתה במראה רושם כתם א׳ שא״א להעביר אותו הכתם ולכן אמרו ג״כ חז״ל דאסור הוא להסתכל בפנים של אדם רשע

ער רעט איבר דיא מענטשין צוא קוקין אויף ניאוף אונ זנות · אונ דר נאך אז דער מענטש שטארבט אונ ווערט באגראבין קומט דער זעלביגער ממונה · אונ קערט אום צוא דעם מענטשין זיין נשמה · אונ דער נאך נעמט ער מיט גרויש אכזריות אונ צוא ברעכט אים דעם ביין פון דיא אויגין · אונ נעמט אים ארויש דיא אויגין · אונ דער נאך משפט ער אים מיט שווערי אונ ביטערע יסורים · אונ דער נאך נידערט ער אים אריין אין אזו איין גרוב דאש דארטין איז פאר האנדין פיל שלאנגען אונ עגדישן אונ זייא באגרייפין אין אים · אונ משפטין אים מיט שווערע אונ ביטרע יסורים גאט זאל אונז מציל זיין דער פון: (ח) אונ דער קדוש האר״י ז״ל האט גיזאגט אז עש איז פאר האנדין איין קליין עוף וואש ווערט גרופן אין דער תורה ראה אונ דרום ווערט עש אזוא גירופין · ווייל אויף דעם עוף האבין אונזרי חכמים ז״ל גיזאגט אז ער זעהעט פון גאנץ ווייט אונ טוט זיין תאוה מיט זיין ראיה דרום דער מענטש וואש קוקט אויף ווייבער איז זיין עונש דאש זיין נשמה ווערט מגולגל אין דעם עוף אונ ער לייט דארטין גרויש צער: (ט) אונ דוא דארפשט ווישין אז צוא איטליכר עבירה איז פאר האנדין איין זאך וואש איז גורם אים צוא ברייגגן צוא דער עבירה · אונ אויך צוא דער עבירה צוא קוקין אויף ווייבער איז אויך פאר האנדין אזעלכע זאכין וואש ברייגגען דער צוא · אונ דיא ערשטי זאך איז · אז דער מענטש קוקט זייער פיל אויף דיא טמא זאכין ביז ער זעט אן זיינע אויגין מיט זיין קוקין · דאש ברייגגט אים צוא קוקין אויף פרעמדי ווייבער · אונ חאטשי דער מענטש האט דאך רשות צוא זעהען אויף דיא פאר ענדערטע בשעפניש וואש מען ברייגגט פון ווייטע מדינות והא ראיה דיא חכמים ז״ל האבין דרויף מתקן גיוועזן איין ברכה דאש אז מען זעהעט זייא זאל מען מאכין אברכה ברוך משנה הבריות איז דאך גידרונגען אז מען מעג קוקין אויף זייא פון דעסט וועגין טאר ער פיל ניט קוקין אויף זייא · נאר אביסל מעג ער אויף זייא אקוק טאן · ווארום דיא ליכט פון דיא אויגין איז אין פיר פארבען קעגין דיא פיר אותיות פון (הוי״ה): (י) אונ אז דער מענטש זעהט טמא בשעפניש ציהט ער אויף זיך דעם רוח הטומאה וואש איז בדעקט אויף דער זאך · אונ דאש איז אים גורם דער נאך צוא קוקין אויף ערגרי זאכין וואש דאש ברייגגט דעם מענטשין צוא איין שטרויכלונג אונ דרום האבין דיא חכמים ז״ל מזהיר גיוועזן ניט צוא קוקין אפילו אויף זיין ווייב בשעת זיא איז איין נדה · ווארום דיא טומאה פון נדה וואש שוועבט אויף דער אשה אין דיא טעג פון איר נדה דורך דעם וואש ער קוקט אויף איר שעפט ער צוא זיך דיא זוהמא פון איר אונ דיא טומאה ווערט בהעפט אין זייני אויגין: (יא) אונ איין ראיה איז דער צוא דען אז איין נדה קוקט אין איין נייעם שפיגל ווערט דארטין איין פלעק וואש מען קען אים שוין ניט אפ ווישין · אונ

אלא ירגיל עצמו לשום עיניו בדבר קדושה ואז הוא ממשיך קדושה ונותן הארה גדולה לד' גוונין דעייני דיליה וטוב לאדם להסתכל בשמים כדי לראות מעשה ה' יתברך כמ"ש בזוהר פרשה בראשית אר"א בן רשב"י יומא חד הוינא על כיף ימא ואתא אליהו ואמר לי ר' ידעת מה"ד שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה אמינא ליה אלין שמיא וחילהון עובדא דקב"ה דא"ל לבר נש לאסתכל בהו לברכה ליה דכתיב כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננתה וכתיב ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ עכ"ל · וכן נוהגין אנשי מעשה להסתכל בשמים בשעת יציאת הכוכבים כשמתחילין להאיר ואומרים מה רבו מעשיך ה' וכו' ובפרט כשהתחיל החמה להאיר אזי צריך האדם להסתכל לשמים כצאת השמש בגבורתה כי אז ס"א וחיצונים ודינים מתעוררים ע"י תוקפא דשמשא: (יב) וכן כשהלבנה תתחיל להזריח אז הס"א שאין יכולות להתראות באור הלבנה ושאטין בעולם בתוקפא ובחזק הן מבריחים עצמן בצל הלבנה · וע"ז נאמר יומם השמש לא יככה וירח בלילה · וע"ז יכוין האדם ג"כ אומרו בשחרית יוצר אור וכו' המאיר לארץ ולדרים עליה ברחמים שיאירו המאורות ברחמים ולא ינזק לשום בר נש ע"י זריחת אור דילהון: (יג) ע"כ צריך האדם ליזהר בראיות העין ומכ"ש בדבור שהוא נחשב כמעשיו ע"כ בהליכתו לבהכ"נ יראה למעט בדיבורו דברי חול עם חבירו וכ"ש עם איש אחר אשר הוא שלא לצורך וזהו סגולה נפלאה שיקבל ה' ברחמיו תפלתו · והנה מצינו בכתבי האר"י ז"ל שצוה לתלמידיו החסידים ובפרט לתלמידו ר' יצחק ז"ל אשכנזי שילך ר' יצחק לכפר עין זיתים על קבר ר' יהודה בר אלעאי ושם יתפלל יחודים שמסר לו האר"י ז"ל ושם יגלה לו ר' יהודה ב"א פירוש על מאמר הזוהר בפ' האזינו · וצוה לו האר"י ז"ל שלא ידבר עם שום אדם בהליכתו · והלך רבי יצחק אשכנזי

דרום האבין אונזרי חכמים ז"ל גיזאגט אז מען טאר ניט קוקן אין דעם פנים פון איין רשע נאר ער זאל זיך גיוואוגן צוא קוקן אויף איין דבר קדושה · אונ דענמאלט וועט ער אויף זיך ציהען קדושה אונ וועט געבין גרויש ליכטיקייט צוא דיא פיר פארבן פון זייני אויגין · אונ עש איז גוט דער מענטש זאל קוקן צוא דעם הימל פון וועגין ער זאל זעהן דיא ווערק פון גאט · אונ אזוא זייגען זיך נוהג דיא פרומע לייט דאש בשעת דיא שטערין גייען ארויש אונ הייבין אן צוא לייכטין קוקן זייא צוא דעם הימל אונ זאגין מה רבו מעשיך ה' וויא גרויש זיינען דיינע מעשים גאט · אונ בפרט אז דיא זון גייט אויף אונ הייבט אן צו לייכטין דענמאלט דארף דער מענטש קוקן צו דעם הימל וויא דיא זון גייט ארויש מיט איר שטארקייט · ווארום דענמאלט ווערין מעורר דיא חיצונים דורך דעם שטארקייט פון דער זון: (יב) אונ אויך אז דיא לבנה הייבט אן צו שיינען · דיא סטרא אחרא וואש זיא קען ניט זעהען אין דיא ליכט פון דער לבנה · פאר בארגין זייא זיך אין דעם שאטין פון דער לבנה · אונ דרויף שטייט אין פסוק (יומם השמש לא יככה וירח בלילה) בייא טאג וועט דיא זון דיר ניט שאטין אונ בייא נאכט דיא לבנה אויך ניט · אונ דרויף זאל דער מענטש מכוון זיין אז ער זאגט אין דער פריא דיא ברכה פון יוצר אור וכו' המאיר לארץ ולדרים עליה ברחמים דאש צוא דער ערד אונ צוא דיא וואש וואוגען אויף איר לייכט ער מיט דער בארימקייט · זאל ער זיך מכוון זיין צוא בעטין אז דיא ליכט פון דער זון אונ דיא לבנה זאלין לייכטין מיט דער בארימקייט אונ זייער ליכטיקייט אונ שיין זאל ניט שאטין צוא קיין שום מענטש · ווייל אין דער צייט וואש דיא זון שיינט זייגען זיך מתגבר דיא חיצונים ר"ל · אונ ווען דער מענטש מוז היטין זיינע אויגין ניט צוא קוקן אויף איין שלעכטע זאך · איז שוין אפשיטא אז ער דארף זיך היטין מיט רייד · ווייל דיא רייד זייגען גירעכינט וויא איין מעשה: (יג) דרום בשעת ער גייט אין שול אריין זאל ער ניט ריידין קיין איבריגע רייד מיט זיין חבר אונ מכל שכן מיט אזעלכין וואש דיא רייד זייגען גאר ניט נוצליך אונ דאש איז אוואונדערליכע סגולה אז גאט ב"ה זאל זיין תפלה מקבל זיין · אונ מיר גיפינן שטיין אין כתבי האר"י דאש ער האט גיבאטין צוא זיינע תלמידים ובפרט צוא רבי יצחק אשכנזי ז"ל אז ער זאל גיין אין דעם דארף עין זיתים אויף דעם קבר פון דעם תנא רבי יהודה בר אלעאי אונ זאל דארטין מתפלל זיין אונ זאל מכוון זיין דיא יחודים וואש ער האט אים מוסר גיוועזן וועט רבי יהודה בר אילעאי אים מגלה זיין איין פירוש אויף איין מאמר אין זוהר פרשת האזינו · אונ דער האר"י ז"ל האט אים אן גיזאגט דאש ער זאל אויף דעם וועג ניט ריידין מיט קיין שום מענטשין · אונ רבי יצחק אשכנזי איז גיגאנגען אונ האט מתפלל גיוועזן אונ

האט

ד"ל הנ"ל והתפלל ועשה כל היחודים ונשתטח על קברו ואין קול ואין תשובה וחזר בפחי נפש אל רבו האר"י ז"ל וא"ל אדוני באתי על הקבר התנא ר"י בר אלעאי ועשיתי ככל אשר צויתני ולא בא אלי שום תשובה ממנו והשיב לו האר"י ז"ל ולא ראיתי בהשגותי שדברת עם ערבי אחד ולא די שהוא לא שאל בשלומך אלא אתה הקדמת לו שלום והלא צויתיך שלא תדבר עם שום בן אדם אז זכר הר"ר יצחק אשכנזי ז"ל שכך היה והודה לו עכ"ל הרי לך ראייה שהדבור והראיה פוגמין ואף שעלינו להקדים שלום לכל אדם בשחרית אפילו קודם תפלה מ"מ יראה לקצר דבריו מאי דאפשר וזהו סגולה נפלאת ונאמנה ודוק כי קצרתי פה ולקמן אאריך בו בפרקים :

פרק ג דוד המלך פתח אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים וגו' ובמושב לצים לא ישב וכן אמרו רז"ל במסכת אבות שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים ובהיות מכשול זה מצוי בעדה מאוד ע"כ צריך האדם לשום השגחתו מאוד באזהרה זו שבהיותו יושב עם הבריות שתהא ישיבתו בדברי תורה או דברי מוסר ודברי יראה ועל אחת כמה וכמה להתרחק מכיתות הליצנים ויושבי קרנות היושבים כתות ועוסקים בדברים של מה בכך ובדברים מרובים לא יחדל פשע של ליצנות או לשון הרע ועי"ז הם מולידין עניינים פגמים המביאים לפגום בנשמותיהן · והירא דבר ה' יתרחק מאסיפותיהם החברה של אלו : (ב) ודע לך כי יש כת אחד חיצונים הנקראים כסילים והם ממונים המתראים לבני אדם כשהולך יחידי בלילה בדרך מתראין כנגדו ולפעמים אף בחבורה בני אדם בל"א (פר פיר ליכט) ומטעים אותו ללכת עמהם בחבורה ולפעמים מראים להדבק יחד לילך לפונדק אחד ואכסניא ומראין כאור הנר להתקרב והאדם הוא מבין שהוא הולך למלון או לפונדק במקום קרוב

האט מכוין גיוועזן אלע יחודים אונ האט זיך פאר שפרייט אויף דעם קבר · אונ רבי יהודה האט אים גאר ניט גיענטפערט האט ער זיך אום גיקערט בפחי נפש צוא זיין רבי האר"י ד"ל אונ האט אים גיזאגט מיין הער · איך בין גיקומן אויף דעם קבר פון רבי יהודה בר אילעאי אונ האב גיטאן אזוא וויא דוא האשט מיר גיבאטין אונ ער האט מיר גאר ניט גיענטפערט · האט דער האר"י ד"ל אים גיענטפערט איך האב דען ניט גיזעהען אז דוא האשט אויף דעם וועג גירעט מיט איין ערבי · אונ ניט גינוג וואש ער האט דיר ניט פריער גיגעבין שלום · נייערט דוא האסט אים נאך גיפעדרט שלום צוא געבין · אונ איך האב דיר דאך אן גיזאגט אז דוא זאלשט ניט ריידין מיט קיין שום מענטשין : האט רבי יצחק יך דער מאנט אז דאש איז אמת · איז דאך גידרונגען אז דער דיבור אונ דיא ראיה זיינען פוגם · אונ חאטשי מיר דארפין פעדרין שלום צוא איטליכן מענטשין אפילו אין דער פריא פאר דעם דאוונען · פון דעסט וועגין זאל ער זעהען סקצר זיין זיין רייד וויא ווייט מיגליך איז · אונ דאס איז איין גרויסי אונ וואונדערליכי סגולה אז זיין תפלה זאל אן גנומן ווערין :

פרק ג דוד המלך האט אן גיהויבין תהלים אשרי האיש וואול דעם מענטשין וואש ער איז ניט גיגאנגען אין דער עצה פון דיא רשעים אונ אין דעם זיצונג פון דיא שפעטערס איז ער ניט גיזעסין · אונ אזוא אויך האבין אונזרי חכמים גיזאגט אין מסכת אבות צווייא מענטשין וואש זיצין אונ ריידין ניט קיין דברי תורה איז דאש איין זיצונג פון שפעטערס · אונ וויל דאש דאזיגי שטרויכלונג איז בעדה זייער גיוואונטליך איצט · דרום דארף דער מענטש זייער טאן זיין השגחה אין דער אזהרה · דאש אז ער זיצט מיט זיינע חברים זאל ער מיט זייא ריידין דברי תורה אדער דברי מוסר אונ דברי יראה · אונ מכל שכן ער זאל זיך דר ווייטרין פון דיא כיתות וואש זיצין אונ שפעטין אונ זיינען עוסק אין זעלכי רייד וואש נוצען גאר ניט · אונ דורך פיל רייד ווערט ניט פאר מיטען קיין זינד פון ליצנות אודר לשון הרע · אונ דורך דעם זיינען זיי מוליד זעלכי ענינים וואש ברייגען איין פגם צוא זייער נשמה · אונ דער וואש פארכט זיך פאר גאט זאל זיך דער ווייטרין פון דעם איין זאמלונג פון דער חברותא : (ב) אונ וויים אז עש איז פאר האנדין איין כיתה שדים וואש ווערין גירופין כסילים (אין אייראפא היסען זייא איררליכטער) · אונ דיא ווערין גיוויזין צוא דיא מענטשין וואש גייען אליין בייא נאכט · אונ אופט בתייטין זייא זיך אפילו פאר איין חברותא מענטשין אונ זייא ווערין גירופין בל"א (פר פיר ליכט) אונ נארין דיא לייט צוא גיין מיט זייא אין איין חברותא אונ אמאל זאגין זייא מיר וועלין גיין אין איינם צוא דר אונ דער הארבריג אונ ווייזין אז איין ליכט שיינט ניט ווייט · אונ דער מענטש מיינט אז זייא גייען

צוא

אבל הן מרחיקין אותו מן הדרך וקרוב הדבר שמוליכין אותו למקום אגמים ומקומות מנופות או ליער או בין בצעי המים אשר מסתכן שם האדם בסכנת נפשות: (ג) והן הם הממונים על בני אדם המתאספים כתות של בני אדם לספר דברים של הבלי בני אדם שאין בהם תועלת ואלו המשחיתים נקראין ג"כ פועלי און שכותבים כל דברי ליצנות וכל דבר לשון הרע בספר א' למעלה הנקראת פועלי און וביום ביאת פקודתם של אלו הא:שים יוצאים כתות האלו של הכסילים ופוגעין בנשמתם ומוליכין אותו למדבריות או לבצעי המים ומצערים את הנשמה במאוד מאוד · ע"כ צריך להתרחק מחבורות כתות האלו ואין צריך לומר כשרואין בני אדם שמריבים בדברי קטטות ומריבות ברח מהן כי שם אסיפת החיצונים שמאספים שם במקומות האלו שיש ריב וקטטה ומזה תוכל לצייר הפגם המדברים דברים בטלים בבית מקום קדושה המיוחד להיות מלא בהבל של שירות ותשבחות ותחנונים: (ד) ואתה ראה מ"ש בזוהר פ' תרומה דל מאן דאישתעי בבי כנישתא ווי ליה וכו' ואין לו חלק באלהי ישראל דגרע מהימנותא דמלכא עכ"ל ע"ש כי קצרתי מאוד באשר שהעונש ידוע לכל איש בספרי מוסר שקדמו לי ואנחנו עמו וצאן מרעיתו כל אחד ואחד מחויב לגדור עצמו שלא לדבר שום דבור חול בבית הכנסת כדי שבעון קל כזה לא יהיה לו ח"ו חלק באלהי ישראל כמ"ש הזוהר ועאכו"כ שלא לדבר דברי ליצנות או רכילות בבהכ"נ אשר דירת השכינה שם הוא בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ואם ב"א אינם נזהרים מלדבר דברי שחוק וקלות ורכילות ולה"ר בבהכ"נ הוא גורם שהשכינה מסתלק מישראל וע"ז כתב הזוהר ולא מצאה היונ"ה מנוח וע"י עון זה בעו"ה נחרבו כמה בתי כנסיות כי הבני אדם מכניסין ערבוב זרים הס"א במחנה השכינה שהיא כולה קדושה כי ערבוב זרים במקומות הקדושים לא טוב ובכל עסק קדושה יהא אדם מוזהר מאוד שלא יגרום בו ערבוב חיצונים ח"ו: (ה) והנה דע מש"כ הזוהר פ' תרומה שיש

צוא איין הארבריג וואש איז נים ווייט · אבער זיי פירין אים אראפ פון דעם וועג · אונ אופט פירין זייא אים אריין אין זומפ אודר אין בלאטע אודער אין וואלד אריין וואש דער מענטש איז דארטין אין סכנות נפשות: (ג) אונ דיא זעלביגע משחיתים זיינען ממונה אויף דיא מענטשין וואש זאמלען זיך איין כיתות ווייס צוא ריידין אזעלכע רייד וואש נוצען גאר נים אונ דיא משחיתים ווערין אויך גירופין פועלי און דאש זייא שרייבין אויף אלי רייד פון ליצנות אונ לשון הרע אויף איין בוך וואש ער ווערט גירופין פועלי און · אונ אז דיא מענטשין שטארבין · גייען דיא כיתות ארויש אונ באגעגענען אין זייער נשמה אונ פירין זייא אין דיא מדבריות אדער אין דיא זומפין אונ זיינען זייער מצער דיא נשמה · דרום באדארף דער מענטש זיך דער ווייטרין פון צוא באהעפטין זיך מיט דיא מענטשין · אונ מכל שכן אז דוא זעהעסט מענטשין וואש מערין זיך צוא קריגין · אנטלויף פון זייא ווארום אין דיא ערטער זאמלען זיך איין דיא משחיתים · אונ פון דעם קענסטו דיר אויש מאלין דעם פגם פון דיא וואש ריידין דברים בטלים אין איין אורט פון קדושה דהיינו אין שול אודער אין בית המדרש וואש דאש איז גימאכט גיווארין עש זאל זיין פול מיט דעם דאמפ פון שירות ותשבחות אונ תחנונים צוא גאט ב"ה: (ד) אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר דער וואש שמועסט אין שול · אוי ווייא צוא אים · אונ ער האט קיין חלק נים אין דעם גאט פון די ישראל · זעה דארטין אין זוהר באריכות אונ איך האב זייער מקצר גיוועז וייל דער עונש דער פון שטייט שוין אין אלע ספרי מוסר · אונ מיר זיין פאלק זיינען מחויב איטליכער באזונדער צוא מאכין זיך איין גדר נים צוא ריידין קיין שום דברי חול אין שול · דען וואש טוג דאש אים אז כחמת אזוא איין גרינגע זאך זאל ער ח"ו נים האבין קיין חלק אין דעם גאט פון דיא ישראל אזו ווייא דער זוהר שרייבט · אונ מכל שכן ער זאל נים ריידן קיין ליצנות אודר רכילות אין שול וואש דארטין איז דיא דירה פון דער שכינה אונ אז מענטשין זיינען נים נזהר פון צוא ריידין אין שול ליצנות אונ רכילות אונ לה"ר זיינען זייא גורם אז דיא שכינה ווערט ח"ו אפ גיטאן פון דיא ישראל · אונ דורך דער עבירה זיינען בעונותינו הרבים חרוב גיווארין פיל שולין ווייל דיא לייט ברייגען אריין די סטרא אחרא אין דער מחנה שכינה וואש זיא איז גאר הייליג · אונ אין אלע הייליגע עסקים זאל דער מענטש זייער גיווארענט זיין אז ער זאל דריגען נים גורם זיין איין צוא מישונג פון דיא חיצונים ח"ו: (ה) אונ נון נויים וואש דער זוהר שרייבט אז עש איז פאר האנדין איין

ממונה חד מסטרא אחרא המצפה וממתין על כל מי שמוציא מפיו דבר מגונה כגון (כזבים להי"ר רכילות ליצנות) וכיוצא בהן ולבתר מפיק מילין קדישין אזיל ההוא ממונה עם שאר חיצונים שתחת שלטנו ונוטלין האי מלה קדישא ומסאבי ליה ולא זכי בה ההוא בר נש בהדין מלה קדישא כי אז החיצונים הם הנוטלים הדברים של קדושה אצלם ומתוספים כח להם ע"י מלה קדישא וכו' אוי ליה להאי בר נש בהאי עלמא ווי ליה לעלמא דאתי והגרם לזה הוא רוב דברים כי בדברים הרבה א"א שלא יערב טוב ברע ורע בטוב וע"ז ח"ו נתוסף כח וגבורה לס"א: (ו) ע"כ טוב יותר לאדם להרגיל פיו ולשונו בדברי יראה ומוסר ולהיות שגור בפיו לשון הקודש שהוא לשון צח ומועיל לנשמה והנה זה מבואר בדברי רבינו ז"ל שמדבריו של אדם ניכר שורש נשמתו למעלה: (ז) אם הוא רגיל בקללות או בדברי ריבות אז תדע שנשמתו היא מס"א משורש נחש וצפע ואינו מגזע קדוש כ"א מערב רב ואף שיש לו אב ואם צנועים וחסידים מ"מ גלגול נשמתו מערב רב וכיוצא בו מי שיש לו פה מדבר דברים בטלים ודברי נבלה ח"ו מבואר ג"כ בדברי האר"י ז"ל המנבל פיו פוגם בלבנה ועושה מאותיות לבנ"ה נבל"ה ח"ו וכאשר כי פי דברי הפוגמים הם מרובים לבארם ולא יספיק להם אף עשרה פרקים לזכור גודל העונש שלהם ע"כ אני מזהיר בקצרה שצריך אדם לדעת כי פה שהוא גדור ומסויג מלהוציא דבה וקללות ואינו מוציא להי"ר ואין עוסק בדברי ליצנות האי פומא איקרי פומא קדישא דהקב"ה משתבח בגויה ומכ"ש מי שהוא עוסק בתורה ובתפלה בשירין ותושבחין הקב"ה נטיל האי דבורא ואתעביד כתר על רישא באופן אם מתפלל בכוונה: (ח) ויראה לבחור לו מקום מיוחד להתפלל בבהכ"נ אצל שכן טוב כשר וישר וירחיק משכן רע שלא יכשיל אותו לילך בדרכיו ח"ו ואם א"א להתרחק משכן רע כי אין לו מקום אחר יראה להוכיחו בדברים

ממנה פון דער סטרא אחרא וואש ווארט אונ האפט אויף איטליכן וואש ציהט אויש פון זיין מויל איין שענדליך ווארט דהיינו ליגין · אדער לשון הרע · ליצנות אונ נאך אזעלכי גלייכן אונ דער נאך ציט ער אויש הייליגי רייד גייט דער ממונה מיט דיא איבריגי חיצונים וואש זיינן אונטר אים · אונ נעמען דאש הייליגע ווארט אונ זיינען עש מטמא · אונ דער מענטש איז שוין ניט זוכה אין דעם הייליגען ווארט · ווארום דיא חיצונים נעמען דאש הייליגי ווארט צוא זיך · אונ עס ווערט זייא גימערט כח דורך דעם הייליגין ווארט · וויי איז צו די מענטשין אויף דער וועלט · אונ וויי איז צו זיי אויף יענר וועלט · אונ דער צו ברייננגט נאר די פיל רייד · ווארום דורך פיל רייד איז ניט מיגלאך אז עש זאל ניט צוא מישט ווערין גוטש מיט שלעכטש אונ שלעכטש מיט גוטש אונ דורך דעם ווערט ח"ו גימערט כח אונ שטארקייט צוא דער סטרא אחרא: (ו) דרום איז בעשער צוא דעם מענטשין ער זאל גיוואוינען זיין מויל אונ זיין צונג אין דיא רייד פון יראה אונ מוסר · אונ עש זאל זיין גיוואונטליך אין זיין מויל לשון הקודש ווייל דאש איז איין שיין לשון אונ עש העלפט צו דר נשמה· אונ נן דאש איז באשייד אין די רייד פון אונזרע חכמים ז"ל אז פון די רייד פון אמענטשין ווערט דער קענט דר שורש פון זיין נשמה: (ז) אונ אויב ער איז גיוואוינט מיט קללות אודר מיט קריג זאלשטו ווישין אז זיין נשמה איז פון דער סטרא אחרא פון דעם שורש הטומאה פון דעם נחש אונ איז ניט מגזע קדוש נאר ער קומט ארויש פון די ערב רב · אונ תאמשי זיין פאטער אונ מוטער זיינן צדיקים פון דעסט וועגן דר גילגול פון זיין נשמה איז פון ערב רב · אונ אויך דר וואש רעט תמיד דברים בטלים אונ שאלקאפטיגע רייד שרייבט דר האר"י ז"ל אז ער איז פוגם אין דער לבנה אונ פון די אותיות (לבנה) מאכט ער נבלה ח"ו · דרום בין איך מזהיר אז דער מענטש בדארף ווישן אז דאש מויל וואש איז פר צאמט פון צו ריידן להי"ר אונ קללות אונ רכילות אונ איז ניט עוסק אין ליצנות · דאש מויל ווערט גירופין איין הייליג מויל וואש גאט ב"ה בארימט זיך דער מיט · אונ מכל שכן דער וואש איז עוסק אין תורה אונ תפלה אונ אין שירות ותשבחות צו גאט ב"ה · נעמט גאט ב"ה זיין דיבור · אונ מאכט דער פון איין קרוין אויף זיין קאפ · נאר באופן אז ער איז מתפלל מיט כוונה : (ח) אונ דער מענטש זאל זיך זעהען אויש דער וויילין איין בזונדר ארט אין שול צו דאוונן דארטן לעבין איין גוטן שכן אונ איין ערליכן מאן · אונ זאל זיך דער ווייטערין פון איין שלעכטן שכן · כדי ער זאל אים ניט שטרויכלין דאש ער זאל גיין ח"ו אין זיינע וועגן אונ אויב עש איז ניט מיגלך צו דער ווייטערן פון דעם שלעכטן שכן ווייל ער האט קיין אנדר ארט ניט · זאל ער מערין צו שטראפין אים מיט רייד אלע טאג · טאמר וועט ער גיפינן איין עת רצון אז ער זאל מקבל זיין די

יום יום אולי ימצא עת רצון שיקבל התוכחה ואולי יזכה חבירו על ידו · ואם יראה האדם שהוא איש רע ובליעל עומד ברשעו יניח את מקומו וילך לו לשלום :

**פרק ד** ישעיה הנביא ע"ה אמר כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה עומדים לפני וגו' · וביאר הזוהר פ' בראשית מי שהולך בדרך תום ויושר ועובד ה' בכל לבבו ובכל נפשו ובכל מאודו ולומד תורה לשמה ומחדש תורה של אמת לפי שכלו ע"פ הקדמות אמיתיות וברורות ומדקדק היטב שיהיה הדבר שחידש בתורה שלא יהיה בו שום ספק ושפת שקר ח"ו אז הקב"ה שמח מאוד בו ובתורתו וכל חידוש וחידוש שמחדש האדם בתורה עולה ועומד לפני הקב"ה והקב"ה מעטר ליה ומנשק ומעטר ליה בכמה עטרין ועושה מהן שמים חדשים וארץ חדשה מהאי מילין חדתין והן עומדין לפניו כדי שיהיו בהן עיני ה' תמיד להשגיח ע"י בהשגחות פרטיות : (ב) וכדי שלא יתקנאו בו מלאכי השרת חופה ומכסה הקב"ה עד שנעשה בהן שמים וארץ החדשה וזה שאמר הכתוב ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ ובאופן שלא יתגאה ח"ו באשר שלמד ומחדש חדושי תורה כדאיתא בזוהר פ' תרומה כשמגיעין ישראל לומר סדרא דקדושה באותה שעה מכריזין למעלה עליונים ותחתונים אציתו מאן איהו גם רוחא במילין דאורייתא מאן איהו דכל מילוי בגין למגביר במילין דאורייתא דב"נ בעי למהוי שפל בהאי עלמא במילין דאורייתא דהא לית גביה באורייתא אלא בעלמא דאתי עכ"ל ויש ליתן טעם למה שהכרוז נכרז דווקא בשעה שאומרים קדושה דסדרא בצבור דקי"ל שהעולם קאי אסדרא דקדושה וזהו שמתגאה הוא מחריב עולמות כי המתגאה בדברי תורה גורם לומר הקדמות שוא ושקר ודורש רק להתפאר בדבר חידוש אף שאינו אמת : (ג) והנה בא וראה מ"ש בס' זוהר פ' בראשית

תוכחה אונ טאמר וועט זיין חבר אויך זוכה זיין דורך אים · אונ אויב דער מענטש זעהט אז ער איז איין שלעכטער מענטש אונ לאזט זיך ניט שטראפין אונ בלייבט שטיין ביי זיין רשעת · זאל ער אוועק לאזין זיין ארט אונ זאל אוועק גיין פון אים בשלום אונ זאל זיך קריגין אנדער ארט צוא דאוונען דארטין :

**פרק ד** ישעיה הנביא ע"ה האט גיזאגט כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה עומדים לפני דען אזו וויא דיא נייע הימלען אונ דיא נייע ערד וואש איך וועל בשאפין וועלין שטיין פר מיר · מאכט דער זוהר דעם פירוש דער פון דען דער וואש גייט אין דעם רעכט פארטיגען וועג אונ דינט גאט מיט גאר זיין הארץ אונ זיין לייב אונ זיין געלט · אונ לערינט תורה לשמה · אונ איז מחדש אין דער תורה בדרך האמת דורך הקדמות פון אמת אונ קלארע · אונ איז גוט מדקדק אז דיא זאך וואש ער איז מחדש אין דער תורה זאל זיין אן איין שום ספק אונ אן פאלשקייט · דעמאלט פרייט זיך גאט אין אים אונ אין זיין תורה · אונ איטליכער חידוש וואש ער איז מחדש גייט אויף אונ שטעלט זיך פר גאט אונ גאט קריינט אים מיט פיל קרוינען אונ קושט אים · אונ מאכט נייע הימלען אונ נייע ערד פון דיא נייע ווערטער אונ זייא שטייען פאר אים תמיד כדי ער זאל אויף זייא משגיח זיין מיט איין השגחה פרטית : (ב) אונ פון וועגין דיא מלאכי השרת זאלין זיך ניט מתקנא זיין אין דעם ת"ח בדעקט גאט ב"ה זייא ביז ער מאכט פון זיי נייע הימלען אונ נייע ערד אונ דאש זאגט דער פסוק ובצל ידי כסיתך אונ אין דעם שאטין פון מיין האנט האב איך דיך בדעקט לנטע שמים וליסוד ארץ צוא פלאנצין הימלען אונ צוא גרונד פעסטיגן דיא ערד · נאר ער זאל זיך ניט בעל גאוה האלטין מיט זיין תורה וואש ער האט גילערינט אונ האט מחדש גיוועזן · אזו וויא עש שטייט אין זוהר אז דיא ישראל זאגין סדר קדושה · רופט מען אויש אויף דעם הימל אונ מען זאגט איר עליונים ותחתונים הערט צו דעם וואש האלט זיך בעל גאוה מיט דער תורה וואש ער לערינט · אונ דעם וואש אלע זיינע רייד זייגען נאר פון וועגין הויך צוא האלטין זיך מיט דיא רייד פון דער תורה · דען איין מענטש גיהער זיך נידריג האלטין אויף דער וועלט מיט די רייד פון דער תורה ווארום דער שכר פון זיין תורה וועט ער ערשט האבין אויף עולם הבא · אונ דרום רופט מען דאש דווקא אויש בשעת קהל זאגין קדושה · ווארום מיר האלטין פאר איין גוויש אז דיא וועלט שטייט אויף קדושה · אונ דר וואש האלט זיך בגאוה מיט דעם לערנען דר מאכט חרוב וועלטין · ווארום דער וואש האלט זיך בעל גאוה מיט די רייד פון דער תורה איז דאש אים גורם צו זאגין פאלשע הקדמות אונ דרשות נאר פון וועגין צוא באריהמען זיך מיט

דעם

על המחדש בתורה ע"פ הקדמות שקרים אלו הן דברי דופי וכד סלקין באוידא דעלמא מיד נפקא לגביהן סמא"ל הנקרא איש תהפוכות ולשון שקר הוא מתגבר ויוצא לגבי מילין אלין מנוקבא דתהומא רבא ודליג לגבייהו ת"ק פרסאות ונטיל מילין אלין דשקרא ועביד בהון רקיע דשוא דאיקרי תוהו ושוא בההוא רקיע האי איש תהפוכות טס שית אלפי פרסא בחדא זימנא וכיון דההוא רקיע קאים נפקת לקדמייהו אשת זנונים לילית הרשעה והולכת ומתחזקת גם כן בהאי רקיע ומתחברת ומשתתף עמה כמה אלפים ורבבות משחיתים ושאטין בההוא רקיע כל העולם ברגע אחד ומתלבשים אלו חיילות בישין של משחיתים ונופלים על רשעים והורגין הרג רב: (ד) ובכלל זה הוא ג"כ המכנים עצמו להיות מורה הוראה ולא הגיע להוראה ובגלל זה באים ג"כ גזירות רעות על שונאי ישראל וע"ז נאמר כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה וכ"ז גורם המורה הוראה ולא הגיע להוראה או מי שמחדש בדברי תורה בהקדמות שקרים ודברים שאינן של אמת וע"כ ארשב"י לתלמידיו במטותא מנייכו דלא תפקין מפומייכו כ.. ן דאורייתא דלא ידעתון ולא שמעתון מאילנא רברבא בגין דלא תיהויין גרמי להאי חטאה (ר"ל שאותה לילית הרשעה נקראת חטאה) ועליה אמר הנביא הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה דבעי למביא אוכלסין על ישראל וגו' פתחו התלמידים כולם ואמרו רחמנא לישזבן עכ"ל: (ה) והנה בדורות האלו העון הזה מצוי בעו"ה שהרבה בני אדם דורשים ברבים ע"פ הקדמות שקרים ודברים שאינם ברורים ומסמים עיניהם של הבריות · ומתקלסים ומתפארים מפי הבריות ומחלפים חיי עה"ב בשביל חיי שעה וגורמים גזירות רעות כנזכר לעיל · והירא דבר ה' יהיה מחשב ההפסד וההיזק הגדול שגורם כנגד השכר

דעם וואש ער איז מחדש תאטשע עש איז ניט אמת: (ג) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר הקדוש דר וואש איז מחדש אין דר תורה דורך פאלשע הקדמות · דיא ווערין אן גירופין דברי דופי · אונ אז זייא גייען אויף דער לופט פון דער וועלט · גייט תיכף זייא אנטקעגין דר ס"ם דאס ער ווערט גירופין איש תהפוכות אונ לשון שקר · איז ער זיך מתגבר אונ גייט אנטקעגין זייא פון דעם תהום רבא אונ ער שפרינגט אנטקעגין זיי פינף הונדרט מייל · אונ ער נעמט די פאלשע רייד אונ מאכט פון זייא איין פאלשין הימל וואש ער ווערט גירופין תהו אונ שוא · אונ אין דעם הימל שוועבט דער איש תהפוכות זעקס טויזנט מייל אין איין מאל · אונ דיא אשת זנונים לילית הרשעה גייט אויך אנטקעגין זייא אונ זיא גייט אונ שטארקט זיך אויך אין דעם הימל אונ מיט איר בהעפטין זיך פיל טויזנט אונ רבבות מזיקים אונ אין דעם הימל שוועבין זייא אום די גאנצע וועלט אין איין רגע · אונ דיא חיילות פון דיא משחיתים קליידין זיך אן אונ זייא פאלין אויף דיא רשעים אונ הרגנן זייא איין גרוישע הריגה: (ד) אונ אין דעם כלל איז אויך דער וואש ברייננט זיך אריין צו זיין איין מורה הוראה אונ ער האט נאך ניט גיגרייכט צוא הוראה אונ דורך דעם קומען אויך גזירות רעות ר"ל אונ דרויף ווערט גיזאגט אין פסוק כי רבים חללים הפילה דען פיל דער שלאגענע האט זיא גמאכט פאלין כלומר זיא האט גיהרגת פיל מענשין ועצ... כל הרוגיה אונ אלע אירע הרוגים זיינען שטארק · אונ דאש אלץ איז גורם דער וואש איז איין מורה הוראה אונ האט נאך ניט גיגרייכט צוא הוראה · אדער דער וואש איז מחדש אין דער תורה מיט פאלשע הקדמות אונ אזעלכע זאכין וואש זיינען ניט אמת · אונ דרום האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט צוא זיינע תלמידים איך בעט פון אייך אז פון אייער מויל זאל ניט ארויש גיין אזעלכע רייד פון דער תורה וואש איר ווייסט ניט אונ האט זייא ניט גיהערט פון אגרויסין למדן פון וועגין איר זאלט ניט גורם זיין אז דר ס"ם אונ לילית וואש זיא הייסט חטאה זאלין ניט בואין פון זייא פאלשע הימלען אונ דרויף זאגט דער פסוק הוי מושכי העון בחבלי השוא ווייא גישריען אויף דיא לייט וואש ציהן דיא זינד מיט חבלי השוא דאש מיינט ער מיט פאלשע רייד אין דער תורה וכעבות העגלה חטאת אונ דיא זינד ווערט אזוא גראב וויא דיא שטריק פון איין וואגין · האבין אלע תלמידים גיזאגט גאט זאל אונז מציל זיין דער פון: (ה) אונ נון אין היינטיגע דורות איז דיא זינד גיוואונטליך דאש פיל מענטשין דרשנן דורך פאלשע הקדמות אזעלכע זאכין וואש זיינען ניט קלאר אמת · אונ פאר בלענדין דיא אויגן פון לייט · אונ ווילין גילויבט אונ גריסט ווערין בייא לייט · אונ פאר בייטין דיא אייביגע וועלט פאר דער וועלט וואש זיא איז נאר איין חיי שעה אונ זיינען גורם שלעכטע גזירות אזו וויא פריער שטייט · אונ דער וואש פארכט זיך פאר גאט זאל רעכנן דעם גרוישי

שאדין

והכבוד אז שכר הממון בעוה"ז שהוא חיי שעה · וכל הכבוד שעושין לו העולם בעבור דרוש זה הוא קוץ ודרדר לנשמתו ופתאום יבא עליו אימה חשיכה גדולה ולא יופיע לו אור ואוי ווי תהיה לאותה בושה וכלימה ביום פקודתו ואלו הדרשנים בודאי לא יזכו לשמוע לעתיד הדרוש מחדושי תורה שיצא מפי הקב"ה ; (ו) כדאיתא במדרש עתיד הקב"ה לישב בג"ע ודורש בס"ת וכל הצדיקים יושבים לפניו וכל פמליא של מעלה עומדים לפניו מימינו של הקב"ה וחמה ולבנה וכוכבים ומזלות משמאלו והקב"ה דורש להם טעמי תורה החדשים שעתיד ליתן לנו ע"י משיח צדקנו · ואחר הדרשה יעמוד זרובבל בן שאלתיאל על רגליו ויאמר יתגדל ויתקדש שמיה רבא וכו' וקולו יהיה הולך מסוף העולם ועד סופו וכל באי עולם עונין אמן יש"ר מברך לעלם ולעלמי עלמיא · ואף רשעים של ישראל שנשתיירו בגיהנם יהיו עונין אישר ונצולין בזכות עניית של אישר עכ"ל : (ז) ע"כ יהיה האדם נזהר לדרוש תורת אמת ולהקדים הקדמות של אמת ותהיה תורת ה' בפיהו ויהיה זוכה לשמוע חדושי תורה של אמת מפי הקב"ה אכי"ר :

פרק ה **ואהבת** לרעך כמוך אמרו רז"ל הוא הפסוק שהוא כלל גדול שבתורה ואין לך אהבה יותר כשרואה האדם דבר מגונה באחיו ישראל שעושה איזה חטא ועון שצריך להוכיחו ע"ז כי נשמתן של ישראל הן קשורין ודבוקין זה בזה : (ב) אבל הכלל הוא שצריך האדם מי שהוא יודע הרפתקאות והסיבות והעונשים שבאים לנשמת האדם אחר יציאת הנשמה מהגוף צריך להודיע לחבירו אולי על ידו יזכה חבירו ג"כ ויעזוב דרכו הרשעה ושב ורפא לו : (ג) והנה בפרק זה אכתוב קצת בקצרה עונש הנשמה שאדם פוגם בה בעוה"ז דע כי אוירא חללא דעלמא הן מלאים מנשמות בני אדם שאינם יכולין עדיין לבא למקום

שאדין וואש ער איז גורם · קענין דעם שכר פון כבוד אדער געלט וואש ער קריגט דער פר אויף עולם הזה וואש זיא איז איין חיי שעה · אונ גאר דער כבוד וואש דיא לייט טוען אים אן פון וועגין דער דרשה · איז דאש וויא איין דארין צוא זיין נשמה : אונ פלוצלונג וועט אויף אים קומען איין גרויש פארכט אונ פינסטרניש אונ קיין ליכטיקייט וועט אויף אים ניט שיינען אונ ווייא צוא דער בושה אונ שאנד וואש ער וועט האבין אז זיין צייט וועט קומן צוא שטארבין · אונ דיא דרשנים וועלין בוודאי ניט זוכה זיין לעתיד לבא צו הערין דעם דרש פון חדושי התורה וואש גאט ב"ה וועט דערמאלט זאגין : (ו) אזוא וויא עש שטייט אין מדרש גאט ב"ה וועט זיצין אין גן עדן אונ וועט דרשנן דיא תורה אונ אלע צדיקים וועלין זיצין פאר אים : אונ גאר דיא פמליא של מעלה וועלין שטיין פון זיין רעכטער זייט אונ דיא זון אונ דיא לבנה אונ דיא שטערין אונ דיא מזלות וועלין שטיין פון זיין לינקע זייט · אונ גאט ב"ה וועט זייא דרשנן דיא טעמים פון דער תורה וואש ער וועט אונז געבין דורך משיח צדקנו · אונ נאך דער דרשה וועט זרובבל בן שלתיאל זיך שטעלין אויף זייגע פיס אונ וועט זאגין יתגדל ויתקדש וכו' · אונ זיין קול וועט מען הערין פון איין עק וועלט ביז דער אנדער אונ אלע לייט פון דער וועלט וועלין ענטפרן אמן יהא שמיה רבא וכו' אונ אויך דיא רשעים פון דיא ישראל וואש זיינען איבער גיבליבין אין גיהנם וועלין אויך ענטפערין אמן אונ דורך דעם זכות פון דעם אמן וואש זייא וועלין ענטפערין וועלין זייא אויך ניצול ווערין אזו שטייט אין מדרש : (ז) דרום זאל דער מענטש נזהר זיין צוא דרשנן תורה פון אמת אונ צוא זאגין הקדמות פון אמת · אונ גאטס תורה זאל זיין אין זיין מויל אונ דען וועט ער זוכה זיין צוא הערין חידושי תורה פון אמת פון גאט ב"ה אמן :

פרק ה ואהבת לרעך כמוך האבין אונזרע חכמים ז"ל גיזאגט אז דאש איז דער פסוק וואש ער איז איין גרושער כלל אין דער תורה אז איטליכער מענטש זאל ליב האבין זיין חבר אזו וויא זיך אליין · עש איז ניט פאר האנדין מער ליבשאפט פון דעם אז ער זעהט זיין חבר טוט עפיס איין עבירה זאל ער אים שטראפין דרוף ווארום די נשמות פון ישראל זיינען אן גיקניפט אונ בהעפט איינש מיט דעם אנדערין · (ב) אבער דער כלל איז דער מענטש וואש ווייסט דיא טרעפונג אונ סיבות אונ שטראף וואש עש קומן צוא דער נשמה פון דעם מענטשין : נאך דעם אז דיא נשמה גייט ארויש פון דעם גוף מוז ער דאש מודיע זיין צוא זיין חבר טאמר דורך דעם וועט זיין חבר אויך זוכה זיין · אונ וועט פאר לאזין זיין שלעכטין וועג אונ וועט תשובה טאן וועט דאש אים זיין אהיילונג : (ג) אונ נון אין דעם פרק וועל איך שרייבין קענין דעם עונש פון דער נשמה וואש דער מענטש

למקום מנוחתן וכמו שהעידו תלמידיו של הרב האר"י ז"ל שהיה אומר להם : (ד) דעו כי אוירא דעלמא וחללה הן מלא נשמות הנדחין שאינם יכולין לבא עדיין למנוחתם ופעם א' הלך האר"י ז"ל ללמוד תורה על השדה וראה הוא בעצמו שכל האילנות היו מלאים נשמות בלי מספר וכן היה על פני השדה וגם על פני המים היו כמה רבבות נשמות : (ה) ושאל אותן הרב האר"י ז"ל מה טיבם כאן · והשיבו שנדחו מחוץ לפרגודא קדישא בעבור שלא עשו תשובה על פשעיהם והיו מונעים את חבריהם מלעשות תשובה והיו נע ונד בארץ ובאוירא דרקיע זה בכה וזה בכה ועכשיו היו שומעים בת קול המכריזים בכל העולמות שיש איש א' צדיק בארץ האר"י ז"ל אשר יש כח בידו לתקן הנשמות הנדחים וע"כ נאספו לכאן לבקש ממנו שירחם עליהם לתקן אותן כדי שיוכלו לבא למקום מנוחתם ולא יסבלו עוד צער גדול כזה והבטיח האר"י החסיד ז"ל לעשות לטובתם מה שיהא באפשרית וסיפר אח"כ האר"י ז"ל לתלמידיו המעשה הזה כי ראו שהאר"י ז"ל שאל להם להנשמות ולא ידעו למי שואל ומי היה המשיב עכ"ל : (ו) ובחיבורו כתוב שאלו הנשמות היו יכולין להעלות אותם בתפלה של צדיק כיון שהצדיק מתפלל בכוונה אז תפלתו עולה למעלה תחת כסא כבוד : (ז) ואז מתלבשים באותה התפלה כמה נשמות ומתלוים בהדי אותה התפלה : (ח) כמ"ש הזוהר בסוד הפסוק תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו כמה נשמות מתעטפין ומתדבקין בתפלה של עני ואין תפלה יותר חביב קמי הקב"ה כמו תפלה של עני ותפלה של צדיק שעולין בלהב גדול ונורא השורף סביביו והסטרא אחרא מתייראים להתקרב למקום תפלת העני ותפלת הצדיק וע"י כן

מענטש איז איר פונם אויף דער וועלט זאלשט וויסען אז דער אויר פון דער וועלט איז פול פון דיא נשמות פון דיא מענטשין וואש קענין נאך ניט קומען צוא זייער רוא ארט · אונ אזו וויא דיא תלמידים פון דעם האר"י ז"ל האבן עדות גיזאגט אז דער רב האר"י ז"ל האט זייא גיזאגט : (ד) איר זאלט וויסן אז דער אויר אונ דער חלל פון דער וועלט זיינען פול פון אזעלכע נשמות וואש זיינען אוועק גישטויסין פון זייער מחיצה · דאש זייא קענען נאך ניט קומען צוא זייער רוא ארט · אונ אמאל איז דער האר"י ז"ל גיגאנגען צוא לערנען תורה אין פעלד · האט ער גזעהען אז אלע בוימער זיינען פול נשמות וואש האבין גאר קיין צאל ניט · אונ אזו אויך זיינען גיוועזן אויף דעם פעלד אונ אויך אויף דעם וואשר זיינן גוועזן נשמות גאר אן צאל : (ה) האט דער האר"י ז"ל גיפרעגט וואש טוען זייא דא האבין זיי אים גיענטפערט · זייא זיינען ארויס גישטויסן גיווארן פון דער הייליגער מחיצה ווייל זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן אויף זייערע זינד · אונ זייא האבין נאך פאר מיטין זייערע חברים פון תשובה טאן · אונ מיר זיינען נע ונד אויף דר ערד אונ דעם אויר פון דעם הימיל · אונ איצונד האבין מיר גיהערט איין בת קול האט אויש גירופן אין אלע עולכות אז עש איז פאר האנדין איין צדיק אויף דער וועלט דער האר"י ז"ל וואש ער האט כח צוא מתקן זיין דיא נשמות וואש זיינען אוועק גישטויסין · אונ דרום האבין מיר זיך איין גיזאמילט אהער צוא בעטין פון אייך איר זאלט זיך מרחם זיין איבער אונז אונ אונז מתקן צוא זיין · אונ מיר זאלין קענען קומען צוא אונזער רוא ארט אונ זאלין ניט ליידין נאך אזו אגרויסין צער · האט דער האר"י ז"ל דער חסיד זייא מבטיח גיוועזן צוא טאן פון זייער טובה וועגין וואש עס וועט מיגלאך זיין · דער נאך האט דער האר"י דער ציילט צוא זיינע תלמידים דיא מעשה · ווארום זייא האבין גיזעהן וויא דער האר"י ז"ל האט גיפרעגט אונ זייא האבין ניט גיוואוסט צוא וועמען ער האט גיפרעגט אונ ווער עס האט אים גיענטפערט : (ו) אונ אין זיין ספר שרייבט דער האר"י אז דיא נשמות קענען האבין איין עליה דורך דער תפלה פון איין צדיק · ווייל דער צדיק דאווינט מיט כוונה גייט זיין תפלה ארויף אונטער דעם כסא הכבוד : (ז) אונ דענסמאלט ווערין אין דער תפלה אן גיקלייד פיל נשמות אונ באהעפטין זיך מיט דער תפלה : (ח) אזוא וויא דער זוהר שרייבט אויף דעם פסוק תפלה לעני כי יעטוף ולפני יי ישפוך שיחו דאש פיל נשמות ווערין ארום גיוויקלט אונ בהעפט אין דער תפלה פון דעם ארומאן אונ אין דער תפלה פון דעם צדיק וואש זייא גייען אויף מיט גרויש פלאם וואש ער ברענט ארום זיך אונ די ס"א פארכטין זיך צוגינעהען צו דעם ארט וואו די תפלה פון דעם עני אונ די תפלה פון דעם צדיק גייען · דורך דעם גייען ארויף מיט דער תפלה דיא נשמות וואש זיינען אוועק גישטויסין פון זייער מחיצה · אונ אזו איז אויך מיט דער נשמה פון דעם צדיק דאש אז ער גייט אוועק פון דער וועלט · גייט ער דורך דעם גיהנם כדי דורך זיין זכות

הנשמות הנדחות עולין עם התפלה וזהו הענין ממש בנשמת הצדיק שכיון שנפטר מהעוה"ז עובר דרך הגיהנם כדי שבזכותו בהעבירו דרך שם יתאחזו בו נשמות האבודות ויעלו עם נשמתא קדישא ההיא : (ט) וכן סיפר החסיד ר' גדליה ז"ל אחד מתלמידי האר"י ז"ל לחבירו שבכל ערב שבת היו הולכין חוץ לעיר לקבל שבת והיה פעם אחד מספר הקדוש האר"י ז"ל נפלאות מה שראה כמה וכמה פעמים כשהיה עומד על ראש ההר שהיה מחוץ לעיר ועל אותו ראש ההר ראה כל הבית חיים של ק"ק צפת תוב"ב וראה חיילות של נשמות שעלו מהקברים לעלות למעלה לג"ע של מעלה וכן ראה כמה רבבות נשמות לאין מספר שירדו כנגדם והם הנשמות יתירות הניתוספים באנשים כשרים בכל שבת ומתוך רוב בלבול ועירבוב הנשמות וחיילות עצומות לאין מספר כמעט כהו עיניו מראות והיה מוכרח להעצים עיניו ואעפ"כ ראה אותן בעינים סגורות : (י) והנה אנחנו ראינו כמבואר בדברי תלמידי האר"י ז"ל שתועלת גדול הוא תפלות צדיקים לנשמות הנדחות ואין לך גמילות חסד גדול מזה : (יא) ואף כי אנו איננו מאנשי הצדיקים הקודמים והלוואי שתועיל תפלתנו לעצמנו לכפר חטאתינו ופשעינו שהכעסנו לבורא ית' במרד ובמעל אעפ"כ היודע מחשבות הטובות להיות זה מהמזכים בתפלתם גם לנשמות הנדחות כי רב חסד הוא של הבורא ית' וזה יאות לכל בר ישראל להיות זוכה ומזכה לאחרים ומכ"ש שצריך האדם להתפלל על רשעי הדור שיחזרו בתשובה כדאיתא בגמ' דברכות בברוריא דביתהו דר' מאיר שאמרה יתמו חטאים ולא כתיב חוטאים : (יב) ע"כ אסדר אני לפניך לכל איש ואיש לומר י"ר זה בברכת השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך ויאמר (יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו שתחתור חתירה מתחת כסא כבודך לתשובה (פלוני בן פלונית) וכל העוברים על מצותיך יהופך לבבם לעשות רצונך בלבב שלם כי ימינך פשוטה לקבל שבים והחזירנו בתשובה שלימה לפניך בא"י הרוצה בתשובה) ואז יתעורר גם האדם

אז ער וועט דארטין ארום דורך גיין זאלין זיך אן האפין אין אים דיא פאר לארענע נשמות : אונ וועלין אויף גיין מיט דער הייליגער נשמה : (ט) אונ אזו אויך האט דער ציילט דער חסיד ר' גדליה וואש ער איז גיוועז פון דיא תלמידים פון דעם האר"י ז"ל · אז אלע ערב שבת פלעגין זייא גיין ח"ץ פון דער שטאט דארטין מקבל שבת זיין · אונ איין מאל האט דער האר"י ז"ל דער ציילט דיא וואונדער וואש ער האט גיזעהן פיל מאל אז ער איז גישטאנען אויף דעם שפי"ץ בארג וואש איז גיוועזן אונטר דער שטאט אונ אויפן שפי"ץ בארג האט ער גיזעהן גאר דעם בה"ח פון דער שטאט צפת · אונ האט גיזעהן חיילות נשמות זיינן אויף גיגאנגן פון די קברים ארויף צו גיין אין גן עדן ארייז · אונ אזו אויך האט ער גיזעהן פיל טויזינט נשמות וואש האבין גאר קיין צאל נית · זיינען זייא אנטקעגין גיגאנגען פון דעם הימל · אונ דאש זיינען דיא נשמות יתירות וואש זייא ווערין גימערט איטליכן שבת צוא דיא ערליכע לייט · אונ מחמת דאש פיל צוא מישונג פון די נשמות אונ שטארקע חיילות וואש האט גאר קיין צאל נית וואש ער האט גיזעהן · זיינן שיר זיינע אויגין טונקל גיווארין פון צו זעהן · האט ער גימוזט פאר מאכין זיינע אויגין · אונ פון דעסט וועגין האט ער זייא פארט גיזעהען חאטשי זיינע אויגין זיינען גיוועזן פאר מאכט : (י) אונ נון מיר זעהן אז

דיא תפלות פון צדיקים זיינען אגרוים הילפונג צו די נשמות וואש ווערין אוועק גישטויסין פון דער הייליגער מחיצה · אונ קיין גרעשערער גמילות חסד דער פון איז נית פאר האנדין · אונ חאטשי מיר זיינען דאך נית וועלכע צדיקים וויא אין דיא ערשטי דורות זיינען גיוועזן · אונ הלואי אונזער תפלה זאל העלפין פון אונזערט וועגין אליין צו פאר געבין אויף אונזערי זינד וואש מיר האבין דער צערינט צו גאט ב"ה מיט ווידער שפעניקייט אונ פעלשונג : פון דעסט וועגין דער גאט וואש ווייסט דיא גוטע מחשבות · וועט ער געבין אז די תפלה פון אונז זאל אויך זיין פון דיא וואש זיינען מיט זייער תפלה מזכה צוא דיא נשמות וואש זיינען נדחה גיווארין · ווארום דאש גינאד פון דעם באשעפער איז זייער פיל · אונ דאש איז רעכט צוא איטליכען מענטשין · אז ער זאל אליין זוכה זיין אונ אנדערע אויך מזכה צוא זיין · אונ מכל שכן דער מענטש באדארף מתפלל זיין אויף דיא רשעים פון דעם דור זייא זאלין תשובה טאן · אזו וויא עס שטייט אין דער גמרא ברכות אז ברוריא דאש ווייב פון רבי מאיר האט גיזאגט עש שטייט אין פסוק יתמו חטאים עש זאלין צוא גענצט ווערין די זינד אבער עש שטייט נית יתמו חוטאים עש זאלין צוא גענצט ווערין דיא זינדיגער דאש הייסט דיא מענטשין וואש זינדיגען : (יב) דרום וועל איך דיר שטעלין איין תפלה

מעצמו לעשות תשובה על חטאיו כדי שלא יאמר לו קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים רק שיאמר בכוונת הלב ואז בעל הרחמים ברוב חסדיו וברוב רחמיו יקבל תפלתו: (יג) ואף שצריך לתפלה זו כוונות ויחודים אבל בעבור שאין אנו בקיאים בשמות ובצירופים המועילין לתועלת גדול מ"מ יתפלל בקצרה ובבקשה בהגיון לב כי כך ראוי ונכון לכל המתפללין ולא יעריך הכל בשפתיו כי ישאיר לו בהגיון לבו וזה כלל גדול שיאמר קודם התפלה לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה הלב הוא נגד שם יהו"ה והפה הוא נגד שם אדנ"י כידוע: (יד) ועו"ז כ' בזוהר שזה היה כוונת דוד המלך ע"ה שאמר יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי כי זה יחוד גדול לייחד פה ולב כאחד ומזה תוכל להתבונן גודל העונש ופגם של המפריד הלב מהפה ר"ל המתפללים בפה בלא כוונת הלב או מי שמדבר עם חבירו א' בפה וא' בלב וזה חטא גדול ועושה פירוד בין הנשמות כנזכר ובין אות ואו לאות ה"א מהשם וידוע כי הוא"ו של השם היא תורה שבכתב וה"א היא תורה שבע"פ וא"כ מפרידים השני תורות מלהיות מחוברים יחד והמכשול זה מצוי בעו"ה ורחמנא ליצלן ממדה זו והלא אלהים יחקר זאת ועל כל אלה יביא אלהים במשפט ועון זה הוא דומה לעון אפקורסים וקראי"ם שאינם נותנים מקום לדברי החכמים בעלי התלמוד: (טו) וא"כ יתבונן הנבון שבודאי המורגל במדה זו להיות א' בפה וא' בלב יצאו ממנו בנים פוקרים שכופרים בתורתנו מדה כנגד מדה ונוסף על זה שמפריד עצמו ג"כ מהקדושה עליונה ונאבד ממנו דבר יקר הנאמר בישראל ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום שפירושו של הפסוק הוא כאשר ידבק האדם האזור על מתניו

דאש איטליכער מענטש זאל זיא זאגין אין דער ברכה פון השיבנו אבינו להורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך זאל ער זאגין יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו עש זאל זיין דער ווילין פון דיר גאט אונזער גאט אונ דער גאט פון אונזרע עלטרין שתחתור חתירה מתחת כסא כבודך אז דוא זאלשט אויש גראבין איין גראבין פון אונטר דיין כסא הכבוד לתשובה צוא דער תשובה פון פב"פ וכל העוברים על מצותיך אונ אלע וואש האבין עובר גוועז אויף דייני מצות יהופך לבכם לעשות רצונך בלבב שלם זאל פאר קערט ווערין זייער הארץ צוא טאן דיין ווילין מיט דעם גאנצין הארצין כי ימינך פשוטה לקבל שבים ווארום דיין האנט איז אויש גישטרעקט מקבל צוא זיין דיא וואש טוען תשובה והחזירנו בתשובה שלמה לפניך אונ קער אונז ווידער מיט ארעכטע תשובה פאר דיר (יד) אונ דערמאלט וועט זיך דער מענטש פון זיך זעלברט אויך דער וועקין תשובה צוא טאן אויף זיינע זינד כדי מען זאל אים ניט זאגין ציר דיך פריער אויש פון עבירות · אונ דער נאך ציר אנדרע · נאר ער זאל דאש זאגין מיט דער כוונה פון דעם הארץ אונ דערמאלט וועט גאט ב"ה מיט זיין פיל גינאד אונ פיל רחמנות מקבל זיין זיין תפלה: (טו) אונ חאטשי די תפלה בדארף האבין כוונה אונ יחודים אבער ווייל מיר זיינען ניט בקי אין די שמות אונ אין די צרופים וואש העלפין צו איטליכר תפלה אגרויש העלפונג · פון דעסט וועגין זאל ער מתפלל זיין מיט איין קורץ לשון אונ זאל בעטין אין דעם טראכטונג פון דעם הארץ ווארום אזוא איז רעכט צוא אלע וואש זיינען מתפלל זאל ער ניט אויש סדרין גאר דיא תפלה מיט זיינע לעפצין נאר ער זאל זיא איבר לאזין אין דעם טראכטונג פון דעם הארץ כלומר מיט דיא לעפצין זאל ער מתפלל זיין גאר קורץ אונ דיא איבריגע תפלה זאל ער בעטין אין זיין הארץ: (טז) אונ דאס איז איין גרוישר כלל אז פאר איטליכר תפלה זאל ער זאגין לשם יחוד וכו' ווארום דאש הארץ איז קעגין דעם שם (הוי"ה) אונ דאש מויל איז קעגין דעם שם (אדני) אונ דרויף שרייבט דער זוהר אז דאש איז גיוועזן דיא כוונה פון דוד המלך ע"ה וואש ער האט גיזאגט אז דיא זאג פון מיין מויל אונ דאש טראכטונג פון מיין הארץ זאל זיין לרצון פאר דיר גאט מיין בשעפער אונ מיין אויש לייזר ווארום דאש איז אגרוישער יחוד צוא איינגען דאש מויל אונ דאש הארץ אין איינעם · אונ דער פון ווייסטו קענען פאר שטיין דעם גרוישין עונש אונ פגם פון דעם וואש צוא שייד דאש הארץ פון דעם מויל דאש מיינט מען דיא וואש דאוינען מיט דעם מויל אן כוונה פון דעם הארצין · אדער דער וואש רעט מיט זיין חבר מיט דעם מויל אונ מיט דעם הארץ מיינט ער גאר עפיש אנדערש דער זינדיגט אגרוישע זינד אונ מאכט איין צווישין שייד צווישין דיא צוויא שמות וואש פריער איז גישטאנען אונ גאט ב"ה זאל אונז מציל זיין פון דער דאזיגער מדה · אונ פאר וואר גאט וועט דאש פארשטין · אונ אויף דעם אלעמען וועט אים גאט ברייגען צום משפט · אונ דיא עבירה איז גליך צוא דיא זינד פון אפיקורסים אונ קראים וואש זיא גליבין ניט אין דער

ונטרא

בהידוק טוב אז לא יוכל להכנים בין האזור להמלבוש ערבוב של אבק ואפר · כן המה בני ישראל כשהן דבוקים להש"י בדרכיהם ובמעשיהם אזי לא יבא שום מקטרג לעשות איזו פירוד בין ישראל לאביהם שבשמים וכדאיתא בזוהר פרשת תשא : (יז) ר' אבא ור' אחאי ור' יוסי הוי אזלי באורחא מטבריא לציפורי עד דהוי אזלי חמו לר"א דהוי אתי ור' חייא עמיה א"ר אבא ודאי נשתתף בהדי שכינתא אוריכו (פי' המתינו) להו עד דהוי מטי לגבייהו א"ר אבא ודאי כתיב עיני ה' אל צדיקים להשגיח בהו דלא יתקרב לגבייהו ס"א והשתא סייעתא דשמיא הכא וכל אשגחותיה דלעילא הכא ולא יכיל ס"א לאשלטא וכו' פתח ר"א ואמר והיה מספר בני ישראל כחול הים מהו כחול הים בגין דימא כד סליק גליו בזעפא ורוגזא ואינון גלין סלקין לשטפא עלמא כד מטאן וחמאן חולא דימא מיד תבין ואתברו ותייבין לאחורא ולא יכלין למשטפא עלמא ולשלטא כגוונא דא צדיקיא אינון חולא דימא כד אינון גלי דימא (הן הן המזיקים והמקטריגים המחבלין ומארי דרוגזא מארי דדינא בעיין לשלטא ולשטפא עלמא) חמאן להו לצדיקיא דאינון מתקשרין בהקב"ה ותבין ואתתברו קמייהו ולא יוכלו לאשלטא בעלמא ונמשלו לחול הים : (יח) ומה חול הים צבור היקף סביבות הים מוקף כהר גדול מלובן בלבנונית כך ישראל ע"י תשובה ומעשים טובים מלבנים את העונות ופשעים כמאמר הכתוב בישעיה אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו אם יאדימו כתולע כצמר יהיו כי המצות ומעשים טובים שעושין בני אדם בעה"ז הן מקיפין את הדינים ודינים נמסרו בידן

גמרא וואש זיא איז תורה שבעל פה · אונ דרום זאל דער מענטש פאר שטיין אז דער וואש גיוואונט זיך צו ריידין מיט דעם מויל אונ דאש הארץ זאל אנדרש מיינען · ווערין פון אים בודאי ארויש קומן קינדער אפיקורסים וואש זייא וועלין לייקענען אין אונזער הייליגער תורה · אונ נאך מער ער שייד זיך אפ פון דער אויבערשטער קדושה אונ עש ווערט פון אים פר לארין די טייערע זאך וואש איז גיזאגט גיווארין ביא דיא ישראל אונ איר אלע זייט היינט בהעפט אין דעם לעבדיגען גאט · דאש דער פירוש דער פון איז דאש אז איין מענטש בהעפט דעם גארטיל אויף זיינע לענדין מיט איין גוט באהעפטונג קען ניט אריין קומן קיין שום ערד אונ אש צווישן גארטיל אונ צווישן דעם קלייד · אזו אויך דיא ישראל אז זייא זיינן בהעפט צו הש"י מיט זייערע וועגין אונ זייערע מעשים · דענמאלט קען ניט קומען קיין שום מקטרג צוא טאן עפיש איין צווישן שייד צווישן די ישראל אונ צווישן גאט ב"ה · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר : (יז) ר' אבא אונ ר' אחאי אונ ר' יוסי זיינן גגאנגן אין וועג פון טבריא קיין צפורי · וויא זייא זיינען גינאנגען האבין זיי גיזעהן אז ר' אליעזר אונ ר' חייא זיינען גיקומען · האט ר' אבא גיזאגט מיר וועלין זיך משתתף זיין מיט דער שכינה האבין זייא גיווארט ביז ר' אליעזר אונ רבי אבא איז גיקומן צוא זייא · האט רבי אבא גיזאגט עש שטייט אין פסוק גאט ב"ה איז משגיח אויף דיא צדיקים אז דער סטרא אחרא זאל צו זייא ניט גינעהנן · אונ איצונד איז דא די הילף פון גאט אונ זיין איבערשטע השגחה איז דא · אונ דער סטרא אחרא קען ניט גיוועלטיגן · האט ר"א גיזאגט עש שטייט אין פסוק והיה מספר בני ישראל כחול הים אונ דיא צאל פון דיא קינדר ישראל וועלין זיין אזוא וויא דיא זאמד פון דעם ים · דאש מיינט מען ווייל אז דיא אינדין פון דעם ים גייען אויף מיט שטורם אונ רגזה אונ זייא גייען אויף צוא פארפלייצין דיא וועלט · וויא זייא גרייכין צום ברעג אונ זעהן דעם זאמד פון דעם ים · קערין זייא זיך תיכף אום אהינטר אונ צוא שפרייטין זיך · אונ קענן ניט פארפלייצין דיא וועלט אזוא איין גלייכין זיינען דיא צדיקים דאש אז דיא מזיקים אונ די מקטריגים וואש ווילן גיוועלטיגן אונ פארפלייצין די וועלט אז זייא דער זעהען דיא צדיקים וואש זיינן אן גיקניפט אין גאט ב"ה קערין זייא זיך אום אונ ווערין פאר שפרייט פאר זייא · אונ זייא קענען ניט גיוועלטיגן אין דער וועלט : (יח) אונ נאך זיינען דיא ישראל גיגליכין צוא דעם זאמד פון דעם ים · אזו וויא דיא זאמד פון דעם ים איז איין גיזאמלט ארום דעם ים אונ איז זייער ווייס · אזוא אויך דיא ישראל דורך דער תשובה אונ מעשים טובים מאכין זייא זייער זינד ווייס אזו וויא עש שטייט אין ישעיה אויב אייער זינד וועלין זיין אזוא רויט וויא איין רויטער פאדים · וועלין זייא ווייס ווערין וויא שנייא · ווארום דורך דיא מצות אונ מעשים טובים וואש דיא ישראל טוען אויף דער וועלט רינגלען זייא ארום דיא דינים וואש עש איז פאר האנדין אויף זייא אונ דיא דינים ווערין איבר גיענטפערט אין זייערע הענט אונ נאך מער זייא פאר קערין דעם מדת הדין צוא מדת הרחמים אונ דער קטיגור ווערט איין מליץ : (יט) אבער אז דיא

מענטשה

ולא עוד אלא שמהפכים מדה״ד למדת הרחמים וקטיגור נעשה סניגור : (ט) משא״כ כשהעולם הם בדבורים טוב אבל לבם בל עמהם אזי אין כשרון במעשים שלהם ואז אין שמירה וחומה סביב גלי הים וגלי הים הנ״ל מארי דדינים מתגברים והדין גובר והולך ר״ל והרחמים מתמעטין ואדרבה הן מהפכין מדה״ר למדה״ד : (י) ע״כ התעוררו אחי ורעי לעשות כאו״א כפי יכלתו תשובה ולהרבות במע״ט וחיילים יגבר בתורה ותהיה תפלתו בכוונה ויתפלל בעד חבירו לעשות תשובה ואז חסידים וצדיקים מתרבין ואז זכותם וצדקתם יהיו דומין להר וחול נגד גלי הים שהן המקטריגים המחריבים ורוצין לחבל העולם שהם מארי דדינים ויהיו מתישין את כחן ואז יהיה ריוח והצלה וששון ושמחה אכי״ר :

## פרק ו הבא

לטהר מסייעין אותו׳ הענין הוא כשהאדם הולך להמציא איזה מצוה לעשותה או כשהולך בדרך ועוסק בתורה אף שהוא יחידי אזי נשמות מתחברים עמו כדאיתא בזוהר בראשית:

(ב) רבי אליעזר הוי אזיל למיחמיה לר׳ יוסי בן לקוניא חמוי דר׳ אליעזר ורבי אבא בהדיה והוה טעין חד גברא אבתרייהו א״ר אבא נפתח פומן באורייתא דהא שעתא ועידנא הוא לאתתקנא באורייתא ופתחו פיהם בחדושי תורה וההוא גברא טעין אבתרייהו וגילה להם כמה רזין דאורייתא אתו ר״א ור׳ אבא ונשקוהו ליה אמרי ליה מאן אנת דאזיל וכל הוכמתא דא אית תחות ידך ואת טעין אבתרן והשיב להן רבותי לא תשאלון לי מאן אנא אלא ניזול ונתעסק באורייתא גילה להו סודות ורזין אמרי ליה מאן יהיב לך רשו למיזל הכא ולמהוי טעין בחמרי כו׳ חדו רבי אליעזר ור׳ אבא ואמרו ליה זיל רכוב ואנן נטעון אבתרך א״ל פקידא דמלכא איהו אמרי ליה הא שמך לא אמרת לן אתר בית מותבך מאי איהו אמר להן אתר בית מותבי היא טב ואיהו מגדל הר שדר בההוא מגדלא הקב״ה וחד מסכנא ר״ל

מענטשין פון דער וועלט ריידין מיט דעם מויל גוטש אונ מיט דעם הארץ מיינען זייא אנדערש דענמאלט איז ארום זייא ניט פאר האנדין קיין היטונג אונ קיין מויער׳ אונ דיא מקטרגים שטארקין זיך אונ דיא דינים ווערין אלע מאל ישטארקט רחמנא ליצלן׳ אונ דיא רחמים ווערין גוויניגט אונ אדרבא זייא פאר קערין דעם מדת רחמים צוא דעם מדת הדין ח״ו : (י) דרום דער וועקט זיך מיינע ברידר אונ מיינע פריינד דאש איטליכער זאל טאן תשובה נאך זיין יכולת נאך אונ צוא טערין מעשים טובים אונ צוא לערנן פיל תורה׳ אונ זאל דאוונען מיט כוונה אונ זאל אויך מתפלל זיין פאר זיינע חברים אז זייא זאלין תשובה טאן אונ דענמאלט ווערט גימערט ווערין צדיקים אונ חסידים : אונ דענמאלט ווערט זייער זכות אונ זייער צדקות גלייך זיין וויא איין בארג אונ זאמד קעגין דיא אינדן פון דעם ים׳ דאש מיינט מען דיא מקטרגים אדער לײדענשאפטין וואש זייא ווילן פאר דארבן דיא וועלט ווערט זייער כח שלאף ווערין אונ דענמאלט ווערט זיין איין ריוח אונ הצלה אונ פריד אמן כן יהי רצון :

פרק ו הבא דער וואש קומט זיך צוא ריינגן גאט העלפט מען אים פון דעם היכל׳ דאש מיינט מען אז דער מענטש גייט צוא טאן איין מצוה אדער אז ער גייט אין וועג אונ לערינט תורה האטשע ער איז גאר אליין ווערין צוא אים בהעפט נשמות אזוא וויא עש שטייט אין זוהר בראשית : (ב) רבי אליעזר איז גיגאנגען זעהן צוא רבי יוסי בן לקוניא דער שווער פון רבי אליעזר׳ אונ רבי אבא איז אויך גיוועזין מיט אים׳ אונ איין מענטש איז נאך גיגאנגען נאך זייא אונ האט גיטראגין איין משא אויף זיך האט רבי אבא גיזאגט לאמיר ריידין אין דער תורה ווארום איצונד איז דיא צייט צוא לערנען תורה׳ האבין זיי מחדש גיוועזין פיל חידושים אין דער תורה׳ אונ דער מענטש וואש איז זייא נאך גיגאנגן האט זייא מגלה גיוועזן פיל סודות פון דער תורה׳ זיינען גיקומען רבי אליעזר אונ רבי אבא אונ האבין אים גיקושט האבין זייא צוא אים גיזאגט ווער בישטו׳ דען אזוא פיל חכמה איז פאר האנדין בייא דיר אונ דוא גייסט נאך אונז אונ טראגסט אזו איין משא אויף דיר׳ האט ער זייא גיענטפערט מיינע רבים איר זאלט מיר ניט פרעגין ווער איך בין׳ נאר לאמיר גיין אונ לערנען תורה׳ אונ ער האט זייא מגלה גיוועזן גרושע סודות׳ האט רבי אליעזר אונ רבי אבא זיך גיפרייט אונ האבין צוא אים גיזאגט גייא דוא רייט אויף דעם אייזל אונ מיר וועלין דיר נאך טראגין דיין משא׳ האט דער מענטש זייא גיענטפערט איך מוז דאש אליין טראגין ווארום מען האט מיר אזוא אן גיזאגט׳ (ג) האבין זייא צוא אים גיזאגט דיין נאמען האשטו אונז ניט גיזאגט׳ זאג אונז דאש ארט וואו דוא זיצט׳ האט ער צוא זייא גיזאגט דאש ארט וואו איך זיץ איז גוט׳ אונ

**הקב״ה ומשיח שנקרא עני ורוכב על החמור ודא הוא אתר בית מותבי וסליקנא מתמן ואנא טעין חמרא בכו ר״א ור׳ אבא ונשקוהו ואזלו וגילה להם עוד סודות עיין שם בזוהר ונפלו ר״א ור״א על פניהם אדהכי והכי לא חמו ליה להאי גברא ואסתכלו לכל סיטרין ולא חמו ליה יתבו ובכו ולא יכלו למללא דא לדא שעתא חדא: (ד) לבתר הכי אמר ר״א וודאי הא דתנינן דכל אורחא דצדיקיא אזלין ומילי דאורייתא בינייהו אז צדיקים אתיין מעולם העליון לגבייהו וודאי הוא רב המנונא סבא דאתא לגבן מההוא עלמא לגלאי לן מילין אלין אח״כ איתכסי מינן עכ״ל: (ה) א״כ הא ראיה שנשמתן של צדיקים מתחברין לעושי המצוה ועוסקין בתורה וכלל זה נקוט בידך שכל הרהור טוב ומחשבה טובה עושה פעולה לעורר עליו הארת הקדושה העליונה וכל שכן בדבור פה טוב כגון ההולך בדרך ועוסק בתורה אז יש תועלת להנשמות הנדחות כי יש נשמות אשר הם נדחים ומתגלגלין ומתדבקין בעשבים ובפירות הארץ ובפירות האילן: (ו) וכיון שהאדם מברך על הפרי או עוסק בדברי תורה ע״י דבורו הטוב הנשמות האלו מתלבשות בהן ויוצאין ממאסר הגלגול וגם יש ללמוד מהזוהר הנ״ל כי גדול הוא מצות התחברות ת״ח להתלוות עמהם בדרך ולשמוע דברי תורה מפיהם כי שכינה שורה בין אנשים כשרים בחייהן ולאחר מיתתן: (ז) וכבר מצינו בדורות הראשונים אשר היו מקפידים בקבורתם איזה מקום יהיה מקום מנוחתם וכמו שאמר יעקב אבינו ע״ה ושכבתי עם אבותי וקברתני בקבורתם והענין כי הנשמות של בני אדם מעופפים על הקבר ובכל לילה מודיעין רזין דאורייתא להנפשות מלמעלה מישיבה של מעלה ואיתא בספר חסידים: (ח) בצדיק אחד שהיה קבור בין אנשים רשעים והיה בא בכל לילה בחלום לאוהביו וקרוביו וצעק להם בקול בכי שיוציאוהו משם ואמר אותו הצדיק טעם לזה כי בעבור אשר סביבותיו הן**

דאש איז איין טורעם וואש דארטין וואונט גאט ב״ה מיט איין ארום מאן דאש איז משיח וואש ער ווערט גירופין עני ורוכב על החמור · האבין ר״א מיט רבי אבא גיוויינט אונ האבין אים גיקושט · אונ זייא זיינען ווייטר גיגאנגען אונ ער האט זיי נאך סודות מגלה גוועזן · אונ ר״א אונ רבי אבא זיינן גיפאלין אויף זייער פנים · דער ווייל האבין זיי שוין דעם מענטשין מער ניט גיזעהען · אונ האבין גיקוקט אויף אלע זייטין אונ האבין אים ניט גיזעהן · זיינען זייא גיזעסין אונ האבין גיוויינט אונ האבין ניט גיקענט ריידין איינער-צום אנדערין איין שעה: (ד) דער נאך האט רבי אליעזר גיזאגט עש איז אמת וואש מיר האבן גלערינט אז אין איטליכן וועג וואש דיא צדיקים גייען אונ ריידין דברי תורה · דענמאלט קומן צדיקים צוא זייא פון דער אויבערשטר וועלט · דאש האט גמוזט גיוויש זיין רב המנונא סבא דאש ער איז גיקומען צוא אונז פון יענער וועלט אונז מגלה צוא זיין ודיא דאזיגע רייד אונ דער נאך איז ער פאר הוילין גיווארין פון אונז · (ה) נוא איז פון דאנען איין ראיה אז דיא נשמות פון דיא צדיקים בהעפטין זיך צוא דיא וואש טוען מצות אונ לערנן תורה · אונ דעם כלל נעם דיר אז איטליכר גוטער הירהור אונ גוטע מחשבה טוט איין פעולה צוא דער וועקין אויף זיך דיא ליכטיקייט פון דער אויבערשטר קדושה · מכל שכן מיט איין גיטין דבור דהיינו דער וואש גייט אין וועג אונ לערנט תורה דענמאלט איז איין גרויש הילף צוא דיא נשמות וואש זיינען ווארין אוועק גשטויסן דען עש איז פאר האנדין זעלכע נשמות וואש זיינען אוועק גישטויסן פון דער היילינער מחיצה אונ ווערין מגולגל אונ בהעפט אין גראז אונ אין דיא פירות וואש וואקסין אויף דער ערד אונ דיא פירות וואש וואקסין אויף בוימר: (ו) אונ אז דער מענטש מאכט אברכה איבר דער פרי אדר ער לערינט תורה ווערין דיא נשמות אן גיקלייד אין דעם גוטין דיבור אונ גייען ארויש פון דעם גלגול · אויך קען מען אפ לערנן פון דעם זוהר וואש פריער איז גישטאנען אז עש איז זייער גרויס דיא מצוה פון צוא בהעפטין זיך אויף דעם וועג מיט דיא תלמידי חכמים אונ צוא הערין תורה פון זייער מויל ווארום דיא שכינה רואט צווישין דיא אנשים כשרים בייא זייער לעבין אונ נאך זייער טויט: (ז) אונ מיר גיפינען אז דיא מענטשין פון דיא ערשטע דורות האבין מקפיד גיוועזן אין זייער קבורה אויף וועלכין ארט מען זאל זייא בהאלטין אונ אזוא וויא יעקב אבינו עליו השלום האט גיזאגט איך וועל ליגין מיט מיינע עלטערין אונ זאלשט מיך בגראבין לעבין מיינע עלטערין אונ דר ענין איז דאש די נשמות פון דיא מענטשין שוועבין אויף דעם קבר · אונ איטליכע נאכט איז מען פון דעם הימל זייא מודיע סודות התורה · אונ אין ספר חסידים שטייט: (ח) אז איין צדיק איז גיוועזן בגראבין צווישין

רשעים

רשעים מונעים מלהודיע לו סודי התורה ונפשו יבשה בלתי לחלוחית ולא היה לקרוביו מנוחה ממנו עד שהוכרחו להוציא אותו מן הקבר ולקבור אותו במקום אחר : (ט) וע"כ החסידים הראשונים שבא"י היו נוהגין לקנות להם קבר בבית החיים בהיותם בחיים חיוהון אצל אנשים כשרים הידועים להם שהיו צדיקים · וגם היו נוהגין שהיו מתפללין שם באותו מקום והיו אומרים עליו קצת דברי תורה והיו נוהגין שם ליתן צדקה ובזה היו מטהרין ומקדשין המקום שהיה מוכן להם שם להתקבר ומהמת קדושה ההיא היו גורמין שלא להתקרב הס"א אחר מותם שם וגם מצינו בחסיד ר' עמרם כדאיתא כאן בלשון אשכנז הובא (במעשה בוך עיין שם) · והא ראייה אם יש קפידא אל האדם לאחר מיתתו במקום חנייתו ושכונתו קיו שיהיה בחיים חיותו בחבורה טובה כמנהג אנשי ירושלים שלא היו יושבין בדין ובסעודה עד שידעו מי מיסב עמהם כי הרבה רעות נמשכו במסיבת קלים כי שם הם מדברים

רכילות

רשעים איז ער אלע נאכט גיקומן אין חלום צו זיינע ליב האבר אונ זיינע קרובים אונ האט צו זיי גישריען מיט איין גיוויין אז זיי זאלין אים פון דארטין ארויש נעמן · האט דר צדיק גיזאגט איין טעם דרויף · דאש וייל ארום אים ליגן רשעים דורך דעם פאר מייד מען אים מודיע צוא זיין דיא סודות התורה אונ זיין לייב איז דאר אן איין שום פייכטקייט · אונ זיינע קרובים האבין פון אים קיין מנוחה ניט גיהאט ביז זייא האבין גימוזט ארויש נעמן אים פון דעם קבר אונ אים מקבר זיין אין אנדר ארט : (ט) אונ דרום דיא ערשטע חסידים וואס זיינען גיוועזן אין ארץ ישראל · בייא זייער לעבן פלעגין זיי זיך קויפין איין קרקע אויף דעם בית החיים לעבן אזו איין ארט וואש צדיקים זיינן דארטין בגראבן אונ אויך פלעגין זייא זיך נוהג צוא זיין · דאש זיי פלעגן מתפלל זיין אויף דעם ארט אונ פלעגין דארטין זאגן אביסל דברי תורה אונ פלעגין דארטן געבן צדקה · אונ דר מיט פלעגן זיי מטהר זיין אונ הייליגן דאש ארט וואש עס איז גיוועזן אן גיבנייט זיי זאלן דארטין נקבר ווערין · אונ מחמת דער קדושה פלעגן זיי גורם זיין אז דר סטרא אחרא זאל ניט גנעהנן נאך זייער טויט צו דעם ארט · אונ אויך גיפינן מיר ביי החסיד רב עמרם פון דר שטאט קעלין דאש ער האט צוואה גלאזין אז מען זאל אים אריין טאן אין איין ארון אונ מען זאל אים לייגן אין איין שיף אונ מען זאל דיא שיף לאזין אויף דעם טייך אונ קיין מענטש זאל מיט אים ניט פארן נאר איין בריף זאל מען אין שיף אריין לייגן אז דר מת איז הגאון רבי עמרם · איז דיא שיף פאר גאנגן ביז קיין מענץ · ווארום אין ק"ק מענץ איז גילעגין זיין פאטר אונ מוטר אויף דעם בית החיים בייא דעם קבר פון רבי יהודה החסיד · וויא די שיף איז גיקומן קיין מענץ האבין זיך פאר וואונדערט די גאנצע שטאט לייט וואש דאש איז איין שיף זאל אליין גיין אויף דעם וואשר אונ זיא איז גבליבן שטיין אין מיטן טייך קעגן דער שטאט מענץ · האבין זייא דאש מודיע גיוועזן צוא דעם שררה פון דער שטאט · האט ער גיהייסין זיינע שיף לייט זאלין פארין אויף זייערע שיפן אונ זאלין ברייגגן דיא שיף · וויא דיא שיפערם זיינען צוא נפארין צוא דער שיף וואש רב עמרם איז גיוועזן דרינן · האט דיא שיף אן גיהויבן צוא ריק גיין · אונ דיא שיפרם האבין ניט גיקענט קומן צוא איר · האט דר שררה גיזאגט דאש מוז זיין איין יהודי אונ האט גיזאגט צו זיינע קנעכט גייט גישווינד רופט מיר אהער דיא יהודים לאזין זייא דיא שיף נעמען · טאמר איז דאש איין יהודי וואש ער וויל ליגן אויף דעם בית החיים פון מענץ · זיינען דיא יהודים ארויס גיגאנגען אונ זיינען גיפארין צוא דער שיף וויא די יהודים זיינן גיקומען איז דיא שיף אליין גיקומען צום בארטין · האבין די יהודים גינומען דעם חסיד רב עמרם מיט דר שיף אונ האבין גיפונן דיא בריב וואש זיינע תלמידים האבן גישריבן · אונ אזוא איז דארטין גישטאנן מיינע ברידר אונ מיינע גיזעלין וואש וואונן אין ק"ק מענץ איר זאלט וויסין אז איך רב עמרם קום צוא אייך דען מיין נשמה איז מיר אויש גיגאנגען אין דער שטאט קעלין · אונ איך בעט אז איר זאלט מיך בגראבין בייא דעם קבר פון מיין פאטר אונ מוטר · וויא די יהודים פון ק"ק מענץ האבין דאש דער זעהען האבין זייא גיוואלט נעמן דעם ארון מיט דעם מת אונ אים ארויף טראגין אויף דעם קברות צוא לייגן אים בייא זיין פאטר אונ מוטר אזוא וויא זיין צוואה איז גיוועזן · האט דער שררה גיהייסין מען זאל ניט לאזין נעמען דעם ארון מיט דעם מת · האבין זיך צוא נויף גיקליבין דיא שטאט לייט אונ האבין מיט גוואלד אוועק גינומען דעם ארון מיט דעם מת · אונ האבין גישטעלט אגרוישע שמירה מען זאל קיין יהודי ניט לאזין צו טרעטין צוא דעם מת · אזו זיינען דיא יהודים זייער טרויעריג גיווארין אונ פר גרויש צער האבין זיי ניט גיוואושט וואש צו טאן וויא אזו

זייא

רכילות ליצנות ובפרט בין זוללים וסובאים אשר אינם הגונים: (י) ויאמר יה"ר שתצילני היום מאדם רע ופגע רע מחבר רע כדי שלא לחבר עם אנשים רעים ומחברת קשר בוגדים המתחברים יחד לילך בדברי ריבות וקטטות והמה מלאים חרבות חצים שנונים וגחלי רתמים בקללות וחרפות וגידופים ואש של גיהנם בוער בקרבם לחרחר ריב ומדון וכל מחשבותם הוא לרע ואפילו בהיותם בבית הכנסת הם מלאים מרמה על אנשים כשרים ההולכים בדרכי ה' איך להמציא מצדקאות ותחבולות להרע להם אוי להם ולנפשותם כי פתאום יבא יומו אשר יהפך עליו הגלגל והדינים יתגברו עליהם שירדו מנכסיהם ויהיו לבוז ולכלימה ולא יהיה לו חונן וחומל בעבור גזירות רעות מהשי"ת והירא והחרד לדבר ה' ירחק מהם ומאסיפתן ומקול המונם ולא לשמוע לקול עצתם ולא ילך עמהם ומכ"ש שלא לדבק עמהם רק י"ו"אה לדבק באהבת ה' ולדבק באנשים יראים והחרדים לדבר ה' אשר מהם ילמדו דרך החיים ועליהם נאמר ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום:

פרק ז **נתנני** ה' כל היום דוה ודרשו רז"ל דקאי על השכינה שצועקת על בעלי הגאוה אותן שמאריכין גלות השכינה כביכול (כי השכינה ברצונה רק להיטיב לבני האדם ולא להרע וכאשר ע"י

זייא זאלין דעם חסיד רב עמרם ארויש קריגין · אונ דער שררה מיט זיינע לייט האבין בייא דעם באך אגרוישין בנין אויש גיבויט צוא זייער בעט הויז אונ האבין גבויט אגרוסין טורם אונ עד היום רופט מען אים עמרם טורעם · אבר דיא יהודים האבין מיט גאטש הילף גיבראכט דאש זייא האבין דעם חסיד רב עמרם מציל גיוועזן דען דער חסיד האט זייא ניט גילאזין קיין מנוחה האבן ביז זייא האבין אים גמוזט מציל זיין · נוא קען מען פון דער מעשה אפ לערנען אז דיא מתים זיינן מדקדק זיי זאלין ניט ליגן נאר לעבין גוטע לייט אונ מכל שכן דיא לעבדיגע לייט גיהערין בוודאי צוא זעהען אז זייא זאלין זיך בהעפטין מיט איין גוטע חברותא אונ ניט מיט קיין רשעים אונ לצים · אזו וויא דיא אנשי ירושלים פלעגין זיך נוהג זיין דאש זייא פלעגין ניט זיצן אויף קיין דין אונ אויף קיין סעודה ביז זייא פלעגין וויסין ווער עש וועט זיצן לעבין זייא ווארום פיל שלעכטש קומט דער פון וואש מען זיצט לעבין דיא רשעים ווארום זייא ריידין רכילות אונ ליצנות אונ בפרט צווישין די זולל וסובא לייט: (י) אונ דרום האבן אונזערע חכמים גישריבין אז איין מענטש זאל זאגין איטליכן טאג דיא תפלה יהי רצון עש זאל זיין דער ווילן פון גאט אז דוא זאלשט מיך היינט מציל זיין פון אשלעכטן מענטשין אונ פון אבייז בגעגניש אונ פון אשלעכטין חבר דאש האבין זייא גימיינט כדי ער זאל זיך ניט מחבר זיין מיט שלעכטע מענטשין אונ זאל זיך דער ווייטרין פון דיא חברותא פון דיא פעלשרש וואש באהעפטין זיך צוא גיין מיט דיא רייד פון קריג צוא מאכין קריג צווישן לייט אונ דאש פייער פון גיהנם איז צווישין זייא צוא רייצין קריג אונ גאר זייער מחשבה איז נאר צוא בייז · אונ אפילו ווען זייא זייגען אין שול זיינן זייא פול מיט שאלקהאפטיקייט וויא ארום צוא גיפינן תחבולות שלעכטש צו טאן צוא דיא ערליכע מענטשין וואש זייא גייען אין די וועגן פון גאט · ווי איז צו זייא אונ צו זייערע נשמות · דען פלוצלונג וועט קומן דער טאג וואש דיא ראד וועט אויף זייא פאר קערט ווערין כלומר זייער גליק וועט פעלין · אונ דיא דינים וועלין זיך שטארקין איבר זייא · אונ זייא וועלין ארום ווערין אונ וועלין זיין צוא שאנד · אונ קיינר וועט זיך איבר אים ניט דער בארמען פון וועגין די בייזע גזירות וואש גאט ב"ה וועט אויף אים גוזר זיין · אונ דר וואש פארכט זיך אונ איילט זיך צו גאטש רייד · זאל זיך דר ווייטרן פון זייא אונ פון זייער איין זאמלונג · אונ פון דעם קול פון זייער ברומונג אונ זאל ניט צוא הערין צו זייערע עצות אונ זאל מיט זיי ניט גיין · אונ מכל שכן ער זאל זיך ניט בהעפטין מיט זייא · נאר ער זאל זעהן צוא בהעפטין זיך אין דיא לייט וואש פארכטין זיך פאר גאט אונ איילין זיך צוא גאטש רייד דאש פון זייא לערינט איך דעם וועג פון לעבין אונ אויף זייא איז גיזאגט גיווארין דר פסוק ואתם הדבקים בה' אונ איר וואש זייט בהעפט אין גאט חיים כולכם היום איר אלע לעבט איצונד כלומר איר זייט צדיקים דען דער צדיק ווערט גירופין חי:

פרק ז עש שטייט אין איכה נתנני ה' כל היום דוה דוא גאט האשט מיר גינעבין אגאנצין טאג ווייטאג · דרשנן אונזערע חכמים ז"ל אז דאש זאגט דיא שכינה דען זיא שרייעט אויף דיא מענטשין וואש האלטין זיך בעל גאוה דיא דער לינגערין דעם גלות השכינה כביכול (דאש איז ידוע דאש דיא שכינה וויל נאר גוטעס טאן פאר אלע מענטשין · אונ דורך דיא חטאים וואש דער מענטש טוט · מאכט ער זיך איינ אונ שלעכט · דעריבר רופט סטן

דאש

החטאים ירע ויצר לב"א · ע"כ מכנה זאת בשם גלות השכינה) וזה שאמר הכתוב והודי נהפך למשחית ועושין מתיבת הוד דוה · ובקיצור דברים אלו יתבונן האדם עד היכן גורם רעה במדת הגאוה: (ב) ע"כ ישים האדם אל לבו שלא לחנם אמרו רבותינו ז"ל כל המתגאה כאילו עובד כוכבים ובודאי הענין הוא בעבור שאדם משעבד ומוסר נפשו ונשמתו ביד החיצונים תקיפין ובקושי אשר יוכל להפרד מהם · וע"י כן הוא מסור תחת הקליפות רחמנא ליצלן: (ג) ע"כ יראה ההכם ויחכם וישים לבו להבין ולהשכיל העון והעונש במה יתגאה · אם יתגאה בעושר חלא הקב"ה אמר לי הכסף ולי הזהב אמר ה' צבאות ובידו יתברך ליקח העושר כהרף עין: (ד) כמו שראינו שכמה עשירים נהרגו בעבור עשרם שנתנו עליהם האורבים עיניהם לרדוף אחריהם והכו אותן מכות מות ויסרו אותן ביסורים קשים עד שיצאה נשמתן מכח ההכאות ופצעים · ומהם גם קבורה לא היתה להם · זהו ענין רע להם כי ראינו בחוש שהרבה אנשים הלכו בזה הדרך ואין שטן ולא שום פגע רע מגיע אליהם רק לזה העושר הנאבד בעושרו בר מינן: (ה) ולמה לא ישים האדם אל לבו כי הרבה אנשים שטרחו ויגעו לא נתנו שינה לעיניהם · ביום אכלם החורב וקרח בלילה והולכים בחושך בגשם ובשלג עד אשר עלתה בידם להשיג איזה קרן למאה או לאלף או יותר וזהו העת אשר צריך לשמוח בחלקו ולפנק ביגיע כפו: (ו) פתע פתאום בא אליו המות ומוכרח להפרד מכל וכל והוא הולך לעולמו שביק לאחרים כל עושרו מה שטרח והיה מאסף ממון וקבץ פרוטה על יד על יד עד שהביאו לסך מסוים בזיעת אפו ועזב לאחרים ביד איש אחר: (ז) ולפעמים אשתו נוטלת ממונו עבור כתובתה ואחר מיתתו היא נשאת לאיש אחר ונותנת לו כל הממון שלה ובניו הולכין יחפים ובגדים שלהם

דאש מיט דעם נאמען גלות השכינה) · אונ דאש מיינט דער פסוק והודי נהפך למשחית אונ מיין שיינקייט איז פאר קערט גיווארין צוא איין פאר דארבער · דאש איז דיא בעלי גאוה פאר קערין דאש ווארט (הוד) צוא (דוה) אונ דורך דעם גיהער דער מענטש פאר שטיין ביז וואנען ער איז גורם שלעכטש מיט דער מדה פון גאוה: (ב) דרום זאל דער מענטש טאן צוא זיין הארץ אז ניט אום זונסט האבין אונזערע חכמים ז"ל גיזאגט אז דער וואש האלט זיך בעל גאוה איז גלייך וויא ער דינט היידנישע געצין אונ דאש איז בוודאי ווייל דער מענטש איז משועבד אונ ענטפערט איבער זיין לייב אונ זיין נשמה אין דיא הענט פון דיא קליפות אונ עש איז גאנץ שווער צוא קענען זיך אפ שיידין פון זייא · אונ דרום איז ער איבער גיענטפערט אונטר דיא קליפות רחמנא ליצלן: (ג) דרום זאל זעהען דער קלוגער אונ זאל נאך מער קלוג זיין אונ זאל טאן זיין הארץ צוא פאר שטיין אונ צו קליגין דיא זינד פון דער גאוה אונ דעם עונש דער פון · דען מיט וואש האט ער זיך בע"ל גאוה צוא האלטין אויב ער וויל זיך בגאוה האלטין מיט זיין עשירות · פאר וואר גאט ב"ה האט דאך גיזאגט לי הכסף ולי הזהב דאש איז טייטש צוא מיר איז דאש זילבער אונ צו מיר איז דאש גאלד אונ גאט ב"ה קען עש בייא אים צו נעמן אין איין רגע: (ד) אזו וויא מיר האבין גיזעהען אז פיל עשירים זיינן גיהרגת גיווארין פון וועגין זייער עשירות דאש דיא גזלנים האבין אויף זייא גילויערט אונ האבין זייא נאך גיאגט · אונ האבין זייא גישלאגין מיט שלעק · אונ האבין זייא גישטראפט מיט שווערע יסורים ביז זייער נשמה איז ארויש גיגאנגען מחמת דיא שלעק אונ די וואונדין · אונ אטייל פון זייא זיינען אפילו צוא דער קבורה ניט גיקומען · איז דאש געלט גיווען צוא זייא אשלעכטש פירונג ווארום מיר האבין דאך גיזעהן בחוש אז פיל מענטשין זיינען גיגאנגען אין דעם וועג אונ עש האט זיך זייא ניט גטראפין קיין שום שלעכטש נאר צוא דעם עושר האט זיך אזעלכעש גיטראפין דאש ער איז פאר לארין גיווארין דורך זיין עשירות: (ה) אונ ווארום זאל דר מענטש ניט ווידר קערין צוא זיין הארץ אז פיל מענטשין וואש האבין גרויש טרחות אונ יגיעות גיהאט בייא טאג מיט זייא דיא היץ פאר דארבין אונ דיא קעלט בייא נאכט אונ גייען אין דער פינסטער אין וואשער אונ אין שנייא ביז זייא האבין שוין גיקריגין עטליכע טויזנט גילדין אונ דיא צייט וואש ער דארף זיך שוין פרייען מיט זיין חלק אונ זאל הנאה האבין פון זיין יגיע כפו: (ו) קומט פלוצלינג אויף אים דער טויט אונ מוז פון אלעמען ווערין אפ גישייד אונ שטארבט אונ לאזט צוא אנדערע גאר זיין עשירות וואש ער האט זיך גימיהט אונ האט איין גיזאמילט איינציג ווייס ביז ער האט גיקריגין פיל געלט מיט זיין שווייס אונ זיין הארעוואניע · איצונד פאר לאזט ער עש צוא אנדער מענטשין: (ז) אונ אמאל נעמט זיין ווייב דאש געלט פאר איר כתובה · אונ נאך זיין טויט האט זיא חתונה צויא איין

אנדערן

המה קרועים ובלויים ואין לבניו שום הנאה ממִמון אביהם והמה רואים שאמם יושבת ואוכלת ושותה עם איש אחר ומתענגת עם בעלה השני והיתומים מבעלה הראשון המה יושבים בין תנור לכיריים ומביטים וצופים ורואים שאמם יושבת ומתעדנת בבשר ויין ושאר מעדנים והלוואי יושג להם שיורי מאכליה: (ח) והבנים אז תתאנח לפם על זה ואומרים זה לזה הלא כל העושר והממון מאבינו היה ואין בידינו להציל וא"כ אם יזכור האדם על מדה הזאת אשר יוכל קרוב להעשות כן בגזירת המלך ממ"ה הקב"ה: (ט) וכאשר שבעיני ראיתי שהרבה ילדים שנתגדלו בתענוגים ונהפך ענג לנגע וצרות ותלאות ואחר מות אביהם הולכים וצועקים על קבר אביהם ואין מושיע להם כי המתים טרודים ליתן דין וחשבון על החטאים ופשעים כל זה ישים האדם אל לבו בודאי אל יתגאה בעשרו: (י) ואם הוא חכם שמתגאה בחכמתו יחשוב בלבו הלא כמה חכמים נלכדו בחכמתם ויותר מאשר התבוננו להתחכם נפלו במצודה רעה ע"י דבור קל בפח יקוש אשר לא יכלו קום כמו שאירע להרבה בני אדם אשר רצו להתחכם במענה לשונם לפני מלכים ושרים ואחר כך נלכדו בדבור קל עד אשר נלכדו ברעה גדולה באין תרופה· ואותן בני אדם שעושין עצמן לאין ואמרו בזה הלשון איני יודע הם נכנסו בשלום· ואם כן מה יתרון להחכם בחכמה וחכמת עוה"ז הלא אין שום אדם ניזון ונתפרנס בחכמה אשר נתן לו הקב"ה איך להמציא מזון לביתו ולא בהנאת חבירו: (יא) ע"כ צריך האדם לשום אל לבו כי פתאום יבוא היום אשר תופר חכמתו הוא העת אשר יפול למשכב ודעתו אינה צלולה מחמת כובד החולי אשר

אנדערין מאן · אונ גיט אים אוועק גאר איר געלט · אונ זיינע קינדער גייען בארוויס אונ זייערע קליידער זיינען צוא ריסען אונ דיא קינדער האבין קיין שום הנאה ניט פון זייער פאטערס געלט · אונ זייא זעהען וויא זייער מוטער זיצט אונ עסט אונ טרינקט מיט דעם אנדערין מאן · אונ טוט זיך אן מיט אים פיל תענוגים אונ דיא יתומים וואש איר איז געבליבין פון איר ערשטין מאן זיצין בייא דעם אויבין אונ ליגין אונ זעהען וויא זייער מוטער זיצט אונ זעניפט זיך מיט פלייש אונ וויין אונ אנדערע גוטע מאכלים אונ משקאות אונ צוא זייא הלואי וואלט מען געגעבין דאש וואש עס בלייבט איבער פון דעם טיש : (ח) אונ דיא קינדער זיפצען נעבאך דרויף אונ זאגין איינער צום אנדערין פאר וואר נאר דאש עשירות אונ דאש געלט איז דאך פון אונזער פאטער · אונ מיר קענען דאש ניט מציל זיין · אונ דרום אז דער מענטש וועט דאש גידיינקען אז דאש אליץ קען גיך גיטאן ווערין מיט דער גזירה פון גאט ב"ה : (ט) אונ אזוא וויא איך אליין האב גיזעהען מיט מיינע אויגין אז פיל קינדער וואש זיינן גיוואקסין גיווארין אין תענוגים אונ זייער עונג איז זייא פאר קערט גיווארין צוא נגע אונ צרות · אונ נאך זייער פאטערס טויט גייען זייא אונ שרייען אויף זייער פאטערס קבר אונ ער קען זייא ניט העלפין ווארום דיא מתים זיינען טרוד צוא געבין דין אונ חשבון אויף זייערע זינד · דאש אליץ זאל דער מענטש טאן צוא זיין הארץ וועט ער זיך בוודאי ניט בעל גאוה האלטין מיט זיין עשירות : (י) אונ אויב ער איז איין חכם אונ האלט זיך בעל גאוה ומיט זיין חכמה זאל ער טראכטין אין זיין הארץ פאר וואר פיל חכמים זיינן באצוואונגען גיווארין דורך זייער חכמה · אונ וויא מער זייא האבין זיך גיליינט צוא קליגין · זיינען זייא נאך מער אין איין שלעכטר געץ אריין גיפאלין · דורך איין דיבור זיינען זייא אריין גיפאלין אין אזו איין שטרויכלונג וואש זייא האבין ניט גיקענט אויף שטיין · אזוא וויא עש האט זיך גיטראפין צוא פיל מענטשין וואש זייא האבין גיוואלט קליגין מיט זייערע רייד פאר מלכים אונ שרים · אונ דער נאך זיינען זייא גיכאפט גיווארין מיט איין דיבור ביז זייא זיינען באצוואונגען גיווארין אין גרויש בייז וואש זייא האבין גאר קיין רפואה ניט צוא זייער שלאק · אונ דיא מענטשין וואש האבין זיך גימאכט צוא נישט אונ האבין גיזאגט מיט דעם לשון איני יודע איך ווייש ניט דיא זיינען אריין גיגאנגען מיט דעם שלום · נוא אז עש איז יוא אזוא וואש קומט ארויש דעם חכם מיט זיין חכמה פון דער וועלט · פאר וואר קיין שום מענטש ווערט ניט גישפייזט דורך דער חכמה וואש גאט האט אים גיגעבין דאש ער זאל דורך זיין חכמה קענן קריגין המציאות וויא ארום צוא קריגין שפייז צוא זיין הויז גיזינד אונ זאל ניט בדארפין צו דער גאב פון זיין חבר · דאש איז דאך בוודאי ליגן נאר ער ווערט גישפייזט דורך דעם חסד פון גאט ב"ה : (יא) דרום בדארף דער מענטש טאן צוא זיין הארץ אז פלוצלונג ווען קומען דער טאג וואש ער וועט שלאף ווערין אונ זיין שכל וועט ניט קלאר זיין מחמת דיא שווערע קרייננק · וואש אקליין קינד וועט קליגער זיין פון

אים

נער קטן יחכם ממנו וחכמתו לא תצילנו ממלאך המות· הוי הוי מה יתרון לחכמה כזו· ע״כ יראה האדם שלא יתגאה בחכמתו: (יב) ואם יתגאה האדם בלימוד תורתו אשר לבו שנון וחריף וחדוד ומחוכם בתורה בעומק ורוחב ואין לו דמיון במחשבתו בדור הזה· ולא יבין שיש בדור הזה לומדים כמותו וג״כ בעלי תריסין בעלי ישיבה· מ״מ נחשבו המה כנגד תנאים ואמוראים חכמי התלמוד לקליפות השום ובמקום גדולתן שם היה ענותנותן כאשר יבואר בכמה מקומות בתלמוד ובמדרש מגודל ענות ראשונים וקדמונים ובעבור כן זכו לכתר תורה· ואם ח״ו מתגאה האדם בלימודו הרי הוא נותן כח לס״א וכל סטרא דקדושה בורחים מעליו ואיתא בספר גבעת המורה: (יג) מעשה בחסיד אחד שהלך בדרך ונזדמן שהלך עמו אליהו הנביא ז״ל ופגעו בנבילה אחת מושלכת בדרך והיתה הנבילה מסרחת סרחון גדול עד שהניח החסיד ידו לחוטמו מפני הסרחון· ואליהו הנביא הלך קרוב להנבילה ולא חש כלל· עד דהוו אזלו פגע בהם אדם א׳ מרחוק שהלך לקראתם והליכתו היה בגאוה והיה מתפאר ומתיהר ולמרחוק שם אליהו הנביא את ידו לחוטמו· ושאל אותו החסיד מדוע לא שם אדוני ידו על חוטמו אצל הנבילה והשיב לו אליהו הנביא זה הסריח יותר מהנבילה· כי נבילה כיון שאדם נוגע בה הוא טמא עד הערב אבל הנוגע בזה האדם מקבל ממנו טומאות חמורות עכ״ל: (יד) וא״כ זה הכלל כי מדת הגאוה היא מדה גרועה מרבה קטטה וקנאה ושנאה ולה״ר וכעס שקרים וליצנות· ואם התבונן בה תראה שכל עבירות שבתורה כלולין בה והפגם
של

אים· אונ זיין חכמה ווערט אים ניט מציל זיין פון דעם מלאך המות ווייא גישריען וואש קומט ארויש פון אזוא איין חכמה· דרום זאל דער מענטש זעהען ניט בעל גאוה האלטין זיך מיט זיין חכמה: (יב) אונ אויב דער מענטש ווערט זיך בגאוה האלטין מיט זיין לערנען וואש זיין הארץ איז שארף צום לערנען אונ האט גרויש שכל אונ קען זייער וואול לערנען אונ אים דוכט זיך אויש אז אין דעם דור איז ניט פאר האנדין זיין גלייכין· אונ טוט ניט פאר שטיין אז אין דעם דור זיינן פאר האנדן נאך אזעלכע לומדים וויא ער איז פון דעסט וועגין אנטקעגין דיא תנאים אונ אמוראים די חכמים פון דר גמרא איז ער גירעכינט אזו וויא שאלעכין פון קנאביל אונ פון דעסט וועגין האבין זייא גיהאט גרויש ענוות אזו וויא עש שטייט אויף פיל ערטר אין דער גמרא אונ אין מדרש פון דיא גרויש ענוה וואש דיא ערשטע חכמים האבין גיהאט אונ דורך דעם האבין זיי זוכה גוועזן צו דעם כתר תורה· אונ אויב דער מענטש האלט זיך ח״ו בעל גאוה מיט זיין לערנן גיט ער כח צו דער סטרא אחרא אונ נאר דיא סטרא דקדושה אנטלויפן פון אים· אין ספר גבעת המורה שטייט (יג) עש האט זיך גיטראפין איין חסיד איז גינאנגען אונ אליהו הנביא ז״ל האט זיך אים מזדמן גיוועזן· האבין זייא בגעגינט אן איין נבילה וואש זיא איז גילעגין אויף דעם וועג אונ דיא נבילה האט זייא מסריח גיוועזן ביז דער חסיד האט מיט דער האנט פאר מאכט זיין נאז כדי ער זאל ניט הערין דיא סרחה· אונ אליהו איז גינאנגן נאהינט צוא דער נבילה אונ עש האט אים גאר

ניט גיהארט: וויא זיי זיינען גינאנגן האט זייא בגעגינט איין מענטש איז גינאנגן אנטקעגן זיי· אונ זיין גיין איז גיוועזן מיט גאוה אונ אז ער איז נאך וייט גיוועזן האט אליהו הנביא פאר מאכט זיין נאז מיט דער האנט· האט דער חסיד אים גיפרעגט ווארום האט מיין האר ניט פאר מאכט דיא נאז מיט זיין האנט בייא דער נבילה נאר איצונד· האט אליהו הנביא אים גיענטפערט דר דאזיגר מענש איז מער מסריח פון דער נבילה ווארום אז אמענטש רירט אן אין איר איז ער נאר טמא ביז נאכט· אבר דר וואש רירט אן אין דעם מענטשין איז ער פון אים מקבל הארבע אונ גרוישע טומאות: (יד) דש איז דער כלל אז דיא מדה פון גאוה איז דיא ערגשטע מדה זיא מערט קריג אונ קנאה אונ פיינט שאפט אונ לשון הרע אונ כעס אונ פאלשקייט אונ ליגין אונ ליצנות אונ אויב דוא וועשט דרינן פאר שטיין וועשטו זעהען אז אלע עבירות פון דער תורה זיינען כלול אין דער מדה פון גאוה· אונ דער פגם פון גאוה איז זייער גרויש ווייא איז צו דעם בעל גאוה ווייא איז צוא זיין נשמה: (טו) וואול דעם מענטשין וואש בהעפט זיך אין דער מדה פון ענוה אונ אונטר טעניקייט. דיא מדה איז זייער שיין אונ גילויבט· אונ זיא ברייננט דעם מענטשין צוא עוה״ב אונ זיא איז אים מציל פון חיבוט הקבר דען עש איז ניט פאר האנדין קיין בעסרע מדה וואש ריינקט אונ מאכט ווייש דעם גשמי מענטש כלומר וואש עס פאר גיט זיינע עבירות אזוא וויא דיא מדה פון ענוה דאש דער חומר ווערט איין רוחני· אויך דער גוף פון דעם מענטשין וואש אלע זיינע טעג איז ער גיגאנגען מיט ענוה· לייכט
דער

של הגאוה גדול מאד אוי לו ואוי לנפשו מי שהוא רגיל בה להאחז בה: (טו) ואשרי האדם המתדבק במדת הענוה והכנעה מדה זו נאה היא ומשובחת ומביאה האדם לחיי עוה"ב ומצלת אותו מחיבוט הקבר כי אין לך מדה המטהרת ומלבנת האדם הגשמי כמו מדת הענוה שהחומר נעשה רוחני וגם הגוף של אדם אשר כל ימיו הולך בענוה מאיר בקבר כאור הבהיר למקבל הבהיר ומקבל הארה מקדושה עליונה וזוכה לשמוע סודות התורה מישיבה של מעלה והגוף עם הנפש מאירים כחדא וכל זה ע"י מדת הענוה· והתנאים ורבנים ואמוראים היו מלומדים בנסים ואשר היה מתגלה עליהם אליהו הנביא ז"ל והופיע עליהם רוח הקדש והכל היה ע"י מדת הענוה: (טז) כי העניו מודה על האמת ומקבל תוכחה· ודבורו בנחת אהוב למעלה ונחמד למטה ע"כ צריך האדם להתפלל לזכות למדה זו כמ"ש החסיד בספר שלהבת לומר אחר התפלה (קודם יהיו לרצון אמרי פי) רבש"ע זכני למדת ענוה ולמדת ההכנעה כדי שאהיה מקובל ומרוצה לעם ואח"כ יאמר יהיו לרצון וכו' ובאמת שצריך אדם להתגבר בתפלתו בבכי ותחנונים לפני הקב"ה שיסיר ממנו מדת הגאוה וידבק במדת הענוה: (יז) כי הרוב בעלי גאוה מתים בחצי ימיהם והענין בעבור שזהו בוודאי כל המתגאה הוא שנאוי בעיני הבריות כי זה הוא ענין רע בעיניהם המנהג של בעלי גאוה וממשיך עליו שנאת הבריות וע"ז יכול להוציא אותו מן העולם וגם אם עלתה לו תאותו להיות ראש הקהל או מורה צדק לעדתו· אך בעבור גאותו כולם נחשבים לאין כנגדו ומזלזל בכבוד הבריות אשר גם זה הוא סיבה לקיצור ימיו ושנותיו ר"ל: (יח) ועבירה גוררת עבירה שרצונו תמיד להיות מן המנצחין ולא מן המתנצחין אין מבחין בין טוב לרע בין אם הוא ישר או לאו רק להעמיד ניצוחו ומקלקל הדינים ומעוות המשפטים ישרים וזה ידוע שהטיית הצדק מטה את האדם בפתאום מכף חיים לכף המות ועוד בעבור היותו בעל הגאוה מרחיב פיו גם נגד תלמידי חכמים שבאו להוכיח אותו על דבריו ודרכיו המכוערים: (יט) וכאשר שהחטא

דער גוף אין קֶבֶר מיט איין קלאר ליכט· אונ איז מְקַבֵּל ליכטיקייט פון דער אייבערשטער קְדוּשָׁה· אונ איז זוֹכֶה צוא הערין סודות הַתּוֹרָה פון דער אייבערשטער יְשִׁיבָה· אונ דער גוף מיט דער נְשָׁמָה לייכטין אין איינעם· אונ דאש קומט אלץ דורך דער מִדָּה פון עֲנָוָה· אונ דיא תַּנָּאִים אונ דיא רַבָּנִים אונ דיא אֲמוֹרָאִים וואש זייא זיינען גיוואוינט גיוועזן מיט נִסִּים· אונ אֵלִיָּהוּ פלעגט זיך אנטפּלעקין צוא זייא אונ דער רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פלעגט צוא שיינען אויף זייא· איז דאש אלץ גיוועזן דורך דער מִדָּה פון עֲנָוָה וואש זייא האבין אין זיך גיהאט: (טז) דען איין עָנָיו איז מוֹדֶה אויף דעם אֱמֶת אונ פר נעמט שְׁטְרָאף רייד אונ זיין רייד איז מיט נַחַת· ער איז גליבט אויף דעם הימל אונ איז גלוסטיג ביא לייט· דרום מוז דער מענטש מִתְפַּלֵּל זיין ער זאל זוֹכֶה זיין צו דער מִדָּה אזו וויא דער חָסִיד שרייבט אין דעם סֵפֶר שַׁלְהֶבֶת דאש נאך שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פאר יִהְיוּ לְרָצוֹן זאל דער מענטש זאגין דיא תְּפִלָּה רבונו של עולם דער הער פון דער וועלט זכני למדת ענוה זייא מיך מְזַכֶּה איך זאל קומן צוא דער מִדָּה פון עֲנָוָה ולמדת הכנעה אונ צו דר מִדָּה פון אונטער טעניקייט כדי שאהיה מקובל ומרוצה לעם פון וועגין איך זאל זיין מְקוּבָּל אונ באווילינט צו דעם פאלק· אונ דער נאך זאל ער זאגין יהיו לרצון וכו' אונ בֶּאֱמֶת דער מענטש מוז זיך שטארקין מיט זיין תְּפִלָּה מיט גיוויין אונ ניבעט פאר גאט ב"ה אז ער זאל פון אים אפ טאן דיא מִדָּה פון גַּאֲוָה אונ זאל ווערין בהעפט אין דער מִדָּה פון עֲנָוָה: (יז) דען דאש רוב בַּעַל גַּאֲוָה שטארבין אין האלב פון זייערע יארין· אונ דאש איך ווייש דאש איז גיוויש אז דר וואש האלט זיך בְּגַאֲוָה איז גיפיינד ביא לייט· וואָרום דער מִנְהָג פון דעם בַּעַל גַּאֲוָה איז שלעכט אין זייערע אויגין מְמֵילָא ציהט ער אויף זיך דיא שִׂנְאָה פון לייט· אונ דורך דעם קען ער גיך גיין פון דער וועלט· אונ ווען אֲפִילוּ ער קריגט זיין גילוסטיקייט ער זאל זיין איין ראש הַקָּהָל איבר דיא לייט אדר איין מוֹרֶה צֶדֶק· נאר פון וועגין זיין גַּאֲוָה זיינן אלע לייט ביא זייא גירעכינט פאר נישט אונ זיינן מְזוּלְזָל אין דעם כָּבוֹד פון לייט אונ דש איז זייא אויך גּוֹרֵם קִיצּוּר יָמִים: (יח) אונ איין עֲבֵירָה שלעפט דיא אנדערע עֲבֵירָה דאש זייא ווילין תָּמִיד זיין פון דיא וואש זייגען יענם מְנַצֵּחַ· סאיי וואש ער זאגט איז גוט אדער שלעכט· סאיי ער זאגט מיט יוֹשֶׁר אונ סייא נית נאר ער וויל אויש פירין זיין נִצָּחוֹן· אונ דש איז גיוויש אז דר וואש נייגט אוועק פון דעם גירעכטיקייט· נייגט עש אים פלוצלונג אוועק פון דעם לעבין צום טויט· אונ אויך ווייל ער איז איין בַּעַל גַּאֲוָה· עפינט ער אויף אונ דר ברייטערט זיין מויל צו ריידין קעגין דיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואש קומען שטראפין אים אויף זיינע רייד אונ זיינע מיאוסע וועגין: (יז) אונ דיא עֲבֵירָה

הזה מצוי בעו"ה בהרבה בני אדם ובפרט ראשי ופרנסי הקהילות הולכין ומתגברין · (המחבר מדבר מזמנו שהראשים לא היו מתנהגים ביושר · אבל כעת עיני הממשלה פקוחות עליהם לבל יטו מארחות צדק ויושר) · עד שבאו לכלל מצערי רבנן ופתאום נכווים בגחלתן ועוברים מן העולם כצל עובר ונוסף על זה ג"כ הוא בכלל מצער רבנן למשול עליהם בכח : ובא וראה המצער הבריות הרי הוא מכניס עצמו בסכנות גדולות · ואף המצער את הבהמה חיה ועוף יש לו עונש כי אין שום דבר שאין לו מזל והמזל של המצטער מקטרג עליו · ומכ"ש שיש לאדם עונש גדול המצער ת"ח : (כ) בא וראה מה שהביא בעל החרדים באיש חשוב תם וישר שהתאכסן אצלו הקדוש האר"י ז"ל ועשה לו כבוד גדול וטרם נסיעתו של אותו איש הקדוש האר"י ז"ל · אמר לו מה הגמול אשר אשלם לך בעד החיבה הגדולה שהראית לי ואני מוכן לתשלום גמולך הטרחה שטרחת בשבילי והשיב לו הבעל הבית שהיו לו בנים ואחר כך נעשית אשתו עקרה אולי ימציא לו תרופה לאשתו כבראשונה : (כא) והשיב לו האר"י ז"ל ענין הסיבה שנעשית עבור הסיבה ההיא עקרה וגילה לו הנה ידוע לך שהיה סולם קטן עומד בביתך שהיו התרנגולים קטנים עולים ויורדים בו לשתות מים בכלי של מים אשר היה סמוך לסולם והיו שותים ומרוים צמאונם ופעם אחת אמרה אשתך להמשרתת שתסיר הסולם משם · אף כי לא היה כוונתה לצער את התרנגולים כי אם מטעם אחר להיות הבית נקי ומאז אשר הוסר הסולם יש להתרנגולים צער גדול שאינן יכולין התרנגולין לפרוח כי היו עדיין קטנים וסבלו צמאון גדול ועלתה צפצופם לפני הקב"ה המרחם על כל מעשיו ועי"כ נגזר עליה להיות עקרה והחזיר הבעל הבית הסולם למקום הראשון וה' נתן לה הריון וחזרה ללדת

איז בעונותינו הרבים גיוואונטליך בייא פיל מענשן אונ בפרט די ראשי פרנסים פון די שטעט די זיינן זיך אזו מתגבר ביז זייא קומן אין דעם כלל מצער צו זיין דיא תלמידי חכמים (אין די צייט פון מחבר האבין זיך די פרנסים גיט גיפירט וויא מען דארף אבר בזמננו איז דיא ממשלה הרוממה משגיח אויף זייערע הנהגות אונ עס פירט זיך אלש מיט אסדר אונ מיט גירעכטיקייט) אבר זיי וועלן פלוצלונג אם גברענט ווערן איז זייערע קילין · אונ זייא וועלין אוועק גיין פון דער וועלט : אזוא וויא איין שאטין וואש גייט אוועק · אונ קום אונ זעה דער וואש איז מצער לייט דער ברייננט זיך אין גרוישע סכנות אריין · אונ אויך דער וואש איז מצער איין בהמה אדר איין חיה ועוף דר האט איין עונש · ווארום עש איז ניט פאר האנדין קיין שום זאך אז עש זאל ניט האבין איבר זיך איין כמונה אונ דער מטונה פון דער זאך וואש ער איז זייא מצער איז מקטרג אויף אים אונ מכל שכן דער מענטש וואש איז מצער איין ת"ח האט בוודאי איין גרוישין עונש : (כ) קום אונ זעה וואש דר בעל החרדים ברייננט איין מעשה דער האר"י ז"ל איז איין גישטאנן ביי איין איש כשר וישר · אונ ער האט דעם האר"י ז"ל גרוים כבוד אן גטאן · אונ איידר דר קדוש האר"י ז"ל איז אוועק גיפארן פון אים · האט דער האר"י צוא אים גיזאגט וואש פאר איין טובה זאל איך דיך בצאלין פאר דער גרוישר ליבשאפט וואש דו האשט מיר גיוויזין · אונ איך בין אן גיברייט צוא בצאלין דיר איין טובה פאר דעם וואש דוא האשט זיך מטריח גיוועזן פון מיינט וועגין · האט דער בעל הבית אים גיענטפערט · איך האב גיהאט קינדר אונ דער נאך איז מיין ווייב גיווארן איין עקרה · טאמער וועט איר קענן מתפלל זיין פאר איר זיא זאל ווידר האבין קינדר : (כא) האט אים דער האר"י ז"ל גיענטפערט זאלשט ווישן פאר וואש דיין ווייב איז גיווארין איין עקרה · דען איין קליינע לייטער איז גישטאנן אין דיין הויז וואש דיא קליינע הינר פלעגין דארטין ארום ארויף אונ אראפ גיין צוא טרינקען וואסער אין דער כלי · וואש פלעגט שטיין בייא דעם לייטר אונ פלעגין זיך דארטין אן טרינקן · איין מאל האט דיין ווייב גיזאגט צו איר דינסט זיא זאל דעם לייטר פון דארטין צוא נעמען · אונ חאטשע איר כוונה איז דאך ניט גיוועזן מצער צוא זיין דיא הינר · נאר זיא האט עש גיטאן פון וועגין איר הויז זאל ריין זיין · פון דעסט וועגין פון דעם טאג אן וואש מען האט דעם לייטר צו גינומן האבין דיא הינר גרויש צער גיהאט דען זייא האבין ניט גיקאנט פליהען ווייל זייא זיינען נאך קליין גיוועזין · דרום האבין זייא גיליטין גרויש דארשט · אונ זייער פיפצין איז אויף גיגאנגן פאר גאט ב"ה וואש ער דער בארמט זיך איבר אלע בשעפניש · דרום איז אויף איר גגזר גיווארן זיא זאל זיין איין עקרה דרום זאלשטו ווידר קערן דעם לייטר אויף זיין ערשטין ארט וועט זיא ווידר האבין קינדר · האט דער בעל הבית אזוא גיטאן האט זיא גיהאט קינדר

פון

ללדת כבראשונה: (כב) הרי לך כי השי"ת ב"ה פוקד ומשגיח על כל בריה ברו"ב רחמיו וחסדיו ומשלם להמצערים את הבריות ועל הכל צריך האדם ליתן דין וחשבון · וא"כ צריך האדם ליזהר שלא לצער את חבירו בחנם בא וראה מה דאיתא בפ"ק דחגיגה מאי דכתיב כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע זה הרוקק בפני חבירו וחבירו נמאס בה ואיתא בספר הסידים סימן מ"ד: (כג) מעשה בחסיד שהיה מכסה כל הרוקים שהיה מוציא מפיו וגם כל הרוקין מאנשים אחרים והיה כוונתו לכסות את הרוקין שלא יבוא אחר ויראה הרוק וימאס בו ולא ימחול לזה שהוציא מפיו ע"כ · וא"כ בא וראה עד כמה דקדקו חסידים הראשונים באזהרה שלא לצער את חבירו כי הרבה בני אדם אשר לא נזהרו בזה: (כד) ובפרט בדור הזה אשר אינם יודעים שום צדק ויושר ועסקיהם לרוב באלמות מחמת סירוב שלהם אבל הם אינן יודעים שאם אין דין למטה יש דין למעלה שפתאום יומו ודינו יבא: (כה) וע"ז הזהיר הרב הרא"ש ז"ל בקונטרס של ארחות חיים וז"ל · אל יהיו מרובים בעיניך אוהבים · ויהיה שונא אחד בעיניך כמרובים עכ"ל ולא כן ההמונים שבעבור דבר מועט באיזה עסק משא ומתן או שאר דברים מקלל לחבירו בקללות חמורות בר מינן ואינו משים על לב שכל בני אדם נחשבים כאיש אחד: (כו) ולא יאות לזרע אברהם להיות הפה רגיל בקללות כי אם בברכות ובדברים טובים ורכים שיש בהן נחת רוח להבורא יתברך כי האיש אשר הוא מקלל לחבירו הוא שנוא לפני הקב"ה · כי הקב"ה הבטיח לאברהם אורריך ארור ומברכיך ברוך שהרי נתן הקב"ה חכה לתוך פיו של בלעם הרשע שרצה לקלל את ישראל ונהפכו הקללות לברכות: (כז) ודע שמצאתי כתוב כל מי שמקלל לחבירו על חנם ועל לא חמס בכפיו אז הבורא יתברך פורש כנפיו על זה האיש הזכאי שלא ישלוט עליו שום קללה ותדע שיש לך אדם שמזגו הוא רע רחמנא ליצלן

(כב) פון דאנען איז גידרונגען אז גאט ב"ה גידיינקט אונ איז משגיח מיט זיין פיל רחמנות אונ זיין גינאד אויף איטליכש בשעפעניש אונ באצאלט צוא דיא וואש זיינען מצער לייט · אונ אויף אלעמען מוז דער מענטש געבין דין אונ חשבון · דרום מוז דער מענטש גיווארינט זיין אז ער זאל ניט מצער זיין זיין חבר אום זיסט · אויך זעה וואש עש שטייט אין דער מסכת חגיגה מאי דכתיב וואש מיינט עש דער פסוק על כל אלה יביאך אלהים במשפט אויף דעם אלעמן וועט גאט דיך ברייניגן צום משפט על כל נעלם אויף איטליכע פאר הוילנע זאך זה הרוקק לפני חבירו דאש מיינט מען דער וואש שפייט פר זיין חבר וחבירו נמאס בה אונ זיין חבר מיאוסת זיך דער פון · אונ אין ספר חסידים שטייט (כג) איין חסיד פלעגט פר דעקן אלע שפייעכץ וואש ער פלעגט שפייען · אונ אוך פרעמדע שפייעכץ · אונ ער האט עש דרום גטאן ווייל טאמר וועט איינער קומן אונ וועט זעהן דאש שפייעכץ אונ וועט זיך מיאוסין דער פאר אונ וועט ניט מוחל זיין צוא דעם וואש האט עש גישפיגין · נוא זעה ביז וואנען די ערשטע חסידים האבין מדקדק גיוועזן אין דער אזהרה ניט מצער צו זיין דעם חבר דען עש איז פר האנדין פיל מענטשין וואש זיינען דרינען ניט נזהר: (כד) אונ בפרט אין דעם דור וואש זייא ווייסין ניט קיין שום צדק ויושר · אונ זיינן דאש רוב עוסק מיט תקיפות · אבר זייא ווייסן ניט אז דער וואש וויל ניט פאלגן צדק ויושר · משפט אים דאש ב"ד של מעלה אונ פלוצלונג וועט קומן זיין טאג אונ זיין דין: (כה) אונ דרויף האט דער הרב הרא"ש מוהיר גיוועזן אין אורחות חיים אל יהיו מרובים בעיניך אוהבים עש זאל אין דיינע אויגין ניט פיל זיין דיא ליב האבערש · ויהי שונא אחד בעיניך כמרובים אונ איין שונא זאל בייא דיר זיין וויא פיל · אבער דיא לייט טוען ניט אזו דאש פון איין קליינע זאך וועגין אין משא ומתן אדר אנדרע זאכין · שילט ער צוא זיין חבר מיט הארבע קללות · אונ ער טוט ניט אויף זיין הארץ אז אלע זיינען גירעכינט וויא איין מענטש · אונ עש איז ניט רעכט צוא דער זרע פון אברהם אבינו אז זיין מויל זאל גיוואנט זיין מיט קללות נאר מיט ברכות אונ מיט גוטע רייד וואש אין זייא איז פאר האנדין נחת רוח צוא גאט ב"ה · דען דער מענטש וואש שילט צוא זיין חבר דער איז גיפיינד פאר גאט ב"ה · ווארום גאט ב"ה האט מבטיח גיוועזן צוא אברהם אבינו דער וואש וועט דיך שילטן דר זאל אליין ווערין גישאלטין · אונ דר וואש וועט דיך בענטשין זאל זיין גיבענשט · דען גאט ב"ה האט גינעבין איין רינג אין דעם מויל פון בלעם הרשע וואש ער האט גיוואלט שילטין די ישראל · זיינן דיא קללות פאר קערט גיווארין צוא ברכות: (כז) אונ וויים אז איך האב גיפונן גשריבן אין איין ספר אז איטליכער וואש שילט צוא זיין חבר אום זיכט פאר שפרייט גאט ב"ה זיינע פליגל אויף

דעני

שהחיצונים מוכנים ליצלן ועיניו ופיו ולבו כולן ממקור הס"א וקללתו היא מסוכנת כמ"ש ר"י החסיד ז"ל לקטרג ע"פ קללה זאת · ואלמלא הקב"ה חופף עליו מה שהבטיח לאברהם והיה ברכה אז ח"ו היו חלין הקללות על אותו האדם : (כח) וצריך עוד לידע לא די שלא חל הקללות חנם · אדרבה יש שכר טוב לאותן שנתקללו בחנם · כדאיתא בירושלמי דמס' פאה וז"ל רבי יוסי אוקמא לן פרנסין וגבאין ולא קבלו עליהון (מרוב ענוה) עאל ואמר קומיהון בן בבא על הפקיעין (פירוש בן בבא היה ממונה על הפתילות שבמקדש) וזכה להיות נמנה עם גדולי הדור עכשיו אתם ממונים על חיי נפשות לא כל שכן : (כט) רבי אליעזר הוי חד זמן עביד ליה פרנס (פירוש גבאי צדקה) פעם אחת אתא לביתו · א"ל מאי עבידתון (ר"ל רבי אליעזר שאל לאנשי ביתו באיזה ג"ח עסקו) · אמרו לו אתון חד סייען (ר"ל הבורה של עניים) ואכלון ושתון וצלו עלך · אמר להו לית דין אגר טב · נחת זמן תניין · א"ל מה עבידתון אמרי ליה אתו חד סייען (ר"ל חבורה של עניים) ואכלון ושתון ואקילנך (ר"ל קללו אותך) אמר להו כדין אגר טב עכ"ל · נמצא שהיה משמח באשר שקללו אותו בחנם : (ל) ובאשר שעון זה מצוי בהמון עם לקלל אדם את חבירו וזה הוא עיכוב גדול מלעשות תשובה על חטאיו · ע"כ באנו להזכיר מזה להזהיר ליראי ה' ולחושבי שמו שלא יצא מפיו שום קללה · כדי שבנקל יוכל לעשות תשובה · כי הקב"ה בעצמו מכריז על התשובה בכל יום ויום ואומר שובו בנים שובבים כי ידו פשוטה לקבל שבים · ודע כי כשיוצא קול כרוז למעלה הקול נשמע למטה בזה העולם והקול ההוא מעורר עצי היער ולובשים חרדה ואומרים שירה באימה וביראה

(כט) דעם גירעכטין מענטשין אז קיין שום קללה זאל אויף אים ניט שולט זיין · אונ זאלכט וויכן אז עש איז פר האנדן איין מענטש וואש זיין טבע איז שלעכט רחמנא ליצלן אונ זיינע אויגן אונ זיין הארץ איז אלץ פון דעם מקור פון סטרא אחרא · אונ זיין קללה איז מסוכן · אזוא וויא רבי יהודה החסיד שרייבט אז דיא חיצונים זיינען אן גיברייט מקטרג צוא זיין דורך דער קללה אונ ווען גאט זאל ניט בדעקין אויף אים אז דיא קללות זאלין אויף אים ניט קומען ווייל ער האט מבטיח גיוועזן צו אברהם והיה ברכה וואלטין ח"ו מקוים גיווארן די קללות אויף דעם מענטשין נאר גאט ב"ה מיט זיין רחמנות בדעקט אויף אים : (כח) אונ דו דארפשט נאך ווישן אז ניט גינוג וואש דיא אום זישטע קללות קומען ניט אויף דעם מענטשין נאר נאך מער דיא וואש ווערין אום זיסט גישאלטין קומט נאך ברכות אויף זייא · אזוא וויא עש שטייט אין ירושלמי רבי יוסי האט גימאכט פרנסים אונ גבאים אין זיין שטאט וואו ער האט גיוואונט · האבין דיא מענטשין ניט גיוואלט זיין קיין פרנסים אונ קיין גבאים מחמת זייער גרויש ענוות · האט רבי יוסי פאר זייא גיזאגט דאש איינער וואש האט גיהיישין בן בבא איז גיוועזן ממונה איבער דיא קנייטלאך פון דיא לאמפין וואש מען האט אין בית המקדש אן גיצונדין : אונ האט זוכה גיוועזן דאש ער איז גצייילט גיווארין מיט דיא גדולי הדור · מכל שכן איר זייט אממונה איבער אזעלכעש וואש דרינען איז חיי נפשות וועט איר שוין בוודאי גרויש שכר האבין דער פאר :

(כט) רבי אליעזר איז איין מאל גיווארין איין גבאי צדקה איין מאל איז ער גיקומען צוא זיין היים · האט ער גיפרעגט צוא זיין הויז גיזינד אין וואש פאר איין גמילות חסד האט איר היינט עוסק גיוועזן האבין זייא צוא אים גיזאגט דא זיינען גקומן איין חברותא פון ארעמע לייט · אונ האבן גיגעסן אונ גיטרונקען · אונ האבין אויף אונז מתפלל גיוועזן מיר זאלין גיבענשט ווערין · האט ער צוא זייא גיזאגט דאש איז בייא מיר ניט קיין גוטין שכר · אין אנדר צייט איז ער ווידער אהיים גיקומען האט ער זייא ווידר גיפרעגט וואש פר איין גמילות חסד האט עש זיך איך היינט גיטראפין האבין זייא צו אים גיזאגט עש איז גיקומען איין חברותא פון ארעמע לייט אונ האבין גיגעסין אונ גיטרונקען אונ האבין דיך גישאלטין האט ער צוא זייא גיזאגט דאש איז איין גוטר שכר ווארום גאט ב"ה וועט מיר דער פאר ברכות געבין · ווערט גיפונן אז ער האט זיך משמח גיוועזן דרויף וואש זייא האבין אים אום זיסט גישאלטין : (ל) אונ ווייל דיא זינד איז גיוואונטליך בייא דיא לייט איינר זאל שילטין זיין חבר · אונ דאש מאכט איין גרוישין עיכוב דיא לייט פון תשובה צו טאן אויף דיא זינד דרום בין איך גיקומן דער פון צוא דער מאנען צוא דיא גאטש פארכטר אז קיין קללה זאל ניט ארויש גיין פון זיין מויל כדי ער זאל קענען גרינג תשובה טאן · ווארום גאט ברוך הוא אליין רופט אויש איטליכין טאג אויף דער תשובה אונ זאגט טום תשובה איר ווילדע קינדער דען זיין האנט איז אויס גישטרעקט מקבל צוא זיין דיא וואש

שוען

וביראה וכדאיתא בזוהר בראשית: (לא) ר' אליעזר ור' אבא הוי קאזלי באורחא ועסקי באורייתא ולוי בהדייהו רב המנונא סבא (וכבר היה רב המנונא מת) ומתחבר בהדייהו וכד אזלו ומטו לחד טורא והוי נטוי שמשא · שרוי ענפין דאילנא לנקשאה דא בדא ואמרו שירה עד דהוו אזלו שמעו חד קלא תקיפא דההוא אמר קדושים דאתבדרו ביני חייא אינון בוצינין קדישין בני מתיבתא אתכנישו לדוכתיהו לאשתעי במאריהון דאורייתא יתבו ר' אליעזר ורבי אבא וקמו בדוכתייהו בדחילו ורתיתו · נפק קלא ואמר טינרי תקיפין פטישין רמאין (ר"ל גם צדיקים שכבר מתו משתעשעים בין החיים לשמוע דברי תורה) כו' דהוי אמרי קול עולו ואיתכנשו בההיא שעתא שמעו קול ענפין אינון קול ה' בכח וגו' קול ה' שובר ארזים וגו' ע"כ · ואח"כ יוכל האדם ללמוד מזה שלא לקלל ולעשות תשובה ואז טוב יהיה לו סלה :

פרק ח **איתא** בירושלמי פ"ק דברכות העומד להתפלל צריך להשוות את רגליו · פליגי תרין אמוראין ר' לוי ור' סימון חד אמר כמלאכים וחד אמר ככהנים עכ"ל : (ב) ונראה דאלו ואלו דברי אלהים חיים הם · כי התפלה היא במקום הקרבן ע"כ צריך לעשות עצמו כאילו הוא כהן ומה עבודת כהן הוא פסול במחשבה זרה כך צריך האדם בשעת תפלה שלא לחשוב שום מחשבה זרה כדי שלא יעשה קרבנו פיגול ולא יאמר האדם הרהור עבירה אסור דווקא אלא אפילו הרהור משא ומתן ושאר הרהורים הן ג"כ אסורים · כי צריך האדם להיות דוגמת המלאכים שאין בהם עסקי עוה"ז : (ג) ואיתא בס' החינוך כשאדם הוא חושב במחשבתו בענייני כסף וזהב ומטבעות עובר על לאו דלא תעשון

עיין

טאן תשובה · אונ ווייל אז בשעת דער כרוז גייט ארויש אויף דעם הימל · ווערט דאש קול גיהערט הינטין אויף דעם עולם · אונ דאש קול דער וועקט דיא וועלדער פון דעם וואלד אונ זייא קלליידין אן ציטערניש אונ זאגין שירה מיט פארכט · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר בראשית רבי אליעזר אונ רבי אבא זיינען גיגאנגען אין וועג אונ האבין גילערינט תורה האט רב המנונא סבא זיך ביגהעפט צוא זייא אונ רב המנונא איז שוין גיוועזן גישטארבין וויא זייא זיינען גיגאנגען אונ האבין גיגרייכט צוא איין בארג · אונ דיא זון האט שוין גיוואלט אונטער גיין האבין דיא צווייגין פון דיא בוימער אן גיהויבין צו קלאפין איינש אן דעם אנדערין אונ האבין גיזאגט שירה · אונ האבין גיהערט איין שטארק קול וואש האט גיזאגט איר הייליגע נשמות וואש איר זייט פאר שפרייט צווישין די לעבעדיגע איר זאלט וויסין אז די הייליגע נשמות דיא בני מתיבתא האבין זיך איין גיזאמלט צוא זייער ארט צוא לערנען תורה · זיינען רבי אליעזר אונ רבי אבא גיבליבין שטיין אויף זייער ארט מיט גרויש פארכט · אין דער צייט האבין זייא גיהערט דאש קול וואש דיא צווייגין פון דיא בוימר האבין גיזאגט שירה דיא פסוקים קול ה' בכח קול וכו' · דרום קען דער מענטש זיך אפ לערנען דער פון ניט צו שילטין קיינעם · אונ צוא טאן תשובה אונ דאן וועט אים גוט זיין אויף אייביג :

פרק ח איתא עש שטייט אין ירושלמי פון ברכות דער וואש שטייט שמונה עשרה מוז ער מיט ביידע פיס גלייך שטיין · אונ אין דעם טעם דער פון קריגען צווייא אמוראים איינער זאגט ער מוז עש דרום טאן כדי גלייך צוא זיין צוא דיא מלאכים וואש בייא זייא שטייט ורגליהם רגל ישרה אונ זייערע פיס זיינען גלייך אונ ווערין גיזעהען וויא איין פוס · אונ דער אנדערר זאגט · כדי גלייך צו זיין צוא דיא כהנים : (ב) זאגט דער מחבר מיר דאכט צו זיין · אז דיא צווייא טעמים זיינען אמת ווארום דיא תפלה איז אן שטאט פון איין קרבן · דרום באדארף ער זיך מאכין גלייך וויא ער איז איין כהן · אזו וויא דיא עבודה וואש דער כהן טוט בייא דעם קרבן ווערט זיא פסול מיט איין פרעמדע מחשבה אזוא בשעת דער מענטש טוט תפלה טאר ער אויך ניט טראכטין קיין פרעמדע מחשבה כדי זיין קרבן דאש איז דיא תפלה זאל ניט פאר אום ווערדיקט ווערין · אונ דער מענטש זאל ניט זאגין דווקא איין הרהור עבירה איז אסור צוא טראכטין אין מיטין דאווענען · נאר אפילו איין הרהור פון משא ומתן אדער אנדערע הרהורים זיינען אויך אסור ווארום דער מענטש דארף זיין גלייך חיא דיא מלאכים וואש צווישין זייא איז ניט פאר האנדין קיין עסקים פון עולם הזה : (ג) אונ אין ספר החינוך שטייט אז דער מענטש טראכט אין זיין מחשבה אין דיא ענינים פון גאלד אונ זילבער אונ מטבעות איז ער עובר אויף איין לאו · אונ איך בין דאך אומעטום דרום טארסטו זייא אין קיין שום ארט ניט מאכין · אונ ווייל וואש עש שטייט אין זוהר אז עס איז פאר האנדין איין תמונה אונ

זיין

עיין שם באריכות ודע לך מה שמבואר בזוהר פ׳ אלה פקודי וז״ל איתא חד ממונה ושמו טהריא״ל העומד על הפתח אשר עוברים שם תפלות של בית ישראל שנתפללו בכוונת הלב בלתי שום ערבוב של מחשבה זרה׳ אזי אותו הממונה פותח שער בית התפלה להיכל אשר שם כל התפלות מתקבצות יחד ומהתפלות נעשה עטרת ראש למלך מלכי המלכים הקב״ה: (ד) אבל אם התפלה היא בלי כוונה ויש בה ערבוב מחשבה זרה אזי הממונה הוא דוחה את התפלה מההוא פתחא׳ והתפלה אזלא ומשטטת בעלמא עד שבאת ליד חד ממונה סהדיא״ל שמיה ובידו כל התפלות שנדחו משער בית התפלה ע״י שהן מעורבבים במחשבות זרות והן נקראים תפלות פסולות וגונז ההוא ממונה התפלות עד שהאדם עצמו משים על לבו על מה שהתפלל תפלות הרבה בלא כוונה ועדיין לא נענה באותן תפלות ומתוודה ומתחרט על עון וחטא זה שהתפלה בלא כוונה הוא כגוף בלא נשמה: (ה) ואומר אוי ווי לי מה שעשיתי כך והייתי פוגם בכבוד אדונינו האל הגדול הגבור והנורא לדבר לפניו בלתי כוונת הלב וגודר עצמו לבלתי לעשות עוד כזה המכשול ומכאן ולהבא מתפלל הוא בכוונה היטב אזי תפלות ראשונות שהן ביד הממונה סהדיא״ל עולה עם תפלה ראשונה שהתחיל להתפלל בכוונה וההוא ממונה בעצמו נוטל התפלות הפסולות הנזכרים לעיל ומעלה אותם מעלה מעלה עד שבא התפלה לפני הקב״ה בעצמו ונעשית עטרה עם שאר תפלות ישראל הכשרות: (ו) הרי לך חסד גדול מהבורא יתברך שבתפלה אחת נתקן הכל׳ ומי הוא זה אשר לא ישים אל לבו אלה הדברים לגמול חסד לנפשו ומכ״ש שלא להקל בתפלה עצמה לכתחלה ח״ו אף שחושק להתמיד בתורה מ״מ זמן תפלה לחוד ואל יאמר בלבו כי בעבור לימודו הוא יותר טוב בעיני הקב״ה בביטול תפלתו ח״ו וחלילה לומר כן: (ז) ובא וראה מה שהובא בספר הולך תמים ז״ל ר׳ ישעיה החסיד סיפר לי בשם ר׳ יהודה חסיד ז״ל בימי הרמב״ן ז״ל היה לו תלמיד אחד שהיתה

זיין נאמען איז (טהריאל) וואש ער שטייט אויף דער טיר וואש דארט גייען איבער דיא תפלות ישראל פון דיא וואש דאווענען מיט כוונה פון דעם הארץ׳ אן איין שום צוא מישונג פון איין פרעמדע מחשבה׳ דער ממונה עפינט דעם טויער פון דעם בית התפלה׳ אונ דיא תפלות גייען צוא דעם היכל וואש אלע תפלות זאמלען זיך דארט איין אין איינם׳ אונ פון דיא תפלות ווערט איין קרוין צוא גאט ב״ה: (ד) אבר אז דיא תפלה איז אן כוונה אונ אין איר איז פאר האנדין צוא מישט פרעמדע מחשבות׳ שטויסט דער ממונה אוועק דיא תפלה פון דער טיר׳ אונ דיא תפלה גייט אונ שוועבט אויף דער וועלט ביז זיא קומט צוא איין ממונה וואש זיין נאמען איז (סהדיאל) אונ אין זיינע הענט זיינען אלע תפלות וואש זיינען ווארין אוועק גישטויסין פון דעם טויער בית התפלה מחמת זייא זיינען צוא מישט מיט פרעמדע מחשבות׳ אונ דיא תפלות ווערין גירופן פסולי תפלות׳ אנ דער ממונה באהאלט דיא תפלות ביז דער מענטש אליין טוט אויף זיין הארץ וואש ער האט פיל תפלות גיטאן אן כוונה אונ איז מתודה אונ האט חרטה דרויף וואש ער האט תפלה גיטאן אן כוונה דען איין תפלה אן כוונה איז גלייך וויא איין גוף אן איין נשמה: (ה) אונ זאגט ווייא איז מיר וואש איך האב אזוא גיטאן׳ אונ האב פוגם גיוועזן אין דעם כבוד פון אונזער הער דער גרוישער גאט אונ דער שטארקער אונ דער פארכטיגער גאט צוא ריידין פאר אים אן כוונה פון דעם הארץ אונ מאכט זיך איין גדר אז ווייטער זאל ער שוין אזוא ניט טאן׳ אונ פון היינט אונ ווייטער איז ער מתפלל מיט איין גוטער כוונה׳ דענמאלט דיא פריערדיגע תפלות וואש זייא זיינען אין דער האנט פון דעם ממונה (סהדיאל) גייען דיא אלע תפלות ארויף מיט דער תפלה וואש ער האט אן גיהויבין דאווענען מיט כוונה׳ אונ דער ממונה אליין נעמט דיא פסולי תפלות אונ ברייגט זייא אויף אלע מאל העכער ביז זייא קומען פאר גאט ברוך הוא אליין אונ ווערין איין קרוין מיט דיא איבעריגע כשרה תפלות פון דיא ישראל: (ו) נוא זעהסטו שוין דעם גרוישין חסד פון דעם בשעפער יתברך דאש מיט איין תפלה ווערין פאריכט אלע תפלות׳ אונ ווער איז דער דאש ער זאל ניט טאן צוא זיין הארץ דיא זאכען גומל חסד זיין צוא זיין נשמה אונ מכל שכן ער זאל ניט מיקל זיין אין דער תפלה חס ושלום׳ תאמשע ער גילוסט זייער צוא לערנען בהתמדה פון דעשט וועגן איז דיא צייט פון תפלה באזונדער׳ אונ חלילה צוא זאגין אז בייא גאט איז בעסער זיין לערנען איידר זיין דאווענען נאר אין דער צייט פון דאווענען זאל ער דאווענען אונ דער נאך זאל ער לערנען: (ז) קום אונ זעה וואש דער ספר הולך תמים

שרייבט

נפשו חשקה בתורה בחשק נפלא וממש לא ראה שינה בעיניו · ואם היה אוכל להחיות נפשו אז היה הספר פתוח לפניו ותמיד נתן עיניו בספר ולא היה מתפלל מרוב אהבת התורה · והיה הרמב״ן ז״ל מזהיר אותו תמיד ואמר לו אכול בשעת אכילה ותישן בשעת השינה ועשה תפלתך בשעת תפלה וזכות התורה יהיה אצלך ותשמרך ותחייך אמנם לא תפשע בה כי התורה תתבע עלבונה לפני הקב״ה ותתענש ח״ו ע״ז והזהר בתפלה ולא השגיח התלמיד אל דבריו ולא שם אל לבו : (ח) ולא היו ימים מועטים שהלך התלמיד לשוק לקנות איזה דבר · וכאשר שב לביתו מצא פרש אחד שוכב עם בתו הבתולה באונס על אותו השלחן שהיה לומד תמיד עליו ונתאבל על זה ימים רבים · וא״ל הרמב״ן ז״ל הלא אמרתי לך שתהיה זהיר בתפלה שתקנו חכמינו ז״ל שצריך האדם להתפלל בכל יום יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו ואלהי אבותינו שתצילני היום מאדם רע וגו׳ ואתה לא שמעת בקולי · לכן בא זה הסיבה לבתך ומכאן ולהבא ראה התלמיד הנ״ל שהשגחה הפרטית היא בביטול תפלה והתחיל להתפלל כדת וכהלכה עכ״ל · ע״כ לכו חזו מפעלות אלהים אשר שם שם לו חק ומשפט על אותן אנשים המזלזלים בענין התפלות ונוהגין להתפלל בקלות וכל העם ישמעון וייראון עכ״ל : (ט) ע״כ יראה האדם לפחד תמיד בהעלותו אל לבו ימים רבים שעברו תפלות הקבועים בכל יום מבלי כוונה ועל זאת צריך לבקש רחמים מאת הקב״ה להסיר ממנו מכשול זה שלא יהיה ערבוביא המבטלים כוונת תפלה ויראה להתפלל בדמע כי תפלה בדמעות היא חשובה וקרובה מאוד להתקבל כידוע ע״פ מאמרי רז״ל ומרוב חשיבות של תפלות שבדמעות הפתח אשר נכנסים שם התפלות אשר הם עם דמעות אינו פותח אותו פתח שום מלאך או ממונה כי אם הקב״ה בעצמו ובכבודו ולכן הן אין ננעלים והן פתוחים תמיד ונקראים שערי דמעות וכשהתפלה היא עולה למעלה אז יוצא לקראתם אופן א׳ ושמו ירחמיאל והוא ממונה על שש מאות חיות של מעלה ונוטל הוא אותה התפלה עם הדמעות ומעלה אותן והיא עולה ומתקשרת למעלה למקום גבוה מאוד : (י) ובא וראה איך היו דורות ראשונים מכוונים בתפלה כדאיתא

שרייבט רבי ישעיה החסיד האט מיר דער ציילט פון רבי יהודה חסיד וועגין · דער רמב״ן ז״ל האט גיהאט איין תלמיד וואש האט זייער גיגלוסט תורה צוא לערנען אונ האט ממש ניט גישלאפין נאר גילערינט · אונ אפילו אז ער פלעגט עסין פלעגט דער ספר ליגן אפין פאר אים אונ האט אליץ גיקוקט אין ספר אריין אונ מחמת פיל ליבשאפט פון דעם לערנען פלעגט ער ניט דאווגן נאר ער פלעגט לערנן אונ דר רמב״ן ז״ל פלעגט אים תמיד מזהיר זיין · עש אין דער צייט פון עשין · אונ שלאף אין דער צייט פון שלאפן · אונ דאונין אין דער צייט פון דאוונען · אונ דער זכות פון דער תורה וועט זיין מיט דיר אונ וועט דיך היטן אונ זייא גיווארינט צו דאוונן · אבר דער תלמיד האט אויף זיינע רייד ניט גפרעגט : (ח) אין ווייניג צייט ארום איז דער תלמיד גינאנגען אויף דעם מארק עפס קויפין · אונ אז ער איז גיקומן אהיים האט ער גפונען אז איין רייטר האט מאנס גיווען זיין טאכטר דיא בתולה אויף דעם טיש וואו ער האט תמיד אויף אים גילערינט · האט דער תלמיד פיל צייט גיקלאגט · האט דער רמב״ן צו אים גזאגט פר וואר איך האב ראך דיר גזאגט אז דוא זאלשט גיווארינט זיין אין דער תפלה וואש אונזערע חכמים ז״ל האבין מתקן גיוועזן דאש איטליכער מענטש מוז אלע טאג מתפלל זיין דיא תפלה יהי רצון עש זאל זיין דער ווילין פון דיר גאט אז דו זאלשט מיך היינט מציל זיין פון איין שלעכטין מענטשין אונ פון איין שלעכטין חבר וכו׳ אונ דוא האשט ניט צוא גיהערט אן מיין קול דרום איז דיא סיבה גיקומען צוא דיין טאכטר · האט דער תלמיד שוין אן גיהויבין צוא דאוונען וויא רעכט איז : (ט) דרום זאל דער מענטש זעהען תמיד צוא פארכטין זיך אז ער ברייננט אויף זיין הארץ אויף דיא פיל טעג וואש ער האט מתפלל גיוועזן אן כוונה אונ דרויף מוז ער גאט בעטין אז ער זאל פון אים אפ טאן דאש שטרויכלונג אז דיא פרעמדע מחשבות זאלין ניט מבטל זיין דיא כוונה פון זיין תפלה · אונ זאל זעהען מתפלל צוא זיין מיט טרערין · ווארום דיא תפלה וואש איז מיט טרערין דיא איז זייער חשוב אונ ווערט גיך אן גינומען · אונ מחמת פיל חשיבות פון דיא תפלות וואש זיינען מיט טרערין עפינט קיין שום מלאך ניט דיא טיר · וואש דיא תפלות גייען דארטין אריין נאר גאט ברוך הוא אליין · אונ דרום זיינען זייא קיין מאל ניט פאר שלאסין נאר זייא זיינן תמיד אפין : (י) קום אונ זעה וויא דיא ערשטע חסידים פלעגין מכוין זיין אין דאבנען אזוא וויא עש שטייט אין ירושלמי דיא חכמים האבין גיזאגט

בירושלמי פרק אין עומדין אמרו עליו על רבי חנינא בן דוסא שהיה עומד ומתפלל ובא נחש והכישו ולא הפסיק את תפלתו והלכו ומצאו אותו הנחש מת מוטל על פי חורו · אמרו לו תלמידיו רבי לא הרגשת כאב בשעה שהיה מכישך הנחש · אמר להם יבא עלי מה שהיה לבי מתכוין בתפלה אם הרגשתי : (יא) הענין מבואר בגמרא ובפירוש רש"י כי כשהערוד או הנחש נושך לאדם אם הערוד מקדים למים אזי ימות האדם · ואם האדם יקדים למים אזי מת הנחש או הערוד · ואמר ר"י מלמד שברא הקב"ה מעין תחת רגליו לקיים מה שנאמר רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם והנה כי א"א לכוין כמו הראשונים ז"ל מחמת ב' טעמים הא' שעונינו כבדו על ראשינו והטעם ב' מחמת חסרון ידיעה · על כל פנים חלילה לעזוב כוונת התפלה : (יב) ובא וראה מ"ש בספר חסידים שבעמדו להתפלל ורואה ספר נפל לארץ לא יפסיק את תפלתו להגביה הספר כי הוא עומד לפני איום ונורא הבורא יתברך · וכל התפלות ושירות ותשבחות יהיו בלב שלם ובפרט בהעלותנו על לבנו השגחת הבורא יתברך ב"ה עלינו אשר אין האדם מרגיש בנסים ונפלאות הנעשים לו · בתחלה נראין לו שיגיע לו איזה רעה · ואלהים חשבה לטובה אליו : (יג) וכדאיתא במדרש שני סוחרים היו רוצים לילך יחד בספינה עם סחורה · והסוחר השני בהליכתו כשהיה רוצה לילך אל הספינה נכשל באבן ונפל ולפי שעה נעשה חיגר ברגלו והוכרח לישאר בביתו עם סחורתו והיה אותו סוחר בוכה ודואג על סחורתו שלא הלך על הספינה למכרו ולא היו ימים מועטים שבא ידיעה שנטבעה הספינה ההיא עם כל האנשים שהיו בתוכה התחיל אותו הסוחר ליתן שבח והודיה להקב"ה ואמר אודך ה' כי אנפת בי : (יד) וזה דרך לכל הירא

אויף רבי חנינא בן דוסא דאש ער איז גשטאנען אונ האט מתפלל גיוועזן איז גיקומען איין שלאנג אונ האט אים איין ביס גיטאן · אונ ער האט ניט מפסיק גיוועזן פון זיין תפלה · דיא לייט וואש האבין דאש גיזעהן זיינען גיגאנגען אונ האבין גיפונן דער שלאנג ליגט טויט בייא זיין לאך · האבין דיא תלמידים צוא אים גיפרעגט רבי דוא האשט נאר ניט גפילט דעם ווייטאג בשעת דער שלאנג האט דיר איין ביס גיטאן · האט ער זייא גיענטפערט לאז אויף מיר קומען שלעכטש אויב איך האב גפילט · דאש איז וויל מיין הארץ האט מכוון גיוועזן אין דער תפלה : (יא) אונ דער ענין איז בשייד אין דער גמרא אונ אין פירש"י דען אז איין שלאנג גיט אביס צוא אמענטשין אויב דער שלאנג קומט פריער צום וואסר מוז דער מענטש שטארבין · אונ אויב דער מענטש קומט פריער צום וואסר מוז דער שלאנג פייגרין · אונ רבי יוסי האט גיזאגט גאט ב"ה האט באשאפין איין קוואל ברונען אונטער דיא פיש פון רבי חנינא דרום איז דער שלאנג גיפייגרט אונ נון מיר קענען דאך ניט אזוא מכוין זיין וויא דיא ערשטע חסידים מחמת צווייא טעמים איין טעם איז מחמת אונזערע זינד זיינען זייער שווער אויף אונז · אונ דער אנדערר טעם איז מחמת מיר ווייסן ניט רעכט דיא כוונות אונ שמות אונ יחודים · פון דעסט וועגין חס וחלילה גאר צוא פאר לאזין דיא כונת התפלה : (יב) קום אונ זעה וואש דער ספר חסידים שרייבט דאש אז דער מענטש שטעלט זיך דאווענען אונ זעהט וויא איין ספר איז אראפ גיפאלין אויף דער ערד זאל ער ניט מפסיק זיין זיין תפלה אויף צוא הייבין דעם ספר ווארום ער שטייט פאר דעם פארכטיגען גאט יתברך · אונ אלע תפלות אונ שירות ותשבחות זאלין זיין מיט דעם גאנצין הארץ אונ בפרט אז מיר וועלין אויף ברייגנען אויף אונזר הארץ דיא השגחה וואש גאט ב"ה האט אויף אונז וואש דער מענטש פילט גאר ניט אין דיא ניסים אונ וואונדער וואש ווערין אונז גיטאן אין דעם אן הייב דאכט זיך אונז אז עש קומט אונז בייז הז"ו אונ גאט ב"ה רעכינט עש פאר גוטש כלומר אונ צום סוף איז דאש איין טובה : (יג) אזוא וויא עש שטייט אין מדרש איין מעשה דאש צווייא סוחרים האבין גיוואלט בנאנד גיין אין איין שיף מיט סחורה · איז איין סוחר גיגאנגען אין שיף אריין מיט זיין סחורה · אונ דער אנדרר סוחר בשעת ער האט גיוואלט גיין מיט דער סחורה צו דער שיף · האט ער זיך אפ גישלאגין אין אשטיין אונ איז גיפאלין אונ האט גיהונקען אויף איין פוס · אונ האט גימוזט איבער בלייבן אין דעם היים האט דער סוחר גיוויינט אונ האט זיך זייער גיזארגט דרויף וואש ער איז ניט גיגאנגן מיט דר שיף צו פאר קויפין דיא סחורה · אין ווייניג צייט ארום איז אן גיקומען איין ידיעה אז דיא שיף איז דער טרונקען גיווארין מיט אלע מענטשין וואש אין איר זיינען גיוועזן · האט דער סוחר אפ גיגעבן איין שבח והודיה צוא הקב"ה אונ האט גיזאגט אודך ה'

הירא וחרד לומר על כל סיבה המאורע תיבות (גם זו לטובה) אף שהוא לפי שעה דבר שאינה טובה אף על פי כן ישמח בלבבו ויקבע בדעתו שהיא לטובה ולכפרה על חטאיו ופשעיו על העבר ואזהרה על להבא · ועל זה תקנו חז״ל לומר בכל יום מזמור לתודה כי בכל יום ויום אנו צריכין ליתן שבח והודיה על נסים ונפלאות שיש לנו · וע״כ באמרו מזמור זה מזמור לתודה הוא יוצא ידי חובת הבאת תודה כי אין האדם מרגיש בניסו בכל יום : (טו) ובא וראה מה דאיתא בזוהר פ׳ מקץ · ר׳ אבא הוה יתיב אתרעא דלוד חמא חד בר נש אתי והוי יתיב בחד קולטא דתלא דארעא (פי׳ שהיה יושב בתור שבהר) והוי לאי מאורחא ונאים תמן אדהכי חמא חד חויא אתי לגביה נפיק קוסטפא דגורדנא (פי׳ חתיכת עץ משורש האילן) לחויא וקטיל ליה כד אתער ההוא בר נש חמא חויא דהוי מית אזדקף ההוא בר נש ונפל ההוא קולטא לעומקא דתחותוי ואשתזיב אתא ר׳ אבא לגביה א״ל אימא לי מאי עובדך דהא קב״ה רחיש לך אלין תרין נסין לאו אינון למגנא א״ל האי בר נש כל יומא לא אשלים לבר נש בישא בעלמא דלא אתפייסנא בהדיה ומחילנא ליה ותו אי לא יכילנא לאתפייסא בהדיה לא סליקנא לערסי עד דמחילנא ליה ולכל אינון דמצערין לי עכ״ל : (טז) מזה המעשה נלמד שצריך האדם לידע שהקב״ה הוא משגיח על האדם שהולך בדרך התום וישר מפעליו ובוטח בה׳ ועושה חסד עם הבריות יהיה בטוח גם הוא שהקב״ה ישלם לו גמולו הטוב · ודע עד כמה גדולה מדת הבטחון שכל הבוטח בהש״י ב״ה אזי מלאכי חסד סובבים אותו ומגינים בעדו מכל פגעים רעים · כמש״ה והבוטח בה׳ חסד יסובבנו וכדאי מדת הבטחון להיות שכר גדול עבור הבטחון : (יז) כי הבוטח בה׳ בוודאי משאו ומתנו הוא באמונה · ואינו להוט

אחר

ה׳ כי אנפת בי איך טוא דיך לויבן גאט וואש דוא האשט נצערינט אין מיר : (יד) אונ איטליכר וואש פארכט זיך פר גאט גיהער צו זאגן אויף איטליכר זאך וואש אים טרעפט זיך גם זו לטובה דאש איז אויך צוא איין טובה תאטשע לעת עתה דאכט זיך אז דאש איז ניט קיין טובה פון דעסט וועגין זאל ער זיך פרייען אין זיין הארץ אונ זאל קובע זיין אין זיין דעה אז דאש איז גוויש צוא איין טובה אונ כפרה אויף זיינע זינד אונ דאש איז אים כזהיר ער זאל ווייטער ניט זינדיגן · אונ דרויף האבין אונזערע חכמים ז״ל מתקן גיוועזן צוא זאגין אלע טאג דעם מזמור לתודה ווארום אלע טאג מוזין מיר אפ געבין איין שבח והודיה צוא גאט ב״ה אויף דיא נסים ונפלאות וואש מיר האבין · דרום מיט דעם וואש ער זאגט אי ער יוצא דעם חיוב וואש ער וואלט באדארפט ברייננגען אקרבן תודה אויף דיא נסים .ונפלאות : (טו) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר רבי אבא איז גיזעסין אויף דעם טויער פון לוד האט ער גיזעהען איין מענטש איז גיקומען אונ איז גיזעסין אין איין לאך פון איין בארג · אונ איז אזוא גיוועזן מיד פון דעם וועג אונ איז דארטין אנטשלאפין גיווארין האט ר׳ אבא גיזעהן איין שלאנג איז גיקומן מכות זיין דעם מענטשין איז אראפ גיפאלין איין צווייג פון איין בוים אונ האט גיהרגת דעם שלאנג · אז דער מענטש האט זיך אויף גיכאפט האט ער גיזעהען וויא דער שלאנג ליגט טויט האט דער מענטש גינומען דעם שלאנג אונ דאש צווייגל אונ האט עש אריין גיווארפין אין לאך אריין אונ איז ניצול גיווארין איז ר׳ אבא גיקומען צוא אים אונ האט אים גיזאגט זאג מיר וואש זיינן דיינע מעשים אז גאט ב״ה האט דיר צו גשיקט צווייא נסים · איין נס וואש דיא צווייג איז ניט גיפאלין אויף דיר וואלט זיא דיך ממית גיוועזן אונ דער אנדערר נס וואש דיא צווייג האט גיהרגת דעם שלאנג דאש איז בוודאי ניט אום זיסט · האט דער מענטש צוא אים גיזאגט אלע מיינע טעג האב איך קיין מענטשין קיין בייז ניט אפ גיטאן ווען ער האט מיר אפילו יוא בייז גיטאן · דאש איך האב תמיד מיך מיט אים איבער גיבעטין אונ האב אים מוחל גיוועזן אונ אויב איך האב מיך מיט אים ניט גיקענט איבער בעטין האב איך אים קיין שום בייז ניט אפ גיטאן נאר איך האב אים אלץ מוחל גיוועזן : (טז) פון דער מעשה ווערט אפ גילערינט אז דער מענטש דארף ווישן אז גאט ב״ה איז משגיח אויף דעם מענטשן וואש גייט אין דעם רעכט פארטיגן וועג אונ האט אויף אים איין בטחון אונ טוט חסד מיט לייט · זאל ער בטוח זיין אז גאט ב״ה וועט אים בוודאי באצאלין זיין גוטין שכר · אונ וויש אז דיא מדה פון בטחון איז זייער גרויש דען איטליכער וואש האט איין בטחון אין גאט ב״ה רינגלן אים ארום מלאכי חסד אונ זיינען מגין פאר אים פון אלע בייזע בגעגנעש אזוא וויא עש שטייט אין פסוק והבוטח בה׳ חסד יסובבנו אונ דער וואש האט אבטחון אין גאט טוט אים ארום רינגלען דאש גינאר אונ דיא מדה פון בטחון איז

כדאי

אחר ממון שאינו של יושר כמו שמדת האדם שאינו בוטח בה' חושב בדעתו לעת אשר מטה ידו קצת שוב לא יראה אור וטובה לעולם בחשבו כי לאחר שהיה לו סך ממון בביתו שוב לא יוכל לבא עליו שום גזירה מהשמים ולא תעבור עליו הרע כי ממון רב יציל אותו מכל הסיבות וע"י כן חביב הממון עליו כל כך · גם אם אוהב גזל ואונאה והסגת גבול נחשב לו להיתר: (יח) ולא כן מחשבות לב הבוטחים בהקב"ה אף שלפעמים הם סובלים דוחק מחמת עניות ודלות מכל מקום נושאים עיניהם בחסד עליון בהקב"ה והם בטוחים שיבא העת פתאום וקיימא להן שעתא ויהיה להם ישועה בהיתר ובכשרות ומי יוכל לספר גודל הרעות הנמשכות ממחוסרי בטחון בהקב"ה והמה להוטין אחרי כפירות ממון ופקדונות ונשבעין לשקר וטוענין טענת רמיה בפני השופטים ומעידים עדות שקרים · אשר הקב"ה נפרע מהם וממשפחתם וגיהנם כלה והם אינם כלין · אבל הבוטח בה' חסד יסובבנו ומענה כשרון ילבש כשריון · ולא יארע לצדיק כל און בעת פקודתו ועייל בלי כיסופא להיכל המלך ממ"ה בזכות הבטחון והאמונה:

פרק ט **טעם** למה נקראים שמם של ראשים ומנהיגים וקצינים נשיאים מפני שאם אדם זוכה ונוהג ביראת ה' ינשא מעלה מעלה · וגם נשמתו בעוה"ב צרורה היא בצרור החיים במעלת קדושים: (ב) משא"כ אם האדם אינו נוהג כראוי אז הוא בכלל נשיאים ורוח כי כאשר הענן כלה וילך וכאשר הרוח הולך ולא שב · כן מנהיג קהלה שאינו נוהג כשורה כמו שצריך להיות נוהג מנהיגן של ישראל ואינו סובל עליו משא בני ישראל ומתגאה לנגדן פתאום עובר מן העולם ואין זכרון ליוצאי

כדאי אז דער שכר פון איר זאל זייער גרויש זיין: (יז) ווארום דר וואש האט אבטחון אין גאט האנדלט בוודאי באמונה · אונ איז ניט להוט אזוא נאך געלט וואש איז ניט מיט יושר · דען דיא מדה פון דעם וואש האט ניט קיין בטחון דער טראכט אין דער צייט אז ער פאלט אביסל אראפ פון זיין עשירות וועט ער שוין ניט זעה קיין ליכטקייט דאש הייסט ער ווערט שוין קיין גוטש ניט האבין · ווייל ער טראכט אז דער וואש האט פיל געלט אין זיין הויז וועט אויף דעם שוין ניט קענן קומן קיין שום גזירה פון דעם הימל · אונ קיין שום שלעכטש וועט אויף אים ניט איבער גיין · ווארום זיין פיל געלט וועט אים מציל זיין פון אלע שלעכטע סבות אונ ווייל ער טראכט זיך אזוא · דרום איז דאש געלט זייער גליבט בייא אים אויך אז ער האט ליב גזל אין אנדערע צו נארין אונ משיג גבול צו זיין ווערט עש ביי אים גירעכינט וויא איין היתר: (יח) אבער דיא מחשבה פון דעם הארץ וואש האט איין בטחון אין גאט ב"ה איז ניט אזו דאש האטשע ווען צוא צייטין ליידין זייא דוחק מחמת ארימקייט אונ דלות · פון דעסט וועגין האבין זייא אבטחון אין גאט ב"ה אז פלוצלונג וועט קומען זייער גוטע צייט · אונ זייא וועלין גיהאלפן ווערין דורך היתר אונ בכשרות · אונ ווער קען אויש דער ציילין דיא גרוישע רעות וואש ווערן גיצוינגן פון דיא וואש האבן קיין בטחון ניט אין גאט ב"ה · אונ זייא זיינן להוט צו לייקענן געלט אונ פאלש צו שווערין אונ טענן פאלש פאר דיא שופטים אונ זאגין פאלש עדות · וואש דער פאר ווערט גאט ב"ה גיצאלט נעמען פון זייא אונ פון זייער משפחה · אונ דער גיהנם וועט פאר לענד ווערין אונ זייא ווערין ניט פאר לענד ווערין · אבער דער וואש האט אבטחון אויף גאט דעם וועט ארום רינגלען גנאד אונ צוא דעם וועט זיך ניט טרעפין קיין שום אום רעכט אין דער צייט אז ער וועט שטארבין אונ וועט אריין גיין אן בושה אין דעם היכל פון גאט ב"ה אין דעם זכות פון בטחון אונ אמונה אמן:

פרק ט טעם איך וועל שרייבין איין טעם פאר וואש דיא ראשים אונ מנהיגים ווערין גירופין אין פסוק נשיאים · דאש איז ווייל אויב דער מענטש איז זוכה אונ פירט זיך אין גאטש פארכט · ווערט ער דער הויבין אלע מאל העכער · אונ אויך אויף עולם הבא אין זיין נשמה פאר בונדין אין דעם היכל צרור החיים אין דיא מעלות פון דיא היליגע צדיקים: (ב) אבער אז דער מענטש פירט זיך ניט וויא רעכט איז · איז ער אין דעם כלל פון נשיאים ורוח דאש איז טייטש וואלקינס אונ ווינטען · דען אזוא וויא דער וואלקין ווערט פאר לענד אונ גייט אוועק אונ אזוא וויא דער ווינט גייט אוועק אונ קערט ניט ווידער · אזוא אויך דער מנהיג קהילה וואש איז זיך ניט נוהג וויא רעכט איז דאש ער זאל זיך נוהג זיין וויא איין מנהיג פון דיא ישראל באדארף אונ ער לייד ניט אויף זיך דיא משא פון דיא ישראל אונ האלט זיך בעל גאוה קעגען זייא · גייט ער פלוצלונג אוועק פון דער וועלט אונ צוא זיינע קינדער איז קיין גידעכניש ניט: (ג) אונ אין דער נעץ ווערין גיהאפט פיל מנהיגים פון

יעגין

חלציו : (ג) ובפח זה נלכדים הרבה מנהיגים בעבור הגבהות וגדלות שלהם ומטילין אימה יתירה על הצבור שלא לשם שמים ומתעדנים ומתפנקים ואינם עוזרים במסים וארנוניות ומקילין לעצמן ומכבידין על אחרים ונוטלין חלק בראש בכל יקר וגדולה ופניהם תמיד צהובים חזקים ובריאים מחמת תאות לבם · ובעמל אנוש אינמו ועם אדם לא ינוגעו : (ד) ועדת ה׳ זרע אברהם יצחק יעקב נדכאים ומושפלים הולכין ערומים דחופים ויחפים מחמת המסים אשר גוזלין אותם משרתים של הקהל ובאים באכזריות לביתם וחוטפים ושוללים מכל אשר ימצא ורואים שיהיו הבעלי בתים בערום ובחוסר כל ונוטלים אפי׳ הבגדים שלהם ואפילו טלית וקיטל ומוכרין אותן במעות קלים ולא נשאר בידם כי אם התבן שעל המטה · ובעת הקור והגשם רתת אחוזתן ובוכים כל אחד ואחד הוא ואשתו ובניו זה בזוית זו וזו בזוית זו : (ה) ואם היה המנהיג בעזר ובסיוע נתינות המסים אזי לא היה ההכבדה כל כך על אנשים הבינונים ועניים ויש עון גדול עוד שהוא גרוע אשר המנהיגים אוכלים ושותים מקופות הקהל ונותנים נדוניא לבניהם ובנותיהם ומתנות לחתן וכלה וזה הוא הכל חמס ויגיע כפן של בני ישראל : (ו) ועל איש שהוא מנהיג או פרנס כזה כרוז הולך לפניו ומכריז דין הוא דאכיל מינייהו דישראל דמם ובשרם מעמא ישראל גוזל עניים ויתומים ואלמנות והכרוז מקלל אותו בקללות רבות ואין תפלתו נשמעת ר״ל מעונשא דיליה · ע״כ יראה אותו האדם שהוא מנהיג או פרנס צריך שיהיה הוא רחמן ולא אכזר · ובפרט על מאנין תבירין עניים ואביונים דהקב״ה חפץ ביקריהון של עניים ואביונים כי מקטריגים מעוררים ח״ו גזירות רעות · וכדמצינו בכתבי האר״י ז״ל : (ז) וז״ל פעם אחת ישב האר״י ז״ל עם תלמידיו בשדה ובאותו שדה היה קבור הנביא הושע בן בארי ודרש האר״י ז״ל סתרי תורה ובאמצע הדרשה אמר

ווענן זייער גאוה אונ הערשאפט אונ ווארפין איין גרויש פארכט אויף דעם עולם ניט פון גאטש וועגין · אונ זייא טוען זיך אן גרוישע תענוגים · אונ העלפין ניט דעם עולם מיט דיא מסים דאש אויף זיך מאכין זייא גרינג דעם מס · אונ אויף אנדערע מאכין זייא שווער · אין אלערלייא כבוד אונ גדולה נעמען זייא איין חלק צום ערשטין · אונ זייער פנים פלאמט תמיד מחמת טרינקען אונ זיינען שטארק אונ גיזונד מחמת זייא טוען זיך אן דאש גלוסטיקייט פון זייער הארץ : (ד) אונ דיא עדה די קינדער פון אברהם יצחק יעקב זיינען צוא שטויסין אונ נידעריג אונ גייען נעביך נאקעט אונ בארוועס מחמת דיא שמשים וואש זיינען גובה דעם מס אונ דיא באדינערס פון קהל באגזלנן זייא · אונ קומען מיט אכזריות אין זייערע הייזער · אונ חאפין אונ ראבעווען פון וואש זייא גיפינען · אונ זעהן אז די בעלי בתים זאלין בלייבין בעירום ובחוסר כל אונ נעמען אפילו זייערע קליידער אויך צוא אונ אפילו זייער טלית אונ דעם קיטיל · אונ פאר קויפין עש פאר ווייניג געלט אונ אפילו דאש בעט גיוואנט נעמט מען ביא זייא צוא אונ ביא דיא בעלי בתים בלייבט מער ניט נאר דאש שטרויא אין דיא בעטין · אונ אין דער צייט אז עש איז קאלט אדר רעגין גיט ציטערן זייא נעבאך · אונ ער מיט זיין ווייב אונ קינדער וויינען איטליכער אין איין באזונדער ווינקעלע : (ה) אונ ווען דער מנהיג זאל אבער אויך זיין צוא הילף אין דיא מסים וואלט ניט אזוא שווער גיוועזן פאר דיא מיטעלע לייט אונ אויף די ארעמע לייט · אונ עש איז פאר האנדן אזעלכע מנהיגים וואש טוען נאך אגרעסערע עבירה דאש זייא עסין אונ טרינקען פון קהלש געלט · אונ גיבין דער פון נדן צוא זייערע זין אונ זייערע טעכטער · אונ מתנות צוא חתן כלה · אונ דאש געלט איז אלץ דאש רויבונג אונ יגיע כפם פון דיא ישראל : (ו) אונ אויף אזוא איין מנהיג אונ אזוא איין פרנס גייט איין כרוז פאר אים · אונ רופט אויש דאש איז דער וואש עסט דאש בלוט אונ פלייש פון דעם פאלק ישראל ער גזלת ארעמע לייט אונ יתומים אונ אלמנות אונ דער כרוז שילט אים מיט פיל קללות · אונ זיין תפלה ווערט ניט צוא גיהערט גאט ב״ה זאל אונז מציל זיין פון זיין עונש · דרום דער מענטש וואש איז איין מנהיג אדער איין פרנס מוז זיין איין דער בארמיגער אונ ניט קיין אכזר · אונ בפרט אויף די צוא בראכענע כלים דאש איז עניים אביונים · ווארום גאט ב״ה וויל אין דעם כבוד פון די עניים · ווארום אז מען טוט אן ח״ו צרות די ארמע לייט ווערן דער וועקט ח״ו בייזע גזירות אונ אזו וויא מיר גיפינען אין כתבי האר״י ז״ל : (ז) איין מאל איז דער האר״י גיזעסין מיט זייגע תלמידים אין פעלד · אונ אין דעם פעלד איז גיוועזן בגראבין דר נביא הושע בן בארי · אונ דר האר״י ז״ל האט גידרשת סתרי תורה · אין מיטן דר דרשה ·

אמר האר"י ז"ל למען השם מהרו וקבצו מכם צדקה ונשלח ליד עני א' שיושב סמוך אצלנו דר במקום פלוני ושמו ר' יעקב אלטרו"ץ שהוא יושב ובוכה וקורא תגר כלפי מעלה על עניותו וקולו הולך למעלה ובוקע כל הרקיעים ונכנס לפני ולפנים והקב"ה מלא חימה על כל העיר כולה בעבורו שאין מרחמים עליו: (ח) ועתה אני שומע הכרוז יוצא בכל רקיעים בגזירת עירין פתגמא שיבא ארבה כבד מאוד על כל סביבות צפת ויאכלו כל התבואה גדיש וקמה ועד כרם זית · לכן מהרו ונשלח לו צדקה אולי נוכל לבטל הגזירה בעזרת האל ותיכף ומיד נתן כל אחד ואחד נדבת לבו ונתן האר"י ז"ל המעות ליד תלמידו רבי יצחק הכהן וצוה שימהר לילך לבית רבי יעקב אלטרו"ץ ליתן לו המעות וכן עשה רבי יצחק הכהן והלך במהירות ובזריזות לבית רבי יעקב אלטרו"ץ ומצא אותו בוכה ומתחנן לפני פתח ביתו· א"ל רבי למה אדוני בוכה · והשיב ר' יעקב שנשברה לו חבית של מים ואין לו שום פרוטה ליקח אחרת במקומה ואינו יודע מה לעשות מרוב הצער של דלות ועניות מיד נתן לו ר' יצחק הכהן אותן המעות ושמח שמחה גדולה ובירך אותן: (ט) כשחזר רבי יצחק אצל רבו האר"י ז"ל אמר האר"י ז"ל נתבטל הגזירה ואין חשש בו עוד ועדיין הן מדברים התחיל לנשב הרוח גדול מאוד שנשא הארבה עד אין חקר ואין מספר ונבהלו התלמידים והשיב להם האר"י ז"ל אל תיראו שכבר בטלה הגזרה· וכן היה שהיו כולם פורחים לים הגדול ושם נטבעו ולא נשאר במדינה עד א' עכ"ל: (י) ומכאן אזהרה גדולה לכל בני ישראל שיתנו השגחה פרטית על עניים ואביונים אשר נקראין מאנין תבירין וקב"ה הוא מדוריה תדיר גבייהו ושורה בתוכם · וכבר אמרו רז"ל הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות · והמפייסו בדברים מתברך בי"א ברכות כי לב העני תמיד נאנח מחוסר השגת ידו למלאות
חפץ

דְרָשָׁה הָאט דֶער האר"י גִיזָאגְט לְמַעַן הַשֵׁם אַיילְט זִיךְ אוּנ זַאמִילְט פוּן אַייךְ אַיין צְדָקָה אוּנ לָאמִיר שִׁיקְן צוּא אַיין עָנִי וָואשׁ עֶר ווֹאוּנְט אִין דֶעם אָרְט נָאהֶענְט פוּן אוּנְז עֶר הַייסְט רַבִּי יַעֲקֹב אַלְטְרוּ"ץ · דָאשׁ עֶר זִיצְט אוּנ וַויינְט אוּנ אִיז קוֹרֵא תַּגָר פַאר גָאט אוֹיף דֶעם וָואשׁ עֶר אִיז אַזוֹ אַגְרוֹיסֶר אָרוּם מַאן · אוּנ זַיין קוֹל גֵייט אוּנ שְׁפַּאלְט אַלֶע הִימְלֶען אוּנ עֶשׁ אִיז גִיקוּמֶן פַר גָאט ב"ה · אוּנ גָאט אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אִיבֶּר אִים אוֹיף דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט צְפַת וַוייל זַייא הָאבִּין קֵיין רַחֲמָנוּת נִיט אוֹיף אִים צוּא גֶעבִּין אִים צְדָקָה: (ח) אִיצוּנְד הֶער אִיךְ אַיין כְּרוּז גֵייט אִין אַלֶע הִימְלֶען אוּנ זָאגְט גָאט ב"ה אִיז גוֹזֵר אַז עֶשׁ זָאל קוּמֶען זֵייעֶר אַיין שְׁוֶועֶרֶער הַיישֶׁערִיק אוֹיף דִיא אַלֶע פֶעלְדֶער וָואשׁ אִיז אַרוּם צְפַת אוּנ זָאל אוֹיף עֶסְ'ן גָאר דִיא תְּבוּאָה אוּנ אַלֶע וַויין גֶערְטְנֶער זָאלִין זַייא מְכַלֶה זַיין אוּנ: דְרוּם אַיילְט אוּנ לָאמִיר אִים שִׁיקֶען צְדָקָה טָאמֶער וֶועלִין מִיר קֶענֶען מְבַטֵל זַיין דִיא גְזֵירָה מִיט גָאטְשׁ הִילְף · הָאט אִיטְלִיכֶער תֵּיכֶף גִיגֶעבִּין אַיין נְדָבָה · אוּנ דֶער האר"י ז"ל הָאט גִינוּמֶען דָאשׁ גֶעלְט אוּנ הָאט עֶשׁ גִיגֶעבִּין צוּא זַיין תַּלְמִיד רַבִּי יִצְחָק הַכֹּהֵן · אוּנ הָאט אִים אָן גִיזָאגְט עֶר זָאל גִיךְ גֵיין צוּא דֶעם רַבִּי יַעֲקֹב אַלְטְרוּ"ץ אִים צוּא גֶעבִּין דָאשׁ גֶעלְט · אוּנ אַזוֹא הָאט רַבִּי יִצְחָק הַכֹּהֵן גִיטָאן אוּנ אִיז גִיךְ גִיגַאנְגֶען צוּא דֶעם רַבִּי יַעֲקֹב · אוּנ הָאט אִים גִיפוּנֶען וִויא עֶר שְׁטֵייט פַאר דֶער טִיר פוּן זַיין הוֹיז אוּנ וַויינְט אוּנ בֶּעט גָאט · הָאט רַבִּי יִצְחָק צוּא אִים גִיזָאגְט רַבִּי וָוארוּם וַויינְסְטוּ · הָאט רַבִּי יַעֲקֹב צוּא אִים גִיזָאגְט דֶען עֶשׁ אִיז בַּייא אִים צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין דִיא פַאס פוּן וַואשֶׁער אוּנ עֶר הָאט נִיט פַאר עֶפִּיס צוּא קוֹיפֶען אַנַאנְדֶער פַאס · אוּנ עֶר וַוייס נִיט וָואשׁ צוּא טָאן מֵחֲמַת גְרוֹיס צַעַר פוּן זַיין אָרִימְקַייט · הָאט רַבִּי יִצְחָק הַכֹּהֵן אִים תֵּיכֶף גִיגֶעבִּין דָאשׁ גֶעלְט · הָאט דֶער רַבִּי יַעֲקֹב זִיךְ זֵייעֶר גִיפְרֵייט אוּנ הָאט זַייא גִיבֶּענְשְׁט: (ט) אַז רַבִּי יִצְחָק הַכֹּהֵן הָאט זִיךְ אוּם גִיקֶערְט צוּא זַיין רַבִּי האר"י ז"ל · הָאט דֶער האר"י ז"ל גִיזָאגְט דִיא גְזֵירָה אִיז שׁוֹין בָּטֵל גִיוָוארִין · וִויא זַייא רֵיידִין דָא הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּא וַוייעֶן זֵייעֶר אַיין גְרוֹיסֶער וִוינְט אוּנ הָאט גִיטְרָאגִין דֶעם הַיישֶׁערִיק אַזוֹ פִיל וָואשׁ הָאט גָאר קֵיין צָאל נִיט · זַיינֶען דִיא תַּלְמִידִים זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין הָאט דֶער האר"י ז"ל זַייא גִיעֶנְטְפֶערְט פָארְכְט אַייךְ נִיט דִיא גְזֵירָה אִיז שׁוֹין בָּטֵל גִיוָוארִין · אוּנ אַזוֹ אִיז גִיוֶועזְן דִיא אַלֶע הַיישֶׁערִיקִין זַיינֶען אַוֶועק גִיפְלוֹיגִין אִין דֶעם יַם הַגָּדוֹל אַרַיין אוּנ זַיינֶען דָארְטִין דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין אוּנ אִין דֶער מְדִינָה וָואשׁ אִיז אַרוּם צְפַת אִיז נִיט גִיבְּלִיבִּין אֲפִילוּ אֵיינֶער: (י) אוּנ פוּן דַאנֶען אִיז אַיין גְרוֹישֶׁע אַזְהָרָה צוּא אַלֶע יִשְׂרָאֵל אַז זַייא זָאלְן גְרוֹישׁ הַשְׁגָחָה גֶעבְּן אִיבֶּער אָרֶעמֶע לַייט וָואשׁ זֵיי וֶוערִין גִירוּפִין צוּ בְּרָאכֶנֶע הֶערְצֶר אוּנ גָאט ב"ה רוּעְט תָּמִיד צְוִוישִׁין זַייא: אוּנזֶערֶע חֲכָמִים ז"ל הָאבִּין גִזָאגְט דֶער וָואשׁ גִיט גֶעלְט

אדער

חפץ נפשו שחפץ ג"כ לקבל טובה והיא רחוקה ממנה: (יא) בהגיע עת וזמן הקור והצינה העשיר בית הוא מבונה היטב ויושב כשר בבית החורף ותנור שלו חם · ועני לא די שיש לו דירה מלא נקבים אף אין לו מעות במה לקנות לו עצים מבלתי יכולת להתחמם נפשו כראוי והקרירות משבר נפשו וגופו ונפשות אנשי ביתו ובעת הגשם דלף דולף ושופך מים על צוארו וכל ימי עני הוא בצער יום ולילה הוא ואנשי ביתו המה נאנקים ואע"פ כן מקבלים עליהם הכל באהבה: (יב) ובעת כניסת השבת ויו"ט הוא העת להתענג במאכלים ובמשקים ובכסות נקייה והעני הוא חסר לחם מכל ועל כולם העני נותן שבח והודיה · העשיר הוא משדך את בניו ובנותיו לאשר ישר בעיניו · והעני מבלתי יכולת מוכרח לעשות שידוך כאשר ימצא אף לאיש בור ואין בו שום ריח תורה וריח יראה וכאלו כופתה בפני הארי ואין מה בידו להושיע לבתו ועיניו רואין איך שהבור מכה בכל יום ויום את בתו וסובלת יסורין ומי יוכל להעלות על הכתב כל התמרורים וכל הצער שהעני סובל וכל עני שמקבל העניות באהבה ובחיבה אין אור של גיהנם שולט בו ושכר גדול הוא מאוד כי העני בעוה"ז הוא חשוב כמת : (יג) ולכן אני מזהיר כל הנותן לעני מעות בשעת דוחקו צריך ליזהר שיתן לו כדי שלא יבייש אותו ח"ו כי די לו ביסורים של עניות וכמש"ל כי אם צריך ליתן לו בצינעא · וכשיתן בפרהסיא צריך ליתן לו בדברים המתיישבים על הלב · והמכנים אורח בביתו יקבלו בסבר פנים יפות : (יד) הלא ידוע מ"ש חז"ל גדולה הכנסת אורחים יותר מהקבלת פני שכינה והיא מצוה חשובה כי נתינת פת לעני מתשת כח ת"פ כיתות של משחיתים ולילי"ת אמה של שדים הבאה תמיד לקטרג על ישראל · כמו שאכתוב לקמ'
בפרק

אדער עסין צוא איין ארום מאן דער ווערט גיבענטשט מיט זעקס ברכות · אונ דער וואש בעט אים נאך איבער מיט גוטע רייד ווערט ער גיבענטשט מיט עלף ברכות · ווארום דאש הארץ פון איין ארום מאן זיפצט תמיד · ווייל ער קען ניט גרייכין צוא דער פילין דאש ווילין פון זיין לייב דאש זיא חיל אויך גוט האבין אונ האט ניט : (יא) אז עש קומט דיא צייט פון קעלט · דער עושר איז זיין הויז גוט גיבויט אונ ער זיצט זיך חיא איין הער אין דער ווינטער שטוב אונ זיין אויבין איז ווארים אונ בייא אים אין שטוב איז אויך גאנץ ווארים · אונ דער ארום מאן ניט גינוג וואש זיין שטוב איז פול מיט לעכער נאר ער האט אפילו ניט פאר וואש זיך האלץ צו קויפין ער זאל זיין לייב קענן רעכט אן ווארעמן · אונ דיא קעלט צו ברעכט זיין לייב אונ זיין גוף אונ די לייבר פון זיין הויז גזינד · אונ אז איין רעגין גייט רינט אין זיין שטוב ארין אונ דיא וואשער גיסט זיך אויף זיין האלז · אונ אלע טעג פון איין ארום מאן זייען מיט גרויש צער · אונ ער מיט נאר זיין הויז גיזינד זיפצן תמיד אונ שרייען · אונ פון דעסט וועגין נעמען זייא עש אליץ אן מיט ליבשאפט : (יב) אונ אז שבת אונ יו"ט קומט וואש דענמאלט איז דיא צייט זיך צוא ווענעפטיגן מיט עשין אונ טרינקן אונ מיט שיינע קליידר · אונ דער ארום מאן האט קיין ברויט ניט אונ פון דעסט וועגן גיט דער ארום מאן אויף אלמן אפ איין שבח והודיה צו גאט ב"ה · דער עושר איז משדך זיינע קינדר צו וועמען אים גיפעלט · אונ דער ארום מאן ווייל ער האט נעבך קיין יכולת ניט צוא טאן ארעכטין שידוך מוז ער טאן וואש פאר איין שידוך אים קומט צוא האנדין ווען ער איז אפילו איין בור אונ האט קיין שום ריח תורה ניט אונ איז ניט גאטש פארכטיג · אונ עש איז גליך וויא ער בינט זיא פאר איין לייב · אונ זיינע אויגין זעהען וויא דער בור שלאגט אלע טאג זיין טאכטער · אונ זיא לייט יסורים · אונ ווער קען עש אויש שרייבין נאר דאש ביטערקייט אונ נאר דעם צער וואש דער ארום מאן לייט · אונ איטליכער ארום מאן וואש נעמט דאש אן מיט ליבשאפט · איז דאש פייער פון דעם גיהנם ניט שולט אין אים אונ זיין שכר איז זייער גרויש דען דער ארום מאן איז אויף דער וועלט גירעכינט וויא איין מת : (יג) אונ דרום בין איך מזהיר איטליכער וואש גיט געלט דעם ארום מאן בשעת עש איז אים איינג · מוז ער גיווארינט זיין ער זאל אים געבין מיט אזוא איין אופן ער זאל אים ניט מבייש זיין · נאר ער זאל אים געבין אז קיינער זאל ניט זעהען · אונ אז ער גיט אים בפרהסיא מוז ער געבין מיט אזעלכע רייד וואש זייא רוען אויף דעם הארץ כלומר ער זאל אים אויש ריידין דאש הארץ · אונ דער וואש נעמט איין אורח זאל ער אים צוא נעמען מיט איין פריילך פנים : (יד) פאר וואר דאש איז גיוויש וואש אונזרע חכמים ז"ל האבין גיזאגט דיא מצות פון צו נעמען אורחים מיט איין פריילך פנים איז גרעשער פון קבלת פני השכינה · אונ דיא מצוה איז זייער
חשוב

בפרק עשירי : (טו) נחזור לענין שלנו שאזהרה גדולה הוא על מנהיג קהלה שלא להטיל אימה יתירה על הצבור וליתן המסים כאחד מבני הקהלה או בני המדינה ולא יהיה חנפן שיהיה חס על העשיר או על משפחתו ויתן העול על עניים ואביונים אז חפץ ה' בידו יצליח ויזכה לזרע יאריך ימים אמן :

פרק י **צריך** האדם להזהר כשיעשה סעודת מצוה כגון מילה או סעודת אירוסין או נשואין וסעודת בר מצוה יזהר להיות בתוך הקרואים עניים ואביונים ולהשגיח עליהם בדברים נאים כי העושה שמחה לבנו או לבתו ולא הזמין לסעודה עניים אזי מתעורר הקטרוג מלילית הרשעה ומסמאל עד שמביאים איזה יסורין ומדות הקשות על בעל הסעודה : (ב) כמו שמצינו בסעודת אברהם אבינו כדאיתא במ"ר · ויהי אחר הדברים שקטרג השטן על אברהם ביום הגמל את יצחק ועשה אברהם משתה גדול עם כל גדולי הדור ולא היה שם שום עני וכו' עד שאמר הקדוש ברוך הוא לאברהם קח נא את בנך את יחידך את יצחק וגו' · וכן מצינו אצל איוב שעשה סעודה עם בניו ולא היו שם עניים וקטרג השטן עד שהמית את בניו ובנותיו של איוב ונטל הימנו עושרו ובהמותיו ולא נח מרוגזו עד שהביא עליו יסורין · ע"כ צריך הבעל סעודה ליזהר להזמין עניים לסעודה כדי שלא יקטרג הקטיגור · ולא עוד כיון שמבקש עניים לסעודה אזי קטיגור נעשה סניגור כמו שמצינו במדרש תנחומא פרשת האזינו

חשוב ביא גאט דען דאש וואש מען גיט איין שטיק ברויט צוא דעם עני דאש מאכט שלאף פיר הונדערט אונ אכציג כתות פון משחיתים אונ דיא לילית די מוטער פון די שדים וואש זיא קוקט תמיד מקטרג צוא זיין אויף דיא ישראל · דען ברויט ווערט גירופין אויף לשון הקודש פת אונ דיא פיר הונדערט אונ אכציג כתות זיינען בלשון הקודש תפ אונ תפ מאכט צוריק פת ווערט גפונן אז מיט דעם שטיקיל ברויט וואש מען גיט דעם עני מאכט מען שלאף דיא אלע כתות · (טו) נחזור לאמיר ווידער קערין צוא אונזער ענין וואש מיר האבין גישמועסט אין דעם אן הייב פרק דאש עש איז איין גרוישע אזהרה אויף דיא מנהיגי קהלה אז זייא זאלין ניט ווארפין איין איבריגע פארכט אויף דעם צבור אונ זאלן געבין מס אזוא וויא אלע לייט אונ זאל ניט זיין קיין חניפה מענטש חס צוא האבין אדער חנפנן דער עושר אדער אויף זיין משפחה אונ דעם יאך צוא געבין אויף דיא ארומע לייט זאל ער אזוא ניט טאן דענמאלט אז דער מנהיג וועט זיך אזו פירין וועט גאט ברוך הוא זיין ווילין אויך טאן · אונ זיינע ווערק וועט ער בגליקין אונ וועט זוכה זיין צוא לאנג לעבין אמן :

פרק י צריך דער מענטש מוז גיווארינט זיין אז ער מאכט איין סעודת מצוה דהיינו איין מילה אדער איין סעודת אירוסין אדער איין חתונה אונ איין סעודת בר מצוה מוז ער בעטין ארמע לייט אויף דער סעודה אונ אויף זייא משגיח צוא זיין מיט גוטע רייד · ווארום דער וואש מאכט איין שמחה צו זיין זון אדר צו זיין טאכטר אונ בעט ניט קיין ארמע-לייט אויף דר סעודה ווערט דר וועקט איין קיטרוג פון לילית הרשעה אונ פון דער סם ביז זייא ברייננען עפיש יסורים אויף דעם בעל הסעודה : (ב) אזוא וויא מיר גפינן ביא דער סעודה פון אברהם אבינו · אזו וויא עש שטייט אין מדרש דאש וואש שטייט אין דער תורה ויהי אחר הדברים האלה אונ עש איז גיוועזן נאך דיא דאזיגע רייד האט גאט ברוך הוא גיפרובט צוא אברהם אונ האט אים נהייסן ער זאל מקריב זיין זיין זון יצחק פאר איין קרבן עולה · דרשת דער מדרש דאש מיינט מען נאך דיא רייד פון דעם שטן וואש ער האט מקטרג גיוועזן אויף אברהם וואש ער האט גימאכט איין גרוישע סעודה פאר אלע גדולי הדור אונ קיין שום עני איז דארטין ניט גיוועזן · ביז גאט ב"ה האט גיזאגט צו אברהם · נעם דיין איינציגין זון יצחק אונ זייא אים מקריב פאר איין קרבן עולה · דורך דעם איז שרה גישטארבין אזו וויא אין דער תורה שטייט · אונ אזוא אויך גיפינן מיר ביא איוב וואש ער האט גימאכט איין סעודה מיט זיינע קינדר אונ קיין שום עני האט ער ניט גירופין אויף דער סעודה · האט דער שטן אויף אים מקטרג גיוועזן ביז ער האט גיטייט די זין אונ דיא טעכטר פון איוב · אונ האט ביא אים אוועק גנומן זיין עשירות אונ זיינע בהמות אונ האט ניט גירועט פון זיין צארין ביז ער האט אויף אים גרוישע יסורים גיבראכט · דרום מוז דער בעל סעודה גיווארינט זיין צו בעטין ארמע לייט אויף דר סעודה פון וועגין דער שטן זאל אויף אים ניט מקטרג זיין · אונ נאך מער אז ער בעט ארמע לייט אויף דער סעודה ווערט דער קטיגור איין פיר שפרעכר פר אים · אזו וויא מיר

האזינו: (ג) באדם עשיר אחד היה גדול בעושר ומופלג בלימוד ובחכמות והיה לו בת אחת יפת תואר צנועה וחמודה והלך והשיא לבתו ג׳ פעמים לשלשה בני אדם חשובים ובכל לילה ראשונה של נשואיה למחרת מוצאים בעלה מת אמרה האלמנה לא ימותו עוד בני אדם עלי אשב אלמנה ועגונה עד אשר ירחם הקדוש ברוך הוא עלי׳ וישבה ימים רבים: (ד) והיה לאותו עשיר אח עני ביותר במדינה אחרת׳ והיו לו עשרה בנים ובכל יום ויום היה הוא ובנו הגדול מביאין עצים מהיער ומוכרין אותן ובזה היה פרנסתו ואנשי ביתו פעם אחת לא מכרו את העצים ולא היה להם מעות לקנות לחם ישבו בלילה בלי לחם ולמחרת הלכו פעם שנית ליער להביא עצים ונתעלף רוח האב וזלגו עיני הבן דמעה על גורל העניות של אביו ותלה עיניו למרום: (ה) והרהר הבן בלבו ונטל רשות מאביו והלך למדינת דודו כשבא לבית דודו שמח עליו דודו ואשתו ובתו האלמנה ושאלו לו על אביו ועל אמו ועל אחיו והבנים שלו וישב עמו שבעת ימים ולאחר שבעה ימים אמר הבחור לדודו שאלה אחת אני שואל מעמך אל תשיבני והשיב לו דודו שאל בני מה שתרצה׳ א״ל הבחור אני לא אשאל שום דבר עד שתשבע לי וכן עשה: (ו) אמר לו הבחור זאת השאלה שאני אשאל ממך שתתן לי את בתך האלמנה לאשה כששמע האיש בכה׳ אמר לו אל בני כי בעו״ה כך מדתה (ר״ל שימות החתן לילה ראשונה וכך ה״א הסדר שלה) אמר הבחור על מנת כן׳ אמר לו דודו אם על עסקי ממון אתה קופץ אל תשאנה ואני אתן לך כסף וזהב וממון

גיפינן אין מדרש תנחומא: (ג) עש האט זיך גיטראפין איין מעשה׳ איין מענטש איז גוועזן איין גרוישר עושר אונ האט גיקאנט וואול לערנען אונ פיל חכמות׳ אונ ער האט נאר גיהאט איין טאכטער זייער אשיינע אונ איין צנועה אונ איין פרומע האט דער פאטער איר דרייא מאל חתונה גימאכט׳ אונ איטליכע ערשטע נאכט פון איר חתונה האט מען צוא מארגין פריא גפונן איר מאן גישטארבין האט דיא אלמנה גיזאגט צוא איר פאטר איך וויל שוין ניט אז מענטשין זאלין איבער מיר שטארבין׳ איך וועל זיצין איין אלמנה אונ איין עגונה ביז גאט ב״ה וועט זיך דער בארמן אויף מיר׳ איז זיא גיזעסין פיל צייטין איין אלמנה: (ד) אונ דער עושר האט גיהאט אין איין אנדרע מדינה איין ברודר איין גרוישין ארום מאן אונ ער האט גהאט צעהן זין׳ אונ איטליכן טאג פלעגט ער מיט זיין עלטסטין זון גיין אין וואלד אריין אונ פלעגין ברייגען האלץ אונ דאש פאר קויפין אונ דער מיט פלעגט ער זיך מפרנס זיין מיט זיין הויז גיזינד׳ איין מאל האבין זייא ניט פר קויפט דאש האלץ האבין זייא ניט גהאט פר וואש ברויט צו קויפן האבן זייא איבער גינעכטיגט בייא נאכט אן ברויט׳ אונ צוא מארגין זיינען זייא נאך אמאל גיגאנגן אין וואלד אריין צו ברייגען האלץ׳ איז דער פאטר חלשות גיבליבין׳ אונ דר זון האט גיוויינט אויף דעם גרויש ארומקייט פון זיין פאטר: (ה) האט דער זון גינומן רשות פון זיין פאטר אונ איז גיגאנגען אין דער מדינה וואו זיין פעטער איז׳ אונ אז ער איז גיקומן צוא זיין פעטער׳ האט זיין פעטער מיט זיין ווייב אונ זיין טאכטער דיא אלמנה זיך זייער גיפרייט׳ אונ האבן אים גיפרעגט אויף זיין פאטר אונ מוטר אונ אויף זיינע ברידער׳ איז דער בחור מיט אים גיזעשן זיבן טעג דער נאך האט דער בחור גיזאגט צוא זיין פעטער׳ איך וועל פון דיר בעטין איין זאך נאר דוא זאלשט דאש מיר ניט פאר זאגין׳ האט זיין פעטר אים גיענטפערט בעט מיין זון וואש דו ווילסט׳ האט דר בחור צו אים גיזאגט איך וועל אנדרש ניט בעטין דיך ביז דוא מוזט מיר פריער שווערין דוא זאלשט עש מיר ניט פאר זאגין׳ האט זיין פעטר אים גישווארין: (ו) האט דער בחור אים גיזאגט דאש איז וואש איך וועל דיך בעטין דוא זאלשט מיר געבין פאר אווייב דיין טאכטר די אלמנה׳ וויא דער פעטער האט דאש דער הערט האט ער גיוויינט׳ אונ האט אים גיזאגט ניט מיין זון דען בעונותינו הרבים בייא איר שטארבין דיא מאנען דיא ערשטע נאכט׳ האט דער בחור גיזאגט פון דעשט וועגין וויל איך זיא פארט׳ האט זיין פעטר צו אים גיזאגט אויב דוא ווילשט זיא נעמען ווייל זיא האט פיל געלט׳ נעם זיא ניט אונ איך וועל דיר געבין פיל גאלד אונ זילבר׳ ווארום דוא בישט אשיינר בחור אונ איין קלוגר׳ אונ מיין עצה איז׳ דוא זאלשט דיין לעבין ניט איין שטעלין כדי צוא נעמען מיין טאכטר׳ האט דער בחור צוא אים גיזאגט דוא האשט דאך גישווארין דרויף אז דוא זאלשט מיר ניט פאר זאגין מיין גיבעט׳ אונ וויא זיין פעטר האט דאש גיהערט אז ער וויל זיא פארט נעמן איז ער מרוצה גיווארין דער צוא׳ אונ איז גיקומן צו זיין טאכטר אונ האט איר דער ציילט דיא גאנצע זאך וויא דיא אלמנה האט דאש דער הערט האט זיא אן גיהובן צו שרייען אונ צוא וויינען אונג

וממון הרבה כי אתה בחור נאה וחכם ובעצתי אל תסתכן · אמר לו הבחור כבר נשבעת על הדבר הזה · וכיון שראה דודו העשיר הדבר נתרצה לו ובא לבתו וסיפר לה את הדברים · כששמעה האלמנה זאת התחילה לצעוק ולבכות במר נפשה ואמרה רבון כל העולמים תהי ידך בי ואל ימות הבחור הזה · (ז) ואחר זמן קצר קדשה הבחור להאלמנה וקרא אביה דודו של החתן לזקני העיר על הנשואין ועשה כילה לישב החתן בתוכו וכשישב החתן בתוך הכילה נזדמן לו זקן א' והיה אליהו הנביא קרא אליו וא"ל להחתן בני איעצך עצה נכונה ואל תט מעצתי היום כשתשב לסעודה יבא אליך עני שאין כמוהו בכל העולם ותיכף כשתראהו תקום ממושבך והושיבהו אצלך ותן לו לאכול ולשתות ושמש לפניו בכל כוחך ועצמך · ואח"כ הלך אליהו ז"ל מעם החתן ובלילה ראשונה של הנשואין כשהיה החתן יושב בראש הקרואים · (ח) בא עני אחד ותיכף כשראה החתן את העני עמד ממקומו והושיב לו במקומו ועשה לו ככל אשר צוה לו הזקן · לאחר המשתה כשרצה החתן לילך לחדר · הלך העני אחריו ואמר לו בני אני שלוחו של מקום ובאתי הנה ליטול את נפשך א"ל החתן תן לי זמן שנה אחת או חצי שנה א"ל לא אעשה א"ל החתן תן לי זמן שלשים יום א"ל לא אעשה א"ל החתן תן לי זמן שבעת ימי המשתה א"ל המלאך המות לא אעשה כי לא אוכל לעשות לך חסד אפילו יום אחד כי כבר הגיע קצך ושעתך : (ט) א"ל החתן תן לי רשות שאקח רשות מאשתי ומן דודי שהוא חותני א"ל לדבר זה אשא פניך בעבור שעשית גמילות חסד עמדי ולך ובא מהרה · הלך החתן לחדר שהכלה יושבת שם יחידה ובוכה ומתפללת להקב"ה וכשבא החתן להכלה וקרא הבחור אליה ובאת לפתוח לו הפתח החדרה החזיקה בידו לנשק לו ואמרה אליו למה אתה באת לבדך אלי · אמר לה החתן ליקח רשות מאתך כי בא עתי

וקצי

טוט תפלה צו הקב"ה · אונ האט גיזאגט דער הער פון אלע וועלטין · לאז דיין שלאק בעסער אין מיר זיין · אונ דער בחור זאל ניט שטארבין · (ז) אין איין קורצע צייט ארום · האט דער בחור מקדש גיוועזן דיא אלמנה · האט איר פאטר גירופין אלע זקנים פון דר שטאט אויף דר חתונה · אונ צום חתן האט ער גימאכט אבזונדר חדר ער זאל דרינען זיצן · וויא דער חתן האט זיך גיזעצט אין דעם חדר · איז גיקומן איין אלטר מאן צו אים דאש איז גיוועזן אליהו הנביא · האט ער גיזאגט צוא דעם חתן מיין זון איך וועל דיר איין רעכטע עצה געבין · אונ זאלשט ניט אוועק גיינין פון מיין עצה · היינט אז דוא וועשט זיך זעצין עסין · וועט קומן איין ארום מאן וואש זיין גלייכין איז ניט פאר האנדין · אונ תיכף אז דו וועשט אים דר זעהען זאלשטו אויף שטיין פון דיין זיצונג אונ זאלשט אים זעצין בייא דיר · אונ גיב אים עסין אונ טרינקען אונ זייא משמש פאר אים מיט גאר דיין כח · דער נאך איז אליהו ז"ל אוועק גיגאנגען פון דעם חתן · אונ אין דער ערשטר נאכט פון דער חתונה אז דער חתן איז גיזעסין בראש הקרואים : (ח) איז גיקומן איין ארום מאן · וויא דער חתן האט אים דער זעהן · איז ער אויף גישטאנן תיכף פון זיין ארט · אונ האט דעם ארום מאן גיזעצט אויף זיין ארט אונ האט גיטאן אזו וויא דער אלטר האט אים גיבאטין · נאך דער סעודה האט דער חתן גיוואלט גיין אין זיין חדר ארייין · איז דער ארום מאן אים נאך גיגאנגען · אונ האט צוא אים גיזאגט מיין זון איך בין דער שליח פון גאט אונ איך בין אהער גיקומן צו נעמן דיין נשמה · האט דר חתן צו אים גיזאגט גיב מיר אצייט איין יאר אדער איין האלב יאר · האט דער ארום מאן גיזאגט איך קען דיר דאש ניט טאן · האט דער חתן צו אים גיזאגט גיב מיר צייט דרייסיג טאג · האט ער צוא אים גיזאגט איך קען דאש ניט טאן האט דער חתן צוא אים גיזאגט גיב מיר צייט דיא שבעת ימי המשתה · האט דער מלאך המות צוא אים גיזאגט איך קען דאש ניט טאן · ווארום איך קען דיר קיין חסד ניט טאן אפילו אויף איין טאג ווארום דיין צייט איז שוין גיקומן צוא שטארבין · (ט) האט דער חתן צוא אים גיזאגט גיב מיר רשות איך זאל מיך גיזעגנען מיט מיין כלה אונ מיין פעטער וואש ער איז מיין שווער האט דער מלאך המות צוא אים גיזאגט דאש וועל איך דיר צוא ליב טאן ווייל דוא האשט מיט מיר חסד גיטאן · אונ גייא אונ קום גיך · איז דער חתן גיגאנגען צוא דעם חדר וואש דיא כלה איז דארטין גיזעסין אליין אונ האט גוויינט אונ מתפלל גיוועזן צוא גאט ב"ה אז איר חתן זאל לעבין בלייבין וויא דיא כלה האט דער הערט איר חתן גייט האט זיא אים אויף גיעפינט דיא טיר אונ האט אים אן גיחאפט בייא זיין האנט אונ האט אים גיקושט אונ האט גיזאגט צוא אים ווארום בישטו צוא מיר גיקומן אליין. האט

דער

וקצי לילך בדרך כל הארץ כי מלאך המות היה אצלי והגיד לי המלאך שבא ליטול נפשי אמרה לו לא תלך מעמדי אלא תשב פה ואני אלך להחדר שלך ואדבר עמו· הלכה ומצאה אותו: (י) אמרה לו להמלאך האתה שליח שבאת ליטול נשמת אישי אמר לה הן אמרה לו הלא כתיב בתורה כי יקח איש אשה חדשה לא יצא בצבא ולא יעבור עליו לכל דבר נקי יהיה לביתו שנה אחת ושמח את אשתו אשר לקח והקב"ה הוא אמת ותורתו אמת הוא ועכשיו אם תקח את נשמת בעלי אזי תהיה התורה ח"ו פלסתר אם תקבל את דברי מוטב ואם לאו בא עמדי לפני ב"ד הגדול שבשמים לפני הקב"ה: (יא) שמע המלאך ואמר לה בשביל שעשה בעלך עמי חסד וכבד אותי לזאת אשא פניך ואלך לפני הקב"ה ואספר את דבריך לפני הקב"ה והלך המלאך לשאול להקב"ה וכהרף עין בא בשמחה פעם אחרת להחדר ואמר שהקב"ה ויתר להחתן את חייו בעבור הגמילות חסד שעשה עם העני: (יב) וכל הלילה הזה אבי הכלה ואמה היו הולכין סביבות החדר שהיו שם החתן והכלה ושמעו אותן שמחים יחד ובבוקר נכנסו שם להחדר ראו ושמחו יחד והודיעו הדבר לכל הקהל ונתנו כולם שבח והודיה להקב"ה עכ"ל· וכל זה גרם החסד שעשה החתן עם העני: (יג) ע"כ צריך האדם להזהר לבלתי הראות פנים של זעפות לעניים הבאים בתוך ביתו ובפרט שלא לגעור בעניים שבאים לסעודת מצוה כי כיון שבעל הבית מבייש העניים בשביל כך מתהווה רעה גדולה לכן לא יצטער האדם אם יהיה לו איזה זהובים יותר הוצאה כי יש בזה כפרת עון: (יד) כמ"ש הרב הגדול מהר"ם בבלי ז"ל בספר טעמי המצות תועלת גדול
לבעלי

דער חתן צוא איר גיזאגט צוא נעמען רשות פון דיר דען עם איז גיקומן מיין צייט צוא שטארבין ווארום דער מלאך המות איז גיוועזן בייא מיר אונ האט מיר גיזאגט אז ער איז גיקומען נעמען מיין נשמה· האט זיא צוא אים גיזאגט דוא זיץ דא אונ איך וועל גיין אין דיין חדר אריין אונ וועל ריידין מיט דעם מלאך המות· איז זיא גיגאנגען אונ האט אים גיפונן: (י) האט זיא צוא אים גיזאגט דוא בישט דער שליח וואש איז גיקומען צוא נעמען דיא נשמה פון מיין מאן· האט ער צו איר גיזאגט יוא· האט זיא צוא אים גיזאגט פאר וואש עש שטייט דאך אין דר תורה ווען איינר וועט נעמן אנייע ווייב זאל ער ניט גיין אין חיל אריין אונ מען זאל אים ניט גענעמן צוא קיין שום זאך נאר ער זאל איין יאר אין זיין היים זיין אונ זאל דער פרייען דאש ווייב וואש ער האט גינומען· אונ נאט ב"ה איז דאך אמת אונ זיין תורה איז אמת· אונ איצונד אז דוא וועשט נעמען דיא נשמה פון מיין מאן וועט דאך דיא תורה ח"ו זיין שקר· אויב דוא וועשט פאר נעמען מיינע רייד איז גוט· אונ אויב ניט קום מיט מיר פאר דעם ב"ד הגדול פון דעם הימל וועל איך דאש טענען פאר זייא· (יא) האט דער מלאך המות צוא איר גיזאגט ווייל דיין מאן האט מיט מיר גומל חסד גיוועזן אונ האט מיך ערליך גיהאלטין· דרום וועל איך דיר צוא ליב טאן אונ וועל גיין דער ציילין פאר גאט ב"ה דיינע רייד איז ער גיגאנגן פרעגין גאט ב"ה אין איין הרף עין איז ער גיקומען נאך אמאל אין דעם חדר אריין מיט גרויש שמחה אונ האט גיזאגט אז גאט ב"ה האט גישיינקט דעם חתן זיין לעבין פון וועגין דעם גמילות חסד וואש דער חתן האט מיט דעם ארום מאן גיטאן· (יב) אונ איין גאנצע נאכט זייען דיא פאטער אונ מוטר פון דער כלה גיגאנגן ארום דעם חדר וואש דיא חתן אונ כלה זיינע דארטין גיוועזן אונ האבין גיהערט וויא זייא פרייען זיך באנאנד· אין דער פריא זיינען זיי אריין גיגאנגן אין זייער חדר אריין אונ האבין דער זעהען אז ער לעבט· האבין זיי זיך זייער גיפרייט אונ האבין דיא זאך מודיע גיוועזן צו אלע לייט פון דער שטאט· האבין זייא אלע אפ גיגעבין איין שבח והודיה צוא גאט ב"ה אונ דאש אלץ האט גורם גיוועזן דער חסד וואש דער חתן האט גיטאן מיט דעם ארום מאן· (יג) דרום מוז דער מענטש גיווארינט זיין ניט צו ווייזין איין צארינדיג פנים צוא דיא ארמע לייט וואש קומען אין זיין הויז אריין· אונ בפרט צוא דיא עניים וואש קומן צוא איין סעודת מצוה· ווארום דורך דעם וואש דער בעל הבית איז מבייש דיא ארמע לייט דער פון קומט אגרוישע רעה· דרום זאל דער מענטש זיך ניט מצער זיין דאש דיא סעודה וועט אים דורך דעם עפיש מער קאשטי ווארום דורך דעם ווערין אים פאר געבין זיינע זינד: (יד) אזוא וויא דער גרוישר רב מהר"ם בבלי שרייבט אין ספר טעמי המצות דאש ווען די עניים עשין אויף איין סעודות מצוה איז דאש אגרויש הילפונג צוא דעם בעל הסעודה דען דאש איז כמעש גליך וויא אקרבן דאש דיא כהנים עסין דאש פלייש פון אים אונ דיא בעלים האבין איין כפרה אויף
זייערע

לבעלי הסעודה במה שאוכלים הקרואים עניים שהוא ממש דוגמת קרבן שהכהנים אוכלין ובעלים מתכפרים ויתן בטוב עין ואז נאמר עליו טוב עין הוא יבורך:

**פרק יא ידוע** ומפורסם לכל יודעי דת ודין תורתנו הקדושה תרין סמכין הן שהן עמודי העולם ועמודי הגולה· ואלו הן זכות התורה וזכות האבות ולכן השחר מאיר בכל יום בגלוי: רצון ורחמים זכות תרין עמודי הנזכרים עמוד התורה וזכות אבות שהן רחמים ורצון לישראל (ב) ובהיות כי הקב"ה מתאוה לתפלתן של יראיו על כן נכון הוא להתפלל ע"ז בכל בוקר שתעמוד לנו זכות תורתנו הקדושה וזכות אבות שהן אברהם יצחק יעקב: (ג) ובהיות כי הברכה ראשונה הוא על נטילת ידים כזה· (ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת ידים) הברכה זו מתחיל באות בי"ת ומסיים באות מ"ם שהוא מ"ב ב"פ כ"א הוא מרמז על שני עמודים עמוד התורה ועמוד זכות אבות כי ה' חומשי תורה מתחילין באות ב' דבראשית ו' מספר ואלה שמות ו' מספר ויקרא ו' מספר במדבר א' מספר אלה הדברים ר"ת שלהן גימטריא כ"א כנגד השם אהי"ה· והאבות ראשי תיבות שלהן הוא גימטריא כ"א כנגד השם אהיה כזה א"ברהם י"צחק י"עקב גימטריא כ"א: (ד) לכן אנשי מעשה נוהגים להתפלל תיכף אחר ברכת נט"י ואומרים תפלה כזה (אל אלהי הרוחות יה"ר מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שתעמוד לנו זכות אברהם יצחק ויעקב להציל אותנו ואת זרענו מכל פשע ועון כדי לקיים מצות תורתך הקדושה בלי שום מחשבה זרה וטהר לבנו לעבדך באמת ובתמים אמן)· אל תהי מצות ברכה זו קלה בעיניך כי מצאתי תפלה זו בחיבור הראשונים בימי רש"י ז"ל אשר קבלה היא בידם כי מיום שחרב ב"ה ובטלו הקרבנות נכנסו התפלות במקום הקרבן לעורר רחמים עלינו ובפרט שאנו בזמן הזה צריכין לרחמים גדולים ואין דעתנו צלולה להתפלל מחמת עול הפרנסה אשר ממש בנפשו

זייערע זינד: אונ ער זאל זייא פאר גינען דאש עשין אונ דענמאלט ווערט אויף אים גיזאגט טוב עין הוא יבורך דר וואש האט איין גוט אויג דאש הייסט ער פר גינט דאש עשין וואש ער גיט דיא ארמע לייט דער ווערט גיבענטשט ווערן פון גאט ב"ה:

**פרק יא** ידוע ומפורסם עש איז גיוויש אונ מפורסם צוא אלע וואש האבין ווישען שאפט אין אונזער הייליגע תורה אז צווייא זיילין זיינען פאר האנדין וואש דיא וועלט שטייט אויף זייא· אונ דיא ישראל האבין דורך דעם איין קיום· אונ דאש זיינען זייא דער זכות פון דער תורה אונ דיא זכות אבות אונ דרום אז דער מארגין שטערין גייט אויף טוט ער לייכטן אלע טאג מיט רצון אונ רחמים דורך דעם זכות פון דיא צווייא זיילין וואש פריער זיינן גישטאנן דאש איז דיא תורה אונ זכות אבות וואש זייא זיינען דער בארימקייט אונ ווילן צוא דיא ישראל: (ב) אונ ווייל גאט ב"ה גלוסט צוא דיא תפלות פון דיא גאטש פארכטיגי מענטשין דרום איז רעכט אז דער מענטש זאל דרויף מתפלל זיין אלע פריא· אז עש זאל אונז בייא שטיין דער זכות פון אונזר הייליגע תורה אונ דער זכות פון אונזרע עלטערין אברהם יצחק ויעקב: (ג) אונ ווייל אין דער פריא איז דיא ערשטע ברכה על נטילת ידים אונ דיא ברכה הייבט זיך אן מיט איין ב"ית אונ לאזט זיך אויש מיט איין מ"ם דאש טרעפט אן צווייא אונ פערציג· דאש איז צוויי מאל איין אונ צוואנציג אונ דאש איז מרמז אויף דיא צווייא זיילין דיא זייל פון תורה אונ דיא זייל פון זכות אבות· דען דיא ערשטע אותיות פון דיא פינף ספרים פון דער תורה טרעפין אן איין אונ צוואנציג ווארום דער ספר בראשית הייבט זיך אן מיט איין (בית) דער ספר שמות מיט איין (ואו) דער ספר ויקרא מיט איין (ואו) דער ספר במדבר אויך מיט איין (ואו) דר ספר דברים הייבט זיך אן מיט איין (א) טרעפט דאש אלץ אן איין אונ צוואנציג· אונ דיא ערשטע אותיות פון דיא אבות טרעפין אויך אן איין אונ צוואנציג דאש איז דיא (א) פון אברהם דיא (י) פון יצחק דיא (י) פון יעקב· דיא ראשי תיבות פון ביידע זיילין טרעפין אן צווייא אונ פערציג אקעגין דעם אן הייב אונ אויש לאז פון דער ברכה על נטילת ידים: (ד) דרום זיינען דיא פרומע לייט זיך נוהג דאש תיכף נאך דער ברכה פון על נטילת ידים זאגין זייא דיא תפלה אל אלהי הרוחות וכו' אונ דיא מצוה פון דער ברכה על נטילת ידים מיט דער תפלה אל אלהי הרוחות זאל ניט גרינג זיין אין דיינע אויגין· ווארום איך האב דאש גיפונן שטיין אין דיא ספרים וואש דיא ערשטע חכמים האבין מחבר גיווען וואש זייא זיינען גיוועז

בנפשו יביא לחמו ולפעמים באשר שהוא להוט אחר הממון מכנים את עצמו בדברי איסור הקרובים לאונאה וגזל כדי להחיות נפשו: (ה) ע״כ תקנו חז״ל זו התפלה להתפלל להבורא יתברך ב״ה להציל אותנו מכל עון ופשע וחטאה ולא כל העתים שוים לתפלה כמו תפלה של שחרית שהוא עת רצון ועת רחמים ע״כ טוב לומר תפלה זו תיכף אחר ברכת נט״י כיון שמרומז בה זכות התורה וזכות האבות וכמש״ל יאם תפרוק עולך מלהתפלל פן יפגע מדת הדין קודם התפלה לשפוך חמה שפוכה בפתע פתאום בעת הדין אשר מדה״ד כבר מוכן הוא: (ו) בן אדם בן אדם אם תציית לעצתי קום והתחזק לרצות את בוראך כי הוא אל גדול גבור ונורא עושה הכל בבת אחת ממית ומחיה מוחץ ורופא מוריש ומעשיר משפיל ומרומם מרעיב ומשביע ומוריד שאול ויעל מטביע במים אדירים ועמוקים ומעלה עונה לאדם בעת צרה ועונה לאשה בעת שיושבת על המשבר מציל את האנשים מים סוף והולכי מדברות מחיות רעות ונחש שרף רופא חולים שומע לזעקת אביונים ועניים מציל העשוק מיד עושקו: (ז) ולפעמים כשישראל אינם רוצים בתשובה מביא עליהם צרה אז למרום נושאים עיניהם בבכיה עד כי בא יבא ישועה כהרף עין וכל זה בעבור התשובה שעושין במסתרים תבכה נפשם ומתוודים על חטאתם ופשעם ומעלים על לבביהם חטאת נעוריהם מה שקלקלו ופגמו ולא אבו ללכת בדרכי ה׳ כי אם בשרירות לבם ולא זכרו יום אחריתם ואחרי שובם נחמו לעזוב דרך הרשע ותמיד הן מתוודים בבכי ולקבל תשובה שלימה · על כל אלה שומע ומאזין

גיוועז אין דיא צייטין פון רש״י ז״ל דאש בייא זיי איז איין קבלה גיוועז אז פון דעם טאג אן וואש דאש בית המקדש איז חרוב אונ דיא קרבנות זיינען בטל גיווארין · זיינען דיא תפלות אויף דעם ארט פון קרבנות צוא דער וועקין דאש רחמנות פון גאט אויף אונז · בפרט היינטיגע צייטין באדארפין מיר צוא האבין גרוים רחמנות · אונזר דעה איז גיט קלאר תפלה צוא טאן מחמת דעם עול פון פרנסה וואש ממש ער שטעלט איין זיין לעבין פון זיין פרנסה וועגין · אונ אמאל מחמת ער איז זייער להוט נאך געלט ברייננט ער זיך אריין אין איסור זאכין וואש זייא זיינען נאהענט צוא נארין איינעם אדער אים באגזלנען פון וועגין צוא דער נערין זיין לייב · אונ דאש קומט אלץ מחמת עש קומט אים זייער שווער דיא פרנסה: (ה) דרום האבין אונזערע חכמים ז״ל מתקן גיוועזין דיא תפלה וואש פריער איז גישטאנען צוא בעטין גאט ב״ה ער זאל אונז מציל זיין פון אלע זינד · אונ ניט אלע צייט זיינען גלייך תפלה צוא טאן אזוא וויא דיא תפלה פון אין דער פריא וואש דענמאלט איז איין עת רצון אונ איין עת רחמים · דרום איז גוט דיא תפלה צוא זאגין תיכף נאך דער ברכה פון על נטילת ידים וייל אין איר איז מרומז דער זכות פון דער תורה את זכות אבות · אבר ווען דוא וועסט אבער פורק עול זיין פון צוא זאגין דיא תפלה תיכף נאך דער ברכה על נטילת ידים · טאמר וועט דער מדת הדין דיך באגעגנין פאר דער תפלה צוא פאר גיסין אויף דיר פלוצלונג זיין רוגזה: (ו) דוא בן אדם אויב דוא ווילסט פאלגין צוא מיין עצה שטייא אויף אונ שטארק זיך איבער צוא בעטין דיין באשעפער ווארום ער איז זייער אגרויסער אונ איין פארכטיגער גאט ער טוט אלץ אין איין מאל · ער טייט אונ מאכט לעבדיג אין איין מאל ער וואונדעט אונ היילט · ער מאכט ארום אונ רייך · ער מאכט נידעריג אונ דער הייכט · ער מאכט הונגעריג אונ מאכט זאט אונ מאכט נידרין אין גיהנם אריין אונ ברייננט ווידר אויף · ער מאכט איין זינקען אין שטארקע אונ אין טיפע וואסער אונ ברייננט ווידר אויף · ער ענטפרט צוא איין מענטשין אין דער צייט אז ער איז אין איין עת צרה · אונ ענטפרט צוא דער אשה בשעת זיא זיצט אויף דעם בראך בייגקיל צוא געווינען איין קינד · ער איז מציל דיא מענטשין פון דעם ים · אונ דיא וואש גייען אין דער מדבר איז ער מציל פון חיות רעות אונ שלאנגען · ער היילט קראנקע · ער הערט צוא דאש גישרייא פון ארעמע לייט ער איז מציל דעם וואש ווערט גירויבט פון דעם וואש רויבט אים · (ז) אונ אמאל אז דיא ישראל ווילען ניט טאן קיין תשובה · קומט אויף זייא צרות ר״ל · אונ דענמאלט הייבין זייא אויף זייערע אויגין צו גאט מיט גיוויין · ביז דיא הילף קומט זייא אין איין הרף עין · אונ דאש איז אלץ פון וועגין דער תשובה וואש זייא טוען · אונ וויינען אין פאר בארגענע ערטער אונ זיינן מתודה אויף זייער זינד · אונ ברייננען אויף זייערע הערצער אויף דיא זינד וואש זייא האבין גיטאן אין זייער יוגענט · דאש זייא האבין גיזינדיגט אונ האבין ניט גיוואלט גיין אין דיא וועגין פון גאט · נאר נאך דעם ווילין פון זייער הארץ ·

ומאזין הבורא יתב״ש את זעקתם לשלות להם ישועה ורחמים: (ח) ע״כ אל יתרשל האדם מלהתפלל להשי״ב ב״ה ואל יסמוך האדם על חכמתו לאמר כבר מסוגל אני ביראת ה׳ ולא יריע אויבי לי להטותי מדרך הישר והטוב · ובא וראה מה דאיתא בירושלמי: (ט) מעשה בחסיד אחד שהיה מופלג בזקנה ואמר אל תאמין בעצמך עד ימי זקנתך (כי הוא סבר כשבא האדם לימי הזקנה שוב לא יחטא בוודאי ולא הסכים למה שאמרו רז״ל אל תאמין בעצמך עד יום מותך) והנה פעם אחת בא השטן אליו ונדמה עצמו כאשה יפת תואר מאד והתקרב אליו עד שהביאו להרהור עבירה והתחיל החסיד לדבר אל השטן דברים המרגילין לעבירה: (י) ובתוך כדי הדבור שם החסיד אל לבו והתחרט ואמר מה זה מעשה אשר עשיתי והיכף קם ואמר אוי לי למי אני מתקרב והתחיל להצטער מאוד בבכי גדול על הדברים שיצאו מפיו הקרובים להביא את האדם לעבירה כשראה השטן שהחסיד הוא בצער א״ל רבי אל תצטער כי אתה לא דברת עם אשה רק עם השטן שנדמה כאשה ולא באתי אלא להזהיר אותך לבלתי לשנות מטבע ודברים של חכמים שאמרו אל תאמין בעצמך עד יום מותך ולא עד זקנתך וקבל החסיד עליו לדבר כך כמו שהזהיר אותו השטן עכ״ל: (יא) והנה אחרי אשר דברנו קצת לעיל שצריך האדם להתפלל בלב נשבר נזכיר אגב גם התועלת הגדולה לקבלת התפלה שהוא ענין הנקיות שיהיה גופו נקי מכתמי לכלוכי הזוהמא ויתבונן האדם ממה שהובא בברייתא דמעשה מרכבה ונזכר לעיל ג״כ בפרק ראשון: (יב) שאותן המלאכים הנשלחים בעוה״ז להכריז מה שנגזר על העולם כשטסין בעולם באוירא אינם יכולין

אונ האבין ניט גידיינקט זייער לעצטין טאג · אונ נאך דעם פאר לאזין זיא זייערע בייזע מעשים אונ זיינען תמיד מתודה מיט גיוויין אונ טוען איין רעכטע תשובה הערט דאש אלץ גאט צו אונ פאר נעמט זייער גישריי צו שיקן זיא איין הילף אונ דער בארעמיקייט: (ח) דרום זאל דער מענטש זיך ניט פוילין פון צו בעטין צוא גאט ב״ה אונ דער מענטש זאל זיך ניט סומך זיין אויף זיין חכמה צוא זאגין איך בין שוין גוואונט אין גאטש פארכט · אונ מיין פיינד דער יצר הרע וועט מיר שוין ניט קענען קיין בייז טאן מיך אוועק צוא נייגין פון דעם רעכט פארטיגין אונ גוטין וועג׳ קום אונ זעה וואש עש שטייט אין ירושלמי: (ט) עש האט זיך גיטראפין איין מעשה דאש איין חסיד איז גיוועזן וואש ער איז גיוועזן גאנץ אלט · אונ האט גיזאגט אל תאמין בעצמך עד ימי זקנתך דאש איז טייטש אויב דוא בישט שוין פרום · זאלסטו אין דיר זעלבשט ניט גלייבין ביז אין דיין עלטער · דען ער האט גימיינט אז דער מענטש ווערט שוין אלט אונ האט ניט גזינדיגט וועט ער שוין בוודאי ניט זינדיגן אונ האט ניט מסכים גיוועזן צו דעם וואש אונזערע חכמים ז״ל האבין גיזאגט אז דוא זאלשט אין דיר ניט גלייבין ביז דיין טויט · אמאל איז דר שטן גקומן צו אים אונ האט זיך אים בוויזן וויא זייער איין שיינע אשה· אונ האט גינעהנט צו אים׳ביז ער האט אים גיבראכט צוא איין הרהור פון זנות אונ דער חסיד האט אן גיהובין צוא ריידין צוא דעם שטן זעלבע רייד וואש ברייגגען צוא זנות: (י) אונ תוך כדי דבור. האט דער חסיד חרטה גיהאט אונ האט גיזאגט וואש האב איך דא גיטאן · אונ האט גיזאגט וויא איז מיר צו וועמען בק איך מיך מתקרב · אונ האט אן גיהויבין זיך מצער צוא זיין מיט גרויש גיוויין אויף דיא רייד וואש ער האט גירעט וואש זייא קענען ברייגגען דעם מענטשין צוא זנות · וויא דער שטן האט גיזעהען אז דער חסיד איז זיך זייער מצער · האט ער צוא אים גיזאגט רבי זייא זיך ניט מצער · ווארום דוא האסט ניט גירעט מיט קיין אשה נאר מיט מיר וואש איך בין דער שטן וואש איך האב זיך דיר אויש גיוויזין וויא איין אשה · אונ איך בין מער ניט גיקומען נאר דיך מזהיר צוא זיין דוא זאלסט ניט אנדערש זאגען נאר וויא דיא חכמים האבין גיזאגט דוא זאלשט אין דיר ניט גלייבין אז דוא וועסט ניט זינדיגין ביז אין דיין טויט · אונ ניט אזוא וויא דוא זאגשט ביז דיין עלטער · האט דער חסיד אויף זיך מקבל גיוועזן ער זאל שוין אזוא זאגין וויא דער שטן האט אים אן גיזאגט: (יא) אונ נון ווייל מיר האבין פריער אביסיל גירעט אז דער מענטש מוז מתפלל זיין מיט איין צוא בראכין הארץ וועלין מיר נאך דער מאגען דאש גרויש העלפונג אז דיא תפלה זאל אן גינומען ווערין דאש איז דער גוף זאל זיין ריין פון די מיאוסע אונ איין גירינכטע פלעקין · אונ דער מענטש זאל פאר שטיין פון דעם וואש עש שטיים אין דער ברייתא פון מעשה מרכבה · (יב) דאש דיא מלאכים וואש ווערין גישיקט אויף דער וועלט אויש צוא רופין וואש עש ווערט נגזר אויף דער וועלט · דער

נאך

יכולין לומר שירה אח"כ כשעולין עד שיטבלו בנהר דינור שס"ה טבילות ואח"כ טובלין עוד ז' פעמים באש לבנה וכל זה צריכין לטבול באשר שהיו בשכונתן של בני אדם ואם כן אם העליונים צריכין טהרה להתקדש לומר שירה לפני הקב"ה מכל שכן שצריך האדם טהרה להיותו מתקדש עצמו לתפלה: (יג) ועיקר הטהרה הוא שצריך האדם להזהר בהן שצריך ליטול ידיו תיכף אחר יציאת בית הכסא וגם שצריך ליטול ידיו אחר יציאת המרחץ ואחר הקזה של דם ואחר נטילת הצפרניים ואחר תספורת ואחר שנגע בגופו במקומות המכוסים בבשרו כמבואר בפוסקים וכל מי שנזהר בנטילות הנ"ל לא במהרה יבא לידי חטא וכל מי שאינו נזהר בהן בוודאי יבוא לידי חטאים גדולים כי מי שמיקל בזה יסובבו אותו הקליפות ששולטין במקומות הזוהמא אבל על ידי הנטילת מים מוכרחים הקליפות להרחיק מן האדם: (יד) ובא וראה מאי דאיתא בזוהר בראשית ח"ל מאן דעייל לבית הכסא לא יקרא בתורה עד דיסחי ידוי אלא ווי לבני עלמא דלא משגיחין ולא ידעין ביקרא דמארן ולא ידעו על מה קאי עלמא רוחא חדא אית בכל בית הכסא דשרי תמן ומיד שארי על אינון אצבעין דידוי דבר נש עכ"ל ומכאן ראיה להמדקדקים במצות להיות מצוי אצל בית הכסא כלי אחד לנקות את הידים תיכף בצאתו מבית הכסא: (טו) וכן ראיתי שנוהגים קצת אנשים לרחוץ תיכף בשחרית בתוך כלי בעמדם משינתם וכן ראיתי נוהגים שיהיה כלי מים מוכן בשעת לימודו שמא יהיה נוגע באחד מן המקומות המכוסים והוא נכון מאוד ובפרט יראה לרחוץ ידיו קודם התפלה דכתיב ארחץ בנקיון כפי וכו' וכתיב ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו: (טז) ועוד דבר אחד מועיל לתפלה שלא ישב בבהכ"נ

נאך אז זיא גייען אויף דעם הימל ארויף קענען זיא קיין שירה ניט זאגין · ביז זיי מוזן זיך פריער טובלן אין נהר דינור דרייא הונדערט אונ פינף אונ זעכציג טבילות · אונ דער נאך טובלען זיא זיך נאך זיבין מאל אין ווייסע פייער : אונ דיא טבילות מוזין זיא האבין וייל זיא זיינען גוועזן אין דעם רואונג פון מענטשין · מכל שכן דער מענטש מוז בוודאי האבין טהרה דאש ער זאל זיך היילינן בשעת ער וויל תפלה טאן : (יג) אונ דער עיקר טהרה מוז זיין וואש דער מענטש מוז דרינען גיווארינט זיין איז דאש · ווינ ער גייט ארויש פון דעם בית הכסא · מוז ער תיכף וואשין דיא הענט · אונ נאך דעם אז ער גייט ארויש פון דעם מרחץ מוז ער אויך תיכף וואשין דיא הענט · אויך נאך דעם אז ער לאזט זיך אדער · אונ אויך נאך דעם אז ער שנייד דיא נעגיל · אונ נאך דעם אז ער גאלט זיך אפ · אונ אז ער רירט אן אין זיין לייב אין דיא ערטער וואש זיינען בדעקט · אזו וויא עש שטייט אין שלחן ערוך · אונ דער וואש איז נזהר אין דיא אלע נטילות · קומט אים איין עבירה ניט גיך צוא האנדין · אונ דער וואש איז ניט נזהר אין זיא וועט ער בוודאי קומען צוא גרוישע זינד ווארום דער וואש איז מקיל אין דיא נטילות רינגלען אים ארום דיא קליפות וואש גיוועלטיגין אין דיא אום ריינע ערטער · אבער דורך דעם וואשט ער וואשט זיך זיינע הענט מוזין דיא קליפות פון אים זיך דער ווייטערן : (יד) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר · דער וואש גייט אריין אין בית הכסא זאל ער ניט לערנען קיין תורה ביז ער וואשט זיך פריער דיא הענט · וויא צוא דיא מענטשין וואש פרעגין ניט אונ ווייסין ניט אין דעם כבוד פון אונזער הער אונ זייא ווייסין ניט אויף וואש דיא וועלט שטייט · דען איין רוח איז פאר האנדין אין איטליכין בית הכסא וואש ער רועט דארטין · אונ וויא דער מענטש גייט אריין אהין רועט ער אויף דיא פינגער פון זיינע הענט · אונ פון דאנען איז איין ראיה צוא דיא וואש זיינען מדקדק במצות דאש זיי זיינן זיך נוהג ביא זייער בית הכסא זאל שטיין איין כלי מיט וואסער כדי צוא וואשין זיך דיא הענט תיכף וויא זייא גייען ארויש פון דעם בית הכסא : (טו) אונ אזוא איך האב איך גיזעהן אטייל מענטשין זיינען זיך נוהג אין דער פריא ווי זיי שטייען אויף פון זייער שלאף וואשין זייא זיך תיכף · אונ אויך האב איך גיזעהען מענטשין זיינן זיך נוהג אז איין כלי מיט וואשער איז ביא זייא אן גיברייט בשעת לערנען · מחמת טאמר וועט ער אין מיטין לערנן אן רירין אין לייב וועט ער זיך תיכף וואשין דיא הענט אונ דאש איז זייער רעכט · אונ בפרט ער זאל זעהן צו וואשין זיינע הענט פאר דעם דאווגען ווארום עש שטייט אין פסוק ארחץ בנקיון כפי איך טוא וואשין מיט ריינקייט מיינע הענט אונ דער נאך ואסבבה את מזבחך ה' וועל איך ארום רינגלען דיין מזבח גאט אונ וועל תפלה טאן : (טז) אונ נאך איין זאך העלפט צוא דער תפלה

# קב

בבהכ״נ סמוך לאדם רשע כמו שכתבתי לעיל פ״ג כי במקום הרשע שם חניית הסטרא אחרא ומקום סכנה להנזק בו ח״ו וכן מצינו בדברי רבינו ז״ל מכל עבירה שהאדם עושה ואינו מעביר העבירה בתשובה ובכי ובוידוים אזי מאותה עבירה מתהווה ונברא משחית אחד ומתלבש בתוך העץ או אבן ואחר זמן רב נכשל זה האדם שעבר עבירה באותו העץ או האבן וניזוק בו והוא סבור שהעץ או האבן מזיקו וטעות הוא במחשבתו שאינו יודע כי בעון עצמו הוא נכשל והעון הוא המזיק וזה שאמר הכתוב שובה ישראל עד ה׳ אלהיך כי כשלת בעונך דייקא : (יז) וכן שמעתי אומרים בשם החסיד רבי יהודה משידלאווצי ז״ל שאמר כן על אותן אנשים אשר בוגדים בנשותיהם והולכים למדינות מרחקים להיות שמה מלמדי תינוקות ואח״כ המה עוסקים באיזה משא ומתן וקובצים על יד להרבות מעות וממון רב ובלי ספק שהן נכשלים בעון ראיית קרי ואח״כ כשרוצים לילך ולחזור לבתיהם אזי באים עליהם שודדים וגזלנים ולוקחים כל אשר להם ואותן אנשים! לא ידעו כי מכל טפת קרי נברא מזיק א׳ רחמנא ליצלן ואותן המזיקין נדמים כאנשים ולוקחין ממנו כל המעות שלו עכ״ל וכמו שהאריך ג״כ הרב בעל כלי חמדה וגם הרב בעל מגלה עמוקות כשרוצה האדם לעשות איזה דבר עבירה אזי מלאך הממונה על זה צועק ואומר אל תבואני רגל גאוה ויד רשעים אל תנדני · וכדאיתא בזוהר פרשת בראשית ע״ש · והכלל כי כח העבירה שמביא הס״א גם המקום שנעשה בו העבירה הוא מסוכן : (יח) ובא וראה מ״ש בזוהר שמות · ר׳ חייא ור׳ יוסי הוו אזלי באורחא במדברא והוו עסקי באורייתא אדהכי חמו חד בר נש דטעין משאוי אמר ר׳ חייא לא נשתתף בהדיה דילמא עובד כוכבים הוא ואסור להשתתף עמיה או שמא עם הארץ הוא ואין להתלוות עמיה אמר רבי יוסי נעיין עליו דילמא ת״ח או בר אוריין הוא אדהכי הגיע אליהם

דאש ער זאל ניט זיצין אין שול נאהענט צו איין רשע אזו וויא איך האב אויבין גישריבין ווארום דארטין וואו דער רשע רועט דארטין רועט דיא סטרא אחרא און דאש איז איין סכנה ארט דארטין ניזוק צו ווערין ח״ו · און אזו האבין אונזערע ...מים ז״ל אויך גיזאגט · פון איטליכער עבירה וואש דער ...טש טוט און פירט ניט איבער דיא עבירה מיט תשובה ...גיוויין און ווידוים · ווערט פון דער עבירה בשאפין ...ין משחית און איז זיך מתלבש אין איין האלץ אדר אין איין ...י און אין פיל צייט ארום ווערט דער זעלביגער מענטש גישטרויכילט אין דעם האלץ אדער אין דעם שטיין און ווערט דער פון ניזוק · און ער מיינט אז דער האלץ אדער דער שטיין איז אים מזיק · אבער ער האט איין טעות דאש ער ווייש ניט אז אין דער עבירה וואש ער האט גיטאן דרינן ווערט ער גשטרויכילט און דיא עבירה איז דער מזיק און דאש מיינט דער פסוק שובה ישראל עד ה׳ אלהיך קער ווידער ישראל ביז דיין גאט כי כשלת בעונך דען דוא בישט גישטרויכילט גיווארין אין דיין זינד אליין · (יז) און אזו האב איך גיהערט מען זאגט פון וועגין דעם חסיד רבי יהודה משידלאווצי ז״ל דאש ער האט אזוא גיזאגט אויף דיא מענטשין וואש פעלשין אין זייערע ווייבער און גייען אין ווייטע מדינות אריין · דארטין מלמדים צוא זיין · דער נאך ווינען זייא דארטין עוסק אין איין משא ומתן און קלייבין צוא נויף פיל געלט און זייא ווערין בוודאי נכשל אין דער עבירה פון קרי ר״ל דער נאך אז זייא ווילין ווידער קערין צוא זייער היים · קומען אויף זייא רויבער און גזלנים און נעמען ביי זייא אוועק וואש זייא האבין · און דיא מענטשין ווייסען ניט אז פון איטליכער טיפה קרי ווערט באשאפין איין מזיק ר״ל און דיא מזיקים ווייזין זיך פאר זייא אזוא וויא מענטשין און נעמען ביי זייא אוועק גאר דאש געלט · דער כלל איז דער וואש טוט איין עבירה ברייננגט דיא סטרא אחרא אויף דעם ארט וואו דיא עבירה ווערט גיטאן · איז דאש ארט אויך מסוכן : (יח) קום און זעה וואש עש שטייט אין זוהר רבי חייא און רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג אין דער מדבר · און האבין גילערינט תורה דער ווייל האבין זייא דער זעהען איין מענטש וואש טראגט איין משא · האט רבי חייא צו אים גיזאגט לאמיר זיך ניט משתתף זיין מיט אים · ווארום טאמער איז ער איין הייד טאר מען זיך מיט אים ניט משתתף זיין אדער טאמער איז ער איין עם הארץ ברויך מען זיך אויך ניט צוא באהעפטין מיט אים · האט רבי יוסי גיזאגט לאמיר זעהן טאמער איז ער איין ת״ח · דער ווייל איז ער גיקומען צוא זייא און איז איבער גיגאנגען פר זייא · און האט צו זיי גיזא... אייער באהעפטונג איז זיס צוא מיר · און איך גיל... זיך צוא באהעפטין מיט אייך · פאר וואר איך ווי...

איין

אליהם ועבר לפניהם ואמר להון צוותא דילכון בסימא אלי ומתאוה אני להשתתף בהדייכו אכן אנא ידענא אורחא חד ולא באותה אורחא שאתם רוצים לילך בו כי הוא מקום סכנה מאוד ואתם אינכם יודעים מזה וחלילה לי שלא לגלות לכם ואתחייב בנפשייכו: (יט) א"ר יוסי בריך רחמנא שהיינו ממתינים בכאן ואתחברו בהדיה אמר להו הנה עדיין צריכין אנו לילך קצת באותו הדרך של סכנה ולא נשתעי מידי ניזול במהירות עד שנעבור אותו מקום סכנה· בתר דנפק אמר להו בריך המקום שעזרנו לצאת מן המקום הזה ואמר להם חד זמן הלך כהן תלמיד חכם אחד עם עם הארץ ועמד עם הארץ על הכהן ת"ח והרג אותו ומההוא יומא כל מאן דעבר בההוא אורחא שאתם רוצים להלוך שמה ופוגע באותו המקום ניזוק כי מאותה שעה נעשה אותו המקום מקום סכנה ומתחבאין תמן גזלנים רצחנים וכל מי שעובר שמה אינו ניצול מיד הגזלנים כי הקב"ה תובע דמו של האי כהן ת"ח וכו' ע"ש באריכות: (כ) הרי לך בהדיא גרם החטא שגורם לאותו המקום לעשות מקום סכנה· ע"כ צריך האדם להזהר שישב בבית הכנסת אצל שכן טוב ולא אצל אדם רשע ואז בוודאי יקובל תפלתו והקב"ה יתן בלבו לטהר גופו ונשמתו בעוה"ז ע"י תשובה שלימה להיות נשמתו מתקבלת בחדוה לפני כסא כבודו יתברך:

פרק יב **במה** מאוד צריך האדם להתפלל בבכי גדול לפני הקב"ה שלא יהיה מבוייש בבואו לפני כסא כבודו אחר צאת נשמתו ואל יחשוב האדם כי אין לו לדאוג על זה באשר שיש לו הרבה זכיות ואינו צריך להנצל מהבושה: (ב) בא וראה מה דאיתא בתיקוני הזוהר ר"ש בן יוחאי הוי יתיב ולעי באורייתא קם חד סבא (ר"ל אליהו הנביא) מבתר כותלא ואמר לרשב"י רבי רבי בוצינא קדישא קום

איין וועג· ניט דער וועג וואש איר ווילט אין אים גיין· ווארום דער וועג וואש איר ווילט גיין איז איין סכנה ארט אונ איר ווייסט ניט· אונ חלילה איך זאל אייך דאש ניט זאגן אז דער וועג איז איין סכנה וועג וואלט איך דריבער איין גרוישין עונש גיהאט ווייל איך האב אייך ניט מגלה גיוועזן· דרום גייט מיט מיר אויף מיין וועג וואש איך וועל ווייזן· האט רבי יוסי גיזאגט גילויבט איז גאט וואש מיר האבין דא גיווארט· אונ זייא האבין זיך מיט אים בהעפט· האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט מיר דארפין נאך אביסיל גיין אין דעם סכנה וועג· אונ לאמיר גאר ניט רידין· אונ גיך גיין ביז מיר וועלין איבער גיין דאש סכנה ארט· נאך דעם אז זייא זיינען אוועק גיגאנגען פון דעם סכנה וועג· האט ער צוא זייא גיזאגט גילויבט איז גאט וואש האט אונז גיהאלפין ארויש צוא גיין פון דעם דאזיגען ארט· דען איין מאל איז גיגאנגען איין כהן תלמיד חכם מיט איין עם הארץ· האט דער עם הארץ גיהרגת דעם כהן ת"ח· אונ פון דעם טאג אן איטליכר וואש גייט אין דעם וועג אונ בגעגינט אין דעם ארט ווערט ער ניזוק ווארום פון דער צייט אן ווערט דאש ארט איין סכנה ארט· אונ דארטין באהאלטין זיך גזלנים אונ רוצחים· אונ איטליכער וואש גייט דארטין ווערט ניט ניצול פון די גזלנים ווארום גאט ב"ה דער מאנט דאש בלוט פון דעם כהן ת"ח· (כ) נאו שטייט דאך דא בפירוש אז די עבירה איז גורם אז דאש ארט וואו זיא ווערט גיטאן ווערט איין סכנה ארט דרום מוז דער מענטש נזהר זיין ער זאל זיצין אין שול לעבין איין גוטין שכן אונ ניט לעבין קיין רשע אונ דענמאלט וועט בוודאי זיין תפלה אן גינומען ווערין: אונ גאט ב"ה וועט געבין אין זיין הארץ צוא ריינִיגן זיין גוף אונ נשמה אויף דער וועלט דורך איין רעכטער תשובה דאש זיין נשמה זאל אן גינומען ווערין מיט חדוה פאר זיין כסא כבוד

פרק יב מה מאוד וויא זייער גיהער דער מענטש מתפלל זיין מיט גרויש גיוויין פאר גאט ב"ה דאש ער זאל ניט מבויש ווערין פאר זיין כסא כבוד נאך דעם אז זיין נשמה וועט ארויש גיין· אונ דער מענטש זאל ניט טראכטין אז ער האט זיך ניט צוא זארגין דרויף ווייל ער האט פיל זכיות אונ ער דארף ניט ניצול ווערין פון דער בושה: (ב) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין תיקוני זוהר רבי שמעון בן יוחאי איז גיזעסן אונ האט זיך גמיהט אין דער תורה· איז אויף גישטאנען אליהו הנביא אונ האט גיזאגט צוא רבי שמעון בן יוחאי רבי רבי בוצינא קדישא שטייא אויף אונ צינד אן דיין ליכט דאש איז דיא ליכט פון משה רבינו ע"ה כלומר זאג דברי תורה דען דיא תורה איז גיגליכן צוא פייער· איז רבי שמעון בן יוחאי אויף גישטאנען אויף זיינע פיס אונ איז גיזעסן איין רגע אונ האט גיזאגט דער הער פון דער וועלט דוא בישט דער הער פון אלע מלכים אונ אנטפלעקט סודות עש זאל

זיין

בבהכ"נ סמוך לאדם רשע כמו שכתבתי לעיל פ"ג כי במקום הרשע שם חניית הסטרא אחרא ומקום סכנה להנזק בו ח"ו וכן מצינו בדברי רבינו ז"ל מכל עבירה שהאדם עושה ואינו מעביר העבירה בתשובה ובכי ובוידויים אזי מאותה עבירה מתהווה ונברא משחית אחד ומתלבש בתוך העץ או אבן ואחר זמן רב נכשל זה האדם שעבר עבירה באותו העץ או האבן וניזוק בו והוא סבור שהעץ או האבן מזיקו וטעות הוא במחשבתו שאינו יודע כי בעון עצמו הוא נכשל והעון הוא המזיק וזה שאמר הכתוב שובה ישראל עד ה' אלהיך כי כשלת בעונך דייקא : (יז) וכן שמעתי אומרים בשם החסיד רבי יהודה משידלאווציי ז"ל שאמר כן על אותן אנשים אשר בוגדים בנשותיהם והולכים למדינות מרחקים להיות שמה מלמדי תינוקות ואח"כ המה עוסקים באיזה משא ומתן וקובצים על יד על יד להרבות מעות וממון רב ובלי ספק שהן נכשלים בעון ראיית קרי ואח"כ כשרוצים לילך ולחזור לבתיהם אזי באים עליהם שודדים וגזלנים ולוקחים כל אשר להם ואותן אנשים? לא ידעו כי מכל טפת קרי נברא מזיק א' רחמנא ליצלן ואותן המזיקין נדמים כאנשים ולוקחין ממנו כל המעות שלו עכ"ל וכמו שהאריך ג"כ הרב בעל כלי חמדה וגם הרב בעל מגלה עמוקות כשרוצה האדם לעשות איזה דבר עבירה אזי מלאך הממונה על זה צועק ואומר אל תבואני רגל גאוה ויד רשעים אל תנדני · וכדאיתא בזוהר פרשת בראשית ע"ש · והכלל כי כח העבירה שמביא הס"א גם המקום שנעשה בו העבירה הוא מסוכן : (יח) ובא וראה מ"ש בזוהר שמות · ר' חייא ור' יוסי הוו אזלי באורחא במדברא והוו עסקי באורייתא אדהכי חמו חד בר נש דטעין משאוי אמר ר' חייא לא נשתתף בהדיה דילמא עובד כוכבים הוא ואסור להשתתף עמיה או שמא עם הארץ הוא ואין להתלוות עמיה אמר רבי יוסי נעיין עליו דילמא ת"ח או בר אוריין הוא אדהכי הגיע אליהם

דאש ער זאל ניט זיצין אין שול נאהענט צו איין רשע אזו וויא איך האב אויבין גישריבין ווארום דארטין וואו דער רשע רוט דארטין רוט דיא סטרא אחרא אונ דאש איז איין סכנה ארט דארטין ניזוק צו ווערין ח"ו · אונ אזו האבין אונזערע חכמים ז"ל אויך גיזאגט · פון איטליכער עבירה וואש דער מענטש טוט אונ פירט ניט איבער דיא עבירה מיט תשובה אונ גיוויין אונ ווידוים · ווערט פון דער עבירה בשאפין איין משחית אונ איז זיך מתלבש אין איין האלץ אדר אין איין שטיין אונ אין פיל צייט ארום ווערט דער זעלביגער מענטש גישטרויכילט אין דעם האלץ אדער אין דעם שטיין אונ ווערט דער פון ניזוק · אונ ער מיינט אז דער האלץ אדער דער שטיין איז אים מזיק · אבער ער האט איין טעות דאש ער ווייש ניט אז אין דער עבירה וואש ער האט גיטאן דרינן ווערט ער גשטרויכילט אונ דיא עבירה איז דער מזיק אונ דאש מיינט דער פסוק שובה ישראל עד ה' אלהיך קער ווידער ישראל ביז דיין גאט כי כשלת בעונך דען דוא בישט גישטרויכילט גיווארין אין דיין זינד אליין · (יז) אונ אזו האב איך גיהערט מען זאגט פון וועגין דעם חסיד רבי יהודה משידלאווצי ז"ל דאש ער האט אזוא גיזאגט אויף דיא מענטשין וואש פעלשין אין זייערע ווייבער אונ גייען אין ווייטע מדינות ארין · דארטין מלמדים צוא זיין · דער נאך ווינען זייא דארטין עוסק אין איין משא ומתן אונ קלייבין צוא נויף פיל געלט אונ זייא ווערין בוודאי נכשל אין דער עבירה פון קרי ר"ל דער נאך אז זייא ווילין ווידער קערין צוא זייער היים · קומען אויף זייא רויבער אונ גזלנים אונ נעמען ביא זייא אוועק וואש זייא האבין · אונ דיא מענטשין ווייסען ניט אז פון איטליכער טיפה קרי ווערט באשאפין איין מזיק ר"ל אונ דיא מזיקים ווייזין זיך פאר זייא אזוא וויא מענטשין אונ נעמען ביי זייא אוועק גאר דאש געלט · דער כלל איז דער וואש טוט איין עבירה ברייננט דיא סטרא אחרא אויף דעם ארט וואו דיא עבירה ווערט גיטאן · איז דאש ארט אויך מסוכן : (יח) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גיגאנגן אין וועג אין דער מדבר · אונ האבין גילערינט תורה דער וויל האבין זייא דער זעהען איין מענטש וואש טראגט איין משא · האט רבי חייא צו אים גיזאגט לאמיר זיך ניט משתתף זיין מיט אים · ווארום טאמער איז ער איין הייד טאר מען זיך מיט אים ניט משתתף זיין אדער טאמער איז ער איין עם הארץ ברויך מען זיך אויך ניט צוא באהעפטין מיט אים · האט רבי יוסי גיזאגט לאמיר זעהן טאמר איז ער איין ת"ח · דער וויל איז ער גיקומען צוא זייא אונ איז איבער גיגאנגען פר זייא · אונ האט צו זיי גיזאגט אייער באהעפטונג איז זים צוא מיר · אונ איך גילושט זיך צוא באהעפטין מיט אייך · פאר וואר איך וויים דא

אין

אליהם ועבר לפניהם ואמר להון צוותא דילכון בסימא אלי ומתאוה אני להשתתף בהדייכו אכן אנא ידענא אורחא חד ולא באותה אורחא שאתם רוצים לילך בו כי הוא מקום סכנה מאוד ואתם אינכם יודעים מזה ותלילה לי שלא לגלות לכם ואתחייב בנפשייכו: (יט) א"ר יוסי בריך רחמנא שהיינו ממתינים בכאן ואתחברו בהדיה אמר להו הנה עדיין צריכין אנו לילך קצת באותו הדרך של סכנה ולא נשתעי מידי וניזול במהירות עד שנעבור אותו מקום סכנה׳ בתר דנפק אמר להו ברוך המקום שעזרנו לצאת מן המקום הזה ואמר להם חד זמן הלך כהן תלמיד חכם אחד עם עם הארץ ועמד עם הארץ על הכהן ת"ח והרג אותו ומההוא יומא כל מאן דעבר בההוא אורחא שאתם רוצים להלוך שמה ופוגע באותו המקום ניזוק כי מאותה שעה נעשה אותו המקום מקום סכנה ומתחבאין תמן גזלנים רצחנים וכל מי שעובר שמה אינו ניצול מיד הגזלנים כי הקב"ה תובע דמו של האי כהן ת"ח וכו׳ ע"ש באריכות: (כ) הרי לך בהדיא גרם החטא שגורם לאותו המקום לעשות מקום סכנה׳ ע"כ צריך האדם להזהר שישב בבית הכנסת אצל שכן טוב ולא אצל אדם רשע ואז בוודאי יקובל תפלתו והקב"ה יתן בלבו לטהר גופו ונשמתו בעוה"ז ע"י תשובה שלימה להיות נשמתו מתקבלת בחדוה לפני כסא כבודו יתברך:

פרק יב **מה** מאוד צריך האדם להתפלל בבכי גדול לפני הקב"ה שלא יהיה מבוייש בבואו לפני כסא כבודו אחר צאת נשמתו ואל יחשוב האדם כי אין לו לדאוג על זה באשר שיש לו הרבה זכיות ואינו צריך להנצל מהבושה: (ב) בא וראה מה דאיתא בתיקוני הזוהר ר"ש בן יוחאי הוי יתיב ולעי באורייתא קם הד סבא (ר"ל אליהו הנביא) מבתר כותלא ואמר לרשב"י רבי רבי בוצינא קדישא קום

איין וועג׳ ניט דער וועג וואש איר ווילט אין אים גיין׳ ווארום דער וועג וואש איר ווילט גיין איז איין סכנה ארט אונ איר ווייסט ניט׳ אונ חלילה איך זאל אייך דאש ניט זאגין אז דער וועג איז איין סכנה וועג וואלט איך דריבער איין גרוישין עונש גיהאט ווייל איך האב אייך ניט מגלה גיוועזן׳ דרום גייט מיט מיר אויף מיין וועג וואש איך וועל ווייזין׳ האט רבי יוסי גיזאגט גילויבט איז גאט וואש מיר האבין דא גיווארט׳ אונ זייא האבין זיך מיט אים בהעפט׳ האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט מיר דארפין נאך אביסיל גיין אין דעם סכנה וועג׳ אונ לאמיר גאר ניט רידין׳ אונ גיך גיין ביז מיר וועלין איבער גיין דאש סכנה ארט׳ נאך דעם אז זייא זיינען אוועק גיגאנגען פון דעם סכנה וועג׳ האט ער צוא זייא גיזאגט גילויבט איז גאט וואש האט אונז גיהאלפין ארויש צוא גיין פון דעם דאזיגען ארט׳ דען איין מאל איז גיגאנגען איין כהן תלמיד חכם מיט איין עם הארץ׳ האט דער עם הארץ גיהרגת דעם כהן ת"ח׳ אונ פון דעם טאג אן איטליכר וואש גייט אין דעם וועג אונ בגעגינט אין דעם ארט ווערט ער ניזוק ווארום פון דער צייט אן ווערט דאש ארט איין סכנה ארט׳ אונ דארטין באהאלטין זיך גזלנים אונ רוצחים׳ אונ איטליכער וואש גייט דארטין ווערט ניט ניצול פון די גזלנים ווארום גאט ב"ה דער מאנט דאש בלוט פון דעם כהן ת"ח׳ (כ) נון שטייט דאך דא בפירוש אז דיא עבירה איז גורם אז דאש ארט וואו זיא ווערט גיטאן ווערט איין סכנה ארט דרום מוז דער מענטש נזהר זיין ער זאל זיצין אין שול לעבין איין גוטין שכן אונ ניט לעבין קיין רשע אונ דענמאלט וועט בוודאי זיין תפלה אן גינומען ווערין׳ אונ גאט ב"ה וועט געבין אין זיין הארץ צוא ריינגין זיין גוף אונ זיין נשמה אויף דער וועלט דורך איין רעכטער תשובה דאש זיין נשמה זאל אן גינומען ווערין מיט חדוה פאר זיין כסא כבוד

פרק יב מה מאוד וויא זייער גיהער דער מענטש מתפלל זיין מיט גרויש גיוויין פאר גאט ב"ה דאש ער זאל ניט מבויש ווערין פאר זיין כסא כבוד נאך דעם אז זיין נשמה וועט ארויש גיין׳ אונ דער מענטש זאל ניט טראכטין אז ער האט זיך ניט צוא זארגין דרויף ווייל ער האט פיל זכיות אונ ער דארף ניט ניצול ווערין פון דער בושה: (ב) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין תיקוני זוהר רבי שמעון בן יוחאי איז גיזעסין אונ האט זיך גמיהט אין דער תורה׳ איז אויף גישטאנען אליהו הנביא אונ האט גיזאגט צוא רבי שמעון בן יוחאי רבי בוצינא קדישא שטייא אויף אונ צינד אן דיין ליכט דאש איז דיא ליכט פון משה רבינו ע"ה כלומר זאג דברי תורה דען דיא תורה איז גיגליכען צוא פייער׳ איז רבי שמעון בן יוחאי אויף גישטאנען אויף זיינע פיס אונ איז גיזעסין איין רגע אונ האט גיזאגט דער העד פון דער וועלט דוא בישט דער הער פון אלע מלכים אונ אנפלעקט סודות עש זאל

זיין

קום אדליק שרגין דאיהו נר משה שכינתא קדישא דעלה אתמר אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה ועלה אתמר להעלות נר תמיד נר קום אדליק בה׳ קם רשב״י על רגליו ויתיב רגע חדא ואמר רבון דעלמין אנת איהו מרי מלכין וגליא רזין יהא רעוא דילך לסדרא מילין דפומא לקיימא בי האי קרא אהיה עם פיך דלא איעול בכיסופא קמך: (ג) ואם רשב״י שהוא בוצינא קדישא שהיה בונה כמה עולמות קדושים בהבל פיו היה צריך להתפלל דלא איעול בכיסופא קמי קב״ה אנו על אחת כמה וכמה ובפרט שאנו עסוקים בהבלי עולם הזה שצריכין אנו להתפלל ולהתחנן לפני בוראנו יתברך שלא נבוש ולא נכלם בעמדנו לחשבון דינא רבא ודחילא אוי ווי באיזה מעמד נהיה שם וכה יחשוב האדם בכל יום ויום בעת התבודד שצריך האדם להתבודד (עיין פרק א׳) לתקן חטאיו ופשעיו בזריזות וחיוב גדול הוא להתבודד היטב ואולי ע״י כן יערה עליו ממרום רוח חכמה ובינה ודעת ויראת ה׳ להדריכו בדרך הישרה לבל ימוט מדרכי תורתנו הקדושה · ואילו היינו זוכין במעשה ידינו להשגת הראשונים היתה השגתנו שלימה להשיג חפצנו ומשאלותינו לטובה: (ד) ובא וראה מאי דמצינו בכתבי הקודש החסיד רבי חיים וויטאל ז״ל וז״ל בענין השגתי שאלתי את נשמתי והיה משיב לי שאתענה ארבעים יום רצופים בשק ואפר ואח״כ אתענה שני וחמישי ושני תמיד עד תשלום שני שנים ומחצה ואז אשיג השגה גמורה בלתי שום ערבוביא של סטרא אחרא: (ה) וכה אמרה לי הנשמה שלי שאחר שאתנהג חודש אחד שלם בשק ואפר ותענית אז תתחיל השגה באופן שלא יצא שום נידנוד של ליצנות ח״ו ולהתנהג בתכלית הענוה והשפלות ואחר התענית שלשה ימים רצופים בשק ואפר אהיה זוכה לבא לידי רוח הקודש ואחר שני שנים ומחצה אשיג השגה גדולה והטעם שהקפידה דוקא ב׳ שנים ומחצה מפני שבימי בחרותי ישבתי ב׳ שנים ומחצה
בלתי

זיין דיין ווילן צוא מסדר זיין דיינע רייד אין מיין מויל · צוא מקיים זיין אין מיר דעם פסוק וואש דוא האסט גיזאגט צוא משה רבינו אהיה עם פיך איך וועל זיין מיט דיין מויל כדי איך זאל ניט אויף גיין מיט חרפה פאר דיר: (ג) אונ ווען רבי שמעון בן יוחאי וואש ער האט גיבויט פיל הייליגע וועלטין מיט זיין מויל · האט ער גמוזט מתפלל זיין ער זאל ניט אויף גיין מיט חרפה פאר גאט ב״ה מכל שכן מיר · אונ בפרט מיר זיינען עוסק אין די נארישקייט פון דער וועלט · מוזין מיר בוודאי מתפלל זיין אונ בעטין פאר אונזער בשעפער יתברך אז מיר זאלין ניט פאר שעמט ווערין אז מיר וועלין שטיין צוא דעם חשבון פון גרוישען אונ פארכטיגען דין · אוי וויי אין וואש פאר איין מעמד וועלין מיר דארט זיין · אונ אזוא זאל דער מענטש טראכטען אלע טאג אין דער צייט אז ער איז זיך מתבודד דען איין מענטש מוז זיך מתבודד זיין צוא פאריכטין זיינע חטאים מיט זריזות · אונ טאמער דורך דעם וועט אויף אים דער וועקט ווערין פון דעם הימיל איין רוח חכמה אונ בינה אונ ווישען שאפט אונ גאטש פארכט צוא מאכין טרעטין אים אין דעם רעכט פארטיגן וועג · דאש ער זאל ניט אוועק גייגן פון די וועגין פון אונזער הייליגע תורה · ווען מיר וואלטין זוכה גיוועזן צוא דער השגה פון די ערשטע חכמים · וואלט אונזער השגה גאנץ גיוועזן צוא גרייכין אונזער בגער אונ אונזער גיבעט צו גוטען: (ד) קום אונ זעה וואש מיר האבין גיפונן שטיין אין די כתבים פון רבי חיים וויטאל ז״ל · דאש איך האב גיוואלט משיג זיין די חכמת הקבלה האב איך גיפרעגט מיין נשמה · האט זיא מיר גיענטפערט איך זאל פאסטין פערציג טעג איינש נאך דעם אנדרין מיט איין זאק אונ אש · אונ דר נאך זאל איך פאסטין מאנטאג אונ דאנרשטאג דריט האלבין יאר דורך אנאנד · אונ דענמאלט וועל איך משיג זיין איין רעכטע השגה אן איין שום צו מישונג פון דער סטרא אחרא: (ה) אונ אזוא האט מיר די נשמה גיזאגט · דאש נאך דעם אז איך וועל מיך נוהג זיין איין גאנצין חודש מיט איין זאק אונ אש אונ תענית · דענמאלט וועשטו אן הייבין צוא האבין איין השגה · נאר באופן דוא זאלשט קיין שום ליצנות ניט ברויכין ח״ו · אונ זאלשט זיך נוהג זיין מיט גרויש ענוה אונ נידעריקייט · אונ נאך דעם אז איך וועל פאסטין דרייא טעג רצופים אונ וועל ניין מיט אזאק אונ אש · וועל איך זוכה זיין צוא רוח הקודש: אונ נאך די דריט האלבין יאר וועל איך משיג זיין איין גרויש השגה · אונ דרום האט די נשמה מיר גיהייסין דווקא פאסטין דריט האלבין יאר · ווייל אין מיין יוגענט בין איך גיזעסין דריט האלבין יאר אונ האב ניט גילערינט קיין פיל תורה אונ האב ניט מדקדק גיוועזן צוא טאן מעשים טובים דרום האב איך
באדארפט

בלתי התמדות התורה ולא הייתי מדקדק במעשים ולכן הוצרכתי לעשות תשובה שני שנים ומחצה והייתי נוהג ג"כ ביום התענית של שני וחמישי ושני ולילה שלאחריו בשק ואפר ובכי ולשכב על הארץ או על האפר בלבוש שק ואבן מראשותי ולכוין הוי"ה במילואו עם הכולל כזה (יו"ד ה"ה ו"ו ה"ה) גימטריא אב"ן או נוסחא כזה (יו"ד ה"ה וא"ו ה"ה) והעיקר להתנהג במדת הענוה מאוד ולהזהר מן הכעס והקפדה: (ו) ואמר לי הרב האר"י ז"ל שאזהר מאוד כפי מה שהגיד לי נשמתי כי בוודאי בתוך משך הזמן הנזכר יבא ערבוב הדעת לבטל אותי מדרך התשובה הנזכר ושלא אוכל לסבול עול הסיגוף · אמנם באשר הבחירה הוא בידי אראה להתגבר בס"ד ולאחר כמה ימים ביום ה' אמר לי האריז"ל כי בשבוע זו תראה בעיניך רוח קדושה וטהרה אחד מסבב אותך וזה מורה כי מן השמים שלחו האי רוח קדישא לסייעני שלא אהיה רפה מן דרכי התשובה ולתת בי כח ואומץ להשיג השגה גדולה והיה מבשר לי שאזכה להשגת רוח הקודש: (ז) וכאשר זכיתי אמר לי מורי האר"י ז"ל שזכיתי לכך מפני שהייתי חושק מאוד לחדושי התורה ונשמתי היתה מסייעני והבטיח לי האריז"ל שיתעבר בי עוד איזה נשמה מנשמות צדיקים בסוד העיבור ויהיה מסייעני לתגבורת היראה והעיקר זכות הענוה וזכות היראה וההשגה בתורת ה' וע"י שני מדות האלו דהיינו מדת הענוה ומדת היראה שהוא מדת מיעוט הדבור שאינו בהכרח · (ח) כמו שמצינו בחסיד אחד שנתגלה לאשתו בחלום לאחר מותו והיתה רואה כל שערות ראשו וזקנו מאירים כאבוקה גדולה ושאלה אותו אשתו במה זכית לכך להפלגת אור גדול כזה והשיב הגם שהייתי חסיד על כל פנים לא הייתי זוכה לכל האור הזה רק זכיתי לאור כזה שהייתי ממעט הדבור שאינו של תורה ויראה והקב"ה הוא משגיח על זה ונתן לי שכר מניעת הדבור כי הקב"ה בעצמו משגיח על זה האדם שממעט בדיבור חול ורק חשקו הוא להדבק ביראת ה' ואות ומופת לכל המהדרים לילך בדרכי היראה כי ע"י כן יש שמירת הבורא ב"ה עליהם לבלתי יכשלו ח"ו באיזה עון וכמש"ה לא יאונה לצדיק כל און ואף גם

בַּדארְפְט טָאן תְּשׁוּבָה דְרַיְיט הַאלְבְּין יָאר · אוּנ אִין דֶעם פַאסְטִין פוּן מָאנְטִיג אוּנ דָאנֶערְשְׁטִיג אוּנ אוֹיךְ דִי נַאכְט נָאךְ דֶעם תַּעֲנִית פְלֶעג אִיךְ מִיךְ אוֹיךְ נוֹהֵג זַיין צוּ גַיין אָן גִיקְלַייד אִין אַזַאק אוּנ אַשׁ אוּנ אַשְׁטַיין פְלֶעג אִיךְ לֵייגְן צוּא קָאפִּינְס · אוּנ דֶער עִיקָר אִיז נוֹהֵג צוּ זַיין זִיךְ זֵייעֶר אִין דֶער מִדָּה פוּן עֲנָוָה אוּנ צוּא הִיטִין זִיךְ פוּן כַּעַס אוּנ פוּן מַקְפִּיד צוּא זַיין: (ו) הָאט דֶער רַב הָאר"י ז"ל צוּא מִיר גִיזָאגְט · אַז אִיךְ זָאל זֵייעֶר נִזְהָר זַיין צוּא טָאן אַזוֹא וִויא מַיין נְשָׁמָה הָאט מִיר גִיזָאגְט · וָוארוּם אִין מִיטִין דֶער צַייט וֶועט בְּוַודַאי דֶער שָׂטָן מִיךְ וֶועלִין מְבַטֵּל זַיין פוּן דֶער תְּשׁוּבָה וָואשׁ מַיין נְשָׁמָה הָאט מִיר גִיזָאגְט אוּנ וֶועט זֶעהֶען אַז אִיךְ זָאל נִיט קָאנֶען אוֹישׁ לֵיידִין דִיא סִגוּפִים נָאר וַוייל דִיא בְּחִירָה אִיז בַּייא מִיר אִין דִיא הֶענְט וֶועל אִיךְ זֶעהֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר צוּא זַיין אוֹיף אִים מִיט גָאטְשׁ הִילְף · אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם אוּם דָאנֶערְשְׁטָאג הָאט דֶער הָאר"י ז"ל גִזָאגְט אַז אִין דֶער דָאזִיגֶר וָואךְ וֶועשְׁטוּ זֶעהֶען אַיין הֵיילִיגִין רוּחַ אוּנ אַיין רֵיינֶער וֶועט דִיךְ אַרוּם רִינְגְלֶען אוּנ דָאשׁ וַוייזְט אַז פוּן דֶעם הִימִיל הָאט מֶען גִישִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגִין רוּחַ מִיר צוּא הֶעלְפִין כְּדֵי אִיךְ זָאל זִיךְ נִיט אָפּ לָאזִין פוּן דִיא וֶועגִין פוּן תְּשׁוּבָה · אוּנ צוּא גֶעבִּין אִין מִיר כֹּחַ אוּנ פֶעסְטִיקַייט מַשִּׂיג צוּא זַיין אַיין גְרוֹישֶׁע הַשָּׂגָה · אוּנ דֶער רַבִּי הָאר"י ז"ל הָאט מִיר מְבַשֵּׂר גִיוֶוען אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּא רוּחַ הַקֹּדֶשׁ: (ז) אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּא רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הָאט מַיין רַבִּי דֶער הָאר"י ז"ל צוּ מִיר גִיזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ דְרוּם זוֹכֶה גִוֶוען דֶער צוּ וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גִילוּשְׁט צוּא חִדּוּשֵׁי הַתּוֹרָה אוּנ מַיין נְשָׁמָה הָאט מִיר דֶער צוּ גִיהָאלְפִין · אוּנ דֶער הָאר"י ז"ל הָאט מִיר מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶשׁ וֶועט אִין מִיר נָאךְ אַרַיין קוּמֶען אַיין נְשָׁמָה פוּן אַיין צַדִּיק אוּנ זִיא וֶועט מִיר הֶעלְפִין צוּא שְׁטַארְקִין זִיךְ אִין גָאטְשׁ פָארְכְט · אוּנ דֶער עִיקָר הָאט מִיר גִיהָאלְפִין דֶער זְכוּת פוּן עֲנָוָה אוּנ דִי מִדָּה פוּן יִרְאָה וָואשׁ דָאשׁ אִיז דִיא מִדָּה צוּא וֵוייניגִין אִין אַזוֹא אַיין דִיבּוּר וָואשׁ נוּצְט אִים נִיט: (ח) אַזוֹ וִויא מִיר גְפִינֶען אַיין מַעֲשֶׂה דָאשׁ אַיין חָסִיד אִיז נָאךְ זַיין טוֹיט גִיקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּ זַיין וַוייבּ · הָאט זִיא גִיזֶעהֶען אַז גָאר זַיינֶע הָאר פוּן זַיין קָאפּ אוּנ זַיין בָּארְד הָאבִּין גְלוֹיכְטִין וִויא אַיין גְרוֹישֶׁער פְלַאם · הָאט זַיין וַוייבּ אִים גִיפְרֶעגְט מִיט וָואשׁ הָאשְׁטוּ דֶער צוּ זוֹכֶה גִוֶוען · הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט · חָאטְשֶׁע אִיךְ בִּין גִיוֶוען אַגְרוֹישֶׁער חָסִיד וָואלְט אִיךְ פָארְט נִיט זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ אַזוֹא אַיין לִיכְטִיקַייט נָאר דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ דֶער צוּ זוֹכֶה גִיוֶוען וַוייל אִיךְ פְלֶעג צוּא וֵוייניגֶען אִין אַזוֹא אַיין דִיבּוּר וָואשׁ אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן תּוֹרָה אוּנ גָאטְשׁ פָארְכְט · אוּנ גָאט בּ"ה אִיז אַיין מַשְׁגִּיחַ אוֹיף דֶעם · הָאט עֶר מִיר גִינֶעבִּין דֶער פַאר דֶעם שָׂכָר וָואשׁ מַיינֶע הָאר לֵייכְטִין

דשן

גם בהיות כן הקב"ה משמרהו מכל: (ט) וכמה שאירע לחסיד אחד פעם אחת נדמה לו בחלום אחת מן הכתות של לילית כדמות אשתו כדי להביאו לידי קרי והנה בהתחלת המראה נשמע לו קול הכאה באגרוף בחלונו כאילו איש בא ומכה באגרוף בכח בחלונו עד שהקיץ משנתו ואז הכיר החסיד בחסד הבורא ב"ה שלא עזב חסדו מאתו יתברך ב"ה שהציל אותו מן החטא של קרי ע"כ: (י) ומזה יראה האדם שהקב"ה חפץ במדת הקדושה והטהרה ע"כ עצה היעוצה לכל בר ישראל שיתעורר בעצמו לעשות תשובה קטנה ואח"כ הבא לטהר מסייעין אותו ויאזור כגבור חלציו לעשות תשובה גדולה וירגיל עצמו לרחוץ ידיו כדי שיתפלל בטהרה ולימודו יהיה בטהרה ואז יזכה למאמרי רז"ל טהרה מביאה לידי קדושה ועיקר הטהרה הוא נטילת ידים ולכן אציג פרק לקמן בפני עצמו:

פרק יג **כתב** הטור א"ח שצריך האדם לרחוץ שחרית פניו וידיו כדי להעביר הרוח רעה שבא אל אדם בשעה שישן ומהאי טעמא חייב האדם לרחוץ פניו וידיו כשישן ביום ומכ"ש כשישן בלילה: (ב) והנה ראיתי שרוב העולם אינם נזהרים בזה כשישנים ביום אין רוחצין כלל ואף אם הם רוחצין אזי אין לוקחין כי אם מעט מים לרחיצה ואף בשחרית שצריך האדם ליטול ידיו המה לוקחין מעט מים שאין בו כדי לרחוץ יד אחד והוא רוחץ בו שני ידיו ופניו ולא עוד שהן סוברים לעשות טהרה ברחיצותיהם פניהם וידיהם והמה מוסיפים טומאה על פניהם וידיהם כי ארז"ל כמה פעמים בגמ' שהמים עלולים הן לקבל טומאה: (ג) ולכן צריך האדם ליטול מים לנטילה של שחרית וכן כשישן ביום ליטול ולשפוך

דען גאט ב"ה אליין איז משגיח אויף דעם מענטשין וואס רעט ווייניג דברי חול אונ זיין גילושטיקייט איז נאר צוא בהעפטין זיך אין גאטש פארכט · דען דעם היט גאט ב"ה ער זאל ניט גישטרויכילט ווערין אין איין עבירה ח"ו אזוא וויא עש שטייט אין פסוק לא יאונה לצדיק כל און צוא איין צדיק טרעפט זיך ניט קיין שום זינד: (ט) אונ אזוא וויא עש האט זיך גיטראפין צוא איין חסיד · דאש איין מאל האט זיך איינע פון דיא כיתות פון דיא לילית אים אויש גיוויזן אין חלום גליך וויא זיא איז זיין ווייב פון וועגין אים צו ברייננען צוא קרי ח"ו · אונ וויא ער האט אן גיהויבין צוא זעהן די שידית · האט ער גיהערט וויא איינר - האט גיקלאפט מיט זיין פויסט אין זיין פענצטר גליך וויא איין מענטש קומט אונ קלאפט מיט כח אין זיין פענצטר · ביז ער האט זיך אויף גיהאפט פון זיין שלאף · האט דער חסיד דער קענט אין דעם חסד פון דעם בשעפער גילויבט איז ער וואש ער האט ניט פאר לאזין פון אים זיין חסד דאש ער האט אים מציל גיוועזן פון דער עבירה פון קרי · אונ פון דעם קען דער מענטש זעהען אז גאט ב"ה וויל אין דער מדה פון קדושה אונ טהרה · דרום איז דיא עצה צו איטליכן מענטשין ער זאל זיך דר וועקין צוא טאן פריער איין קליינע תשובה אונ דר נאך וועט מען אים העלפין פון דעם הימל אונ זאל אן גורטין זיינע לענדין וויא איין מענטש צוא טאן איין גרושע תשובה אונ זאל זיך גיוואונן צוא וואשין זיינע הענט פאר דעם דאבנען כדי ער זאל דאבנען בטהרה · אונ דענמאלט וועט ער זוכה זיין צוא דעם וואש אונזרע חכמים ז"ל האבין גיזאגט אז דאש ריינקייט ברייננט צוא הייליקייט · אונ דער עיקר ריינקייט איז אפ צוא היטן דיא הענט וואשין · דרום וועל איך דרויף שטעלין איין בזונדרן פרק:

פרק יג כתב דער טור אורח חיים שרייבט אז דער מענטש בדארף אין דער פריא זיך וואשין זיין פנים אונ זייגע הענט אונ פיס פון וועגין מעביר צוא זיין דעם רוח רעה וואש קומט צוא דעם מענטשין בשעת אז ער שלאפט · אונ דרום אז דער מענטש שלאפט ביא טאג אונ מכל שכן ביא נאכט מוז ער זיך וואשין דיא הענט מיט זיין פנים · (ב) אונ נון איך האב גיזעהען פיל מענטשין זיינען ניט נזהר דריגען דאש אז זייא שלאפין ביא טאג וואשין זייא דיא הענט נאר מיט אביסל וואשער · אונ אויך אין דער פריא נעמן זייא נאר אביסל וואשר וואש דריגן איז ניט פר האנדין אפילו איין האנט צוא וואשין · אונ זייא וואשין דער מיט ביידע הענט אונ דאש פנים · אונ נאך מער זייא מיינען דער מיט וואש זייא וואשין זיך מיט דעם ביסעל וואסער ריינגין זייא זייערע הענט אונ זייער פנים אבר זייא מערין נאך טומאה אויף זייער פנים אונ זייערע הענט · ווארום אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט אין דער גמרא פיל מאל אז דיא וואשער זיינען גרינג מקבל טומאה צוא זיין · איז דאש ביסל וואשער פריער מקבל טומאה פון דיא הענט אונ איז מטמא דיא הענט אונ דאש פנים: (ג) דרום מוז דער מענטש נזהר זיין אין דער נטילה פון אין דער פריא ·

ולשפוך ראשונה ג״פ על יד הימנית כדי להעביר רוח הטומאה השורה מחמת השינה ואח״כ נטילה רביעית להעביר המים שיש על ידו ואח״כ ישים מים על ידו השמאלית ג״כ להעביר הרוח השורה עליו · ואח״כ נטילה רביעית להעביר המים שיש על ידו השמאלית ואח״כ ירחוץ פניו ופיו כאוות נפשו: (ד) והנה ראיתי ע״ה שהם נוטלים רק רחיצה אחת על ידו ומיד רוחץ ידו אחרת אשר עדיין רוח הזוהמא שורה עליו ומטמא ידיו יותר ואח״כ רוחץ את פניו וא״כ מטמא הוא את פניו ג״כ ואח״כ לוקח מים ומשפשף את פיו ומוסיף טומאה על טומאתו ואח״כ אומר הברכה על נטילת ידים והיא ברכה לבטלה וכל היום הוא משרה רוח הטומאה עליו: (ה) ולכן כל אשר יש לו יראת אלהים בלבבו ינהג כן כמ״ש רז״ל יטול הכלי בידו הימנית ויתן הכלי עם המים לידו השמאלית ובידו השמאלית יתן מים על הימנית בתחלה ג״פ כל פעם צריך רביעית מים ואח״כ פעם רביעית להשטף המים הרעים שעל ידו הימנית ואח״כ יתן הכלי גם לידו הימנית ויתן מידו הימנית על ידו השמאלית ג״כ ג״פ ואח״כ ירחוץ פניו ופיו ואף כשישן האדם ביום צריך לרחוץ כך כדי שישרה עליו רוח טהרה · ולנטילת ידים שהוא לצורך האכילה צריך לרחוץ תחלה ידו השמאלית ואח״כ ידו הימנית ויש בזה סוד גדול וטעם תמצא בכתבי האר״י ז״ל עיין שם בענין מים הראשונים ואגב באתי לעורר את העולם בענין מים אחרונים: (ו) ראיתי העולם מקילין בזה והם מתחייבים בנפשם עד שעוברים את דברי רז״ל והיא גמ׳ ערוכה במס׳ עירובין אמר אביי כל היוצא למלחמה ועוסקים במצוה פטורים הם מנטילת ידים בד״א במים הראשונים אבל במים אחרונים היא חובה וא״כ אם הולכי מלחמה ועוסקי במצות שהן פטורים מן מצוה אחרת אעפ״כ הן חייבים בנטילת מים אחרונים מכ״ש מי שאינו עוסק במצוה ואין יוצא למלחמת מצוה שהוא חייב ליטול ידיו במים אחרונים ובזוהר ובספרי קבלה יש בזה סוד גדול למה הוא חיוב יותר לרחוץ במים אחרונים יותר מן הראשונים כדאכתוב לקמן בפרקים

אונ אויך אז ער שלאפט ביא טאג זאל ער אויף גיסן אויף דער רעכטער האנט דריי מאל אונ אזו אויך אויף דר לינקער האנט · אונ דער נאך זאל ער אויף גיסן דאס פערטע מאל אויף דיא הענט פון וועגין אם צוא שווייכן דיא טמא וואשר וואש זיינען אויף דיא הענט · אונ דער נאך זאל ער וואשין זיין פנים אונ זיין מויל אזוא וויא אים גילושט זיך: (ד) אונ נון ביא דיא עמי הארצים האב איך גיזעהען אז זיי וואשין זיך מער ניט נאר איין מאל אויף איין האנד אונ דער נאך איין מאל אויף דער אנדרר האנט אונ איז נאך מער מטמא זיינע הענט · אונ דער נאך וואשט ער זיין פנים · איז ער דאך מטמא זיין פנים אויך · אונ דער נאך נעמט ער וואשר אונ רייבט זיין מויל אונ מערט נאך טומאה אויף זיין טומאה · אונ דער נאך זאגט ער דיא ברכה על נטילת ידים · אונ דאש איז איין ברכה לבטלה אונ איין גאנצען טאג מאכט ער אויף זיך רוען דעם רוח הטומאה: (ה) דרום דער וואש האט גאטש פארכט אין זיין הארץ זאל ער זיך נוהג זיין אזוא וויא איך האב פריער גישריבן · דאש ער זאל נעמן דיא כלי מיט זיין רעכטע האנט אונ זאל געבין דיא כלי מיט וואשר צו זיין לינקע האנט אונ מיט זיין לינקע האנט זאל ער אויף גיסן די וואשר דריי מאל אויף זיין רעכטע האנט אונ איטליכש מאל מוז זיין איין רביעית וואשר אונ דער נאך זאל ער וואשן דאש פערטע מאל, די רעכטע האנט אם צו שווייכן דיא טמא וואשר דער נאך זאל ער געבין דיא כלי אין דער רעכטער האנט · אונ זאל אויף גיסן דרייא מאל אויף זיין לינקע האנט אונ דער נאך דאש פערטע מאל · אונ דער נאך זאל ער וואשין זיין פנים אונ זיין מויל · אונ אפילו אז ער שלאפט ביא טאג זאל ער זיך אזוא וואשן כדי דער רוח טהרה זאל אויף אים רוען · אונ דאש וואשן וואש עש איז צום עסין מוז ער פריער וואשן דיא לינקע האנט אונ דער נאך דיא רעכטע האנט אונ אין דרינען איז פר האנדין איין גרוישר סוד אונ דעם טעם דער פון וועשטו גפינען אין כתבי האר״י ז״ל · אונ נון בין איך גיקומען דעם עולם דער וועקין אין דעם ענין פון מים אחרונים: (ו) איך האב גיזעהען דער עולם זיינען מקיל אין מים אחרונים אונ זייא זיינען חייב מיתה ח״ו ווייל זייא זיינען עובר אויף דיא רייד פון אונזרע חכמים ז״ל · דען דיא גמרא זאגט אין מסכת עירובין אביי האט גיזאגט איטליכער וואש גייט אין מלחמת מצוה אריין אונ זיינען עוסק אין דר מצוה פון מלחמה · זיינן זייא פטור פון נטילת ידים · וואו איז דאש גיזאגט גיווארין ביא דיא מים ראשונים דאש הייסט דיא וואשר וואש מען וואשט זיך פאר דעם עסין אבער מים אחרונים מוזן זיי זיך וואשן · נוא ווען דיא וואש גייען אין דער מלחמה אונ זיינן עוסק במצוה וואש זייא זיינען פטור פון אנדרע מצות · זיינן זייא פארט חייב צוא וואשן דיא מים אחרונים · מכל שכן

דער

בפרקים: (ז) והנה מצינו בגמרא דאמר רב אשי אנא משאי מלא ידי מיא ונתן לי מלא חפנאי מיבותא פירוש בשביל שהיה נותן כלי מלא על ידיו הן במים ראשונים והן במים אחרונים ולכן הקב"ה מילא ביתו בטובה בעשירות כי רב אשי עשיר גדול היה והטעם שלפי כשאדם אוכל בביתו עם אנשי ביתו יש שמה מזיקין שרוצין ליהנות מן סעודתו ולכן היו דורות ראשונים נזהרים מלשתות זוגות כי היו שמה כת אחד אתלגינס ואמרי לה אתפרגים שהיו יכולין חזו להזיק לאדם: (ח) ולכן תקנו רז"ל רחיצת נטילת ידים אחרונים כדי להסיר הזוהמא מן ידיו שהיה אוכל בהן כדי שלא להשרות עליו רוח הזוהמא וכתב רבינו ישעיהו סג"ל שצריך האדם ליטול ידיו במים אחרונים דוקא לתוך הכלי ולא על הארץ כי זה המים הוא חלק של ס"א ולכן צריך ליתן לו דרך כבוד ומתוך זה לא יוכלו המזיקים לעשות שום רעה לאדם זה: (ט) וגם צריך האדם ליזהר כשילך לבהכ"נ שיטול ידיו כדי לטהר ידיו וצריך רביעית מים לנטילה וכל הנזהר בנטילות הנ"ל אזי יבא לידי טהרה וקדושה · וקדושת מביא אותו לידי רוח הקודש ורוח הקודש לידי אליהו הנביא ותחיית המתים אמן:

**פרק יד כתיב** אל תפן אל קשי העם הזה אל רשעו ואל חטאתו מבואר בזוהר פ' קדושים וז"ל תא חזי בר נש דעביד מצוה סלקא וקיימא קמי קב"ה אמרה פלנייא עביד לי והקב"ה מני ליה קמיה לאשגחא ביה כל ההוא יומא לאוטבא ליה בגינה · עבר בר נש על פתגמא אורייתא ההיא עבירה סלקא לה קמי קב"ה ואמרה אנא מפלנייא דעביד לי וקב"ה מני לה וקיימא תמן לאשגחא ביה לשיצאה ליה הה"ד וירא ה' וינאץ וגו' וירא ההוא דקיימא קמיה · תב בתיובתא כתיב ביה גם ה' העביר חטאתך

דער וואש איז ניט עוסק במצוה איז ער אפשיטא חייב אין מים אחרונים · אונ אין זוהר אונ אין דיא קבלה ספרים שטייט גישריבן דרויף איין גרוישר סוד ווארום דיא מים אחרונים זיינן מער חיוב צו וואשן זיך איידר מים ראשונים: (ז) אונ נון מיר גפינען אין דער גמרא רב אשי האט גיזאגט איך האב זיך גיוואשין מיט איין כלי פול מיט וואשר סאיי ביא מים ראשונים אונ סייא בייא מים אחרונים דרום האט גאט ברוך הוא דער פילט מיין הויז מיט גוטש דען דער רב אשי איז גיוועזן איין גרושר עושר · אונ דער טעם דער פון איז ווייל אז דר מענטש עשט אין זיין הויז מיט זיין הויז גיזינד זיינן דארטן פר האנדן מזיקים וואש ווילן הנאה האבן פון זיין סעודה אונ דרום די ערשטע דורות פלעגן נזהר זיין פון צו טרינקן זוגות דאש הייסט צווייא אדער פיר כוסות וויין אדר אנדרע משקאות· ווארום דארטן איז פר האנדן איין כיתה שדים וואש זייא האבן שליטה מזיק צוא זיין דיא מענטשן וואש טרינקען זוגות: (ח) אונ דרום האבין אונזערע חכמים ז"ל מתקן גיוועזן איטליכער מענטש זאל זיך וואשן נאך דעם עסן מיט מים אחרונים · פון וועגין אם צוא טאן דאש מאוסקייט פון זיינע הענט וואש ער האט גיגעסן מיט זייא כדי דער רוח זוהמא זאל אויף אים ניט רוען: אונ דר רבינו ישעיה סג"ל שרייבט אז דער מענטש מוז דיא מים אחרונים וואשן דוקא אין איין כלי אריין · אונ ניט אויף דער ערד ווארום דיא וואשר זיינען דער חלק פון דער סטרא אחרא: דרום מוז דער מענטש אים זייא געבין בדרך כבוד · אונ דורך דעם וועלין דיא מזיקים ניט קענען טאן קיין שום שלעכטש צו דעם דאזיגן מענטש: (ט) אונ אויך מוז דער מענטש נזהר זיין דאש בשעת ער גייט אין שול אריין זאל ער וואשן דיא הענט מיט איין רביעית · אונ איטליכר וואש איז נזהר אין דיא נטילות וואש אויבין איז גישטאנן · ווערט דאש אים ברייגן צו טהרה אונ הייליקייט אונ דיא הייליקייט ווערט אים ברייגן צוא רוח הקודש · אונ רוח הקודש ברייננט צו דעם אז אליהו הנביא זאל קומן אונ תחיית המתים זאלין זיין במהרה בימינו אמן:

**פרק יד** כתיב עש שטייט אין פסוק אל תפן אל קשי העם הזה אל רשעו ואל חטאתו משה רבינו האט מתפלל גיוועזן צו השי"ת דוא זאלשט ניט קערין צוא דעם הארטקייט פון דעם פאלק אונ צוא זיין רשעות אונ צוא זיין זינד · אונ דאש איז בשייד אין זוהר פרשת קדושים דער מענטש וואש טוט איין מצוה גייט זיא אויף אונ שטייט פאר גאט ב"ה אונ זאגט דער מענטש האט מיך גיטאן · אונ גאט ב"ה שטעלט דיא מצוה פאר זיך כדי משגיח צוא זיין אויף דעם מענטשין אים גוטש צוא טאן דעם גאנצין טאג וואש ער האט גיטאן דיא מצוה פון אירט וועגין · איז דער מענטש עובר אויף דיא רייד פון דער תורה · גייט זיא ארויף פאר גאט ב"ה אונ זאגט איך בין פון דעם דאזיגין מענטשין וואש ער האט מיך גיטאן · אונ גאט ברוך הוא

שטעלט

חטאתך לא תמות דעביר ההוא חובא מקמיה בגין דלא יסתכל ביה הה"ד אל תפן אל קשי העם הזה אל רשעו ואל חטאתו עכ"ל: (ג) והנה האדם יושב בביתו בשלום השקט ובבטח בשמחה ובטוב לב ואינו יודע כמה החטא גרם דקאים למעלה ואמר מפלנייא אני מעורר עליו פתאום שנשפך עליו עונש מר וגזירה רעה רחמנא ליצלן ואח"כ לסוף יתחרט ולא תועיל החרטה אשר כבר יצאה הגזירה ומכ"ש בעבירות שבין אדם לחבירו כגון גזילות וגניבות ואונאה וכיוצא בו בעבור שחמזל של הנגזל או הגנב צועק עליו למעלה: (ג) ובא וראה מ"ש בזוהר (שם) על ענין הכובש שכר פועל בידו ואינו נותן לו יש לו עונש גדול כי כל פועל אל טרחתו ואל מלאכתו הוא נושא את נפשו וכיון שכובש שכירות שלו תחת ידו כאילו כובש נפשו ונפשות אנשי ביתו כי כל הבל דנפיק מפומיה דהאי פועל בהאי יומא דטריד במלאכתו כי כן הדרך להוציא הבל מפיו של הפועל כולן הבלים אינון סלקין קמי קב"ה והקב"ה חזי לון דאינון הבלים לא קבלו שכר פעולתן והא קיימין קמיה אינון הבלים ונפש הפועל ונפשות ביתו אזי אפילו מתגזר כמה טובות וכמה הצלחות על האי בר נש כולהו מתעקרין מיניה ומשתקלין מיניה ולא עוד אלא שאין מניחין נפשא דיליה לעלות למעלה בכל לילה כ"ז בעבור שכבש שכרו תחת ידו ועון זה הוא מקצר ימים רחמנא ליצלן: (ד) וע"כ היה נוהג רב המנונא סבא כשהיה מסתלק הפועל ממלאכתו יהיב ליה מיד אגריה והוי א"ל טול נפשך דאפקידת בידי טול פקדונך ואפי' אי הוי אמר ליה הפועל יהיה בידך בפקדון לא הוי בעי ואמר פקדונך דגופך לא אתחזי לאתפקדא בידי כ"ש פקדונך נפשך ונשמתך לא אתחזי לי דהאי פקדונא לא אתייהב אלא להקב"ה בלחודא דכתיב בידך אפקיד רוחי

שטעלט זיא פאר זיך אונ זיא שטייט דארטן פון וועגן אויף איר משגית צו זיין מען זאל דעם מענטשין פאר לענדרין ח"ו · טוט ער תשובה שטייט ביא אים גם ה' העביר חטאתך אויך גאט ברוך הוא האט אוועק גפירט דיא עבירה פון זיך פון וועגן ער זאל אויף איר ניט קוקין דאש מיינט דער פסוק אל תפן אל קשי וכו' דוא זאלשט זיך ניט קערין צוא קוקין אויף דיא זינד פון דעם פאלק נאר דוא זאלשט זייא אוועק פירין פון זיך · אזוא שרייבט דער זוהר: (ד) אונ נון דער מענטש זיצט אין זיין הויז בשלום אונ שטיל אונ זיכר מיט שמחה אונ מיט איין גוט הארץ · אונ ער ווייש גאר ניט וויפיל זיין זינד איז גורם: דאש זיא שטייט אויף דעם הימל אונ זאגט איך בין פון דעם מענטשין · ווערט אויף אים פלוצלונג דער וועקט דאש עש ווערט אויף אים פאר גאמין איין עונש אונ איין בייזע גזירה רחמנא ליצלן · אונ דער נאך וועט ער חרטה האבין אונ דיא חרטה וועט אים ניט העלפין ווייל דיא גזירה איז שוין ארויש גיגאנגען · אונ מכל שכן אין זעלכע עבירות וואש איז צווישן איין מענטשין מיט זיין חבר דהיינו גזילה אדר גניבה אדער נארונג אונ נאך אזעלכע גלייכין העלפט בוודאי קיין חרטה ניט ביז ער ניט יענם אפ זיין געלט וואש ער האט ביא אים גיגזולת אדער גיגנבת אדער גינארת · ווארום דאש מזל פון דעם נגזל אדער פון דעם וואש ער האט ביא אים גיגנבת שרייט אויף אים אויף דעם הימל: (ג) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר אויף דעם וואש האלט ביא זיך דאש פר דינסט פון דעם וואש האט ביא אים פאר דינט אונ ניט עש אים ניט אפ דער האט איין גרוישן עונש · ווארום איטליכר פועל שטעלט נעבאך איין זיין לעבין צוא זיין טירחת אונ צוא זיין מלאכה פון וועגן צוא פאר דינן זיין פרנסה אונ ווייל ער האלט זיינע שכירות ביא זיך איז גלייך וויא ער בצווינגט זיין לעבין אונ דאש לעבין פון זיין הויז גיזינד · דען איטליכר דאמפ וואש גייט ארויש פון דעם מויל פון דעם מענטשין אין דעם טאג וואש ער איז טרוד אין זיין מלאכה · ווארום אזוא איז דער שטייגר אז דער פועל ברייננט אויף דאמפ אויש זיין מויל · גייען דיא אלע דאמפין אויף פאר גאט ברוך הוא אונ גאט ב"ה זעהעט אז דיא אלע האבין ניט גינומען קיין שכר פאר זייער ארבעט · דענסמאלט אפילו עש איז נגזר גיווארין פיל גוטש אונ פיל הצלחות אויף דעם בעל הבית · ווערין אלע אויש גריסין אונ אוועק גינומען פון אים נאך מער מען לאזט זיין נשמה ניט אויף גיין אויף דעם הימל אלע נאכט · דאש איז אלץ גורם וואש ער צאלט ניט דעם פועל דעם זעלבינן טאג וואש ער האט ביי אים גיארבעט · אונ די זינד איז מקצר ימים ח"ו: (ד) אונ דרום פלעגט רב המנונא סבא זיך נוהג זיין דאש אז דער פועל פלעגט אוועק גיין פון דער ארבעט · פלעגט ער תיכף געבין אים זיין גיצאלט · אונ האט אים גיזאגט נעם דיר דיין נשמה וואש דוא האשט גיגעבין מיר

רוחי: (ה) וא"כ אזהרה גדולה מזו לבני אדם שומע קול בכי של שכיר שבוכה עבור טרחתו הן יהודי והן אינו יהודי כיון שהשכיר והפועל הולך אחריו ומבקש שכרו מה שטרח ויגע וזה אוטם אזנו משמוע ודוחה אותו בלך ושוב ואין לך חילול השם כזה וענשו ממהר לבא ונכסיו אזלין לאבוד ולטמיון ואף שמתייתו הוא לפי שעה בטובה ריוח והצלחה לא יהיה לו לבסוף ובוודאי יבא אותו בע"ה לידי עניות ואין מרחמים עליו וזולת זה הרבה עונשים קשים מתהווים בחטא זה ע"כ צריך האדם להזהר מאוד שלא יכשל בזה החטא כובש שכר שכיר: (ו) נחזור לענין שהתחלנו כל האדם מי שעושה מצוה נעשה מן אותה מצוה מלאך א' שמלמד תמיד זכות עליו כשארז"ל במ"ר פ' ויקרא עשה אדם מצוה א' נותנין לו מלאך אחד לשמרו כיון שאדם עושה ב' מצות נותנין לו ב' מלאכים שנאמר כי מלאכיו יצוה לך נותנין לו דייקא מן אותו המצוה נעשה מלאך לשמרו מכל נזק: (ז) ובא וראה מהמעשה בחסיד אחד שהיה דר בכפר קטן ולא היה לו שום ספר רק גמרא אחת של מסכת חגיגה והיה כל ימיו של אותו החסיד עוסק במסכת חגיגה והאריך ימים מאוד ולבסוף קודם מותו נתלבשה אותה המסכת בדמות אשה והלכה לפניו אחר מותו עד שהביאו לאותו החסיד לג"ע וכן הוא ח"ו להיפוך עושה אדם עבירה אחת נברא ממנו קטיגור אחד (ר"ל שד) עובר ב' עבירות נבראים ב' מקטריגים כשמת אזי מתלבשין אותן העבירות בדמות אשה ומוליכין אותו לגיהנם כמ"ש רז"ל ביוסף הצדיק שאמר הכתוב עליו וימאן יוסף לשכב עם אשת פוטיפר לשכב אצלה להיות עמה ודרשו רז"ל לשכב עמה בעוה"ז להיות עמה בעוה"ב: (ח) וראיתי בספר אחד כיון שהאדם הוא מזנה עם אשה אחרת אזי נברא מזיק

אחד

צוא בהאלטין · נעם דיר אפ דיין פקדון אונ ווען דער פועל האט אים אפילו גיזאגט לאז דאש געלט זיין איין פקדון בייא דיר האט ער ניט גיוואלט אונ האט אים גיזאגט דער פקדון פון דיין גוף איז ניט ראוי בייא מיר צוא זיין פאר איין פקדון מכל שכן דער פקדון פון דיין נשמה · דען דער פקדון איז מער ניט גיגעבין גיווארין נאר צוא גאט ב"ה אליין ווארום עש שטייט אין פסוק בידך אפקיד רוחי אין דיין האנט גיב איך בהאלטין מיין נשמה: (ה) דרום איז דער פון איין גרוישע אזהרה צוא דיא מענטשין וואש הערין דאש קול פון דעם שכיר וואש ער וויינט כמעט פון וועגין די שכירות פאר זיין טירחא סייא איין יהודי סייא איין אינו יהודי וויא דער פועל אונ דער שכיר גייט אים נאר נאך אונ וויל דעם שכר פאר דעם וואש ער האט זיך גימיט אונ מטריח גיוועזן איין גאנצין טאג · אונ דער בעה"ב פאר שטאפט זיינע אויערין פון צוא הערין אונ איז אים מדחה גייא היינט אוועק אונ קום מארגין וועל איך דיר בצאלין איז קיין גרעשערער חילול השם ניט פאר האנדין דער פון · אונ זיין עונש איילט צוא קומען אונ ער ווערט ארום · אונ חאטשע ער איז לפי שעה אין גוטש · וועט ער צום סוף קיין הצלחה ניט האבין אונ ער וועט בוודאי קריגן דעם דלות אונ קיינר וועט זיך איבר אים ניט דער בארעמען · אונ חוץ דעם קומן פיל עונשים פון וועגין דער עבירה · דרום מוז דער מענטש זייער נזהר זיין ער זאל ניט גישטרוכילט ווערין אין דער עבירה פון ניט אפ צוא געבין דעם שכיר זיינע שכירות אין דעם זעלבינין טאג וואש ער האט עש פאר דינט: (ו) איצונד וועלין מיר ווידער קערין צוא דעם ענין וואש מיר האבין אן גיהויבין · איטליכער מענטש וואש טוט איין מצוה · ווערט פון דער מצוה איין מלאך וואש איז תמיד אויף אים מלמד זכות אזו וויא אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט אין מדרש · אז איין מענטש טוט איין מצוה גיט מען אים איין מלאך צוא היטין אים: אז ער טוט צווייא מצות גיט מען אים צווייא מלאכים דאש מיינט מען מען גיט אים זיין אייגנעם מלאך וואש ער האט בשאפין מיט דער מצוה וואש ער האט גיטאן אונ דער מלאך היט אים פון אלערלייא שאדין: (ז) קום אונ זעה פון דער מעשה וואש האט זיך גיטראפין בייא איין חסיד דאש ער האט גיוואוגט אין איין קליין דארף · אונ ער האט ניט גיהאט קיין שום ספר נאר איין גמרא חגיגה · האט ער גילערינט דיא גמרא חגיגה ווייל ער האט גילעבט · אונ דער חסיד האט זייער מאריך ימים גיוועזן · אונ צום סוף פאר זיין טויט האט זיך דיא מסכת אן גיקלייד אין דעם גישטאלט פון איין אשה אונ איז גיגאנגען פאר אים נאך זיין טויט ביז זיא האט גיבראכט דעם חסיד אין גן עדן אריין אונ אזוא אויך איז ח"ו פאר קערט אז ער טוט איין עבירה · ווערט פון איר בשאפין איין קטיגור · טוט ער צווייא עבירות בשאפט ער צווייא מקטריגים · אונ אז ער שטארבט קליידן זיך דיא עבירות אן אין דעם גישטאלט פון

איין

אחד בדמות אותה האשה וכשהגיע זמנו להפטר מעוה"ז באה אותה אשה ומלפפתו ומוליכה אותו לגיהנם ולכן נ"ל שזהו רמזו רבותינו ז"ל באמרם לעתיד הקב"ה מנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות שנא' להנחיל אוהבי יש עכ"ל הגמרא שמעתי הפירוש הנ"ל כך הוא כי כבר אמרנו לעיל כיון שהאדם עושה מצות אחת נברא ממנו מלאך אחד וקי"ל כל מלאך הוא שני אלפים פרסאות שנאמר וגויתו כתרשיש וגמירי דתרשיש הוא ב' אלפים פרסאות וא"כ כאשר שיש לנו תרי"ג מצות וז' מצות כמנין כת"ר וא"כ כשישראל שומרים מצות תורה ומצות דרבנן יש להן תר"ך מלאכים והנה כתיב איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה על שם מנה שיש לה כתובה מנה · משא"כ לעתיד יהיה לנו כתובה שליש הוספה כדין בתולה כמש"ה קום בתולת ישראל והנה חשבון תר"ך מלאכים ת"ר מלאכים עולים למנין ר' עולמות כי קי"ל דב' מלאכים הן עולם אחד כי העולם הוא שית אלפי פרסי כ' מלאכים עולים למנין ששה עולמות וב' שלישי עולם וא"כ אם תשים עליה השליש כמו דין בתולה שיש לה שליש הוספה תוסיף על ר' שליש יהיה ש' ואם תוסיף על ששה עולמות שליש יהיה תשעה ואם תוסיף על ב' שלישים שליש אחד יהיה עולם אחד צרפם יחד ותמצא עולים לחשבון ש"י עולמות · יהי רצון שנזכה במהרה בימינו אמן •

פרק טו **גדול** השלום דאמרו רז"ל במ"ר פ' נשא אין כלי מחזיק ברכה יותר מן השלום שהרי סיום ברכת כהנים הוא וישם לך שלום וכן הקב"ה עושה שלום במרומיו במלאכים שאין בהם יצר הרע וקנאה ושנאה ואעפ"כ צריכין הם לשלום מכל שכן אשר עדיין אותו השטן מרקד בינינו להרחר ריב ומדון בין איש לחבירו בין יחיד לרבים שצריכים אנו לכלי המחזיק שלום: (ב) והכל הוא בעון שנאת חנם אשר על עון שנאת חנם ארז"ל במסכת יומא דעון שנאת חנם הוא גדול מעון עבודת כוכבים וג"ע ושפיכות דמים והעון שנאת חנם הוא בא בשביל קול ודיבור היוצא מפיו והוא פה המורגל לקלל בני אדם ובמעט ויכוח שיש לו עם חבירו אזי תיכף מתמלא באף וחימה בוער בקללות כגחלי אש ואינו יודע שהוא בעצמו מסכן נפשו ונפשות אנשי ביתו וגורם רעה לעצמו: (ג) כי הוא ענין מבואר בזוהר פ' קדושים כי כל דבור של קללה שיוצא מפיו אזיל ושאט באוירא דעלמא עד דמתחבר עמיה רוח רעה ר"ל ואזיל בהדיה לנוקביה שבתהומא רבא אשר שם הוא מדורות המזיקין שהן מוכנין לפורעניות

אַיין אִשָּׁה אוּנ פִירְן אִים אִין גֵיהִנָּם אַרַיין: (ח) אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען אִין אַיין סֵפֶר · אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְזֻוָּנֶה מִיט אַיין פְּרֶעמְדֶע אִשָּׁה · וֶוערְט בַּשַׁאפִין אַיין מַזִּיק אִין דֶם גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער אִשָּׁה וָואשׁ עֶר הָאט מִיט אִיר מְזַנֶּה גִיוֶועֶן · אוּנ אַז זַיין צַייט קוּמְט צוּא שְׁטַארְבִּין קוּמְט דִיא אִשָּׁה אוּנ בַּהֶעפְּט זִיךְ צוּא אִים אוּנ פִירְט אִים אִין גֵיהִנָּם אַרַיין · אָבֶער אַז אַיין מֶענְטְשׁ טוּט אַיין מִצְוָה פִירְט זִיא אִים אִין גַן עֵדֶן אַרַיין:

פרק טו גדול השלום דֶער שָׁלוֹם אִיז זֵייעֶר גְרוֹישׁ דֶען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ז"ל הָאבִּין גִיזָאגְט אִין מִדְרָשׁ עֶשׁ אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין אִין דֶער וֶועלְט קֵיין כְּלִי וָואשׁ זִיא זָאל מַחֲזִיק זַיין בְּרָכָה אַזוֹא וִויא דִיא כְּלִי פוּן שָׁלוֹם דֶען דִיא בְּרָכָה פוּן דִיא כֹּהֲנִים דָאשׁ אִיז יְבָרֶכְךָ וכו' לָאזְט זִיךְ אוֹיס מִיט שָׁלוֹם · אוּנ אוֹיךְ גָאט ב"ה מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימֶעל צְוִוישִׁן דִיא מַלְאָכִים וָואשׁ בַּייא זַייא אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין קֵיין יֵצֶר הָרַע אוּנ קֵיין קִנְאָה אוּנ שִׂנְאָה · פוּן דֶעסְט וֶועגִין דַארְפִין זַייא פָארְט צוּא דֶעם שָׁלוֹם מִכָּל שֶׁכֵּן מִיר מֶענְטְשִׁין וָואשׁ דֶער שָׂטָן שְׁפְּרִינְגְט צְוִוישִׁן אוּנְז צוּא אָן רֵייצִין קְרִיג צְוִוישִׁן אַיין מֶענְטְשִׁין אוּנ צְוִוישִׁן זַיין חַבֵר צְוִוישִׁן אַיין יָחִיד מִיט אַיין רַבִּים · בַּדַארְפִין מִיר דָאךְ אַפִּשִׁיטָא צוּא דֶעם שָׁלוֹם: (ב) אוּנ דִיא קְרִיג קוּמְט אַלְץ מַחְמַת דֶעם שִׂנְאַת חִנָּם · וָואשׁ אוֹיף דֶער זִינְד הָאבִּין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ז"ל גִיזָאגְט אִין דֶער מַסֶכֶת יוֹמָא אַז דִיא זִינְד פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז אַיין גְרֶעשֶׂערֶע זִינְד פוּן דִינְגֶען גִלוּלִים אוּנ זְנוּת אוּנ רְצִיחָה אוּנ דִיא זִינְד פוּן שִׂנְאַת חִנָּם קוּמְט פוּן וֶועגִין עֶר גִיוואוֹנְט זַיין מוֹיל מִיט קְלָלוֹת · אוּנ אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ אַיין קְלֵיינֶעם וִויכּוּחַ מִיט זַיין חַבֵר וֶוערְט עֶר תֵּיכֶּף דֶער פִילְט מִיט צָארְן אוּנ רוֹגְזָה אוּנ בְּרֶענְט מִיט קְלָלוֹת אַזוֹ וִויא קוֹילִין פַייעֶר · אוּנ עֶר וֵוייש נִיט אַז עֶר אִיז מְסַכֵּן זַיין לַייבּ אַלֵיין אוּנ דִיא לַייבֶּער פוּן זַיין הוֹיז גִיזִינְד (ג) דֶען עֶשׁ שְׁטֵייט אִין זוהַר אַז אִיטְלִיכֶער דִיבּוּר פוּן קְלָלָה וָואשׁ גֵייט אַרוֹישׁ פוּן זַיין מוֹיל גֵייט עֶר אוּנ שְׁוֶועבְּט אִין אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט · בִּיז אַיין רוּחַ רָעָה וֶוערְט צוּא אִים בַּאהֶעפְט ר"ל אוּנ גֵייט מִיט אִים אִין תְּהוֹם רַבָּה אַרַיין וָואשׁ

דארטי

לפורעניות בר מינן ועומדים ומצפים שיבא העת וזמן אשר יבא מזליה הגרוע של זה: האיש המורגל בקללות בדבר קל אפי' כחוט השערה ומיד מעוררים עליו גזירות בר מינן להנזק במִמוֹנוֹ או בגופות נפשות ביתו ח"ו: (ד) וכבר כתבנו לעיל בפ"ז שכל אדם שהוא מורגל להוציא מפיו קללות אין לו נשמה משורש הקדושה כי אם משורש נחש שהוא שורש של ס"א ויש לו לדאוג על הרבה פורעניות שיבא עליו חס ושלום עיין שם ויש לך אדם שפיו דיליה הוא שמור וגדור מהוצאות קללות ומרגיל א"ע תמיד בברכות אזי בוודאי נשמתו היא משורש קדושה מאוד ויהיה בטוח שהוא בן עוה"ב: (ה) וכן אם יש פה המרגיל בבשורות רעות ח"ו ר"ל ותאותו הוא להוציא דבה רעה מפיו הוא מדה גרועה מאוד ואין תפלתו נשמעת שאין תפלתו יכולה ליכנס לפני פרגודא קדישא אבל הרגיל לבשר בשורות טובות ולהגיד שמועה טובה הוא נקרא פה קדוש ובפרט מי שזוכה לבשר בשורות טובות לתלמידי חכמים מיד מחלקין לו חלק טוב בעבור זה בג"ע וראייה מסרח בת אשר שבשרה ליעקב בשורה טובה שעדיין יוסף היה חי ולכן זכתה ליכנס חי לג"ע: (ו) אמנם הגדר שלא ירגיל אדם בקללות דע כי יש עתים ידועים שהקללה נהפכת להמקלל בר מינן ואיזה קללה שגרם האדם לעצמו ע"י שקילל לחבירו בחנם ונגזרה עליו הגזירה של אותה קללה אין לה רפואה בר מינן באשר שהוא גזר ופסק בעצמו הקללה עליו והעיקר הגרם הוא ע"י שמרגיל עצמו בקטטות ומריבות וע"י ויכוח קל נעשה מריבה גדולה כמש"א רז"ל האי תיגרא דמיא לבידקא דמיא כיון דרוות רווח: (ז) ע"כ ירחיק האדם עצמו מהקטטות ומריבות ואז לא יבא ג"כ לידי שום קללה ויראה לכבד את הבריות ובפרט לחבירו מי שהוא גדול ממנו ומכ"ש לרבו של אדם כי הא דנשלח הא מילתא מחברותא קדישא שבא"י לחברותא קדישא שבבבל וכה"ל וז"ל הנה מודיעים אנחנו אליכם חברותא קדישא מנהגא טבא שיש בינינו בחבורא קדישתא של א"י

שלא

דארטין איז דאש וואונונג פון דיא מזיקים וואש זיי זיינען אן גיברייט צו פורעניות ר"ל · אונ זיי שטייען אונ האפין אז עש זאל קומען די צייט וואש דאש שלעכטע מזל פון דעם דאזיגן מענטש וואש איז גיוואונט צו שילטין אפילו פר איין קליינע אונ איין גרינגע זאך אונ עש ווערט תיכף דער וועקט אויף אים גרושע גזירות דאש ער זאל ניזוק ווערין מיט זיין געלט אדר מיט די לייבר פון זיין הויז גזינד ח"ו: (ד) אונ מיר האבין שוין פריער גשריבין אז איטליכער מענטש וואש איז גוואונט אויש צוא ציהען קללות פון זיין מויל דער האט ניט קיין נשמה פון דעם שורש קדושה נאר פון דער סטרא אחרא · אונ ער דארף זיך צוא זארגין אויף דיא פיל פורעניות וואש וועט קומען אויף אים ח"ו · אונ עש איז פאר האנדין איין מענטש וואש זיין מויל איז אפ גהיט פון קללות אונ גוואונט זיך תמיד מיט ברכות דיא נשמה פון דעם איז בוודאי פון דעם שורש קדושה · אונ זאל בטוח זיין אז ער איז איין בן עולם הבא: (ה) אונ אזוא אויך אזוא איין מויל וואש איז גיוואונט צו זאגין שלעכטע בשורות ח"ו אונ זיין גלושטיקייט איז אלץ ארויש צו ציהען שלעכטע רייד פון זיין מויל איז דאש זייער איין שלעכטע מדה אונ זיין תפלה ווערט ניט צו גיהערט דאש זיא קען ניט קומען פר דר היילינגער מחיצה · אבער דער וואש איז גיוואונט צו זאגן גוטע בשורות דאש מויל ווערט אן גירופין איין היילינג מויל · אונ בפרט דער וואש איז זוכה בשורות טובות מבשר צו זיין צו די ת"ח · טיילט מען אים תיכף אפ דער פאר איין גוטן חלק אין גן עדן · אונ איין ראיה איז דער צו פון סרח בת אשר וואש זיא האט גיזאגט צו יעקב איין גוטע בשורה אז יוסף לעבט נאך אונ דרום האט זיא זוכה גיוועזן אריין צו גיין אין גן עדן לעבעדיגער הייד: (ו) נאר דער גדר וויא אזוא מען זאל ניצול ווערין ער זאל ניט גיוואונט זיין מיט דיא קללות · זאלשטו וויסען אז עש איז פאר האנדין גוויסע צייטין וואש דיא קללה ווערט פאר קערט צוא דעם. וואש שילט אונ דיא קללה וואש דער מענטש איז זיך אליין גורם דורך דעם וואש ער שילט זיין חבר אום זיסט דרום ווערט נתהפך דיא קללה אויף אים · דיא האט שוין קיין רפואה ניט · אונ דער עיקר איז וואש ער האט עש אויף זיך גורם גיוועזן ווייל ער גיוואוינט זיך מיט קריג אונ דורך איין קליינעם וויכוח ווערט איין גרושע קריג: (ז) דרום זאל דר מענטש זיך דער ווייטערין פון קריג אונ דענמאלט וועט ער ניט קומן צו קיין שום קללה אונ ער זאל זעהען לייט ערליך האלטין · אונ בפרט זיין חבר וואש איז מער למדן פון אים אונ מכל שכן צוא זיין רבי · אזוא וויא מיר גיפינען אין די כתבים וואש די חבורא קדישא פון ארץ ישראל האבין גישריבין צו דיא חבורא קדישא פון

בבל

שלא נמצא בחבורא דילן שום ריב וקטטה ואף אם שלפעמים יש ויכות של קטטה תיכף יש בנו כתות קדושים המעוררים לב לכל דבר שבקדושה ומכניסין עצמן שלא יתעכב הקטט אף כשהוא קטט קטן ומיד עושין שלום בין הצדדים שחוזרים לאחוה וריעות ושלוה ושלום במנוחתם כאשר היה בראשונה ומחבקין זה את זה ותיכף חבר זה מוחל לחבירו: (ח) ומי שהוא קטן בשנים מחבירו מבקש מחילה מחבירו שהוא גדול ממנו ותיכף חבירו מחבק ומנשק לו ומוחל לו: (ט) ומי שהוא ח״ו פוגע בכבוד רבו אזי מקבל עליו נידוי ומפיל עצמו בכח לארץ וחולץ מנעליו ויושב לארץ ורבו כשרואה חרטתו ובכייתו אינו מניחו לישב על הארץ כי אם כדי צליית ביצה ואח״כ נותן לו רבו רשות ואומר לו עמוד ואחר עמידתו נופל לרגליו של רבו ומבקש התרה ומחילה ואומר לו רבו מותר לך ג״פ אין כאן נידוי אין כאן חרם וסר עונך וחטאתך תכופר: (י) ואגיד לכם מן הענוה גדולה שבינינו הנה סיפר לי ה״ה רבי מנחם בן הרב הגדול ר׳ אברהם גלאנטי ז״ל שפעם אחד נשא על כתיפו שק עם קמח מן השוק ובא מאחריו הגאון הרב הגדול מהר׳ שלמה שגיג ז״ל וחטף את השק מעל כתיפו של ר׳ מנחם גלאנטי ונשבע בחייו שאל יוליך שום אדם זה השק עם הקמח לבית ר׳ מנחם גלאנטי הנ״ל כי אם הוא בעצמו דווקא כי אמר החכם ר׳ שלמה שגיג הנ״ל שהוא עדיין רך בשנים ממנו והפציר בו הרב מנחם גלאנטי שלא יעשה לו ככה כי הרב ר׳ שלמה שגיג היה גדול בתורה ומופלג בעושר ולא רצה ר׳ שלמה כלל וטען ר׳ שלמה שגיג בעצמו השק עם קמח לבית הזקן ר׳ אברהם גלאנטי: (יא) וכן פעם אחת בא החסיד מהר׳ אברהם גלאנטי הנ״ל לכפר עין זיתים וקנה שם כד אחד ומילא אותו מים מתוקים מן באר שבכפר

עין

בבל אונ חוץ לארץ׳ אונ אזוא שרייבן זייא׳ נון מיר ווינען מודיע אייך היילגע חבורא׳ דאש בייא אונז איז פר האנדין איין גוטער מנהג אין דער הייליגער חבורא פון ארץ ישראל דאש אין אונזר חבורא ווערט ניט גפונן קיין שום קריג׳ אונ ווען אפילו אמאל איז פאר האנדין איין ויפוח פון קריג׳ איז בייא אונז פאר האנדין הייליגע כיתות וואש דער וועקין דאש הארץ פון איין מענטשין צוא אלע דברים שבקדושה אונ לייגין זיך דרינען אז די קריג זאל ניט נתעכב ווערין׳ אונ ווען עש איז אפילו נאר אקליינע קריג מאכין זייא תיכף שלום צווישין דיא מענטשין ביז זיי ווערין זיך פריינד איינש עש אנדרע אונ זייגען זיך תיכף מוחל איינש עש אנדערע׳ (ח) אונדר וואש איז אינגער פאר זיין חבר דער בעט איבר דעם חבר וואש איז עלטער פון אים אונ דער חבר איז אים תיכף מוחל אונ קושט אים אונ האלזט אים: (ט) אונ דער וואש איז ח״ו פוגם אין דעם כבוד פון זיין רבי׳ איז ער אויף זיך מקבל נידוי׳ אונ ווארפט זיך מיט כח אויף דער ערד אונ טוט אויש זיינע שיך אונ זיצט אויף דר ערד׳ אונ זיין רבי אז ער זעהט זיין חרטה אונ זיין גיוויין לאזט ער אים מער ניט זיצן אויף דער ערד נאר וויפיל עש דארף גיווערין איין איי זאל זיך איין בראטין׳ אונ דער נאך זאגט ער אים שטיי אויף אונ אז ער שטייט אויף׳ פאלט ער צו די פים פון זיין רבי אונ בעט אים ער זאל אים מוחל זיין אונ זאל אים מתיר זיין די נידוי זאגט זיין רבי צוא אים דרייא מאל מותר לך עש איז שוין ניט פאר האנדין דא קיין נידוי אונ קיין חרם אונ דיין זינד איז ווארין אפ גיטאן אונ דיין עבירה איז ווארין פאר געבין: (י) אונ מיר ווילין אייך דער ציילין פון דעם גרוישען ענוות וואש צווישין אונז איז׳ נון ה״ה רבי מנחם דער זון פון הרב הגדול רבי אברהם גלאנטי האט מיר דער ציילט׳ דאש איין מאל האט ער גיטראגין פון דעם מארק איין זאק מעל אויף זיינע אקסלען איז פון הינטער אים גיקומן הגאון הרב הגדול מוהר״ר שלמה שגיג ז״ל אונ האט אראפ גיחאפט דעם זאק פון זיין אקסיל אונ האט גישווארין בייא זיין לעבין אז קיין שום מענטש זאל ניט ברייגען דעם זאק מעל צוא דעם הויז פון רבי מנחם גלאנטי נאר ער ווארום דער חכם רבי שלמה הנ״ל האט גיזאגט אז איך בין נאך יונג אונ שטארקער פון רבי מנחם דרום וועל איך בעשער טראגין דעם זאק׳ האט דער רב רבי מנחם אים זייער גיבעטין ער זאל עש ניט טאן ווייל דער רב ר׳ שלמה שגיג איז גיוועזן איין גרוישער ת״ח דרום האט רבי מנחם ניט גיוואלט אז רבי שלמה זאל טראגן דעם אק מעל׳ אבר רבי שלמה האט ניט גיוואלט אפ געבין דעם זאק ביז ער האט אים גיבראכט צו דעם הויז פון דעם זקן רבי אברהם גלאנטי: (יא) אונ אויך איין מאל איז דער חסיד רבי אברהם גלאנטי גקומען פון דעם דארף עין זיתים אונ אין דעם דארף האט רבי אברהם גיקויפט איין קרוג אונ האט אים דער פילט מיט זיסע וואשער פון דעם ברונען פון

כפר

עין זיתים שהן מים חשובים מאוד ובדרך הלוכו פגע בו החסיד ר׳ מסעוד ואמר לו רבי תן לי מעט מים כי צמא אני והטה ר׳ אברהם גלאנטי את שכמו להשקותו ומיד לקח ר׳ מסעוד את הכד על שכמו ונשבע להוליכו לבית ר׳ אברהם גלאנטי ונשבע שלא יפצור בו וכן כל בני החבורה כשהיו רואין את ר׳ אברהם גלאנטי ברחוק שלשים אמות היו עומדין לפניו ואח״כ כשהיה מקרב אליהם היו נושקים את ידיו ואמרו לו הלוואי שנהיה מצע תחת רגליך בעוה״ב כי היה חסיד גדול ועניו והיה תמיד מזהיר אותנו שיהיה שלום וריעות ואחוה ואהבה בינינו זכותו יעמוד לנו ולכל ישראל אמן :

פרק טז **איתא** בספר סוד הרזים · וז״ל כל העבירות שבתורה אם עבר אדם בסתר לא יגלה אותם אליהו הנביא ז״ל אלא כל מי שעבר חרם הוא מכריז ומגלה שנאמר הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא וגו׳ וסמיך ליה והכיתי את הארץ חרם והענין כי אף שהכל גלוי וידוע לפני הש״י ב״ה מ״מ אין הדבר מפורסם עד שבא אליהו ז״ל ומפרסם את העון ברבים באסיפת ישראל ורבת תהיה הבושה והכלימה כי זה העובר חרם כאילו הוא עובר על חמשה חומשי תורה ונביאים שעל כן סיום חמשה חומשי תורה וסיום כל ספר מנביאים המה גמטריא רמ״ח ובוודאי העובר חרם לא ינקה מעונשים ויסורים חמורים והגזרה רעה שנגזר למי שעובר על חרם יבא עליו חימה שפוכה באכזריות ואותו הבית אשר בו העברת חרם סופו להיות חרב ושממה מאין יושב רחמנא ליצלן : (ב) והעיקר גרם המביא לחטא זה הוא העיקר שעובר תחלה על לאו דלא תחמוד וחומד ממונו של חבירו או כלי של חבירו ועבירה גוררת עבירה ואח״כ הוא נוטל הממון או הכלי של חבירו והוא עובר על לאו דלא תגנוב ואח״כ הוא עובר ג״כ על החרם : (ג) וימציא לו היתר איך ומה לעשות שלא יחזיר הגזילה או הגניבה מה שבידו וכל היתרים הן לו לקוצים וברקנים שנכשל בהם ע״כ החכם עיניו בראשו לבלתי לגרום
רעה

בְּפַר עַין זֵיתִים וַוייל דִיא וַואשֶׂר זַיינֶן זַייעָר גוּט גִיוֶועזְן · וִויא רַבִּי אַבְרָהָם אִיז אַזוֹ גִיגַאנְגֶן הָאט אִים בַּגֶעגִינְט דֶער חָסִיד רַבִּי מַסְעוּד אוּנ הָאט אִים גִיזָאגְט רַבִּי גִיבּ מִיר אַיין בִּיסְל וַואשֶׂר אַיין טְרוּנְק · הָאט רַבִּי אַבְרָהָם אַיין גִיבּוֹיגְן זַיין קְרוּג אִים אָן צוּ טְרִינְקֶן · הָאט רַבִּי מַסְעוּד תֵּיכֶף צוּ גִינוּמֶן דֶעם קְרוּג וַואשֶׂער אוּנ הָאט גִישְׁוָואוֹרִין אַז עֶר זָאל אִים בְּרֵיינְגֶען צוּ דֶעם הוֹיז פוּן רַבִּי אַבְרָהָם · אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אַלֶע בְּנֵי חֲבוּרָה אַז זַייא הָאבִּין דֶער זֶעהֶען גַיין דֶעם רַבִּי אַבְרָהָם אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט גִיוֶועזְן דְרַייסִיג אֵיילִין פוּן זַייא · זַיינֶן זַייא שׁוֹין אוֹיף גִישְׁטַאנֶן פַאר אִים · אוּנ דֶער נָאךְ אַז עֶר הָאט גִינֶעהָנְט צוּ זַייא · הָאבִּין זַייא אִים גִיקוּשְׁט זַיינֶע הֶענְט אוּנ הָאבִּין אִים גִיזָאגְט הַלְוַאי מִיר זָאלִין זַיין אַיין פַר שְׁפְּרַייטוּנְג אוּנְטֶר דַיינֶע פִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא · וָוארוּם דֶער רַבִּי אַבְרָהָם אִיז גִיוֶועזְן אַיין גְרוֹישֶׂער חָסִיד אוּנ אַיין עָנָיו אוּנ הָאט אוּנְז תָּמִיד מַזְהִיר גִיוֶועזְן אַז צְוִוישִׁין אוּנְז זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּנ לִיבְּשַׁאפְט זַיין זְכוּת זָאל בַּייא שְׁטֵיין צוּא אוּנְז אוּנ צוּא אַלֶע יִשְׂרָאֵל אָמֵן :

פרק טז איתא עֶשׂ שְׁטֵייט אִין סֵפֶר סוֹד הָרָזִים אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה · אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייא עוֹבֵר בְּסֵתֶר · וֶועט אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא זֵייא נִיט מְגַלֶּה זַיין · נָאר דֶער וָואשׂ אִיז עוֹבֵר חֵרֶם · דְרוֹיף וֶועט עֶר אוֹישׁ רוּפִין אוּנ וֶועט מְגַלֶּה זַיין דֶער דָאזִיגֶער אוּנ דֶער דָאזִיגֶער הָאט עוֹבֵר חֵרֶם גִיוֶועזְן אוּנ דֶער עִנְיָן אִיז דֶען חָאטְשֵׁי אַלֶץ אִיז דָאךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר גָאט בָּרוּךְ הוּא · פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז דִיא זַאךְ נִיט מְפוּרְסָם בִּיז אֵלִיָהוּ וֶועט קוּמֶען אוּנ וֶועט מְפַרְסֵם זַיין צְוִוישִׁין פִיל לַייט דִיא זִינְד פוּן דֶעם וָואשׂ הָאט עוֹבֵר חֵרֶם גִיוֶועזְן · אוּנ דִיא בּוּשָׁה וֶועט אִים זַייעָר גְרוֹישׁ זַיין וָוארוּם דֶער וָואשׂ אִיז עוֹבֵר חֵרֶם אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף דִיא פִינְף סְפָרִים פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ אוֹיף דִיא רֵייד פוּן דִיא נְבִיאִים · אוּנ דֶער וָואשׂ אִיז עוֹבֵר חֵרֶם וֶועט בְּוַודַאי נִיט גְרֵיינִיקְט וֶוערִין פוּן שְׁטְרָאף אוּנ הַארְבֵּי יְסוּרִים · אוּנ דָאשׂ הוֹיז וָואשׂ מֶען אִיז דְרִינֶען עוֹבֵר חֵרֶם וֶועט עֶשׂ זַיין ווִיסְט רַחֲמָנָא לִצְלָן : (ב) אוּנ דֶער עִיקָר זַאךְ וָואשׂ אִיז גוֹרֵם דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר זָאל עוֹבֵר חֵרֶם זַיין · אִיז דָאשׂ דֶען פְרִיעֶר אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לָאו פוּן לֹא תַחְמוֹד אוּנ גְלוּסְט דָשׂ גֶעלְט פוּן זַיין חָבֵר אָדֶער דִי כֵּלִי פוּן זַיין חָבֵר · אוּנ אַיין עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט דִי אַנְדֶרִי עֲבֵירָה בְּרֵיינְגְט זִיא אִים דֶער צוּא אַז דֶער נָאךְ גַנְבֶת עֶר אַוֶועק דָאשׂ גֶעלְט אָדֶער דִיא כֵּלִי פוּן זַיין חָבֵר אוּנ אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לָאו לֹא תִגְנוֹב · אוּנ דֶער נָאךְ אִיז עֶר אוֹיךְ עוֹבֵר
חרם

רעה לעצמו ח״ו ואח״כ כשיבא והרעה עליו יתחיל להתחרט אבל יהיה העת שלא יועיל לו החרטה : (ד) ראה מה שכתוב בזוהר ר׳ אבא אמר כמה יש לאדם להרהר ולפשפש במעשיו בכל יום ויום תני ר׳ יצחק ד׳ רוחות מנשבות בכל יום מד׳ רוחות העולם רוח מזרחית ע״פ הרוב הוא שולט ומנשב מהבקר ועד חצי היום ונפיק עמיה אוצר החמדה דתמן אוצר אחד הוא למעלה בשערי מזרח וחמדה שמיה ויש בו שלשת אלפים ושבעים וחמשה רוחין דאסוותא דעלמא ואמר ר׳ יוחנן בן זכאי יש מלאך אחד ומיכאל שמו והוא ממונה מהבקר עד חצי היום בההוא רוח דאתיא מהמזרח ומיכאל עם דגל שלו הוא ממונה לצד מזרח ואר״י בן זכאי דהוא מיכאל דכתיב הנה מלאכי ילך לפניך וגו׳ מלאכי הוא אותיות מיכאל : (ה) ותנא כשרוח מזרח מתעורר לצאת לעולם מאן דאזיל באורחא יכוין דעתו להההוא עניינא דאמרינן דמיכאל הוא שר החסד הוא מתעורר אז ע״פ ציווי הקב״ה כל ברכתא דנפיק מפומיה דבר נש מתקיימין ליה בהאי שעתא ויהי שמת כל היום ההוא רוח מערב מנשבת ע״פ רוב השנה מחצי היום עד הלילה ונפיק עם ה׳ אוצר אחד עם ד׳ מאה וששים וחמשה רוחין לאפרחא עשבין ואילנות ויבולין ותניא מלאך אחד רפאל שמיה הוא ממונה על צד מערב אמר ר׳ יוסי בן פזי א״כ קשיא הלא תנינן מלאך הממונה על הרפואות רפאל שמיה ואת אמרת דאסוותא הוא מן המזרח ומלאך מיכאל ממונה במזרח כנזכר לעיל : (ו) ת״ש א״ר יוחנן בן זכאי כל מעשה הקב״ה נגד בני אדם בגין דיהוו יראים וחרדים ליראת ה׳ ולעבודת ה׳ והוא יתברך שמו מחי ומסי ממית ומחיה כדי שלא ישוון לבהון לשום מלאך ולא לשום שר על כן הוא יתברך ב״ה מחליף עידנין דלא יאמרון מלאך פלוני עביד לי האי אלא להראות דכולא הוא בידיה ולפיכך מחליף רוחין עד דיצלי בר נש קמי קב״ה וישוב בתשובה שלימה וכדין יפקוד קב״ה לאסוותא למישרי עליה דבר נש ההוא מלאך דאיתפקיד על אסוותא עביד מאי דאפקיד מרעותיה

תרם אונ ער זוכט זיך היתרים וויא אזוא ער זאל ניט דארפין אום קערין דיא גניבה אדער דיא גזילה : אונ דיא אלע היתרים זיינען אים צוא דערגער וואש ער ווערט דורך זיא גישטרוכלט · אונ דער וואש איז קלוג זאל זעהען ניט גורם צוא זיין זיך ביז ח״ו · דאש דער נאך אז דאש ביז וועט קומען אויף אים וועט ער אן הייבין חרטה האבין דען עש איז פאר האנדין אצייט וואש דיא חרטה העלפט שוין ניט דרום זאל ער בעסער זעהען ניט צוא ברייגגען דאש ביז אויף זיך : (ד) זעה וואש עש שטייט אין זוהר · רבי אבא זאגט דער מענטש מוז זייער איבער קלערין זיינע מעשים אלע טאג אונ זאל אויף זייא תשובה טאן · רבי יצחק האט גילערינט · פיר ווינטן וויאן אלע טאג פון דיא פיר זייטין פון דער וועלט דער מזרח ווינט ווייאט על פי הרוב פון פריא ביז האלבין טאג · אונ מיט אים גייט ארויש דער אוצר פון גילוסטיקייט ווארום דער אוצר איז אין הימל אין דיא טויערין פון מזרח אונ אין אים איז פאר האנדין דריי טויזינד מיט פינף אונ זיבעציג ווינטין וואש איטליכער ווינט היילט איין קראנקייט פון דר וועלט · אונ דער מלאך מיכאל מיט די מלאכים וואש זיינען אונטר אים זיינען ממונה איבר דעם ווינט : (ה) אונ מיר האבין גילערינט אז דער מזרח ווינט ווערט דער וועקט ארויש צוא גיין אויף דער וועלט · דער וואש גייט דענמאלט אין וועג זאל ער זיך מכוין זיין צוא דעם ענין וואש מיר האבין גיזאגט אז מיכאל דר שר החסד ווערט דענמאלט דער וועקט דורך דעם גיבאט פון גאט ברוך הוא · אונ אלע ברכות וואש גייען דענמאלט ארויש פון דעם מענטשינש מויל ווערין מקוים · דער מערב ווינט ווייאט על פי הרוב פון האלבין טאג ביז נאכט· אונ מיט אים גייט ארויש איין אוצר מיט פיר הונדערט אונ פינף אונ זעכציג ווינטן צוא מאכן בליען גראז אונ בוימר אונ פרוכט · אונ מיר האבין גילערינט איין מלאך וואש הייסט רפאל איז ממונה איבר מערב זייט · האט רבי יוסי בן פזי גיפרעגט מיר האבין דאך גילערינט אז דער מלאך רפאל איז ממונה איבר דיא רפואות אונ דוא זאגשט אז מיכאל איז ממונה איבר זייא · (ו) האט רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט דרויף איין תירוץ דעם אלע מעשים פון גאט ברוך הוא זיינן קעגין די מענטשין זיי זאלין זיך פארכטין פאר אים · אונ גאט ב״ה וואש ער שלאגט אונ היילט אונ טייט אונ מאכט לעבדיג פון וועגין דיא ישראל זאלין ניט טאן זייער הארץ ניט צוא קיין שום מלאך אונ צוא קיין שום שר · דרום פאר בייט גאט ב״ה דיא צייטין דאש אין איין צייט מאכט ער דעם מיכאל ממונה איבער דיא רפואות אונ אין אנדרע צייטין מאכט ער דעם רפאל ממונה איבער דיא רפואות כדי זייא זאלין ניט זאגין דער מלאך האט מיר גיטאן דיא רפואה · נאר גאט ב״ה טוט ווייזן אז אלץ איז אין זיינע הענט דרום פאר בייט ער דיא מלאכים

דמארי ב"ה: (ז) רוח דרומית מנשב מן התחלת הלילה ע"פ הרוב עד פלגות הלילה ונפקו עמיה מההוא אוצר החמה מאתים וחמשה ושבעים רוחין לרושנא ארעא ולגרום חמימא על ארעא כדי שלא יגבר הקירות והמלאך הממונה עליו אוריא"ל שמיה והוא ממונה על משמרתו בצד דרום בההוא רוחא וההוא רוחא הוא כבד מאוד על בני אדם דמרעין בישין ותנא בההיא זמנא הוא עיקר הדין דדיינין לרשיעי בגיהנם בנורא וכל עלמין שכבין בשינתא ולית דמצלי עליהון: (ח) רוח צפון מנשב מחצי הלילה עד הבקר ותנא תלת מאה אלפין רוחין סופה וסערה אתין עמיה והוא קשה לכל מילי אבל לבני מרעין הוא טוב שיש בהם קרירות ומחמימות דאית בבני מרעין יש להם נחת רוח בקרירות האלו ותני רשב"י אמר בההיא שעתא נפיק קב"ה מאינון עלמין סגיאין לאשתעשע עם צדיקים דבגן עדן וקול כרוז קורא ואומר עורי צפון ובואי תימן להפריח בשמים של ג"ע דהנא בזמן שהרוח צפון מנשבת בחצי הלילה והקב"ה הוא נכנס לג"ע אזי כל הבשמים וכל האילנות שבג"ע נותנים ריח ומזמרים לפניו שנאמר אז ירננו עצי היער מלפני ה' וכל מלאכי מעלה וכל הרקיעים וחיות הקודש והאופנים מזדעזעים ופותחין את פיהם רנה ושבח למי שאמר והיה העולם עד שנכנס הקב"ה עם הצדיקים לג"ע וזהו בחצי הלילה: (ט) א"ר יהודה אמר רב מאן דנשמתא קדישא אית ביה ושמע קול תרנגולא קרי בפלגא לילה אזי זיקא דאשא נפיק מבין גלגלי החיות ואזיל בכל עלמא ומגיע תחות גדפוהי דתרנגולא ובההיא שעתא בדחילו מקיש התרנגול בגדפוי דא עם דא דאמר דא הוא בפלגוי לילה ומאן דאית ביה בלביה שכל טוב יתעורר ויקום משנתו ועוסק בתורה אזיל קליה ואשתמע בג"ע ואצית הקב"ה וצדיקים דעמיה ושואלין הצדיקים מאן הוא דין גבר ומארי עלמין אתיב ואמר דין פלניא בן פלניא עסיק עם נשמתיה קדישא באורייתא אציתו כולהו דהאי ניחא לי מכל שירתא ותושבחתא דאמרין לעילא: (י) בן אדם בן אדם ראה והתבונן וחכם בכל אפשריות איך להתגבר בתורה ובמעשים טובים כדי לעשות נחת רוח להקב"ה כי לכך נוצרת וזכור כי אנחנו ישראל עמו וקרבנו אליו ובכל עת ורגע השגחתו עלינו והוא פוקד מעשה בני אדם אם לרעה

ואם

ביז דער, מענטש זאל בעטן פאר אים אליין און זאל איין רעכטע תשובה טאן: (ז) דר רוח דרומית ווייאט פון אן הייב נאכט ביז האלבער נאכט און מיט אים גייען ארויש פון דר אוצר החמה צוויא הונדערט און פינף און זיבציג ווינטן צו פעט מאכין דיא ערד' און צוא ברייננן היץ אויף דר וועלט פון וועגין דיא קעלט זאל זיך ניט שטארקן' און דר מלאך וואש איז ממונה דרויף הייסט אוריאל און ער איז ממונה אויף דעם דרום ווינט' און דער, ווינט איז זייער שווער אויף דיא קראנקע מענטשין' און מיר האבין גילערינט דיא צייט איז דער עיקר דין וואש מען משפט דיא רשעים אין גיהנם אין פייער' און גאר דיא מענטשין פון דער וועלט שלאפין דענטמאלט און קיינער האט ניט צוא בעטין פר זיי' (ח) דער צפון ווינט ווייאט פון האלבע נאכט ביז פריא און מיר האבין גילערינט דרייא הונדערט טויזינט שטורם ווינטן קומען מיט אים און דער ווינט איז שלעכט צו אלע זאכין' אבער צוא דיא קראנקע איז ער גוט וייל אין דיא ווינטין איז פאר האנדין קעלט און מחמת דיא היץ וואש די קראנקע האבין' האבין זייא נחת רוח פון דעם ווינט' און מיר האבין גילערינט רשב"י זאגט אין דער צייט גייט גאט ב"ה ארויש פון דיא פיל וועלטין צוא פרייען זיך מיט דיא צדיקים פון דעם גן עדן און איין קול רופט אויש דער וועט זיך צפון ווינט און קום דרום ווינט צוא בלאזין דיא בשמים פון דעם גן עדן ווארום מיר האבין גילערינט אין דער־צייט אז דער צפון ווינט ווייאט אין האלבע נאכט און גאט ב"ה גייט אין גן עדן אריין דענטמאלט גיבן איין גוטען ריח אלע בשמים און אלע בוימר און זייא זינגן פאר אים און אלע מלאכים און אלע הימלען און חיות הקודש און דיא אופנים ציטערן אלע און עפינן זייער מויל מיט גזאנג און לויבונג צוא גאט ב"ה וואש האט באשאפין דיא וועלט: (ט) דרום דער וואש האט איין נשמה טהורה וויא באלד ער הערט דעם האן קרייען זאל ער אויף שטיין פון זיין שלאף און זאל עוסק בתורה זיין' דען וועט זיין קול גיין און וועט גיהערט ווערין אין גן עדן' און גאט פאר נעמט עש און דיא צדיקים וואש זייגען מיט אים פרעגין ווער איז דער מענטש און גאט ב"ה ענטפערט זייא' דאש איז דער און דער וואש ער מיט זיין היילינגע נשמה זייגען עוסק בתורה' פר נעמט אלע צו זיין קול ווארום דאש איז מיר מער ניחא פון אלע שירות ותשבחות וואש מען זאגט אויף דעם הימל: (י) דוא בן אדם זעה און פאר שטייא און זייא קלוג וויא ווייט מיגליך איז צוא זעהען ארום זיך וויא צוא שטארקין אין דער

תורה

ואם לטובה וכנגד זה העמיד מטיבים ומריעין המטיבים המה מלאכי קדישין המקבלים נשמת האדם באהבה ובשמחה ומראין לו פתחי ג"ע והמריעין המה המזיקים המשחיתים האכזרים החוטפים את הנשמה לייסרה ביסורים קשים ומרים כדאיתא במדרש הנעלם פ' נח: (יא) א"ר יהודה ז' כתות של מלאכי השרת הן אצל השער דאיקרי שער צדק שעליהם אמר דהע"ה פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה יה זה השער לה' צדיקים יבואו בו וז' פתחין הן לנשמות הצדיקים להכנס לג"ע עד מקום מעלותם פתח הראשון נכנסת הנשמה במערת המכפלה שהיא סמוכה לג"ע ואדה"ר שומר עליו זכתה הנשמה אדה"ר הוא מכריז ואומר פנו מקום להחסיד שלום שלום בואך: (יב) ויוצאת מפתח ראשון ונכנסת לפתח שני של שערי ג"ע ושם הכרובים ולהט החרב המתהפכת ואי לא זכתה מקבלת שם עונשה להיצרף ולהסיר סיגה ופסולתה על ידי משפט אשר סובלת בלהט החרב המתהפכת ואם זכתה לצאת גם משם בשלום אזי נותנין לה פיתקא לסימן ליכנס לג"ע וכשבאת לג"ע יש שם עמוד אחד של ענן ונוגה המעורב זה בזה ועשן סביביו ועמוד נעוץ מלמטה למעלה לשער ירושלים של מטה ואם הנשמה זוכה שיהיה די לה מקום מדור בכאן לקבל שכרה ולא לעלות יותר אזי היא שם ומתעדנת שמה מהטוב המשפיע מלמעלה אליה וג"ע זה מאיר באור של מעלה דאמר רבי יוסי ראיתי ג"ע והוא מכוון נגד הפרוכת ושם טל האורות אשר למעלה והיא נהנית מזיו השכינה אבל אינה ניזונית ממנה: (יג) זכתה לעלות יותר אזי עולה היא באותו העמוד עד שמגעת ונכנסת בפתח השלישי והיא נקראת זבול ויש שם הרבה שומרים ופותחים לה ונכנסת באותו השער ומשבחת להקדוש ברוך הוא בבית המקדש של מעלה ומיכאל שר הגדול שהוא כהן אל עליון מקריב הנשמה זו לקרבן אמר רבי חייא הקרבה זו אינה באה כשאר הקרבן אלא כאדם המקריב

דורון

תורה אונ מעשים טובים פון וועגין צוא טאן נחת רוח פאר גאט ב"ה ווארום דרויף בישטו בשאפין גיווארין · אונ גידיינק אז אלע מענטשין זיינען זיין האנט ווערק אונ ער האט אונז אויש דער ווילט צוא גינעהנן אונז צו זיך · אונ אין איטליכר רגע איז זיין השגחה אויף אונז · אונ ער גידיינקט דיא ווערק פון דיא מענטשין סייא זייא טוען גוטש אדער שלעכטש · אונ אנטקעגין דעם האט ער גישטעלט וועלכע וואש בגיטיגען דעם מענטשין אונ וועלכע וואש טוען אים שלעכטש דיא וואש בגיטיגען אים זיינען הייליגע מלאכים וואש זיינען מקבל דיא נשמה פון דעם מענטשין מיט ליבשאפט אונ מיט שמחה אונ ווייזין אים דיא טירין פון דעם גן עדן · אונ דיא וואש טוען אים שלעכטש זיינען דיא מזיקים דיא משחיתים דיא אכזרים וואש חאפין דיא נשמה צוא שטראפין זיא מיט שווערע אונ ביטערע יסורים · אזוא וויא עש שטייט אין מדרש הנעלם: (יא) האט רבי יהודה גיזאגט זיבן כיתות מלאכים זיינען בייא דעם טויער וואש ווערט גירופין שערי צדק · אונ זיבן טויערין דארפין דיא צדיקים דורך גיין ביז זייא קומען צוא זייער ארט · דיא ערשטע טיר גייט די נשמה אריין אין דער מערת המכפלה וואש זיא איז נאהענט צום גן עדן · אונ אדם הראשון היט דיא טיר איז דיא נשמה זוכה רופט אדם הראשון אויש אונ זאגט ראמט אויש איין ארט צוא דעם אונ דעם חסיד מיט שלום זאל זיין דיין קומן: (יב) אונ זיא גייט ארויש פון דער ערשטער טיר אונ קומט אריין אין דר אנדרר טיר פון דעם גן עדן אונ דארטין זיינען דיא כרובים אונ דיא להט החרב המתהפכת אונ אויב די נשמה איז ניט זוכה איז זיא דארטין מקבל איר עונש אונ ווערט דארטין אויש גילייטערט דורך דיא יסורים וואש זיא איז מקבל דורך דעם להט החרב המתהפכת · אונ אויב זיא איז זוכה פון דארטין אויך ארויש צוא גיין בשלום גיט מען איר איין קוויטיל צוא איין סימן זיא זאל אריין גיין אין גן עדן אריין · אונ אז זיא קומט אין גן עדן אריין איז דארטין פאר האנדי איין זייל וואש זיא איז פון וואלקין אונ ליכטיקייט צוא מישט איינש מיט דעם אנדרין · אונ אויב דיא נשמה איז זוכה זא איר ארט זאל דא זיין איר שכר מקבל צו זיין אונ ניט ווייטר צוא גיין בלייבט זיא דארטין אונ מוז זיך באנוגן לאזין דער מיט אונ איז מקבל גרויש תענוג פון דעם נוטש וואש מען איז אויף איר משפיע פון דעם הימל: (יג) אז זיא איז אבער זוכה ווייטר צוא גיין · גייט זיא אויף מיט דר זייל ביז זיא גרייכט אונ גייט אריין אין דער דריטר טיר אונ דיא טיר ווערט גירופין זבול · אונ דארטין זייגע פאר האנדין פיל שומרים עפנען זייא איר דיא טיר · אונ זיא גייט אריין אונ לויבט צוא גאט ב"ה אין דעם בית המקדש וואש איז אויף דעם הימל · אונ מיכאל דער שר הגדול וואש ער איז איין כהן צוא גאט ב"ה גינעהנט ער דיא נשמה פאר איין מתנה

צוא

דורון לפני המלך ומיכאל מעלה את הנשמה עד פתח הרביעי וחמישי וששי ואומר לפניו רבש״ע אשרי בניך בני אהוביך בני אברהם יצחק ויעקב ואשרי הנשמה שהיא זוכה לזה: (יז) ואח״כ מעלין את הנשמה לשער השביעי שהוא נקרא ערבות ששם גנזי חיים וכל הנשמה שהיא זוכה לשער השביעי מיד נעשית מלאך השרת אבל מי שעובר על חרם אין נשמתו זוכה אפילו לבא אל שער השלישי אפילו אחר כל היסורין והדינין כי אמרו רז״ל מי שהוא בחרם למטה יום אחד הוא למעלה בחרם שלשים יום:

פרק יז הלקי הטומאה הן י״א · טומאת מת טומאת שרץ טומאת נבילה טומאת ש״ז טומאת מי חטאת טומאת פרה אדומה כל העוסק בה · טומאת זב טומאת זבה טומאת נדה טומאת יולדת טומאת צרעת והן מרמזין על עולמות הטומאה של חיצונים שחיותן נשתלשל מי״א ספירות הטומאה שבנגדן הם י״א סמני הקטורת להתיש כחם ונמצא בהיות האדם נזהר לגדור גדר ולשמור עצמו מן הטומאות הנזכרים הרי הוא מובדל ומופרש מכחות החיצונים אבל אם הוא נמשך אחר הטומאה הרי הוא מלובש ומושרש במקור הטומאה: (א) והנה צריך שתדע גודל כח הטומאה הזה כי אלף וארבע מאות וחמשה מיני חיצונים שרויין על הצפרניים הגדילין בימי נדה של האשה וע״כ צוה קב״ה שתקוץ הצפרניים כשבאה האשה ליטהר ותזהר שלא להשליכם במקום שעוברים בני אדם כי הדורך עליהם אפילו במנעלים ברגליו יכול להנזק ח״ו: (ב) והמכשפים עושים כישוף באינון צפרנים וכל מכשפה ממהרת לפעול בכשפיה דווקא בימי נדתה כי אז הכישוף הוא מצליח יותר ע״כ צריך האדם להתרחק בכל הרחקות שבעולם מאשה נדה הן בדבור ומכל שכן שלא להסתכל בה כי אם מעט מזער ע״פ הכרח ולנהוג

צוא נאם ב״ה אונ מיכאל ברייגט אויף דיא נשמה ביז דיא פערטע אונ דיא פינפטע אונ זעקסטע טיר פון דעם גן עדן אונ זאגט פאר אים רבונו של עולם וואול איז צוא דיינע קינדער דיינע גליבטע דיא קינדר פון אברהם יצחק ויעקב · אונ וואול איז צוא דער נשמה וואש זיא איז זוכה דער צוא: (יז) דער נאך ברייגט מען אויף דיא נשמה אין דעם זיבעטין טויער אריין וואש ער ווערט גירופין ערבות אונ די נשמה וואש איז זוכה צו קומן אין דעם זיבעטין טויער ארין ווערט זיא היכף איין מלאך · אבער דער וואש איז עובר חרם איז זיין נשמה נים זוכה אפילו צו קומן צו דעם דריטין טויער אפילו נאך אלע יסורים אונ משפטים וואש זיא איז פריער מקבל · ווארום אונזרע חכמים ז״ל האבין גיזאגט דער וואש איז אונטין אין חרם איין טאג איז ער ביא דעם בית דין של מעלה אין חרם דרייסיג טעג:

פרק יז חלקי דיא חלקים פון טומאה זיינען עלף כלומר עלף זאכין זיינען פאר האנדין וואש זיינען מטמא דעם מענטשין (א) דיא טומאה פון איין מת (ב) דיא טומאה פון איין שרץ (ג) דיא טומאה פון איין נבילה (ד) דיא טומאה פון שכבת זרע (ה) דיא טומאה פון שפרענגעדיגע וואסער (ו) דיא טומאה פון פרה אדומה דאש זיא איז מטמא איטליכין וואש איז עוסק אין איר (ז) דיא טומאה פון איין זב (ח) דיא טומאה פון איין זבה (ט) דיא טומאה פון איין נדה (י) דיא טומאה פון איין יולדת (יא) דיא טומאה פון צרעת: אונ דיא טומאות זיינען מרמז אויף דיא עלף עולמות הטומאה וואש דיא חיצונים האלטין זיך דרינען אונ זייער חיות קומט פון דיא עלף ספירות הטומאה דאש אקעגין זייא זיינען דיא עלף סמני קטורת וואש זייא שטייען אין פיטום הקטורת האט השי״ת זייא גיהייסין מקטיר זיין כדי שלאף צוא מאכין דעם כח פון דיא חיצונים · ווערט גיפונען אז דער מענטש איז נזהר צוא מאכין זיך איין גדר צו היטין זיך פון דיא עלף טומאות וואש שטייען פריער · ווערט ער אפ גישייד פון די כחות פון דיא חיצונים · אבר אז ער ווערט נאך גיצויגין נאך דער טומאה · ווערט ער איין גיווארצילט אין דעם מקור הטומאה: (א) אונ נון דאש באדארפסטו וויסין אז טויזינט מיט פיר הונדערט מיט פינף מיני שדים רוען אויף דיא נעגיל פון איין אשה נדה · אונ דרום האט השי״ת גיהייסין אז בשעת דיא נדה גייט טבילה האבין זאל זיא אפ שניידין אירע נעגיל · אונ זיא זאל נזהר זיין נים צו ווארפין זייא אויף אזוא איין ארט וואש לייט גייען דארטין · ווארום דער וואש טרעט אויף זייא אפילו מיט זיינע שיך קען גיזוק ווערין ח״ו: (ב) אונ דיא מכשפים טוען כישוף מיט די נעגיל אונ איטליכע מכשפה איז מהדר איר כשוף צו ברויכין דווקא

אין

ולנהוג בכל מיני הומרות בענין למנוע מלאכול עמה בקערה אחת ואפילו שאר בני בית לא יאכלו עם אשה נדה כי שיורי הרוק מפיה הבא לתוך הכף ומהכף לתוך הקערה הוא גורם שיבא אדם לידי סכנה: (ג) ומעשה באיש אחד שראה בחלומו שרגליו היו מלוכלכים בצואה ותפעם רוחו בבוקר כי לא לחנם היה זה החלום והלך האיש וסיפר לו להרב האר"י ז"ל החלום הנ"ל והשיב לו האר"י ז"ל שמטתך הוא קרוב למטה אשר שכבה עליה אשתך נדה וע"י השינה ע"ש בלילה נגעה כר העליון שמכסה בו במטת אשה נדה והלך תיכף האיש לביתו ותיקן והרחיק מטתו מן מטה של אשתו ואמר האריז"ל לתלמידיו כי על פי הרוב החלומות באין ומזהירין להאדם שהן נכשלים באיזה עבירה: (ד) על כן יראה האדם להרחיק בכל מיני הרחקות מאשתו נדה וללמד את בניו הקטנים להרחיקם בילדותיהן מהאשה נדה ובהיות האדם נזהר להרחיק ולהחמיר מאשתו נדה עד שתטהר אזי תדע דתשרי שכינתא בהדיה כדאיתא בזוהר בראשית עיין שם וכשיגיע העת שתטהר יתחבר בהדה בצניעות וכמו שמזהיר הזוהר פרשת ויצא הוי צנוע בתשמיש מפני אינון תרין מלאכין דאינון מימינו ומשמאלו יצר טוב ויצר הרע ואיתא עוד שם בכל אתר דשמושא דמצוה אשתכח שכינתא שריא על ההוא אתרא ובאופן שיתקדש באותו פעם ויחשוב כי הש"י ב"ה ברא י"ח חוליות בחוט השדרה של האדם ודרך שם זרע עוברת מן המוח עד הברית וכנגדן תקנו רז"ל ח"י ברכות שאנו מתפללין ג"פ בכל יום ובכל ברכה אזכרת ה' וכנגד זה גם כן יהיה מהשבה בקדושת שמו באותו פעם וכבר העיר ע"ז ברעיא מהימנא פ' קדושים זכאין אינון אברים דמתקדשין בשעת החיבור דאינון עצי העולה דאוזידן בהו עצים קדישין כו' ושם ה' דאחיז בעצים דילהון ובג"ד באורים כבדו ה' וכן הוא בזוהר מצורע בעי בר נש לכוונא בההיא שעתא ברעותיה דמאריה בגין דיפוק בנין קדישין לעלמא ואיתא שם בזוהר פ' קדושים כד הוי רבי שמעון בן יוחאי אזיל במתא והוו אזלין אבתריה וחמא לאנתו מאיך עיניה והוי אמר לחברייא אל תפנו וכל מאן דיסתכל באתתא

אין דיא טעג פון איר נדות · וויל דענמאלט איז דער בישוף מער מצליח דרום מוז דער מענטש זיך דער ווייטערין מיט אלירלייא דער ווייטערונג פון איין אשה נדה · סייא מיט ריידין כיי מיט עסין אונ טרינקען אונ מכל שכן ניט צו קוקין אויף איר · אפילו אנגדערר וואש איז ניט איר מאן אונ דאש איבעריגע הויז גיזינד זאל אויך ניט עסין מיט איר אין איין שיסל · ווארום דאש שפייעכץ וואש קומט פון איר מויל אין לעפיל אריין אונ פון דעם לעפיל אין שיסל אריין דאש איז גורם דער מענטש זאל הו"ו קומען צוא איין סכנה: (ג) עש האט זיך גיטראפין איין מענטש האט גיזעהען אין חלום אז זיינע פיס זיינן איין גיריכט אין צואה · אין דער פריא אז ער האט זיך אויף גיהאפט האט ער זיך זייער דער שראקין דען ער האט זיך גיטראכט ניט אום זיסט איז דער חלום · איז ער גיגאנגען אונ האט דעם חלום דער ציילט צוא הרב האר"י ז"ל · האט דער האר"י ז"ל אים גיענטפערט דאש דיין בעטיל איז נאהינט צוא דעם בעט פון דיין ווייב · אונ בייא נאכט מחמת דעם שלאף האט דיא איבער בעט וואש דיא האשט זיך מיט איר צוא גידעקט אן גירירט אין דיין ווייבש בעט וואש זיא איז איצונד איין נדה · אונ דער מענטש איז גיגאנגען אהיים אונ האט תיכף אוועק גירוקט זיין בעט פון זיין ווייבש בעט · אונ דער האר"י האט גיזאגט צוא זייניע תלמידים אז על פי רוב קומען דיא חלומות אונ זיינן מזהיר צוא דיא מענטשין וואש ווערין גשטרויכלט אין איין עבירה: (ד) דרום זאל דער מענטש זעהען צו דר ווייטרין זיך אין אלירלייא דער ווייטערונג פון זיין ווייב בשעת זיא איז איין נדה · אונ אז דער מענטש איז נזהר זיך צוא דער ווייטערין פון זיין ווייב בשעת זיא איז איין נדה ביז זיא ווערט ריין דענמאלט זאלשטו וויסין אז דיא שכינה רואט בייא אים · אונ אז עש קומט דיא צייט וואש זיא ווערט ריין זאל ער זיך צוא איר בהעפטין מיט צניעות · אזוא וויא דר זוהר איז מזהיר · דוא זאלשט זיין בצניעות בשעת דוא בהעפסט זיך מיט דיין ווייב · פון וועגין די צווייא מלאכים וואש זיי שטייען בייא דיין רעכטר האנט אונ בייא דיין לינקר האנט · דאש זיינן דער יצר טוב אונ דער יצר הרע · אונ נאך שטייט אין זוהר אז ר' שמעון בן יוחאי איז גיגאנגען אין איין שטאט אונ די חבריא זיינן אים נאך גיגאנגען אונ ער האט דער זעהן זיין ווייב גיין האט ער אראפ גיבויגן זיינע אויגן צו דר ערד כדי ער זאל ניט קוקין אויף איר · אונ ער האט גזאגט צו דר חבריא איר זאלט זיך ניט קערין צוא קוקין אויף איר · אונ איטליכער וואש קוקט בייא טאג אויף איין אשה קומט ער

באתתא ביממא אתי להרהורי בלילה ואי שמיש בר נש באינתתיה בזמנא דסליק ההוא הרהורא בישא אינון בנין דאולידו רשיעין אינון ומזה באים על פי הרוב בנין רשעים והנה יש כמה דברים אשר מהם התינוקות נעשין בעלי נכפין רחמנא ליצלן ע״י מעשה אביהם ואמם: (ה) והנני מזכיר כאן איזה דברים שצריך האדם לקשרם אל לבם ולהורות לבניהם שיזהרו בזה שלא לעשותם הראשון המפורש בגמרא ובזוהר המשמש מטתו לאור הנר הוו הבנים נכפים בר מינן ומכל שכן שאסור לשמש מטתו לאור הלבנה׳ הב׳ כשאדם רואה בחלום דמות איזה אשה ואפילו דמות אשתו או בתולה ומתעורר בחשק ותאוה בשינתו ועל ידי זה התאוה אחר כך נזקק לאשתו אזי אותו הילד שיולד על ידי אותו החבור של תאוה יהיה הולד בעל נכפה בר מינן בכל פעם שהלבנה היא בחידושה ואין לו תרופה ורפואה למכתו כלל כל ימי חייו כי אותו דמות שנתראה לפניו בחלום הוא השידית הנקראת נעמ״ה ובתאוה דילה נזקק לאשתו על כן הולד הוא מסטרא דא דהיא בתאוותה דילה אשתכח והאי הוא בר נש דבכל סיהרא וסיהרא אתפגים ב״מ׳ הג׳ הוא מאי דמזהיר בזוהר פ׳ ויקרא שיזהיר מאוד שלא תניק את בנה אחר החיבור עד אחר שעה ואף אם הילד בוכה על כל פנים יראה בכל מה דאפשר להשתיקו עד חצי שעה על כל פנים לא תניק מקודם והלילה בתוך חצי שעה ראשונה עיין שם הטעם׳ הד׳ מאי דמבואר בגמרא דידן שלא ישכב הילד במטה בשעת החיבור כי זה גורם סכנה לולד הנוצר ויש בזוהר סוד נפלא: (ו) והכלל המקור להתנהג בצניעות ובזמן המיוחד לזה שהוא אחר חצות לילה בשעה שבני הבית הן ישנים ויזהר שלא להתחבר בפני בעלי חיים כדאיתא בגמרא אביי באלי פרוחי רבא באלי דידבי ואיתא בזוהר חדש דף י״ז אמר רבי הונא צריך שיקדש עצמו לשם שמים בשעת החיבור שנאמר אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו כלומר אם אין הכוונה לשם שמים להוליד בנים שיהיו בעלי תורה בעלי יראה אלא להנאת עצמו שוא עמלו בוניו בו שמכוונים עמל של שוא באותו הילד והוא גורם היצה״ר וגם המחשבה זרה

שמכוין

חיו ביי נאכט רואה קרי צו זיין׳ אונ אז דער מענטש בהעפט זיך מיט זיין ווייב בשעת ער האט אין זינן איין אנדרע אשה׳ די קינדער וואש ווערין געבארין פון דעם בהעפטונג זיינען ניי שלעכט אונ דורך דעם קומען על פי רוב די רשעים דאש די קינדער וואש ווערין גיבארין פון אזו איין בהעפטונג וואש ער האט אין זינען גיהאט אויף איין פרעמדע אשה זיינן די קינדר על פי רוב רשעים: (ה) אונ נון איך וועל דא דער מאנען עטליכע זאכין וואש די מענטשין מוזין זייא צו קניפין צו זייער הארץ אונ צו לערנען זייא צו זייערע קינדער אז זיי זאלן נזהר זיין ניט צוא טאן זייא׳ דאש ערשטע איז וואש עש שטייט בפירוש אין דער גמרא אונ אין זוהר אז דר וואש בהעפט זיך מיט זיין ווייב אז איין ליכט ברענט זיינען די קינדר בעלי נכפה רחמנא ליצלן׳ אונ מכל שכן מען טאר זיך ניט בהעפטן מיט איר אנטקעגן דר ליכט פון די לבנה׳ דאש אנדרע איז אז דער מענטש זעהט אין חלום איין דמות פון איין אשה אפילו דעם דמות פון זיין ווייב אדער פון אבתולה אונ ער ווערט אין זיין שלאף דער וועקט מיט גלוסטיקייט דער נאך האט ער זיך תיכף אויף אונ באהעפט זיך צוא זיין ווייב׳ איז דאש קינד וואש ווערט גיבארין פון דעם בהעפטונג איז זיך איין בעל נכפה ר״ל׳ אונ דר צו קען ער קיין רפואה ניט האבין ווייל ער וועט לעבין ווארום דער דמות וואש האט זיך אים בווייזן אין חלום איז דיא שדית וואש ווערט גירופן נעמה׳ אונ דורך איר תאוה בהעפט ער זיך צו זיין ווייב׳ דרום איז דאש ולד פון איר צד׳ דאש דריטע איז וואש דער זוהר איז מזהיר איין אשה זאל ניט זייגן איר קינד ביז נאך איין שעה פון דעם בהעפטונג אונ האטשע דאש קינד וויינט זאל זיא זעהן וויא מעגליך איז איין צו נעמן עש האטשע ביז איין האלבע שעה נאך דעם בהעפטונג אבר חס וחלילה זיא זאל אים פריער זייגן געבין׳ דאש פערטע איז וואש עש שטייט אין גמרא אז בשעת דעם בהעפטונג זאל דאש קינד ניט ליגן אין בעט׳ ווארום דאש איז איין סכנה פאר דעם ולד וואש ווערט בשאפין פון דעם בהעפטונג: (ו) אונ דער רעכטער כלל איז נוהג צו זיין זיך דענמאלט מיט צניעות אונ דאש בהעפטונג זאל זיין נאך האלבע נאכט ווייל דענמאלט שלאפין שון אלע בני בית׳ אונ זאל אויך נזהר זיין ער זאל ניט בהעפטין זיך פאר דיא בעלי חיים׳ דאש איז אזו וויא די גמרא זאגט רבא האט אוועק גיטריבין די פליגן פון דעם בעט דאש ער האט זיך ניט גוואלט בהעפטין מיט זיין ווייב פאר דיא פליגן מכל שכן גיהער מען זיך ניט צוא בהעפטן מיט זיין ווייב אין אזו איין חדר וואש אנדרע לייט זייגען פאר

האנדין

שמכוין לתענית: (ז) תנו רבנן אמר רבי יוסי בן פזי זמנא חדא הוינא אזיל באורחא וערענא בהדי שורא דכפר קרדו והוו גוברי בדיחי בחלקיהון (ר"ל שהיו שמחים בחלקם) ומשא ומתן שלהם היה באמונה ולא היה קנאה ושנאה בינייהו ובה בשבתא בלילה חמיתי לאושפזאי דקאי בהאי גיסא ומצלי ודביתהו קמת באידך גיסא ומצלית אמרית להון מאי צלותיכון בשעתא דא אמרי עידנא דידן דזוגנא משבת לשבת ומצלינא צלותא קמיה קב"ה דיהא לנו בר דיפלח באורייתא ויהיה בר דדחיל חטאין וכו': (ח) אמר ליה יהא רעוא דיתקיים בעותיכון דהא לשם שמים קא עבדיתון אמר רבי יוסי אחזי שכינתא דלבתר כמה שנין ערעית תמן וחזית האי ברא דאתיליד להו והוי בר ד' שנין חמי ליה בביתא בעי למללא עמיה אמר ליה אבוהי זיל לגביה דגברא רבא הוא אמר מסתפינא לאישתעי בהדיה ולאתקרבא עמיה דהא לא ידענא אי אית ליה נשמתא קדישא אי לא דהכי אוליף לי מארי יומא דין דכל מאן דלית ליה נשמתא קדישא אסור לאשתעי בהדיה ולאתקרבא עמיה אמר ליה אבוי חו דגברא רבא הוא וחכימא דדרא הוא קריב ולא ספיק למללא עמיה: (ט) אמר ליה אנא חמא בך דנשמתא חדתא אית בך מומין זעירין ולא איתזרוק בך בשעתא דנפקית לעלמא תווהא וא"ל רבי יוסי כך הוא דרווק הייתי וכד דהוי לעי באורייתא אתייהיב בי נשמתא אחרא חדתא אמרתי לו מאן הוא רבך אמר לי ר' אלכסנדרוס אמר ליה ומה לעית יומא דין אמר ליה האי קרא דכתיב ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם ודרשו רז"ל לעושין לשמה וגילה לו סודות נפלאות אמרתי לו מה שמך אמר לי אהבה אמרתי לו מרי אהבה אהבת עולם אהבתיך ואנא זכיתי למחמיה

תאנדין דרינען· אונ אין זוהר חדש שטייט רב הונא האט גיזאגט דער מענטש בשעת ער בהעפט זיך מיט זיין ווייב סז ער זיך היילגן פון גאטש וועגן· דערנאך האט ער גוטע קינדער· אבער אז ער טוט עש נאר פון וועגן זיין תאוה ממלא צו זיין· זיינן די קינדער ניט גוט ח"ו: (ז) די רבנן האבין גילערינט ר' יוסי בן פזי האט גיזאגט איין מאל בין איך גינאנגען אין וועג אונ האב אן גיטראפן אין איין דארף וואש זיא איז גישטאנען בייא דעם בארג פון כפר קרדו· אונ די לייט פון דער שטאט האבין זיך גיפרייט מיט זייער חלק וואש גאט האט זייא צו גשיקט אונ זייער משא ומתן איז גיוועז מיט אמונה אונ קיין קנאה אונ שנאה איז גיט גיוועזן צווישין זיי· פרייטאג צו נאכט האב איך גיזעהען דאש מיין בעל הבית שטייט אין איין זייט שטוב אונ בעט גאט אונ זיין ווייב אין דער אנדערער זייט אונ בעט אויך גאט· האב איך זיי גיפרעגט וואש בעט איר איצונד האבין זייא מיר גיענטפערט אונזער זיווג איז פון איין שבת צום אנדערין אונ היינט איז די צייט פון אונזער זיווג· בעטין מיר פאר גאט ב"ה אז מיר זאלין האבין איין זון וואש ער זאל לערנן תורה אונ זאל זיך פארכטין צוא זינדיגען: (ח) האב איך צוא זייא גיזאגט עש זאל זיין דער ווילין פון גאט אז אייער גיבעט זאל פאר אים אן גינומען ווערין ווייל איר טוט דאך עש פון גאטש וועגין· האט רבי יוסי גיזאגט זאל איך אזו זוכה זיין צוא זעהען די שכינה אז אין עטליכע יאר ארום בין איך ווידער אהין גיקומן אונ האב גיזעהן דעם זון וואש איז גיבארין גיווארן פון דער ברכה וואש איך האב זייא גיבענטשט· אונ ער איז שוין אלט גיוועזן זיבען יאר האב איך אים גיזעהען ארום גיין אין שטוב אונ האב גיוואלט ריידין מיט אים· האט זיין פאטער צו אים גיזאגט גייא צוא דעם מאן דען ער איז איין ת"ח· האט דאש קינד גיזאגט איך האב מורא מיט אים צו ריידין אונ צו אים גנעהנען ווייל איך ווייש ניט אויב ער האט איין היילגע נשמה אויב ניין דען אזו האט מיין רבי מיך גילערינט דעם היינטיגין טאג אז דער מענטש וואש האט ניט קיין היילגע נשמה טאר מען מיט אים ניט ריידין אונ ניט גנעהען צוא אים· האט זיין פאטער צו אים גיזאגט הי"ו דער איז איין גרוישער ת"ח אונ איז פון דיא גרוישע חכמים פון דעם דור· האט דאש קינד גינעהענט צו אים· אונ האט נאך ניט צייט גיהאט מיט אים צו ריידין: (ט) האט דאש קינד גיזאגט צוא רבי יוסי איך זעה אין דיר אז פון אקליינר צייט אן האשטו גיקריגין אנייע נשמה· אונ די נשמה איז ניט גיוועזן בייא דיר בשעת דו בישט בשאפין גיווארין האט רבי יוסי אים גיזאגט עש איז אמת אז איך האב זיך זייער גמיט אין דר תורה איז אין מיר גיגעבין גיווארין איין נייע נשמה· האב איך אים גיפרעגט ווער איז דיין רבי האט דאש קינד מיר גיזאגט מיין רבי הייסט אלכסנדרוס· האב איך גפרעגט וואש האשטו היינט גילערינט· האט דאש קינד אים גיזאגט איך האב גילערינט דעם פסוק ראשית חכמה יראת ה' וגו' אונ האט אים דרויף גרוישע סודות מגלה גיוועזן· האב איך אים גיפרעגט ווי הייסטו האט ער מיר גיזאגט איך הייס אהבה· האב איך אים גיזאגט מרי:

למחמיה לרב אדא בריה דרב אהבה וספרתי לו הדברים הנ"ל : (י) על כן צריך האדם לקדש עצמו בשעת תשמיש כדי שיזכה לבנים תלמידי חכמים ויתפלל בכל ארבעים יום הראשונים יהא רעוא ממארי עלמא שנזכה לבנים יראים ושלמים וחרדים לדבר ה' ונראה בהם קדושת תנאים ואמוראים אמן ולקמן פרק י"ח אכתוב שכל דרכיו של אדם צריך להיות לשם שמים :

פרק יח **מה** רבו מעשיך ה' כלם בחכמה עשית וגו' הנה כבר כתבנו בפרקים לעיל שחכמינו ז"ל תקנו לומר בכל יום מזמור ק' שהוא מזמור לתודה והכוונה שצריך האדם להודות בכל יום ויום ולהביא קרבן תודה כי אין בעל הנס מכיר בניסיו שעושה לו הקדוש ברוך הוא ובאמירת מזמור זה תהיה כוונתו בלבו כאלו מביא תודה בית ה' כמו שהיה מנהג הקדמונים ז"ל שבכל ענין ומאורע שהיה אירע להם היו נותנים שבח והודיה והכירו מיד שהוא השגחת הבורא יתברך והיה קשור תמיד בלבם לבלתי לשכוח השגחת הקדוש ברוך הוא : (ב) כדמצינו מה שכתוב בזוהר פרשת אמור רשב"י הוה אזיל באורחא והוי עמיה רבי אבא ורבי יוסי מטו לחד אמת המים נתקל רבי יוסי וניתוק לתוך אמת המים עד שנתלכלכו בגדיו אמר רבי יוסי הלואי שלא היה נברא זה אמת המים אמר רשב"י אסור לן לומר כך דמשמשא דעלמא הוא ואסור לנהוג קלות במשמשא דקב"ה דכתיב וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד ואפילו נחשים ועקרבים ויתושין כולהון נקראין משמשא דמלכא משמשא דעלמא ובני נשא לא ידעין : (ג) עד דהוו אזלין חמו חד חוויא מרקד קמייהו אמר רשב"י וודאי דא נחש אזיל לאתרחשא לן נסין רהט האי חוויא קמייהו וקשר את עצמו בחד אפעה ואפעה הוא בריה אם היא מסתכלת באנפוי דבר נש או בר נש מסתכל באנפוי דאפעה מיד הוא מת מחמת הארס ר"ל והאי נחש בהדי דקשר בה התחילו להכות זה את זה

עד

מיין הער אהבה אהבת עולם אהבתיך איך האב דיך ליב איין איבּיג ליבשאפט · אונ איך האב נאך זוכה גיוועז צו זעהן צו רב אדא דער זון פון דעם אהבה · דרום מוז דר מענטש צו היילגן זיך בשעת ער בהעפט זיך מיט זיין ווייב פון וועגן ער זאל זוכה זיין צו קינדר תלמידי חכמים אונ אין די ערשטע פערציג טעג וואש דאש קינד ווערט בשאפן זאל ער מתפלל זיין דיא תפלה יהא רעוא עש זאל זיין דער ווילן פון דעם הער פון דער וועלט אז מיר זאלין זוכה זיין צוא זין וואש זאלין זיין יראי השם אונ צדיקים אונ זאלין זיך איילן מקיים צוא זיין גאטש רייד · אונ מיר זאלין אין זייא זעהען דיא קדושה פון דיא תנאים אונ אמוראים אמן :

פרק יח מה רבו מעשיך ה' גאט וויא גרויש זיינען דיינע מעשים כולם בחכמה עשית דוא האשט זייא אלע גיטאן מיט קלוגשאפט · נון מיר האבין שוין גישריבין אין דיא אויבּרשטע פרקים אז אונזערע חכמים ז"ל האבין מתקן גיוועזן צוא זאגין אלע טאג דעם מזמור לתודה · אונ דער מיט האבין זייא גימיינט ווארום דער מענטש מוז אלע טאג דאנקען צוא גאט ב"ה אונ צוא ברייננגען איין קרבן תודה אויף דיא ניסים וואש ער טוט אים אלע טאג ווארום דער מענטש דער קענט ניט אין דיא ניסים וואש גאט ב"ה טוט אים · אונ אז ער זאגט דעם מזמור זאל זיין כוונה זיין אין זיין הארץ גלייך וויא ער ברייננט אקרבן תודה אין בית המקדש אריין אזוא וויא דער מנהג פלעגט זיין בייא דיא ערשטע חסידים : דאש אויף איטליכר זאך וואש האט זיך זיי גיטראפין · האבין זייא אפ גיגעבין איין שבח והודיה צוא גאט ב"ה · אונ האבין תיכף דער קענט אז דאש איז דיא השגחה פון גאט ב"ה · אונ עש איז תמיד גיוועזן אן גיקניפט אין זייער הארץ דאש זייא זאלין ניט פאר געסין די השגחה פון גאט ב"ה : (ב) אונ אזוא וויא מיר גיפינען אין זוהר רבי שמעון בן יוחאי איז גיגאנגען אין וועג · אונ רבי אבא אונ רבי יוסי זיינען מיט אים גיוועזן · זיינען זייא גיקומען צוא איין קוואל וואסער · האט רבי יוסי זיך אן גישלאגין אונ איז אריין אין עק פון דעם וואסער ביז זיינע קליידער האבין זיך איין גיריבט האט רבי יוסי גיזאגט הלואי וואלט דאש קוואל וואסער ניט גיוועזן באשאפין גיווארין · האט רשב"י צוא אים גיזאגט מיר טארין ניט זאגין אזוי דען דאש נוצט צוא דער וועלט דען עש שטייט אין דער תורה וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד אונ גאט האט גיזעהען אליץ וואש ער האט באשאפין אונ נון עש איז זייער גוט אפילו דיא שלאנגען אונ עגדעשין אונ פליגין ווערין אלע גירופין דיא באדינער פון גאט דיא באדינער פון דער וועלט · גאר דיא מענטשין ווייסין ניט צוא וואש איטליכע זאך נוצט : (ג) וויא זייא זיינען גיגאנגן האבין זייא גיזעהען איין שלאנג שפרינגט אונ לויפט פאר

זיא

עד דמיתו שניהם כד מטו תמן להאי אתר חמו לון לתרוויהון שכיבין באורחא ומיתן : (ד) קרא רבי שמעון בן יוחאי האי פסוקא לא תאונה אליך רעה ונגע לא יקרב באהלך ועל דא ברא קב"ה כל הבריות וכל דבר לשליחותיה דיליה ולית לן לאנהגא קלנא בכל מאי דאיהו עביד כי לשליחותו הוא ברא יתהון ועל דא כתיב טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו עכ"ל הזוהר ונ"ל דזהו כוונת הכתוב מה רבו מעשיך ה' כלם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך וכתיב יודוך ה' כל מעשיך : (ה) ובהיות כן בוודאי מי שהפליא לו השם יתברך ברוך הוא ברוב רחמיו וחסדיו נס באיזה הצלה מליסטים או מאש וממים וכיוצא בו או שהיה חולה ונתרפא אזי חובה עליו לתקן איזה דבר טוב שיהיה היכר שהוא עושה זאת במקום קרבן תודה לכבוד השם יתברך ברוך הוא : (ו) ובא וראה מה שהעיד לעצמו הרב החסיד מהור"ר אברהם בעל מחבר שיבולי הלקט בהקדמת ספרו וז"ל אמר הכותב אזכיר כאן נפלאות שעשה הקדוש ברוך הוא עמדי בעת עברו עלי תלאות בימי חליותי חליתי על ערש דוי ומרוב כאבי לא עליכם שוממתי אמרתי פקדתי יתר שנותי רבו עלי מכאובים עד שרחקו ממני קרובים כי הייתי למשא לפני אבותי המו מעי בי ולבי יחיל בקרבי בזכרי אורחא רחיקתא וקלילא זוודתי : (ז) והעומדים עלי לשמור יציאת נשמתי באשר שראו בי שנתקררו אברי ובשרי ובאתי עד הגסיסה ועד שערי המיתה העומדים עלי דחקו חוצה את אשתי וזרעי וגם שאר קרובים שראו אותי בסימני מיתה כדרך צאת הנשמה מהגוף פני היה נשתנה וה' ברחמיו יסר יסרני ולמות לא נתנני ולא בזכותי רק בזכות אבותי הקדושים: (ח) ובמראה ראיתי בעיני אדם

קצר

זייא : האט רשב"י גיזאגט דער שלאנג גייט בוודאי אונז צוא גישעהען ניסים דורך אים · איז דער שלאנג גילאפין אונ האט זיך ארום גיוויקילט אין איין בריה וואש הייסט אפעה · אונ דיא אפעה איז אזו איין נבאשעפעניש דאש אז זיא קוקט אין דעם פנים פון איין מענטש אדער אז דער מענטש קוקט אין איר פנים · שטארבט דער מענטש תיכף מחמת איר גיפט ר"ל · אונ דער שלאנג וויא ער האט זיך ארום איר ארום גיוויקילט · האבין זייא ביידע זיך גישלאגין ביז זייא זיינען ביידע גיפייגרט · וויא רשב"י מיט זיינע חברים זיינען גיקומען צוא דעם ארט האבין זייא גיזעהען וויא דיא שלאנג מיט דיא אפעה ליגין ביידע טויט: (ד) האט רשב"י גילערינט דעם פסוק לא תאונה אליך רעה השי"י איז מבטיח דעם צדיק עש וועט זיך דיר ניט טרעפין קיין בייז · אונ דרום האט גאט ברוך הוא בשאפין אלערלייא בשעפניש איטליכעש צוא זיין שליחות דאש דורך זייא היט ער דיא צדיקים אויף דעם וועג אונ אין זייערע הייזר אז קיין בייז זאל זייא ניט גישעהען דרום טאר מען ניט מבזה זיין קיין שום בשעפעניש וואש גאט ברוך הוא האט בשאפין ווארום ער האט זייא בשאפין צוא זיין שליחות · אזוא שרייבט דער זוהר · זאגט דער מחבר אונ דאש אויך מיינט דער פסוק מה רבו מעשיך ה' וויא גרויש זיינען דיינע ווערק גאט כולם בחכמה עשית אלע באשעפנעש האשטו באשאפין מיט חכמה : (ה) אונ וויל עש איז יוא אזוא · דער וואש גאט ב"ה האט אים איין גרוישין נס גיטאן מיט זיינע גרויסע חסדים דהיינו ער האט אים מציל גיוועזן פון גזלנים אדער פון פייער אדער פון וואשער אדער אנדרע גלייכין אדר ער איז גיוועזן קראנק אונ איז גיהיילט גיווארין דארף ער בוודאי מתקן זיין עפיס איין גוטע זאך כדי דאש זאל דער קענט ווערין אז ער טוט עש אויף דעם ארט וואש ער האט באדארפט ברייננען איין קרבן תודה : (ו) קום אונ זעה וואש דער הרב החסיד רבי אברהם דער בעל המחבר פון דעם ספר שבולי לקט שרייבט אין זיין הקדמה · אונ אזוא שרייבט ער איך וועל דא דר מאנן דיא וואונדער וואש גאט ב"ה האט מיר גיטאן בשעת איך בין קראנק גיוועזן · אונ בין גילעגין אויף דעם קראנקן בעט · אונ מחמת מיין גרויש ווייטאג בין איך פאר וויסט גווארין · איך האב מיר גיטראכט איך וועל שוין ניט לעבין · מיינע גידערים האבין גיברומט אין מיר אונ מיין הארץ האט גיציטערט צווישין מיר ווייל איך האב מיר דער מאנט דער וועג איז איין ווייטר וועג אונ שפייז האב איך מיר ווייניג אן גיגרייט : (ז) אונ דיא וואש זיינען גישטאנן איבר מיר צו היטן וויא מיין נשמה וועט אויש גיין · האבין גיזעהן אין מיר אז מיינע אברים אונ מיין לייב איז קאלט אונ איך בין שוין גיוועזן גוסס · די וואש זיינן גישטאנן בייא מיר האבין ארויש גישטופט מיין ווייב אונ מיינע קינדר · אונ אויך דיא איבריגע מיינע קרובים · ווייל זייא האבין בייא מיר גיזעהן די סימני מיתה אזוא וויא דער שטייגר איז אז דיא נשמה גייט ארויש פון דעם גוף · אונ דער גוף אונ מיין פנים זיינען גווארין פאר

ענדערט

קצר עומד לפני ונר דולק בידו וכהרף עין התחיל לכבות וחזר ודלק מהר לעיני ואמרתי בתחנה הגד לי אדוני מה זה שאתה עושה לפני בנר הזה והשיב האיש הנר הוא רמז נשמת אדם רמזתי לך והנה כאשר מהר חזר לדלקה כך מהרה תהיה לך רפואה וזהו שהראיתיך זה באותותי: (ט) וידוע תדע שהיו במשפט שלך מיימינים ומשמאילים ושקלו במאזנים זכות שלך ובאתי לבשרך שהאל הרחמן הוסיף ימים על ימיך ואמר למלאך הרף ידך כי עוד לאל ידו לזכות את הרבים חק חקקתי לך שביום השלישי תעמוד מחולי זה וזה המעשה היה ג׳ ימים קודם חג השבועות וכאשר פתר לי כן היה שביום ראשון דחג השבועות הלכתי לבהכ״נ וממש נעשיתי בריה חדשה ומיד אזרתי כגבור חלצי וקמתי על משמרת הקודש לחבר פירוש על התורה ונביאים וכתובים וקראתי להחיבור שבולי הלקט לזכרון עכ״ל: (י) וכה יעשה האדם כי אין לך אדם שלא נעשה לו נס בפרט בזמנים אשר הצרות מתגברים ותקראנה מלחמות עצומות חרב ורעב מצור ומצוק חלאים רבים ומי אשר האיר עליו הקב״ה חוט של חסד והצילו מכל הפגעים הנ״ל יהיה לו לזכרון תמיד חסדי ה׳ ולא להיות מכפויי טובה ולא זו בלבד אלא כל מי אשר משפיע עליו שפע של ברכה שוכה לישב בביתו בהשקט ובבטח ופרנסתו היא סדורה שצריך ליתן שבח והודיה למקום על זאת: (יא) ומה מאוד מזהיר בספר החרדים שזהו מכלל מצות עשה של הגדתי היום לה׳ אלהיך כי באתי אל הארץ (טובה) וגו׳ מכאן אזהרה גדולה על בני אדם המקבלים טובה והשפעה מהשי״ת ליתן שבח והודיה ולא לקרות קול קובלני כדרך צרי העין אשר יותר מהצורך נותן להם ה׳ מזון ומחיה וכל ימיהם הם בוכים וקובלים נגד העולם כאילו אין להם פת ולחם לאכול

ענדרט · אונ גאט ב״ה מיט זיין רחמנות האט מיך גישטראפט אבער ער האט מיך ניט גיגעבן צום טויט · ניט דורך מיין זכות נאר דורך דעם זכות פון מיינע הייליגע עלטרן: (ח) אונ איך האב גיזעהען מיט מיינע אויגין דאש פאר מיר שטייט איין קליינר מענטש אונ האלט אין זיין האנט איין ליכט וואש עש ברענט · אין איין רגע ארום האט עש אן גיהובין פאר לאשין צו ווערין אונ עש האט ווידר גיך אן גהויבן צו ברענן · האב איך גבעטין דעם מענטשין זאג מיר מיין הער וואש איז דאש וואש דוא טושט פאר מיר מיט דער ליכט · האט דער מענטש מיר געענטפערט דאש ליכט איז איין רמז אויף דיא נשמה פון דעם מענטשין אונ נן אזוא וויא דאש ליכט האט אן גיהויבן צוא ברענען אזוא גיך וועשטו האבין איין רפואה · אונ דאש איז וואש איך האב דיר גוויזן מיט מיינע צייכנש: (ט) אונ זאלשט ווישין אז בייא דיין משפט זיינן גיוועז אטייל מלאכים וואש האבין אויף דיר מלמד זכות גוועזן אונ אטייל וואש האבין מלמד חוב גיוועזן · אונ מען האט דיינע זכיות גיוואוגין אין איין וואג שאל · אונ איך בין דיר גיקומען איין בשורה זאגין אז דער בארמיגער גאט האט דיר נאך גימערט דיינע יארין אונ האט גזאגט צו דעם מלאך המות לאז אפ דיין האנט אונ נעם ניט זיין נשמה וויל ער וועט נאך מזכה הרבים זיין איין צייכן גיב איך אויך דיר · דש צום דריטן טאג פון היינט וועשטו גזונד ווערן אונ אזוא איז גיוועזן דער דריטר טאג איז גיוועזן שבועות בין איך שוין גיגאנגען אין שול אריין · אונ בין ממש גווארן וויא איין נאייע באשעפניש · האב איך תיכף אן גינורט מיינע לענדין אונ האב מחבר גוועזן דאש ספר שיבולי הלקט איין פירוש אויף תורה נביאים כתובים: (י) אונ אזו גיהער אטליכר מענטש צוא טאן · ווארום עש איז ניט פאר האנדין קיין מענטש אז עש זאל אים ניט גיטאן ווערין קיין נס · אונ בפרט אין צייטען וואש דיא צרות שטארקין זיך אונ עש טרעפין זיך מלחמות אונ הונגר אונ איינגשפאפט אונ פיל קראנקייט · אונ דער וואש גאט ברוך הוא האט אויף אים גימאכט לייכטן איין חוט של חסד אונ האט אים מציל גיוועזן פון די אלע פגעים · גיהער ער גדיינקען דיא חסדים פון גאט אונ זאל ניט זיין קיין כפוי טובה אונ איטליכר וואש גאט האט אויף אים משפיע גיוועזן איין ברכה דאש ער האט זוכה גיוועזן צו זיצן אין זיין הויז מיט שטילקייט אונ מיט זיכרליכן · אונ האט זיין גישטעלטע פרנסה מוז ער בוודאי געבין איין שבח והודיה דרויף צוא גאט ב״ה: (יא) אונ וויא זייער איז דער בעל ספר חרדים מזהיר דרויף דאש ער שרייבט אז דאש איז פון דעם כלל פון דער מצות עשה וואש די תורה האט גיהייסין אז דער וואש ברייננט ביכורים אין בית המקדש אריין זאל זאגין דעם פסוק הגדתי היום לה׳ אלהיך כי באתי אל הארץ וגו׳ איך טוא היינט זאגין צוא גאט אז איך בין ניט קיין כפוי טובה דאש איך בין גיקומען צוא איין גוט לאנד פון דעם פסוק איז איין גרוישע אזהרה אויף דיא מענטשן וואש זיינן

מקבל

לאכול וכל טוב הן בידם וכל כוונתן הוא למנוע העניים ואביונים מפתח ביתם וע"ז נאמר זה עני קרא וה' שמע ואין התפלה של עני זז עד שיעבור עליהם כוס של פורעניות שבאין המה לכלל הדלות: (יב) הגם אשר בוודאי הוא טוב לקיים אזהרת חז"ל לבלתי להתראות בפרסום בעשירות כמו שהזהיר אבינו הזקן יעקב אבינו לבניו למה תתראו אכן טוב להראות פנים של מסבירות פנים של אהבה ורצון לפני עניים ודלים ואביונים וזה הוא רצון הבורא יתברך ובפרט המאכסן בביתו עניים ודלים הגונים זוכה שהרבה נשים עקרות נפקדות בזכות שמפרנסים ומכלכלים עניים ואביונים לשם שמים: (יג) ומצינו נמי באיש זקן אחד שהיה בזמן גזירות ספרד ושפנייא ושמו ר' יחיאל והיה דר בעיר אחת על חוף הים הגדול ובהיות גזירות במדינות הנ"ל ברחו מאותה המדינה הרבה יהודים אל ארץ תוגרמא ור' יחיאל היה זקן והיה דר בעיר אשר על חוף הים והוא איש תם וישר והיה מקבל כל העניים והעשירים בסבר פנים יפות והיה מספיק להם לחם מים ומזון ומלוה אותן ונתן להם צידה לדרך ופיזר ובזבז ממון רב להוצאת האורחים: (יד) ויהי היום הגיע עת וזמן שהיו בביתו ד' זקנים הבאים מהגולה חכמים גדולים ובראותם את כבוד עשרו וגדולתו ותפארתו שהיה נדיב לב שגמל חסד עם עשירים ועניים לכל בני הגולה שאלו הד' זקנים ממנו מה בקשתך מהבורא ית' והשיב בקשתי הוא שאזכה לבנים כי לא היה לו זרע ויאמרו אליו הד' זקנים הנ"ל תהיה אתה בטוח שבתוך שנה זו יוצא מחלציך בן גדול בתורה ותקרא את שמו אברהם לסימן שעשית חסד עם זרע אברהם וכאשר הבטיחו לו כן היה שיצא ממנו בנו הגאון הגדול רבינו אברהם מפיסא והגדיל בתורה מאוד וחיבר חבורים הרבה עד כאן: (טו) וכיוצא בזה מצינו

מקבל טובה אונ השפעה פון גאט ברוך הוא זאלן זייא דער פאר אפ געבין איין שבח והודיה צוא גאט · אונ זאל ניט קלאגן אז ער האט ניט · אזוא וויא דיא קארגע לייט וואש גאט האט זייא גיגעבין פרנסה מער איידר זייא דארפין אונ פאר דעם עולם קלאגין זייא זיך תמיד אונ ויינן גלייך וויא זייא האבין קיין ברויט ניט · אונ באמת האבן זיי אלץ דאש גוטש · נאר נאר זייער כוונה איז דער מיט וואש זייא קלאגין זיך אלץ פון וועגן צוא פאר מידן ארמע לייט פון זייער הויז · אונ אויף אזעלכן ווערט גזאגט דער פסוק זה עני קרא דר דאזיגר ארום מאן רופט אונ שרייעט צוא גאט וואש דער עושר וויל אים ניט געבין קיין צדקה ויי שמע אונ גאט וועט צו הערין צו זיין תפלה אונ מאכט דעם עושר אויך ארום: (יב) חאטשע עש איז דאך בוודאי גוט צוא מקיים זיין די אזהרה פון אונזערע חכמים ז"ל אז מען זאל זיך ניט ווייזין מיט עשירות · פון דעשט וועגן גהער מען צו ווייזן איין פריילך פנים אונ ליבשאפט אונ איין ווילן פאר דיא ארמע לייט · אונ דאש איז דער ווילן פון גאט ב"ה אונ בפרט דער וואש לאזט איין שטיין אין זיין הויז ערליכע ארמע לייט דער איז זוכה אז דורך זיין זכות ווערין נפקד פיל עקרות · (יג) אונ מיר גפינן אויך דאש איין מעשה האט זיך גישראפין · בייא איין אלטן מאן וואש ער איז גוועזן אין דער צייט וואש מען האט גימאכט גרוישע גזירות אויף דיא יהודים פון ספרד אונ שפניא אונ זיין נאמן איז גוועזן ר' יחיאל

אונ ער האט גיוואונט אין איין שטאט בייא דעם ברעג פון דעם גרושין ים · אונ אז מען האט נאהר גוועזן אויף דיא יהודים פון ספרד אונ שפניא גזירות זיינען זייא אנטלאפן גווארין פון דיא מדינות אונ דער רבי יחיאל פלעגט צו נעמען אלע לייט מיט איין פריילך פנים רייכע אונ ארמע · אונ פלעגט זייא געבין גינוג עסין אונ טרינקען אונ האט זייא באלייט אונ גיגעבין שפייז אונ געלט זייא זאלין האבין אויף דעם וועג · אונ האט פיל געלט פאר שפרייט אויף דיא הוצאה פון דיא אורחים: (יד) ויהי היום זיינען גקומן צו אים פיר זקנים פון דעם גלות אונ זייא זיינען גיוועזן גרוישע חכמים · אונ וויא זייא האבן גזעהן זיין גרוש עשירות אונ זיין גדולה אונ ווי ער איז איין גרוישער נדיב לב אונ איז גומל חסד מיט ארמע אונ רייכע · האבין דיא פיר זקנים אים גיפרעגט וואש דארפשטו בעטין פון השי"ת האט ער זייא גיענטפרט מיין בקשה איז איך זאל זוכה זיין קינדער צוא האבן ווארום איך האב נאך קיין שום קינד ניט · האבן די פיר זקנים צו אים גזאגט דו זאלשט בטוח זיין אז אין היינטיגען יאר וועשטו האבין איין זון אונ ער וועט זיין אגרוישר ת"ח אונ זאלשט אים איין נאמן געבין אברהם דאש איז איין סימן אז דוא האשט גומל חסד גיוועזן מיט דיא קינדר פון אברהם אבינו אונ אזוא איז גיוועזן דאש יאר האט ער גיהאט איין זון אגרוישין גאון רבינו אברהם מפיסא אונ ער האט זייער פיל ספרים מחבר גיוועזן · (טו) אונ נאך אזעלכע גלייכין מעשיות גיפינען מיר צוא מאכין חידושין

מצינו הרבה לידע ולהודיע כי כל מעשה טוב וכשרון הקוק ורשום לפני הקב"ה לחשוב לעושיה בעוה"ז ובעוה"ב באופן שתהא כוונת העושה לשם שמים כי כן צריך כל ענין בני אדם הן המעשה הן הדיבור יהיה הכל לשם שמים ובכוונת הלב ובפרט בעניני תפלות וברכות: (טז) כדאיתא בספר חסידים מעשה באחד שמת לפני זמנו כמה שנים · ולאחר שנים עשר חודש נתגלה לאחד מן קרוביו בחלום ושאל לו היאך אתה נוהג בעולם שאתה שם אמר לו בכל יום ויום דנין אותי על שלא הייתי מדקדק לברך ברכת המוציא וברכת הפירות וברכת המזון בכוונת הלב · והממונים שדנין אותי אומרים לי להנאתך אכלת ושאלתי לו הלא אמרינן משפט רשעים בגיהנם הוא רק שנים עשר חודש בלבד וכבר עברו י"ב חודש ויותר מיום מיתתך ולמה דנין אותך אחר י"ב חודש אמר לי אין דנין אותי בגיהנם דינים חמורים אלא דנים אותי חוץ לגיהנם בדינים קלים ואומרים הממונים שזהו הכל לטובתי כדי שאזכה לחלק ג"ע ליכנס לשם וליטול חלקי במלואו · והכלל כי כל דבר שהאדם עושה הוא נרשם למעלה ועל כל דבר שכר ועונש ואשרי להיוצא זכאי מבית דין של מעלה אמן:

פרק יט **תורת** ה' תמימה משיבת נפש כאשר ניתן רשות מאתו יתברך לכל אחד מישראל לפרש מקרא הקודש כפי הבנת שכלו וכפטיש יפוצץ סלע ע"כ נוכל לומר כוונת המקרא זה להודיענו כי בעבור שתורת ה' תמימה בלתי חסרון אבר אחד מתרי"ג מצות ועל האדם מוטל לקיים תרי"ג מצות שהן נגד איבריו המחויבים עליו לעשותם מצד ההכרח לא יחסר מעשות אותם והשאר ללומדי התורה החוקים והמשפטים השייכים בהם הכל מיד ה' הטובה עליו ואז הוא משלים תורת ה' אשר היא תמימה ובעבור כן אם עבר האדם מעוה"ז בלתי השלים איבריו בעשיה ובלמוד הנזכר אז היא משיבת נפש שהנשמה היא חוזרת לבא עוד פעם בגלגול לעוה"ז וצריכה להתגלגל באדם אחר כדי שישלים חוקה ולמלאות החסרון: (ב) ובהיות כן יתבונן האדם בעצמו שהראוי ונכון אצלו שלא להתעצל בלימוד

אז איטליכע גוטע מעשה איז אויש ניקריצט אונ גיצייכינט פאר גאט ב"ה · נאר ער זאל דיא מצוה טאן לשם שמים · דען אלע זאכין פון דעם מענטשין מוז אליץ זיין לשם שמים אונ מיט דער כוונה פון דעם הארץ אונ בפרט ווען ער טוט תפלה אדער ער זאגט ברכות מוז דאש בוודאי זיין לשם שמים אונ מיט כוונה: (טז) אזו וויא דער ספר חסידים ברייננט איין מעשה דאש איינער איז נאר יונג גישטארבין אונ נאך צוועלף חדשים איז ער גיקומען צו חלום צו איינעם פון זיינע קרובים האט ער אים גיפרעגט וויא גייט עש דיר דארטין · האט דער מת אים גיזאגט אלע טאג איז מען מיך דן דרויף וואש איך האב ניט מדקדק גיוועזן צו זאגין בכוונה דיא ברכה פון המוציא אונ דיא ברכה איבער פירות אונ בענטשין · אונ דיא ממונים וואש זיינען מיך דן זאגין מיר דוא האשט גיגעשין פון דיין הנאה וועגין · האט דער קרוב אים גיפרעגט מיר זאגין דאך אז דער משפט פון דעם גיהנם איז נאר צוועלף חדשים אונ דוא בישט דאך שוין טוט מער פון צוועלף חדשים · האט דער מת אים גיענטפערט מען איז מיך נים דן אין ניהנם מיט הארבע שטראף · נאר מען איז מיך דן חוץ פון דעם גיהנם מיט גרינגע שטראף אונ דיא ממונים זאגין אז דאש אליץ איז פון מיין טובה וועגין כדי איך זאל זוכה זיין אריין צו גיין אין גן עדן אריין דארטין צו נעמן מיין חלק פאר פול: (יז) דער כלל איז אלע זאכין וואש דער מענטש טוט ווערט עש פאר צייכינט אויף דעם הימעל אונ אויף איטליכר זאך איז פאר האנדין שכר אונ עונש אונ וואול איז צוא דעם וואש גייט ארויש זכאי פון דעם ב"ד של מעלה אמן:

פרק יט אין פסוק שטייט תורת יי תמימה משיבת נפש · דען ווייל עש איז דאך גיגעבין גיווארין רשות פון השי"ת צוא איטליכין מענטשין דאש ער זאל מפורש זיין די הייליגע פסוקים וועדליג זיין שכל פאר שטייט דרום וועל איך מפורש זיין דעם פסוק · דאש דער פסוק לאזט אונז ווישין · ווייל דיא תורה פון גאט איז גאנץ עש גייט אין איר נים אפ איין מצוה פון דיא תרי"ג מצות · אונ אויף דעם מענטשין איז גיווארפין מקיים צו זיין די תרי"ג מצות דאש זייא זיינען קעגין די אברים פון דעם מענטשין · דרום אז ער איז מקיים אלע תרי"ג מצות דעמאלט מאכט ער גאנץ תורת יי אשר היא תמימה דיא תורה פון גאט וואש זיא איז גאנץ אבער אז דער מענטש איז ניט מקיים אלע תרי"ג מצות דעמאלט משיבת נפש מוז דיא נשמה ווידר קערין כלומר מוז די נשמה נאך אמאל מגולגל ווערין אויף דער וועלט כדי

במלא

בלימוד התורה וקיום המצות מאי דאפשר כי מי יודע מה יולד יום כי האדם הוא למטה וכרוזים למעלה ואינו שומע להכין עצמו וכשהכרוז יוצא ונכרז למעלה אז הימים קרובים להפרד נשמה מהגוף ופתאום ירגיש הגזר דין ע"י יסורים וכאבים של גופו המתגברין עליו ומה היתרון אליו אז אם לא הכין עצמו בעובדין טבין מקודם לזה : (ג) ואיתא בזוהר פרשת ויחי כד אתקריבו יומי דבר נש תלתין יומין מכריזין עליו בגן עדן · תאנא אלין תלתין יומין נשמתא נפקא מיניה בכל לילה וסליק וחמית דוכתהא בההוא עלמא וההוא בר נש לא ידע ולא שליט בנשמתיה כל אינון תלתין יומין כמה דהוי בקדמיתא דכתיב אין אדם שליט ברוח וגו' · א"ר יהודה מן כד שראן אינון תלתין יומין צולמא וכו' צולמא דבר נש אתחשיך ודיוקנא דאתחזי בארעא אתמנעת : (ד) רבי יצחק הוי יתיב יומא חד אפיתחא דרבי יהודה והוה עציב נפיק ר' יהודה אשכחיה דהוי יתיב ועציב א"ל מה יומא דין משאר יומין א"ל אתינא לגבך למבעי מנך תלת מילין · חד דכד תימא מ"לא דאורייתא ותדכר מאינון מילין דאנא אמינא תימר לון משמי לאדכרא שמי · וחד דתזכה ליוסף ברי באורייתא וחד דתיזיל לקיברי כל ז' יומין ותבעי בעותך עלי · א"ל מנין לך א"ל הא נשמתי אסתליקת מני בכל לילה ולא אנהיר לי בחלמא כמה דהוי בקדמייתא ותו דכד אנא מצלינא ומטינא בשומע תפלה אשגחנא בצולמא דילי ולא חמינא ואמינא דהואיל וצולמא אתעבר ולא אתחזי דהא כרוזא נפק דכתיב אך בצלם יתהלך איש ורוחיה אתקיימא בגיניה אתעבר צולמא דבר נש ולא אתחזי וכו' : (ה) א"ל ר' יהודה כל אלין מילין דאת בעי עבידנא אבל בעינא מנך דלא אתפרש מינך דבההוא עלמא תברר דוכתאי גבך כמה דהוינא בהאי עלמא בכה ר' יהודה ואמר במטו מינך דלא תתפרשנא מנאי כל הני תלתין יומין קמיה דרשב"י · אזלו

ממלא צוא זיין איר חסרון : (ב) אונ ווייל עש איז יוא אזוא גיהער-דער מענטש אליין צוא פאר שטיין דאש ער זאל זיך ניט פוילין תורה צו לערנען אלע טאג אונ די מצות מקיים זיין וויא וייט מיגלאך איז ווארום ווער ווייסט וואש מיט אים וועט זיך נאך טאן ביז אויף דער נאכט דען דער מענטש איז אונטין אונ די כרוזים ווערין אויש גירופין אויף דעם הימל אונ דער מענטש הערט דאש גאר ניט אונ פלוצלונג ווערט דער גזר דין גיפילט דורך יסורים אונ וויא טאג פון זיין גוף וואש שטארקין זיך אויף אים · אונ וואש קומט אים דערנאך ארויש פון גאר זיין געלט אז ער האט זיך פריער ניט אן גיברייט קיין גוטע מעשים : (ג) אין זהר פ' ויחי שטייט דרייסיג טאג איי דער מענטש שטארבט · רופט מען אויף אים אויש אין גן עדן גרייט אן איין חדר פאר דעם דאזיגין מענטשין מיר האבין גילערינט דיא דרייסיג טאג גייט דיא נשמה ארויש פון אים אלע נאכט אונ גייט אויף אונ זעהט איר ארט אויף יענער וועלט אונ דער מענטש ווייסט גאר ניט · אונ דער מענטש גיוועלטיגט ניט אין זיין נשמה דיא דרייסיג טאג אזוא וויא ער האט פריער גיוועלטיגט אין איר · רבי יהודה זאגט די דרייסיג טעג ווערט פינצטער די צורה פון דעם מענטשין אונ זיין שאטין גייט אוועק : (ג) רבי יצחק איז איין טאג גיזעסין אויף דער טיר פון ר' יהודה אונ איז טרויעריג גיוועזן · איז רבי יהודה ארויש גיגאנגען אונ האט גיזעהן וויא רבי יצחק זיצט אזו טרויעריג האט ער אים גיפרעגט פאר וואש ביסטו היינט מער טרויעריג פון אלע צייט · האט רבי יצחק צוא אים גיזאגט איך בין גיקומען צוא בעטין פון דיר דרייא זאכין איינש איז מיינע פשטים אונ הלכות אונ סודות וואש איך האב מחדש גיוועזן זאלשטו זייא נאך זאגין פון מיינט וועגין פון וועגין מיין נאמען זאל ווערין דער מאנט · אונ דאש אנדערע איז דו זאלשט מיין זון יוסף האלטין ביי דעם לערנען · אונ דאש דריטע איז דוא זאלשט גיין אויף מיין קבר גאנץ שבעה אונ זאלשט תפלה טאן פאר מיר האט רבי יהודה אים גיפרעגט פון וואנען ווייסטו אז דוא וועשט שטארבין האט ר"י צו אים גיזאגט דען אלע נאכט גייט מיין נשמה אויף בישיבה של מעלה אונ דיא חלומות לייכטין מיר ניט אזוא וויא פריער אונ אז איך דאווין אונ גרייך צוא שומע תפלה וויל איך זעהן מיין שאטין אונ זעה אים ניט דרום ווייש איך אז מען האט גוויש אויף דעם הימל אויש גירופין אז איך זאל שטארבין : (ה) האט רבי יהודה צו אים גיזאגט די אלע זאכין וואש דוא בענטשט מיך וועל איך זיי טאן נאר איך בעט דיך דו זאלשט זיך ניט אפ שיידין פון מיר · דאש אויף יענר וועלט זאלשטו אויש דער ווילין מיין אורט לעבין דיר אזו וויא מיר זיינען גיוועזן חברים אויף דער וועלט · האט רבי יהודה גוויינט אונ האט גיזאגט צו רבי יצחק איך בעט פון דיר מיר זאלין זיך

(ו) אזלו כחדא לגביה דרשב"י אשכחו דהוי לעי באורייתא זקיף רשב"י וחמא למלאך המות דרקיד ורהיט קמיה דרבי יצחק קם רשב"י אחיד בידיה דרבי יצחק ואמר גוזרני מאן דרגיל למיעול ייעול ומאן דלא רגיל לא ייעול אעלו רבי יהודה ור' יצחק ומלאך המות נטיר ליה לבר אשגח רשב"י וחמא דעד כאן לא מטי זימניה דעד תמניא שעתין ביומא הוי זמניה· אותביה רשב"י לרבי יצחק קמיה והוי לעי באורייתא אמר רשב"י לרבי אליעזר בריה תיב אפתחא ומאן דתחמי לא תשתעי בהדיה ואי בעי למיעל אומי אומאה (פירוש השבע השביע אותו) דלא ייעול אמר רשב"י לרבי יצחק חמית דיוקנא דאבוך יומא הדין דהא תנינן בשעתא דבר נש יסתליק מעלמא אבוי וקריביה משתכחין תמן עמיה וחמא לון ואשתמודע לון וכל אינון דהווין מדוריה לגביה בההוא עלמא בדרגא חד כולהון מתכנפין לחברא עמיה ואזלו עם נשמתא עד אתר דתשרי באתריה אמר ליה רבי יצחק לא חמינא עדיין: (ז) אדהכי קם רבי שמעון בן יוחאי ואמר מאריה דעלמא אשתמודע רבי יצחק לגבן דאיהו מז' עיינין דהכא הוא הא אחידנא ביה והב ליה נפק קלא ואמר בוצינא דכורסיה דמרא קריביה בגדפוהי דרבי שמעון הא דידך הוא ועמיה תיתי בזמנא דתיעלין למשרי בדוכתיך אמר רבי שמעון בן יוחאי ודאי אדהכי חמא רבי אלעזר דאסתליק מלאך המות ואמר ליה קפיטרא דטפסא באתר דרשב"י שכיח אמר רשב"י לרבי אלעזר בריה עול ואחיד ביה ברבי יצחק דהא חמינא ביה דמסתפי עאל רבי אלעזר ואחיד ביה ורבי שמעון אהדר אנפוי ולעי באורייתא· (ח) נאים רבי יצחק וחמי לאבוה א"ל זכאי ברי חולקך בעלמא דאתי דהא בין טרפי אילנא דחיי דגן עדן אתייהב אילנא רבא ותקיפא בתרין עלמין דהא רבי שמעון בן יוחאי הא אחיד לך בכנפיה זכאה חולקך ברי א"ל רבי יצחק ומה אנא התם אמר ליה תלת יומין הוו דחפוי אידרא דמשכבך ותקינו לך פתיחין לאנהרא לך

מארבע

זִיךְ דִיא דְרַייסִיג טֶעג אוֹיךְ נִיט צוּא שֵׁיידִין אוּנ לָאמִיר גֵיין זִיצִין פַאר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי: (ו) זַיינֶען זַייא בֵּיידֶע גִיגַאנְגֶען צוּא רשב"י הָאבִּין זַייא אִים גִפוּנֶן דָאשׁ עֶר לֶערִינְט תּוֹרָה· הָאט רשב"י זִיךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט אוּנ הָאט גִיזֶעהֶען וִויא דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת טַאנְצְט אוּנ שְׁפְּרִינְגְט פַאר רַבִּי יִצְחָק· הָאט רשב"י אָן גִינוּמֶען דֶעם רַבִּי יִצְחָק אִין זַיין הַאנְד· אוּנ הָאט גִיזָאגְט אִיךְ בִּין גוֹזֵר דֶער וָואשׁ אִיז גִיוואוֹנְט תָּמִיד אַרַיין צוּ גֵיין צוּא מִיר· דֶר זָאל הַיינְט אוֹיךְ אַרַיין גֵיין· אָבֶּר דֶר וָואשׁ אִיז נִיט גִיוואוֹנְט אַרַיין צוּא גֵיין· דֶער זָאל הַיינְט אוֹיךְ נִיט אַרַיין גֵיין· דָאשׁ הָאט עֶר גִמֵיינְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת זָאל נִיט אַרַיין גֵיין· זַיינֶען רַבִּי יִצְחָק אוּנ רַבִּי יְהוּדָה אַרַיין גִיגַאנְגֶען אוּנ דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אִיז גִיבְּלִיבֶּן שְׁטֵיין אוֹיף דְרוֹישִׂין הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶזֶעהֶן בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז רַבִּי יִצְחָק הָאט נָאךְ צוּא לֶעבִּין בִּיז דִיא אַכְטֶע שָׁעָה אוֹיף דֶעם טָאג· הָאט רשב"י גִיזֶעצְט דֶעם רַבִּי יִצְחָק לֶעבִּין זִיךְ אוּנ הָאבִּין גִילֶערִינְט תּוֹרָה· הָאט רשב"י גִיזָאגְט צוּ זַיין זוּן ר"א זִיץ דוּא אוֹיף דֶער טִיר· אוּנ וָואשׁ דוּא וֶועשְׁט זֶעהֶן זָאלְשְׁטוּ נִיט רֵיידִין מִיט אִים· אוּנ אוֹיבּ עֶר וֶועט וֶועלִין אַרַיין גֵיין זָאלְשְׁטוּ אִים בַּשְׁוֶוערִין עֶר זָאל נִיט אַרַיין גֵיין· הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גִיזָאגְט צוּ רַבִּי יִצְחָק הָאשְׁטוּ הַיינְט גֶזֶעהֶן דָאשׁ גִישְׁטַאלְט פוּן דַיין פָאטֶר· וָוארוּם מִיר הָאבִּין גִילֶערִינְט אַז אִין דֶער צַייט וָואשׁ דֶער מֶענְטְשׁ בַּדַארְף שְׁטַארְבִּין קוּמְט צוּ אִים זַיין פָאטֶער אוּנ זַיינֶע קְרוֹבִים אוּנ עֶר דֶער קֶענְט זַייא· אוּנ אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים זַאמְלֶען זִיךְ אַלֶע אַיין צוּ בַּהֶעפְטִין זִיךְ מִיט אִים· אוּנ גֵייעֶן מִיט דֶער נְשָׁמָה בִּיז אִיר אָרְט וָואשׁ אִיז צוּא אִיר אָן גִיבְּרֵייט אִין גַן עֵדֶן· הָאט רַבִּי יִצְחָק צוּ אִים גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ זַייא נָאךְ נִיט גִיזֶעהֶען: (ז) דֶער וַוייל אִיז רשב"י אוֹיף גִישְׁטַאנֶן אוּנ הָאט גִיזָאגְט הֶער פוּן דֶר וֶועלְט לָאז רַבִּי יִצְחָק בְּלַייבִּין בַּייא אוּנְז דֶען עֶר אִיז אַיינֶער פוּן דִיא זִיבִּין אוֹיגִין וָואשׁ לַייכְטִין אִין דֶער וֶועלְט· אִיךְ הַאלְט אִים אָן אוּנ וִויל אִים נִיט לָאזִין שְׁטַארְבִּין בֶּעט אִיךְ דִיךְ גִיבּ אִים אוּנְז כְּלוֹמֶר לָאז עֶר בְּלַייבִּין לֶעבִּין· אִיז אַרוֹישׁ גִיגַאנְגֶן אַיין בַּת קוֹל אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ רשב"י דוּא הַיילִיגֶע לִיכְט· רַבִּי יִצְחָק אִיז דִיר גִישֵׁיינְקְט דָאשׁ עֶר בְּלַייבְּט לֶעבִּין בִּיז דֶעם טָאג וָואשׁ דוּא וֶועשְׁט שְׁטַארְבִּין וֶועשְׁטוּ מִיט אִים קוּמֶען· הָאט רשב"י גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל אִים שׁוֹין דֶענְמָאלְט בְּוַודַאי בְּרֵיינְגֶען· דֶער וַוייל הָאט ר"א גִיזֶעהֶן וִויא דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִיזָאגְט אִין דֶעם אָרְט וואוּ רשב"י אִיז הָאבּ אִיךְ קַיין רְשׁוּת נִיט צוּ זַיין הָאט רשב"י גִיזָאגְט צוּא זַיין זוּן ר"א גֵייא צוּ רַבִּי יִצְחָק אוּנ לֶערִינְט בֵּיידֶע תּוֹרָה· הָאבִּין זַייא אַזוֹ גִיטָאן: (ח) אִיז רַבִּי יִצְחָק אַנְדְרֶעמִילְט גִיוָוארִין אוּנ הָאט גִיזֶעהֶן זַיין פָאטֶר· הָאט דֶער פָאטֶער צוּא אִים גִיזָאגְט מַיין זוּן וואוֹל אִיז דַיין חֵלֶק אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט דֶען צְוִוישִׁין דִיא בְּלֶעטֶער פוּן דִי בּוֹימֶר

פון

מארבע סיטרין וחמינא דוכתך וחדינא ואמינא זכאה חולקך וגו' והא השתא הוי זמינין למיתי לגבך הריסר צדיקייא חבריא ועד דהוינא נפקא אתער קלא בכולהו עלמין מאן חברייא דקיימא הכא ולילך נגד נשמת רבי יצחק ללות נשמתך לג"ע איתעטרו (פירוש סליקו) וחזרו לדוכתיהון דרשב"י שאל שאילתא ואתייהב ליה ולא דא בלחודוי גדול כח דרשב"י אלא אף זו שנותנין לו שבעין וכו' דהא שבעין דוכתא מתעטרא הכי דיליה וכל דוכתא ודוכתא פתחין פתחין לשבעין עלמין וכל עלמא ועלמא לשבעין רהיטין (פירוש מלאכים ממונים על עולמות של מלאכים ולפי שהם רצים ושבים בשליחות של מלך מלכי המלכים הקב"ה על כן נקראים רהיטין) וכל רהיטא ורהיטא אתפתח לשבעין כתרין עילאין ומתמן אתפתחא אורח לעתיק סתימא דיוכלו למיחמיה בההוא נעימותא עילאה דנהרא ומהנייא לכולא כד"א לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו מהו ולבקר בהיכלו היינו דכתיב בכל ביתי נאמן הוא א"ל אבא כמה זמנא יהיבו לי בההוא עלמא א"ל ברי לית רשות לגלאה לבר נש אבל בהלולא דרשב"י (ר"ל ביום פקודתו של רשב"י) תהא מתקן פתוריה כו': (ט) אדהכי אתער רבי יצחק וחמא היאך אנפוי נהירין חמא רשב"י ואסתכל באנפוי דר' יצחק אמר ליה מילתא חדתא שמעתא א"ל וודאי סח ליה ואשתטח ר' יצחק קמיה דרשב"י ולא היה זז מיניה ותמיד הוי לעי באורייתא ורשב"י לא הוי שבקיה לרי' מההוא יומא כד הוי אעיל קמיה דרשב"י הוי קרי קמיה ה' עשקה לי ערבני ר"ל שהוא תפלת חזקיה מלך יהודה בחליו ה' עשק אותי (פירוש לקחני מיד מלאך המות) וערבני להצילני (והוא שפירש רשי' ד"ל עיין ישעיה סימן ל"ח) כי רבי יצחק אמר זה דרך שבח והודיה להקב"ה שעשק אותו מיד מלאך המות והצילו עד כאן: (י) והנפקותא מזה שצריך האדם להתפלל על זה לעת מצוא ויכוין באמירתו שתוציאני משלום אל שלום (ותפלה זו היא נזכרת בתפלת מעמדות ביום ב' ע"ש) שנזכה למיתת הצדיקים דכיון שמת צדיק באים לקראתו צדיקים הרבה מג"ע ללות את נשמתו והוא נותן להם שלום ואח"כ כשהולכין ללות הנשמה אף מלאכים ג' כתות באים ואומרים שלום שלום על משכבו וזהו סוד ותוציאנו משלום אל שלום:

איתא

פון דעם גן עדן איז דיין ארט דוא בישט איין גרוישער אונ איין שטארקער בוים אין ביידע וועלטין ווארום רשב"י האלט דיך אן מיט זיינע פליגעל וואול איז דיין חלק מיין זון · דען דריי טאג האט מען גצירט דיין חדר מיט אבנים טובות · אונ מען האט דארטין גימאכט פענצטער פון דיינט וועגין כדי דיא ליכט פון השי"ת זאל דיר שיינן פון אלע פיר זייטין אונ איך האב גיזעהן דיין ארט אונ האב מיך גיפרייט אונ האב גיזאגט וואול איז דיין חלק אונ ביז איצונד זיינן גיוועזן אן גיברייט צוועלף צדיקים פון דער חבריא דיר אנטקעגין צוא גיין · אונ איי איך בין ארויש גיגאנגען גיין צוא דיר · איז ווארין דער וועקט איין קול אין אלע וועלטין וועלכער פון דיא חבריא וואש שטייען דא צוא גיין אנטקעגין דיא נשמה פון רבי יצחק צוא בלייטין זיין נשמה אין גן עדן ארייןקערט אלע זיך אום קאריק ווארום רשב"י האט גיבעטין פר אים ער זאל נאך בלייבן לעבן האט רבי יצחק אים גיזאגט מיין פאטער וויפל צייט האבין מיר נאך צו לעבין אויף דער וועלט · האט זיין פאטער אים גיזאגט איך האב קיין רשות ניט דיר דאש מגלה צו זיין · אבר זאלשט ווישין ווען רשב"י ווערט נפטר ווערין דענמאלט וועשטו אויך נפטר ווערין: (ט) דער וויל האט רבי יצחק זיך אויף גיכאפט אונ זיין פנים האט גילויכטין · האט רשב"י גיזעהן אונ גיקוקט אין זיין פנים האט ער צוא אים גיזאגט דוא האשט גמוזט הערין עפיש אנייע זאך וואש דיין פנים לייכט אזו · האט רבי יצחק אים דער ציילט די גאנצע מעשה · אונ רבי יצחק איז שוין גיבליבין ביי רשב"י אונ האבין אלע צייט גילערנט תורה פון דעם טאג אן אז רבי יצחק פלעגט ארייין קומן צו רשב"י פלעגט ער פאר אים לערנען דעם פסוק כלומר ער פלעגט זאגין דער פסוק איז אויף מיר מקוים גיווארין ה' עשקה לי ערבני גאט האט מיך אוועק גירויבט פון דעם מלאך המות אונ האט פאר מיר ערוב גיוועזן דעם מלאך המות · (י) דער פון קען מען אפ לערנן אז איטליכער מענטש מוז מתפלל זיין פאר גאט אז ער זאל אים אויש ציהען פון שלום צוא שלום אונ דיא תפלה שטייט אין די מעמדות פון דעם אנדערין טאג דאש די תפלה איז מיר זאלין זוכה זיין צוא דער מיתה וויא דיא צדיקים האבין דען אז איין צדיק שטארבט קומען אים אנטקעגין פיל צדיקים פון דעם גן עדן צוא בלייטין זיין נשמה אונ ער גיט זייא שלום דער נאך אז זייא גייען בלייטין דיא נשמה קומן נאך דרייא כתות מלאכים אונ זאגין אים שלום שלום זאל אים זיין אויף זיין גילעגער אונ דאש מיינט דער פסוק ותוציאני משלום אל שלום אונ דוא

זאלשט

**פרק כ איתא** בגמרא דברכות תפלות אבות תקנום ודרז״ל אברהם תקן תפלת שחרית כנגד זה תקנו מגן אברהם יצחק תקן תפלת מנחה כנגד זה תקנו לומר מחיה מתים יעקב תקן תפלת ערבית כנגד זה תקנו האל הקדוש ולכן כל הברכות ע״ש ג׳ ברכות הראשונות נקראו ואבות תקנו אותן ולכן צריך כל אדם להזהר להתפלל על כל פנים תפלת ש״ע בכוונה אמנם בעבור טורח של אחב״י לאו כולי עלמא גמירי בכוונת העמק להתפלל ועל כל פנים ילבש האדם חרדה ויראה גדולה באומרו אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב כי גדול זכותן מאוד ותפלתם מקיימים אותנו: (ב) ואיתא בזוהר פ׳ ויחי אמר רבי יהודה כמה אטימין בני עלמא דלא ידעין במילוי דעלמא והיאך הקדוש ברוך הוא אשתכח עלייהו בכל זמין ועידן ולית מאן דישגח תלת זמנין ביומא עאל רוחא חדא במערתא דכפילתא ונשיב בקברי דאבהתא ואתחיין גרמייהו וקיימין בקיומא וההוא רוחא וכו׳ וטלא נחית ומתערן אבהן תאנא ההוא רוחא נחית בדרגין ידיען דרגא בתר דרגא ומטו לג״ע התחתון ובבוסמין דג״ע שאט האי רוחא ועייל בפתחא דמערתא כדין מתערין האבות ואמהות ומצליין על בנייהו ואליהו הנביא נותן מים על ידיהן קודם תפלתן וג׳ פעמים הן מתפללין בכל יום על ישראל ובכל פעם נותן אליהו ז״ל מים על ידיהם וכו׳ עד כאן: (ג) מזה תראה כח קדושת הנטילה שקודם התפלה שהוא אומנתו של אליהו הנביא ליתן וליצוק מים על ידי האבות על כן צריך העולם להזהר שיתן אדם כשר מים על ידי מי שצריך להתפלל ולא על ידי רשע כשנוטלין לתפלה ונחזור לענין שהתחלנו לדבר בזכות האבות שהוא גדול בעיני הקדוש ברוך הוא כל מי שזוכר האבות בתפלתו בכוונה הוא ענין חביב מאוד ומסוגל בכל עת צרה שיגיע ח״ו לאיזה אדם כיון שתפלתו היא בכוונה ומתוך עומק הלב ואומר רבונו דעלמא זכור ברית אבות ואמהות והשבטים באופן ובתנאי

שלא

זאלשט אונז אויש ציהען פון שלום צוא שלום: פרק כ עש שטייט אין גמרא ברכות · דיא תפלות האבין אונזערע אבות מתקן גיוועזן · אברהם האט מתקן גיוועזן דיא תפלת שחרית אנטקעגן דעם האבין דיא חכמים מתקן גיוועזן דיא ברכה פון מגן אברהם יצחק האט מתקן גיוועזן דיא תפלת מנחה קעגין דעם האבין דיא חכמים מתקן גיוועזן מיר זאלין זאגין דיא ברכה פון מחיה המתים · יעקב האט מתקן גיוועזן דיא תפלת ערבית · קעגין דעם האבין דיא חכמים מתקן גיוועזן מיר זאלין זאגין דיא ברכה האל הקדוש דרום מוז איטליכר מענטש גיווארנט זיין מתפלל צוא זיין חאטשי שמונה עשרה מיט כוונה · נאר מחמת דיא טרחא פון דיא ישראל · דרום קענן ניט אלע דיא טיפע כוונות פון שמונה עשרה · זאל דער מענטש על כל פנים זיך אן קליידין ציטרניש אונ גרויש פארכט אז ער זאגט אלהי אברהם ואלהי יצחק ואלהי יעקב · דען זייער זכות איז זייער גרויש · אונ דורך זייער תפלה האבין מיר אקיום: (ב) אונ אין זוהר פרשת ויחי שטייט רבי יהודה זאגט וויא פאר שטאפט עש זיינען דיא הערצער פון דיא לייט דאש זייא ווייסין ניט אין דיא זאכין פון דער וועלט אונ וויא גאט ב״ה ווערט גפונען אויף דער וועלט אלע טאג אונ אלע רגע · אונ קיינער פרעגט ניט · דען דרייא מאל אין טאג גייט אריין איין ווינט אין דער מערת המכפלה · אונ ווייעט אין דיא קברים פון אברהם יצחק ויעקב · אונ זייא ווערין לעבדיג אונ שטייען אויף מיר האבין גילערינט דער ווינט קומט פריער אין גן עדן התחתון אריין אונ מיט דיא בשמים פון דעם גן עדן ווייעט דער ווינט ביז ער קומט אין דער מערת המכפלה · אונ איז מחיה דיא אבות אונ דיא אמהות · ווערין זייא דער וועקט אונ שטייען אויף אונ בעטין אויף זייערע קינדער · אונ אליהו הנביא גיסט אויף וואשר אויף זייערע הענט פאר דער תפלה · אונ דרייא מאל אין טאג זיינן זייא מתפלל אויף זייערע קינדער אונ אלע מאל גיסט אליהו הנביא אויף וואשער אויף זייערע הענט · (ג) נוא פון דאנען קען מען זעהען וויא גרויש עש איז דאש היליקייט פון וואשין דיא הענט פר דעם דאבנן דען דאש איז דאש אומנות פון אליהו הנביא ער זאל געבין אונ גיסן וואשר אויף דיא הענט פון דיא אבות · דרום מוז דער מענטש נזהר זיין אז איין אדם כשר זאל אויף גיסן וואשער אויף דיא הענט פון דעם וואש דארף תפלה טאן · אבער ניט קיין רשע זאל אויף גיסן דיא וואשר · אונ לאמיר ווידער קערין צום ענין וואש מיר האבין פריער גישריבן פון דיא זכות אבות וואש עש איז זייער גרויש ביא הקב״ה איטליכער וואש דער מאנט דיא אבות אין זיין תפלה מיט כוונה איז דאש זייער גיליבט פאר גאט ב״ה · אונ עש איז זייער מסוגל אין איטליכער

עת

שלא יפיר ברית אבותינו אשר התהלכו בתמים לפני הקדוש ברוך הוא ומסוגל תפלה זו מאוד לאנשים צדיקים ותמימים: (ד) מה שאין כן אם האדם מסלף דרכו ולא נהג עצמו כמו האבות הקדושים ומתנהג עצמו בגאוה ואוחז מדת הקנאה וחומד ממון שאינו של יושר והולך בדרכי זימה ח״ו כדאי הוא שיבוש ויכלם אחר צאת נשמתו ע״ז התפללו הקדמונים ז״ל יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו ואלהי אבותינו שלא נחטא ולא נבוש ולא נכלם מאבותינו ובשביל הבושה לא יוכל לבא לפני המלך מ״ה כי נשמתו היא ערטילאי בלא לבוש כדאיתא בזוהר שם ת״ח ווי לון לבני נשא דמסתכלין ולא ידעין ולא אשתמודען על מה קיימא עלמא וכו׳ דמכל פיקודא דאורייתא עבדין ליה לבוש יקר להאי עלמא וכולהו איצטרכין ליה לבר נש ומן כל יומא דעבד עובדין טבין נעשין הלבושים ואיתא שם: (ה) רבי יהודה סבא אתרגיש בדעתא יומא חד אחזין ליה בחלמין דיונקא מנהורא דיליה דהוי נהיר לארבעה סיטריהון אמר להו מאי האי אמרי ליה דא הוא לבושי דילך הוא לדיורא הכא ומהאי יומא הוי חדי אמר רבי יהודה כל יומא ויומא רוחין דצדיקיא יתבין בלבושיהון דרין בגן עדן ומשבחין להקדוש ברוך הוא ביקרא עילאה הה״ד אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך וזהו מדת הצדיקים אשר הן תמיד חרדים ויראים ומתיראים שלא לקבל בזיון בעולם הבא ממעשיהם שהיו עושין בעולם הזה וכל מעשיהם הטובים יחשבו בעיניהם כטפה מן הים נגד רוע מעלליהם: (ו) גם מדת הצדיקים להוכיח את הרשעים בראותם איזה חילול השם או מעשיהם הרעים אשר הם מרשיעים לבני אדם אף שיש לחוש פן ירדפו אחר המוכיח ברדיפה מסוכנת אף על פי כן לא יראה לו פנים שוחקות כי אם פנים זועפות שמבין בעצמו שמעשיו אינם ישרים בעיניו ויצטער בלבו על מה שזה הרשע מכעים את בוראו ובלבבו יבקש שיהפך הקב״ה לבבו ויטהו לדרך היראה וזהו חיוב לעבדי

עת צרה וואש קומט ח״ו צוא איין מענטשין · דען וייל זיין תפלה איז בכוונה אונ ער זאגט רבונו דעלמא דער הער פון דער וועלט זכור ברית אבות ואמהות והשבטים גידיינק דעם ברית פון דיא אבות אונ אמהות אונ דיא שבטים · ווערט ער ניצול פון דער צרה · נאר באופן ער זאל ניט פאר שטערין דעם ברית פון אונזערע עלטרין וואש זייא זיינען גיגאנגען מיט גאנצקייט פאר גאט ב״ה איז דיא תפלה זייער מסוגל צוא דיא צדיקים אונ תמימים: (ד) אבער אז דער מענטש פאר קרימט זיין גוטין וועג אונ פירט זיך ניט אזוא וויא דיא הייליגע אבות אונ פירט זיך מיט גאוה · אונ האט דיא מדה פון קנאה אונ גילוסט ניט קיין יושר געלט · אונ גייט אין דיא וועגין פון זנות ח״ו · איז כדאי ער זאל פאר שעמט ווערין נאך דעם אז זיין נשמה וועט ארויש גיין פון אים · דאש דרויף האבין דיא ערשטע חסידים מתפלל גיוועין יהי רצון עש זאל זיין דער ווילין פון דיר גאט אונזער גאט אז מיר זאלין ניט זינדיגן · אונ זאלין ניט פאר שעמט ווערין פאר אונזערע עלטרין · אונ פון וועגין דער בושה וועט ער ניט קענין קומען פאר גאט וייל זיין נשמה איז נאקיט אן איין לבוש אזוא וויא עש שטייט אין זוהר · קום אונ זעה ווייא איז צוא דיא מענטשין וואש וויסין ניט אויף וואש דיא וועלט שטייט · דען פון אלע מצות פון דער תורה ווערט איין טייערער מלבוש צוא דער נשמה אויף עולם הזה · אונ אויף עולם הבא דארף דער מענטש זייא אלע: (ה) צוא רבי יהודה סבא האט מען אמאל גיוויזין אין חלום איין גשטאלט פון זיין ליכט וואש האט גילייכט אין אלע פיר זייטין · האט ער גפרעגט וואש איז דאש · האבין זייא צוא אים גיזאגט דאש זיינען דיינע מלבושים וואש דוא האשט דיר גימאכט מיט דיינע מצות · אונ פון דעם טאג אן האט ער זיך גיפרייט · האט רבי יהודה גיזאגט אלע טאג זיצין אין גן עדן שורות וויז נשמות פון דיא צדיקים מיט זייערע מלבושים · אונ זייא לויבן צוא גאט ב״ה · אונ דאש איז דיא מדה פון דיא צדיקים · וואש זייא שרעקין אונ פארכטין זיך תמיד זייא זאלין ניט האבין בושה אויף עולם הבא דורך זייערע מעשים וואש זייא האבין גיטאן אויף עולם הזה אונ אלע זייערע גוטע מעשים זיינען גירעכנט אין זייערע אויגין קעגן זייערע עבירות וויא איין טיפה פון דעם ים: (ו) אויך איז דיא מדה פון דיא צדיקים צוא שטראפין מיט רייד דיא רשעים אז זייא זעהען עפיש איין חילול השם · אדער זעלכע שלעכטע מעשים וואש זייא מאכין נאך אנדערע שלעכט · אונ חאטשע דאש טוט אזוא איין מענטש וואש עש קען זיין ער זאל נאך יאגין דעם צדיק וואש איז מוכיח פאר דער עבירה מיט איין רדיפה פון סכנות נפשות · פון דעשט וועגין וועט דער צדיק אים ניט ווייזין קיין פריילך פנים נאר איין צארינדיי פנים

לעבדי ה׳ הנאמנים להוכיח את הרשעים ולהצטער ברואם או בשמעם רוע מעלליהם של הרשעים: (ז) וענין זה הוא מבואר בזוהר שם וז״ל רבי יהודה ורבי יצחק הוי אזלי כחדא באורחא אמר רבי יהודה כתיב לא תירא לביתה משלג כי כל ביתה לבוש שנים האי קרא רבי חזקיה חברנו אוקים ביה דאמר דינא דחייבא הוא תריסר ירחין פלגא מינייהו איתדין בחמין ופלגא מינייהו בתלגא בשעתא דעאלין לנורא אמרו דא היא גיהנם ודאי עאלין לתלגא אמרי דא תתפי דסיטא (פירוש קרירות החורף) והרשעים שמחין ואומרין יש לנו נחת רוח שבאנו אחר דין האש למקום קר אבל הן אינן יודעין שבתלגא שהוא השלג נגמר דינם וסובלין שם עונשים קשים ומרים יכול אף לצדיקים כן שיהיו נידונין בשלג תלמוד לומר לא תירא לביתה משלג כי כל ביתה לבוש שנים אל תקרי לבוש שנים בקמץ אלא (שנים) מילה ופריעה ציצית תפילין מזוזה נר חנוכה וכו׳: (ח) עד דהוי אזלי פגעו בהאי ינוקא דהוי אזיל בקיסטרא דחמרא וחד סבא רכיב (פירוש התינוק היה מנהיג את החמור והזקן היה יושב ורוכב על החמור) אמר האי סבא להאי ינוקא ברי אמור לי קרא אמר ליה קרא לאו חדא הוא אלא תיב לתתא או ארכיב לקמך ואימא לך אמר לא בעינא דאנא סבא ואנת טלייא דאתקיל גרמי בהדך אמר ליה אי הכי אמאי שאילת קרא אמר בגין דניזיל ארחא אמר תיפח רוחא דההוא סבא הוא רכיב ולא ידע מלה ואמר דלא יתקל בהדי אתפריש מהאי סבא ואזיל ליה לאורחא כד מטו רבי יהודה ורבי יצחק קריב לגבייהו ושאילו ליה וסח להו עובדא: (ט) אמר רבי יהודה שפיר עבדית זיל בהדן וניתוב הכא ונשמע מלה מפומך אמר ינוקא לעי אנא דלא אכילנא יומא
דין

פנים דאש דער רשע זאל פאר שטיין אז זיינע מעשים גיפעלין ניט דעם צדיק · אונ דער צדיק איז זיך מצער אין זיין הארץ וואש דער רשע דער צארינט זיין בשעפער · אונ אין זיין הארץ טוט ער בעטין אז גאט ב״ה זאל פאר קערין דאש הארץ פון דעם רשע אונ זאל אים נייגין צוא דעם וועג פון יראה: (ז) אונ דער ענין איז בשייד אין זוהר · רבי יהודה אונ רבי יצחק זיינען גגאנגן אין וועג האט רבי יהודה גיזאגט עש שטייט אין משלי לא תירא לביתה משלג איר הויז גיזינד טוען זיך ניט פארכטין פאר דער קעלט פון שנייא כי כל ביתה לבוש שנים ווארום איר גאנצע הויז גיזינד איז בקלייד מיט רויטין פאדים כלומר מיט גוטע קליידר · דעם פירוש פון דעם פסוק האט רבי חזקיה אונז גזאגט דען דער דין פון דיא רשעים איז צוועלף חדשים · זעקס חדשים ווערין זייא גימשפט אין פייער · אונ זעקס חדשים אין שנייא·אין דר צייט אז זייא קומן אין פייער ארייז זאגין זייא דאש איז גוויש דער גיהנם · קומן זייא דער נאך אין שנייא ארייז זאגן זייא דאש איז דיא קעלט פון דעם ווינטר · אונ פרייען זיך אונ זאגין מיר האבין נחת רוח וואש מיר זיינען גיקומן צוא איין קאלטין ארט נאך דעם דין פון פייער · אבער זיי ווייסן ניט אז אין דעם שנייא ווערט נגמר זייער שווערער דין אונ זייא ליידן ביטרע אונ שווערע שטראף: וואלט איך גיוואלט מיינן אז צוא דיא צדיקים איז אויך אזוא · שטייט אין פסוק לא תירא לביתה משלג כי כל ביתה לבוש שנים זאלשטו ניט לערנן לבוש שנים נאר לבוש שנים דאש איז גימיינט דיא וואש האלטן דיא מצות פאר ווייש · מילה אונ פריעה · ציצית אונ תפילין · מזוזה נר חנוכה · אונ נאך פיל וועלכע גלייכן: (ח) וויא זייא זיינען אזו גיגאנגען · האבין זייא בגעגינט אין איין קינד וואש האט גיפירט איין אייזל · אונ איין אלטער מאן האט גירימן אויף דעם אייזל · האט דער אלטר גיזאגט צוא דעם קינד · מיין זון זאג מיר איין פסוק · האט דאש קינד צוא אים גיזאגט ניט איין פסוק שטייט אין דער תורה · נאר גייא אראפ פון דעם אייזל וועלין מיר בידע גיין וועל איך דיר זאגין איין פסוק אדער לאז מיך רייטין אויף דעם אייזל וועל איך דיר אויך זאגין איין פסוק האט דער אלטר גיזאגט איך וויל ניט ווארום איך בין אלט אונ דוא בישט יונג קענשטו בעשר גיין אז איך · האט דאש קינד צוא אים גיזאגט פון וועגין דען היישטו מיר זאגין איין פסוק · האט דר אלטר גיזאגט פון וועגין דער וועג זאל אוועק גיין כלומר כדי דער וועג זאל ניט אומעטיג זיין · האט דאש קינד גיזאגט דער אלטר רייט אונ ווייסט אפילו ניט קיין פסוק אין דער תורה · איך וועל מיך אפ שיידין פון אים · אונ אזו האט ער גיטאן אונ האט גינעהנט צו רבי יהודה אונ רבי יצחק · האבין זייא אים גיפרעגט ווארום ער האט זיך אפ גישייד פון דעם אלטן מאן · האט דאש קינד זייא דער ציילט דיא גאנצע מעשה: (ט) האט רבי יהודה גיזאגט רעכט האשטו גיטאן · גייא מיט אונז אונ לאמיר זיך דא זעצין וועלין מיר הערין דברי תורה פון דיין מויל האט דאש קינד גיזאגט איך בין מיד ווייל איך האב היינטיגן טאג ניט גיגעסן
האבין

דין אפיקו נהמא ויהבו ליה אתרחיש ניסא ואשכחו חד מעיינא דמיא תחות אילנא ושתו מיניהו פתח האי ינוקא ואמר כתיב לדוד אל תתחר במרעים אל תקנא בעושי עולה אל תפנה להסתכל במעשה הרשעים כי שמא לא תוכיח אותן ותענש בשביל כן כי כל מאן דחמי עובדיהון דרשיעי ולא מוכיחן עובר על תלת לאוין בגין כך בעי ליה לבר נש לאתפרשא מנייהו ולמסטי אורחא מינייהו על כן אתפרשנא וסטינא אורחא מכאן ולהלאה דאשכחנא לכו האי קרא אימא קמייכו: (י) פתח ואמר ויקרא אל משה באל"ף זעירא בגין דהאי קריאה לא הוי בשלימו מאי טעמא דלא הוי אלא בארעא דחוצה לארץ בגין דשלימו לא אשתכח אלא בארעא קדישא והגיד להם עוד סודות גדולות אתו רבי יהודה ורבי יצחק ונשקו על ראשו ואמרו בריך רחמנא דזכינא למשמע דא ובריך רחמנא דלא אתאבידו מילין אלין בההוא סבא קמו ואזלו עד דהוי אזלו חמו חד גפן נטוע בחד גינא פתח האי ינוקא ואמר אוסרי לגפן עירה ולשורקה בני אתונו והענין כי עיר ואתון הן שני קליפות תקיפות וכדי להחליש כחן שלא ישמשו את העולם צר הקדוש ברוך הוא את העולם בשם של י"ה שנאמר כי ביה ה' צור עולמים וזהו הרמז בכאן דנטל הקדוש ברוך הוא שם של י"ה ואכלל בההיא עירה עיר הוה ליה למימר אלא כדי שיהיה אות ה' משם של י"ה בתוכו וכן לשורקה ולשורק הוה ליה למימר וכן בני אתונו בן אתון הליל ועוד גילה סודות ועניינים גדולים אמר רבי יהודה אלמלי לא אזדמינן הכי באורחא דא אלא למשמע מילין אלין די לן: (יא) אמר רבי יהודה יאות הוי להאי ינוקא דלא לינדע כולי האי ואנא מסתפינא עליו אי יתקיים בעלמא בגיניה א"ל ר' יצחק ולמה א"ל דהאי יכיל לאסתכלא באתר דלית ליה רשות ומסתפינא עליו דעד לא ימטי לפרקוי ישגח וישתכח ויענשון ליה שמע האי ינוקא אמר להו לא מסתפינא מעונשין לעלמין דהא בשעתא

דאסתליק

האבין זייא אים גיגעבין ברויט · איז גישעהען איין נס אונ זייא האבין גיפונען איין קוואל וואשר אונטר איין בוים אונ האבין פון אים גיטרונקען · האט דאש קינד גיזאגט עש שטייט אין תהלים אל תתחר במרעים דוא זאלשט זיך ניט בהעפטין אונ זאלשט ניט קערין צוא קוקין אין דיא ווערק פון דיא רשעים · ווארום טאמר אל תקנא בעושי עולה ועשטו ניט מוכיח זיין דיא לייט וואש טוען עולות ועשטו דורך דעם גישטראפט ווערין · ווארום דר וואש זעהט דיא שלעכטע מעשים פון דיא רשעים · אונ איז ניט מוכיח זייא פון גאטש וועגין ; דער איז עובר אויף דרייא לאוין · דרום מוז דער מענטש זיך אפ שיידין פון זייא אונ אפ קערין פון זייער וועג · דרום האב איך מיר אפ גישייד פון דעם אלטין מאן : (י) האט נאך גיזאגט דאש קינד ווארום שטייט ויקרא מיט איין קליינער אלף ; דאש איז ווייל דאש רופין איז ניט גיוועזן אין גאנצין ; ווייל דאש איז ניט גיוועזן אין ארץ ישראל נאר אין חוצה לארץ ווארום קיין גאנצקייט ווערט מער ניט גפונן נאר אין ארץ ישראל אונ ער האט זייא נאך פיל גרושע סודות מגלה גיוועזן זיינן גקומן רבי יהודה אונ רבי יצחק אונ האבן אים גקושט אויף זיין קאפ אונ האבין גזאגט גלויבט איז גאט וואש מיר האבין זוכה גיוועזן דאש צוא הערין · אונ גלויבט איז גאט וואש דיא רייד זיינן ניט פר לארין גיווארן אין דעם אלטין כלומר וואש דוא האשט דיא רייד ניט גיזאגט צוא דעם אלטין · זיינען זייא אויף גשטאנן אונ זיינן גיגאנגן ווייטר ; דר ווייל האבן זייא דער זעהן איין ויין שטאק איז גפלאנצט אין איין גארטין · האט דאש קינד זייא מגלה גיוועזן איין סוד אויף דעם פסוק אוסרי לגפן עירה האט רבי יהודה גיזאגט ווען מיר זאלין ניט גיוועזן גיין דעם וועג נאר פון וועגין צוא הערין דיא גרושע סודות וואלט אויך גנוג גוועזן · (יא) האט ווידר רבי יהודה גיזאגט צוא רבי יצחק עש וואלט בעשער גיוועזן פאר דעם קינד ער זאל אזו פיל סודות ניט ווישין · דען איך האב מורא ער זאל ח"ו ניט שטארבין פאר זיין צייט · האט רבי יצחק אים גיפרעגט ווארום זאל ער שטארבן פאר זיין צייט · האט רבי יהודה אים גיענטפערט דען ער קען קוקין אויף אזו איין ארט וואש ער האט קיין רשות ניט דרום האב איך מורא ער זאל דריבר ניט גישטראפט ווערין אונ זאל שטארבין ח"ו פאר זיין צייט · האט דאש קינד דער הערט וויא זייא ריידין דא אזוא · האט ער צוא זייא גיזאגט איך האב קיין פארכט ניט איך זאל גישטראפט ווערין אונ זאל שטארבין פאר מיין צייט · ווייל אין דער צייט אז מיין פאטר איז נסתלק גיווארין האט ער מיך גבענטשט אונ האט נבעטין גאט פאר מיר איך זאל אויש לעבין מיינע יארין · אונ איך וויש אז דער זכות פון מיין פאטר וועט בשיצין אויף מיר · האבין זייא אים גיפרעגט ווער איז דיין פאטר גיוועזן האט ער זייא גיזאגט איך בין דער זון פון רב המנונא

סבא

דאסתליק אבא מעלמא בריך לי ואמר בצלותא ובעי עלי וידענא דזכותא דאבא יגין עלי אמרו מאן אבוך א״ל אנא בריה דרב המנונא סבא נטלו ליה וארכבוהי על כתפיהם תלת מילין ואזלו כחדא וברכוהו ואזלו כדאתו לגבי רשב״י סדרו מילין קמיה אמר רשב״י ודאי אורייתא אחסין ליה עכ״ל: (יב) ונלמד מזה המאמר שיש להתחבר בדרך עם בעלי תורה ולהתרחק מן עמי הארצים כמו שעשה האי ינוקא ושנית נלמד מזה המעשה גודל ענוותנותן של ר׳ יהודה ור׳ יצחק שהיו גדולי ישראל כששמעו דהאי ינוקא הוא בן רב המנונא סבא היו מרכיבין האי ינוקא על כתפיהם לשמוע דברי תורה מפיו ולא היו מתגאים לשמוע דברי תורה אפי׳ מפי קטן כי האדם שמשים עצמו כעפר שהכל דשין בו הוא נקרא אהוב למעלה ונחמד למטה ונקראין אוהבי ה׳ שעליהם נאמר ואוהבי שמו ישכנו בה:

פרק כא **כתיב** בספר תהלים ערוב עבדך לטוב אל יעשקוני זדים יש לפרש המקרא באופן דוגמת איש שיש עליו חובות הרבה אמנם יש בידו כסף ושוה כסף בכדי שיוכל להשתיק לבעלי חובות ולסלק אותם אמנם הבעלי חובות אינם יודעים מזה שיש בידו יכולת לסלק לכל אחד ומחמת כן רוצין ליפול עליו וליקח מה שהמצא ימצא שכל אחד ירא פן ישלם לאחר וממונו יפסיד ואין תקנה לאיש הזה כי אם שיבקש ערב בעדו שלא יטרפו אותו הבע״ח הנוגשים עד שבהרווחת זמן ימכור את סחורתו וכאשר יהיה הצרור כסף בידו יתן לכל אחד ואחד את חובו ועל ידי כן ינצל מן היזקות ומן הבאשות ריוח ושאר הפסד הבאים ע״י חרפות בעלי חובות: (ב) ולזה נ״ל כוון דוד במאמרו ערוב עבדך לטוב כי דוד ע״ה בקש מהקב״ה שיהיה ערב בעדו נגד המקטריגים ובעלי הדינים שלא יטרפו אותו מחמת איזה חטא שבידו

סבא · האבין זייא אים גינומען אונ האבין אים גיטראגין אויף זייערע אקסיל דרייא מייל אונ האבין אים גיבענטשט אונ דער נאך זיינן זיי פון אים אוועק גיגאנגען צוא זייער וועג · אז זייא זיינן גיקומען צו רבי שמעון בן יוחאי: האבין זיי אים דער ציילט דיא גאנצע מעשה · האט רשב״י גיזאגט דער זכות פון דער תורה פון רב המנונא סבא אונ פון זיין תורה וועט אים בוודאי בשיצין ער זאל זיינע יארן אויש לעבין · אזו שטייט אין זוהר: (יב) נוא פון דעם מאמר ווערט גילערנט אז מען גיהער זיך אין וועג צוא בהעפטין מיט דיא בעלי תורה אונ פון עמי הארצים זאל מען זיך דער ווייטרין · אזו וויא דאש קינד האט גיטאן וואש ער האט זיך פורש גיוועזן פון דעם אלטין ווייל ער איז גיוועזן איין עם הארץ אונ האט זיך בהעפט צוא רבי יהודה אונ רבי יצחק · נאך ווערט אפ גילערינט פון דעם מאמר דאש גרויש ענוות פון רבי יהודה אונ רבי יצחק וואש זייא זיינען גיוועזן גדולי הדור · וויא זייא האבין גיהערט אז דאש קינד איז דער זון פון רב המנונא סבא האבין זייא אים גיטראגין אויף זייערע אקסלין פון וועגן צוא הערין תורה פון זיין מויל · אונ האבין זיך ניט בעל גאוה גיהאלטין צו זאגין אונז שטייט ניט אן צו הערן תורה פון איין קינד ווארום דר מענטש וואש מאכט זיך אזו וויא ערד וואש אלע טרעטין דרויף דער ווערט גירופין דער גליבטר אויף דעם הימל אונ איז גילושטיג אויף דער וועלט אונ ווערט גירופין דער ליב האבער פון גאט · דאש אויף אזעלכע לייט ווערט גיזאגט דער פסוק ואוהבי שמו ישכנו בה אונ דיא וואש האבין ליב דעם נאמען פון גאט דיא וועלין רוען אין ארץ ישראל לעתיד לבא אמן:

פרק כא כתיב עש שטייט אין תהלים ערוב עבדך לטוב אל יעשקוני זדים זייא ערוב פאר דיין קנעכט אונ זייא מיך דן צוא גוטין כדי די מוט ווילינע זאלין מיך ניט בערויבין · דעם פסוק קען מען מפורש זיין דורך איין משל · דאש איז איין משל צוא איין מענטש וואש ער איז שולדיג פיל געלט נאר ער האט אבר געלט אונ סחורה זייא מסלק צוא זיין · אונ די בעלי חובות ווייסין ניט דער פון אז ער האט איטליכן מסלק צוא זיין אונ דרום ווילין זייא אויף אים אן פאלין אונ איטליכר זאל נעמען וואש ער וועט קריגין · דאש איז ווייל איטליכר בזונדר האט מורא טאמר וועט ער דעם אנדרן צאלן אונ אים ניט נוא האט דער מענטש קיין אנדרע תקנה ניט נאר ער זאל קריגן איין מענטש זאל פאר אים ערוב זיין צוא דיא בעלי חובות · כדי זייא זאלין אים שווייגן אונ ער וועט זיך באמעליך פר קויפן זיין סחורה אונ וועט איטליכן באצאלין זיין חוב אונ דורך דעם ווערט ער ניצול פון היזקות אונ מען זאל ניט מאכין אים איין שם אז ער איז איין אן זעצר: (ב) אזוא האט דוד המלך ע״ה אויך גיבעטין ביי גאט ב״ה דאש ער זאל פאר אים ערוב זיין קעגין דיא מקטריגים אונ דיא בעלי הדינים זייא זאלין אים ניט פאר צוקן מחמת ער האט עפיש איין עבירה גיטאן ווארום ער האט פיל זכיות

שבידו כי יש גם כן הרבה זכיות נגד העבירות שהן החובות על כן אמר אל יעשקוני זדים למען גדע כי המארי דינים מוכנים ומצפים מתי יבא היום ויפול בידם זה החוטא כדי לגבות חובו ממנו מחמת החטאים ועבירות שבידו ולפעול בו דינים הקשים כשיצא חייב מדין העליון והרבה זכות צריכין אל האדם שיצא זכאי כי גדול החשבון והדקדוק: (ג) ראה מה דאיתא במדרש משלי ר׳ ישמעאל אומר אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה בא מי שיש בידו מקרא ולא משנה הופך הקב״ה פניו ממנו ומצירי גיהנם מתגברין בו כזאבי ערב והם נוטלים אותו ומשליכין לגיהנם בא מי שבידו שני סדרים הקב״ה אומר לו בני הלכות למה לא שנית אם אומר הקב״ה הניחוהו מוטב ואם לאו עושין לו כמעשה הראשון: (ד) בא לפניו מי שיש בידו הלכות אומרים לו בני תורת כהנים למה לא שנית שיש בו טומאת שרצים וטהרתן טומאת וטהרת נגעים טומאת וטהרת בתים זבים ויולדות נדה סדר וידוי של יום הכיפורים דיני ערכין ורוב דיני ישראל שהן הן גופי התורה הנאמרים בפרשת קדשים דיני הקרבת קדשים דיני שמיטות ויובלות אם אמר הקדוש ברוך הוא הניחוהו מוטב ואם לאו עושין לו כמשפט הראשון: (ה) בא מי שיש בידו מקרא ותורת כהנים ה׳ חומשי תורה למה לא שנית שיש בהן קריאת שמע והרבה מצות תפילין ומזוזה וכו׳ בא מי שיש בידו כל הנ״ל שואלין אותו מפני מה לא למדת הגדה ולא שנית שבשעה שחכם יושב ודורש אזי מכפר אני עונותיהן של ישראל ולא עוד אלא שבשעה שהן עונין אמן יהא שמיה רבא אפילו אם נחתם גזר דין שלהם לרעה אני מוחל להם ומכפר עונותיהם: (ו) בא מי שבידו הגדה הקדוש ברוך הוא אומר לו מאי טעמא לא למדת גמרא שנקרא תלמוד ועל זה נאמר כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא זה

קענין דיא עבירות אונ דער וייל וועט ער תשובה טאן אויף דער עבירה דרום האט ער גיזאגט אל יעשקוני זדים אונ דיא מטוויליגע זאלין מיך ניט ברויבן · דען דיא משחיתים זיינן אן גיברייט אונ האפין ווען וועט קומען דער טאג אז דער זינדיגער זאל זייא אין דיא הענט אריין פאלין פון וועגין גובה צו זיין פון אים זיין חוב דאש זיינען דיא עבירות וואש ער האט גיטאן · אונ צו ווערקין אין אים דיא שווערע דינים אז ער וועט ארויש גיין חייב פון דעם ב״ד של מעלה · אונ פיל זכות מוז דער מענטש האבין ער זאל ארויש גיין גירעכט ווארום דער חשבון אונ דער דקדוק וואש מען איז מדקדק בב״ד של מעלה מיט דעם מענטשן איז זייער גרויש: (ג) זעה וואש עש שטייט אין מדרש משלי רבי ישמעאל זאגט וויא איז צוא דער בושה וויא איז צוא דער שאנד קומט פר דעם ב״ד של מעלה אזו איין ישראל וואש האט גילערינט מקרא אונ ניט קיין משניות קערט גאט ב״ה אוועק זיין פנים פון אים · אונ די ווייא טאג פון דעם גיהנם שטארקן זיך אין אים אזוא וויא דיא נאבינט וועלף · אונ זיי נעמען אים אונ ווארפין אים אין גיהנם אריין · קומט דער וואש האט גילערינט מקרא אונ משניות זאגט גאט ב״ה צוא אים מיין זון ווארום האשטו קיין הלכות ניט גילערינט · אז גאט ב״ה זאגט לאזט אים אונ נעמט אים ניט אין גיהנם איז גוט · אויב ניט טוט מען אים אזוא וויא מען טוט דעם ערשטן: (ד) קומט פאר אים אזעלכער וואש האט הלכות

אויך גילערינט זאגט ער צוא אים מיין זון ווארום האשטו קיין תורת כהנים ניט גילערינט וואש דרינן איז פאר האנדן דיא דינים פון טומאת שרצים אונ זייער טהרה אונ דיא טומאה אונ טהרה פון נגעים דיא טומאה אונ טהרה פון הייזר אונ פון זבים אונ יולדות אונ די דינים פון נדה אונ דר סדר ווידוי פון יום הכפורים אונ דאש רוב דינים פון דיא ישראל וואש דאש איז די גופי התורה אונ די דינים פון קרבנות אונ שמיטות אונ יובלות · אויב גאט ב״ה זאגט לאזט אים איז גוט · אונ אויב ער זאגט ניט · טוט מען אים אזו וויא דעם ערשטין: (ה) קומט פאר אים דער וואש האט תורת כהנים אויך גילערינט זאגט מען אים פאר וואש האשטו ניט גילערינט אלע פינף ספרים פון דר תורה וואש דארטין שטייט דיא ק״ש אונ פיל מצות דהיינו תפילין מזוזה ציצית אונ נאך פיל מצות · קומט דער וואש האט דאש אלץ גילערינט פרעגט מען אים פר וואש האשטו ניט גילערינט קיין אגדתא אונ האשט עש ניט איבער גיחזרת דען אין דער צייט וואש דער חכם זיצט אונ דרשת בין איך דערמאלט מכפר דיא זינד פון דיא ישראל אונ נאך מער בשעת זייא ענטפערין אמן יהא שמיה רבא ווען אפילו זייער גזר דין איז גיחתמת גיוועזן אויף בייזין בין איך זייא דאש מוחל · אונ פאר גיב זייערע זינד: (ו) קומט דער וואש האט גילערינט אגדתא · זאגט גאט צוא אים פאר וואש האשטו קיין גמרא ניט גילערינט · וואש אין איר איז

זה גמרא בא מי שיש בידו גמרא הקדוש ברוך הוא אמר ליה בני הואיל ונתעסקת בגמרא צפית במרכבת שיש לי הנאה בעולמי בשעה שתלמידי חכמים יושבים ועוסקים בתורה ומציצין ומביטין ורואין והוגין המון הגמרא · כסא הכבוד היאך הוא עומד הרגל האחד היאך הוא עומד ובמה הוא משתמש וכן רגל השני וכן רגל השלישי ורגל הד׳ במה הם משמשים חשמל היאך הוא עומד ובכמה פנים הוא מתהפך בשעה אחד לאיזה הרוח משמש הברק לאיזה רוח משמש הכרוב והיאך הכרובים ומלאכי השרת עומדים ומשמשים ולאיזה הרוח הוא משמש הבזק גדולה מכולן ענין כסא הכבוד היאך הוא עומד עגולה כמין מלבן מתוקן הוא כמין גשר כמה גשרים יש בו ובאיזה גשר האופנים עוברים ובאיזה גלגלי המרכבה עוברים וכו׳ וכי זהו לא הדרת כבודי זהו גדולתי זהו הדר יופי שבני מכירין את כבודי ועל זה אמר דוד המלך ע״ה מה רבו מעשיך ה׳ (עד כאן) הנה מי זה האדם אשר יוכל לעמוד בחקירות אלו ועל זה אמרו רז״ל אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה: (ז) אמנם אע״פ כן אל יתרשל ואל יתעצב לב האדם כי הקדוש ברוך הוא הוא בוחן לב וחוקר כליות בראותו דכוונתו הוא לדבק בטוב ונפשו חשקה בתורה ובמעשים טובים ובשעת הדחק גורמת למעט על זה אמרו חז״ל אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים ויהיה תמיד בשמחה כשיבוא לידו עסק מצוה כי העושה מצוה בשמחה אהוב וחביב מאוד לפני הקדוש ברוך הוא: (ח) שעל כן אומר בזוהר חדש בהיות האדם זוכה להכניס את בנו לחיוב מצוה דהיינו כשיגיע בן י״ג שנים חביב מאוד לפני הקב״ה כשרואה האב שמח על זה שזכה להגיע את בנו לחיוב קיום המצות ועל כן חיוב גדול לעשות משתה ושמחה באותו היום כי יש נחת רוח להקב״ה וכדאיתא בזוהר הנ״ל אמר ר״י מתליסר שנין ולעילא ההוא יומא חובתא על צדיקייא למעבד חדוותא דלבא כיומא דסליק לחופה ובגין ההוא זכותא עתיד הקב״ה לאתער להו ולאעבר כרוזא קדמיהון בחדוה צאינה וראינה בנות ציון וכו׳ אמר רבי אליעזר מתריסר שנין ולעילא איבעי למהוי זכאי יהבין ליה ההיא נשמתא קדישא עילאה דאיתגזרת מכורסיא יקרא דמלכא: (ט) רשב״י זמין למארי דתיובתא ומארי דמתניתא למיכל בסעודתא רבתא

פאר האנדין זייער פיל פלפול וואש האט גאר קיין עק ניט קומט דר וואש האט גילערנט גמרא זאגט ער ווארום האשטו ניט גילערנט קיין קבלה אונ דיא מעשה מרכבה דען איך האב נחת רוח פון מיין וועלט אין דיא צייט אז דיא תלמידי חכמים זיינן עוסק בתורה אונ לערנן גמרא אונ לערנן קבלה אונ פאר שטייען דיא מעשה מרכבה דאש וויא דער כסא כבוד שטייט וכו׳ זאגט דער מחבר נוא וואו איז פאר האנדן אזו איין מענטש ער זאל קענען בשטיין אין די אלע חקירות · דרויף האבין אונזערע חכמים גיזאגט ווייא איז צוא אונז פון דעם יום הדין: (ז) נאר פאר וואר פון דעסט וועגין זאל דר מענטש ניט טרויעריג זיין דאש ער וועט וועלין טראכטין ווי איז מיגליך צו לערנן דאש אלץ וואש פריער איז גשטאנן דרום וועל איך דאך מוזין קומן אין גיהנם וועל איך בעשר גאר ניט לערנן אונ נאך גיין נאך תאות עולם הזה זאל ער אזוא ניט טראכטין ווארום גאט ב״ה פרובט דאש הארץ אונ פארשט דיא נירין דאש אז ער זעהעט אז זיין כוונה איז צוא בהעפטין זיך אין גוטש אונ זיין לייב גילושט צו לערנען תורה אונ מעשים טובים צוא טאן נאר מחמת זיין דוחק קען ער דאש אלץ ניט אויש לערנן · דרויף האבין אונזערע חכמים ז״ל גיזאגט · סייא איינער וואש לערינט פיל אדער אזעלכר וואש לערינט ווייניג ווייל ער האט קיין צייט ניט מער צוא לערנן נאר אז ער טוט עש פון גאטש וועגין האט ער גליך שכר וויא יענער · אונ אז עש קומט אים צוא האנדין איין מצוה צוא טאן זאל ער זיין פרייליך · ווארום דער וואש טוט די מצוה מיט שמחה איז ער זייער גליבט פר גאט ב״ה: (ח) דאש דרום זאגט דער זוהר חדש אז איין מענטש איז זוכה אריין צוא ברייננן זיין זון ער זאל חייב במצות זיין דהיינו אז ער ווערט אלט דרייא צעהען יאר · איז דאש זייער גיליבט פאר גאט ב״ה אז ער זעהט דער פאטער פרייעט זיך דרויף וואש ער האט זוכה גיוועזן וואש זיין זון האט גינרייכט צוא דעם חיוב דיא מצות מקיים צוא זיין · דרום איז איין גרוישר חיוב צוא מאכין איין סעודה אין דעם טאג וואש זיין זון ווערט בר מצוה · ווייל גאט ב״ה האט דר פון נחת רוח · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר חדש רבי יוסי זאגט ווען דאש קינד ווערט אלט דרייא צעהען יאר איז איין חיוב אז זיין פאטר אונ מוטר זאלין זיך משמח זיין גליך וויא דעם טאג וואש דאש קינד גייט אונטער דער חופה · האט רבי אליעזר גזאגט ווען דאש קינד ווערט בר מצוה אז ער וויל גוט זיין גיט מען אים איין הייליגע נשמה וואש זיא איז גינומען פון אונטר דעם כסא כבוד: (ט) רבי שמעון בן

יוחאי

רבתא דעבד בר מצוה לבריה ר"א וחפי כל ביתא במאנין דיקר ואותיב לרבנן בהאי גיסא ובהאי גיסא והוי קא בדח טובא א"ל רבנן מאי בדיחותא דמר ביומא דין יתיר משאר יומין א"ל רשב"י דיומא דין נחתין נשמתין קדישין עילאין בד' גדפין דחיותא לברי ר"א ובהלולא דא חדי בדיחותא שלימתא: (י) אותביה לרבי אלעזר בריה לגביה אמר תיב ברי דיומא דין הקב"ה מקדש יתך בעדבא (ר"ל בגורל) דקדישין אמר רבי שמעון בן יוחאי מלה חדא ואסחר אשא לביתא נפקי רבנן וחמו קטירא דהוי סליק מביתיה כל ההוא יומא אתא רבי יוסי בן לקוניא אשכח לרבנן דהוו תווהא וקיימין בשוקא אמר להו הא מאי קיטרא דסליק מביתיה דרשב"י דהא יומין דין מכתירין בכתרא קדישא לר"א בריה והוו רבנן רואין דהוי נחית עמודין דאשא יתיב תמן רבי יוסי חדו כולהו ואמרו האי הלולא להוי שלימא ובריכו כולהו לרבי אלעזר ברבי שמעון ויתבו תמן וחדו בחדווא ולעו באורייתא ע"כ: (יא) על כן אשרי לאדם וטוב לו שמקיים ומדבק נשמתא קדישא אצל נשמתא קדישא ומכתירין ליה בכתרא קדישא וכל זה שיקבע עתים לתורה ויהיה עוסק בגמילות חסדים ובמעשים טובים אבל כשהאדם הולך אחר שרירות לבו ואחר זוללות וסובאות וכל ימיו הולך אחר משא ומתן רק מבלבל זמנו לצורך גופו ולא לצורך נשמתו אז נשמתא קדישא מסתלקת ממנו כי טבעו כטבע הבהמה: (יב) ועל זה איתא במדרש הנעלם א"ר יודא ווי לרשעים שאינם רוצים להדבק בשותפות של הקב"ה במה אר"י באותה הנשמה שנתן בו הקב"ה ומדבק עצמו במעשה הבהמה הה"ד ואדם ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו (ועיין לקמן פרק ס"א מ"ש שם) ולמה לא יחשוב האדם כי לא ברא הקדוש ברוך הוא אותו אלא לכבודו ולא שימלא תאותו ואלמלי היה משים האדם אל לבו כמה מקלקלין אותו בהיותו אינו משגיח לכבוד בוראו וכמה היה ראוי לו לרדוף אחר מעשה בוראו יתברך כדאיתא בזוהר תניא אמר רבי אלעזר ברשב"י כד נטא שמשא גדפוי למיהך בתוקפתא דגלגלי מפריש דטפליהון דטרפי אילנא דג"ע וכל מלאכין עילאין וחיותא קדישין וכורסוי יקרא דמלכא וכוסמיא דג"ע

יוחאי האט גימאכט איין גרוישע סעודה דעם טאג אז זיין זון רבי אליעזר איז בר מצוה גיווארין · אונ האט ניבעטין אלע תנאים אונ אמוראים אויף דער סעודה · אונ האט אויש גציירט נאר דאש הויז מיט טייערע כלים אונ האט גיזעצט דיא רבנן ארום אונ ארום זיין טיש · אונ איז זייער פריילך גיוועזן · האבין דיא רבנן אים גיפרעגט וואש איז דער הער היינט מער פריילך אז תמיד · האט רשב"י זייא גיענטפערט דאש היינטיגן טאג נידרין אראפ הייליגע נשמות צוא מיין זון רבי אליעזר פון אונטער דיא פיר פליגיל אונ דרום פרייא איך מיך זייער: (י) האט ער גזעצט זיין זון ר"א לעבין זיך אונ האט גיזאגט זיץ מיין זון דען היינטיגין טאג ווערט גאט ב"ה דיך הייליגין אין דעם גורל פון דיא הייליגע צדיקים · האט רשב"י גיזאגט איין ווארט האט איין פייער ארום גירינגלט דאש הויז · זיינן די רבנן ארויש גיגאנגען אונ האבין גיזעהן וויא איין רויך גייט אויף פון זיין הויז אגאנצין טאג · איז גיקומן רבי יוסי בן לקוניא אונ האט גיפונען דיא רבנן וואונדרין זיך אונ שטייען אויף דעם מארק · האט ער זייא גיזאגט וואש פאר איין רויך גייט עש פון דעם הויז פון רשב"י דאש מוז זיין אז היינטיגן טאג קריינט מען צו ר"א מיט איין הייליגר קרוין · האבין דיא רבנן גיזעהן אז איין פייערדיגע זייל האט אראפ גנדרט איז דארטין רבי יוסי גיזעסין האבין זיך אלע גיפרייט אונ האבין גיזאגט דיא שמחה זאל זיין אין גאנצין אונ האבין אלע גיבענטשט צוא רבי אליעזר אונ האבין זיך זייער גיפרייט אונ האבין גילערינט תורה: (יא) דרום וואול דעם מענטשן וואש ער בהעפט זיין נשמה צוא דיא הייליגע נשמות פון צדיקים אונ מען קריינט אים מיט איין הייליגער קרוין אונ דר צו קען ער קומן דורך דעם · דאש ער זאל זיך קובע זיין איין צייט אלע טאג צוא לערנען תאטשע איין שיעור · אונ זאל עוסק זיין אין גמילות חסדים אונ זאל טאן מעשים טובים · אבר אז דער בר ישראל גייט נאך תאות לבו · נאך פרעסין אונ זויפין · אונ אלע זיינע טעג גייט ער נאך משא ומתן צוא טאן אונ פאר ברענגט נאר דיא צייט פון וועגין דעם בדערפניש פון זיין גוף אונ ניט פון וועגין דעם בדערפניש פון זיין נשמה · ווערט דיא הייליגע נשמה אפ גיטאן פון אים ווארום זיין טבע איז אזו ווי די טבע פון איין בהמה: (יב) אונ אויף אזעלכין שטייט אין מדרש הנעלם רבי יהודה זאגט וויא איז צוא דיא רשעים וואש זייא ווילין זיך ניט בהעפטן אין השי"ת פרעגט דער מדרש במה מיט וואש זאל ער זיך בהעפטין אין הש"י האט רבי יצחק גיזאגט מיט דער נשמה וואש גאט ב"ה האט אים גיגעבין · וויל ער זיך ניט בהעפטן אין אים · נאר ער בהעפט זיך אין דיא מעשה בהמה דאש

ער

ואילני שמיא וארעא ותולדותיהון כולהון מזדעזעים ומשבחים ומודים למאריה וזקפן והמאן די שמא קדישא דאתפרש דגליף בשמשא במטלנוי יהבון תושבחן למארי עלמין ונפיק קלא ואמר ווי להו לברייתא דלא משגיחן ביקרא דמלכא וכתיב וכל צבא השמים לך משתחוים וכו׳ : (יג) ותנן נמי כשהקב״ה נכנס אחר חצות לילה עם הצדיקים בג״ע אז כל שערי שמים כולם נפתחין והוא עת רצון לעסוק בתורה וכתות של מלאכי השרת וכל בוסמי ג״ע עם הצדיקים פוצחין רנה ושירה לפני הקב״ה הה״ד אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך אימתי צדיקים יודו לשמך כשישבו ישרים את פניך דהא בשעה שיושבים לפניך לענין חצות לילה ואח״כ ג׳ כתות של מלאכי השרת שהם ממונים על משמרות הלילה ואומרים שירה עד שהגיע עמוד השחר : (יד) ויש חובה לישראל בשעה שעולה עמוד השחר לקום ולהתגבר בשירות ותשבחות לפני מלכו של עולם מ״ט משום דנסבין שירתא בתר מלאכי השרת והקב״ה באותו זמן הוא מצוי למטה הה״ד משחרי ימצאונני ואמר רבי יודא ובלבד שלא יפסיק עד שיתפלל כשהחמה זורחת א״ר יוחנן אמר רב כשהקב״ה יוצא מאותן העולמות דכסיף בהון ובא להכנס עם הצדיקים בג״ע הוא ממתין ורואה או שומע קול העוסק בתורה דתנן האי קלא ניחא קמיה מכל שירין ותושבחין דאמרו מלאכי השרת לעילא הה״ד אל גנת אגוז ירדתי לראות וגו׳ מאי לראות אותן העוסקים בתורה : (טו) א״ר יצחק וכי ג״ע נקרא גנת אגוז א״ל ר׳ יוחנן אין בוודאי שהג״ע נקרא גנת אגוז מה האגוז סתום מכל עבריו ויש עליו כמה קליפות כך עדן הוא סתום מכל צדדיו ויש עליו כמה שמירות שלא שלטו בו לראות לא מלאך ולא שרף וחשמל ולא עין נביאים הה״ד עין לא ראתה אלהים זולתך אמר רשב״י אנא הוית קם קמיה דר׳ ברוקא והוה אמר כדין אזכה למעלת גנת אגוז עם חסידי ישראל ולא הוי ידענא מאי קאמר עד דשמענא דאמר ר׳ יוחנן בן זכאי דקרי הקב״ה לג״ע גנת אגוז מה אגוז

ער טוט אזו וויא די בהמות טוען אונ ווארום זאל דר מענטש ניט טראכטין אז גאט ב״ה האט אים מער ניט בשאפין נאר פון זיין כבוד וועגין ניט ער זאל דער פילן זיין תאוה אונ ווען דער מענטש זאל טאן צו זיין הארץ וויא פיל עש מאכט אים שלעכט אז ער איז ניט משגיח אין דעם כבוד פון זיין בשעפער אונ וויא ער וואלט בדארפט נאך צו יאגין נאך דיא מעשים פון זיין בשעפר וואלט ער בוודאי ניט גיטאן קיין שלעכטש נאר גוטש אזוא וויא עש שטייט אין זוהר : (יג) מיר האבין גילערינט אז גאט ב״ה גייט אריין מיט דיא צדיקים אין גן עדן אריין נאך האלבע נאכט דענמאלט ווערין גיעפינט אלע טויערין פון דעם הימל אונ דענמאלט איז איין עת רצון תורה צו לערנען אונ פיל כיתות מלאכים אונ אלע בשמים פון דעם גן עדן זאגין שירה פאר גאט ב״ה אונ דער נאך די דרייא כיתות מלאכים וואש זיינען ממונה איבער די משמרות פון דער נאכט זאגין שירה ביז דר מארגן שטערין גייט אויף : (יד) אונ אז דער מארגן שטערין גייט אויף זיינען דיא ישראל מחויב אויף צוא שטיין אונ צוא שטארקין זיך מיט שירות ותשבחות פאר גאט ב״ה אונ אין דער צייט איז גאט ב״ה מצוי אונטין אויף דעם עולם דרום שטייט אין פסוק משחרי אונ דיא וואש פארשטין מיך גאנץ פריא ימצאונני דיא וועלין מיך גפינען האט רבי יהודה גיזאגט נאר מען זאל ניט מפסיק זיין תפלה צוא טאן ביז

די זון שיינט שוין רבי יוחנן זאגט פון רב וועגין אז גאט ב״ה גייט ארויש פון דיא עולמות וואש ער גילושט אין זייא וואש קיין מלאך האט קיין רשות ניט אהין צו קומען אונ ער קומט אריין צוא גיין אין גן עדן אריין ווארט ער אונ זעהט אדער הערט דאש קול פון דעם מענטשן וואש לערינט תורה דען מיר האבין גלערנט דאש קול איז בייא אים מער גיחא פון אלע שירות ותשבחות וואש דיא מלאכי השרת זאגין פאר אים אויף דעם הימל דרום שטייט אין פסוק אל גנת אגוז ירדתי לראות איך האב גינידרט אין גן עדן אריין וואש ער ווערט גרופין גנת אגוז דאש איז טייטש נים נארטין צוא זעהען דיא וואש לערנן תורה : (טו) האט רבי יצחק גפרעגט ווערט דען דער גן עדן גירופין גנת אגוז האט רבי יוחנן צו אים גזאגט יוא ער ווערט גירופין גנת אגוז דען אזוא וויא איין נוס איז פאר שטעלט פון אלע זייטין אונ אויף אים איז פר האנגין פיל שאלאכין אזו אויך דער עדן איז פאר שטעלט פון אלע זייטין אונ האט פאר זיך פיל שמירות דאש קיין שום אויג האט ניט גיוועלטיגט צוא זעהען אים אונ ניט קיין מלאך אונ ניט קיין שרף אונ קיין חשמ״ל אונ ניט דאש אויג פון די נביאים דרום שטייט אין פסוק עין לא ראתה אלהים זולתך קיין אויג האט ניט גיזעהען דעם עדן נאר דוא גאט אליין האט רבי שמעון בן יוחאי גזאגט איך בין אמאל גישטאנען פאר ר׳ ברוקא האט ער אמאל גשווארין פאר וואר איך זאל

אזוא

אגוז יש לה כמה קליפות והפרי הוא מבפנים כך עדן הגן הוא מבחוץ והעדן מבפנים על כן אשרי מי שהולך תמים ועמלו בתורה וכל דרכיו הוא לשם שמים אזי נשמתו היא מוכנת ליכנס לעדן דאיקרי גנת אגוז והוא חיי עוה"ב :

פרק כב **כבר** כתבנו לעיל בפרק ב׳ מעונש גדול של מוציא זרע לבטלה אשר על זה אמר דוד המלך עליו השלום העבר עיני מראות שוא בדרכך חיני ונראה כוונת תפלתו להעביר עיניו מהסתכל במקום האסור כגון בנשים ועל ידי כן יוכל לבא לידי טומאה בלילה ולזה אמר מראות שוא כמנין ש"ז שהוא ראשי תיבות שכבת זרע שלא יתראו אליו כתות של לילית הנקראים קרי שמביא הלילית לאדם להוציא שכבת זרע לבטלה והוה כאילו ממיתבידיו להטיפה כי מהטיפה יוכל להוליד ולד בן קיימא ועל כן הוא אחוז בסיטרא דמותא : (ב) לזה אמר בדרכך חיני רצה לומר שתפלתו היה לאחוז בסיטרא דחיי דלא להוציא שכבת זרע לבטלה כי המוציא שכבת זרע לבטלה יש ממונה אחד דאיקרי עשטירא והוא ממונה על אלפים ורבבות שטנים ושדים ומלאכי חבלה שהן מטמאין את האדם ונוטלין האי טיפה שהוציא האדם לבטלה וסלקין ליה לעילא ונרמו דברית קודש יהיה משועבד לסיטרא דמסאבא אוי ואבוי שיגרום האדם הסיבה זו שישתעבד הקדושה תחת הטומאה : (ג) ודע מה שמקובל בפי תלמידי האר"י ז"ל שאמר לתלמידיו שיש בגוף האדם תרי"ג איברים וגידים והוא ניצוצות של הנפש וכן יש ברוח וכן בנשמה וכל ניצוץ תלוי במצוה אחת של תרי"ג מצות והיה יודע האר"י ז"ל איזה מצוה הוא חסר באדם והיה רואה בניצוץ אחד כשעשה אדם עבירה אז הוא מסתלק ניצוץ א׳ והיה נותן תיקון לכל א׳ וא׳

כדי

אזוא זוכה זיין צו דער מעלה פון גינת אגוז מיט אלע חסידי ישראל אז דאש וואש איך זאג איז אמת · האב איך ניט גיוואושט וואש ער מיינט גנת אגוז ביז איך האב גיהערט וואש רבי יוחנן בן זכאי האט גיזאגט אז גאט ב"ה רופט צו דעם גן עדן גינת אגוז דען אזוא וויא איין נוס האט פיל שאלאכין ארום זיך אונ די פרי איז פון אינווייניג · אזו אויך איז דער עדן פון אינווייניג אונ דער גן איז פון אויסווייניג · דרום וואול דעם וואש ער גייט מיט גאנצקייט אונ מיהעט זיך אין דער תורה · אונ אלע זיינע ווענין זיינען לשם שמים דענמאלט איז זיין נשמה מובטח אריין צוא גיין אין עדן וואש ער ווערט גירופין גינת אגוז אמן :

פרק כב **כבר** מיר האבין שוין גישריבין אויבין אין פרק שני פון דעם עונש פון דעם וואש איז מוציא זרע לבטלה דאש דרויף האט דוד המלך ע"ה גיזאגט העבר עיני מראות שוא פיר איבער מיינע אויגין פון צוא זעהען אונ קוקין אויף פרעמדע ווייבער אונ בתולות כדי איך זאל ניט קומען בייא נאכט חס ושלום צוא קרי דרום זאגט ער מראות שוא פון וועגין איך זאל ניט זעהן שוא דען שוא טרעפט אן ש"ז דאש איז דיא ראשי תיבות שכבת זרע · דאש דיא כיתות פון דער לילית וואש ווערין אן גירופין קרי זאלין בייא נאכט ניט ווייזין זיך פאר אים אונ זאלין אים ניט ברייגגען צוא קרי ח"ו אונ דאש הייסט גליך וויא ער איז ממית דיא טיפה מיט זיינע הענט · ווארום פון דער טיפה וואלט ער גיקענט מוליד זיין איין קינד אונ דרום איז ער באגריפין אין דער זייט פון טויט : (ב) אונ דרום האט דוד ווייטער גיזאגט בדרכך חייני דאש האט ער גימיינט ער זאל זיין בגריפט אין דער זייט פון לעבין אונ ניט רואה קרי זיין ח"ו · דען דער וואש איז רואה קרי איז פאר האנדין איין ממונה וואש ער ווערט גירופין (עשטירא) אונ ער איז ממונה איבער אלפים רבבות שדים אונ מלאכי חבלה נעמען דיא טיפה אונ ברייגגען זיא אין זייער ארט אריין אונ זייגען גורם אז דער ברית קודש זאל זיין משועבד צוא דער סטרא אחרא · אוי ווייא דער מענטש זאל דאש גורם זיין אז דיא קדושה זאל משועבד זיין צוא דער טומאה ח"ו: (ג) אונ ווייס דאש די תלמידי האר"י ז"ל האבין בקבלה פון זייער רבי אז אין דעם מענטשינש גוף איז פאר האנדין זעקס הונדערט מיט דרייא צעהן גלידער מיט אדערין אונ דאש זיינען דיא ניצוצים פון זיין נפש · אונ אזוא איז פאר האנדין זעקס הונדערט מיט דרייצעהן גלידר אונ אדערין בייא זיין רוח · אונ אזוא אויך בייא זיין נשמה · אונ איטליכש גליד הייגנט אין איין מצוה פון דיא זעקס הונדערט מיט דריי צעהען מצות · אונ דער האר"י ז"ל האט גיוואוסט וועלכע מצוה דעם מענטשין גייט אפ · אונ ער האט גיזעהען אין דעם ניצוץ · וואש פאר איין עבירה ער האט גיטאן דאש אז דער מענטש טוט איין עבירה ווערט פון אים אפ גיטאן איין ניצוץ · אונ ער האט איטליכן גיגעבין איין

תקנה

כדי להחזיר הניצוץ למקומו וכל זה הוא יותר ניכר בהאותיות שיש בעורו ובפרט בפניו ובשערות הוא יותר ניכר והיה לו סימן בשרטוטין ובגומות שעל ידיו ופניו של אדם: (ד) ופעם א׳ בא אליו גדול הדור א׳ ושמו ר׳ חיים וויטאל ואמר לו האר״י ז״ל הנה אני רואה שבתוך כ״ב אותיות באל״ף בי״ת שבמצחך כולן מאירין חוץ מהגימ״ל שהיא מהופכת ומיד חרד הרב מוהר״ר חיים ז״ל וביקש מהאר״י ז״ל שיגיד לו טעם הדבר כי בוודאי לא על חנם הוא א״ל האר״י ז״ל שאינו גומל חסד עם אביו כראוי אע״פ שאתה עושה חסד עמו אבל לא חסד מלא ובשביל כך האות גימ״ל היא מהופכת: (ה) ועוד אמר האר״י לתלמידיו כי כל העושה מצוה אזי אותה המצוה היא נרשמת במצח האדם באות אחד מן א׳ ב׳ של כ״ב אותיות והיא מאירה בפניו כשעושה המצוה פעם שנית כי בפעם ראשון היא נבלעת בפנים ובפעם שנית היא בולטת ומתנוצצת וכל זה הוא בשאר מצות משא״כ בצדקה אינה נבלעת בפנים כמו שאר האותיות אלא מאירה במצחו תיכף בסוד וצדקתו עומדת לעד וכן כשאדם עובר עבירה הן ג״כ נרמזים העבירות במצחו באש שחור מכל מקום אם מתחרט ויגע וטרח להתקן בעשיית תשובה העונות שעשה אזי מסלק החושך ואש שחורה אשר הושת במצחו מעון ובשבת כשבא הנשמה יתירה אחר חצות לישראל אזי נתכסה אותו העון מכל וכל זולת טומאת קרי אף שתקן המעשיות אינו נסתלק בלתי טבילה: (ו) הכלל כי על כן נקרא האדם עולם קטן שכמו שבהיות נגזר איזה דבר לבא לעולם לטובה או לרעה ח״ו מתראה ונגלית זה הדבר ע״י כוכבים הקבועים ברקיע כן מתראה הכל באדם בשרטוטין במצח שלו ובא וראה מה דאיתא בזוהר פ׳ אחרי מות ר׳ אבא הוי אזיל לקפוטקיא והוי עמיה ר׳ יוסי עד דהוי אזלו חמו בר נש דהוי אתי ורשימא חד באנפוי א״ר אבא נסטי מהאי אורחא

דהא

תקנה וויא ארום דער ניצוץ זאל ווידער קערן צוא זיין ארט · אונ נאך מער ווערט דאש דער קענט פון דיא אותיות וואש שטייען אין זיין הויט אונ בפרט אין זיין פנים אונ אין זיינע האר ווערט דאש נאך מער דער קענט · דאש ער האט גיהאט סימנים אין דיא קנייצין אונ אין דיא גריבליך אין די הענט אונ אויף דעם פנים פון דעם מענטשין : (ד) איין מאל איז צוא אים גקומען איין גדול הדור אונ זיין נאמען איז גיוועזן רבי חיים וויטאל האט דער האר״י צוא אים גיזאגט · נון איך זעה אז דיא צוויא אונ צוואנציג אותיות פון דעם אלף בית וואש שטייט אויף דיין שטערין לייכטין אלע נאר דיא גימל שטייט פאר קערט האט דער רב רבי חיים זיך זייער דער שראקין · אונ האט גבעטין דעם האר״י ז״ל אז ער זאל אים זאגין דעם טעם דער פון ווארום דאש איז בוודאי ניט אום זיסט · האט דער האר״י ז״ל אים גזאגט דאש איז ווייל דוא ביסט ניט גומל חסד מיט דיין פאטער אזוא וויא מען בדארף · האטשע דוא טוסט דאך מיט אים חסד אבער ניט קיין רעכטין חסד · דרום שטייט די גימל פאר קערט דען דיא גימל באטייט אויף גמילות חסד : (ה) נאך האט דער האר״י ז״ל גיזאגט צו זיינע תלמידים אז איטליכער וואש טוט אמצוה ווערט דיא מצוה פאר צייכינט אין זיין שטערין אין איין אות פון דעם אלף בית אונ דאש לייכט אין זיין פנים · טוט ער דיא מצוה נאך אמאל שפראצט זיא ארויש אונ פינקעלט · אבער ביא דעם ערשטין מאל שפראצט עש ניט ארויש · נאר אז ער טוט צדקה שפראצט דיא צדקה ארויש צום ערשטין מאל אויך אונ זיא לייכט אין זיין שטערין תיכף · אונ אזוא אויך אז דער מענטש איז עובר איין עבירה זיינען דיא עבירות גיצייכינט אין זיין שטערין מיט שווארץ פייער פון דעסט וועגין אז ער האט חרטה אונ מיהעט זיך צוא פאריכטין דיא עבירות דורך תשובה · ווערט אפ גיטאן דאש פינסטערנעש אונ דאש שווארצע פייער וואש איז גיוועזן אויף זיין שטערין · אונ אום שבת אז דיא נשמה יתירה קומט צוא דיא ישראל ווערט פאר דעקט דיא צייכין פון דער זינד אין גאנצין נאר דער צייכין פון טומאת קרי האטשע ער האט תשובה גיטאן דרויף גייט ער ניט אוועק ביז ער טוט זיך טובלען : (ו) דער כלל איז דאש דרום ווערט דער מענטש גירופין קליינע וועלט דען אזוא וויא אז עש ווערט נגזר עפעס איין זאך זאל קימען אויף דער וועלט סאיי גוטש אדער בייז ח״ו ווערט דאך עש גיזעהען דורך דיא שטערין · אזו אויך ביא דעם מענטשין ווערט עש גיזעהען אין זיינע שרונדין פון זיין שטערין · קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר רבי אבא איז גיגאנגען קיין קפוטקיא אונ רבי יוסי איז אויך גיוועזן מיט אים · וויא זייא זיינען אזו גיגאנגען האבין זייא גיזעהען איין מענטש קומט אונ האט איין צייכין אין זיין

פנים

דהא אנפוי דדין אסהידו עליה דעבר בעריותא דאורייתא (ר"ל דהוי נכשל בעריות באיסור כרת דאורייתא) בגין כך אתרשים באנפוי א"ל ר' יוסי אי האי רשומא הוה ליה כד הוי ינוקא מאי עריותא אשתכח ביה א"ל אנא חמינא באנפוי דאסהידו בעריותא דאורייתא קרא ליה ר' אבא א"ל אימא מילא האי רשימא דאנפך מאי הוא אמר לון במטותא מנייכו לא תענשו יתיר לההוא בר נש דהא חוביה קא גרמו ליה אר"א מהו א"ל יומא חד הוינא אזיל באורחא אנא ואחתי ושרינא בחד אושפיזא ורוינא חמרא וכל ההוא לילא אחידנא באחתי ובצפרא קמנא ואושפיזאי הוי קטט בחד גברא עיילנא בינייהו קטרו לי דא מהאי גיסא ודא מהאי ניסא ורשימו דא הוי עייל לבי מוחא ואשתזיב לי חד אסייא ור' שמלאי שמיה א"ל מאי הוא אסוותא דיהב לך: (ז) אמר ליה אסוותא דנפשא ומההוא יומא אהדרנא בתיובתא ובכל יומא בכינא קמי קודשא בריך הוא על ההוא חובא ומאינון דמעין אנא רחיץ אנפאי קרי עליה רבי אבא וסר עונך וחטאתך תכופר ואתעבר ההוא רשימא מאנפוי א"ל נדרנא מהאי יומא לאתעסק באורייתא יומם ולילה א"ל מאי שמך א"ל אליעזר א"ל ר' אבא וודאי שמך גרים לך דאלהך סייעך והוא יהיה בסעדך שדריה ר' אבא וברכיה: (ח) לזימנא אחרא הוי ר' אבא אזיל לגביה דרשב"י עאל במאתיה דההוא גברא אליעזר אשכחיה דהוי יתיב ודריש איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת כמה טפשין אינון בני עלמא דלא משגיחין ולא ידעין ולא מסתכלין למנדע אורחא דקב"ה על מה קיימין בעלמא מאן

מעכב

פנים האט רבי אבא גיזאגט לאמיר זיך אפ קערין פון דעם וועג ווארום דאש פנים פון דעם מענטשין זאגט אויף אים עדות אז ער איז נכשל גיווארין ביא איין ערוה וואש ער איז דרויף חייב כרת דרום איז דאש פאר צייכינט אין זיין פנים האט רבי יוסי צוא אים גיזאגט טאמער האט ער דעם צייכין פון זיין יוגענט אן איז דאך שוין פון דעם צייכין ניט גידרונגען אז ער איז גילעגין מיט אין ערוה · האט רבי אבא גיזאגט איך זעה אבר אין זיין פנים אז ער איז נכשל גיווארין אין איין נערוה האט רבי אבא גירופין דעם מענטשין אונ האט אים גיזאגט זאג מיר וואש פאר איין צייכין איז דאש ביא דיר אויף דיין פנים האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט איך בעט אייך איר זאלט מיך ניט שטראפין דען מיינע עבירות האבין גורם גיוועזן דעם צייכין · האט רבי אבא אים גיזאגט וואש פאר איין עבירה האשטו גיטאן . האט דער מענטש צוא אים גיזאגט איין טאג בין איך גיגאנגען אין וועג מיט מיין שוועסטער · זיינען מיר גיוועזן אויף איין הרבערג האב איך מיך אן גישיכרת מיט ווייין בין איך ביא נאכט גילעגין מיט מיין שוועסטער אזוא וויא איין מאן ליגט מיט איין ווייב · אין דער פריא בין איך אויף גישטאנען האבין זיך גיקריגט דער בעל הבית מיט איין מענטש בין איך אריין גיגאנגען שלום מאכין צווישין זייא · האבין זייא מיך גיביילט דער פון איין זייט אונ דער פון דער אנדערר זייט · איז דער צייכין מיר גיקומען אויף מיין קאפ אונ ווען איין גוטער רופא וואש ער הייסט רבי שמלאי וואלט מיך ניט היילין וואלט איך גיוועזן גישטארבין · האט רבי אבא אים גיענטפערט וואש פאר איין רפואה האט ער דיר גיגעבן: (ז) האט דער מענטש אים גיזאגט ער האט מיר גיגעבן איין רפואה צוא דער נשמה דאש ער האט מיר איין תשובה גיגעבין · אונ פון דעם טאג אן האלט איך דיא תשובה · אונ איטליכין טאג וויין איך פאר גאט ב"ה אויף דער זינד וואש איך האב גיטאן אונ פון דיא טרערין וואש איך אפ מיין פנים · האט רבי אבא אויף אים גילייענט דעם פסוק וסר עונך וחטאתך תכופר אונ דיין זינד ווערט אפ גיטאן אונ דיין עבירה ווערט פאר געבין · איז דער צייכן אוועק גיגאנגען פון זיין פנים האט דער מענטש גיזאגט איך נעם אויף מיר אז פון היינט אן זאל איך טאג אונ נאכט לערנען האט רבי אבא אים גיפרעגט וויא הייסטו האט ער גיזאגט איך הייש אליעזר האט רבי אבא אים גיזאגט דיין נאמען האט דיר גורם גיוועזן אז דוא זאלשט תשובה טאן אונ גאט האט דיר גיהאלפין אונ וועט דיר העלפין דען אליעזר מאכט אלי עזר דאש איז טייטש מיין גאט העלפט מיר האט רבי אבא אים אוועק גישיקט אונ האט אים גיבענטשט: (ח) אמאל איז רבי אבא גיגאנגען צוא רשב"י איז ער גראד גיקומען אין דער שטאט וואו דער אליעזר האט גיוואונט · האט רבי אבא אים גיפונען דאש ער איז גיזעסין אונ האט גידרשת דעם פסוק איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת האט גיזאגט דער אליעזר וויא נארעש זיינען דיא מענטשן פון דער וועלט דאש זיי פרעגין ניט אונ ווייסין ניט אונ קוקין ניט צוא ווייסין דעם וועג פון גאט ב"ה אויף וואש דיא וועלט שטייט · ווער

איז

מעכב להו למינדע פשטות דלבהון דלא ידעי לאשתדלא באורייתא דאילו הוי משתדלי באורייתא למינדע אורחא דקודשא בריך הוא הוי ידעין וזה בער לא ידע לעסוק בתורה וכסיל לא יבין את זא"ת זא"ת נימוסין דשכינה דאיקראת זא"ת כד"א בזאת יבא אהרן אל הקודש: (ט) והוא כי נימוסין דשכינה הוא לייסר את הצדיקים בעולם הזה למען יירשו העולם הבא ולהרשעים משלמת קצת טובות בעוה"ז עבור קצת מצות שעשו בעוה"ז כדי לטורדן מן העולם הבא ומי שהוא כסיל לא יבין את זאת נימוסין הזאת ומתמיה ומהרהר חס ושלום ואמר ראה זה צדיק וישר מדוכא ביסורין ואנו יושבים בשלוה ומתגברין והולכין בלי סיבה ומצליחין בכל עסקינו אבל החכם עיניו בראשו ויודע הענין כי מה שהרשעים הולכין ומצליחין בלתי סיבה זהו בפרוח רשעים כמו עשב ויציצו כל פועלי און כדי להשמדם עדי עד מן העולם הבא שהוא עולם של חיים נצחים עדי עד ושם יהיו אפר תחת כפות רגלי צדיקים כד"א ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם פתח עוד ודרש האי גברא כתיב בספר איוב ויקם בי כחשי בפני יענה במאי קא מיירי אמנם הענין הוא כי מי שהוא חוטא והולך אחר שרירות לבו ואינו חושב על תכלית וסוף האדם אשר הולך למות ואחר כך צריך ליתן דין והשבון לפני יוצר הכל כשבא לפני הדין אזי כל הרעות והפשעים שעשה הן רשומים וחקוקין באנפוי דיליה והנה עלאי ותתאי (דהיינו מלאכים העליונים וגם כתות מלאכים הטסים תחת הרקיע) כולם מסתכלין בהאי רשימא שמראה על חטאין ופשעין ומקללין אותו ואומרים עליו ווי כד יבא יומך ותפול ביד האכזרים לשפוך דינים קשים ומרים ופתאום תתהפך שעתך ואין מרחם לך ואין מליץ יושר מדבר טוב בעדך והקדושה תתרחק מיניה והטומאה הולכת וגוברת בכל גופיה ומתדבקת ביה: (י) ובאלו הימים שהרשימה היא במצחו מחמת עונו אם אשתו היא מעוברת ממנו יהיה הולד בן עז פנים אלם

בעל

איז זייא מעכב פון צוא ווישן גאטש וועג דאש איז נאר זייער נארעש הארץ דאש זייא ווייסן ניט תורה צוא לערנן · ווארום אז זייא זאלין יוא לערנן תורה וואלטין זייא גיוואוסט דעם וועג פון גאט ב"ה אונ דאש מיינט דער פסוק איש בער לא ידע דער אויש גילערטער מענטש ווייש ניט תורה צוא לערנען וכסיל לא יבין את זאת אונ דער נאר ווייסט ניט דעם נימום פון דער שכינה וואש זיא ווערט גירופין זאת: (ט) דען דער נימום פון דער שכינה איז צוא שטראפין דיא צדיקים אויף דער וועלט כדי זייא זאלין ירשנען יענע וועלט אונ צוא דיא רשעים בצאלט זיא אביסל גוטש אויף דער וועלט פאר דיא מצות וואש זייא האבין גיטאן כדי זייא צוא פאר טרייבין פון עולם הבא אונ דער נאר פאר שטייט דאש ניט אונ פאר וואונדרט זיך אונ איז מהרהר אונ זעהט דער צדיק איז צוא שטויסין מיט יסורים אונ דיא רשעים זיצין בשלוה אונ שטארקין זיך אונ זיינן מצליח אין אלע זייערע עסקים · אבר דער חכם פאר שטייט אונ ווייסט אז דאש וואש די רשעים באגליקן דאש איז פון וועגין זיי צו פר טיליגן אויף עולם הבא · אונ דארטין וועלין זייא זיין אש אונטער די פיס פון די צדיקים אזו וויא עש שטייט אין פסוק ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם אונ איר וועט צוא טרעטין די רשעים דען זייא וועלין זיין אש אונטער אייערע פיס: נאך האט דער אליעזר גידרשת עש שטייט אין איוב ויקם בי כחשי בפני יענה אונ מיין ליגן טוט אויף מיר אויף שטיין אונ טוט בצייגן אין מיין פנים דען דער וואש זינדיגט אונ גייט נאך תאות לבו · אונ טראכט ניט אויף זיין סוף דאש ער וועט שטארבין אונ וועט מוזין אפ געבן דין וחשבון פאר דעם וואש האט אלץ בשאפין · אז ער קומט פאר דעם דין זיינען פאר צייכינט אונ אויש גיקריצט אויף זיין פנים אלע זינד וואש ער האט גיטאן; אונ נון דיא אויבערשטע מלאכים אונ אויך דיא מלאכים וואש שוועבן אונטער דעם הימל דיא אלע קוקין אין דעם צייכן וואש ווייזט אויף דיא זינד וואש ער האט גיטאן שילטין זייא אים אונ זאגין אויף אים · וויא אז דיין טאג וועט קומן אונ דוא וועשט אריין פאלין אין דיא הענט פון דיא אכזרים צו פאר גיסן אויף דיר ביטערע אונ שווערע דינים · אונ פלוצלונג וועט דיין שעה פאר קערט ווערין · אונ קיינער וועט זיך אויף דיר ניט דער בארמן אונ קיין מליץ יושר וועשטו ניט האבין ער זאל פאר דיר ריידין גוטש · אונ דיא קדושה וועט זיך דער ווייטערין פון דיר אונ די טומאה וועט זיך שטארקן אין גאר דיין גוף אונ וועט זיך אין דיר בהעפטין: (י) אונ אין דיא טעג וואש דיא זינד זיינען פאר צייכינט אין זיין שטערין · אויב זיין ווייב ווערט דערנאך פון אים מעוברת וועט דאש

קינד

בעל זרוע הגורם היזק חבירו בערמה אינו מקבל תוכחה ועל אלין בנים קרא עליהון בזוהר דאלין הן אינון חייבין דדרא דמאריהון שרין להון (פי' הקב"ה חפץ לעשות רצון חפצם בעוה"ז כדי שיהיו כלין בעוה"ב) כדי לשיצאון בעלמא דאתי ועל זה אמר איוב כחשי בפני יענה אבל אינון צדיקי הדור הישרים והתמימים במעשיהם הטובים רודפי צדק וחסד בעלי אמונה המתחרטים במעשיהם הרעים וכל יום מכינים עצמן ליום הדין ויום הפקודה כדי לבא בקדושה ובטהרה לפני כסא הכבוד אזי כל מעשיהן הטובים נרשמים ונחקקים במצחן לטובתן: (יא) ובהסתכלות בהן מלאכין עילאין ותתאין מברכין אותו ואומרים דין ברא קדישא לקב"ה ברא חביבא דמשמח אביו שבשמים והסטרא אחרא בורחת ממנו והקדושה מתדבקת בו ומתגברת יום יום אשרי לו ואשרי חלקו אמרו לו השומעים רבי מנא לך הא דשפיר קאמרת: (יב) אמר להן כי נעשה לי רשימא חד באנפי ע"י חובא וע"י זכאה אזיל מיני רשימא א"ל ר' אבא מה שמך אמר ליה אליעזר א"ל בריך רחמנא דחמינא לך וזכינא למחמי לך זכאה חולקך בעלמא דין זכאה חולקך בעלמא דאתי: (יג) א"ל ר' אבא אנא הוא דארענא לך באורחא אשתטח קמיה עייל ליה לביתיה אתקין קמיה קורטיסא דנהמא וחד עגלא תילתא וראה ר' אבא דהוי הוא מושלם בתורה ובחסידות קרא עליו אתה שלום וביתך שלום וכל אשר לך שלום שלום לך בעוה"ז שלום לך בעוה"ב:

פרק כג **איתא** בברייתא דר' ישמעאל כהן גדול אמר לי מטטרון שר הפנים כאשר ביקש אותי הקב"ה להעלני בשמי שמים שיגר לי תחלה את (ענפיאל) השר ונטלני מן דור אנוש לעיני כולם והרכיבני על כרוב גדול וברכב וסוסי אש ובמשרתי העליונים העלוני השכינה לשמש במרום·

וכיון

קינד זיין איין עזות פנים איין אלים אונ ער וועט ניט פאר נעמן קיין שטראף רייד · אונ דיא קינדער רופט דער זוהר · דיא זיינען דיא רשעים פון דעם דור · וואש גאט ב"ה טוט זייא זייער ווילין אויף עולם הזה כדי זייא צוא פאר לענדין אויף עולם הבא · אונ אויף אזעלכין האט איוב גיזאגט כחשי בפני יענה מיין ליגן אונ מיינע איבעריגע עבירות טוען בצייגן אין מיין פנים · אבר דיא צדיקים פון דעם דור · דיא רעכט פארטיגע · דיא וואש טוען מעשים טובים וואש זייא יאגין נאך גרעכטיקייט אונ חסד · אונ גלויבין אין גאט דיא וואש האבין חרטה אויף זייערע שלעכטע מעשים אונ איטליכן טאג בריטין זייא זיך אן צום יום הדין כלומר זייא פאר געסין ניט אלע טאג אז זייא וועלין מוזין דין אונ חשבון געבין · כדי צו קומן מיט קדושה אונ טהרה פאר דעם כסא כבוד בייא דיא ווערין פאר צייכנט אונ אויש גיקריצט אין זייער שטערין אלע זייערע גוטע מעשים פון זייער טובה וועגין: (יא) אונ אז דיא מלאכים קוקין אויף זייא בענטשין זייא צוא איטליכן אונ זאגין דאש איז דער הייליגר זון צוא גאט ב"ה דער גיליבטר זון וואש ער איז משמח צוא גאט ברוך הוא אונ דיא סטרא אחרא אנטלויפין פון אים אונ דיא קדושה ווערט אין אים בהעפט אונ שטארקט זיך אלע טאג וואול איז אים אונ וואול איז זיין חלק · האבין גיזאגט צו אים די וואש האבין דאש גיהערט פון וואנען ווייסטו דאש אז דוא זאגסט רעכט: (יב) האט ער זיי גיענפרט דען ביי מיר איז גווארין אמאל איין צייכין אין מיין פנים איבער איין עבירה וואש איך האב גיטאן · אונ דורך דעם וואש איך האב תשובה גיטאן איז דער צייכין אוועק גיגאנגן פון מיר אונ דורך דעם וואש איין צדיק האט מיך גיבענטשט וסר עונך וחטאתך תכופר איז דער צייכין פון מיר אוועק גיגאנגן · האט רבי אבא אים גיפרעגט וויא הייסטו האט ער גיזאגט איך הייש אליעזר האט זיך רבי אבא דער מאנט אן דער גאנצר מעשה אונ האט אים גיזאגט גילובט איז גאט וואש איך האב דיך זוכה גיוועזן צו זעהן וואול איז דיין חלק אויף דער וועלט · אונ וואול איז דיין חלק אויף יענער וועלט: (יג) האט רבי אבא צו אים גזאגט איך בין עש גיוועזן דער וואש האט דיך דער מאלט בגעגנט אין וועג אונ האב דיך גיבענטשט · האט ער פאר בעטין דעם רבי אבא צוא זיך אהיים אונ האט גימאכט פאר אים אגרוישע סעודה · האט רבי אבא גיזעהן אז ער איז איין מושלם אין תורה אונ אין פרומקייט האט ער גילייענט דעם פסוק אויף אים אתה שלום וביתך שלום וכל אשר לך שלום דוא בישט שלום אונ דיין הויז איז שלום אונ אלץ וואש דוא האשט איז שלום · שלום זאל צוא דיר זיין אויף דער וועלט · שלום זאל צוא דיר זיין אויף יענער וועלט:

פרק כג איתא עש שטייט אין דער ברייתא פון רבי ישמעאל כהן גדול· דער מלאך מט"ט שר הפנים דאש איז גיוועזן חנוך האט ער מיר גיזאגט · אז גאט ברוך הוא האט מיך גיוואלט אויף ברייגן אין די הויכע הימלען

אריין

נרמזים בפ׳ האזינו רק שצריך סייעתא דשמיא למי שיזכה להבין כל הענינים וסודות אשר שם ובעיני היה זה מהנמנע עד שבשביל כן נקבע בלבבי החטא שאין האמת הוא כמו שאמר הרב הרמב״ן ונהפכתי לאיש אחר : (י) ויען הרמב״ן עדיין אני אומר כן שכדברי כן הוא שהכל נרמז ומבואר בפרשת האזינו ואם לא תאמין שאל ואגיד לך ויתמה התלמיד ההוא ויאמר א״כ כדבריך הראני אם תמצא את שמי שהוא אבנר בפ׳ האזינו והתפלל הרמב״ן אל ה׳ בכל לבבו ונפשו בקרן זוית ובא פסוק הזה בפיו אמרתי אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם ואותיות שלישיות מן פסוק זה הן ר״ת ר׳ אבנר : (יא) וכשמוע התלמיד את הדבר חרד מאוד ויפול על פניו ושאל להרמב״ן אם יחזור בתשובה יהיה לו תיקון ותרופה ותיכף הלך אותו התלמיד ולקח ספינה אחת בלא ספן וחבל ומלח והלך עם הספינה באשר הוליכו וצעק במר נפש ועדיין לא נודע ממנו מאומה ואחר כך הרבה הרב הרמב״ן ז״ל בתפלה שיהיה לו מקצת כפרה : (יב) ואחר זמן רב בא להרב בחלום והחזיק לו טובה שגרם תפלתו להוליכו להתלמיד הנ״ל שהיו דנין אותו דינים הרבה ואחר י״ב חודש יהיה לו מזור ותרופה להוליכו לגן עדן הרי ראה שהכל הוא תלוי בתפלה שיהיה לו מקצת כפרה ובפרט בבהכ״נ שהוא מקום מיוחד לתפלה ומסוגל בבית הכנסת לטהר מחשבות לב האדם וכמשרז״ל כנחלים נטיו וגו׳ ולמה נמשלו בתי כנסיות לנחלים לומר לך מה נחל זה מביא את האדם מטומאה לטהרה אף בהכ״נ מטהרין וכו׳ : (יג) על כן צריך האדם להתבודד בהתבודדות בבהכ״נ וידבר בכל לבו לפני יודע מחשבות ב״ה וירבה בדמעות ויתאנח בכל לבו בשברון לב בזכרו על חטאיו חטאת נעוריו אשר לב האדם יודע מרת נפשו מה שחטא וקלקל בימי נעוריו והכל רשום וחקוק למשמרת ואם שב בתשובה שלימה ימחו פשעיו ומתטהרות ומתלבנות הכתמים והפגמים ובמקום הדין ועונש שם תעמוד לו ישועה והצלה כאשר עין בעין יראה בבואו לפני כסאו יתברך לדין וחשבון בעת שיקראו למשפט

אשר

דאזיגר מדה דאש דוא האשט גלייקנט אין דער תורה׳ האט דער תלמיד אים גיענטפערט דען איך האב איין מאל גיהערט דוא האשט גידרשת אז אין דער פרשה האזינו זיינן כלול אלע מצות אונ אלע זאכין פון דער וועלט ׳ נאר דער צוא דארף מען האבין איין סייעת דשמיא צוא פאר שטיין אלע ענינים אונ סודות וואש דארטין זיינן פאר האנדין אונ מיר האט זיך גידאכט דאש איז ניט גימאלט ׳ ביז פון וועגין דעם איז איין גיזעצט גיווארין דיא זינד אין מיין הארץ אז דוא זאגשט ניט אמת דרום האב איך דאש גיטאן : (י) האט דער רמב״ן גיענטפערט איך זאג נאך היינט אויך אזו עש איז אליך מרומז אין דער פרשה האזינו ׳ אונ אויב דוא ווילשט ניט גלייבן פרעג וועל איך דיר זאגין ׳ האט דר תלמיד זיך פר וואונדרט אונ האט גיזאגט צוא דעם רמב״ן אויב עש איז אמת וויא דיינע רייד זיינען ׳ וויז מיר אויב דוא וועסט גפינן מיין נאמן אין דער פרשה האזינו ׳ האט דער רמב״ן מתפלל גיוועזן צו גאט אין איין ווינקעלע מיט גאר זיין הארץ ׳ איז גיקומן דער פסוק אין זיין מויל אריין וואש עש שטייט אין האזינו אמרתי אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם דען דיא דריטע אותיות פון דעם פסוק מאכין ר׳ אבנר : (יא) וויא דר תלמיד האט דר הערט דיא דאזיגע זאך האט ער זיך זייער דער שראקין אונ איז גיפאלין אויף זיין פנים אונ האט גיפרעגט צוא זיין רבי דער רמב״ן אויב אז ער וועט תשובה טאן וועט ער האבין עפיש איין תיקון ׳ איז דער תלמיד תיכף גיגאנגן אונ האט גינומען איין שיף אן איין שום שיפר ׳ אונ איז אוועק גיגאנגען מיט דער שיף וואו היך זיא וועט אים פירן אונ האט גישריען מיט אביטער גישרייא דער נאך האט דער רמב״ן פיל תפלה גיטאן אז ער זאל חאטשע האבן אביסל איין כפרה : (יב) אין איין לאנגע צייט ארום איז ער גיקומען צוא חלום צו דעם רמב״ן אונ האט אים מחזיק טובה גיוועזן דאש זיין תפלה האט גורם גיוועזן צוא משפטין דעם תלמיד אונ נאך צוועלף חדשים וועט ער האבין איין תרופה דאש מען וועט אים פירן אין גן עדן אריין ׳ נוא זעה אז אליך היינגט אן אין תפלה אז ער זאל האבין חאטשע אביסיל איין כפרה ׳ אונ בפרט אין שול וואש איז איין מקום מיוחד צוא טאן תפלה אונ אין שול איז מסוגל צוא ריינגן די מחשבות פון דעם מענטשן ׳ (יג) דרום מוז דער מענטש זיך גיוואונן תפלה צוא טאן אין שול אונ זאל ריידין צוא גאט ב״ה וואש ער ווייסט מחשבות מיט גאר זיין הארץ ׳ אונ זאל טערין צו וויינן אונ זאל זיפצין מיט גאר זיין הארץ אונ מיט איין צוא בראכין הארץ ׳ אז ער דר מאנט זיך אויף זיינע זינד זיינע חטאת נעורים דאש הארץ פון דעם מענטשין ווייסט דאש ביטערקייט פון זיין הארץ וואש ער האט גיזינדיגט אין זיינע יונגע טעג ׳ אונ אליך איז פאר צייכינט אונ אויש גיקריצט כדי עש זאל גיהיט ווערין ׳ אונ אז ער טוט איין רעכטע תשובה ווערין זיינע זינד אפ

גימעקט

אשר יגזור עליו השי"ת פתאום: (יד) על כן יעסוק האדם בתפלה כי זה יום בא פתאום כנשר יעוף וה' ברחמיו יקבל נשמתו בעת פקודתו כי יפקוד לבא משלום אל שלום על כן הכלל העולה שאל יהיה תפלה קל בעיניך שהרי השר הגדול מטטרון ממונה על התפלות וכאשר האדם זוכר למטטרון שנהפך מבשר לאש בשביל צדקתו אף אתה תמים תהיה עם ה' אלהיך וצדיק וצדק לפניו יעמוד:

פרק כד **כתבו** ספרי המקובלים אזהרה על האדם להיותו הולך יחידי בלא הרהור תורה או דברי יראה כי אז מתדבק בו הסט"א ומבואר בספר הזוהר פ' וישלח שאפילו בהיותו הולך יחידי בעיר בשעה שאין ב"א מצויין ברחוב אז גם כן מתדבק בו הס"א ולא יפטר בלתי היותו נכשל באיזה עון בזה היום: (ב) על כן יזהר להתנהג בזה האופן אם הוא משכים או מעריב לצאת יחידי לצרכו בעיר שאז אין בני אדם מצויין כל כך יאמר לפני המזוזה פסוק השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך ולכוין הניקוד שתחת השם שהוא גמטריא ע"ב כמנין חסד וגם מצאתי כתוב בשם גדול א' מחכמי אשכנז כשהאדם רוצה להשכים לילך בדרך חוץ לעיר יאמר פסוק גול על ה' דרכך ובטח עליו והוא יעשה ויכוין גם כן בנקודותיו שעולה כמנין ע"ב חסד ואז הוא ניצול שלא יתדבק בו ס"א אכן בתרווייהו צריך על כל פנים שיהרהר גם כן בדברי תורה או בדברי יראה בהליכתו ואז הוא ניצול שלא יתדבק בו הס"א אכן בהליכתו לדרך צריך שמירה יותר ועל כן יתפלל בדרך תפלת הדרך: (ג) צריך האדם לקבל עליו גם כן שלא יהיה קמצן ביותר אף על פי שביד הקב"ה הוא להטות לב האדם כרצונו ברוך הוא להיות האדם ותרן או קמצן מ"מ יותר טוב שהאדם הוא מתעורר מעצמו להיות ותרן וא"צ להתפלל ע"ז גם צריך האדם לראות שלא

גימעקט אונ עש ווערן גיריינקט אונ ווערן ווייש די כתמים אונ די פגמים וואש ער האט גימאכט מיט זיינע זינד אונ אן שטאט פון דין אונ עונש וועט אים זיין איין הילף אונ בשירמונג: (יד) דרום זאל דר מענטש תפלה טאן מיט כוונה ווארום דער טאג פון דעם טויט קומט פלוצלונג אזוא וויא איין אדלר שוועבט ער: אונ גאט וועט מקבל זיין זיין נשמה מיט זיין רחמנות אין דער צייט אז ער וועט שטארבין אונ וועט קומען פון שלום צוא שלום. דרום איז דער כלל אז דיא תפלה זאל ניט גרינג זיין אין דיינע אויגן דען דער גרוישר שר מט"ט איז ממונה איבר די תפלות. אונ אז דער מענטש גידיינקט וויא מט"ט איז פר קערט גיווארן פון פלייש צו פייער פון וועגין זיין צדקות אזו זייא דוא אויך גאנץ מיט דיין גאט. אונ דיא מדה פון צדיק אונ דאש גירעכטיקייט וועט פאר דיר שטיין:

פרק כד כתבו דיא ספרי המקובלים שרייבין אז איטליכר מענטש זאל נזהר זיין ער זאל ניט גיין אליין אן איין הרהור תורה אדער דברי יראה ווארום אז ער גייט יוא אליין אן איין הרהור תורה ווערט דיא סטרא אחרא בהעפט צוא אים. אונ אין זוהר שטייט דאש אפילו אז ער גייט אליין אין שטאט אין דער צייט אז קיין מענטשין זיינע ניט גיוואונטליך אין דער גאס אונ איז ניט מהרהר קיין תורה ווערט אויך בהעפט צוא אים דיא סטרא אחרא אונ ער ווערט ניט פטור אז ער זאל דעם טאג ניט גישטרויכלט ווערין אין איין עבירה ח"ו. (ב) דרום זאל ער נזהר זיין אזוא זיך נוהג צוא זיין דאש אז ער פעדערט זיך אודר ער שפעטיקט זיך צוא גיין אין שטאט אליין וואש דענמאלט זיינען ניט שכיח קיין מענטשין אויף דער גאס. זאל ער זאגין פאר דער מזוזה דעם פסוק השלך על יי יהבך והוא יכלכלך אונ זאל מכוין זיין אז דיא נקודות וואש שטייען אונטער דעם שם טרעפין אן צווייא אונ זיבעציג אזוא פיל וויא דיא צאל פון דעם ווארט חסד: אונ איך האב אויך גיפונען שטיין גישריבן פון איין גדול אז דער מענטש וויל זיך פעדערין צוא גיין אליין אין וועג חוץ פון דער שטאט זאל ער זאגין דעם פסוק גול על ה' דרכך ובטח עליו והוא יעשה אונ זאל אויך מכוין זיין אז זיינע נקודות טרעפין אן צווייא אונ זיבעציג אזוא וויא דיא צאל פון חסד. אונ דענמאלט ווערט ער ניצול דאש דיא סטרא אחרא ווערט ניט בהעפט צוא אים. נאר ער מוז פון דעסט וועגין מהרהר בדברי תורה זיין אין זיין גיין דענמאלט ווערט ער נצול די סטרא אחרא זאל זיך ניט בהעפטין צו אים. אבר אז ער גייט אין וועג מוז ער מער היטונג האבין. דרום זאל ער מתפלל זיין דיא תפלת הדרך: (ג) אונ דער מענטש מוז אויף זיך מקבל זיין ער זאל קיין גרוישר קמצן ניט זיין. חאטשע עש איז דאך ביא גאט אין דיא הענט צו נייגין דאש הארץ פון דעם מענטשין אזוא וויא זיין ווילן איז דער מענטש זאל זיין איין וותרן אדר איין קמצן. פון דעשט וועגין איז בעסער אז דער מענטש אליין דער וועקט זיך דער צוא

(ב) וכיון שהגעתי למרום למקום החיות הקודש והאופנים ושרפים וכרובים וגלגלים של המרכבה ומשרתי אש אוכלה אש הריחו את ריחי מרחוק ה' אלפים וש"ם רבוא פרסאות ואמרו רבש"ע מה לילוד אשה בינינו שהוא טפה סרוחה שהוא עולה בשמי מרום לשמש בנו ובחצובי שלהבת: (ג) והשיב להם הקב"ה יתעלה ואמר להם משרתיי וצבאיי כרוביי ושרפיי גלגליי ואופניי אל ירע לבבכם בדבר הזה כי כל בני אדם כפרו בי ובמלכותי הגדולה והלכו אחר שרירות לבם ועבדו עבודת גלולים וסילקו שכינתי מביניהם וזהו אשר עמד בנסיון והאמין בכבוד גדולתי ונטל הקב"ה אותי ופתח לי ת"ר אלפים שערי חסד וש' אלפים שערי בינה וש' אלפים שערי חיים וש' אלפים שערי אהבה וש' אלפים שערי גבורה וש' אלפים שערי תורה וש' אלפים שערי פרנסה וש' אלפים שערי יראת חטא: (ד) ומאותה שעה והלאה הוסיף לי הקב"ה חכמה על חכמה ובינה על בינה ודעת על דעת ורחמים על רחמים וגבורה על גבורה וכח על כח וחיל על חיל וזוהר על זוהר ויופי על יופי ותורה על תורה ואהבה על אהבה וחסד על חסד וחמדה על חמדה וענוה על ענוה ותואר על תואר והוד על הוד ונתכבדתי ונתפארתי בכל מדות הללו הטובות והמשובחות יותר מכל בני אדם: (ה) ואחר כל המדות הניח הקב"ה את ידו עלי וברכני ת"ק אלפים וש"ם ברכות ונתרוממתי ונתגברתי שיעור ארכו ורחבו של העולם והעלו לי ע"ב כנפים ל"ו מצד זה ול"ו מצד זה וכל כנף הוא כמלא עולם וקבע בו ת"ק אלפים וש"ם עינים וכל עין ועין הוא כמלא אור גדול ולא הניח שום דבר זיו וזוהר אשר בכל האורות העליונים שלא קבע בי והנה מבואר שנתן לו הקב"ה כמה חלונות
המיוחדים

ארייַן · האט ער מיר פריער גישיקט דעם שר (ענפיאל) אונ האט מיך צוא גינומען פון דעם דור אנוש אונ אלע האבין דאש גיזעהען אונ האט מיך גימאכט רייטין אויף איין כרוב אונ מיט פייערדיגע פערד אונ מלאכים פון דעם הימל האט דיא שכינה מיך ארויף גיבראכט צוא באדינען אין היכל (ב) אונ אז איך בין שוין גיקומען אין הימל ארייַן צוא דעם ארט פון דיא חיות הקודש אונ דיא אופנים אונ כרובים אונ דיא גלגלים פון דער מרכבה · אונ דיא פייערדיגע מלאכים וואש זייא פאר ברענען פייער · האבין דער שמעקט מיין ריח פינף טויזינט אונ דרייא הונדערט אונ זעכציג רבוא מייל ווייט האבין זייא גיזאגט רבש"ע וואש האט דא צוא טאן אזעלכער וואש ער איז גיבארין פון איין אשה וואש ער קומט ארויש פון איין טפה סרוחה · דאש ער זאל זוכה זיין אויף צוא גיין אין דיא הויכע הימלן צוא בדינען מיט אונז אונ מיט דיא מלאכים וואש זיינען אויש גיהאקט פון פייער: (ג) האט גאט ב"ה זייא גיענפערט מיינע בדינערס אונ מיין חיל · מיינע כרובים מיינע שרפים מיינע גלגלים לאז דאש אייך ניט פאר דריסען דען אלע מענטשן האבין גלייקינט אין מיין גרויסע מלוכה · אונ זיינן נאך גיגאנגען נאך תאות לבם אונ האבין גדינט עבודת גילולים אונ האבין אפ גיטאן מיין שכינה פון צווישן זייא אונ דער חנוך איז באשטאנען אין דעם נסיון אונ האט גיגלויבט אין דעם כבוד פון מיין אכפערקייט אונ גאט ברוך הוא האט מיך גינומען · אונ האט מיר גיעפענט ת"ר אלפים טויערין פון חסד · אונ ש"ן אלפים טויערין פון בינה · אונ ש"ן אלפים טויערין פון חיים אונ ש"ן אלפים טויערין פון ליבשאפט ש"ן אלפים טויערן פון גבורה · ש"ן אלפים טויערן פון תורה ש"ן אלפים טויערן פון פרנסה ש"ן אלפים טויערן פון יראת חטא: (ד) אונ פון דר צייט אן אונ ווייטר האט גאב ב"ה מיר גימערט חכמה אויף חכמה אונ בינה אויף בינה אונ דעת אויף דעת אונ דר בארימקייט אויף דר בארימקייט · אונ שטארקייט אויף שטארקייט אונ כח אויף כח אונ לויטערקייט אויף לויטרקייט אונ שיינקייט אויף שיינקייט · אונ תורה אונ ליבשאפט אונ חסד אונ גילושטיקייט אונ ענוה אונ שיין גישטאלט אונ לויבונג · אונ איך בין גיערליכט אונ בשיינט גיווארין אין דיא אלע גוטע אונגיליבטע מדות מער פון אלע מענטשן: (ה) אונ נאך די אלע מדות האט גאט ב"ה גילייגט זיין האנט אויף מיר אונ האט מיך גיבענטשט מיט פינף הונדרט טויזינט אונ דרייא הונדערט מיט זעכציג ברכות אונ איך בין ווארין דער הויבין אונ בין ווארין גישטארקט אזוא וויא דיא לייגג אונ דיא ברייט פון דער וועלט · אונ האט מיר אויף גיבראכט צווייא אונ זיבציג פליגל זעקס אונ דרייסיג פון איין זייט אונ זעקס אונ דרייסיג פון דער אנדערער זייט אונ איטליכר פליגל איז אזוא גרויש וויא דיא גאנצע וועלט אונ האט מיר גינעבין פינף הונדערט טויזינט מיט דרייא הונדערט אונ זעכציג אויגין · אונ איטליכש אויג שיינט אזוא וויא איין גרויש ליכט · אונ האט ניט איבר גלאזט קיין שום לויטרקייט וואש איז אין אלע אויבערשטע
ליכט

המיוחדים להכמה ולפרנסה וכו׳ ועל כל אשר האדם מוכרח אליו הוא בידו ואלו הן תורה ויראה חכמה ופרנסה: (ו) וכל מי שיצטרך להקב״ה אזי התפלה בא לידו הן שמתפללים על דבר קטן והן על דבר גדול ואחר כך הוא מכנים התפלה לפני ולפנים לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה שהוא שומע תפלת ישראל ברחמים ב״ה וב״ש כי הכל תלוי ברצונו ולא צרכי הגוף בלבד אלא אפילו צרכי הנשמה כגון מי שיודע בעצמו שיש בו מדה רעה שהוא רוע לב או שאר מדה מגונה שהוא רגיל בה ובמסתרים תבכה נפשו על זה לפני הקב״ה אשר בידו להטות לבבות ליראתו אז הקב״ה מסייעו להפוך לבבו העיקש או שאר מדות הרעות: (ז) ולא עוד אלא שהקב״ה מזכה אותו למי שהתפלל אליו בלב שלם שהוא מזכה את אחרים אם רואה שאר בני אדם ומכל שכן קרוביו או בניו שהולכים בדרך לא תמים שצריך להתפלל עליו תחלה שיתמו חטאים ויחזרו בתשובה ואח״כ אם ח״ו יראה שלא הועיל תפלתו יראה להוכיחם אולי ימצא עת רצון שהקדוש ברוך הוא יתן בלבב האנשים המורדים בו שיחזרו בתשובה ויהיה גם כן לו נחת רוח שהקב״ה שמע תפלתו להשיב לב הרשעים לעשות תשובה: (ח) כדמצינו מעשה ברמב״ן ז״ל שהיה לו תלמיד אחד שכפר באלהים ושמו רבי אבנר ומחמת רוב חכמתו נעשה חשוב גדול ויהי היום שהיה יום הכפורים שלח להרב הרמב״ן שיבא אליו ובא לפניו ולקח בפני הרב הרמב״ן ז״ל ארנבת א׳ ונחרה ובשלה ואכלה ואחר כך שאל להרמב״ן רבי על כמה כריתות עברתי היום והשיב לו על ארבע כריתות ואמר לו התלמיד הנזכר לעיל הלא על חמשה לאוין עברתי והתחיל לפלפל עמו עד שהרמב״ן הודה שעבר על חמשה לאוין של כריתות: (ט) ושאל הרמב״ן אותו הגידה נא לי מי הביאך אל מדה זו שכפרת בתורת משה והשיב לו כי פעם אחת שמעתי שדרשת שיש בפ׳ האזינו כלולים כל המצות וכלולים כל עניני העולם וכולם נרמזים

ליכט וואש ער האט אין מיר ניט קובע גיוועזן · אונ האט מיר גינעבין פיל פענסטר וואש זיינען מיוחד צו חכמה אונ פרנסה · אונ האט אים גימאכט ממונה איבער אלמען וואש דער מענטש דארף דאש איז תורה אונ יראה אונ חכמה אונ פרנסה: (ו) אונ ווער עש דארף צו גאט ב״ה אונ בעט עם פון אים׳קומט פריער די תפלה צו מט״ט אונ דר נאך ברייננט ער דיא תפלה אריין פאר הש״י וואש ער הערט צו דיא ישראל מיט גרויש דער בארימהערציקייט גילויבט איז ער אונ גילויבט איז זיין נאמען דען אלץ הייננט אין זיין ווילין · אונ ניט נאר דאש באדערפעניש פון דעם גוף אליין נאר אפילו דאש באדערפעניש פון דער נשמה · דהיינו דער וואש ווייסט ביי זיך אז ביי אים איז פר האנדין איין שלעכטע מדה דאש ער האט אשלעכט הארץ אדער אנדערע שלעכטע מדה וואש ער איז דרינען גיוואונט · אונ ער ויינט אין פאר בארגעניש פאר גאט ב״ה וואש אין זיין האנט איז צוא נייגין דיא הערצער צוא זיין פארכט · דענמאלט העלפט אים גאט ב״ה צו פאר קערין זיין קרום הארץ אדר צוא פאריכטן זיינע שלעכטע מדות: (ז) אונ נאך מער גאט ב״ה איז מזכה צוא דעם וואש דאבינט פאר אים מיט דעם גאנצין הארץ · ער זאל בעטין פאר אנדערע אויך דאש אז ער זעהט אנדערע מענטשין אונ מכל שכן זיין קרוב אדער זיין זון גייען ניט אין קיין גוטין וועג · מוז ער פריער אויף זייא מתפלל זיין אז זייא זאלין תשובה טאן · דער נאך אז ער זעהט ח״ו אז זיין תפלה האט ניט גיהאלפין זאל ער זייא שטראפין · טאמר וועט ער קריגן איין עת רצון אז גאט ב״ה וועט געבין אין זייער הארץ זייא זאלין תשובה טאן · דען וועט ער אויך האבין נחת רוח אז גאט ב״ה האט צוא גיהערט זיין תפלה ווידער צוא קערין דאש הארץ פון די רשעים זיי זאלן תשובה טאן: (ח) אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה · דער רמב״ן ז״ל האט גיהאט איין תלמיד וואש ער האט כופר גיוועזן אן גאט אונ זיין נאמען איז גיוועזן רבי אבנר אונ מחמת ער איז גיוועזן איין גרוישער חכם איז ער גיווארין איין גרוישער חשוב ויהי היום האט ער גישיקט אום יום כפור צוא דעם הרב רמב״ן ער זאל קומען צוא אים איז ער גיקומען צוא אים · האט דער שר גינומען איין האז אונ האט אים גישאכטין אונ גיקאכט אונ גיגעסין פאר דעם הרב רמב״ן אין דיא אויגין דער נאך האט ער גיפרעגט צוא דעם רמב״ן רבי אויף וויפיל כריתות האב איך עובר גיוועזן היינט · האט דר רמב״ן אים גיענטפערט אויף פיר כריתות האט דער תלמיד אים גיזאגט איך האב דאך עובר גיוועזן אויף פינף לאוין · האט ער זיך מיט אים אזוא לאנג מפלפל גיוועזן ביז דער רמב״ן האט אים מודה גיוועזן אז ער האט עובר גיוועזן אויף פינף לאוין וואש מען איז אויף איטליכן לאו חייב כרת: (ט) האט דער רמב״ן אים גיפרעגט זאג מיר ווער האט דיך גיבראכט צוא דער

יהיה פזרן ביותר ליתן צדקה יותר מכדי יכולתו וסופו שהוא בעצמו יצטרך לבריות: (ד) ונחזור לענינגו שטוב לאדם להתפלל תפלת הדרך בביתו קודם יציאתו לדרך כמ"ש בזוהר פ' בשלח ר' אבא פתח ואמר נכון מאוד להתפלל תפלת הדרך בביתו קודם צאתו וטוב לומר פ' עקדה ועיין בזוהר פ' וישלח ר' אליעזר ורבי אבא ורבי יצחק הוי קאזלי בדרך ומטא זמן ק"ש קם ר' אליעזר וצלי וקרי ק"ש עם צלותא א"ל ר' יצחק והא תנינן דעד לא יפוק בר נש לאורחא צריך לנטלא רשות ממאריה ולצלי צלותא א"ל דכד נפקנא לאורחא לא הוי זמנא של ק"ש אבל השתא דשמשא נהיר צלינא אבל עד לא נפיקנא לאורחא בעי בעותי מניה דקב"ה ואמלכיניה ביה וכו': (ה) כד אזלו מטו גבי חד חקל יתבו זקפו עינייהו וחמו ליה לטורא דהוי סליק ברום והוי ביה בריין משונין דחיל רבי יצחק א"ל ר' אליעזר אמאי דחילת א"ל חמינא דהאי טורא איהו תקיף וחמינא אלין בריין משונין ודחילנא דלא יקטרגו לן א"ל ר' אליעזר מאן דדחיל מחטאין דבידיה אית ליה למדחל: (ו) פתח ואמר ואלה בני צבעון ואיה וענה הוא ענה אשר מצא את הימם במדבר ימם כתיב חסר יו"ד והענין הוא כי ישיבת של משחיתים בר מינן אשר הם מיוחדים לזה החטא הזוקא דהיינו לדבק באדם שיחטא בזנות בזה הענין שיוליד ממזרים ואלין נקראים ימם חסר יו"ד ע"ש שנברא ערב שבת בין השמשות כמו שאר המזיקין שאין להם חלק ביום הששי ולא ביום השבת ומקומם של אלו המשחיתים הן על ההרים גבוהים שאין יכולים לזרוע שום זריעה ולא לנטוע שום נטיעה הן זרעוני גינה הן זרעוני פירות האילן רק הארץ ההיא היא שממה ותמן הוא אתרא דילהון והא אינון בריין משונין שראה ר' יצחק וזה ענה דכתיב בתורה הוא

איין וואהרן צוא זיין אונ זאל ניט דארפין מתפלל זיין דרויף · אויך זאל דער מענטש קיין גרוישר וואהרן זיין צוא געבין צדקה מער פון זיין פאר מעג · דען זיין סוף וועט זיין ער וועט אליין דארפין צו לייט: (ד) אונ לאמיר ווידער קערין צו אונזר ענין דאש עש איז גוט דער מענטש זאל מתפלל זיין די תפלת הדרך אין זיין היים איי ער גייט ארויש אין וועג ארייון אזו וויא עש שטייט אין זוהר רבי אבא זאגט עש איז זייער רעכט מתפלל צוא זיין דיא תפלת הדרך אין זיין היים איי ער גייט אין וועג ארייון רבי אליעזר אונ רבי אבא אונ רבי יצחק זיינען גיגאנגן אין וועג האט גיגרייכט די צייט פון ק"ש איז רבי אליעזר אויף גישטאנען אונ האט גיזאגט ק"ש אונ שמונה עשרה האט רבי יצחק צוא אים גיזאגט מיר האבין דאך גילערנט אז איי דער מענטש גייט ארויש אין וועג ארייון · מוז ער נעמען רשות פון זיין הערין אונ תפלה פריער צו טאן · האט רבי אליעזר אים גיזאגט אז איך בין ארויש גיגאנגן אין וועג ארייון איז נאך ניט צייט גיוועזן צוא דאבנן אונ קריאת שמע זאגין אונ איצונד אז די זון שיינט שוין דאבין איך · פון דעשט וועגין איי איך בין ארויש גיגאנגן אין וועג ארייון האב איך גיבעטן איין גבעט פון גאט ב"ה אונ האב מיך מיט אים בראטן: (ה) האבן זיי גגרייכט צו איין פעלד אונ האבין זיך גיזעצט אונ האבן גזעהן אגרוסן בארג אונ אויף דעם בארג גייען ארום פר ענדרטע בשעפניש האט רבי יצחק זיך גיפארכטי: האט רבי אבא צוא אים גיזאגט ווארום פארכשטו זיך האט רבי יצחק אים גיזאגט דען איך זעה דער בארג איז זייער גרויש אונ אויף אים זיינען פאר ענדרטע בשעפניש אונ חיות רעות האב איך מורא זיי זאלין אויף אונז ניט מקטרג זיין · האט ר"א צו אים גיזאגט דר וואש האט עבירות דער גיהער זיך צוא פארכטין · אבער מיר דארפין זיך ניט פארכטין: (ו) האט ר"א גיזאגט עש שטייט אין דער תורה ואלה בני צבעון ואיה וענה דאש זיינען גיוועזן די קינדר פון צבעון איינער האט גיהייסין איה אונ דר אנדרר ענה הוא ענה אשר מצא את הימם במדבר דאש איז דער ענה וואש האט גפונען אין דער מדבר דיא ווילדע אייזלן וואש הייסין ימם · שטייט ימם אן איין יוד צווישין די צוויי ממין דאש איז ווארום עש איז פר האנדן איין כיתה משחיתים וואש זיינען מיוחד צו דר זינד פון זנות · דאש זיי זאלין זיך בהעפטין אין דעם מענשין ער זאל זינדיגען מיט זנות אונ זאל מוליד ממזרים זיין אונ דיא משחיתים ווערין גירופין ימם אן איין יוד · ווייל זיי זיינען בשאפין גיווארין ערב שבת בין השמשות אזוא וויא דיא איבריגע מזיקים האבין זיי קיין חלק ניט אין דעם זעקסטין טאג אונ ניט אין דעם טאג פון שבת אונ דאש ארט פון דיא משחיתים איז אויף דיא הויכע בערג · וואש מען קען דארטין ניט זייען אונ ניט פלאנצין קיין שום פלאנצונג · נאר דיא ערד איז וויסט · דאש איז זייער ארט · אונ דאש זיינען דיא פאר ענדרטע בשעפניש וואס רבי יצחק האט גיזעהען · אונ דער ענה וואס שטייט אין

הוא הולך ונתקל לילך על הר שמם כנזכר ונדבקו בו אותן החיות ובריות משונות ולכך אמרו רז"ל שענה הוליד ממזרים והרכיב מין שלא במינו והביא פרד לעולם וק"ל והביא עוד בזוהר הנ"ל דבכל אינון טורין חריבין אתר בית מותבא דילהון אבל ההולכים בדרך ועוסקים בתורה עלייהו כתיב ה' צלך על יד ימינך ולכן כל המקומות אשר שם הולכין בנ' אדם מבלי ישוב יתרחק האדם: (ז) וקבלה נאמנה הוא בידי בשם חסידים הראשונים שכל בית העומד ז' שנים רצופים מבלי דירת האדם חלילה לדור בו אף המקום שעמד הבית עליו הוא מסוכן לבנות עליו שום בית ולדור בו חס ושלום מחמת שמדור המזיקים ומשחיתים יש שמה וענין הסיבה לחורבן הבית ההוא מטעם · (ח) א' שיש בבנין כשורא או קורות או אבנים שהן גזל או ממון שאינו של יושר ה"ז נגע בבית שפורח אחר כך בכל הבית · הטעם השני שנחרב הבית מי שבנה הבית הוא גבר אלם ועושה עיוות לשכינו ולקח באלמות ובחזקה קרקע שאינו שלו · הטעם הג' שנחרב הבית אף שלא גזל ובנה הכל בממון של יושר ולא לקח שום קרקע גזולה הוא נחרב מטעם שבנה הבית רק לצורך מחייתו או לפנק בו ולא כוון בבניינו לש"ש לחשב זוית זו תהיה מקום לקבוע עתים לתורה או להתפלל גם במחשבה לבד לא סגיא אלא צריך לומר גם בפה: (ט) כדאיתא בזוהר תזריע מאן דבני בניין כד שרי למיבני בעי לאדכרא דהא לפולחנא דקודשא בריך הוא בני וכדין סייעתא דשמיא שארי עליה וקב"ה זמין עליה קדושה וקרי עליה שלום שנאמר וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא ופקדת בפומיך דייקא כד איהו בני בנין וכדין לא תחטא ואי לאו הא זמין לביתיה סיטרא אחרא וכל שכן מאן דבני ביתו ורעותא עמיה דמייחד ביה לאסתאבא ביה (ר"ל שבונה בית או חדר מיוחד להיות מצוין שם לשתות ולשחוק ולעשות מעשה זמה כמו שהרבה נכשלו בו ואין מי שימחה בידם) הא ודאי שריא ביה רוח מסאבא ולא נפיק ההוא בר נש מעלמא עד דאתענש בההוא ביתא ומאן דדייר ביה

אין דער תורה איז גיגאנגן אויף דיא וויסטע בערג · האבין דיא פאר ענדרטע בשעפניש זיך בהעפט אין אים · דרום האבין אונזרע חז"ל גיזאגט אז דער ענה האט אליין מוליד גיוועזן ממזרים · אונ האט בהעפט בהמות אונ חיות איין מין מיט דעם אנדרין מין אונ האט פיל ממזרים גיבראכט אויף דער וועלט אונ דער זוהר ברייננט דארטין נאך אז זייער זיצונג איז אין די אלע וויסטע בערג אבער דיא לייט וואש גייען אין וועג אונ לערנן תורה · אויף זייא שטייט אין פסוק נאט איז דיין בשיצונג ער היט דיך אונ שטייט בייא דיין רעכטע האנט דרום זאל דער מענטש זיך דער ווייטרין פון אלע ערטער וואש דארטין איז ניט פאר האנדן קיין ישוב : (ז) זאגט דער מחבר איך האב בקבלה פון וועגין די ערשטע חסידים · אז אזו איין הויז וואס עס שטייט זיבען יאר דורך אנאנד פוסטע · טאר מען דרינן שוין ניט וואונען דער נאך · אויך דער פלאץ וואס שטייט זיבען יאר פוסטע זאל מען ניט בויען קיין הויז דרויף דען דאס ארט אדער דאס הויז איז מסוכן דרינען צוא וואונן מחמת דיא משחיתים וואש הייסין יימים די זיינן דארטין פר האנדן קענן זייא חלילה מזיק זיין אונ ווארום קומט אז דאס הויז איז חרוב גיווארין · דאש איז מחמת איינש פון דיא דרייא טעמים וועגין : (ח) איין טעם איז וייל אין דעם גיבייא איז גיוועזן באלקינש אדער שטיינר פון גזל אדער ניט קיין יושר געלט · דאש איז גליך וויא איין נגע צרעת בליהט אין דעם גאנצין הויז · מוז דאס הויז חרוב ווערין · דער אנדרר טעם איז וייל דער וואש האט גיבויט דאש הויז איז גיוועזן איין אלם אונ האט מיט גוואלד אוועק גינומן דעם פלאץ פון זיינע שכנים · דר דריטער טעם איז דאס דרום ווערט דאס הויז חרוב · חאטשע ער האט ניט גיגזלת אונ האט עס גיבויט מיט יושר געלט אונ האט קיין פלאץ בייא קיינם ניט אוועק גינומן · נאר ער האט דאס הויז גיבויט נאר פון זיין פרנסה וועגין אדער פון אנדרע הנאות וועגין · אונ האט ניט מכוין גיוועזן מיט זיין בויען עפיש לשם שמים דהיינו צו טראכטין דאש ווינקעלע וועט זיין איין מקום קבוע דארטין צוא לערנן אדר תפלה טאן אונ אפילו ווען ער האט שוין יוא דרויף אמחשבה גיהאט איז ניט גנוגי נאר ער מוז דאס ארויס ריידין מיטין מויל אויך : אזו וויא עס שטייט אין זוהר דר וואס בויעט איין גיבייא וויא ער הייבט אן צוא בויען · מוז ער דר מאנען אז דאס ווינקעלע בויעט ער צו פון וועגין גאט אזו העלפט אים גאט ער זאל דאס גיבייא אויש בויען בשלום · אונ גאט ב"ה ברייט אן די קדושה אויף אים אונ נעהענט אויף אים שלום ווארום עס שטייט אין פסוק וידעת כי שלום אהלך אונ דוא וועסט וויסן אז דיין גיצעלט וועט זיין שלום ופקדת נוך ולא תחטא אונ בשעת

ביה יכיל לאתזקא דהא בההוא דירה רוח מסאבא שרייא ביה ואזיק מאן דאשכח ביה ואי תימא במאי ידעין כגון דאתזקא בההוא ביתא דבני לה או אנשי ביתו האי בנזקא דגופא או בנזקא דממונא היא גרמא דחטאין הנ"ל ולכן ישנה מקומו וילך למקום אחר ולא ידור בו: (י) וזהו הענין של נגעי בתים כשנכנסו ישראל לארץ שעשה הקב"ה כן מרוב אהבה וחיבה לישראל שבכל בית שהיה מוכן לזנות היה נגע צרעת פורח בו כדי שינתץ את הבית עצו ועפרו היו זורקין מחוץ לעיר ועפר אחר יקח כדי להציל את ישראל מכל היזק · ואיתא שם בזוהר ר' יוסי עאל יומא חד בחד ביתא מטא בסיפתא עאל לגו שמע חד קלא דאמר אתכנשו עולו אחדו בר פלניתא דדין ספיתו ונזיק ליה עד לא ינפוק ושמע חד קלא אחרינא דהוי אמר לא נוכל אלא אי דיוריה הכא מה שאין כן עכשיו שבא באקראי אי אפשר להזיקהו: (יא) נפק ר' יוסי ואמר ודאי מאן דעבר על מילוי דחברייא אתחייב בנפשיה א"ל הא חזינן דכמה אנשים בונין בתים שהן חרוב יותר מז' שנים א"ל אינהו מסיטרייהו קא אתיין ואינם ניזוקין שלפי שהם בחבורה אחת אבל מאן דהוא דחיל חטאין יוכל לאתנזקא ח"ו: (יב) ע"כ בכל דבר שעושה האדם תקדים עבודת בוראך · בבנין הבית תקדים מקום מיוחד לעמידת הספרים וחדר מיוחד ללמוד וכן בעשיית הבגדים לעצמו או לאשתו צריך האדם לכוין בעת התפירה ובשעת התחלת מלאכה לשם שמים כאשר הראה לנו הקב"ה בתורתו הקדושה שצריך להיות לאדם מלבושים כד"א ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם: (יג) הכלל העולה בכל דרכיך דעהו זכור

בבל

דוא בוישט זאלשטו ארויש ריידן דיין וואונונג וואש דוא בוישט פון גאטש דינסט וועגין וועשטו ניט זינדיגין · אבער אז ער רעט ניט ארויש גרייט ער אן צו זיין הויז דיא סטרא אחרא ח"ו · אונ מכל שכן דער וואש בויעט איין הויז אדער איין בזונדר חדר פון וועגין מען זאל דארטן גיוואונט זיין צו טרינקן אונ אונקשהייט טרייבן אזוא וויא פיל לייט זיינען דרינן גישטרויכלט גיווארין · רועט בוודאי די סטרא אחרא אין דעם הויז אונ דער מענטש גייט ניט אוועק פון דר וועלט ביז ער מוז גישטראפט ווערין אין דעם הויז · אונ דר וואש וואונט דרינן קען ניזוק ווערין ח"ו · ווייל אין דעם הויז רועט דיא סטרא אחרא אונ זיא איז מזיק ווען זיא גפינט אין דעם הויז: (י) אונ דש אויך איז גיוועזן דר ענין פון די נגעים וואש פלעגין גפונן ווערין אין דיא הייזר פון ארץ ישראל · דאש גאט ב"ה האט דאש גיטאן מחמת ער האט זייער ליב דיא ישראל דען דאש הויז וואש עש איז גיוועזן אן גיברייט צוא זנות פריער איידער דיא ישראל זיינען גיקומען קיין ארץ ישראל האט דאך דרינען גירועט דיא סטרא אחרא וואלט זיא דאך גיקענט מזיק זיין דעם ישראל וואש האט דר נאך גוואונט אין דעם הויז: דרום האט דער נאך גיבליעט דרינען איין נגע צרעת כדי דער בעה"ב זאל צוא שטויסן דאש הויז · זיין האלץ אונ זיין אש האט ער גווארפן חוץ דער שטאט אונ האט עש גמוזט איבער בויען כדי דר בעה"ב זאל ניצול ווערין פון אלרלייא שאדין· דער זוהר ברייננט איין מעשה רבי יוסי איז אמאל אריין גינאנגן אין איין הויז · האט ער גיהערט איין קול זאגט זאמלט אייך איין דען היינט קומט איינר אין דעם הויז אריין לאמיר אים מזיק זיין איי ער גייט ארויש · האט דער אנדרער אים גיענטפערט מיר וואלטין אים אנדרש ניט גיקאנט מזיק זיין סיידין ער זאל דא וואונען אבער אז ער קומט נאר אמאל אריין קענן מיר אים ניט מזיק זיין: (יא) איז רבי יוסי ארויש גינאנגן פון דעם הויז אונ האט גיזאגט דאש איז גוויש דער וואש איז עובר אויף דיא רייד פון דיא חכמים איז חייב מיתה דען איך האב איצונד עובר גיוועזן אויף זייערע רייד אונ בין אריין גינאנגן אין איין הויז וואש עש איז שוין פוסטע זיבין יאר · בין איך שיר ניזוק גיווארין · האט מען אים גיפרעגט · אמער מיר זעהען דאך אז פיל מענטשן בויען זעלכע הייזר וואש שטייען שוין מער פוסטע פון זיבן יאר אונ ווערין ניט ניזוק · האט רבי יוסי זיי גיענטפערט די זיינן אויך פון דער סטרא אחרא · דרום ווערין זייא ניט ניזוק אבער ווער עש פארכט זיך פאר זינד דער קען ניזוק ווערין ח"ו · (יב) דרום אין איטליכער זאך וואש דער מענטש טוט זאל ער פעדרין דיא דינסט פון זיין בשעפר · אז ער בויעט איין הויז זאל ער פעדרן איין בזונדר ארט אויף ספרים צו שטעלן אונ איין בזונדר חדר אויף צו לערנן · אז ער מאכט קליידר זיך אדר זיין ווייב מוז ער זיך מכוין זיין אז ער טוט עש פון גאטש וועגין דען גאט ב"ה האט אונז גיוויזין איין רמז אין זיין היילינר תורה אז דער מענטש דארף זיך בקליידין אזו וויא עש שטייט אין דער תורה ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות

ער

בכל עניינך ואל תשכח כי הכל מתנות חנם כי לא לחכמים לחם שאתה רואה בחוש שהרבה חכמים יושבים בלי מזון ומחיה וכל ימיהם הם בדוחק ובצער ויש איזה אנשים שוטים ובזוים יושבים בשפע טובה ובעושר וזהו שהוא הכל רצון הקדוש ברוך הוא על כל בכל משא ומתן תראה שיהיה הקב"ה חפץ בו שהוא לתועלת הנפש ולא תועלת הגוף מה שאין כן אם לבך קשה כברזל מלגמון חסד עם עניים וכל עמלך הוא למלאות כריסך להוט אחר אכילות טובות ולהנאת הגוף זהו ענין רע שנתן לבני אדם: (יד) ועל זה יתפלל כל אדם שיתן לו הקדוש ברוך הוא רחמים לב בשר לב שומע אל אביונים שומע זעקת דלים לב לגמול חסד עם עניים לומדי תורה כי מי שהוא תומך עניים בעלי תורה מזהיר הזוהר שצריך האדם לתמוך הבעלי תורה אף שהן אינן קרוביו והמה מוקדמין לקרובים שלו: (טו) כיון שאדם אין תומך לעניים בעלי תורה אזי הוא נותן בעו"ה סמוכות רגלים וכח להנחש הקדמוני ולחיליו אשר זה עשה לו ה' ברוב רחמין להיות הולך על גחון בלתי תת לו רגלים כי לולא זאת לא היו בני האדם יכולין להתקיים ח"ו ובעון זה שאינם נותנים סמוכות לבעלי תורה אשר המה נקראים אביונים נמצאים רגלים לנחש להתגבר ולעורר גזירות ח"ו על כן צריך האדם להתפלל על זה לפני הקדוש ברוך הוא אשר בידו הוא להטות לב האדם כרצונו להיות האדם וותרן בממון כראוי לו ולא יהיה קמצן ולא יהיה גם כן וותרן יותר מדי יכולתו כי סופו יהיה ח"ו שיצטרך לבריות אבן אף זה יראה שלא לקמץ יותר מדאי: (טז) ובא וראה מ"ש הזוהר פ' בשלח ר' אבא אומר יש רעה חולה ראיתי תחת השמש כמה ב"נ אטימין ליבא בגין דלא משתדלי באורייתא וכי יש חולה שאינו רעה אלא הענין הוא כי יש כת אחת המשחיתים בר מינן אשר לפעמים יוצאים מנוקבא דתהומא רבה ובאין ושורין על האדם להיות כבוש תחת ידיהם לבלתי יהיה האדם שולט

ער וילבישם אונ גאט האט גימאכט קליידער צוא אדם מיט חוה אונ האט זייא אן גיקלייד: (יג) דר כלל איז אין אלע דיינע ווענין ווייש אים · אונ גידיינק אים אין אלע דיינע זאכין · אונ פאר געס ניט אז אלץ וואש דוא האסט · דאש האט גאט ב"ה דיר גישיינקט אום זיסט · דען ניט צוא דיא חכמים איז דאש ברויט · דאש דוא זעהשט דאך בחוש אז פיל חכמים זיצן אן ברויט אונ אלע זייערע טעג זיינן מיט גרויש דוחק אונ צער · אונ עש איז פאר האנדן אזעלכע מענטשין וואש זיינען שוטים אונ בזוים · דיא זיצן בשלוה אונ זיינען גרוישע עשירים · דאש אלץ איז וייל גאט ב"ה וויל אזוא · דרום אין אלע דיינע משא ומתן זאלסטו זעהן אז גאט ב"ה זאל וועלין אין אים דאש ער זאל זיין פון ווענין דער הילף פון דר נשמה ניט פון די הילף פון דעם גוף וועגין אליין · אבר אז דיין הארץ איז הארט ווי אייזן פון גומל חסד צוא זיין מיט ארעמע לייט אונ גאר דיין מידיקייט איז נאר כדי דיין בויך צוא דער פילן אונ בישט להוט נאך גוטע עסין ווארג אונ נאך דיא הנאות פון דעם גוף דאש איז איין שלעכטע פירונג: (יד) אונ דרויף זאל איטליכר מענטש מתפלל זיין אז גאט זאל אים געבין איין הארץ פון רחמנות אזוא איין הארץ ער זאל צוא הערין דיא אביונים צוא הערין דאש גישרייא פון ארמע לייט זייא צוא געבין צדקה אונ זייא מציל זיין פון זייערע רויבריש אזו איין הארץ ער זאל גומל חסד זיין מיט די עניים וואש לערנן תורה · דען דר זוהר איז מזהיר אז דער מענטש מוז העלפין דיא בעלי תורה · אונ זייא זיינען פריער פון זיינע קרובים: (טו) ווארום אז דער מענטש לעהנט ניט אונטער דיא עניים בעלי תורה גיט ער ח"ו איין אונטער לעהנונג פון פיס אונ כח צוא דעם נחש הקדמוני אונ צוא זיינע חילים וואש גאט ב"ה האט גיטאן מיט זיין פיל רחמנות אז ער זאל ניט האבין קיין פיס נאר ער זאל קריכען אויף זיין בויך · ווארום ער זאל ח"ו האבין פיס וואלטין דיא מענטשין ח"ו קיין קיום ניט גיקענט האבין אונ מחמת דער זינד וואש דיא עשירים לעהנן ניט אונטער דיא בעלי תורה מיט געלט · ווערט גיפונען פיס צום נחש ער זאל זיך שטארקין אונ דער וועקין גזירות ח"ו דרום מוז דער מענטש מתפלל זיין פר גאט ב"ה וואש אין זיינע הענט איז צוא נייגין דעם מענטשינש הארץ וויא זיין ווילין איז · זאל ער מתפלל זיין אז גאט ב"ה זאל אים נייגן זיין הארץ ער זאל זיין איין וותרן אין געלט וויא עש גיהער צוא זיין אונ זאל ניט זיין קיין קמצן · אונ אויך ניט קיין איבעריגר וותרן מער איידר זיין יכולת איז ווארום זיין סוף וועט זיין ער זאל חלילה דארפין צו לייט: (טז) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר · רבי אבא זאגט עש שטייט אין קהלת יש רעה חולה ראיתי תחת השמש עש איז פאר האנדין איין שלעכטע קריינק האב איך גיזעהן אויף דער וועלט · איז דאך

שולט בממון שלו ולא מבעיא שלא יוכל ליתן צדקה לעני אלא אפילו לעצמו אין לו יכולת לשלוט בממון לקנות איזה מאכל או להלביש עצמו ואשתו ובני ביתו כראוי לו לפי עשרו ומראהו הוא כדל ורזה וצמא: (יז) נמצא סובל כל היסורים והולך בבגדים מטולאים אף שיש לו בביתו כל טוב אין לו הנאה ממנו והכל הוא מוכן לאיש אחר אשר נכרז עליו ברקיע להיות הטוב ההוא מזומן לאחר כמאמר הכתוב יכין(רשע)וצדיק ילבש והכת המשחיתים הנ"ל נקראים רעה אשר עליהם נאמר לא תאונה אליך רע"ה והרי זה אדם דומה ממש לחולה אשר לפניו כל מיני מאכל ומעדני עולם ואינו יכול לטעום מפני החולי רע"ה ואין לו יתרון בכל שעשה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב כי אם התכריכים אשר מלבישים אותו לאחר מותו: (יח) וזש"ה בקהלת איש אשר יתן לו האלהים עושר ונכסים וכבוד ולא ישליטנו האלהים עליו גם זו רע"ה חולה על כן יראה האדם לעשות הישר בעיני אלהים ואדם וטוב שם טוב משמן טוב ואז טוב לו בעוה"ז ויהיה נפטר בשם טוב ויהיה טוב לו גם בעוה"ב:

פרק כה **כתיב** יברכך ה' וישמרך ודרשו רז"ל יברכך ה' בממון וישמרך מן המזיקים והמדרש זה צריך פירוש ונ"ל להרץ ע"ד משארז"ל במס' חולין · (ב) הנהו שקולאי דהוו דרי חביתא דחמרא בעו לאתפוחי אותביה תותי מרזיבא ופקע אתו לקמיה דמר בריה דרב אשי אפיק שפורא

דאך קשה וואו איז דען פאראנען איין קראנקייט וואש איז ניט שלעכט · נאר דער ענין איז דען עס איז פאר האנדין איין כיתה משחיתים וואש צוא צייטין גייען זייא ארויש פון דעם תהום רבה · אונ קומן אונ רוען אויף דעם מענטשין אונ בצווינגן דעם מענטשין אונטר זייער רשות · דאש דער מענטש זאל קיין שליטה ניט האבין אין זיין געלט · אונ לא מבעיא קיין צדקה זאל ער בוודאי ניט קענען געבין מיט דעם געלט נאר אפילו צו זיך אליין זאל ער קיין יכולת ניט האבין צוא גיוועלטיגן אין זיין געלט · זיך צוא קויפין עפיש איין גוט עסין ווארג אדר איין מלבוש צוא מאכין זיך אדר זיין ווייב אונ קינדער ווערליג ער וואלט בדארפט נאך זיין עשירות נאך · אונ זיין גישטאלט אונ זיין גאנג איז וויא איין ארום מאן: (יז) ווערט גיפונען ער לייד אלערלייא יסורים · אונ גייט אין גילאטעטע קליידר · ווען ער האט אפילו אין זיין הויז אלץ דאש גוטש · האט ער אבער דער פון קיין הנאה ניט · אונ דאש אלץ איז אן גיברייט צוא אנדער מענטש וואש אויף דעם הימעל האט מען אויף אים אויש גירופין אז דאש גוטש פון דעם קמצן זאל זיין אן גיברייט צוא דעם אונ דעם מענטשין אזוא וויא דער פסוק זאגט יכין רשע וצדיק ילבש דער רשע טוט אן ברייטן · אונ דער צדיק וועט זיך דרינען אן קליידן · אונ די כיתה משחיתים וואש פריער זיינן גישטאנען · די ווערין גירופין רעה דאש אויף זיי ווערט גיזאגט לא תאונה אליך רעה עש וועט זיך ניט טרעפין צוא דיר דיא כיתה משחיתים וואש הייסין רעה · נוא דער מענטש וואש איז אין רשות פון דיא משחיתים וואש הייסין רעה · איז ער ממש גלייך צוא איין קראנקן וואש פאר אים שטייט אלערלייא עסין ווארג אונ מעדני מאכלים · אונ ער קען זייא ניט פאר זוכין מחמת שלאפקייט · אזוא אויך איז דער מענטש וואש איז אונטער דעם רשות פון דיא שלעכטע משחיתים אונ פון אלע זיינע מעשים קומט אים גאר ניט ארויש ניט אויף דער וועלט אונ ניט אויף יענער וועלט · נאר דיא תכריכים וואש מען קלייד אים אן נאך זיין טויט: (יח) אונ דאש מיינט דער פסוק אין קהלת איש אשר יתן לו האלהים עושר ונכסים וכבוד אז איין מענטש וואש גאט טוט אים געבין עשירות אונ נכסים אונ כבוד ולא ישליטנו האלהים עליו אונ גאט מאכט אים ניט גיוועלטיגן דרויף וגם זה רעה חולה דאש איז מחמת ער איז אונטר דעם רשות פון דיא משחיתים וואש הייסין רעה · אונ ער איז גלייך וויא איין קראנקר וואש אלץ דאש גוטש שטייט פאר אים אונ ער קען עש ניט עסין דרום זאל דער מענטש זעהען צוא טאן דאש וואש איז רעכט פארטיג אין דיא אויגין פון גאט אונ לייט דאש הייסט ער זאל ניט קארג זיין אונ אויך ניט צו מילד אונ איין גוטר שם איז בעשר פון גוטין בוים אייל אונ אזוא וועט אים גוט זיין אויף דער וועלט אונ וועט שטארבין מיט איין גוטין שם · אונ אויף יענער וועלט וועט אים אויך גוט זיין אמן:

פרק כה כתיב עש שטייט אין ברכת כהנים יברכך וישמרך דרשנן אונזערע חכמים · גאט וועט דיך בענטשין מיט געלט · אונ וועט דיך היטין פון די מזיקים · אונ דעם מדרש בדארף מען פאר שטיין אויף דעם דרך וואש אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט אין דער מסכת חולין: (ב) עש זיינען גיוועזן טרעגער וואש האבין גיטראגין איין

פאם

שפורא שמתיה׳ (ג) אתי לקמיה א״ל אמאי תעביד הכי א״ל היכי איעביד כי אותביה באודנאי א״ל את בדוכתא דשכיחי ביה רבים מה בעית את הוא דשנית זיל שלים אמר ליה השתא נמי ליקבע לי זמן ואפרע קבע ליה זמנא כי מטא זמניה איעכב׳ (ד) כי אתא א״ל אמאי לא אתית בזמנך א״ל כל מילי דצייר וחתים וכייל ומני לית לן רשות למישקל מיניה עד דמשכחנא מידי דלא צייר ולא מני וכייל עכ״ל:
(ה) והקשו התוספות דהכא משמע שיש שליטה למזיקים בדבר שאינו מנוי והא אמרינן אין הברכה מצויה אלא בדבר שאינו מנוי שנאמר יצו ה׳ אתך את הברכה באסמיך דבר הסמוי מן העין ותרצו התוס׳ דבאמת הוא כך דאין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין ולא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי רק שהמזיקין הן שולטין בתוספת ברכה שברך ה׳ מן הסמוי עכ״ל: (ו) ואם כן המדרש הוא מבואר מאליו יברכך ה׳ בממון וכל מקום שנאמר בו ברכה הוא הדבר הסמוי מן העין ר״ל שהוא לא מנוי ולא מדוד וא״כ יקשה הלא המזיקים הן שולטים באותו הממון לדא וישמרך מן המזיקים שלא ישלטו אף באותו הממון שהיא תוספת ברכה׳ (ז) ורק אתה תשלוט במעשה ידיך ובהטוב אשר ייטיב ה׳ לך ותוכל לעשות מהם צדקה וגמילות חסדים וק״ל: (ח) מכל הנ״ל נשמע שמי שהוא קמצן גדול אזי הוא
ברשות

פאם ויין׳ האבין זייא זיך גישטעלט אפ רוען אונטר איין ריגע׳ איז די פאם ויין צוא בראכין גיווארין׳ האבין זייא פאר שטאנען אז דאש האבין גיטאן דיא מזיקים׳ (ג) זיינען זיי זיך גיגאנגן קלאגין פאר (מר) דער זון פון (רב אשי)׳ האט דער (מר) אויש גיצוגין איין שופר אונ האט מחרים גיוועזן דיא מזיקים׳ כדי זייא זאלין זיך שטעלין פאר אים צום דין׳ איז דר מזיק גיקומן פר אים׳ אז דר מזיק איז גיקומן פאר אים׳ האט (מר בר רב אשי) אים גיפרעגט למאי האשטו צוא בראכין דיא פאם ויין׳ האט דער מזיק אים גיענטפערט וויא דען האב איך גיזאלט טאן אז ער האט דיא פאם ויין גישטעלט אויף מיין אויער האט ער גיזאגט צום מזיק אין אזו איין ארט וואש פיל לייט גייען דארטין וויא קומסטו דארט צוא זיין׳ דרום פדארפסטו אים צוא צאלין׳ האט דער מזיק צוא אים גיזאגט זייא מיר קובע אצייט וועל איך אים צאלין׳ האט ער אים קובע גיוועזן אצייט׳ אז עש איז גקומען דיא צייט האט ער ניט גיצאלט׳ (ד) דר נאך האט ער אפ גיבראכט דאש גיצאלט האט (מר בר רב אשי) אים גיפרעגט׳ פאר וואש ביסטו ניט גיקומען צו בצאלין אין דער צייט׳ האט דער מזיק צוא אים גיזאגט׳ אזו אזאך וואש איז פאר בונדין׳ אדר פאר חתמת אדר גימאסטין אדר גיציילט האבין מיר קיין רשות ניט צוא נעמן דער פון׳ ביז מיר גיפינען אזוא איין זאך וואש איז ניט פאר בונדין אונ ניט גיציילט אונ ניט גימאסטין׳ דרום האב איך מיך אזוא פאר זאמט ווייל איך האב ניט גיקענט קריגין אזו אגעלט וואש איז ניט גיציילט ביז איצונד האב איך ערשט עש גיקריגן׳ (ה) פרעגט תוספות איין קשיא פון דאנען איז גידרונגען אז דיא מזיקים גיוועלטיגין אין אזו אזאך וואש איז ניט גיציילט׳ אונ אין דער גמרא בבא מציעא זאגין מיר דאך פאר קערט אז דיא ברכה ווערט אנדרש ניט גיפונען נאר אין אזוא איין געלט וואש איז ניט גיציילט ענטפערט תוספות אתרוץ דר אמת איז טאקע אז דיא ברכה קען אנדרש ניט גיפונען ווערין נאר אין אזוא אזאך וואש איז ניט גיציילט אונ ניט אין איין גיציילטער זאך נאר דיא מזיקים גיוועלטיגין אין דעם וואש ווערט גימערט מחמת דער ברכה וואש גאט ב״ה גיט אין דער זאך׳ אבר פון דעם קרן האבין זייא קיין מאכט ניט צוא נעמען׳ (ו) נוא פאר שטייט מען שוין גהיינט דעם מדרש יברכך ה׳ בממון גאט ב״ה וועט דיך בענטשין מיט פיל געלט אונ וואו דיא ברכה איז טוז דאש געלט ניט זיין גיציילט׳ וועט דיר דאך קשה זיין אמער דיא מזיקים האבין דאך מאכט איבר דעם געלט׳ אונ וואש טויג מיר די ברכה אז דיא מזיקים זאלין מאכט האבין דריבר׳ דרום זאגט דער מדרש ווייטר וישמרך מן המזיקים אונ גאט ב״ה וועט דיך היטן פון דיא מזיקים אז זייא וועלין קיין מאכט ניט האבין אפילו איבר דעם וואש ווערט גימערט מחמת דער ברכה אונ מכל שכן אין דעם קרן׳ (ז) אונ נאר דוא אליין וועשט גיוועלטיגין איבער דיין גוטש וואש גאט ב״ה וועט דיר געבין אונ דען וועשטו קענען טאן צדקה אונ גמילות חסד׳ (ח) פון דעם אלעמען איז גידרונגן׳ אז דער וואש איז איין גרוישר קמצן דער איז אין דעם רשות פון דער קליפה אונ אין רשות פון דיא שדים דאש זייא רוען איבר דעם געלט׳ אונ דער וואש איז איין ותרן דער איז אונטער דעם רשות פון דער קדושה׳ דרום זאל דער מענטש זעהען אז ער זאל ניט זיין קיין איבריגער קמצן׳ פון וועגן זיך
אריין

ברשות הסט"א ביד המזיקים ששורים על הממון כנ"ל ומי שהוא ותרן אזי הוא מסטרא דקדושה על כן יראה האדם שלא יהא קמצן יותר מדאי כדי להכנים עצמו בקדושה ויזכה גם כן לעולם הבא אמן :

פרק כו **כתיב** אל תלחם את לחם רע עין כי כמו שער בנפשו הפירוש הפשוט בעיני המוני עם אל תלחם לחם רע עין כי כמו שער בנפשו של בעל הבית שאינו נותן הלחם לאנשים אחרים כי הוא כמו שער בנפשו של בעה"ב : (ב) אבל הזוהר פי' בענין אחר אל תלחם לחם רע עין כי הוא כמו שער בנפשו של האוכל כי כל האוכל מאכל אצל הרע עין אח"כ אותו האכילה הוא בנפשו של האוכל כמו סם המות ולא יגיעו ימים מועטים עד שיבא עליו איזה חולי ולפעמים יגיע אף שיחלה בחולי שיש בו סכנה · (ג) ולכן לא רצה רבינו הקדוש לאכול משום אדם כי היה מתיירא לנפשו שלא יהנה מן איזה צרי עין ואח"כ בהכרח שיבא עליו איזה חולי וא"כ כל מי שהוא צר עין גורם רעה לעצמו וגורם רעה לאחרים ולפעמים כשימות האיש האוכל מאכל אצל הצר עין אזי בגרמא דיליה הוא מת וצריך לעשות תשובה על זה כדאמרו חכמינו ז"ל מגלגלין זכות ע"י זכאי וחובה ע"י חייב : (ד) ולפעמים מי שהוא קמצן וצר עין גורם רעה לעצמו למות בשביל דבר קטן כאשר אני ראיתי כמה אנשים שלא היו רוצין ליתן לבעלי המלחמות קוביאות או טוב"ק ובעבור דבר קל היו בעלי המלחמות הורגין אותן · (ה) ולפעמים היו יכולין להציל נפשות בדבר מועט ואחר כך כשנתחזקו הבלבולים אפילו אם נתן מלא ביתו לא היה יכול להציל אותן אוי ווי לאותן האנשים ועליהם אמר שלמה יש וגו' עושר שמור לבעליו לרעתו · (ו) ובא וראה מה דאיתא בגמרא דמסכת תענית במעשה בנחום איש גם זו שפגע בו עני אחד וא"ל רבי פרנסני והלך תיכף וטען מהחמור עד
שלא

ארייז צו ברייננגען אין דער קדושה וועט ער זוכה זיין צוא עולם הבא אמן :

פרק כו כתיב עש שטייט אין פסוק אל תלחם את לחם רע עין דוא זאלשט ניט עסין בייא איין קארגין כאן וואש ער פאר גינט דיר ניט דאש עסין כי כמו שער בנפשו ווארום דאש פרעמדע עסין איז בייא דעם בעל הבית גלייך וויא איין גאל מעשר עש שנייט אים זיין לייב · נמצא גייט דער פסוק כמו שער בנפשו אויף דעם בעל הבית : (ב) אבער דער זוהר איז אנדרש מפורש כמו שער בנפשו של האוכל דען דער וואש עשט בייא דעם רע עין שאט דאש עסין דעם וואש ער עסט גלייך וויא איין גאל מעשר שנייט אין זיין לייב אונ דאס עסין איז אים וויא סם המות · אונ ער מוז דאס עסין באלד אויש קריינקען · אונ אמאל קען נאך זיין אז דורך דעם עסין פאלט ער ארייז אין אזוא איין קראנקייט וואש איז איין סכנה : (ג) אונ דרום האט רבי יהודה הנשיא ניט גיוואלט עסין בייא קיין שום מענטשין · ווייל ער האט מורא גיהאט ער זאל ניט נהנה זיין פון איין קארגין מאן · אונ דער נאך וועט ער עש מוזין אויש קריינקען · נמצא דער וואש איז איין צר עין · דער איז גורם בייז צו זיך · אונ צוא אנדערע · אונ אמאל אז דער מענטש וואש האט גיגעסין בייא דעם צר עין שטארבט · איז דאש מחמת איהם · מוז ער דרויף תשובה נעמן · אזו וויא אונזרע חכמים ז"ל האבין גיזאגט גאט שיקט צוא איין גוטע זאך דורך איין צדיק · אונ איין שלעכטע זאך דורך איין רשע : (ד) אונ אמאל קען זיין אז דער קמצן זאל זיך אליין גורם זיין ער זאל גיטייט ווערין איבר אקליינע זאך · אזוא וויא איך האב גיזעהען פיל מענטשין וואש האבין ניט גיוואלט געבין צוא די בעלי מלחמות איין קליינע זאך דהיינו טבאק אדר אנדרע קליינע זאכין · האבין דיא בעלי מלחמות זייא גיהרגת : (ה) אונ אויך אז איינר איז גינומן גיווארין פר איין בילבול · אונ וואלט זיך גיקאנט מציל זיין מיט ווייניג געלט · האט ער דערמאלט ניט גיוואלט געבין · דער נאך אז דער בילבול איז גישטארקט גיווארין האט ער שוין גיוואלט געבין גאר זיין פאר מעג האט מען אים שוין ניט גיוואלט מציל זיין אונ ער איז אום גיקומן · אוי ווייא צו דיא דאזיגע מענטשין · אונ אויף זייא האט שלמה המלך גיזאגט עש איז פר האנדן איין עשירות וואש איז גהיט צוא זיין בעל הבית פון זיין בייז וועגין : (ו) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין דער גמרא אין מסכת תענית · עש האט זיך גיטראפין נחום איש גם זו האט אמאל בגעגינט איין ארום מאן · האט דער ארום מאן צוא אים גיזאגט רבי זייא מיך מפרנס איז ער תיכף גיגאנגען אונ האט אראפ גינומען דיא משא פון דעם
אייזל

שלא הספיק ליתן לו יצאה נשמתו של העני: (ז) אמר אותו הצדיק עיני שלא חסו עליך יסמו ידי שלא נתנו תיכף יקטעו וכל גופי שלא חסה עליך ידוכא ביסורים ואירע לו כפי שגזר על עצמו· (ח) ואחר כך ראו אותו תלמידיו ביסורין והתחילו לבכות אמר להם מפני מה אתם בוכים אני גרמתי לעצמי שלא נתקררה דעתי עד שאמרתי שימלא כל גופי שחין אמרו לו אוי לנו שראינו אותך בכך· (ט) אמר להם אוי לי אם לא ראיתם אותי בכך: (י) על כן יראה האדם כשיש לו אורחים בביתו יתן להם בעין יפה או לא יזמין כלל אורחים כדי שלא יבא ח"ו לידי עונש כנ"ל וקרוב הדבר שיהיה מוכרח לעשות תשובה· (יא) ועל פי זה נוכל גם כן לפרש פירוש הפסוק צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר ויהיה הפירוש כך כי כל האוכל אצל צדיק שהוא טוב העין יאכל לשובע נפשו אפי' אם אכל מעט מן המאכלים אבל מי שהוא אוכל מן בטן של רשעים הוא יחסר אפילו אם הוא אוכל הרבה מ"מ לא יהיה שבע האוכל מן מאכל של רע עין כי זה הוא כלל גדול מי שהוא רע עין אינו יכול לשבוע את נפשו ומכל שכן שאינו יכול ליתן לאחרים מטובו אשר חנן ה' אותו· (יב) וכמו שמצינו אצל נבל שלא רצה לשלות למלך דוד עליו השלום מנחה מזבחו וגרם רעה לעצמו שמת במגפה עבור עון זה על כן צריך האדם להתרחק ממדה זו ואז טוב לו יהיה סלה:

## פרק כז

**מה** טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד מאיש אשר הוא ירא ה' והוא עוסק בדברי תורה ולימוד התורה ועמוד העבודה זו תפלה אשר אלו השני עמודים הן הולכין ומקדימין לילך קודם המטה

איזיל אונ האט אים ארויש גינומען עסין שפייז· איידר ער האט אים גיגעבין דאש עסין שפייז· דער וויל אין דער ארום מאן גישטארבין: (ז) האט דער צדיק גיזאגט מיינע אויגין וואש האבין אויף דיר קיין רחמנות ניט גיהאט זאלין בלינד ווערין מיינע הענט וואש האבין דיר ניט גיגעבין תיכף דאש עסין שפייז זאל אפ גיהאקט ווערין אונ גאר מיין גוף וואש האט אויף דיר ניט חס גיהאט· זאל ער גישלאגין ווערין מיט יסורים· אונ אזוא איז גיווארין וויא ער האט אויף זיך אליין גוזר גיוועזן: (ח) דער נאך האבין דיא תלמידים אים דער זעהן מיט דיא יסורים· האבין זייא אן גהויבין צו וויינן· האט ער צו זיי גזאגט ווארום וויינט איר· איך האב עש מיר אליין גורם גיוועזן· דען מיין דעה איז ניט גיקילט גיווארין ביז איך האב גיזאגט אז גאר מיין גוף זאל פול ווערין מיט שחין· האבין דיא תלמידים צוא אים גיזאגט וויא איז אונז וואש מיר זעהן דיך מיט אזעלכע יסורים: (ט) האט ער צוא זייא גיזאגט וויא וואלט מיר גיוועזן אז איר זאלט מיך ניט גיוועזן זעהען מיט די יסורים ווארום איך וואלט גיוועזן גישטראפט גיווארין אויף עולם הבא וויל איך האב דעם ארום מאן ניט גיגעבין תיכף עסין· אבער היינט קום איך אפ אויף דער וועלט: (י) דרום גיהער דער מענטש צוא זעהן אז ער האט אורחים אין זיין שטוב· זאל ער זייא געבין עסין בעין יפה דאש הייסט ער זאל זייא דאש פאר גינען אונ זאל זייא ווייזין אפרייליך פנים אדער אז ער פאר שטייט אין זיך אז ער וועט דאש ניט טאן· זאל ער בעהער גאר ניט בעטין קיין אורחים כדי ער זאל חס ושלום ניט קומען צוא איין עונש· אזו וויא פריער איז גישטאנען: (יא) אונ דורך דעם קענען מיר מפורש זיין דעם פסוק צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר איז אזו דער טייטש פון דעם פסוק דער וואש עסט בייא דעם צדיק וואש ער פאר גינט בוודאי דאש עסין· דער וועט עסין אן צו זעטין זיין לייב· האטשע ער וועט עסין גאר ווייניג וועט ער פארט זיין זאט דער פון וויל ער גיט עש אים מיט זיין גאנצין הארצין· אבער דער וואש עסט בייא איין רשע· ווען ער עסט אפילו פיל ווערט ער פארט ניט זאט פון דעם עסין וויל דער רשע פאר גינט אים דאש עסין ניט· ווארום דאש איז אגרוישער כלל דער וואש איז איין רע עין· דער קען זיין לייב ניט אן זעטין אונ מכל שכן אז ער קען ניט געבין צוא אנדערע פון זיין גוטש: (יב) אונ אזוא וויא מיר גיפינען בייא נבל וואש ער האט ניט גיוואלט שיקן קיין מתנה פון זיין סעודה מיט דיא קעעבט פון דוד· אונ האט זיך דער מיט גורם גיוועזן שלעכטש· דאש ער איז גישטארבין אין מארד איבער דעם זינד· דרום באדארף דער מענטש זיך דער ווייטערין פון דער מדה וועט אים גוט זיין אויף אייביג:

פרק כז מה וויא גוט אונ וויא זיס איז אז דיא ברידער זיצין אין איינעם דאש מיינט מען אז אמענטש איז איין ירא שמים· אונ איז עוסק אין לערנען אונ דאוונע׳

המטה כשהאדם הולך לעולמו אחר מותו: (ב) וקול כרוז נפיק קדמוהי זה האיש אשר בחייו תמיד הולך עמנו בחבורה אחת וגם עכשיו לא נעזבנו עד כי נביאנו להיכלו אשר הוא כבוד כולו ואומרים לתורה הקדושה כמה יקר ותפארת להאדם בעבורך וזהו בהיות הולך בתורת אמת משא״כ כשאדם הולך אחר שוא והבל ועוסק בדברים של דופי ופלסתר אזי הוא נענש: (ג) וראיה מזוהר פרשת בלק שאחר פטירת האדם טרם בואו לדין כרוזא נפיק אתכנשו כל בני מתיבתא לעיין בדיניה ומתכנשין יחד וההיא נשמתא עיילו יתיה תרין ממונים כיון דעייל מעמידים אותו אצל חד עמודא אשר שם ושלהובא מלהטת שם ואז מביאין בכתב כל מה שחידש בתורה בחייו ומעיינין באותן החידושים אם הם דברים ברורים של אמת דהיינו שחידש אותן ע״פ הקדמות של אמת אז כל אחד מבני מתיבתא עילאה מעטר ליה בעיטרא המתנוצץ ומאיר באור בהיר׳ (ד) ואם הן דברים שאינן של אמת אז כל אחד ואחד מבני מתיבתא אומרים שקר הוא רק היה אומר הקדמה כך להתפאר בחידושי שקר ווי ליה להאי כסופא דעבדין ליה בני מתיבתא ומיד בא הממונה של גיהנם וחוטפו על פי פסק בני מתיבתא המוסרין אותו בידו ומקלעין ליה מתמן בפעם אחד לתחתית של גיהנם וסובל שם עונשים קשים ומרים: (ה) כדאיתא בזוהר פרשת יתרו כל מאן דאמר במילוי דאורייתא מאי דלא ידע ולא קביל מן רביה עליו הכתוב אומר לא תעשה וכו׳ וקב״ה זמין לאתפרע מיניה בעלמא דנשמתא דיליה בעיא למיעל לדוכתה ודחיין לה לבר ותשתצי מההוא אתר דצרורא בצרורא דחיי דשאר נשמתין הרי לך מבואר העון החמור והעונש החמור: (ו) ועתה נבאר מענין כוונת התפלה והובא בזוהר פרשת בלק ידוע כי דוד המלך ע״ה היה נעים זמירות ובעל תפלות

ערינסט׳ דאש די צווייא ווילן דאש איז דאש לערנן אונ דאוונן: דיא פעדרן צו גיין פאר דר מטה נאך זיין טויט (ב) אונ איין קול רופט אויש פאר אים אונ זאגט דאש איז דער מענטש וואש בייא זיין לעבין איז ער תמיד מיט אונז גיגאנגען אין איין חברותא׳ וועלן מיר אים אויך ניט פאר לאזין ביז מיר וועלין אים ברייננן צוא זיין היכל וואש עש איז גאר מיט כבוד דאש מיינט מען אין גן עדן אריין׳ אונ זייא זאגין צו דער היילגער תורה וויפיל כבוד אונ שיינקייט גרייכט צוא דעם מענטשין מחמת ער האט דיך גילערינט׳ אונ דאש איז אז דער מענטש גייט נאך דעם וועג פון דער תורת אמת אונ לערינט זיא באמת אבער אז דער מענטש גייט נאך פאלשקייט אונ נארשקייט אדער ער האט גיזאגט אין דער תורה פאלשע פשטים פון גאוה וועגין׳ דער ווערט גישטראפט (ג) אונ איין ראיה איז פון דעם זוהר פרשת בלק׳ אז נאך דעם מענטשינס טויט׳ איי ער קומט צום דין׳ רופט אויש איין קול זאמעלט אייך איין אלע דיא אויבערשטע בני ישיבה׳ צוא מעיין זיין אין זיין דין׳ אונ זייא זאמלן זיך אלע איין׳ אונ צווייא ממונים ברייננן אריין דיא נשמה׳ וויא דיא נשמה גייט אריין׳ שטעלט מען זיא בייא איין זייל וואש דארט איז פאר האנדין׳ אונ איין פלאם ברענט דארט׳ דען ברייננט מען אויף גישריבין דאש אלץ וואש ער האט מחדש גיוועז אין דער תורה בייא זיין לעבין׳ אונ מען איז מעיין אין דיא חידושים׳ אויב זייא זיינען קלארע רייד פון אמת׳ דאש הייסט אויב ער האט זייא מחדש גיוועזן דורך הקדמות פון אמת קרוינען אים איטליכר פון דיא אויבערשטע בני ישיבה מיט זעלכע קרוינן וואש פינקלן אונ לייכטן מיט איין קלאר ליכט׳ (ד) אונ אויב זייא זיינען ניט אמת׳ זאגט איטליכר פון דיא בני ישיבה׳ דאש איז פאלש נאר ער האט עש דרום גיזאגט כדי ער זאל זיך בארימען מיט פאלשע חידושים׳ ווייא צוא אים מחמת דער בושה וואש דיא בני ישיבה טוען אים אן אונ דער ממונה פון דעם גיהנם קומט אונ חאפט אים׳ דורך דעם פסק וואש דיא בני ישיבה פסקנן אונ ענטפרין אים איבר אין זיינע הענט אראפ צו נידערין אים אין דעם אונטערשטין גרוב פון דעם גיהנם׳ אונ ער לייד דארט זייער שווערע אונ ביטערע שטראף׳ (ה) אזוא וויא עש שטייט אין זוהר פרשת יתרו איטליכער וואש זאגט אין דער תורה זעלכע זאכין וואש ער ווייסט ניט אונ האט עש ניט מקבל גיוועזן פון זיין רבי׳ זאגט אויף אים דער פסוק לא תעשה וגו׳ אונ גאט ברוך הוא איז אן גיבריט צוא גיצאלט נעמען אויף דער וועלט וואש זיין נשמה וויל גיין צוא איר ארט אונ מען שטויסט זיא ארויש׳ אונ זיא ווערט פאר לענד פון דעם ארט וואו דיא איבעריגע נשמות זיינען׳ נוא פון דאנן ווייסטו קלאר דיא זינד וואש האט דער וואש איז מחדש פאלשקייט אין דער תורה פון גאוה וועגין׳ אונ אויך דעם עונש דער פון: (ו) אונ איצונד

וועל

תפלות ויש לנו ללמוד סדר וענין תפלה ממנו: (ז) מצינו לפעמים הכנים עצמו לכתות של עניים כמה שאמר הטה ה' אזנך ענני כי עני ואביון אני ולפעמים הכנים עצמו לכתות החסידים הה"ד לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני ולפעמים הכנים עצמו לכתות של קדושים שמוסרים נפשם על קדושת השם הה"ד לדוד אליך ה' נפשי אשא וגו': (ח) והנה בשירות ותשבחות צריך האדם לעשות את עצמו כעבד שמסדר שבחו של אדוניו וקונו ובהגיע ליחוד שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד ישוי גרמיה בהדי אינון דמסרי נפשייהו על קדושת השם ובהגיע לתפלת י"ח ישוי נפשיה שתהא תפלתו כלולה בין תפלתן של עניים כי תפלת עני היא קרובה להתקבל לפני הקב"ה יותר מכל צלותין דעלמא: (ט) בגין דבשעתא דעני צלי צלותא פתחין כל חלונות הרקיע ותפלת העני מעטפים כל תפלות ישראל ולא עאלין צלותהון דעלמא עד דייעול צלותא דעני וקב"ה אמר יעטפון כל צלותהון בצלותא דעני: (י) וכל צלותין דעאלין דיינין להון בדינא דלעילא קמי קב"ה אם ראוים המה להתקבל או לא מה שאין כן צלותא דעני העומד בתפלה ומציע דוחקו וצרכי ביתו ובניו ובנותיו התלוין בו ומעמדו הגרוע אשר הוא מבלה ימיו בצער ובצרה והוא פורש הכל קמי קב"ה ועיניו זולגות דמעות: (יא) דא הוא צלותא דעביד עיטופין לכל צלותין וקב"ה במאי עסיק בהאי שעתא אמרי תיאובתיה הוא במאנין תבירין דיליה שהם האביונים ודלי העם שהם מאנין תבירין דיליה וכולם לא ידעי מאי דאיתעביד מצלותא דעני ששופך שיחו בדמעות המעטפות כל צלותין דעלמא וזשה"כ תפלה לעני כי יעטוף דאיהו עביד עטופא לכל צלותהון דעלמא ולא עאלין עד דצלותיה

וועל איך בשיידן פון דעם ענין פון די כוונה פון דער תפלה אונ דער פון ווערט גיבראכט אין זוהר פרשת בלק דאש אין גיווים אז דוד המלך האט גיזאגט זיסע זמירות אונ תפלה צוא גאט ברוך הוא דרום גהערן מיר זיך פון אים אפ לערנן דעם סדר פון תפלה · (ז) מיר גיפינן צוא צייטין האט ער זיך ארין גיבראכט בשעת תפלה אין דער כיתה פון ארעמע לייט אזוא וויא ער האט גיזאגט (הטה ה' אזנך ענני כי עני ואביון אני) נייג גאט דיינע אויערן אונ ענטפער מיר ווארום איך בין אין אריםר אונ איין נויט בדערפטיגר אונ אמאל האט ער זיך ארין גיבראכט אין דער כיתה פון חסידים אזו וויא עש שטייט (לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני) דוד המלך האט גיבעטין היט מיין לייב ווארום איך בין איין חסיד אונ איין מאל האט ער זיך ארין גיבראכט אין דער כיתה פון דיא קדושים וואש זיינען זיך מוסר נפש אויף קידוש השם · (ח) אזוא גיהער איטליכער מענטש אויך טאן בשעת אז ער זאגט שירות ותשבחות דאש איז פון דעם אן הייב דאוונען ביז קריאת שמע זאל ער זיך טאן גליך וויא איין קנעכט וואש זאגט דיא לויב פון זיין האר אונ זיין בשעפר · אונ אז ער קומט צוא קריאת שמע צוא דעם פסוק שמע ישראל · זאל ער זיך טאן צווישן דיא דאזיגע וואש ענטפערין זיך איבער אויף קידוש השם · אונ אז ער קומט צוא שמונה עשרה · זאל ער זיך מאכין גאר קליין אונ ארום כדי זיין תפלה זאל גליך זיין וויא דיא תפלה פון ארעמע לייט ווארום דיא תפלה פון דעם ארום מאן ווערט פריער אן גינומען פאר גאט ב"ה · אונ בעסער איידר אלע תפלות פון דער וועלט · (ט) דען ווען דער ארום מאן טוט תפלה ווערין גיעפינט אלע פענסטר פון דעם היכל · דאש דיא תפלה זאל קומען פאר גאט ב"ה · אונ דיא תפלה פון דעם עני הילט איין אלע תפלות פון דיא ישראל · אונ דיא תפלות פון גאר דיא וועלט גייען ניט ארין פאר גאט ב"ה · ביז דיא תפלה פון דעם עני גייט פריער ארין · אונ גאט ב"ה זאגט · לאזין אלע תפלות זיך איין הילין אין דער תפלה פון דעם עני · (י) אונ אויך אלע תפלות וואש קומן פאר גאט ב"ה · משפט מען זייא פאר גאט ב"ה אויב זייא זיינען ווערט מען זאל זייא אן נעמען · אונ אויב ניט · אבר די תפלה פון דעם עני וואש ער טוט תפלה אונ קלאגט זיך פאר גאט ב"ה וויא ער האט נעביך איינג שאפט · אונ דאש בדערפעניש פון זיין ווייב אונ קינדר וואש היינגן אן אים אונ ער האט זייא ניט צוא געבין · אונ דער ציילט זיין ביטערין מעמד דאש ער פאר בריינגט זיינע יארין אין צרות אונ גרויש צער · אונ זיינע אויגין גיסן מיט טרערין · (יא) די תפלה הילט איין אלע תפלות · אונ גאט ברוך הוא זאגט מיין גילוסטונג איז אין דיא צוא בראכענע כלים · דאש זיינן דיא נויט בדערפטיגע אונ דיא ארעמע לייט וואש זייא זיינען מתפלל מיט צוא בראכינע הערצר · אונ אלע דיא לייט ווייסין גאר ניט · אז זייערע תפלות ווערין גאר אן גינומען דורך דער תפלה פון דעם עני וואש ער פאר גיסט זיינע רייד מיט טרערין · דיא תפלה הילט איין

אלע

דצלותיה דעני עאלת קמי קב"ה והקב"ה אמר יתעטפון כל צלותהון וצלותא דא תיעול לגבאי על כן דוד כליל גרמיה בהדיה דעני וקרי אף נפשיה עני · (יב) ואם כן מזה נלמוד שאם רוצים בני אדם לעביד גרמייהו תדיר כמסכנא צלותיה סליק ופוגעת באינון צלותין דמסכנן ואתחברת בהו וסלקת בהדייהו ובכללא דלהון עאלת ואתקבלת ברעוא קמי מלכא קדישא · (יג) ובהגיע לתפלת ברכת שמע קולנו ישוי נפשיה בהדייהו דחסידים ופירוש הדבר הוא שיאמר וידוי חטאיו בשמע קולנו ועל ידי וידוי חטאיו נקרא חסיד כי הוא מודה על פשעיו וחטאיו ומתחרט ומקבל תשובה שלא להיות עוד נמשך אחר דרכים מקולקלים שהן באין מצד שמאל כי אם לדבק בימינא עילאה דאיהו אקרי חסד ועיקר וידוי הוא בהיותו פורט כל חטאיו שעשה ולב הוא יודע מרת נפשו וידע מה שפגם וחטא בנעוריו ובימים הבינונים ובימי הזקנה ועכ"ז יתודה ויפרוש חטאיו כי על ידי פרישת ופריטת חטאיו נסתלק המקטרג עליו שהרי הוא מודה בעצמו ואף אם נשכחו ממנו כמה חטאים שבעבור כן לא פרט אותם בוידוי אל ידאוג בשביל כן הואיל כי שכחה המה · (יד) על כן גם הם נמשכין אבתרייהו דאינון דהתוודה עליהם וכפרה אחת לכולם אכן בהיותו מאריך בוידוי חטאיו לפורטם בשמע קולנו פן יתמשך ע"כ שלא יוכל לומר קדושה עם הציבור ע"כ כתבו בעלי מוסר להתוודות בקצרה · (טו) וכה יאמר (רבון העולמים הרע בעיניך עשיתי עשה נא למען שמך הגדול שתמלא נא ברחמיך הרבים כל הפגימות שפגמתי בשמותיך הקדושים מנעורי עד היום הזה סלח לי מחל לי כפר נא לי כי אתה שומע תפלת וכו') · (טז) והקב"ה הוא יודע כוונת הלב ובודאי יהיה לו כפרה

אלע תפלות פון דער וועלט · אונ דרום זאגט דער פסוק תפלה לעני כי יעטף דיא תפלה פון דעם ארום מאן הילפט אין אלע תפלות · אונ קיין שום תפלה גייט ניט ארויף פאר גאט ב"ה ביז דיא תפלה פון דעם ארום מאן קומט פריער צוא גאט ב"ה · דרום האט דוד המלך זיך אויך אריין גיטאן צווישן דיא ארעמע לייט אונ האט זיך אן גירופין עני · (יב) נמצא פון דאנען ווערט גילערינט · אז דיא מענטשין וועלין זיך מאכין בשעת זייערע תפלות גליך וויא זייא זיינען ארום אונ וועלין תפלה טאן מיט צוא בראכנע הערצער · אזוא וועט דיא תפלה ארויף גיין · אונ וועלין באגעגענען אין דיא תפלות פון ארמע לייט אונ וועלין זיך בהעפטין מיט זייא אונ וועלין מיט זייא ארויף גיין · אונ דורך זייא וועלין זייא אן גינומען ווערין פאר גאט ברוך הוא · אונ אז דער מענטש קומט צוא דער ברכה פון שמע קולנו · זאל ער זיך טאן צווישין דיא פרומע לייט · דער פירוש דער פון איז ער זאל אין דער ברכה פון שמע קולנו מתודה זיין אויף זיינע זינד · אונ דורך דעם ווערט ער אן גירופין חסיד · ווייל ער איז מודה אויף זיינע זינד · אונ האט חרטה דרויף אונ נעמט אויף זיך ער זאל שוין פאר לאזין זיינע תענוגים ער זאל שוין ניט נאך ציהן נאך זיינע שלעכטע דרכים וואש ער איז אין זיי גינאנגען וואש זייא קומען פון דער סטרא אחרא נאר ער זאל זיך באהעפטין אין רעכטין וועג וואש ער ווערט גירופין חסד אונ דיא עיקר ווידוי איז ער זאל ארויש ריידין אלע זיינע עבירות וואש ער האט גיטאן · אונ איטליכער ווייש דאך זיינע עבירות וואש ער האט גיטאן אין זיין יוגנט אונ אין דיא מיטל יארין אונ אויף זיין עלטער · זאל ער דאש אלץ ארויש ריידין · ווארום דורך דעם וואש ער איז אליין מתודה אונ רעט ארויש זיינע עבירות · ווערט דער מקטרג פון אים אפ גיטאן · ווייל ער זאגט דאך אליין אויש אלע זיינע עבירות · האט שוין דער מקטרג ניט צוא טאן · אונ תאמשי פיל עבירות זיינען פון אים פאר געסין גיווארין · אונ דרום זאגט ער זייא ניט בשעת ווידוי זאל ער דרויף ניט זארגין · ווארום וואש קען ער טאן אז ער גידיינקט זייא ניט : (יד) דרום ווערין זייא אויך נאך גיצויגין נאך דיא עבירות וואש ער האט אויף זייא מתודה גיוועזן · אונ ווערין אלע מיט אמאל אים פאר געבין · נאר אז ער וועט מאריך זיין אין דער ווידוי ארויש צוא ריידין אלע זיינע עבירות אין שמע קולנו · קען דאש דאך גיווערין אז ער זאל דורך דעם ניט קענען זאגין קיין קדושה מיט קהל · דרום שרייבין דיא ספרי מוסר אז ער זאל מתודה זיין בקיצור · (טו) אונ אזוא זאל ער זאגין רבון העולמים דער הער פון אלע וועלטין איך האב גיטאן אזעלכעש וואש עש איז בייז אין דיינע אויגין · איך בעט דיך טוא עש פון דיין גיאבפרטען נאמען וועגין · אז דוא זאלשט מיט דיין פיל דער בארימקייט דער פילין אלע פגימות וואש איך האב פוגם גיוועזן אין דיינע היליגע נעמן · פון מיין יוגנט אן ביז היינטינן טאג פאר גיב מיר זיי מיר מוחל

רען

כפרה על כל עונותיו וסיים שם בזוהר תנן בההיא שעתא דסדר בר נש כל הני סדורין ארבע בכונות הלב ניחא מאוד קמי קב״ה ופרים ימינא עליה ואומר עליו עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר: (יז) אמנם עוד צריך שתדע תועלת לקבלת התפלה שתהיה בציבור וכדאיתא שם בזוהר ואמרו רז״ל במסכת ברכות מי שרגיל לבא לבהכ״נ להתפלל עם הצבור בכל יום ופעם אחת לא בא הקב״ה הוא שואל עליו מי בכם ירא ה׳ אשר הלך חשכים ואין נוגה לו אם לדבר מצוה הלך נוגה לו ואם לדבר הרשות הלך אין נוגה לו וקשה למה אמר הקב״ה דוקא בזה הלשון חשכים ואין נוגה לו: (יח) אך הענין הוא כי בעונותינו הקליפות הן מבדילין בינינו לבין השמים ואף שחלונות פתוחין למעלה אמנם הקליפות מבדילין ועושין הפסקה ומחיצה בשלש זמנים ביום שהם פורחים להרי חשך לוועד שלהם לעשות כנופיא של טומאה וערבוביא שקוצים וגלולים ותועבה ואז על ידם מחשיכים ומבדילים בזמנים אלו האור שדרך חלונות מאיר ונוצץ׳ (יט) ובזמנים אלו כוונו קדמונינו ז״ל לקבוע ג׳ תפלות הקבועים בכל יום שהן שחרית מנחה ערבית שבאותן ג׳ זמנים אויר הרקיע פנוי מחמת הקליפות שכבר עברו וחלפו למקום טומאה כנזכר וישראל עיילין לבי כנישתא להתפלל וחלונות נהירין עלאין פתיחין והאור דילהון נפיק ושריין נהורין על בתי כנסיות ברישיהון דצלאן צלותא ומתפלגין נהורין על רישייהו׳ (כ) וקודשא בריך הוא שאיל על ההוא דלא אשתכח תמן ואמר חבל על פלניא דהא רגיל הכא והשתא אינו בכאן ולית ליה חולקא בההוא נהורא דנהיר על רישיהון דמצלין ואין נוגה לו כמה דשריין נהורא על אחרנין וכמה טובות איתאביד מיניה׳ (כא) ונראה דעל זה מסיים יבטח בשם ה׳ וארז״ל דהיה לו לבטוח בשם ה׳ כי בזה שהלך לדבר הרשות למשא ומתן בעת

דען דוא הערשט צוא דאש גיבעט פון דיין פאלק ישראל׳ (טז) אונ גאט ב״ה ווייסט דאך וואש ער האט אין הארץ אין זין אויף אלע זינד מתודה צוא זיין׳ וועט ער בוודאי האבין איין כפרה אויף אלע זיינע זינד׳ (יז) אונ פר וואר דוא בדארפסט ווישין׳ אז נאך איין הילף איז פאר האנדין אז זיין תפלה זאל אן גינומען ווערין דאש איז ער זאל דאוונען בציבור אזוא וויא עש שטייט אין זוהר׳ אונ אויך אונזרע חכמים ז״ל זאגין אין מסכת ברכות׳ דער וואש איז גוואונט צוא קומען אלע טאג אין שול אריין דאבנען׳ אונ איין מאל קומט ער ניט׳ פרעגט גאט ברוך הוא אויף אים מי בכם ירא יי אשר הלך חשכים ואין נוגה לו וואו איז צווישין אייך דער גאטש פארכטר וואש ער איז ניט גיקומן אין שול אריין דאבנען נאר ער איז גינאנגען אין פינסטרניש אונ קיין ליכטיקייט איז ניט צוא אים׳ אויב ער איז גינאנגען פון א דבר מצוה וועגין וועט אים זיין ליכטיג׳ אונ אויב ער איז גינאנגין פון א דבר רשות וועגין וועט אים ניט זיין ליכטיג׳ (יח) אונ דאש איז ווייל וועגין דיא זינד מאכין דיא קליפות אצווישין שייד צווישין אונז אונ צווישין דעם הימל׳ אונ דאש איז איבער אונזערע זינד׳ אונ תאטשע דיא פענצטר פון דעם הימל זיינען אפין פון דעשט וועגין מאכין דיא קליפות אצווישין שייד אונ איין מחיצה אין דרייא צייטין פון דעם טאג׳ דען זייא פליהען צוא דיא פינסטרע בערג צוא זייער איין זאמלונג׳ צוא מאכין איין זאמלונג פון אום ריינקייט אונ אום ווערדיקייט׳ אונ דענמאלט צווישין שיינ׳ן זייא אויף זייער ארט צווישין דעם הימל אונ מאכין דארטין פינסטר דיא ליכט וואש לייכט אונ פינקלט דורך דיא פענסטער פון דעם הימל: (יט) אונ דרום האבין אונזרע ערשטע אבות זיך מכוין גיוועזן צוא קובע זיין דיא דרייא תפילות דאש זיינען שחרית אונ מנחה אונ מעריב אין דר צייט וואש זייא פליהן אונטר דיא פינסטרע בערג׳ אונ דער אויר פון דעם הימל איז ליידיג פון דיא קליפות ווייל זייא זיינען שוין אוועק גינאנגען צוא זייער טומאה ארט אזו וויא פריער איז גישטאנען׳ אונ דיא ישראל גייען דענמאלט אין שול אריין דאבנן אונ דיא פענצטר פון די אויבערשטע ליכטיקייט זיינען אפין׳ אונ זייער ליכט גייט ארויש אונ רוען אונ לייכטן אונ שיינען אויף דיא שולין אויף דיא קעפ פון די וואש דאבנן דארטין׳ (כ) אונ גאט ב״ה פרעגט אויף דעם וואש ווערט דארטין ניט גיפונען אונ זאגט ווייא גישריען אויף דעם דאזיגען מענטשין וואש ער איז גיוואונט גיוועזן צו קומן אהער דאבנן אונ איצונד איז ער ניט דא אונ האט קיין חלק ניט אין דעם ליכטיקייט וואש לייכט אויף דיא קעפ וואש דאבנען איצונד אין שול אבר צוא אים איז ניט פאר האנדין דאש ליכטיקייט׳ אונ פיל טובות זיינען ווארן פר לארין פון אים: (כא) אונ דרום זאגט דער פסוק ווייטר יבטח בשם ה׳ האבין אונזרע חכמים גיזאגט דעם פשט ווייל ער האט גיקערט צו האבין אבטחון אויף גאט ב״ה׳ ווארום דער וואש גייט צו משא

בעת הקבוע לתפלה הלא ע"י שהוא מתיירא שיעבור ויחליף ממנו המשא ומתן של אותה שעה הקבוע להתפלל בצבור · (כב) לא נכון הוא כי היה לו לבטוח בשם ה' שיעמוד לו ריוח ממקום אחר ועתה בודאי הוא מפני שאין לו בטחון בהקב"ה אשר הוא זן ומפרנס מקרני ראמים ועד ביצי כינים ונותן השגחתו יתברך על נכסיהון דאינשי ההולכים לדבר מצוה וכדאיתא בירושלמי דפאה : (כג) מעשה באחד שהניח את כל תבואה שלו והלך לעלות לירושלים לקיים מצות ראייה ולא הניח שום שומר אצל התבואה וכשבא מירושלים מצא אריות שהיו מסבבים את התבואה: (כד) ועוד הובא שם מעשה באחד שהלך לרגל לירושלים ושביק ביתו פתוח מחמת טירדות הילוך הרגל ואח"כ כששב לביתו היה מוצא נחשים סובבים הדלת והבית בענין שלא היה באפשרית לשום אדם לפתוח הדלת וליכנס לביתו : (כה) רבי פנחס משתעי עובדא הוי בתרין אחין באשקלון דהוי להו שכנים אמרו הנה בקרוב יעלון אינון יהודאין לרגל לירושלים ואנן נסבין כל אשר להם וכשהלכו לעלות לרגל זימן הקב"ה מלאכים בדמות אנשים שיוצאים ונכנסים לביתם : (כו) וכשבאו מירושלים ראו אותן השכנים ויצאו לקראתם וישאלו להם לשלום ואמרו מאן שבקתון בבתיכם אמרו להם לא שום בר אינש אמרו השכנים בריך רחמנא הוא אלההון דיהודאין דלא שבקון ולא ישבוק להון : (כז) הרי לך גודל השגחה שמשגיח הש"י ב"ה על כל הבוטחים בחסדו יתברך ואין עוזבים מצוה בשבילו והקב"ה הוא נותן אגר טוב בשכרן ברוך הוא וברוך שמו הנותן מחיה וכלכלה לעמו ישראל :

פרק כח **באשר** כי הרבה מכשולות באים לאדם מחמת שהן ממחוסרי הבטחון הבוטחים בהקב"ה על

משא ומתן אין דער צייט וואש מען דארף דאבנן · איז דאך דאש בוודאי מחמת ער האט מורא אז ער וועט גיין דאבנן מיט קהל וועט ער דער וייל אן ווערין דעם משא ומתן · (כב) אבער דאש איז ניט רעכט · ווארום ער וואלט גיקערט איין בטחון צוא האבין אויף גאט אז ער וועט אים אפ געבין פון אנדער ארט דעם רווח וואש ער וועט האבין אין דעם משא ומתן · אונ ווען ער וויל ניט אוועק לאזין דעם משא ומתן אונ דורך דעם גייט ער ניט דאבנן מיט קהל · כוו דאש נאר זיין ווייל ער האט ניט קיין בטחון אין גאט ב"ה וואש ער שפייזט פון גאנץ גרויש ביז גאר קליין אונ ניט זיין השגחה איבר דיא נכסים פון דיא לייט וואש גייען צוא איין דבר מצוה · אזוא וויא עס שטייט אין ירושלמי · (כג) עס האט זיך גיטראפין איינער האט עולה לרגל גיוועז קיין ירושלים אונ האט איבר גילאזט גאר זיין תבואה אונ האט ביא איר קיין שומר ניט גישטעלט · אונ אז ער איז גיקומן פון ירושלים האט ער גיפונן אז לייבין האבין ארום גירינגילט זיין תבואה אונ האבין זיא גיהיט · (כד) אונ נאך איין מעשה שטייט דארטן · איינר האט עולה לרגל גיוועז קיין ירושלים · אונ מחמת גרויש טרחה פון זיין אוועק גיין האט ער גילאזט זיין הויז אפין · אונ דער נאך אז ער איז גיקומען אהיים האט ער גיפונען אז שלאנגען האבין ארום גירינגלט זיין הויז מיט אזוא איין ענגן אז עש איז ניט מיגליך גיוועזן צוא קיין שום מענטשין צוא עפנען דיא טיר אונ אריין צוא קומען אין זיין הויז אריין : (כה) רבי פינחס האט דר ציילט עש האט זיך גיטראפין ביא צווייא ברידער אין דער שטאט אשקלון דאש זייא האבין גיהאט שלעכטע שכנים האבין די שכנים גיזאגט · דיא יהודים וועלין באלד עולה לרגל זיין קיין ירושלים וועלין מיר צוא נעמען גאר זייערע פאר מעג : (כו) אונ אז דיא צווייא ברידער זיינען אוועק גיגאנגען קיין ירושלים · האט גאט ברוך הוא אן גיבריים מלאכים אין דעם גישטאלט פון מענטשין וואש האבין גיהיט זייער שטוב · אונ אז זייא זיינען גיקומן פון ירושלים · זיינען דיא שכנים זייא אנטקעגין גיגאנגען אונ האבין זייא גיפרעגט צוא שלום · אונ האבין צוא זייא גיזאגט · וועמן האט איר גילאזט אין אייער הויז · האבין דיא ברידר גיענטפערט קיין שום מענטש האבין מיר ניט איבער גילאזט · האבין דיא שכנים גיזאגט · גילויבט איז דער גאט פון דיא יהודים וואש ער האט זייא ניט פאר לאזט אונ וועט זייא ניט פאר לאזין : (כז) פון דאנען קען מען אפ לערנען דיא גרוישע השגחה וואש גאט ב"ה איז משגיח אויף דיא לייט וואש האבין איין בטחון אויף זיין חסד אונ פאר לאזין ניט דיא מצות צוא טאן פון וועגין וואש עש טרעפט זיך זייא נעלט מרויח זיין · אונ גאט ב"ה גיט זייא גוטין שכר דער פאר · גילויבט איז ער אונ גילויבט איז זיין נאמן וואש ער גיט שפייז אונ פרנסה צוא זיין פאלק ישראל :

פרק כח **באשר** ווייל פיל שטרויכלונג קומען צוא דיא מענטשין

על כן נציג לך כמה אזהרות בזה: (ב) מכשול הראשון המצוי בין בעלי מחיות בראותם כי נתמעט המחיה אינם רוצין לקבל באהבה ובחיבה גזירת הקב"ה להיות נחשב לו לכפרת עון והכל בידי שמים והם מתחכמים נגד השי' ב"ה ועושין פעולות ע"י כשפים הפורחים באויר כי חטא גדול הוא זה כאשר אבאר בע"ה: (ג) והנה בלק בן צפור עשה כשפים נגד ישראל על ידי צפור ששמו ידוע לבעלי מכשפים שפועלים הכישוף על ידי צפור ולכך היה נקרא בן צפור ושלח אותו אל מקום מקור הטומאה של כישוף שיוודע לו מה לעשות נגד ישראל: (ד) כשחזר הצפור אליו ראה חד שלהובא דנורא דשט בתריה ואוקיד גדפוי כדין נפל עליו אימה וחרדה גדולה ושלח בלק אל בלעם בן בעור אשר הוא מושרש בטומאת הכישוף: (ה) והנה ראשי ומקורי הכישוף הוא עזא ועזאל אשר היו מקטרגים נגד בריאת האדם והפילם הקב"ה לארץ ואז נדבקו בהם ערבוביא של זוהמת הנחש ונתנו עיניהם בבנות הארץ והלכו אחרי זנות: (ו) וראה הקב"ה שמתחילים להטעות את הבריות קשר להון הקב"ה בשלשלאות דפרזלא תחות הרי חשך ושם הם יושבים עזא ארגיז להקב"ה בשעתא דקשיר ליה בשלשלאות ע"כ אפיל ליה בעומקא דטורא עד קודליה ורמי חשוכא באנפוי ועזאל דלא אתקיף וארגיז קמי קב"ה בשעתא דקשיר ליה הושיבו אצל עזא אבל לא רמי חשוכא באנפוי ונהיר ליה מחשוכא: (ז) וע"כ עזא שהפילו הקב"ה בחשך כנזכר נקרא נופל ועזאל דנהיר ליה מחשוכא נקרא גלוי עינים ואינון הרי חשך אקרון הררי קדם בגין דחשוכא אקדים לנהורא ומראש בריאת האור היה חשך ובכל יום היה בלעם הרשע אצלם ללמוד מהם שמות הטומאה וכשפים וד"ש מן ארם ינחני בלק מהררי קדם וגו' נאם מחזה שדי יחזה נופל וגלוי עינים: (ח) וקודם שלמד בלעם הכישוף הוצרך לטמא את עצמו בהרבה מיני טומאות:

ולכן

מענטשין וויל זייא האבין. קיין בטחון ניט אויף השי"ת דרום וועל איך דיר שטעלין פיל אזהרות דרינען · (ב) דאש ערשטע שטרויכלונג איז · וואש איז שכיח צווישין די בעלי מחיות דאש זיינען שיינקערס קרעטמערס דאש או זייא זעהן אז זייער מחיה ווערט גיוויינגט · ווילן זייא ניט אן נעמן מיט ליבשאפט די גזירה פון גאט ב"ה · כדי עש זאל זייא גירעכינט ווערן פאר איין כפרה אויף זייערע זינד · נאר זייא קלינן זיך קעגין גאט ב"ה אונ טוען זאכן דורך כישוף אז די מחיה זאל זיך ווידער קערין צוא זייא · אונ דאש איז אגרוישע זינד אזוא וויא איך וועל בשיידין מיט גאטש הילף: (ג) נון בלק בן צפור האט גיטאן כישוף קעגין די ישראל · דורך איין פויגל וואש די מכשפים ווייסין וויא ער הייסט אונ דרום האט מען אים גירופין בן צפור וויל ער האט גיטאן כישוף דורך אפויגיל אונ האט דעם פויגיל גישיקט צוא די רעכטע טומאה פון כישוף · כדי ער זאל דורך דעם גיוואר ווערין וואש צוא טאן קעגין די ישראל · (ד) אונ אז דער פויגיל האט זיך ווידר גקערט צו אים האט ער גיזעהען איין פלאם פייער פליהט נאך דעם פויגיל אונ פאר ברענט זיינע פליגל איז אויף אים גיפאלן אגרויש פארכט אונ אגרויש ציטרניש · האט ער גישיקט צוא בלעם בן בעור וואש ער איז גיוועזן איין גיווארצילט אין דער טומאה פון כישוף: (ה) אונ די ראשים אונ דער גרונד פון די מכשפים זיינען עזא ועזאל · זייא זיינען גיוועזן צווייא מלאכים וואש האבין מקטרג גיוועזן פאר גאט ער זאל ניט בשאפין דעם מענטשין האט גאט ב"ה זייא אראפ גיווארפין אויף דער ערד · אונ דענמאלט איז אין זייא בהעפט גיווארין די זוהמא פון דעם נחש · אונ האבין גיגעבין זייערע אויגין אויף די שיינע נקיבות · אונ זיינען נאך גיגאנגען נאך זנות · (ו) וויא גאט ב"ה האט גיזעהן אז זייא הייבין אן צוא פאר פירין די לייט · האט זיי גאט ב"ה פאר קניפט מיט אייזרנע קייטין אונטער די הרי חושך · אונ דארטין זיצין זייא · עזא האט דער צערינט צוא גאט ב"ה בשעת אז ער האט אים צו גקניפט מיט קייטן דרום האט גאט ב"ה אים אריין גיווארפין אין דער טיפעניש פון דעם בארג ביז אין זיין האלז: אונ האט גיווארפין פינסטרניש אין זיין פנים · אונ עזאל וואש האט ניט שטארק דער צערינט גאט ב"ה בשעת אז ער האט אים צוא גיקניפט · האט ער אים גיזעצט לעבין עזא נאר ער האט ניט גיווארפין קיין פינצטרקייט אין זיין פנים אונ עש איז אים אביסיל ליכטיג (ז) אונ עזא וואש גאט ב"ה הט אים אריין גווארפין אין דר פינסטרניש · ווערט ער דרום גירופין אין דער תורה נופל · אונ עזאל וואש איז אים ליכטיג ווערט גירופין גלוי עינים זיינע אויגין זיינן אנפלעקט · אונ בלעם הרשע פלעגט אלע טאג גיין צוא זייא לערנען די שמות הטומאה אונ כישוף: (ח) אונ

איידער

(ט) ולכן נסמכה בתורה כל שוכב עם בהמה מות יומת מכשפה לא תחיה כי שורש מקור כשפים הוא הכל ע"פ טומאות גדולות בר מינן: (י) ע"ז כתב בזוהר פרשת בלק וישלח בלק מלאכים אל בלעם בן בעור פתורה ר"ל דמסדרין פתורה לקדמיהון ולהקטיר להם איזה מין קטורת ובאים המשחיתים ואודיעין לו מה דאינון בעיין וסוף האדם זה שרוצה לעשות כישוף בשעת פטירתו באין אלו המשחיתים עם כל הס"א לקבל את הנשמה דיליה ואמרין דין הוא מכת שלנו וכן איתא בזוהר פ' תזריע ת"ח ההוא בר נש נפיק מרשותא דמאריה ופקדונו דיליה יהיה לס"א מסאבא ר"ל וכו' ע"ש: (יא) ע"כ אני מזהיר לאותן אנשים או נשים שהן נכשלים בעון זה לעזוב את העון ולהסיר המכשול זה ויתחרט על העבר ועל להבא תזעק במר נפשו לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה להוציאו מתחת ידי הארורים המשחיתים ומזיקים האלו אשר בעבור העון זה נכנס תחת רשותם וע"כ צריך האדם לבכות בבכייה גדולה על עון זה ומכת אותן דמעות תשבר ותמגר חוזק המשחיתים ויהיה נחלש כוחם בכל יום ויום עבור הדמעות עד שלא ישאר רושם של חטא זה: (יב) תמים תהיה עם ה' אלהיך בכל ענייניך בכל סיבה ח"ו שאו למרום עיניכם לעורר רחמיו וחסדיו יתברך בתשובה ותפלה וצדקה ואל ישיא לבך אותך בראותך דבים הלכו אחר כישופים והצליחו אוי לאותה הצלחה אוי לאותה הטובה הבא ע"י כישוף כי מהרה כעשן תכלה והעון חקוק ורשום וקיים להענש עבורו בעונשים קשים ומרים: (יג) ראה מה דאיתא בזוהר פ' תזריע רבי יצחק הלך לבית אביו וראה אדם אחד הלך ונטה חוץ לדרך במשא עצים על כתיפיו א"ל שורטא דקיסתא (פי' קנים של עצים) בכתפך אמאי לא אמר ליה מידי אזיל אבתריה חמא דעייל במערתא

איידער בלעם האט זיך געלערנט דעם כישוף · האט ער זיך גימוזט מטמא זיין אין פיל ערלייא טומאות: (ט) אונ דרום שטייט אין דער תורה דיא צווייא פסוקים איינש לעבין אנדערין דאש זיינען דיא פסוקים כל שוכב עם בהמה מות יומת איטליכער וואש ליגט מיט א בהמה זאל ווערין גיטייט מכשפה לא תחיה איין כישוף מאכערין זאלשטו ניט לאזין לעבין דען דער שורש פון כישוף איז נאר דורך גרוישע טומאות: (י) אונ דרום שרייבט דער זוהר פרשה בלק וישלח בלק מלאכים אל בלעם בן בעור אונ בלק האט גישיקט שלוחים צוא בלעם דער זון פון בעור · פתורה איין טיש דאש מיינט מען וואש דיא מכשפים ריכטין אן אטיש פאר דיא שדים אונ זיינען פאר זייא מקטיר איין מין קטורת · אונ דיא שדים קומען אונ זיינען זייא מודיע וואש זייא בדארפין · אונ דער סוף איז פון דעם מענטשין וואש וויל טאן כישוף · דען בשעת זיין טויט קומען דיא שדים מיט נאר דער סטרא אחרא אונ נעמען צוא זיין נשמה אונ זאגין דער איז פון אונזער כיתה: (יא) דרום בין איך מזהיר צוא דיא מאנזבילין אונ ווייבער וואש זיינען גישטרויכילט גיווארין אין דער זינד פון כישוף · בין איך זייא מזהיר אז זייא זאלין פאר לאזין דיא זינד · אונ אפ צוא טאן דאש שטרויכלונג · אונ זאלין חרטה האבין אויף דעם וואש זייא האבין פריער גיטאן · אונ אויף ווייטער זאלין זייא שרייען מיט ביטערקייט פאר גאט ב"ה · אז ער זאל זייא אויש ציהען פון דיא הענט פון דיא פאר שאלטענע שדים אונ מזיקים וואש זייא זיינען אריין גיאנגען אונטער זייער רשות דורך דער זינד · אונ דער מענטש באדארף זייער צוא וויינען אויף דער דאזיגער זינד · אונ מחמת דיא טרערין וועט צוא בראכין ווערין דאש שטארקייט פון דיא שדים אונ זייער כח וועט שלאפער ווערין איטליכען טאג פון וועגין דיא טרערין ביז עש וועט ניט בלייבין קיין צייכין פון דער דאזיגער זינד: (יב) דוא זאלשט זיין גאנץ מיט גאט דיין גאט אין אלע דיינע ענינים דאש הייסט אז עש טרעפט זיך דיר עפיש אסיבה ח"ו זאלשטו אויף הייבין צוא גאט דיינע אויגין ער זאל דער וועקין זיין דער בארעמקייט אונ זיין גינאד אונ דאש זאלשטו טאן מיט תשובה אונ תפלה אונ צדקה · אונ דיין הארץ זאל דיך ניט אן ריידין ווייל דוא זעהעסט פיל לייט זיינען נאך גיגאנגען נאך כישוף אונ האבין בגליקט דען ווייא איז צוא דער הצלחה ווייא איז צוא דעם נוטש וואש קומט דורך כישוף · דען דיא הצלחה וועט גיך פאר לענד ווערין אזוא וויא רויך · אונ דיא עבירה בלייבט אן גיקריצט אונ אן גיצייכינט דאש ער זאל דורך איר גישטראפט ווערין מיט שווערע אונ ביטערע שטראף: (יג) זעה וואש עש שטייט אין זוהר פרשה תזריע · רבי יצחק איז גיגאנגען צו זיין פאטער האט ער גיזעהען איין מענטש גיין אונ גיינט אראפ פון דעם וועג אונ טראגט אגרוישע משא פון האלץ אויף זיינע אקסלען · האט רבי יצחק צוא אים גיזאגט ווארום טראגשטו דאש אויף דיינע אקסלען · האט דער מענטש אים ניט

גיענטפערט

חדא אזיל אבתריה חמא קטורא דתננא דהוי סליק תחות ארעא ועאל האי בר נש לנוקבא הדא דהוי זעירא ואיתכסייא מיניה: (יד) דחיל ר' יצחק ונפיק לפום מערתא עד דהוי יתיב עברו ג"כ ר' יהודה ורבי חזקיה חמא לון וקריב לגביהן סח לון עובדא אמר רבי יהודה בריך רחמנא דשיזבך האי מערתא דסגירי מעיר (סרוניא) יושבים תמן וכל יושבי האי קרתא הן מכשפים גדולים ואתיין למדברא וצדיין נחשים חויין אוכמין דאינון בני עשר שנין או יותר ועושין בהם חרשים ולא מינטר מינייהו ונוטלין בידים ועי"כ נעשין מצורעים ואתעבידו סגירין וכל זייני חרשין דלהון בההיא מערתא אינון: (טו) אזלי עד דהוי אזלי פגעו בהדי בר נש דהוי אתי ובריה הוי חולה קטיר על חמרא אמרו מאן את אמר להם יהודאי אני ודא הוא בני דאיהו קשור על החמור א"ל אמאי הוא קשור: (טז) אמר להם דיירא הוה בחד כפר והוי ברי אוליף אורייתא בכל יומא והוי אהדר לביתא ולעי לן מילין אלין ושלש שנים הוי דיירא בההוא ביתא ולא חמינא מידי והשתא יומא חד עאל ברי לביתא לאהדר אלין מילין דאורייתא מה שקבל מרבו אעבר חד רוחא קמיה ונזיק ליה אעקם פומיה ועינוהי וידוהי ולא יכיל למללא ואתינא לגביה מערתא הנזכר דילמא יהא ילפין ליה מלה דאסוותא: (יז) אמר ליה ר' יהודה ובההוא ביתא ידעית מקדמת דנא אתנזיק ביה א"ל חד בר נש והוי אמרי דמרעא הוי (ר"ל דהוה חולי) ולא מזיק ומינייהו אמרו רוחא דביתא ולבתר עאלו ביה כמה בני נשא ולא אתנזיקו ביה אמרו נזיל בהדי האי בר נש ונחמי: (יח) א"ר יצחק אסור לן אי הוה אזיל לגבי גברא רבא דחיל חטאין כגון נעמן לגבי אלישע נזיל אבתריה ואם לאו לא נזיל כי אסור לן לאתחזאה בריך רחמנא דשזיב לן מינייהו

והאי

גיענטפערט · איז רבי יצחק אים נאך גיגאנגען האט ער גזעהן וויא ער איז אריין גיגאנגען אין איין היל אריין · איז רבי יצחק אים נאך גיגאנגען האט ער גיזעהען איין רויך איז אויף גיגאנגען פון דער ערד · אונ דער מענטש איז אריין גיגאנגען אין איין קליין לעכיל וואש אין דער היל איז גיוועזן · אונ איז פאר שוואונדין גיווארין פאר אים: (יד) האט רבי יצחק זיך גיפארכטין אונ איז ארויש גיגאנגען פון דער מערה וויא ער איז גיזעסין בייא דער מערה זיינן דארטין גיגאנגען רבי יהודה אונ רבי חזקיה · האט ער זייא דער זעהען אונ איז גיגאנגען צו זייא אונ האט זייא דער ציילט דיא גאנצע מעשה · האט רבי יהודה צו אים גיזאגט גילויבט איז גאט וואש האט דיך מציל גיוועזן פון דער היל · דען דארטין זיצין מצורעים פון דער שטאט סירוניא אונ דיא אלע וואש וואונען אין דר שטאט זיינען גרוישע מכשפים · אונ זייא גייען אין דער מדבר אונ חאפין שלאנגען ווייסע אונ שווארצע וואש זיינן אלט צעהען יאר אדער נאך מער אונ טוען מיט זייא כישוף · אונ דרום ווערין זייא מצורע · אונ גאר זייער כישוף טוען זייא אין דער דאזיגער היל: (טו) וויא זייא זיינען אוועק גיגאנגען פון דער היל האבין זייא בגעגינט איין מענטש איז גיגאנגען אונ זיין זון איז גיוועזן קראנק אונ צוא גיקניפט אויף דעם אייזיל האבין זייא צוא אים גיזאגט ווער בישטו · האט ער צוא זייא גיזאגט איך בין איין יהודי אונ דאש איז מיין זון וואש ער איז צוא גיקניפט אויף דעם אייזיל · האבין זייא אים גיפרעגט פאר וואש איז ער אן גיקניפט: (טז) האט ער צוא זייא גיזאגט איך האב גיוואינט אין איין דארף אונ מיין זון האט גילערינט אלע טאג תורה · אונ פלעגט קומען אהיים אונ איבער חזרין דאש לערנען האב איך דרייא יאר גיוואונט אין דער דירה אונ האב ניט גיזעהן קיין שלעכטע זאך אמאל איז מיין זון גיקומען אהיים איבער צוא חזרין דאש לערנען וואש ער האט מקבל גיוועזן בייא זיין רבי: איז אים איבער גיגאנגען איין לופט אונ האט אים מזיק גיוועזן אונ האט אים פאר קרימט זיין מויל אונ זיינע אויגן אונ זיינע הענט · אונ ער קען ניט ריידין גייא איך צוא דער היל טאמער וועלין זייא אים היילין: (יז) האט רבי יהודה צוא אים גיפרעגט · איז שוין אמאל איינער ניזוק גיווארין אין דעם הויז האט דער מענטש אים גיענטפערט עש איז אמאל יוא איינער ניזוק גיווארין דארטין · נאר אטייל האבין אבער גיזאגט אז ער איז אזוא קראנק · אונ איז ניט ניזוק גיווארין · אונ דער נאך האבין שוין גיוואוינט אין דער שטוב פיל לייט אונ עש האט זייא ניט גישאט האבין זייא גיזאגט לאמיר נאך גיין דעם מענטשין וועלין מיר זעהען וואש זיין סוף וועט זיין: (יח) האט רבי יצחק צו זייא גיזאגט מיר טארין אים ניט נאך גיין ער וואלט גיין צוא איין ת"ח אזוא וויא נעמן איז גיגאנגען צו אלישע הנביא וואלטין מיר אים נאך גיגאנגען · אבער איצונד טארין מיר אים ניט נאך גיין · גילויבט איז גאט וואש ער האט אונז מציל

גיוועזן

והאי בר נש אסור ליה ג"כ ליזיל לתמן א"ר יהודה והא תנינן בכל אדם מתרפא חוץ מעבודת כוכבים ועצי אשירה וכו' א"ל ודאי עבודת כוכבים איהו ולא עוד אלא דהא כתיב לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש וגו' אזלו לאורחייהו: (יט) אזיל האי בר נש לההוא מערתא הוא ובריה שרי ליה במערתא עד דנפק אבוי לקטרא לחמרא נפיק קטורי דאשא ומחא ליה ברישא וקטליה אדהכי עאל אבוהי ואשכח דמית בריה נטיל ליה ולחמריה ואזיל ליה: (כ) לבתר יומין חזי לר' יצחק ולר' חזקיה והוי אזיל ובכה קמייהו וסח להו עובדא א"ר יצחק ולא זמנין סגיאין אמינא לך דאסור למיהך תמן בריך רחמנא די כל מעבדוהי קשוט ואורחתיה דין זכאין אינון צדיקיא דאזלו באורחא קשוט בעלמא הדין ובעלמא דאתי אבל אינון דאזלין בתר טיפשין וכשופים ודאי שסוף שלהם הוא רע מאוד בחייהן ומכ"ש אחר מותן שנשמתן נדחת ואינן זוכין לראות באור עוה"ב וגם מגופן נעשו ענינים רעים כמבואר בזוהר בכמה מקומות וכאן קצרתי ע"כ צריך האדם להזהר שלא יעשה לו אפילו רפואה מה שנעשה ע"י כישוף כי מעשה כישוף הוא עבירה כאילו עובד עבודת כוכבים והירא שמים ירחיק ממנה ואז טוב לו יהיה סלה:

פרק כט **דע** כי בלעם הרשע כשראה שאינו יכול להרע לישראל בכשפיו כמש"ה מה אקוב לא וגו' נתן עצה לבלק שיפקיר לזנות את בנותיהם כדי להכשיל את ישראל וכאשר באמת נכשלו ונפלו מישראל כ"ד אלף ואח"כ הלך בלעם ליטול שכרו מבלק: (ב) בא פנחס וראה את בלעם במלחמת מדין פורח באויר רמא פנחס קלא לבני חילא (עיין בזוהר) ואמר אית מאן דידע למפרח אבתריה דההוא רשע לפי שהיה רואה שבלעם טס כעוף: (ג) ומיד התעורר איש אחד וצליה שמו והיה משבט דן שהיה
יודע

גיוועען פון זייא · אונ דער מענטש טאר אויך ניט גיין אהין · האט רבי יהודה גיזאגט מיר האבין דאך גילערינט אז מיט אלעמען מעג אמענטש זיך היילין נאר פון זעלכע זאכין וואש קומט ארויש פון עבודת גלולים טאר מען זיך מיט זייא ניט היילין האט רבי יצחק גיזאגט כישוף איז אויך עבודת גילולים זיינען זייא גיגאנגען אין זייער וועג וואשזייא האבין באדארפט גיין · (יט) אונ דער מענטש איז גיגאנגען צוא דער הייל· האט ער אויף גיבונדין זיין זון אונ האט אים גילייגט אין דער הייל וויא דער פאטער איז ארויש גיגאנגען צו קניפן זיין אייזיל· דער וויל איז ארויש גיגאנגען איין רויך מיט פייער אונ האט גישלאגין אין זיין קאפ אונ האט אים גיטייט דער נאך איז דער פאטער אריין גיגאנגען אונ האט גיפונען זיין זון טויט· האט ער גינומען זיין טויטין זון אונ דאש אייזיל אונ איז צוא ריק גיגאנגען מיט גרויש צער · (כ) אין עטליכע טעג ארום האט ער גיזעהען צוא רבי יצחק אונ רבי חזקיה אונ איז גיגאנגען אונ האט גיוויינט פאר זייא אונ האט זייא דער צײלט דיא גאנצע מעשה · האט רבי יצחק גיזאגט צוא אים האב איך דען דיר ניט פיל מאל גיזאגט אז מען טאר אהין ניט גיין · גילויבט איז גאט וואש אלע זיינע מעשים זיינען אמת אונ זיינע וועגין זיינען מיט גירעכטין דין · אונ צוא דיא צדיקים וואש גייען אין דעם וועג פון אמת איז זייא וואול אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט· אבער די וואש גייען נאך נארישקייט אונ כישוף · איז זייער סוף בוודאי שלעכט בייא זייער לעבין · אונ מכל שכן נאך זייער טויט · אונ איז ניט זוכה צוא זעהען אין די ליכט פון עולם הבא · אונ אויך פון זייער גוף ווערט שלאנגען אזוא וויא עש שטייט אין זוהר אין פיל ערטער · דרום מוז דער מענטש נזהר זיין אז ער זאל זיך ניט טאן קיין רפואה וואש זיא איז גימאכט גיווארין דורך כישוף ווארום דיא ווערק פון כישוף איז אזוא איין עבירה גלייך וויא ער דינט גלולים · אונ דער וואש פארכט זיך פאר גאט דער זאל זיך דער ווייטערין פון דעם וועט אים בוודאי גוט זיין:

פרק כט דע דוא זאלשט ווישין אז בלעם הרשע האט גיזעהען אז ער קען דיא ישראל ניט טאן קיין שלעכטש דורך זיין כישוף · אזו וויא ער האט גיזאגט מה אקוב לא קבה אל וואש זאל איך שילטין אז גאט וויל זייא ניט שילטין · האט ער גיגעבין איין עצה צוא בלק אז ער זאל הייסין די מואבים זאלין מפקיר זיין זייערע טעכטער צו זנות כדי צוא שטרויכלען דיא ישראל· אונ זייא זיינען טאקע גישטרויכלט גיווארין אונ עש איז פון זייא גישטארבין פיר אונ צוואנציג טויזינט· דער נאך איז בלעם גיגאנגן נעמן שכר פון בלק פאר דער עצה:(ב) איז גיקומען פנחס מלחמה האלטין מיט מדין אונ האט דער זעהען בשעת מלחמה וויא בלעם פליהט אין דער לופטען · האט פנחס גיזאגט צוא זיין חיל טאמער איז צווישין אייך פאר האנדין אזעלכער
וואש

יודע לכוף תחתיו כוחות הטומאה ופרח אחריו כיון דחמא ליה ההוא רשע קרב בכישופין בעמק חמשה אוירים וטס ונתכסה שם בהעלמת עין ובההוא שעתא אתכסיין והיה האיש צליה בצערא ולא היה יודע מה לעשות: (ד) מיד רמא ליה קלא פנחס לההוא צליה אשר נתכסה בו בלעם ובחמשה אוירים שיתהפך ויתגלה לבל יתכסה בו אותו רשע מיד נתגלה האי אוירא ועאל צליה לגביה וגבר על בלעם הרשע וכפיה שיבא לפני פנחס ובמה כפה אותו בזה: (ה) כי יודע היה צליה לכוף את הזכר ואת הנקבה של ראשי טומאת הכשופים אשר כל אחד מהם היה נקרא שפי משא״כ בלעם הרשע היה רק יודע להתגבר בכח הזכר לבד ולכן בבלעם כתיב וילך שפי משא״כ צליה שהיה משבט דן כתיב ביה יהי דן נחש עלי דרך שפיפון עלי אורח והאי אורח ושביל באוירא דנתכסה בו אותו רשע: (ו) כשבא בלעם הרשע לפני פנחס א״ל פנחס לבלעם הרשע רשע כמה גלגולין בישין עבדת על עמא ישראל א״ל פנחס לצליה קום וקטליה ולא בשמא קדישא ותתקיים ביה תמות נפשי מות ישרים בההוא שעתא עביד ביה כמה מיתות משונות ולא מית עד דנטיל חרבא דהוי חקיק עליה חויא מהאי סטר וחויא מהאי סטר׃ (ז) א״ל פנחס בהאי טומאה דהוי עסיק ביה אתה תמות בו כדין קטיל ליה ודיינין ליה בההוא טומאה ובההוא עלמא עצמות כולהו אתרקיבו ומבשרו וגופו של בלעם אתעבידו נחשים חוין בישין ואפילו מתולעים שאכלו את בשרו אתהדרו מהם ונעשין חוין ומעצמיו נעשו גם כן נחשים גדולים: (ח) וכן הוא סוף וקץ כל גופות המכשפים שהלכו אחר הכישוף להיות ממנו נחשים ועקרבים ונשמתן נעשין שדין ולילין תיפח רוחם ונשמתם של בעלי כישוף: (ט) ואותן אנשים או נשים שהולכין אחר הכישוף המה ראוין לקלל אותן לפני הקב״ה ולהתיש כוחן בכל מאי דאפשר ובאם אשר יש כמה כשפניות היודעים להזיק

וואש קען נאך פליהען דעם רשע: (ג) האט זיך דער וועקט איין מענטש אונ זיין נאמען איז גיוועזן צליה· אונ ער איז גיוועזן פון שבט דן· דאש ער האט גיוואוסט אונטער טעניג צוא מאכין אונטער זיך דיא כוחות הטומאה איז ער נאך אים נאך גיפלויגן מיט שמות הקדושים וויא בלעם הרשע האט אים דער זעהען האט ער מיט כישוף גינעהנט אין דער טיפעניש פון פינף שאטינס· אונ איז דארטין פר בארגין גיווארן אז קיינר האט אים ניט גיקענט זעהען· אין דער צייט איז דער צליה אויך בדעקט גיווארין אונ איז גיוועזן אין גרויש צער· אונ האט ניט גיוואוסט וואש צוא טאן· (ד) האט פנחס תיכף אן גישריען אין דעם שאטין וואש בלעם איז דרינען פאר בארגין גיווארין אין די פינף אוירים· אונ האט גוזר גיוועזן אז צליה מיט דעם בלעם הרשע זאלין ניט זיין אין אים פאר בארגין איז דער שאטין תיכף אוועק גינאנגען אונ צליה האט זיך גישטארקט איבר דעם רשע בלעם· אונ האט אים גנייט ער זאל קומען פר פנחס· אונ מיט וואש האט ער אים גנייט· (ה) דען צליה האט גיקענט כופה זיין דיא שדים זכרים אונ נקבות פון דיא עלצטע פון דיא מכשפים וואש איטליכר פון זיא ווערט אן גירופין שפי אבער בלעם הרשע האט נאר גיקענט זיך מתגבר זיין מיט דעם כח פון דיא מכשפים זכרים· אונ דרום שטייט ביא בלעם וילך שפי אבער ביא צליה וואש ער איז גיוועזן פון שבט דן שטייט ביא אים

הי דן נחש עלי דרך דר שבט דן וועט זיין וויא אשלאנג אויף דעם וועג שפיפון עלי אורח אזו וויא אברענעדיגע שלאנג אויף דער שטעג: (ו) אז בלעם הרשע איז גיקומען פאר פנחס האט פינחס צוא אים גיזאגט דוא רשע וויפיל בייז האשטו שוין גיטאן צוא דעם פאלק ישראל האט פינחס גיזאגט צו צליה· שטייא אויף אונ טייט אים אונ ניט מיט אהייליגין שם נאר מיט אשווערד· האט צליה אים גיטאן פיל מיתות משונות אונ ער איז ניט גיטייט גיווארין ביז ער האט גנומען אשווערד וואש אויף איר איז גיוועזן אויש גקריצט פון איין זייט אשלאנג· אונ פון דר אנדרר זייט אשלאנג: (ז) האט פנחס צו אים גזאגט אין דער טומאה וואש דו בישט דרינען עוסק דער מיט וועסטו שטארבין· אזוא האט אים צליה גיהרגת מיט דער שווערד· אונ זיינע ביינער זיינן פר פוילט גיווארין אונ פון זיין פלייש אונ זיין גוף זיינען גיווארין שלאנגען· אונ אפילו פון דיא. ווערים וואש האבין גיגעסין זיין פלייש· איז פון זייא אויך גיווארין שלאנגען· (ח) אזוא איז אויך דער סוף פון אלע גופים פון מכשפים· ווערט אויך פון זייערע גופים שלאנגען אונ ענדעשין· אונ פון זייערע נשמות ווערט שדים אונ לילין· (ט) אונ די מאנזבילין אונ ווייבער וואש גייען נאך כישוף נאך גיהער מען זייא צוא שילטין אונ שלאף צוא מאכין זייער כח וויא וויט מיגליך איז· אונ אויב עש איז פאר האנדין זעלכע

בישוף

להזיק ילדי ישראלים ראוין הן לפורטן בשמם ולהפריש אותן שלא יהיה להם שום נגיעה בקדושת ישראל: (י) ודע כי בלעם הרשע לקט כל מיני עשבים השייכים להכישוף והכניסם לקדירה וחפר וטמן את הקדירה בעומק הארץ אלף ות"ק אמה: (יא) וכשכרה דוד המלך ע"ה לשיתין כרה עד התהום להמציא מים מתהום לנסך ע"ג המזבח כרה אלף ות"ק אמות מצא האי קדירה והעבירו והחלישו במים הראויין לנסך ע"ג המזבח וע"ז אמר מואב סיר רחצי שרחץ והעביר כשופים שבסיר מואב הנזכר: (יב) ע"ב באם יש חשש ההיזק של כישופים טוב להעבירם ע"י ט"ו שיר המעלות שאמר דוד בשעה שכרה את השיתין להעלות המים מן התהום ואח"כ יתפלל להש"י להסיר כל מיני הזיקות כישוף מישראל: (יג) וזאת העצה טובה לכל בר ישראל ולכל בת ישראל להרחיק עצמם מן הכישוף בכל מיני הרחקות שבעולם מלעשות דבר ע"י כישוף או ניחוש וקסמים ולא לשמוע שום לחש של כישוף: (יד) כי הקב"ה בעמו ישראל התפאר כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל וכל המרחק את עצמו מהכישוף מכניסין אותו בעוה"ב למחיצה שאפילו מלאכי השרת אין יכולין לעמוד שם:

**פרק ל** **כתיב** והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך איתא במסכת ברכות הרואה אוכלוסים של ישראל מברך הברכה ברוך חכם הרזים שאין דעתן שוה כך אני אומר שיש דעות מחולקות בבני אדם בנתינת הצדקה ובעשיית הגמילות חסדים: (ב) הכת האחת הן קמצנים ואין בכחם לעשות צדקה וגמילות חסד ואף לעצמם אין להם רשות לאכול ולשתות ולעשות מלבושים בוודאי אותן אנשים הן מכתות החיצונים וכמש"ל פרק כ"ז וכ"ח ואין להם חלק בקדושה כי הסטרא אחרא שולט עלידהם:

כת

כישוף מאבערש וואש זיינען מזיק דיא יודשע קינדער דיא זיינען ווערט אז מען זאל זייא אפ שיידין פון כלל ישראל אז זייא זאלין קיין שום נגיעה ניט האבין אין דעם הייליקייט פון ישראל: (י) אונ ווייש אז בלעם הרשע האט צוא נויף ניקליבן אלרלייא קרייטכער וואש גיהערין צום כישוף · אונ האט זייא אריין גילייגט אין אטאפ אונ האט אויש גיגראבין אין דער ערד טיף פופצין הונדערט איילין אונ האט דארט באהאלטין דעם טאפ · (יא) אונ אז דוד המלך האט גימאכט דעם גרונד פון דעם מזבח · האט ער גילאזט גראבין דאש ארט פופצין הונדרט איילין טיף דאש איז ביז דעם תהום כדי צוא אויש ציהען וואשער פון דעם תהום זייא צוא מנסך זיין אויף דעם מזבח אונ דאש ארט רופין דיא חכמים שיתין · האט ער גיפונען דעם טאפ · האט ער דעם כישוף אפ גישווייגקט אונ אים שלאף גימאכט מיט דער וואשער וואש זיינען גיוועז ראוי מנסך צוא זיין אויף דעם מזבח אונ דרום האט ער גיזאגט מואב סיר דעם טאפ וואש בלק מלך מואב מיט בלעם האבין אריין גיטאן אין דער ערד רחצי האב איך דאש אפ גיוואשין אונ האט מבטל גיוועזן דעם כישוף · אונ בשעת אז ער האט ניגראבין די שיתין האט ער גזאגט פופצין קאפיטלאך תהלים דאש זיינען דיא פופצין שיר המעלות: (יב) דרום ווען ביא איינעם ח"ו איז אחשש כישוף · איז גוט דאש מעביר צוא זיין דורך דעם ער זאל זאגין דיא פופצין שיר המעלות · אונ דער נאך זאל ער בעטין צוא השי"ת ער זאל פון דיא ישראל אפ טאן אלע מיני היזקות פון כישוף · (יג) אונ דאש איז דיא גוטע עצה צוא איטליכן בר ישראל אדער בת ישראל · דאש זייא זאלין זיך דער ווייטרין פון כישוף מיט אלערלייא דער ווייטערונג סייא ופון צוא טאן איין שום זאך דורך כישוף אדער איין שפראך אונ אפילו ניט צוא הערין איין שפראך פון כישוף: (יד) ווארום גאט ב"ה האט זיך ברימט עש איז ניט פאר האנדין קיין כישוף צווישין דיא יודין · אונ דער וואש דער ווייטרט זיך פון כישוף ברייננט מען אים אריין אויף עולם הבא אין אמחיצה וואש אפילו מלאכים קענען דארט ניט שטיין:

**פרק ל** כתיב אין פסוק שטייט והלך לפניך צדקך כבוד יי יאספך אונ דיין צדקות וועט גיין פאר דיר דער כבוד פון גאט וועט דיך איין זאמלען · דען עש שטייט אין מסכת ברכות דער וואש זעהט פיל לייט בנגדר מוז ער מאכין דיא ברכה ברוך חכם הרזים דאש גיט ער אפ איין שבח והודיה צו גאט ברוך הוא וואש ער האט בשאפין פיל מענטשן אונ דיא דיעה פון איינם איז ניט גליך צום אנדערין · אזו זאג איך אז אין צדקה געבין אונ גמילות חסד צוא טאן · איז אויך פר האנדין צוא טיילטע דעות דאש הייסט איטליכער בזונדער האט אנדער טבע: (ב) איין כיתה איז דיא קמצנים וואש האבין קיין מאכט ניט צדקה אונ גמילות חסד צוא טאן אפילו צו עסין אונ טרינקען אונ קליידין זיך האבין זייא אויך

קיין

(ג) כת השני עין רעה בשל אחרים ואין לו לב לעשות צדקה כי אם מעט מזער מחמת הגאוה אבל הוא בעצמו אוכל ושותה וטוב לב משתה תמיד ויצא שמן ודשן כעגל מרבק עליו כתב הזוהר זהו אנשים אשר המה מסיטרא דנחש וסימנך כל הולך על גחון ר״ל מי שיש לו בטן גדול מלא שומן ודשן הם מסיטרא דעל גחונך תלך ע״ש פ׳ שמיני אבל מכל מקום יש להם קצת זכיות שעושין צדקה לשם גאוה : (ד) כת השלישי הוא אנשים עשירים אשר נתן ה׳ להם עושר ועושין צדקות ועושין ג״ח אך לא כדבעי באשר שיש להם קצת רע עין ואינן יכולים לכוף את יצרם מלעשות צדקה בחייהון רק כשהן חולין על מטותיהן עושין צוואה לעשות אחר מותן צדקה לבנין בית הכנסת או לבית המדרש או ללמוד איזה שנים עבורו אחר מותו וזהו מדת של אדם בינוני : (ה) הכת הרביעי הוא מי שחנן ה׳ אותו בעושר ועושה צדקה בחייו לפי עשרו ועוסק בגמילות חסדים ובתלמוד תורה שמספיק לומדי תורה וגם מפזר מעות למלמדים שילמדו עם בני עניים ע״ז נאמר והלך לפניך צדקך כבוד ה׳ יאספך : (ו) ואמשול לך משל לשר צבא שהלך למלחמה ויש לו חיל אם החיל הולך לפני השר צבא אז השר צבא בוודאי לא יכול לבא לידי סכנה אם יפגעו בו אויביו מה שאינו כן אם השר צבא הולך לבדו לפני החיל באם ח״ו יפגעוהו רוכבי סוסים ופרשים מן אויביו אז ישיגוהו ויקחוהו לשבי אף שהוא גבור חיל ויכול ללחום נגד האויבים מ״מ נסוג לבו אחור בראותו שהחיל שלו הוא רחוק מאצלו : (ז) כך הוא הנמשל האדם כשעושה צדקה בחייו אזי עליו נאמר והלך לפניך צדקך ואין אתה מתיירא מן האויבים כי כבוד ה׳ יאספך בלי שום שטן ומקטרג משא״כ אם אתה עושה צדקה אחר מותך מי יודע אם ישיגו אותך אותו הצדקה

כיון

קיין רשות ניט · דיא מענטשין זיינן בוודאי אין דעם רשות פון דיא שדים · אונ האבין קיין חלק ניט אין דער קדושה ווארום דיא סטרא אחרא גיוועלטיקט איבר זייא : (ג) דיא אנדרע כיתה איז דער וואש ער האט קיין הארץ ניט צדקה צוא טאן נאר גאר ווייניג ניט ער פון גאוה וועגין אבער ער עסט אונ טרינקט זייער גוט אונ איז פעט אזוא וויא איין גישטאפטע קאלב · אויף דעם שרייבט דר זוהר אז דיא לייט זיינען מסטרא דנחש אונ דער סימן איז פון דעם פסוק כל הולך על גחון דאש מיינט מען דעם מענטשין וואש האט אגרוישין בויך אונ איז פעט דיא זיינן פון דעם נחש וואש ביי אים שטייט על גחונך תלך דוא זאלשט גיין אויף דיין רוקין · נאר פון דעסט וועגין האבין זייא פארט עפיש איין זכות נייל זייא טוען פארט אביסיל צדקה · חאטשע זייא טוען עש פון גאוה וועגין : (ד) דיא דריטע כיתה איז זעלכע עשירים וואש גאט האט זייא גיגעבין עשירות · אונ טוען צדקה אונ גמילות חסד נאר ניט וויפיל מען דארף נייל זייא האבין פארט אביסיל איין רע עין אונ קענן ניט ביימין זייער יצר הרע צו טאן צדקה בייא זייער לעבין נאר אז זייא ווערין קראנק לאזין זייא צוואה מען זאל נאך זייער טויט טאן צדקה צוא בויען אשול אדער איין בית המדרש אדר מען זאל צאלין צו תלמידי חכמים זייא זאלין עטליכע יאר נאך זייא לערנען דאש איז דיא מדה פון איין בינוני · דאש ער איז ניט זייער גוט אונ אויך ניט זייער שלעכט :

(ה) דיא פערטע כיתה איז דער וואש גאט האט אים גיגעבין עשירות אונ ער טוט צדקה ביי זיין לעבן ווערליג זיין עשירות אונ איז עוסק אין גמילות חסדים אונ לערינט אונ גיט פרנסה צוא דיא וואש זיצן אונ לערנן אונ גיט פיל געלט צו מלמדים זייא זאלן לערנן מיט ארמע קינדר · אויף דעם ווערט גיזאגט דיין צדקות וועט גיין פאר דיר גאטש כבוד וועט דיך איין זאמלען : (ו) אונ איך וועל דיר גלייכין איין משל דער צוא · דען דאש איז גיגליכן צוא אשר צבא וואש איז גיגאנגען אין מלחמה אריין מיט חיל · נוא אז דאש חיל גייט פאר דעם שר צבא וועט דר שר צבא בוודאי ניט קענן קומען צו איין סכנה ווען אפילו דיא שונאים זאלין אים וועלין עפיש טאן אבער אז דער שר צבא גייט פאר דעם חיל ווען אז עש וועלין אים ח״ו בגעגינן רייטרש פון זיינע פיינד וועלין זייא אים בוודאי גרייכן אונ וועלין אים נעמן אין שביה אריין · חאטשע ווען דער איז אגרוישר גבור אונ קען מלחמה האלטין קעגין זיינע פיינד פון דעסט וועגין ווערט זיין הארץ אין אים דער שראקין ווייל ער זעהט אז זיין חיל איז ווייט פון אים : (ז) אזו איז דער נמשל דער מענטש וואש טוט צדקה בייא זיין לעבין ווערט אויף אים גיזאגט אז דיינע צדקות וועט גיין פאר דיר דען וועשטו קיין מורא ניט האבין פאר די פיינד דאש זיינן דיא קליפות ווארום גאטש כבוד וועט דיך איין זאמלען · אן איין שום שטן אונ מקטרג · אבר אז דו טושט צדקה נאך דיין טויט · ווייסטו דאך פריער פון דר צדקה ·

ווער

כיון שהמתים הם חפשים מהמצות : (ח) על הכת הראשונה נאמר ועזבו לאחרים חילם ואפילו אם בניו הם יורשים אותו מכל מקום אין לו נחת רוח בעשרו אף לאחר מותו כאשר חדשים מקרוב באו : (ט) וראיתי העם מקילים בכבוד אביהם שכבר מתו שעושין להם בגדים שחורים מובחר הבגדים כולם חדשים וטוב לבם משתה תמיד הם בעצמן מזלזלים בכבוד אביהם אשר מהראוי לספוד אחר אביו ולהיות עצב וכל זה הוא גרמא מאביהם וזרוק חוטרא על אוירא ועל עיקרא קאי וא"כ אין לך שטות גדול מזה ודי בזה : (י) ע"כ עצה היעוצה להאדם ליתן צדקה בחייו בעין יפה ולעסוק בגמילות חסדים בחייו כי מי הוא יודע העתים אם יתקיים צוואתו או לאו וק"ל בכל מקום שאין הספק מוציא מידי וודאי ע"כ עיקר הצדקה הוא מה שהאדם עושה בחייו ויראה ליתן לבני אדם שהן מהוגנים כמבואר בש"ע בהלכות צדקה ואז טוב לו יהיה סלה :

פרק לא יי' בוקר תשמע קולי וקשה וכי בבוקר שומע ה' קול המתפללין והלא בכל עת ושעה שקוראים אליו הוא שומע קולנו ומאזין תפלתנו : (ב) אכן הענין הוא כך כי בשאר העתים כשבני אדם מתפללין מעיינים בתפלה אם היא ראויה להתקבל מחמת מעשיו של אדם או לאו משא"כ המתפלל בבוקר : (ג) כדאיתא בזוהר פ' בלק ר"א ורבי אבא ושאר חברייא עמיה הוו אזלי באורחא פתח ר"א ואמר ה' בוקר תשמע קולי הענין הוא כך כי בכל צפרא מתעורר חסד דאברהם דכתיב בו וישכם אברהם בבוקר והאי שעתא עת רצון הוא מאוד : (ד) ואפילו החולה המוטל על ערש דוי מוצא נחת רוח בבוקר ע"י רפאל המתגלה בכל בוקר וכל אינון ממונים על מרעין להטיל תולשא דמרעין על בני נשא כד חזיין מלאך רפאל מתגלה דחלין מיניה וערקין וכדין רפאל אושיט האי אסוותא להההוא

ווער ווייסט אויב דיא צדקה ווערט דיך גרייכין אונ אויך טאמר וועלין דיא קינדר דיך ניט פאלגין : (ח) אונ אויף גאר דער ערשטר כיתה ווערט גיזאגט ועזבו לאחרים חילם אונ זייא וועלין פאר לאזין זייער גוטש צו פרעמדע אונ האטשע ווען זיינע קינדר וועלין אים ירשנן · פון דעסט וועגין האט ער קיין נחת רוח ניט פון זיין עשירות אפילו נאך זיין טויט : (ט) ווייל איך האב גיזעהען פיל לייט זיינען מקיל פון ערליך צו האלטין זייער פאטער וואש איז גישטארבין · דען זיי מאכין זיך שווארצע קליידר פון די גוטע מטעריעש אונ נאייע אונ זיינן תמיד פרייליך · אונ זייא אליין זיינען מזלזל אין דעם כבוד פון זייער פאטר · וואש זייא וואלטין גיקערט קלאגין נאך זייער פאטר אונ טרויעריג זיין · נוא איז דען פאר האנדן אגרעשערער שטות דר פון : (י) דרום איז די עצה צום מענטשין · ער זאל געבין צדקה בייא זיין לעבין מיט אין עין יפה אונ עוסק צוא זיין אין גמילות חסדים בייא זיין לעבין · ווארום ווער ווייסט דיא צייטין צוא ווערט זיין צוואה מקוים ווערין צוא ניין · דרום איז דיא בעשטע צדקה וואס דער מענטש טוט בייא זיין לעבין · אונ זאל זעהען צוא געבין זיין צדקה צוא ערליכע לייט אזוא וויא עש שטייט אין שולחן ערוך אין הלכות צדקה אונ דענקאלט ווערט אים גוט זיין אויף אייביג :

פרק לא אין פסוק שטייט יי' בוקר תשמע קולי גאט ברוך הוא אין דער פריא זאלסטו צוא הערין מיין קול איז דאך קשה הערט דען גאט צוא נאר אין דער פריא דאש קול פון דיא וואש בעטין פאר אים אמער איטליכע צייט וואס מען רופט צוא אים · הערט ער אלץ צוא אונזער קול אונ פאר נעמט אונזער תפלה : (ב) נאר דער תירוץ איז אזוא · דען אין דיא איבעריגע צייטין אז מענטשין טוען תפלה איז מען אויף דעם הימעל מעיין אין דער תפלה צוא איז ער ווערט מען זאל זיין תפלה מקבל זיין מחמת זיינע גוטע מעשים אונ אויב ניין · אבר דער וואש טוט תפלה אין דער פריא הערט גאט תמיד צוא · (ג) אזוא וויא עש שטייט אין זוהר פרשת בלק רבי אליעזר אונ רבי אבא אונ דיא איבעריגע חבריא מיט אים זיינן גיגאנגן אין וועג · האט רבי אליעזר גיזאגט עש שטייט אין פסוק יי' בוקר תשמע קולי דען אלע פריא ווערט דר וועקט דר חסד פון אברהם · וואש עש שטייט בייא אים וישכם אברהם בבקר אונ אברהם האט זיך גיפעדרט אין דער פריא · אונ דיא צייט איז אגרוישר עת רצון : (ד) אונ אפילו איין קראנקר וואש ליגט אויף דעם טויא טאג בעט · גיפינט ער אויך אין דער פריא נחת רוח דורך דעם מלאך רפאל וואש ער ווערט אנטפלעקט אלע פריא · אונ דיא ממונים וואש זיינן ממונה צואווארפין שלעכטע קראנקהייט אויף מענטשין · ווייא זייא דר זעהן דעם מלאך רפאל פארכטין זייא זיך פאר

להחוא ב״נ ההולה: (ה) וכמו ש״ש עת רצון אז להולי הגוף כן יש עת רצון להולי הנפש ונשמה שהן החטאים והעבירות ופשעים והוא עת רצון להתפלל בבוקר: (ו) ומחמת שבאותו הפעם עת רצון ע״כ אם אינו ראוי זה המתפלל מחמת מעשיו שתקובל תפלתו אפ״ה חשוב עליה דקב״ה דאיהו פקיד לבעלי דינא דיליה דלא יפתחון בדינא כי החסד והנינה אינו מוסר הקב״ה לב״ד של מעלה אלא החסד והחנינה הן בידו של הקב״ה ובבוקר הוא מדת חסד לאברהם ולכן מקבל הקב״ה תפלת בוקר בחסד א״ר אבא ושאר חברייא אלמלי לא נפקנא אלא למשמע דא דיינו: (ז) עד דהוי אולי בא חד יונה מטי לגביה דרבי אליעזר והתחיל לצפצף קמיה אמר ר״א יונה ודאי כשירה תדיר הוית בשליחותא כד״א וישלח נח את היונה זיל ותימא ליה לר׳ יוסי הא חברייא אתאן לגבך ואנא עמהון ולא ידחל כי ניסא יתרחיש ליה לתלתא יומין ולא ינפול עליה דחילא דהא בהדוה אנן אזלין לגביה: (ח) אזיל ההוא יונה לגבי ר׳ יוסי בן לקוניא דהוי חמוהי דר״א בשליחותא ואתיב תשובה לר״א דר׳ יוסי בן לקוניא הוה מצטער על ר׳ יוסי בן פקיעין דהוא גוסס ומוטל על ערש דוי כי מתחלה היה ר׳ יוסי בן לקוניא חולה ואח״כ נתרפא ונחלש ר׳ יוסי בן פקיעין: (ט) עד דהוי אזלין אתא עורבא וא״ל לרבי אליעזר דר׳ יוסי בן פקיעין מת תווהו ר׳ אבא וחברייא א״ל רבי אליעזר להעורב זיל לאורחך דהא ידענא: (י) אמר ר׳ אליעזר לחברייא ניזול ונגמול חסד להאי רמונא דהוי מליא מכולה ור׳ יוסי שמיה דהא אסתלק מעלמא דין ולית דחזיא לאשתדלא ביה ואיהו קריב לגבן: (יא) סטו מאורחא ואזלו לתמן כיון דהמו לון כל בני מאתא נפקו לגבייהו ועאלו תמן בבית ר׳ יוסי דפקיעין כל החברייא: (יב) וברא זעירא הוי ליה לר׳

אים אונ אנטלויפין · שטרעקט רפאל איין רפואה צוא דיא קראנקע: (ה) אונ אזוא וויא דענמאלט איז איין עת רצון צו דעם קראנקייט פון דעם גוף · אזו אויך איז דענמאלט איין עת רצון צוא דער קראנקייט. פון דער נשמה · דאש איר קראנקייט איז דיא זינד וואש זיא האט גיטאן · אין דענמאלט איין עת רצון תפלה צוא טאן צוא גאט ב״ה ער זאל אים זייא מוחל זיין: (ו) אונ ווייל די צייט איז איין עת רצון דרום תאמטשע דער וואש טוט דיא תפלה · אין אפילו ניט ווערט אז זיין תפלה זאל אן גינומן ווערין פון דעסט וועגן הערט זיא גאט ב״ה צו · אונ זאגט אן צו זיין ב״ד אז זייא זאלין קיין משפט ניט אן נעמן ביז תפלת השחר גייט אוועק · ווייל אין דר פריא איז דר חסד פון אברהם דרום נעמט גאט ב״ה אן דיא תפילות פון דער פריא מיט חסד · האט רבי אבא מיט דער איבריגר חבריא גיזאגט ווען מיר וואלטין ניט גיגאנגן דעם וועג נאר פון וועגין צוא הערין דאש דאזיגע · וואלט פאר אונז אויך גנוג גיוועזן: (ז) וויא זייא זיינן דא גיגאנגן · איז גיקומן איין טויב אונ האט זיך גישטעלט לעבין רבי אליעזר אונ האט אן גיהובן צוא פיפצן פאר אים · האט רבי אליעזר גיזאגט די טויב קומט תמיד אין נוטן שליחות גליך וויא נח האט דיא טויב גשיקט פון דער תיבה אין שליחות · גייא אונ זאג צוא רבי יוסי אז דיא חבריא קומן צוא דיר · אונ איך בין אויך מיט זייא · אונ ער זאל זיך ניט פארכטין · ווארום אין דרייא טעג ארום ווערט זיך אים טרעפין איין נס אונ ער זאל זיך גאר ניט פארכטי· ווארום מיר קומן צוא אים מיט פרייד: (ח) איז דיא טויב גיגאנגן צו רבי יוסי בן לקוניא וואש ער איז גיוועזן דר שווער פון ר״א אונ האט עש אים גיזאגט · אונ האט ווידר גיענטפרט איין תשובה צוא ר״א אז רבי יוסי בן לקוניא איז זיך מצער וואש רבי יוסי בן פקיעין איז גוסס · דען פריער איז רבי יוסי בן לקוניא שלאף גיוועזן אונ איז גיהיילט גיווארין אונ רבי יוסי בן פקיעין איז שלאף גיווארין אונ איז גיוועזן גוסס: (ט) וויא זייא זיינען דא גיגאנגען · איז גיקומן איין ראב אונ האט גיזאגט צו ר״א אז רבי יוסי בן פקיעין איז גישטארבן · האט רבי אבא מיט דער גאנצר חבריא זיך פאר וואונדערט האט ר״א גיזאגט צוא דעם ראב · גייא צוא דיין וועג ווארום איך ווייש דאש שוין אן דיר: (י) האט רבי אליעזר גיזאגט צוא דער חבריא לאמיר גיין אונ גומל חסד זיין צוא דעם מיל גרוים וואש איז גיוועזן פול פון אלמן כלומר צוא דעם צדיק רבי יוסי וואש ער איז גיוועזן פול מיט תורה ווארום ער איז גישטארבן · אונ אין דער גאנצער שטאט איז קיינער ניט ראוי מיט אים מתעסק צוא זיין אין צרכי קבורה דרום לאמיר דיא מצוה טאן אונ אים צוא קבורה ברייגן: (יא) האבין זייא אפ גיקערט פון זייער וועג אונ זיינן אהין גיגאנגען וויא דיא שטאט לייט האבין זייא דער זעהן זיינען זייא אנטקעגין גיגאנגען · אונ דיא גאנצע חבריא זיינען אריין גיגאנגען אין דעם הויז פון רבי יוסי דפקיעין:

אונ

לר׳ יוסי דפקיען ולא שביק לבר נש דימטא לערסיה דאבוהי בתר דמית אלא איהו בלחודיה הוי סמיך ליה ובכי עליה · (יג) ופתח האי ינוקא פומיה ואמר מארי דעלמא כתיב בתורה כי יקרא קן צפור לפניך בדרך וגו׳ שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך מארי דעלמא קיים מילי דא דאורייתא · (יד) תרין בנין הוינא אנא ואחתי זעירתא מנאי הוי לך למיסב לן ולקיימא מילי דאורייתא ואי תימא מארי דעלמא אם כתיב ולא אב הלא אב הלא אמי מתה ונסבת לה מבנין השתא אבא דהוי חפי עלן אנסיבת מעל בנין אן הוא דינך דאורייתא · (טו) וכד הוי שמעין ר׳ אליעזר ורבי אבא עם חברייא קלא דינוקא הויין בכיין פתח ר׳ אליעזר ואמר שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר עד דהוי ר״א אמר האי קרא אתא עמודא דנורא ופסק בינייהו · (טז) וההוא ינוקא הוי דביק פומיה לפומא דאבוהי ולא מתפרשין א״ר אליעזר או בעי הקב״ה למירחש ניסא או בעי דלא ישתדל בר נש אחרא עליה · (יז) עד דהוי יתבין שמעו קלא זכאה אנת רבי יוסי דמלין דהאי גדיא זעירא ודמעותיו סליקו לגבי כורסייא דמלכא קדישא ודנו דינך ותליסר בני נשא אזמין הקב״ה למלאך המות בגינך והא עשרין ותרתין שנין אוסיפו לך עד דתוליף אורייתא להא גדיא שלימא חביבא קמי קוב״ה · (יח) קמו ר׳ אליעזר וחברייא ולא שבקו לבר נש למיקרב להההוא ביתא ומיד חמו עמודא דאשא סליק ור׳ יוסי פתח עיניו והוי האי ינוקא דבק פומיה בפומיה אמר ר״א זכאה חולקא דהמינא תחיית המתים עין בעין קריבו לגביה והוי האי ינוקא נאים כאילו נוע מהאי עלמא · (יט) אמרו זכאה חולקך ר׳ יוסי ובריך רחמנא דאתרחיש לן ניסא על ידי

מלין

(יב) אונ דער רבי יוסי האט גיהאט איין יונגען זון · האט ער ניט צוא גילאזט קיין שום מענטש צוא דעם בעט וואו זיין גישטארבענר פאטר איז גילעגין נאר ער אליין איז גישטאנן בייא אים אונ האט איבער אים גיוויינט · (יג) אונ דאש קינד האט אויף גיעפינט זיין מויל אונ האט גיזאגט רבש״ע עש שטייט אין דער תורה ווען עש ווערט זיך טרעפין פאר דיר אין וועג איין נעסט פון פויגלן זאלשטו אוועק שיקין דיא מוטר אונ דיא קינדר זאלשטו דיר נעמען · רבש״ע זייא מקיים די דאזיגע ווערטר וואש עש שטייט אין דער תורה : (יד) דען מיר זיינען צווייא קינדער איך מיט מיין יונגע שוועסטער וואלשטו גיהערט אונז אוועק צוא נעמען פון דר וועלט אונ צוא מקיים זיין דיין תורה · אונ אויב דוא וועשט וועלין זאגין עש שטייט דאך אין דער תורה דיא מוטער זאלשטו אוועק שיקין אבער ניט דעם פאטער · פאר וואר מיין מוטער איז דאך שוין פריער גישטארבן אונ האשט זיא צו גינומען פון אירע קינדער אונ איצונד איז אונזר פאטר אויך גישטארבין אונ האשט אים צו גינומען פון זיינע קינדר · וואו איז דיין דין פון דער תורה : (טו) וויא רבי אליעזר אונ רבי אבא אונ דיא חבריא האבין גיהערט דאש קול פון דעם קינד האבין זייא גוויינט · האט רבי אליעזר אן גהויבין צוא זאגין דעם פסוק שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר וויא רבי אליעזר האט גיזאגט דעם פסוק · איז גיקומען פון דעם הימל איין פייערדיגע זייל אונ האט גימאכט אצווישין שייד צווישין דעם מת אונ צווישין דיא לייט : (טז) אונ דאש קינד האט בהעפט זיין מויל צוא זיין פאטערם מויל אונ האט ניט גיוואלט צוא שיידין · האט רבי אליעזר גיזאגט דאש בטייט ענטוועדר גאט ב״ה וויל דא שיקין איין נס ענטוועדר ער וויל אז קיין אנדער מענטש זאל זיך ניט מתעסק זיין מיט אים : (יז) וויא זייא זיינען אזוא גיזעסין האבין זייא גיהערט איין קול וואול דיר רבי יוסי דען דיא רייד פון דיין יונגען זון אונ זיינע טרערין זיינען אויף גיגאנגען צוא דעם כסא הכבוד אונ מען האט גמשפט דיין דין · אונ דרייא צעהען מענטשן האט גאט ב״ה גיגעבין צום מלאך המות פון דיינט וועגין דאש ער זאל דיר דיין נשמה ווידער קערן · אונ צווייא אונ צוואנציג יאר האט מען דיר מוסיף גיוועזן דאש דוא זאלשט לערנען תורה מיט דיין קליינם זון וואש ער איז גליבט פאר גאט ב״ה : (יח) איז רבי אליעזר מיט דער חבריא אויף גישטאנען אונ האבין ניט גילאזט קיין שום מענטש גינעהען צוא דעם הויז · אונ האבין גיזעהען אז דיא פייערדיגע זייל איז אויף דעם הימיל ארויף גגאנגן · אונ רבי יוסי האט גיעפינט זיינע אויגן · אונ זעהט וויא דאש מויל פון דעם קינד איז בהעפט צוא זיין מויל · האט רבי אליעזר גיזאגט וואול אונז וואש מיר האבין זוכה גיוועזן צוא זעהען תחיית המתים · האבין זייא גינעהענט צוא אים · אונ דאש קינד איז חלשות גיבליבי : (יט) האבין דיא חבריא גיזאגט וואול איז דיין חלק רבי יו׳ · אונ גילויבט איז גאט וואש ער האט דיר גיטאן אנס דורך דיא רייד פון דיין זון דען מיט זיינע שיינע רייד האט ער

מלין דברך והכי דחיק במלוי שפירין לתרע שמיא ובדמעות שליש אוסיפו לך כ"ב שנין נטלוה להאי ינוקא ונשקיה ובכו עמיה מחדוה סגיא ואפקוה לביתיה אחרא עד דתיישב רוחיה ונשמתיה תחזור ביה כמקדם · (כ) חדו תלתין יומין עם ר' יוסי וחדשו כמה חדושין דאורייתא א"ל ר"י חברייא לא אתייהב לי רשות לגלאה לכון מאי דחמינא בההוא עלמא אלא לבתר תריסר שנין אבל תלת מאה ושבעין דמעין דאושיד ברי עאלו בחושבנא קמי מלכא קדישא · (כא) והנני נשבע לפניכם חברייא בשעתא דפתח ברי האי פסוקא דכי יקרא קן צפור ובאלין מלין הנזכרים לעיל אזדעזעו כולהו ספסלי דהוי במתיבתא דרקיע וכולהו קמו קמי מלכא קדישא ובעי רחמי עלי והקב"ה נתמלא רחמים עלי ושפיר קמיה אינון מלין היך מסר נפשיה ברי עלי · (כב) וחדא אפטרופא אמר מארי דעלמא הא כתיב מפי עוללים ויונקים יסדת עוז למען צורריך להשבית אויב ומתנקם אי רעוא דילך זכותא דאורייתא וזכותא דהאי ינוקא דקא מסר נפשיה על אבוהי בדינא דתיחוס עליו וישתזיב ויהיב קב"ה למלאך חמות תליסר בני נשא תחותיה עד בתר כ"ב שנין · (כג) והנה שמעו נא אמיתות הדברים מהו דין דכתיב ה' ממית ומחיה וגו' וכי הקב"ה איהו ממית אלא הענין הוא שקודם יציאת הנשמה השטן רוצה לדבק בגוף ועי"כ יש ח"ו ג"כ זוהמא וערבוב גם לנשמה · (כד) וכשיגיע העת קרוב למיתתו של אדם כשר אשר אין ראוי להס"א להדבק בנשמתו הטהורה מתגלית שכינתא קדישא ואז השטן מיד הוא נחלש ואזל בעל כרחיה ודומה ממש אליו כמיתה שאין לו שליטה בנשמת הצדיק והנשמה כשהולכת מן הגוף הולכת תיכף עם השכינה הקדושה במקום קדוש הנקרא צרור החיים אשר על זה אנו מתפללין על המתים

ויצרור

זיך אריין גישטויסן צוא דעם טויער פון דעם הימל אונ דורך זיינע טרערין האט מען דיר מוסיף גיוועזן צווייא אונ צוואנציג יאר · האבין זייא גינומען דאש קינד אונ האבין אים גיקושט אונ האבין גיוויינט מחמת גרויש שמחה אונ האבין אים גינומען אין אנגדער הויז אריין · אונ האבין אים דארטין אויף גימינטערט · ביז זיין נשמה האט זיך צוא אים ווידער גקערט אזו וויא פריער : (כ) האבין זייא זיך גיפרייט דרייסיג טאג מיט רבי יוסי אונ האבין פיל זאכין מחדש גיוועזן אין דער תורה · האט רבי יוסי צוא זייא גיזאגט · חבריא עש איז מיר ניט גיגעבין גווארין קיין רשות אייך צוא מגלה זיין וואש איך האב גיזעהען אויף יענער וועלט · נאר אין צוועלף יאר ארום וועל איך מעגין דאש מגלה זיין אייך אבער דיא דרייא הונדערט מיט זיבעציג טרערין וואש מיין קינד האט פאר גאסין דיא זיינען אויף גיגאנגען פאר גאט ב"ה (כא) אונ איך שווער פאר אייך חברייא אז בשעת מיין זון האט אן גהויבין דעם פסוק כי יקרא קן צפור וכו' האבין גיציטערט אלע בייגק וואש זיינען אין דער ישיבה פון דעם הימיל אונ אלע האבין זיך גישטעלט פאר גאט ב"ה אונ גיבעטין צוא הש"י אז ער זאל רחמנות האבין אויף מיר · אונ גאט ב"ה איז ווארין אויף מיר פול מיט רחמנות · אונ דאש וואש מיין זון האט זיך מוסר נפש גיוועזן איבער מיר איז דאש וואול גיפעלין פאר גאט ב"ה · (כב) אונ איין אפוטרופס האט גיזאגט רבש"ע · עש שטייט דאך מפי עוללים ויונקים יסדת עוז דאש איז טייטש פון וועגין דיא תורה וואש די קינדר לערנען האשטו גיגרונד פעסטיקט דיא וועלט אויב דיין ווילן איז · דער זכות פון דער תורה אונ דער זכות פון דעם קינד וואש ער האט זיך מוסר נפש גיוועזן פון זיין פאטערש וועגין זאל דאש בייא שטיין אז רבי יוסי זאל נאך לעבין · האט גאט ב"ה גירופין צוא דעם מלאך המות · אונ האט אים גיגעבין פאר מיר דרייא צעהען מענטשין ביז נאך צוויי אונ צוואנציג יאר זאל איך ערשט שטארבין : (יג) אונ נון הערט צוא דעם אמת פון דעם וואש שטייט ה' ממית ומחיה גאט ב"ה טייט אונ מאכט לעבעדיג · איז דאך קשה טייט דען גאט ב"ה אליין · ער האט דאך בשאפין דעם מלאך המות דער איז ממונה צוא נעמען דיא נשמות פון מענטשין · נאר דער פירוש איז דען איי דיא נשמה גייט ארויש פון דעם מענטשין וויל דער שטן זיך מדבק זיין אין דעם גוף · אונ דורך דעם קומט ח"ו איין זוהמא צו דער נשמה אויך : (כד) אונ אז עש קומט נאהענט צוא דעם טויט פון אזו א צדיק וואש דיא סטרא אחרא איז ניט ווערט צוא בהעפטין זיך מיט זיין ריינע נשמה דען אנטפלעקט זיך דיא הייליגע שכינה צוא אים : ווערט דער שטן תיכף שלאף אונ מוז איבער דאנק אוועק גיין אונ בייא דעם שטן איז דאך גלייך ממש וויא ער זעלבשט שטארבט אונ וויא דיא נשמה גייט ארויש פון דעם גוף בהעפט זיא זיך מיט דער שכינה אונ פירט דיא נשמה אין איין הייליגע מחיצה

וואש

ויצרור בצרור החיים את נשמתו: (כה) וזהו הסוד ה׳ ממית להסטרא אחרא ומגרשה ומהלישה ומחיה את הנשמה של הצדיק להביאה בצרור החיים וזהו הכוד מוריד שאול ויעל קאי על נשמת הצדיק המוכרח לירד לגיהנם לרגע קטנה׳ וזהו טבילה שלה. כי אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא ובעי עכ״פ טבילה והסרת הזוהמא קצת ותיכף ויעל סליק ליה למקומה הראויה לה בג״ע: (כו) והנה חברייא תדעו דבהא שעתא דאסתלקנא מעלמא עבדו לי ג״כ טבילה בגיהנם כנזכר ותיכף אחר הטבילה עליתי לג״ע לדוכתאי ובשעתא דפתח ברי באינון מלין ומסר נפשו עלי יצא ג״כ נשמתו וזהו דדמיך ונפשו יצאה בדברו וכיון דנפקת נשמתא דברי אתערית ופגעתי בנשמתו דהוי עאלת ג״כ מטבילה הנ״ל ותמן איתדן דינא להוסיף לי כ״ב שנה בגין דמעות ומלין דברי: (כז) וכהיום כי נתטהרתי מכל וכל ונשמתי היא זכייה ונקיה וטהורה מוכרח אני לראות באלין כ״ב שנין לאתעסקא רק במלין דעוה״ב כי כבר קבלתי עונש מיתה וטבילה בגיהנם ומכאן ולהלאה אצטריכנא דלא אתי בכיסופא לעלמא דאתי: (כח) וזה שאמר דוד המלך ע״ה יסור יסרני יה ולמות לא נתנני׳ אמר דוד רואה אני שהרבה יסורים גדולים מאוד ייסר אותי הקב״ה והכל כדי להנקה מחטאי ואם כן כאשר כבר נתטהרתי ע״י טבילת היסורים מעתה חלילה לפגום עוד בנשמתי כי אם פתחו לי שערי צדק להתעסק בתורה ויראה שלא אהיה בכיסופא לעולם הבא: (כט) ונלמוד מכאן לכל אדם העובר עליו חיצי דינים ממארי דעלמא וקיבל יסורים יתשוב כי בודאי לטהרו מפשעיו המה ואיצטריך ליה להזהר שמכאן ולהלאה לא ימשוך עליו עוד ס״א דמסאבא בחטאיו

ואז

וואש הייסט צרור החיים דאש דרויף בעטין מיר אויף דיא מתים ויצרור בצרור החיים את נשמתו אונ ער זאל פאר בינדין זיין נשמה אין דעם היכל וואש הייסט צרור החיים׳ (כה) אונ דאש מיינט דער פסוק יי ממית גאט ב״ה טייט דיא סטרא אחרא אונ פאר טרייבט זיא פון דעם צדיק ומחיה אונ מאכט לעבין דיא נשמה פון דעם צדיק׳ זיא צוא ברייננן אין דעם היכל צרור החיים אונ דאש איז דער סוד פון דעם פסוק מוריד שאול ער גידערט די נשמה פון דעם צדיק אין גיהנם ארייין אויף אקליינער רגע אונ דאש איז וואש די נשמה טובלת זיך אין פייער ווייל עש איז ניט פאר האנדין אויף דער וועלט אזו איין צדיק וואש ער זאל ניט האבין קיין שום עבירה׳ דרום מוז זיא האבין טבילה איר ביסל זוהמא אפ צוא טאן׳ אונ תיכף ויעל ברייננט ער זיא אויף צוא איר ארט וואש איז איר ראוי אין גן עדן: (כו) אונ נון חבריא איר זאלט ווישין אז אין דער צייט וואש איך בין אוועק גינאנגען פון דער וועלט האב איך מיך אויך גיטובלת אין גיהנם׳ אונ נאך דער טבילה בין איך תיכף אין גן עדן אריין גינאנגען צוא מיין ארט אונ אין דער צייט אז מיין זון האט גיזאגט דיא רייד וואש פריער איז גישטאנען אונ האט זיך מוסר נפש גיוועזן איבער מיר איז זיין נשמה אויך ארויש גינאנגן אונ דאש האט ער גיחלשת׳ אונ איך האב באגעגינט אין זיין נשמה דאש זיא איז אויך ארויש גינאנגען פון דער טבילה׳ אונ דארטין האט מען גמשפט אז מען זאל מיר מוסיף זיין צווייא אונ צוואנציג יאר פון וועגין דיא טרערין אונ דיא רייד פון מיין זון: (כז) אונ איצונד אז איך בין שוין גאר ריין אונ מיין נשמה איז גאנץ ריין׳ דרום מוז איך זעהען אז אין דיא צווייא אונ צוואנציג יאר זאל איך מער ניט עוסק זיין גאר אין דיא זאכין פון עולם הבא דאש הייסט תורה לערנען אונ מעשים טובים צו טאן׳ ווייל איך האב שוין גליטן דעם עונש פון מיתה אונ האב מיך שוין גיטובלת אין גיהנם דרום בדארף איך שוין זעהען פון היינט אן אונ ווייטער ניט צוא טאן ח״ו קיין עבירה כדי איך זאל ניט קומן ח״ו מיט חרפה אויף עוה״ב: (כח) אונ דאש האט דוד המלך ע״ה גיזאגט יסור יסרני יה גאט טוט מיך שטראפין ולמות לא נתנני כדי ער זאל מיך ניט געבין אין גיהנם וואש הייסט מות אונ ווייל אז איך בין שוין גיריינינט גיווארין דורך יסורים דרום פון איצונד אן גיהער איך דאך שוין ניט פוגם זיין אין מיין נשמה: נאר פתחו לי שערי צדק עפינט מיר די טויערין פון גירעכטיקייט אז איך זאל עוסק זיין אין דער תורה כדי איך זאל ניט קומען מיט חרפה אויף עולם הבא: (כט) אונ פון דאנען ווערט אפ גילערינט צו איטליכען מענטשין וואש גייט אויף אים איבער יסורים פון גאט זאל ער טראכטין אז דאש איז בוודאי כדי צו ריינינגין אים פון זיינע זינד אונ בדארף שוין נזהר זיין אז פון איצונד אן אונ ווייטער זאל ער שוין ניט טאן קיין עבירות ווארום ער וועט דאך בדארפין ווידער יסורים צו ליידין כדי אפ צו טאן דאש קראנקהייט פון דער זוהמא פון דער סטרא אחרא: (ל) אונ טאמר ועשטו פרעגין וואש פאר איין שייכות האט דאש אז דורך דיא יסורים ווערט

אפ

ואז יצטרכו עוד יסורים כדי להסיר חלאת הזוהמא: (ל) ואם תאמר מה יסורין שייכין לזוהמת הס"א דע כי זוהמת הס"א היא דבר ממש: (לא) והאות והמופת לזה כי בהסתכל אשה נדה במראות הצובאות (שקורין בל"א שפיגל) יתדבקו כמה כתמים במראה המחשיכים את זהירות המראה ונעשית בהרות בהרות לבנות ושחורות כמש"ל פרק ב' הרי לך שהאדם עושה רושם במראות הטומאות ומזה תראה שזוהמת הס"א היא דבר ממש הנדבק בגוף האדם וא"א להתלבן ולהתרוקן אם לא ע"י יסורים כי אין יסורים בלא חימום הגוף: (לב) אף העברת הכתמים מן המראות הצובאות א"א להעביר אם לא על ידי גחלי אש ואז יחזור (השפיגל) כמו שהיה בראשונה כן האדם אין לו כפרה על חטאיו אם לא שצריך להתלבן וילבינו חימום היסורים כנזכר: (לג) וכשאדם מקבל היסורים באהבה ובחבה מאת ה' אז הס"א מתיש כח התפשטות זוהמת הס"א וחלילה לאדם שיבעט ביסוריו אלא יקבל עליו הכל באהבה ובחבה הן ביסורים של גופו והן ביסורי ממונו: (לד) כי יש איזה אנשים אם יקרה לו איזה היזק ממון אזי הוא מתחמם ומתלהב בלב רגז ומריב ומתחרר ריב עם הבריות זהו אשר בועט ביסורים אלא יהיה שייף עייל שייף נפיק בלב נשבר ונדכה ובהכנעה ויאמר תמיד ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך ובזה מעורר רחמים שרואה הקב"ה הכנעה דיליה: (לה) והנה קבלה בידי שיש ימים מיוחדים בשנה ששלוחי ה' מביאים יסורים על בני האדם וביחוד על אותן בני אדם שהן מבעטים ביסורים על כן שומר נפשו ירחק מהם ואציג לך פרק מיוחד לאותן הימים:

פרק לב **כתב** הרב בעל טורי זהב ביו"ד סי' קט"ז הביא שם בענין אחר לגמרי שחושב שם איזה ימים שאסור לאדם להקיז דם מפני סכנה שהן יומי דדינא ע"ש · גם את זה ראה ושמור כי מצאתי בשם גדול אחד וחסיד שבחסידים שאלו ימים הם מיוחדים לאדם לקבל יסורים ע"כ אסור בהם

אפ גיטאן דיא זוהמא פון דער קליפה · זאלשט וויסן אז די זוהמא איז טאקע איין ממש וואש ווערט בהעפט אין דעם מענטשיש גוף: (לא) אונ איין צייכן אונ אמופת איז דער צו דען אז איין נדה קוקט אין איין שפיגל ווערט פלעקן אין דעם שפיגל וואש זייא מאכן פינצטר דאש לויטערקייט פון דעם שפיגל אונ עש ווערין דארטין ווייסע אונ שווארצע פלעקן איז דאך גדרונגען אז דיא טמא אשה מאכט אצייכן דורך דעם וואש זיא קוקט אין שפיגל אריין אין אירע טמא טעג אונ פון דעם קענשטו זעהן אז די זוהמא פון דער סטרא אחרא איז איין זאך וואש ווערט בהעפט אין דעם גוף פון דעם מענטשין · אונ דאש קען ניט ווייש אונ אפ גיטאן ווערין נאר סיידן דורך יסורים ווארום דורך יסורים ווערט דר גוף דער היצט גייט אוועק דורך דער היץ דיא זוהמא: (לב) דען די פלעקין פון דעם שפיגל קען מען אויך אנדערש ניט אפ טאן נאר סיידין דורך פייערדיגע קולין ווערט דער שפיגל אזו ווייא פריער · אזו אויך דער מענטש האט אנדרש קיין כפרה ניט אויף זיינע זינד נאר סיידן דורך דר היץ פון דיא יסורים ווערין וויים דיא פלעקין פון דער זוהמא פון דר סטרא אחרא · (לג) אונ אז דער מענטש איז מקבל דיא יסורים פון גאט באהבה דען מאכט ער שלאף דעם כח פון דער זוהמא וואש זיא איז פאר שפרייט אויף זיין גוף חו דער מענטש זאל ניט טרעטין אין זיינע יסורים · נאר ער זאל אלץ מקבל זיין באהבה · סאיי דיא יסורים וואש קומען אויף זיין גוף סאיי אויף זיין געלט: (לד) דען עש א"ז פאר האנדין פיל מענטשין אז עש טרעפט זיך זייא עפיש איין היזק פון געלט · ווערט ער תיכף דער היצט מיט רוגזה אונ קריגט זיך מיט לייט נאר ער זאל זיך מכניע זיין מיט איין צו בראכין הארץ אונ זאל זאגין גאט האט געגעבין אונ גאט האט צו גינומען · גאט זאל זיין געבענטשט פאר אלעמען דען דער מיט דער וועקט ער אויף זיך דאש רחמנות פון גאט ווייל גאט ב"ה זעהט זיין הכנעה: (לה) אונ איך האב בקבלה פון איין גרושין תלמיד חכם אז עש איז פאר האנדין זעלכע טעג אין יאר וואש זיינען מיוחד דאש דיא שלוחים פון גאט ברייגען דערמאלט יסורים אויף לייט · אונ צום מייזסטין אויף אזעלכע לייט וואש ווילן ניט מקבל זיין דיא יסורים באהבה · דרום דער וואש וויל היטין זיין לייב זאל זיך היטין אין דיא טעג · אונ איך וועל דיר שטעלין אבאזונדערין פרק אויף דיא טעג:

פרק לב כתב דער רב טורי זהב שרייבט אין יורה דעה · אז עש איז פאר האנדין עטליכע טעג אין יאר וואש אין זייא איז אסכנה זיך אדער צוא לאזין וייל דיא טעג ווערין גירופין יומי דדינא · אונ ער רעכינט דארט

בהם להקיז דם ואלו הן · י"ז במרחשוון · יום ה' שבט · כ' אדר · כ"ה ניסן · כ"ט אייר · ט"ז בסיון · כ"ז בסיון · כ"ד כ"ו בתמוז · כ' אב · כ"ו אב · ויום כ"ז באב · ויום י"ב אלול : (ב) והנה באלו הימים הנזכרים יש ליזהר מאוד שלא ילכו הילדים יחידים אף ברחובות כי הרוחות מצויין בעולם ויש להם רשות ח"ו ליכנס לתינוק או לתינוקת ר"ל כי אלו העתים הן קבועים לשלוחי דין לפעול בעתים הקבועים הנ"ל כמה אחריות והרפתקאות על האדם הענוש כמה רוחות טובות הן המביאין ברכות טובות על העולם וכמה רוחות רעות הן המביאין ח"ו אוירין בישין וחלאים רעים ונאמנים ועל כולן צריך האדם לעורר רחמים ולהתפלל לפני אדון העולם להצילו ואת כל בני אדם מכל עניינים רעים הנ"ל ובאלו הימים הנזכרים לעיל יש רשות לבעלי עינים רעות ליתן עין הרע לתינוק או להכנים עין הרע בממון של חבירו : (ג) ולכן צריך האדם לעבור כסותו על ינוקא דיליה באותן הימים כשמוליכו על הרחובות כמ"ש הזוהר שכן עשה הקב"ה לישראל מפני בלעם הרשע דכיון דחמא בלעם הרשע דלא יכול לעשות שום רע בעי לאיסתכלא בעינוי בישא דיליה בגין דכל אתר דהוי מסתכל בלעם הרשע בעינוי בישא דיליה הוות מתלטייא וזש"ה וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו ותהי עליו (על ישראל) רוח אלהים כמאן דפרים סודרא על רישא דינוקא בגין דלא ישלוט בהו עינא בישא של בלעם הרשע : (ד) ודע כי אותן י"א פסוקים המתחילין באות נו"ן ומסיימין באות נו"ן קבלה הוא בידי שהן טובים מפני כשפים ועין הרע וע"כ טוב לומר אחרי י"א פסוקים הנזכרים במעמדות המתחילין בנו"ן תפלה קצרה זו : (ה) רבש"ע הצל עמך בית ישראל מכל מיני כשפים ומכל מיני עין הרע וכשם שפרשת

כנפיך

אויש דיא טעג · אויך האב איך גיפונען אין דיא כתבים פון איין גדול אונ איין חסיד אז דיא טעג וואש ווייטער ווערין שטיין זיינען מיוחד דער מענטש זאל אין זייא יסורים מקבל זיין דרום טאר מען זיך אין זייא אויך ניט לאזין קיין אדער · אונ דאש זיינען דיא טעג · י"ז חשוון · ה' שבט · כ' אדר · כ"ה ניסן · כ"ט אייר · ט"ז סיון · כ"ז סיון · כ"ד כ"ז תמוז · כ' אב · כ"ו אב · כ"ז אב · י"ב אלול : (ב) אונ אין דיא טעג ניהער מען זייער נזהר צוא זיין אז דיא קינדער זאלין ניט גיין אליין אויף דער גאס וואו מענטשין זיינען ניט שכיח ווייל דיא רוחות זיינען דענמאלט שכיח אויף דער וועלט אונ האבין דענמאלט רשות ח"ו אריין צוא גיין אין דיא קינדער רחמנא ליצלן · נוא וויפיל אחריות אונ טרעפונג גייען איבר אויף דעם מענטשין וויפיל גוטע רוחות איז פאר האנדין וואש ברייגען גוטע ברכות אויף דער וועלט · אונ פיל שלעכטע וואש ברייגען שלעכטע לופטין אונ בייזע קראנקהייט אויף דער וועלט · אונ אויף דיא אלע מוז דער מענטש דער וועקין דאש רחמנות פון גאט אונ צוא בעטין פאר גאט ב"ה ער זאל אים מציל זיין אונ גאר אלע מענטשין פון דיא אלע שלעכטע זאכין · אונ אין דיא טעג וואש פריער איז גישטאנען דיא לייט וואש האבין בייזע אויגין האבין דענמאלט רשות איין עין הרע צוא געבין צוא איין קינד · אדער איין עין הרע אריין צו ברייגען אין זיין חברש געלט · (ג) דרום אז דער מענטש פירט דענמאלט זיין קינד אויף דער גאס זאל ער אים צוא דעקין מיט זיין קלייד אזוא וויא דער זוהר שרייבט אז גאט ב"ה האט אזו גיטאן צוא דיא ישראל פאר בלעם הרשע · דען וויא בלעם האט גיזעהען אז ער קען ניט קיין שום שלעכטש טאן צו דיא ישראל · האט ער אויף זייא גיוואלט קוקין מיט זיינע בייזע אויגין · ווארום אויף וואש פאר איין ארט בלעם פלעגט קוקין מיט זיינע אויגין פלעגט דאש ארט פאר פלוכט ווערין אונ דרום שטייט אין פסוק וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו אונ בלעם האט אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהען וויא דיא ישראל רוען איטליכש שבט בזונדער · האט ער זייא גיוואלט איין עין הרע געבין ותהי עליו רוח אלהים איז גיוועזן אויף דיא ישראל דיא שכינה פון גאט · דאש ער האט זייא פאר דעקט מיט זיינע פליגיל : אזוא וויא איינער וואש שפרייט אויף איין מאנטיל אויף דעם קאפ פון דעם קינד אזוא האט גאט ב"ה אויף זייא באדעקט אז דאש בייזע אויג פון בלעם הרשע זאל אויף זייא ניט שולט זיין: (ד) אונ איר זאלט ווישין אז איך האב בקבלה אז דיא עלף פסוקים וואש שטייען אין מעמדות וואש זייא הייבין זיך אן מיט דעם אות (נון) אונ לאזין זיך אויש מיט דעם אות (נון) דיא זיינען איין סגולה צוא כישוף אונ צוא עין הרע דאש דער וואש זאגט דיא פסוקים איז אין אים ניט שולט קיין כישוף אונ עין הרע · אונ נאך דיא פסוקים איז גוט צוא זאגין דיא קורצע תפלה רבש"ע זייא מציל דיין

פאלק

כנפיך על אבותינו שבמדבר שלא שלט עליהם עינא בישא דבלעם בן בעור כן תפרוש כנפיך עלינו ברחמיך הרבים להיותנו מכוסים (במכסה ובהנהגה) בשמותיך הקדושים מכל עינא בישא אתה סתר לי כו׳ רני פלט וגו׳ : (ו) וכל אשה כשהיא מעוברת כשהיא אומרת הי״א פסוקים הנ״ל תהיה בטוח דלא שלטא עינא בישא על ילדיה ע״כ יזהר האדם לומר הי״א פסוקים הנ״ל ויהיה ניצול מעין הרע אמן כן יהי רצון :

פרק לג **חכמינו** ז״ל תקנו לומר ג״פ והוא רחום יכפר עון וגו׳ דהיינו בהודו לה׳ קראו בשמו ואחד בובא לציון גואל ואחד בתחלת תפלת מעריב והכוונה כי בפסוק (והוא רחום וגו׳) יש י״ג תיבות כנגד י״ג מדות הרחמים וג״פ י״ג עולים ל״ט : (ב) והכוונה כאשר בכל יום ויום היצר הרע מתגבר על האדם ובקושי אשר יכול האדם להנצל מהחטא שנתחייב עליו ל״ט מלקות וע״כ תפלה זו מועלת לבקש מהקב״ה שיכפר עונו כאילו הוא נלקה מלקות ל״ט ולא ישחית בעבורו לענשו : (ג) ובהיות כי העון גורם לעורר המשחיתים אף וחימה כי אף וחימה הם תמיד היו מקטרגים על ישראל בהיותם במצרים והקב״ה ברוב חסדיו ורחמיו נגלה על ישראל עמו בזכות שלשה אבות בשלשה שמות קדושים אהיה יהו״ה אדנ״י שעולין למספר יב״ק שהן ראשי תיבות ״יעננו ״ביום ״קראנו ע״כ אומרים פסוק זה והוא רחום וגו׳ כל חמתו ואחר כך תיכף י״י הושיעה המלך ״יעננו ״ביום ״קראנו : (ד) ובהיות כי גדול כח ענין מלקות שהן מצילין מל״ט קללות שנתקלל בה הנחש ומהפכין הל״ט קללות לט״ל של ברכה הנוטף בעתים הקבועים טיפין על ראש בני אדם החפצים

פאלק ישראל פון אלערלייא כישוף אונ פון אלערלייא עין הרע · אונ אזוא וויא דוא האשט פאר שפרייט דיינע פליגל אויף אונזערע עלטערין אין דער מדבר דאש עש האט אויף זייא ניט שולט גיוועז דאש בייזע אויג פון בלעם הרשע׳ אזו זאלשטו פאר שפרייטין דיינע פליגל אויף אונז מיט דיינע פיל דער בארעמקייט מיר זאלין זיין בדעקט מיט איין דעק אונ זאלין גיפירט ווערין דורך דיינע הייליגע שמות דאש קיין שום עין הרע זאל אויף אונז ניט שולט זיין · דער נאך זאל ער זאגין דעם פסוק אתה סתר לי וכו׳ · (ו) אונ איטליכע אשה אז זיא איז מעוברת אז זיא זאגט דיא עלף פסוקים וואש הייבין זיך אן מיט דעם אות (נון) אונ לאזין זיך אויש מיט דעם אות (נון) זאל זיא בטוח זיין אז קיין עין הרע וועט ניט שולט זיין אויף אירע קינדער דרום זאל דער מענטש נזהר זיין צוא זאגין דיא עלף פסוקים דען וועט ער ניצול ווערין פון עין הרע אמן :

פרק לג אונזערע חכמים ז״ל האבין מתקן גוועז צוא זאגין אלע טאג דרייא מאל דעם פסוק והוא רחום יכפר עון גו׳ איין מאל אין הודו לי״י קראו בשמו אונ דאש אנדערע מאל איז אין ובא לציון אונ דאש דריטע מאל איז פאר מעריב אונ דרום זאגין זיי עש ווייל אין דעם פסוק איז פאר האנדין דרייצען ווערטער קעגין דיא דרייא צעהען מדות הרחמים · אונ דרייא מאל דרייא צעהען איז ניין אונ דרייסיג קעגין מלקות : (ב) אונ דאש איז ווייל דער יצר הרע שטארקט זיך אלע טאג אויף דיא מענטשין · אונ עש איז שווער ניצול צו ווערין פון צו טאן אזו איין עבירה וואש ער ווערט אויף איר מחויב ניין אונ דרייסיג מלקות · דרום העלפט דיא תפלה צו בעטין פון גאט ב״ה ער זאל מכפר זיין זיינד גלייך וויא ער איז גישלאגין גיווארין דיא ניין אונ דרייסיג מלקות : (ג) אונ ווייל די זינד איז גורם צוא דער וועקין דיא משחיתים אף וחימה · דען דיא האבין תמיד מקטרג גיוועזן אויף דיא ישראל אז זיי זיינן גיוועזן אין מצרים · אונ גאט ב״ה מיט זיינע פיל חסדים אונ זיין רחמנות · איז ער אנטפלעקט גיווארין אויף זיין פאלק ישראל אין דעם זכות פון דיא דרייא אבות מיט דרייא הייליגע שמות אהיה הויה אדני וואש זייא טרעפין אן הונדערט מיט צוועלף אונ דיא אן הייב ווערטער יעננו ביום קראנו טרעפין אויך אן הונדערט מיט צוועלף דרום זאגט מען דעם פסוק והוא רחום וגו׳ ולא יעיר כל חמתו דאש מיינט מען ער זאל ניט דער וועקין דיא משחיתים אף וחימה · אונ דער נאך תיכף זאגט מען יי הושיעה המלך יעננו ביום קראנו גאט העלף דער קיניג זאל אונז ענטפערין אין דעם טאג וואש מיר רופין אים : (ד) אונ ווייל דער ענין פון מלקות איז זייער גרויש · דאש זייא זיינן מציל פון דיא ניין אונ דרייסיג קללות וואש דער נחש איז פאר שאלטין גיווארין · אונ זייא פאר קערין דיא ניין אונ דרייסיג קללות צוא ט״ל פון ברכה וואש טריפט אין גיזעצטע צייטין אויף דעם קאפ פון אזעלכע מענטשין וואש ווילין זיך בהעפטין אין גאטש פארכט · אונ

דער

החפצים לדבק ביראת ה' וזהו הטל מעורר אותם לדרכי היראה והוא ממש טל של תחיית המתים שעתיד הקב"ה להחיות בו המתים וטל זה מיוחד לקרב נפשות המתים אל הקדושה: (ה) על כן אל תעצלו לקבל על עצמו מלקות על כל פנים פעם אחת בחודש כי ע"ז התפלל ג"כ אברהם אבינו ז"ל באומרו אולי ימצאון שם ארבעים כדאיתא בזוהר שכוונתו היה אולי ימצאון שם בני אדם שלוקין מלקות ארבעים ויאמר ה' לא אשחית וגו' ע"כ מוטל על האדם לקבל עליו מלקות ארבעים בעולם הזה כדי שלא ילקה מלקות בעולם הבא: (ו) כי יש הרבה עבירות שאמרו רז"ל העושה כן יהיה בנידוי והפירוש הוא שראוי הוא לנדותו וא"כ כשלא נידו אותו למטה אזי הוא מנודה בב"ד של מעלה וזהו ענין רע להאדם כשמנדין אותו למעלה: (ז) כי כל זמן שהוא בנידוי תפלתו אינה נשמעת ונשמתו היא נע ונד מחוץ לפרגודא קדישא ונסתלקת ממנו שמירות ששומר עמו ישראל ובהיותו בדרך או בשאר מקום סכנה בקל יוכל להנזק כי הוא כהפקר ממש כי אין משגיחין עליו מן השמים· (ח) ובאם שאשתו היא מתעברת ממנו באותן הימים אזי יהיה התינוק אחד מהפושעים והמורדים בדת אלהינו: (ט) ואם כן מי שהוא חכם ונבון בתכלית ההכמה יתבונן בעצמו שהכרח גדול הוא למהר ולזרז לתקן דבר זה בלי איחור ועיכוב כי מי יודע מה יולד יום פן ימות פתאום ולא תשוב נשמתו למקום אשר היא נחצבת ממנה ונשמתו תהיה מסורה למשחיתים ומחבלים אכזרים: (י) ולזה אכתוב התיקון כאן מה שמצאתי כתוב בכתבי האריי ז"ל והוא שיבחור האדם יום אחד להיות פנוי מכל עסקיו וכה יתנהג יבחר מקום מיוחד בביתו וישב על הארץ כמנודה ויאמר הריני יושב

לקבל

דער טל דער וועקט זיי צוא דיא וועגין פון יראה· אונ דאש איז ממש דער טל פון תחית המתים: (ה) דרום זאלט איר זיך ניט פוילין פון צו היישין, זיך מלקות שלאגין חאטשע איין מאל אין אחודש· דען דרויף האט אברהם אבינו מתפלל גיוועזן דער מיט וואש ער האט גיזאגט בשעת אז ער האט מליץ גיוועזן אויף דיא אנשי סדום· האט ער גיזאגט אולי ימצאון שם ארבעים מאכט דער זוהר דעם פשט· אז ער האט גמיינט טאמער ווערין דארטין גפונען זעלכע מענטשין וואש זייא שלאגין זיך פערציג מלקות· האט גאט גיזאגט אויב איך וועל דארטין גיפינען אזעלכע מענטשין וועל איך סדום ניט פאר דארבין· אונ דריבער איז מוטל אויף דעם מענטשין ער זאל אויף זיך מקבל זיין דיא מלקות אויף עולם הזה פון וועגין ער זאל ניט גישלאגן ווערין מלקות אויף עולם הבא: (ו) דען עש איז פאר האנדין פיל עבירות וואש אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט דער וואש טוט זייא זאל זיין אין נדוי· אונ דער פירוש דער פון איז ער איז ווערט מען זאל אים מנדה זיין· אונ אז מען האט אים ניט מנדה גיוועזן· איז ער מנודה בייא דעם ב"ד של מעלה· אונ דאש איז זייער שלעכט פאר דעם מענטשן אז מען איז אים מנדה אויף דעם הימל: (ז) ווארום גאר דיא צייט וואש ער איז אין נידוי ווערט זיין תפלה ניט צוא גיהערט· אונ זיין נשמה איז נע ונד פון דער הייליגער מחיצה של מעלה אונ עש ווערט פון אים אפ גיטאן דיא מלאכים וואש היטין דעם מענטשין אונ אז ער איז אין וועג אדער אין אנדער סכנה ארט· קען ער גיך גיזוק ווערין· ווארום ער איז ממש וויא הפקר ווארום מען גיט פון דעם הימל אויף אים קיין השגחה ניט: (ח) אונ אז זיין ווייב ווערט מעוברת פון אים אין די טעג וואש ער איז אין נידוי פון דעם ב"ד של מעלה· ממילא דיא קינדער וואש ווערין גיבארין זיינען פושעים אונ מורדים: (ט) דרום דער וואש איז קלוג אונ פאר שטייט דעם תכלית פון דער חכמה זאל ער אליין פאר שטיין אז ער בדארף בוודאי צוא איילין זיך אונ צוא פאריכטין דיזאכין אן זאמונג· ווארום ווער ווייסט וואש שפעטער וועט זיך מיט אים טאן· טאמער וועט ער פלוצלונג שטארבין אונ זיין נשמה וועט ניט קענען ווידר קערין צו דעם ארט וואש זיא איז דער פון אויש גיהאקט גיווארין אונ זיא וועט איבר גיענטפערט ווערין צו דיא משחיתים אונ דיא מחבלים וואש זייא זיינן אייטל אכזרים: (י) אונ איך וועל דא שרייבין דר צוא איין תיקון וואש איך האב גיפונען אין די כתבי האריי ז"ל· אונ דאש איז דער תיקון דער מענטש זאל זיך אויש דער וויילין איין טאג ער זאל זיין לידיג פון אלע זיינע עסקים אונ אזא זאל ער זיך נוהג זיין· ער זאל זיך אויש דער וויילין אבזונדער ארט אין זיין הויז אונ זאל זיך זעצין אויף דער ערד וויא איין מנודה· אונ זאל זאגין איך זייא מקבל נזיפה אונ נדוי זיין וואש איך בין מחויב גיווארין פון דעם ב"ד של מעלה אויף דיא זינד וואש איך האב

גיטאן

לקבל נזיפה ונידוי שנתחייבתי מפי ב"ד של מעלה על החטאים והעונות והפשעים שחטאתי ושעויתי ושפשעתי אני עצב נבזה הרביתי : (יא) אשמתי בתורתך בגדתי ביראתך פגמתי בספירותיך השלכתי פגם בקדושתך והמים היוצאים מבית ה' הולכתים לבהכ"ס מקום הטינופת אשת הזימה הרסתי מזבח שלך חללתי בריתך ברית הקודש פגמתי בז"ך אותיות הקדושים נתתי גבורה לחיצונים · (יב) והנה אם נתחייבתי נידוי מפי ב"ד הצדק או מפי הקדוש ב"ה ושכינתיה דיליה הרי ישבתי בדד וקבלתי עלי הדין ומתחרט ומבכה על עונותי חטאתי העויתי לא אשוב בדרך הזה עוד : (יג) התר התר יוצר בראשית סלח אביר יעקב כי אל מלך טוב וסלח אתה וסייעני להיות מהשבים אליך בכל יום בלב שלם ולחטאתם לא תזכור עוד אמן סלה והנה מהראוי להציג לך יחוד גדול ונורא אך באשר לא כל מוחין שוין ובפרט אשר הלבבות נתמעטו פן יהרס ויהפך הסדר ונמצא קילקול ולא תיקון על כן הצגתי תפלה קצרה במקומה הבוחן לבבות יקבל לו לרצון וזו היא · (יד) רבש"ע גלוי וידוע לפניך כי חשקה נפשי מאד לומר פסוקים של יחודים ולכוין בהם יחוד גדול ונורא לייחד שמותיך הקדושים באהבה אך עונותינו גברו עלינו וכמשא כבד יכבדו עלינו ומחמת כן נתרבה החומר והגשמי כל כך עד שאין אנו יכולים לכוין היטב כראוי ופן נקלקל ולא נתקן מחמת עיר הנגע בעונינו איך אוכל לקרב ולגשת אל מקום הקדושה ואיך אבא אל שער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא בלבוש שק ובכן רבון עלמא חוס נא והמול נא אדון הסליחות : (טו) ויערב לפניך אל רם ונשא תפלתנו כאילו תקנתי הפגמים והעברתי כל הכתמים על ידי כונות היחודים כן יהיו נתקנים היטב בתפלה זו שאני אומר בשברון לב וברוח נמוכה ולב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה ·

ואה"ב

גיטאן בשוגג אונ במזיד אונ האב ווידר גישפעניגט קעגין דיר : (יא) איך האב גיזינדיגט אין דיין תורה איך האב גיפעלשט אין דיין יראה · איך האב פוגם גיוועזן אין דיינע ספירות אונ האב פוגם גיוועזן אין דיין הייליקייט · אונ דיא דיינע וואסער וואש גייען ארויש פון גאטש בית המקדש · האב איך זיי גפירט אין בית הכסא דאש אום ריינע ארט · דאש היישט דיא מצות אונ מעשים טובים האב איך אום ריין גימאכט מיט מיינע מעשים רעים · איך האב צוא פירט דיין מזבח · איך האב מיין ברית קודש מטמא גיוועזן · איך האב פוגם גיוועזן אין דיינע זיבן אונ צוואנציג הייליגע אותיות · איך האב גיגעבן שטארקייט צוא דיא קליפות : (יב) אונ נון אויב איך בין נתחייב גיווארין נידוי פון דיין גירעכטין בית דין אדער פון גאט ב"ה מיט זיין שכינה פאר וואר זיץ איך אליין אונ בין אויף מיר מקבל דעם דין אונ האב חרטה אונ וויין אויף דעם וואש איך האב גזינדיגט · אונ וועל שוין מער ניט ווידר קערין צו גיין אין שלעכטן וועג : (יג) זייא מתיר זייא מתיר גאט וואש דוא האשט בשאפין אלץ אין ששת ימי בראשית · פר גיב דו שטארקר גאט פון יעקב · דען דו בישט אקיניג וואש דו פאר גיבסט אונ בישט מוחל דיא זינד · אונ העלף מיר איך זאל זיין פון די וואש טוען תשובה פר דיר איטליכן טאג מיט זייער גאנצין הארץ אונ זייערע זינד זאלשטו מער ניט דער מאנען אונ איך שטעל דיר איין קורצע תפלה דאש דו זאלשט זיא זאגן נאך יעגר תפלה וואש פריער איז גישטאנען · אונ דער גאט וואש פרובט דיא הערצר זאל זיא אן נעמן לרצון אונ דאש איז דיא תפלה : (יד) רבש"ע דער הער פון דר וועלט עש איז אנטפלעקט אונ גיוויס פאר דיר אז מיין לייב גילושט זייער צו זאגין פאר דיר אזעלכע פסוקים וואש איך זאל דורך זייא קענען מייחד זיין דיינע הייליגע שמות מיט ליבשאפט נאר אונזרע עבירות האבין זיך גישטארקט אויף אונז אונ וויא אשווערע משא מאכין זיי שווער אויף אונז · אונ דורך דעם איז אונזער חומר אין גשמיות אזו גימערט ביז מיר קענן ניט רעכט מכוין זיין דרינן · אונ טאמר וועלין מיר נאך ערגר מאכין אונ ניט פאר ריכטין · דרום וויא וועל איך קענן גינעהנן צוא דעם ארט פון קדושה · אונ וויא קען מען קומען צוא דיא טויערין פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא מיט אזו איין זאק אן גיקלייד אונ דרום הער פון דער וועלט דער בארים זיך איבר אונז דוא הער פון פאר געבונג : (טו) אונ אונזר תפלה זאל זיס זיין פר דיר הויכר אונ דער הויבנר גאט גלייך וויא איך האב פאריכט אלע פגומים אונ האב איבר גיפירט אלע פלעקין פון מיינע זינד דורך דיא כוונות פון יחודים · אזו זאלין זייא גוט פרתקן ווערין דורך דער דאזיגע תפלה וואש איך זאג מיט איין צו בראכן הארץ אונ מיט אנידעריג גמיט אונ איין צו בראכין

אונ

(טז) ואח"כ יקום מן הארץ ויהיה עוסק כל היום בתפלה ובתורה ואז מן השמים ירחמהו ויסור מעליו עונש הנידוי שנתנדה מן השמים ויהיה לבו נכון ובטוח כשינהג כמ"ש לעיל אז ישוב ורפא לו והנה אציג לך פרק מיוחד על איזה דברים שהאדם הוא חייב נידוי בב"ד של מעלה וזהו :

פרק לד **אלו** דברים שהב"ד של מעלה מנדין למי שעובר עליהם · (א) מי שמדבר נבול פה חס ושלום · (ב) מי שאוחז באמה ומוציא שכבת זרע לבטלה · (ג) המיקל במצות דרבנן כגון המזלזל בנטילת ידים או המזלזל בדיני מוקצה וכיוצא בהם באיסור דרבנן · (ד) המזלזל בכבוד תלמידי הכמים הן בפניו והן שלא בפניו · (ה) המחלל את השם שמדבר דברים נזופים על כלל בני ישראל · (ו) מי שהוא אלם ואינו רוצה לציית ומייגע את בעל דינו שמוכרח להיות בשב ואל תעשה או שגורם להוציא לו ממון רב בהוצאת המשפט · (ז) האומר שירות ותשבחות במרוצה ואינו מוציא מפיו התיבות בשלימות בשפה ברורה מן ברוך שאמר עד תפלת ישתבח · (ח) המלעיג על אדם כשר וישר · (ט) המדבר הרבה עם אשה שאין אשתו כדי להסתכל ביופיה והוא יכול לקצר את דבריו והוא מכוין למלאות תאות היצהר · (י) המחזיק במחלוקת ומחניף לרשע ומתוך חניפותו מחזיק מעשיו של הרשע שהוא מתגבר והולך ועל אלו הדברים הוא מנודה בב"ד של מעלה וצריך לעשות תיקון כמו שכתבתי בפרק ל"ג : (א) ועבירה החמורה שבאלו עשרה עבירות הנ"ל הוא המנבל פיו והמדבר דבר אפקורסות על תלמידי חכמים ומי שהוא אלם וסרבן ועוד מדה אחת החמורה מכל הנ"ל שגם כן ב"ד של מעלה מנדין אותו המעיז פניו בפני בני אדם ואין לו בשת כלל לא די לו בנידוי הנ"ל

און אין צוא שטויסן הארץ זאל גאט ב"ה ניט מבזה זיין : (טז) דער נאך זאל ער אויף שטיין פון דר ערד · און זאל אגאנציין טאג עוסק זיין אין תורה און תפלה און דענמאלט וועט מען פון דעם הימל אויף אים רחמנות האבין און גאט ב"ה וועט פון אים אפ טאן דעם עונש פון דער נידוי וואש ער איז מנודה ניווארין פון דעם הימל און זיין הארץ זאל בטוח זיין דאש אז ער וועט אזוא טאן וויא איך האב דא גישריבין וועט גאט ב"ה אים בוודאי מוחל זיין אויף דער נידוי וואש ער איז מנודה גיווארין פון דעם הימל · און נון איך וועל דיר שטעלן אבזונדרין פרק אויף וועלכע זאכין דער מענטש איז חייב בייא דעם ב"ד של מעלה נידוי :

פרק לד אלו דאש זיינען דיא זאכין וואש דאש ב"ד של מעלה איז מנדה צוא דעם וואש איז עובר אויף זייא : (א) דער וואש רעט ניבול פה ח"ו : (ב) דער וואש ציהט אויש שכבת זרע לבטלה: (ג) דר וואש האלט פאר גרינג די מצות וואש די חכמים האבין מתקן גיוועזן דהיינו ער איז מזלזל אין דעם וואשין אין דער פריא און צום עסין אדר ער איז מזלזל אין דינים פון מוקצה אום שבת ויו"ט און נאך אזעלכע גלייכי איסורים וואש דיא חכמים האבין זייא מתקן גיוועזן : (ד) דער וואש איז מזלזל אין דעם כבוד פון דיא תלמידי חכמים סאיי זייא אין דיא אויגין און סאיי אונטער זייערע אויגין : (ה) דער וואש איז מחלל השם און ער רעט שלעכטע רייד אויף דעם כלל ישראל· (ו) דער וואש איז איין אלם און וויל ניט פאלגין קיין משפט · און מאכט מיד זיין בעל דין דאש יענר מוז אים אויף הערין צו לאדין אדר ער איז אים גורם פיל געלט אויש צוא ברייננען אויף הוצאות פון דעם משפט : (ז) דער וואש זאגט גיך דיא שירות ותשבחות פון ברוך שאמר ביז ישתבח · און ציהט ניט אויש פון זיין מויל דיא ווערטער אין גאנציין · (ח) דער וואש שפעט אויש איין פרומן מענטשין · (ט) דער וואש רעט פיל מיט אפרעמדע אשה כדי צוא קוקין אין איר שיינקיים · און וואלט גיקאנט ריידין בקיצור וואש ער בדארף און ער איז מאריך אין דיא רייד כדי צוא דער פילין דיא תאוה פון דעם יצר הרע : (י) דר וואש איז איין בעל מחלוקת און חנפת צו איין רשע · און דורך דער חנופה שטארקט ער דיא מעשים פון דעם רשע ווארום דער רשע זעהט אז איין ערליכר מאן חנפת אים טראכט ער זיך מן הסתם טוא איך רעכט און טוט ווייטר רשעות: אויף דיא זאכין ווערט ער מנודה בייא דעם ב"ד פון דעם הימל און מוז טאן דעם תיקון וואש איך האב גישריבין אין יענם פרק: (א) און דיא הרבערע עבירות צווישין דיא צעהן זיינען דער וואש רעט ניבול פה און רעט שלעכטש אויף דיא תלמידי חכמים און דער וואש איז איין אלם און וויל קיין דין תורה ניט פאלגין און נאך איין עבירה איז פאר האנדין וואש זיא איז הרבער פון אלע דיא אויבערשטע עבירות אז דאש ב"ד של מעלה

איז

הנ"ל ועונשו הוא להתגלגל בכלב וש"ה והכלבים עזי נפש: (ב) וא"ת גלגול בכלב הוא עונש קל בא וראה דבר אחד והתבונן בעונש זה כמי שהוא בא על אשת איש רחמנא ליצלן ודע לך: ג) מעשה אחד הובא בכתבי האר"י ז"ל שבימיו היה איש חסיד אחד ושמו רבי אברהם פדא"ה ז"ל והיה האיש עשיר גדול וידו היתה פתוחה לעניים ואביונים ואצלו היה דר יהודי שכנו והיה מתעסק במשא ומתן עם אשת ר' אברהם הנ"ל כי אשתו היתה מתעסקת במו"מ: (ד) ופתאום בא על אותו השכן חולי ונפל למשכב ימים רבים עד שהתחיל בשרו לרקוב עליו אף ערותו נרקב ופיזר ממון רב בהוצאת הרופאים ולא היה עזר ותרופה למכתו ומת האיש ההוא באותו חולי ביסורים קשים ומרים: (ה) ואחר כמה שנים בא כלב אחד ותמיד היה מסבב את הבית של החסיד ר' אברהם אבן פרא"ה הנ"ל והכלב הנ"ל היה כלב שחור מכוער מאד כשראו אותו האנשים היו מפחדין מפניו כי פניו היה כמו מזיק והיו תמיד מגרשין את הכלב מבית רבי אברהם חסיד הנ"ל במקלות והיה הכלב חוזר ובא: (ו) ותמיד כשהיה רבי אברהם הנ"ל משכים לבית הכנסת היה מוצא זה הכלב שהיה עומד אצל הדלת והיה ממתין עד שיפתחו הדלת והיה רוצה לשמט את עצמו אל הבית ותמיד היה רבי אברהם חסיד מגרש אותו וצוה לנעול את הדלת אחריו אעפ"כ חזר הכלב והיה ממתין בדלת עד שיפתח: (ז) ופעם אחת אירע שיצא החסיד בהשכמה מפתח ביתו ושכח לנעול פתח הדלת של הבית ושל החדר בית התורף ותיכף דלג הכלב לבית וקפץ מחדר לחדר עד שהיה מגיע לחדר שהיתה שם אשתו של רבי אברהם הנ"ל שוכבת עדיין במטתה מצאה ישינה וקפץ הכלב על המטה ונשך בה נישוכין הרבה פצעים וחבורים ואחר כך ברח מהבית: (ח) והאשה הנ"ל צעקה מאוד עד שקולה נשמע בבית האר"י ז"ל ובא בעלה רבי אברהם חסיד ושאר אנשים להרב רבי יצחק

איז אים מנדה דרויף דאש איז דער וואש איז מעיז פנים פאר לייט אונ האט נאר קיין בושה ניט אונ עש איז נאך ניט גינוג מיט דעם וואש מען איז אים מנדה אויף דעם הימל נאר ער ווערט נאך מגולגל אין איין הונט: (ב) אונ טאמר וועסטו זאגן דאש איז איין גרינגער עונש איך וועל דיר שרייבן איין מעשה וואש האט זיך גיטראפין אין דיא צייטין פון האר"י ז"ל וועסטו פאר שטיין אין דעם עונש דאש ער איז גלייך צוא אזעלכן וואש ליגט מיט איין אשת איש רחמנא ליצלן· איין חסיד איז גיוועזן אין דער צייט פון רבי יצחק לוריא אונ זיין נאמען איז גיוועזן רבי אברהם פרא"ה ז"ל: (ג) אונ ער איז גיוועזן אגרוישער עושר אונ פלעגט פיל צדקה געבין אונ בייא אים האט גיוואונט איין שכן וואש ער פלעגט משא ומתן טאן בחברותא מיט דעם ווייב פון דעם חסיד: (ד) איז דער שכן פלוצלונג קראנק גיווארין אונ איז גילעגין פיל טעג ביז זיין פלייש האט אן גיהויבן צו פוילן אויך זיין ערוה איז פאר פוילט גיווארין· אונ ער האט פיל געלט פאר בראכט אויף דקטורים· אבער זייא האבין אים ניט גיקאנט העלפין· אונ ער איז גישטארבין פון דער קריינק מיט ביטרע אונ שווערע יסורים: (ה) אין פיל יאר ארום איז גיקומן איין הונט אונ האט תמיד ארום גרינגלט דיא שטוב פון דעם חסיד רבי אברהם אונ דער הונט איז גוועזן שווארץ אונ זייער מיאוס· וויא די מענטשין פלעגין אים דער זעהן פלעגין זייא זיך זייער דער שרעקין ווארום זיין פנים איז גיוועזן וויא אמזיק· אונ מען פלעגט תמיד אוועק טרייבין מיט שטעקין דעם הונט פון דעם הויז פון דעם חסיד· אונ דער הונט פלעגט ווידער קומען· (ו) אונ תמיד אז רבי אברהם פלעגט זיך פעדרין צוא גיין אין שול אריין· פלעגט ער צו גיפינן דעם שווארצין הונט שטיין בייא דער טיר· אונ פלעגט ווארטין ביז מען זאל דיא טיר עפנן· אונ האט אלץ זיך גיוואלט אריין שטויסין אין שטוב אריין· אונ דער חסיד פלעגט אים תמיד אוועק טרייבין אונ פלעגט אן זאגן מען זאל פאר שליסין דיא טיר נאך זיין אוועק גיין· אונ דער הונט פלעגט פארט צוא שטיין בייא דער טיר אונ ווארטין ביז מען וועט זיא עפנן: (ז) אמאל האט זיך גיטראפין אז דער חסיד איז גאנץ פריא אוועק גיגאנגען אין שול אריין· אונ האט פאר געסין צו שליסן די טיר פון דעם הויז אונ פון דער ווינטער שטוב· איז דר הונט תיכף אריין גשפרונגן אין הויז אריין אונ האט גישפרונגן פון איין חדר צום אנדרן· ביז ער איז גיקומן אין דעם חדר וואו דאש ווייב פון אברהם איז גילעגין אין איר בעט אונ האט גישלאפין איז דר הונט ארויף גשפרונגן אויף איר בעט אונ האט זיא זייער צוא ביסן אונ האט איר גימאכט פיל וואונדן אונ בייל אונ דער נאך איז דער הונט אנטלאפין גיווארין פון דארטין: (ח) אונ דיא אשה

האט

לורי"א: (ט) והשיב הסיבה היה כי האשה הזאת נעשית בעו"ה א"א עם השכן שלה שבבר מת וזהו הכלב שחור היה בו נשמתו והיא גורמת בפיתוי דבריה ובנתינת מעות להשכן הנ"ל לשכב אצלה דרך אישות ע"כ עשה הכלב עכשיו נקמה בהאשה: (י) ואח"כ היו משביעין את האשה שתגיד האמת והודית שבעו"ה היה שוכב עמה בבית הסחורה ועל כן נרקב בשרו של אותו האיש וגם ערותו היה נרקב ואחר כך בקשה לעשות תשובה ומתה בתוך תשובתה אבל החסיד גירשה תיכף מביתו: (יא) בא וראה שעון עזי פנים יש להם עונש גלגול כלב כמו עון אשת איש ע"כ צריך האדם להתנהג את עצמו בבושת פנים ויראת ה' תהיה על פניו תמיד ואז טוב לו יהיה סלה:

פרק לה **כבר** נתפשט המנהג ברוב תפוצות ישראל להתענות ביום שמת בו אביו או אמו מדי שנה בשנה שקורין (יאר צייט) וטעמים ידועים עיין בספר נשמת חיים משום דריע מזליה של אותו יום: (ב) א"נ דיש קצת דין לאביו או לאמו באותו יום תמיד ואמירת הקדיש והתענית מועיל להנצל ממקצת הדין הזה אמנם לא די בזה לבד אלא יראה למצוא לעשות טוב ביום הנ"ל: (ג) אם הוא בעל תורה יראה לחדש איזה דבר בתורה אז יש תועלת גדול לאביו ולאמו ואף בשאר ימות השנה כשהבן מחדש איזה חידוש תורה לשמה אז הבן משמח אביו ואמו ומעטרין לאביו ואמו בכמה עיטורין: (ד) ומי שזוכה שנתן בתו לתלמיד חכם וכשחתנו הוא מחדש איזה דברי תורה לאמתו אזי מעטרין לחמיו והמותו ג"כ בכמה עיטורין דמצינו בזוהר פרשת נשא גבי ר' שמעון ב"י שבחר לו מקום אחד קדוש עם תלמידיו לחדש שם חדושי תורה ורזין דאורייתא: (ה) היו שומעין בת קול
אשריך

האט זייער גישריען ביז איר קול איז גהערט געווארן אין הויז פון דעם האר"י ז"ל · אונ איר מאן אונ נאך לייט זיינען גיקומען צום הרב רבי יצחק לוריא פרעגין אים וואש דאש איז: (ט) האט ער זייא גיענטפערט דאש איז ווייל די אשה האט אמאל מזנה גיוועז מיט איר שכן · איז ער מגולגל געווארן אין דעם שווארצין הונט · אונ זיא האט אים גורם גיוועז צו דעם זנות ווארום זיא האט אים איבר גירעט אונ געלט גיגעבן דער פאר אז ער זאל מיט איר ליגן · דרום האט דער הונט אצונד איין נקמה גטאן אין דער אשה: (י) דער נאך האט מען בשווארין דיא אשה זיא זאל זאגין דעם אמת · האט זיא מודה גיוועז · אז זיא איז מיט אים גילעגין אין דעם סחורה הויז · אונ דרום איז פר פוילט געווארן דאש פלייש אונ די ערוה פון דעם שכן · דר נאך האט די אשה תשובה גינומן אונ איז גישטארבין אין תשובה · אבער דער חסיד האט זיא תיכף אוועק גיטריבן פון זיין הויז: (יא) נוא קום אונ זעה דען דיא זינד פון איין עזות פנים איז אויך דער זעלביגר עונש וויא דיא זינד פון אזעלכין וואש ליגט מיט איין אשת איש · דען דער עזות פנים ווערט אויך מגולגל אין איין שווארצין הונט · דרום געהער איטליכר זיך פירין צו זיין איין בושת פנים · אונ גאטש פארכט זאל זיין אויף זיין פנים · אונ דען ווערט אים גוט זיין אויף אייביג:

פרק לה כבר עש איז לאנג גיווארין דער מנהג צווישין די ישראל אלע יאר צוא פאסטין אין דעם טאג וואש זיין פאטער אדר די מוטר זיינן גישטארבין · אונ דאש ווערט גירופין יאר צייט · אונ דרויף שטייען פיל טעמים אין ספר נשמת חיים · איין טעם איז ווייל דעם טאג איז רוע מזל פון דיא קינדר · ווייל זייער פאטר אדער מוטער זייגען גשטארבן דעם טאג: (ב) אונ נאך איין טעם איז ווייל דעם טאג איז מען ווידער דן זיין פאטר אדער מוטר · אונ דער מיט וואש דר זון זאגט קדיש אונ פאסט העלפט דאש מציל צוא זיין דעם מת פון דעם דין אבר פר וואר עש איז ניט גינוג מיט פאסטן אונ קדיש זאגין אליין · נאר ער זאל זעהן דעם טאג גוטש צוא טאן: (ג) אויב ער קען לערנן זאל ער זעהן דעם טאג עפיש מחדש זיין אין דער תורה · דער פון ווערט אגרויש הילף צו זיין פאטער אונ מוטר · אונ אפילו אנדר טאג פון אגאנץ יאר · וואש איז ניט דער יאר צייט · אז דר זון איז עפיש מחדש אין דר תורה פון גאטש וועגין איז זיין פאטער אונ מוטר זיך משמח אין קבר · אונ מען קריינט צוא זיין פאטר אונ מוטר מיט פיל קרוינן: (ד) אונ דער וואש איז זוכה אונ גיט זיין טאכטר צוא איין תלמיד חכם · אז זיין איידים איז עפיש מחדש אין דער תורה · קריינט מען דעם שווער אונ שוויגר מיט פיל קרוינן · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר · רבי שמעון בן יוחאי האט זיך אויש דער ווילט איין הייליג ארט דאש ער זאל דארטין לערנן מיט זיינע תלמידים · צוא מחדש זיין דיא חידושים אונ סודות פון דער תורה · אונ דאש ארט האט גיהייסן
אידרא

אשריך ר' שמעון ב"י עם תלמידך דהא איתגלי לכון מאי דלא איתגלי לכל צבא מעלה וחידוש זה לא נתגלה מיומא דקאים משה רבינו ע"ה על טורא דסיני וכמה כתות של מלאכי השרת מתקבצים שם לשמוע רזין דאורייתא והאי יומא איקרי למעלה הילולא דרשב"י: (ו) אמר רשב"י תווהנא על ההוא חגיד חרצך (פי' חגור מתנים והוא אליהו הנביא דכתיב ביה ויחגור את מתניו) אמאי לא אשתכח בגו אידרא דילן (ר"ל אידרא הוא המקום שהיו יושבין תמן נקרא כך) בזמנא דאתגליין מלין אלין קדישין אדהכי אתא אליהו קפטורי נהירין (ר"ל ניצוצין) באנפוי א"ל ר"ש מ"ט לא שכיח מר בקרדוטא גליפה דמאריה (ר"ל במיני מטעמים שעשינו להקב"ה בחדווא דאורייתא ביומא דהילולא): (ז) א"ל אליהו חייך רבי דבעינא לאשתכחא עמכון ולא יכילנא דההוא יומא שדרני הקב"ה למיעבד ניסין לרב המנונא סבא וחברוהי דאמסרו בארמונא ועקרתי והפכתי ההיכל וארחישנא ניסא דמתו מאתן וארבעים וחמשה מקטריגים שהיו מקטריגים על רב המנונא סבא ואפקינא לרב המנונא וחברוהי והעמדתי אותן מרחוק לבקעת אונו ואשתזיבו והכנתי תמן מזון לחם ומים כי תלתא יומין לא אכלי וכל האי יומא לא בדילנא מנייהו: (ח) כד תבנא שמענא קלין וחדוה רבא למעלה ושאילנא מה דא חדוותא ואמרי לי דא הוא יומא דהילולא דרשב"י וזכאה אנת רשב"י וזכאה חולקך וזכאה חולקי דחברייא דיתבין קמך כמה דרכין אתתקנא לנהרא לכו מן נהרי אפרסמונא דכיא והא חזינא יומא דין בגינך אתעטרו חמשין כתרין לר' פנחס בן יאיר חותנך וכו': (ט) הרי מבואר מעלת לימוד התורה לשמה וכן כל מעשים טובים שעושה האדם ריח ניחוח לה' באם שעשה לשמה וכן הוא חס ושלום להיפך כשעושה שלא לשמה: (י) וכן מצינו שם בזוהר כד סליק ר' חייא לא"י קרא בתורה עד דהוי אנפוי נהירין

אידרא: (ה) האבין זייא גיהערט איין בת קול האט גיזאגט וואול דיר רבי שמעון בן יוחאי מיט דיינע תלמידים · דען גאט ב"ה איז דיר מגלה זעלכע סודות וואש זיינען ניט נתגלה גיוואורין צוא קיין שום מלאכים פון דעם הימיל אונ דיא חידושים זיינען ניט נתגלה גיוואורין פון דער צייט אן אז משה רבינו ע"ה איז גישטאנן אויף דעם בארג סיני · אונ פיל כיתות מלאכים האבין זיך איין גיזאמלט דארטין צוא הערין די סודות התורה פון רבי שמעון בן יוחאי אונ דער טאג ווערט אויבן גירופן הילולא דרבי שמעון בן יוחאי: (ו) האט רשב"י גיזאגט איך פאר וואונדער מיך פאר וואש אליהו איז ניט דא אין אונזר אידרא · דר וייל איז אליהו גיקומן · האט רבי שמעון צו אים גיזאגט פאר וואש איז דער הער ניט גיקומען צו הערין וואש איך האב מחדש גיוועזן אין דעם טאג וואש ער הייסט הילולא: (ז) האט אליהו צוא אים גיזאגט דא שווער איך ביא אייער לעבין אז איך האב גיוואלט זיין ביא אייך · נאר איך האב ניט גיקאנט ווייל דעם טאג האט מיך גאט ב"ה אוועק גישיקט צו טאן ניסים צוא רב המנונא סבא מיט זיינע חברים וואש זיינן גיזעסין תפוס · האב איך אויף גירישן די פאלאצין · אונ האב איבר גיקערט אונ צווייא הונדערט מיט פינף אונ פערציג וואש האבין מלשין גיוועזן אויף רב המנונא סבא זיינען אלע גישטארבין אונ צוא רב המנונא מיט זיינע חברים האב איך אויש גיצויגין פון דער תפיסה · אונ האב זייא גישטעלט ווייטר פון דעם טאל אונו אונ זיינן ניצול גיוואורין אונ האב זייא דארטין אן גיגרייט עסין אונ טרינקן ווארום זיי האבין דרייא טאג ניט גיגעסין אונ ניט גיטרונקען: (ח) דער נאך אז איך האב מיך ווידר גיקערט אין הימל ארין · האב איך דארטן גיהערט עפיש איין גרוישע שמחה · האב איך גיפרעגט וואש איז דא פאר אזו איין גרוישע שמחה האבן זייא מיר גיזאגט דאש איז דר טאג פון הילולא דרבי שמעון בן יוחאי וואול דיר רבי שמעון בן יוחאי · אונ וואול איז דיין חלק אונ וואול איז דער חלק פון דער חבריא · וואש זייא זיצן פאר דיר · פיל בעך פון דיא טייכין פון ריינם אפרסמון · זיינן אן גיגרייט צוא לייכטן אייך · אונ איך האב גיזעהען אז מען האט דורך דיר אן גיקריינט פופציג קרוינן צו רבי פנחס בן יאיר דיין שווער: (ט) נוא פון דאנן איז בשייד דיא מעלה פון דעם וואש לערנט תורה לשמה: אונ אויך אלע מעשים טובים וואש דער מענטש טוט זייא פון גאט וועגין טוט ער דער מיט איין נחת רוח צו גאט זעהט מען דאך וויא איין קינד אדר איין איידים טוט טובות צוא זייערע עלטרין אויף יענר וועלט אונ אזו אויך ח"ו אז ער לערינט דיא תורה ניט לשמה · האט ער זעלבשט איין גרושן עונש דער פאר · אונ צוא זיינע עלטערין איז אויך ניט גוט דער פאר אויף יענר וועלט: (י) אויך גיפינן מיר אין זוהר אז

רבי

נהירין כשמשא וכד היו קיימין לפניו כל אינון דהוי לעין באורייתא הוי אמר דין אשתדל באורייתא לשמה ודין שלא לשמה והוי צלי על האי דהוי עסיק שלא לשמה דיתעסק לשמה ועל ידי זה יזכה לעולם הבא יומא חד הוה תלמידא דהוי לעי באורייתא ואנפוי ירוקין אמר ודאי מהרהר בחטאה איהו אחיד ליה ואמשיך ליה במילין סתימין דאורייתא עד דאתיישב רוחיה בגויה מן ההוא יומא והלאה שוי על עצמו דלא ירדוף בתר הני הרהורין בישין וישתדל באורייתא לשמה : (יא) הכלל בכל ענינך שיבא לידך תתבונן היטב אם יש בו נחת רוח לאבינו שבשמים ואם יש בו נידנוד עבירה חס ושלום אזי לא יעלה לרצון לפני הקדוש ברוך הוא · (יב) וז"ל הזוהר (שם) בעי ליה לבר נש למיבדק בחובוי כל יומא ויומא דהא כד בר נש קאים מערסיה תרין סהדין קיימין קמיה בהדיה כל יומא : (יג) בעי בר נש למיקם אינון סהדי א"ל בשעתא דאפתח עינוי עיניך לנוכח יביטו וגו' קם ואתקין רגלוי למיהך אינון סהדיא אמרי ליה פלס מעגל רגליך ועל דא כד אזיל בר נש בכל יומא בעי ליה לאסתמרא מחובוי בכל יומא ויומא כד אתיא לילה בעי לאסתכלא ולמיבדק בכל מאי דעביד כל ההוא יומא בגין דיתוב מנייהו (פי' אם יראה שעשה בזה היום דבר שאינו הגון ישוב ממנו לבלתי לעשות עוד כזה פעם שנית) ויסתכל בהו תדיר בגין דיתוב · (יד) משא"כ בהיות אינו נותן אל לבו להסתכל לעיין במעשיו איך ומה המה אם מיושרים או לאו והוא הולך ועושה ופועל ומרבה דרכיו כולם בלתי חשבון רע או טוב הרי בכל אלו ההולכים בחושך ולא ראו אור ואינו נפקד במרום לטובה ואינו דובר שלום עליו בבית דין של מעלה
ובימי

רבי חייא איז אויף גינאנגען קיין ארץ ישראל · האט ער גילערינט אין דר תורה ביז זיין פנים האט גילייכט וויא די זון אונ אז דיא אלע וואש האבין גלערנט תורה זיינן גשטאנן פאר אים · האט ער גיזאגט דער האט גילערינט לשמה · אונ דער האט גילערינט שלא לשמה · אונ אויף דעם וואש האט גילערינט שלא לשמה האט ער גיבעטין גאט אז ער זאל לערנען לשמה · כדי ער זאל זוכה זיין צוא עולם הבא · איין טאג איז גיוועזן איין תלמיד וואש האט גילערינט תורה אונ זיין פנים איז גרין גיוועזן · האט רבי חייא גיזאגט דער איז בוודאי מהרהר אין עבירות · האט דער תלמיד אים מודה גיוועזן · פון דעם טאג אן אונ נוייטער האט דער תלמיד אויף זיך גינומען · ער זאל שוין ניט נאך גיין נאך דיא שלעכטע מחשבות אונ זאל לערנען תורה לשמה : (יא) דער כלל איז אין אלע דיא זאכין וואש וועלין קומן דיר צוא האנדין · זאלשטו דרינן זיך גוט מיישב זיין · אויב דרינן איז פאר האנדין איין נחת רוח צוא גאט ב"ה זאלשטו זיא טאן · אונ אויב דרינען איז פאר האנדין ח"ו איין ספק עבירה · וועט דאש בוודאי ניט אויף גיין לרצון פאר גאט ב"ה דרום זאלשטו דאש ניט טאן : (יב) אונ דער זוהר שרייבט דער מענטש בדארף איטליכען טאג זיך איבער קלערין זיינע עבירות וואש ער האט גיטאן · ווארום אז דער מענטש שטייט אויף פון זיין בעטיל · שטייען פאר אים צוויא מלאכים וואש זייא זאגין עדות אלץ וואש ער טוט : (יג) וויא ער וויל אויף שטיין זאגין דיא עדות צו אים בשעת אז דוא עפנסט אויף דיינע אויגין · זאלין זייא קוקין צו דיא וואש שטייען קעגין דיר · שטייט ער אויף אונ שטעלט זיינע פים צוא גיין · זאגין דיא עדות צוא אים וועג איבער דיא טריט פון דיינע פים דרום אלע טאג אז דער מענטש גייט בדארף ער זיך היטין פון צוא טאן עבירות אונ אז עש קומט נאכט בדארף ער קוקין אונ איבער קלערין אין די אלע עבירות וואש ער האט גיטאן אונ זאל פון זייא ווידער קערין · אונ זאל קוקין תמיד אין דיא עבירות כדי ער זאל אויף זייא תשובה טאן : (יד) אבער אז ער וועט ניט געבין זיין הארץ צוא קוקן אונ מעין צוא זיין אין זיינע מעשים וואש זייא זיינען · צוא רעכט פארטיג צוא גיין נאר ער גייט אונ טוט אונ מערט זיינע וועגין · אונ ברעכנט זיך ניט צו זיינען זייא גוט אדער שלעכט דיא זיינען גליך צוא אזעלכין וואש גייען אין דער פינשטער אונ זעהען ניט קיין ליכטיקייט אונ ווערט ניט גידיינקט אין הימיל אויף גוטש אונ קיינער רעט ניט אויף אים קיין גוטש ביא דעם ב"ד של מעלה · (טו) אונ דיא ערשטע חסידים פלעגין מדקדק זיין ניט צוא געבין קיינעם קיין שלום ביז זייא האבין אים פריער בודק גיוועזן אויב ער איז איין צדיק · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר : רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גינאנגען אין וועג · דער וויל האבין זייא גיזעהען איין מענטש קומט אנטקעגין זייא אן גטאן מיט איין טלית מיט ציצית · אונ אשווערד האט ער
גיהאט

(טו) ובימי חסידים הקדמונים היו מדקדקים שלא ליתן שלום אם לא בדקו אותו היטב במעשיו כדאיתא בזוהר פ׳ מקץ רבי חייא ורבי יוסי הוי אזלי באורחא אדהכי חמו חד בר נש דהוי אתי בעיטופא דציצית וכלי זיינן קשורים תחות בגדיו אמר רבי חייא דא חד מתרין אית ביה או זכאה שלים איהו או רמאה ית בני עלמא איהו׳ (טז) אל רבי יוסי הא חסידי עלאין אמרי הוי דן לכל בר נש לזכות הא תנינן כד בר נש נפיק לאורחא יתכוין לתלת מילין לדורון לקרבא לצלותא וילפינן מיעקב והאי בר נש אזיל באורחא איהו עיטופא לצלותא והא ביה כלי זיין לקרבא כיון דתרין מילין אית ביה תליתאין לא למירדף אבתריה כד קריב לגבייהו יהבו ליה שלום ולא אתיב להון אמר רבי חייא הא חד מאינון תרין דאתחזיין למהוי ביה לית ביה דהא לא אתקין גרמיה לדורון דבדורון שלמא אתכליל אמר רבי יוסי דילמא איהו משתדל בצלותיה או מרחיש תלמודיה בגין דלא יעקר ליה אזלו כחדא ולא מליל ההוא בר נש בהדייהו׳ (יז) לבתר אישתמיטו רבי חייא ורבי יוסי ואשתדלו באורייתא קרב לגביהון ויהיב שלום להון אמר ליה רבותי במאי חשדתון לי כד יהביתו לי שלום ולא אתיבת לכון אמרו ליה דלמא צלותא הוית אמרית או מרחיש תלמודא׳ (יח) אמר להו אתון הייתם דנין אותי לכף זכות המקום ידין אתכם לכף זכות אבל אימא לכון יומא חדא הוינא אזיל באורחא אשכחנא בר נש ואקדימנא ליה שלום והאי גברא ליסטאה הוי וקם עלי וציער נפשי ואלמלא דאתתקפנא ביה איצטערנא ומהאי יומא נדרנא דלא אקדמנא שלום עד דאיבדק ביה אם הוא גבר זכאה׳ (יט) בגין דאסור להקדים שלום לבר נש חייבא דכתיב אין שלום אמר ה׳ לרשעים וההוא שעתא דחמינא לכו ויהביתו לי שלום ולא אתיבנא לכו חשידנא לכו בגין דלא חמינא בכו מצוה דאתחזייא לבר נש דא הוא

חדא

גיהאט אונטער זיין מאנטיל׳ אונ זייא האבין אים גיגעבין שלום אונ ער האט זייא ניט גיענטפערט׳ האט רבי חייא גיזאגט דער איז איינש פון דיא צווייא אדער ער איז איין גרוישער צדיק אדער ער נארט לייט זייא זאלין מיינען ער איז פרום : (טז) האט רבי יוסי צוא אים גיזאגט דיא גרוישע חסידים זאגין דאך אז מען זאל איטליכן מענטשן דן זיין לכף זכות דען מיר האבין גילערינט אז איין מענטש גייט אין וועג ארויס זאל ער זיך אן גרייטין צוא דרייא זאכין צוא איין מתנה אונ צוא מלחמה אונ צוא תפלה טאן אונ דאש לערנען מיר אפ פון יעקב אבינו אונ דער מענטש גייט דאך אין וועג אונ גייט דאך אן גיטאן אין איין טלית אונ טוט תפלה אונ כלי זיין האט ער מלחמה צוא האלטין נוא האט ער צווייא זאכין אין זיך אבער דיא דריטע זאך איז ניט פאר האנדין אין אים׳ דען ער האט זיך ניט אן גיגרייט צוא אמתנה׳ ווארום אין מתנה איז כלול שלום׳ אונ ער האט אונז דאך ניט גיענטפערט קיין שלום האט רבי יוסי גיזאגט טאמער האלט ער אין מיטין דאבנען אדער ער חזרת איבער זיין לערנן כדי ער זאל עש ניט פאר געסן׳ זיינען זייא גגאנגען אין איינעם מיט דעם מענטשין׳ אונ ער האט מיט זייא ניט גירעט : (יז) דער נאך האבין רבי חייא אונ רבי יוסי זיך גיזעצט אפ רוען אונ האבין גילערינט תורה איז דער מענטש גיקומען צוא זייא אונ האט זייא גיגעבין שלום אונ האט צוא זייא גיזאגט מיינע רבים בשעת אז איר האט מיר גגעבין שלום אונ איך האב אייך ניט גיענטפערט וואש האט איר מיר חושד גיוועזן׳ האבין זייא צו אים גזאגט מיר האבין גטראכט טאמער דאווינסטו אדער דוא חזרסת איבער דיין לערנען׳ (יח) האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט׳ איר האט מיך דן גיוועזן לכף זכות׳ זאל גאט ב״ה אייך אויך דן זיין לכף זכות נאר איך וועל אייך זאגין פאר וואש איך האב אייך ניט גיענטפערט קיין שלום דען איין טאג בין איך גגאנגן אין וועג׳ האב איך גיזעהן איין מענטש גייט האב איך אים גיגעבין שלום׳ אונ ער איז גיוועזן איין גזלן׳ איז ער אויף גשטאנן אונ האט מיך מצער גיוועזן אונ ווען איך זאל מיך ניט גיוועזן שטארקין איבר אים וואלט ער מיר גיוועזן פיל צער אן גטאן אונ פון דענמאלט אן האב איך אנדר גיטאן׳ אז איך זאל ניט פעדרן קיין שלום צו קיין שום מענטשן ביז איך זאל אים פריער מדק זיין אויב ער איז איין ערליכער מאן׃ (יט) ווייל מען טאר ניט פעדרין קיין שלום צוא איין רשע ווארום אזו שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט אז צו די רשעים איז ניט פאר האנדין קיין שלום׳ אונ בשעת אז איר האט מיר געבן שלום אונ איך האב אייך ניט אפ גענטפערט דאש איז ווייל איך האב אייך חושד גיוועזן ניט פאר קיין גוטע לייט ווארום איך האב אין אייך ניט גיזעהן קיין שום מצוה וואש אמענטש בדארף צו טאן׳ דאש איז איין טעם׳

אונ

חדא · (כ) ועוד טעם אחרינא דהוינא מרחיש בתלמודאי באותה שעה ולא הייתי רוצה להפסיק ממילין דאורייתא באותה שעה הרי מבואר דאסור להקדים שלום אם אינו בר נש זכאה ומכל שכן שנוהגין כן למעלה שאין נותנין שלום לאדם רשע כי שם אין מחניפין לרשעים כמו בעולם הזה כי שם הוא עלמא דקשוט ואין בה חנופה ואין נשיאות פנים והכל נידון שם במדה ובמשקל ובקו הדקדוק (הג"ה) . (כא) והא דמקדימין שלום לכל אדם כמבואר בספר הזוהר באם שהוא רואה שיכול הרשע להתחזק עליו מותר להקדים לרשע שלום כדי שיוכל להנצל ממנו · (כב) על כן יתבונן האדם על זה שהוא מלא שבע רוגז וקרוץ מחומר שלא יהיה גם רוח וחומד ממון רק יהיו דבריו בנחת וכל מעשיו יהיו בהשכל ובמשקל לחשוב חשבונותיו בכל יום נגד ה' אז יתבונן מעצמו לבלתי יחטא ואז יצליח בכל מעשי ידיו אמן :

פרק לו **איתא** בגמרא דתענית ר"א בן פדת דחיקא ליה שעתא עביד מילתאי (פרש"י שהקי דם ולא הוה ליה מידי למיכל אשכח ברא דתומי שדיה לפומיה חליש ליביה וניים ·

(ב) עיילו רבנן לשיולי ביה חזיוהו דהוי בכי וחייך ונפיק ציצותא דנורא מאפותיה כד אתער אמרו ליה רבנן מאי קא בכי מר ואח"כ חייך ואח"כ נפק ציצותא דנורא מאפותך · (ג) אמר להו חזינא שכינה ואמרה לי שלום אמרתי רבש"ע עד אימתי אהיה בההוא צערא ודוחקא אמר ליה אלעזר בני ניחא לך דיחרב עלמא ואיהדר ואיברי יתך ואפשר דאיברי יתך בשעתא דמזוני אמרתי רבש"ע כולי האי ואפשר · (ד) ואמרתי רבש"ע שני דחיי כבר נפישא אן שני דחיינא אמרה השכינה דחיית אמרתי

אי

(כ) אונ נאך איין טעם וויל איך האב גילערינט דיא צייט אז איר האט מיר שלום גיגעבין · האב איך ניט גיוואלט מפסיק זיין פון מיין לערנען · פון דאנען איז גידרונגן · אז מען טאר ניט פעררין קיין שלום צו איין רשע ומכל שכן אויף דעם הימל ניט מען בוודאי ניט קיין שלום צוא קיין רשע ווארום דארטן חנפת מען ניט צוא די רשעים · אזו וויא מען חנפת זייא אויף דער וועלט ווארום דארטין איז דיא וועלט פון אמת דרום איז דארטין ניט פר האנדן קיין חניפה אונ מען איז קיינעם ניט נושא פנים · אונ אליז ווערט דארטין גמשפט מיט אמת : (כא) אונ דאש וואש מען גיט יוא שלום צוא איטליכין מענטש דער טעם דער פון שטייט אין זוהר אז דר מענטש פר שטייט אז דער רשע וועט זיך קענן שטארקין איבר אים אונ וועט אים טאן שלעכטש אז ער וועט אים קיין שלום ניט געבין · דרום מעג ער אים פעדערין שלום כדי ער זאל קענן ניצול ווערין פון אים : (כב) דרום דער מענטש וואש ער איז דאך פול אונ זאט מיט רוגז אונ אויש גישניטין אויש ליים · גהער ער צו פר שטיין · אז ער זאל ניט זיין קיין בעל גאוה אונ זאל ניט גילושטין קיין געלט נאר זיינע רייד זאלין זיין בנחת · אונ אלע זיינע מעשים זאלין זיין מיט קלוגשאפט אונ מיט איין וואג צו ברעכנן זיך אלע טאג אויב ער האט עפעש עבירות גטאן · אונ דענטמאלט וועט ער אליין פר שטיין אז ער זאל ניט זינדיגין · אונ דען וועט ער בגליקין אין אלע זיינע מעשים אמן :

פרק לו איתא עש שטייט אין דער גמרא תענית · רבי אליעזר בן פדת · איז זייער ארום גיוועזן · אמאל האט ער זיך אדר גלאזט אונ האט ניט גיהאט וואש צו עסין נאך דעם אדר · האט ער גפונן אבנטל קנאבל אונ האט עש אויף גיגעסין · איז ער דער נאך שלאף גיווארן : (ב) זיינען די רבנן ארייין גיגאנגן אים מבקר חולה זיין איז ער דענטמאלט גישלאפין · האבין זייא גיזעהען אז ער וויינט אונ לאכט אונ פונקין פייער גייען ארויש פון זיין שטערין · אז ער האט זיך אויף גהאפט האבין די רבנן אים גפרעגט וואש האט דער הער גוויינט אונ דער נאך גלאכט אונ פונקין פייער זיינען ארויש גגאנגן אויש דיין שטערן : (ג) האט ער זיי גיענטפרט איך האב גיזעהן די שכינה אונ זיא האט מיר גיזאגט שלום צוא דיר האב איך אן גיהויבין צוא וויינען אונ האב גיזאגט רבש"ע · ביז וויא לאנג נאך וועל איך האבין דעם ביטרין דלות האט זיא צוא מיר גזאגט מיין זון אליעזר איז דיר ניחא אז איך זאל דיא וועלט חרוב מאכין כלומר אז דוא זאלסט שטארבן ווארום איין מענטש ווערט אן גרופין איין קליינע וועלט אונ זאל דיך ווידער באשאפין וועל איך דיך אפשר בשאפין אין אבעשרין מזל : (ד) האב איך גיזאגט רבש"ע וועלכע יארין זיינען מער · צו די יארין וואש איך האב שוין גילעבט צוא דיא וואש איך וועל נאך לעבן · האט די שכינה מיר גיענטפערט דיא יארין וואש דוא האשט שוין גילעבט זיינען מער דען דוא האשט שוין ניט · אזוא פיל

צוא

אי הכי לא בעינא אחזי לי תריסר נהרי דמשחא אפרסמון אמרתי אלו למאן א"ל לך אמרתי והו לא אמרה השכינה ולתחברך מאי וכו' והיינו דנפיק ציצותא וכו' עיין שם · (ה) ופירוש הענין בזוהר בראשית כי בני וחיי ומזונא לאו בזכותא תליא אלא במזלא והאדם אשר נברא במזל שיהיה עני א"א ליה למיהפך בזכות אם לא שאפשר שזה יגרום זכותו שימות ויקח הקב"ה את נשמתו ויתגלגל בגוף אחר ואפשר על ידי שינוי מקום בגוף אחר יהיה לו פרנסה בריות וכו' באפשר ולא בודאי וזה שאמר לו הקב"ה ניחא לך דאיחרב עלמא ר"ל כי כל אדם נקרא עולם קטן כידוע ועל ידי שאחריב זה הגוף על ידי נטילת נשמה ממנו ואיהדר ואיברי בגוף אחר ואתן בו הנשמה ואז אפשר שתזכה לפרנסה בריוח · (ו) ולכן אמר ר"א אי הכי לא בעינא גלמוד מכאן שאין לאדם לדחוק את השעה כלל ויבטח בה' שאין מקפח שכר כל בריה · (ז) ואם לא זכה להיות בהרוחה בעולם הזה בלי דאגה בודאי שכרו כפול ומכופל יהיה בעולם הבא וכל מי שהוא משמח בחלקו מה שחנן ה' אותו אם רב אם מעט ואל יהיה לבו דואג עבור פרנסה שהוא בקימוץ ומכל שכן שלא יקרא תגר חס ושלום אחר מדותיו של הקב"ה ולא להראות כעס או רוגז בשביל זה עם אנשים כי זהו בועט נגד הש"י · (ח) רק ישים אל לבו כי כל דוחק העניות היא כפרה וסליחה לחטאיו ופשעיו וכל הדוחק את השעה שעה דוחקת לו כי זהו החסד של הקדוש ברוך הוא שמשלם לו בעולם הזה שכר העבירה · (ט) כי הרבה רשעים צועקים בגיהנם הלוואי היינו עניים ודלים בעולם הזה והלוואי היינו סובלים יסורים בעוה"ז לכפרת עונותינו ואומרים הרשעים שרוב הטובה והממון שהיה לנו הוא ענין רע שעכשיו אנחנו במצודה רעה בגיהנם · (י) ועל כן ישים
כל

צוא לעבין וויפיל דוא האשט שוין גילעבט · האב איך גיזאגט אז עש איז יוא אזו · וויל איך גיט שטארבין אונ נאך אמאל גיבארין ווערין · ווייל איך האב שוין דאש רוב יארן איבר גילעבט · האט מען מיר גוויזן דרייצעהן טייכין מיט באלסום אייל דאש איז מיין שכר עולם הבא · דרום האב איך גילאכט האב איך גיפרעגט אונ מער האב איך ניט קיין שכר · האט מען מיך גישלאגין מיט אפייערדיגע רוט אונ מען האט צו מיר גיזאגט אז דוא ווילשט נאך מער שכר האבין וואש ווערין דיינע חברים האבין : אונ דאש איז וואש פייער איז ארויש גגאנגן אויש מיין שטערין : (ה) איז דר זוהר מפורש דעם ענין דאש דר מענטש זאל האבין קינדר · אדר וויפיל קינדר ער זאל האבין · אונ זיין לעבין אונ זיין פרנסה · דאש אלץ גיט גאט ב"ה ניט פון וועגן דעם מענטשינש זכות · נאר דאש ווענט זיך אין וואש פאר אמזל ער ווערט גבארין אונ דער מענטש וואש ווערט גיבארן אין אזו אמזל ער זאל ארום זיין · קען ער עש ניט פר קערן דורך זיין זכות · נאר עש איז מיגליך אז זיין זכות זאל טרם זיין אז ער זאל שטארבן אונ גאט ב"ה זאל זיין נשמה ארייין ברייננ אין אנגדר גוף קען זיין ער זאל האבין פרנסה ברווח דאש איז אז יענר גוף ווערט בשאפן ווערין אין איין גוט מזל אונ דאש איז נאך ניט קיין וודאי · (ו) אונ דרום האט רבי אליעזר גיזאגט אז אפילו איך וועל שטארבין אונ וועל נאך אמאל בשאפן ווערין איז דאש נאך קיין וודאי ניט אז איך וועל שוין האבין פרנסה ברווח · וויל איך ניט שטארבין · אזי פון דאנן לערנן מיר אפ אז דער מענטש גיהער ניט דחק את השעה זיין נאר ער זאל אבטחון האבין אויף גאט ב"ה אז ער קירצט ניט דעם שכר פון איטליכער בשעפעניש : (ז) אונ אז ער איז ניט זוכה צוא האבין אויף עולם הזה פרנסה ברווח אן דאגה ווערט בוודאי זיין שכר פיל גיטאפלט ווערין אויף עולם הבא : אונ איטליכר גיהער זיך משמח זיין מיט דעם חלק וואש גאט ב"ה האט אים אפ גיטיילט סאיי פיל סאיי ווייניג · אונ זיין הארץ זאל ניט זארגין וואש זיין פרנסה איז נאר בצמצום אונ מכל שכן זאל ח"ו ניט מהרהר זיין נאך דיא מדות פון גאט ב"ה אונ אויך ניט צוא ווייזין כעס אונ רוגזה צוא מענטשין פון וועגין דעם ווארום דער וואש טוט אזו · דער טרעט קעגין גאט ב"ה : (ח) נאר ער זאל טאן צו זיין הארץ אז דעם דוחק וואש ער האט פון זיין ארימקייט · דאש איז איין כפרה אויף זיינע זינד ווארום דאש איז דער חסד פון גאט ב"ה דאש ער בצאלט אויף דער וועלט דעם עונש פאר דיא זינד : (ט) דען פיל רשעים שרייען אין גיהנם הלוואי וואלטין מיר גיוועזן ארום אויף דער וועלט · אונ הלוואי וואלטין מיר גיליטין יסורים אויף דער וועלט וואלטין אונזערע זינד גיוועזן פאר געבן גיווארין אונ אויך זאגין דיא רשעים אז דאש פיל גוטש אונ דאש וואש מיר האבן גהאט געלט · דאש איז פר אונז שלעכט גיוועזן · ווארום איצונד זיינען מיר אין אשלעכטער נעץ
ראש

כל אדם בכל יום אל לבו אלו דברים אף שאין כל העתים שוים צריך לומר כל מאי דעביד רחמנא הוא לטב · (יא) ועל אחת כמה וכמה אם נתן ה' עושר לאחד והשפעה טובה שיתנהג בצדק וביושר ולברך ה' וידו פתוחה להעניק להאביונים ועניים מברכת ה' אשר בירך אותו · (יב) וכל מי אשר יראת ה' בלבבו יחשוב תמיד כי בעת אשר נזדמן מצוה לפניו ודאי הוא שנגזר איזה גזירות עליו חס ושלום וע"י זכות של אותה מצוה שהמציא לו הקדוש ברוך הוא לעשותה ע"כ ניצול מהצרה שנגזר עליו · (יג) וזהו כלל גדול לזריזות קיום המצוה וכדמצינו בזוהר פ' בהר ר"ח ור"י אזלי באורחא פגעו בהאי טורא אשכחו תרי גברי דהוי אזלי אדהכי חמו בר נש דהוי אתי אמר להו במטו מינייכו הבו לי נהמא דהא אנא תרין יומין בתעניתא הייתי מהלך במדברא ולא אכילנא מידי · (יד) מיד אשתמיט מאינון תרין חד גברא אפיק מזונא דאיהו אייתי לאורחא ויהיב ליה ואכיל ואשקי ליה א"ל חבריה מה תעביד דלא יהיה לך מידי למיכל שנתת הכל לאותו העני ואל תסמוך על שלי כי אין בידי רק מעט מזון א"ל ומאי אית לי גבך בוודאי לא אבקש ממך שתתן לי ואנא איזיל בלא מזונא · (טו) יתיב גביה האי מסכנא והוי אכיל ונשתייר רק מעט לחם וגם זה המועט יהיב ליה לאורחא ואזיל ליה הוי קא מצער רבי חייא על שלא נעשה מצוה זו על ידו להחיות נפש האביון א"ל רבי יוסי אל תצער דלא לחנם הי' הקדוש ברוך הוא מזדמן מצוה זו לפני האיש הזה דלמא דינא אתגזר על האי גברא ובעי הקדוש ברוך הוא לזמנא קמיה מצוה זו בגין לשיזבא ליה בהאי עני להחיות נפשו · (יז) אמר רבי חייא להאי גברא הא מזונא גבן ניתיב ליה להאי גברא למיכל אמר ליה רבי יוסי לא ניתן ליה כלום דבהאי נהמא דניתן ליה נפקינן מיניה זכותא

דאש איז אין גיהנם: (י) דרום זאל איטליכער מענטש טאן צו זיין הארץ איטליכן טאג · דאש וויא עש גייט אים האטשע אפילו ניט זייער גוט · זאל ער זאגין אלץ וואש גאט טוט איז דאש אלץ צוא גוטין: (יא) אונ מכל שכן אז גאט ב"ה האט איינעם גיגעבין עשירות אונ שפע · גיהער ער זיך בוודאי פירין מיט גירעכטיקייט אונ מיט יושר אונ צוא לויבין גאט · אונ זיין האנט זאל אפין זיין געבין צדקה צוא ארעמע לייט פון דעם וואש גאט ברוך הוא האט אים גיבענטשט: (יב) אונ איטליכער וואש האט גאטש פארכט אין זיין הארצין גיהער ער תמיד טראכטין · אין דער צייט וואש איין מצוה קומט אים צוא האנדין · אז דאש איז גיוויש עש איז אויף אים נגזר גיווארין עפעש אשלעכטע גזירה ח"ו אונ דורך דעם זכות פון דער מצוה וואש גאט ב"ה האט אים צוא גישיקט ער זאל זיא טאן וועט ער ניצול ווערין פון דר צרה וואש אויף אים איז נגזר גיווארין: (יג) אונ דאש איז אגרושער כלל צוא מזרז זיין דעם מענטשין דיא מצות מקיים צו זיין אזו וויא עש שטייט אין זוהר רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גיגאנגן אין וועג · האבין זייא גיפונין צוויי מענטשין זיינן גיגאנגן · דער וייל האבין זייא גיזעהן איין מענטש איז גיקומן צו דיא צווייא · אונ האט גיזאגט צו זייא איך בעט אייך גיט מיר ברויט אויף צוא עסין ווארום איך זייא שוין צוויי טאג אין דר מדבר אונ האב ניט גיגעסין: (יד) האט איינער פון דיא צווייא אויש גיצויגין עסין וואש ער האט זיך מיט גינומען אין וועג אריין · אונ האט עש גיגעבין צוא דעם ארום מאן אונ האט אים גימאכט אן טרינקען האט דער אנדערער צוא אים גיזאגט · וואש טושטו · דוא ווערשט דאך ניט האבין עפיש צוא עסין · פאר לאז דיך ניט אז איך וועל דיר געבין פון מיין שפייז · ווארום איך האב נאר ווייניג שפייז · האט דער וואש האט גיגעבין צוא דעם ארום מאן גיזאגט וואש האב איך צוא דיר · איך וועל בוודאי ניט בעטין פון דיר קיין עסין נאר איך וועל גיין אן שפייז: (טו) האט ער דעם ארום מאן גיזעצט לעבין זיך אונ דער ארום מאן האט גיגעסין · אונ עש איז בייא אים מער ניט איבער גיבליבין נאר אקליין שטיקעל ברויט האט ער דאש שטיקעל ברויט אויך אפ גיגעבין דעם ארום מאן אויף דעם וועג אונ איז אוועק גיגאנגען · האט רבי חייא זיך מצער גיוועזן פאר וואש דיא מצוה איז ניט גיטאן גיווארין דורך אים · האט רבי יוסי צוא אים גיזאגט זאיי דיך ניט מצער ווארום ניט אום זיסט האט גאט ב"ה צוא גישיקט דיא מצוה פאר דעם דאזיגין מענטשין · דען טאמער איז נגזר גיווארין עפיש אצרה אויף אים · האט גאט ב"ה אים דיא מצוה צוא גישיקט פון וועגין אים מציל צוא זיין פון דער גזירה · האט רבי חייא גיזאגט לאמיר דעם מענטשין געבין פון אונזער שפייז וואש מיר האבין: (יז) האט ר"י צוא אים גיזאגט לאמיר אים ניט געבין · ווארום מיט דעם ברויט וואש

מיר

ניזיל נחזי דהא ודאי נגזר עליו גזירת מיתה ובזכות פרנסה זו שנתן לעני יהיה ניצול · (יח) אדהכי יתיב האי בר נש וגאים תחות אילנא וחבריה איתרחיק מיניה והלך בדרך אחר אמר רבי יוסי לרבי חייא השתא ניתיב מרחוק ונחזי דוודאי בעי הקדוש ברוך הוא למירחש ליה ניסא : (יט) אדהכי חזי דמות כשלהבת עם גחלים עומד לנגדו ונחש אחד נחית מאילנא חד ובעי להמית האי גברא קם האי שלהובא ורהיט על ראש הנחש ומית הנחש ושוב לא נראה השלהובא אמר רבי יוסי לא אמינא לך דהקדוש ברוך הוא בעי למירחש ניסא להאי גברא ולא תיפוק זכותא מיניה · (כ) אדהכי אתער האי גברא וקם ואזיל ליה אחדו ליה רבי חייא ורבי יוסי ויהבו ליה למיכל בתר דאכל אתחוויאו ליה ניסא דרחיש ליה הקדוש ברוך הוא · (כא) פתח רבי יוסי וצדקה תציל ממות כי יש אילנא דחייא ויש אילנא דמותא והעושה מעשים טובים מחזיק באילנא דחייא והעושה מעשים רעים מחזיק באילנא דמותא והאי גברא דאחזיק בצדקה ויהיב פרנסה לעני ועל ידי צדקה זו היה ניצול מאותו חויא והתיש כח אילנא דמותא ע״כ · (כב) לכן יראה האדם בעיניו כי העולם הזה הוא הבל ורעות רוח ואין תכליתו של האדם רק שיירש עולם הבא ע״כ יראה לעסוק בצדקה ובתורה ובגמילות חסדים כדי שנזכה כולנו לחיי עוה״ב אמן :

פרק לז **תניא** בפ״ק דברכות ג׳ משמרות הוי הלילה ועל כל משמר ומשמר יושב הקדוש ברוך הוא ושואג כארי ואומר אוי שהחרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתי את בני ·

**(ב) והנה ענין ג׳ משמרות הלילה הוא מבואר בזוהר ויקהל ר״א ורבי יוסי הוי יתבי ליליא חדא וקא עסקי באורייתא קודם חצות לילה אדהכי קרא גברא בריכו ברכתא ברוך הנותן לשכוי בינה להבחין**

מיר וועלין אים געבין וועלין מיר בייא אים דעם זכות אוועק נעמן נאר לאמיר גיין זעהן וואש פאר איין נס אים וועט גישעהן · ווארום עש איז בוודאי אויף אים נגזר גיווארין ער זאל שטארבין אונ אין דעם זכות וואש ער האט מפרנס גיוועזן דעם ארום מאן וועט ער ניצול ווערין : (יח) דער וויל איז דער מענטש גיזעסין אונטער אבוים אונ האט גידרעמלט אונ זיין חבר האט זיך דער ווייטרט פון אים אונ איז גיגאנגן אין אנדרן וועג האט ר״י גיזאגט צוא ר״ח לאמיר איצונד זיצין פון ווייטין אונ לאמיר זעהן דען גאט ב״ה וויל אים בוודאי איין נס טאן : (יט) האבין זיי גיזעהן ווי אפלאם מיט גליענדיגע קוילין שטייט אנטקעגין אים אונ איין שלאנג נידרט אראפ פון איין בוים אונ וויל טייטן דעם מענטשין · ג״ה אויף גישטאנן דער פלאם פייער אונ איז גילאפין אויף דעם קאפ פון דעם שלאנג אונ האט אים גיטייט · אונ דער פלאם איז שוין מער ניט גיזעהען גיווארין · האט רבי יוסי גיזאגט צוא ר״ח האב איך דיר דען ניט גיזאגט אז גאט ב״ה וויל טאן איין נס צוא דעם מענטשין : (כ) דער וויל האט דער מענטש זיך אויף גיכאפט אונ איז אוועק גיגאנגען · האבין רבי יוסי אונ רבי חייא אים גינומען אונ האבין אים גיגעבין עסין · נאך דעם אז ער האט אפ גיגעסין · האבין זייא אים דער ציילט דעם נס וואש גאט ב״ה האט אים גיטאן : (כא) האט רבי יוסי גיזאגט עש שטייט אין פסוק וצדקה תציל ממות אונ צדקה טוט מציל זיין פון דעם טויט ווארום עש איז פאר האנדין אבוים וואש אז מען עסט פון אים לעבט מען לאנג · דאש זיינן דיא מצות אונ מעשים טובים · אונ עש איז פאר האנדין אזו איין בוים וואש אז מען עסט פון אים שטארבט מען דאש זייגען דיא עבירות · אונ דר וואש טוט מעשים טובים דער בגרייפט זיך אין דעם בוים פון לעבין · אונ דער וואש טוט עבירות דער בגרייפט זיך אין דעם בוים פון טויט · אונ דער מענטש האט דאך גיגעבן צדקה אונ האט מפרנס גיוועזן דעם ארום מאן · האט ער זיך בגרייפט אין דעם בוים פון לעבן דרום האט גאט ב״ה אים גיטאן איין נס : (כב) דרום גיהער דער מענטש צוא זעהן אז דיא וועלט איז נארישקייט · אונ זיין תכלית איז מער ניט נאר ער זאל ירשינן עולם הבא · דרום בדארף ער זעהען עוסק צוא זיין אין צדקה אונ תורה אונ גמילות חסדים כדי מיר אלע זאלין זוכה זיין צוא חיי עולם הבא אמן :

פרק לז תניא מיר האבין גילערינט אין מסכת ברכות דיא נאכט ווערט גיטיילט אין הימיל אויף דרייא משמורת · אונ איטליכע צייט וואש איין משמר קומט זיצט גאט ב״ה אונ שרייט וויא איין לייב אונ זאגט ווייא גישריען · דאש איך האב חרוב גימאכט מיין בית המקדש · אונ האב פאר ברענט מיין היכל אונ האב פאר טריבין מיינע קינדער ישראל : (ב) אונ דער ענין פון דיא דרייא משמורת שטייט אין זוהר פרשת ויקהל דעק רבי אליעזר

אונ

להבחין בין יום ובין לילה. אר"א השתא זימנא דקב"ה עאל בג"ע לאשתעשעא עם צדיקיא אמר רבי יוסי אמאי משתעשעא הקב"ה· (ג) בכה ר"א ואמר תא חזי עד השתא קב"ה אזדעזעא תלת מאה רקיעין ובטש בהו על חורבן בית המקדש (דרך מליצה כדרך הכתובים אבל חלילה ליחס אליו יתברך שום דבר גשמות ושנוי) ואוריד תרין דמעין לגו ימא רבא וזוכר לבניו ולתלת חולקין מתחלק הלילה וכל משמר הוא ד' שעות ואף אם הלילה קטנה מי"ב שעות אף היום משלים· (ד) משמר הראשון מלאכים עומדים ואומרים שירה מזמור לה' הארץ ומלואה וגו' מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו משום דבד' שעות הראשונות אז הוא זמן בכיה ונשמות בני אדם עולין למעלה וכשם שיש הר הבית ומקדש למטה כך יש הר הבית ומקדש למעלה· (ה) ונשמות הצדיקים הזוכות לעלות למעלה בכל לילה באות תחלה אל הר הבית ומתאספים שם יחד לילך בכנופיא בשמחה גדולה למעלה למקום מקדש של מעלה לראות שם פני השכינה ולקבל הארה ולכן אומרים המלאכים מי יעלה לנו בהר ה' דא הר הבית ומקום קדשו דא ב"ה של מעלה· (ו) נקי כפים מגזל ומכל מיני עולה ובר לבב שלבו טהור מכל מיני הרהורים רעים ומחשבות רעות ומי שמרחם לבבו על זעקת העניים ואביונים ומי שלבו הוא רך כקנה לקבל תוכחה ומוסר ואינו מסרב נגד הורים ומורים המדריכים ומבריחים לילך בדרך ישרה ומי שיש לו לב רחמן ולא לב רגז אכזרי זהו זוכה לעלות נשמתו כל לילה בהר ה' ומקום מקדשו וישא ברכה מאת ה'· (ז) משמר ב' שהוא ג"כ ד' שעות נחלק לב' חלקים דהיינו ב'

אונ רבי יוסי זיינען גיזעשין איין נאכט· אונ האבין גילערינט תורה פאר האלבע נאכט דער וייל האט דער האן גיקרייאט· האבין זייא גימאכט דיא ברכה ברוך הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה גילויבט איז גאט וואש ער האט גיגעבין צוא דעם האן פאר שטאנד צו פאר שטיין דעם חילוק צווישין טאג אונ צווישין נאכט· האט רבי אליעזר גיזאגט איצונד איז דיא צייט וואש גאט ב"ה גייט אין גן עדן אריין אונ פרייט זיך מיט דיא צדיקים· האט רבי יוסי אים גיפרעגט ווארום פרייאט זיך הש"י גראד אין דער צייט: (ג) האט רבי אליעזר גיוויינט אונ זאגט צוא אים ביז האלבע נאכט מאכט גאט ב"ה ציטערין דרייא הונדערט הימלן אונ טרעט אין זייא וועגין דעם חורבן בית המקדש אונ לאזט פאלין צווייא טרערין אין ים הגדול אריין· אונ גידיינקט צוא זיינע קינדער ישראל אונ אויף דרייא חלקים ווערט דיא נאכט צוא טיילט· אונ איטליכער משמר איז פיר שעה· אונ אפילו ווען אום זומער אז דיא נאכט איז קלענער פון צוועלף שעה רעכינט מען צוא פון דעם טאג עטליכע שעות צוא דער נאכט כדי איטליכער משמר זאל זיין פיר שעה: (ד) אין דעם ערשטין משמר זאגין דיא מלאכים שירה דעם מזמור לה' הארץ ומלואה וגו' מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו וייל אין דיא ערשטע פיר שעה איז דיא צייט פון גיוויין אונ דיא נשמות פון דיא מענטשין גייען ארויף אויף דעם הימיל· אונ אזו וויא עש איז פאר האנדין איין הר הבית אונ איין בית המקדש אויף דער ערד אזו אויך איז פאר האנדין איין הר הבית אונ אבית המקדש אויף דעם הימיל· (ה) אונ דיא נשמות פון דיא צדיקים וואש זיינען זוכה ארויף צוא גיין אלע נאכט אויף דעם הימל· קומען זייא פריער צום הר הבית אונ זאמלען זיך דארטין איין אלע אין איינם כדי צוא גיין מיט איין כנופיא מיט אגרוישע שמחה אין דעם אויבערשטין בית המקדש אריין· צוא זעהן דארטין דיא שכינה דרום זאגין דיא מלאכים שירה דעם פסוק מי יעלה בהר ה' ועלכע נשמה איז זוכה אויף צוא גיין אין דעם הר הבית ומי יקום במקום קדשו אונ וועלכע נשמה וועט זוכה זיין צוא גיין פון דארטין אין דעם בית המקדש אריין: (ו) נקי כפים דאש איז דער וואש זיינע הענט זיינען ריין פון גזל אונ פון אלערלייא אום רעכט ובר לבב אונ דער וואש זיין הארץ איז קלאר אונ ריין פון אלע שלעכטע מחשבות אונ דער וואש זיין הארץ האט רחמנות אויף דעם גישרייא פון ארעמע לייט· אונ דר וואש זיין הארץ איז וייך וויא אטשערטיל צוא פאר נעמן שטראף רייד אונ ווידער שפעניגט ניט קעגין דיא וואש שטראפין אים אונ לערנען אים צוא גיין אין דעם רעכט פארטיגין וועג· אונ דער וואש האט איין הארץ פון רחמנות אונ ניט פון קיין אכזר אונ איין רגזן· דער איז זוכה אז זיין נשמה זאל אלע נאכט אויף גיין אין דעם הר הבית אונ אין בית המקדש פון דעם הימל אונ וועט אנטפאנגען ברכות פון הש"י: (ז) דער אנדערער משמר וואש איז אויך פיר שעה· ווערט ער גיטיילט אויף צווייא חלקים· דאש צוויי שעה ביז האלבע נאכט ווייגען

ב׳ שעות עד חצות לילה מלאכי השרת מר יבכיון על חורבן בית המקדש ואומרים על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו וגו׳ איך נשיר את שיר ה׳ על אדמת נכר וגו׳ וגם אותן המלאכים שצוה הקב״ה להם לילך עם ישראל ללוות אותן לגלות בבל בכו כמש״ה הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון וזו שאומרים עכשיו על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון פי׳ גם בכינו אנחנו בני ישראל עם המלאכים שבכו שם על חורבן בית המקדש והריגת צדיקים באותו הפעם · (ח) וצריכין אנו להתאבל בכל דור ודור על אחינו בית ישראל שנהרגו ושנחנקו ושנשרפו ושנסקלו באלף החמישי על קדושת השם ביסורים קשים ומרים והקדושים מסרו נפשם וגופם על קדושת ה׳ וסבלו יסורים קשים ומרים וקבלו עליהם גזירות המלך מלכי המלכים באהבה ובחבה · (ט) ובאותו הפעם הקדוש ברוך הוא התעורר ובעט ברקיע ומזדעזעים תריסר אלפין עולמות שאג ישאג על נוהו וממעון קדשו יתן קולו ומיד הוריד ב׳ דמעות לג ימא רבא · (י) ואז התעורר שלהבת גדול ונורא בצד צפון ובטש אור גדול בההוא שלהבת ואז התפשט ההוא שלהבת בעלמא וניצוץ חדא מתפשטא תחת כנפי תרנגול ובוער בו עד שהתחיל לנענע בכנפיו כמ שמקרר עצמו מההוא אשא ומתחיל לקרות ומגיד ומראה ענינים פלאים בקריאתו · (יא) והכל הוא לעורר את האדם ליראת השם וכל פמליא של מעלה יש להם צער אותו הרגע שקרא התרנגול פעם ראשון מחמת חורבן בית המקדש וכשהגיע חצות לילה אעיל הקדוש ברוך הוא בגן עדן להשתעשע עם נשמות הצדיקים כמבואר בכמה דוכתי בזוהר והענין הוא מבואר במגילת אסתר והמלך קם בחמתו אל גנת הביתן וגו׳ המלך זה המלך הקב״ה קם בחמתו מתוך הצער שמצער כביכול על חורבן בהמ״ק אל גנת ביתן דא ג״ע דאיקרי גינת ביתן להשתעשע עם נשמות הצדיקים אז כל אילני גן עדן וכלנשמות הצדיקים פותחין את פיהם בקדושה ובטהרה בשירה ובזמרה שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וגו׳ ה׳ צבאות הוא מלך הכבוד סלה ואח״כ מתחילין משמר הג׳ שהן ד׳ שעות אחרונות לומר שירה

ובאותו

די מלאכים אויף דעם חורבן בית המקדש אונ זאגין דאש קפיטיל על נהרות בבל וגו׳ אונ אויך די מלאכים וואש גאט האט זייא גיהייסין גיין מיט די ישראל צוא באלייטין זיין אין גלות בבל · האבין די מלאכים דענמאלט גיוויינט אזו וויא עש שטייט אין פסוק הן אראלם צעקו פאר וואר די מלאכים האבין גישריען אונ גיוויינט מלאכי שלום מר יבכיון די מלאכים פון שלום האבין גיוויינט מיט איין ביטר גיוויין דרום זאגין מיר אלע טאג דאש קפיטיל תהלים על נהרות בבל שם ישבנו אויף די בעך פון בבל דארט זיינן מיר גיזעשין גם בכינו מיר האבין אויך גיוויינט דאש מיינט מען די מלאכים האבין גיוויינט אונ מיר האבין אויך גיוויינט מיט זייא אויף דעם חורבן בית המקדש אונ אויף וואש די צדיקים זיינען דענמאלט גיהרגת גיווארין : (ח) מיר גיהערין בוודאי צו קלאגין אין איטליכן דור אויף אונזערע ברידער די קינדער ישראל וואש זייגען גיהרגת גיווארין אין אלף החמישי אונ זייגען דער ווארגין אונ פאר ברענט אונ פאר שטיינט גיווארין אויף קידוש השם · מיט שווערע אונ ביטרע יסורים · אונ האבין מוסר גיוועזין זייער נפש אונ זייער גוף אויף קידוש השם · אונ האבין מקבל גיוועזין שווערע אונ ביטרע יסורים אונ האבין אויף זיך מקבל גיוועזין די גזירה פון גאט ב״ה מיט ליבשאפט : (ט) אונ אין דר צייט האט טאן טרעטין גאט ב״ה אין הימל אונ עש ציטרן צוועלף טויזנט וועלטין אונ ער שרייט אויף דעם וואש זיין ביהמ״ק איז חרוב זיין היילג ארט גיט ער זיין קול אונ נידערט צווייא טרערין אין ים הגדול אריין : (י) אונ דעמאלט וואר דער וועקט אגרוישר אונ איין פארכטיגר פלאם אין צפון זייט אונ אגרויש ליכטיקייט שלאגט אין דעם פלאם אונ דען וואר דער פלאם פאר שפרייט אויף דער וועלט אונ איין פונק וואר פאר שפרייט אונטער דעם פליגיל פון דעם האן אונ ברענט אין אים · ביז ער הייבט אן צוא שאקלען מיט זיינע פליגיל גלייך וויא ער קילט זיך אפ פון דעם פייער · אונ הייבט אן צוא קרייען אונ ווייזט וואונדרליכע זאכין מיט זיין קרייען : (יא) אונ דאש אליץ איז כדי צו דר וועקין דעם מענטשין צוא גאטש פארכט · אונ גאר דיא פמליה של מעלה האבין צער די רגע וואש דער האן קרייט דאש ערשטע מאל מחמת דעם חורבן בית המקדש · אונ אז עש קומט האלבע נאכט גייט גאט ב״ה אין גן עדן אריין · צו פרייען זיך מיט דיא נשמות פון דיא צדיקים דענמאלט אלע בוימער פון דעם גן עדן אונ אלע נשמות פון דיא צדיקים עפענן זייער מויל מיט היילקייט אונ מיט גיזאנג · אונ זאגין דעם מזמור שאו שערים ראשיכם וכו׳ ה׳ צבאות הוא מלך הכבוד סלה דער

נאך

ובאותו הזמן צדיקים שבעולם הזה מעוררים את עצמן לעבודת ה׳ · (יג) והמלאכים אומרים הנה ברכו את ה׳ כל עבדי ה׳ העומדים בבית ה׳ בלילות וכשהגיע הזמן לעלות עמוד השחר אז מתחילין הכוכבים והמזלות לומר שירה באימה וביראה כד״א ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים ואח״כ מתחיל השמש לצאת ואומרת שירה בנעימה ובקול ערב ואומרת הודו לה׳ קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו וכו׳ ובאותו הזמן ישראל הולכים לבתי כנסיות לתפלה ולקבל עליהם עול מלכות שמים ומיחדים יחוד גדול ונורא ואומרים שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד ואז שמו של הקדוש ברוך הוא מקודש ומיוחד מפי עליונים ותחתונים ויש לו נחת רוח בזה · (יג) אמנם הטפשים אשר לבם הוא אטום והנוטים אחרי תענוגי העולם הזה ואינם שמים על לבם לכל קדושה העליונה הנעשית תמיד בכל לילה ובכל בקר ואינם חושקים להיות בין נשמות הצדיקים העושין נחת רוח להקדוש ברוך הוא כי כל כוונתם הוא רק למלאות גרונם בתאותם ואחר שרירות לבם · (יד) וכשהם עומדים בבוקר הולכים לרחובות ושווקים לדבר נבלות או לצרכי מחייתם או הולכים לכל חדריהם לצורך מחייתם והולכים לבית הכנסת דרך עראי ומשימים תפלין בראשיהם ובידיהם רק לזכרון בעלמא ומתפללים בלי שום שימת לב תחלה להתבונן לאיזה מקום מקדש המה הולכים כי השכינה היא שורה בכל בתי כנסיות תמיד והם באים לבית הכנסת בערבוביא ובמחשבות זרות וגם בהתפללם פיהם מדברים ולבם חושבים מחשבות זרות · (טו) והתפלה היא כעול וכמשא עליהם והולכים במרוצות מבית הכנסת אחר שרירות לבם ותענוגי העולם הזה ואינם חושבין כלל באיזה מעשה הטוב תבא הנשמה לפני בוראה כשתגיע עת ערב כשבני אדם הם ישנים על מטותיהם אז הנשמה יוצאת ממנו לילך להעיד על המעשים אשר עשה האדם ביום ובאם שבאה הנשמה לפני כסא הכבוד מלוכלך בעבירות ושלא עשתה עבודת השם יתברך בשלימות

נאך היבין אן צוא זאגן שירה דיא מלאכים וואש זיינען ממונה אויף דעם דריטין משמר וואש דאש איז דיא הינטערשטע פיר שעה · אין דער צייט דער וועקין זיך צוא גאטש דינסט דיא צדיקים פון עולם הזה : (יב) אונ דיא מלאכים זאגין הנה ברכו את ה׳ כל עבדי ה׳ העומדים בבית ה׳ בלילות נון לויבט גאט אלע דיא קנעכט פון גאט וואש שטייען אויף אונ גייען אין גאטש הויז בייא דער נאכט · אונ אז עש קומט דיא צייט דער מארגין שטערין זאל אויף גיין · היבין אן דיא שטערין אונ דיא מזלות צוא זאגין שירה מיט פארכט דער נאך הייבט אן דיא זון אויף צוא גיין אונ זאגט שירה מיט אזים קול אונ זאגט דעם פסוק הודו לה׳ קראו בשמו וכו׳ אין דער צייט גייען דיא ישראל אין דיא שולין אריין תפלה טאן · אונ אויף זיך מקבל צוא זיין דעם עול מלכות שמים אונ זיינן מייחד דעם נאמען פון גאט ב״ה אונ זאגין שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד אונ דעמאלט ווערט דער נאמן פון גאט ב״ה גיהיילינט אונ גיאיינציגט פון דעם מויל פון מלאכים אונ פון דיא ישראל אונ ער האט דער פון נחת רוח · אבער דיא נארינש וואש זייער הארץ איז פאר שטאפט וואש זייא גייען נאך דיא תענוגים פון דער וועלט · דיא טוען ניט אויף זייער הארץ אויף דער אייבערשטער קדושה וואש ווערט גיטאן תמיד אלע נאכט אונ אלע פריא אונ גילושטין ניט צוא זיין צווישין דיא נשמות פון דיא צדיקים וואש זייא טוען נחת רוח צוא גאט · נאר גאר זייער כוונה איז צוא דער פילן זייער האלז מיט זייער גילושטיקייט אונ נאך צוא גיין נאך דעם קוקונג פון זייער הארץ : (יד) אונ אז זייא שטייען אויף אין דער פריא גייען זייא אין דיא גאסין אונ אין דיא מארקין צו ריידן נארעשקייט אדער פון וועגין זייער שפייז אונ גייען אין שול אריין אויף איין קליינער צייט אונ טוען אן תפילין נאר פון איין זכרון וועגין כלומר זייא זאלין גידיינקען אז זייא זיינען יהודים · אונ דאבנען גישווינד אן כוונה דאש זייא טוען ניט צוא זייער הארץ צוא פאר שטיין צוא וואש פאר איין היילינג ארט זייא גייען · דען דיא שכינה רואט אין אלע שולין תמיד אונ זייא קומען אין שול אריין מיט שלעכטע מחשבות : (טו) אונ דאש דאבנען איז אויף זייא וויא איין עול אונ איין משא · אונ פון דער שול לויפין זייא אוועק נאך זייערע תענוגים פון דעם עולם . אונ טראכטין נאר ניט מיט וואש פאר איין גוטע מעשים וועט דיא נשמה קומען פאר איר בשעפער דען בייא נאכט אז דיא מענטשין שלאפין גייט דיא נשמה ארויש פון דעם מענטשין צוא גיין עדות זאגין אויף דיא מעשים וואש ער האט גיטאן בייא טאג אונ אז דיא נשמה קומט ארויף פאר דער

בשלימות אזי נדחית היא מחוץ לפרגודא קדישא ונמסרת לידי ס"א ח"ו שאין מניחין האדם לעשות תשובה כי בדרך שהאדם רוצה לילך מוליכין אותו: (טז) משא"כ כשאדם הוא מתרחק משיבושי העולם ומרגיל עצמו לעמוד בשחרית לעבודת ה' ומי שיש יכולת בידו לעסוק בעסקי התורה אין לך מדה גדולה מזו ומי שאין יכולת בידו לעסוק בתורה אזי יקום ויתפלל בכל לבבו ויתאבל על חורבן בית המקדש ואז הקדוש ברוך ה"א יפתח לו פתחי תשובה ושב ורפא לו:

פרק לח **חז"ל** תקנו לומר קודם תפלת י"ח פסוק אדני שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך · והכוונה בזה לבקש מאת הקדוש ברוך הוא שיהיה מרוצה תמיד בתפלתו ושלא יאמר עליו ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חוקי ותשא בריתי עלי פיך · (ב) כי בהיות הבורא יתברך מואס בתפלתו של אדם על ידי דרכיו המכוערים א"כ מה יתרון בשני חייו טוב הוא מותו מחייו ולכן בעמדו להתפלל יעמוד באימה וברעדה ולבו ופיו יהיו שוין לייחד שמו הגדול ברוך הוא בכוונה שלימה בתפלת י"ח והקב"ה קריב ליה, שלום וכל ימי חייו קוראין את שמו למעלה שלום בכל רקיעים · (ג) וכד אסתלק האי בר נש מהאי עלמא נשמתא סלקא ובקעת כל אינון רקיעין ולית מאן דימחי בידיה וקב"ה ופמליא דיליה קוראין לשלום ופתחין ליה תריסר נהרי דאפרסמונא דכיא · (ד) והנה להודיע גודל מעלת התרוממות תפלת בני אדם נבאר פה מ"ש בזוהר צריך שתדע שיש למעלה בכל רקיעים ממונים מיוחדים ביום על כל פתחים ושערים וחלונות וכן יש ממונים מיוחדים בלילה על הנ"ל והממונים של יום נקראים ממשלת היום והממונים של לילה נקראים ממשלת הלילה · (ה) ובבל פתח ושער וחלון ממונה אחד ותחותיה ממונים

כסא הכבוד איין גירוכט מיט עבירות · אונ האט ניט גיטאן גאטש דינשט בשלימות · דען ווערט זיא ארויש גשטויסן פון דעם היילינן היכל אונ זיא ווערט איבר גענטפרט צוא דער סטרא אחרא · וואש זייא לאזין אים ח"ו קיין תשובה ניט טאן ווארום אין וואש פאר אוועג דער מענטש וויל גיין · פירט מען אים · כלומר אז ער וויל גיין אין גוטין וועג העלפט מען אים פון דעם הימיל · אונ אז ער וויל גיין אין שלעכטין וועג לאזט מען אים גיין · אבער מען העלפט אים דער צוא ניט: (טז) אבער אז דער מענטש דער ווייטערט זיך פון דיא נארישקייט פון דער וועלט · אונ גיוואונט זיך אויף צוא שטיין אין דער פריא צוא גאטש דינשט · דער וואש האט יכולת צוא לערנען תורה · איז קיין בעשירס ניט פאר האנדין דער פון אונ דער וואש קען ניט לערנען תורה זאל ער אויף שטיין אונ מתפלל זיין מיט נאר זיין הארץ · אונ זאל קלאגין אויף דעם חורבן בית המקדש אונ דענמאלט וועט גאט ב"ה אים עפענען דיא טירן פון תשובה אונ ער ווערט תשובה טאן אונ גאט וועט אים מוחל זיין זיינע זינד:

פרק לח חז"ל אונזערע חכמים האבין מתקן גיוועזן צו זאגן איי מען הייבט אן שמונה עשרה אדני שפתי תפתח אונ דיא כוונה איז דער מיט צוא בעטין פון גאט ב"ה אז ער זאל זיין באווילינט פאר אים מיט זיין תפלה אונ ער זאל ניט זאגין אויף אים דעם פסוק ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חוקי אונ צום רשע זאגט גאט וואש האשטו צוא דער צייליז מיין גיזעץ: (ב) ווארום אז גאט פאר מיאוסת איז דער תפלה פון דעם מענטשין איבער זיינע שלעכטע מעשים · נוא וואש טויג אים זיין לעבין · אונ זיין טויט איז בעשר פאר אים פון זיין לעבין אונ דרום אז ער שטעלט זיך מתפלל זיין · זאל ער שטיין מיט פארכט אונ מיט ציטערנעש · אונ זיין הארץ מיט זיין מויל זאל גלייך זיין צוא מייחד זיין דעם נאמן פון גאט ב"ה מיט ארעכטע כוונה · אונ דען גינעהענט גאט ב"ה אים שלום · אונ אין אלע זיינע לעב טאג רופט מען אויף דעם הימיל זיין נאמען שלום: (ג) אונ אז דער מענטש שטארבט גייט אויף זיין נשמה אונ שפאלט אלע הימלן ביז זיא קומט צוא איר ארט אונ קיינער פאר ווערט איר ניט אונ גאט מיט זיין פמליא דאש זיינען דיא מלאכים רופין איר צוא שלום אונ עפנן איר צוועלף טייכין פון ריינם באלסום אייל: (ד) אונ כדי צו מאכין וויסן דיא מעלה פון דעם הויכקייט וויא דיא תפלות פון אלע גאטש פארכטיגע זיינן וועל איך דא בשיידין דאש וואש עש שטייט אין זוהר דו באדרפשט ווישין אז אין אלע הימלען איז פאר האנדין מלאכים וואש זיינן ממונה בייא טאג אויף אלע טירין אונ טויערין אונ פענצטער אונ אויך איז פר האנדן אנדרע מלאכים וואש זיינן ממונה בייא נאכט אויף דעם אלעמן אונ דיא ממונים פון בייא טאג ווערין גירופין ממשלת היום אונ דיא ממונים פון בייא נאכט ווערין גירופין ממשלת

ממונים שרים ושלטונים לרבבות ומי יוכל לספר ולשער כל שרי הממונים וחיילות וכתות שהן תחת כל ממונה ותמיד כד עייל לילה וכד עייל יממא אזי כרוזים נכרזים בכל רקיעים שיעמדו הממונים על משמרתם ומיד כל ממונה קאי על אתריה המיוחד לו׳ (ו) ואז הקדוש ברוך הוא קדים ואתי ונחית וישראל עאלין לבי כנישתא לשבחא למאריהון בשירות ובתפלות ומי שהוא ירא וחרד לבו לעבודת ה׳ להתפלל בכונה שלימה שיהיו פומיה ולביה שווין לייחד שמא קדישא אזי קב״ה מרוצה ושמח בתפלתו וכל תיבה סלקא לעילא ומתקבלת בשמחה בפני המלאכים הממונים עד שעולה למעלה למדריגה העליונה להיות כתר על ראש מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא׳ (ז) והנה לכל ד׳ רוחות העולם עומדים למעלה שרים ממונים ומגיעים לגבי חד ממונה ושם הן ט׳ פתחים ושם עומדין הרבה שרים וממונים ועל גביהון חד מלאך ושמו אבוליא״ל והוא יוצא לקראת תפלות ישראל עם כל המלאכים׳ (ח) ונטלין האי צלותא ונשקין לה ומעלין לה למעלה לרקיע ומביא התפלה למקום נורא מאוד אשר שמה י״ב פתחין ועל כל פתח הן ממונים וחיילות הרבה׳ (ט) ובשער י״ב עומד שם ממונה חד ענא״ל שמיה והוא ממונה על הי״ב שערים וכשבאו תפלתן של צדיקים לפניו מכריז בקול גדול פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים׳ (י) אז נפתחים כל השערים וצלותא דא עולה בכל אינון פתחין ואז מתעורר חד ממונה ושמיה עזריא״ל והוא ממונה על ששים רבוא מחנות של מלאכים וכולהו נטלין לההוא צלותא ואמרו עיני ה׳ אל צדיקים ואזניו אל שועתם פני ה׳ בעושי רע להכרית מארץ זכרם׳ (יא) ואחר כך מוליכין את התפלה לרקיע למעלה ומגעת לחד ממונה גברי״ה שמיה ויש לו הרבה כתות מלאכים ובאותו
הרקיע

ממשלת הלילה : (ה) אונ אויף איטליכין טויער אונ טיר אונ פענצטר איז איין ממונה׳ אונ האט אונטר זיך פיל טויזנט מלאכים׳ אונ אז דיא צווישין שייד קומט צווישין טאג אונ נאכט׳ ווערט אויש גירופין אין אלע הימלען אז איטליכער ממונה זאל שטיין אויף זיין משמר דאש הייסט דרויף וואש ער איז גיזעצט גיווארין׳ שטעלט זיך תיכף איטליכר ממונה אויף זיין ארט וואש מען האט אים גיזעצט דרויף : (ו) אונ דענמאלט פעדרט גאט ב״ה אונ נידערט אראפ אין די שולן אריין צו הערין דיא תפלות פון דיא ישראל אונ דיא ישראל גייען אין דיא שולן אריין צו לויבן זייער הער מיט שירות ותשבחות אונ תפלות אונ דער וואש פארכט זיך פאר גאט אונ זיין הארץ איילט צוא נאטש דינשט תפלה צוא טאן מיט ארעכטער כוונה דאש זיין מויל אונ זיין הארץ זאלין גלייך זיין מייחד צוא זיין דעם היילגן נאמן פון גאט ב״ה איז גאט ב״ה באוויליגט אונ פרייט זיך מיט זיין תפלה׳ אונ איטליכש ווארט גייט ארויף אונ ווערט אן גינומן מיט שמחה פאר דיא מלאכים וואש זיינן ממונה׳ ביז ער גייט ארויף צו איין גרוישר מדריגה דאש זיין תפלה זאל זיין אקרון אויף דעם קאפ פון גאט ב״ה וואש ער איז איין קיניג איבר אלע מלכים : (ז) אונ נון צוא אלע פיר זייטין פון דער וועלט שטייען אויף דעם הימל מלאכים ממונים׳ אונ דיא תפלות גרייכין צוא איין ממונה׳ אונ דארטין זיינען פאר האנדין ניין טירין׳ אונ דארטין שטייען פיל מלאכים ממונים׳ אונ איבער זייא איז איין מלאך אונ זיין נאמען איז אבוליא״ל אונ ער מיט אלע מלאכים גייען אנטקעגין דיא תפלות ישראל׳ (ח) אונ נעמען דיא תפלה אונ קושין זיא אונ ברייננן זיא אריין אויבן אין הימל אריין אונ ברייננען דיא תפלה צוא זייער איין פארכטיג ארט וואש דארטין זיינען פאר האנדין צוועלף טירין׳ איבער איטליכער טיר זיינען פאר האנדין פיל ממונים אונ פיל חיילות : (ט) אונ אין דעם צוועלפטין טויער שטייט דארטין איין ממונה אונ זיין נאמען איז ענא״ל אונ ער איז ממונה איבער דיא צוועלף טויערין׳ אונ אז דיא תפלות פון דיא ישראל קומען פאר אים׳ רופט ער אויש מיט אגרויש קול עפינט אויף דיא טויערין אונ לאז קומען דאש גירעכטע פאלק וואש זייא היטין דאש גלייבונג פון גאט : (י) דענמאלט ווערין גיעפינט אלע טויערין אונ דיא תפלה גייט ארויף אין אלע טויערין אונ דענמאלט ווערט דער וועקט איין ממונה אונ זיין נאמן איז עזריא״ל אונ ער איז ממונה אויף זעכציג מאל צעהן טויזנט שארין פון מלאכים׳ אונ אלע נעמען דיא תפלה אונ זאגן׳ דיא אויגין פון גאט זיינן צוא דיא צדיקים אונ זיינע אויערין זיינען צו זייער גישרייא : אונ דער נאך פירט מען דיא תפלה אויבין אויף דעם הימל אונ זיא גרייכט צוא איין ממונה וואש זיין נאמען איז גברי״ה אונ ער האט
אונטער

הרקיע יש שם חד טינרא תקיפא מאוד והאי יש לו אור גדול · (יב) ותחת האי טינרא יש שם שע״ה חלונות והענין הוא כי בשעת מתן תורה נתחברו אלו שע״ה מחנות מלאכים בחיבור אחד והיו מקטריגים שלא תרד התורה למטה ואנזיף בהו הקדוש ברוך הוא ועייל להו תחות האי טינרא מאותו היום שנתנה התורה לישראל ושלשה פעמים בכל יום יוצאים מתחות ההוא טינרא · (יג) וכאשר עולין תפלתן של ישראל שהתפללו בכונה שלימה כאמור ומגעת להאי טינרא אזי מראה להון תפלתן של ישראל אזי יוצאין שע״ה מחנות הנ״ל לקראת האי צלותא ועושין לה כבוד גדול ואומרין שירה ה׳ אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים ומעטרין להאי תפלה בכמה עיטרין ומלוין התפלה שעולה עד למעלה לרקיע נורא וגדול · (יד) ויוצא מההוא רקיע ממונה חד שמשיא״ל שמיה ונוטל התפלות ומעטר ליה להאי צלותא בעטרין דבשמים של גן עדן ומשם עולה התפלה עם כל משריין לרקיע גדול ונורא ובאה לחד ממונה גרדיא״ל שמיה והוא בעל מלחמה ברצון הקדוש ברוך הוא וכד האי צלותא סלקא לשם · (טו) אזי האי ממונה עם חיילין ומחנות שלו אשר שם מזדעזעים ויוצאין לקראתה ומשתחוים לנגד צלותא דא וסלקין עד למעלה לרקיע נורא ומרום ותמן שבעין שרים וחד ממונה עליהון ענפיא״ל שמיה ונוטל האי צלותא ומעטר לה בשבעין עטרין וסלקין לה לרקיע הזה · (טז) ושם באה התפלה ליד ממונה הגדול הנקרא סנדלפון שכל פתחין ומפתחין דמריה בידיה ומעייל צלותא דא לתוך ז׳ היכלין נקראין היכלין קדישין ודי בזה כי יש עוד להאריך בזה מכל מקום אני אוהב לקצר · (יז) ועתה כל הירא וחרד צריך לשום אל לבו גודל התרוממות ושבח התפלה שצריך האדם להתפלל בכוונת הלב · (יח) ואשרי הגבר שמכבד את בוראו בגרונו באהבה ובכוונת הלב ונותן להקב״ה יחוד וקדושה וברכה ועל זה נאמר העניק תעניק לו מצאנך מגרנך ומיקבך מצאנך זה שצריך לומר

אונטער זיך פיל כיתות מלאכים · אונ אין דעם הימל איז פאר האנדין אגרויסר פעלזין וואש ער לייכט זייער שטארק אונ אונטער דעם פעלזין איז פאר האנדין דרייא הונדערט מיט פינף אונ זיבעציג פענצטער · אונ דאש באטייט דען בשעת אז גאט ברוך הוא האט גיוואלט געבין זיין תורה צוא דיא ישראל · האבין זיך באהעפט אין איינעם דרייא הונדערט אונ פינף אונ זיבציג כיתות מלאכים אונ האבין מקטרג גיוועזן אז דיא תורה זאל ניט נידערין אראפ צו דיא ישראל · האט גאט ב״ה אויף זיי אן גישריען אונ האט זייא אריין גיבראכט אונטער דעם פעלזין פון דעם טאג אן וואש דיא תורה איז גיגעבין גיווארין צוא דיא ישראל : (יג) אונ אז דיא תפלות פון דיא ישראל וואש זיינען מתפלל מיט ארעכטער כוונה גייען ארויף אונ גרייכין צוא דעם פעלזין ווייזט מען זייא דיא תפלות · גייען דיא דרייא הונדרט אונ פינף אונ זיבעציג כיתות מלאכים אנטקעגין דער תפלה אונ טוען איר אן גרויש כבוד אונ זאגין שירה דעם פסוק ה׳ אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ דאש איז טייטש גאט אונזער הער וויא שטארק איז דיין נאמען גילויבט אויף דער ערד אונ קריינן צוא דער תפלה מיט פיל קרוינן · אונ באלייטין דיא תפלה דאש זיא גייט נאך העכער צוא איין פארכטיגין אונ גרוישין הימל : (יד) אונ פון דעם הימל גייט ארויש איין ממונה זיין נאמן איז שמשיא״ל אונ ער נעמט דיא תפלה מיט אלע מלאכים צוא איין גרויסין אונ פארכטיגין הימל · אונ זיא קומט צוא איין ממונה זיין נאמן איז גרדיא״ל אונ דער האלט מלחמה דורך דעם ווילין פון גאט אונ אז דיא תפלה קומט אהין : (טו) אזו ציטערט דער מלאך מיט זיינע כיתות אונ גייען איר אנטקעגין אונ בוקין זיך קעגין דער תפלה אונ זיא גייט ווייטר צו איין העכרין הימל · אונ דארטין זיינן זיבציג שרים אונ איין ממונה איז איבר זיי זיין נאמען איז ענפיא״ל אונ ער נעמט דיא תפלה אונ קריינט זיא מיט זיבעציג קרוינן אונ בריינגן זיא אויף צום זיבעטין היכל : (טז) דארטין קומט דיא תפלה צו דעם גרוישין ממונה וואש ער הייסט סנדלפו״ן וואש אלע טירין אונ אלע שליסלען פון דעם הימל איז אין זייגע הענט אונ ער ברייגגט אריין דיא תפלה אין זיבין היכלות וואש זייא ווערין גירופין היכלין קדישין : (יז) אונ איצונד דער וואש פארכט זיך פאר גאט אונ איילט זיך צו זיין דינשט מוז ער טאן צו זיין הארץ דאש גרויש דער הייבונג אונ די לויב פון דער תפלה · דאש ער דארף תפלה טאן מיט כוונה פון דעם הארץ : (יח) אונ וואול דעם מענטשין וואש טוט לויבין השי״ת מיט זיין מויל · מיט ליבשאפט אונ מיט כוונה פון הארץ אונ גיט צוא גאט ב״ה יחוד ברכה קדושה אונ דרויף שטייט אין פסוק הענק תעניק לו מצאנך ומגרנך ומיקבך דאש ווארט מצאנך מיינט מען דיא תורה אז דער מענטש מוז אלע טאג זאגין די פרשה פון קרבנות

וואש

פ' הקרבנות ולכוין ונשלמה פרים שפתינו ועוד העניק לה' מגרנך מגרון שלך בתפלה ושבח וזמרה מיקבך האותיות אמצעיות הן אותיות יב"ק שהוא ר"ת יחוד ברכה קדושה כדאיתא בתיקוני זוהר · (יט) ע"כ יראה האדם להיות נקי כפים מגזל ומגניבה ולהיות ידיו נקי מהסגת גבול ובר לבב שיהיה משא ומתן שלו באמונה ותפלתו תהיה בכוונה כפי השגתו אזי יהיה לרצון אמרי פינו והגיון לבנו עליו נאמר שאו ידיכם קודש וברכו את ה' אמן :

פרק לט **במדרש** רבה פ' חיי שרה ז"ל ואברהם זקן בא בימים אמר רבי אבא יש לך אדם שהוא בזקנה ואינו בימים ואינו בזקנה אבל כאן יש זקנה כנגד ימים וימים כנגד זקנה עכ"ל · (ב) והנה נ"ל לפרש הפשוטא של מ"ר הנ"ל כי מלת זקנה הוא מורה על אריכות השנים ומלת ימים הן מורין על ימים טובים · (ג) והנה יש לך אדם שהוא זוכה לזקנה ר"ל לאריכות ימים ואינו זוכה לימים ר"ל לימים טובים כי הוא מבלה שנותיו בצער ובעניות ובדלות וצרות ויש לך אדם שהוא זוכה לימים ר"ל לימים טובים בעושר והרוחה ויש לו מכל טוב אבל אינו מאריך שנותיו לזקנה · (ד) משא"כ אברהם אבינו עליו השלום זכה לזקנה ולימים טובים זהו פשוטו שהיה לו לאברהם חלק טוב גם בעולם הזה כמשרז"ל שלשה הטעימן הקדוש ברוך הוא מעין עולם הבא בעולם הזה ואלו הן אברהם יצחק ויעקב דכתיב בהו בכל מכל כל ע"כ · (ה) אבל על פי האמת שמעתי בשם הגאון מו' מהר"ר יודיל זצ"ל שהיה אב"ד ור"מ בק"ק קאוולי על פי הזוהר פרשת ויחי דכתיב ביעקב אבינו עליו השלום ויקרבו ימי ישראל למות: (ו) והקשה הזוהר וכי בכמה יומין מית בר נש דהא בשעתא חדא נפיק נשמה מעלמא אלא הכי תאנא כי כשאדם נפטר מהעולם אזי באין כל יומין לחשבון לפני הקדוש ברוך הוא שלא יחסר אחד מהם

וואש זיי זיינן גיוועזן פון בהמות אונ שאף אונ צו מכוין זיין בשעת זאגין אז עש זאל זיין גלייך וויא דוא וואלשט אלע טאג גיוועזן מקריב זיין קרבנות · דאש ווארט מגרנך איז טייטש פון דיין האלז · דאש מיינט מעי דוא זאלשט תפלה טאן אונ זאלשט שבח והודיה אפ געבין צוא גאט ב"ה דאש ווארט ומיקבך איז די מיטלסטע אותיות דער פון יק"ב דאש איז דיא אותיות יב"ק דאש מאכט יחוד ברכה קדושה : (יט) דרום זאל איטליכר מענטש זעהן אז זיינע הענט זאלין ריין זיין פון גזל אונ גניבה · אונ זאל קיינם קיין הסגת גבול ניט טאן אונ זאל האנדלין באמונה דען וועט אן גינומען ווערין זיין תפלה אמן :

פרק לט במדרש אין מדרש רבה שטייט ואברהם זקן בא בימים אונ אברהם איז אלט גיווארין ער איז גיקומן אין זיינע טעג · זאגט רבי אבא איין פירוש דרויף · דען עש איז פאר האנדין איין מענטש וואש ער איז אלט אן טעג · אדר מיט טעג אן עלטער · אבער בייא אברהם אבינו איז גיוועזן דיא טעג קעגין דיא עלטער · אונ דיא עלטער קעגין טעג · נוא האט דאך דער מדרש קיין פירוש ניט : (ב) זאגט דר מחבר אונ נון איך וועל מפורש זיין דעם פשטן פשט דר פון דען דאש ווארט (זקנה) בטייט אויף לאנגע יאר · אונ דאש ווארט (ימים) בטייט אויף גוטע טעג : (ג) אונ נון עש איז פאר האנדין אמענטש וואש ער איז זוכה צוא לאנגע יאר · אונ איז ניט זוכה צו גוטע טעג · נאר ער לעבט איבר זיינע יארין מיט צער אונ ארומקייט אונ מיט צרות · אונ עש איז פאר האנדין אמענטש וואש ער איז זוכה צו גוטע טעג מיט עשירות אונ האט אלץ דאש גוטש · נאר ער לעבט ניט לאנג · (ד) אבר אברהם אבינו ע"ה האט זוכה גיוועזן צו עלטר אונ צוא גוטע טעג ווארום ער איז גיוועזן איין עושר · אונ אזו איז דיא טייטש אין פסוק ואברהם זקן אונ אברהם איז אלט גיווארין בא בימים אונ איז גיקומען מיט גוטע טעג אויך דאש ער איז איין גרוישר עושר גיוועזן אונ האט גיהאט אלץ דאש גוטש · דאש איז דער פשוטן פשט : (ה) אבר על פי האמת · האב איך גיהערט פון הגאון הרב רבי יודל זצ"ל אב"ד דק"ק קאוולי ער האט דעם פשט אזו גיזאגט · דען דר זוהר שרייבט בייא יעקב אבינו שטייט ויקרבו ימי ישראל למות אונ עש האבין גינעהענט דיא טעג פון יעקב וואש ער הייסט ישראל צוא שטארבן · (ו) פרעגט דער זוהר איין קשיא · שטארבט דען דער מענטש אין פיל טעג ער שטארבט דאך אין איין שעה · וואש שטייט אונ דיא טעג פון יעקב האבין גינעהנט צוא שטארבין איז דאך משמע ער איז גישטארבין אין פיל טעג · נאר דער תירוץ איז אזו האבין מיר גילערינט · דאש אז דר מענטש בדארף שטארבין · מוזין קומן אלע זיינע טעג פאר גאט חשבון אפ געבין וואש ער האט גיטאן אין איטליכן ט[...] · אונ אז

מהם · (ז) והנה כשאדם הוא צדיק שיראת ה׳ היתה חקוקה בלבו תמיד מדי יום ביומו אזי אהבתו דבוקה בהקדוש ברוך הוא וכל יום ויום שהוא מושלם בתורה ויראה ומצות ומעשים טובים אזי היום ההוא מעוטר ומלובש הוד והדר אלו ימים הן ראויין להתקרב לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא להראות מעלות הצדיק שלא עבר יום אחד משנותיו בתורה ומצות ומעשים טובים וזה שאמר הכתוב ויקרבו ימי ישראל למות שנתקרבו כל הימים של יעקב אבינו לפני הקדוש ברוך הוא · (ח) משא״כ הרשעים שאינן משגיחין על עבודת הקדוש ברוך הוא ויבלו ימיהם בהבליהון והולכין בשרירות לבם ובעולה ואון ומרמה חדלו להשכיל להיטיב מעשיהם אזי לאחר מותם ימיהם מתחבאין ובושין להתקרב לפני הקב״ה ואז דנין אותן בדינין קשין ומרים על חסרון הימים לפי חשבון שני חייו · (ט) וזה שאמר לגבי אברהם אבינו יש לך אדם שהוא בזקנה ר״ל זקן אשמאי והוא חי שנים הרבה ואינו בא בימים כי כלה חייו בחטאים ופשעים וימיו מתחבאין ומתרחקין ממנו מלבוא לפני הקדוש ברוך הוא ויש לך אדם כשר וחסיד ובא בימים שלו לפני הקב״ה ופעולתו היתה שלימה בתורה ובמצות אכן אינו בא בזקנה כי מת בילדותו : (י) משא״כ אברהם אבינו עליו השלום האריך ימיו רצה לומר שבאו כל הימים שלו לפני הקדוש ברוך הוא מהודרים במעשה הטוב זהו ואברהם זקן שזכה לזקנה ובא בימים ודו״ק ע״כ · (יא) ע״כ ישים האדם אל לבו שלא להרחיק יום אחד מימיו לבא בחשבון לפני הקב״ה כי פתאום נלכד בפח יקוש ומת במיתה פתאום ולשום אל לבו שכל הרמזים שאמרו רז״ל הן הן גופי התורה והתורה היא רק לנו כמלבוש · (יב) וראוי שתדע כי ענין יונה הנביא שהטילו לים ואח״כ בא לדג גדול הכל הוא הרמז על הנשמה כדאיתא בזוהר ויקהל והא לך תמצית הדברים יונה דנחית לספינה הוא הרמז על הנשמה שנמשלת ליונה שיורדת לגוף האדם ונחשב האדם בהאי עלמא כספינה ההולכת בלב ים והרבה סכנות עליה כן הרבה הרפתקאות על האדם בהאי עלמא כספינת והרבה שלוחים למקום והרבה מקטריגים עליו בכל יום בבית דין של מעלה

דער מענטש איז איין צדיק וואש גאטש פארכט איז אויש גיקריצט אין זיין הארץ אונ ער טוט מעשים טובים אונ לערינט תורה אין איטליכין טאג · דען קומט דער טאג גיקריינט אונ אן גיקלייד מיט שיינקייט · אזעלכע טעג זיינען ראוי צוא גינעהנען פאר גאט ב״ה · צוא ווייזין די מעלה פון דעם צדיק אז פון אלע זיינע יארין איז ניט אוועק גיגאנגען אפילו איין טאג ער זאל אין אים ניט לערנען אונ מעשים טובים טאן · דרום שטייט ביי יעקב אז אלע זיינע טעג האבין גינעהענט פאר גאט ווייל זייא זיינען אלע גוט גיוועזן : (ח) אבר די רשעים וואש פרעגין ניט אויף דער דינסט פון גאט ב״ה אונ פאר בריינגן זייערע טעג מיט נארישקייט אונ גייען נאך תאות לבם אונ טוען עולות אונ אום רעכט אזו אז עש קומט זייער צייט צוא שטארבן בהלטין זיך זייערע טעג אונ שעמען זיך צוא קומן פאר גאט ב״ה · אונ דאן משפט מען אים מיט ביטערע יסורים ווי די טעג וואש גייען אים אפ פון אלע זיינע לעב טאג דאש הייסט וואש ער האט אין זייא קיין מעשים טובים ניט גיטאן : (ט) אונ דאש זעלביגע איז דער פשט פון דעם מדרש · עש איז פאר האנדין א מענטש וואש ער קומט אין דר עלטער דאש מיינט מען איין רשע · דאש ער לעבט לאנג · אונ קומט ניט מיט די טעג · ווייל ער האט פאר בראכט זיינע טעג אין נארישקייט דרום בהאלטין זיך זיינע טעג אונ דער ווייטערין זיך פון צוא קומען פאר גאט ב״ה : (י) אונ עש איז ווידער פאר האנדין איין אדם כשר אונ איין פרומער וואש קומט מיט אלע זיינע טעג פאר גאט ב״ה · דען ער האט אלע זיינע טעג עוסק גיוועזן אין תורה אונ מעשים טובים נאר ער קומט אבער ניט מיט עלטער · דאש ער שטארבט אין זיין יוגנט · (יא) אבער אברהם אבינו עליו השלום האט זוכה גיוועזן צוא עלטער אונ איז גיקומען מיט אלע זיינע טעג · דאש אלע זיינע טעג זיינען גיקומען פאר גאט ברוך הוא · בשיינט מיט גוטע מעשים · דרום זאל דער מענטש טאן צוא זיין הארץ ער זאל זעהן אלע זיינע טעג זאלין קענען קומן פאר השי״ת ווארום פלוצלונג ווערט ער גיחאפט אין דער נעץ פון שטרויכלונג אונ שטארבט פלוצלונג דרום זאל ער אלע טעג תשובה טאן · אונ זאל טאן צוא זיין הארץ אז אלע רמזים וואש אונזערע חכמים זאגין דאש איז די גופי תורה · אונ די אלע מעשיות וואש שטייען אין דער תורה בווייזין אויף גרוישע סודות : (יב) אונ איך די מעשה פון יונה הנביא וואש מען האט אים ארין גיווארפין אין ים ארין אונ איין פיש האט אים איין גשלונגען · די אלץ איז רמזים אויף דר נשמה : (יג) אזו ווי עש שטייט

בשביל חטאיו ופשעיו · (יג) והאדם אינו שם את הדברים אל לבו כי הרבה חטא על פשע וחושב כי לא נתבע לדין על זה וכאילו חס ושלום אין השגחה משמים על מעשיו המקולקלים ובאמת הקדוש ברוך הוא שותק עד שתתמלא סאתו והדין הקשה מתגבר והולך ונגזר חרון אף פתאום על זה האדם דוגמת הרוח סערה שבא על ספינת יונה פתע פתאום והרוח היה הולך וסוער ובקש להשבר הספינה · (יד) כן גזירת הדין אשר בא על האדם פתאום ומרעיש כל הגוף ונתלהב ונתחמם הגוף ונכנס אל המטה זו היא ערש דוי ותרדמה נופלת עליו וזהו דוגמא ויונה ירד אל ירכתי הספינה וירדם ובעודו מוטל על ערש דוי מתחיל רוח לקשקש בקרבו · (טו) וזהו היצר הרע שמתעורר באותו הפעם לב האדם שלא יתעצל האדם מלהרהר בתשובה כי קרוב היום להפרד מזה העולם וזהו דכתיב ויקרב אליו רב החובל דא הוא יצר הרע שהוא מנהיג את כל הגוף ויאמר לו מה לך נרדם קום קרא אל אלהיך וגו' לאו שעתא הוא למידמך דהא סלקין לך לדינא על כל מה דעבדית בהאי עלמא וראה להתודות לפני בוראך מה מלאכתך פי' זכור על מלאכתך שפעלת בהאי עלמא וכמה שקרים וזיופים פעלת במלאכתך ובמחייתך תן תודה ואל תתגאה כי אתה רואה כי קרוב הוא יום המיתה והשלך הגאוה והרמת רוח וזכור שנבראת מטפה סרוחה · (טז) וז"ש ומאין תבא ומה ארצך אסתכל דהא מארעא אתברית ולארעא תשוב ומאיזה עם אתה תעיין אם יש לך זכות אבות להגן עליך עתה בעת צרה כל זה הוא התעוררות היצר שמעורר לב האדם בעת חליו (וזהו נ"ל לתרץ המ"ר פ' בראשית והנה טוב מאוד זה המלאך המות ולפני זה אמר טוב מאוד זהו היצר הרע ע"ש ר"ל בזמן שהוא קרוב למות אזי גם היצר הרע הוא טוב שמעורר האדם לעשות תשובה ולהתודות כנזכר) ובההוא שעתא יתבין בית דין של מעלה והמליצים מלמדין זכות והמקטריגים

אין זוהר : יונה הנביא וואש האט גינדרט אין דער שיף אריין דאש איז איין רמז צוא דר נשמה : וואש זיא נידערט אין דעם גוף אריין : אונ דר מענטש איז גיגליכן אויף דער וועלט וויא אשיף וואש גייט אין מיטין ים אונ האט אויף זיך פיל סכנות אזו איז אויף דעם מענטשין אויך דא פיל טרעפונג אונ האט אויף זיך פיל מקטריגים אלע טאג בייא דעם ב"ד של מעלה פון וועגין זיינע זינד : (יד) אונ דער מענטש טוט דיא זאכין גאר ניט צוא זיין הארץ אונ מערט איין זינד אויף דער אנדרר · אונ מיינט אז ער וועט ניט מוזין אפ געבין קיין דין אונ חשבון דרויף · אונ גלייך וויא פון דעם הימל איז ח"ו ניט פאר האנדין קיין השגחה אויף זיינע שלעכטע מעשים · אבער דר אמת איז · גאט ב"ה שווייגט אים ביז זיין מאס פון זינד וועט פול ווערין · וועט אויף אים זיך שטארקין דער שווערר דין · אונ פלוצלונג ווערט אויף אים נגזר איין צארין פון גאט : (טו) גלייך וויא דער שטורם ווינט וואש איז גיקומען פלוצלונג אויף דער שיף פון יונה · אונ האט אלע מאל מער גישטורמט · אונ האט גיוואלט צוא ברעכין דיא שיף · אזוא אויך דיא גזירה וואש קומט פלוצלונג אויף דעם מענטשין אונ מאכט שטורמן גאר דעם גוף אונ ער ווערט דר היצט אונ ווערט קראנק אונ איין שלאף פאלט אויף אים · אזו איין גלייכין וויא עש שטייט בייא יונה · אונ יונה האט גנידרט צוא די זייטין פון דר שיף אונ איז אנשלאפין גיווארין אונ בשעת ער ליגט אויף דעם קראנקין בעט הייבט אן דר דפק צו קלאפין אין אים מחמת היץ דאש איז דער יצר הרע וואש ער דער וועקט דענמאלט דאש הארץ פון דעם מענטשין ער זאל זיך ניט פוילין פון מהרהר בתשובה זיין ווארום עש איז נאהונט דער טאג ער זאל ווערין אפ גישייד פון דער וועלט · אונ דאש מיינט דער פסוק ויקרב אליו רב החובל דאש איז דער יצר הרע וואש ער פירט דעם גאנצין גוף אזו וויא דער עלצטר טרייבר פון דער שיף פירט דיא גאנצע שיף · אונ ער זאגט צו אים וואש שלאפשטו שטייא אויף רוף צו דיין גאט · עש איז ניט דיא צייט אצונד צוא שלאפין · ווארום מען וועט דיך דאך נעמן צו משפט אויף דעם אלעמן וואש דוא האשט גיטאן אויף דער וועלט אונ זעה מתודה צוא זיין פר דיין בשעפר · גידיינק וואש דוא האשט גיווערקט אויף דר וועלט וויפל פאלשקייט אונ זיופים האשטו גיווערקט אין דיין מלאכה אונ אין דיין פרנסה זאיי מתודה אונ האלט זיך ניט בעל גאוה · ווארום דוא זעהשט דאך אז דר טאג פון דעם טויט איז נאהענט · ווארף אוועק דיא גאוה · אונ גידיינק דאש דוא בישט בשאפין גיווארין אויש איין פאר שטינקדיגין טראפין : (טז) אונ דאש מיינט דער פסוק ומאין תבוא גידיינק פון וואנן דו בישט דאך בשאפין גווארין אויש ערד ומה ארצך אונ וואש איז דיין לאנד דאש דוא

והמקטריגים מזכירין חובה וטוענים לפני הקדוש ברוך הוא ואם נגזר לזכות מ"טב ואם נגזר ח"ו למות אזי נאמר על המלמדים זכות שטרחו ויצאו להצילו ועל זה נאמר ויחתרו האנשים להשיב אל היבשה ולא יכלו לא עלה בידם להשיבו ליבשה שיקום ממטתו מחליו כי כבר נגזרה גזירה מבי דינא רבא · (יז) ואז שלשה שלוחים ממונים יוצאים חד שכותב כל הזכיות שלו וכל החטאים שלו וחד דנטיל חשבון הימים לפי שני חייו שיהיו כל הימים בחשבון וכנזכר לעיל וחד דהוי עמיה מיום שנתנה נשמתו בגוף במעי אמו וגזירות דינא לא נח ולא שקט עד דעביד דיליה שתצא נשמתו מהגוף ואז כתיב וישאו את יונה שנושאים אותו לבית הקברות ואז הכרוזים נכרזים לפני מטתו וכשנושאים אותו אי איהו זכאה מכריזין עליו הבו יקר לדיוקנא קדישא יבא שלום וכו' ונש"ה והלך לפניך צדקך כו' לפני המטה ואי חס ושלום משונף בחטאים איהו מכריזין עליה ווי לפלוני הדין טב דלא יתברי כדין מה כתיב ביה ויטילוהו אל הים ויעמוד הים מזעפו כד עאלין ליה לבית הקברות והדג דבלע ליה ליונה דא היא קברו וג' ימים הראשונים כשהוא בקבר מתבקעים הבני מעיים ולבתר ג' ימים ההוא טינופא אתהפך על אנפוי ואמר לו טול מה דיהבת לי אכלת ושתית ולא יהבית למסכנא וכל יומך היו כחגין וכמועדין ומסכני הוו רעבין דלא אכלו בהדך טול מה דיהבת בי הה"ד וזריתי פרש על פניכם · (יח) לבתר דא באים ממונים ומחזירין הנשמה

וועשט זיך דאך אום קערין צוא ערד ומאיזות עם אתה אונ פון וואש איין פאלק בישטו דאש מיינט מען זייא מעיין אויב דוא האשט זכות אבות מגין צו זיין אויף דיר אין דר צייט פון דער צרה · דאש אליץ איז דאש דער וועקונג פון דעם יצר הרע וואש ער דער וועקט דאש הארץ פון דעם מענטשין אין דער צייט פון זיין קריינק · אין דער צייט זיצין דאש ב"ד של מעלה אויף זיין משפט אונ די מלאכים זיינן אויף אים מלמד זכות אונ דיא מקטריגים זיינן מלמד חוב אויף אים · אונ אויב עש ווערט נגזר אויף אים זכות דאש הייסט ער זאל בלייבן לעבין · איז גוט · אונ אויב עש וועט נגזר ער זאל ח"ו שטארבין · דענמאלט אויף דיא מליצים וואש האבין אויף אים מלמד זכות גיוועז אונ האבין זיך מטריח גיוועז אים מציל צו זיין ווערט אויף זייא גיזאגט דער פסוק ויחתרו האנשים להשיבו ליבשה ולא יכלו אונ דיא מענטשין האבין גיגראבין צוא ווידר קערין דיא שיף אויף דער יבשה אונ זייא האבין ניט גיקאנט · דאש מיינט מען דיא מליצים האבין אים גיוואלט מציל זיין פון דעם טויט אונ האבין ניט גיקאנט ווייל עש איז נגזר גיווארין פון דעם גרוישן ב"ד של מעלה אז ער זאל שטארבין ׃ אונ דענמאלט גייען ארויש דרייא מלאכים · איינער שרייבט אויף אלע זיינע מצות אונ אלע זיינע עבירות · אונ דער אנדרר געמט אפ חשבון פון דיא טעג צוא האט ער פאריכט אלע זיינע טעג ׃ אונ דער דריטר איז דער וואש איז גיוועז מיט אים פון דעם טאג אז זיין נשמה איז געגעבן גיווארן איןזיין גוף אין דיא גידערים פון זיין מוטער · אונ דיא גזירה ווערט ניט גישטילט ביז ער שטארבט אזו וויא עש שטייט בייא יונה וישאו את יונה אונ · זייא האבין גיטראגין צוא יונה · דאש דעם מענטשין טראגט מען אויך אויף דעם בית הקברות ׃ (יז) אונ דענמאלט ווערין כרוזים אויש גירופין פאר דער מטה וואש מען טראגט אים · אויב ער איז אצדיק · רופט מען אויש גיט אפ כבוד צוא דעם צדיק ער זאל קומען מיט פריד אונ דאש איז וואש עש שטייט אין פסוק והלך לפניך צדקך אונ דיין צדקות וועט גיין פאר דיר מיינט מען פאר דיין מטה · אונ אויב ער איז ח"ו אשלעכטר · רופט מען אויש פאר אים · ווייא איז צוא דעם דאזיגין מענטשין · בעסער וואלט פאר אים גיוועז ער זאל ניט גיוועז בשאפין ווערין עש שטייט דארטין ווייטר ויטילוהו אל הים אונ זייא האבין צוא יונה ארייז גיווארפין אין ים אריין ויעמוד הים מזעפו אונ דר ים איז גיבליבין שטיין פון זיין שטורמן · אונ איין פיש האט איין גישלונגען יונה · אונ ער איז גיוועז דרייא טאג אין דר פיש · דער נאך האט אים דער פיש גימוזט ארייז געבין אין אנגדער פיש · אזו איז בייא דעם מענטשין אויך מען לייגט אים אין קבר אריין ׃ אין דיא ערשטע דרייא טאג ווערין צו שפאלטין זיינע גידערים אונ נאך דרייא טאג קערט מען אים איבער זיין מיאוסקייט אויף זיין פנים ׃ אונ מען זאגט אים נעם וואש דו האשט מיר גיגעבין · דו האשט גיגעסין אונ גיטרונקין · אונ האשט ניט גיגעבין צוא קיין ארום מאן · אונ אלע טאג איז בייא דיר גיוועז וויא יום טוב · אונ דיא ארעמע לייט זיינען הונגעריג גיוועז · אונ האבין מיט דיר ניט גיגעסין נעם וואש דוא האשט מיר גיגעבין ׃ (יח) דער נאך קומען ממונים אונ קערין ווידר דיא נשמה אין גוף אונ זיא אית אין גוף ביז דרייסיג טאג ·

אונ

אל תוך הגוף והיא בתוך הגוף עד ל׳ יום ובתוך כ״ז ימים הגוף נידון ביסורים קשים ומרים והתחלת הדין הוא על החטאים שעשה בעיניו ואחר כך בידים וברגלים ובכל הגוף בהכאות אכזריות מאוד ואחר תלתין יום נשמתא סלקא לעילא לתת חשבון ולקבל דין גיהנם ושאר דינים והגוף סובל יסורים קשים ע״י תולעים והענין כי ז׳ דינים קשים חולפים ועוברים על בני אדם כשנפטר מההוא עלמא חד כשהנשמה יוצאה מהגוף ׃ ב׳ כשנושאין אותו לבה״ק והכרוזין מכריזין מעשים רעים שעשה אוי לאותה בושה וכלימה ׃ דין ג׳ כשמכניסין אותו לקבר ׃ דין הד׳ מה שסובל בשלשים יום ׃ דין ה׳ דין התולעים בגוף ׃ ו׳ דין של גיהנם ׃ ז׳ דין שהנשמה נידחת מחוץ לפרגודא קדישא ואזלת ונחתת בעלמא ואין לה מקום מנוחה עד שנתמרקו כל החטאים ופשעים ׃ ע״כ צריך כל אדם לזכור כמה הרפתקאות יעברו עליו כמה יסורים וכמה חיל ורעדה ורתת וזיע וחלחלה עד שתבא נשמתו למקום מנוחה ועל זה כתיב בזוהר בר נש צריך לצלאה תדיר ולומר בכל יום ברכי נפשי את ה׳ ולומר קפיטל ק״ג וק״ד ואח״כ יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי שתסלח ותמחול לי על כל פשעים וחטאים מה שעשיתי הן בראיית עיני הן מה שחטאתי בידי ורגלי ובגוף ובאם שיגיע עת וזמן פטירתי ומוכרח אני ליפוק מן עלמא דין אזי באותו יום לא אוכל לברכא יתך ולאתבא בתיובתא ע״כ היום הזה אני מבקש אל תייסרני אחר מותי ולאתבא נשמתי בגן עדן בלי שום מורא ופחד וזש״ה ברכי נפשי את ה׳ הללויה ׃

פרק מ **לב** טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי פי׳ המאור הגדול הר״ר משה אלשיך ז״ל תפלת דוד המלך עליו השלום היה שלא יבוא עוד בגלגול שכל מי שאינו קונה שלימות בעולם הזה מוכרח לבא בגלגול באדם אחר ולתקן מה שחסר מעשה הטוב בעולם הזה ועל זה התפלל דוד המלך ע״ה שינצל מהגלגול ואמר רוח נכון חדש בקרבי ולא ע״י גלגול נשמתי באיש אחר שאני מוכרח למות ולהתגלגל

און אין דיא טעג ווערט ער גמשפט מיט שווערע און ביטערע יסורים ׃ און דער אן הייב דין איז ער ווערט גימשפט אויף דיא עבירות וואש ער האט גיטאן ׃ מען משפט אים אין זיינע אויגין און דער נאך אין דיא הענט און אין דיא פים און אין גאר דעם גוף מיט שלעק פון אכזריות ׃ און נאך דרייסיג טאג ׃ גייט זיין נשמה ארויף אויף דעם הימיל צוא געבין חשבון און צוא מקבל זיין דעם דין פון גיהנם און דער גוף לייד שווערע יסורים דורך דיא ווערים און זיבין שווערע דינים גייען איבער אויף דעם מענטשין אז ער גייט אוועק פון דער וועלט ׃ (א) אז דיא נשמה גייט ארויש פון דעם גוף ׃ (ב) אז מען טראגט אים צוא דעם בית החיים ׃ און דיא מלאכים רופין אויש זיינע שלעכטע מעשים וואש ער האט גיטאן ׃ ווייא איז צוא דער בושה ׃ (ג) אז מען לייגט אים ארייין אין קבר (ד) וואש ער לייד אין דיא ערשטע דרייסיג טעג ׃ (ה) דיא ווערים וואש עסין דעם גוף ׃ (ו) דער דין פון דעם גיהנם ׃ (ז) וואש דיא נשמה ווערט ארויש גישטויסין פון דעם הייליגין היכל און זיא גייט און נידערט אויף דר וועלט און האט קיין רוא ניט ביז אלע זינד ווערין אפ גימעקט דרום בדארף איטליכר מענטש צו גידיינקן וויפיל טרעפונג ווערין אויף אים איבר גיין און וויפל יסורים און וויפיל ציטרניש וועט ער האבין ביז זיין נשמה וועט קומען צוא איין רוא ארט און דרום שטייט אין זוהר איין מענש מוז תמיד מתפלל זיין און זאגן איטליכן טאג אין תהלים דאש קאפיטל ק״ג און ק״ד ׃ און דער נאך זאל ער זאגין יהי רצון מלפניך עש זאל זיין דער ווילין פון פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין אז דוא זאלסט מיר מוחל זיין און פאר געבין אויף אלע זינד וואש איך האב גיטאן סאיי מיט מיינע אויגן סאיי וואש איך האב גיזינדיגט מיט מיינע הענט און מיינע פים ׃ און אז עש וועט קומען מיין צייט פון שטארבין און איך וועל דענמאלט ניט קענען דיך לויבין און תשובה צוא טאן ׃ דרום בעט איך דיך היינט אז דוא זאלשט מיך ניט שטראפין נאך מיין טויט ׃ און מיין נשמה זאל קומען אין גן עדן ארייין אן שום מורא און פארכט ׃ און מיין נשמה זאל דיך לויבין אזו וויא עש שטייט אין פסוק ברכי נפשי את ה׳ הללויה מיין לייב טוט לויבין גאט אמן ׃

פרק מ לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי מ׳ בט דר אלשיך הקדוש דעם פשט דאש דוד המלך האט גיבעטין אז ער זאל ניט מגולגל ווערין ׃ דען דער וואש איז ניט מקיים אלע מצות אויף דער וועלט מוז ער מגולגל ווערין אין איין מענטשן און מוז מתקן זיין דיא גוטע מעשים וואש ער האט גימינערט אויף דער וועלט ׃ און דרויף האט

באיש אחר אמנם דע שענין גלגול מתחלק לב׳ אופנים: (ב) הא׳ שאינו בהכרח שימות ויתגלגל נשמתו באיש אחר לתקן הגלגול אלא (הזכיר) הענין שבעודו בחייו יבא הנשמה אחרת בתוך גופו אף שכבר היה להגוף נשמה אחת ושני הנשמות ביחד דהיינו נשמה החדשה ונשמה שלו המה בחיבור כמו הולד בתוך האשה מעוברת׳ (ג) וע״כ נקרא גלגול זה בחינת העיבור וכשם שהולד מכוסה ונעלם בתוך האדם כשהאשה מעוברת כך הנשמה החדשה בתוך נשמה שלו מכוסה ונעלמה עד כי יתוקן הקלקול ואז הולכת הנשמה החדשה למכון שבתה ולמקומה הראוי לה׳ (ד) וזה הגלגול שאינו חמור משא״כ אם הקלקול גדול אין לו תקנה כ״א שיתגלגל הנשמה בשעת יצירת הולד ושם היא לבד בתוכו והיא בתוך הגוף זמן רב כל הימים ולפעמים יצא שכרה בהפסדה שזה האדם לא די שאינו מתקנה אלא אדרבה גורם לה פגמים יותר גדולים על ידי חטאים ופשעים וזה ענין רע מאוד אל הנשמה׳ (ה) והנה יש מצוה אחת אשר בעיני האדם עונשה קל הוא והוא חמור וזהו מצות השבת אבידה שבהיותו עובר על השבת אבידה שרואה אבידת כל אדם ואינו מהדר אחריה ליקח אותה ולהשיבה מוכרח לבא בגלגול בולד הנוצר להשיב לבעליה האבידה ובתוך הזמן סובל יסורים וצער זמן רב ואינו בא בגלגול הקל שהוא בחינת העבור שהיא מתכסה ונעלם בתוך נשמתו וכנזכר בס׳ גלגולים להארי״ז ז״ל פ׳ כי תצא וכן תעשה לכל אבדת אחיך וגו׳ כי הקדוש ברוך הוא דן את האדם מדה כנגד מדה׳ (ו) וע״כ כל ירא וחרד יתפלל שינצל מהגלגולים כי בעיני העם הוא קל עונש הגלגול אמנם יתבונן החכם ויראה כי גם בהיותו מגולגל באדם כשר וישר על כל זה טוב לו יותר אם היה כבר במקום מנוחתו כי יפה קורת רוח של עולם הבא שעה אחת מכל חיי ותענוגי עולם הזה על אחת כמה וכמה כשאדם מגולגל במקום צר בחיות ועופות ולפעמים מגולגל באבן

באבן

דוד המלך מתפלל גיוועזן אז ער זאל ניצול ווערין פון דעם גלגול נאר ווייש אז דער ענין פון דעם גלגול ווערט גטיילט אויף צווייא אופנים דר ערשטר אופן איז: (ב) ער בדארף ניט נייטיג שטארבין אונ זיין נשמה זאל מגולגל ווערין אין אנגדרין מענטשין נאר נאך בייא זיין לעבין׳ קומט איין נשמה אין זיין גוף ארוין האטשע דער גוף האט שוין איין נשמה׳ קומט צוא אים ארין נאך איין נשמה אונ ביידע נשמות באנגד זיינען באהעפט אין אים׳ אזו וויא איין ולד איז אין איין אשה וואש זיא איז מעוברת: (ג) איז דרום ווערט דאש גרופין גלגול וייל אזו וויא איין ולד איז פאר הוילין אין דער מוטער בשעת זיא איז מעוברת אזו אויך די נאייע נשמה איז פאר הוילין אין זיין אלטע נשמה ביז ער פאר ריכט דאש וואש ער האט גזינדיגט גייט דר נאך די נאייע נשמה צוא איר ארט וואש איז איר ראוי אין גן עדן: (ד) אין דער גלגול איז ניט זייער הארב׳ אבער אז דער מענטש טוט זייער גרוישע זינד זינדיגין׳ האט ער אנדערש קיין תקנה ניט נאר ער מוז פריער שטארבין אונ די נשמה מוז קומן אין איין קליין קינד בשעת אז ער ווערט בשאפין אונ די נשמה אליין איז אין דעם קינד אונ מוז ווארטין ביז דאש קינד ווערט גרויש׳ ער זאל זיא קענן מתקן זיין אונ אמאל קען נאך זיין אז ניט גנוג וואש ער איז זיא ניט מתקן נאר אדרבה ער איז זיא נאך מער מטמא דורך דיא עבירות וואש ער טוט׳ אונ דאש איז זייער שלעכט פאר דער נשמה: (ה) אונ עש איז פאר האנדין איין מצוה אז דעם מענטש דאכט זיך אז ער ווערט זיא ניט האלטין ווערט איר עונש גרינג זיין אבער מיטין אמת איז איר עונש זייער הארב אונ דאש איז די מצוה פון אום צו קערין איין אבידה׳ דאש ער זעהט די זאך וואש זיין חבר האט פאר לארין אונ ער פלייסט זיך ניט אים ווידר צו קערין זוא מוז ער מגולגל ווערין אין איין קינד וואש איז אין זיין מוטרש לייב׳ אונ מוז דארטין ליידין גרוישע יסורים ביז דאש קינד ווערט גרויש כדי ווידער צו קערין צוא דעם זעלביגין מענטשין אדר צו זיינע קינדר דיא אבידה וואש ער האט אין דעם ערשטין גלגול זיא ניט אפ גגעבין׳ אונ ער קומט ניט אין דעם גרינגין גלגול וואש דיא נאייע נשמה ווערט פאר הוילין אין זיין אלטע נשמה׳ אזו וויא עש שטייט אין ספר גלגולים פון דעם האר״י ז״ל ווארום גאט ב״ה שטראפט מדה כנגד מדה: (ו) דרום דער וואש פארכט זיך פאר גאט זאל מתפלל זיין אז ער זאל ניצול ווערין פון דיא גלגולים דען דעם עולם דאכט זיך אז דער עונש פון גלגול איז גרינג׳ אבער דער וואש איז קלוג זאל פאר שטיין אונ זעהן אז ווען ער ווערט אפילו מגולגל ווערין אין איין צדיק וואלט דאך אלץ בעשער פאר אים גיוועזן אז ער זאל גיוועזן זיין אין זיין רוא ארט ווארום דעם תענוג אינ

נהר

באבן דומם כגון המרגיל עצמו בלשון הרע הוא מתגלגל באבן המונח ע״פ השדה ושם הוא בחושך בלתי אור ומי שאינו מדקדק באכילת ספק איסור מתגלגל בעלין של אילן ובכל פעם שהרוח מנענע הוא סובל יסורים וצער גדול בלתי לספר ופרנס ישראל המתגאה על הציבור מתגלגל בדבורה ושם הוא נידון בכל עת ובכל רגע ויש לו צער יותר מעונש של גיהנם כי הוא אסור במקום צר כזה וזהו עונש מחמת גאוה לבד ואם הוא פועל רע על ידי הגאות דהיינו שהלבין פני הבאים לפניו בביושים וכיוצא בו שאר פעולות רעות על זה יש עונשים אחרים מפורשים הן בספרי קבלה שרחמנא ליצלן מעונשין דיליה הרודף אחרי זנות מתגלגל בזונה ובכל פעם שמזגין עמה מוסיפין לו טומאה על טומאתו והווה על הוותו ושברו גדול כים אין לספר היסורים קשים ומכאובים שלו ושאר פרטי גלגולים יתבארו בפרקים הבאים בס״ד ועאכו״כ המגולגלים בבהמות טמאות ועופות הטמאים יושבי השך וצלמות בצער סובלים עינויים קשים ומרים בסרחון קרב ומעיים שלהם ובכל עת ורגע סובלים צער ממש דינין קשים מגיהנם ואחר כל זאת אינו ניצול מעונשה של גיהנם אחר כל הגלגולים ראה מה שמצאתי כתוב בשם האר״י ז״ל בצפת תובב״א היה בחור א׳ בן אחותו של רבי יהושע רופא ז״ל והוא בן י״ח שנים היה לומד בישיבה פעם אחת הסתכל בו האר״י ז״ל ואמר לאביו בנך יש בו רוח אחת ראה להמציא לו מזור ותרופה ואל תחוס על הממון והשיב אבי הבחור חס ושלום שיהיה בו רוח כי אם זה שנתים לבו כואב ולפעמים כשלבו חלש אזי רבי יהושע הרופא עושה לו רפואות ומתרפא לפי שעה ואח״כ חוזר הכאב ואמר לו האר״י ז״ל תראה שכדברי כן הוא · לא היו ימים מועטים עד שנתגלה הרוח והתחיל לבצבץ בהבחור ובאו והודיעו להאר״י ז״ל ושאל אותו האר״י ז״ל באיזה אופן בא הרוח להבחור והשיב לו הרוח הענין כך

נתת רוח וואש דיא נשמה האט איין שעה אין גן עדן · איז דאש בעשער פון אלע תענוגים עולם הזה · אונ מכל שכן אז דער מענטש ווערט מגולגל אין איין ארט · דהיינו אין חיות ועופות · אונ אמאל ווערט ער מגולגל אין איין שטיין גליך וויא דער וואש גיוויינט זיך צוא ריידן לשון הרע · דער ווערט מגולגל אין איין שטיין וואש ליגט אין פעלד ער האט קיין שום ליכטיקייט ניט נאר לויטר פינצטרקייט · אונ דער וואש עסט ספק טריפות ווערט ער מגולגל אין די בלעטער פון אבוים · אונ אלע מאל וואש דער ווינט שאקלט דיא בלעטער לייט ער גרוישע יסורים וואש איז ניט צוא דער ציילין אונ דער פרנס ישראל וואש האלט זיך בגאוה קעגין דעם עולם ווערט ער מגולגל אין איין בין אונ דארטין ווערט ער גמשפט אלע רגע אונ לייט דארטין מער צער איידער אין גיהנם · ווארום ער איז גבונדין אין אזו איין אייננ ארט אונ דאש איז נאר דער עונש פון דער גאוה אליין · אבר אז ער טוט נאך שלעכטש דורך דער גאוה · דהיינו ער איז מבייש מענטשין · אונ נאך זעלבע גלייכין שלעכטע מעשים אויף דעם האט ער נאך אנדין עונשים וואש שטייען אין ספרי קבלה גאט זאל אונז מציל זיין פון זיינע עונשים· דער וואש יאגט נאך זנות ווערט מגולגל אין איין זונה אונ אלע מאל וואש מען איז מיט איר מזנה ווערט אים גימערט טומאה אויף זיין טומאה · אונ איין בראך אויף דעם אנדרין אונ זיין בראך איז אזו גרויש וויא דער ים אונ דיא איבריגע גלגולים וועלין באשייד ווערין אין דיא איבעריגע פרקים מיט גאטש הילף · אונ מכל שכן דיא וואש ווערין מגולגל אין דיא טמא בהמות אונ אין עופות זיצן זייא דארטן אין דר פינסטר אין צער זיי ליידין שווערע אונ ביטערע יסורים · דען זייערע גידערים שטינקען זייער אונ ער מוז עש אלץ ליידין אונ די יסורים זיינען פיל ערגער פון דעם גיהנם אונ פון דעסט וועגן נאך אלע גלגולים ווערט ער פארט ניט ניצול פון גיהנם · זעה וואש עש שטייט גישריבן פון האר״י וועגין · אין צפת איז גיוועזן דעם רבי יהושע הרופא שוועסטערש זון · אונ ער איז אלט גיוועזן אכצעהען יאר · אונ האט גילערנט אין דער ישיבה· איין מאל האט דער האר״י אין אים גקוקט אונ האט גיזאגט צוא זיין פאטער אין דיין זון איז פאר האנדין איין רוח זעה אים צו גיפינען איין הילף אונ זאלשט ניט חס האבין אויף געלט · האט דער פאטער פון דעם בחור אים גענטפערט ח״ו פאר וואש האט ער איין רוח · נאר פון צווייא יאר אן טוט אים וויא דאש הארץ · אונ צוא צייטין אז זיין הארץ ווערט שטארק פאר חלשות · גיט רבי יהושע הרופא אים רפואות אונ ער ווערט גיהיילט לפי שעה אונ דער נאך קערט ווידער צוא אים דער ווייטאג · האט דר האר״י גיזאגט צוא אים נועטטו זעהען אז איך זאג אמת אין איין קורצע צייט ארום האט דער רוח זיך ארויש גיוויזן

כך הוא כשהייתי ברומי הייתי דר עם עני א׳ שהיה מתפרנס מהצדקה ולא היה בביתו שום לחם ומזון בקש העני ממני שאתן לו לחם ולא הייתי רוצה ליתן לו ומת העני הנ״ל לנגד עיני מחמת הרעבון לכן היו ב״ד של מעלה גוזרין שימות הוא כמו שהמית את העני וכן היה שלא היו ימים מועטים ובאו עלי גזלנים והרגו אותי ואחר ההריגה באתי אל הבחור הזה וגזר עליו האר״י ז״ל שיצא מהבחור בלי שום היזק ח״ו והשיב הרוח אם תרצה שאצא מהבחור אעשה תנאי עמך והוא כי אחרי צאתי מכאן שלא יראה זה פני נקבה משך ג׳ ימים ואם יעבור התנאי אהרגנו ויצא הרוח וצוה האר״י ז״ל לעשות שמירה אל הבחור שיהיה יושב בבית המדרש ולא יניחו אותו לצאת מבית המדרש ולא תבא שום אשה לבית המדרש כי הרוח אורב על התנאי שעשה ובתוך כך הלך גדול הדור מהור״ר חיים וויטל ז״ל מבית המדרש להכין צרכי מצוה שעשה בראש חודש והניח במקומו בן דודו רבי יהושע רופא הנ״ל והלך רבי יהושע להתעסק במצוה אחרת והניח להבחור יחידי בבית המדרש ובתוך כך בא אמו של הבחור ודודתו לבית המדרש לראותו וכשהיו רואים אותו נשקו אותו ובאותה השעה בא הרוח וחזר להבחור ונכנס בו ותנקו ומפני היראה שלא יאמרו שהישראלים הרגו אותו עשה האר״י ז״ל קפיצת הדרך על שני קנים והלך עם תלמידיו לטבריא ברגע אחד וזה היה בין השמשות ובטבריא התפלל האר״י ז״ל להסביר פיהם של משטינים וכן היה ואח״כ חזר לצפת תוב״ב ע״כ יראה האדם גודל הענש

געוויזן אין דעם בחור אונ זיין פאטער אונ מוטער זיינן גקומן אונ האבין מודיע געווען צו דעם האר״י ז״ל האט דר האר״י גיפרעגט דעם רוח אין וואש פאר איין אופן איז ער ארייז גיקומען אין דעם בחור האט דער רוח אים גיענטפערט איך האב געוואונט אין רומי אין איינעם מיט איין ארום מאן וואש ער פלעגט זיך מפרנס זיין פון צדקה אמאל האט דער ארום מאן ניט גיהאט אין זיין שטוב קיין שום ברויט אונ קיין שפייז׳ האט דער ארום מאן פון מיר גיבעטין אז איך זאל אים געבין ברויט׳ אונ איך האב ניט גיוואלט געבין אים איז דער ארום מאן גישטארבין פאר הונגער קעגין מיינע אויגן׳ אונ דרום האט דאש ב״ד של מעלה גוזר געווען איך זאל שטארבין אזוא וויא דער ארום מאן איז גישטארבין אונ אזוא איז געווען אז אין איין קורצע צייט ארום זיינען גיקומען גזלנים אונ האבין מיך גיהרגת אונ נאך דעם הרגנע בין איך תיכף ארייז אין דעם בחור האט דער האר״י אויף אים נוזר געווען אז ער זאל ארויש גיין פון דעם בחור אונ זאל אים קיין שום שאדין ניט טאן׳ האט דער רוח גיענטפערט׳ אויב דוא ווילשט איך זאל ארויש גיין פון דעם בחור וועל איך מיט דיר איין תנאי האבין אז נאך מיין ארויש גיין זאל דער בחור ניט זעהען קיין שום נקיבה דרייא טעג אונ אויב ער ווערט עובר זיין אויף דעם וועל איך אים הרגנן׳ איז דער רוח ארויש גיגאנגן אונ דר האר״י האט אן גיזאגט אז מען זאל דעם בחור היטין דאש ער זאל זיצין אין בית המדרש אונ מען זאל אים ניט לאזין ארויש גיין פון דעם בית המדרש׳ אונ קיין שום אשה זאל ניט קומן אין בית המדרש אריין ווארום דער רוח לויערט אויף אים מחמת דעם תנאי וואש ער האט גיהאט אז דר בחור זאל דרייא טעג ניט זעהן קיין שום אשה׳ צוא דעם דריטן טאג איז דער גדול הדור רבי חיים וויטאל אוועק גיגאנגען פון דעם בית המדרש אין דבר מצוה צוא טאן׳ אונ האט גילאזט דעם רבי יהושע רופא ער זאל היטין דעם בחור׳ דער וייל איז דער רבי יהושע אויך אוועק גיגאנגען צוא טאן אדבר מצוה אונ האט דעם בחור גילאזט אליין אין בית המדרש דער וייל איז גיקומען דיא מוטר אונ דיא מומע פון דעם בחור אין בית המדרש אריין צוא זעהען אים אונ האבין אים גיקושט איז דער רוח תיכף גיקומען אין דעם בחור אריין אונ האט אים דער ווארגין׳ אונ מחמת זייא האבין מורא גיהאט מען זאל ניט זאגין אז דיא יהודים האבין אים גיהרגת׳ האט דער האר״י ז״ל גימאכט קפיצת הדרך אונ איז גיקומען מיט זיינע תלמידים אין איין רגע קיין טבריא׳ אונ דענמאלט צווישין טאג אונ נאכט האט דער האר״י ז״ל דארטין מתפלל גיוועזן אז גאט ב״ה זאל פאר שליסין דאש מויל פון דיא מקטרגים זייא זאלין ניט קענין מסרין אים מיט זיינע תלמידים פאר דעם שררה׳ אונ אזוא איז גיוועזן׳ אונ דער נאך האט ער ווידער גיקערט קיין צפת׳ דרום זאל דער מענטש זעהען וויא גרויש דר עונש איז אז מען קוקט אויף פרעמדע ווייבער דען מה דאך דער בחור וואש האט נאר גיקוקט אויף זיין מוטר אונ זיין מומע׳ זעה וואש איז אים אויש גיגאנגען אונ מכל שכן דער וואש קוקט אויף פרעמדע ווייבער׳ דער

האט

העונש המסתכל בנשים זרות ומה הבחור הזה שלא הסתכל אלא על אמו ודודתו חזי מאי סליק ביה ומכ"ש בנשים זרות וע"ז אמרו רז"ל כל המרבה שיחה עם אשה גורם רעה לעצמו ע"כ ענין גדול שהאדם יתנהג שלא להסתכל למרחוק כי אם עיניו יהיו תמיד משוטטות למטה לארץ וכן מצינו בהנהגת חסידים הראשונים שעיניהם למטה ומתכוונים ליחד הקב"ה ושכינתיה כי ד' גוונין של העינים מורים על ד' אותיות השם הוי"ה ושכינה היא מורה על הארץ שנקראת ארץ הקדושה המקודשת מכל הארצות כמאמר הכתוב עיני בנאמני ארץ לשבת עמדי משא"כ גבה עינים ורחב לבב עליו אמר הקב"ה אותו לא אוכל אתו לא אוכל להתדבק כי הוא מפריד בין הדבקים וכל המפקיר עיניו לראות בהסתכלות דברים האסורים שואב ושואף הס"א אליו וגורם לו רעות הרבה להיות הוא עין רע וכל מי שיש לו עין רע גורם קללה לעצמו ולחבירו וזהו שארז"ל צ"ט חלקים מתים בעין רע וכו' כוונתם בהיזק ראייה שיש באדם וכל זה הוא גורם איסור ראייה וירגיל תמיד לראות בדברי קדושה כמו שכתבתי בפרק א' ע"ש ונלמוד עוד מפרק זה שאל יעלים אדם עיניו מן הצדקה כי בעבור שלא נתן הרוח לעני הנ"ל איזה דבר מאכל ומת לפניו עבור כן נהרג גם הוא ובעבור חטא זה הוכרח לדון בכף הקלע להעשות רוח כמו שכתבתי לעיל ע"כ יהיה לכל איש לב רחמן ויכנים לבו ועיניו ושאר איבריו בקדושה ויזכה לראות עין בעין פני השכינה שלש פעמים בשנה אמן :

פרק מא **איתא** בס' היכלות וז"ל ברוכים אתם לה' לי שמים וארץ יורדי מרכבה אם תאמרו לבני מה שאני עושה לישראל כשאומרים קדושה למדו אותם ואמרו להם שאו למרום עיניכם כשאומרים קדושה כי יש לי הנאה באותו רגע שעיניהם נשואות לי ועיני נשואות

האט בודאי אנגרוישין עונש · אונ דרום האבין אונזרע חכמים גיזאגט · דער וואש מערט צוא ריידין מיט איין אשה איז ער זיך גורם ביז · דרום גיהער איטליכר מענטש זיך צוא גיוויינן ניט צוא קוקין וייט נאר ער זאל זיך גיוויינען אז זיינע אויגן זאלין קוקין אויף דער ערד אונ אזוא פלעגין דיא ערשטע חסידים זיך נוהג זיין דאש זייא האבין תמיד גיהאלטין דיא אויגין אראפ אונ האבין גיקוקט אויף דער ערד · אונ האבין זיך מכוין גיוועזן צוא מייחד זיין הש"י מיט זיין שכינה · ווארום דיא אויגין האבין פיר פארבן דאש ווייזט אויף פיר אותיות פון דעם שם (הויה) אונ דיא שכינה ווערט גירופין ארץ הקדושה · אבר דער וואש הייבט אויף זיינע אויגן אונ קוקט מיט גאוה אונ אויף וואש אים גלושט זיך · אויף דעם זאגט גאט ב"ה אז ער קען זיך ניט בהעפטן מיט מיר · אונ דער וואש איז מפקיר זיינע אויגין צוא זעהן דברים האסורים דער שלעפט אויף זיך דיא סטרא אחרא אונ איז זיך גורם פיל שלעכטש דאש ער זאל זיין איין רע עין אונ דער וואש האט איין בייז אויג דער איז גורם איין קללה צוא זיך אונ צוא אנדערע ווארום מיט זיינע אויגן גיט ער דיא מענטשין איין עין הרע · אונזרע חכמים האבין גיזאגט ניין אונ ניינציג חלקים שטארבין דורך עין הרע אונ איין הונדערט חלק שטארבין מיט זייער טיט · נאר ער זאל זיך תמיד גיוויינען צוא זעהען הייליגע זאכין אזוא וויא איך האב גישריבן גאר אין דעם ערשטין פרק · אויך ווערט גילערינט פון דעם פרק · אז דער מענטש זאל ניט פאר הוילין זיינע אויגין פון צדקה · ווארום מחמת דער רוח האט ניט גיגעבין קיין עסין צוא דעם ארום מאן אונ דער ארום מאן איז גישטארבין פאר זיינע אויגין · דרום איז ער אויך נהרג גיווארין · אונ פון וועגין דער עבירה האט ער גימוזט גמשפט ווערין אין שלידער שטיין אונ האט גמוזט ווערין איין רוח אזוא וויא אויבין שטייט דרום גיהער איטליכער מענטש רחמנות האבין אויף ארעמע לייט : אונ זאל אריין ברייגגען זיין הארץ אונ זיינע אויגין אונ זיינע איבעריגע איברים אין קדושה · אונ דען וועט ער זוכה זיין צוא זעהן בשיינפערליך דיא שכינה דרייא מאל אין יאר אמן :

פרק מא **איתא** עש שטייט אין ספר היכלות דאש גאט ב"ה זאגט צוא דיא מלאכים אונ צוא דיא הימל אונ ערד איר זייט גילויבט צוא מיר גאט אויב איר וועט זאגין צוא מיינע זין וואש איך טוא צוא מיין פאלק ישראל אז זייא זאגין קדושה · זאלט איר זייא לערנען אז זייא זאלין זייערע אויגן אויף הייבין צום הימל בשעת קדושה אונ זאלין זאגין בכוונה ווארום איך האב דיא גרעסטע הנאה דיא צייט וואש דיא אויגין פון דיא ישראל זייגען אויף גיהויבין צוא מיר בשעת זייא זאגין קדושה · אונ איך הייב אויף מיינע אויגין אויף זייא השגחה צוא געבין אונ דער דאמט וואש גייט ארויש פון זייער מויל איז בייא מיר גלייך אן

גינומען

להם והבל היוצא מפיהם עולה לפני כריח ניחוח ובאותה שעה אני מנשק ומחבק דמות יעקב החקוקה בכסא הכבוד עכ"ל · (ב) וראה כמה חיבתן של ישראל לאביהם ואיך לא נעבוד באימה וביראה בכל לב ונפש את אבינו שבשמים אשר הוא רחוק מרשעים וקרוב לצדיקים ולכל אשר יקראוהו באמת וכל הירא וחרד לדבר ה' יקיים מדה הכתוב בכאן כדי שיבא לתכלית האהבה ויזכה לעוה"ב בעבודת הבורא · (ג) והוא שיקח פנאי לעצמו בכל יום לחשוב במחשבתו קדושת הבורא ית' שהוא גדול מאוד כמו שסידר הפייטן וקדושתך בפיהם ואביתה תהלה מבשר ודם מחציר יבש מצל עובר מעמוסי בטן וכו' ומתים במשפט וחיים ברחמים וקרושתך בפיהם וע"י המחשבה זו יתלהב לבו לעבודת הקב"ה · (ד) כמבואר בזוהר פ' ויקהל שכשחושב האדם לעבודת הבורא אזי מחשבה ההיא סלקא תחלה על הלב דהוא קיומא ויסודא דכל גופא ואח"כ סלקת ההיא מחשבה טובה על שארי איברי הגוף ואז מחשבות הלב ואיברי הגוף מתחברין כחדא ואינון משכין עלייהו זהורא דשכינתא לדיירא עמהון והוא בר נש איהו חולקא וכו' וצריך אותו האדם לדבק ביראת ה' כי אהבה ויראה תרווייהו כחדא אזלין כמבואר באריכות בראשית חכמה · (ה) וכמבואר בספר חרדים על פסוק ליראה את השם הנכבד והנורא ולאהבה אותו ופירוש הדבר הוא כשמזכיר את השם ירגיז ויזדעזע כל גופו וכשמברך איזה ברכה יברך בשפה ברורה ובהרגשת כל גופו ולא לזרוק הם ושלום ברכה מפיו במהירות · (ו) כמו שראיתי המון עם נכשלים בעון זה כשאוחזין איזה דבר מאכל ומשקה שצריך האדם לברך עליו ברכת הנהנין ועיקר מגמתו היא על המאכל וחושק להשליך המאכל בפיו במהירות והברכה אומר במריצות ובמהירות

גינומען וויא דער געשמאקער ריח פון קרבנות אונ אין דער צייט קוש איך אונ האלז דאש געשטאלט פון יעקב וואש זיא איז אויש גקריצט אין כסא הכבוד: (ב) נוא זעה וויא דיא ישראל זיינען גליבט פאר גאט ב"ה אונ וויא זאלין מיר אים ניט דינן מיט פארכט מיט גאר אונזער הארץ אונ מיט גאר אונזער לייב גיהערין מיר צוא דינען גאט ב"ה וואש ער איז וייט פון דיא רשעים אונ נאהענט צוא דיא צדיקים · אונ צוא אלע וואש רופין אים באמת אונ איטליכער וואש פארכט זיך פאר גאט אונ איילט זיך צוא גאטש רייד זאל ער מקיים זיין דאש וואש איך וועל ווייטער שרייבין · כדי דורך דעם זאל ער קומען צוא דינען גאט מיט ליבשאפט · אונ וועט זוכה זיין צוא עולם הבא · (ג) אונ דאש איז ער זאל זיך אלע טאג מאכין איין צייט צוא טראכטין דיא הייליקייט פון דעם באשעפער יתברך וואש איז זייער גרויש אונ האט פיל רבבות אונ אלפי אלפים כיתות מלאכים וואש זייא זאגין פאר אים שירה · אזוא וויא עש שטייט אין מחזור וקדושתך בפיהם אונ דיין הייליקייט זאגין זייא מיט זייער מויל ואביתה תהלה אונ דוא ווילשט דיא לויב פון דעם מענטשין וואש ער איז איין בשר ודם · אונ וויא פאר דארט גראז אונ וויא איין שאטין וואש ער גייט אוועק אונ זייא שטארבין דורך משפט אונ וועלין ווידער לעבעדיג ווערין דורך דיין רחמנות אונ דורך דער מחשבה וועט פלאמן זיין הארץ צוא גאטש דינסט · וויא עש שטייט אין זוהר אז איין מענטש טראכט אין גאטש דינסט גייט דיא מחשבה אויף פריער אויף דעם הארצין · וואש דאש הארץ איז דער באשטאנד אונ דער יסוד פון גאר דעם גוף · אונ דער נאך גייט דיא גוטע מחשבה אויף דיא איברים פון דעם גוף · אונ דענמאלט בהעפטין זיך אין איינם דיא מחשבה אונ דיא גלידער פון דעם גוף · אונ זייא ציהען אויף זיך דאש לויטערקייט פון דער נשמה · אונ דער מענטש האט איין חלק אויף עולם הבא: (ה) אונ דער מענטש מוז זיך באהעפטין אין גאטש פארכט · אזוא וויא אין ספר חרדים שטייט איין פירוש אויף דעם פסוק ליראה את השם הנכבד והנורא ולאהבה אותו איז אזו דער פירוש אז דער מענטש דער מאנט דעם נאמען פון גאט · זאל גאר זיין גוף ציטערין · אונ אז ער מאכט עפים איין ברכה זאל ער זיא מאכין באמעליך אונ גאר זיין לייב זאל פילין וויא ער מאכט דיא ברכה · אונ ניט ח"ו גיך דיא ברכה צוא זאגין גלייך וויא ער וואלט גינערין פטור ווערין פון איר · אזוא וויא איך האב גיזעהען דער פראסטער עולם ווערט גישטרויכילט מיט דער זינד דאש אז זייא האלטין עפים איין עסין ווארג אדער עפים איין משקה וואש דער מענטש באדארף פריער אברכה מאכין דרויף איידער ער וועט דאש עסין אדר טרינקען · איז זייער עיקר כוונה אויף דעם עסין אדער טרינקען אונ גילוסטין נאר אריין צוא ווארפין דאש עסין אין מויל אריין אונ דיא ברכה

זאגן

ובמהירות בלי שום דקדוק כלל ועגשו גדול מאוד וכמו שכתבתי לעיל בפרקים ע"ש מעשה בשם ספר חסידים · (ז) ובכלל העונש זה האומר שירות מזמורים פסוקי דזמרה ברהיטות ומבליעים אותיות ותיבות ונכשלים בזה רוב העולם ובפרט שצריכין להזהיר את חזני הארץ ע"פ הרוב הם מדקדקין בהרמת קולם אל הניגון ואין כוונתם כלל אל התפלה רק כוונתם הוא להתפאר בקולם ומקום עיקר שיר ושבח להקב"ה מבליעין וחוטפין ולחזנים כאלו אין תקומה לעתיד כי יפר"ח כאר"ז בלבנו"ן ס"ת חזן להורות כי החזנים המתפללים לפני העמוד בכוונה שלימה יהיה כארז בלבנון ישגה לעתיד · (ח) ודע כי סוד החזן הוא בולל שלשה שמות קדושים הוא שם הוי"ה ושם אדנ"י ושם שד"י כי חזן במלואו הוא חי"ת זי"ן נו"ן אותיות הראשונים הם חז"ן גימטריא אדנ"י אותיות אמצעיות הן גימטריא שם הוי"ה אותיות אחרונות הן גימטריא ת"ק שהוא הנעלם של שם שד"י על כן ראה כמה גדול כח של חזן שהוא כולל שלשה שמות יחד יחוד גמור משא"כ כשהחזן הוא קל בדעתו ואינו מכוין לבו לתפלה בכוונה להוציא הצבור כראוי אז הוא פוגם בשלשה שמות קדושים הללו ואז הוא מטיל מום בקדשים כי תפלה עכשיו בזמן הזה במקום קרבן קדוש · (ט) וזה הסוד מצאתי כתוב בשם קדמונינו רז"ל כי בפסוק שובי נפשי למנוחיכי כי ה' גמל עליכי וגו' יש שם גדול הנקרא מו"ם הנרשם ליודעי חן והמחסר יחסר לו מנוחה בעולם הבא וכן יוצר "משרתים "ואשר "משרתיו הוא ר"ת מו"ם וסימנך כי מו"ם בו פיגול הוא לא ירצה לקרבן לה' ותפלת עכשיו במקום קרבן ע"כ כל המבליעים בתפלתן הן בכלל אלו המטילין מום בקדשים וכן עונשן קשה של המפסיקים במקום שאין רשאי להפסיק · (י) כדאיתא בפסיקתא ההוא חסידא פגע ביה אליהו ז"ל והוי טעין בתריה ג' מאות גמלי של פורענות א"ל הני למאן א"ל למאן דמשתעי בין ברוך שאמר לישתבח ובין ישתבח עד תפלת י"ח כי האיש אשר ידבר ומפסיק בתפלתו הוא פוגם בכוחן של ישראל שרוצין לעשות כתר ועטרה בתפלתן ומכל שכן עונשו גדול מאוד מי שמפסיק בתפלתו ומדבר דברי ליצנות ומערב הקליפות בסיטרא קדישא ואדם כזה נראה שאין יראת ה' בלבו ואין אהבת ה' חקוקה בלבו וכל מה שעושה הוא על פי ההכרח ובעל כרחו אוי לנפשו וכמו כן כשאדם לומד

תורה

זאגין זייא זייער גישווינד גאר אן כוונה · איז זייער עונש זייער גרויש · אזו וויא איך האב גישריבין דרויף אין דעם פינפטין פרק איין מעשה וואש שטייט אין ספר חסידים · (ז) אונ אין כלל פון דעם עונש איז אויך דער וואש זאגט גיך לויבונג פון פסוקי דזמרה דאש איז פון ברוך שאמר ביז נאך ישתבח אונ שלינגען איין אותיות אונ ווערטער · אונ דער רוב עולם ווערין דרינען גישטרויכילט : (ח) אונ בפרט די חזנים דארף מען בוודאי מזהיר זיין · דען צום מיינשטין זיינען זייא גאר מדקדק אויף דעם ניגון אז דאש גיזאנג זאל שיין זיין אין דיא ווערטער אבער צוא דער תפלה איז זייער כוונה גאר ניט · נאר צו ברימען זיך מיט זייער קול · אונ דאש ארט וואש דארט איז דער עיקר גיזאנג אונ לויב צוא הש"י דאש חאפין זייא גאר אוועק אונ אזעלכע חזנים האבין קיין תקומה ניט אז משיח וועט קומן ווארום דיא ווערטער (יפרח כאר"ז בלבנון) דיא אותיות וואש שטייען צום סוף פון דיא ווערטער מאכין חזן דאש איז איין רמז אז דיא חזנים וואש דאווגען בייא דעם עמוד מיט רעכטער כוונה דיא וועלין בליען לעתיד · אזו וויא אטענגען בוים בליאט אונ גרייסט אין דעם וואלד לבנון : (ט) אבער דיא חזנים וואש זייער כוונה איז נאר אויף דעם זינגען · דער מיט צוא בארימן זיך · דיא וועלין דענמאלט קיין תקומה ניט האבין · אויך די וואש זיינען מפסיק אין מיטן דאווגען אויף אזו איין ארט וואו מען טאר ניט מפסיק זיין : (י) אזו וויא עש שטייט אין מדרש פסיקתא · דאש איין חסיד האט אמאל בגעגינט אליהו הנביא · אונ נאך אים זיינען נאך גגאנגען דריי הונדרט קעמלן וואש האבן גיטראגן פורעניות האט דער חסיד גיפרעגט צוא אליהו אויף ועמן איז דאש · האט אליהו צוא אים גיזאגט דאש איז צוא דעם וואש שמועסט צווישין ברוך שאמר אונ צווישין ישתבח אונ פון ישתבח ביז נאך שמונה עשרה · ווארום דער מענטש וואש טוט ריידין אונ איז מפסיק אין זיין תפלה · דער איז פוגם אין כח פון דיא ישראל וואש ווילן מאכין איין קרוין צוא הש"י דורך זייער תפלה אונ מכל שכן דער וואש איז מפסיק אין מיטן זיין תפלה אונ רעט ליצנות איז שוין אפשיטא אז זיין עונש איז נאך פיל גרעשער דען ער צוא מישט דיא קליפות מיט דער קדושה להבדיל · אונ אויף אזוא איין מענטש ווערט אן גיזעהן אז ער האט ניט גאטש פארכט אין זיין הארץ אונ דיא ליבשאפט פון גא···

איז

תורה צריך ללמוד בעיון רב לפי שכלו ולא במהירות וכוונתו להתפאר חס ושלום והלומד בענין זה ואינו מתכוין לכוין היטב תוך הדבר אזי עונשו הוא מרובה׃ (יא) גם צריך האדם לראות לקבל תורתו מכל אדם אפילו מתינוקות קטנים כדמצינו כמה פעמים בזוהר ועיקר בפ׳ ויקרא בההוא מעשה ר״י ור״ח ורבי יצחק הוי אזלי באורחא עד דהוי אזלי פגעי בההוא ינוקא והוי לעי אמר להו הבו לי רפתא דלא אכילנא יומא דין אפיקו נהמא ויהבו ליה אתרחיש ניסא ואשכחו חד נביעו דמיא תחות אילנא חד שתו מיניה׃ (יב) פתח האי ינוקא ויקרא אל משה אמאי אית אלפא זעירא בגין דהוי הקריאה בחי״ל במדבר ולא בארעא קדישא בגין דשלימו לא אשתכח וכו׳ ארי״ יאות הוי לינוקא דא דלא הוי ידע כולי האי דהא מסתפינא עליו אם יתקיים בעלמא בגין האי אמר רבי חייא למה א״ל דהא יכול להסתכל באתר דלית רשות לאסתכלא וכו׳ ומסתפינא עליו עד דלא ימטי לפרקוי יסתכל ויענשון ליה ושמע ההוא ינוקא אמר לא מסתפינא מעונשין לעלמין דהא בשעתא דאסתלק אבא מעלמא צלי עלי וידענא דזכותא דאבא יגין עלי א״ל מאן אבוך אמר ינוקא אנא בריה דרב המנונא סבא נטלו ליה ונשקוהו וארכיבו על כתפייהו תלת מילין׃ (יג) הרי לך אהבת ה׳ ואהבת התורה אף שהיו תנאים גדולים היו שומעים מקטנים והיו מכבדין לקטנים שהיו בעלי תורה אשריהם בעולם הזה וטוב להם בעולם הבא׃

פרק מב **כתיב** ובת כהן כי תהיה אלמנה וגרושה וזרע אין לה ושבה אל בית אביה כנעוריה וגו׳ בתרומת הקדשים לא תאכל וכו׳ מקרא זה נדרש בזוהר דמרמז על הנשמה שנבראת

איז ניט אויש גיקריצט אין זיין הארץ אונ דער וואש זאגט ער מוז דאש טאן דען איינר גייט אים ער זאל מפסיק זיין אדר איין אדם חשוב פרעגט אים עפעס מוז ער אים ענטפרן׃ איז ווייא צוא זיין נשמה׃ אונ אזוא אויך אז דער מענטש לערינט תורה׃ מוז ער לערנען מיט גרויש עיון וועדליג זיין שכל אונ ניט גיך אונ זיין כוונה זאל ניט זיין ח״ו צו באריםן זיך מיט דעם לערנען אונ דר וואש לערינט נאר פון גאוה וועגין׃ אונ איז זיך ניט מתכוין גוט צוא פאר שטיין דעם תוך פון דער זאך דער ווערט זייער פיל גישטראפט׃ (יא) אויך מוז דער מענטש מקבל זיין תורה פון איטליכן מענטשין אפילו פון קליינע קינדער אזוא וויא מיר גיפינען אין זוהר פרשת ויקרא רבי יוסי אונ רבי חייא אונ רבי יצחק זיינען גיגאנגען אין וועג׃ האבין זייא בגעגינט איין קינד גייט אונ איז מיד האט דאש קינד צוא זייא גיזאגט גיט מיר ברויט ווייל איך האב היינטיגין טאג ניט גיגעסין האבין זייא ארויש גינומען ברויט אונ האבין אים גיגעבין האט זיך גיטראפין איין נס׃ דאש זייא האבין גיפונען איין קוואל וואשר אונטר איין בוים האבין זיי פון אים גיטרונקען (יב) האט דאש קינד אן גיהויבן אונ האט גיזאגט ווארום שטייט אין דער תורה ויקרא אל משה מיט אקליינע אלף דר תירוץ איז ווייל דאש רופין וואש גאט ב״ה האט גירופין צוא משה איז גיוועין אין חוץ לארץ אין דער מדבר׃ אונ ניט אין היליגן לאנד דאש איז ארץ ישראל האט רבי יהודה גיזאגט עש וואלט בעשר גיוועזן פאר דעם קינד אז ער זאל ניט אזו פיל סודות ווישין ווארום איך האב מורא פאר אים אז ער וועט ח״ו ניט האבין קיין קיום אויף דער וועלט׃ האט רבי חייא גזאגט צו ר״י פאר וואש זאל ער ח״ו קיין קיום ניט האבין האט ר״י צוא אים גיזאגט ווייל ער קען קוקין אין אזוא איין ארט וואש מיר האבין קיין רשות ניט צו קוקין דרום האב איך מורא ער זאל ניט גישטראפט ווערין אונ זאל ח״ו שטארבין פאר זיין צייט׃ האט דאש קינד דער הערט וואש זייא שמועסין׃ האט ער גיזאגט איך האב קיין מורא ניט ווארום בשעת אז מיין פאטער איז גישטארבין האט ער אויף מיר מתפלל גיוועין אונ איך וויש אז דר זכות פון מיין פאטער וועט מגין זיין אויף מיר האבין זייא אים גיפרעגט ווער איז גיוועין דיין פאטער האט דאש קינד גיזאגט איך בין דער זון פון רב המנונא סבא׃ האבין זייא אים גינומען אונ האבין אים גיקושט אונ האבין אים גיטראגין אויף זייער אקסל דרייא מייל׃ (יג) נוא קאנשטו זעהן וויא זייא האבין ליב גיהאט גאט ב״ה אונ דיא תורה דען חאטשע זייא זיינען גיוועזן גרוישע תנאים האבין זייא פארט גיהערט תורה פון קליינע קינדר אונ האבין ערליך גיהאלטין די קינדר וואש האבין גיקאנט לערנן וואול איז צוא זייא אויף יענער וועלט׃

פרק מב כתיב עש שטייט אין פסוק׃ (א) ווען איין טאכטר פון אכהן נעמט אמאן איין ישראל טאר זיא קיין תרומה ניט עסן׃ אבר אז איר מאן האט זיא גיגט אדר ער איז גישטארבין אונ זיא האט מיט אים קיין קינדער ניט זאל

זיא

שנבראת לילך להגוף לתקנה ולקשטה במעשים טובים: (ב) וכשהאדם עושה עבירה ופוגם את נשמתו אז הנשמה צועקת אל ה׳ ואומרת נתנני ה׳ בידי לא אוכל קום והקב״ה שומע צעקתה ואומר להנשמה בתי החביבה מגודלת היית באור הכבוד תחת כסא כבודי ונקראת בת החביבה והורדתיך לגוף האדם והייתי סובר להעלותך למעלה למעלה במעשה האדם הטוב ועכשיו שחטא האדם היא ירידה לך שירדת מאיגרא רמא לבירא עמיקתא לגוף האדם ונקרא הנשמה גרושה כי עכשיו נתגרשה ממקומה בע״כ והש״י שומע צעקתה ונוטל הנשמה מהגוף ומצרפה על ידי דינים ואחר כלות צירוף הדינים היא מתענגת ואוכלת מעונג אביה שבשמים: (ג) וזש״ה ובת כהן שהיא הנשמה הנקראת בת כהן כי תהיה אלמנה וגרושה שמת האדם והנשמה נקראת גרושה מהגוף וזרע אין לה ר״ל אין לה שום פרי של מצות ומעשים טובים שלא הוליד מלאכין קדישין כי מכל מצוה שעושה האדם נברא מלאך אחד מהמצות ושבה אל בית אביה אחר הצירוף והליבון אמנם בתרומת הקדשים לא תאכל כמו שהיתה אוכלת כבר לפי שנעשית זרה וכתיב כל זר לא יאכל קדש כי אם צדיקים וחסידים עליהו נאמר אכלו רעים שתו ושכרו דודים ועל אזהרה זו שלא לדחות הנשמה הקדושה כרוז יוצא בכל יום קלא מן קלא נחית (כמו שפירשו התוספות בת קול שהוא קול יוצא מן קול אחר כמו שקורין בלשון אשכנז ווידר קלאנג) מעילא לתתא מתבר טורין מאן אינון דחמאן ולא חמאן אטימין אודנין סתימין עיינין לא חמאן ולא שמעין ולא ידעין בסכלנותא הן אינון דדחיין נשמתא קדישא מאתרהא שלא יכתבון יתה בספרא דחיים כד״א ימחו מספר חיים ועם צדיקים אל יכתבו ווי לון כד יפקון מהאי עלמא יתמסרון בידיה דדומה ויתוקדון בנורא: (ד) ע״כ כל הירא וחרד מזרע ישראל יום יום יחשוב על סופו כי הוא מתרחק מהחיים ומתקרב אל המות וכל אדם יחשוב בלבו שנותיו כמה ימי חייו כי טבעו של אדם הוא רק ע׳
שנה

זיא ווידער קערין צוא איר פאטערש הויז · אבער קיין קדשים טאר זיא ניט עסין דער פסוק ווערט גידרשת אין זוהר אז דאש איז מרמז אויף דר נשמה וואש זיא ווערט גירופן בת כהן דאש זיא איז בשאפין גיווארין אריין צוא גיין אין גוף צו פאריכטן אונ אויש ציר׳ן זיא מיט גוטע מעשים: (ב) אונ אז דער מענטש טוט איין עבירה אונ איז פוגם אין זיין נשמה · שרייעט דיא נשמה צוא גאט · אונ זאגט גאט האט מיך גיגעבין אין זעלכע הענט אריין וואש איך קען ניט אויף שטיין · אונ גאט ב״ה הערט איר גישרייא · אונ זאגט צוא איר נשמה מיין ליבע טאכטער דוא בישט גיוועזן גיוואקסין אין דעם ליכט וואש אונטר מיין כסא כבוד אונ איך האב דיך אריין גינידערט אין גוף פון דעם מענטשין כדי דוא זאלשט נאך העכר אויף גיין דורך דיא גוטע מעשים פון דעם מענטשין אונ איצונד אז דר מענטש האט גיזינדיגט איז דאש דיר איין ירידה · דען דוא האשט גינידערט פון איין הויכין בודים צוא איין טיפין גרוב דאש איז פון דעם הימל צוא דעם גוף פון איין מענטשין · ווערט דיא נשמה איצונד גירופין גרושה ווייל זיא איז איבר דאנק פאר טריבין גיווארין פון איר ארט · אונ גאט ב״ה הערט איר גישרייא אונ נעמט צוא דיא נשמה פון דעם גוף · אונ לייטרט זיא איבער דורך יסורים · דען אז זיא ווערט שוין גילייטערט זעניפט זיא זיך אונ האט הנאה פון דעם תענוג פון גאט ב״ה: (ג) אונ דאש מיינט דער פסוק ובת כהן דאש איז דיא נשמה וואש זיא ווערט גירופין בת כהן כי תהיה אלמנה וגרושה אז זיא וועט זיין איין אלמנה אונ איין גרושה דאש דער מענטש שטארבט אונ דיא נשמה איז אוועק גיטריבין פון דעם גוף אונ פון איר ארט וזרע אין לה אונ זיא האט ניט מוליד גיוועזן קיין שום מצות אונ מעשים טובים דרום האט זיא ניט מוליד גיוועזן קיין שום הייליגע מלאכים · ווייל פון דיא מצות וואש דער מענטש טוט ווערין בשאפין מלאכים אונ זיא האט דאך אבר קיין מצות ניט גיטאן דרום האט זיא ניט מוליד גיוועזן קיין שום מלאך ושבה אל בית אביה זאל זיא ווידער קערין צוא גאט ב״ה נאך דעם אז זיא ווערט אויש גילייטערט אבר בתרומת הקדשים לא תאכל קיין קדשים זאל זיא ניט עסין אזו וויא זיא האט פריער גנעסין איי זיא איז גיקומן אין גוף אריין: ווייל זיא איז גיווארין פרעמד דאש זיא האט קיין מעשים טובים ניט אונ עש שטייט דאך וכל זר לא יאכל קדש · אונ איטליכר פרעמדר זאל ניט עסין קיין קודש: נאר די צדיקים אונ דיא חסידים אויף זייא ווערט גיזאגט דער פסוק אכלו רעים שתו ושכרו דודים דאש איז טייטש איר צדיקים עסט אונ טרינקט כלומר האט הנאה פון מיין קרושה: (ד) דרום דר וואש איז פון די זרע ישראל אונ פארכט זיך
זאל

שנה ואף אם עדיין רך בשנים אין לאדם שטר קיש"ר על מספר ימי חייו ופתע פתאום המות רודפהו
וראייה מהגמרא דנדרים האומר לא אפטור מן העולם עד שאהיה נזיר מהוא רגע הוא איתפיס בנזיר
דאמרינן כל שעתא ושעתא דילמא מיית ועל כן ארז"ל שוב יום אחד לפני מיתתך ונמצא כל ימיך
בתשובה: (ח) ועיקר ומקור שיהיה לפני אדם רשום כל דברים המעכבים את התשובה וכל המעיין
בהם בכל יום אני בטוח בו שבודאי אינו נכשל והנה אצי"ג לך פרק בפני עצמו שכ"ד דברים הן
המעכבים התשובה שומר נפשו ירחק מהן ואז טוב לו יהיה סל"ה אמן:

פרק מג **אלו** הן כ"ד דברים המעכבים את התשובה· (א) לשון הרע ורכילות· (ב) רגזן· (ג) בעל מחשבות רעות· (ד) המתחבר לרשע· (ה) הרגיל בסעודה שאינה מספקת לבעליה· (ו) המסתכל בעריות· (ז) החולק עם גנב· (ח) האומר אחטא ואשוב· (ט) או האומר אחטא ויום הכפורים מכפר· (י) המבזה תלמידי חכמים· (יא) המקלל לרבים· (יב) המונע רבים או יחיד לעשות מצוה· (יג) והמטה את חבירו מדבר מצוה לדבר עבירה· (יד) המשתמש בעבוטו של עני· (טו) המקבל שוחד· (טז) המוצא אבידה ואינו מכריז עליה להחזירה· (יז) ומי שבניו יוצאין לתרבות רעה ואין מוחה בידן· (יח) הפורש עצמו מן הציבור· (יט) המתכבד בקלון חבירו· (כ) החושד בכשרים

זאל ער טראכטין אלע טאג אויף זיין סוף ווארום ער ווערט אלע מאל דר ווייטערט פון דעם לעבין אונ גינעהנט צום טויט אונ איטליכר מענטש זאל זיך ברעכנן נאך זיינע יארין נאך וויפל ער האט נאך צוא לעבין: דען דיא טבע פון דעם מענטשין איז צוא לעבין זיבציג יאר אבר קיין בריף אונ קיין ערוב האט ער נים וויפיל ער זאל לעבין קען זיין אז דער טויט זאל ח"ו פלוצלונג אים נאך יאגן אונ איין ראיה איז דער צו פון דער גמרא נדרים: דען די גמרא זאגט אין נדרים ווען איינר זאגט: איך וועל נים שטארבין ביז איך זאל פריער זיין איין נזיר: ווערט ער תיכף דיא רגע איין נזיר ווארום מיר זאגין טאמר שטארבט ער באלד· אונ אויך דרום האבן אונזרע חכמים ז"ל גיזאגט טוא תשובה איין טאג פאר דיין טויט אונ דוא ווייסט דאך נים ווען דוא וועסט שטארבין ווערט גפונן אז דוא דארפשט אלע דיינע טעג תשובה טאן: (ח) אונ דער עיקר איז אז פאר איטליכען מענטשין זאל זיין פאר צייכנט דיא זאכין וואש זיינן מעכב דיא תשובה· אונ אז ער וועט איטליכען טאג אין זייא מעין זיין וועט ער זיך בוודאי היטן ער זאל אין זייא נים גישטרויכילט ווערין· אונ נון איך וועל דיר שטעלין אבזונדרן פרק אז פיר אונ צוואנציג זאכין זיינן פר האנדין וואש זיינן מעכב דיא תשובה· אונ דער וואש וויל היטן זיין לייב זאל זיך דער ווייטרין פון זייא· אונ דענמאלט וועט אים אייביג גוט זיין אמן:

**פרק מג** אלו הן כ"ד דברים המעכבים את התשובה דאש זיינן די פיר אונ צוואנציג זאכן וואס זיינען מעכב דיא תשובה דאס הייסט ווען איינר טוט אויך פון דיא פיר אונ צוואנציג זאכין קאן ער קיין תשובה נים טאן סיידן אז ער טוט פריער תשובה אויף דער זאך: (א) ווען איינער רעט לשון הרע אונ רכילות: (ב) ווען איינער איז אגרוישער כעסן: (ג) ווען איינר טראכט אלץ שלעכטע מחשבות: (ד) ווען איינר בהעפט זיך צוא איין רשע: (ה) ווען איינר איז גיוויינטליך צוא עסין אויף אזוא אסעודה וואש זיא איז נים גינונג צום בעל הבית דאש הייסט ווען ער עסט בייא איין ארום מאן וואש ער האט אליין ווייניג צוא עסין: (ו) ווען איינר קוקט אויף פרעמדע ווייבר: (ז) ווען איינר צו טיילט זיך מיט איין גנב מיט אגניבה חאטשע ער האט זיא אליין נים גינגבת: (ח) ווען איינר זאגט איך וועל זינדיגען אונ דער נאך וועל איך תשובה טאן· אדר ער זאגט איך וועל זינדיגן אום יום כיפור וועט מיר מכפר זיין די עבירות: (י) ווען איינר איז מבזה תלמידי חכמים: (יא) ווען איינער שילט פיל לייט: (יב) ווען איינער פאר מייט פיל לייט אדר אפילו איין מענטשין צו טאן אמצוה: (יג) ווען איינר רעט אן זיין חבר צוא איין עבירה: (יד) ווען איינר ניצט מיט דעם משכון וואש איין ארום מאן האט בייא אים פר זעצט: (טו) ווען איינר נעמט שוחד: (טז) ווען איינר גיפ גט עפיש אונ רופט נים אויש אז ער האט דאש אונ דאש גיפונען כדי דער בעה"ב זאל קומן אונ זאל דיא אבידה זיך אפ נעמען: (יז) ווען זיינע קינדר גייען אין שלעכטין וועג אונ ער שטראפט זייא דרויף נים: (יח) ווען איינער שייד זיך אפ פון דעם ציבור דהיינו ער וויל נים געבין קיין מס גלייך מיט זייא

ארדער

בכשרים · (כא) השונא תוכחות · (כב) המלעיג על דברי חכמים · (כג) המלעיג על המצות (כד) ומנהג חסידים · (א) הא לך כ"ד דברים שאדם צריך ליזהר בהם · (ב) וכל אדם ירא שמים בידו להעתיק אותם רשום בכתב אמת ולהניח בסדור תפלה שלו להיות עיניו משוטט בהם בכל יום פעמים ערב ובקר ולא יהיה נכשל בהם · (ג) והנה בכלל כ"ד דברים הנזכרים יש הרבה אזהרות כמו שאבאר מקצת מהן בע"ה · (ד) בכלל רכילות הוא שלא יאמר הבורר לאחד מבעלי בתים שיש להם איזה משפט מה אעשה הייתי רוצה לזכות אותך אך חבירי רבו עלי · (ה) גם לא יאמר א' מן השוק שסיפר לפניו הפסק דין ויאמר הבוררים עשו שלא כדין ואף אם נראה לו שלא דנו היטב לא יאמר כך מסתמא עושין כדין כי אין לו אלא מה שעיניו רואות · (ו) בכלל לשון הרע יש כמה דברים והן מבוארים בכל ספרי מוסר · (ז) אמנם זה הכלל נקוט בידך שתדין כל אדם לכף זכות אף לשונא · (ח) בכלל בעל חימה הוא מי שהוא אכזר ואינו שומע זעקת דלים · (ט) ואינו דן לכף זכות נוקם ונוטר בעל מריבה · (י) בעל העזה ואינו בוש מבני האדם מוציא תדיר קללה מפיו מטיל אימה יתירה בתוך ביתו אינו מתנהג בנחת עם בריות · (יא) בעל מחשבות רעות יועץ שלא לשם שמים קושר קשרים וקנוניות מחזיק במחלוקת מחזיק ידי בעלי מחלוקת רואה עושי עולה ואינו מוחה בידם נותן יד לפושעים · הרגיל

בסעודה

אדר זיי זיינן גוזר תענית אונ ער וויל ניט פאסטין ; (יט) ווען איינר ווערט גיערליכט דורך זיין חברש שאנד : (כ) ווען איינער איז חושד ערליכע לייט אויף איין דבר עבירה ; (כא) ווען איינר האט פיינר שטראף רייד דאש הייסט ער האט פיינט אז מען שטראפט אים : (כב) ווען איינר שפעט אויש דיא רייד פון דיא חכמים : (כג) ווען איינער שפעט אויש דיא מצות פון הש"י : (כד) ווען איינר שפעט אויש דעם מנהג פון די פרומע לייט ; (א) נוא האב איך דיר דא גישריבן דיפיר אונ צוואנציג זאכין וואש אמענטש בדארף גזהר זיין אז ער זאל זייא ניט טאן : (ב) אונ איטליכער מענטש וואש פארכט זיך פאר גאט גיהער ער זיך זייא אויף שרייבין אונ זאל עש ארין לייגין אין דעם סידור וואש ער דאבינט דרויש כדי ער זאל זייא לייענין צוויא מאל אין טאג דאש הייסט אויף דער נאכט אונ אין דער פריא כדי ער זאל ניט נכשל ווערין אין דיא זאכין : (ג) אונ אין דעם כלל פון דיא פיר אונ צוואנציג זאכין איז פאר האנדין נאך פיל אזהרות אזוא ווי איך וועל אטייל פון זייא בשיידין מיט גאטש הילף : (ד) אין דעם כלל פון רכילות איז אז איין בורר זאל ניט זאגין צו איינם פון די בעלי דינים וואש ער איז ארויש גיגאנגען הייב פון דיא בוררים איך האב דיך גיוואלט מזכה זיין אז דוא זאלשט גיווינען דעם משפט נאר מיינע חברים זיינען מער פון מיר האבין זייא מיך גובר גיוועזן · הייסט דאש אויך רכילות : (ה) אונ אויך איינער פון דעם מארק כלומר אפרעמדער וואש איז נאר ניט גיזעסין אויף דעם משפט אונ מען האט פאר אים דער צייל[ט] וויא דיא בוררים האבין גיפסקת זאל ער ניט זאגין די בוררים האבין שלעכט גיפסקת אונ ווען אפילו אים דאכט זיך אז זייא האבין ניט גוט גיפסקת זאל ער אלץ דאש ניט זאגן ווארום מן הסתם פסקנת מען בוודאי רעכט : (ו) אונ אין דעם כלל פון לשון הרע איז אויך פאר האנדין פיל ערלייא זאכין אונ זייא שטייען שוין אין אלע ספרי מוסר : (ז) נאר דעם כלל נעם דיר פיר אז דוא זאלשט איטליכן מענטשין דן זיין לכף זכות אפילו צוא דיין שונא זאלשטו אויך דן זיין לכף זכות אז דוא ועשט אזו טאן וועשטו שוין קיין מאל ניט קומן צו קיין לשון הרע ; (ח) אונ אין דעם כלל פון איין רגזן איז דער וואש איז איין אכזר אונ הערט ניט צו דאש גישרייא פון ארמע לייט כלומר ער האט אויף זייא קיין רחמנות ניט : (ט) אונ דער וואש איז ניט דן קיין מענטשין לכף זכות אונ דער וואש איז זיך נוקם ונוטר דאש הייסט ווען איינער טוט אים עפיש שלעכץ האלט ער דיא שנאה אין זיין הארץ אונ אז ער קאן אים נאר אפ טאן בייז טוט ער אים · (י) אונ דער וואש איז איין עזות פנים אונ שעמט זיך ניט פאר לייט אונ דער וואש ציהט תמיד אויש קללות פון זיין מויל אונ ער איז זיך ניט נוהג מיט נחת מיט לייט כלומר ער רעט מיט זייא ניט מיט נחת נאר אלץ מיט רוגזה דאש איז אלץ אין דעם כלל פון רגזן : (יא) אין דעם כלל פון שלעכטע מחשבות איז אז ער גיט דעם חבר איין עצה ניט לשם שמים נאר ווערליג אים טויג אזו איין עצה גיט ער דער חבר : ער שטארקט

אין

בסעודה שאינה מספקת לבעליה · הגוטל צדקה ואינו צריך ליטול · (יב) בכלל המסתכל בעריות ובנשים הוא המסתכל בשחוק ליצנות ששמחים בו הלצים · בכלל החולק עם הגנב הוא הקונה גניבות וגזילות · בכלל האומר אחטא ואשוב הוא האומר יש לי עוד זמן לילך בדרך הצדיקים שעדיין אני רך בשנים ובכלל זה האומר אזהרות ופרישות אינם כי אם על גדולי חקרי לב ואני הוא מן אותו הכת שמפרידין עצמן במזיד מהקדושה העליונה · (יג) בכלל המבזה תלמידי חכמים הוא השומע בזיון ת"ח אפילו שלא בפניו ושותק ובאשר שהדור הזה הוא פרוץ לבזות לומדים ותלמידי חכמים ועונשם המה מרובים כאן קצרה היריעה ולקמן בפרקים נרחיב בזה · (יד) בכלל המקלל הרבים הוא ישראל הקורא תגר על ישראל דהיינו שמדבר רעות על קהל ועדה ומהפך ענין זכות לחובה וחובה לזכות ופותחין את פיהם בקללות לעורר דין על רבים ועונשם הוא מרובה וראייה מי לנו גדול מאליהו הנביא זכור לטוב וישעיהו הנביא שקבלו עונשם כאשר דברו סרה על ישראל וכן רבים מנביאים נענשו שלא דברו טוב על ישראל ולא התפללו על ישראל להליץ בעדם · (טו) בכלל זה יהיו נזהרים המוכיחים שבאים להוכיח את ישראל צריך מאוד התבוננות ומתינות לדבר בלשון צחות ובלשון נקייה ובכבוד שלא לעורר דין חס ושלום על עם ישראל ויהיה הדין רופס ומטפס על נקי ועל שאינו נקי ויגרום הפסד ונזק חס ושלום ע"כ צריך האדם אף המוכיח להזהר שלא לבייש את עוברי עבירה ולא תזוח דעתו עליו בשעת התוכחה כי אז ח"ו מכנים הקליפה בענין התוכחה ודבריו אינם עושין פעולות ואין דבריו נשמעין ואדרבה הוא מקלקל העולם וגורם רעה לעצמו ולאחרים ואף בכל דבר שבקדושה אם הגאוה קודמת לה מערבבים הקליפה ורבים הי"ו מתפללים

אין דער מחלוקת · אדר ער שטארקט דיא בעלי מחלוקת דהיינו ער גיט זייא געלט זייא זאלין קענן זיך לאדין ער זעהט איינר טוט איין עולה אונ ער ווערט אים ניט דער וואש איז גיוואונט צוא עסין אויף זעלכע סעודות וואש זיא איז ווייניג פאר איר בעל הבית אליין דער וואש נעמט צדקה אונ דארף ניט נעמן : (יב) אין דעם כלל פון מסתכל בעריות איז · דער וואש קוקט אויף איין ליצנות וואש דיא ליצנים פרייען זיך · אין דעם כלל וואש ער צו טיילט זיך מיט איין גנב איז אויך דער וואש קויפט גניבות אונ גזילות אין דעם כלל וואש איינר זאגט איך וועל זינדיגין אונ וועל דער נאך תשובה טאן איז אויך דער וואש זאגט איך וועל נאך צייט האבין פרום צוא זיין וויל איך בין נאך יונג אונ אין דעם כלל איז אויך דער וואש זאגט דיא אזהרות אונ פרישות זיינן מער ניט נאר פון דיא פרומע לייט וועגין אבער איך בין פון דער כיתה וואש זייא שיידין זיך אפ במזיד פון דער אייבערשטר קדושה : (יג) אין דעם כלל פון מבזה תלמידי חכמים · איז אויך דר וואש הערט וויא אננדרר איז מבזה איין ת"ח האטשע אונטער דיא אויגן פון דעם ת"ח · אונ דער וואש הערט דאש אונ שווייגט איז גלייך וויא ער אליין איז מבזה איין ת"ח אונ ווייטר אין דיא פרקים וועלין מיר דער פון פיל שרייבן : (יד) אין דעם כלל פון דעם וואש איינר שילט פיל לייט · איז אויך דער ישראל וואש רעט שלעכטש אויף די ישראל אונ פר קערט איין מצוה צוא איין עבירה אונ איין עבירה צוא איין מצוה אונ שילט זייא אונ דער וועקט אויף זייא דינים דר וואש טוט דאש איז זיין עונש זייער פיל · אונ איין ראיה איז דר צו · דען ווער איז בייא אונז גרעשער פון אליהו הנביא אונ ישעיה הנביא זיינען זייא אויך גישטראפט גיווארין וייל זייא האבין גרעט בייז אויף דיא ישראל אונ אזו אויך פיל נביאים זיינן גשטראפט גיווארין ווייל זייא האבין ניט גירעט קיין גוטש אויף דיא ישראל אונ האבין ניט מתפלל גיוועזן אויף זיי : (טו) אונ אין דעם כלל איז אויך די מוכיחים וואש קומען שטראפין דיא ישראל מוזין זייא זיך גוט מיישב זיין צו שטראפין מיט איין שיין לשון אונ מיט כבוד כדי ער זאל ניט דער וועקן קיין דין ח"ו אויף ישראל · אונ דער דין וועט טרעטין ח"ו אויף דעם רשע אונ אויף דעם צדיק אונ וועט ח"ו גורם זיין פיל שאדין · דרום מוז דער מוכיח אויך זייער נזהר זיין ער זאל ניט מבייש זיין דיא וואש האבין גיטאן עבירות · אונ זאל אויך קיין גאוה ניט האבין בשעת ער שטראפט די לייט · ווארום אז ער האט יוא גאוה ברייננט ער ח"ו ארייין די סטרא אחרא אין דעם שטראפין · טוען זיינע רייד שוין קיין פעולה ניט אונ ווערין ניט צו גהערט אדרבה ער מאכט נאך קיילע דר מיט אונ איז גורם בייז צו זיך אליין אונ צו אנדרע אונ אויך אין אלע היילינגע זאכן אויב דרינן האט גיפעדרט גאוה · מישן זייא ארייין די סטרא אחרא אין דער קדושה אונ פיל מוכיחים זיינן מתפלל איין

קורצע

מתפללים תפלה קצרה שלא תזוח דעתם ולא יהיה רמות רוח בקרבם: (טז) והנה תרפואה היא לבלת, להכשל בנדנוד יוהרא ע"י לימוד התורה שמחדש ברבים בהשים אל לבו כי אף שהוא גדול בדורו לאין שיעור על כל זה אינו בערך רשב"י ואעפ"כ היה עניו מאוד כמבואר בזוהר שמות רבי חייא הוי אזיל לגבי מארי דמתניתין למילף מינייהו אזיל לגבי ר' שמעון בן יוחאי וחמא פרגוד חד דהוי פס"ק בביתיה חמא ר' חייא אמר אשמע מלה מפומיה מהכא: (יז) שמע דהוי אמר ברח דודי ודמה לך לצבי וגו' אין חיה בעולם עושה כמו הצבי בזמן שהוא בורח הולך מעט ומחזיר ראשו למקום שיצא משם ולעולם תמיד הוא מחזיר את ראשו לאחוריו כך אמרו ישראל רבש"ע אם אנו גורמין שתסתלק מבינינו יהי רצון שתכרת כמו הצבי ותסתכל בנו תמיד למקום שהנחת אותנו וכן עושה החיה הנקראת עופר האילים ולכן אמר שלמה דומה דודי לצבי או לעופר האילים וזהו דכתיב לא מאסתים ולא געלתים לכלותם וגו' שמע רבי חייא ואמר עלאי עסקין בביתא ואנא יתיב אבראי ובכה שמע רשב"י אמר ודאי שכינתא לבר מאן יפוק אמר רבי אלעזר בריה ליעול שכינתא ותיהוי חדוה שלימא שמע ר' אלעזר קלא דאמר עד לא סמיכן אסתמכו (פירוש העמודים) עדיין לא נגללו היטב ותרעין לא אתקנו למיפתח שיבא בהם ר' חייא ומעוטר דבוסמיא דעדן · לא נפיק ר' אלעזר ור' חייא יתיב ובכה ואתנגנת: (יח) פתח ואמר סוב דמה לך דודי לצבי או לעופר האילים אתפתח תרעא דפרגודא ואף על פי כן לא עייל ר' חייא שהיה ירא להכנס בלא רשות זקיף רבי שמעון עיניו ואמר שמא אתייהב רשות למאן דאיהו אבראי שיכנס קם ר' שמעון בן יוחאי ואזיל לר' חייא אזיל אשא מהוכתיה דרשב"י

עד

קורצע תפלה אז זייא זאלין קיין גאוה ניט קריגין בשעת דרשה: (טז) אונ דיא רפואה איז דאש דער מענטש זאל ניט גישטרויכלט ווערין אין איין שום גאוה דורך דר תורה וואש ער איז מחדש ברבים דאש ער זאל טאן צו זיין הארץ אז האטשע אין זיין דור איז · ער זייער אגרוישר למדן · פון דעשט וועגין אנטקעגין רבי שמעון בן יוחאי איז ער דאך גירעכינט פאר נישט אונ פון דעשט וועגין איז רבי שמעון גיוועזן זייער אגרוישער עניו אזו וויא עש שטייט אין זוהר שמות · רבי חייא איז גינאנגן לערנען פון דיא תנאים · איז ער גינאנגן צוא רשב"י אונ האט גיזעהן וויא איין פיר האנג פון פייער האט מפסיק גיוועזן אין זיין הויז · האט ר' חייא זיך פאר וואונדרט אונ האט גיזאגט איך וועל פון דאנען הערין עפים תורה: (יז) האט ער גיהערט וויא רשב"י זאגט דעם פסוק ברח דודי ודמה לך לצבי או לעופר האילים די ישראל זאגין צו הש"י דוא גוטר פריינד בישט אוועק יולאפין פון דעם בהמ"ק אונ ביסט גלייך וויא איין הירש אונ אזוא וויא דיא חיה וואש הייסט עופר האילים · דען קיין שום חיה טוט ניט אזו וויא איין הירש · דאש בשעת ער לויפט · גייט ער אביסל אונ קערט אום זיין קאפ קוקין אויף דעם ארט וואש ער איז פון דארט ארויש גינאנגן אזו האבין דיא ישראל גיזאגט רבש"ע אויב מיר זיינען גורם דו זאלסט ווערין אפ גיטאן פון אונז יהי רצון דוא זאלסט אוועק לויפן וויא איין הירש אונ זאלסט תמיד קוקין צוא דעם ארט וואש דו האשט אונז דארט גילאזט · אונ אזוא אויך טוט דיא חיה וואש הייסט עופר האילים האט רבי חייא דאש גהערט אונ האט גיוויינט אונ האט גיזאגט וויפיל גרוישע לייט האבן איין זכיה צו זיין אין שטוב ביי רבי שמעון בן יוחאי אונ איך זיץ אין דרויסן · האט רשב"י דער הערט דאש קול פון רבי חייא האט ער גיזאגט גיהער דען שטייען אין דרויסן אזוא איין מענטש וואש דיא שכינה איז מיט אים לאז ער ארין גיין · האט רבי אלעזר זיין זון גיזאגט לאז ער ארין גיין וועט דיא חדוה זיין אין גאנצין · האט רבי אליעזר גיהערט איין בת קול האט גיזאגט · עש איז גאר ניט דיא צייט רבי חייא זאל ארין גיין · איז רבי חייא נאך גישטאנען אין דרויסן אונ האט גיוויינט · (יח) האט רבי חייא גיזאגט דעם פס"ק סוב דמה לך דודי לצבי או לעופר האילים האט זיך גיעפינט איין טיר אין דעם פיר האנג פון דעשט וועגין איז רבי חייא פארט ניט ארין גיגאנגן ווייל ער האט מורא גיהאט ארין צו גיין אן רשות · האט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזאגט טאמר איז שוין גיגעבין גיווארין רשות צוא דעם וואש שטייט אין דרויסן ער זאל שוין ארין גיין · איז רשב"י אויף גישטאנן אונ איז גיגאנגן צו רבי חייא · איז נאך גנאנגן איין פייער פון דעם ארט וואו רשב"י איז גוועזן פריער ביז צו רבי חייא · האט רבי שמעון גיזאגט די גרויש ליכטיגע פונק פייער דאש איז רבי חייא זאל שטיין אין

דרויסן

עד דוכתיה דרבי חייא אמר רבי שמעון בן יוחאי קוזדיפא דנהורא דקילטרא לבר ואנא הכא (פי' ניצוץ פטיש יהיה בחוץ ומאיר ולא ייעו"ל) אתאלם פומיה דרבי חייא כיון דעאל לגו מאיך עינוי ולא זקיף רישיה׃ (יט) אמר רבי שמעון בן יוחאי לרבי אלעזר בריה קום העבר ידך אפומיה דלא רגיל בהאי קם רבי אלעזר והעביר ידוי אפומיה דרבי חייא ואמר חמא עיני דלא חזינא והיו יושבים והיה אש ונורא שביבין מסכבין ואלף אלפין רבוא רבבות כתות מלאכי אש סביבותם ומאתן ושיתין עלמין מזדעזעים ומילין נפקין מפה רבי שמעון בן יוחאי׃ (כ) והיו העליונים תווהן ואמרין הדין הוא רבי שמעון בן יוחאי דמרעיש כולי עלמא מאן יכיל למיקם קמיה דין הוא רבי שמעון בן יוחאי דבשעתא דפתח פומיה למילעי באורייתא צייתון לקליה כל כורסון וכל רקיען וכל צבא מעלה האומרים שירות ותשבחות להקדוש ברוך הוא כולם שותקין מאין שומע קלם ולא נשמע שום פתחון פה משום מלאך ושרף ואופן וכרוב בעולמות העליונים כדי לשמוע קולו של רשב"י וכד מסיים מילי דאורייתא אזי פותחין המלאכים עם כל צבא מעלה לומר שירות ותשבחות ורוב שמחות להקב"ה על שברא נשמה קדישא וטהורה כמו נשמת רשב"י והשערים נפתחים עם כל החלונות של חדרי גן עדן וסלקין ריחין ובוסמין וכל דא היא בשביל כבוד רשב"י ואעפ"כ הלך לגביה דרבי חייא ולא נתגאה ואיך יתגאה האדם בדורות האלו וכבר נתבאר לעיל שצריך האדם להתפלל בכל יום על מדת הענוה ובודאי לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה׃ (כא) המונע רבים מלעשות תשובה או לעשות מצוה פי' הדבר חבורה של יחידי סגולה שנדבו לבם לעשות דבר קדושה או ליתן צדקה ואיש א' ביניהם אשר לבבו פונה לעשות רק רע כל היום ואין חס על כבוד קונו מחמת הגאות וזהו מעשה השטן

דרוישן אונ איך זאל זיין אינווייניג׃ ביא רבי חייא אויך אריין׃ איז רבי חייא אריין גינאנגען׃ אונ האט זיינע אויגן אראפ גהאלטין אונ האט זיין קאפ ניט אויף גיהיבן אונ האט קיין ווארט ניט גיקענט ארויש ריידין׃ (יט) האט רשב"י גיזאגט צוא זיין זון רבי אלעזר שטייא אויף אונ פיר איבר דיין האנט אויף זיין מויל וועט ער קענען ריידין׃ דען ער איז ניט גיוואונט גיווארין מיט דעם׃ האט ר"א אזו גיטאן׃ האט רבי חייא תיכף אן גיהויבן צו ריידין אונ האט גיזאגט איך האב זוכה גיוועזן צוא זעהען אזעלכש וואש איך האב ניט זוכה גוועזן ביז אהער׃ אונ זייא זיינען אלע באנאנד גיזעסין׃ אונ איין פייער פון דעם הימל האט זייא ארום גירינגילט אונ פיל טויזינט אונ רבבות כיתות מלאכים פון פייער זיינען גישטאנען ארום זייא אונ צוויא הונדערט אונ זעכציג וועלטן האבן גציטערט אונ רשב"י האט גזאגט תורה׃ (כ) האבן אלע דיא אייבערשטע מלאכים זיך פאר וואונדערט אונ האבן גזאגט איינש צום אנדערן דאש איז דער רשב"י וואש ער מאכט ציטערן גאר דיא וועלט׃ ווער קען בשטיין קעגן אים׃ דאש איז דער רשב"י וואש אין דער צייט אז ער עפינט זיין מויל תורה צוא לערנען פאר נעמען זיין קול אלע שטולין אונ אלע הימלן אונ אלע חיילות פון דעם היכל וואש זאגן שירות ותשבחות צו גאט ב"ה׃ מוזן אלע שווייגן אונ עש ווערט ניט גיהערט קיין שום קול פון איין שום מלאך אדר איין שרף אונ איין אופן אונ כרוב אין דיא אייבערשטע וועלטין פון וועגן צוא הערין דאש קול פון רשב"י׃ אונ אז ער הערט אויף צוא לערנן דערנאך זאגן אלע מלאכים מיט דיא אייבערשטע חיילות שירות ותשבחות אונ פיל שמחות צוא גאט ב"ה דרויף וואש ער האט בשאפין אזו איין הייליגע אונ ריינע נשמה וויא דיא נשמה פון רשב"י אונ אלע טויערין ווערין גיעפינט מיט אלע פענשטער פון דיא חדרים פון דעם גן עדן אונ פון דארטין גייען ארויף גוטע ריחות אונ בשמים׃ אונ דאש אלץ איז פון וועגין דעם כבוד פון רשב"י אונ פון דעסט וועגן איז רשב"י פארט גינאנגן צו רבי חייא׃ אונ האט זיך ניט בעל גאוה גהאלטין אונ וויא זאל זיך דער מענטש בעל גאוה האלטין וואש איז אין היינטיגע דורות׃ אונ אויבן איז שוין בשייד גיווארין אז דער מענטש מוז אלע טאג מתפלל זיין אויף דער מדה פון ענוה׃ אונ דער וואש האט איין צוא בראכין הארץ אונ איז איין עניו דעם איז גאט ב"ה ניט מבזה׃ (כא) המונע דר וואש פאר מיט פיל לייט פון צו טאן תשובה אדער פון צוא טאן איין מצוה׃ דאש מיינט מען ווען איין חברותא האבין מנדב גיוועזן צו מאכין עפעש איין דבר שבקדושה אדר צוא געבין צדקה אונ צו ווישין זייא איז פאר האנדין איין מענטש וואש זיין הארץ קערט זיך מער ניט נאר צו טאן עליכטש תמיד אונ האט ניט חס אויף דעם כבוד פון זיין באשעפער מחמת גאוה אונ איז מעכב זייגע חברים זייא זאלין דיא דבר שבקדושה ניט מאכין אדר די מצוה ניט טאן׃ איז וויא

השטן מצליח בידו ומעכב את חבירו ממצוה אי לו ולנשמתו ׃ (כב) ועל אדם כזה אמרו חכמי המוסר שאיש כזה הוא דומה לאנשי בליעל שודדים וגזלנים היודעין אורחת בני המדינה הבאים אל אדון גדול ובידם מתנות להביאם אל האדון והגזלנים עומדין שם ומקפחין וגוזלים את המתנות מיד האנשים והאדון נחסר זמן רב מאלו המתנות מיד האנשים והאדון חקר ודרש על זה ויבוקש הדבר וצוה האדון לייסר הגזלנים ביסורים קשים ומרים על אשר מנעו כבודו ברשעותם כן הוא האיש המונע מלעשות מצוה ודבר שבקדושה מי יוכל לספר גודל עונשו ובכל זה הוא בעונש לא יתן הוא ולא יתנו אחרים הרי זה רשע ׃ (כג) ע"כ צריכין המנהיגים ליזהר שלא יהיו מונעים את היחידים מלעשות איזה דבר מצוה ׃ בכלל זה המסה את חבירו לדבר עבירה וע"פ הרוב הם אנשים אשר להוטים אחר גרונם ומחמת הלגימה שאוכלים ושותים אצל האיש אכזרי נותנין מקום לדבריו ועליהם אמר הנביא הוי אומרים לרע טוב וגו' ובלבבם יודעים האמת שכל מעשיו הם מצד הקליפה וכל דבריו הם דברי בליעל וכל מעשיו הם נקימות ונטירות גזילות ועוולות שוא ושקר שקץ וגילולים ואינן יודעים כי על כל אלה יביא אלהים במשפט ׃ (כד) והשוטים הללו נותנים לאיש אכזרי פאר ותהלה ואומרים שבחו בפניו שהוא חכם גדול וחולקים לו שאר מעלות טובות וכל זה הוא מחמת החניפה שהם להוטים אחר גרונם שאוכלים לפעמים אצל איש אכזרי אבל אין יודעים סוף הדבר של אנשים האלו אשר מזון זה שאוכלים אצל איש אכזרי הוא מלא חרבות וכידונים נגעים פצעים אבעבועות ומכה טריה ומלא צער שמוכרחים לסבול בשביל זה שאוכלים מאכל לחם רע עין כמבואר בפרקים לעיל שם ויבא עליו מכה אל מכה נגשת ויהוה אל הוה וכשל העוזר ונפל העזור ׃ (כה) ע"כ יראה האדם להיות בעזרת ה' בגבורים ליתן לב וא יץ

כח

צוא אים אונ צוא זיין נשמה ׃ (כב) אונ אויף אזוא איין מענטש האבין דיא חכמי המוסר גיזאגט אז ער איז גלייך צוא דיא גזלנים אונ רויבערש וואש זייא ווייסין דיא וועג פון דיא לייט וואש קומן צום אדון אונ טראגין אים מתנות ׃ גייען דיא גזלנים אונ נעמען אוועק די מתנות בייא זייא האט דער אדון גפארשט נאך דיא גזלנים אונ האט זייא ניהיישין שטראפין מיט שווערע אונ ביטערע יסורים ׃ וויל זייא האבין פאר מיטין כבוד פון איהם דורך זייער רשעות ׃ אזו אויך איז דער מענטש וואש פאר מייט זיין חבר פון צו טאן איין מצוה אדער תשובה ׃ ווער קען אויש דער ציילין זיין גרוישין עונש וואש ער האט דער פאר ׃ אונ אין דעם כלל איז אויך דער וואש זאגט איך וועל ניט געבין קיין צדקה אונ לאזין אנדרע אויך ניט געבין דער איז איין רשע גמור ׃ (כג) דרום מוזן די מנהיגים גיווארינט זיין דאש זייא זאלן ניט פאר מיידין די יחידים פון צו טאן איין שום מצוה ׃ אין דעם כלל איז אויך דער וואש נייגט זיין חבר צוא איין דבר עבירה ׃ אונ על פי הרוב די מענטשין וואש זיינן להוט נאך זייער בייז האלז אונ מחמת דיא לייט וואש זיינן אכזרים גיבין זייא עסין אונ טרינקן זאגין זיי דער אכזר טוט רעכט אונ אויף זייא האט דר נביא גיזאגט ווייא גישריען אויף זעלכע לייט וואש זייא זאגין אויף שלעכץ דאש איז גוט אונ אין זייער הארץ ווייסין זייא אליין דעם אמת אז אלע מעשים פון דעם אכזר זיינן מצד הקליפה ׃ אלע זיינע רייד זיינן שאלקאפטיגע רייד ׃ אונ אלע זיינע מעשים זיינן אייטל גזילות אונ עולות אונ ער איז נוקם ונוטר אונ זיינע מעשים זיינן פאלש אונ אום ווערדיג אונ זיי ווייסין ניט אז אויף דיא אלע מעשים וועט גאט זייא ברייגגן צום משפט ׃ (כד) אונ דיא דאזיגע שוטים וואש עסין בייא אים גיבין נאך איין לויבונג צו דעם אכזר אונ זאגן זיין שבח אים אין די אויגן אז ער איז איין גרוישר חכם ׃ אונ טיילין אים אפ אנדרע גוטע מעלות ׃ אונ דאש אלץ איז מחמת חניפה וויל זיי זיינן להוט נאך זייער בייזן האלז ׃ אונ דער אכזר גיט זייא אמאל עסין דרום חנפנן זייא אים אזו אבער זייא ווייסין ניט אז דאש עסין וואש זייא עסין בייא דעם אכזר איז דאש פול מיט שווערדין אונ שפיזן אונ נגעים אונ וואונדין אונ פול מיט צער דאש מיינט מען זיי וועלן מוזין דער נאך ליידין בייזע קראנקייט וויל זייא האבין גיגעסין בייא איין צר עין אזו וויא אין דיא פריערדיגע פרקים איז גישטאנן אונ עש וועט קומן אויף דעם אכזר גרוישע מכות אונ ברעך אונ ער וועט אגרוישע מפלה האבן ׃ (כה) דרום זאל דער מענטש זעהן צו זיין אין דיא הילף פון דיא וואש טוען צדקה ׃ אונ גמילות חסדים ׃ אונ צו שטארקן דאש הארץ פון דיא וואש טוען מצות אונ בפרט צו דיא בעלי צדקה ׃ אונ דער וואש מאכט זיין חבר זאל צדקה געבין

אזו

כח לבעלי מצוה ובפרט לבעלי צדקה וגדול המעשה יותר מן העושה ואז טוב לו יהיה סלה :

פרק מד **המשתמש** בעבוטו של חבירו או של עני גדול עונשו כי העשיר יוכל לדבר בעדו ולמחות למלוה משא״כ העני על הרוב רואה ושומע חסרונו ואין ביכולתו כ״כ לעמוד נגד המלוה שהוא בטוח שאין העני פותח פיו נגדו והוא עון פלילי · (ב) ובכלל ההוא המתגאה על העני ומדבר לו קשות מפני שהוא מתיירא לדבר כן על איש אחר שאינו עני ובעבור עניותו מעביר אל זה העני בדברים קשים בגאוה ובוז כי יודע שאין העני ישיב לנגדו והקדוש ברוך הוא השומע ורואה יריב ריבו ועושה משפט ויצא לאור צדק · (ג) ובכלל המקבל שוחד ממון שוחד דברים וכשם שמצוה למנוע מלישב בבוררים בעבור הנאת ממון כך ימנע בשביל הנאה מועטת וידקדק הדין כי הוא פוגם נשמתו · (ד) בכלל המוצא אבידה ואינו מכריז עליה הוא היודע באיזה צד להציל ממון חבירו ונמנע ואינו מציל הרואה בנו יוצא לתרבות רעה ואינו מוחה בידו כל דברי רעות במשמע שרואה בנו הוא זולל וסובא או בעל מחלוקת או חומד ממון אחרים וכיוצא בזה הרבה דברים חיוב על אביו להשגיח על בנו ולייסרו · (ה) האוכל שוד עניים ויתומים ואלמנות בכלל זה הוא הגוזל את הציבור אשר המעות נגבה מעניים ואביונים ואין יכולת בידם להלביש עצמם ולנשותידם וזה האוכל מקופת הקהל בגניבה וגזל כאילו אכל את בשרם ודמם ובמעות הזה הוא ממון יתומים ואלמנות ואינו זוכר שהקדוש ברוך הוא

אונ אנדערע מצות טאן דער האט איין גרעשערין שכר פון דעם וואש גיט דיא צדקה אונ דענמאלט וועט אים גוט זיין אויף אייביג :

**פרק מד** המשתמש דער וואש ניצט מיט זיין חברש משכון אדער מיט דעם משכון פון דעם ארום מאן איז זיין עונש זייער גרויש דען דער עושר אז ער זעהט יענער ניצט מיט זיין משכון קען ער זיך מיט אים דער פאר אפ קריגין · אונ אים ניט לאזן ניצן מיט דעם משכון · אבר דער ארום מאן זעהט על פי הרוב וויא יענער ניצט זיין משכון אונ הערט אויך זיין שאנד אונ מוז געבאך שווייגין אונ דער מלוה גופא איז בטוח אז דער ארום מאן האט קיין יכולת ניט צוא שטעלין זיך קעגין אים דרום ניצט ער בפרהסיא מיט זיין משכון · אונ דאש איז איין גרוישע זינד : (ב) אונ אין דעם כלל איז אויך דער וואש האלט זיך בעל גאוה קעגין דעם ארום מאן · אונ רעט אים הארטע רייד דען וייל ער האט מורא דיא רייד צו ריידן פאר דעם עושר · דרום רעט ער עש קעגין דעם עני מיט גרויש גאוה וייל ער ווייסט דער עני וועט זיך ניט · שטעלין קעגין אים · אונ גאט ב״ה וואש ער הערט אלץ אונ זעהט אלץ וועט זיך קריגין פאר זיין קריג אונ וועט טאן משפטין דעם רשע : (ג) אונ אין דעם כלל פון מקבל שוחד איז אויך דער וואש איז מקבל שוחד פון רייד אונ אזוא וויא עש איז איין מצוה דער בורר זאל ניט זיצין אויף דעם משפט פון דעם וואש ער איז מקבל הנאה פון זיין געלט · אזוא אויך זאל ער זיך פאר מיידין פון צוא זיצין אויף דעם משפט פון דעם וואש ער האט ווייניג הנאה גיהאט פון אים דהיינו ער האט אים כבוד אן גיטאן אדער ער האט אים גיפאלגט אין שליחות אונ נאך אזעלכע גלייכין : (ד) אין דעם כלל מוצא אבידה ואינו מכריז עליה פון דעם וואש איינער גפינט איין אבידה אונ רופט ניט אויש כדי אימיצר זאל קומען איין סימן זאגן אונ זאל זיא אפ נעמן · איז אין דעם כלל אויך · דער וואש ווייסט וויא ארום מציל צו זיין דאש געלט פון זיין חבר אונ ער איז ניט מציל · דער וואש זעהט זיין זון גייט ארויש לתרבות רעה אונ ער ווערט אים ניט דאש איז אויך מעכב דיא תשובה · אין דעם כלל איז וואש פאר איין שלעכטש ער זעהעט פון אים דאש ער זעהט זיין זון איז אפרעסער אונ איין זופר · אדער איין קריגר אדר ער גילושט פרעמדע געלט · אונ נאך אזעלכע גלייכין איז פאר דאנדרן פיל זאכן איז דער פאטר אלץ חייב אויף זיין זון השגחה צוא געבין ער זאל דאש אלץ ניט טאן : (ה) דער וואש עסט דאש גוטש וואש ער ראבעוועט בייא ארעמע לייט אונ יתומים אונ אלמנות איז דאש אים אויך מעכב פון תשובה טאן אין דעם כלל איז אויך דר וואש גזלת קהלשע געלט וואש דאש געלט ווערט נגבה פון עניים ואביונים · אונ האבין קיין יכולת ניט צו בקליידין זיך מיט זייערע ווייבער · אונ דער וואש גנבת פון דעם געלט אונ עסט איז גלייך וויא ער עסט זייער פלייש אונ זייער בלוט · אונ אין דעם געלט איז דאך אויך פאר האנדין דאש געלט פון יתומים אונ

אלמנות

הוא אבי יתומים ודיין אלמנות בוודאי מדת הדין הוא מתוח לנגד אותו האיש כאשר האריכו בעונש הזה בעלי מחברי ספרי מוסר · (ו) וכדמצינו באלמנת רבינו יחיאל ז״ל אביו של הרב רבי אשר ז״ל שנשארה אלמנה עם שלשה בניה הקטנים פעם אחת בא אליה בעלה בחלום בליל שבת וצוה לה שתיכף תברח היא מחוץ לעיר כי ה׳ מהפך העיר באיזה מקרה רעה ותיכף הקיצה משנתה ברעדה ותישן ובא אליה פעם שנית בציווי ההוא ואז תיכף כשנעורה משנתה הלכה האשה עם בניה חוץ לשער העיר ערך מיל אצל בית עובד כוכבים אחד העומד מחוץ לעיר ויהי באשמורת הבקר באו שודדים לעיר ויהרגו כל העיר וילכו והיא שבה אל ביתה אח״כ בשלום · (ז) ואח״כ בא בחלום רבינו יחיאל הנ״ל ואמר לאשתו שבעון שהיו גוזלים את העניים במסים וארנוניות והעשירים לא נתנו כלום לכן נגזרה גזירה זו עליהם והפורש עצמו מהציבור בכלל זה הוא מי שאינו מדקדק להתפלל עם הציבור ובכלל זה הוא מי שיכולת בידו ליתן מסים לסייע לציבור ואינו מסייע · (ח) העובר על דברי חכמינו ז״ל זהו המיקל בדבר האסור מדרבנן ועובר על גזירות ותקנות חכמים אפילו במקום מצוה אסור לעבור על דברי חכמים כגון ללמוד או להתפלל אצל הנר בשבת במקום שאמרו גזירה שמא יטה וכיוצא בזה חלילה וחלילה לעבור על גזירת חכמינו ז״ל ואין צ״ל דהעונש הוא מרובה מי שמלעיג על דברי חכמים והוא בכלל אלו שאין להם חלק לעולם הבא· (ט) המתכבד בקלון חבירו הוא איסור חמור שמעכב התשובה כאמור ויש גם כן איסור היודע בחבירו שטועה בשגיאות ואינו משיבו לדרך היפה ודע

דאיתא

אלמנות · אונ ער גידיינקט ניט אז גאט ב״ה איז דער פאטר פון דיא יתומים אונ דער דיין פאר דיא אלמנות איז דער מדת הדין בוודאי קעגין דעם מענטשן אונ עש ווערט בוודאי קומען גרויש פורעניות אויף אים אזוא וויא דיא ספרי מוסר האבין דער פון פיל גישריבין · (ו) אונ אזו וויא מיר גפינן ביי דיא אלמנה פון רבינו יחיאל דער פאטער פון הרב ר׳ אשר ז״ל דאש זיין ווייב איז איבער גיבליבין איין אלמנה מיט דריי קליינע קינדער · איין מאל אום פרייא טאג צוא נאכט איז איר מאן גיקומען איר צוא חלום · אונ האט איר גיהיישין אז זיא זאל תיכף אנטלופין פון דער שטאט ווארום גאט ב״ה וועט שיקין איין גרוישע צרה אונ אבייזע אויף דער שטאט האט זיא זיך תיכף אויף גיהאפט פון איר שלאף מיט ציטרניש אונ איז ווידער אנשלאפין גיווארין איז ער דאש אנדרע מאל צוא איר גיקומן אונ האט איר גהיישין תיכף ארויש גיין פון דער שטאט · האט זיא זיך תיכף אויף גיהאפט אונ האט גינומן אירע קינדר אונ איז אוועק גיגאנגן ביז איין תחום שבת פון דער שטאט · אונ איז אריין גיגאנגן צוא איין אינו יהודי וואש האט דארטין גיוואונט · גאנץ פריא זיינן גיקומן גזלנים אין שטאט אריין אונ האבין אויש גיהרגת אלע שטאט לייט אונ זיינען אוועק גיגאנגן · אונ זיא האט דער נאך ווידער גיקערט צו איר הויז בשלום : (ז) דר נאך איז דער רבינו יחיאל גיקומען צוא חלום צוא זיין ווייב אונ האט איר גיזאגט אז דיא גזירה איז גיוועזן איבער דיא זינד וואש די שטאט לייט האבין גיגזלת דיא ארעמע לייט מיט מס אונ ציניש · אונ דיא עשירים האבין גאר ניט גיגעבין · אין דעם כלל פון פורש עצמו מן הצבור איז אויך דער וואש איז ניט מדקדק צו דאבנן בצבור אונ אין דעם כלל איז אויך דער וואש קען געבין מס צוא העלפין דעם צבור אונ ער העלפט ניט : (ח) דער וואש איז עובר אויף דיא רייד פון אונזרע חכמים ז״ל דאש מיינט מען ער זאגט דיא זאך וואש איז אסור מדרבנן איז גאר גרינג דרום איז ער דרינן ניט גזהר אונ איז עובר אויף דיא גזירות אונ תקנות פון דיא חכמים · דען אפילו צו טאן איין מצוה טאר מען אויך ניט עובר זיין אויף דיא רייד פון אונזערע חכמים ז״ל · דהיינו דיא חכמים האבין גיאסרת צוא לערנן אדר צוא דאבנן פרייא טאג צוא נאכט ביי איין ליכט אז ער לערינט נאר אליין ווארום טאמער וועט דאש ליכט ברענין פינצטר וועט ער עש איין ביינין מחמת ער וועט פאר געסן אז עש איז שבת· וועט איינער וועלין זאגין איך וועל דאך לערנן אדער תפלה טאן איז דאש דאך איין מצוה דאורייתא וועל איך אמת עובר זיין אויף דיא רייד פון דיא חכמים אונ נאך אזעלכע גלייכין · זאל ער חלילה וחלילה אזו ניט זאגין · אונ מכל שכן דער וואש שפעט אויש דיא רייד פון דיא חכמים איז זיין עונש בוודאי זייער גרויש אונ האט קיין חלק ניט אויף עולם הבא : (ט) דער וואש ווערט גיערליכט דורך דיא שאנד פון זיין חבר · דאש איז איין הארבר איסור אונ דאש איז מעכב דיא תשובה אזוא וויא פריער איז גישטאנן אונ אויך איז אסור דער וואש ווייסט זיין חבר

אין

דאיתא בזוהר פ׳ שלח לך דהוו מראין לרשב״י ע״ה שהתאספו יחד ב״ד של מעלה בהיכלא חד והוו עיינין בדין בר נש דקאים על פתח דגן עדן ואינון כרובים אהידן ביה ולא שבקו ליה למיעל תמן והוי בצערא וצווחו צווחין על גבי פתחא דגן עדן וכרוז הוי עבדו דלהוין בני מתיבתא כנישן השתא לעיין בדיניה דההוא בר נש ואמרו ליה לרשב״י דלית לך רשות לגלות מי הוא דין בר נש כי בוודאי לא על חנם אתגזר על האי בר נש עונשא דא׃ (י) ויצא הדין דהאי בר נש יהא קאים בההוא צערא ארבעין יומין ולבסוף ארבעין יומין יצערון ליה בצערא דגיהנם שעתא ופלגא וכל דא בגין דיומא חדא חד מן חברייא הוי פריש מילין דאורייתא כד מטא לחד מלה ידע האי בר נש דיתכשל ביה ואמר לחברייא שתיקו לא תימרון מידי בגין דשתקו חברייא אתכשל בההוא מלה ואכסוף וההיא כסופא דגרים בר נש דא על זה דיינין ליה דינא קשיא בגין דלא לשבוק חובי דאורייתא מקמי קב״ה אפילו כמלא נימא ע״כ סם חיים היא למי שלומד לשמה ואינו מתכבד בקלון חבירו׃ (יא) והעוסק בתורה לשמה היא מצלת מכל הרהורים רעים ועומדת לו בשעת הצלת הדין כדאיתא בזוהר פ׳ ויקהל כל מאן דאשתדל באורייתא כאילו אשתדל בהיכליה דקב״ה בגין דכד בר נש עסיק באורייתא הקב״ה תמן ואצית לקליה ואשתזיב בר נש מתלת דינים מדינא דהאי עלמא ומדינא דמלאך המות (ר״ל דימות בנשיקה ע״י הקב״ה) ומדינא דגיהנם באופן שיהיה הלימוד לשמה ובאהבה ואז הקב״ה מתפאר בו ואומר עם זו יצרתי לי ישראל אשר בך אתפאר׃

**פרק מה איתא** בכתבי האר״י ז״ל מצוה רבה ללמוד עצמו יחודים לשכינה ובו מסעד ועזר כביכול לשכינה ומקרב את הגאולה ביחודים ובאשר כי לא כל אדם יכולת בידו לעשות יחודים בתפלתו

איז זיך טועה אין איין זאך אונ ער קערט אים ניט ווידער צוא דעם גוטן וועג׃ דען אין זוהר שטייט אז מען האט גיוויזן צו רשב״י אז דאש ב״ד של מעלה האבן זיך צום הויף גיזאמילט אין איין היכל אונ זיינען מעיין אין דעם דין פון איין מענטש וואש ער שטייט אויף דער טיר פון דעם גן עדן אונ דיא מלאכי חבלה וואש הייסן כרובים האלטין אים אונ לאזין אים ניט אריין גיין׃ אונ ער איז אין גרויש צער האט מען אויש גירופין אלע בני ישיבה פון דעם הימל זאלין זיך איין זאמלן מעיין צוא זיין אין זיין דין׃ האבין זייא גיזאגט צוא רבי שמעון בן יוחאי ער זאל ניט מגלה זיין ווער דער מענטש איז׃ (י) איז דער פסק ארויש גיגאנגן אז דער מענטש זאל פערציג טאג שטיין פאר דער טיר פון דעם גן עדן אין דעם צער׃ דער נאך זאל ער זיין אין גיהנם אנדר האלבין שעה אונ דאש אלץ איז גיוועזן ווייל איין מאל האט איינר פון זיינע חברים מפורש גיוועזן איין זאך פון דער תורה׃ אז ער איז גיקומען צו איין ווארט האט דער מענטש גיזאגט צוא זיינע איבעריגע חברים שווייגט אונ זאגט גאר ניט׃ אונ ווייל זייא האבין אלע גישוויגין׃ איז ער גישטרויכילט גיווארין מיט דעם ווארט אונ איז פאר שעמט גיווארין׃ אונ דאש האט דאך דער מענטש אים גורם גיוועזן דרום האט מען אים דעם עונש גיגעבין וואש פריער איז גישטאנען דרום איז דיא תורה איין סם פון לעבין צוא דעם וואש לערינט לשמה אונ ווערט ניט גיערליכט מיט דעם שאנד פון זיין חבר׃ (יא) אונ דער וואש לערינט תורה לשמה איז זיא אים מציל פון אלע שלעכטע מחשבות אונ זיא שטייט פאר אים בשעת אז מען איז אים דן אזוא וויא עש שטייט אין זוהר איטליכער וואש לערינט תורה לשמה איז גלייך וויא ער איז אין דעם היכל פון גאט ב״ה ווייל גאט ב״ה איז בייא דעם מענטשין וואש לערינט תורה אונ דער מענטש ווערט ניצול פון דרייא דינים׃ פון דעם דין פון דער וועלט׃ אונ פון דעם דין פון דעם מלאך המות דאש מיינט מען ער וועט שטארבין בנשיקה דורך גאט ב״ה׃ אונ ניט דורך דעם מלאך המות׃ אונ איז אים אויך מציל פון דעם דין פון גיהנם נאר באופן ער זאל לערנען פון גאטש וועגין אונ מיט ליבשאפט׃ אונ דענמאלט בארימט גאט ב״ה זיך מיט אים אונ זאגט דעם פסוק עם זו יצרתי לי דאש פאלק האב איך בשאפין פון מיין דינסט וועגין ישראל אשר בך אתפאר וואש מיט דיר טוא איך מיך בארימען׃

**פרק מה** איתא עש שטייט אין כתבי האר״י ז״ל עש איז אגרויסע מצוה זיך צוא לערנען די יחודים אונ כוונות אונ מיט דיא יחודים איז מען מקרב דיא גאולה׃ נאר ניט איטליכער מענטש האט יכולת דיא יחודים מייחד צו זיין אין זיין תפלה אדער בשעת אז ער טוט איין מצוה׃ איין

מאל

בהפלתו או במצות אשר הוא עושה אחת מטעם חסרון ידיעתו או מפני שאינו מובטח בנפשו לעשות שלא לבא לידי הרהור בתפלתו נמצא מקלקל ולא מתקן שאין אדם הוא טהור בכל עת וזמן ואסור לעסוק בקדשים בזמן שהוא מקרה בלתי טהור מחמת שהוא בעל קרי ואסור לייחד שום יחוד אם לא שטבל לקריו · (ב) על כן בוודאי בעל הרחמים יקבל ברחמים וברצון כוונת לב האדם שמכוין הפשוטה בלתי מחשבה זרה ומתפלל בפשוטה ענייני תפלה רק יאמר קודם התפלה לשם יחוד הקב״ה ושכינתיה ואז אינו מפריד עצמו מהקדושה וכדמצינו בגמרא בברכות רבי זירא כי הוי חליש הוי אזיל ויתיב אפיתחא דרבי יודא ברבי אמי אמר כי נפקי ועיילי רבנן איקום מקמייהו כדי שלא יהא בטל מן המצות וכן קבלה הוא בידי מן אנשי מעשה שאף שהיו יושבים בטלים מן המצות היו ממשמשים בציצית והיו מסתכלין בציצית והוא ענין גדול והיודעים סוד יחוד בקבלה מכוונין בשם אחד גדול ונורא שהוא גימ׳ עי״ן ובזה הם יוצאים אף בזמן הזה סוד מצות תכלת בציצית והנה אגלה טפח ואכסה טפחיים בעני׳ תכלת כי הכלת הוא גימ׳ תת״ן והבן אדם הוא מחויב לראות בשני עינים את הציצית ושתי פעמים עי״ן גימטריא ר״ם ועם תיבת הציצית הוא גימ׳ תת״ן כמנין תכלת קבלה הוא בידי בשם הגאון ר׳ יעקב העמדלש מלובלין ז״ל ובזה הוא מסיר חחושך שאמר ירמיה הנביא אותי נהג חשך ולא אור ובענין אור עיניו בציצית יכוין כן והוא מבטל אותו החושך שמפסיק בינינו ובין השכינה: (ד) הכלל כי לא ברא הקב״ה את האדם שיהיה בעה״ז לתועלת גופו כי הגוף כלה בארץ רק לתועלת נשמתו אשר חוצבה מתחת כסא הכבוד והיא חלק אלוה ממעל לתקנה ולקשטה במעשים טובים לקרב הגאולה וא׳ יהיה נזדכך גם הגוף ומאיר כאור הבהיר בפרט כשהגוף מתחמם לדבר מצוה: (ה) ולא לחנם אמרו רז״ל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כחו מצננין לו הגיהנם ואין הדבר יוצא מידי פשוטו שצריך לומר איש״ר בכל כחו ואין הפי׳ להרים קול ביותר מדאי פן יתלוצצו המלעיגים אלא הפי׳ הוא בכל כחו מ״ש בזוהר פ׳ פנחס שצריך האדם לעורר כל איבריו בחילא תקיפא ובזה איתבר ליביה ואיתבר חילא

דס״א

מאל מחמת ניט איטליכער קען קבלה · אדר מחמת דער מענטש איז ניט בטוח בייא זיך ער זאל קענען רעכט מכוין זיין אונ זאל ניט קומען צו קיין הירהור אין מיטן תפלה · ווערט גיפונען אז ער מאכט נאך קילע ניט ער פאריכט אויך דער מענטש איז ניט ריין אלע צייט · אונ מיט דיא הייליגע יחודים טאר מען ניט עוסק זיין אז ער איז ניט ריין פון קרי סידין אז ער טובלת זיך פריער: (ב) דרום איז מען בטוח אויף דעם דער בארם הארציגין גאט · אז ער איז בוודאי מקבל מיט זיין רחמנות דיא תפלה וואש איינער דאווינט מיט דער פראסטער כוונה דאש איז ער האט אין זינען דיא טייטש פון דער תפלה אן איין מחשבה זרה · נאר פאר דער תפלה זאל ער זאגין לשם יחוד הקב״ה ושכינתיה וויל איך דיא תפלה אדער די מצוה טאן דענמאלט שייט ער זיך ניט אפ פון דער קדושה: (ג) אזוא וויא מיר גיפינן שטיין גישריבין אין גמרא רבי זירא אז ער האט קיין כח ניט גיהאט צוא לערנן · האט ער זיך גיזעצט אויף דער טיר פון רבי יודא בר אמי וואש דארט זיינען דיא חכמים שבית גיוועזן · אונ האט גיזאגט אז דיא רבנן וועלין ארויין אונ ארויש גיין וועל איך פאר זייא אויף שטיין כדי איך זאל ניט זיין ליידיג פון מצות · אונ אזוא אויך האב איך בקבלה פון די אנשי מעשה אז בשעת זייא זיינן גיוועזן ליידיג פון מצות · האבין זייא גינומען דיא ציצית אונ האבין גקוקט אויף זייא: (ד) דער כלל איז גאט ב״ה האט ניט בשאפין דעם מענטשין אויף דער וועלט פון וועגין דעם הילפונג פון זיין גוף ווארום דער גוף ווערט צום סוף פאר לענד אין דער ערד · נאר פון וועגין דעם הילפונג פון זיין נשמה וואש זיא איז גינומען גיווארין פון אונטער דעם כסא הכבוד צוא צירין זיא מיט מעשים טובים · מקרב צוא זיין דיא גאולה · אונ דענמאלט וועט דער גוף אויך גילייטערט ווערין · אונ וועט לייכטין אזוא וויא איין קלאר ליכט · בפרט אז דער גוף ווערט דער וואריממט מחמת ער טוט איין דבר מצוה ווערט ער בוודאי דורך דעם גילייטערט: (ה) אונ ניט אום זיסט האבין אונזרע חכמים ז״ל גיזאגט דער וואש ענפערט אמן יהא שמיה רבא מיט גאר זיין כח קילט מען אים אפ דעם גיהנם אונ ניט דר פירוש איז ער זאל גאנץ הויך שרייען אמן יהא שמיה רבא ווארום מען וועט דאך שפעטין אויש אים נאר דער פירוש איז אזוא וויא דער זוהר שרייבט דאש דער מענטש מוז דער וועקין אלע זיינע איברים מיט גרויש כח בשעת אז ער זאגט אמן יהא שמיה רבא · אונ דורך דעם ווערט זיין

הארע

דס"א ואף הרשעים מוצאין מנוחה על ידי עניית אישיר כדאיתא בזוהר פרשת נח: (ו) בזמנא דישראל עונין בקול רם אישיר הקדוש ברוך הוא מתמלא רחמים ונותן חיים על הכל והקדוש ברוך הוא רומז למלאך הנקרא סמריאל ובידו מפתחין ופותח ג' פתחים לסטר מדבר ואז חמאן רשעים נהורא ואתא תנגא וסותם האויר של הפתחים שלא יראו אור וכדין תלת ממונים דתחות ידיה מנשבין במגרופין ומשיבין העשן לאחוריו זמן שעה ופלגא שעה בזכות עניית אישיר שעונין ישראל בכל יום ואחר כך הם שבים לגיהנם: (ז) ובא וראה כמה חביב שבחא קמי קב"ה ומעשה הובא בזוהר פ' תרומה רבי חייא ורבי אבא שרן בגו אושפיזייהו קמו בפלגות ליליא למלעי באורייתא והוי ברתא דאושפיזא קמת ואנהרת לון שרגא ואינהו הוי עסקי באורייתא אדהכי אשגח רבי אבא אבתרה וחמי דהות בתו של בע"ה מנהרא להו פתח ואמר כי נר מצוה ותורה אור האשה היא מצווה על נר של שבת ולא האיש והטעם כי האשה נגד השכינה ותורה אור פירוש התורה שלומד הבעל שהאיש מצווה על התורה ללמוד נותן אור והארה גדולה באותה המצוה של נר שבת שהאשה מדלקת נמצא שניהם מאירים באור תורה ואור שבת אשריהן הנשים שזוכין לבעלי תורה: (ח) שמעת האי בתולה הוית בכיא אדהכי קם אבוה דבתולה וחמי לברתיה בכית ושאל לה למה ועל מה היא בכית ולא ענתה מאומה מחמת מרירות הלב והתחיל אף אביה לבכות אמר רבי אבא מבכייתה נראה דהחתן שלה הוא עם הארץ ואינו בעל תורה אמר ליה ודאי הכי הוא ובגין דחמינא ליה יומא חד דדליג מאיגרא חדא למישמע קדיש בהדי צבורא סליק ברעותי דילי למיהב ליה ברתי ותיכף דנפקי צבורא מבי כנישתא יהבינא ליה ברתי דאמינא בדילוגא דא למישמע קדיש מוכרח להיות גברא רבא באורייתא ואף על גב דאיהו רבייא דלא ידענא ביה מקדמת דנא והשתא

אפילו

הארץ צו בראכין אונ דער כח פון סטרא אחרא ווערט אויך צוא בראכין אונ אויך דיא רשעים קריגין אין גיהנם מנוחה דורך דעם וואש דיא צדיקים ענפרין אמן יהא שמיה רבא · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר: (ו) אין דער צייט אז דיא ישראל ענטפערין אמן יהא שמיה רבא מיט אהויך קול · ווערט גאט ב"ה דער פילט רחמנות · אונ גיט לעבין צוא אלע · אונ ער ווינקט צוא דעם מלאך (סמריאל) אונ אין זיינע הענט זיינען דיא שליסל פון דעם גיהנם · אונ ער עפינט דרייא טירין צוא דער זייט פון דער מדבר · זעהן דיא רשעים איין ליכטיקייט · קומט איין רויך אונ פאר שטעלט דאש ליכטיקייט כדי דיא רשעים זאלין ניט זעהן קיין ליכטיקייט גייען דרייא מלאכים וואש זיינען אונטער דעם מלאך (סמריאל) אונ ווייען אוועק דעם רויך אונ דאש ליכטיקייט קערט ווידער צוא דיא רשעים אנדער האלבין שעה אין דעם זכות וואש דיא ישראל ענטפרין אמן יהא שמיה רבא אונ דער נאך קערין זייא ווידער אין גיהנם ארייין: (ז) קום אונ זעה וויא גליבט דער אמן יהא שמיה רבא איז פאר גאט ב"ה · דען דער זוהר ברייננט איין מעשה · רבי חייא אונ רבי אבא זיינען איין גישטאנען אין איין הארבעריג · זיינען זייא אויף גישטאנען האלבע נאכט צוא לערנען תורה · איז דעם בעל הבית טאכטר גישטאנען פאר זייא אונ האט זייא גיליכט מיט איין ליכט אונ זייא האבין גילערנט · דער ווייל האט רבי אבא אקוק גיטאן אונ האט גיזעהן אז דעם בעל הבית טאכטער לייכט זייא · האט ער גיזאגט עש שטייט אין פסוק כי נר מצוה ותורה אור דאש מיינט דער פסוק דיא אשה איז אויף דער מצוה גיבאטין ליכט צוא צינדין לכבוד שבת אונ ניט איין מאנזביל אונ דער טעם דער פון איז · ווייל זיא איז קעגין דער שכינה ותורה אור אונ דיא תורה וואש איר מאן לערינט דאש גיט איין גרויש ליכטיקייט אין דער מצוה פון נר של שבת וואש דיא אשה צינט אן · ווערט גפונען אז זייא ביידע לייכטין אין דיא ליכטקייט פון דער תורה אונ אין דיא ליכט פון שבת · וואול איז צוא דיא ווייבער וואש זיינען זוכה צוא נעמן זעלכע מאנען וואש קענען לערנן: (ח) האט דיא בתולה דאש גיהערט אונ האט גוויינט · דער ווייל איז איר פאטר אויף גישטאנען אונ האט זיא גיזעהען וויינען · האט ער זיא גיפרעגט ווארום זיא וויינט · אבר זיא האט אים גאר ניט גיענפערט מחמת איר ביטר הארץ · האט איר פאטר אויך גוויינט · האט רבי אבא גזאגט ווען זיא וויינט איז גידרונגין אז איר חתן איז איין עם הארץ האט דער בע"ה גיזאגט עש איז אמת · נאר ווייל איך האב גיזעהן אז ער איז אמאל אראפ גישפרונגן פון איין בוידים צו הערן קדיש אין שול · איז אויף גיגאנגן אויף מיין ווילן צו געבין אים מיין טאכטער פאר אווייב ווייל איך האב גימיינט ווען

ער

אפילו ברכת מזונא לא ידע ואין בידי לכוף אותו שיתעסק באורייתא ויקרא ק"ש וברכת המזון אמר לית רבי אבא איעבר ליה באתרא (ר"ל שיראה שיתן גט וישיא בתו אח"כ לת"ח) ובתוך דבריו חזר ואמר או דילמא ברא יוליד דיהוי גברא רבא · (ט) אדהכי קם החתן ודלג עלייהו ויתיב לקמייהו אמר החתן הנער רבי אבא אסתכל בי אמר רבי אבא אנא חמינא בהאי רביא דנהורא רבא יפוק מיניה לעלמא פתח ואמר האי רביא רבותי אימא חד מלה פתח ואמר צעיר אנכי לימים ואתם ישישים ע"כ זחלתי ואירא מחוות דעי אתכם האי קרא אתערו ביה עמודי עולם אבל אליהוא דכתיב ביה ממשפחת רם וכתיב ביה בן ברכאל הבוזי דנקרא כן בשביל שמבזה עצמו למאן דגדול מיניה וז"ש צעיר אנכי לימים אף אני מקטין עצמי לגבי בר נש דאית ליה יומין סגיאין וע"כ בגין דאנא רביא ובמקום הזה יש ישישים בחכמה עלה בדעתי דלא למללא עד יומא דא והשתא דאתון הכא אית שעתא למפתח פומא והתחיל לדרוש זה הפסוק כי נר מצוה ותורה אור וגילה להם כמה סודות התורה עפ"י הסוד: (י) ואח"כ פתח ואמר דעו כי אנא מבבל וברא דרב ספרא אנא ולא זכינא לאשתמודע עם אבא וטרידנא להכא ודחילנא עד הכי למימר מילין דאורייתא דיתבי אתרא דא אריותא בתורה ושווינא עלי דלא אימא מילין דאורייתא תרין ירחין ויומא דא אשתלימו תרין ירחין זכאה חולקי דאתערתון הכא ארים רבי יוסי קליה ובכי קמו כולהו ונשקוהו אמר רבי יוסי אלמלי לא באתי וזכינא למישמע מילין דעתיק יומין דנפיק מפומך מאי דלא זכינא למישמע עד השתא די יתבו כולהו: (יא) אמר החתן רבותי מדחמינא צערא דחמוי וצער דברתיה אשתי דהוו מצערי בנפשייהו דלא ידענא ברכת המזון וק"ש אמינא לא אתחברי באשתי עד שאגלה לכם סוד ברכת המזון בסודות גדולות ונפלאים חדו כולהו רבי יוסי ורבי אבא ורבי חייא

ער קען פון איין בודדים אראפ שפרינגען צוא הערין קדיש מוז ער קענן לערנן אונ איצט ווייזט אויש אז ער קען אפילו ניט בענטשן אונ איך קען אים ניט נייטין ער זאל תורה לערנן אונ ק"ש לייענן אונ בענטשין האט רבי אבא גזאגט איך וועל זעהן אז ער זאל איר גט געבין אונ זיא זאל נעמן איין תלמיד חכם פאר איין מאן· אין מיטן דיא רייד האט ר' אבא חרטה גיהאט אונ האט גיזאגט מען דארף ניט ער זאל איר גט געבין ווארום טאמער וועט ער האבין מיט איר איין זון וואש ער וועט זיין איין ת"ח: (ט) דער וויל איז דער חתן אויף גישטאנן אונ האט זיך גיזעצט לעבין זייא האט דער חתן גיזאגט רבי אבא קוקט אין מיר צוא וועט פון מיר ארויש קומן איין ת"ח · האט ר"א גיזאגט איך זעה אין דעם קינד אז פון אים וועט ארויש קומן איין גרוישר ת"ח האט דר חתן אן גיהויבין אונ האט גיזאגט דעם פסוק צעיר אנכי לימים אליהוא בן ברכאל האט גיזאגט צו איוב מיט זיינע חברים איך בין נאך יונג פון יארין על כן זחלתי ואירא מחוות דעי דרום אזו האב איך מיך גיפארכטין פון צו זאגין ביז אהער מיין דיעה אנטקעגין אייך וואש איר זייט עלטער פון מיר אונ ווען אליהוא וואש ער איז גוועזן פון זייער איין גרוישר משפחה אזו וויא דער פסוק איז מעיד אויף אים ממשפחת רם ער איז גיוועזן פון איין הויכע אונ חשובה משפחה · האט ער פארט ניט גיוואלט ריידין פאר זיינע חברים · דרום האב איך מיך אויך קליין גימאכט פאר דיא לייט פון דער שטאט וואש זיינען פיל עלטר פון מיר אונ זיינן גרוישע ת"ח דרום איז אויף גיגאנגען אויף מיין דיעה ניט צוא ריידין אין ד"ת ביז אצונד אונ אצונד וייל אז איר זייט דא איז דיא צייט צו עפנן מיין מויל צו ריידן דברי תורה אונ ער האט זייא מגלה גיוועזן פיל סודות: (י) דער נאך האט ער גיזאגט איר זאלט ווישין איך בין פון בבל אונ בין דער זון פון רב ספרא אונ איך האב קיין זכיה ניט גיהאט רעכט צוא קענען מיין פאטר אונ בין אהער אן גיקומען האב איך גיזעהען אז דיא לייט פון דער שטאט זיינן גרוישע לומדים · האב איך מיך גיפארכטין צו זאגין דברי תורה · אונ האב אויף מיר גינומען איך זאל צווייא חדשים ניט זאגין קיין דברי תורה · אונ היינטיגין טאג האבין זיך דיא צווייא חדשים אויש גילאזט וואול איז מיין חלק וואש איר זייט דא · האט רבי יוסי אויף גיהויבין זיין קול אונ האט גיוויינט אונ אלע האבין דעם חתן גיקושט אין זיין קאפ · האט רבי יוסי גיזאגט ווען איך וואלט ניט מער גיקומן נאר צוא הערין דיא גרושע סודות פון דיין מויל אזעלכע סודות וואש איך האב ביז אהער ניט זוכה גיוועזן צו הערין וואלט אויך גנוג גיוועזן: (יא) האט דער חתן גיזאגט מיינע רביים וייל איך האב גיזעהען דעם צער פון מיין שווער אונ דעם צער פון מיין כלה וואש זייא האבין זיך מצער גיוועזן ווייל זייא האבין גמיינט אז איך

חייא וחמוי והכלה קמו ונשקוהו אמר רבי יוסי וודאי הילולא דקב"ה אתרעי ביה נטלו להכלה וברכו לה בכמה ברכאין אמרו לאביה דיתקן בית מיוחד לעשות בו חתונה: (יב) אמר רבי יוסי לא נפקינן מהכא עד דיתעביד הילולא וכנשו אחר כך כל אנשי מתא להחוא חדוא וקראו להכלה וחדו עמהון במילין דאורייתא ועל סעודת הנשואין פתח איהו על פתורא וביאר ענין ז' ברכות סודות נפלאים וחידושים הרבה וחדו כולהו וכל בני מתא קבלו עליהם את החתן להיות להם רב ומורה צדק ואחר החתונה קמו רבי יוסי ורבי אבא ורבי חייא ובריכו ליה ואזלו לארחייהו׃ (יג) כד מטו לגבי רשב"י זקוף עינוי וחמי לון אמר לון מסתכל הוינא יומא דא וחמינא לכון תרין יומין דהויתון גבי חד מסכנא דהוא נער דאיקרי מטטרו"ן ואוליף לכו רזין עלאין זכאה חולקיכון סדרו מילין כולהו קמיה וסחו ליה עובדא אמר להו זכאין אתון וזכאין חולקיכון וזכאה חולקי דהא אדכרנא יומא דא דהוי אזיל עמי רב ספרא אביו של החתן וברכית ליה דיהא ליה בר אוריין באורייתא ולא בריך ליה דיזכה לגדל אותם וכו' עכ"ל הזוהר׃ (יד) נלמד מזה מסוף המאמר שכשבא תלמיד לקבל הברכות מן רבו ורבו מברכו שיזכה לבנים תלמידי חכמים יברכו בפירוש שיזכה לגדל אותם ושיראה בחייו אור תורתם גם נלמד מזה המאמר שבמקום גדולים אל תעמוד ונכון לזעיר להדר לשמוע מפי ישישים חכמה כי ישמע בוודאי מה שלא שמע עדיין ואז ירבה עליו חכמה׃ (טו) גם נלמד מזה המעשה שצריך האדם ללמוד יחודים שהרי רב ספרא למד עם בנו החתן יחודים בברכת המזון ובקריאת שמע ובחדושי התורה אף שהיה בנו עדיין רך בשנים׃ עוד יש ללמוד מזה שומר מצוה לא ידע דבר רע בשביל שראה האושפיזא את החתן שהיה קו. ׳
מאיגרא

קען ניט אפילו בענטשין אונ ק"ש ליינען דרום זאג איך אז איך וועל מיך ניט באהעפטין מיט מיין ווייב ביז איך וועל אייך מגלה זיין דעם סוד פון ברכת המזון׃ האט ער זייא מגלה גיוועזן גרוישע סודות אויף דעם ברכת המזון׃ האבן זייא זיך אלע גיפרייט אונ דער שווער אונ דיא כלה זיינען אלע אויף גישטאנען אונ האבין אים גיקושט׃ האט רבי יוסי גיזאגט דאש איז אזו איין חתונה וואש גאט ב"ה וויל אין איר׃ האבין זייא גיבענטשט דיא כלה מיט פיל ברכות אונ האבין גיזאגט צוא איר פאטער ער זאל גרייט מאכין אין איין הויז דארטין דיא חתונה צו מאכין׃ (יב) האט רבי יוסי צו אים גיזאגט מיר וועלין פון דאנען ניט אוועק גיין ביז דיא חתונה וועט זיין׃ האט דער בעל הבית איין גיזאמילט אלע שטאט לייט אונ האבין זיך גיפרייט אויף דער חתונה מיט דברי תורה אונ בייא דער סעודה האט דער חתן מגלה גיוועזן גרויסע סודות אין דעם ענין פון דיא שבעה ברכות האבין אלע זיך זייער גפרייט׃ אונ אלע שטאט לייט האבין דעם חתן אויף גינומען פאר איין רב אונ איין מורה הוראה נאך דער חתונה זיינען אויף גישטאנען רבי יוסי אונ רבי אבא אונ רבי חייא אונ האבין אים גיבענטשט אונ זיינען אוועק גיגאנגען זייער וועג׃ (יג) אז זייא זיינען גיקומען צוא רשב"י האט ער אויף גישטעלט זיינע אויגין אונ האט זייא גיזעהען׃ האט ער צוא זייא גיזאגט איך זעה אז איר זייט היינט גיוועזן בייא איין קינד׃

אונ ער האט אייך גילערינט גרויסע סודות׃ וואול איז אייער חלק׃ האבין זייא דער ציילט פאר אים דיא גאנצע מעשה׃ האט ער זייא גיזאגט וואול איז אייער חלק אונ וואול איז מיין חלק דען איך גידיינק דעם טאג וואש רב ספרא דער פאטר פון דעם חתן איז גיגאנגען מיט מיר׃ אונ איך האב אים גיבענטשט ער זאל האבין איין זון איין ת"ח אונ האב אים ניט גיבענטשט ער זאל אים זוכה זיין מגדל צוא זיין׃ (יד) נוא ווערט גילערינט פון דעם זוהר אז אז איין תלמיד קומט צוא זיין רבי ער זאל אים בענטשין אונ אז זיין רבי בענטשט אים זאל ער אים בענטשין מיט דעם לשון ער זאל זוכה זיין זייא מגדל צוא זיין אונ זאל זעהן בייא זיין לעבין דאש ליכטיקייט פון זיין תורה׃ אויך ווערט אפ גילערינט פון דעם זוהר אז איין יונגער זאל ניט ריידין קיין דברי תורה פאר איין עלטרין׃ נאר ער זאל פון זייא הערין תורה ווארום ער וועט בוודאי הערין אזעלכעש וואש ער האט נאך ניט גיהערט׃ אונ דען וועט ער מערין חכמה׃ (טו) אויך ווערט גילערינט פון דער מעשה אז איין מענטש מוז לערנען זיין זון יחודים׃ ווארום רב ספרא האט דאך מיט זיין זון גילערינט פיל יחודים אין בענטשין אונ אין ק"ש אונ פיל חידושים תאטשע זיין זון איז נאך יונג גיוועזן נאך קען מען אפ לערנען פון דער מעשה׃ אז דער וואש היט איין מצוה דער ווייש ניט קיין שלעכטע זאך׃ דען פון וועגין דער בעל הבית האט גיזעהען אז דאש קינד איז
אראפ

מאינרא לשמוע קדיש ולומר אמן יהא שמיה רבא ראה שהיה עסקן במצות ונותלו בתו לאשה בשביל מצוה אחת ע״כ צריך כל אדם ליזהר במצוה ובתורה ואז יגן ה׳ בעדו בעידנא דעסיק ביה ובעידנא דלא עסיק ביה ולכל אשר לו יהיה שלום :

פרק מו **איתא** בכתבי האר״י ז״ל אחד מן הדברים שמעכבין את התפלה הוא מי שאין גופו נקי ומלוכלך מטינוף וצואה או טיפות מי רגלים · ועוד דע נקיות דבר טוב הוא וזהו כי דוד המלך עליו השלום כתיב ביה ויכרות את כנף המעיל אשר לשאול בלט ובודאי אלו היה המלך שאול מלובש בו היה מרגיש בדבר בשעה שכרת דוד כנף מעילו אלא שהסיר שאול לגמרי ממנו ואיתא בספר חסידים כי מעיל אשר היה למלך שאול היה המלבוש העליון שהיה שאול המלך מתכסה בה בשעת תפלה לכבוד הש״י וע״כ הסיר שאול מעליו לעשות צרכיו : (ב) וע״כ נזהרין אנשי מעשה כשצריכין ליכנס לבית הכסא בשעת זמן כניסת בית הכנסת היו מניחין את בגדיהם מבחוץ ואינם נכנסין עם בגדיהם לבית הכסא באשר שהבית הכנסת הוא בנין מקדש מעט וצריכין ליכנס בהן בבגדים נקיים ובפרט ביום שבת שצריך האדם ליזהר בהן שיהיו נקיים שהרי מבואר פרק ב׳ דחגיגה א״ר יונתן בן עמרם נתחלפו לו כלים של שבת בכלים של חול ולובשם נטמאו (פי׳ דהיינו לענין למי שאוכל חולין בטהרה והטעם כיון דכלי שבת עבדי להם שימור טפי ע״ש) וע״כ ראוי ונכון להיות מנעלים מיוחדים לבית הכנסת וטוב יותר שלא ילך בהם לבית הכסא : (ג) ויש עוד דבר המעכב את התפלה אף שהוא בבגד נקי מאוד והוא שעטנז ואפילו בשוגג אין תפלתו נשמעת ומקובלת כלל אפילו אם הוא מתפלל בכוונה על כן צריכים החייטים ליזהר ליתן השגחה שלא יגרמו היזק למתפלים בבגדי שעטנז ויהיה חטא רבים

ארויס גישפרונגען פון דעם בוידים פון וועגין צוא הערין קדיש אונ זאגין אמן יהא שמיה רבא · האט ער אים גיגעבין זיין טאכטער פאר איין ווייב פון וועגין ער האט פון אים גיזעהן דיא איינע מצוה · אונ דער סוף האט זיך אויש גילאזן אז ער איז גיוועזן איין ת״ח · דרום מוז איטליכר מענטש נזהר זיין מצות אונ תורה צוא לערנען · דענטמאלט וועט גאט ברוך הוא פאר אים מגין זיין סייא בשעת ער וועט עוסק בתורה זיין אונ סייא בשעת ער וועט אפילו איין מאל ניט צייט האבין צוא לערנן · אונ צו אלעמן וואש ער האט וועט זיין שלום :

פרק מו איתא עש שטייט אין כתבי האר״י ז״ל · איינש פון דיא זאכין וואש איז מעכב דיא תפלה זאל ניט אן גינומען ווערין דאש איז אז זיין גוף איז ניט ריין אונ איז איין גיריכט מיט מיאוסקייט אונ צואה אדר פון מי רגלים · אונ נאך זאלשטו ווישן אז דאש ריינקייט איז זייער איין גוטע זאך אונ דאש איז וויל עש שטייט דוד המלך ע״ה ער האט אפ גישניטין בייא שאול המלך זיין עק קלייד בשעת ער איז גיוועזן אין בית הכסא · אונ ווען שאול המלך זאל גיוועזן זיין אן גיקלייט אין דעם קלייד וואלט ער דאך בוודאי גיפילט וויא ער שנייט עש אפ · מוז דאך זיין אז שאול האט דאש קלייד גאר אויש גיטאן · אין ספר חסידים שטייט דאש קלייד וואש דוד האט זיין עק אפ גישניטין איז דאש געוועזן דאש אויבער קלייד וואש ער פלעגט זיך דרינן אן קליידין בשעת דבנען פון וועגין דעם כבוד פון השי״ת · דרום אז שאול איז גיגאנגען אין בית הכסא אריין האט ער דאש קלייד אויש גיטאן : (ב) דרום זיינען זיך נוהג דיא אנשי מעשה אז זייא דארפין גיין אין בית הכסא אין מיטין דאבנען לייגין זייא זייערע קליידר פון אויסין ווייניג אונ גייען ניט אריין מיט זייערע קליידער אין בית הכסא אריין · ווארום דיא שול ווערט גירופין מקדש מעט דארף מען אין שול אריין גיין מיט שיינע קליידער · אונ בפרט אום שבת מוז ער בוודאי נזהר זיין אז זיינע קליידער זאלין ריין זיין · דרום איז רעכט דער מענטש זאל האבין באזונדערע שיך אין שול אריין צו גיין אונ זאל מיט דיא שיך ניט גיין אין בית הכסא אריין : (ג) אונ נאך איז איין זאך וואש איז מעכב דיא תפלה חאטשע דאש קלייד איז זייער ריין דאש איז אז שעטנז איז פאר האנדין דרינען אונ ווען ער ווייסט אפילו דער פון ניט ווערט זיין תפלה ניט צוא גיהערט ווען ער דאבינט אפילו מיט כוונה · דרום מוזין שניידערם גיווארינט זיין צוא געבין השגחה אז זייערע משרתים זאלין חו״ו ניט מאכין קיין שעטנז אין דיא קליידער · ווען זייא גורם היזק זיין צוא דיא וואש וועלין מתפלל זיין אין דיא קליידער אונ דען וועט דיא זינד פון רבים הייגען אין דעם שניידער :

אונ

רבים תלוית בחייט: (ד) ויש עוד דבר המעכב את התפלה אף שבגדים הם מנוקים מכל טינוף ואין בגדיו שעטנז אמנם אינם נקיים מגזל כי מחייתו הוא שוא ושקר והוא מתלבש בבגדים נאים ומתגאה בהם וזהו שהנביאים קוראין אותן בגדים בגד בוגדים ובכל פעם שמתכסה בו להתפלל מעורר חטאיו ופשעיו וזורקין תפלתו בפני החיצונים אוי לו ואוי לנפשו ואפילו שחטא רק נגד האומן שלא שילם לו שכר מלאכתו כראוי ואף שלא דחקו על זה הלא הוא יודע בעצמו דהאומן נושא לו פנים שלא ברצונו ומוכרח ליקח מה שנותן לו או שכובש שכר שכיר כי אז באין להכשל בחטא גזל ואליו הוא נושא את נפשו חלילה לעשות כן לכבוש שכר הפועל או שלא ליתן לו שכרו עבור המלאכה שכרו משלם רק הוא נותן לו פחות משכר מלאכתו וכתיב כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם ע״כ עונשו הוא מרובה (וכמו שהארכתי לעיל בפרק י׳ ע״ש): (ה) וכשם שהבעל הבית מוזהר לשלם שכר פועל בזמנו וכראוי כן הפועל מוזהר שלא לקלקל הבגד ולא ליקח מאתו מאומה אף שנשתייר כי אם להחזיר לבעליו אפילו דבר מועט ועכשיו נשתרבב החטא ופשע של החייטים שגונבים ושתי רעות עושין א׳ שמקלקלים הבגדים ושנית עוברים על לא תגנוב ואיסור זה נעשה להם כהיתר ואינן שמים אל לבם אפילו להתחרט ולהתוודות על זה בעבור שהמה מושרשים בחטא ואינם יודעים עונשם שהוא עונש חמור: (ו) ע״כ אני מזהיר כל חייט שנכשל בחטא זה יחזור בתשובה וישים אל לבו להחזיר למי שגזל וגנב או יעשה איזה צרכי רבים כי בעון גזל נחתם דינם של דור המבול: (ז) וראיתי חייט אחד בק״ק בריסק דליטא קודם מותו צוה להחבורה קדישא שיעשו משלחנו שהיה בביתו ארונו והאמה שהיה מותח בו הבגדים יתן לו בידו ושאלו אותו החבורה קדישא מה כונתו בזה הצוואה והשיב שהשלחן והאמה יעידו לו כשני

עדים

(ד) אונ עס איז נאך פאר האנדין איין זאך וואס איז מעכב דיא תפלה · חאטשע זיינע קליידער זיינען גאנץ ריין אונ זיינע קליידער זיינען ניט קיין שעטנז · נאר זיא זיינן ניט ריין פון גזל ווייל זיין פרנסה איז מיט פאלשקייט אונ ער קלייד זיך אן שיינע קליידער אונ האלט זיך בעל גאוה מיט זיא אונ דיא קליידר רופין דיא נביאים קליידער פון דיא פלשערש · אונ אלע מאל וואס ער שטט עס אן דרינען צוא דאווננע דער וועקט ער זיינע זינד · אונ זיין תפלה וואורפט מען פאר דיא חיצונים · ווייא איז צוא אים ווייא איז צוא זיין נשמה אונ ווען אפילו ער האט גיזינדיגט קעגין דעם שניידר דאש ער האט אים ניט גיצאלט קיין שניידער געלט אזו וויא מען באדארף · אונ אפילו ווען ער האט דעם שניידער ניט גיגיים ער זאל ביא אים נעמען ווייניג שניידער געלט · נאר ער ווייש ביא זיך דער שניידר איז אים נושא פנים חאטשע זיין רצון איז ניט אזו · מוז ער נעמען וואש ער גיט אים אדער ער צאלט אים ניט דעם טאג וואש ער ברייננט אים אפ דאש קלייד אונ ער האט אים צוא צאלין ביא דעם איז זיין עונש פיל אזוא וויא מיר האבין דער פון שוין גישריבין אין פרק יו״ד: (ה) אונ אזוא וואול וויא דער בעל הבית איז מוזהר צוא צאלין אים אין דער צייט אונ וויא רעכט איז אזוא אויך איז מוזהר דער שניידער ער זאל אים ניט קילע מאכין דאש קלייד אונ זאל קיין יתור ניט האבין · נאר וואש עש בלייבט איבער זאל ער אפ געבין דעם בעל הבית אפילו ווען עש איז נאר גיבליבין איין קלייניקייט אונ היינט איז בעונותינו הרבים גימערט גיווארין דיא זינד פון שניידערס דאש זיא גנבנן אונ האבין יתור · אונ זיא טוען דער מיט צוויא רעות איין מאל זיא מאכין קילע די קליידער · דאש אנדערע מאל זיינען זיא עובר אויף לא תגנוב · אונ דער איסור איז ביא זיא גיווארין גליך וויא היתר · אונ זיא טוען ניט אויף זייער הארץ אפילו חרטה צוא האבין אונ מתודה זיין דרויף · ווייל זיא זיינען שוין איין גיווארצילט אין דער עבירה · אונ זיא ווייסן ניט אז זייער עונש איז זייער הארב: (ו) דרום בין איך מזהיר איטליכין שניידער וואש איז נכשל גיווארין אין דער דאזיגער עבירה ער זאל חוזר בתשובה זיין · אונ זאל מאן צוא זיין הארץ אום צוא קערין צוא דעם וואש ער האט ביא אים גיגנבת אדער ער זאל פאר דעם געלט מאכין אזו איין זאך וואש פיל לייט דארפין עש ווארום דורך דער זינד פון גזל איז גיחתמת גיווארין דער גזר דין פון דעם דור המבול: (ז) אונ איך האב גיזעהען איין שניידער וואש האט גיוואונט אין בריסק דליטא האט ער פאר זיין טויט אן גיזאגט דיא חברא קדישא אז פון זיין טיש וואש שטייט אין זיין הויז וואש ער האט אויף אים גיארבעט זאל

מען

עדים נאמנים שכל ימיו לא גנב מאומה מן מלאכתו אשרי לו שלא היה רוצה ליהנות רק מיגיע כפו ולא משום גזל · (ח) עוד יש בדבר עיכוב לכל דבר שבקדושה כשלובש שני בגדים כאחת דהיינו כשהלבוש אחד בתוך חבירו וקבלה היא בידינו מתלמידי האר"י ז"ל שזהו קשה מאוד למעשה האדם שיש קצת רשות לס"א להתקרב אליו ע"י כן ובפרט בבגדי שבת צריכין שמירה מעולה יותר כאמור כי הס"א הולך וסובב סביב נגד האדם להתדבק בו ובפרט בבגדים של שבת: (ט) ע"כ אמר האר"י ז"ל שצריך האדם לומר בשעת לבישת בגדי שבת כל כלי יוצר עליך לא יצלח וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי זאת נחלת עבדי ה' וצדקתם מאתי נאום ה' · גם נכון לומר פסוק זה בהתעטף לבוש העליון להתפלל וחיוב גדול על האדם לעיין בבגדיו היטב שיהיו נקיים אף שלא בזמן התפלה כי אין הקדושה שורה במקום מטונף ומלוכלך ולכן חיוב על כל בר ישראל ליתן השגחה שיהיה סביב מקום המזוזה נקי היטב וכדאיתא בזוהר כי ענין מזוזה בבתי ישראל הוא שיזכור האדם חסדי עליון שהקדוש ברוך הוא שומר פתחי ישראל וזכרונם הוה לפניו תמיד ועל ידי כן גם האדם לא ישכח מצות השם יתברך לעולם ועד עיין מ"ש לעיל פרק א' ע"ש בענין שמירת המזוזה · (י) ומצאתי כתוב בשם ספרא דשלמה המלך כי שד אחד הוא נח אצל הפתח ורוצה להזיק למי שנכנס לבית וכשרואה השם של שד"י לא יכול להזיק · ע"כ לא ישפוך שום מים עכורים אצל המזוזה מחמת שני טעמים · טעם אחד דלא יעבד קלנא לגבי שמא קדישא דמרי עלמא · השני אם הוא שופך שם מים עכורים אזי רשות למחבלא חס ושלום אבל כשסביב המזוזה הוא נקי ובן אדם הוא מחבב המזוזה לנשק אותה בצאתו ובבואו
הני

כען אים מאכין איין ארון אונ דעם איל וואש ער פלעגט מעסטען מיט אים זאל מען אים געבין אין זיינע הענט אריין · האבין דיא חברה קדישא אים גפרעגט וואש ער מיינט דער מיט האט ער זייא גיענטפערט דער טיש אונ דער איל וועלין פאר אים עדות זאגין אזוא וויא צווייא בגלויבטע עדות אז וייל ער האט גלעבט האט ער ניט גיגנבת קיין שום זאך אונ האט קיין שום יתור ניט גיהאט פון זיין מלאכה · וואול איז אים וואש ער האט ניט גיוואלט נהנה זיין נאר פון זיין יגיע כפו · אונ ניט פון קיין גזל: (ח) נאך איז פאר האנדין איין זאך וואש איז מעכב צוא אלע היילינע זאכין · דאש איז אז ער קלייד אן צווייא קליידער אין איינעם. אונ מיר האבין איין קבלה פון דיא תלמידי האר"י ז"ל · אז דאש איז זייער שלעכט צוא דיא מעשים פון דעם מענטשין · דען דורך דעם האט דיא סטרא אחרא אביסיל רשות צו גינעהענען צוא אים · אונ בפרט אין די בגדים פון שבת מוז מען נאך מער שמירה האבין · ווארום דיא סטרא אחרא גייט תמיד ארום דעם מענטשין צוא בהעפטין זיך אין אים: (ט) דרום האט דער האר"י ז"ל גיזאגט אז דער מענטש מוז זאגין בשעת ער קלייד אן דיא בגדי שבת דעם פסוק כל כלי יוצר עליך לא יצלח וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי זאת נחלת עבדי ה' וצדקתם מאתי נאום ה' · אויך איז רעכט צוא זאגין דעם פסוק אז מען קלייט אן דעם אויבערשטין מלבוש צום דאבנן · אונ עש איז איין גרוישער חיוב אויף איטליכן יהודי ער זאל גוט אכטונג געבין אויף זיינע קליידער זייא זאלין זיין ריין אפילו ניט בשעת תפלה · ווארום די קדושה רועט ניט אויף איין גיריכטין ארט · דרום איז אויך איין חיוב אויף איטליכן יהודי צו געבין השגחה אז ארום דער מזוזה זאל זיין גוט ריין אזו וויא עש שטייט אין זוהר אז דרום איז דיא מזוזה אין דיא הייזער פון דיא ישראל כדי דער מענטש זאל גידיינקען דעם חסד פון גאט וואש ער היט דיא טירין פון דיא צדיקים אונ זייער גידיינקנעש איז תמיד פאר אים · אונ דורך דעם וועט דער מענטש ניט פאר געשין די מצות פון גאט אויף אייביג: (י) אונ איך האב גיפונען שטיין גישריבין פון וועגין דעם ספר פון שלמה המלך אז עש איז פאר האנדין איין שד וואש רואט ביא דער טיר · אונ ער וויל מזיק זיין צוא דעם וואש גייט אין הויז אריין · אונ אז ער דער זעהט דעם שם שדי קען ער ניט מזיק זיין דרום זאל דער מענטש ניט אויש גיסין קיין שום אום ריינע וואשער בייא דער מזוזה · פון צווייא טעמים וועגין · איין טעם איז פון וועגין ער זאל ניט אן טאן קיין שאנד צו דיא היילינע שמות וואש שטייען אין דר מזוזה · דער אנדרער טעם אין וייל אז ער גיסט אום ריינע וואשער בייא דער מזוזה האט דער שד רשות מזיק צוא זיין · אבער אז ארום דער מזוזה איז ריין · אונ דער מענטש איז מחבב דיא מזוזה דאש אז ער גייט ארויש אונ אריין קושט ער זיא ·
מזין

הני שידי בעל כרחן ברכין ליה לבר נש ואומרים זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו: (יא) אבל כל ישראל שאין לו ח״ו מזוזה בפתחו אזי רשות למחבלא לחבל וי לו שחס על איזה ממון לקנות מזוזה ועל גופם אינם חסים ובפרט שהילדים מתים בחולי ראגליים בעון מזוזה בעבור שאין לו מזוזה כשרה בביתו בכל חדריו ולכן נסמך וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך וכתיב בתריה למען ירבו ימיכם וימי בניכם וכמ״ש רז״ל פרק במה מדליקין בעון ביטול מזוזה וביטול מצות ציצית בנים מתים כשהם קטנים ועל הרבנים וראשי עם מוטל ליתן השגחה על זה וכל הזהיר בה יזכה כמה שאמר הפסוק לשמור מזוזות פתחי כי מוצאי מצא חיים ארוכים אמן:

פרק מז **בגמרא** דנדרים איתא חסידים הראשונים היו מתאוים להביא קרבן חטאת והטעם נראה כי היו מדקדקים בעצמם שלא יהא חל עליהם שום פגם אפי׳ בשוגג ולהסיר החטא מיד שלא יהיו אפילו מעט מזער תחת ממשלת הסטרא אחרא ולקיים בעצמם ולא ידבק בידך מאומה וגו׳ וא״כ על השוגגים היו מביאים קרבן על המזידים לא כ״ש ועל כל אלה יביא אלהים במשפט על האדם ואם במשפט יבא אלהים אי אפשר להתקים ולסבול כל הדינים ויסורים · אך ה׳ הוא אל רחום וחנון לא יחפוץ במות הרשע כי אם בשוב הרשע מרשעתו וחיה לכן קדמה התשובה לבריאת העולם להורות כי לולא התשובה לא היה העולם מתקיים אפי׳ שעה אחת וכל ד׳ זמנים תקופי השנה מכריזים על התשובה כדאיתא בזוהר פרשת ויקרא: (ב) תניא בד׳ תקופי דשתא דינים מתערין ובתשובה תליא עד דאיתקין וכד

מזין דיא שדים איבער דאנק אים בענטשין אונ זאגין דעם פסוק זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו: (יא) אבער דער יהודי וואש האט ניט קיין מזוזה אין זיין טיר האט דער שד רשות אים מזיק צוא זיין ווייא איז צו אים דאש ער האט חס אויש צוא געבין ווייניג געלט איין מזוזה צוא קויפין אונ אויף זיין גוף האט ער ניט חס אונ בפרט די קליינע קינדער שטארבין אין פאקין רחמנא ליצלן איבער דער זינד פון מזוזה אדער אפילו ווען ער האט יוא מזוזות נאר זייא זיינען ניט כשר דרום שטייט אין דער תורה וכתבתם על מזוזות ביתך אונ איר זאלט דיא צווייא פרשיות פון ק״ש שרייבין אויף דיא מזוזות פון דיין הויז · אונ דער בייא שטייט למען ירבו ימיכם וימי בניכם דרום ווען זיך מערין אייערע טעג אונ די טעג פון אייערע קינדער · אזוא וויא אונזערע חכמים ז״ל האבין גיזאגט אין מסכת שבת אז דורך דער זינד פון מזוזה אונ דורך דעם וואש מען איז מבטל דיא מצוה פון ציצית דריבער שטארבין דיא קליינע קינדער רחמנא ליצלן אונ אויף דיא רבנים אונ אויף דיא פרנסים איז מוטל זיי זאלן דרויף השגחה געבין אונ דר וואש איז נזהר דרינען וועט ער זוכה זיין אזוא וויא דער פסוק זאגט לשמור מזוזות פתחי צוא היטין דיא מזוזות פון מיין טיר כי מוצאי מצא חיים ארוכים דען דער וואש גיפינט מיך כלומר וואש היט מיינע מצות דער גיפינט לאנג לעבין אמן:

פרק מז בגמרא עש שטייט אין דער גמרא נדרים · דיא ערשטע חסידים פלעגין גילוסטין צוא ברייננען איין קרבן וואש קומט אז מען טוט איין עבירה חאטשע זייא האבין גאר קיין עבירה ניט גיטאן · אונ דער טעם דער פון איז ווייל זייא פלעגין זייער מדקדק זיין אז קיין שום פגם זאל ניט רוען אויף זייא אונ צוא אפ טאן תיכף דיא זינד אז זייא זאלין ניט זיין אפילו גאר ווייניג אונטער דער גיוועלטיקייט פון דער סטרא אחרא · דרום האבין זייא גילוסט תמיד צוא ברייננען קרבנות אויף זייערע חטאים · אונ ווען זייא פלעגין ברייננען איין קרבן אויף דיא זינד וואש זיי האבין גיטאן אום גערין איז שוין אפשיטא אויף דיא זינד וואש זייא האבין גיטאן במזיד האבין זייא בוודאי תשובה גיטאן · דען הש״י ברייננט אויף אלימען צוא משפט אונ ווען גאט ב״ה זאל אים תיכף משפטין פאר דיא זינד וואלט דער מענטש ניט גיקאנט סובל זיין דיא אלע דינים אונ דיא יסורים · אונ ער וואלט קיין קיום ניט גיהאט: נאר גאט ב״ה איז איין דער בארימהערציגער גאט · ער וויל ניט דער רשע זאל שטארבין נאר ער זאל תשובה טאן אויף זיינע זינד אונ זאל בלייבין לעבין · דרום האט ער בשאפין דיא תשובה פריער פון דער וועלט · צוא ווייזין אז ווען ניט דיא תשובה וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט אפילו איין שעה · אונ אלע פיר צייטין פון דעם יאר וואש דיא תקופה גיפאלט דערמאלט רופט מען אויש אויף דעם הימל אויף תשובה אזוא וויא עש שטייט אין זוהר: (ב) תניא מיר האבין גילערינט אז אין פיר תקופות פון דעם יאר ווערין דער וועקט דינים אונ מען

וכד דינים מתערין קלא נפיק מסוף עלמא עד סופא סלקין ונחתין כרוזא קרי ולית מאן דיתער: ולזה רמזו רבותינו ז"ל להזהר מתקופת השנה בד' תקופות מטפת אדום שהוא רמז לדינין המתעוררין ויורדין בעולם ולזה יש תקנה בהנחת הברזל שמציל מפני התקופה ויש ליתן טעם הגון וכשר לעיני אלהים ואדם הוא הכוון על דרך הכתוב תרועם בשבט ברזל ומצאתי בשם גדול אחד שהרמז שעל זה התפלל דוד המלך עליו השלום שישבר ויהרס הקדוש ברוך הוא את החיצונים שמצירין לישראל בזכות י"ב שבטים שנולדו מן ד' אמהות שראשי תיבות שלהן הן ברז"ל ב"להה ר"חל ז"לפה ל"אה: (ג) והטעם שזכות האמהות יעמוד לנו להנצל מן הדינים הקשים כי כל ענין דם הוא מורה על דינים קשים שהן באים מסטרא דנוקבא שבס"א שהיא לילית הרשעה עם מחנותיה שבהן נכללין ה' מראות דם הטמא וזה שאמרו רז"ל במסכת נדה ב"כ נדות מעריסתן כי המחנה טמאה הנקרא לילית נקראים עריסה מלשון ערם וארם של הנחש הקדמוני · וכמו שאמר הכתוב השוכבים על מטות שן וסרוחים על ערשותם משא"כ מחנות השכינה נקרא מטה הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים וגו' ובהיות הדם הנזכר הוא בא מחמשה דמים טמאים השתלשלותם מלילית הרשעה נוקבא של סמא"ל ע"כ אין תקנה להתיש כוחם אלא בנוקבא של הקדושה שהן אמהות שמהן באים י"ב שבטים ולכן צריך האדם ליזהר ולהזהיר לנשותיהן דוקא בשעה שמניחין הברזל מפני התקופה לזכור זכות אמהות ב"להה ר"חל ז"לפה ל"אה שזכותן יעמוד לנו להצילנו מכל גזירות רעות וקשות · כי ענין גדול הוא כשמצרף מעשה עם מחשבה והוא יחוד גדול וחביב מאוד לגבי הקדוש ברוך הוא ומציל מכל רעה ומכל פגם רע בעזרת ה' אלהי ישראל ועי"כ בהיות החוטאים מתרבים בישראל הם ושלום אזי מדת הדין רודף ח"ו: (ד) וכדאיתא בזוהר שמות ותרד בת פרעה לרח"ץ על היאור הוי נחתא מדת הדין וכו' על יד היאור היא התורה שנמשלת למים
על

רופט אויש אויף דעם הימל מען זאל תשובה טאן אונ אז די דינים ווערין דער וועקט גייט ארויש איין קול פון איין עק וועלט ביז דער אנדרער טוט תשובה אויף אייערע זינד אונ דרום האבין אונזרע חכמים ז"ל מרמז גיוועזן אז מען זאל אין די פיר תקופות זיך היטין פון דער רויטער טיפה וואש פאלט דערנאך אין די מאכלים אונ אין די משקות · דאש איז איין רמז אויף די דינים וואש ווערין דר וועקט אונ נידערין אויף דער וועלט אונ דרויף איז פאר האנדין איין תקנה דאש מען זאל לייגין אייזין אויף די מאכלים אונ די משקות · אונ דער טעם דער פון איז אזוא וויא עש שטייט אין פסוק תרועם בשבט ברזל הש"י וועט צו ברעכין די סטרא אחרא מיט איין אייזרנע רוט · אונ איך האב גיפונען שטיין פון איין גדול וועגין דאש דוד המלך ע"ה האט מתפלל גיוועזן אז גאט ב"ה זאל צוא ברעכין אונ צוא פירין די חיצונים וואש זיינען מצער די ישראל · פון וועגין דעם זכות פון די צוועלף שבטים וואש זיינען גיבארין פון די פיר אמהות וואש די ערשטע אותיות פון זייערע נעמען מאכין ברזל בלהה רחל זלפה לאה · דרום איז דאש אייזין כנגד אויף די ישראל פון די פיר תקופות: (ג) אונ דער טעם דער פון איז פאר וואש דער זכות פון די אמהות טוט אונז בייא שטיין מיר זאלין ניצול ווערין פון די שווערע דינים דען איטליכער ענין פון בלוט ווייזט אויף שווערע דינים וואש זייא קומען פון דער סטרא אחרא דאש איז די לילית הרשעה די נקבה פון דעם (סם) מיט אירע מחנות וואש אין איר זיינען כלול די פינף ערלייא אום ריין בלוט · דרום איז קיין אנדער תקנה ניט פאר האנדין זייער כח שלאף צוא מאכין · נאר דורך די נוקבא פון קדושא דאש זיינען די אמהות וואש פון זייא זיינען די צוועלף שבטים גיבארין גיווארין: אונ דרום מוז דער מענטש מזהיר זיין צוא זייערע ווייבער אז בשעת זייא לייגין דאש אייזין פון וועגין די תקופה · זאלין זייא דער מאנען דעם זכות פון די אמהות בלהה רחל זלפה לאה דאש זייער זכות זאל בייא שטיין אונז מציל צוא זיין פון אלע בייזע אונ שווערע גזירות דרום אז די זינדיגער ווערין גימערט אין די ישראל ח"ו דערנאכט יאגט זייא נאך דער מדת הדין ח"ו · (ד) אזוא וויא דער זוהר שרייבט דער מדת הדין ווערט גירופין בת פרעה אונ די תורה ווערט גירופין יאור ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור אונ דער מדת הדין האט גינידערט צוא שטראפין די ישראל פון וועגין דעם וואש זייא לערנען קיין תורה ניט אבער דורך תשובה ווערט דאש אלץ בטל אזוא וויא רבי יהודה האט גיזאגט אלע זאכין
פון

על עלבונה של תורה אכן על ידי תשובה מעביר הכל וכדאמר רבי יהודה כל מילין דעלמא תליין בתשובה ובצלותא דצלו בני נשא לגבי דקב״ה וכ״ש מאן דאושיד דמעין בצלותא דלית לך תרעא דלא עאלין דמעין מה כתיב ותפתח ותראהו את הילד ותפתח קאי על השכינה דאיהי פתחה תדיר בזכותיהן דישראל כיון דפתחה ותראהו הילד בוכה דהיינו ישראל הנקראים ילד שעשועים והנה ר״ל דמהדרין בתשובה ובכאן קמיה ותחמול עליו ודינים מסתלקין מינייהו וכל גזירות בישין ומרחם עלייהו ותאמר מילדי העברים זה שיש לו רך לבב ולב בשר ואינם קשי עורף מלעשות תשובה · ודע כי בד׳ תקופות השנה מכריזים על התשובה כמש״לנ״ע״כ באותו הפעם הוא עת וזמן להתעורר על התשובה ובפרט בתקופת תמוז שהיא חמורה משאר תקופות מי הוא אשר לא יירא וישים דבר זה אל לבו ויחרד מפני הדין ויתחרט במעשיו ויעשה תשובה בבכי ובתחנונים ואז ושב ורפא לו :

פרק מח **מנהג** של ישראל להתחיל לתקוע מראש חודש אלול שהוא שלשים יום קודם ראש השנה דמיון בעל חוב שנותנין לו זמן שלשים יום להמציא מעות כדי שישלם לבעלי חובות כן בדמיון זה נותנין לו לאדם בבית דין של מעלה זמן שלשים יום לעשות תשובה כדי שיצא זכאי מבית דין של מעלה בעשיית תשובה תפלה וצדקה להעביר מעליו רוע הגזרה : (ב) ושופר בא לעורר כי הוא מרמז על קרן דוד ומרמז על קרן של עקידת יצחק שנאמר בו איל אחר נאחז בסבך בקרניו ואיתא במדרש שיהיו ישראל נאחזים בעבירות אבל סופן להגאל בקרניו של האיל הדא הוא דכתיב ביום ההוא יתקע בשופר גדול לפי שאברהם אבינו ראה את האיל נותש וחורש (ר״ל שהיה איל בצער) מחמת קושי השעבוד של גליות מצרים ובבל אמר ליה הקדוש ברוך הוא האיל זה הוא סימן לבניך להסתבך ממלכות בבל למלכות מדי וסופן להגאל בקרניו של האיל זהו שנאמר וה׳ אלהים בשופר יתקע ה׳ צבאות יגן עליהם :

לכן

פון דער וועלט היינגען אין תשובה אונ אין דער תפלה וואש דער מענטש בעט פאר גאט ב״ה · אונ מכל שכן דער וואש לאזט טרערין אין מיטן דאבנן דען עש איז ניט פאר האנדין קיין טויער ער זאל פאר מאכט זיין אז דיא טרערין זאל ניט קענען ארויף גיין דרום שטייט ווייטער ותראהו את הילד בוכה אונ דער מדת הדין האט גיזעהען דיא ישראל וואש היישן ילד שעשועים וויינען פאר גאט ב״ה אונ טאן תשובה ותחמול עליו האט דער מדת הדין זיך דער בארמט איבר די ישראל אונ אלע דינים ווערין אפ גיטאן פון זיי · אונ איז זיך מרחם איבר זייא ותאמר מילדי העברים זה אונ זיא האט גיזאגט דאש איז פון דיא אידעשע קינדער כלומר זייא האבין ווייכע הערצער אונ זיינען ניט הארט אקינדיג פון תשובה צו טאן · אונ ווייס אז אין דיא פיר תקופות פון דעם יאר רופט מען אויש אויף דעם הימיל אז מען זאל תשובה טאן אזו וויא פריער איז גישטאנן : (ח) דרום איז דענמאלט דיא צייט זיך צו דער וועקין אויף תשובה : אונ בפרט אין תקופת תמוז וואש זיא איז דיא הארבשטע תקופה נוא ווער איז דער וואש זאל זיך ניט פארכטין · אונ ניט טאן די זאך צו זיין הארץ · נאר ער זאל ציטערין פר דעם דין אונ זאל חרטה האבין אויף זיינע מעשים אונ זאל טאן תשובה מיט וויין אונ ניבעט · אונ דענמאלט ווערט אים ניט שאטין קיין שום תקופה :

פרק מח מנהגן דר מנהג פון דיא ישראל איז אן צו הייבן בלאזין שופר פון ר״ח אלול וואש דאש איז דרייסיג טעג פאר ראש השנה · אזו איין גלייכין וויא צו איין בעל חוב גיט מען איין זמן דרייסיג טעג ער זאל בצאלין זיין חוב אין דעם זמן · אזוא גיט דאש ב״ד של מעלה דעם מענטשין צייט דרייסיג טעג ער זאל תשובה טאן · פון וועגין ער זאל ארויש גיין גירעכט בייא דעם ב״ד של מעלה · צוא אפ טאן פון אים דיא בייזע גזירה : (ב) אונ דער שופר קומט מרמז זיין אויף דעם קרן פון דעם איל וואש אברהם האט מקריב גוועזן אויף דר עקידה פאר זיין זון יצחק אונ אין מדרש שטייט דיא ישראל וועלין זיין בגריפט מיט עבירות · אבער זייער סוף וועט זיין דאש זייא וועלין אויש גילייזט ווערין אונ מען וועט דענמאלט בלאזין מיט דעם שופר של איל אזו וויא עש שטייט אין פסוק ביום ההוא יתקע בשופר גדול אין דעם זעלביגן טאג וואש דיא גאולה וועט קומן וועט מען בלאזין מיט דעם גרוישן שופר · ווייל אברהם אבינו האט גיזעהן אז דר איל איז ווארין פר טצעפעט מיט זיינע הערנר אין איין דארין · האט אים גאט ב״ה גיזאגט אז דאש איז איין סימן אז דיינע קינדר דיא ישראל וועלין אויף זיך האבין גליות פון מלכות בבל אונ מלכות מדי · אונ צום סוף וועלין זייא אויש גילייזט ווערין אונ גאט ב״ה וועט דענמאלט בלאזין מיט דעם הארין פון דעם דאזיגן איל

דו״ם

(ג) לכן מי האיש אשר חרד לדבר ה׳ כששומע קול השופר יחרד לבו ויתמלא רתת ורעדה מפני פחד ה׳ ומהדר גאונו שופר מרמז שפרו מעשיכם ועזבו דרכיכם הרעים תקיעה היא תפלה וצריך האדם לומר רבון העולמים תקע שם של י״ה בין ישראל להיות יתד תקועה יד על כס י״ה שברים הוא רמז שהקדוש ברוך הוא ישבר וימגר ויכלה את סטרא אחרא ואז תרועה יתרועעו וישירו יחדו הוא״ו עם ה״א בדחילו ורחימו בשם כל ישראל: (ד) ע״כ יתעורר כל אחד ואחד לקול השופר המכריז ומעורר ומתרה על התשובה וקום קרא לאלהיך בבכי ותחנונים כפי מנהג אנשי מעשה כשתוקעין בשופר מן ר״ח אלול הופך פניו אל הקיר וקורא לה׳ בקול בכי ויללה ואומר חנני חנני ה׳ אל מלך יושב על כסא רחמים מתנהג בחסידות כו׳ ויעבור ה׳ על פניו ויקרא ה׳ ה׳ אל רחום כו׳ עד סוף י״ג מדות ואח״כ יעורר לב חבירו לעשות תשובה ומכל שכן כשרואה בחבירו דבר מגונה צריך להוכיחו ולומר לו בנחת אחי ידיד נפשי הגיע עת וזמן לתקן המעוות וליישר המסלה שמע נא לדברי והסר ממך המכשול אשר בך אשר עשית מעשים שלא כהוגן כי מוכרח אני להזהיר אותך ואם ראית בי דבר שאינו הגון אף אתה אמור לי כך וכך עשית כי אנשים אחים אנחנו ונשמותינו הן ממקום אחד מתחת כסא הכבוד: (ה) וכמו שמצינו בחסיד אחד ושמו רבי אברהם תלמידו של האר״י ז״ל שהיה הולך בשווקים וברחובות והיה מכריז על התשובה והיה מקהיל בגופיא של בעלי בתים והיו הולכים לבית הכנסת של האשכנזים ואמר להם ממני תראו וכן תעשו לקבל ד׳ מיתות בית דין והיה נכנס לשק אחד והיה מצוה לגוררו בכל אורך ורוחב בית הכנסת כדי לבזותו ולהכניע את יצרו ואחר כך צוה ליקח כל אחד אבן של משקל ליטרא וחצי והיו זורקין עליו ואח״כ יצא

(ג) דרום דער מענטש וואש איילט זיך צוא גאטש רייד אז ער הערט דאש קול פון דעם שופר זאל זיין הארץ ציטרן אונ זאל דער פילט ווערן מיט ציטרנעש פאר דיא פארכט פון גאט אונ פאר דעם שיינקייט פון זיין הערשאפט · דען שופר איז מרמז בשיינט אייערע מעשים · אונ פאר לאזט אייער שלעכטין וועג׳ · דאש וואש מען בלאזט תקיעה דאש בעט מען (תקיעה) רבונו של עולם שטעק איין צווישן דיא ישראל דעם שם י״ה וועט דער שם יה באהעפט ווערין צו דעם שם יה וועט דר שם זיין אין גאנצן · שברים איז טייטש צוא בראכין כלומר מיר בעטין השי״ת ער זאל צו ברעכין אונ פאר לענדין די סטרא אחרא אונ דערמאלט · תרועה · ווען שאלין אונ זינגען דיא ישראל ווייל דער שם הויה וועט פאר פול ווערין: (ד) דרום זאל איטליכער מענטש ווערין דער וועקט צוא דעם קול שופר וואש ער רופט אויש אונ דער וועקט אונ איז מתרה אויף דער תשובה · אונ שטייא אויף רוף צוא דיין גאט מיט גיוויין אונ גיבעט · אזו וויא דער מנהג איז פון דיא פרומע לייט דאש פון ר״ח אלול אן אז מען בלאזט שופר קערין זייא זיך אום צו דער וואנט אונ רופן צו גאט אונ זאגן אל מלך יושב אונ שלש עשרה מדות אונ דער נאך טוט איטליכער פון זייא דער וועקין דאש הארץ פון זיין חבר תשובה צוא טאן אונ מכל שכן אז ער זעהט אין זיין חבר ער טוט ניט קיין רעכטע זאך · מוז ער אים בוודאי שטראפן אונ אים זאגין בנחת מיין ברודער דער׳ יהטר פון מיין לייב עש האט גירייכט דיא צייט צוא פאריכטין דאש קרומקייט וואש דוא האשט פאר קרימט הער צו מיינע רייד אונ טוא אפ דאש שטרויכלונג וואש איז אין דיר וואש דוא האשט גטאן ניט קיין רעכטע ווערק דען אז איך זעה דוא טושט ניט וויא רעכט איז · מוז איך דיך שטראפין · אונ אויב דוא זעהסט אין מיר ניט קיין רעכטע זאך: זאג מיר אויך אזו אונ אזו האשטו גיטאן · דען מיר זיינען דאך פריינד מיר קומען דאך אלע ארויש פון אברהם יצחק ויעקב · אונ אונזערע נשמות זיינען פון איין ארט פון אונטער דעם כסא כבוד: (ה) אונ אזו וויא מיר גיפינען ביא איין חסיד וואש האט גיהייסין ר׳ אברהם דער תלמיד פון דעם האר״י ז״ל · דאש ער פלעגט גיין אין דיא מארקין אונ גאסין אונ פלעגט אויש רופין מען זאל תשובה טאן · אונ פלעגט איין זאמלען פיל לייט באננד · אונ פלעגט מיט זייא גיין אין שול אריין · אונ האט זייא גיזאגט · איר זאלט זעהען וויא איך טוא זאלט איר אויך אזו טאן אויף זיך מקבל צוא זיין דיא פיר מיתות ב״ד אונ ער פלעגט אריין גיין אין איין זאק אריין · אונ פלעגט זיך היישן שלעפין מיט דעם זאק דיא גאנצע שול דיא ליינג אונ דיא ברייט · פון וועגין מבזה צוא זיין אים אונטער טעניג צוא מאכין זיין יצר הרע · דער נאך האט ער גיהיישן איטליכר זאל נעמען איין שטיין וואש האט גיוואוגין אנדער האלבין ליטרות · אונ האט גיהיישן אויף זיך ווארפין דיא שטיינער דאש איז

יצא מהשק והיה מוכן בחצר בהכ"נ מטה ובתוך המטה מונח מין עשב שקורין (ברען נעסטלין) והיה פושט את בגדיו ומשליך את עצמו על החרולים ערום והיה מגלגל בתוך (הברען נעסטלין) עד שנעשה בשרו כמו אבעבועות ואח"כ היו מלקין אותו ל"ט מלקות נגד הרג ואח"כ היה טובל עצמו במקוה כי הטבילה הוא נגד חנק ואח"כ היה אומר לאנשים שהיו שם רבותי מי שרוצה להנצל מדין של גיהנם יעשה כמנהג הזה ומיד נזדרזו כולם יחד וקבלו עליהם כל אותן היסורים באהבה ובחיבה והיו מרימים קולם בבכיה והתוודו על עונם ולא זזו משם עד שנעשו כולן בעלי תשובה גמורים כל ימי חייהם׃ (ו) ובאותו הזמן היה איש אחד שלא היה רוצה לעשות כן באשר שידעו בני אדם שהוא בעל תשובה מה עשה לקח שק א׳ והלך אחר חצי הלילה לפני פתח בית הכנסת ונכנס בשק מכוסה כולו מראשו ועד רגליו בענין שלא היו יודעין מי הוא והפך פניו אל הקיר ועמד שם כל חצי הלילה וכל היום עד חצי לילה אחרת מעת לעת בתפלה ותחנונים ובכיות כיון שעבר עליו חצי הלילה כשהיו כולם ישנים אז יצא מבית הכנסת והלך לביתו ובני אדם לא יכולין לידע מי הוא זה והיה האר"י ז"ל אמר ודאי זהו תשובה שלימה כי תשובה וצדקה בחדא סדרא איהו וכשם שצדקה מוכתרת כשהיא נסתרת ובסתר כן התשובה היא יפה כשהיא בסתר כי אין הס"א יכולה לשלוט עליו להסיר אותו מדרכי תשובה והעיקר שיקיים תחלה סור מרע ואחר כך ועשה טוב אז הבא לטהר מסייעין לו׃

פרק מט **כתבו** רז"ל התחלת התעוררות התשובה הוא התענית ונבאר ענין כח התענית רק נקדים מה שמצאתי בזוהר פ׳ שמות רבי אבא הוה אזיל באורחא והוה עמיה רבי ייצחק אדהוי

איז געווען במקום סקילה׳ דער נאך איז ער ארויש גיגאנגען פון דעם זאק׳ אונ אין שול הויף איז געווען אן גיבריים איין בעטיל וואש דרינען איז גילעגין איין מין קרייטעכער וואש הייסט (ברען נעסטלין) האט ער זיך אויש גיטאן נאקעט׳ אונ האט זיך דרינען אריין גילייגט אונ האט זיך גיקייקילט אין דיא ברען נעסטלין ביז זיין לייב איז גיווארן פול מיט בלאטערין׳ דאש איז געווען במקום שריפה׃ דער נאך האט ער זיך גיהיישין שלאגין ניין אונ דרייסיג מלקות קעגין הרג׃ דער נאך האט ער זיך גיטובלת אין מקוה קעגין חנק׳ דער נאך האט ער גיזאגט צוא דיא מענטשין וואש זיינן דארטין גישטאנען ווער עש וויל ניצול ווערין פון דעם גיהנם זאל אזוא טאן וויא איך האב גיטאן האבין זיך אלע מזרז גיוועזן אונ האבין אויף זיך דיא יסורים מקבל גיוועזן מיט גרויש ליבשאפט אונ האבין זייער גיוויינט ביז אלע זיינען גיווארין רעכטע בעלי תשובה (ו) איין מענטש איז דארטין גיוועזן וואש ער האט נים גיוואלט אזו טאן ווייל ער האט ניט גיוואלט מען זאל וויסין אז ער איז איין בעל תשובה׳ האט ער גינומען איין זאק אונ נאך האלבע נאכט איז ער גיגאנגען אין שול אריין אונ איז אריין גיגאנגען אין זאק אריין פון זיין קאפ ביז זיינע פים מיט אזו איין אופן אז מען זאל ניט קענען ווישין ווער ער איז אונ האט זיך אום גיקערט מיט זיין פנים צוא דער וואנט׳ אונ איז דארטין גישטאנן גאר די האלבע נאכט אונ איין גאנצין טאג׳ ביז דיא אנדערע האלבע נאכט׳ אונ האט דארטין גרויש תפלה גיטאן מיט גיוויין אונ גיבעט פאר הש"י׳ נאך האלבע נאכט אז אלע זיינען גישלאפין איז ער אהיים גיגאנגען׃ אונ די לייט האבן ניט גיקענט וויסין ווער דאש איז׳ האט דער האר"י ז"ל גיזאגט דאש איז בוודאי איין רעכטע תשובה׳ ווארום תשובה אונ צדקה זיינען גלייך׳ אונ אזו וויא דיא צדקה וואש ער גיט בסתר איז זיא דאך דיא בעסטע צדקה ווייל דער ארום מאן ווערט דורך איר ניט מבויש אזוא אויך דיא תשובה וואש איינער טוט בסתר איז דיא בעשטע תשובה ווייל די סטרא אחרא קען ניט גיוועלטיגין איבער אים צוא אפ טאן אים פון דער תשובה׳ אונ דער עיקר איז ער זאל פריער מקיים זיין סור מרע דאש איז טייטש ער זאל שוין דאש ביי מער ניט טאן׳ אונ דער נאך ועשה טוב זאל ער טאן גוטש אונ דענמאלט וועט מען פון דעם הימיל אים העלפין צוא דער תשובה.

פרק מט כתבו אונזערע חכמים ז"ל האבין גישריבין אז וואש ערשטע וואש עש ברייגנט דעם מענטשין ער זאל תשובה טאן׳ דאש איז דאש פאסטין אונ מיר ווילין בשיידן דעם ענין וואש דאש פאסטין איז׳ נאר מיר ווילין פריער שרייבין וואש עש שטייט אין זוהר׳ רבי אבא איז גיגאנגען אין וועג אונ רבי יצחק איז גיוועזן מיט אים׳ זיינען זייא גיקומן צוא איין גארטין וואש רויזן וואקסין דרינען׃
האט

אדהכי אזלי פגעי באינון וורדא נטיל רבי אבא חד וורדא בידיה והוי אזיל פגע בהו רבי יוסי אמר ודאי שכינתא הכא ואנא חמינא בידיה דרבי אבא למילף חכמתא סגיאה דהא אנא ידענא דרבי אבא לא נטיל האי אלא לאתחזאה חכמתא אמר רבי אבא תיב ברי יתבו ארח ר׳ אבא בההוא וורדא אמר וודאי אין העולם מתקיים אלא על הריח דהא חזינא דנשמתא לא מתקיימת אלא על ריח ועל דא הדס במוצאי שבת צריכין לנטלא : (ב) והנה ביאור הענין לשבר את האוזן כי כשם שהנפש שהוא הנשמה שנקראת עולם קטן אין קיום שלה כי אם מהריח וכמ״ש רז״ל איזהו דבר שהנשמה נהנה ואין הגוף נהנה זהו הריח כן העולם הגדול התחתון ועולם העליון קיומן על הריח דהיינו בזמן בית המקדש היו מקריבין קרבנות והיו מכוונים בשעת הקרבה כל היחודים השייכין אל הקרבנות ובשמות הקדושים היוצאים מפסוק אשה ריח ניחוח לה׳ והיה מעורר רצון העליון ונתייחדו העולמות בקשורא חדא ובחבורא חדא וזהו מורה תיבת קרבן לשון קירוב ועכשיו הוא התפלה במקום קרבן על ידי הבל פיו כן התורה היא במקום קרבן וכל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה וכן הבל פיו של המתפלל בשעת התענית הוא דומה לריח הקרבנות : (ג) וביאר הזוהר כי כשם שהוורד שקורין (בל״א רוזין) היא אדומה וכשמבשלין אותה באש נעשית לבנה והיא סימן שהאודם נהפך ללבן כמו כן הקרבן הוא הלב ודם אודם ולבן והעשן העולה הוא חיוור לרמז שהחטא שהוא אדום נהפך ללבן וכמו כן התענית שאדם מקריב חלבו ודמו ובכל תענית יש בהגוף חימום שמורה שהאדום נהפך ללבן על ידי החימום והיינו דאמר ר״א כד הוינא יתיב בתענית הוינא מצלי רבונו של עולם גלוי וידוע שהקרבתי לפניך חלבי ודמי וגופי הוא נדלק מחמימות חולשת גופי יהי רצון מלפניך שיהא הריח העולה מפי בשעה זו כריח ניחוח בקרבנות

האט רבי אבא גינומען איין רויז אונ איז ווייטער גיגאנגען · האט רבי יוסי אין זייא בגעגינט · האט ער גיזאגט איך זעה דאש וואש רבי אבא האט איין רויז אין זיין האנט איז צוא לערנן אונז דער מיט פיל חכמות ווארום איך וויש אז רבי אבא האט דאש בוודאי מער גיט גינומען נאר צוא ווייזן מיט איר חכמות · האט רבי אבא צו אים גיזאגט זיץ מיין זון · האבין זייא זיך גיזעצט · האט רבי אבא גישמעקט אין דער רויז · אונ האט גיזאגט דיא וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר אויף דעם גוטין ריח · דען איך זעה אז דיא נשמה האט מער קיין קיום ניט נאר איבער דעם גוטין ריח · אונ דריבער מוז מען אום מוצאי שבת שמעקין איין הדס : (ב) אונ ער האט אביסיל גיגעבין פאר שטיין דאש אזו וואול וויא דיא נשמה וואש זיא ווערט גירופין קליינע וועלט איז דאך איר קיום מער ניט נאר פון דעם ריח · אזו וויא אונזערע חכמים ז״ל האבין גיזאגט דער ריח איז אזו איין זאך וואש דיא נשמה האט הנאה דער פון אונ דער גוף ניט · אזו אויך דיא אונטערשטע גרוישע וועלט אונ דיא אייבערשטע וועלט איז זייער קיום נאר פון דעם ריח דהיינו אז דאש בית המקדש איז גישטאנען האט מען מקריב גיוועזן קרבנות אונ בשעת מען האט מקריב גיוועזן דעם קרבן האט מען מכוין גיוועזן אלע יחודים וואש גיהערין צוא דיא קרבנות · אונ אין דיא הייליגע שמות וואש גייען ארויש פון דעם פסוק אשה ריח ניחוח לה׳ אונ האבין דער וועקט דעם אייבערשטין רצון · זיינען גיאייניגט גיווארין דיא וועלטין מיט איין באהעפטונג אונ דאש אלץ ווייזט דאש ווארט קרבן דאש איז טייטש גינעהענן כלומר אלע וועלטין האבין גינעהנט איינש מיטן אנדערין אונ היינט איז דיא תפלה פאר דעם קרבן אונ אויך דיא תורה דאש דער וואש לערינט דעם דין פון קרבנות איז גלייך וויא ער איז מקריב קרבנות אונ אזוא אויך דאש דאכם וואש גייט ארויש פון דעם מויל וואש טוט תפלה בשעת ער פאסט איז דאש גלייך וויא דער ריח פון קרבנות : (ג) אונ דער זוהר בשייד דען אזו וואול וויא די רויז איז דאך רויט · אונ אז מען קאכט זיא איבר בייא דעם פייער ווערט זיא ווייש · דאש איז איין סימן אז מען קען אויש רויט מאכין ווייש · אזו אויך דער קרבן איז בלוט וואש איז דאך רויט אונ חלב איז ווייש אונ דער רויך וואש דער פון גייט איז גאר ווייש דאש איז איין רמז אז די עבירה וואש זיא איז רויט ווערט פאר קערט צוא ווייש · אונ אזוא אויך אין איין תענית איז דער מענטש מקריב זיין איינן בלוט אונ חלב אונ אין איטליכין תענית איז דאך דא היץ אין גוף מחמת שלאפקייט ווייזט דאש אז דאש רויטקייט איז פאר קערט גיווארין צוא ווייש דורך דער היץ · אונ דרום אז ר״א האט גיפאסט פלעגט ער מתפלל זיין רבש״ע עש איז דאך אנפלייקט

בקרבנות המזבח ותרצני : (ד) ואחר שביארנו קצת מעלת התענית נבאר דברים הפוגמים בתענית · האחד ליזהר ביום התענית להתעסק בדברים שבקדושה ולא כמו מקצת בני אדם שהולכים ועוסקים בדברים בטלים ובליצנות יצא שכרם בהפסדם · הב׳ מאן דמפרסם תעניתו הוא ענין גרוע ודומה לנותן מתנה לחבירו ומכריזה ברבים · ג׳ הכועס ביום התענית דומה שנותן מתנה דרך כעס · ד׳ יראה ללמוד אף מעט קודם שיטעום מאומה : (ה) ה׳ ידקדק אחר פת ישראל · ו׳ לשלוח תחלה לעני מן מאכל שהכין לו · ז׳ הוא עיקר ומקור לכולם שיזהר שלא לאכול דרך רעבתנות והוא איסור גמור כי זה היה מדת עשו הרשע שאמר הלעיטני נא וכתיב (במשלי) בטן רשעים תחסר והרבה בני אדם נכשלים בזה שאוכלין במהירות דרך זולל וסובא והוא פגם גדול מאוד · ח׳ שלא ישתה הרבה בכדי שישתכר שאז ישתקע בשינה על ידי בלבול דעת השכרות ונמצא שהפסיד במה שלא הפקיד רוחו ונשמתו קודם השינה בידו של הקדוש ברוך הוא בכוונה ובדיעה צלולה והוא חיוב גדול כדאיתא בזוהר פ׳ דברים באריכות ע״ש · ט׳ יום התענית הוא מסוגל שיפרש האדם חטאיו לפני הקדוש ברוך הוא ואז אין להשטן שום קטרוג בקרבנו או בתפלתו : (ו) ודבר זה מבואר בזוהר ויקרא וז״ל רבי חייא ורבי יוסי הוו אזלי באורחא עד דהוו אזלי אמר רבי יוסי לר׳ חייא בא נשתדל באורייתא פתח ר״ח ואמר חטאתי אודיעך מכאן אוליפנא דכל בר נש דמכסה חטאין ולא מפרש לון קמי מלכא קדישא ויתבע עלייהו רחמי לא יהבין ליה למפתח פתחא דתשובה ואי פריש לון הקב״ה חיים עליה ויתגברון רחמי על דינא וכל שכן אי איהו בכי דהא כל פתחין סתימין

איהו

אנפלעקט אונ גוויש פאר דיר אז איך האב פאר דיר מקריב גיוועט מיין חלב אונ דם אונ מיין גוף איז אן גצונדין פון דער היץ מחמת שלאפקייט פון מיין פת · עש זאל זיין באוויליגט פאר דיר אז דער ריח וואש גייט ארויש פון מיין מויל אין דער צייט זאל ער זיין אזו וויא דער גישמאקער ריח פון דיא קרבנות · אונ דוא זאלשט מיך באוויליגין : (ד) אונ נאך דעם אז מיר האבין אביסל באשייד דיא מעלות פון דעם פאסטין וועלין מיר ווידער באשיידין דיא זאכין וואש זיינען פוגם דעם תענית דאש הייסט אז ער טוט דיא זאכין ווערט זיין פאסטין ניט אן גינומען · איינש איז ער זאל נזהר זיין אין דעם טאג וואש ער פאסט · עוסק צוא זיין אין דברים שבקדושה אונ ניט אזו וויא אטייל לייט וואש זיינען דענמאלט עוסק אין דברים בטלים אונ אין ליצנות · דען גייט אוועק זייער שכר אין זייער שאדין : דאש אנדערע איז דער וואש איז מפרסם זיין תענית דאש איז זייער שלעכט · אונ עש איז גליך וויא ער גיט איין מתנה צוא זיין חבר אונ ער רופט עש אויש פאר פיל לייט · דאש דריטע איז דער וואש ברוגזט כעס אין דעם טאג וואש ער פאסט איז דאש גליך וויא ער שינקט איינם אמתנה מיט כעס · דאש פערטע איז ער זאל זעהן לערנן פאר זיין אן בייסין חאטשע גאר ווייניג : (ה) דאש פינפטע ער זאל מדקדק זיין אן צוא בייסין מיט פת ישראל · דאש זעקסטע ער זאל פריער שיקין צוא איין עני פון דעם עסין וואש ער האט זיך אן גיגרייט · דאש זיבטע איז דער עיקר אונ דער שורש צו אלע ער זאל נזהר זיין ניט צוא עסין וויא איין רעבתן דאש הייסט ער זאל ניט חאפין וויל ער איז הונגעריג · אונ דאש איז איין רעכטער איסור · דען דאש איז גיוועז דיא מדה פון עשו הרשע וואש ער האט גיזאגט (הלעיטני נא) · אונ פיל מענטשין ווערין דער מיט גישטרויכילט דאש זייא עסין זייער גיך וויא איין זולל וסובא · אונ דאש איז אגרוישר פגם · דאש אכטע איז ער זאל ניט פיל טרינקען נאך דעם תענית וייל ער וועט שיכור ווערין · וועט ער אנטשלאפין ווערין אן ק״ש אדער ווען ער וועט אפילו לייענען ק״ש וועט עש זיין מיט בילבול הדעת אונ דאש איז דאך אגרוישר חיוב אז איטליכר מענטש זאל זיין נשמה איבער ענטפרין פאר זיין שלאף אין דער האנט פון השי״ת מיט כוונה אונ מיט איין קלארע דיעה · דאש ניינטע איז דער טאג פון פאסטין איז זייער מסוגל דער מענטש זאל אין אים ארויש ריידין זיינע זינד פאר גאט ב״ה · אונ דענמאלט האט דער שטן קיין שום קטרוג ניט אין זיין קרבן אדער אין זיין תפלה : (ז) אונ דיזאך שטייט בשייד אין זוהר רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גיגאנגן אין וועג האט רבי יוסי גיזאגט צו רבי חייא קום לאמיר לערנען תורה · האט רבי חייא גיזאגט עש שטייט אין פסוק חטאתי אודיעך פון דאנען לערנען מיר אפ אז איטליכער מענטש וואש באדעקט זיינע זינד אונ אז ער רעט זייא ניט ארויש פאר גאט ב״ה אונ בעט ניט גאט ער זאל אים זייא מוחל זיין · לאזט מען אים ניט טאן קיין תשובה · אונ אז רעט זיי אבער יוא

ארויש

איהו פתח ואתקבל צלותיה וע"ד מאן דמפרש חטאיה יקרא דמלכא הוא לאתגברא רחמים על דינא וע"ד כתיב זובח תודה יכבדנני תרין כבודין אינון חד לעילא וחד לתתא חד בעלמא דין וחד בעלמא דאתי ׃ (ז) פתח עוד ואמר דבההוא יומא דאתחרב בית המקדש לתתא וישראל אזלו בגלותא ורחיים על צואריהון ידיהון מהדקין לאחורא וכנסת ישראל אתתרך מבית מלכא למיהך בתריהון ובשעתא דנחתת שכינתא אמרה איהך בקדמיתא ואבכה על מדוראי ועל בני ועל היחוד גדול שהיה נעשה בבית המקדש וכד נחתת ממקדש של מעלה חמת אתרהא דמקדש של מטה הוא דחרב ודמיהון של צדיקים אתושד כדין ארימת קלא ואתרגישו עלמא עלאי ותתאי ורמת קלא לעילא עד אתר דמלכא שריא ובעי מלכא למיחרב עלמא לתוהו ובוהו עד דנחתו כמה אוכלסין וכמה משריין לנחם השכינה ולא קיבלה תנחומין הה"ד קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה וגו' ותחלה יצאת מבית מקדשא ושרתה בארץ ישראל ולבתר נפקת מן ארעא קדישא למדברא וישבה תמן ג' יומין וקראה שם איכה ישבה בדד העיר וגו' ׃ (ח) הרי ראה כמה היו חביבין דורות הראשונים דהוי עסקי בתורה אפילו בדרך והיה שמחה בידם שהיו מתחברין בחברותה של בעלי תורה כי כל המחבר את עצמו לבעלי תורה מקרבים את הגאולה כי יש לשכינה ד' אמות של הלכה הליכות עולם לו שהקדוש ברוך הוא יחסה עליו כנפיו להציל אותו מכל גזירות רעות ותפלתו תהיה קרובה להתקבל ונכסיהון מתברכין בכל הברכות אמן ׃

פרק נ **כבר** כתבנו לעיל בפרקים בענין מעלות תפלה של עני ועכשיו באתי לכתוב עוד דברים נוסף על הראשונים כי קרבן העני הוא תמיד מרוצה להקדוש ברוך הוא וכמש"ה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה ואיתא בזוהר פרשה ויקרא מעשה בעשיר אחד שהביא אל הכהן להקריב שני בני

ארויש פאר גאט ב"ה האט ער חס אויף אים און זיין רחמנות ווערט גשטארקט איבר זיינע דינים און מכל שכן אז ער וויינט פאר גאט ב"ה ווערין אלע טירין אפין פאר זיין תפלה און זיין תפלה ווערט אן גינומן און דרום דער וואש רעט ארויש זיינע זינד פאר השי"ת איז דאש דר כבוד פון גאט צו שטארקין זיין רחמנות אויף זיינע דינים און דרום שטייט זובח תודה יכבדנני איז טייטש דער וואש שעכט זיין יצר הרע דר מיט וואש ער איז זיך מתודה פאר מיר דר טוט צווייא כיבודים אן' איינר אויף עוה"ז און איינר אויף עוה"ב ׃ (ז) נאך האט ר' חייא גיזאגט דעם טאג אז דש בהמ"ק איז חרוב גיווארין און דיא ישראל זיינן גיגאנגן אין גלות ׳ און מיל שמיינר זיינן גיוועזן אויף זייערע העלזר און זייערע הענט זיינן גוועזן בהעפט אהינטר און די כנסת ישראל איז אויך מיט זייא גיגאנגן אין גלות ארייין האט דיא שכינה גיזאגט איך וועל פריער גיין וויינן אויף מיין ביהמ"ק וואש איז גוועזן מיין וואונוג ׳ און אויף מיינע קינדר און אויף דעם גרוישן יחוד וואש עש פלעגט גטאן ווערין אין בית המקדש ׳ און וויא דיא שכינה האט אראפ גינדרט פון דעם אייברשטן בית המקדש האט זיא גיזעהען אז דאש בית המקדש של מטה איז חרוב און דש בלוט פון די צדיקים איז פר גאסן ׳ האט זיא אויף גיהויבין איר קול צו קלאגין און עש האט גציטערט די אייברשטע און די אונטערשטע וועלט ביז איר קול איז גקומן צו דעם ארט וואש גאט ב"ה רוט און ער האט גוואלט די וועלט חרוב מאכין ביז עש האבין אראפ גינדרט פיל חייל און פיל מחנות מלאכים צו טרייסטין כביכול דיא שכינה ׳ און זיא האט ניט גוואלט מקבל זיין קיין טרייסטונג ׃ (ח) פר וואר זעה וויא די ערשטע דורות זיינן גליבט גיוועזן פר גאט ב"ה דאש זייא האבין אפילו אין וועג אויך תורה גילערינט און האבין זיך גיפרייט אז זיי האבין זיך בהעפט מיט בעלי תורה אין איין חברותא ׳ ווארום דר וואש בהעפט זיך צו די בעלי תורה דר איז מקרב די גאולה ווארום די שכינה האט דיא פיר איילין פון הלכה דאש גאט ב"ה וועט בשיצין אויף אים זיינע פליגיל אים מציל צו זיין פון אלע בייזע גזירות ׳ און זייער תפלה ווערט ניך נתקבל און זייערע נכסים ווערין גיבענטשט מיט אלע ברכות אמן ׃

פרק נ כבר מיר האבין שוין גישריבין אין דיא פרקים וואש שטייען ׳פריער אז די תפלה פון דעם ארום מאן איז גרויש ׳ און איצונד וועל איך אין דעם פרק נאך שרייבין דער פון דאש דר קרבן פון דעם עני איז תמיד בוויליגט צו גאט גלייך וויא דר זוהר שרייבט אין מעשה ׳ איין עושר האט גיבראכט איין פאר טויבן פר איין קרבן ׳ האט

בני יונה והוא קרבן עני וא"ל הכהן קרבן זה לאו דידך הוא אתא לביתיה והוי עציב · (ב) אמרו ליה אתוהי אמאי את עציב אמר להו דלא קריב כהנא קרבנא דילי תרין בני יונה אמרו ליה יאות ושפיר עביד דוהו קרבן עני דכתיב ביה ואם דל הוא וגו' אלא את צריך לקרבא חד תורא אמר ההוא גברא בדעתיה ומה על המחשבת חטא החמירה התורה להקריב תורא על חטא עצמו לא כל שכן נדרנא דלא אסלק על לבאי מחשבה דחטאה מכאן ולהלאה מה עביד כל יומא אשתדל במשא ומתן ובלילה נאים קצת ואחר כך קרא לאחוי שילמדו עמו תורה והוי קריין ליה יהודא אחרא יומא חד פגע ביה רבי יוסי והוי פריש נכסי למסכנא פלגא ופלגא ליתן על סחורה לאנשים הולכי ימים והוא יתיב ולעי באורייתא · (ג) פתח ואמר כל מאן דקריב קרבן ברעותא דליבא הקדוש ברוך הוא איזדמן לקיבליה תא חזי קורבנא דמסכנא חשיב קמי קב"ה דהא הוא מקריב חלבו ודמו דהא לית ליה מידי למיכל ואייתי קורבנא ובההיא שעתא דהעני מקריב קרבניה מכריזים בשמים ואמרו כי לא בזה ולא שקץ ענות עני כי קרבניה דעני הוא עדיף מכולם דהא עני גרם לי למיהוי בחלק דקב"ה והעוני גרם לי למהוי בחלק דאורייתא ובג"כ פלגינא פלגא למיסכני דהא אינון גרמי לי כל האי וכו' ועיקר קרבנא הוא רעותא דליבא ורעותא דנפשא דהוא חביב מן כל קמי קב"ה: (ד) ובעת התפלות הן במקום קרבן צריך האדם להתפלל בלב נשבר ולכוין בהו לתקן קישוטין לשכינה בתפלתו כי אלו בני אדם המכוונים במעשיהם הטובים עושין נחת רוח לשכינה ונקראין אנשי מעשה כי מעשה הוא לשון תיקון ויעש ותיקן ולכן אמרה השונמית לבעלה נעשה עליית קיר קטנה ונשים לו שם מטה ושלחן כסא ומנורה וכוונתה היתה לכבוד השכינה

האט דער כהן זייא ניט געוואלט מקריב זיין אונ האט גיזאגט צוא אים דאש איז ניט קיין קרבן פון איין עושר נאר פון איין עני איז ער גיקומען אהיים אונ איז טרויעריג גיוועזן: (ב) האבין זיינע ברידער צוא אים גיזאגט ווארום בישטו טרויעריג · האט ער זייא גיזאגט דען דער כהן האט ניט גוואלט מקריב זיין מיין פאר טויבין וואש איך האב גיבראכט פאר איין קרבן · האבין זייא צוא אים גיזאגט ווערכט האט ער גיטאן ווארום אזוא איין קרבן ברייננט איין עני אבער דוא בישט איין עושר דוא בדארפסט ברייננן איין אקס פאר איין קרבן · האט דער מענטש זיך גיטראכט מה דאך דרויף וואש איך האב נאר גיהאט אין מיין מחשבה צוא זינדיגין האט די תורה גיהיישין ברייננן איין אקס פאר איין קרבן · מכל שכן ווען איך זאל שוין גיוועזן זינדיגין וואלט איך דאך שוין בוודאי גימוזט פיל קרבנות ברייננען · איך טוא איין נדר אז פון היינט אן זאל איך שוין קיין מאל ניט אויף ברייננען אויף מיין הארץ קיין שלעכטע מחשבה · פלעגט ער איין גאנצין טאג האנדלען · אונ ביי נאכט פלעגט ער אביסל שלאפין אונ דער נאך פלעגט ער רופין זיינע ברידער זייא זאלין מיט אים תורה לערנען אונ האט גינומען זיין האלב עשירות אונ האט עש צו טיילט ארמע לייט אונ דיא אנדרע העלפט האט ער גיגעבין די סוחרים וואש האבין גיהאנדלט מעבר לים זייא זאלין אים סחורות איין קויפין אונ פאר קויפין · אמאל האט רבי יוסי סבא אים באגעגינט אונ ער איז גיזעסין אונ האט גילערינט : (ג) האט דער עושר גיזאגט איטליכער וואש איז מקריב איין קרבן מיט דעם ווילין פון זיין הארץ איז גאט ב"ה אן גיברייט קעגין אים קום אונ זעה דאש דר קרבן פון דעם ארום מאן איז חשוב פאר גאט ב"ה דען ער איז מקריב זיין חלב אונ זיין בלוט ווארום ער האט דאך גיט עפים צו עסין אונ ברייננט פארט איין קרבן · דרום איז דאש גירעכינט וויא ער איז מקריב זיין בלוט אונ זיין חלב · אונ אין דער צייט וואש דער עני איז מקריב זיין קרבן : רופט מען אויש אויף דעם הימיל כי לא בזה ולא שקץ ענות עני דען גאט ב"ה פאר שעמט ניט אונ פאר אום ווערדיקט ניט דאש פייניגין פון איין עני · דען דאש קרבן פון דעם עני איז ביי גאט בעשער פון אלע קרבנות דען דיא עניים האבין מיר גורם גיוועזן צוא האבין איין חלק אין גאט ב"ה אונ אין זיין תורה : אונ דרום האב איך צוא טיילט האלב פון מיין עשירות צו ארמע לייט ווייל זייא האבין מיר גורם גיוועזן וואש איך בין גיווארין איין למדן : (ד) אונ איצונד איז דיא תפלה אן שטאט פון קרבנות דרום מוז דער מענטש מתפלל זיין מיט כוונה אונ מיט איין צוא בראכין הארץ · ווארום דיא מענטשן וואש זיינן זיך מכוין מיט זייערע גוטע מעשים די טוען אן נחת רוח צוא דער שכינה אונ דיא ווערין גירופין אנשי מעשה · אונ דרום האט דיא שונמית גיזאגט צו

השכינה כי ענין ד' דברים אלו צריכין בני ישראל להכין אל השכינה ובעמדו להתפלל תפלת ערבית יכוין שתפלתו הוא נגד מנורה וקריאת שמע של ערבית הוא נגד המטה ובשחרית פסוקי דזמרה וקריאת שמע הוא נגד שולחן ותפלה הוא נגד כסא והכל הוא כבוד השכינה ע"ש באריכות · (ה) ע"כ יראה האדם כמה היא התפלה חביבה כשהוא מתפלל בכוונה ואיך משמח השכינה לאין ערך ושיעור כי בשעה שאומר האדם שירות ותשבחות השכינה מתעטרת באותו הפעם בההוא כתרא דאזדמן הקדוש ברוך הוא לאתעטרא למלכא משיחא ובההוא כתרא חקוקים בו שמות הקדושים שהיו גלופים בו בההוא זמנא דעברו ישראל על הים בגין דאיבעי בר נש לכוין רעותיה בההוא שירתא וכל מאן דזכי ליה בההוא עלמא שאומר פסוקי דזמרה ואז ישיר בכוונה זכי למיחמי מלכא משיחא בתיקוני ההוא כתרא לעתיד לבא ויזכה לשיר האי תושבחא תמן וכיון דמטי בר נש לישתבח נטיל הקב"ה האי כתרא ושויה לקמיה· ולכן צריך לאכללא לה בתריסר מכילין עלאי דמנהון אתברכת ואינון תליסר בוסמין עילאין דאינון הצרי והצפורן החלבנה והלבונה מור וקציעה שבולת נרד כרכום הקושט וקלופה וקנמון בורית כרשינה והכא אינון שיר ושבחה הלל וזמרה עוז וממשלה נצח גדולה וגבורה תהלה ותפארת קדושה ומלכות והן נגד י"ג מדות הרחמים וצריך לומר בנשימה אחת דלא ליפסק בינייהו ואי פסיק בינייהו אז נפיק חד שלהובא מתחות גדפוהי דכרובים ומכריזים בקול גדול פלוני דין פסיק בשבח"ה דמריה וישתצי ויתפסק זכותיה דלא יחזי בגאותא דמלכא כד"א ובל יראה גאות ה' ע"כ· (ו) על כן צריך האדם ליזהר בזה מאוד לומר מן תיבות שיר ושבחה עד קדושה ומלכות בתפלת ישתבח בנשימה אחת וכן נכון שלא להפסיק בכל מיני דקדושה כגון בעניית אמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא יתברך וקבלתי בשם חסיד אחד שהיה מדקדק כשאמר אמן יהא שמיה רבא וכו' לכוין את רגליו להדדי כמו בתפלת

יח

איר מאן לאמיר מאכין צוא דעם אלישע הנביא איין אויבר שטיבל אונ לאמיר דארטן טאן איין בעט אונ איין טיש אונ איין שטול אונ איין מנורה · אונ איר כוונה איז גוועז לכבוד השכינה· דען דיפיר זאכין איז איין רמז אז די ישראל דארפין פיר זאכן אן גרייטן לכבוד השכינה · דאש איז דיא ש"ע פון מעריב דיא רופט דער זוהר מנורה אונ די ק"ש פון שחרית רופט ער טיש· אונ ש"ע פון שחרית רופט ער שטול: (ה) דרום זאל דר מענטש זעהן וויא פיל די תפלה איז גליבט פר גאט ב"ה אז ער איז זיא מתפלל מיט כוונה אונ וויא ער דער פרייעט דיא שכינה וואש עש האט גאר קיין שיעור אונ קיין ערך ניט · דען בשעת אז דער מענטש זאגט דיא שירות ותשבחות קריינט זיך דערנאמאלט דיא שכינה אן מיט דער קרוין וואש גאט ב"ה וועט אן קריינן צו דעם מלך המשיח· אונ אין דר קרוין זיינן אויש גיקריצט די שמות הקדושים וואש די ישראל האבין גיזאגט בשעת זייא זיינן גגאנגן אויף דעם ים · דרום אז דר מענטש זאגט די שירה פון דעם ים מוז ער מכוין זיין מיט זיין גאנצין הארץ · אונ איטליכר וואש איז זוכה אויף דער וועלט צו זאגן בכוונה די פסוקי דזמרה אונ אז ישיר וועט ער זוכה זיין צו זעהן לעתיד לבא דעם מלך המשיח גיין אן גיטאן אין דער קרוין · אונ וועט זוכה זיין דיא שירה דערנאמאלט צוא זאגן· אונ אז דר מענטש קומט צוא ישתבח· נעמט גאט ב"ה די קרוין פר זיך· דרום מוז מען זאגן אין איין אטום דיא דרייא צעהן ווערטער שיר ושבחה הלל וזמרה עוז וממשלה נצח גדולה וגבורה תהלה ותפארת קדושה ומלכות דען דיא דרייא צעהן ווערטר זיינען קעגין דיא דרייא צעהן מדות הרחמים דאש איז ה' ה' אל רחום וחנון וכו' אונ קעגין דיא דרייא צעהן ערלייא בשמים פון קטורת· אונ זאל זייא ניט איבר טיילין נאר אין איין אטום מוז ער זיי זאגין אונ אז ער טיילט זיי יוא איבער · גייט ארויש איין פלאם פון אונטער דיא פליגל פון דיא כרובים אונ רופט אויש מיט איין גרויש קול · דער דאזיגר מענטש האט צו טיילט די לויב פון זיין הער דאש הייסט ער האט זיי ניט גיזאגט אין איין אטום · דרום זאלין זיינע זכיות צו טיילט אונ פר לענד ווערין דאש ער זאל ניט זעהן אין דעם הערשאפט פון הש"י: (ו) דרום מוז דער מענטש זייער נזהר זיין דרינן צוא זאגין דיא דרייא צעהן ווערטר אין איין אטום · אונ אזו אויך איז רעכט ער זאל ניט מפסיק זיין אין אלערלייא מיני קדושה דהיינו אין דיא ווערטער אמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא יתברך · אונ איך האב מקבל גיוועזן פון איין חסיד דאש ער האט מדקדק גיוועזן בשעת ער האט גיזאגט אמן יהא שמיה רבא וכו' האט ער צום אויף גינומן זיינע פיס איינע

צוא

י״ח כי זה אות ומופת שהקדוש ברוך הוא חפץ מאוד בתפלתן של ישראל כדאיתא במדרש יחזקאל ראה כמה גבוה הקב״ה מן עולמו ואדם נכנס לבית הכנסת ומתפלל אחורי העמוד ומהפך פניו אל הכותל כו׳ ואם הוא בדרך יהדר אפיה לאילן · (ז) כי תיבת כותל הוא סוד נפלא הובא בתיקוני זוהר שהוא תיבת כ״ו ת״ל ר״ל כ״ו הוא שם הוי״ה ת״ל קאי על בית המקדש שהוא כותל מערבי שכל התפלות פונין לשם ולכן צריך האדם לכוין בזה כשיהפוך פניו אל הכותל ואחר כך יתפלל בהכנעה ובאימה כי כותלי בית הכנסת הם קדושים ואור השכינה חופפת עליהם תמיד ולכך מנהג כשר לנשק הכתלים של בית הכנסת מחיבת הקדושה · (ח) וראייה ממדרש ילקוט יחזקאל ויצא כבוד ה׳ מעל מפתן הבית משל לאדון שיצא מפלטין שלו והיה מנשק בכתלים ומגפף בעמודים ואמר הוי שלום ביתי הוי שלום פלטין שלי כך היתה השכינה מנשקת ומגפפת בית המקדש הוי שלום ביתי ומקדשי ועכשיו הבתי כנסיות הן דירות השכינה ע״כ צריכין אנו לנהוג בבתי כנסיות שלנו כבוד וקדושה ולא להראות בהן קלות ראש כמש״ל וכל המתפלל באימה וביראה ובכוונת הלב זוכה לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו אמן :

פרק נא **כתיב** והיה מחניך קדוש כשם שיש גבול בביתות ומחנות השכינה שנקראים קדושים כן בגוף האדם ואיבריו הם נקראין מחנה בענין אם האדם מקדש את גופו ואיבריו בענייני הקדושה אזי איבריו שלו נקראים מחנה שכינה ממש עליהם נאמר ונקדשתי בתוך בני ישראל ושכנתי בתוכם וכשהולך האדם בדרך לא טוב אזי הוא מכניס עצמו להיות מחנה לסטרא אחרא . (ב) ע״כ יהיה שגור בפי האדם לומר תפלה קצרה (רבונו של עולם זכני להיות אני כסא לשכינה כי כשהגוף הוא

צו דער אנדערע אז וויא בייא שמונה עשרה · דען דאש איז איין צייכן אז גאט ב״ה באגערט אין דיא תפלות ישראל · אזוא וויא דער מדרש יחזקאל שרייבט זעה וויא הויך הש״י איז פון דעם עולם אונ חיא אמענטש גייט אין שול אריין אונ קערט אום זיין פנים צוא דר וואנט אונ טוט תפלה דער הערט הש״י תיכף אונ אויב ער איז אין וועג זאל ער אום קערין זיין פנים צוא איין בוים אונ זאל דאבנען: (ז) דען דאש וואָרט כותל איז איין וואונדערליכר סוד דאש שטייט אין תיקוני זוהר · אז דאש ווארט כותל איז (כ״ו) (ת״ל) כ״ו איז אין דער צאל וויא דער שם הויה · דאש ווארט ת״ל מיינט מען דאש ביהמ״ק וואש עש הייסט תלפיות דאש אלע תפילות קערין זיך אהין אונ פון דארטן גייען זיי ערשט אויף דעם הימל ארויף אונ אז דר מענטש קערט אום זיין פנים צו דר וואנט צו דאבנען מוז ער זיך מכוין זיין דרויף וואש מיר האבין דא גישריבן דער נאך זאל ער דאבנען מיט גרויש פארכט אונ אונטער טעניקייט · דען דיא ווענט פון דער שול זיינן זייער הייליג אונ דיא ליכטיקייט פון דער שכינה שוועבט אויף זייא · דרום איז איין מנהג כשר צו קושין דיא ווענט מחמת דיא ליבשאפט פון דער קדושה וואש אויף זייא איז · (ח) אונ איין ראיה איז דר צו פון דעם מדרש ילקוט יחזקאל דען דער מדרש זאגט עש איז איין משל צוא איין הער וואש ער איז ארויש גיגאנגען פון זיין פאלעץ · אונ האט גיקושט דיא ווענט אונ האט גיהאלזט די זיילין אונ האט גיזאגט זייא מיט שלום מיין הויז זייא מיט שלום מיין פאלאץ כלומר ער גיזעגינט זיך מיט אים · אזו אז דיא שכינה איז ארויש גיגאנגן פון דעם בית המקדש האט זיא גקושט אונ גיהאלזט דעם בית המקדש אונ האט זיך מיט אים גיזעגינט · אונ איצונד זיינן די שולין דיא דירה פון דר שכינה · דרום מוזין מיר אין אונזערע שולין נוהג כבוד אונ קדושה זיין אונ ניט ווייזן אין זייא קיין קלות ראש ח״ו · אונ דער וואש איז מתפלל בכוונה אין שול דר וועט זוכה זיין צו זעהן אין דעם זיסקייט פון גאט אונ צוא דינן אים אין זיין היכל אמן :

פרק נא כתיב עש שטייט אין דר תורה והיה מחניך קדוש אונ דיין מחנה זאל זיין הייליג · דען אזו וויא די מלאכים אונ דיא בתות אונ מחנות פון דער שכינה זיינען דאך בוודאי הייליג · אזו אויך גיהער דער מענטש הייליגין זיינע גלידר אונ זיין לייב · ווארום אז דר מענטש הייליגט זיין גוף אונ זיינע גלידר · ווערין זיינע גלידר ממש גירופין מחנה שכינה · אונ אויף זייא ווערט גיזאגט דער פסוק ונקדשתי בתוך בני ישראל אונ איך וועל ווערין גהייליגט צווישן די קינדער ישראל ושכנתי בתוכם אונ איך וועל רוען צווישן זיי אבר אז דר מענטש גייט אין איין וועג וואש ער איז ניט גוט· ברייננט ער זיך ארין ער זאל זיין איין מחנה צו דר סטרא אחרא ח״ו · (ב) דרום גיהער גיוויינטליך זיין בייא דעם מענטשין צו זאגין דיא קורצע תפלה רבש״ע זכני להיות אני

בסא

הוא בקדושה נעשה כסא לשכינה) כי זה הוא חשק ותאוה שהשכינה שורה על גופות הצדיקים משא״כ כשיסלף אדם את דרכו הוא להפך חס ושלום וידקדק האדם באמירת ק״ש בכוונה גדולה כל מלה ומלה כי יש בק״ש רמ״ח תיבות נגד רמ״ח איברים · (ג) ואיתא בזוהר חדש כל שקורא ק״ש כדקא יאות כל תיבה ותיבה משפיע בכל אבר ואבר דיליה ואם אינו קורא ק״ש בכוונה כי אם במהירות וארעי רק לבו הוא מהרהר בעסקים אחרים והלב אינו יודע מה שהפה מדבר אזי כל אבר ואבר שואב עליו סטרא אחרא ועל ידי כן באים חלאים ומכאובים על גופי בני אדם על אשר אינן נזהרין לקרות ק״ש בכוונה והענין שצריך לידע מ״ש בספר כלי חמדה פ׳ בראשית כי כשם שרמ״ח איברים ושס״ה גידין של האדם מכוונים ומשועבדים תחת רמ״ח מצות עשה ושס״ה מצות לא תעשה ה״נ ארצות תבל ומקומות של העולם מכוונים אל רמ״ח מצות עשה ושס״ה מצות לא תעשה נגד איברים וגידים של האדם · (ד) ואמרו הראשונים כי עקרב מסור תחת ממשלת מצות מילה והמופת שאם ישך העקרב אם ישימו על הנשוך ברית מילה של תינוק שלא ראה קרי ישקוט הכאב ומסתלק הסכנה ועוד סגולה נפלאה לתינוק הנולד שלא יקרה עליו חולי נכפה בר מינן מיד כשנולד ישימו בפיו ברית קודש של תינוק יהיה ניצול כל ימיו מחולי נכפה · עוד דע כי היסורים הבאים על האדם אם האדם מקבל עליו באהבה ובחבה אזי אותן יסורים מזכין ומטהרין ומקדשין את הגוף מאד : (ה) והענין מבואר בזוהר פ׳ לך לך כי נשמת האדם נמשל לנר וטבע הנר כשאינו מאיר אזי מנענעין אותו קצת ויתלהב יותר ומאיר כראוי וזה דוקא בנר יפה משא״כ בנר גרוע אדרבה בנענועו אותו יכבה הנר וכמו כן האדם בהיות חוטא והנשמה אינה מאירה בתוך גופו כראוי אזי הקדוש ברוך הוא שולח עליו יסורים

יסורים

כסא לשכינה זייא מיך מזכה אז איך זאל זיין איין שטול צוא דער שכינה ווארום אז דער גוף איז הייליג ווערט ער איין שטול צוא דער שכינה כלומר וייל דיא שכינה רואט אויף אים איז גלייך וויא ער איז צוא איר איין שטול · אבער אז דער מענטש פאר קרימט זיין וועג איז חז פאר קערט · כלומר ווערט ער ח״ו איין שטול צוא דר סטרא אחרא · אונ דער מענטש זאל מדקדק זיין ק״ש צוא זאגין מיט גרויש כוונה איטליכש ווארט · ווארום אין ק״ש איז פאר האנדין רמ״ח תיבות דאש מיינט מען צווייא הונדרט מיט אכט אונ פערציג ווערטער · קעגין דיא רמ״ח אברים דאש מיינט מען צווייא הונדרט מיט אכט אונ פערציג גלידער וואש דער מענטש האט : (ג) שרייבט דער זוהר חדש איטליכער מענטש וואש לייענט ק״ש וויא רעכט איז איטליכש ווארט משפיע אין זיין אבר · אבער אז ער לייענט דיא ק״ש ניט מיט כוונה נאר גיך אונ זיין הארץ טראכט נאר אנדערע זאכין · אונ דאש הארץ וייש ניט וואש דאש מויל רעט · שעפט איטליכער אבר אויף זיך דיא ס״א חז · אונ דרום קומען קראנקייט אונ וויא טאג אויף דיא מענטשין וואש זיינען ניט נזהר ק״ש צו לייענן מיט כוונה · אונ אין ספר כלי חמדה שטייט דיא רמ״ח אברים אונ שס״ה גידין פון דעם מענטשין זיינען קעגין דיא רמ״ח מצות עשה אונ שס״ה מצות לא תעשה אזו אויך דיא לענדער אונ דיא ערטער פון דער וועלט זיינען אויך קעגין דיא רמ״ח מצות עשה אונ שס״ה מצות לא תעשה : (ד) אונ דיא ערשטע חכמים האבין גיזאגט דיא ערד וואש איז אונטער דעם מזל עקרב איז איבער גיענטפערט אונטער דיא ממשלה פון מצות מילה · אונ איין מופת איז דער צוא דאש אז איין ענדעש טוט איינעם איין בים אז מען לייגט אויף דעם בים איין מילה פון אזו איין קינד וואש האט נאך ניט רואה קרי גיוועזין ווערט דער וויא טאג תיכף גישטילט אונ דיא סכנה ווערט אפ גיטאן · אונ נאך איז פאר האנדין איין וואונדערליכע סגולה אז וויא איין קינד ווערט גיבארין זאל מען טאן אין זיין מויל איין ברית מילה פון אזו איין קינד וואש האט נאך ניט רואה קרי גיוועזן וועט ער ניצול ווערין וייל ער וועט לעבין פון דער חולי נכפה רחמנא ליצלן · נאך וייש אז דיא יסורים וואש אויף דעם מענטשין אז דער מענטש נעמט זייא אן באהבה זיינען דיא יסורים זייער מטהר דעם גוף אונ מאכין אים זייער הייליג : (ה) אונ דער טעם איז באשייד אין זוהר · דען דיא נשמה פון דעם מענטשין איז גיגליכין צוא איין ליכט · אונ דיא טבע פון איין ליכט איז · אז עש ברענט ניט ליכטיג צוא שאקילט מען עש אביסיל ברענט עש שון גאנץ פיין · אונ דאש איז דווקא בייא איין גוט ליכט · אז עש איז אבער איין שלעכט ליכט דאש הייסט אז עש איז פון שלעכטין חלב · איז נאך ערגער אז

מען

יסורים המנענעים ומזעזעים אותו וכאשר יקבל באהבה אזי חוזרת הנשמה להיות מאירה ביותר מבראשונה ואם אינו מקבל באהבה אזי אינו זוכה להאיר כבראשונה ויסורין מריעין לו והדין מתעורר עליו עד ירידתו לשוחה עמוקה של גיהנם והירא דבר ה׳ יבחר בחיים וטוב לו :

**פרק נב שלמה** עליו השלום כתב בספרו אל תהי צדיק הרבה ואל תרשע הרבה וכן אמרו רז״ל במסכת סוטה הזהרו מן הצבועים שדומין לפרושים שעושין מעשה זמרי ומבקשין שכר כפנחס והנה לפעמים האדם יראה לעינים איש אשר עוסק תמיד בתפלה בכוונה והולך בתפילין כל היום אתה סובר בדעתך שהוא איש ישר וכשר באשר שתמיד הוא עוסק במלאכת השמים אבל אין אתה יודע מה שהוא בלבבו · (ב) ובא וראה מה ששמעתי מעשה שהיה איש זקן עשיר גדול והיה לו רק בן יחיד בחור יפה עינים וחכם מאוד ויהי היום ויקרבו ימי הזקן למות וקרא לבנו הבחור וצוה לו קודם מותו וא״ל בני הנה אני מנחיל לך ממון רב אוצרות גדולות שיהיה לך כל טוב כל ימי חייך ואני מצוה לך שתשמור את עצמך מן הצבועין מן אנשים שהמה עוסקים בחסידות הרבה חוץ לטבע הבריות כי כך מראין את עצמם שהן חסידים אבל שבע תועבות הן בלבם והזהר מן וצדקתך ואז יהיה לך ולזרעך כל טוב כל הימים ומת האיש הזקן · (ג) ואח״כ נשא הבחור בתולה יתומה ענייה אחת יפת תואר מאוד כאשר שישרה בעיניו ואחר הנשואין שמח באשתו ואשתו היתה צנועה וחסידה בעיני בעלה וכמו שנים ד׳ או ה׳ אמר הבעל לאשתו בא עמי לטייל ברחובות ובשווקים לראות בטוב הארץ ואמרה לו אשתו לא אלך פן אשא עיני אל אנשים אחרים או אנשים אחרים יתנו עיניהם בי

מען צוא שאקילט עש וייל עש ווערט גאר פאר לאשין · אזו אויך אז דער מענטש זינדיגט · אונ דיא נשמה קען ניט לייכטין אין זיין גוף וויא מען דארף · שיקט גאט ב״ה אויף אים יסורים וואש זייא צוא שאקלין אים אונ אז ער נעמט אן דיא יסורים באהבה לייכט שוין דיא נשמה אין אים וויא עש גיהער צו זיין אבר אז ער איז זייא ניט מקבל באהבה איז ער אפילו ניט זוכה אז דיא נשמה זאל אין אים לייכטין אזו וויא זיא האט גילייכט אין אים פאר די יסורים · אונ דיא יסורים טוען זיך שטארקין איבר אים אונ איבלן אים אונ דער דין ווערט וועקט אויף אים · ביז ער נידרט אין טיפן גרוב פון דעם גיהנם אבער דער וואש פארכט זיך פאר גאט דער ווילט זיך בעסער אויש אין לעבין אונ איז מקבל דיא יסורים באהבה אונ דען איז אים גוט אויף עולם הזה אונ אויף עולם הבא אמן :

**פרק נב** שלמה המלך ע״ה האט גישריבן אין משלי דוא זאלשט ניט צוא פרום זיין אונ אזו אויך האבין אונזערע חכמים ז״ל גיזאגט זייא גיווארינט פון דיא וואש זיינן צו פרום דאש זייא מאכין זיך גלייך צוא דיא פרומע לייט אונ טוען דיא שלעכטע מעשה פון זמרי אונ ווילין שכר אזו וויא פנחס אונ נון אמאל אז דער מענטש זעהט איין מענטשן וואש ער דאבינט בכוונה אונ גייט איין גאנצין טאג אין די תפילין מיינשטו דאך בוודאי ער איז זייער איין איש כשר וייל ער איז תמיד עוסק אין מלאכת שמים אבר דו פון איז ניט נידרונגען ווארום דוא ווייסט דאך ניט וואש אין זיין הארץ איז : (ב) קום אונ זעה וואש איך האב גיהערט איין מעשה דאש עש איז גיוועזן איין אלטער מאן וואש ער איז גיוועזן אגרוישער עושר · אונ ער האט ניט גיהאט נאר איין בן יחיד איין יונג קינד אונ זייער איין שיינער אונ זייער איין קלוגר · ויהי היום האט דער אלטר בדארפט שטארבין האט ער גירופין צוא זיין זון אונ האט אים צוואה גילאזט · מיין זון זאלשט וישין איך לאז דיר איבר ירושה פיל געלט אונ גרוישע אוצרות · וואש וייל דוא וועשט לעבין וועשטו האבין אלץ דאש גוטש · אונ איך זאג דיר אן דוא זאלשט זיך היטין פון דיא לייט וואש זיינען צוא פרום ווארום זייא ווייזין זיך אויש פאר לייט גלייך וויא זייא זיינן חסידים אבער עש איז פאר האנדין שבע תועבות בלבם · אונ היט זיך פון איין וצדקתך אונ דען וועט דיר גוט זיין אונ צוא דיינע קינדער ביז אייביג וועט גוט זיין אונ דער אלטער איז גישטארבין : (ג) דער נאך האט דער בחור גינומען זיך איין בתולה איין ארעמע יתומה פאר איין ווייב וייל זיא איז אים וואול גיפעלין וייל זיא איז זייער שיין גיוועזן · אונ נאך דר התונה האט ער זיך זייער גפרייט מיט זיין ווייב אונ אים האט זיך גדאכט אז זיין ווייב איז איין צנועה אונ איין פרומע · אין פיר אונ פינף יאר ארום · האט דר מאן גיזאגט צוא זיין ווייב · קום מיט מיר שפאצירין אין מארק האט זיין ווייב צוא אים גיזאגט איך וועל ניט גיין · ווארום

טאמער

בי ואני מכשיל אותם אז אמר בעלה בלבו אף היא נראית כצדקת וזכר את צוואת אביו ושתק והלך בעצמו לשוק יחידי מה עשה האיש הנ"ל כמו חצי שנה אחר זה המעשה הלך וצוה לעשות לכל החדרים שבביתו שני מפתחות ונתן מפתח אחד מכל חדר וחדר לאשתו ומפתח א' לקח לעצמו ולא הגיד לאשתו שיש לו עוד מפתח · (ד) ויהי היום אמר הבעל לאשתו שהוא צריך לילך למרחקים לקנות סחורות להכין לו צדה לדרך וכך עשתה אשתו כי היתה סבורה שבעלה יסע ממנה כדרך כל הארץ וליום מחרתו נסע הבעל ממנה והיא סברה שילך בעלה למרחקים אבל הבעל עשה בערמה וכשהיה חצי פרסה מחוץ לעיר צוה לעגלון לשוב ולילך לעיר ולא שב לביתו כ"א לבית האושפיזא אשר אורחים שמה וכאשר הגיע החשך בלילה הלך העשיר לביתו ופתח פתח ראשון בביתו ואחר כך הלך מחדר לחדר עד שבא לחדר אשתו שהיתה ישנה ואחד היה שוכב עמה במטה · (ה) וכשראתה האשה שבעלה הוא בחדר אמרה שיקח חרב וידקור את בעלה והוא היה מתירא והלך לו מחוץ לביתו ומרוב הצער שלו הלך ושכב בשוק וישן שם ובאותה הלילה נגנב מהמלך של אותו העיר אוצר אחד ולקח הגנב כל האבנים טובות של המלך והיתה צעקה גדולה בארמון המלך · (ו) וצוה המלך לחפשו בכל הדרכים ובבתים חיפוש אחר חיפוש והלכו עבדי המלך בכל העיר ההיא ומצאו להאיש שוכב וישן על הרחוב ואמרו בלבם שהוא הגנב ותפשו אותו ונגמר דינו למיתה אחר העינויים שנפסקו לו ואחר כך כשהיו מוליכין אותו לתלותו על העץ הלך איש אחד עמו ואותו האיש היה חשוב גדול אצל המלך והיה מדבר על לבו דברים ניחומים ואח"כ היו מוליכין אותו ברחוב אחד שהיה

טאמער וועל איך קוקין אויף פרעמדע מאנזבילין · אונ פרעמדע מאנזבילין וועלין קוקין אויף מיר וועל איך זייא ברייגגען צו איין עבירה · האט איר מאן זיך גיטראכט זיא ווייזט אויך אויש וויא איין וצדקתה · האט ער זיך דער מאנט אן זיין פאטערש צוואה אונ האט גישוויגין ; אונ איז אליין גינאנגן שפאצירין אויף דעם מארק · וואש האט גיטאן דער דאזיגער מענטש · דען אין איין האלב יאר ארום נאך דער מעשה איז ער גיגאנגען אונ האט גיהיישין מאכין צוא איטליכין חדר פון זיין הויז צווייא שליסלען אונ האט זיין ווייב אפ גיגעבין איין שליסל פון איטליכן חדר אונ איין שליסל האט ער צו זיך גנומן · אונ דאש ווייב האט ניט גיוואושט אז ער האט איין שליסל צו איטליכן חדר : (ד) אמאל האט דר מאן גיזאגט צו זיין ווייב אז ער דארף גיין אין איין וויטין וועג סחורה קויפן · זאל זיא אים אן גרייטין שפייז אויף דעם וועג · אונ אזו האט זיא גיטאן ווארום זיא האט גימיינט אז ער וועט מאקע פארין אין איין ווייטין וועג · דעם אנדערין טאג איז ער אוועק גיפארין האט זיא גימיינט ער איז שוין אוועק גיפארין אין דעם וויטין וועג ארין · אבר ער האט עש גיטאן מיט איין ערמה דען אז ער איז גיוועזן איין האלב מייל פון דער שטאט · האט ער גיהיישין דעם בעל עגלה ער זאל מיט אים קאריק פארין אין שטאט ארין · אונ האט זיך ניט אום גיקערט צוא זיין הויז נאר ער איז ארין גיפארין אין דר הארבריג וואש אלע סוחרים פארין ארין · אונ אז עש איז גיווארן רעכט פינצטער איז ער גיגאנגן צו זיין הויז אונ האט גיעפנט די ערשטע טיר פון זיין הויז מיט זיין שליסל אונ איז אזו גיגאנגן פון איין חדר צום אנדרין ביז ער איז גיקומען צו דעם חדר וואו זיין ווייב שלאפט האט ער דער וויסט אז איינער ליגט מיט איר אין בעט : (ה) וויא דיא אשה האט דער זעהען אז איר מאן איז דא אין דעם חדר · האט זיא גיזאגט צוא דעם מענטש נעם דיא שווערד אונ שטעך מיין מאן : האט ער מורא גיקריגין אונ איז אנטלאפין גיווארין אויף דער גאס אונ מחמת זיין פיל צער איז ער גיגאנגען אונ האט זיך גילייגט אין מארק אונ איז דארטין אנשלאפין גיווארין · אין דער זעלביגער נאכט איז בייא דעם מלך פון דער שטאט גיגנבת גיווארין איין אוצר · אונ דער גנב האט צוא גינומען אלע אבנים טובות פון דעם מלך · איז גוועזן איין גרויש גישרייא אין דעם מלכות פאלאץ : (ו) האט דער מלך גיבאטין מען זאל זוכין אין דיא וועגין אונ אין דיא הייזער טאמר וועט מען די גנבים געפינן · זיינן דיא שלוחים גיגאנגען אונ האבין גזוכט אין דער שטאט אונ האבן גפונען וויא דער עושר ליגט אויף דער גאס אונ שלאפט · האבין זייא זיך גיטראכט אז דאש איז בוודאי דער גנב · אונ האבין אים גיחאפט · אונ מען האט גיפסקנת מען זאל אים פריער אן טאן גרוישע ענוים · דער נאך זאל מען אים הייגען · בשעת מען האט אים גפירט הייגען איז איין מענטש מיט אים גיגאנגען · אונ דער מענטש האט אים גפירט און איז איין

שהיה שם אשפה והיו תולעים יוצאין מהאשפה על הארץ ואמר האיש להתליין שיסבב את האיש סביב להתולעים שלא ימית את התולעים מאחר שהתורה ה הירה ורחמיו על כל מעשיו אמר האיש בלבו אף האיש הזה הוא מן הצבועים של וצדקתך: (ז) אמר האיש בעל האשה לעבדי המלך שהוא והאיש הזה היו עושין הגניבה בחצר המלך ומיד תפשו השומרים גם לאותו האיש וצוה המלך לחפש בחדר האיש הגדול ומצאו שם כל הגניבה ואח"כ שאל המלך את האיש בעל האשה מה שייכות לו אצל האיש הזה התחיל לספר להמלך מצוואות אביו ומה שאירע לו עם אשתו הזונה ומה שאירע לו עם האיש הזה ולכן היה נוקם ונוטר לו שהיה רוצה להיות צדיק הרבה וצוה המלך להחיל לתפוס את אשתו הזונה ומצא שכדבריו כן הוא וצוה המלך להשיב את האיש לביתו כבראשונה ואשתו צוה להסיר את ראשה ואת האיש הצבוע צוה לתלות על העץ ע"כ · (ח) נלמד מזה המעשה שלא יסמוך האדם במה שיראה בעיניו שהוא הולך תמים כי אין האדם יודע מה שהוא בלבבו וכלל הזה נקוט בידך מי שאינו רוצה ליהנות בממון של חבירו ומכ"ש שאין רוצה בממון של גזל או ממון של גניבה ומשאו ומתנו הוא באמונה הוא איש צדיק וישר בוודאי אבל כשאדם רואה את חבירו נושק התפילין ומתפלל ואינו עוסק במו"מ באמונה צריך להרחיק ממנו בכל מיני הרחקות כי עיקר היראה והצדקות הוא בממון וכל האדם שהוא עומד בצדקו על ממון זה הוא צדיק גמור ועליו נאמר יגיע כפיך כי תאכל אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא אמן ·

אין נאם וואש דארטין איז גיוועזן מיסט · אונ ווערים זיינען ארויש גיגאנגן פון דעם מיסט אויף דער ערד · האט דער מענטש גיזאגט צום תליון ער זאל דעם מענטשין פירין ארום דיא ווערים כדי ער זאל מיט דיא פים ניט צו טרעטין דיא ווערים ווארום דיא תורה האט מזהיר גיוועזן מען זאל זיך דער בארמן איבר אלע זיינע בשעפעניש דרום דארף מען אויף די ווערים אויך רחמנות האבן האט דר מענטש זיך גיטראכט אין זיין הארץ · דער איז אויך פון דיא וצדקתך: (ז) האט דער מענטש גיזאגט צוא דעם מלכות איך וועל אייך זאגין דעם אמת אז איך מיט דעם מענטש האבין מיר בחברותא גיטאן די גניבה אין דעם הויף פון דעם מלך · האבין דיא שומרים דעם מענטש אויך בצוואונגען: אונ דער מלך האט גיהיישין זוכין אין אלע חדרים פון דעם מענטש אונ מען האט דארטין גיפונן גאר די גניבה האט דער מלך גיפרעגט דעם עושר וואש פאר איין שייכות האשטו גיהאט מיט דעם מענטש אז איר זאלט ביידע גנבנן האט דער מענטש דער ציילט דעם מלך דיא גאנצע מעשה וויא דער פאטער האט אים צוואה גילאזט ער זאל זיך דער ווייטערין פון איין וצדקתך אונ וואש עש האט אים זיך גטראפין מיט זיין ווייב די זונה אונ אויך וויא ער האט גזעהן דער מענטש איז איין וצדקתך דרום האט ער זיך נוקם גיוועזן אין אים האט דער מלך תיכף גיהיישין בצווינגן זיין ווייב דיא זונה האט זיא מודה גיוועזן דעם אמת · האט דר מלך גהיישין דעם מענטשן אהיים לאזין אונ צו זיין ווייב האט ער גיהיישין איר קאפ אראפ נעמן · אונ יענם מענטש האט ער גיהיישין הייגען אונ אזוא האט מען גיטאן: (ח) פון דער מעשה קען מען אפ לערנען אז דער מענטש זאל זיך ניט סומך זיין דרויף וואש ער זעהעט איין מענטש איז זייער פרום · ווארום ער ווייסט ניט וואש ביי אים אין הארץ איז · נאר דעם כלל נעם דיר דר וואש וויל ניט נהנה זיין פון זיין חברש געלט אונ מכ"ש ער וויל ניט קיין גזילה אדר גניבה געלט אונ זיין משא ומתן איז באמונה · דער איז בוודאי איין צדיק · אבער אז ער קושט דיא תפילין אונ דאבינט זייער פרום אונ זיין משא ומתן איז ניט באמונה · מוז מען זיך פון אים דער ווייטערן מיט אלערלייא דער ווייטערונג · דען די עיקר יראה אונ דאש עיקר פרומקייט איז נאר אין דעם געלט · אונ דער מענטש וואש האנדילט ערליך מיט לייט אונ קען באשטיין אויף געלט דער איז איין רעכטער צדיק · אונ אויף אים שטייט אין פסוק יגיע כפיך כי תאכל אז דוא וועסט עסין פון דיין יגיע כפיך אונ וועשט ניט בגערין קיין פרעמדעש אשריך בעוה"ז איז דיר וואול אויף דר וועלט וטוב לך לעולם הבא אונ אויף יענער וועלט וועט דיר אויך גוט זיין אמן:

# חלק שני

פרק נג **כל** מה שברא הקב"ה בעולם הכל הוא לכבודו ברא וכ"ש האדם שהוא עולם קטן לא נברא אלא לכבודו כדי שיהיה האדם עבד להקב"ה לעבדו באימה וביראה ובאהבה והנה בהיות האדם מלובש לבושין קדושים במעשים טובים אז נקרא עבד ה' ואלו הדברים הן שאדם משעבד גופו ונפשו לעבוד ה' אהבת התורה כוונת המצות כוונת התפלה קדושת שבת וי"ט קדושת האיברים קדושת המחשבה קדושת המחנה קדושת הגדרים קדושת המדות׳ (א) ונתחיל באהבת התורה הוא שיכוין בלימודו לשם הקב"ה ושכינתיה ולא לתועלת עצמו כדי שיהזיק עצמו לבעל תורה או אפילו שיהיה לו עוה"ב וכל המכוין בלימודו להנאת עצמו וכבודו עליו נאמר וכל חסדו כציץ השדה והנה האדם העוסק בתורה צריך להיות בשמחה כי אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה ולא מתוך עצבות׳ (ב) צריך האדם ליזהר לילך לישיבה של הרב מורה צדק לעדתו וכתב הרב ר' יעקב ז"ל כי כנגד כל פעם שאדם מונע עצמו מלכת לישיבה בעוה"ז כך דוחין אותו מן ישיבה של מעלה בעוה"ב במספר הימים׳ צריך ליזהר בעל תורה מגאוה כמו שהארכתי לעיל׳ צריך האדם ללמוד הלכה בכל יום ויכוין לדייק היטב ולהסיר לפי שכלו כל הקושיות שבה ובזה הוא מסיר מהשכינה כל הקליפות ומקשט אותה בקישוטין כי אותיות הלכה הן אותיות הכלה ולא יבוש לומר על דבר שלא שמע לא ידעתי ולא שמעתי: (ג) ילמוד בכח עד שיזיע ובזה הוא משבר הקליפות גם יזהר שלא יהיה בכעס בפלפולו בישיבה כי אז חכמתו מסתלקת ממנו ואפילו עם התלמידים שלא יבינו לא יהיה בכעס כמ"ש לעיל בפרקים

פרק נג כל אלץ וואש גאט האט בשאפין אויף דר וועלט׳ האט ער נאר בשאפין פון זיין כבוד וועגין׳ אונ מכל שכן דער מענטש וואש ער ווערט גירופין קליינע וועלט איז בוודאי נאר בשאפין גיווארין פון גאטש כבוד וועגין׳ פון וועגין ער זאל זיין איין קנעכט צוא גאט ב"ה ער זאל אים דינן מיט פארכט אונ מיט ליבשאפט אונ אז דער מענטש איז בקלייד מיט די היילינע מלבושים דאש זיינען מעשים טובים ווערט ער גרופן גאטש קנעכט אונ דאש זיינן דיא זאכין וואש דר מענטש מוז אין זייא משעבד זיין זיין גוף אונ זיין נשמה צו דינן גאט: (א) מען זאל ליב האבין דיא תורה: (ב) מען זאל טאן דיא מצות מיט כוונה: (ג) מען זאל תפלה טאן מיט כוונה: (ד) מען זאל שבת אונ יו"ט רעכט האלטין: (ה) מען זאל זיך היילגן די אברים: (ו) מען זאל היילגין דיא מחשבה: (ז) מען זאל זיך היילגן דער מיט דאש מען זאל זיך איין גדר מאכן מען זאל ניט קומן צו קיין עבירה: (ח) מען זאל היילגן זיינע מדות: (א) נוא וועלין מיר אן הייבן צו ריידן פון אהבת התורה׳ דאש איז ער זאל זיך מכוין זיין אין זיין לערנן פון גאטש וועגין מיט זיין שכינה׳ אונ ניט פון זיין הילפונג וועגין פון וועגין מען זאל אים האלטין פר איין ת"ח אדר כדי ער זאל האבין עולם הבא׳ אונ דער וואש איז מכווין מיט זיין לערנן פון זיין הנאה אונ זיין כבוד וועגין אויף דעם שטייט אין פסוק וכל חסדו כציץ השדה אונ נאר זיין חסד איז נאר וויא דאש שפראצונג פון דעם פעלד דר מענטש וואש לערינט תורה מוז ער לערנן מיט שמחה ווארום דיא שכינה רועט מער ניט נאר ביא דעם וואש האט שמחה אונ ניט ביא דעם וואש איז טרויעריג: (ב) דער מענטש מוז גיווארינט זיין צוא גיין צוא דער ישיבה פון דעם רב וואש איז אין זיין שטאט׳ אונ דער רב ר' יעקב שרייבט אז אזוא פיל טעג וואש דער מענטש גייט ניט אין דער ישיבה פון דעם רב אב"ד אזוא פיל טעג שטויסט מען אים ארויש פון דער ישיבה של מעלה דער בעל תורה מוז נזהר זיין פון גאוה דר מענטש מוז אלע טאג לערנן איין הלכה אונ זאל דרינען גוט מדקדק זיין ער זאל זיך ניט בארין דרינן אונ וועדליג זיין שכל איז זאל ער אפ טאן אלע קשיות׳ אונ דורך דעם טוט ער אפ אלע קליפות פון דער שכינה אונ צירט זיא אויש מיט צירונג׳ אונ אויף אזוא איין זאך וואש ער האט ניט גיהערט׳ זאל ער זיך ניט שעמן צוא זאגין איך האב עש ניט גיהערט אונ ניט גיוואושט: (ג) ער זאל לערנען מיט כח ביז ער זאל דער שוויצט ווערין׳ אונ דער מיט צוא ברעכט ער דיא קליפות׳ אויך זאל ער נזהר זיין ער זאל ניט זיין אין כעס בשעת ער איז זיך מפלפל מיט זיינע

חברים

בפרקים הקודמין · (ד) יהיה לו חדר מיוחד לקדושת בית המדרש ממש ואם אי אפשר להיות לו חדר מיוחד ייחד בחדרו זוית א׳ מיוחד ויקבע שם עתים לתורה · עיקר לימוד ועסק התורה הוא לעשות כביכול כסא לשכינה ובהיות אדם מלוכלך בעון וחטא אזי אין השכינה שורה עליו כי כל עון ועון הוא קוץ מכאיב כביכול נגד השכינה ולכן יתודה האדם קודם שילמוד כדי לייחד הקדוש ברוך הוא ושכינתיה בדחילו ורחימו · (ה) ספר שיש בו טעות יתקן ואל תשכן באהליך עולה ואין להגיה מסברא וכתב הרמב״ן ז״ל יד המוחקת בספרים בלתי ראייה ברורה תקצץ ולטאי דרבנן יגיע להאי ידא שתקצץ · היגע בלימודו לא במהרה הוא שוכח · הלומד בבית הכנסת אינו שוכח · הלומד ולשונו יבש מחמת צמא ואין מפסיק מלימודו נחשב לו לכפרת עון על עון דברים בטלים · כשם שמחוייב האדם לקיים מצות הגשמיים כך הוא מצווה על הרוחניים לחדש חדושים בתורה ועי״כ יזכה לאור התורה · (ו) קנה לך חבר במשמעו גם רמז אל הקולמוס יהא לך חבר שתכתוב מה שתחדש והסימן כתו״ב זא״ת זכרון בספ״ר ואין זאת אלא תורה דכתיב וזאת התורה וכתיב כתבם על לוח לבך צריך האדם שיהיה מושלם בלימודו בלימוד פ״שט ר״מז ד״רוש ס״וד ור״ת הוא פרד״ס שאל״כ צריך להתגלגל אפילו על אחד מהן · הוי רגיל בלימוד תרי״ג מצות יקבע עתים לתורה בכל יום שיהיה לו עת קבוע שאף אם ירויח ממון רב באותו זמן לא יעבירנו קביעות התורה (וכן הוא המנהג זה בעיר ואם בישראל ק״ק פראנקפורט דמיין) וזה מאהבת ה׳ ותורתו · יזהר שביום שני ויום ה׳ ילמוד יותר מבשאר ימים ויכוון למתק הדינים השולטים באותן ימים

חברים ווארום אז ער איז אין כעס ווערט זיין חכמה פון אים אפ גיטאן · אונ אפילו אויף דיא תלמידים וואש פאר שטייען ניט זאל ער ניט זיין אין כעס: (ד) ער זאל האבין אבזונדר חדר אין זיין היים ער זאל דארטין לערנען · אונ אויב עש איז ניט מיגליך צוא האבין אבזונדר חדר · זאל ער זיך מייחד זיין אין זיין חדר אבזונדר ווינקלע צוא לערנן תורה · דער עיקר כוונה פון דעם מענטשין זאל זיין מיט דעם לערנן דאש דורך דעם לערנען זאל ער זיין איין שטול כביכול צו דר שכינה אונ אז דער מענטש איז איין גיריכט מיט זינד קען דיא שכינה ניט רוען אויף אים · ווארום איטליכע זינד איז וויא איין דארן כביכול צוא קעגין דער שכינה·דרום זאל דר מענטש זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד איידר ער זעצט זיך לערנן: (ה) אזו איין ספר וואש דרינען איז פאר האנדן איין טעות זאל ער אים פאריכטן אבר מען טאר ניט מגיה זיין פון זיין שכל נאר ער מוז נאך זעהן אין אנדרע ספרים אויב דאש איז איין רעכטר טעות דענמאלט זאל ער דאש פאריכטן אונ דער רמב״ן שרייבט דיא האנט וואש מעקט אין ספרים אן איין קלארע ראיה · דיא זאל אפ גיהאקט ווערן׳ דער וואש מיד זיך אין זיין לערנן דער פאר געסט עש ניט גיך · דר וואש לערינט אין שול דער פאר געסט דאש אויך ניט גיך · דער וואש לערינט אונ זיין צונג ווערט פר טריקנט מחמת דארשט אונ ער איז ניט מפסיק פון זיין לערנן ווערט אים פאר געבין דיא זינד פון דברים בטלים׃ אזוא וויא דער מענטש איז מחויב מקיים צוא זיין דיא מצות הגשמיים דאש הייסט דיא מצות וואש מען טוט מיט די גלידר אזו אויך מוז ער מקיים זיין די רוחני מצות דאש הייסט מחדש צוא זיין חידושים אין דער תורה אונ דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו דר ליכט פון תורה · (ו) קויף דיר איין חבר דאש הייסט דוא זאלשט צאלין איין גוטין חבר מיט אים צוא לערנן אויך איז דאש ארמז דאש די פען זאל דיר זיין איין חבר · דוא זאלשט אויף שרייבין אלץ וואש דוא האשט מחדש גיוועזן אין דער תורה · דער מענטש מוז לערנען פשטים רמזים דרוש סודות התורה דער סימן דר פון איז פרדס דיא (פ) מאכט פשטים · דיא (ר) מאכט רמזים די (ד) מאכט דרוש דיא (ס) מאכט סוד אבר אז ער לערינט ניט איינש פון דיא פיר מוז ער נאך אמאל מגולגל ווערן׳ דער מענטש זאל גיוואונט זיין צוא לערנען דיא תרי״ג מצות · ער זאל זיך קובע זיין צייטין אויף צוא לערנן · דאש איטליכן טאג זאל ער האבין גיזעצטע צייטין צוא לערנן אונ ווען עש זאל אים שטיין צוא פאר דינען פיל געלט אין דר צייט זאל ער דיא צייט ניט פאר פעלין פון צו לערנן׳ אונ דאש זאל ער טאן פון וועגין דיא ליבשאפט פון גאט אונ זיין תורה · ער זאל נזהר זיין אין מאנטיג אונ דאנרשטיג מער צו לערנן איידר אין די איברגע טעג׃ ער זאל זיך זייער דער ווייטרין פון פילוסופיא וואש איז מתנגד צוא דער אמונה צוא לערנן ווארום דאש איז וויא פייער אונ דרויף שטייט אין פסוק כי שחה אל מות ביתה דעך איר הויז איז איין גיבויגין צום טויט כל באיה לא ישובון אלע

וואש

ימים · (ז) ירחיק מאוד מלימוד של פילוסופי"א המתנגדת לאמונה כי היא אש זרה ועליה נאמר שחה אל מות ביתה כל באיה לא ישובון וכבר הזהיר הגאון מהורי"ר משה לאנדי ז"ל על זה · יזהר שילמוד במקום שיש בו חלונות ולהסתכל בכל עת לשמים כי מועיל להשגה · (ח) אסור לומר דבר בשם ת"ח אחד דבר שלא נאמר בשמו · יזהר שלא להוציא ד"ת במקומות שאינם נקיים · אל יבוש לקבל האמת אפילו מקטן שבקטנים · אם יודע בחבירו שלא יוכל להשיב לו על קושייתו לא ישאל כלל כדי שלא לבייש אותו ח"ו · (ט) ראה מ"ש הזוהר פ' שלח לך חד ינוקא הוו אוחזין ביה בעלי דינים ולא הניחו אותו לישיבה של מעלה וצווח האי ינוקא אודעזעו מקליה כל בני מתיבתא אמר רב מתיבתא מאן אינון דלא שבקין להאי ברא דאלהא חייא למיעל לקמן מיד אחזו ביה בההוא ינוקא והכניסו אותו לפני רב מתיבתא ואז נאספו הרבה בני ישיבה אמר ליה רב מתיבתא פתח פומך ואימא ברא קדישא אמר האי ינוקא דחילנא דאנא ממתיבתא אחריתי והלכתי לישיבה זו ואחזו בי בעלי דינים אמר ליה רב מתיבתא לא תדחל ברא קדישא הכא תהיה ד' יומין ותסתחי בכל יומא מטלא קדישא ולבתר יסלקון לך לגו מתיבתא עילאה בין ינוקיא · (י) פתח ואמר בכל הני קראי דהוי רב מתיבתא דריש פירש האי ינוקא ד' פרושין וגילה להון סודות נפלאות בהאי שעתא נטלו לאבוה דינוקא והכתירו אותו בשבעין כתרין וכו' ואמרו שם עניינו דהאי ינוקא שאחזו בו בעלי דינים ורצו לדון אותו ביסורים בשביל שהיה מקשה לרבו הרבה קושיות והוי מכסיף לרביה שלא היה יודע להשיב ליה ולא היה חס על כבוד רבו ועל ידי זה חלש דעתיה דרביה על כן באו למידן בדינא תקיפא ואף דשזיב רב מתיבתא יתיה והושיבו אצלו ד' יומין אף על פי כן סביל דינא כל הני ז' יומין כי כל ז' יומין היה צורתו חסר והיה סובל

וואש קומן אהין דיא קענן ניט ווידער קערן · ער זאל נזהר זיין צוא לערנן אין אזו איין ארט וואו פיל פענסטער זיינן פאר האנדין אונ צו קוקין אלע צייט צוא דעם הימיל דען דאש העלפט צוא השגה : (ח) מען טאר ניט זאגין דעם פשט אדער דיא תורה האט דער אונ דער רב גיזאגט אונ ער האט עש ניט גיזאגט · ער זאל נזהר זיין פון צוא ריידין דברי תורה אויף זעלכע ערטער וואש זיינן ניט ריין · ער זאל זיך ניט שעמען דעם אמת מקבל צוא זיין אפילו פון דעם קלענסטין · אז ער ווייסט אין זיין חבר אז ער וועט אים ניט ווישין צוא ענטפערין אויף דער קשיא וואש ער וועט אים פרעגין זאל ער אים ניט פרעגין כדי ער זאל אים ניט מבייש זיין ח"ו : (ט) זעה וואש עש שטייט אין זוהר איין קינד איז גישטארבין האבין דיא בעלי דינים אים בגריפין · אונ האבין אים ניט גילאזט גיין אין דער ישיבה של מעלה האט דאש קינד גישריען זיינען ווארין דער ציטערט אלע דיא בני ישיבה · האט דער ראש ישיבה גיזאגט ווער זיינן דיא וואש זייא לאזין ניט אריין גיין צוא דעם קינד · האבין דיא בני ישיבה גיחאפט דאש קינד אונ האבין אים אריין גיבראכט פר דעם ראש ישיבה · אונ פיל בני ישיבה האבין זיך צום הויף גיזאמילט האט דער ראש ישיבה גיזאגט דוא הייליג קינד עפין דיין מויל אונ זאג האט דאש קינד גיזאגט איך פארכט זיך ווייל איך בין פון אנגדר ישיבה · אונ איך בין גיגאנגן אין דער ישיבה אריין האבין דיא בעלי דינים אין מיר בגריפין · האט דער ראש ישיבה צוא אים גיזאגט דוא הייליג קינד פארכט זיך ניט דען זיבין טעג וועשטו דא זיין וועשט זיך אלע טאג אפ וואשין מיט דער הייליגער טויא · אונ דער נאך וועט מען דיך אויף ברייגגן צוא דער הויכר ישיבה צווישין דיא קינדר : (י) האט דאש קינד גיזאגט זיבין פרושים אין דיא אלע פסוקים וואש דר ראש ישיבה האט גיזאגט · אונ האט זייא מגלה גיוועזן פיל וואונדרליכע סודות · האט מען גינומן צוא זיין פאטר אונ מען האט אים גקריינט מיט זיבעציג קרוינן · אונ דרום האבין דיא בעלי דינים בגריפן אין דעם קינד אונ האבן אים גוואלט משפטן מיט יסורים : ווייל דאש קינד פלעגט זיין רבי פיל קשיות פרעגין אונ ער פלעגט מבויש ווערין ווארום ער האט ניט גוואוסט צו ענטפרין אים אונ ער האט ניט חס גהאט אויף דעם כבוד פון זיין רבי דרום האבין זייא אים גיוואלט דן זיין · אונ חאטשע דער ראש ישיבה האט אים מציל גיוועזן אונ האט אים גיזעצט זיבין טעג לעבין זיך · פון דעסט וועגין האט ער פארט גיליטין יסורים די אלע זיבין טעג אונ זיין צורה האט ניט גיגלייכט וויא עש גהער צו זיין אונ איז נידחה גיוועזן פון זיין ארט : (יא) נוא ווען דאש קינד האט גיהאט צער אונ דיא בעלי דינים האבין אים גיוואלט שטראפין ווייל ער האט זיין רבי פיל קשיות גיפרעגט איז ער מבויש גיווארין · מכל שכן דער מענטש וואש איז זיך מתכוין זיין חבר אדער זיין

רבי

יס:רין באשר שהיה נטרד ממקומו · (יא) ואם התינוק היה לו צער והיו רוצין בעלי דינים ליסר אותו ומכ"ש שיש לאדם גדול עונש במתכוין לבייש את חבירו או רבו וכן אמרו רז"ל המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא על כן שומר נפשו ירחק מהן שלא לבייש שום אדם ע"כ :

פרק נד **מאהבת** התורה צריך לדקדק שיהיו לו ספרים כרוכים נאים והוא בכלל מצות זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות · (ב) ואיתא בשם ספר חסידים שהוציאו לחכם אחד מקברו וחבטו אותו במקלות על שהיו ספריו קרועים ולא נתן לאומן לכרוך אותן ולתקנם גם יזהר שלא יהיו ספריו עומדין מהופך ראשו למטה ופעם אחד אירע לאיש שלמד בחדרו איזה עיון והוצרך ליקח גמרא לעיין ואחר העיון העמיד הגמרא למקומה לבין הספרים וכשחזר פניו נפל הגמרא וקול הנפילה היה בקול גדול וחזר המעיין והעמיד פעם שנית ותיכף שהפך פניו נפלה שנית בקול גדול וכן פעם שלישית ואחר כך שם לבו על דבר זה להעמיד הגמרא כתיקונה ולא נפלה עוד והוא אות ומופת שעל הכל יש השגחה מן השמים · (ג) חיוב גדול לנהוג כבוד בספרים וכשהספר פתוח ואירע דבר טינוף בחדרו יסגור הספר או יכסה במטפחת · חלילה שיהיו ספרים בחדר שהאיש ואשה שם אם לא שיש יריעה פרוסה בפני הספרים או סביב המטה שקורין (פיר האנג) · לא ישב על ספסל שהספרים עומדים עליו אלא אם כן הספרים מונחים על איזה דבר גבוה ממנו · (ד) מצא הספר מונח מהופך יהפכנו וינשקנו · אין להניח ספר תחת ספר אחר כשרוצה ללמוד ואז עושה בזיון לספר מה שיוכל לעשות בעץ

או

רבי מבייש צו זיין האט ער אפשיטא איין גרויסין עונש · אונ אזוא אויך האבין אונזערע חכמים ז"ל גיזאגט דער וואש פאר שעמט זיין חבר צווישין פיל לייט דער האט ניט קיין חלק אויף עולם הבא · דרום דער וואש וויל היטין זיין לייב זאל זיך דער ווייטרין פון דעם דאש ער זאל ניט מבייש זיין צוא קיין שום מענטשין :

פרק נד מאהבת מחמת ליבשאפט פון דער תורה גיהער דער מענטש מדקדק זיין אז זיינע ספרים זאלין זיין שיין גיבונדן · אונ דאש איז אין דעם כלל פון דר מצוה זה אלי ואנוהו דאש איז טייטש דאש איז מיין גאט אונ איך וועל בשיינן אים דרשנן אונזערע חכמים ז"ל אז דעם ואנוהו מיינט מען התנאה לפניו במצות דר מענטש זאל זיך בשיינען פאר אים מיט מצות : (ב) אונ אין ספר חסידים שטייט דאש מען האט איין חכם אויש גיצוינן פון זיין קבר · אונ מען האט אים גישלאגין מיט שטעקין ווייל זיינע ספרים זיינן גיוועזן צוא ריסן · אונ ער האט זייא ניט גיגעבין איין בינדן · אויך זאל ער גיווארינט זיין אז זיינע ספרים זאלין ניט שטיין פאר קערט · אונ איין מאל האט זיך גיטראפין דאש איין מענטש האט גילערינט · אונ האט גינומען איין גמרא אין איר מעיין צוא זיין · דער נאך האט ער די גמרא אריין גישטעלט אויף איר ארט צווישן דיא ספרים · אונ וויא ער האט אוועק גיקערט זיין פנים · איז דיא גמרא אראפ גיפאלין אונ עש האט אגרוישן קלאפ גיגעבין דאש פאלין · האט דר מענטש זיך אום גקערט אונ האט זיא נאך אמאל אריין גישטעלט אונ וויא ער האט אוועק גיקערט זיין פנים איז זיא ווידר אראפ גיפאלין מיט איין גרויש קול אונ אזו איז גיוועזן דאש דריטע מאל · האט דער מענטש זיך בטראכט דאש מוז עפיש זיין · אונ האט שוין די גמרא אריין גישטעלט אזו וויא מען בדארף · איז זיא שוין מער ניט אראפ גיפאלין · דאש איז איין צייכין אונ איין סימן אז אויף אלמן איז פאר האנדין השגחה פון דעם הימיל : (ג) עש איז איין גרוישר חיוב נוהג כבוד צוא זיין אין ספרים אונ אז איין ספר איז אפין אונ עש האט זיך גיטראפין איין קינד האט זיך איין גירוכט אין דעם ועלבינין חדר זאל ער פאר מאכין דעם ספר אדער ער זאל אים איבער דעקין מיט איין פאטשיילע · חלילה ספרים זאלין זיין אין דעם חדר וואש מאן אונ ווייב בהעפטין זיך · נאר סיידין אז עש איז פאר האנדין איין פיר האנג פאר שפרייט פאר דיא ספרים אדר איין פיר האנג ארום דעם בעט · ער זאל ניט זיצן אויף דער באנק וואש ספרים ליגין דארטין סיידין דיא ספרים ליגין אויף איין זאך וואש איז העכר פון דער באנק : (ד) ווען ער גפינט איין ספר ליגט פאר קערט זאל ער אים איבר קערין אונ זאל אים קושין · בשעת אז מען לערינט טאר מען ניט אונטר לייגין קיין ספר אונטער דעם ספר וואש מען לערינט אויש אים כדי עש זאל אים זיין בעשר צוא לערנן ווארום ער טוט איין בזיון צום ספר וויל ער וואלט גיקענט אונטר לייגין איין שטיקל האלץ אדר א שטיין · דרום איז דאש איין גרוישר בזיון צום ספר

נאר

או באבן והוא בזיון גדול אם לא שהספר התחתון מונח כבר שרי להניח עליו וכבר הזהיר על זה ספר הט"ז ע"ש׃ (ה) צריך האדם לעמוד מפני חומשים ואף כי רבים מקילים טוב להחמיר וכן מצינו במהרי"ו ז"ל כשהיה מסבב והולך בבהכ"נ ליתן מתנת יד בי"ט כמנהג אשכנז היה נוטל חומש בתוך ידו כדי לזכות בו הרבים שיהיה הקימה לפני החומש וכן ראיתי נוהגין במדינת פולין שיש כמה רבנים שהן נזהרין בזה כשיוצאים ביום שבת או ביום טוב ראשונים מבית הכנסת והקהל עומדים לפני הרב אז לוקחים בידם איזה ספר׃ (ו) צריך האדם להיות אוהב לומדי תורה אהבה גמורה ומכל שכן שצריך לאהוב את רבו יותר מאהבת אביו וצריך אדם ליזהר שיהיה מורא רבו עליו שלא ישב בפניו עד שיאמר לו רבו שב ולא ישב במקום רבו וכשהולך ילך לשמאל רבו לעשות לו כל שירות וכל מי שמבשר את רבו בשורות טובות וכוונתו הוא לשם שמים אזי שכרו הוא גדול מאוד׃ (ז) וכדאיתא בזוהר פ' שלח לך׃ היכל א' יש למעלה והוא מיוחד לבתיה בת פרעה וכמה רבבות ואלפים נשים צדקניות עמה ולכל חדא מקום מיוחד להתענג בעונג גדול וג"פ ביום מכריזים הא דיוקנא דמשה נביאה מהימנא אתי ואז יוצאת בתיה למקום אחד אשר פרוכת פרוסה שם ורואה דרך פרגודא דיוקנא דמשה ואומרת זכאה חולקי שגדלתי נהורא דא ואחר כך חוזרת אל הנשים שיושבים עמה בחדר הנ"ל עם בגדים נאים כמו שהיתה בעולם הזה ולבושים המאירים באור גדול ונקראים נשים שאננות׃ (ח) ובהיכל שני שם יושבת סרח בת אשר וכמה אלפים ורבבות נשים צדקניות עמה וג' פעמים בכל יום מכריזים הא יוסף צדיקא אתי והיא יוצאת גם כן לגו פרגודא דאית לה וחמאה נהורא דדיוקנא דיוסף ואומרת זכאה חולקי

וזכאה

נאר סיידין אז דער אונטערשטער ספר ליגט שוין דארטין פון פריער מעג ער אויף אים ארויף לייגן דעם ספר וואש ער לערינט אויש אים אונ דר בעל טורי זהב האט שוין פריער מזהיר גיוועז דרויף׃ (ה) דער מענטש מוז אויף שטיין פאר איין חומש אזו וויא פאר איין ספר תורה אונ אזו גיפינען מיר דער מהרי"ל ז"ל האט זיך נוהג גיוועז אז ער פלעגט ארום גיין אין שול צוא געבין אום יום טוב מתנת יד אזוא וויא דער מנהג איז אין אשכנז פלעגט ער נעמען איין חומש אין זיין האנט פון וועגין מזכה הרבים זיין אז דאש אויף שטיין וואש דאש קהל פלעגט אויף שטיין בשעת ער פלעגט גיין זאל דאש ניט זיין פאר אים נאר פאר דעם חומש אונ אזו אויך האב איך גיזעהען אין מדינת פוילין אז כמה רבנים זייגען נזהר דרינען׃ דאש אז זייא גייען אום שבת אדער אום יום טוב ארויש פון דער שול צום ערשטין אונ קהל שטייען דאך מן הסתם אויף פאר איין רב פלעגין זייא נעמען איין ספר אין זייער האנט אריין׃ (ו) דער מענטש דארף ליב האבין דיא לומדי תורה מיט איין רעכט ליבשאפט׃ אונ מכל שכן אז ער מוז ליב האבין זיין רבי מער איידער ער האט ליב זיין פאטער אונ דער מענטש מוז נזהר זיין אז דיא פארכט פון זיין רבי זאל זיין אויף אים דאש ער זאל זיך ניט זעצין פאר אים ביז ער הייסט זיך אים זעצין אונ זאל ניט זיצין אויף דעם ארט פון זיין רבי׃ אונ אז ער גייט מיט זיין רבי זאל ער גיין אין דער לינקער זייט פון זיין רבי פון וועגין צוא טאן אלע זאכין וואש ער דארף׃ אונ דער וואש זאגט אן זיין רבי גוטע בשורות׃ אונ זיין כוונה איז פון גאטש וועגין איז זיין שכר זייער גרויש׃ (ז) אזו וויא עש שטייט אין זוהר עש איז פאר האנדין איין היכל אין הימל אונ דארטין זיצט בתיה בת פרעה אונ נאך פיל מאל צעהען טויזינט ווייבר צדקניות זייגען דארטין מיט איר אונ צוא איטליכע אשה איז מיוחד אבאזונדער ארט ויא זאל דארטין האבין גרויש תענוג אונ דרייא מאל אין טאג רופט מען אויש עש קומט אן דיא צורה פון משה רבינו׃ גייט בתיה אין איין חדר וואש דארטין איז פאר שפרייט איין פיר האנג׃ אונ דיא בתיה זעהט דיא צורה פון משה רבינו דורך דעם פיר האנג׃ אונ זאגט וואול איז מיין חלק וואש איך האב מגדל גיוועז אזו איין גרויש ליכט אונ דר נאך קערט זיא זיך ווידר צוא דיא ווייבר וואש זיצין מיט איר אין איין היכל מיט זייער שיינע קליידער אונ מלבושים וואש לייכטין מיט גרויש ליכטיקייט אונ דיא ווייבער ווערין גירופין נשים שאננות׃ (ח) אין דעם אנדערין היכל זיצט סרח בת אשר מיט פיל אלפים אונ רבבות ווייבער צדקניות׃ אונ דרייא מאל אין טאג רופט מען אויש יוסף הצדיק קומט אן׃ אונ זיא גייט אויך ארויש אין איין חדר אונ זעהט דאש ליכטיקייט פון יוסף הצדיק אונ זאגט וואול איז מיין חלק וואש איך האב איין בשורה גיזאגט צוא מיין עלטער פאטער יעקב אז יוסף

לעבט

וזכאה חאי יומא שבשרתי מההוא שופרא לאבי זקני ליעקב אחר כך חוזרת למקומה׃ (ט) בהיכלא אחרא שם יוכבד אימא דמשה ואהרן ומרים וכמה אלפים ורבבות נשים עמה ובכל יום עומדים ומשבחים למארי עלמא איהי וכל הנשים מזמרים שירת הים ואחר כך איהי בלחודה מנגנת פסוק ותקח מרים הנביאה את התוף בידה וכמה כתות של מלאכים שומעים לקול נעימות שלהן׃ (י) ובהיכל ד׳ שם דבורה הנביאה והרבה נשים עמה ומשוררים שירת דבורה וברק בן אבינועם ולפנים מהיכלין אלין שם ד׳ היכלין טמירין של שרה רבקה רחל לאה ולא חמאן ואין רשות לדבר יותר מזה עכ״ל הזוהר ע״ש׃ (יא) א״כ נלמד מהמעשה זה שזכתה בתיה בת פרעה לגודל מעלה זאת עבור שגדלתה למשה רבינו וסרח בת אשר זכתה לגודל המעלה בשביל שבישרה בשורה טובה ליעקב אבינו׃ (יב) מאהבת התורה צריך האדם לפרנס תלמידי חכמים בהסתר ומצות פרנסת תלמידי חכמים שקולים כעונג שבת כי תלמיד חכם הוא דומה ונמשל ליום השבת כמו שיום השבת אינו מכין לעצמו פרנסה לפי שאין בו מלאכה כי אם ששת הימים מכינין לו הכי נמי תלמידי חכמים שעוסקים בתורה ומבטלין ממלאכה ואינן עוסקים במלאכה ובמשא ומתן כשאר העם ההולכים בעיר וברחובות ובשווקים להמציא פרנסה׃ (יג) ע״כ שארי אנשים צריכין לראות ליתן פרנסת תלמיד חכם וכשם שהאדם מחוייב לענג את השבת כן מחוייב האדם לראות ליתן דוקא בכבוד המתנה לתלמיד חכם ולא דרך בזיון וש״ה וקראת לשבת עונג לקדוש ה׳ מכובד ותלמידי חכמים נקראים קדוש ה׳׃ (יד) וכל המכבד את התלמידי חכמים אשרי לו ואשרי חלקו ועליו נאמר שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך׃ (טו) אבל המצערין לתלמידי חכמים אוי להם ואוי לנפשותיהם והעונש שלהם תמצא בזוהר ברעיא מהימנא פ׳ במדבר באריכות כי קצרה היריעה להעתיק

לעבט׃ דער נאך קערט זיא זיך צוא איר ארט׃ (ט) אין דעם דריטין היכל זיצט יוכבד דיא מוטער פון משה רבינו ע״ה אונ אהרן אונ מרים׃ אונ פיל אלפים ורבבות ווייבער צדקניות זיינען דארטין מיט איר איטליכין טאג שטייען זיא אונ לויבין צוא גאט ב״ה׃ אונ זיא מיט אלע ווייבער זינגען דיא שירה פון דעם ים אונ דער נאך זינגט מרים אליין דעם פסוק ותקח מרים הנביאה אחות אהרן וכו׳ אונ פיל כתות מלאכים הערין צוא זייער זיס קול׃ (י) אין דעם פערטין היכל איז דבורה הנביאה מיט פיל ווייבר אונ זינגען דיא שירה ותשר דבורה וברק בן אבינועם אינווייניג פון דיא פיר חדרים זיינן פיר בהאלטענע היכלות וואש דארטין זייטן דיא אמהות שרה רבקה רחל לאה אונ קיין בריה האט קיין זכיה ניט צוא זעהען זייא׃ (יא) נוא ווערט אפ גילערינט פון דער מעשה דאש בתיה בת פרעה האט זוכה גיוועזן צוא דער גרוישער מעלה ווייל זיא האט מגדל גיוועזן משה רבינו ע״ה׃ אונ סרח בת אשר האט זוכה גיוועזן צוא דער גרוישער מעלה ווייל זיא האט איין גוטע בשורה גיזאגט צוא יעקב׃ (יב) מאהבת וועגין דער ליבשאפט פון דער תורה דארף דער מענטש מפרנס זיין תלמידי חכמים בסתר אונ דיא מצוה פון מפרנס זיין תלמידי חכמים איז גליך צוא דער מצוה פון שבת מענג צו זיין דען דער תלמיד חכם איז גיגליכין צוא שבת׃ אזו וויא שבת גרייט זיך ניט אן קיין פרנסה ווייל מען טאר אום שבת קיין מלאכה ניט טאן נאר דיא זעקס טאג גרייטין אן עסין אויף שבת אזו אויך תלמידי חכמים זיינן עוסק בתורה אונ זיינען ניט עוסק אין קיין מלאכה אונ ניט אין קיין משא ומתן אזו ווי די איבריגע לייט וואש גייען אויף דעם מארק צוא זוכין זיך פרנסה׃ (יג) דרום מוזין זייא געבין פרנסה צוא דיא תלמידי חכמים אונ אזו וויא דר מענטש איז מחויב מענג זיין שבת אזו איז דער מענטש מחויב צוא געבין דעם תלמיד חכם דיא מתנה דווקא בכבוד אונ ניט דרך בזיון׃ (יד) אונ איטליכער וואש איז מכבד דיא תלמידי חכמים איז וואול צו אים אונ וואול איז זיין חלק אונ אויף דעם ווערט גיזאגט דער פסוק שמח זבולן בצאתך ויששכר באהליך פרייא זיך דוא שבט זבולון מיט דיין אויש גיין משא ומתן טאן אונ דוא שבט יששכר מיט דיין זיצין אונ לערנען אין דיא גיצעלטין דען דער שבט זבולון פלעגט משא ומתן טאן אונ פלעגין געבין פרנסה צוא דעם שבט יששכר וואש האבין עוסק בתורה גיוועזן אונ זייא פלעגין זיך צוא טיילין מיט זייער עולם הבא׃ (טו) אבער דיא וואש זיינען מצער צוא דיא תלמידי חכמים איז וויא צוא זייא אונ וויא צוא זייער נשמה אונ זייער עונש שטייט אין רעיא מהימנא פרשה במדבר׃ (טז) דרום זאל דר מענטש זעהן ניט מקיל זיין אין דעם כבוד פון דיא תלמידי חכמים אונ דער וואש איז

מכבד

פרק נו **אמרינן** בגמרא חיה רעה באה לעולם על שבועת שוא דע כי סתם חיה הנזכרת בגמרא היא לילית הרשעה אמהון דשדין אשר היא מעוררת למעלה בעו"ה כמה גזירות רעות על ישראל והיא תדירה באותו בית אשר שבועת שוא מצויה שם והיא דרה שם באותו הבית והיא הורגת לילדים קטנים ובאותו הבית או עיר אשר שם שבועת שוא עניות מצויה שם: (ב) והנה בא וראה גודל הפגם של שבועות שוא דע דאיתא בזוהר פ' יתרו כי בשעה שגזר הקדוש ברוך הוא על מימי העולם שירדו לתהום עשה להם כיסוי ובתוך הכיסוי הוא כיסוי אחר ובתוך זה הכיסוי חקוקים ורשומים שמות הקדושים אשר הם שומרים את מי התהום שלא יגברו לעלות ולהציף את העולם ובשעה שאדם נשבע לשקר אזי המים מתגברים וגוברים את הכיסוי עד שאותן אותיות שמות הקדושים פורחים ומסתלקין מהכיסוי ויש באותו פעם רשות למי תהום להתגבר ולשטוף את העולם ובאותו הפעם הקדוש ברוך הוא מרמז למלאך אחד ויעזריא"ל שמיה והוא ממונה על שבעים מפתחות וחוקק מחדש שמות הקדושים הנ"ל על כיסוי של תהום ואז מי תהום חוזרין לאחוריהם לירד למקומן ואז ניצול העולם משטיפת המים ווי לאותו האדם שגרם קיצוץ ופירוד באותיות הקדושים ממקומם וכביכול הטריח את קונו לצאת לחקוק מחדש שמות חדשים: (ג) בן אדם בן אדם טיפה סרוחה איך תטריח את קונך ובוודאי השמות מקללין אותו ומקטריגים עליו ולולא היה אדם שומע קללתם וקטרוגם בוודאי היה מכה את ראשו בכותל על גודל הפגם וע"כ אמרו רז"ל כל המזכיר שם שמים לבטלה נעקר מן העולם כי אין זה דרך כבוד להזכיר שמו של הקדוש ב"ה על חנם לבטלה ומכל שכן לשוא ושקר ח"ו וזה לך הכלל כי שבועת שקר לא תחזור עד אשר תעשה

פרק נו אמרינן מיר זאגין אין דער גמרא איין חיה רעה קומט אויף דער וועלט פון וועגין פאלשע שבועות זאלשטו ווישין אז וואו עש שטייט דער מאנט אין דער גמרא דאש לשון חיה רעה מיינט מען דיא לילית הרשעה דיא מוטער פון דיא שדים וואש זיא דער וועקט אין הימל בעונותינו הרבים פיל בייזע גזירות אויף דיא ישראל אונ זיא איז תמיד אין דעם הויז וואש פאלשע שבועות זיינען דארטין פאר האנדין אונ זיא וואונט אין דעם הויז אונ איז ממית דיא קליינע קינדער רחמנא ליצלן אונ אין דער שטוב אדר אין דער שטאט וואש איז גיוואונטליך פאלשע שבועות איז דארטין גיוויינטליך ארומקייט: (ב) אונ נון קום אונ זעה דעם גרוישין פגם פון פאלשע שבועות דען עש שטייט אין זוהר · דאש בשעת גאט ב"ה האט גוזר גיוועזן אויף דיא וואשער פון דער וועלט זייא זאלין אראפ נידערין אין תהום אריין · האט ער אויף זייא גימאכט איין דעק · אונ אין דער דעק נאך איין דעק אונ אין דער אנדערער דעק זיינען אויש גיקריצט שמות הקדושים וואש זייא היטין דיא וואשער פון דעם תהום זאלין זיך ניט שטארקין ארויף צוא גיין אונ פאר פלייצין דיא וועלט · אונ בשעת דער מענטש שווערט פאלש · ווערין גישטארקט דיא וואשער פון דעם תהום · אונ שטארקין איבער דיא דעק ביז דיא אותיות פון דיא שמות הקדושים פליהן אוועק אונ ווערין אפ גיטאן פון דער דעק · אונ דיא וואשער פון דעם תהום האבין דערנאלט רשות זיך צוא שטארקין אונ צוא פאר פלייצין דיא וועלט אין דער צייט ווינקט גאט ב"ה צוא איין מלאך וואש זיין נאמן איז (יעזריא"ל) אונ ער איז ממונה איבער זיבעציג שליסלן · אונ דער מלאך קריצט אויש אנדערע שמות הקדושים אויף דער דעק אונ דעקט ווידער צוא דעם תהום · דערנאלט קערין זיך אום דיא וואשער פון דעם תהום אונ נידרין צוא זייער ארט · ווערט דיא וועלט ניצול פון דעם פאר פלייצונג פון דיא וואסער · ווייא איז צוא דעם מענטשן וואש איז גורם איין צווישין שייד אין דיא אותיות הקדושים דאש זייא פליהן אוועק פון זייער ארט אונ איז מטריח כביכול אויש צוא קריצין איבערנייש שמות הקדושים: (ג) דוא בן אדם בן אדם דוא טיפה סרוחה וויא זאלשטו מטריח זיין דיין בשעפער כביכול · אונ דיא שמות הקדושים שילטין אים בוודאי · אונ זייגען אויף אים מקטרג אונ וואלט ער נאר גיהערט זייערע קללות אונ זייער קיטרוג · וואלט ער בוודאי זיך גישלאגין קאפ אין דער וואנט אויף דעם גרוישין פגם וואש ער האט גימאכט · אונ דרום האבין אונזרע חכמים ז"ל גיזאגט דער וואש דער מאנט אום זיסט גאטש נאמען דער ווערט אויש גיריסין פון דער וועלט · ווארום עש איז ניט קיין כבוד צוא דער מאנען דעם נאמן פון גאט ב"ה אום זיסט אונ מכל שכן אויף פאלש שווערין פון גאטש נאמען ח"ו ווערט ער

בוודאי

תעשה רושם בגופו או בממונו לזמן קרוב או רחוק ושבועות שקר ישיגוהו בבית או בשדה בהר או ביער ביבשה או בים ובוודאי לא תחזור ריקם כמשה"כ כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא ובעת אשר ירצה האדם לישבע יצייר לפניו כאילו כתיב כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא בכתב אש שחור ע"ג אש לבנה ויפול עליו מורא ופחד ואז ינצל משבועת שקר: (ד) ע"כ לא ירגיל האדם לישבע בגופו או בשאר דברים כדרך הפוחזים ורקים לישבע בחנם ונשבעים אם הדבר כן יבא שריפה לביתו או שיהרג וכל אלו השבועות יש בהם סכנה שלא יקויים כי מי יודע באיזה שעה באיזה מזל הוא אומר כן ויקויים חס ושלום אותה הרעה· (ה) והרב האר"י ז"ל הזהיר לתלמידיו שלא להזכיר שום מלאך בשמו אפילו בלימודו כגון (מטטרון) יאמר רק מט"ט (וסנדלפו"ן) יאמר רק סנד"ל וכיוצא בהם שאר שמות מלאכים זולת שמות המלאכים שהן כשמות האנשים כגון (מיכא"ל גבריא"ל רפא"ל) וכיוצא בהן אין בהן חשש והטעם כי הכל ברא הקדוש ברוך הוא לצורך האדם ובשעה שברא הקב"ה מלאכים השביעם הקדוש ב"ה שיהיו מצויים בשעה שיזכירם האדם לאיזה הצלה בהשבעה וכיוצא בו ובהשבעה כשמזכיר האיש שם המלאך אזי המלאך באומוכרח לעשות כפי ההשבעה וכשרואה המלאך שביאתו הוא בחנם לפעמים מזיקו מזה יתבונן האדם שגדול הוא סכנת שבועות שוא ושקר: (ו) ודע כי ענין תקיעת כף הוא כמו השבועה והענין כי מקור הנפש תלוי בכף האדם הן לטובה והן לרעה בהיות

פורש

בוודאי אויש גריסין פון דער וועלט · אונ דאש זאלשטו האבין איין כלל אז איין פאלשע שבועה וועט ניט אוועק גיין ביז זיא מאכט איין צייכין אין זיין גוף אדער אין זיין געלט אדער תיכף נאך דער פאלשער שבועה אדער אין פיל צייטן ארום · אונ דיא פאלשע שבועה וועט אים גרייכין אין זיין הויז אדער אין פעלד אויף איין בארג אדר אין איין וואלד אונ וועט בוודאי זיך ניט ווידער קערין ליידיג פון אים· אזוא וויא עש שטייט אין פסוק דען גאט וועט ניט ריינקען דעם וואש שווערט פאלש ביא זיין נאמען אונ אין דער צייט וואש דער מענטש וויל שווערין זאל ער פאר זיך אויש מאלין גלייך וויא עש שטייט פאר אים גישריבין דיא ווערטער כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא מיט אזוא איין כתב פון שווארץ פייער אויף ווייש פייער וועט אויף אים פאלין איין מורא אונ איין פחד אונ דערמאלט וועט ער ניצול ווערין פון פאלש צוא שווערין: (ד) דרום זאל דער מענטש זיך ניט גיוויינען צוא שווערין אין זיין גוף אדר אין אנדערע זאכין אזוא וויא דער שטייגער איז פון דיא שלעכטע לייט צוא שווערין אום זיסט · אונ שווערין זיך נאך אויב דיא זאך איז אזוא וויא דוא זאגסט זאל קומען איין שריפה אויף מיין שטוב אדער איך זאל גיהרגת ווערין אונ נאך אזעלכע גלייכע שבועות · אונ אין דיא אלע שבועות איז פאר האנדין איין סכנה זייא זאלין חלילה ניט מקוים ווערין אין אים ווארום ווער ווייסט אין וואש פאר איין מזל ער רעט דאש אויש · קען דאש שלעכטש ח"ו אין אים מקוים ווערין: (ה) אונ

דער רב האר"י ז"ל האט מזהיר גיוועזן צוא זיינע תלמידים זייא זאלין ניט דער מאנען קיין שום מלאך ביא זיין נאמן אפילו בשעת דעם לערנן דהיינו אז זייא דארפין דער מאנן דעם מלאך (מטטרו"ן) זאלין זייא זאגין (מט"ט) אונ אויף דעם מלאך (סנדלפו"ן) זאלין זייא זאגין (סנד"ל) אונ נאך אזעלכע גלייכע נעמען פון דיא איבעריגע מלאכים · נאר דיא מלאכים וואש זייערע נעמן זיינן אזוא וויא דיא נעמן פון מענטשין דהיינו (מיכאל גבריאל רפאל) אונ נאך אזעלכע גלייבין · דיא נעמען מעג מען דער מאנען · אונ דער טעם דער פון איז דען גאט ב"ה האט אלץ בשאפין פון דעם מענטשינש בדערפנעש וועגין · אונ בשעת גאט ב"ה האט בשאפין דיא מלאכים האט ער זייא באשווארין אז בשעת דר מענטש וועט זייא דער מאנען אונ וועט זייא משביע זיין אויף איין זאך זאלין זייא אים פאלגין · אונ אז דער מענטש דר מאנט דעם נאמען פון דעם מלאך אונ בשווערט אים איין זאך · קומט דער מלאך אונ מוז טאן אזוא וויא דר מענטש האט אים בשווארין · אונ אז דער מלאך זעהט ער האט אים אום זיסט משביע גיוועזן אונ האט אום זיסט זיין נאמען דר מאנט אונ ער איז אום זיסט גיקומען איז אפט דר מלאך מזיק דעם מענטשין · פון דאנען קען דער מענטש פאר שטיין וויא גרויש דיא סכנה איז אז מע שווערט ביא דעם נאמען פון גאט אום זיסט אדער אויף פאלשקייט · (ו) אונ ווייש אז תקיעות כף איז אזוא הארב וויא איין שבועה אונ דער ענין דער פון איז · דען דער עיקר פון דער נשמה הייננט אין דער האנט פון דעם

מענטשין

פורש כפיו אל ה׳ ומעורר רחמים וכן רוב המצות תלויין ביד האדם ובידו הוא כורת ברית מילה בידו מקיים כל מילי דקרבנות תרומות ומעשרות סוכה ד׳ מינים שבלולב צדקה תפילין והרבה מצות תלויין בידים על כן חיי הנפש תלויין בידיו: (ז) ועל זה אמר דוד המלך ע״ה נפשי בכפי תמיד ותורתך לא שכחתי ר״ל שבחרתי לי דרכים טובים של הידים ולא ההיפך ח״ו והנה כשרוצה האדם לאמת דבריו תוקע כפו כאלו נותן לו משכון שהיא הנפש דיליה אשר היא בכפו והוא יותר חמור מנשבע על נפשו ופוגע בבחינותיו שהיא נפש העליונה הנקראת נפש והוא שם של (אדנ״י) והנה שם אדנ״י במלואו יש לו אותיות כזה אל״ף דל״ת נו״ן יו״ד ונמצא שהוא פוגם ג״כ בי״ב תיבות של שמ״ע ישרא״ל ה׳ אלהינו ה׳ אח״ד ברו״ך ש״ם כבו״ד מלכות״ו לעול״ם ועו״ד שהן נגד י״ב אותיות מילואין של אדנ״י והנה אותיות אמצעיות של מילוי שם של אדנ״י הן ללו״ו שהוא גימטריא ע״ב נמצא שפוגם ג״כ בשם ע״ב היוצאים מפסוקים ויס״ע ויב״א וי״ט ואותיות שלישיות הן פתנ״ד שהן גימטריא תקל״ד שהיא אותיות ד״ת ק״ל מראה שפוגם על התורה הקדושה שנאמר בה מימינו אש ד״ת למו ואותיות ק״ל מורה שפוגם בע״ב ק״ל אשר שם ה׳ רוכב עליו כידוע ליודעי חן: (ח) על כן שומר נפשו יתרחק משבועות שוא ומסתם שבועות ומתקיעת כף ותמיד יהיה לו לזכרון גודל הפגם שפוגם בשמות הקדושים הנזכרים למען השם אל יהיה עון זה קל בעיניך כי צורת היד העובר תקיעת כף היא לפני מטה״ו ועל כל אצבע עומדין כמה אלפים מזיקין רחמנא ליצלן ובעת פטירתו היד ההיא מעידה עליו שעבר על תקיעת כף שלו: (ט) ע״כ צריך האדם להזהיר את בניו ובני ביתו שלא יהיו רגילים בשבועות ונדרים ותקיעת כף והירא לדבר ה׳ מחויב להתפלל על זה שלא יכשלו בשבועת חנם ומכל שכן בשבועת שוא ושקר ותקיעת כף של שקר ומי שלא נזהר אזי יתן מקום חס ושלום לליל״ת הרשעה להיות לה מדור וחלק בביתו ואובד את בניו הקטנים ונפרעים ממנו וממשפחתו

מענטשין סאיי אויף גוטש סייא אויף שלעכטש · אויף גוטש איז אז ער פאר שפרייט זיינע הענט צוא גאט אונ דער וועקט דער בארימקייט : אונ אזוא אויך פיל מצות הייגען אין דיא הענט · דען מיט זיין האנט איז ער מל · מיט זיין האנט איז ער מקיים אלע זאכין פון קרבנות אונ תרומה אונ מעשר אתרוג לולב הדס ערבה צדקה תפילין אונ נאך פיל מצות דרום הייגט דאש לעבין פון דער נשמה אין זיינע הענט : (ז) אונ דרויף האט דוד המלך ע״ה גיזאגט נפשי בכפי תמיד ותורתך לא שכחתי איך האב מיין לייב איבר גיענטפערט אין מיינע הענט אונ האב ניט פאר געסין אין דיין תורה דאש איך האב מיר אויש דער ווילט דיא גוטע זאכין וואש מען דארף זייא טאן מיט דיא הענט ניט דיא שלעכטע זאכין ח״ו וואש זייא הייגן אויך אין דיא הענט אונ נך אז דער מענטש וויל מאכין אמת זיינע רייד גיט ער תקיעת כף דאש איז גלייך וויא ער גיט איין משכון זיין נשמה וואש זיא איז אין זיינע הענט · אונ דאש איז נאך הארבער איידער ער שווערט בייא זיין לעבין · אונ ווען איינר איז עובר תקיעת כף איז ער פוגם אין שם אדני אונ אין דיא צוועלף ווערטר שמע ישראל יי אלהינו יי אחד ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אונ אין דעם שם של ע״ב ק״ל : (ח) דרום דער וואש היט זיין לייב זאל זיך דער ווייטרין פון פאלש צוא שווערין אונ פון סתם שבועות אונ פון תקיעות כף אונ עש זאל תמיד פאר אים זיין צוא איין זכרון דער פגם וואש ער איז פוגם אין דיא הייליגע שמות וואש פריער זיינן גישטאנן · למען השם דיא גרוישע זינד זאל ניט גרינג זיין אין דיינע אויגין · דען אז ער שטארבט גייט פאר זיין מטה דיא צורה פון דער האנט · אונ אויף איטליכן פינגר שטייען פיל טויזינט מזיקים רחמנא ליצלן אונ דיא האנט זעלבשט זאגט עדות אויף אים אז ער האט עובר תקיעות כף גיוועזן : (ט) דרום מוז דער מענטש אן זאגין זיינע קינדער אונ זיין הויז גיזינד אז זייא זאלין ניט גיוואונט זיין אין שבועות אונ נדרים אונ תקיעות כף · אונ דער וואש פארכט זיך פאר גאט איז מחויב דרויף מתפלל צוא זיין אז זיינע קינדר זאלין ניט גישטרויכלט ווערין מיט אום זיסטע שבועות אונ מכל שכן מיט פאלשע שבועות אונ פאלשע תקיעות כף · אונ דער וואש איז ניט נזהר דרינן דער גיט ח״ו איין ארט צוא דער לילית הרשעה · זיא זאל האבין איין וואונונג אונ איין חלק אין זיין הויז אונ פארלירט ח״ו זיינע קליינע קינדר אונ מען נעמט ניצאלט פון אים אונ פון זיין משפחה · אונ דער נאך רופט מען אויש אויף אים אין אלע הימלן חרמות אונ שמתות ח״ו אונ מען דער מאנט אים תמיד צוא בייז · דרום דער

וואש

וממשפחתו ואח״כ מכריזין עליו חרמות ושמתות בכל רקיען ותמיד מזכירין אותו לרעה ע״כ שומר נפשו ירחיק ממכשול זה ואז בטוח תהיה שימלא ה׳ אותך ברכות והצלחות וישועות ונחמות אמן :

פרק נז **כתב** הטור בבוקר יתגבר אדם כארי לקום לעבודת הבורא ויזהר ליטול ידיו סמוך למטתו ולשפוך מים דוקא על גבי כלי כדי להעביר הזוהמא ורוח רעה מעל ידיו כמבואר בספרי המוסר ולא ילך ד׳ אמות בלי נטילת ידים ואיתא בזוהר ואתחנן כי ברקיע ממתינים ומצפים על קימת צדיק שיקום לעסוק בתורה ובתפלה והראייה דכד בר נש קאים מערסיה לאשתדלא באורייתא כרוזא קאים עליה ואמר הנה ברכו את ה׳ כל עבדי ה׳ העומדים בבית ה׳ בלילות ואח״כ כשעומד והולך לבי כנישתא בצלותא קמי מאריה האי כרוזא קארי עליה ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה אכן כ״ז הוא כשהאדם מתפלל בכוונה ובתחנונים ידבר רש כמו משה רבינו שאמר ואתחנן אל ה׳ וגו׳ וצריך האדם שיתן עיניו למטה סגורות ולבו יהיה למעלה : (ג) ומי שהוא רגיל להתפלל מתוך המחזור או מן התפלה יראה להתפלל מתוך הכתב ולא יביט מחוץ למחזור או מחוץ לתפלה כי השכינה עומדת לנגדו ואסור להסתכל בשכינה ׳ ובספרא דרב המנונא סבא אמר מאן דפקח עינוי בשעתא דצלותא או מאן דלא מאיך עינוי בארעא בשעתא דצלותא מקדים עליו מלאך המות ובא אצלו קודם מותו וכד תפוק נפשיה לא יסתכל בנהורא דשכינתא דכתיב כי לא יראני האדם וחי כי קודם מותו כל צדיק זוכה לראות את השכינה ומי שהוא זוכה השכינה מקדמת אצלו וזהו סימן טב לבר נש שידע שנשמתו יצא ממנו בנקל ובנחת בלי שום יסורים ואם אינו זוכה לא מקדמת השכינה לבא והאדם סובל יסורים גדולים בשעת יציאת נשמתו עד שירחם ה׳ עליו לפרוש נהירו קצת מהשכינה כדי שתצא נשמתו ׳ (ד) אמנם זהו אחר שסבל יסורים קשים ומרים שהסימנים הן כאילו נשחטין בסכין פגומה והבני מעיים מתכווצין וע״ל זה הזהיר

וואש היט זיין לייב זאל זיך דער ווייטרן פון דעם שטרוכלונג אונ דענמאלט וועט ער בטוח זיין אז גאט ב״ה וועט אים דער פילין מיט ברכות אונ הצלחות אונ הילף אמן :

פרק נז כתב דער בעל הטורים שרייבט דער מענטש זאל זיך שטארקין וויא איין לייב אויף צוא שטיין פריא צוא דער דינסט פון זיין בשעפר אונ זאל נזהר זיין צוא וואשין זיך בייא זיין בעטל אין איין כלי פון וועגין איבער צוא פירין דאש מיאוסקייט אונ דעם רוח רעה פון זיינע הענט אזוא וויא עש שטייט אין דיא ספרי מוסר ׳ אונ זאל ניט גיין פיר איילין אום גיוואשין : (ב) אין זוהר ואתחנן שטייט אז אין הימל ווארט מען אונ מען האפט אז דער מענטש זאל אויף שטיין צוא לערנן תורה אונ תפלה טאן ׳ אונ אז דער מענטש שטייט אויף פון זיין בעטיל תורה צוא לערנן גייט פאר אים איין כרוז אונ זאגט דעם פסוק הנה ברכו את יי כל עבדי יי העומדים בבית ה׳ בלילות דער נאך אז ער גייט אין שול ארייין רופט מען אויש פאר אים אונ איך וועל דיר געבין דוא זאלשט גיין צווישן דיא שטייענדיגע מלאכים ׳ נאר דאש אלץ איז אז דער מענטש דאווינט מיט כוונה אונ מיט גיבעט ׳ אונ דער מענטש מוז זעהן זיינע אויגין זאלין זיין פאר מאכט : אונ זאל זייא האלטין אראפ צוא דער ערד צוא ׳ אונ זיין הארץ זאל ער געבין ארויף צוא גאט ב״ה : (ג) אונ דער וואש איז גוואונט צו דאבנען פון איין מחזור אדר פון איין סידור ׳ זאל ער זעהן דאבנען פון דעם כתב אונ זאל ניט ארויש קוקין פון דעם מחזור אדער פון דעם סידור ווארום דיא שכינה שטייט אנקעגין אים אונ מען טאר ניט קוקין אין דער שכינה אונ אין דעם ספר פון רב המנונא סבא שטייט דער וואש עפינט זיינע אויגין בשעת שמונה עשרה אדער דער וואש מאכט ניט נידריג זיינע אויגין בשעת ש״ע ׳ פאר זיין טויט שטעלט זיך דר מלאך המות פאר אים ׳ אונ לאזט אים ניט זעהן די שכינה דען פאר דעם טויט איז איטליכער מענטש זוכה צוא זעהן דיא שכינה ׳ אונ דער וואש איז זוכה קומט דיא שכינה צוא אים וויא ער ווערט קראנק ׳ אונ דאש איז איין גוטער סימן צוא אים ׳ דאש ער זאל וויסן אז זיין נשמה וועט פון אים ארויש גיין בנחת אן יסורים ׳ אונ אויב ער איז ניט זוכה קומט דיא שכינה ניט פריער ׳ אונ ער לייט גרויסע יסורים בשעת זיין נשמה גייט ארויש ביז גאט ב״ה איז זיך מרחם אויף אים אונ שייד אפ א טייל לויטרקייט פון דער שכינה צוא אים כדי זיין נשמה זאל ארויש גיין : (ד) נאר דאש איז אבר דער נאך אז ער לייד שוין שווערע אונ ביטרע יסורים ׳ אונ דרויף איז מזהיר דר זוהר הקדוש דאש דער וואש קוקט הין אונ אהער בשער שמונה

הזהיר הזוהר ואתחנן שמי שהוא מביט אנה ואנה בתפלתו ואינו מאיך עינים למטה אזי לא יזכה שתקדים שכינה להתראות אליו כדי שיסבול צער הגסיסה ועל זה יתפלל כל חסיד אליו לעת מצוא זה יום המות שתהא מיתתו בנקל בלתי יסורים ובלתי ערבוב הדעת כדי שיוכל לומר וידוי ולהתודות על כל פשעיו וחטאיו ולסדר צוואה לבניו איך יתנהגו אחרי מותו שיהיו מהולכי תמים ולא ישחירו פניו בקבר כי זכות גדול הוא לאדם אשר הוא מת בשכלו לדבר לפני מותו כי לאו כל אדם זוכה: (ה) לכך בעודו בבריאותו יתפלל האדם שיזכה השכינה שתקדים אליו להצילו ממיתה החטופה וממיתה משונה ממיתה אכזריות ורפואה גדולה להיותו דבוק בתורה בחייו כי ע״י התורה יש לו דביקות אל השכינה לפני מותו ומכל שכן לאחר מותו כדאיתא בזוהר ואתחנן ר׳ אחא הוי קאים עמיה רבי אלעזר לילא חדא בתר פלגות לילא הוו משתדלי באורייתא: (ו) פתח ר׳ אלעזר ואמר כי היא חייך ואורך ימיך לשבת על האדמה תא חזי שכינתא לא מתיישבה אלא במקום שלומדים תורה ובזכות התורה עלמא קאים הה״ד כי היא חייך וגו׳ לשבת על האדמה וכשאינו עוסק בתורה אזי נאמר על מה אבדה הארץ ויאמר ה׳ על עזבם את תורתי והוי אמר ר״א מאן דיכול ללמוד תורה ואינו לומד הרי הוא כאדם שיש לו אשה צנועה ונעימה במעשיה הטובים והבעל עזב אותה ואינו עושה עמה כפי החיוב הראוי לה מן התורה שארה כסותה ועונתה והאשה ההיא צועקת על בעל נעוריה שעזב אותה כמו כן התורה צועקת עליו דין על מי שיכול ללמוד ואינו לומד אזי פתאום בא עליו הדין רחמנא ליצלן: (ז) אדהכי אתא חד גברא והוה רחיש בשפוותיה וכו׳ פתח ר׳ אלעזר ואמר כבוד חכמים ינחלו וכסילים מרים קלון כל העוסק בתורה הוא זוכה לדבק בשכינתא דאיקריאת כבוד וכל צבא מעלה מלמדין עליו זכות משא״כ כשבני אדם

שמונה עשרה און בייגט ניט אראפ זיינע אויגין צוא דער ערד ׳ וועט ער ניט זוכה זיין אז דיא שכינה זאל זיך פעדרין צו אים פאר זיין טויט ׳ פון וועגין ער זאל ליידין שווערע און ביטערע יסורים פון דער גסיסה ׳ און דרויף גיהער איטליכער מתפלל צו זיין אז זיין מיתה זאל גרינג זיין אן יסורים און זאל שטארבין קלאר פון וועגין ער זאל קענען זאגין ווידוי און מתוודה צוא זיין אויף אלע זיינע זינד און זאל קענען מסדר זיין איין צוואה צוא זיינע קינדער וויא זייא זאלין זיך נוהג זיין נאך זיין טויט און אז זייא זאלין גיין אין גוטין וועג דען דאש איז איין גרוישר זכות צוא דעם מענטשין וואש ער שטארבט מיט זיין שכל און רעט פאר זיין טויט ׳ דען ניט איטליכער מענטש איז זוכה דר צוא: (ה) דרום בשעת ער איז נאך בייא זיין גיזונד זאל ער מתפלל זיין אז ער זאל זוכה זיין דיא שכינה זאל זיך פעדרין צוא אים ׳ כדי אים מציל צוא זיין פון איין אויש גיחאפטין טויט און פון איין מיתה משונה פון אשווערע מיתה און דער צוא איז איין גרוישע רפואה ער זאל זיין בייא זיין לעבין בהעפט אין דער תורה ׳ דען דורך דר תורה וועט ער האבין איין בהעפטונג צו דר שכינה פאר זיין טויט ׳ און מכל שכן נאך זיין טויט ׳ אזוא וויא עש שטייט אין זוהר רבי אחא איז אמאל אויף גישטאנען מיט רבי אלעזר האלבע נאכט און האבן תורה גילערינט: (ו) האט רבי אלעזר גיזאגט עש שטייט אין פסוק כי הוא חייך ואורך ימיך לשבת על האדמה דען דיא תורה איז דיין לעבין און דער לייגגערט דיינע טעג צוא זיצין אויף דער ערד וואש גאט גיט דיר קום און זעה דיא שכינה זיצט מיין ניט נאר אויף דעם ארט וואו מען לערינט תורה און אויף דעם זכות פון תורה לערנען שטייט דיא וועלט אבער אז מען לערינט ניט קיין תורה שטייט אין פסוק על מה אבדה הארץ איבר וואש איז פאר לארין גיווארין דיא ערד ויאמר יי על עזבם את תורתי האט גאט גיזאגט איבר דעם וואש זייא האבין פאר לאזט מיין תורה האט רבי אלעזר גיזאגט דער וואש קען לערנען און לערינט ניט איז גלייך וויא איין אשה צנועה און איין פרומע און איז זים מיט אירע מעשים טובים ׳ און דער מאן האט זיא פאר לאזט און טוט ניט אזוא וויא ער איז מחויב פון דער תורה צו געבין איר פרנסה און צו קליידין זיא ׳ און דיא אשה שרייעט און וויינט אויף איר מאן וואש ער האט זיא פאר לאזט אזוא אויך שרייעט דיא תורה אויף דעם וואש קען לערנן און האט צייט צו לערנן און וויל ניט ׳ און פלוצלונג קומט אויף אים דר גזר דין רחמנא ליצלן: (ז) דר ווייל איז גיקומן איין מענטש צו זייא ׳ האט רבי אלעזר גיזאגט עש שטייט אין פסוק כבוד חכמים ינחלו וכסילים מרים קלון דאש איז גימיינט דר וואש לערינט תורה ׳ דער

איז

אדם הולכים בדרכים המקולקלין אזי במעשים הרעים מתהווים ומתיילדין כמה חיצונים והמה המקטרגים את האדם על זה נאמר וכסילים שהן הרשעים מרים קלון רצה לומר מגביהין את הקלון שהן החיצונים שעושין קטיגוריא על האדם עד שמביאין איזה גזרה קשה: (ח) ועל כן יראה כל אדם לקבוע עתים לתורה כדי שתבא השכינה לתוך ביתו ולברך אותו בכמה ברכאן אמן:

פרק נח **צריך** האדם לתקן הפגם שחטא בבריתו בחטא הוצאת ש"ז לבטלה כמו שאכתוב לקמן התיקון האמיתי על כן צריך למהר בתשובה ואף אם חטא הרבה פעמים הקדוש ב"ה הוא מלך רחמן והוא מקבל תשובות השבים בכל לב ומודה ועוזב ירוחם ומוסיפין לו יראה וקדושה: (ב) נמצא עושה ב פעולות א' שעונותיו מכופרים ושנית שיורש עוה"ב באופן ובתנאי כשאוחז בתורה ולומד בהתמדה ויקבע עתים לתורה הן ללמוד בעצמו והן ללמוד עם אחרים ואם אינו יכול בעצמו אזי על כל פנים יקבע עתים לשמוע דברי תורה כי לאחר מיתת אדם שם לא יבא למדריגה למעלה ושם לא יעסוק לא באכילה ולא בשתיה ולא במשא ומתן כי אם בעסק התורה: (ג) ומי שהוא אוהב לשמוע דברי תורה בעולם הזה יזכה לשמוע ד"ת מפי עתיק יומין לעוה"ב משא"כ אם האדם ממאס לשמוע דברי תורה בעולם הזה אין לו שייכות גם בעוה"ב ובודאי יהיה נדחה מפרגודא דיליה ובא וראה מ"ש בזוהר פ' שמיני ר' יהודה ור' יצחק הוו אזלי לציפורי והוי רביא חד אזיל אבתרייהו עם החמור שהיה נושא משא כלים עם דבש אמר רבי יצחק לרבי יהודה נימא מילי דאורייתא · (ד) פתח רבי יצחק ואמר וחכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובב שפתי ישנים וחכך כיין הטוב זו היא תורה שנקראת

איז זוכה צוא באהעפטין זיך אין דער שכינה וואש זיא ווערט גירופין כבוד · אונ אלע מלאכים פון דעם הימל זיינן מלמד זכות אויף אים · אבער אז דיא מענטשין גייען אין דיא שלעכטע וועגי · ווערין גיבארין פון זיינע שלעכטע מעשים פיל קליפות אונ דיא זיינן די מקטריגים אויף דעם מענטשין · אויף דיא לייט זאגט דער פסוק וכסילים אונ דיא רשעים מרים קלון דער הייבין דעם שאנד דאש זיינען דיא קליפות וואש זיינען מקטרג אויף דעם מענטשין ביז זיא ברייננגען אויף אים עפעש איין שווערע גזירה: (ח) דרום זאל איטליכר מענטש זעהען זיך קובע זיין צייטין אויף צוא לערנען פון וועגין דיא שכינה זאל קומן אין זיין שטוב אריין אונ זאל אים בענטשין מיט פיל ברכות אמן:

פרק נח צ"יד דער מענטש דארף מתקן זיין דיא עבירה וואש ער האט מוציא זרע לבטלה גיוועז · אזוא וויא איך וועל ווייטער שרייבין איין רעכטין תיקון דרויף דרום מוז דער מענטש זיך איילין דרויף תשובה טאן · אונ ווען ער האט אפילו דיא עבירה גיטאן פיל מאל · פון דעסט וועגין נאט ב"ה איז איין דער בארעם הארציגער מלך · אונ ער איז מקבל דיא תשובה פון דיא וואש טוען תשובה מיט דעם גאנצין הארצין · אונ דער וואש איז מתודה זיינע זינד אונ פאר לאזט זייא אונ טוט זייא שוין מער ניט דער ווערט דער בארימט פון גאט אונ מען מערט אים פארכט אונ הייליקייט: (ב) ווערט גיפונען ער טוט צווייא פעולות מיט דער תשובה איין מאל זיינע עבירות ווערין פאר געבין אונ דאש אנדערע מאל ער ירשת עולם הבא · נאר דיא עיקר תשובה איז ער זאל לערנען תורה · אונ זאל זיך קובע זיין צייטין אויף צו לערנן אליין אונ מיט אנדערע אויב ער קען ניט לערנן זאל ער זיך חאטשע קובע זיין צייטין צו גיין הערן דברי תורה ווארום זונסט וועט ער נאך זיין טויט ניט קומן צוא קיין הויכר מדרגה דען דארטין וועט ער ניט עוסק זיין ניט אין עסין ניט אין טרינקען ניט אין משא ומתן נאר אין תורה: (ג) אונ ווער עש האט ליב צוא הערין תורה אויף דער וועלט וועט ער זוכה זיין צו הערין תורה אויף עולם הבא פון גאט ב"ה אבער אז דער מענטש פאר מיאוס פון צו הערין תורה אויף עולם הזה האט ער דאך ניט קיין שום שייכות אויף עולם הבא ווארום דארטין לערינט מען דאך נאר תורה וועט ער בוודאי ארויש גישטויסין ווערין פון זיין ארט וואש אין גן עדן · קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר רבי יהודה אונ רבי יצחק זיינן גיגאנגן קיין צפורי · אונ איין קליין קינד איז זייא נאך גיגאנגען מיט איין אייזיל וואש דאש אייזיל האט גיטראגין כלים מיט האניק האט רבי יצחק גיזאגט צוא רבי יהודה לאמיר עוסק בתורה זיין: (ד) האט רבי יצחק גיזאגט עש שטייט אין פסוק וחכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובב

שפתי

שנקראת יין טוב ממש כי לפעמים יין לא טוב לגוף ולא טוב לנשמה כיון שאדם שותה היין הרבה
אזי ראשו כואב לו ולפעמים נכשל ג"כ בעבירה ח"ו וההיפוך הוא התורה הקדושה כל מה שלמד יותר
הוא מרחיק ממנו פשעיו ולומד דרכי יראה ונוחל עולם הזה ועולם הבא ולא עוד שיזכה למה שכתוב
אח"ז דובב שפתי ישנים שאף שיהיה ישן בקבר שפתותיו מרחשן דברי תורה: (ה) אמר האי רביא
א"כ למה כתיב וחכך דהיינו לימוד התורה כיין הטוב משמע דיין הטוב נמשל ג"כ לתורה והוה ליה
למימר וחכך מיין הטוב אשגיחו ביה א"ר יהודה ברי אימא מילך דשפיר קאמרת אמר דמאן דאשתדל
באורייתא ודביק בה כשלומד תורה מוציא מפיו ואומר דברי תורה בשפה ברורה ומרים קול
כשלומד תורה וכו' יזכה להרים קולו כד יפוק מהאי עלמא הולך לדודי למישרים נשמתו תלך לדודי
להקב"ה מישרים שלא יפגעו בו שום בעלי דינים ורשות יהיה להאדם ההוא לילך בחדרי גן עדן וזה'
דובב שפתי ישנים אתו ר' יהודה ור' יצחק ונשקו ליה על רישיה וחדו עמיה וסיפר התינוק ההוא סדר
הלימוד שלו וגילה להן סודות נפלאות וסתרי תורה: (ו) א"ל מה שמך אמר להו ייסא אמרו רבי ייסא
יהיה שמך ואח"כ אמרו ליה השלך את החמור אצל אביך וזיל עמנו אזיל עמהם וכד מטי האי ינוקא
לבי מדרשא ועייל לבי מדרשא הוי קם רבי יהודה מקמיה והוי רבי יהודה מצוה לכל בני מתיבתא
לאנהגא עמיה יקר וכו' והוי רשב"י קורא עליו בטרם אצרך בבטן ידעתיך: (ז) והנה ישכיל הנבון
איך שהקדמונים היו פונים לשמוע ד"ת אפילו מן התינוק מאהבת התורה כדי לקבל חידושי התורה
שהיא אורך ימינו והיא אילת אהבים ויעלת חן על לומדיה ועל כל א' מישראל הוא מוטל לחבב התורה
ולאהוב התורה בפני בני ביתו ובניו ולהזהירם תמיד על קיום התורה ומצותיה: (ח) ובפרט יזהיר

שפתי ישנים וחכך כיין הטוב מיינט מען די תורה וואש
זיא ווערט גירופין גוטר וויין · ווארום אמאל איז פר האנדין
וויין וואש ער איז ניט גוט צום גוף אונ איז ניט גוט
צוא דער נשמה ווארום אז דער מענטש טרינקט פיל
וויין · טוט אים וויא דער קאפ · איז ער דאך ניט גוט
פאר דעם גוף · אונ אמאל ווערט ער נאך נכשל אין איין
עבירה ח"ו דורך דעם וויין איז ער ניט גוט פאר דער
נשמה אונ די תורה איז פארקערט דאש וויא מער ער
לערינט זיא דער ווייטרט זיא זיינע זינד פון אים · אונ ער
לערינט זיך אויש די וועגין פון יראה · אונ ער ירשת די
וועלט אונ יענע וועלט · אונ נאך מער ער איז זוכה צוא
דעם וואש דער נאך שטייט דובב שפתי ישנים ער מאכט
ריידין די לעפצין פון די שלאפעדינע דאש מיינט מען
האטשע ער וועט ליגין אין קבר וועלין זיינע לעפצין ריידין
אין קבר: (ה) האט דאש קינד זייא גיפרעגט נאך איינער
פשט נאך ווארום שטייט וחכך אונ דיין גומען דאש הייסט
דיין תורה וואש דוא לערינסט איז כיין הטוב אזו וויא גוטער
וויין איז דאך משמע אז די תורה איז גיגליכין צוא גוטין
וויין אונ איר זאגט דאך אז די תורה איז בעשער פון גוטין
וויין וואלט דאך גיקענט שטיין וחכך מיין הטוב אונ דיין תורה
וואש דוא לערינסט איז בעשער פון גוטין וויין האט רבי
יהודה צוא אים גיזאגט מיין זון זאג דיינע רייד דען דוא
זאגשט רעכט האט דאש קינד זייא גיזאגט דרויף איין דרוישן
סוד זיינען גיקומען רבי יהודה אונ רבי יצחק אונ האבין
אים גיקושט אויף זיין קאפ אונ האבין זיך גיפרייט מיט אים
אונ דאש קינד האט זייא דער ציילט זיין סדר הלימוד אונ
האט זיי מגלה גוועזן וואונדרליכע סודות אונ סתרי תורה:
(ו) האבין זייא אים גיפרעגט וויא הייסטו האט דאש קינד
גיזאגט איך הייש ייסא האבין זיי גיזאגט דיין נאמן זאל זיין
רבי ייסא דער נאך האבין זייא אים גיזאגט ווארף אוועק
דאש אייזיל מיט דעם האניק בייא דיין פאטער אונ דוא גייא
מיט אונז האט דאש קינד אזוא גיטאן אונ איז מיט זייא
גיגאנגען אונ וויא דאש קינד איז גיקומען אין בית המדרש
אריין אונ איז מיט זיי אריין גיגאנגען אין בית המדרש · איז
רבי יהודה פאר אים אויף גישטאנען אונ האט גיהייסן אלע
תלמידים פון דער ישיבה · זייא זאלין דעם קינד כבוד אן
טאן · אונ רבי שמעון בן יוחאי האט גילייענט אויף אים
דעם פסוק וואש נאט האט גיזאגט צוא ירמיה בטרם אצרך
בבטן ידעתיך איי איך האב דיך באשאפין אין דיין מוטערש
בויך האב איך דיך ליב גיהאט: (ז) אונ נון קען דער פאר
שטאנדיגער פאר שטיין וויא די ערשטע חכמים האבין זיך
גיקערט צוא הערין דברי תורה אפילו פון איין קינד אונ
דאש איז גיוועזן ווייל זייא האבין די תורה זייער ליב
גיהאט אונ אויף איטליכין מענטש איז מוטל די תורה מחבב
צוא זיין אונ זיא גיליבט צוא מאכין פאר זיינע קינדער אונ
זיין הויז גיזינד · אונ זאל זייא תמיד מזהיר זיין · זייא
זאלין מקיים זיין די תורה אונ אירע מצות · (ח) אונ

לנשים שלא יתחזיא מנהון שערות ראשם כי בעון זה גורמת שיהיו בניה עניים ויהיו בזוים ונבזים בין הבריות וכל בית שאין בה צניעות שם לילי"ת מצויה וגורמת היזק לילדים קטנים חו כמבואר בפרקים הקודמים · (ט) ע"כ כל מי שנכשל בעון קרי יהיה זריז בדברי תורה ויתענה ד' פעמים ג' ימים רצופים דהיינו בכל תקופות השנה ג' ימים ויתעסק בתורה אז ושב ורפא לו וברכות ינוחו על ראשו וכל איבריו יהיו נקיים וטהורים לעד :

פרק נט **כתיב** בתורה והיה מחניך קדוש ר"ל שיהיה גופו ואיברים של אדם בקדושה כי האיברים של אדם הן מחנה השכינה וזש"ה ונקדשתי בתוך בני ישראל ושכנתי בתוכם וכשהולך האדם חס ושלום בדרכים לא טובים ועוסק הכל בתענוגי עולם הזה אזי הוא מחנה להשטן ולילי"ת ר"ל · (ב) ולעולם יהא אדם רגיל לומר רבונו של עולם זכני להיות אני טהור וכסא אל השכינה ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו · ובהיות כשחוטאים ישראל אזי השכינה מסתלקת מישראל ואז נאמר ותרם התיבה מעל הארץ כי השכינה נקראת בספר הזוהר תיב"ה שהוא אותיות בי"ת ה' · ולכך הן רמ"ח תיבות בקריאת שמע נגד רמ"ח איברים של אדם כי כל תיבה מק"ש הוא משפיע קדושה באבר א' כשקורא בכוונה · (ג) ואל תקשה הלא כמה בני אדם שקורין קריאת שמע בדקדוק ובכוונה גדולה ואף עפ"כ איבריהן הן חלושים · דע בני הענין הוא מבואר בזוהר שלח לך כי נשמת האדם דומה לנר וטבע הנר כשאינו מאיר כראוי אז מנענעים אותו קצת ועל ידי כן מתלהב יותר ויאיר כראוי וזה דוקא בנר

בפרט ער זאל מזהיר זיין דיא ווייבער · אז זיא זאלין זיך פירן בצניעות · ווארום מחמת דער דאזיגער זינד איז זיא גורם אירע קינדער זאלין זיין ארום און מבוזה בייא לייט · און אין איטליכן הויז וואש דרינען איז ניט פאר האנדין קיין צניעות · דארטין איז דיא לילי"ת גיוויינטליך און זיא איז גורם היזיק ח"ו צוא דיא קליינע קינדער אזו וויא עש שטייט אין פריערדיגע פרקים : (ט) דרום איטליכער וואש איז נכשל גיווארין אין דעם זינד פון קרי ר"ל · זאל ער זיין איין זריז תורה צוא לערנן · און זאל פאסטין פיר הפסקות דורך דעם יאר דהיינו אין איטליכן פערטיל יאר זאל ער פאסטין איין הפסקה פון דרייא טעג · און זאל עוסק בתורה זיין און תשובה טאן דאש ער זאל שוין דיא עבירה מער ניט טאן וועט גאט ב"ה אים היילין דאש ער וועט אים דיא עבירה מוחל זיין · און ברכות וועלין רוען אויף זיין קאפ און אלע זיינע אברים וועלין זיין ריין אויף אייביג אמן :

פרק נט כתיב עש שטייט אין דער תורה והיה מחניך קדוש דאש איז גימיינט דער גוף און דיא אברים פון דעם מענטשין זאלין זיין הייליג · ווארום דיא איברים פון דעם מענטשין זיינען דיא מחנה שכינה · און דאש מיינט דער פסוק ונקדשתי בתוך בני ישראל און איך וועל ווערין גיהייליגט צווישן דיא ישראל און וועל רוען צווישן זייא און אז דער מענטש גייט אין דיא וועגין וואש זיינען ניט גוט · און איז אלץ עוסק אין דיא תענוגים פון עולם הזה ווערט ער איין מחנה צוא דעם שטן און דיא לילית רחמנא ליצלן : (ב) און אייביג זאל דער מענטש גיוואונט זיין צוא זאגין רבונו של עולם זייא סיך מזכה איך זאל זיין ריין און איין שטול צוא דער שכינה · מיין לייב זאל לויבין גאט · און אלע מיינע אינווייניגשטע גלידער זאלין לויבין זיין הייליגן נאמען · און וויל אז דיא ישראל זינדיגין · ווערט דיא שכינה אפ גיטאן פון דיא ישראל און דענמאלט ווערט גיזאגט דער פסוק ותרם התבה מעל הארץ און דיא שכינה וואש זיא ווערט גירופין תיבה איז ווארין אויף גיהויבין פון דער ערד · און דרום הייסט דיא שכינה תיבה וויל תיבה מאכט בית ה' · דרום איז פאר האנדין אין קריאת שמע צווייא הונדערט און אכט און פערציג ווערטער · קעגין דיא צווייא הונדערט און אכט און פערציג אברים פון דעם מענטשין · דען איטליכש ווארט פון קריאת שמע איז משפיע הייליקייט אין איין אבר אז ער לייענט נאר דיא ק"ש מיט כוונה : (ג) און עש זאל דיר ניט קשה זיין פאר ווארעש איז דאך פאר האנדין פיל מענטשין וואש זייא לייענען ק"ש מיט גרויש כוונה און פון דעסט וועגן זיינען זייערע אברים שלאף · זאלשט וויסן מיין זון דער ענין איז באשייד אין זוהר דאש דיא נשמה פון דעם מענטשין איז גלייך צוא איין ליכט · און דיא טבע פון איין ליכט איז אז עש לייכט ניט וויא עש גיהערט צו זיין · צו שאקילט מען עש אביסל דורך דעם ברענט עש בעסער

און

בנר יפה מה שאין כן בנר גרוע אדרבא בנעגע כבה ושקע כמו כן האדם בהיותו חוטא והנשמה דיליה ע"י החטאים אינה מאירה כראוי ואז הקדוש ברוך הוא שולח עליו יסורים המנענעים אותו ומטרידים גופו ואבריו · (ד) ובאם האדם מקבל באהבה ובחיבה היסורים ומשים אל לבו כי לא לחנם שלח הקב"ה עליו היסורים כי הקב"ה לא עביד דינא בלא דינא ומתחרט על העבר ורואה לתקן מה שקלקל ולהבא גודר עצמו בגדר היראה אזי חוזרת הנשמה יותר להאיר ומאיר יותר ואם האדם אינו מקבל היסורים באהבה ומבעט ביסורים ולפי זמן הולכין היסורים מאתו וחוזר האדם לדרכו הרעה ולמעשיו המקולקלים אז היסורים חוזרים ובאים אליו בחזקה ומאבדין אותו מן העולם ונר דיליה שהיא הנשמה כבה ושוקע ויורד עמו לבור שוחה עמוקה : (ה) והנה בזמן שבית המקדש היה קיים האדם היה מביא קרבן ומתוודה עליו ובצירוף התשובה ואח"כ נשחט הקרבן ונזרק דמו של הקרבן וחלבו נקרב זה היה הכל תמורת גופו ואיבריו אשר חטאו ונתחייבו מיתה וקרבן זה היה תיקונם ועכשיו האמירה היא במקום קרבן כמו שאמר הכתוב ונשלמה פרים שפתינו · ועי"ז כתב הרב מהר"ם הבבלי שבאמירת פרשת הקרבנות יכוין האדם שהאותיות הכתובות לפניו הם דמיון גוף הקרבן והנקודות המנענעות את התיבה הוא הנפש של הקרבן ועל ידי כן נחשב כאילו הקריב קרבן על המזבח · (ו) ואל יהא קל בעיניך אמירת פרשת הקרבן כי בכל יום ויום בבקר מתעורר אחד חיצוני הנקרא תול"ע והוא מתחיל לקטרג על העבירות שעשו ישראל בלילה ובהקרבת תמיד של שחרית היו מחלישין ומתישין את כחו ואל זה יכוין באמרו פרשת התמיד עול"ת תמיד העשויה בהר סיני (ר"ל עול"ת הוא אותיות תול"ע בהיפוך אתוון) וכל המתנאה הוא נותן כח וחיזוק לזה החיצוניוכל ההולך בענוה שהוא דוגמת הקרבן כמש"ה לב נשבר ונדכה אלהים

אונ דאש איז נאר ביא איין גוט ליכט · אבר ביא איין שלעכט ליכט ווערט עש נאך פאר לאשין דורך דעם שאקלען · אזוא אויך דער מענטש אז ער זינדיגט אונ דורך דיא זינד לייכט זיין נשמה ניט ווי עש גיהער צו זיין : שיקט גאט ב"ה אויף אים יסורים וואש זייא צוא שאקלין אים : (ד) אונ אז ער איז זייא מקבל באהבה אונ טוט אויף זיין הארץ אז ניט אום זישט שיקט גאט ב"ה אויף אים דיא יסורים דען גאט ב"ה וועט ניט טאן קיין עולה ח"ו · אונ האט חרטה אויף דעם וואש ער האט ניטאן דיא זינד · אונ זעהט צו פאריכטין וואש ער האט קאיילע גימאכט אונ אויף ווייטער מאכט ער זיך אגדר ער זאל דאש שוין נים טאן קערט ווידער זיין נשמה צו לייכטין בעשער אבער אז דער מענטש איז ניט מקבל דיא יסורים באהבה אונ ער טרעט אין זייא אונ וויא דיא יסורים נייען אוועק פון אים קערט ער ווידער צוא זיין שלעכטין וועג אונ צוא זיינע שלעכטע מעשים דענמאלט קערין זיך ווידער די יסורים אונ קומן צוא אים מיט שטארקייט אונ מאכין אים פארלירין פון דער וועלט · אונ זיין נשמה ווערט פאר לאשין אונ זיא נידערט מיט אים אין טיפין גרוב ארייין : (ה) אונ נון אין דער צייט אז דאש ביהמ"ק איז גישטאנן האט דער מענטש גיבראכט איין קרבן אונ האט מתודה גיוועז אויף אים אונ האט תשובה גיטאן דער נאך האט מען גיקוילט דעם קרבן · אונ זיין בלוט האט מען גישפריצט אונ זיין חלב האט מען מקריב גיוועז · איז דאש אלץ גיוועז פאר זיין גוף אונ זיינע איברים וואש האבין גיזינדיגט אונ זיינען שוין חייב גיווארין מיתה · אונ דער קרבן איז זייער תקון אונ היינט דאש וואש ער זאגט דיא פרשה פון קרבנות איז גלייך וויא ער איז מקריב קרבנות · אונ דרום שרייבט דער מהר"ם הבבלי אז בשעת דער מענטש זאגט דיא פרשה פון קרבנות זאל ער מכוין זיין · אז דיא אותיות וואש שטייען גישריבין פאר אים זיינן דאש גלייכנש פון דעם גוף פון דעם קרבן · אונ דיא נקודות וואש זייא שאקלין דאש ווארט · דאש איז דער נפש פון דעם קרבן אונ דורך דעם ווערט גירעכינט גלייך וויא ער איז מקריב איין קרבן אויף דעם מזבח : (ו) אונ דוא זאלישט ניט האלטין פאר גרינג פון צוא זאגין אלע טאג דיא פרשה פון קרבנות ווארום אלע פריא ווערט דער וועקט איין משחית וואש ער ווערט גירופין תולע · אונ ער הייבט אן מקטרג זיין אויף דיא עבירות וואש דיא ישראל האבין גיטאן ביא נאכט · אונ אז מען האט מקריב גיוועז דעם תמיד פון שחרית · האט מען שלאף גימאכט זיין כח אונ דרויף זאל ער זיך מכוין זיין אז ער זאגט אין דער פרשת התמיד עולת תמיד העשויה בהר סיני זאל ער מכוין זיין אז עולת איז דיא אותיות תולע אונ דער וואש האלט זיך בעל

נאוה

אלהים לא תבזה בתפלתו הוא מתיש כוחו וע״ז אמר דוד המלך ואנכי תולעת ולא איש · (ז) והכלל כי אמירת פרשת הקרבנות הוא ענין גדול וחשוב מאוד כמ״ש בזוהר פרשת וירא רבי אחא הוי אזיל לכפר טרשא אתא לגבי אושפיזא רחישו עליה כל בני מתא אמרו גברא רבה אתא להכא ניזיל לגביה אזלו ואמרו ליה שהן בצרה גדולה בזה העיר כי ז׳ ימים שהחל הנגף רחמנא ליצלן ובכל יום הנגף הולך וגובר אמר להם למחר ניזיל לבית הכנסת ונבעי רחמי מן הקב״ה עד דהוי אזלי אתו ואמרו פלוני ופלוני מיתו פלוני ופלוני נוטים למות : (ח) א״ל רבי אחא אין עת לקיימא הכא דשעתא דחיקא אבל אפרישו מנכון ארבעין בני נשא מן חסידי וצדיקי העיר עשרה עשרה לכל חלק שיהיו י׳ למזרח י׳ לדרום י׳ למערב י׳ לצפון ואנא עמכון ויעמדו עשרה לכל זוויתא דמתא ותאמרו בכוונה גדולה ענייני דקטורת בוסמין וענין דקרבנות עבדו כן תלתא יומין לבתר אמר ניזיל לבתינו כי בטלה הגזרה ואף אותם אנשים שהיו נוטין למות אפרישו מינייכו לבתיהון ומצוה עליהון שיאמרו קטורת מן ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה ושים עליה קטורת וכו׳ וכן עבדו ובטיל מינייהו מותנא. שמעו חד קלא דאמר חולין הדבר חולין הדבר לא תרד לכאן כי ידעין לבטלא ליה · (ט) אדהכי חלש ליביה דרבי אחא ואדמוך שמע חד קלא שאמר כשם שעשית זאת כך תעשה בעיר אחרת אח״כ הלך ר׳ אחא לדרכו וצוה לבני מתא דלא יבטלון מאורייתא לעולם והחליפו שם העיר מתא מחסיא על שם שחס הקדוש ברוך הוא עליהם · (י) לכן צריך האדם לומר ג״פ פ׳ קטורת וברייתא פיטום הקטורת בכל יום כי הוא תועלת גדול וכל מי שמתפלל בכוונה יקובל תפלתו והקדוש ברוך הוא יעשה רצונו למלאות שאלתו הטובה אמן :

דע

נאוה דער גיט כח אונ שטארקייט צוא דעם חיצון · אונ דער וואש גייט מיט ענוות מאכט ער מיט זיין תפלה שלאף דעם כח פון דעם חיצון : (ז) דער כלל איז אז דאש זאגין דיא פרשה פון קרבנות איז איין גרוישער ענין אונ בפרט קטורת צו זאגין איז איין גרוישר אונ איין חשובר ענין · אזוא וויא עש שטייט אין זוהר רבי אחא איז גיגאנגן צו דעם ארט טרשא · איז ער גיקומן אין איין הארבריג · איז גיווארין איין שם אז איין תלמיד חכם איז אן גיקומען · זיינן דיא שטאט לייט גיגאנגן צוא אים אונ האבין אים גיזאגט אז זיי זיינען אין איין גרוישר צרה אין דער שטאט ווארום שוין פון זיבין טעג אן האט זיך אן גיהויבין איין מגפה רחמנא ליצלן אין שטאט · אונ אלע טאג ווערט זיא שטארקר · האט ער צוא זייא גיזאגט מארגן וועלין מיר גיין אין שול אריין אונ וועלין בעטין גאט · וויא זייא זיינען אוועק גיגאנגען איז מען גיקומען אונ מען האט גיזאגט · דער אונ דער איז גישטארבין אונ דער אונ דער איז נוטה למות : (ח) האט רבי אחא צוא זייא גיזאגט עש איז היינט ניט דא צייט דא צוא שטיין ווארום די צייט איז זייער איינג נאר שייד פון אייך אפ פערציג צדיקים אונ חסידים · צוא צעהן אויף איטליכער זייט שטאט · אונ איך וועל אויך זיין מיט אייך . אונ זייא זאלין זאגין קטורת אונ אויך דעם ענין פון קרבנות . האבין זייא אזו גיטאן דרייא טעג אונ דרייא נעכט דער נאך האט רב אחא גיזאגט לאמיר גיין צוא אונזר היים דען די גזירה איז שוין בטל גיווארין . אונ אויך דיא מענטשין וואש זיינן נוטה למות לאזין עטליכע מענטשין פון דיא פערציג צוא זייא אהיים גיין אונ לאזין דארטין זאגין קטורת אונ דיא פרשה · ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה וכו׳ זיינען דיא מענטשין אויך לעבין געבליבין האבין זייא גיהערט איין קול האט גיזאגט דער עיפוש זאל אהער שוין ניט קומען ווארום זייא ווייסין שוין וויא אזוא אים מבטל צוא זיין : (ט) דער ווייל איז פאר חלשת גיווארין דאש הארץ פון רב אחא אונ איז אנשלאפין גיווארין האט ער גיהערט איין קול האט גיזאגט צוא אים אזוא וויא דוא האשט גיטאן אין דער שטאט : אזוא אויך זאלשטו טאן אין אנדער שטאט וואש דארטין איז אויך דער עיפוש ר״ל דער נאך איז רבי אחא גיגאנגן צוא זיין וועג אונ האט גיבאטין צוא דיא שטאט לייט · אז זייא זאלין אייביג תורה לערנען · אונ האבין דער שטאט איין נאמען גיגעבין מתא מחסיא ווייל השי״ת האט חס גיהאט אויף איר : (י) דרום טוט איטליכער מענטש אויך זאגין איטליכען טאג דרייא מאל דיא פרשה פון קטורת אונ דיא ברייתא פון פטום הקטורת כיצד וכו׳ ווייל דאש איז איין גרויש הילפונג אונ איטליכער וואש דאבינט מיט כוונה ווערט זיין תפלה אן גינומן אונ גאט ב״ה וועט טאן זיין ווילן צוא דער פילן זיין גיבעט אמן :

פרק ס **דע** כי יש רמ"ח מצות עשה וכל אבר מרמ"ח איברי האדם תלוי במצוה למשל בפה תלויה מצות לימוד התורה ובעינים תלויין מצות קידוש החודש ומצות ראיית ציצית וכן במוח תלויין המצות שצוה הקדוש ב"ה ע"י זכירה כגון זכור את אשר עשה ה' למרים · זכור את יום אשר יצאת ממצרים · זכור את יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב · (ב) ולכן כתב הרב מהר"י לוריא ז"ל שצריך האדם להזכירם תיך תפלות הקבועות בכל יום שמתוך כך לא ישכחם האדם ובאומרו ברכת אהבה רבה כי אל פועל ישועות אתה ובנו בחרת מכל עם ולשון יכוין זכירת יום עמדו אבותינו במעמד הר סיני לקבל התורה ובחר אותנו אז מכל עם ולשון ליתן לנו תורה הקדושה · וקרבתנו לשמך הגדול יכוין זכור את אשר עשה לך עמלק · סלה באמת להודות לך צריך לכוין שהפה ולשון נבראו כדי להודות להלל שמו של מלך מלכי המלכים הקב"ה וצריך ג"כ לזכור שמרים הנביאה נצטרעה ע"י סיפור לשון הרע ע"כ צריך ליזהר האדם מלספר לשון הרע ובק"ש יזכור יציאת מצרים · (ג) ומאוד צריך האדם ליזהר בזה כי ידוע שאם האדם מחסר מצוה א' מוכרח הוא להתגלגל שנית בשביל לקיים המצוה ואז אם אינו מקיים מצות הזכירה הנ"ל התלוין במצות צריך עוד פעם להתגלגל וע"ז רמז בעל המסורה ב' פעמים כתיב ויצאה · ויצאה חנם אין כסף · ויצאה והיתה לאיש אחר · ופי' הדבר ואם שלש אלה לא יעשה לה קאי על הנשמה תורה נביאים כתובים · דין אמת ושלום · קדושה טהרה ענוה · יראה אהבה זריזות · תורה עבודה ג"ח · כל אלה הן משולשים ואם לא יתנהג בהם אזי ויצאה הנשמה חנם אין כסף ר"ל שלא תזכה לבא לעלמא דכסופין פי' העולמות המאירים לצדיקים באשר שלא קנו שלימות אזי ויצאה מביתו הראוי להיות לו

אם

פרק ס דע דוא זאלשט ווישן אז עס איז פאר האנדין רמ"ח מצות עשה · אונ איטליכער אבר פון דיא רמ"ח אברים פון דעם מענטשן הייננט אין איין מצוה למשל אין מויל הייננט דיא מצוה פון תורה לערנען אין דיא אויגן הייננט דיא מצוה פון קידוש החודש אונ דיא מצוה פון צוא זעהען דיא ציצית · אין מוח הייננט דיא מצות וואש גאט ב"ה האט גיהיישין דער מענטש זאל אלע טאג זייא גידיינקען דהיינו דאש וואש עס שטייט אין דער תורה זכור את אשר עשה ה' למרים גידיינק וואש גאט ב"ה האט גיטאן צוא מרים זכור את יום אשר יצאת ממצרים גידיינק דעם טאג וואש דוא בישט פון מצרים ארויש גיגאנגן זכור את יום השבת גידיינק דעם טאג פון שבת זכור את יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב גידיינק דעם טאג וואש דוא בישט גישטאנן פאר גאט דיין גאט אויף דעם בארג סיני: (ב) דרום שרייבט דער רב האר"י ז"ל אז דר מענטש מוז דיא זאכין גידיינקן צווישין דיא תפלות וואש דער מענטש מוז זייא זאגין אלע טאג · דען דורך דעם וועט ער זייא ניט פאר געסין · דאש אז ער זאגט אין דער ברכה פון אהבה רבה ובנו בחרת מכל עם ולשון זאל ער זיך מכוין זיין צוא גידיינקן דעם טאג וואש אונזרע עלטערין זיינן גישטאנען אויף דעם בארג סיני דיא תורה מקבל זיין אז ער זאגט סלה באמת להודות לך זאל ער מכוין זיין אז דאש מויל מיט דעם צונג זיינן נאר בשאפין גיווארין פון וועגין צוא דאנקין אונ לויבין דעם נאמען פון מלך מלכי המלכים הקב"ה · אונ מוז אויך גידיינקן אז מרים איז מצורע גיווארין דורך דעם וואש זיא האט לשון הרע גירעט אויף איר ברודר משה רבינו ע"ה · דרום מוז דער מענטש נזהר זיין פון צוא ריידן לשון הרע · אונ אין ק"ש זאל ער גידיינקען יציאת מצרים : (ג) אונ דער מענטש מוז זייער נזהר זיין דרינן דען דאש איז גוויש אז דעם מענטשן פעלט אפ איין מצוה פון דיא הרי"ג מוז ער נאך אמאל מגולגל ווערין פון וועגין דיא מצוה מקיים צוא זיין · אונ אויב ער איז ניט מקיים דיא מצוה פון דיא זכירות וואש פריער זיינן גישטאנן מוז ער נאך אמאל מגולגל ווערין אונ דרויף איז מרמז דער בעל מסורה · עש שטייט אין דער תורה צווייא מאל דאש ווארט ויצאה איין מאל ויצאה חנם אין כסף · אונ ויצאה והיתה לאיש אחר דאש פירוש דער פון איז אזוא · דען פריער שטייט ואם שלש אלה לא יעשה אויב די נשמה וועט ניט טאן די זאכין וואש איטליכש בזונדער איז אויף דרייא · דאש איז תורה נביאים כתובים · דין אמת ושלום · קדושה טהרה ענוה · יראה אהבה זריזות · תורה עבודה גמילות חסדים אז זיא וועט דיא אלע זאכין ניט טאן · זאל די נשמה ארויש גיין אום זיסט אין כסף כלומר זיא וועט ניט זוכה זיין צו דיא גילושטיגע וועלט · דאש מיינט מען די וועלטין וואש לייכטין צו דיא צדיקים ויצאה מביתו אונ זיא וועט ארויש גיין פון דעם הויז וואש

וואלט

אם קנה שלימות ועכשיו שלא זכה לבית זה יצאה לחוץ והלכה והיתה לאיש אחר בגלגול ויסבול שנית צער חבלי לידה ומיתה וחיבוט הקבר וכל העונשים הנזכרים בספר חסד לאברהם ע"ש בחלק עין משפט (ד) ע"כ בן אדם ראה דרכיך וחכם להיות אוהב לעצמך שלא תהיה נדחה מחוץ לפרגודא קדישא אוי לאותה בושה וחרפה לנשמה הנדחה שלא תקבל פני כסא הכבוד ממקום מחצבתה ואומרים אל הנשמה ווי לך איך היית כפוי טובה מחסד שעשה לך בוראך והיה מטיב עמך במאכל ובמשתה ודי מחסורך ואתה משלם רעה תחת טובה · (ה) בא וראה מה דאיתא בזוהר פ' בלק ר"פ הוה אתי למחמי ברתיה אמיה של ר"א דהות במרעא והוו עמיה חבריא עד דהוי אזלי פגעי בתרין ערבאי א"ל בחקל דא אתער קלא מיומין דעלמא א"ל מיומין דעלמא לית אנן ידעין מיומא דילן אנן ידעין דהא יומא חד הוו אינון ליסטין מקפחי ארחין (ר"ל שודדי דרכים) עברין בהאי חקל ופגעו באינון יהודאין ואתו לקפחי להון ואשתמע קול דחמרא בהאי חקל דנהיק תרי זימני אתי שלהובא ואוקיד להון ואשתזיבו אינון יהודאין אמר להו ערבאי במלה דא דקאמריתון תשתזבון יומא דין מליסטין אחרינן דקא מחכאן לכו · (ו) בכה ר"פ אמר מארי דעלמא רחשא דניסא עבדי בגיני ואשתזבין אינון יהודאין ולא ידענא פתח ואמר לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו כמה טיבו עביד הקב"ה עם בני נשא ולא ידע אלא איהו בלחודוי ב"נ אזיל באורחא וליסטין מחכאן ליה למיקטליה אתי אחרא ואתייהיב כופרא תחותיה והוא אשתזיב ולא ידע השובה דעביד הקדוש ב"ה עמיה רק הקב"ה איהו בלחודיה ידע וזה שאמר הכתוב לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו א"ר פנחס לחברייא הא דשאילנא לאינון ערבאי משום דאינון מצויין תדירא בחקלא כו' בתר הכי שאיל רבי פנחס לערבאי אם לא שמעו איזה קלא (שלפי שידע רבי פנחס דרשב"י

וואלט ראוי גיוועזן צוא איר ווען זיא זאל גיוועזן גוט זיין אבר איצונד אז זיא האט ניט זוכה גיוועזן צוא דעם ארט גייט זיא ארויש והלכה והיתה לאיש אחר אונ זיא זאל מגולגל ווערין אין אנגדר מענטשין אונ מוז דאש אנדערע מאל ליידין דעם צער פון חבלי לידה פון דעם טויט חיבוט הקבר אונ אלע עונשים וואש שטייעט אין ספר חסד לאברהם: (ד) דרום דוא מענטש זעה דיין וועג אונ זייא קלוג דוא זאלשט דיך אליין ליב האבין דוא זאלשט ניט אוועק גישטויסין ווערין פון דעם היילינגן היכל ווייא איז צוא דער בושה אונ דיא חרפה וואש דיא נשמה האט וואש ווערט ארויש גישטויסין זיא זאל ניט מקבל זיין דיא פני כסא הכבוד פון דעם ארט וואש זיא איז גינומען גיווארין · אונ מען זאגט צוא דער נשמה · ווייא איז צוא דיר וויא בישטו גיוועזן איין כפוי טובה פאר דעם חסד וואש דיין בשעפר האט דיר גיטאן · אונ האט מיט דיר באגיטיגט מיט עשין אונ טרינקן אונ אליץ וואש דוא האשט בדארפט · אונ דוא האשט בצאלט איין רעה פאר דער טובה: (ה) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר · רבי פנחס איז גיגאנגן זעהן זיין טאכטער דיא מוטער פון רבי אליעזר דאש זיא איז שלאף גיוועזן · אונ דיא חבריא זיינען אויך גיוועזן מיט אים · האבין זייא בגעגינט צווייא ערביים · האט רבי פנחס זייא גיזאגט אויף דעם פעלד איז איין מאל איין קול גיוועזן אז דא זיצין גזלנים האבין דיא ערביים צוא אים גיזאגט פון לאנג וויישין מיר ניט · נאר מיר ווייש פון אונזר צייט אז דא זיצין גזלנים דען איין מאל האבין אין דעם פעלד בגעגינט גזלנים צו יהודים אונ האבין זייא גיוואלט הרגנען האט איין אייזיל צווייא מאל גישריען איז גיקומען איין פייער אונ האט זייא פאר ברענט · אונ דיא יהודים זיינען ניצול גיווארין: (ו) האט רבי פנחס גוויינט אונ האט גיזאגט דער הער פון דר וועלט · דוא האשט גיטאן איין נס פון מיינט וועגין אונ דיא יהודים זיינן ניצול גיווארין אונ איך האב גאר ניט גיוואושט האט ער גיזאגט עש שטייט אין תהלים לעושה נפלאות גדולות לבדו גאט ב"ה טוט גרוישע וואונדער גאר אליין כי לעולם חסדו דען צוא אייביג איז זיין גינאד וויפיל גוטש טוט גאט ב"ה מיט דיא מענטשין אונ דער מענטש ווייסט גאר ניט · נאר גאט ב"ה אליין ווייסט עש · דען אפט גייט איין מענטש אין וועג · אונ גזלנים האפין אים צוא הרגנן ביז גאט ב"ה איז זייא מזדמן אנגדר מענטש · הרגנען זייא יענם אונ ער ווערט ניצול אונ ווייסט גאר ניט דיא טובה וואש גאט ב"ה האט אים גיטאן · נאר גאט ב"ה אליין ווייסט · דרום זאגט דר פסוק ער טוט גרוישע וואונדר · אונ ער אליין ווייסט פון זייא · דער נאך האט רבי פנחס גיפרעגט די ערביים אויב זיי האבין ניט גיהערט היינט עפיש איין קול · דאש האט ער אלץ גיפרעגט ווייל ער האט גיוואושט אז רשב"י אונ זיין זון רבי אליעזר

יועלין

ובנו רבי אלעזר יפקון לקבל אפיה) עד דהוי אזלין חזרו אינון ערבאי לגבי רבי פנחס · (ז) אמרו ליה סבא סבא אנת שאיל לון שאילתא מן יומין דעלמא ולא שאילתא לנא על יומא דא דחמינא תווהא על תווהא דהוי יתבין חמשה בני אדם וחד סבא בהדייהו וחמינא עופות מתאספין וקא פרשין על רישייהו אלין אזלין ואלין תבין וטולא לא אתעבר מעל רישייהו וההוא סבא ארים קליה עלייהו ואינון צייתין ליה אמר להו זהו אשר רציתי לשאול אתכם כו׳ אחר כך הוי נהיק חמרא דרבי פנחס בן יאיר ושמע רשב״י קליה דחמרא אמר לבנו ר״א ותלמידיו ניקום דהא קלא דהדווה דחמריה דסבא אתער לגבן · (ח) קם רשב״י וקמו חברייא פתח רשב״י ותפתח פי האתון של בלעם אמרו חברייא דפי האתון היה נברא בע״ש בין השמשות אדהכי אתא רבי פנחס בן יאיר ונשקו לרשב״י אמר גשקנא פיהו דאתבסם בבוסמין דגינתא דעדן דיליה חדו כחדא ויתבו כיון דיתבו פרחו כל אינון עופין דהוו עבדי טולא ואתבדרו אהדר רישיה רשב״י ורמא להון קלין ואמר לון עופין דשמיא לית אתון משגיחין ביקרא דמאריכון דקיימא הכא קיימין ולא נטלו מדוכתייהו ולא קריבו לגבייהו אמר רבי פנחס אימא לון שילכון לון עופי לאורחייהו ומתבדרון אינון עופי ואזלי · (ט) אדהכי הא תלת אילנין מתפשטין בענפין לתלת סיטרין עלייהו ועינא דמייא נבעין קמייהו חדו כולהו חברייא אמר רבי פנחס טולא סגי הוי מאינון עופין בקדמיתא אבל טורח גדול הוה לבעלי חיים וכתיב ורחמיו על כל מעשיו ולכן לא בעינן ליתוב בטולא דילהון אמר רשב״י אנא לא אטרחנא להון אבל אי קב״ה חס עלן לית עלן שום חובא ולית אנן יכלין לדחייא

וועלין ארויש גיין אים מקבל פנים זיין · וויא זייא זיינען אזו גיגאנגען · (ז) האבין דיא ערביים זיך אום גיקערט צו רבי פנחס אונ האבין אים גיזאגט דוא אלטער אלטער · דוא פרעגשט אונז וואש עש האט זיך גיטאן פון לאנג · אונ ווארום פרעגשטו אונז נים וואש האבין מיר היינט גיזעהן · דען מיר האבין גיזעהען איין חידוש איבער דעם אנדערין · דאש פינף מענטשין זיינען גיזעסין · אונ צווישין זייא איז גיוועזן איין אלטער מאן · אונ מיר האבין גיזעהען פיל עופות האבין זיך איין גיזאמילט אונ האבין זיך פאר שפרייט איבער זייערע קעפ · דיא גייען אוועק אונ דיא קערין זיך אום · אונ זייער שאטין ווערט נים אפ גיטאן פון זייער קאפ · אונ דער אלטער שרייט אויף זייא אונ זייא פאלגין אים · האט ער צוא זייא גיזאגט דאש איז דאש וואש איך האב אייך גיוואלט פרעגין · דער נאך האט דאש אייזיל פון רבי פנחס אן גיהויבין צוא שרייען · האט רשב״י דער הערט דאש קול פון דעם אייזיל · אונ האט דר קענט אז דאש גייט רבי פנחס זיין שווער האט ער גיזאגט צוא זיין זון רבי אליעזר אונ צוא זיינע תלמידים לאמיר אויף שטיין גיין אנטקעגין דעם אלטין רבי פנחס בן יאיר : (ח) איז רשב״י מיט דער חבריא אויף גישטאנען האט רשב״י גזאגט גרוישע סודות אויף דעם פסוק ותפתח פי האתון של בלעם האבין דיא חבריא גיזאגט אז דאש מויל פון דעם אייזיל איז נאך בישאפין גיווארין בין השמשות פון ערב שבת דער ווייל איז רבי פנחס בן יאיר גיקומען אונ האט גיקושט צוא רבי שמעון בן יוחאי · האט ער גיזאגט איך קוש אזוא איין מויל וואש איז נתבסם מיט בשמים פון דעם גן עדן · האבין זייא זיך גיפרייט אין איינעם אונ זיינען גיזעסין · וויא זייא האבין זיך גיזעצט זיינען אוועק גיפלוינין אלע דיא עופות וואש האבין פריער גימאכט איין שאטין איבער זייער קאפ האט רשב״י אום גיקערט זיין קאפ אונ האט אויף זייא אגישרייא גיגעבין איר עופות איר פרעגט נים אויף דעם כבוד פון אייער הער הש״י וואש ער איז דא · זיינען זייא גיבליבין שטיין · אונ האבין זיך נים גירירט פון זייער ארט אונ האבין נים גינעהנט צוא זייא · האט רבי פנחס גיזאגט צוא רבי שמעון בן יוחאי זאג זייא · זייא זאלין זיך גיין זייער וועגש דען עש איז איין צער בעלי חיים אז פייגלן זאלין אזו לאנג זייערע פליגיל אויף שפרייטין אונ זאלין שטיין אויף איין ארט · האט ער אזוא גיטאן · זיינען דיא פייגלען אוועק גיפלויגין : (ט) דער ווייל האבין ארויש גישפראצט דריי״א בוימער אונ האבין אויף זייא פאר שפרייט מיט זייערע צווייגן אויף דרייא זייטין · אונ איין קוואל וואשער האט גיקוועלט פאר זייא האבין זיך גאר דיא חבריא גיפרייט האט רבי פנחס גיזאגט אמת עש איז גיוועזן פריער איין גרוישער שאטין פון דיא פייגיל אבער עש איז פאר זייא גיוועזן איין גרוישע טירחא אונ עש שטייט דאך אין פסוק ורחמיו על כל מעשיו אונ זיין רחמנות איז אויף אלע זיינע באשעפעניש דרום האב איך נים גיוואלט זיצין אין זייער שאטין · האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט איך האב זייא

לדחייא מתנן דיליה יתבו כחדא תחות ההוא אילנא ושתו מן מיא פתח רשב"י וכאה חולקי דעסקי באורייתא דכתיב בתורת ה' חפצו והיה כעץ שתול על פלגי מים והנה בוא וראה מאי דעביד לן (קב"ה) נטע לן אילנין תלתא ודא מעייני מאתר דא ועד יומא דין קיימא אילין אילנין בענפין רברבין פרישין וקראו להון בני נשא נציבו של רשב"י ורבי פנחס בן יאיר · (י) ממעשה זה נלמד איך הקב"ה משגיח על מי שהולך בתמימות ועוסק בתורה אשר תמיד עין ה' אל יראיו למיחלים לחסדו להופיע עליהם רוח טהרה וקדושה והוא עושה רצון יראיו על כן צריך כל אדם להכיר בטוב ה' ותהלה יתירה שהקדוש ברוך הוא עושה בכל עת ובכל רגע עם בני אדם וצריך להתפלל על זה להיות שגם אנחנו חסויין בצל כנפיו להיות האדם ניצול מהחטא ועון שיתן לנו הקב"ה לב ירא וחרד כי מה יתרון להיינו בהפרד ח"ו מהקדושה ומה יתרון בעמלנו אם נהיה אנחנו כבושים תחת יד היצה"ר וכל הירא וחרד לדבר ה' יתפוס בלבו לבחור לו דרך נכון וישר ועל העבר יתאנח בשברון לב על חטאיו וה' יסלח לו ואחריתו יהיה כפול ומכופל אמן סלה :

פרק סא **כתיב** בתורה לא תאכלו על הדם לא תנחשו ולא תעוננו ביאר הענין בזוהר ויקהל כי כבר ידוע משארז"ל השינה הוא א' מס' ממיתה כי בהיות האדם ישן אז נשמתו נפקת מיניה ולא אשתאר ביה כי אם הנפש אשר חיותה היא רק רביעית הדם שבלב וע"כ הסיטרא אחרא מתפשטא בגופו לשרות עליו ובפרט בלילה שהיא זמן שליטת החיצונים ואף שקם בלילה ועוסק בתורה ואעפ"כ הנשמה לא מתיישבת כל כך בתוך הגוף עד אחר זמן התפלה ואז הנשמה מוכן כראוי

ניט מטריח גיוועזן · נאר אז גאט ב"ה האט אויף אונז הס גיהאט אונ האט זייא גישיקט איבער אונז איין שאטין צוא מאכין · האבין מיר ניט גיקענט אוועק שטויסין זיין מתנה זיינען זייא גיזעסין אין איינעם אונטער דיא בוימר אונ האבין גיטרונקען פון דעם קוואל וואשער האט רשב"י אן גיהויבין אונ האט גיזאגט וואול איז מיין חלק וואש איך לערין תורה · דען עש שטייט אין פסוק בתורת ה' חפצו אז זיין בגער איז אין גאטש תורה והיה כעץ שתול על פלגי מים וועט ער זיין אזו וויא איין בוים וואש איז גיפלאנצט אויף בעך וואשער · אונ נון זעה וואש גאט ב"ה האט אונז גיטאן · וואש ער האט אונז גיפלאנצט דרייא בוימר אונ איין קוואל וואשער · אונ ביז היינטיגין טאג שטייען נאך דיא בוימער פאר שפרייט מיט גרוישע צווייגין · אונ דיא לייט רופין זייא דאש פלאנצונג פון רשב"י אונ רבי פנחס בן יאיר :

(י) פון דער מעשה ווערט אש גילערינט וויא גאט ב"ה איז משגיח אויף דיא וואש גייען מיט גאנצקייט אונ לערנען תורה דאש תמיד איז דיא השגחה פון גאט אויף זיינע פארכטיגער צוא דיא וואש האפין צו זיין חסד צוא מאכין שיינען אויף דיא איין רוח טהרה אונ קדושה · אונ ער טוט דעם ווילין פון זיינע פארכטיגע · דרום מוז דער מענטש דער קענען אין דעם גוטש פון גאט · אונ דאש גרויש דער בארמיקייט וואש גאט ב"ה טוט אלע רגע מיט די מענטשין אונ ער מוז דרויף מתפלל זיין · אז מיר זאלין אויך זיין בשיצט אונטער זיינע פליגיל · דאש מיר זאלין ניצול ווערין פון זינד דען גאט ב"ה זאל אונז געבין אזוא איין הארץ מיר זאלין זיך פארכטין פאר אים אונ זאלין איילין צו זיין דינשט · ווארום וואש וועט אונז ארויש קומען פון אונזער לעבין אז מיר זאלין ח"ו אפ גישייד זיין פון דער קדושה · אונ וואש וועט אונז ארויש קומען פון אונזר מידיקייט · אז מיר וועלין זיין בצוואונגען אונטער דער מאכט פון דעם יצר הרע אונ איטליכער וואש פארכט זיך אונ איילט זיך צוא גאטש רייד זאל ער זיך אויש קלייבין דעם גוטין אונ רעכט פארטיגין וועג אונ אויף דיא זינד וואש ער האט פריער גיטאן זאל ער זיפצין מיט איין צוא בראכין הארץ אונ גאט ב"ה וועט אים זייא פאר געבין · אונ זיין עקבר עוה"ב וועט פיל גיטאפילט זיין אמן סלה :

פרק סא כתיב עש שטייט אין דער תורה לא תאכלו על הדם לא תנחשו ולא תעוננו באשייד דער זוהר דעם פסוק דען דאש איז ידוע אז דער שלאף פון דעם מענטשין איז איין זעכציגט חלק פון דעם טויט ווארום אז דער מענטש שלאפט גייט זיין נשמה ארויש פון אים אונ נאר דער נפש בלייבט איבער ביא אים וואש איר חיות איז נאר דאש רביעית בלוט וואש איז אין הארץ דרום ווערט דיא סטרא אחרא פאר שפרייט אין גוף צוא רוען אויף אים אונ בפרט ביא נאכט וואש דערמאלט איז דיא צייט וואש דיא חיצונים גיוועלטיגין דערמאלט אונ חאטשע ווען איינר שטייט אויף ביא נאכט אונ לערינט תורה פון דעסט וועגין קערט זיך ניט אום זיין רעכטע נשמה צוא אים ביז

נאך

לשוב להגוף׳ (ג) וידוע ששליטת הנשמה היא מצד קדושה ושליטת הגוף ונפש היא מצד הנחש הקדמוני וכשיאכל האדם קודם שמתפלל בזמן שליטת הנחש השוכנת בדם שהיא תחת ממשלת הנחש אזי האכילה ושתייה ממש כאילו מקריב קרבן להנחש וזה שאמר הכתוב לא תאכלו על הדם לשלוט הנפש שבדם בעוד שהנשמה עדיין אינו אצל האדם ולכן כתיב לא תנחש"ו לא תתן מקום לנחש הקדמוני ומפרש שם בזוהר שהאוכל או שותה קודם שהתפלל אף שעדיין לא האיר היום ממש כאילו עובד גלולים כנזכר׳ (ג) והנה ראיתי שכמה אנשים במדינות האלו אשר הם להוטין אחר גרונם ותיכף כשיעמדו קודם שיאיר היום איזה שעות בהשכמה מדמין בעצמן שימות אם לא ישתה יין שרף והוא להן כהיתר גמור למלאות תאותם ושרירות לבם הרע ולפעמים שותין ומשתכרין ואח"כ כשיגיע זמן התפלה של שחרית התפלה אינה שגורה בפיהם וזהו חטא גדול אשר כמה אנשים נכשלים בו והנה צריך שתדע פהיות האדם נמשך אחר תענוגי הגוף ואחר תאות לבו בעוה"ז וע"י כן הוא מתבטל מעבודת הבורא אזי נלכד במצודה רעה ואינו זוכה ליקבר בארון כראוי ע"ש בזוהר דמאריך בזה הסוד יוסף הצדיק דנטיר ברית דיליה כתיב ביה ויישם בארון במצרים כי מי שהולך אחר תאות ושרירות לבו הוא נכשל בעון ראיית קרי׳ (ד) על כן הירא והחרד לדבר ה׳ ישמע לקול העצה הטובה שיהיה לו חתיכה דאסורא לאכול אף לטעום שום דבר קודם שיתפלל תפלת שחרית ובתפלתו יזכור בבכי ותחנונים לפני ה׳ שיזכהו ה׳ שבמעט אוכל ובמעט שתייה ישבע נפשו ולא יצטרך להרבות באכילה ושתייה ובפרט שאנחנו יתמי דיתמי שאין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא וע"כ מוכרחים אנו אל התשובה וזהו גדר הראשון אל התשובה בתוך החשק וחמדת האדם אל המאכל יסוג אחור ויפסיק כמבואר בספרי המוסר הקדמונים ע"ש ובפרט בספר הקדוש רבינו ישעיהו סג"ל ז"ל ומכל שכן שלא יבא לידי ביטול עבודת בוראו מחמת רבוי האכילה ושתייה בלילה קודם השינה שאז הוא

נאך דעם דאבנען :ם (ב) אונ דאש איז ידוע אז דאש געוועלטיקייט פון דער נשמה איז מצד הקדושה אונ דאש געוועלטיקייט פון דעם גוף מיט דעם נפש איז מצד הנחש דאש איז די קליפה אונ אז דער מענטש עשט אונ טרינקט פאר דעם דאבנען וואש די נשמה איז דעמאלט נאך ניט פאר האנדין ביא דעם מענטשין אונ דער נפש מיט דעם גוף איז אונטער די ממשלה פון דעם נחש איז דאש עשין אונ טרינקען ממש גלייך וויא ער איז מקריב איין קרבן צוא דעם נחש אונ דאש מיינט דער פסוק לא תאכלו על הדם איר זאלט ניט עשין פאר דעם דאבנען צוא מאכין געוועלטיגין דעם נפש וואש איז אין דעם רביעית הדם בשעת די נשמה איז נאך ניט פאר האנדין ביא דעם מענטשין אונ דרום שטייט ווייטער לא תנחשו איר זאלט ניט געבין קיין ארט צו דעם נחש הקדמוני ער זאל געוועלטיגין איבער אייך אונ נאך שטייט אין זוהר דער וואש עשט אדר ער טרינקט פר דעם דאבנן חאטשע עש איז נאך ניט טאג נאר ער האט שוין געשלאפין איז גלייך וויא ער דינט גילולים : (ג) אונ נון איך האב גיזעהען פיל מענטשין אין די מדינות וואש זיא זיינען זייער להוט זייער האלז צוא דער פילין אונ וויא זיא שטייען אויף עטליכע שעה פאר טאג׳ דאכט זיך זייא אז זייא וועלין שטארבין אז זיי וועלין קיין יין שרף ניט טרינקען דרום טרינקען זייא תיכף יין שרף אונ עש איז ביא זייא גאר וויא איין רעכטער היתר צוא דער פילין זייער גילושטיקייט׳ אונ צוא צייטין שיכרין זייא זיך נאך אן׳ דער נאך אז עש קומט די צייט פון דאבנן קענין זייא ניט דאבנען מחמת שכרות אונ דאש איז איין גרוישע זינד וואש פיל מענטשין ווערין דרינען נכשל : (ד) דרום דער וואש פארכט זיך אונ איילט זיך צוא גאטש רייד זאל ער צוא הערין צוא מיין גוטער עצה אז עש זאל ביא אים זיין איין רעכטער איסור צוא עשין אדער צו פאר זוכין איין שום זאך פאר דעם דאבנען׳ אונ בשעת דאבנען זאל ער בעטין גאט מיט געויין אונ גיבעט אז ער זאל אים מזכה זיין אז ער זאל זאט ווערין מיט ווייניג עסין אונ טרינקען׳ אונ בפרט אין היינטיגין דור וואש מיר זיינען יתומים פון יתומים וואש עש איז ניט פאר האנדין קיין שום מענטש ער זאל ניט זינדיגין דרום דארפין מיר דאך תשובה טאן׳ אונ דער ערשטער גדר איז צו דער תשובה דאש אין רעכטין חשק אונ גילושטיקייט וואש דער מענטש גילושט זייער צוא דעם עסין׳ דעמאלט זאל ער דאש עסין אוועק לייגין׳ אונ מכל שכן ביא נאכט פאר דעם שלאף זאל ער ניט פיל עסין אונ טרינקען דען דעמאלט איז די צייט איבר צוא געטפערין זיין נשמה

בפקדון

זמן למסור נפשו ונשמתו בפקדון להשי״ת בנקיות ולעיין במעשיו היטב במחשבתו שלא פגם ביום העבר ואם נזכר שחטא ישים לזכרון בלבו לתקן המעוות ׃ (ה) וכל זה אם יש לו שהות להרהר ולהתבונן על כך משא״כ כשאדם הוא מרבה באכילתו ושתייתו עד שכריסו הוא מלא יותר מדאי ושכלו הוא מעורבב מרוב האכילה ושתייה איך יחשוב בדעתו להרהר בדברי תורה ויראה כי אם אחר שכרותו יפול על מטתו כבהמה ואיך תעלה נשמתו לפני כסא הכבוד לקבל שפע כמו שאר הנשמות טהורות ועיין בזוהר פ׳ לך לך שהאריך רשב״י ז״ל בפסוק נפשי אויתיך בלילה אף רוחי בקרבי אשחרך ת״ח כד בר נש סליק על ערסיה נשמתיה נחית מיניה וכו׳ וסיים כוונת הזוהר כי טוב לנשמה אשר היא באה טהורה בלי שום פגם ועון וכל דרכיו הן בחלק קדושה אזי ההיא נפשא זכאה למחמי בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו וכשם שהמעשה מעכבת הנשמה מלעלות אל הקדושה כך הדיבור הוא פוגם לשון הרע ודברי ניבול פה שמתרימין אותו ארבעים מלאכי השרת ומנדין אותו עד שיתחרט האדם ויעשה תשובה ע״ש באריכות ׃ (ו) וכן מי שמדבר עם חבירו אחד בפה ואחד בלב וחבירו הוא סומך על דבורו שאינו יודע שדבורו הוא חלוק ממחשבות לבו ואיתא בזוהר פ׳ נשא ההיא מלה של רמיה דאפיק בר נש סלקא ובקע רקיען וקיימא עד דעאל לילה ונשמתא סלקא קמי מלכא קדישא הה״ד משוכבת חיקך שמור פתחי פיך וכדין אתרשים ההיא מלה וההוא חובה דבר נש ובגין כך אשרי האדם שהנהגותיו הוא בלתי רמאות ואם יחשוב האדם הרי מצינו הרבה בני אדם שמעשיהם המה בערמה ולעולם אין פיהם ולבם שוים ומרמין הבריות בדבור והן מרויחין במעשיהן אבל דע כי עונשן הוא גדול וסופן שיהיו נטרדין מן העוה״ז ועוה״ב כי זה דרך המינים והפוקרים כי הקב״ה בעצמו משגיח על כל דיבור הן לרעה והן לטובה ׃ (ז) ואיתא בזוהר פ׳ שלח לך רבי חזקיה ורבי ייסא הוי אזלי באורחא א״ר ייסא לר׳ חזקיה חמינא באפך דהרהורא דאורייתא אית גבך אמר ליה הא וודאי בהאי קרא אסתכלנא ביה דאמר שהמע״ה כי מקרה

בפקדון צוא השי״ מיט ריינקייט ׃ אונ זאל זיך גוט איבער קלערין זיינע מעשים אויב ער האט ניט עפעש איין עבירה גיטאן בייא טאג ׃ אונ אויב ער דער מאנט זיך אז ער האט גיזינדיגט זאל ער עש גוט גידיינקען אין זיין הארץ צו פאריכטין עש ׃ (ה) אונ דאש אלץ איז אז ער האט צייט איבער צוא קלערין זיינע מעשים פאר זיין שלאף ׃ אבער אז דער מענטש מערט צוא עסין אונ טרינקען ביז זיין ביך ווערט אים פול ׃ איז זיין שכל צוא מישט מחמת דעם פיל עשין אונ טרינקען ׃ נוא וויא וועט ער קענען טראכטין אין זיין דיעה איבער צוא קלערין זיינע מעשים אדער מהרהר זיין אין דברי תורה ׃ נאר ער פאלט אויף זיין בעט וויא איין בהמה אונ וויא וועט זיין נשמה אויף גיין פאר דעם כסא כבוד צוא מקבל זיין שפע אזוא וויא דיא איבעריגע נשמות ׃ אונ אזו וואול וויא איין שלעכטע מעשה איז מעכב דיא נשמה פון אויף צוא גיין צוא דער קדושה אזו אויך אז ער רעט לשון הרע אונ ניבול פה איז דאש אויך מעכב דיא נשמה פון אויף צוא גיין צוא דער קדושה דען פערציג מלאכים זייגען אים מנדה ׃ ביז ער האט חרטה אונ טוט תשובה ׃ (ו) אונ אזו אויך דער וואש רעט מיט זיין חבר אונ מיט זיין הארץ מיינט ער אנדערש וויא ער רעט מיט זיין מויל אונ זיין חבר איז זיך סומך אויף זיין דיבור דאש ער ווייסט ניט אז זיין דיבור איז אנדערש פון דיא מחשבה וואש ער האט אין זיין הארץ ׃ זאגט דער זוהר דרויף דיא רייד גייט ארויף אונ שפאלט פיל הימלן אונ שטייט פאר השי״ת ׃ ביז עש קומט דיא נאכט אז זיין נשמה גייט אויף פאר גאט ב״ה ווערין דיא רייד פאר צייכינט אונ אלע עבירות וואש ער האט גיטאן ׃ דרום וואול דעם מענטשין וואש זיין פירונג איז אן רמאות ׃ אונ דער מענטש וועט וועלין טראכטין מיר גיפינען דאך פיל מענטשין וואש זייערע מעשים זייגען מיט רמאות אונ זייער מויל אונ זייער הארץ איז קיין מאל ניט גלייך אונ זייגען מרמה דיא לייט מיט זייערע רייד אונ זייגען פארט מרויח מיט זייערע מעשים ׃ דען זאלשט ווישן אז זייער עונש איז זייער גרויש ׃ אונ זייער סוף וועט זיין זייא וועלין אייוועק גיטריבין ווערין פון עולם הזה אונ עולם הבא ׃ ווארום גאט ב״ה אליין איז משגיח אויף איטליכין דיבור סיי צוא בייז אונ סיי צוא גוטש ׃ (ז) אונ אין זוהר פרשה שלח שטייט ׃ רבי חזקיה מיט רבי ייסא זיינן גיגאנגן אין וועג ׃ האט רבי ייסא גיזאגט צוא רבי חזקיה איך זעה אין דיין פנים אז דוא טראכסט עפעש דברי תורה ׃ האט רבי חזקיה אים גיזאגט איך טראכט אין דעם פסוק וואש שלמה המלך האט גיזאגט כי מקרה

בני

בני האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד לכולם כי כמות זה כן מות זה ורוח אחד לכולם ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל ואם כן יש כאן ח"ו פתחון פה לרשעים לאינון דלאו מהימנותא אשתכח ביה אמר ליה ודאי יש לעיין בהאי קרא · (ח) אדהכי חמו בר נש אתא ושאיל מיא כו' אפיק רבי ייסא הד זפירא מלא מיא ויהיב ליה ושתה בתר דשתה סליקו לטורא ואשכחו תמן גודא דמיא א"ל האי בר נש השתא שאילו לי מילי דאורייתא ואפרש יתבון וכו' ושאלו ליה הפירוש של האי קרא כי מקרה בני האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד לכולם וכו' א"ל וכי אמר שלמה פסוק זה מעצמו אלא הוא אהדר אינון מילין דאמרי טפשאי דעלמא בעלמא ואדלעיל קאי דכתיב תחלה אמרתי אני בלבי על דברת בני האדם לברם האלהים ולראות שהם בהמה המה להם כי מקרה אחד וגו' והכי פירושו דאמר שלמה על עצמו אמרתי אני בלבי להתבונן בענין אחד והוא זה על דברת בני האדם לברם האלהים הפירוש הוא כך כי יש כתות רשעים המתגאים בדעתם ואומרים הנה אנחנו חכמים ואין כדאי להתחבר לנו עם שאר בני אדם כי אותנו ברא אלהים שנהיה לבדנו בלתי התחברות עם בני אדם ורוצין להתגאות על בני אדם ועי"ז התבוננתי ואראה להם האמת שכן הוא שהוא נכון שיהיו לבדם ולא להתחבר עם בני האדם שהם יראים וחרדים כ"א עם בני אדם ההולכים אחר ענייני עוה"ז ואין חושבים כלל על חלק לעולם הבא והמה כבהמות נדמו · (ט) וזש"ה ולראות שהם בהמה המה להם לבדם רשעים לעצמן ולא להתחבר עם בני אדם היראים הכשרים ומה הוא הדבור של אותן הרשעים שרוצין לחדש דבר של שוא ושקר מלבם וזהו שאומרים כי מקרה אחד לאדם ומקרה אחד לבהמה וגו' ע"כ איש הישר בעיניו יעשה כי אין מתן שכר לצדיקים ואין עונש לרשעים לית דין ולית דיין אבל תיפח רוחן דאינון בהמות

ואינון

בני האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד לכלם דען דיא טרעפונג פון מענטשין אונ דאש טרעפונג פון איין בהמה איז גלייך כמות זה כן מות זה אזו וויא דיא בהמה טוז פייגרין אזו אויך טוז דר מענטש שטארבין ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל אונ דאש וואש דער מענטש איז בעשער פון אבהמה איז גאר נישט · דען עש איז אלץ נארהייט · נוא פון דעם פסוק קענען דאך דיא רשעים זאגין אז עש איז ח"ו ניט פר האנדין קיין שכר אונ עונש · האט רבי ייסא צוא אים גיזאגט מען דארף בוודאי גוט מעיין זיין אין דעם פסוק : (ח) דר ווייל איז גיקומן איין מענטש צוא זייא אונ האט גיבעטין אביסיל וואשער · האט רבי ייסא אים גיגעבין וואשר צוא טרינקן · נאך דעם אז ער האט גיטרונקין זיינן זייא ארויף גיגאנגן אויף איין בארג אונ האבין דארטין גפונן איין לאגיל וואשר · האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט איצונד פרעגט מיך עפיש דברי תורה · האבין זייא אים גיפרעגט דעם פירוש פון דעם פסוק כי מקרה בני האדם וכו' האט ער זייא מפורש גיוועזן דעם פסוק דען שלמה זאגט דיא רייד וואש דיא נארין פון דער וועלט זאגין אונ דר פסוק כי מקרה בני האדם גייט אויף דעם פסוק וואש פר דעם שטייט אמרתי אני בלבי על דברת בני האדם לברם האלהים אונ אזו איז דאש פירוש הענין פון דעם · שלמה המלך האט גיזאגט אויף זיך זעלבערט איך האב גיטראכט אין מיין הארץ צוא פאר שטיין אין איין זאך אונ דאש איז וואש עש איז פאר האנדין כיתות פון רשעים וואש האלטין זיך בעל גאוה אונ זאגין מיר זיינן חכמים אונ עש איז ניט כדאי מיר זאלין זיך בהעפטין מיט דיא איבריגע מענטשין ווארום גאט האט אונז בשאפין אז מיר זאלין זיין אליין ניט צו בהעפטין זיך מיט קיין מענטשין · אונ ווילין זיך בגאוה האלטין איבר דיא מענטשין · אונ דורך דעם האב איך שלמה פאר שטאנן אונ וועל זיי ווייזין אז זייא זיינן גירעכט דען עש איז טאקע רעכט אזוא זייא זאלין זיך ניט בהעפטין מיט זעלכע לייט וואש פארכטין זיך פאר גאט אונ זיינען צדיקים נאר מיט אזעלכע מענטשין וואש גייען נאך דיא תענוגי העולם הזה אונ טראכטין גאר ניט אויף עולם הבא אונ זיי זיינען גלייך וויא בהמות : (ט) אונ דרום זאגט ער ווייטער לראות שהם בהמה אונ צוא ווייזין אז זייא זיינען בהמות להם צוא זיך זעלבערט כלומר זייא זאלין זיך זיין אליין אונ זאלין זיך ניט בהעפטין מיט צדיקים · אונ וואש נאך זאגין דיא רשעים · זאגט ווייטר דער פסוק · זייא זאגין כי מקרה בני האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד להם אז דאש טרעפונג פון דעם מענטשין אונ דאש טרעפונג פון איין בהמה איז גלייך · דרום זאל איטליכער מענטש טאן וואש אים גיפעלט · ווארום צוא דיא צדיקים וועט מען קיין שכר ניט געבין אונ דיא רשעים וועלין ניט האבין קיין עונש אונ

דיא

ואינון טפשאין מחוסרי אמנה אוי להם ולנפשייהו ועל זה אמר שלמה אבתריה מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה של אותן הרשעים החוטאים בנפשותם ונדמו כבהמה היאך יורדת למטה לארץ להאי אתר דהוי תיפח רוחן עלייהו כתיב יהיו כמוץ לפני רוח ומלאך ה׳ דוחה אתו ר׳ חזקיה ור׳ ייסא ונשקו אותו אמרו ומה כל כך הוי עמך ואנחנו לא ידענא זכאה האי שעתא דערענא בך׳ (י) אמרו ליה תיבעי דנחבר בך ותזיל בהדן אמר להו אי עבידנא הכי אורייתא תקרא לי כסיל ולא עוד אלא דאתחייבנא בנפשאי א״ל למה אמר להו דהא שלוחא אנא ושדרו לי בשליחותא ושלמה מלכא אמר מקצה רגלים חמס שותה שולח דברים ביד כסיל ת״ח מרגלים על דלא אשתכחו בני מהימנותא ושלוחי מהימנותא אתחייבו בנפשייהו בעלמא דין ובעלמא דאתי׳ (יא) נשיק להו ואזיל ואזלו ר׳ ייסא ור״ח עד דהוי אזלי פגעי באינון בני נשא ושאילו רבי חזקיה ורבי ייסא מה שמיה דהאי גברא א״ל ר׳ חגי שמיה והוא חד דמן חברייא דהאי מתא ושלחו ליה חברייא לגבי רשב״י למנדע מילין מפומיה דרשב״י וכו׳ אמרו זכאה איהו וזכאין חברייא דיליה דשלחו ליה דשליחא מהימנא הוא עכ״ל הזוהר נלמד מן הנ״ל שיראה האדם בעין שכלו שסוף דבר הוא שצריך האדם לירא מן העונש ולזכור תמיד הפסוק שסיים שלמה סוף הספר סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם ודע כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט וכל האומר הקב״ה ותרן יוותרו לו חייו ויהי רצון שיהיו דברים האלו קשורים וחתומים על לוח לבנו ואז טוב יהיה לנו סלה :

דיא רשעים לייקנן תחיית המתים ימח שמם וזכרם וויא איז צוא זייא אונ צוא זייער נשמה אונ דרויף זאגט שלמה דער נאך ומי יודע אבער דער וואש ווייש דער פאר שטייט רוח בני האדם העולה היא למעלה אז די נשמה פון דעם מענטשין וואש איז איין צדיק גייט אויף דעם הימיל ארויף צוא איר ארט ורוח הבהמה אבער דער רוח פון די רשעים וואש זיינען גיגליכן צו בהמות דיא נידרט אראפ אויף דער ערד אויף זייא שטייט יהיו כמוץ לפני רוח ומלאך ה׳ דוחה זייא ווערין זיין אזוא וויא מעקענע פאר דעם ווינט אונ דיא מלאכים פון גאט ווערין זייער נשמה ארויש שטויסין׳ זיינן גיקומען רבי חזקיה אונ רבי ייסא אונ האבין אים גיקושט אונ האבין אים גיזאגט אזו פיל תורה איז פאר האנדין ביא דיר אונ מיר האבין גיט גיוואושט׳ וואול איז דיא צייט וואש מיר האבין דיך אן גיטראפין : (י) האבין זייא ווידר צוא אים גיזאגט מיר ווילין דוא זאלשט מיט אונז גיין׳ האט ער צוא זייא גיזאגט אויב איך וועל אזו טאן וועט דיא תורה מיך רופן נאר אונ איך וועל נאך הייב אויך זיין׳ האבין זיי אים גיפרעגט ווארום האט ער זייא גיזאגט דען איך בין איין שליח פון איינם אונ שלמה המלך ע״ה האט דאך גיזאגט מקצה רגלים חמס שותה שולח דברים ביד כסיל ער האקט אפ דיא פיס פון דיא שלוחים אונ טרינקט רויבונג דער וואש שיקט רייד דורך איין נאר ווארום דער נאר קען ניט זאגין די רייד וויא מען דארף דרום מוז ער ווידער שיקין פיל שלוחים צוא פאר ריכטין וואש דער נאר האט קיילע גימאכט דען די מרגלים וויל זייא זיינען ניט גיפונן גיווארין

אחד

קיין ווארהאפטיגע שלוחים אונ האבין גיזינדיגט איבער נארישקייט׳ דרום זיינען זייא חייב מיתה גיווארין אויף דער וועלט אונ האבין עולם הבא אויך אן גיווארין׳ (יא) האט דער מענטש זייא גיקושט אונ איז אוועק גיגאנגען אונ רבי ייסא אונ רבי חייא זיינען אויך אוועק גיגאנגען אונ האבין בגעגינט אין אזעלכע מענטשין וואש זיינען גיוועזן פון דער זעלביגער שטאט וואש דער מענטש איז גיוועזן׳ האבין זייא גיפרעגט דיא מענטשין וויא הייסט דער מענטש האבין זייא גיזאגט ער הייסט רבי חגי אונ ער איז אייגער פון דיא לומדים פון דער שטאט׳ אונ דיא לומדים האבין אים גישיקט צו הערין תורה פון רבי שמעון בן יוחאי האבין זייא גיזאגט וואול איז אים אונ וואול איז צוא זיין חבריא וואש זייא האבין אים גישיקט דען ער איז איין בגרייבטער שליח׳ פון דעם אלמן ווערט אפ גילערינט אז דער מענטש זאל זעהן מיט דיא אויגין פון זיין שכל אז סוף כל סוף דארף ער זיך פארכטין פאר דעם עונש אונ תמיד צוא גידיינקן דעם פסוק וואש שלמה המלך עליו השלום האט אויש גילאזט אין סוף קהלת סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם דר סוף פון אלע זאכין איז נאר דוא זאלשט זיך פארכטין פאר גאט ווארום נאר דרויף איז דער מענטש בשאפין גיווארין׳ אונ עש זאל זיין דער ווילין פון גאט אז דיא דאזיגע רייד זאלין זיין פאר קניפט אונ גיחתמת אויף דעם מאביל פון אונזער הארץ אונ דערמאלט וועט אונז גוט זיין אויף אייביג :

פרק סב **אחד** מדרכי היראה הוא לבלתי לשאת פנים כשרואה באדם שעובר עבירה מחויב הרואה להוכיחו ולומר לו אחי לא יפה אתה עושה כי צריך לדעת שעיני ה' משוטטים בכל הארץ ומה תעשה ליום בוקר אשר מחר מוכרחת אתה ליתן דין וחשבון זהו חיוב גדול על האיש היודע להוכיח אכן לא יוכיחו בפרהסיא כי אם בנסתר וע"ז כתיב הוכח תוכיח תחילה הוכח בלשון נסתר ר"ל שיוכיחנו בסתר ואם לאו אזי תוכיח הוא לשון נוכח אכן גם לא בנגלה כדי שלא לבייש פניו בדברים אלא ג"כ בנסתר · (ב) רק שהחילוק הוא בפעם ראשון לא יוכיחנו בלשון נוכח אלא צריך לומר לו דרך סיפור דברים בעלמא בא וראה ענין חטא זה הנה שמעתי שמי שעשה כן פוגם ונפגם ועונשו כך וכך כדי שעי"כ יחשוב זה שהוא חטא חטא זה ואולי יתקן העוות ואם אתה רואה בו שאינו נותן אל לבו לעזוב החטא ועדיין אינו משגיח בדבריך אזי תוכיחהו בלשון נוכח ותאמר למה תעשה כזאת למרוד בה' אלהינו · (ג) ואם עדיין אינו משגיח לסור מרוע מעלליו אם ידוע לו שעי"ז שיוכיחו ברבים יהיה הבושה על פניו ושוב לא יחטא יכול כל כך להוכיחו עד שישוב ויעזוב החטא ולא יחשוב ה' עון להמוכיח עבור שהוכיח את החוטא · (ד) והכלל החכם יכלכל דרכיו ועניניו במשפט ובהשכל שלא יצא שכרו בהפסדו ח"ו באם שהוא רואה שאין רוצה לקבל תוכחתו אזי טוב שלא להוכיחו וע"ז אמרו רז"ל כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע · (ה) והכלל הרואה בחבירו איזה דבר שאינו מתוקן ונשתרש בחטא אם אפשר לעשות פעולה להוכיחו מחטאו אולי חפץ ה' יעלה בידו והצליח אז הוא בכלל כל המזכה את הרבים ואף המזכה רק אחד לדבר מצוה אזי שכרו הוא כפול ומכופל · (ו) וראייה מהזוהר פ' תזריע ר' חייא ורבי יוסי הוו אזלו באורחא פגעו בחד בר נש ואנפוי הוה

פרק סב אחד איינש פון דיא וועגין פון יראה איז דאש

מען זאל ניט נושא פנים זיין קיין רשע ווען איינער זעהט וויא איין מענטש טוט איין עבירה איז ער אים מחויב צוא שטראפין אונ צוא זאגין אים מיין ברודער ניט גוט טוסטו · דען דוא דארפסט וויסין אז דיא אויגין פון גאט שוועבין אויף גאר דער וועלט אונ וואש ווערסטו טאן אז דוא וועשט אפשר מארגין מוזין אפ געבין חשבון אויף דער עבירה · דאש איז איין גרוישער חיוב אויף דעם מענטשין וואש ווייסט נאך וויא אזו צוא שטראפין נאר ער זאל אים ניט שטראפין בפרהסיא פאר פיל לייט · נאר אז קיינער זאל ניט הערין : (ב) אונ דאש ערשטע מאל זאל ער אים ניט זאגין למאי האשטו די עבירה גיטאן נאר ער זאל אים שטראפין מיט אזוא איין לשון אז ער זאל זיך שטויסין אז ער מיינט אים דהיינו ער זאל אים זאגין איך האב גיהערט אז דער וואש טוט אזוא אונ אזוא איין עבירה איז ער פוגם זיין נשמה אונ אזוא איז זיין עונש דאש דורך דעם וועט ער זיך טראכטין איך האב דאך דיא עבירה גיטאן וועט ער אפשר תשובה טאן · אבער אז דער וואש האט אים גישטראפט זעהט אז ער גיט ניט צוא זיין הארץ צוא פאר לאזין דיא עבירה אונ ער פרעגט ניט אויף זיינע רייד · זאל ער אים שוין זאגין ווארום טוסטו אזוא איין עבירה ווידער צוא שפעניגין אין אונזער גאט : (ג) אונ אז ער פרעגט דרויף אויך ניט אונ וויל זיך ניט אפ טאן פון זיינע שלעכטע וועגין · אויב ער ווייסט אז דורך דעם וואש ער וועט אים מוכיח זיין פאר פיל לייט וועט ער האבין בושה אונ וועט שוין ניט זינדיגין · מעג ער אים אזוא לאנג מוכיח זיין ביז ער זאל פאר לאזין דיא זינד אונ גאט ב"ה וועט עש ניט רעכנין פאר קיין זינד דעם מוכיח וואש ער איז מבייש ברבים דעם זינדיגר : (ד) דער כלל איז דער חכם דער מוכיח זאל אלע זיינע זאכין טאן מיט קלוגשאפט כדי זיין שכר זאל ניט אוועק גיין פאר זיין שאדין כלומר כדי ער זאל ניט אן ווערין דיא מצוה פון דעם וואש ער שטראפט ייענם מחמת דער עבירה וואש ער איז אים מבייש · ווייל ער זאל אים שטראפין בינו לבין עצמו וואלט ער אים אויך גיפאלגט · אבער אז ער זעהט אז ייענר וויל בשום אופן זיין תוכחה ניט מקבל זיין · איז בעסר ער זאל אים גאר ניט שטראפין · אונ דרויף האבין אונזרע חכמים ז"ל גיזאגט אזוא וואול וויא עש איז איין מצוה צוא זאגין אזו איין זאך וואש ווערט צוא גיהערט אזוא איז אויך איין מצוה ניט צוא זאגין אזעלכש וואש ווערט ניט צוא גיהערט : (ה) דער כלל איז דער וואש זעהט אין זיין חבר ניט קיין גוטע זאך אונ ער איז איין גיווארצילט אין זינד : אויב עש איז מיגליך צוא טאן איין פעולה צוא שטראפין אים אפ צוא טאן פון זיינע זינד איז ער אין דעם כלל פון מזכה רבים · אדר אז ער ברייגט איינם צו איין מצוה איז זיין שכר זייער פיל גיטאפילט : (ו) אונ

איין

מלא מכתישין אמר רבי חייא מאן אנת א"ל יהודאי אנא אסתכלי ביה וחמו אנפוי סמקי באלין מכתישין (ר"ל פניו היה כמצורע) אמר רבי יוסי בוודאי חטאה הוא דאי לאו הכי לא אתרשימו אנפוי באלין מרעין בישין ויסורים כאלין לא מקרי יסורין של אהבה · (ז) אמר רבי חייא הכי הוא וודאי דיסורין דאהבה לא איקרי אלא כשהן מכוסין מראיית שאר בני אדם ומנלן דאצטריך להיות תוכחת האדם הכי נלמוד מתוכחות הקדוש ברוך הוא דמאן דאוכח לחבריה באהבה בעי לאוכחא יתיה בסתרא כדי דלא ליכסוף אותו בפרהסיא אבל הוכחה זו בפרהסיא אינו של אהבה כך הקדוש ברוך הוא אוכח לבר נש בקדמיתא ומחי ליה בסתרא אי הדר ביה מוטב ואי לא מחי ליה באתגלייא באנפוי בגין דיסתכלון ביה וינדעין דהוא חטאה ולאו רחימו דמאריה איהו · (ח) והאי גברא הוי שמע כל מילין אלין אמר להו גברא בקיטרא דעיטא חדא (ר"ל בעצה חדא ובדבור אחד) אתון אמרין עלי דברים האלה קריב לגביהון אמר וודאי אתון מאינון דדיורהון הוא בבית רשב"י דלא דחלין מכולא אי אתון אמרין מילי אבתראי הני מילין יקטרגו לכון איך מילייכו הני באתגליא (ר"ל שאמר להם האיש אי יבא המשפט לפני הקב"ה יעשה קטגוריא עמכם על שאתם מביישים אותי בגלוי אף שאני חוטא גדול) א"ל אורייתא הכי כתיב דכתיב בראש הומיות תקרא בפתחי שערים בעיר אמריה תאמר אי במילין דאורייתא אנן דחלין מקמך הא נשתכח בכסופא קמי קב"ה פתח האי גברא ואמר מי אל כמוך נושא עון ועובר על פשע וגו' ארים קליה ובכי · (ט) אדהכי מטון בנוי אמר בריה זעירא סייעתא דשמיא הכא פתח ואמר יש צדיק אובד בצדקו וגו' האי צריך פי' איך יאבד הצדיק בצדקו אלא הענין הוא כך כשרבו החוטאים ומרבים חטאים ופשעים וצדיק א' הוא ביניהם ואין מוכיח להרשעים הצדיק נענש על ידם אף שהוא צדיק גמור ואין חוטא כלל וכן אבא דאיתפס בחוביה דבני מתא דהוי כולן חצופים לנגדו והוא לא הוי מוכיח אותם ולא גער בהו בנזיפה לביישם לכן

איין ראיה איז פון דעם זוהר פרשה תזריע רבי חייא אונ רבי יוסי זיינן גיגאנגען אין וועג · אונ האבין בגעגינט אין איין מענטש אונ זיין פנים איז גיוועזן פול מיט צרעת האט רבי חייא אים גיפרעגט ווער בישטו · האט דער מענטש גיזאגט איך בין איין יהודי · האט רבי יוסי גיזאגט דער איז בוודאי איין זינדיגר ווארום זונסט וואלט אזו פיל צרעת אונ וואונדין ניט גיוועזן אויף זיין פנים · דען אזעלכע יסורים הייסין ניט קיין יסורים של אהבה : (ז) האט רבי חייא צוא אים גיזאגט דאש איז גוויש אמת דאש יסורים של אהבה ווערט מער ניט גירופן נאר אז זייא זיינען אויף אזו איין ארט וואש לייט זעהען זייא ניט · דען אזוא וויא אז איין מענטש שטראפט זיין חבר פר ליבשאפט שטראפט ער אים אז קיינר זאל ניט זעהן אונ ניט הערין פון וועגין ער זאל ניט פאר שעמט ווערין · אבר דיא שטראף וואש איינער שטראפט דעם אנדרין בפרהסיא · איז דאש בוודאי ניט מחמת ליבשאפט אזו אויך נאט ב"ה שטראפט פריער דעם מענטשין אויף אזו ארט וואש ווערט ניט גיזעהען צוא דיא מענטשין · טוט ער תשובה איז גוט אונ אויב ער טוט ניט קיין תשובה שלאגט ער אים מיט וואונדן אויף זיין פנים פון וועגין לייט זאלין קוקין אויף אים אונ זאלין ווישן אז ער איז איין זינדיגר · אונ דיא יסורים קומען ניט מחמת דיא ליבשאפט פון גאט ב"ה נאר איבער זיינע זינד : (ח) אונ דער מענטש האט דיא אלע רייד גיהערט האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט מיט איינע רייד אונ מיט איין עצה זאגט איר אויף מיר דיא דאזיגע רייד האט ער צוא זייא גינעהנט אונ האט זייא גיזאגט איר מוזט זיין פון דיא דאזיגע וואש זיינען פון דער חברותא פון רשב"י וואש זייא פארכטין זיך פאר קיינם ניט · דען אז דר משפט וועט קומען פאר גאט ב"ה וואש איר זייט מיך אזו מבייש קענט איר דאך דער פאר איין עונש האבין · האט דער מענטש אן גיהויבין צוא זאגין דעם פסוק מי אל כמוך נושא עון ועובר על פשע ווער איז אזו איין גאט וויא דוא דאש דו פאר גיבסט דיא זינד אונ מיטשייט · אונ האט אויף גיהובין זיין קול אונ האט גיוויינט : (ט) דער ווייל זיינן גיקומן די קינדר פון דעם מענטשין האט דער יונגסטר זון גיזאגט דא איז איין חברותא פון לומדים דרום וועל איך עפיש דברי תורה זאגן האט דאש קינד אן גיהויבין אונ האט גיזאגט עש שטייט אין פסוק יש צדיק אובד בצדקו עש איז פאר האנדין איין צדיק וואש ער ווערט פר לארין פון וועגין זיין צדקות · איז דאך קשה וויא שיקט זיך דאש אז דורך זיין צדקות זאל ער פאר לארין ווערן · נאר דער תירוץ איז דען אז עש מערין זיך דיא זינדיגר אונ מערין זינד צוא טאן · אונ צווישין זייא איז פאר האנדין איין צדיק אונ ער שטראפט זייא ניט · ווערט ער איבער זייא גישטראפט חאטשע ווי

נענש הוא ביסורים האלו׃ (י) אמר האי בר נש דהוי אביו של האי ינוקא וודאי הקב"ה אעניש לי בדא דהוי בידי יכולת למחאה בידייהו ולא עבדית ולא אכסיפנא להו בטמירא ולא באתגלייא פתח בריה אחרא החשיתי מטוב וכאבי נעכר ראיתי עמא דאזלי בדרכים לא טובים נאלמתי דומיה ולא יסרתי אותם על פניהם החשיתי מטוב מדברים טובים שמסירים את האדם מדרכי הרעים לדרכי הטובים וישרים ע"כ כאבי נעכר באו יסורים מכוערים באתגלייא אתו רבי חייא ורבי יוסי ונשקוהו וכו׳׃ (יא) גלמד מהנ"ל כל המתיירא להוכיח מפני בני האדם אז יהיה בכסופא קמי קב"ה ואף שהוא צדיק נענש ע"י וכמש"ל ומקור החיים הוא לבלתי להחניף לאדם רשע למי שיכפיק בידו לעמוד לנגד הרשע להתיש כחם של רשעים בדברי תוכחה ובאם שידחל מנהון אזי יהיה בטוח שיבא עליו יסורים וישיגו לו חרפות ובושות בבי דינא רבא לפני הקב"ה שאו למרום עיניכם ובטחו אל ה׳ כי הוא משבר ומהרס רשעים׃ (יב) חזק ואמץ לנגד הרשע להוכיחו ובוודאי כל פמליא של מעלה יהיו בעוזריך ותראה להתאמץ בכל איבריך ושס"ה גידיך להתחמם כנגדו בדברי מוסר לבלתי יוציא מחשבתו הרעה אל הפועל ואם תעשה כן אזי נחשב בהדלקת גופך לדבר מוסר לנגד הרשע כאלו איברי עולה מונחים ע"ג המזבח ואף אם תראה הרשע שבגרמא דיליה תוכל לבא להיזק ממון ח"ו מ"מ תראה להוכיחו בדברים כי הרבה שלוחים למקום ב"ה ואם תחרש לו בשביל היזק בממונך מ"מ לא תנצל מההיזק בכפליים כי סוף החונף לרשע סופו ליפול בידו ואם תראה בדעתך שלא תוכל לבא בריב ומצה עם הרשע שהשעה משחקת לו עבור שאתה מוכיח אותו אסור הוא ליתן להרשע כח ואומץ וחיזוק לסייע

לדבר

ער איז איין רעכטער צדיק אונ זינדיגט גאר ניט אזו אויך מיין פאטער האט גיוואונט צווישן אזעלכע לייט וואש זיינן רשעים אונ חצופים אונ ער האט זייא ניט שטארק גישטראפט ביז זייא מבייש צו זיין דרום איז ער גישטראפט גיווארין מיט דיא דאזיגע יסורים ; (י) האט דער מענטש גיזאגט עש איז אמת גאט ברוך הוא האט מיך דער פאר גישטראפט וייל איך האב יכולת גיהאט צוא שטראפין זייא אונ האב זייא ניט גישטראפט׳ האט זיין אנדערער זון גיזאגט דוד המלך האט גיזאגט נאלמתי דומיה איך האב גיזעהען לייט וואש גייען ניט אין דיא גוטע וועגין אונ האב גישוויגין אונ האב זייא ניט גישטראפט החשיתי מטוב איך בין ווארין פר דארבין פר גוטע רייד דאש איך האב זיי ניט גישטראפט מיט גוטע רייד וואש דורך זייא ווערט דער מענטש אפ גיטאן פון דיא שלעכטע וועגין צוא דיא גוטע וועגין דרום וכאבי נעכר איז מיין וויא טאג ווארין בטריבט כלומר דרום איז אויף מיר גיקומן מיאוסע יסורים זיינען גיקומען רבי יוסי אונ רבי חייא אונ האבין אים גיקושט׃ (יא) פון דער מעשה ווערט אפ גילערינט אז דער וואש פארכט זיך פאר לייט זייא צוא שטראפין וועט ער קומען מיט חרפה פאר גאט ב"ה׳ אונ האטשע ער איז איין צדיק ווערט ער גישטראפט אונ דער גרונד פון לעבין איז ניט צוא חנפנען קיין רשע דער וואש האט יכולת צוא בשטיין קעגין דעם רשע זיין כח שלאף צוא מאכין מיט דברי תוכחה אונ אויב ער וועט זיך פארכטין פאר אים זאל ער בטוח זיין אז יסורים וועלין אויף אים קומען אונ עש וועט אים גרייכין חרפות אונ בושות בייא דעם גרוישין ב"ד פאר גאט ב"ה הייבט אויף אייערע אויגין צוא גאט האט איין בטחון צוא גאט דען ער וועט צוא ברעכין דעם רשע אונ וועט אים צוא פירין׃ (יב) שטארק זיך אונ פעסט זיך מיט דברי תוכחה אנטקעגין דעם רשע אונ גאר דיא פמליא של מעלה וועט דיר בוודאי זיין צוא הילף אונ זאלשט זעהען זיך שטארקין מיט אלע דיינע אברים אונ אדערין צוא דער היצין זיך קעגין אים מיט דברי תוכחה אז זיין שלעכטע מחשבה זאל ניט גיווערקט ווערין׳ אונ אז דוא וועשט אזו טאן וועט גירעכינט זיין דאש וואש דיין גוף ברענט קעגין דעם רשע צוא ריידין דברי תוכחה גלייך וויא דוא בישט מקריב איין עולה אונ דיינע איברים ליגן אויף דעם מזבח׳ אונ האטשע דורך דעם קענשטו קומען צוא שאדין האבין געלט׳ פון דעסט וועגין זאלשטו טאן דיין יכולת צוא שטראפין אים וויא וייט דוא קענסט ווארום פיל שלוחים איז פאר האנדין צוא גאט׳ אונ אז דוא וועשט אים שווייגין וייל דוא האשט מורא דוא וועשט דורך דעם געלט שאדין האבין וועשטו פון דעסט וועגין ניט ניצול ווערין אונ וועשט נאך האבין טאפיל מאל אזו פיל היזק׳ ווארום דער וואש חנפת איין רשע צום סוף פאלט ער דעם רשע אין דיא הענט ארייין׳ אונ אפילו אויף אזוא

איין

לדבר עבירה חלילה וחס וגם אפילו במקום חשש נזק הגוף ח״ו נראה דאסור ליתן חיזוק ואימוץ לרשעים אם לא במקום שיש סכנת נפשות אז יסתלק עצמו והשמטה שרי אבל סיוע אסור לסייע לעוברי עבירה ׃ (יג) והמצוה של הוכח תוכיח הוא מוטל על הרבנים גאוני ארץ ועל פרנסי עיר ועיר ובמקום שאין שם רב ומורה צדק ופרנסים קבועים אזי המצוה מוטל על כל ישראל להוכית איש אחיו ואז יהיה אהוב למעלה ונחמד למטה ויקוים בו הוכח לחכם ויאהבך ויזכה לשער האהבה אמן :

פרק סג **דוד** המלך ע״ה כתב בספר תהלים בקראי ענני אלהי צדקי וגו׳ חנני ושמע תפלתי נ״ל לפרש הפסוק ע״פ מ״ש רז״ל כל המבקש רחמים בתפלתו ונענה מיד אל יתגאה בתפלתו בשביל כך ולחשוב בלבו שהוא צדיק באשר שנתקבלה תפלתו מיד אדרבה צריך לחשוב בדעתו שמא הוא מהחוטאים ואין להקב״ה שום נחת רוח בתפלתו ׃ (ב) כדאיתא במסכת תענית משל למצורע שבא לשלחן העשיר ואין רצון העשיר שימאס הפלטרין שלו אזי הוא מצוה ליתן להמצורע כפי בקשתו ולפטרו וזה כוונת דוד המלך ע״ה באמרו בקראי ענני אלהי צדקי אבן לא תיכף ומיד אלא חנני ושמע תפלתי ואח״כ חן ותמלא בקשתי וכן יחשוב האדם בדעתו שאף אם האריך בתפלתו ולא נענה לא יתייאש מלהתפלל עוד כי אדרבה הקב״ה מתאוה בתפלה כשהיא בכוונה דהיינו שיהיה הלב יודע לכוין למה שהפה מדבר וכמו שהזהיר הזוהר פרשת בשלח וז״ל תאנא כל מאן דמצלי צלותיה קמי מלכא קדישא בעי למבעי בעותא ולצלאה מעומקא דלביה בגין דישתכח לביה שלים עם הקב״ה ויכוין ליבא ורעותא ולכן אמר דוד

אין ארט וואו עש איז פאר האנדרין איין חשש דיין גוף זאל ניזוק ווערין ח״ו דורך דעם שטראפין פון דעסט וועגין טאר מען דעם רשע קיין שטארקייט ניט געבין צוא זאגין ער זאגט רעכט נאר סיידין אויף אזוא איין ארט וואו עש איז פאר האנדין סכנות נפשות דארטין זאל ער זיך אפ טאן פון דעם שטראפין אבר העלפין טאר ער אים ניט צוא דער עבירה ׃ (יג) אונ דיא מצוה פון צוא שטראפין דיא לייט איז מוטל אויף דיא רבנים אונ דיא גאונים פון דעם לאנד ׃ אונ אויף דיא פרנסים פון איטליכער שטאט ׃ אונ אויף אזו איין ארט וואו עש איז ניט דא קיין רב אונ קיין פרנסים דארטין איז דיא מצוה גיווארפין אויף איטליכין ישראל צוא שטראפין זיין חבר ׃ אונ דענמאלט וועט ער זיין גיליבט אויף דעם הימל אונ גילושטיג אויף דער ערד ׃ אונ אין אים וועט מקוים ווערין שטראף צוא איין חכם אונ ער וועט דיך דער פאר נאך ליב האבין אונ וועט זוכה זיין צוא דעם טויער פון ליבשאפט אמן :

פרק סג דוד המלך ע״ה האט גישריבין אין תהלים בקראי ענני אלהי צדקי וגו׳ חנני ושמע תפלתי זאגט דער מחבר מיר דאכט זיך מפורש צוא זיין דעם פסוק דען דער וואש בעט עפעש אין זיין תפלה אונ ווערט תיכף גיענטפערט זאל ער זיך ניט בעל גאוה האלטין דער מיט אונ צו טראכטין מן הסתם ווען מיין תפלה איז תיכף נתקבל גיווארין מן הסתם בין איך איין צדיק ׃ נאר אדרבא ער מוז טראכטין אין זיין דיעה אז ער איז פון דיא זינדיגער אונ גאט ב״ה האט ניט קיין נחת רוח אין זיין תפלה דרום גיט ער אים תיכף זיין בקשה כדי ער זאל ניט מערין תפלה צוא טאן ׃ (ב) אזו וויא עש שטייט אין דער מסכת תענית עש איז איין משל צוא איין מצורע וואש איז גיקומען צוא דעם טיש פון דעם עושר אונ האט עפעש גיבעטין ׃ דער עושר האט אבר ניט גיוואלט אז ער זאל פאר מיאוסין זיין פאלאץ האט ער גיבאטין מען זאל תיכף געבין דעם מצורע וואש ער בעט אונ צוא פטרין אים ׃ אונ דאש האט דוד המלך גימיינט דער מיט וואש ער האט גיזאגט בקראי ענני אלהי צדקי ווען איך טוא רופין צוא דיר גאט זאלשטו מיר ענטפרין אבער ניט תיכף נאר לייט זעליג מיך אונ הער אויש מיין תפלה אונ דער נאך גיב מיר מיין גיבעט ׃ אונ אזו אויך אז דער מענטש איז מאריך אין זיין תפלה ׃ אונ ער ווערט ניט גיענטפערט זאל ער זיך ניט מייאש זיין פון ווייטער תפלה צוא טאן דרויף ׃ ווארום אדרבא גאט ב״ה גילושט אין דר תפלה וואש זיא איז מיט כוונה דאש הייסט דאש הארץ זאל ווישין וואש דאש מויל רעט : (ג) אזו וויא דר זוהר איז מזהיר ׃ אונ אזו שרייבט ער ׃ מיר האבין גילערינט איטליכר וואש טוט תפלה פאר גאט מוז ער זיא טאן פון דעם טיפענש פון זיין הארץ ׃ פון וועגין זיין הארץ זאל גיפונען ווערין גאנץ מיט גאט ב״ה אונ דרום האט דוד המלך ע״ה גיזאגט בכל לבי דרשתיך מיט גאר מיין הארץ טוא איך דיך פארשטין

דוד המלך ע"ה בכל לבי דרשתיך וגו' ונכון לכל אדם להתפלל טרם כניסתו לבהכ"נ תפלה קצרה זו נדבות פי רצה נא ה' ומשפטיך למדני יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שתהא תפלתי צלולת וזכה וברורה מכל ערבוביא המבטלים כוונות התפלה · (ד) ומאד יקר לפני הקב"ה להגביה ידיו עם אצבעותיו כשהוא מתפלל מעומק הלב כדאיתא בזוהר פרשת יתרו דיש עשרה מלאכים ממונים על זה כשאדם מרים את ידיו ואצבעותיו בתפלה או בברכת נטילת ידים אבל אסור להרים את ידיו ואצבעותיו בחנם וע"ז הזהיר הזוהר ולא יראו פני ריקם וכל מאן דמרים ידיו ואצבעותיו בחנם אזי אותן עשרה מלאכים הנזכרים מקללין אותו ברמ"ח קללות רחמנא ליצלן ומיד רוח הטומאה שריא על אותן הידים וברכתא לא אשתכח בהון · (ה) ולכן כתיב באברהם שאמר הרימותי ידי אל ה' אל עליון ותרגום ארימית ידי בצלו (פי' דאמר אברהם דוקא בכה"ג) ר"ל כשהייתי מתפלל הרימותי ידי אל ה' ולא למגנא ח"ו וכן במשה כתיב בשעה שהיה מתפלל על מפלת עמלק כתיב והיה כאשר ירים משה ידו וכו' ודוקא בשעת תפלה או בברכות והודאות אז חיוב להרים ידיו ואצבעותיו ע"ש באריכות · (ו) ומכאן תראה עונש גדול להמרימים ידיהם בשבועות חנם וקבלה הוא בידי כל המרים ידיו ואצבעותיו שלא בשעת תפלה שלא לצורך בוודאי יבא עליו איזה עונש בקרוב ואם לא בא עליו איזה עונש ידאג יותר כי בודאי מקבצים עליו בב"ד של מעלה עד שתתמלא סאתו לכן המורגל בחטא זה ובמכשול זה יגדור עצמו לומר פסוק זה קודם התפלה וקודם ברכת נטילת ידים (שאו ידיכם קודש וברכו את ה') אז הוא ניחא קמי קב"ה ובודאי כמה ברכות ומתנות טובות באין עליו אכן בתנאי שיהיו ידיו נקיים ·

פארשטין · אונ עש איז רעכט צוא איטליכן מענטשין דאש איי ער גייט אריין אין שול זאל ער מתפלל זיין דיא קורצע תפלה נדבות פי רצה נא ה' ומשפטיך למדני דאש באוויליגונג פון מיין מויל באוויליג נון גאט · אונ דיינע משפטים לערין מיך יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו עש זאל זיין איין ווילין פון פאר דיר גאט אונזער גאט אונ דער גאט פון מיינע עלטרין שתהא תפלתי צלולה זכה וברורה מכל ערבוביא המבטלים כוונת התפלה אז מיין תפלה זאל זיין לויטער אונ ריין אונ קלאר פון אלערלייא צוא מישונג וואש זיינען מבטל דיא כוונה פון דער תפלה : (ד) אונ עש איז זייער טייער פאר גאט ב"ה דאש דער מענטש זאל אויף הייבן זיינע הענט מיט זיינע פינגער בשעת ער דאבינט פון דעם טיפעניש פון זיין הארץ אזו וויא עש שטייט אין זוהר דאש עש איז פאר האנדין צעהען מלאכים וואש זיינען ממונה איבר דיא הענט פון דעם מענטשין וואש הייבט זייא אויף בשעת דאבנען אדער בשעת ער מאכט דיא ברכה על נטילת ידים נאך דעם וואשין · אבר ניט בשעת תפלה אונ בייא דער ברכה פון על נטילת ידים · טאר ער ניט אויף הייבן די הענט מיט די פינגר אונ דר וואש הייבט אויף זיינע פינגר אונ זיינע הענט ניט בשעת תפלה · שילטין אים דיא צעהן מלאכים מיט צוויי הונדרט אונ אכט אונ פערציג קללות ר"ל · אונ דר רוח הטומאה רועט תיכף אויף דיא הענט אונ קיין ברכה ווערט אין זיי ניט גיפונן : (ה) אונ דרום שטייט בייא אברהם הרימותי ידי אל ה' אל עליון איך טוא אויף הייבן מיין האנט צוא גאט דער אויבערשטער גאט · מאכט דער תרגום דרויף ארימית ידי בצלו איך טוא אויף הייבן מיין האנט מיט גיבעט דאש האט ער גימיינט נאר בשעת אז ער האט מתפלל גיוועזן האט ער זיינע הענט אויף גיהויבן אבער ניט אום זיסט אונ אויך בייא משה רבינו ע"ה בשעת ער האט מתפלל גיוועזן אויף דער מפלה פון עמלק · שטייט ער האט דערמאלט אויף גיהויבן זיינע הענט · דאש דוקא בשעת תפלה אדער בשעת ער לויבט גאט דערמאלט זאל ער אויף הייבן זיינע הענט אונ זיינע פינגער צוא גאט : (ו) אונ פון דאנן קענסטו זעהען דעם גרויסין עונש וואש ווערין האבין דיא לייט וואש זייא הייבין אויף זייערע הענט מיט אום זיסטע שבועות · אונ איך האב בקבלה דאש איטליכר וואש הייבט אויף זיינע הענט אונ זיינע פינגער ניט בשעת תפלה ווערט בוודאי גיך קומן אויף אים עפעם איין עונש · אונ אז עש קומט אויף אים אבר ניט קיין עונש זאל ער זיך נאך מער זארגין · דען מען זאמלט בוודאי צוא נויף זיינע זינד בייא דעם בית דין של מעלה ביז זיין מאס ווערט פול ווערין ווערט ער מיט אמאל אגרויסין עונש האבין · דרום דער וואש איז גיוואונט אין דער זינד · זאל ער זיך מאכין איין גדר צוא זאגין פאר דעם דאווענען אונ פאר דער ברכה פון על נטילת ידים דעם פסוק שאו ידיכם קדש וברכו את ה' אונ זאל אויף הייבין זיינע הענט דערמאלט ווערט

נקיים מגזל וגנבה משא״כ אם אין ידיו נקיים מגזל וגניבה ומהסגת גבול מה יתרון לו בהגבהת ידיו ואצבעותיו אדרבא הן מזכירין עונותיו להפוך מדת הרחמים למדת הדין: (ז) ע״כ יראה האדם להעמיד מחייתו בהיתר שלא יהיה במעותיו שום אבק איסור כי מה יתרון לאדם בכל עמלו כי אם בכשרון ובהכשר מעשיו שיעמול תחת השמש וכשיגיע לו בהיתר בודאי כפים האלו הפרושים למעלה בתפלתו מעוררים עליו קדושת השם ורחמים וחסדים ובפרט כשמגיע למקום אשר ראוי שם למסור נפשו על קדושת השם שצריך להגביה ידיו וכפיו כאלו נמסר על קדושת השם וזה יחשב לו כקרבן עולה: (ח) והנה מסירת נפש על קדוש השם הוא בקריאת שמע באומרו ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך עד סוף הפרשה ועוד באומרו בסוף תפלת ובא לציון גואל וכו׳ ברוך אלהינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים עד סוף התפלה יחשוב בלבו שאם היה גורלו להיות בתוך העובדי כוכבים העולם היה חשך בעדו ואיך יוכל לשלם אותה מתנה טובה שנתן לו הקב״ה שלא עשהו כאחד מהם ובודאי בזכרו על זה יתלהב לבו מתוך שמחה גדולה ומתוך אותה שמחה ולהב האהבה ידמה בעצמו כאלו אש לפניו ורוצים להעבירו על הדת ח״ו והוא מפיל עצמו בתוך דליקת האש באהבה ובחיבה לשם יחוד קב״ה ושכינתיה וכן במנחה בשבת בתפלתו כשאומר אתה אחד ושמך אחד וכו׳ וכשמגיע לתיבת ועל מנוחתם יקדישו את שמך צריך ג״כ לכוין שמחויב האדם למסור נפשו על קדושת השם: (ט) וענין מסירת נפשו על יחוד קדושת השם הוא גדול מאוד בעיני הקב״ה וכמ״ש בזוהר וירא אמר רבי שלום בר מניומי אין לך צדיק וצדיק מאותן העוסקין בתורה שאין לו מאתים עולמות דכסופין הה״ד ומאתים לנוטרים את פריו וכן המוסר עצמו על קדושת השם בכל יום נוטל ב׳ מאות עולמות דכסופין

וכשיגיע

בוודאי אויף איהם קומען פיל ברכות אונ גוטע מתנות· נאר בתנאי זיינע הענט זאלין ריין זיין פון גזל אונ גניבה· אבער אז זיינע הענט זיינן ניט ריין פון דעם אלמען ווערט נאך דער מאנט זיינע זינד דורך דעם וואש ער הייבט אויף זיינע הענט אפילו בשעת דאבנען אונ ער פאר קערט דעם מדת הרחמים צוא איין מדת הדין ח״ו: (ז) דרום זאל דער מענטש זעהן זיין משא ומתן טאן באמונה דאש אין זיין געלט זאל ניט זיין קיין שום גידנוד פון איין איסור נאר בהיתר· אונ אז ער טוט זיין משא ומתן באמונה· דיא הענט וואש זיינען פאר שפרייט ארויף בשעת תפלה· דיא דער וועקין אויף אים היילקייט פון גאט אונ דער בארימקייט אונ גינאד· אונ בפרט אז ער גרייכט צו דעם ארט וואש דארטין גיהער מען זיך מוסר נפש צוא זיין פון גאטש וועגין מוז ער בוודאי אויף הייבין זיינע הענט גלייך וויא ער ווערט איבר גיענטפערט אויף קידוש השם· אונ דאש ווערט אים גירעכינט וויא איין קרבן עולה: (ח) אונ נון דאש מסירות נפש אויף קידוש השם איז אין ק״ש בשעת ער זאגט ואהבת את ה׳ אלהיך אונ דוא זאלשט ליב האבין גאט דיין גאט מיט גאר דיין הארץ אונ מיט גאר דיין גוף אונ מיט גאר דיין געלט אונ ביז דער סוף פרשה דארף ער זיך דערנכאלט מוסר נפש זיין אויף קידוש השם· אונ אויך אז ער זאגט אין סוף ובא לציון ברוך אלהינו שבראנו לכבודו ביז אין סוף ובא לציון זאל ער טראכטין אין זיין הארץ אז זיין גורל זאל חלילה גיוועז זיין צווישין דיא עובדי גילולים וואלט די וועלט גיוועזן פינסטער פאר אים· אונ וויא קען ער בצאלין דיא גוטע מתנה וואש גאט ב״ה האט אים גיגעבין וואש ער האט אים ניט בשאפין ער זאל זיין צווישין יענע אונ בוודאי אז ער וועט דאש גידיינקען וועט ברענען זיין הארץ צוא גאט ב״ה מחמת גרויש שמחה· אונ מחמת דער שמחה זאל ער זיך אויש מאלין וויא פייער ברענט פאר אים אונ מען וויל ער זאל ח״ו עובר דת זיין· אונ ער ווארפט זיך אריין אין פייער מיט גרויש ליבשאפט פון וועגין דעם יחוד פון גאט ב״ה מיט זיין שכינה· אונ אויך אום שבת צוא מנחה אז ער דאבינט ש״ע אונ זאגט אתה אחד ושמך אחד אונ גרייכט צו די ווערטער ועל מנוחתם יקדישו את שמך מוז ער זיך אויך מבוין זיין· אז דער מענטש איז מחויב זיך מוסר נפש זיין פון גאטש וועגין: (ט) אונ דער ענין פון מסירות נפש אויף קידוש השם דאש איז זייער חשוב ביא גאט ב״ה אזו וויא דער זוהר שרייבט דאש איטליכער צדיק פון דיא וואש לערנן תורה האט צוויא הונדערט גילוסטיגע וועלטין שכר אויף יענער וועלט· אונ אזו אויך דער וואש ענטפערט איבער זיין לייב אויף קידוש השם אלע טאג אין קריאת שמע אונ אין דער תפלה ברוך אלהינו שבראנו לכבוד אונ אין די איבריגע ערטר וואש מיר האבין פריער גישריבן

נעמט

וכשיגיע זמן וקיצו של האדם למות אשר מסר נפשו על קדושת השם אזי השר הממונה על הגופות שנקברים יודע ג"כ לכבד גופו שבקבר לפי מעשיו והענין הוא מבואר בזוהר בפ' וירא שאין הגוף נכנס בקבר בחשבון הצדיקים עד שבאה הנשמה מלמעלה מגן עדן ומראית סימנים דיהבי לה הכרובים שבגן עדן להראות הסימן לפני המלאך דומה כדי שידע שזה הגוף קדוש עיין שם · (י) והנה קשור הדברים האלו בלבך לבל תשכח דבר א' מסוגל מאוד להלביש את הגוף בלבוש הקדוש והוא בהיותך מעוטף בציצית יהיה כוונתך שבקדושת מצוה זו תתקדש הגוף להיות קדוש לגדור מכל מכשול עבירות וחטאים וכבר הזכרתי בחלק ראשון פ' א' בכל דרכיך דעהו כשתלבש בגדיך תכוין איסור כלאים ואיסור שעטנז ומכל שכן כשתשים תפילין בין עיניך תכוין למצות בוראך כדי שלא תצא מגדר הקדושה לחוץ במקום הסיטרא אחרא חס ושלום ובפרט לבושי שבת וי"ט יהיו מיוחדים להיות לבוש מצוה ובפרט טלית של ציצית · (יא) ע"כ צריך האדם להזהר שלא לילך בטלית קטן שקורין לייבסרדקי"ל לבית הכסא או למקום הטינופת אלא א"כ הוא מכוסה בבגד אחר וכן צריך האדם להזהר כשיש לו בגד של שבת וי"ט שלא יהא בו שום גזל או גניבה וכשיהיה בו איזה גזל או גניבה נקרא נגע ואותו בגד נקרא בגד בוגדים · (יב) ולכן אמרו רז"ל עתידין צדיקים לעמוד בתחיית המתים בלבושיהון דהיינו במלבושיהון הכשירים הנעשים בממון של יושר וזהו הסוד שאמרו רז"ל כשצדיק נפטר מהעולם יוצא בת קול בשלום תנוחו על משכבכם כי אותיות בשלו"ם הן אותיות מלבו"ש בהיפוך אתוון שלפי שהצדיקים עושין בגדיהן בממון של יושר וכל מי שלובש בגדים בממון של יושר בוודאי תפלתו הוא מקובל ומרוצה לפני הקדוש ברוך הוא · (יג) הכלל העולה מפרק זה שטוב לאדם להתפלל מעט בכוונה ולהרים ידיו

נעמט ער אויך שכר צוויא הונדרט וועלטין · אונ אז זיין צייט קומט צוא שטארבין · דר שר וואש איז ממונה איבר די גופים וואש ווערין בגראבן דער ווייש אויך וויא זיין גוף כבוד אן צוא טאן נאך זיינע מעשים נאך · אונ די זאך איז בשייד אין זוהר דאש דער גוף ווערט ניט גירעכינט צווישן דיא צדיקים ביז די נשמה קומט אראפ פון דעם גן עדן אונ ווייזט דיא סימנים וואש דיא כרובים פון דעם גן עדן גיבן איר צוא ווייזן דעם מלאך דומה · פון וועגין ער זאל וויסן אז דאש איז איין היילינר גוף : (י) אונ נון פר קניפ די זאכין אין דיין הארץ דוא זאלשט ניט פאר געסין דאש איין זאך איז זייער מסוגל אן צוא קליידין דעם גוף מיט אהיילינ קלייד אונ דאש איז בשעת דוא וויקלסט זיך ארום מיט דיא ציצית זאלסטו מכוין זיין אז דורך דער היילינר מצוה זאל גיהייליגט ווערין דר גוף ער זאל זיין פאר צאמט ניט צוא טאן קיין שום עבירה אונ אין דעם ערשטן חלק האב איך שוין דער פון דער מאנט דאש אז ער טוט אן זיינע קליידר זאל ער מכוין זיין אז מען טאר ניט גיין אין כלאים אונ אין קיין שעטנז אונ מכל שכן אז דוא טוסט אן דיא תפילין זאלסטו זיך מכוין זיין צוא טאן דיא מצות פון דיין בשעפער פון וועגין דוא זאלסט ניט ארויס גיין פון דער קדושה צוא דער סטרא אחרא ח"ו · דיא מלבושים פון שבת אונ יום טוב אונ בפרט דער טלית וואש אין אים זיינן דיא ציצית זאלין זיין ריין · (יא) דרום מוז דער מענטש נזהר זיין אז ער זאל מיט דעם לייבסרדקיל ניט גיין אין בית הכסא ארין אדער אויף אנדער אום ריין ארט נאר סיידין אז עש איז צוא גידעקט מיט אנדער קלייד · אבר דער מענטש מוז נזהר זיין אז זיינע קליידער אונ בפרט די קליידר פון שבת ויום טוב זאלין ניט גימאכט ווערין פון גזילת אדער גניבה ח"ו · אונ ווען דרינן איז יוא פאר האנדין עפיס גניבה אדר גזילה ווערט עש גירופין נגע אונ דאש זעלביגע קלייד רופט דיא תורה (בגד בוגדים) איין קלייד פון פעלשערם (יב) אונ דרום האבין אונזרע חכמים ז"ל גיזאגט אז בשעת תחית המתים וועלין דיא צדיקים אויף שטיין מיט זייערע קליידער דאש מיינן זייא מיט זייערע קליידער וואש זיינען גמאכט גיווארין פון יושר געלט ניט פון גניבה אדער גזילה אונ דאש איז דר סוד וואש אונזרע חכמים ז"ל זאגין אז איין צדיק ווערט נפטר גייט ארויש איין בת קול אונ זאגט בשלום ינוחו על משכבותם מיט שלום זאלין זייא רוען אויף זייער גלעגר דען דיא אותיות בשלום זיינען דיא אותיות פון מלבוש כלומר דער וואש זיינע קליידר זיינן פון יושר געלט דער האט רוא אין קבר אונ איטליכער וואש קליים אן מלבושים פון יושר געלט ווערט זיין תפלה בוודאי אן גנומען אונ בוויליגט פאר גאט ב"ה · (יג) דער כלל וואש עש ווערט גלערינט פון דעם פרק איז אז דער מענטש זאל מתפלל זיין בכוונה

ידיו ואצבעותיו בתפלה ובברכות והודאות ובקריאת שמע ובתפלה של ובא לציון וירחיק עצמו מן הגזל ומממון שאינו של יושר ואז אני ערב בעדו שחפץ ה׳ יצליח בידו בעולם הזה ושכרו יהיה כפול בעוה״ב כמאמר המשורר ומאתים לנוטרים את פריו :

**פרק סד** **אמרו** רז״ל גדולה היא הכנסת אורחים יותר מהקבלת פני השכינה ובוודאי רמזו רז״ל בזה הענין דבר נסתר אשר ראוי עליו לומר דבר חשוב הוא זה יותר מהקבלת פני שכינה כביכול · (ב) והענין כי מצוה זו של הכנסת אורחים יש בה ב׳ בחינות האחד הענין הפשוט במעלות האדם אשר לבו לב רחב להמשיך לביתו אורחים להאכילם ולהשקותם שהוא מצד השכל דבר כשר וטוב מאוד בגומלי החסד עם בני האדם שבאים מהדרך והם עייפים מטרדות ותדבק לשונם לחיכם בשביל הצמא ואף שיש יכולת להאורח לקנות לעצמו מזונות והבעל הבית מאכילו ומשקהו ונותן כר וסדין לשכב עליו למצוא מרגוע לנפשו לנוח מחולשת הדרך מה יקר חסדו של בעל הבית מאוד כשעושה כל החסדים בטוב עין ולא בצרות עין · (ג) אמנם הענין השני הוא הרמז עוד אם אתה רואה שהתורה הקדושה עומדת ברחוב ואין איש מאסף אותה הביתה לומר אקחנה לביתי להיות ביתי נשמע בו תורה ביום ובלילה ולהיות לי עטרה על ראשי וכן איזה מצוה שאתה רואה בה שבני אדם נוהגים קלות ראש ומעט דמעט שמקיימין אותה הנה מצוה זו בוודאי ממתנת ומצפה עד כי יבחר בה איש כשר וישר להזהר בה ולעורר עוד רבים על מצוה זו לקיימה באהבה לכבוד יחוד הקב״ה בוודאי זו היא הכנסת אורחים זו גורמת יחוד להקב״ה ושכינתיה · (ד) ודבר זה נלמד מהזוהר פרשת

בכוונה אונ זאל אויף הייבן זיינע הענט בשעת ש״ע אונ בשעת פסוקי דזמרה אונ אין ק״ש אונ אין דר תפלה פון ובא לציון זאל ער זיך מכוין זיין וויא מיר האבן פריער גישריבן אונ זאל זיך דר ווייטערין פון גזל אונ פון אזו איין געלט וואש איז ניט מיט ישרנות דערנמאלט בין איך אים ערב אז גאט ב״ה ווערט אים בגליקין גאר זיין בגער אונ זיין שכר ווערט זיין גיטאפילט אויף עולם הבא אונ ווערט האבן שכר צווייא הונדרט וועלטין אזו וויא שלמה המלך ע״ה האט גיזאגט ומאתים לנוטרים את פריו אונ צווייא הונדרט וועלטן ווערט גאט ב״ה געבין שכר צוא די וואש היטן זייגע מצות אמן :

**פרק סד** אמרו אונזערע חכמים ז״ל האבן גיזאגט די מצוה פון הכנסת אורחים איז חשובר איידר מען איז מקבל די פני שכינה · אונ דיא חכמים ז״ל האבן בוודאי דרינן מרמז גיוועזן איין פאר בארגין זאך וואש דרויף שיקט זיך צוא זאגין אז דאש איז מער חשוב פון מקבל צוא זיין די שכינה כביכול : (ב) אונ דער ענין איז דען דיא מצוה פון הכנסת אורחים איז דרינן פאר האנדין צווייא פירושים דער פשוטר פירוש איז עש שמועסט אין דיא מעלות פון דעם מענטשין וואש ער גלושט זייער צו צו נעמן אורחים זייא צו מאכין עסן אונ טרינקן וואש על פי שכל איז דאש זייער איין כשרי אונ איין גוטע זאך · דאש דיא מענטשין קומן פון דעם וועג מיד אונ זייער צונג ווערט בהעפט צו זייער טעמען פון ווענין דארשט אונ ער גיט זייא עסן אונ טרינקן איז דאש בוודאי זייער אגרוישע מצוה · אונ ווען דר אורח האט אפילו יכולת צו קויפן זיך עסין אונ טרינקן אונ דער בעל הבית גיט אים עסין אונ טרינקען אונ איין קישין אויף צוא ליגין זיך שלאפין כדי ער זאל זיך אפ רוען פון דעם שלאפקייט פון דעם וועג · איז דער חסד פון דעם בעל הבית זייער טייער · אז ער טוט עש נאר בטוב עין אונ פאר גינט עש דעם אורח: (ג) נאר פר וואר דער אנדרער פירוש איז אז דוא זעהסט דיא היילגע תורה שטייט אויף דער גאס אונ קיין מענטש זאמלט זיא ניט איין אין שטוב ארין צוא זאגין איך וועל זיא נעמן צו מיר אהיים · דאש אין מיין הויז זאל גיהערט ווערין תורה בייא טאג אונ בייא נאכט · אונ זיא זאל מיר זיין איין קרוין אויף מיין קאפ · אונ אזוא אויך וועלכע מצוה דוא זעהסט מען איז אין איר נוהג קלות ראש · אונ נאר ווייניג לייט זייגן זיא מקיים · דיא מצוה וואַרט בוודאי אונ האפט ביז איין ערליכער מאן ווערט אין איר אויש דער ווילין אין איר נזהר צוא זיין אונ נאך אנדערע אויך דער וועקין צוא דער מצוה זיא מקיים צוא זיין מיט ליבשאפט פון גאטש כבוד ווענין מיט זיין שכינה דאש ווערט אן גירופין הכנסת אורחים · אונ דיא הכנסת אורחים איז מער חשוב פון קבלת פני שכינה כביכול · אונ דיא זאך ווערט אפ גילערינט פון דעם זוהר : (ד) דען אין זוהר שטייט רבי יוסי אונ רבי חייא זיינען גיגאנגען אין וועג אונ איין

טוהר

פרשת תרומה וז"ל רבי יוסי ורבי חייא הוי אזלי באורחא והוי חד טייעא טעין אבתרייהו · אמר רבי יוסי אית לן לאתעסקא באורייתא ולאשתדלא במילי דאורייתא דהא קב"ה אזיל ואתלווי בהדי דעסקין באורייהא פתח רבי חייא ואמר עת לעשות לה' הפרו תורתך הכי פירושו כשאתה רואה שבני אדם עוזבים התורה או איזה מצוה שנוהגין בה קלנא לבלתי לקיים המצוה וע"י כן השכינה מתרחקת מדירות הקב"ה אז הירא וחרד לדבר ה' יאזור כגבור חלציו לזרז בזריזות רב ולעורר אנשים · (ה) לאמר קומו ונחזיק בתורה הקדושה או במצוה זו שאין לה דורשים ונרוממה אותה מירידתה אשר עזבוה ב"א זמן רב ועכשיו נכוין לקיימה לשם יחוד קב"ה ושכינתיה אז אשרי האדם אשר יעשה זאת ואשרי נשמתו וזהו עת לעשות לה' לתקן תיקון הפרו תורתך וכל הזריז והזהיר נקרא זריז ונשכר · (ו) והאי טייעא דהוי טעין אבתריהון אמר להו במטו מנייכו רבותי בוודאי קרא נדרש שפיר כדאמריתו. אכן קצת קשה להפירוש הזה הל"ל יש לעשות לה' הפרו וגו' או הל"ל נעשה מהו עת אמר רבי יוסי בכמה גוונין אורחא מתקנא לן חד דהוינא תרין ומכ"ש השתא אנן תלת ושכינתא אתכלילת בהדן ותו דהשבינא דלא הוית אלא כאילנא יבשתא ועכשיו אנת הוא כזית רעננא אמרי ליה פתח פומך ואמור · (ז) פתח האי טייעא ואמר יש עת מצד הקדושה ויש עת מצד סיטרא אחרא עת מצד הקדושה נקרא עת רצון כד"א ואני תפלתי לך ה' עת רצון שהוא השם של אדנ"י ומצד הטומאה הוא עת פורעניות שהוא כסיטרא דלילית הרשעה נחש הקדמוני אשר כממנה מתעוררים גזירות קשות ודא הוא עת פורעניות ולכן ישראל הן מוזהרים להרחיק מפתח ביתה של לילית ממנה ומכל עובדין בישין דתליין בה ולהתקרב ולדבק

סוחר איז זייא נאך גיגאנגען אונ האט גיטראגין סחורה ביא זיך האט רבי יוסי גיזאגט מיר דארפין עוסק זיין אין דער תורה ווארום גאט ב"ה גייט אונ ווערט בהעפט מיט דיא וואש לערנן תורה · האט רבי חייא אן גיהויבין אונ האט גיזאגט עש שטייט אין פסוק עת לעשות לה' הפרו תורתך איז דאש פירוש דער פון אזוא · אז דוא זעהסט מענטשין פאר לאזין דיא תורה · אדר דוא זעהסט איין מצוה וואש לייט זייגן זיא מבזה אונ ווילין זיא ניט מקיים זיין · דער וואש פארכט זיך פאר גאט אונ איילט זיך צוא זיינע רייד · זאל ער אן גורטין זיינע לענדין וויא איין גבור זיך מזרז צוא זיין מיט גרויש זריזות · אונ צוא דער וועקין דיא לייט: (ה) צוא זאגין שטייט אויף אונ לאמיר זיך שטארקין אין דער הייליגר תורה אדר אין דער מצוה וואש קיינר פארשט זיא ניט · אונ לאמיר זיא דער הייבין פון איר ירידה וואש דיא מענטשין האבין זיא פאר לאזט פון איין לאנגע צייט · אונ איצונד לאמיר זיך מכוין זיין זיא מקיים צוא זיין פון וועגין דעם יחוד פון גאט ב"ה מיט זיין שכינה · דענמאלט איז וואול דעם מענטשין וואש ער טוט דאש · אונ וואול איז צוא זיין נשמה · אונ דאש מיינט דר פסוק · עת לעשות לה' עש איז צייט צוא טאן איין מצוה פון גאטש וועגין אונ דיא לייט דער צוא דער וועקין דאש איז אז דוא זעהסט הפרו תורתך אז דיא לייט פאר שטערין דיא תורה אדר דיא מצוה אונ וועלכער עש פעדערט זיך דענמאלט זיא מקיים צוא זיין דער היישט איין זריז אונ האט פיל שכר דער פאר: (ו) אונ דער סוחר וואש איז זייא נאך גיגאנגן האט זייא גיזאגט איך בעט פון אייך מיינע רביים אמת דער פסוק ווערט גוט גידרשת אזוא וויא איר זאגט נאר עש איז אביסל קשה נאך דעם פירוש נאך וואלט בדארפט שטיין יש לעשות לה' עש איז דער עיקר צייט מען זאל טאן פון גאטש וועגין דענמאלט אז דיא לייט פאר שטערין דיא תורה אדער עש וואלט גיהערט שטיין נעשה מיר וועלין טאן דיא מצוה פון גאטש וועגין ווארום שטייט עת לעשות וכו' · האט רבי יוסי גזאגט אין פיל ערלייא פאלין איז דער וועג אונז גוט אן גיברייט · איין מאל מיר זיינן נאר גיוועזן צווייא אונ היינט אז דוא בישט מיט אונז זיינן מיר שוין דרייא · ווער בוודאי דיא שכינה מיט אונז זיין · אונ ווידער מיר האבין גימיינט אז דוא בישט אזו וויא איין דארער בוים דאש מיינט מען איין עם הארץ · אונ איצונד ווייזט זיך אויש אז דוא בישט וויא איין צווייג האפטיגער בוים · נוא עפין דיין מויל אונ זאג דרויף וואש דו ווייסט: (ז) האט דר סוחר גיזאגט עש איז פאר האנדין אין דר קדושה איין עת דאש איז טייטש איין צייט דאש איז דער שם אדנ"י אזו וויא עש שטייט אין פסוק ואני תפלתי לך ה' עת רצון אונ עש איז פאר האנדן איין עת אין דער טומאה דאש איז איין צייט פון פורעניות וואש דאש קומט פון דיא לילית הרשעה וואש זיא הייסט נחש הקדמוני וואש

ולדבק בכל מאי דאפשר בההוא עת רצון שהוא בקדושה אשר השכינה כוללת כלל נשמותיהן של צדיקים ולכן נקראת השכינה כ״י כידוע ליודעי החן וע״ז הזהירה התורה עת לאהב השכינה ועת לשנוא דא הס״א של לילית׃ (ח) והראיה מכהן הגדול כשנכנס לבית קודש הקדשים לעורר רחמים על ישראל הזהירה התורה ואמרה (ואל יבוא בכל עת אל הקדש) ר״ל שהזהירה התורה שיבא הכהן אל הקדש במחשבת קדש ובפרט ביום הכפורים שהוא עת רצון שהוא היום שבו היה כפרה לישראל על חטא העגל ונקבע יום זה ג״כ לסליחה ולכפרה לדורי דורות ואסור לכהן ליכנס במחשבה זרה מסטרא אחרא חלילה׃ (ט) והנה כשישראל עוסקים בתורה ומצות אז התיקון הוא בימינא ובשלימתא בחדוה ביחודא חדא משא״כ כשישראל מתבטלין מהתורה ומתרשלין בקיום המצות וגמילות חסדים רק עינו היא צרה בחבירו וכל מעשיו הוא פעולת שוא ושקר וכל מעשיו הוא בערמה ומחלל השם בהסגת גבול אוי ואבוי כי אז האי עת קדישא בירידה התחתונה בעו״ה והשכינה היא אינה בשלימות ואינה בנהורא רבא ואז כת הפורענות היא מתגברת וידי ישראל יורדים מטה מטה וכמה רעות חם ושלום מתהווים מזה׃ (י) ובהאי שעתא מכריזים בשמים מי האיש הירא וחרד לדבר ה׳ לאזור כגבור חלציו להחזיק בתורתנו הקדושה ולעשות מצות ומעשים טובים ולזרז את הרבים לקיים התורה והמצות ועכשיו עת הזמיר הגיע לתיקון שכינה להביאה אל דודה וזהו סוד עת לעשות לה׳ ותיקן האי עת רצון לייחדא להקדוש ברוך הוא׃ (יא) אתו רבי יוסי ורבי חייא ונשקוהו ברישיה ואמרו אלמלי לא באנו לעולם אלא למשמע דא דיינו זכאה דרא דרשב״י דאפילו ביני טורייא חכמתא אשתכח תמן ואח״כ שאלו רבי יוסי ורבי חייא להסותר

מה

וואש פון איר ווערין דער וועקט שווערע גזירות אויף דיא ישראל ר״ל׃ אונ דרום זיינען דיא ישראל מוזהר צוא דער ווייטרן זיך פון דער טיר פון דער לילית׃ אונ פון אלע אירע שלעכטע מעשים וואש היינגן אין איר׃ אונ צוא גינעהנען אונ צוא בהעפטין זיך וויא ווייט מיגליך איז אין דר עת רצון וואש איז אין דער קדושה וואש דיא שכינה איז כולל אלע נשמות פון דיא צדיקים אונ דרום ווערט דיא שכינה גירופין כנסת ישראל׃ אונ דרום האט דיא תורה מזהיר גיוועזן עת לאהוב ועת לשנוא דאש איז גמיינט די שכינה וואש ווערט גירופין (עת) זאל מען ליב האבן אונ דיא סטרא אחרא די לילית זאל מען פיינט האבין׃ (ח) אונ איין ראיה איז פון דעם כהן גדול אז ער איז גינאנגן אום יום כפור אין קדשי הקדשים צוא דער וועקין רחמנות אויף דיא ישראל האט די תורה אים מזהיר גיוועזן ואל יבוא בכל עת אל הקודש דאש איז גימיינט דיא תורה האט אים מזהיר גיוועזן ער זאל קומען אין קדשי קדשים מיט איין היילינגע מחשבה אונ בפרט אום יום כפור וואש דענמאלט איז איין עת רצון דאש אין דעם טאג האט גאט פר געבין דיא ישראל די זינד פון דעם עגל׃ אונ דער טאג איז נקבע גיווארין אויף דורי דורות צו איין טאג פון כפרה אונ סליחה׃ דרום האט דר כהן נית גיטארט אריין גיין אין קדשי קדשים מיט איין מחשבה זרה פון דער סטרא אחרא חז׃ (ט) אונ נון אז די ישראל לערנן תורה אונ טוען מצות אזו קומט זייא גוטש אונ שפע מיט לויטר פרייד אונ שמחה פון דעם יחוד פון גאט ב״ה׃ אבר אז דיא ישראל זיינן מבטל פון דר תורה אונ טוען נית קיין מצות אונ גמילות חסדים׃ נאר איטליכר פאר גינט נית זיין חבר וואש גאט גיט אים׃ אונ זיינע מעשים זיינן איטל שוא ושקר אונ מיט ערמה אונ איז מחלל השם מיט השגת גבול׃ אוי וויא צוא דעם מענטשין׃ דען דענמאלט איז די עת רצון בירידה התחתונה בעונותינו הרבים׃ אונ דענמאלט שטארקט זיך דאש פורעניות׃ אונ די מאכט פון דיא ישראל נידרן מטה מטה אונ פיל רעות ווערין דער פון ח״ו׃ (י) אונ אין דער צייט רופט מען אויש אויף דעם הימל וועלכער מענטש וואש פארכט זיך אונ איילט זיך צוא גאטש רייד׃ צוא שטארקין זיך אין אונזר היילינגער תורה׃ אונ צוא טאן מצות אונ מעשים טובים׃ אונ אנדרע לייט אויך מזרז צוא זיין זייא זאלין מקיים זיין דיא תורה אונ מצות׃ דאש איז דער מאן וואש איז מייחד דיא שכינה צוא גאט ב״ה׃ אונ דאש איז דער סוד עת לעשות לה׳ דאש דיא שכינה וואש ווערט גרופן (עת) זאל ער מייחד זיין צוא גאט ב״ה׃ (יא) זיינן גיקומן רבי חייא אונ רבי יוסי אונ האבין אים גיקושט אויף זיין קאפ אונ האבין גיזאגט ווען מיר האלטין נית גיקומן אויף דער וועלט נאר צו הערין דאש דאזיגע וואלט אויך פאר אונז גינוג גיוועזן׃ וואול איז צוא דעם דור פון רשב״י דאש אפילו צווישן דיא סחרים גיפינט מען חכמה פון דער תורה׃ דר נאך האבין רבי יוסי

אונ

מה שמך אמר להו חנן אמרו ליה אלהים יחנך בני וישמע אלהים לקולך בשעתא דתצטרך ליה אמר רבי יוסי הא נטה שמשא והכא בתר טורא דא אית כפר קטן חד על שמך יתקרי כפר חנן · והלכו שם בלילה ולעו באורייתא וגילה להם סודות הרבה ע"ש באריכות בזוהר · (יג) ובתוך הדברים אמר שיזהר אדם בהם מאן דאתעדן על פתורא בתענוגי מאכלין אית ליה לאדכרא ולדאוג על קדושת ארץ ישראל ועל חורבן בית המקדש והקדוש ברוך הוא חשיב עליו האי עציבו דאיהו קא מתעציב כאילו בנה בית המקדש וכל הורבות ירושלים אתהדרין בבנין יופי זכאה חולקיה · (יג) שנית כוס של ברכה יקבלו בשתי ידים תחלה ויכוין כי שתי ידיו הן נגד אברהם ויצחק אברהם הוא סוד יד ימין מסיטרא דחסד ויצחק הוא סוד יד שמאל מסטרא דגבורה · והכוס שבין שתי ידיו הוא רמז ליעקב שהוא כלול מב' אבות כידוע ליודעי חן · ג' צריך ליתן עיניו בכוס של ברכה ויכוין בו שכמו כן ישגיח הקדוש ברוך הוא בהשגחה תדירא על ישראל ויקוים בנו עיני ה' אלהיך בה מראשית השנה · (יד) ד' שיהיה הלחם עדיין על השלחן שלא יהיה השלחן ריקם דהא לית ברכתא משתכח בדוכתא ריקניא ובפרט על פתורא ריקניא · וזהו סוד מאמר רז"ל שהיו מעמידים כוסות מלאים סביב כוס הברכה ולכן הזהיר רבינו שלמה לוריא ז"ל שלא יעמוד שום כלי ריקם על השלחן בשעת ברכת המזון כי אם מליאים · (טו) והואיל ואתי לידן מענייני כלים ריקים אימא ביה מילתא להזהיר העולם שהוא בדוק ומנוסה ולכן שומר נפשו ירחק ממנו · דע כי הזוהר הזהיר לכל איש ואשה אשר ירצו לילך לדרך או לילך להשרה להשתדל איזה דבר שצריך לו אם יפגע בצאתו מביתו כלי ריקם אזי לא ילך באותו יום לדרך ולא לשררה ומביא הזוהר ראיה מאלישע הנביא שאמר לשונמית היש לך מה בבית

אונ רבי חייא גיפרעגט דעם סוחר וויא אזו ער הייסט · האט ער צוא זייא גיזאגט איך הייש חנן · האבין זייא צוא אים גיזאגט גאט זאל זיך דער בארעמן איבר דיר מיין זון · אונ גאט זאל צוא הערין דיין קול אין דער צייט אז דוא וועשט בעטין צוא אים אונ דער סוחר האט זייא נאך פיל סודות מגלה גיוועזן : (יב) אונ אין מיטין דיא רייד האט ער גיזאגט פיר זאכין וואש דער מענטש דארף אין זייא נזהר זיין · דאש ערשטע איז · דער וואש עשט בייא דעם טיש גוטע מאכלים גיהער צו דר מאנען אונ צו זארגין זיך אויף דעם הייליקייט פון ארץ ישראל אונ אויף דעם חורבן בית המקדש · אונ דאש טרויערקייט וואש ער טרויערט אויף דעם חורבן בית המקדש רעכינט אים גאט ב"ה גלייך וויא ער בויעט דעם בית המקדש : אונ גלייך וויא אלע חורבות פון ירושלים זיינן ווידער גיבויט מיט איין שיין בויאונג · וואול איז זיין חלק : (יג) דאש אנדרע איז דאש דעם כוס פון דעם בענטשן זאל ער אים נעמן מיט זיינע ביידע הענט · אונ זאל מכוין זיין · אז זיינע צווייא הענט זיינען קעגין אברהם אונ יצחק · ווייל אברהם איז דיא מדה פון חסד דאש איז דיא רעכטע האנט · אונ יצחק איז דיא מדה פון גבורה · דאש איז זיין לינקע האנט · אונ דער כוס וואש איז צווישן זיינע ביידע הענט דאש איז איין רמז אויף יעקב וואש ער איז כלול פון דיא ביידע מדות · אזו וויא די בעלי המקובלים שרייבן · דאש דריטע איז ער מוז געבין זיינע אויגין צוא קוקין אויף דעם כוס של ברכה · אונ זאל דער מיט מכוין זיין · אזוא וואול וויא איך קוק אויף דעם כוס של ברכה · אזו אויך זאל גאט ב"ה משגיח זיין אלע צייט אויף דיא ישראל : (יד) דאש פערטע איז דאש ברויט זאל ליגין אויף דעם טיש בשעת בענטשין פון וועגין דער טיש זאל ניט זיין לידיג : ווארום קיין ברכה ווערט ניט גיפונן אין קיין לידיג ארט אונ בפרט אויף איין לידיגין טיש · אונ דאש איז דר סוד פון אונזרע חכמים וואש זייא פלעגין ארום דעם כוס של ברכה שטעלין כוסות פול מיט משקות אונ דרום האט דער רבינו שלמה לוריא ז"ל מזהיר גיוועזן אז ער זאל ניט שטעלין קיין שום לידיגע כלי אויף דעם טיש בשעת בענטשין נאר פולע כלים : (טו) אונ וויל מיר שמועסין דא פון לידיגע כלים · ווערין מיר דריגען זאגין איין זאך מזהיר צו זיין דעם עולם אזעלכעש וואש איז בדוק ומנוסה דרום דער וואש היט זיין לייב זאל זיך דר פון מרחיק זיין ווייש אז דער זוהר איז מזהיר צוא איטליכין מאנזביל אדער איין אשה וואש גייט אין וועג אריין אדער זייא ווילן גיין צו איין שררה פון וועגין בייא אים צו פועלין איין זאך אדער עפעש בייא אים צוא קויפין · אויב וויא דער מענטש גייט ארויש בגעגינט ער איינם וואש טראגט לידיגע כלים · זאל ער דעם טאג ניט גיין אין וועג אריין אדער צוא דעם שררה

ב בית ותאמר אסוך שמן אמר הנביא הא בודאי יחול עליך ברכה ממה דכתיב כשמן הטוב יורד וגו' על הררי ציון כי שם צוה ה' את הברכה משא"כ על כלי ריקם תמן לית ברכתא וכו' ולכן צריכין גם כן להסיר כלים ריקים מהשולחן בשעת ברכת המזון ודי באזהרה זו · (טז) הנלמד מזה הפרק הוא דהקבלת אורחים הוא גדול מהקבלת פני השכינה · והשנית כשרואה אדם איזה דבר מצוה שצריך לאזור כגבור חלציו לקיימה ולעורר גם אחרים להחזיק המצוה · ג' צריך האדם ליזהר אף שהוא חשוב ולמדן צריך לנהוג כבוד בכל אדם · (יז) וראיה מר' יוסי ור' חייא שנהגו כבוד בההוא טייעא דהוה שמו חנן ולבסוף ברכו ג"כ אותו ולא נהגו גאוה בנשיאותם · (יח) גם צריך האדם ליזהר בד' דברים שכתבתי המנהג בשעת סעודה ועיקר שלא יהיה כלי ריקם על השולחן בשעת ברכת המזון ואז ימלא ברכת ה' בכוס של הברכה כי שם צוה ה' את הברכה :

פרק סה **אמרו** רז"ל במסכת אבות ובטוב העולם נדון והכל לפי רוב המעשה · הנה הגאון אדוני אבי הרב המפורסם מהור"ר אהרן שמואל קאיידנוואר ז"ל פירש ע"פ דאיתא בגמרא דקידושין ת"ר לעולם יראה אדם עצמו כאילו חציו חייב וחציו זכאי עשה מצוה אחת אשריו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף חובה שנאמר וחוטא אחד יאבד טובה הרבה וגו' · (כ) והנה קשה בדברי רז"ל קושית משה רבינו עליו השלום דהקשה מפני מה יש צדיק וטוב לו וצדיק ורע לו רשע וטוב לו ורשע ורע לו והיאך אמרינן דבטוב העולם נדון לזה בא בעל המאמר לתרץ קושית משה רבינו ע"ה דהכל הוא אחר רוב המעשה א"כ אפילו האדם הוא צדיק גמור ועושה עבירה בשעה שהעולם הוא מחצה על מחצה חציו זכיות וחציו עונות

און דרום באדארף מען אויך אפ טאן דיא ליידיגע כלים פון דעם טיש בשעה בענטשין : (טז) פון דעם פרק ווערט אפ גילערינט אז צו צו נעמען דיא אורחים איז גרעשער פון מקבל צו זיין די פני שכינה · און דאש אנדערע ווערט אפ גילערינט אז איין מענטש זעהט עפש איין דבר מצוה מוז ער זיך שטארקין זיא מקיים צוא זיין און זאל נאך אנדערע אויך דער וועקין צוא האלטין דיא מצות · דאש דריטע ווערט אפ גילערינט דער מענטש מוז נזהר זיין דאש האטשע ער איז איין חשוב און איין למדן זאל ער פארט נוהג כבוד זיין איטליכין מענטשין : (יז) און איין ראיה איז דער צוא פון רבי יוסי און רבי חייא וואש זייא האבין נוהג כבוד גיוועזן אין דעם סוחר וואש האט גיהייסין חנן און צום סוף האבין זייא אים גיבענטשט און האבין זיך ניט גיהאלטין בעל גאוה מיט זייער נשיאות : (יח) אויך מוז דער מענטש נזהר זיין אין דיא פיר זאכין וואש פריער זיינען גישטאגען · און דער עיקר איז קיין ליידיגע כלי זאל ניט שטיין אויף דעם טיש בשעת בענטשין און דענמאלט וועט ער ווערין דער פילט מיט דער ברכה פון גאט און וועט האבין מזל און ברכה אמן :

פרק סה אמרו אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט אין דער מסכת אבות ובטוב העולם נידון והכל לפי רוב המעשה מיט גוטש ווערט דיא וועלט גימשפט און אלץ איז נאך דיא פיל מעשים נאך · האט מיין פאטער דער גאון מפורש גיוועזן דעם פשט דער פון דאש מיר האבין גילערינט אין מסכת קידושין דיא רבנן האבין גילערינט אייביג זאל דער מענטש זיך זעהן גלייך וויא ער האט גיטאן האלב עבירות און האלב מצות · טוט ער איין מצוה איז וואול אים וואש ער האט זיך מכריע גיוועזן מיט גאר דער וועלט לכף זכות · האט ער גיטאן איין עבירה · איז וויא צוא אים וואש ער האט זיך מכריע גיוועזן מיט גאר דיא וועלט לכף חובה דען אזו שטייט אין פסוק און איין עבירה מאכט פאר לירין פיל גוטש : (כ) און נון אין דער משנה איז קשה דיא קשיא פון משה רבינו ע"ה דאש ער האט גיפרעגט · פאר וואש איז פאר האנדין איין צדיק וואש איז אים גוט און איין צדיק וואש איז אים שלעכט און איין רשע וואש איז אים גוט און אזו איין רשע וואש איז אים שלעכט · און וויא זאגין מיר ובטוב העולם נידון מיט גוטש ווערט דיא וועלט גמשפט · דרום פאר ענטפערט עש די משנה ווייטר והכל לפי רוב המעשה דען אלץ ווענט זיך נאך דיא מעשים נאך וואש זיינען מער · דרום אפילו ווען דער מענטש איז איין צדיק גמור און ער טוט איין עבירה בשעת דיא וועלט איז האלב זכאי און האלב חייב איז ער דיא וועלט מכריע לכף חובה · דענמאלט איז שלעכט דעם צדיק · און אזו אויך איז פאר קערט אז דער רשע טוט איין מצוה בשעת אז

עונות והוא מכריעו לכף חובה אזי הוא צדיק ורע לו וכן להיפך אם רשע עושה מצוה בשעה שהעולם מחצה על מחצה וא"כ הוא מכריע את העולם לכף זכות ומזכה את הרבים אזי הוא רשע וטוב לו ולכל דייקינן והכל הוא לפי רוב המעשה וק"ל וזה דברי פי חכם חן׳ (ג) ולי נראה כי בעולם הזה האדם נידון לפי רוב הממון וכמשאדל רבי היה מכבד עשירים כי כל הכבוד המדומה שיש עכשיו בעתים הללו הוא תולה הכל בעושר והכסילים מביאים ראיה מרבי שהיה מכבד עשירים אבל אינם יודעים שרבינו הקדוש היה ג"כ מכבד לעניים לומדי תורה כי המה בעלי המעשה ובעולם הבא חולקין כבוד לפי רוב מעשים הטובים ולא לפי רוב הממון וזהו הפירוש בגמרא ובטוב העולם נידון כנ"ל אבל הפירוש והכל לפי רוב המעשה ר"ל שהם תלמידי חכמים שהם בעלי המעשה׳ (ד) ולכן יש התעוררות גדול לכל איש אשר גם כן זיכהו ה׳ בעושר והוא רב או נגיד בקהלה במדינה אל יקל בשביל עשרו בכבודן של תלמידי חכמים לאנהגא בהון קלנא חס ושלום ויחשוב תמיד שאומנות בעלי תורה היא למעלה מכל אומנות שבעולם וכל מי שמתכבד בקלון חבירו בשביל כבודו שמתנשא באשר שהוא ראש ואינו מסביר פנים יפות לכל העם הנצבים עליו על זה עתידין ליתן את הדין ולהיות כבושים תחת רגליהם ושם יתאוו לראות באור שלהם ולהנות ממנה תחשכנה עיניהם מראות בכבודן׳ (ה) והנה בכמה מקומות האדם מוזהר ודינו הוא קשה בשביל שמבזה בעלי תורה והכרוז מכריז בכל יום אוי להם לבריות מעלבונה של תורה ע"כ יראה האדם לחלוק כבוד לתלמיד חכם באשר שהקדוש ברוך הוא חפץ בכבודן ויהיה זהיר לגדל ולרומם כבודם ותפארתם של בעלי תורה ואף אם כסא האדם הוא בין הגדולים תשים אל לבך שכסא של תלמיד חכם גדול מכסאך׳ (ו) וכמו שמצינו שחזקיהו מלך יהודה ע"ה כשהיו באים אליו תלמידי חכמים היה

עומד

דיא וועלט איז האלב חייב אונ האלב זכאי איז ער מכריע דיא וועלט לכף זכות׳ אונ איז מזכה רבים דענמאלט איז דעם רשע גוט אויף דער וועלט׳ דרום זאגט דיא משנה והכל לפי רוב המעשה אונ אלץ ווענט זיך נאך די מעשים וואש זיינען מערי אזו וויא פריער איז גישטאנן אזו האט גיזאגט מיין פאטר ז"ל: (ג) אונ מיר דאכט זיך דען אויף דר וועלט ווערט דער מענטש גמשפט ווערליג דעם פיל געלט׳ אונ אזו וויא אונזרע חכמים ד"ל זאגין רבי האט ערליך גיהאלטן די עשירים׳ דען גאר דער כבוד וואש עש איז פר האנדן אין היינטיגע צייטן היינגט אלץ אן אין עשירות׳ אונ דיא נארים ברייננן זיך איין ראיה פון רבי וואש ער האט מכבד גיוועזן דיא עשירים׳ אבר זייא ווייסן ניט אז רבי האט אבער דיא ארמע לייט בעלי תורה אויך מכבד גיוועזן וויל זיי טוען מעשים טובים׳ אונ אויף עולם הבא טיילט מען אפ כבוד ווערליג דיא פיל מעשים טובים וואש דר מענטש האט אונ ניט נאך דעם פיל געלט נאך׳ אונ דאש מיינט דיא משנה ובטוב העולם נידון אונ מיט גוטקייט ווערט די וועלט גמשפט והכל לפי רב המעשה אונ אלץ ווערט גמשפט אויף יענר וועלט נאך די פיל מעשים טובים דאש מיינט מען אויף עולם הבא גיט מען כבוד צו ת"ח וואש האבין פיל מעשים טובים: (ד) דרום איז פר האנדן גרויש התעוררות צו איטליכן מענטשין וואש גאט האט אים מזכה גיוועזן מיט עשירות אונ ער איז איין רב אדר איין העך אין איין שטאט זאל ער פון וועגין זיין עשירות ניט גרינג האלטן דעם כבוד פון דיא חכמים אין זייא נוהג צוא זיין שאנד ח"ו׳ אונ ער זאל תמיד טראכטין אז דאש אומנות פון תורה לערנן איז בעשר פון אלע אומנות פון דער וועלט׳ אונ איטליכער וואש ווערט גיערליכט מיט דער שאנד פון זיין חבר פון זיין כבוד וועגין דאש ער האלט זיך בעל גאוה וייל ער איז איין ראש׳ אונ נעמט ניט צוא בסבר פנים יפות צוא אלע לייט וואש שטייען פאר אים׳ דיא וועלין מוזין דרויף דין אונ חשבון געבין׳ אונ וועלין זיין בצוואונגן אונטר דיא פיס פון דיא ת"ח׳ אונ דארטין וועלין זייא גלושטין צו זעהן אין דעם ליכט פון דיא ת"ח אונ דער פון הנאה צו האבין׳ אבר זייערע אויגן וועלין פינצטר ווערין פון צו זעהן אין זייער כבוד: (ה) אונ נון אויף פיל ערטר האב איך שוין מזהיר גיוועזן דעם מענטשין דאש זיין דין איז שווער פון וועגין ער איז מבזה די בעלי תורה׳ אונ אויך דעם הימל רופט מען אויש וויא איז צוא דיא לייט וואש זיינן מבזה דיא בעלי תורה׳ דרום זאל דער מענטש זעהן כבוד אן טאן צוא דיא ת"ח׳ וויל גאט ב"ה וויל אין זייער כבוד אונ ווען אפילו דיין שטול איז צווישן דיא גרוישע לייט זאלשטו טאן צוא דיין הארץ אז דיא שטול פון דיא ת"ח איז גרעשר פון דיין שטול: (ו) אזו וויא מיר האבין גיפונען

בייא

עומד מכסאו ויצא לנגדם והיה מחבקו ומנשקו ואומר לו רבי רבי אבי אבי רכב ישראל וכן היה אומר אנטונינוס לרבינו הקדוש הלואי הייתי מצע התחיך בעולם הבא · ומי שמנהיג נשיאותו ברמה בשביל להרבות כבודו אזי רימה תאכלהו ולעפר תורד כבודו והעיקר שצריך האדם להזהר בכבוד רבו כמו בכבוד אביו ואמו וצריך להתפלל עבור רבו ועבור אביו ואמו וכה יאמר בקצרה רבש״ע יהא רעוא מן קדמך שתתן חיי אריכא ומזוני רויחא וסייעתא דשמיא לאבי מורי ואמי מורתי ולרבותי ולכל בני משפחתי לאריכות ימים יהיו לרצון אמרי פי וגו׳ · לכן צריך האדם להשליך מדת הגאוה ולהחזיק במדת הענוה · (ז) ואף דאמר רבי חייא בר רב אשי אמר רב תלמיד חכם צריך להיות בו גאוה א׳ משמיני שבשמינית ומעטר ליה כסאסאה לשבולתא שמעתי הפירוש בשם הגאון מהור״ר וואלף ז״ל אב״ד דק״ק פוזנא דאמר שכוונת רבי חייא היה בזה שאדרבה שתלמיד חכם צריך להיות עניו ולכן אמרו אחד משמיני שבשמינית דע כי השם הקדוש של ע״ב היוצא מפסוקים ויס״ע ויב״א וי״ט כאשר הוא מסודר בזוהר פרשת בשלח ברתיכא קדישא עלאה תמצא בשורה שמינית אחד משמונה שמות שבה תיבת ענ״ו וקל להבין ושפתים ישק

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| והו | יל״י | סי״ט | על״ם | מה״ש | לל״ה | אכ״א | כה״ת |
| הז״י | אל״ד | לא״ו | הה״ע | יז״ל | מב״ה | הר״י | הק״ם |
| לא״ו | כל״י | לו״ו | פה״ל | נל״ך | יי״י | מל״ה | חה״ו |
| נת״ה | הא״א | יר״ת | שא״ה | רי״י | או״ם | לכ״ב | וש״ר |
| יח״ו | לה״ח | כו״ק | מנ״ד | אנ״י | חע״ם | רה״ע | יי״ז |
| הה״ה | מי״ך | וו״ל | יל״ה | סא״ל | ער״י | עש״ל | מי״ה |
| וה״ו | דנ״י | הח״ש | עמ״ם | ננ״א | ני״ת | מב״ה | פו״י |
| נמ״ם | יי״ל | הר״ח | מצ״ר | ומ״ב | יה״ה | ענ״ו | מח״י |
| דמ״ב | מנ״ק | אי״ע | חב״ו | רא״ה | יב״ם | הי״י | מו״ם |

בייא יחזקיהו מלך יהודה ע״ה דאש אז די ת״ח פלעגן קומן צו אים · פלעגט ער אויף שטיין פון זיין שטול אונ זיי אנטקעגין גיין אונ פלעגט צוא איטליכן ת״ח קושין אונ האלזין אונ האט אים גיזאגט דוא בישט מיין רבי דוא בישט מיין פאטער דוא בישט איין מגין אויף דיא ישראל אונ אזוא אויך האט דר אנטונינוס גיזאגט צו רבינו הקדוש הלוואי זאל איך אויף עולם הבא זיין דיין פיסן בייגקל · אונ דער וואש פירט זיין נשיאות מיט הוכקייט פון זיין כבוד וועגין · ווערין אים ווערים עסין אונ זיין כבוד וועט גידרן צוא דער ערד · אונ דער עיקר איז דער מענטש מוז נזהר זיין אין דעם כבוד פון זיין רבי אזו וויא אין דעם כבוד פון זיין פאטר אונ מוטר · אונ ער מוז מתפלל זיין פאר זיין רבי אונ פאר זיין פאטר אונ מוטר · אונ אזו זאל ער זאגין רבונו של עולם · עש זאל זיין איין ווילין פון פאר דיר אז דוא זאלשט געבין לאנג לעבין אונ פרנסה בריות אונ הילף פון דעם הימל צו מיין פאטר אונ מיין מוטר · אונ צו מיינע רביים · אונ צו גאר מיין משפחה אויף לאנג לעבין יהיו לרצון וכו׳ · אונ דרום מוז דער מענטש אוועק ווארפין דיא מדה פון גאוה אונ צו בגרייפין אין דער מדה פון ענוה : (ז) אונ חאטשע רבי חייא האט דאך גיזאגט איין תלמיד חכם מוז האבין איין אכט חלק פון איין אכט חלק גאוה · האב איך גיהערט דעם פירוש דרויף פון הגאון הרב מהור״ר וואלף דר רב פון פוזנא דאש ער האט גיזאגט אז רבי חייא מיינט דער מיט אז דער ת״ח מוז דווקא זיין איין עניו · אונ דרום זאגט ער דאש לשון שמינית שבשמינית אז טייטש איין אכט חלק פון איין אכט חלק אונ זאגט גיט איין פיר אונ זעכציג חלק · דען זאלשט ווישן אז פון דיא פסוקים ויסע ויבא ויט גייען ארויש צוויא אונ זיבציג שמות אונ זייא

זיינן

(ח) והנה לפי דעתי במה שאמר רבי חייא הוא הענין ברמז שצריך האדם להיות עניו ולא אמר זה בפירוש אלא אמר הלשון צריך להיות נוהג שמינית שבשמינית נראה מזה דבא לרמז שאפ"ה יאות לתלמיד חכם לנהוג קצת סלסול בעצמו וכדאמרינן ומעטרא ליה כסאסאה לשבולתא יע"ז אמר ר"נ אחר כך אנא לא בעינא לא מינה ולא מקצתה פירוש אין אני חפץ אף בסלסול ונדנוד שום גאוה אפילו מעט מזער ורמז באמירתו בנעלם של מינה ומקצתה רצה לומר מהשורה השמינית ומקצתה מהשם השמיני וכל זה מרמז למעט הגאוה בכל אפשרי אפילו במעט הנרמז במלה לא מינה ולא מקצתה ועל זה סיים מר זוטרא מאי דכתיב תועבת ה' כל גבה לב אפילו כל דהו משמע והטעם הוא מפורסם כל המתגאה כאלו עובד גלולים והגאוה היא תקרובת עבודת גלולים כמ"ש לקמן בסייעתא דשמיא: (ט) על כן אני מזהיר על מדת הענוה כמו שאמר הכתוב צלח רכב על דבר אמת וענוה צדק ולא ענוה של רמיה כדי להראות פנים של ענוה לבריות הלא אלהים יחקר זאת ואל אלהי הרוחות יביא במשפט למי שאינו נוהג באמת ובענוה אבל מי שנוהג בענוה ובאמת עליו נאמר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו אמן:

פרק סו **לפי** מה שכתבנו לעיל יבואר גמרא אמר רבי יוחנן בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה וכו' הפירוש הוא כך לפי עניות דעתי כי כבר כתבנו לעיל דשם ענ"ו הוא שם שמינית שבשמינית והנה זה מבואר השם הגדול הנקרא חס"ד הוא גימטריא ע"ב וזהו שאמר רבי יוחנן כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקדוש ברוך הוא ר"ל שם הגדול שהוא שם המפורש שהוא בחס"ד בע"ב שמות שם אתה מוצא ענותנותו של הקדוש ברוך הוא רצה לומר שם הוא מרומז דהקדוש ברוך הוא הוא ענו וק"ל: (ב) ועיקר ענותנותו של האדם צריך להיות במתון כל מעשיו ולהתבונן אם לא פגם ח"ו בכבוד הקב"ה ובכבוד

יינן מסודר אויף אכט שורות אונ אין איטליכער שורה אכט שמות · אזו וויא אין פנים שטייט · אונ אין דער אכטער שורה איז פאר האנדן איין שם פון דיא אכט שמות וואש היישט ענו דר שם ווייזט אז מען גיהער איין עניו צו זיין: (ח) זאגט דער מחבר אונ נון נאך מיין דיעה נאך איז דאש וואש רבי חייא זאגט נאר מיט איין רמז אז דער ת"ח זאל זיין איין עניו אונ ווארום זאגט ער ניט ארויש בפירוש דער ת"ח דארף זיין איין עניו נאר דער מיט קומט ער מרמז זיין אז דר ת"ח דארף פארט ווייזן אביסל גדלות אונ דרויף זאגט רב נחמן איך וויל אפילו גאר ווייניג גאוה אויך ניט האבין · אונ דעם טעם ווייסט מען דאך שוין ווייל דער וואש האלט זיך בעל גאוה איז גליך וויא ער דינט גלולים · אונ דיא גאוה איז דיא תקרובת פון גלולים אזו וויא מיר וועלין ווייטר שרייבן מיט גאטש הילף: (ט) דרום בין איך מזהיר דער מענטש זאל זיין איין עניו · אונ ניט קיין ענוה פון פאלשקייט דאש איז פאר לייט צוא ווייזן זיך פאר איין עניו אבר באמת זאל ער האבין גאוה · דען פאר וואר גאט וועט דאש פארשטין · אונ גאט ב"ה וואש האט בשאפין אלע נשמות וועט ברייגגען צום משפט דעם וואש פירט זיך ניט באמת אונ מיט ענוה אבר דער וואש פירט זיך יוא באמת אונ בענוה אויף דעם ווערט גיזאגט ואוהביו כצאת השמש בגבורתו אונ זיינע ליב האבער וועלין זיין אזוא וויא דיא זון גייט ארויש אין איר שטארקייט אמן:

פרק סו **לפי** וועדליג מיר האבין פריער גישריבן קען מען פאר שטיין איין גמרא וואש רבי יוחנן זאגט אין אלע ערטער וואש דו וועשט גיפינען די גדולה פון גאט ב"ה דארטין וועשטו גפינען זיין ענוות דאש גאט ב"ה איז איין עניו · איז דער פירוש דער פון אזו · דען מיר האבין שוין פריער גשריבן אז דר שם עניו איז דער שמיני שבשמינית · אונ דאש איז ידוע דאש דר שם וואש ווערט גירופין חסד טרעפט אן צוויא אונ זיבעציג דאש מיינט רבי יוחנן אויף דאש ארט וואו דו וועשט גפינען דאש גרושקייט פון גאט ב"ה דאש איז דער גרושער שם חסד וואש ער טרעפט אן צוויא אונ זיבעציג דאש זיינען דיא צוויא אונ זיבעציג שמות דארטין וועשטו גפינען מרומז צווישין דיא שמות עניו צו ווייזן אז גאט ב"ה איז איין עניו: (ב) אונ דאש ענוות פון דעם מענטשין מוז זיין דאש אלע זיינע מעשים זאלין זיין מיט ישוב אונ צוא פאר שטיין אויב ער האט ניט פוגם גיוועזן ח"ו אין דעם כבוד פון גאט ב"ה · אונ אין דעם כבוד פון לייט · אונ דיא מדה פון גאוה איז דאש גישווינדיקייט וואש דער מענטש גיוויינט זיך צוא אלע

שלעכטע

ובכבוד הבריות ומדת הגאוה היא המהירות שמרגיל האדם לכל דברים רעים וחטאים לה׳ ומדה זו עבירה גוררת עבירה גורם חימוד ממון באמרו כמה מעלות יש בי ועל כרחך מקויים בי אל תגעו במשיחי ולא תגע בי יד ומכל שכן בממוני ובנכסי וזהו אי אפשר כי אם יושב יחידי בלתי שכונות בני אדם סביביו: (ג) גם עבירה של גאוה הוא גורם שמלבין פני חבירו ברבים כי הבעל גאוה מדקדק על כבודו כחוט השערה וגם זה אי אפשר בנגיעת כבוד של המתגאה ובמעט מזער מתרגז ולבו בוער כאש של גיהנם ומחרף ומבזה ומלבין את פני הבריות וקי״ל כל המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא: (ד) גם גורם ערבוב השכל בתורה ובתפלה׳ ומה נספר בחסרון מדת הגאוה הלא קצרה היריעה׳ הגאוה מביא האדם לדבר דברים שהוא גניבת דעת כגון שאמר מפני הגאוה לבריות לכבודך אני עושה וכך וכך אני אעשה ולבו בל עמו׳ (ה) ובא וראה מה דאיתא בזוהר פרשת ויצא על דקדוק האמת ויושר רבי יצחק הוי יתיב קמי חד מערתא עבר חד בר נש והרין בנין עמיה והוי אזיל אמר הבן האחד דא תוקפא דשמשא מסטרא דדרום איהו ועלמא לא אתקיים אלא על רוח ורוח איהו קיומא שלימא דכל סטר ואלמלא רוח לא יכיל עלמא לאתקיימא וכו׳ תא חזי בשעתא דיחדו שבטי יה ואמרו שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד כדין אתחבר יעקב אבוהון עם שבטי יה ואמר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד (ר״ל אם בעל נפש אתה תבין כי מדת החסד אשר נכללת בה מדת הגבורה שהוא תוקפא דשמשא ועי״כ ממתיקין הדינים שבגבורה והכל הוא ע״י מדת אמת של יעקב): (ו) אמר רבי יצחק אשתתף בהדייהו ואשמע אי קאמרי אזיל בהדייהו ושמע מינייהו כמה רזין דאורייתא ע״ש בכה רבי יצחק וכו׳ אמר האי בר נש לרבי יצחק זיל לאורחך ואנא איזיל למתא להילולא דברי אמר רבי יצחק השתא אית זימנא למיהך לאורחי לחודי הואיל שאמר לי בפירוש שלא אלך עמהם ולא זמנא לי לבי הילולא׳ (ז) אזל רבי יצחק וסדר מילין אלין קמיה דרשב״י אמר רשב״י ודאי שפיר קאמרי ואלין הן מבני בנוי דרבי צדוק חלשא ומ״ט היה נקרא חלשא דארבעין שנין הוה בתענית על ירושלים דלא יתחרב ביומיה והוה פריש

שלעכטע זאכן׳ אונ דיא דאזיגע מדה איז גורם צוא גלוסטן נעלט׳ ווייל ער זאגט איך האב פיל מעלות: (ג) אויך איז דיא גאוה גורם מבייש צוא זיין חבר פאר פיל לייט׳ ווארום איין בעל גאוה איז זייער מדקדק אויף זיין כבוד אונ אז איינער איז פוגם בכבודו וויא אחוט השערה ווערט ער תיכף צארינדיג׳ אונ זיין הארץ ברענט אזו וויא דאש פייער פון דעם גיהנם אונ איז יענם מבזה אונ פאר שעמט אים צווישן פיל לייט׳ אונ דער וואש פאר שעמט זיין חבר צווישן פיל לייט האט ניט קיין חלק לעולם הבא׳ (ד) אויך איז ער גורם זיין שכל זאל צוא מיטש זיין אין דער תורה אונ אין דער תפלה אונ וואש זאלין מיר דער ציילן אין דעם חסרון פון דער מדה פון גאוה פאר וואר קיין פאפיר וועט ניט קלעקין דאש אויש צוא שרייבין׳ דיא גאוה ברייננגט דעם מענטשין צוא ריידן זעלכע רייד וואש גנבענען דיא דעה פון לייטן דהיינו מחמת גאוה זאגט ער צוא איינעם׳ פון דיין כבוד וועגין האב איך אזו אונ אזוא גיטאן׳ אונ אזו אונ אזו וועל איך טאן׳ אונ זיין הארץ איז גאר ניט דער ביא נאר ער זאגט עש פון וועגין יענר זאל אים כבוד אן טאן: (ה) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר פרשה ויצא רבי יצחק איז

על

גיזעסין פאר איין מערה׳ איז פאר אים איבער גיגאנגן איין מענטש אונ זיינע צוויא זין זיינען גיגעגן מיט אים׳ האט איין זון גיזאגט צוא זיין פאטער דאש שטארקייט פון דער זון איז פון דרום זייט אונ דיא וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר אויף דעם ווינט׳ אונ ווען דר ווינט זאל ניט זיין וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט אונ האט נאך פיל סודות גיזאגט: (ו) האט רבי יצחק גיזאגט איך וועל זיך משתתף זיין מיט זייא: אונ וועל הערין וואש זייא זאגין׳ איז ער גיגאנגען מיט זייא אונ האט גיהערט פון זייא פיל סודות פון דער תורה׳ האט דער מענטש גיזאגט צוא רבי יצחק גייא דיר צוא דיין וועג׳ אונ איך וועל גיין אין שטאט אריין אויף דער חתונה פון מיין זון האט רבי יצחק גיזאגט איצונד איז דיא צייט איך זאל מיר אליין גיין צוא מיין וועג ווייל ער האט מיר בפירוש גיזאגט איך זאל מיט אים ניט גיין אונ האט מיך ניט גיבעטין אויף דער חתונה׳ (ז) איז רבי יצחק גיגאנגען׳ אונ האט דאש דער ציילט פאר רבי שמעון בן יוחאי׳ האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט זייא זאגין בוודאי רעכט׳ אונ זייא זיינען פון דיא איניקליך פון דעם שלאפין רבי צדוק׳ אונ פאר וואש האט מען אים גירופן דער שלאפר רבי צדוק׳ ווייל ער האט

גיפאסט

על כל מלה ומלה דאורייתא רזין עלאין · (ח) ולא הוו יומין זעירין שפגע רבי יצחק להאי רבי צדוק ובנו הקטן א״ל ר״י אן הוא ברך אוחרא א״ל עבידנא ליה הילולא ואשתאר אצל אשתו אחר כך שאל אותו מאי טעמא לא זמינת לי להילולא דבריך א״ל חייך דלא זמינך להלולא דברי בגין תלת מילי א׳ דלא ידענא בך דילמא אנת גברא רבא ואיפגם ביקרך׳ שנית דלמא אנת אזיל בבהילו לאורחך ולא אטרח לך · (ט) וטעם ג׳ הוא דלא תכסוף קמי חבורה דילן דכל אלין דאינון אכלין בפתורא דחתן וכלה כולהו יהבי מתנות ונבזבזן להחתן ואולי אנת גברא מסכנו א״ל רבי יצחק מאי שמך א״ל צדוק זוטא בההוא שעתא אר״י אוליפנא מיניה תריסר רזין דאורייתא · (י) ע״כ נלמוד מזה המעשה שאמרו דורות הראשונים בפיהם כאשר היה האמת בלבבם ומה מאוד הוא משובח הדבור של יושר כדאיתא בזוהר פרשה פקודי כי יש משחיתים מיוחדים אשר הם תחת שלטון של אף וחימה והמה ממונים לשמוע דברים של כל אלין דמחייכין במלין דאורייתא או במלין של יראה ומוסר· (יא) וכן הם מיוחדים לשמוע דברי כת המדברים איזה גנות ח״ו על איזה תלמיד חכם או על איזה אדם כשר ובאלו הדברים גורמים שהנחשים מפשיטים מעליהם את עור שלהם והוא כואב להם וצועקים בקול גדול עד שמעוררים את הנחשים המשחיתים העומדים בחדרי גיהנם הנקרא בור וגם הם מפשיטים עורם מעליהם וצועקים עד שמעוררים לנחש סמאל אשר הוא ממונה עליהם וקשקשת שלו הוא מונח לפניו ואז פורחים משחיתים ומחבלים היוצאים מקשקשים דיליה ומהם מתעוררים גזירות רעות וכל זה הוא על ידי דבור של דופי כנ״ל · (יב) וכן יש משחיתים מיוחדים הנקראים אוררי יום והם ממונים על מי שמקלל עצמו באיזה שעה

גיפאסט פערציג יאר אז ירושלים זאל ניט חרוב ווערין אין זיינע טעג אונ ער פלעגט בשיידין אויף איטליכר זאך פון דער תורה גרויסע סודות : (ח) אונ אין ווייניג צייט ארום · האט דער רבי יצחק בגעגנט דעם רבי צדוק מיט זיין קליינעם זון · האט רבי יצחק אים גיפרעגט וואו איז דיין אנדערער זון האט רבי צדוק אים גיענפרט איך האב אים חתונה גימאכט · אין ער גיבליבן ביא זיין ווייב · האט רבי יצחק אים גיפרעגט פאר וואש האשטו מיך ניט גיבעטין אויף דר חתונה פון דיין זון · האט ער אים גיענפרט איבר דרייא זאכין האב איך דיך ניט גיבעטין איין מאל ווייל איך קען דיך ניט טאמר בישטו איין גרוישר תלמיד חכם וועל איך אפשר פוגם זיין אין דיין כבוד · דאש אנדערע האב איך גיטראכט טאמר גייסטו היילינדיג צוא דיין וועג וואש דוא באדארפסט גיך אן קומן צו דיין ארט · דרום האב איך דיך ניט גיוואלט מטריח זיין : (ט) דאש דריטע איז פון וועגין דו זאלסט ניט מבויש ווערין פאר אונזער חברותא דען ביא אונז איז דר מנהג אז אלע וואש עסין אויף דער חתונה · גיבין זייא אלע מתנות צוא דער חתן וכלה · אונ טאמר ביסטו איין ארום מאן אונ האסט ניט קיין מתנה צוא געבין · וועסטו מבויש ווערן · האט רבי יצחק אים גיפרעגט וויא הייסטו · האט ער גיענפרט צדוק זוטא היים איך · האט רבי יצחק גיזאגט אין דער צייט האב איך פון אים גילערינט נאך צוועלף גרויסע סודות התורה : (י) פון דער מעשה ווערט גילערינט אז דיא ערשטע דורות פלעגין מיט זייער מויל זאגין אזו וויא דער אמת איז גיוועזן אין זייער הארץ · אונ וויא זייער איז גילובט דער דיבור וואש איינר רעט מיט יושר אונ מיט אמת אזו וויא עש שטייט אין זוהר פרשה פקודי דען עש איז פאר האנדן משחיתים וואש זייא זיינן אונטר דר גוועלטיקייט פון די אף וחימה · אונ זייא זיינען ממונה צוא הערין דיא רייד פון די וואש שפעטן אויש די רייד פון דער תורה אדער פון דיא רייד פון מוסר : (יא) אונ אזו אויך זיינן זייא מיוחד צו הערין דיא רייד פון דיא לייט וואש ריידן שלעכטע רייד אויף תלמידי חכמים אדער אויף אנדערע פרומע לייט אונ מיט דיא רייד זייען זייא נורם אז דיא שלאנגען מוזין אפ ציהן די הויט פון זיך זעלברט אונ דאש טוט זייא זייער וויא אונ שרייען מיט איין גרויש קול ביז זייא דער וועקין דיא משחיתים וואש שטייען אין דעם חדר פון דעם גיהנם וואש הייסט בור · אונ זייא האבין איין גישטאלט פון שלאנגען · ציהן זייא אויך אפ דיא פעל פון זיך זעלברט · אונ שרייען זייער ביז זייא דער וועקין דעם נחש (סם) וואש ער איז ממונה איבער זייא · הייבט ער אן צוא שאקלין מיט זיין קשקשת פליהן ארויש פיל מזיקים אונ משחיתים · אונ פון זייא ווערט דער וועקט שלעכטע גזירות אויף דער וועלט ח״ו אונ דאש קומט אלין איבר דיא שלעכטע רייד וואש דיא לייט ריידין אויף צדיקים : (יב) אונ אזו אויך זיינן פר האנדן משחיתים וואש ווערין גירופין אוררי יום · אונ דיא זיינן ממונה איבר דיא וואש שילטין זיך אמאל אדער

וואש

או שמקלל עצמו בכעס ונוטלין האי קללה ומקרבין ואותה אל נחש עקלתון בת של סמאל ועי"כ הוא מקטרג ומעורר צרות רבות ורעות וכן יש משחיתים על בר ישראל המגזם גיזומין שהם שלא כדת תורתנו הקדושה או שזורק כלי בחמתו אזי אותם הממונים נוטלין אותן דברים רעים ומעלים אותם לבית וועד שלהם ואומרים הא קרבנא דפלניא דקריב לן ומכריזין כרוז ווי להאי פלניא וכו' ראה גם ראה כמה שלוחים וממונים והרפתקאות וסיבות על האדם שיסודו הוא מעפר וסופו יהיה לעפר וכל זה ישים האדם אל לבו לחשוב אל הסוף ותכלית כי האדם אינו יודע מה יולד יום ומה יגרום לו השעה ומה תפעול לו הרגע כי התעיף עיניך בו ואיננו והרבה שלוחים למקום ברוך הוא לענות בו האדם ופתע פתאום נלכד בפח' יוקשים: (יד) והראייה מאיוב שהיה ירא אלהים וסר מרע ואעפ"כ על חטא קטן קטרג השטן עליו ונמסר הוא ובניו ביד השטן ונאבד עשרו ממנו כהרף עין ומתו בניו ואחר כך באו עליו יסורים כמבואר בספר איוב ומרוב הצער קילל איוב את יומו אשר נולד בו וידבר דברים קשים כלפי מעלה ועי' כן באו אליו חביריו והוכיחו את איוב ואמרו אליו שלא יבעט ביסורים כי כל דרכי ה' הם יבאו במשפט על דרכי בני האדם וכששמע איוב לעצת חביריו המוכיחים אותו בזכות זה אחריתו היה טוב מאוד וכפל כפלים נתן לו הקדוש ברוך הוא שכרו בעבור ששמע לקול יראה ותוכחה: (טו) והנה אכתוב לך מאמר אחד מזוהר פרשה לך לך שייך לענין זה וז"ל ויאמר מלך סדום אל אברם וגו' בשעה שהנשמה יוצאת מהגוף של צדיק ועוברת על פתח של גיהנם ורוצה לקרוא שם אל ה' בקול תפלה כי גדול כוחן של צדיקים שעל ידי תפלה יתן להם רשות להוציא רשעים מגיהנם אזי עומד

וואש ער שילט זיך מחמת כעס · אונ זייא נעמען דיא קללה אונ גיטרעגן זיא צוא דעם נחש עקלתון דיא בתה פון דעם (סם) · אונ דורך דעם איז דער (סם) מקטרג אונ ברייננט פיל בייזע צרות ח"ו · אויך איז פר האנדן משחיתים וואש זיינן ממונה איבר דעם יהודי וואש ווארפט איין כלי מיט זיין כעס · נעמען זייא דיא שלעכטע רייד אונ די כלי אונ ברייננן עש אויף צו זייער איין זאמלונג אונ זאגין דאש איז דר קרבן וואש דער דאזיגר מענטש האט מקריב גיוועזן צו אונז אונ רופין אויש ווייא איז צוא דעם דאזיגין מענטשן וואש ער האט אפ גיקערט : (יג) נוא זעה וויפיל שלוחים אונ ממונים אונ טרעפונג אונ סיבות וואש גייען איבר אויף דעם מענטשין וואש זיין גרונד איז פון ערד · אונ זיין סוף איז ער זאל ווערין ערד אונ דאש אליץ זאל דער מענטש טאן צוא זיין הארץ צו טראכטן אויף זיין סוף דען דר מענטש ווייסט ניט אלע טאג וואש מיט אים קען זיך טאן וואש איטליכע שעה וועט אים גורם זיין אונ וואש אין דר רגע וועט אים גווערקט ווערן' אונ גאט ב"ה האט דאך פיל שלוחים צו פייניגען מיט זייא דעם מענטשין אונ פלוצלונג ווערט ער גיכאפט אין דער גשטרויכילטע נעץ : (יד) אונ איין ראיה איז דער צוא פון איוב וואש ער איז גיוועזן איין גאטש פארכטר · אונ האט זיך אפ גיקערט פון בייז פון דעסט וועגין איבר איין קליינר עבירה · האט דר שטן אויף אים מקטרג גיוועזן · אונ ער מיט זיינע קינדר זיינן איבר גיענטפערט גיווארין אין דער האנט פון דעם שטן · אונ זיין עשירות איז פון אים פר לארין גווארן אין איין הרף עין · אונ זיינע זין זיינן גישטארבן · אונ דר נאך איז אויף אים גיקומען יסורים אזו וויא עש שטייט אין דעם ספר איוב · אונ מחמת זיין פיל צער האט ער גישאלטין דעם טאג וואש ער איז אין אים גיבארין גיווארין אונ האט גירעט קעגין גאט מחמת זיינע פיל יסורים · אונ דורך דעם זיינען גיקומען צו אים זיינע חברים · אונ האבין אים גישטראפט אונ האבין אים גיזאגט ער זאל ניט טרעטן אין די יסורים נאר ער זאל אלש אן נעמן באהבה ווארום אלע וועגין פון גאט זיינן גיגרונד פעסט גיווארין מיט משפט נאך דיא וועגין פון דעם מענטשן נאך' אונ וייל איוב האט צו גיהערט צו דר עצה פון זיינע חברים וואש האבין אים גישטראפט אין דעם זכות איז זיין סוף זייער גוט גיוועזן' אונ גאט האט אים גיגעבין זיין שכר כפל כפלים פון דעם גוטש וואש ער האט פריער גיהאט · פון וועגין ער האט צוא גיהערט צוא דעם קול פון דיא שטראף רייד : (טו) אונ נון איך וועל דיר שרייבין איין מאמר פון דעם זוהר וואש דאש גיהער צוא דעם ענין · דען דער זוהר רופט דעם שר פון דעם גיהנם (מלך סדום) אונ דיא נשמה פון דעם צדיק רופט דער זוהר (אברם) · אונ בשעת דיא נשמה גייט ארויש פון דעם גוף · אונ זיא גייט איבר אויף דער טיר פון דעם גיהנם אונ די נשמה וויל בעטין גאט זיא זאל

עומד שר של גיהנם שהוא נקרא מלך סדום עומד לנגד נשמת הצדיק שנקראת א״ב ר״ם שלא יתפלל על זאת כי אם כן מה הוא אומנתו שנוטלים מידו ורשותו מה שכבר נמסר אצלו · (טו) ואומר המלך סדום שהוא שר של גיהנם אל הצדיק הנה אתה צדיק מה לך להוציא אותן הרשעים שלא שמעו לקול הורים ומורים והעיזו פניהם לנגד תלמידי חכמים ע״כ הן שלי רשעים ההם ויאבדו אכן אותן שחטאו הרבה ולבסוף כששמעו לקול הורים ומורים וקבלו דבריהם בשמחה אף שלא עשו תשובה כלל נקראים רכוש של הצדיק שהחזירו במחשבתם למוטב אותן הרשעים קח לך מגיהנם וראוין הם לצאת על ידי תפלתו ולכן כתיב ויאמר מלך סדום שהוא שר של גיהנם אל אברם שהוא רמז לנשמת הצדיק הנקראת אברם שהנשמה היא חלק אלוה ממעל א״ב ר״ם ונשא תן לי הנפש ר״ל נפשותן של רשעים שלא שמעו לקול הורים ומורים אלא היו מלעיגים על דברי חכמים וחידותם והרכוש קח לך ר״ל אותן רשעים אשר שמעו לקול דברי המוכיחים בשמחה ולא היו מלעיגים נקראים רכוש של צדיקים קח לך והצילם מדינה של גיהנם · (יז) אז נשבעת לו נשמת הצדיק שלא ליקח מאותן הרשעים שהן חלק של שר גיהנם אשר לא שמעו לקול חכמים וזש״ה ויאמר אברם וגו׳ הרימותי ידי אל ה׳ אל עליון בשבועה שלא אתפלל בעד אותן הרשעים אשר היו מלעיגים על דברי תורה והיו מביישין תלמידי חכמים וזש״ה ולא אקח מכל אשר לך לאותן הרשעים אשר היו המוכיחים מכריזים לפניהם באותו עולם שהוא מעוררם ומוכיחם למוטב ופירשו להם ערך שכר גן עדן ועולם הבא ופירשו גם כן משפטי גיהנם והקשו ערפם לבלתי קחת מוסר: (יח) ולכן חלילה לי אם אקח מחוט ועד שרוך נעל רמז גם כן בזה

באותן

זאל האבין רשות ארויש צו נעמן דיא רשעים פון דעם גיהנם דענמאלט דער שר של גיהנם וואש ווערט גירופין מלך סדום · שטעלט ער זיך אנטקעגין דער נשמה פון דעם צדיק וואש ווערט גירופין אברם אונ זאגט אים ער זאל ניט מתפלל זיין דרויף : (טז) אונ דאש מיינט דער פסוק ויאמר מלך סדום אל אברם אונ דר שר של גיהנם זאגט צו דעם צדיק · נון דוא בישט דאך איין צדיק דוא וועשט דאך ניט זיין אין גיהנם וואש האשטו אויש צו ציהן פון דעם גיהנם די רשעים וואש זייא האבין ניט צוא גיהערט צוא דעם קול פון זייער לערנריש אונ האבין ניט גיוואלט צוא הערין קיין שטראף רייד אונ האבין מעיז גיוועזן קעגין די תלמידי חכמים · דרום זיינן די רשעים מיין · אונ לאזן זיי פר לארן ווערן · פר וואר די רשעים וואש האבן פיל גזינדיגט אונ צום סוף האבין זייא יוא צוא גיהערט אין דעם קול פון זייערע לערנריש · אונ האבין אן גינומן שטראף · אונ האבין מקבל גיוועזן מיט שמחה זייערע רייד דיא ווערין גירופין רכוש פון דעם צדיק די דאזיגע רשעים נעם דיר פון דעם גיהנם דרום שטייט אין פסוק דער שר של גיהנם זאגט צו דעם צדיק תן לי הנפש דיא רשעים וואש האבין ניט אן גינומן קיין שטראף אונ האבין גישפעט אויש דיא רייד פון דיא חכמים די גיב מיר כלומר לאז זייא בייא מיר אין גיהנם והרכוש קח לך אונ די נשמות וואש האבין יוא שטראף אן גינומן אונ האבין צו גיהערט די רייד פון דיא חכמים די דאזיגע נעם מיט דיר אין גן עדן אריין אונ זייא זייא מציל פון דעם גיהנם : (יז) דענמאלט שווערט אים דיא נשמה פון דעם צדיק ער זאל ניט נעמן פון דיא רשעים דאש זייא זיינן דאש חלק פון דעם שר של גיהנם · ווייל זייא האבין ניט צוא גיהערט צו דיא רייד פון דיא חכמים אונ דאש מיינט עש דער פסוק ויאמר אברם אונ די נשמה פון דעם צדיק זאגט צוא דעם שר של גיהנם הרימותי ידי אל יי אל עליון איך הייב אויף מיין האנט צוא גאט דעם אויברשטן גאט אונ שווער דיר · אז איך זאל ניט מתפלל זיין פאר דיא רשעים וואש האבין גישפעט אויש דברי תורה · אונ האבין מבייש גיוועזן דיא תלמידי חכמים אונ דאש זאגט ווייטר דר פסוק ולא אקח מכל אשר לך אונ איך וויל ניט נעמן פון דיא רשעים וואש גיהערין צוא דיר וואש דיא מוכיחים פלעגין פר זייא אויש רופין אויף דער וועלט מיט פיל שטראף רייד · אונ האבין זיי דר ציילט דעם שכר פון דעם גן עדן אונ עולם הבא · אונ האבין זייא אויך דר ציילט דיא משפטים אונ דיא יסורים פון דעם גיהנם אונ זייא האבין פארט ניט גיוואלט נעמן קיין שטראף רייד דרום וועל איך זייא ניט נעמן : (יח) זאגט דר פסוק ווייטר אם אקח מחוט ועד שרוך נעל דער צדיק זאגט חלילה צו מיר אויב איך וועל נעמן פון דיא רשעים וואש האבין מזלזל גיוועזן אין מצות ציצית · אונ זיינן גיגאנגן אן ציצית אונ ווען אפילו זייא גייען אין ציצית בשעת קריאת שמע אונ

תפלה

באותן הרשעים שהיו מזלזלים במצות ציצית והולכים בלי ציצית לגמרי ואף אם יש להם ארבע כנפות בשעת קריאת שמע ותפלה אינם יוצאים בזה שאינו מכסה ראשו ורוב גופו עד שרוך נעל שאין מדקדקים בהנחת תפילין שיהיו הרצועות שחורות ויהיו בלי שום קישור והרצועה צריך להיות בחתיכה אחת ולא בב׳ וג׳ חתיכות וראיתי העולם מקילין בזה אבל עונש העוברים ומזלזלים במצות ציצית ותפילין ומלעיגין על דברי תורה ומזלזלים את ת״ח ולצורבא מרבנן (כ) הם חלק שלך ומרשותך של שר של גיהנם: (יט) ואמר רבי יהושע בן לוי זימנא חדא פגעתי סמוך לשער הגיהנם שמעתי קול כרוז אותן רשעים שהיו מלעיגים על דברי חכמים והיו נדונים ביסורים קשים יותר מכל הרשעים ושמעתי קול מר ויללה מאד וצועקים ווי ווי דברי תורה ודברי יראה שמענו ולא הטינו אוזן היטב לשום על לבנו אוי ואבוי דברי חכמים שפירשו לנו שכר ועונש שמענו ולא קיימנו דבריהם ובתוך כך שמעתי קול שאומרים אלי בר לואי בר לואי לך לאורחך ובאתי כמזכיר אותך שלא תפתח פיך בשום תפלה בעד כתות הנידונים בגיהנם ולילך ולהתפלל בעדם הלא כתיב עליהם שיהיו אפר תחת כפות רגלי הצדיקים עכ״ל הזוהר· (כ) ע״כ לא יקל האדם בעיניו ויזכור מעמד הזה בעולם השפל שהוא הבל וריק והוא להוט אחר עסקו ומחייתו בכדי שישכח לגמרי בוראו יתברך שמו ולא ישים אל לבו לקבוע ללמוד שיעור אחד בתמידות ואם אין ביכלתו ללמוד בעצמו אזי יקבע לו זמן שישמע לקול המוכיחים אותו אז ישמע באזנו ויתחרט ושב ורפא לו· (כא) ויזכור שסוף האדם הוא למיתה ואי אפשר לו להפטר מהדין העליון זולת תורה ומצות המגינים עליו ובכל יום ויום יתבונן אדם תיכף בקומו ובמסתרים תבכה נפשו על חטאות נעוריו ופשעיו ויאנח בשברון לב· (כב) וכתבו בעלי מוסר כשאדם נאנח על חטאיו

תפלה זיינן זיי דר מיט ניט יוצא ווייל ער דעקט מיט דעם טלית ניט צוא זיין קאפ מיט זיין רוב גוף אונ אויף דיא דאזיגע וואש זיינן ניט מדקדק אין דיא תפילין לייגין· אז דיא רצועות זאלין זיין שווארץ· אונ זאלין ניט זיין צוא נויף גיקניפט· דען דיא רצועה מוז זיין פון איין שטיקיל אונ ניט פון צווייא שטיקליך צוא נויף גיקניפט דען דיא וואש האבין דאש אלץ ניט גיהיט דיא זיינען דיין חלק אונ אין דיין רשות· דיא וועל איך ניט נעמן אזוא זאגט דיא נשמה צוא דעם שר של גיהנם: (יט) אונ רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט איין מאל בין איך גיקומן נאהינט פון דעם טויער פון דעם גיהנם· האב איך גיהערט איין קול האט אויש גירופין דיא רשעים וואש האבין גישפעט אויש די רייד פון דיא חכמים· זאלין גמשפט ווערין מיט שווערע יסורים פון אלע רשעים· אונ איך האב גיהערט וויא זייא האבין גישריען מיט זייער איין ביטר קול אונ האבין גישריען ווייא ווייא· מיר האבין גיהערט דברי תורה אונ דברי מוסר· אונ מיר האבין ניט גינייגט קיין אויער צו הערין דאש אונ צוא טאן עש אויף אונזר הארץ אזו וויא די רייד פון דיא חכמים וואש זייא האבין אונז בשייד דעם שכר אונ עונש האבין מיר גיהערט אונ מיר האבין ניט מקיים גיוועז זייערע רייד דער ווייל האב איך גיהערט איין קול וואש זאגט צוא מיר דוא בר לואי גייא

צוא דיין וועג· אונ איך בין גיקומען דיך דער מאנן דז זאלשט קיין שום תפלה ניט טאן פאר דיא כתות וואש ווערין גמשפט אין גיהנם ביז אהער שטייט אין זוהר: (כ) דרום זאל דאש אלץ ניט גרינג זיין בייא דעם מענטשין אין דיא אויגין אונ זאל גידיינקן זיין מעמד אויף דער נידריגער וועלט וואש זיא איז לויטר הבל· אונ ער איז להוט נאך זיין משא ומתן אונ זיין פרנסה צו זוכין אונ פאר געסט גאר דיא דינסט פון גאט יתברך· אונ טוט ניט זיין הארץ זיך קובע צוא זיין תמיד צוא לערנען איין שיעור בקביעות דאש אלץ פאר געסט ער גאר· אונ אויב ער קען ניט לערנן דארף ער זיך תאטשע קובע זיין איין צייט ער זאל צוא הערין צוא דעם קול פון דיא וואש שטראפין אים אונ זאל חרטה האבין אויף דיא עבירות וואש ער האט גיטאן· אונ זאל תשובה טאן דרויף· דען וועט גאט ב״ה אים היילין: (כא) אונ זאל גידיינקן דעם סוף פון דעם מענטשין איז צום טויט· אונ עש איז ניט מיגליך ער זאל פטור ווערין פון דעם יום הדין· נאר סיידין די תורה אונ מצות קענן מגין זיין אויף אים· אונ איטליכן טאג זאל דער מענטש דאש פאר שטיין תיכף וויא ער שטייט אויף אין דר פריא אונ אין פר בארגנעש זאל וויינן זיין לייב אויף דיא זינד וואש ער האט גיטאן אין זיין יוגנט· אונ זאל זיפצין דרויף מיט איין צוא בראכין הארץ: (כב) אונ די

בעלי

חטאיו יאמר לבי לבי אשר הוא קשה כאבן ובלתי נמס מרוב מרייך הקשה בזכרך ואף אם נעשית בשביל החטאים ופשעים כברזל וכאבנים אעפ"כ ראוי לך להפתח מרוב אנחותי שמשברת הרי ברזל והרי אבנים: (כג) טוב לך להמתין עד כי תפתח לך שוחה עמוקה במקום צר ואופל בקבר כי אז תולע קטן יפתח מורשי לבבך ויבדוק היטב כל חדרי לבך ויחפש מזונו בכל קרבי מעיך ויצא יצוא ושוב כבעל הבית באפדנו אמנם יותר טוב לך להפתח עתה אל גנותי ויללה על חטאי ופשעי אשר הרביתי · הלכתי אחר תאות לבי: (כד) ומה אעשה ליום הפקודה כי יבוקש חשבוני ומה אשיב על עוני והנה כאשר יחשוב האדם כן וישליך את גאותו וישמע לקול הורים ומורים ויקבע עתים לתורה בכל יום אזי אפילו שלא יעשה תשובה יוכל להרפא על ידי תפלת נשמתן של צדיקים: (כה) ומכל שכן כשיתעורר בעצמו לשמוע לדברי המורים דרכי צדק ויעשה עי"ז תשובה אז מעלתו גדולה מאוד וינצל מעונשים המרים וקשים הנ"ל · (כו) זולת שכרו אשר יהיה בעקב ככתוב מה רב טובך אשר צפנת ליראיך אמן:

פרק סז כתיב ושננתם לבניך וגו' אזהרה לאב שמחויב ללמוד בעצמו עם בנו ולחדד אותו בפלפול שלא יהא בנו טפש בתורה ואם האב אינו בעל תורה אזי הוא מצוה ודברת בם שידבר על לב המלמדים שילמדו עם בניו במשא ומתן ובדרך ארץ ובכולן ידקדק האדם היטב שלא יעבור על התורה ח"ו אפילו כמלא נימא בשבתך בביתך צריך להתנהג בביתו ביראה ולהנהיג בני ביתו שיהיה ביתו פתוח לעניים ושלא יהיו בני ביתו רגילים בדברים של לשון הרע ולא ישמע

בעלי מוסר שרייבן בשעת אז דער מענטש זיפצט אויף זיינע זינד · זאל ער זאגן לבי לבי מיין הארץ וואש איז הארט וויא אשטיין · אונ ווילשט ניט צוא זיין מחמת דיין פיל ווידער שפעניקייט · אונ ווען אפילו איבר דיינע פיל זינד בישטו גיווארין אזוא הארט וויא אייזין אונ וויא שטיינר · פון דעסט וועגין גיהערשטו זיך פארט צוא עפנן פון וועגין מיינע פיל זיפצין · וואש דאש צוא ברעכט בערג פון אייזין אונ בערג פון שטיינער: (כג) איז דיר דען נוט צוא ווארטין ביז עש ווערט דיר גיעפינט ווערין איין טיפר גרוב אין איין איינג אונ איין פינסטר ארט דאש איז אין קבר · דען דענמאלט ווערט אקליין ווערמל עפענן דיין הארץ אונ ווערט נוט בודק זיין אלע חדרים פון דיין הארץ · אונ ער ווערט זוכין זיין שפייז אין אלע דיינע אינעווייניגסטע גדערים · אונ ווערט גיין אונ ווערט ווידר קערין אין דיר · אזוא וויא איין בעל הבית אין זיין פאלאץ · פר וואר עש איז פר דיר בעשר · דו זאלשט אצונד אויף גיעפינט ווערין צוא מיינע זיפצין אונ מיינע קלאג וואש איך זיפץ אונ קלאג איבער מיינע זינד וואש איך האב גימערט · אונ בין נאך גיגאנגען דאש גלושטונג פון מיין הארץ: (כד) אונ וואש וועל איך טאן אין דעם טאג אז איך וועל שטארבן אונ וועל מוזין דין וחשבון אפ געבין אונ וואש וועל איך ענטפרן אויף מיינע זינד אונ נון אז דער מענטש ווערט אזו טראכטין אונ ווערט אוועק ווארפין זיין גאוה אונ ווערט צו הערין צוא דעם קול פון זיינע לערנרש · אונ ווערט זיך קובע זיין צייטן צו לערנן אלע טאג דענמאלט אפילו ווען ער ווערט ניט טאן קיין תשובה ווערט ער קענען גיהיילט ווערין דורך דר תפלה פון דיא נשמות הצדיקים: (כה) אונ מכל שכן אז ער ווערט זיך דר וועקין צו היטין דיא רייד פון דיא וואש לערנן אים צוא גירעכטיקייט אונ ווערט דורך דעם תשובה טאן דענמאלט איז זיין מעלה זייער גרויש אונ ער ווערט ניצול ווערין פון דיא ביטערע אונ שווערע עונשים וואש פריער זיינן גישטאנן: (כו) הויך דעם שכר וואש ער ווערט האבין אויף עולם הבא אזוא וויא אין פסוק שטייט וויא זייער גרויש איז דיין פיל גוטש וואש דוא האשט בהאלטין צוא דיינע פארכטיגר אמן:

פרק סז כתיב עש שטייט אין פסוק אונ איר זאלט לערנען תורה צו אייערע קינדר · דאש איז איין אזהרה צוא דעם פאטר אז ער איז מחויב אליין צוא לערנן מיט זיין זון · אונ זאל אים שארפין אין דער תורה · אונ אויב דער פאטר קען ניט לערנן דענמאלט מוז ער מקיים זיין דיא מצוה ודברת בם דאש ער מוז ריידן אלע טאג צוא זיין מלמד ער זאל ערינסט לערנן מיט זיינע קינדער · אונ אז דאש קינד ווערט גרויש איז דער פאטר מחויב צוא לערנען זיין קינד אין עסקי הויות עולם הן אין משא ומתן הן אין דרך ארץ · אונ אין אלע זאכין זאל דער מענטש נוט מדקדק זיין זייא זאלין ח"ו ניט עובר זיין אויף קיין שום מצוה פון דער

ישמע בביתו שום קללה ושבועה ובלכתך בדרך יעסוק בתורה כפי יכולתו ויתן צדקה לפי יכולתו · (ב) כמו שמצינו ביעקב אבינו שהיה מוכן לדורון ולפיוס ולמלחמה · לדורון זה מתנות עניים דאיקרי דורון להקב"ה כנזכר בזוהר כמה פעמים · והפיוס זו תפלה לרצות להקב"ה בתפלה ובתחנונים · ולמלחמה היינו מלחמת התורה ובזה היה מתיש כח של עשו הרשע ושר סמא"ל ע"ש בזוהר פרשת ואתחנן (עמוד תקי"ג בסוף העמוד) ובשכבך להתנהג בקדושה לייחד שמו של הקב"ה בק"ש על מטתו ויקדש עצמו בשעת תשמיש ובקומך להזדרז לעמוד ולהתפלל וליתן שירות ותשבחות להקב"ה על שהחזיר לו נשמתו ואח"כ יעסוק בטיב העולם במשא ומתן באמונה: (ג) ע"כ טוב לאדם שיכין עצמו נ"כ לג' דברים הנ"ל לדורון ולפיוס ולמלחמה דורון הוא מתנה לעניים קודם התפלה שהוא הפיוס ואח"כ יקבע עתים לתורה שהוא המלחמה ומה לי להאריך גודל מעלות מלחמת התורה כמ"ש בזוהר פרשת וירא ת"ל כשחלה רבי אליעזר הגדול האי יומא ערב שבת היה ואותיב לימיניה הורקנוס בנו והיה מגלה ליה עמיקתא ומסתרתא ועאלו קמיה חכמי הדור ואוליט להו על דלא אתו לשמשא ליה בכה רבי עקיבא וביקש מאתו שילמד איזה דבר עמו קודם מותו · (ד) פתח ר' אליעזר במעשה מרכבה ואתא אש ואסחר לתרויהון אמרו חכמי הדור לית אנן חזיין למשמע דא נפקו ועמדו בפתח החוצה והוי ר אליעזר אוליף לר' עקיבא ג' מאות הלכות בבהרת עזה ואח"כ אוליף ליה סודות בשיר השירים וכד הוי מטי לפסוק סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני לא הוי יכול רבי עקיבא
למיסבל

דער תורה בשבתך בביתך אז דוא זיצט אין דיין הויז דאש הייסט אז דער מענטש איז אין דער היים טוז ער זיך פירין אין זיין היים מיט גאטש פארכט · אונ גוואונן צו זיין הויז גזינד אז זייא זאלין געבין עסין ארעמע לייט · אונ זייא זאלין ניט גיוואונט זיין לשון הרע צוא ריידין · אונ קיין שום קללה אונ איין שבועה זאל ניט גיהערט ווערין אין דיין הויז ובלכתך בדרך אונ בשעת דיין גיין אין וועג טוטו עוסק בתורה זיין וועדליג דיין יכולת איז · אונ זאל געבין צדקה נאך זיין יכולת נאך אזו וויא מיר גפינן בייא יעקב אבינו ע"ה בשעת ער איז גיגאנגען צוא זיין ברודער עשו האט ער זיך אן גיברייט צוא דורון אונ פיום אונ מלחמה · דורון הייסט דאש וואש מען גיט צדקה צוא דיא ארעמע לייט דאש ווערט גירעכנט בייא השי"ת גלייך וויא מען גיט אים וועלבשט איין מתנה · פיום מיינט מען תפלה אונ תחנונים: אונ מלחמה מיינט מען דיא מלחמה פון דער תורה דאש ער זאל מפלפל זיין אין דער תורה · אונ דער מיט האט ער שלאף גימאכט דעם כח פון עשו הרשע · ובשכבך אונ אין דיין ליגין דאש מיינט מען בשעת דער מענטש לייגט זיך שלאפין זאל ער מיחד זיין דעם נאמן פון גאט ב"ה מיט דער ק"ש וואש ער לייענט פאר זיין שלאף · אונ זאל זיך היילינין בשעת ער בהעפט זיך מיט זיין ווייב ובקומך אונ אין דיין אויף שטיין דאש מיינט מען ער זאל זיך מזרז זיין אויף צוא שטיין אונ תפלה צוא טאן אונ שירות והשבחות אפ צוא געבין צוא גאט ב"ה אויף דעם וואש ער האט אים אום גיקערט זיין נשמה · דער נאך זאל ער עוסק זיין אין משא ומתן באמונה: (ג) דרום איז גוט צוא איטליכין מענטשין ער זאל זיך אן גרייטן אלע טאג צוא די דרייא זאכין דאש איז דורון פיום מלחמה · דורון איז ער זאל געבין צדקה פר די ארמע לייט פר זיין דאבנן דאש דאבנן הייסט פיום דאש ער בעט איבער גאט ב"ה מיט זיין תפלה · דער נאך זאל ער זיך קובע זיין צייטן תורה צוא לערנן אונ דרינן מפלפל צוא זיין דאש ווערט גירופין מלחמה · אונ אין זוהר שטייט · אז רבי אליעזר הגדול איז קראנק גיווארין · איז דעמאלט גיוועזן ערב שבת · איז זיין זון הורקנוס גיזעסין בייא זיין רעכטע זייט · אונ זיין פאטר האט אים מגלה גיוועזן גרוישע סודות · דער נאך זיינן צוא אים אריין גיגאנגען די חכמים פון דעם דור · האט ער זייא גישאלטין ווייל זייא זיינן ניט גיקומן פון אים תורה צו לערנן · האט רבי עקיבא גיוויינט אונ האט פון אים גיבעטין ער זאל מיט אים עפיש לערנן פאר זיין טויט: (ד) האט רבי אליעזר אן גיהויבין צוא דרשנן אין דער מעשה מרכבה · איז גיקומן איין פייער אונ האט ארום גרינגלט צו רבי אליעזר מיט רבי עקיבא האבין דיא איבעריגע חכמים גיזאגט מיר זיינן ניט ראוי דאש צוא הערין · זיינען זייא ארויש גיגאנגן אויף דער גאס · האט רבי אליעזר גילערינט צוא רבי עקיבא דרייא הונדערט הלכות אין דער הלכה פון בהרת עזה כשלג · דער נאך האט ער אים גילערינט דרייא הונדערט סודות אין שיר השירים · אונ אז ער האט
גיגרייכט

למיסבל וארים קליה בבכיה ולא הוי ממלל מדחילו דשכינתא דהוי תמן · (ה) ואחר כך היה משביע רבי אליעזר את רבי עקיבא שלא ישתמש בשום חד פסוק מן שיר השירים כי היכי דלא ליחרב עלמא כי העולם אין כדאי להשתמש בסוד שיר השירים שהוא קדש קדשים לבתר זה נפיק רבי עקיבא וזלגו עינוהי דמעין ואמר ווי לעלמא דאשתאר יתום מנך רבי אליעזר ואח"כ עאלו חכמי הדור ודברו עמו וכשראה רבי אליעזר שהוא קרוב ליציאת נשמתו הניח ידיו על לבו ואמר עלמא עילאה נהירו ובוצינא יגנז בך שתי תורות ישתכחון יומא דין מן עלמא דין ובאותו הפעם לא היה רבי עקיבא אצלו ושאלו ליה חכמי הדור סנדל של יבום מקבל טומאה או לאו אמר רבי אליעזר טהור ויצאה נשמתו בטהרה · (ו) ובמוצאי שבת בא רבי עקיבא לבקרו ומצא שמת רבי אליעזר קרע ללבושיה ובכי וכו' והוי צווח ואמר שמים שמים אמרו לשמשא ולסיהרא דנהירו דהוי יתיר מנהון הא אתחשך אמר רבי יהודה בשעה שנשמת הצדיק רוצה לצאת מהגוף אזי היא בשמחה מחמת הבטחון שיקבל שכר בעולם הבא וכשרואה השכינה ומלאכין קדישין ונשמות צדיקים קדושים הולכין לקראתה ללוות את הנשמה אזי היא יוצאת במרוצה מהגוף אשר היא שם ומשתחוה ארצה נגד השכינה (ע"ש במדרש הנעלם ותמצא נחת) על כן צריך האדם להתפלל ע"ז כשיבא יום קצו שיבא השכינה אליו וימות מיתת נשיקה מיתה של שיבה טובה וכשהשכינה באה אליו אזי שלשה כתות מלאכים באים עמה אחת אומרת שלום וכו' :

פרק סח **כתיב** נר ה' נשמת אדם איתא בזוהר פרשת משפטים וזה לשונו נר הוא ר"ת נשמה רוח דאינון מאירין כהדא ונשמה איהי קדישא מאוד ע"כ היא מתעטפת ברוח דוגמת מלבוש ויש

גיגרייכט צו דעם פסוק (סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים) האט רבי עקיבא ניט גיקאנט לייזן דאש פייער · אונ האט אן גיהויבן צוא ויינן · אונ האט ניט גירעט איבר דער פארכט פון דער שכינה וואש זיא איז דארטין גיוועזן : (ח) דר נאך האט רבי אליעזר בשווארין צוא רבי עקיבא ער זאל ניט משתמש זיין מיט קיין שום פסוק פון שיר השירים פון וועגין דיא וועלט איז ניט ראוי משתמש צוא זיין מיט דיא סודות פון שיר השירים דען עש איז קודש קדשים · דר נאך איז רבי עקיבא ארויש גיגאנגען אונ פון זיינע אויגין האבין גירונען טרערין · אונ האט גיזאגט וויא איז צוא דער וועלט וואש בלייבט איין יתום פון דיר כלומר וויא איז צוא אלע מענטשין וואש וואונען אין דר וועלט וואש זייא בלייבן יתומים פון רבי אליעזר דער נאך זיינן די חכמי הדור אריין גיגאנגן אונ האבין גירעט מיט אים · וויא רבי אליעזר האט גזעהן אז באלד וועט ער שון נפטר ווערין · האט ער גילייגט זיינע ביידע הענט אויף זיין הארץ · אונ האט גזאגט וועלט וועלט אגרויש ליכט ווערט בהאלטן אונ פאר לאשין אין דיר · צווייא תורות דאש איז תורה שבכתב אונ תורה שבעל פה וועלן היינטיגן טאג פאר געסין ווערין פון דער וועלט · אין דר צייט איז רבי עקיבא ניט גיוועזן ביא אים · האבין דיא חכמי הדור אים גפרעגט אויב אין חליצה שוך קען מקבל טומאה זיין אויב ניט · האט רבי אליעזר גזאגט ער איז תמיד טהור · אונ מיט דעם ווארט טהור איז זיין נשמה אויש גיגאנגן · (י) צו מוצאי שבת איז רבי עקיבא גיקומן גיוואר ווערין צוא אים · אונ האט אים גפונן אז ער איז שון נפטר גווארין האט ער צוא ריסין זיין קלייד אונ האט גוויינט אונ האט גישריען הימל הימל זאגט צו דער זון אונ דיא לבנה דאש דיא ליכט וואש האט מער גלייכט פון זייער ליכטיקייט איז דאש איצונד פינסטר גווארן · רבי יהודה זאגט בשעת דיא נשמה פון דעם צדיק וויל ארויש גיין פון דעם גוף · איז זיא אין גרויש שמחה מחמת זיא איז מובטח אז זיא וועט האבין גרויש שכר אויף עולם הבא · אונ אז זיא זעהט די שכינה אונ הייליגע מלאכים אונ נשמות פון הייליגע צדיקים גייען קעגן איר זיא צוא בלייטן · דענמאלט גייט זיא גיך ארויש פון דעם גוף : אונ בוקט זיך קעגין דער שכינה · דרום מוז דער מענטש דרויף מתפלל זיין דאש אז זיין צייט וועט קומן צוא שטארבין · זאל דיא שכינה צו אים קומן אונ ער זאל שטארבין מיט דר מיתה פון נשיקה · אונ אז דיא שכינה קומט צו אים · קומן מיט איר דרייא כיתות מלאכים איין כיתה זאגט אים שלום וכו' :

פרק סח כתיב עש שטייט אין פסוק נר ה' נשמת אדם שרייבט דער זוהר דאש ווארט נר מאכט נשמה רוח דיא לייכטן אין איינעם אין דעם מענטשין אונ דיא נשמה איז זייער

ויש עוד באדם והוא בחינת הנפש והוא למטה מהרוח כי הנשמה שרויה במוח במקום הנחת תפילין של ראש והרוח בלב נגד תפילין של יד השמאלית והנפש הוא בכבד שיש בו רבוי דם וכנגד הנפש צוה הקדוש ברוך הוא לקיים מצות ציצית כדי שתהא השלשה מצות הנזכרים מאירים לכל חלק נפש רוח ונשמה׃ (ב) וידוע מאמרי רז״ל כי במצות ציצית הוא חוט אחד של תכלת משום דתכלת דומה לרקיע וכו׳ ולכסא הכבוד וע״כ מצות ציצית הוא חוט אחד של תכלת לקדש הנפש בכבד לפי שעיקר הדם והכעס הוא בכבד ולכן כב״ד הוא חסר וי״ו מכבוד השמים וכשהאדם נזהר בנפשו לבלתי לחטוא בה הרי הוא משעבד גם הנפש תחת הקדושה בשלימות אשרי לו ואשרי חלקו כי כל טיפי דמים שבגוף המה במנין ובמשקל לפני הקדוש ברוך הוא וכל טיפי דמים וכן איבריו וגידיו של האדם המה לעבוד עבודת ה׳׃ (ג) כי יש באדם י״ח חוליות בשדרה שהן נגד י״ח ברכות בתפלה שתקנו אנשי כנסת הגדולה וכל טיפת זרע היוצא דרך ח״י חוליות לבטלה אזי הוא עונש הראשון שתפלתו בי״ח ברכות אינם מרוצים ומקובלים אצל הקדוש ברוך הוא כי הזרע הוא בא ממוח מן המקום שהנשמה הטהורה שרויה שם אזי הוא מוסר הקדושה בידים למקום טינופת הס״א ומכל שכן כשאדם מוציא זרע במקום טומאה בנדה או בנשים האסורות לו מן התורה׃ (ד) וכל מי שאינו נזהר בחטא זה מגרה יצר הרע בנפשיה מכל שכן אותם שמדברים דברי נבלות בפיהם עליהם נאמר והרשעים כים נגרש ומקרא מלא הוא יהי ער רע בעיני ה׳ וימיתהו ה׳ על שהוציא זרע לבטלה והנה אעתיק לך בקצרה הצריך לענינג מה שמצאתי בספר נחלת יהושע שחיבר הרב מהור״ר יהושע העשיל הכהן במהור״ר שלמה ז״ל מקראקא שהיה אב״ד ור״מ באסקוועץ ואח״כ נתקבל למ״צ בק״ק רעכטין וז״ל בפרשת משפטים מלאתך ודמעך לא תאחר בכור בניך תתן לי ופירש רש״י ז״ל מלאתך אלו הביכורים ודמעך זהו התרומה ואיני יודע מה לשון דמע עכ״ל רש״י ז״ל וכדי ליישב הנ״ל צריך ליישב ג״כ הפסוק הקודם וגם צ״ע דרש״י ז״ל כתב דלא ידע לשון דמע וכו׳ ובמסכת תמורה דף ד׳ פירש רש״י דמעך זה תרומה לפי שהיא מדמעת

ועולה

ציער הייליג דרום קלייד זיא זיך אן אין דער נשמה וואש הייסט רוח אונ דער מענטש האט נאך איין דריטע נשמה וואש זיא הייסט נפש׃ דיא איז נידעריגר פון דעם רוח דען דיא רעכטע נשמה רואט אין מוח קעגין דעם ארט וואו דיא תפילין של ראש ליגין אונ דיא נשמה וואש הייסט רוח איז אין הארץ׃ קעגין די תפילין של יד אונ דר נפש איז אין לעבער קעגין דער מצוה פון ציצית דרום האט הש״י אונז גיבאטין דרייא מצות דאש זיינן ציצית תפלין של יד תפלין של ראש קעגין די דרייא נפש רוח נשמה׃ (ב) אונ דאש איז ידוע אז דיא חכמים זאגין אז אין מצות ציצית דארף זיין איין פאדים פון תכלת וייל די פארב פון תכלת איז גלייך צוא הימל פארב אונ צום כסא כבוד דאש איז וייל די מצות ציצית איז קעגין דעם נפש וואש רועט אין לעבר וואש ער ווערט גירופן כבד פון וועגין צוא הייליגין דעם נפש וואש רועט דארטין וייל אין דעם לעבר איז דער עיקר בלוט אונ דער כעס׃ דרום דארף דיא מצות ציצית אים הייליגין אונ אז דער מענטש איז נזהר מיט זיין נפש ניט צו זינדיגין מיט אים׃ איז ער דעם נפש משעבד צו דר קדושה׃ וואול איז אים׃ אונ וואול איז זיין חלק דען איטליכר טראפין בלוט וואש איז פאר האנדין אין גוף איז מיט דער צאל אונ מיט דער וואג פאר גאט ב״ה אונ אויך די גלידר אונ די אדרן פון דעם מענטשין זיינן אלץ בייא גאט ב״ה מיט דער צאל צוא דינן אים׃ (ג) דען אין דעם מענטשין איז פאר האנדין אכצין חוליות אין זיין רוקן דיא זיינן קעגין דיא אכצעהן ברכות וואש אונזרע חכמים ז״ל האבין מתקן גיוועזן אין שמונה עשרה׃ אונ דיא זרע פון דעם מענטשין קומט פון דעם מוח דורך דיא אכצעהן גלידר פון דעם רוקן אונ איטליכר טראפין זרע וואש גייט דורך דיא אכצעהן חוליות אונ עש איז לבטלה איז זיין ערשטער עונש דאש זיין תפלה פון שמונה עשרה ווערט ניט אן גינומן פאר הש״י׃ וייל דיא זרע קומט פון דעם מוח וואש דארטין איז דיא הייליגע נשמה איז ער מוסר דיא קדושה מיט דיא הענט צוא דעם ארט פון טינופות דאש איז די סטרא אחרא מכל שכן אז דער מענטש איז מוציא זיין זרע אין איין טמא ארט׃ דהיינו אין איין נדה אדער אין זעלבע ווייבער וואש זיינן אסור צוא אים׃ (ד) אונ איטליכר מענטש וואש איז ניט נזהר אין דער עבירה פון קרי׃ דער מאכט רייצין דעם יצר הרע בייא זיך׃ מכל שכן דיא וואש ריידן ניבול פה דאש דורך דעם קומען זייא צוא קרי אונ אויף אזעלבע שטייט אין פסוק אונ דיא

רשעים

ועולה באחד ומאה מפיק לה קרא בלשון דמוע ועוד יש לעיין בתוספות ודמעך זה תרומה לפי שהיא מדמעת ועולה בא׳ ומאה לפי פירוש רש״י ולא נהירא דזה אינו אלא מדרבנן והר״ר משה מפונטיזא פירש דלכך קרא תרומה דמע לפי שנוהגת בלח ובכורים אינן אלא ביבש עד כאן ועל כרחך מוכרח לומר דהתוספות פירשו דלשון דמעך הן מלשון דמעות (ועיין במאיר נתיב ועיין ברקנטי) דפירשו נ״כ דמעך לשון דמעות לא תאחר המה הטיפין היורדים מן העין : (ה) והנה איתא בש״ך פרשה כי תצא כי תהיינה לאיש שתי נשים האחת אהובה והאחת שנואה וגו׳ יש לפרש פרשה זו על אשתו של אדם ועל לילית הרשעה הן שתי נשים ולפי שאחד מני אלף ניצול מחטא זה הוצאת זרע לבטלה באת התורה להזהיר שלפחות טיפה ראשונה ישמור אותה וזהו והיה הבן הבכור לשניאה כדי שביום הנחילו את בניו שהוא יום המיתה יהיה הוא גובר על אותן שדין ורוחין ולילין שבאין מאותן טיפות ש״ז וקראם הזוהר שהן הן נגעי בני אדם ובעת קבורה רוצים להתחבר ואינן יכולין לפי שמתגבר עליהון בן הבכור : (ו) וזהו סוד הכתוב פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך ולא אמר שמרתי אלא לא שמרו תורתך כי העינים דמעו דמעה מפני שפגמו בראיות העין רואה והלב חומד וכל מעשיך הם הכל בגרם ראית העין שמביא האדם לידי קרי · והדמעות הן תיקון קרי כי הזרע בא ממוח וכן הדמעות באים מן המוח לכן צריך האדם להתפלל דוקא בדמעות וכן כשהוא מתאבל על חורבן בית המקדש ועל אדם כשר שמת · (ז) ואיתא בזוהר ובכתבי האר״י שאותן שתי זונות שהיו בימי שלמה המה מחל״ת ולילי״ת · למחל״ת יש לה תע״ה מחנות כמנין מחל״ת · ולילי״ת יש לה ת״פ מחנות כמנין לילי״ת ובשמחה של מצוה מכניע האדם למחלת ומחנותיה וכשמתאבל האדם בצורך מצוה אז הוא מכניע

רשעים וועלין פאר טריבין ווערין אזוא וויא דער ים אונ אין דער תורה שטייט בפירוש · אונ ער דער בכור פון יהודה איז גיוועז שלעכט אין דיא אויגין פון גאט דאש ער האט רואה קרי גיוועז דרום האט גאט אים גיטייט : (ה) אונ נון דער ש״ך פרשה כי תצא שרייבט עש שטייט אין פסוק כי תהיינה לאיש שתי נשים האחת אהובה והאחת שנואה ווען עש ווערט זיין צווא איין מענטשין צוויא ווייבער איינע איז בייא אים איין גיליבטע אונ איינע איין גפיינטע קען מען מפורש זיין דיא פרשה צוויא ווייבער מיינט מען איינע זיין ווייב אונ דיא אנדרע איז די לילית הרשעה דאש זיא איז אים מטמא קומט דיא תורה מזהיר זיין אז צום ווייניגסטין זאל ער היטין דעם ערשטין טראפין זרע אונ דאש מיינט דער פסוק והיה הבן הבכור לשניאה ער זאל לא פחות נזהר זיין אז דער ערשטער טראפין זרע זאל קומן צו זיין רעכטע ווייב אונ פון איר זאל ער האבין דאש ערשטע קינד פון וועגין אז ער ווערט שטארבין וועלין דאך קומן דיא שדין ורוחין ולילין וואש ווערין גיבארין פון די טראפינש וואש די לילית איז אים מטמא אונ דער זוהר רופט זייא נגעי בני אדם · אונ זייא וועלין זיך וועלין בהעפטין מיט אים בשעת קבורה · וועלין זייא נית קענין ווייל דער ערשטער זון וואש איז וואָרין גיבארין פון זיין רעכטע ווייב ווערט זיך שטארקין איבער זייא ווייל ער איז עלטער פון זייא : (ו) אונ דאש האט דוד המלך גיזאגט פלגי מים ירדו עיני בעך ווייש וואשער מאכין נידערין מיינע אויגין על לא שמרו תורתך ווייל זייא האבין ניט גיהיט דיין תורה דאש איז גמיינט ווייל די אויגן זעלבשט האבין פונם גיוועזן דורך דעם וואש זיי האבין גיקוקט אויף פרעמדע ווייבר אונ דאש הארץ גלושט תיכף דרום האבין זייא אים גבראכט צו קרי · אונ די טרערין זיינען איין תיקון אויף דער זינד · ווייל דיא זרע קומט פון דעם מוח אונ די טרערין קומן אויך פון דעם מוח דרום מוז דר מענטש מתפלל זיין דוקא מיט טרערין · אונ אזוא אויך אז ער קלאגט אויף דעם חורבן בית המקדש אונ אויף איין אדם כשר וואש איז גישטארבין : (ז) אונ אין זוהר אונ אין כתבי האר״י שטייט אז דיא צווייא זונות וואש זיינן זיך גיקומן לאדין פר שלמה המלך · זיינען גיוועזן מחלת אונ לילית · דיא מחלת האט פיר הונדערט אונ אכט אונ זיבציג מחנות קליפות דען דער נאמן מחלת טרעפט אזו פיל אן · אונ די לילית האט פיר הונדערט אונ אכציג מחנות דען איר נאמן לילית טרעפט אזו פיל אן · אונ אז דר מענטש איז זיך משמח אין איין שמחה של מצוה מאכט ער אונטער טעניג די מחלת מיט אירע כיתות · אונ אז ער קלאגט אין איין צורך מצוה דהיינו אויף חורבן בית המקדש אדר אויף מיתת צדיקים מאכט ער אונטער טעניג דיא לילית מיט אירע מחנות · דרום זאגט דער פסוק טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה עש איז בעשער צוא גיין אין דעם קלאג הויז איידר צוא גיין אין דעם הויז וואו איין חתונה איז

הלילית וזהו נ"ל פירוש הפסוק טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה כי באבילות הוא מכניע שתי כיתות יותר · (ח) והנה ידוע שהבאת בכורים היה בשמחה גדולה כמו שאמרינן במסכת בכורים שהחליל היה מכה לפניהם ודברו הלוים בשיר ולזה נ"ל דלכן אמר הכתוב מלאתך זו בכורים שמביאים אותם בשמחה ודמעך זו דמעות ובזה הוא מכניע שתי נשים מחל"ת ולילי"ת שלא יהיה רשות להם להחטיאך וא"כ בכור בניך תתן לי בקדושה שהיא טיפה ראשונה לכן סמך ליה ואנשי קודש תהיון לי כי מי ששומר הברית נקרא קדוש לכן מי שפגם בבריתו יראה להוריד דמעות בתפלתו ואז הוא מכניע הנגעי בני אדם כי שערי דמעות לא ננעלו וכן מצינו בדוד המלך עליו השלום שאמר מטתי בדמעתי ערשי אמסה ואומר היתה לי דמעתי לחם וגו' · (ט) והנה האר"י ז"ל הזהיר ג"כ לנשים לקרות ק"ש שעל המטה כי ק"ש מבטל נגעי בני האדם וכמו שהאנשים הם מצווים על עוז ראיית קרי שלא יהרהרו ביום כדי שיבואו לידי טומאה בלילה כך הנשים מצוות לבלתי להרהר הרהורים רעים וק"ש שעל המטה הוא תיקון קרי עכ"ל וזו דברי פי חכם חן· עוד י"ל דנוכל לפרש הכתוב כי תהיינה לאיש שתי נשים האחת אהובה שהיא מחל"ת שהיא נראית לבני אדם מקושטת ותמיד היא במחול ובשחוק והשנואה היא לילי"ת הרשעה שהיא תמיד מיללת ועוסקת בבכיה לא יוכל לבכר את בן הבכור שהוא נולד מאשתו הראויה לו כי צריך האדם ליזהר תמיד עכ"פ טפה ראשונה שידבק באשתו· (י) וכל מי שנכשל ח"ו בעון זה יעיין לעיל פרק ס"ב ובפרק ע' וימהר בתשובה ואז טוב יהיה לו אמן סלה :

**פרק סט** צריך האדם לדעת כי המחל"ת הנזכרת לעיל בפרק ס"ח היא וכת שלה לפעמים היא נראית לפני האדם אף בהקיץ והיא נראית אליו כאלו היא אשה יפה ומראית לו פנים שוחקות ושוחקת עמו ומילדת בנים ממנו הנקראים בנים זרים ומשהיתים ולבסוף היא הורגת אותו ואת זרעו וכל בני משפחתו כאשר שמענו מהמעשה שנעשה בימינו ואומר לך איזי גיפה דעובדא

כך

תאטשע דאש איז דאך איין שמחה של מצוה מאכט ער דאך אונטר טעניג דיא מחלת מיט פיר הונדרט אונ אכט אונ זעכציג כיתות דער קען מיט דעם טרויערן ווערט ער מכניע זיין די לילית מיט פיר הונדרט אונ אכציג כתות איז מיט צווייא כיתות מער : (ח) אונ דאש איז ידוע אז די בכורים פלעגט מען ברייננן אין בית המקדש אריין מיט גרויש שמחה אזו וויא דיא גמרא זאגט פר זייא איז גגאנגען איינר מיט איין פויק אונ די לוים האבין גזונגן דעם שיר של יום· דרום זאגט דער פסוק מלאתך דאש איז טייטש דיינע בכורים וואש זייא ברייננט מען מיט שמחה ודמעך דאש מיינט מען דיא טרערין וואש דער מענטש לאזט בשעת תפלה אונ בשעת ער איז זיך מתודה אויף זיינע זינד· דיא צווייא זאכין לא תאחר זאלשטו ניט זוימן ווייל דר מיט מאכט ער אונטר טעניג דיא צווייא ווייבר מחלת אונ לילית זייא זאלין קיין רשות ניט האבין צוא מאכין אים זינדיגן דרום דר וואש האט פוגם גיוועזן אין זיין ברית אונ האט רואה קרי גיוועזן זאל ער זעהן תפלה צו טאן מיט טרערין · אונ דענמאלט איז ער מכניע דיא נגעי בני אדם ווארום דיא טויערין פון דעם הימל וואש דיא טרערין גייען דארטין ארום ארויף צוא גאט ב"ה דיא זיינן קיין מאל ניט פאר שלאסין : (ט) אונ נון דער האר"י ז"ל האט מזהיר גיוועזן די ווייבר זאלין אויך לייענן קריאת שמע פאר זייער שלאף ווייל די ק"ש איז מבטל די נגעי בני אדם · אונ אזו גוט וויא די מאנזבילין זיינן גיבאטין אויף דער זינד פון רואה קרי ח"ו דאש זייא זאלין ניט האבין קיין הרהורים רעים בייא טאג ווען זייא ניט קומען צוא רואה קרי זיין בייא נאכט · אזו די ווייבר זיינן אויך גיבאטין ניט מהרהר צוא זיין קיין שלעכטע הרהורים · אונ די ק"ש וואש מען לייענט פאר דעם שלאף איז איין תיקון צוא דער טומאת קרי : (י) אונ דר וואש איז ח"ו נכשל גוואורין מיט דר עבירה פון קרי · זאל ער זעהען וואש איך האב אויבין גישריבין אין דעם פרק ס"ב אונ אין דעם פרק וואש איך וועל ווייטער שרייבין אין פרק ע' · אונ זאל איילין תשובה טאן דרויף אונ דאן ווערט אים גוט זיין אויף אייביג אמן :

**פרק סט** צריך דער מענטש דארף וויסין אז דיא מחלת וואש פריער איז גישטאנען די בוזיזם זיך צוא צייטין פאר דעם מענטשין אפילו בייא טאג ווען דער מענטש שלאפט גאר ניט · אונ זיא בוזיזם זיך פאר זייער איין שיינע אשה · אונ ווייזט דעם מענטשין איין פריילך פנים אונ איז מיט אים מזנה אונ גווינט פון אים קינדער

וואש

כך היה׳ (ב) כי בשנת ת״א ות״ב לאלף הזה היה בית א׳ של אבנים ועומד ברחוב הגדול בק״ק פוזנא אשר המרתף בתוך הבית היה סגור ומסוגר ולא היה יכול לילך שום אדם לתוך המרתף ויהי היום הלך לשם בחור אחד לתוך המרתף וכמו רביעית שעה מצאוהו אנשי הבית להבחור שוכב על מפתן המרתף מת ולא היו יודעים סיבת מיתתו ואחר מיתת הבחור כמו שתי שנים באו הם לתוך (הפיר הויז) של בעל הבית וכשהיו אנשי הבית מכינים מזון לבשל על הכירה היו מוצאין בקדירה תוך המאכל עפר ואפר עד שלא היה ראוי המאכל לאכול׳ (ג) ואחר כך היו הם מתגברים והולכים עד שבאו ג״כ להוך חדרים שהיו דרים שם בני אדם והיו לוקחים הכלים והמנורות שהיו בחדר תלוים לנוי והיו זורקין את הכלים והמנורות על הארץ אבל לא היו מזיקין לשום אדם רק היו מבלבלים את אנשים הדרים שם ואחר כך היו באים לכל חדרי הבית עד שנכנס אימתן על אנשים הדרים בבית ועל כרחם הוכרחו לעזוב הבית ולעקור דירתם משם והיתה יללה גדולה בק״ק פוזנא ויתייעצו הקהל יחד להתווכח איך ומה לעשות ועשו פעולות ע״י אנשים שונים ולא יכלו לעשות שום פעולה לגרש אותם (ד) ואחר כך שלחו שליח מיוחד אחר הבעל שם המפורסם בדורו הנקרא מה״ר יואל בע״ש מק״ק זאמושט והנה תיכף אשר בא הרב מהור״ר יואל ז״ל התחיל להשביעם בשמות קדושים להודיע אותו מאיזה סיבה הם באים לבית זה אשר הוא בית דירה לבני אדם והם אין להם רשות לדור במקום הישוב כי אם במקום הטינוף או במדבר והשיבו שהבית הזה הוא שייך להם לחלוטין ע״פ איזה דין ודברים שיש להם על פי דין ודת התורה׳ (ה) והתרצו שיבואו לפני ב״ד הצדק שבק״ק פוזנא ואחר
יום

וואש זייא ווערין גירופין בנים זרים ומשחיתים׳ אונ לסוף איז זיא אים ממית מיט זיינע רעכטע קינדר אונ מיט נאר זיין משפחה׳ אזו וויא מיר האבין גיהערט וויא עש האט זיך גיטראפין איין מעשה אין אונזערע צייטין : (ב) דען אין דעם יאר (ת״א ות״ב לפ״ק) איז גיוועזן איין הויז אין דער גאס פון דעם גרוישן מארק פון ק״ק פוזנא׳ אונ דער קעלער פון דער שטוב איז גיוועזן פאר שלאסין ווייל קיין שום מענטש האט ניט גיקענט אריין קומען אין דעם קעלר ווארום ווער עש פלעגט יוא אריין גיין פלעגט ניזוק ווערין דרום האט מען פר שלאסין קיינר זאל אהין ניט קומן׳ ויהי היום איז איין בחור אריין גיגאנגען אין קעלער אריין׳ אונ אין איין פערטיל שעה ארום האט מען גיפונען דעם בחור טויט ליגין אויף דער שוועל פון דעם קעלר׳ מען האט אבר ניט גיוואוסט ווער עש האט אים ממית גיוועזן ציא ער איז אפשר גישטארבין מיט איין מיתה משונה׳ אין צווייא יאר ארום זיינען זייא שוין גיקומען אין פירהויז אריין אונ אז דיא לייט פון דער שטוב פלעגין אן גרייטין עסין ווארג צו קאכין אויף דעם קוימען׳ פלעגין זייא גיפינען אין דעם עסין ערד אונ אש ביז מען האט שוין דאש עסין ווארג ניט גיקאנט עסין : (ג) אונ דר נאך האבין זייא זיך גישטארקט ביז זייא זיינן אריין גיקומען אין שטוב אריין אויך דארטין וואו דיא מענטשין האבין גיוואונט׳ אונ האבין גינומען דיא שענסטע כלים אונ מנורות וואש זיינן דארטין גיוועזן אונ האבין זייא גיווארפין אויף דער ערד׳ אבער זייא האבין ניט מזיק גיוועזן קיין שום מענטשין׳ נאר זייא האבין דיא מענטשין עגמת נפש אן גיטאן׳ דער נאך זיינן זייא גיקומען אין אלע חדרים פון דער שטוב׳ ביז דיא מענטשין האבין פאר זייא מורא גיקריגין אונ האבין גמוזט פאר לאזין דיא שטוב אונ ארויש אין אננדר דירה אריין׳ איז גיוועזן דענמאלט איין גרויסע יללה אין דר שטאט פוזנא׳ האבין קהל איין עצה גיהאלטן וואש מען זאל טאן אונ וויא אזו מען זאל קענן די משחיתים ארויש טרייבין פון דער שטוב׳ אונ מען האט גיטאן פעולות דורך אלרלייא מענטשין אבר זייא האבין ניט גקאנט זייא פאר טרייבין פון דעם הויז : (ד) דער נאך האבין זייא גישיקט איין שליח מיוחד נאך המפורסם רבי יואל בעל שם׳ אונ וויא רבי יואל איז גיקומען האט ער זייא אן גיהויבין משביע צוא זיין מיט שמות הקדושים זייא זאלין אים מודיע זיין וויא אזו זייא זיינן אין דעם הויז אריין׳ וואש דאש איז איין וואונדר פר מענטשין׳ אונ זייא האבין קיין רשות ניט צו וואונן וואו מענטשין וואונן׳ נאר אין מקום טינופות אדר אין מדבר׳ האבין זיי אים גענטפרט אז דאש הויז גיהער צוא זייא אויף אייביג מחמת זייא האבין זעלכע טענות וואש זייא ווילין עש זוכה זיין על פי דין תורה : (ה) אונ זייא זיינען מרוצה גיווארין אז זייא זאלין קומן פר דעם בית דין צדק פון דר שטאט פוזנא אין איין
פאנ

יום או יומים היו הדיינים דק"ק הנ"ל הולכים עם הרב רבי יואל בעל שם והיו יושבים הב"ד והיו שומעים קול אחד טען אבל לא ראו הב"ד שום תמונת צורה מהם · (ו) והתחיל אחד מהם לטעון כי היה איש אחד דר בבית שהבית היה שייך לו בימים הקדמונים ושמו היה כך וכך והיה האיש הנ"ל צורף והיה דר עם שידית אחת והוליד בנים זרים ובנים משחיתים וגם הוליד מאשתו ג"כ בנים והאיש הצורף הנ"ל היה לו אהבה יתירה ונפשו קשורה בנפשה של שידית ולפעמים היה מוכרח לבטל תפלתו ולצאת מבית הכנסת לעשות רצון השידית הנ"ל · (ז) ופעם אחת היה האיש הצורף הנ"ל מסדר סדר בלילה ראשונה של פסח כסדר היהודים בכל תפוצות ישראל ובתוך הסעודה הלך האיש הצורף מן השלחן והלך לבית הכסא ואשתו היהודית עשתה כמחריש לו והלכה תיכף אחריו לראות מה הוא עושה בבית הכסא וראתה דרך החור לבית הכסא והנה היה חדר יפה עומד שם וגם שלחן היה מלא מכלים של כסף וזהב ומטה מוצעת בכל מיני יופי והוא עומד שם ובתוך המטה היתה אשה יפיפיה מאוד ערומה והצורף הנ"ל היה מתדבק עמה במטה ומרוב הפחד של האשה היהודית הלכה לביתה. סר וזעף ואח"כ כמו רביעית שעה בא גם בעלה הצורף והאשה היהודית לא דברה מאומה עד כעת מחר הלכה האשה היהודית לבית הרב הגאון הגדול מהו' שעפטל ז"ל וסיפרה לו כל המאורעות הנ"ל ושלח הרב אחר הצורף והודה הצורף שיש לו אשה זרה אשר היא לא מזרע האדם ואז כתב לו הרב קמיע א' בשמות הקדושים עד שהוכרח הצורף לעזוב האשה הזרה ההיא · (ח) וקודם מותו באתה אליו ובכתה לפניו איך יניח אותה ובניה ואח"כ הראתה לו פנים שוחקות ונשקה אותו עד שהתרצה לה ליתן לה ולזו"עה חלק בנחלה שלו ונתן לה המרתף אשר לו בבית ואחר זמן נשתרבב מלחמות במדינות פולין מן שנת ת"ח עד שנת ת"ת ומת האיש הצורף במלחמה ההיא הוא ויורשיו ועתה אין לו שום יורש ואנחנו

טאג אדר אין צוויא ארום זיינן דיא דיינים פון דער שטאט גינאנגן מיט דעם רב רבי יואל זיצין אויף דעם משפט · האבין דאש בית דין גיהערט איין קול וויא איינר טענת · אבר זייא האבין קיין גשטאלט פון זייא ניט גיזעהן : (ו) האט איינר פון זייא אן גהויבן צו טענן · דען איין מענטש האט גוואונט אין דר שטוב וואש די שטוב איז זיין גוועזן אונ ער איז גיוועזן איין גאלד שמיד · האט ער גיוואונט מיט איין שידית אונ האט גוואגן מיט איר בנים משחיתים אונ פון זיין רעכטע ווייב האט ער אויך גיהאט קינדר אונ דער גאלד שמיד האט זייער ליב גיהאט דיא שידית אונ זיין לעבין איז גיהאנגן אין איר · צוא צייטן האט ער גמוזט מבטל זיין זיינע תפלות אונ פון דר שול ארויש צוא גיין צו טאן דעם רצון פון דר שידית : (ז) איין מאל האט דער גאלד שמיד אפ גריכט דעם סדר אין דר ערשטר נאכט פון פסח אזוא וויא אלע יהודים טוען · אין מיטן עסין איז דר גאלד שמיד אוועק גינאנגן פון דעם טיש אין בית הכסא אריין · אונ האט זיך דארטן זייער גזאמט · איז זיין רעכטע ווייב גנאנגן זעהן וואש ער טוט אזו לאנג אין בית הכסא האט זיא גיזעהן דורך איין שפאלט פון דר טיר · האט זיא גיזעהן דארטן שטיט זייער איין שיין חדר אונ זייער אפיינר טיש פול מיט זילברנע אונ גאלדנע כלים · אונ איין בעטיל איז אויש גבעט מיט אלרליא שיינקייט אונ אין בעט איז זייער איין שיינע פרויא אונ נאקעט · אונ דר גאלד שמיד האט זיך מיט איר בהעפט אין בעט אונ מחמת גרויש פחד וואש עש איז גיפאלין אויף דר אשה די יהודית איז זיא אהיים גינאנגען צארינדיג אזו וויא אין איין פערטל שעה ארום איז דער גאלד שמיד אויך אהיים גיקומען · אונ זיין רעכטע ווייב האט אים גאר ניט גירעט דער פון קיין שום דיבור · אין דער פריא איז זיא גינאנגן צו דעם הרב הגאון הגדול מוהר"ר שעפטיל ז"ל · אונ האט אים דער ציילט דיא גאנצע מעשה · האט דער רב גישיקט נאך דעם גאלד שמיד · האט ער מודה גיוועזן אז ער וואונט מיט איין שדית · האט דער רב אים גישריבן איין קמיע מיט שמות הקדושים ביז דער גאלד שמיד האט גמוזט פאר לאזין דיא שדית : (ח) פאר זיין טויט איז דיא שידית צו אים גיקומן אונ האט פאר אים גוויינט אונ האט גזאגט וויא אזו וועכטו מיך אוועק ווארפן מיט מיינע קינדר · דר נאך האט זיא אים גיוויזן אפרייליך פנים אונ האט אים גקושט ביז ער איז מרוצה גיווארין צו געבין איר מיט אירע קינדר אחלק אין זיין נחלה · אונ האט איר אפ גגעבין דעם קעלר · אין אצייט ארום איז ווארין גרוישע מלחמות אין מדינות פולין · פון שנת ת"ח ביז ת"ת איז דער גאלד שמיד מיט אלע זיינע יורשים אויש גישטארבין אין דר מלחמה · אונ איצונד האט ער קיין שום יורש ניט אונ מיר זיינען זיינע יורשים דרום קומט אונז דיא נחלה פון

אונזער

הן הן היורשים ולנו יש חלק בנחלת אבינו עד כאן הטענה של החיצונים והשיבו האנשים הדרים בבית שאנחנו בכסף מלא קנינו הבית מן הצורף ומיד באי כוחו ואתם החיצונים אינם נקראים זרע בני אדם ועוד שאמכם השידית היתה כופה להצורף להיות בע״כ עמה׳ (ט) ויצא פסק מהב״ד שאין להחיצונים שום דין ודברים ולא שום חלק בהבית הנ״ל כי עיקר דירתם הוא במדבר ולא בישוב ואחר הפסק השביע הרב רבי יואל בעל שם להחיצונים שמוכרחים לצאת מהבית ואף מן המרתף למקום יערות ומדבריות הרי לך ראיה ברורה שהעון זה גורם כשהאדם מדבק בלילית או בשידית מן כת מחל״ת אזי נעקר הוא מן העולם וגם משפחתו ואין לו שום זכרון בעולם׳ (י) ע״כ יתרחק האדם מן הזנות כדי שלא יבא אליו שידית בדמות אשה וידבק חס ושלום בו או בזרעו וגורם רעה לעצמו אבל הגודר עצמו בגדר ערוה ומדבק באשת נעוריו שהיא כגפן אז אשרי לו ואשרי לנשמתו שלא נתן כוחו לזרים רק יהיה האדם נזהר מלהוציא זרעו לבטלה ואם יגיע אליו ח״ו חטא זה על ידי אונס אזי יראה תיכף לתקן את הפגם בתשובה ואז טוב לו יהיה סלה :

**פרק ע בריש** פרשת צו כתיב זאת תורת העולה היא העולה על מוקדה פירש רש״י ז״ל אין צו אלא לשון זירוז אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס עכ״ל והנה פירוש רש״י צריך ביאור מה כוונת רש״י ז״ל לדרוש דרוש זה דווקא בפרשה זו ולא בשאר פרשיות שבתורה והנראה לפרש ע״פ גמרא דאמרינן תפלות כנגד קרבנות תיקנום תפלת שחרית נגד תמיד של שחרית ומוספים נגד קרבן מוסף תפלת מנחה נגד תמיד של בין הערבים תפלת ערבית כנגד איברים ופדרים שלא נתעכלו ע״ג המזבח ונתפקעו מע״ג מזבח הזהירה התורה להכהנים להחזיר האיברים ופדרים

אונזער פאטר האבין גיטענת דיא מענטשין וואש האבין גיוואונט אין דעם הויז מיר האבין דאש הויז גקויפט פאר געלט פון דעם צורף מיט זיינע יורשים אונ איר ווערט גאר ניט גירופין קיין זרע בני אדם דרום הייסט איר קיין יורשים ניט: (ט) איז דער פסק ארויש גיגאנגן פון דעם בית דין אז זייא האבין קיין שום זכות אונ קיין חלק ניט אין דעם הויז נאר זייער עיקר דירה איז אין מדבר אונ ניט דארטין וואו מענטשין זיינן פאר האנדין׳ נאך דעם פסק האט דער רב רבי יואל משביע גיוועזן זייא ביז זייא האבין גימוזט ארויש גיין פון דעם הויז אונ פון דעם קעלר אין די וועלדר אין מדבריות אריין׳ נוא האשטו איין קלארע ראיה אז דער מענטש בהעפט זיך צו דער כיתה פון לילית אונ מחלת ווערט ער מיט זיין משפחה אויש גיריסן פון דר וועלט אונ עש בלייבט אים קיין שום גידעכניש ניט ח״ו: (י) דרום זאל דער מענטש זיך דער ווייטערין פון זנות פון וועגין די משחיתים זאלין ניט קומן צו אים אין דעם גישטאלט פון איין אשה אונ וועלין זיך ח״ו בהעפטין אין אים אדר אין זיינע קינדר׳ אבר דער וואש פאר צאמט זיך פון דער צוים פון זנות דאש ער איז ניט מזנה קיין מאל אונ בהעפט זיך אן זיין ווייב אונ איז ניט רואה קרי׳ איז וואול צוא אים אונ וואול צוא זיין נשמה דאש ער האט ניט גינעבין זיין קראפט צוא דיא פרעמדע׳ אונ אויב ה״ו איינער האט יוא רואה קרי גיוועזן באונס אדער אפילו ברצון׳ זאל ער זעהן תיכף תשובה טאן דרויף אונ דענמאלט ועט אים גוט זיין אויף אייביג :

**פרק ע** בריש אין דער אן הייב סדרא פון פרשה צו שטייט זאת תורת העולה היא העולה על מוקדה מאכט רש״י אין צו אלא לשון זירוז דאש ווארט צו מיינט מען לשון זירוז דאש משה רבינו זאל מזרז זיין דיא ישראל אויף דעם ענין פון קרבנות רבי שמעון זאגט אויף אזו איין ארט וואו עש איז פאר האנדין איין חסרון כיס מוז דער פסוק מער מזרז זיין׳ דאש איז צו פאר שטיין דורך דעם וואש דיא גמרא זאגט אין ברכות דיא תפלות האט מען מתקן גיוועזן קעגין דיא קרבנות׳ דיא תפלה פון אין דער פריא איז קעגין דעם קרבן תמיד וואש מען האט מקריב גיוועזן אלע פריא אונ דיא תפלה פון מוסף איז קעגין דעם קרבן מוסף דיא תפלה פון מנחה איז קעגין דעם תמיד של בין הערבים דיא תפלה פון מעריב איז קעגין דיא אברים אונ שטיקר וואש זיינן ניט פאר ברענט גיווארין אויף דעם מזבח אונ זיינן אראפ גישפרונגן פון דעם מזבח׳ האט די תורה מזהיר גיוועזן דיא כהנים זאלין דיא אברים אונ דיא שטיקר ווידער קערין אויף דעם מזבח׳ אונ דרום האט

דאש

ופדרים ע"ג המזבח ולכן היה האש של מזבח תוקד כל הלילה · (ג) והענין הוא מבואר בזוהר פרשת תרומה כי העשן של כל הקרבנות היה עולה במישור מה שאין כן העשן של איברים ופדרים שפקעו מעל גבי המזבח וכשחוזרין ומעלין אותן ע"ג המזבח מבערב היה העשן מתעקם והולך לצד צפון אשר שם דירת הסטרא אחרא מן העשן ההוא הם יונקים ולא יוכלו לקטרג על ישראל וכשהיה העשן ההוא הנזכר מתעקם לאותו צד צפון ואעיל לחד נוקבא דבצד צפון וכל החבורות של ס"א היו יודעים מהעשן והיו מתאספים כולם לשם וראש אחד ממונה על כולם וששים אלף רבוא מחנות של קליפות עמהם וכולם היו מתאספים יחד לסטר צפון וקיימין על פתחא חדא דאיקרי קרי כי מההוא פתחא דאקרי קרי נפקי כל מקטריגים על ישראל וע"ז כתיב ואם תלכו עמי קרי והלכתי אף אני עמכם בחמת קרי והן הן הקליפות אשר משם נפקין ופרחין ושאטין בלילה ומתחזיין לבני האדם בלילה ושוחקין עמהם עד שמוציאין קרי והנה העשן הנ"ל הוא מזון לאותן המקטריגים שישארו במקום; ולא יתפשטו על העולם וכנגד זה תקנו תפלת ערבית באשר כתות הנזכרים יוצאים מערב רב וע"כ נקראת תפלת ערב להתיש כח הנזכרים וצריך האדם לכוין היטב בתפלת ערבית כדי להתיש כח הס"א הנ"ל · (ג) והנה צריך אני עוד להקדים לך הקדמה אחת מה שמצאתי בספר שני לוחות הברית הזהיר הגאון מהר"ר ישעיה' הורוויץ ז"ל שצריך כל אדם ליזהר מאוד בפירור של פת כדמיון איברי עולה שנתפקעו מעל גבי המזבח וכמו שהיו הכהנים מוזהרין להחזיר איברים ופדרים שנתפקעו מע"ג המזבח כדי שלא יהיה שליטה להחיצונים להיות נהנין מן אותן איברים ופדרים רק יניקתן היה מן העשן המתעקם ונוטה לצד צפון כך הפרורי פת צריך האדם להזהר בהם שלא ישליכם להארץ ובפרט מפירורי שיורי המוציא שהן דוגמת איברים של עולה ונקראים תרומת מעשר שהיה קדש קדשים (עיין מה שכתבתי בחבורי הגדול הנקרא עופר האילים בפרשה צו ותמצא נחת ע"ש) · (ד) ומי שאינו נזהר בפרורי פת אזי בא לילית שהיא גימטריא ת"פ שהיא בהיפך אתוון פ"ת עם ת"פ כיתות שלה ושורה בבית האיש ההוא עד שמביאה אותו לידי עניות ולכן נ"ל דוהו כוונת המסורה זאת תורת העולה היא העולה וכתיב הוא העולה ולכאורה הוא תמוה ולפי מ"ש אתי שפיר דהוא סוד גדול היא העולה קאי על לילית הרשעה שרוצה ליהנות מן פירורי פ"ת. שהיא גימטריא ת"פ שהיא ממונה על העניות ודלות

והוא

דאש פייער גיברענט אנאנצע נאכט אויף דעם מזבח : (ב) אונ דער ענין איז בשייד אין דעם זהר פרשה תרומה דען דער רויך פון אלע קרבנות פלעגט גיין גלייך אין דער הייך · נאר דער רויך פון דיא אברים אונ שטיקר וואש זיינן אראפ גישפרונגן פון דעם מזבח אונ מען האט זייא דער נאך ווידער ארויף גיבראכט אויף דעם מזבח אויף דער נאכט · פלעגט דר רויך דער פון זיך פאר קריכן. אונ גיין קיין צפון זייט · אונ דער רויך איז גיוועזן שפייז צוא דיא מקטריגים · דאש זייא זאלין בלייבן זיצין אויף זייער ארט אונ זאלין זיך ניט פאר שפרייטן אויף דער וועלט · אונ אנקעגן דעם האט מען מתקן גיוועזן די תפלה פון מעריב · ווייל דיא כיתות וואש פריער שטייען קומן ארויש פון ערב רב דרום וועדט די תפלה גירופין תפלת ערב · אונ דער מענטש מוז גוט מכוין זיין אין דער תפלה פון מעריב כדי שלאף צוא מאכין דעם כח פון דער סטרא אחרא : (ג) אונ נון איך דארף נאך איין הקדמה צוא פעדערין וואש דער שלה שרייבט אז דער מענטש מוז זייער גזהר זיין אין די ברעקליך ברויט · דען אזו וויא דיא כהנים זיינען מזהר גיוועזן ווידר צוא קערין דיא איברים אונ שטיקער וואש זיינען אראפ גישפרונגן פון דעם מזבח · פון וועגין די סטרא אחרא זאלין פון זייא ניט נהנה זיין · נאר זייער יניקה זאל זיין פון זייער רויך וואש האט גינייגט קיין צפון זייט · אזו אויך דיא ברעקליך ברויט מוז דער מענטש אין זייא זייער נזהר זיין ער זאל זייא ניט אוועק ווארפין אויף דער ערד · אונ בפרט פון דיא ברעקליך וואש בלייבן פון דער המוציא וואש זייא זיינן גלייך וויא דיא אברים פון איין עולה אונ זייא הערין גירופין תרומת מעשר וואש דאש איז קודש קדשים : (ד) אבר דער וואש איז ניט גזהר צו היטן דיא ברעקליך פון ברויט קומט דיא לילית וואש איר צאל איז ת"פ דאש איז דיא אותיות פ"ת קומט זיא מיט אירע ת"פ כיתות אונ רועט אין דעם הויז פון דעם מענטשין ביז זיא ברייננט אים צוא ארומקייט · אונ מיר דאכט זיך אז דאש איז דיא כוונה וואש אין פסוק שטייט הוא העולה מיט איין וואו · אונ מיר לערנן היא מיט איין יוד דען היא מיט

איין

והוא העולה קאי אאיברי עולה שנתקרבו ע"ג המזבח ולכן נ"ל פירוש רשי ז"ל דרוש זה של רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום חסרון כיס דווקא בפרשה זו דקשה לרשי ז"ל הקרי הוא הר"א העולה והכתיב הו"א העולה אלא צ"ל כדפרישית לעיל דהו"א העולה קאי אקרבנות והי"א העולה קאי אפרורי פת ולכן בא רבי שמעון לומר ביותר צריך הכתוב להזהיר במקום שיש חסרון כיס לפי דליליית היא ממונה על העניות ודלות: (ה) כמעשה דהובא בחולין אמר אביי מריש הוה אמינא האי נשוורא דכנשא משום נקיות הוא (ר"ל דכנשא נשוורא שמכבדין פרורי הפת כך פירש רשי ז"ל) אמר לי מר משום דקשה לעניות האי גברא דהוי מהדר עליה שרא דעניותא ולא הוי יכיל ליה דקא זהיר אנשוורא (ר"ל שהיה הבעל הבית נזהר מאד בפירורי הפת) יומא חד כריך ריפתא על פני השדה ונפלו פירורים של הפת על גבי עשבים ואי אפשר היה לו ללקוט כל הפירורים אמר השר דעניותא השתא ודאי נפל בידי בתר דאכל אייתי מרא (שקורין בלשון אשכנז שואפ"ל) ולקח הקרקע עם העשבים ועם הפירורים וזרק למיא שמע קלא דהוי אמר ווי ווי דאפקיה האי גברא מביתיה: (ו) ולכן נ"ל דזהו כונת רשיי שדרש דרוש זו דווקא במצוה זו בפרשת העולה שהיא קרי וכתיב הוא העולה כיון דרמוז נמי אליליית שהיא ממונה אעניות ולכן אמר ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס שהפירורי פת כל מי שלא נזהר בהן וזורקן לחוץ מביא לידי עניות ודלות ולכן לא פירשיי דרוש זה כ"א דווקא במצוה זו וקי"ל ונכון הוא ולפי עניות דעתי היא כוונה אמיתית: (ז) ולכן צריך האדם להזהר שלא ישליך פירורי של המוציא שיש בהן קדושת איברי העולה ולכן נ"ל דליליית עם ת"פ מחנות שלה היא ממונה על הקרי ע"כ צריך האדם להתפלל שלא יבא לידי קרי דירחיק מהרהורים רעים המביאים האדם לידי קרי ובא וראה עצה הגונה שאתן לכל מי שירא וחרד לדבר ה' שינצל מעון קרי: ענין ראשון

איין יעד גייט דאש אויף איר · וואש זיא וויל נהנה זיין פון די ברעקליך ברויט וואש זיא איז ממונה איבר דעם ארומקייט אונ הוא מיט איין וואו גייט אויף דער עולה דאש איז גימיינט דיא אברים וואש זיינן אראפ גישפרונגן פון דעם מזבח · דרום ברייגנט רש"י אין חומש אין דער זעלביגער פרשה דעם דרוש וואש רבי שמעון האט גיזאגט דארטין וואו עש איז פר האנדין איין חסרון כיס דאש איז גימיינט ווייל זיא איז ממונה איבר דעם עניות אונ דלות · דרום אז ער וועט ניט היטין דיא ברעקליך וועט ער ארום ווערין · דרום איז דער פסוק דרויף זייער מזהיר כדי ער זאל ניט ארום ווערין: (ח) אזו וויא דיא מעשה וואש שטייט אין דר גמרא חולין · אביי האט גיזאגט פריער האב איך גימיינט דאש וואש מען קערט צוא נויף דיא ברעקליך פון דער שטוב זייא צו געבין אויף אזוא איין ארט מען זאל אויף זייא ניט טרעטין · דאש טוט מען נאר פון ריינקייט וועגין דאש אין שטוב זאל ריין זיין · האט מיר מיין רבי גיזאגט אז דרום טוט מען עש ווייל עש שאט צוא ארומקייט כלומר דער וואש היט ניט אפ די ברעקליך אונ טרעט אויף זייא ווערט ער ארום · עש איז גיוועזן איין מענטש וואש דר שר וואש האט צו שאפין איבר דעם עניות האט זייער גיוואלט דער מענטש זאל ארום ווערין אונ ער האט אים אבר ניט גיקענט ביא קומן ווייל ער פלעגט זייער היטין דיא ברעקליך · איין טאג האט זיך גיטראפין דער מענטש האט גיגעסין ברויט אויף דעם פעלד אונ דיא ברעקליך פון דעם ברויט זיינן גיפאלין אויף דעם גראז אונ עש איז ניט מיגליך גיוועזן אויף צוא קלייבין אלע ברעקליך פון דעם גראז האט דער שר פון דעם עניות גיזאגט איצונד וועט ער בוודאי אריין פאלין אין מיינע הענט · נאך דעם אז ער האט אפ גיגעסין האט ער גיבראכט איין זאסטיב אונ האט גינומן די ערד מיט דעם גראז וואש די ברעקליך זיינן דארטין גיוועז אונ האט עש אריין גיווארפין אין וואשער אריין האט ער גיהערט איין קול האט גיזאגט וויא וויא ער האט מיך שוין אויש גיצוויגן פון זיין שטוב אונ איך קען אים גאר ניט טאן: (ו) דרום מוז דער מענטש נזהר זיין ניט אוועק ווארפן דיא ברעקליך ברויט אונ בפרט דיא ברעקליך פון דער המוציא וואש זייא זיינן אזו הייליג וויא די אברים פון דער עולה אונ אויך דיא לילית מיט אירע ת"פ מחנות זיינן ממונה איבר דער זינד פון קרי: (ז) דרום מוז דר מענטש מתפלל זיין ער זאל ניט זעהן קרי ח"ו אונ זאל זיך דער ווייטרן פון דיא שלעכטע הרהורים וואש ברייגנען דעם מענטשין צוא דער זינד פון קרי ח"ו · קום אונ זעה דיא גוטע עצה וואש איך גיב צוא איטליכן מענטשין וואש פארכט זיך פאר גאט

ער

ראשון כבר כתבתי בפרק ב׳ שיצייר האדם קודם שישן בדיוקנו של אביו ע״ש וסגולה שנית הוא שיעשה טבעת מכסף טהור ויחקק עליו אלו השמות שקבלתי מהאיש הקדוש מהור״ר יואל בע״ש ז״ל מק״ק זאמושט׳ (ח) ואלו הן (שדי צמרכד אנקתם פסתם פספסים דיונסים יוהך אדני) ואחר העשייה והחקיקה של טבעת כסף יטבול הטבעת במקוה מ׳ סאה ואח״כ יוכל לשאת על ידו ויוכל לילך בכל מקומות ויהיה לבו בטוח שינצל מעון זה וישכב לבטח על משכבו בלי שום מכשול עון:

**פרק עא ויבא** כלב עד חברון ופרש״י מלמד שהלך כלב על קברי האבות להתפלל שם שיהיה ניצול מעצת מרגלים מכאן נתפשט המנהג יפה שבישראל שאנחנו הולכים על קברי אבות להתפלל ביום שמת בו אביו או אמו׳ (ב) ואף אם הוא במקום אחר באותו הפעם ביאר צייט ואינו במקום ששוכב שם אביו או אמו מכל מקום כשהולך על שאר קברי ישראל להתפלל מכל מקום מתעוררים כל הנשמות שבגן עדן באותה התפלה וסדנא דארעא חד הוא שהקב״ה גזר כן להיות נפשות הצדיקים מצויין על הקברות לטובת ישראל שיהיו שומעין לתחנות ותפלות ישראל הבאים להתפלל על הקברות וכל מי שיש לו איזה צער יבא על קברי אבותיו או שאר קברות ויודיע צערו להנפשות׳ (ג) כי בעת שהנשמות ונפשות שומעין תפלתן של החיים המתפללין על צערן אז עולין לרוחות שבגן עדן והרוחות עולין אל חדרי גן עדן אשר שם נשמות הקדושות ומעוררין האבות שבארץ ישראל ושם משתחוים לפני כסא הכבוד ומתפללין על החיים׳ (ד) אכן כשהנשמה אינה זוכה עדיין לדוכתה לגן עדן העליון והיא עדיין נדחית מבחוץ לפרגודא קדישא ונדה ונעה אז גם הרוח והנפש נע ונד ובכל פעם באה הנפש

הנפש

ער זאל ניצול ווערין פון דער זינד פון קרי׳ דיא ערשטע סגולה האב איך שוין גישריבין אין פרק ב׳ דאש דר מענטש זאל זיך אויש מאלין פאר זיין שלאף גלייך וויא דיא צורה פון זיין פאטר שטייט קעגין אים׳ דיא אנדרע סגולה איז ער זאל זיך לאזן מאכין איין פינגריל פון ריין זילבר אונ זאל דרויף אויש קריצן די שמות הקדושים וואש איך האב בקבלה פון איש הקדוש מהור״ר יואל בעל שם ז״ל: (ח) אונ דאש זיינן זייא שדי צמרכד אנקתם פסתם פספסים דיונסים יוהך אדני אונ נאך דעם מאכין מיט דעם אויש קריצין זאל ער דאש פינגעריל טובלין אין איין כשרה מקוה׳ דער נאך זאל ער עש ארויף טאן אויף איין פינגר אונ מעג דער מיט גיין אין אלע ערטר אונ זיין הארץ ווערט בטוח זיין אז ער וועט ניט רואה קרי זיין אונ וועט שלאפין במנוחה אויף זיין בעט אן איין שום שטרויכלונג אונ אן איין שום זינד:

**פרק עא** בשעת אז משה רבינו האט גישיקט די מרגלים אויש שפעהן ארץ ישראל שטייט אין פסוק ויבא כלב עד חברון אונ כלב איז גיקומן ביז חברון מאכט רש״י דער כלב איז גיגאנגען אויף דיא קברים פון אברהם יצחק ויעקב וואש זייא ליגין אין חברון׳ דארטין מתפלל צוא זיין ער זאל ניצול ווערין פון דער עצה פון דיא מרגלים׳ אונ פון דאנן איז גיווארין דער גוטער מנהג צווישין דיא ישראל וואש מיר גייען אויף דיא קברים פון אונזערע פאטר אונ מוטר אין דעם טאג פון יאר צייט דארטין מתפלל צו זיין אונ ווען עש איז פאר האנדין אזעלכר וואש זיין פאטער אונ מוטער ליגין ניט אין דער שטאט וואו ער וואונט׳ פון דעסט וועגין אז ער גייט אויף אנדרע קברי ישראל מתפלל זיין ווערין פארט דער וועקט אין גן עדן אלע נשמות דורך דער תפלה וואש ער איז מתפלל אויף דיא קברים׳ דען גאט ב״ה האט אזו גוזר גיוועזן אז דיא נשמות פון דיא צדיקים זאלין זיין גוויינטליך אויף דעם בית החיים פון וועגין טובות ישראל׳ דאש זייא זאלין הערין דיא גיבעט אונ דיא תפלות פון דיא ישראל וואש קומן מתפלל זיין אויף די קברים אונ איטליכער וואש האט עפים איין צער זאל ער קומען אויף דיא קברים פון זיינע עלטרין אדער אויף אנדרע קברים׳ אונ זאל זיין צער מודיע זיין צוא דיא נשמות׳ ווארום אין דער צייט אז דיא נפשות הערין דיא תפלות פון דיא לעבדיגע וואש זיינען מתפלל פון וועגין זייער צער׳ דענמאלט גייען זייא ארויף אונ זיינן דאש מודיע צוא דיא רוחות וואש זיינען אין גן עדן התחתון׳ אונ דיא רוחות גייען אונ זיינען מודיע צוא דיא נשמות וואש זיינן אין גן עדן העליון׳ אונ די נשמות דר וועקין דיא אבות פון ארץ ישראל אונ דארטין בוקין זייא זיך פר דעם כסא כבוד אונ זיינן מתפלל אויף די לעבדיגע אבר אז די נשמה איז נאך ניט זוכה צוא קומן אויף איר ארט אין גן עדן העליון׳ אונ זיא איז נאך ארויש גשמויסן פון דעם הייליגן היכל אונ איז נע ונד׳ דענמאלט איז דער

רוח

הנפש ורוח בתוך הקבר ורואה הגוף מסובב בתולעים ופיו פתוח ותולעים מקשקשים בו וקרביו ובני מעיו מלאים רימה ותולעה אז הנשמה מתאבלת עליו וזש"ה ונפשו עליו תאבל · (ה) משא"כ כשהגוף קדוש וטהור אזי מתעכל הבשר ע"י העפר ואז נעשה גופו ובשרו עפר ואפר תיכף ואינו סובל שום צער של תולעים ורימה זהו שכר גופו ושכר הנשמה שעולה מיד לגן עדן העליון וכן הרוח לגן עדן התחתון ובכל שבת ור"ח עולה הרוח לגן עדן העליון אשר שם היא הנשמה ובההוא אור וזיו הטהור יורדת למטה במוצאי שבת ומוצאי יו"ט ור"ח ואז עולה הנפש ומקבלת גם כן מהאור ומהזיו הטהור שקבל הרוח למעלה מנשמה שבגן עדן העליון · (ו) ואז הנפשות יורדות ונכנסות תוך הקבר ונוטלת ציור הגוף שהיה בחיותן בעולם הזה ובציור הזה עומדין ממש בגופות כמו שהיו בחיותן ועומדין על הקברות ונותנים שבח והודיה לאל יתברך שמו על גודל מעלות אור הנשמה וזיו פניהם מאירים באור גדול ואז מרבין בשירות ותשבחות בציורין ממש עם העצמות מרוקמות ומוגלמות כדמיון הגוף : (ז) ואילו היה רשות לבני אדם לראותן היה רואה אותן בכל מוצאי שבת ומוצאי ראש חודש ויו"ט בדמיון גופות על הקברים ואומרים שיר ושבח וזש"ה כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך אומרים אין כתיב כאן אלא תאמרנה שאומרים המתים שיר ושבח בכל מ"ש ויו"ט ור"ח · (ח) וגם צריך להודיע בעוד אדם בחיים חיותו אז הנשמה מעוררת את לבו של אדם לדבר ה' כי זה קבלה היה בידי מספרים קדמונים ודע כי בכל יום שיבא פתאום מחשבה טובה בלב של אדם מחשבה של שמחה ואהבה לדברי תורה או מצוה אזי תדע שאז הוא עת רצון שיהיה מתפלל וזו התפלה דבוקה תיכף בהיכל מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא ובאשר שיש לפעמים עת וזמן שנפשו של אדם עגומה עליו קרוב הדבר שיש איזה גזירה רעה ח"ו על האדם או על קרוביו או גזירה

רוח מיט דעם נפש אויך נע ונד · אונ אלע מאל קומט דער נפש מיט דעם רוח אין קבר אריין אונ זעהן וויא דער גוף איז ארום גרינגלט מיט ווערים · אונ זיין מויל איז אפין אונ ווערים קלאפין אין אים · אונ זיינע גידערים זיינן פול מיט ווערים · דענמאלט טוט דיא נשמה קלאגין אויף דעם גוף : (ה) אבר אז דער גוף איז איין היילינער גוף דענמאלט ווערט דאש פלייש תיכף פאר לענד דורך דער ערד אונ זיין גוף מיט זיין פלייש ווערין תיכף ערד אונ אש · אונ קיין שום ווערים עסין אים ניט אונ לייד גאר קיין צער פון דיא ווערים ניט · דאש איז דער שכר פון זיין גוף · אונ דער שכר פון נשמה איז · דאש זיא קומט תיכף אריין אין גן עדן העליון אונ דער רוח קומט תיכף אין גן עדן התחתון אריין : אונ אלע שבת אונ ראש חודש גייט דר רוח אויף אין גן עדן העליון צו דער נשמה · אונ קומט אראפ אום מוצאי שבת אונ מוצאי יו"ט אונ מוצאי ר"ח מיט גרויש היילג אונ ריין שיין אונ ליכטיקייט · (ו) אונ דענמאלט גייט אויף דר נפש אונ איז אויך מקבל שיין אונ ליכטיקייט פון דעם וואש דער רוח האט מקבל גיוועזן פון דער נשמה אין גן עדן העליון · דענמאלט נידערט דער נפש אונ גייט אריין אין קבר אונ נעמט דאש גישטאלט וואש דער גוף האט גיהאט ביא זיין לעבין אויף עולם הזה אונ קלייד זיך אן אין דעם גישטאלט ממש גלייך וויא ער איז גיוועזן ביא זיין לעבין אונ זייא שטייען אויף דיא קברים אונ גיבין אפ איין שבח והודיה צוא גאט ב"ה אויף דער גרוישר מעלה פון דער ליכטיקייט פון דער נשמה · אונ דאש לויטרקייט פון זייער פנים לייכטן מיט גרויש ליכטיקייט · אונ דענמאלט מערין זייא שירות ותשבחות צוא גאט ב"ה ממש גיוועבט מיט דיא ביינר מיט דעם גישטאלט וויא זייא זיינן גיוועזן ביא זייער לעבין : (ז) אונ ווען דיא מענטשן זאלין האבין רשות צוא זעהן זייא · וואלטין זייא אלע מוצאי שבת אונ מוצאי יו"ט אונ מוצאי ר"ח גיזעהן אין דעם גישטאלט וויא גופות שטייען אויף דעם קברות אונ זיי זאגן שירות ותשבחות צו גאט דרום האט דוד המלך גיזאגט כל עצמותי תאמרנה ·· אלע מיינע ביינר ווען זאגין גאט ווער איז דיין גלייכין דאש האט ער גמיינט נאך דעם טויט זאגין דיא ביינר פון דיא מתים שירות ותשבחות אלע מוצאי שבת אונ מוצאי יום טוב אונ מוצאי ר"ח : (ח) אויך איטליכר מענטש דארף ווישן דאש בשעת דער מענטש לעבט דער וועקט אויך דיא נשמה זיין הארץ צו גאטש דינסט · אונ ווייש אז ווען עש קומט פלוצלונג איין גוטע מחשבה אין דעם מענטשינש הארץ ער זאל דינען גאט אונ תורה לערנן אדר עפיש איין מצוה טאן זאל ער ווישן אז דענמאלט איז איין עת רצון ער זאל מתפלל זיין . אונ דיא תפלה וועט זיין באהעפט אין דעם היכל פון גאט ב"ה . אונ אויך אמאל איז פר האנדין אצייט וואש דער מענטש איז גאנץ טרויעריג זאל ער ווישן אז עש איז קרוב עש זאל אויף אים קומען ח"ו איין בייזע גזירה.

גזירה רעה על כל העולם כי ע״פ רוב כרוזים יוצאין ומעוררין לבבות האדם כי הלב יודע מרת נפשו אף שבאזניו לא שמע וע״כ אם יתעצל ולא יתפלל תיכף אזי הגזירה ממשמשת ובאה על כן יזרז האדם את עצמו ויתפלל להקב״ה בדמעות כפי כחו · (ט) כמבואר בזוהר פרשת קדושים דיומא חד הוי יתיב רשב״י אתרעא דלוד זקיף עינוי וחזא שמשא דנהיר ואסתים נהורא והדר נהיר ואסתים נהורא והוי כן ג״פ אדהכי אתחשיך נהורא ואחזית בשמשא אוכמי וירוקי אמר רשב״י לר׳ אלעזר בריה תא אבתראי ונחמי דהא ודאי גזירה אתגזר והקב״ה בעי לאודעא לן דודאי ג׳ יומין תליא גזירה דאתגזר לעילא עד דמודיע הקב״ה לצדיקים הה״ד כי לא יעשה ה׳ אלהים דבר כ״א גלה סודו אל עבדיו הנביאים · (י) עד דהוו אזלו עאלו בהאי כרם חמו חוויא דהוי אתא ופומיה פתוח ומלהטא בארעא בעפרא ואחיז ידיה ברישיה דחוויא וחמא חוויא מרחש בלישניה (רצה לומר דהנחש היה מרמז לעורר להנחש הקדמוני שהוא סמאל ולילית הרשעה שיתעוררו דינים קשים על העולם) א״ל רשב״י לחוויא חוויא זיל ואימא להאי חוויא דאתקרי נחש עליון דהא רשב״י בעלמא שכיח · (יא) עייליה רשב״י לרישיה דההוא נחש לחד נוקבא לעפרא ואמר גוזרני בשם דכשם דתתא אתחזר בנוקבא דעפרא כך עלאה יתחזר לנוקבא דתהומא רבא רחיש רשב״י בצלותיה עם רבי אלעזר עד דהוי מצלי שמעו חד קלא דהוי אומר פוטקרא דקיטפא עולו לאתרייכו קטפירי דבורנייני לא שראן בעלמא דהא רשב״י בטיל להון (פירוש דהוי יוצא בת קול על אותן ממונים דיכולין לעשות היזק לעולם שיהיו מוכרחים לעייל למקום הראשון במקום אשר שוכנים במדברות כיון דרשב״י הוא עדיין קיים בעוה״ז וזכותו מגין על כל הפורעניות) : (יב) ודע אף שעכשיו בזמן הזה אין לנו כמו רשב״י שיוכל לבטל הגזירות רעות למעלה מכל מקום חסדי ה׳ לא תמנו על כל דור

גזירה אדר אויף זיינע קרובים אדער אויף דער גאנצר וועלט ח״ו · ווארום על פי רוב גייען אויש דיא כרוזים אונ רופן אויש אונ דר וועקין די הערצער פון די מענטשין · ווארום דאש הארץ ווייש דאש ביטרקייט פון זיין לייב · חאטשע ווען ער הערט ניט מיט די אויערין דיא גזירה ווייש דאש הארץ דאש שוין · דרום אז דער מענטש וועט ניט מתפלל זיין תיכף · קען די גזירה ח״ו קומן · דרום זאל דער מענטש זיך מזרז זיין אונ זאל תיכף בעטין גאט מיט טרערין ער זאל אויף אים דיא גזירה ניט ברייננגען : (ט) אזו וויא עש שטייט אין זוהר דאש איין טאג איז רבי שמעון בן יוחאי גיזעסין אויף דעם טויער פון דער שטאט לוד · האט ער אויף גיהויבין זיינע אויגן אונ האט גיזעהן וויא דיא זון לייכט שיין אונ דער נאך ווערט זיא פינסטר אונ דער נאך שיינט זיא ווידר אונ אזו איז גיוועזן דרייא מאל · דער נאך איז זיא ווידר פינסטר גיווארין אונ עש איז גיזעהן גיווארין אין דר זון שווארצקייט אונ גרין · האט רבי שמעון גיזאגט צוא זיין זון רבי אלעזר קום נאך מיר אונ לאמיר זעהן וואש דאש איז דען עש איז בוודאי נגזר גיווארין איין גזירה אונ גאט ב״ה וויל דאש אונז מודיע זיין · ווייל די גזירה הייננט בוודאי נאך דרייא טעג וועלין מיר זיא נאך קענען מבטל זיין : (י) וויא זיי זיינן אזו גיגאנגן זיינן זייא אריין גיגאנגן אין איין ווייז גארטין אריין · האבין זייא גיזעהן איין שלאנג קומט אונ זיין מויל איז אפין אונ ער שארט מיט דער צונג אין דער ערד · אונ ער שאקילט מיט זיין צונג · האט רשב״י פאר שטאנן אז דער שלאנג וויל דער וועקין דעם נחש הקדמוני דאש איז דער ס״ם אונ דיא לילית הרשעה דאש זייא זאלין דער וועקין גזירות רעות אויף דר וועלט האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט צוא דער שלאנג · דוא שלאנג גייא אונ זאג צו דער שלאנג וואש זיא ווערט גירופן נחש הקדמוני אז רבי שמעון בן יוחאי איז פאר האנדין אויף דער וועלט : (יא) האט רשב״י ארין גיבראכט צוא דעם קאפ פון דער שלאנג אין איין לאך וואש דארטין איז גיוועזן אין דער ערד · אונ האט גיזאגט איך בין גוזר דאש אזו וואול וויא דיא שלאנג האט ווידר גיקערט אין דעם לאך פון דער ערד אזו זאל דר נחש הקדמוני ווידר קערין צוא דעם לאך פון דעם תהום רבה · האט רבי שמעון מיט רבי אלעזר מתפלל גיוועזן דיא גזירה זאל בטל ווערין · האבין זיי גהערט איין קול האט גיזאגט איר מזיקים איר משחיתים וואש איר זייט ארויש גיגאנגן צו בריינגן די גזירה רעה אויף דער וועלט גייט קאריק אין אייער ארט אריין · ווייל רבי שמעון בן יוחאי איז שכיח אויף דער וועלט אונ זיין זכות איז מגין אויף גאר דער וועלט דרום איז דיא גזירה בטל גיווארין : (יב) אונ ווייש אז איצונד אין היינטיגע דורות האבין מיר דאך ניט אזוא איין צדיק וויא רשב״י ער

זאל

דור ודור ומיד שנגזרה איזה גזירה רחמנא ליצלן למעלה מיד שלוחי מעלה מכריזים ומשמיעים הקול והכרוז ע"י תינוק ותינוקות והן מתנבאין ואינם יודעים מה נבאים אז הקב"ה מעורר לב הכשרים ויראים שיתפללו על דורם והתעוררות בא מעצמותן ובעת אשר איזה רעות מתעוררים אז מלאכי דינים משוטטים ומכריזים וחצי דינים נשלחים ומביאים איזה חולשה לעולם או שאר עניינים רעים בר מינן: (יג) ואז טוב לאדם שלא להראות כל כך בחוץ תדיר כדאיתא בזוהר פרשת נח כיון שניתן רשות למשחית אזי להני שלוחי רשותא לפגוע באינשי דמהלכין תדיר ברחובות ובשווקים חס ושלום. ולכן צריך האדם להתפלל ע"ז להנצל מכל רע כנ"ל וצריך האדם ליזהר שלא להזכיר שמו בתפלתו דכיון דמזכיר שמו אז משגיחין לעיין עליו במעשיו וכן ימצאו מקטריגים דינזקו ליה ח"ו: (יד) והביא הזוהר ראיה שאמר אלישע הנביא לשונמית היש לך לדבר אל המלך דא קב"ה דההוא יומא ראש השנה הוי דכדין איקרי הקב"ה מלך הקדוש ומלך המשפט ותאמר בתוך עמי אנכי יושבת לא בעינא דידכרון שמי שישגיחו בי אלא בתוך עמי אנכי יושבת תא חזי בשעתא דרוגזא הוי בעלמא לא אדכיר שם נח כיון דדינא אתעבר כתיב ויזכור אלהים את נח השתא אדכר שם נח׳ (טו) וכל זה להודיע כי האדם נידון במשקל ולכל מעשה הטוב יש מליץ ולכל ענין רע יש מקטרג אשרי מי שאוהב את נשמתו מגופו ועושה עולם הזה טפל ועולם הבא עיקר ובכל יום ויום צופה אל הסוף שסוף אדם למות ואז בודאי יצליח בתורתו ובמעשים הטובים שיבא לחיי עולם הבא:

## פרק עב אמרו רז"ל עלמא אתקיים על הבל פיהם של תינוקות של בית רבן ומכאן תראה שגדול שכר

זאל קענן מבטל זיין די גזירות רעות פון הימיל פון דעסט וועגין דר חסד פון גאט ב"ה האט זיך ניט אויש גילאזט אויף איטליכין דור אונ וויא עש הערט נגמר איין גזירה ח"ו׳ רופן תיכף דיא שלוחים פון דעם הימל אויש דיא גזירה׳ אונ מאכין הערין דאש קול דורך דיא קינדר׳ אונ זיי זאגין נביאות אונ זייא ווייסן ניט וואש זייא זאגין׳ דער וועקט גאט ב"ה דאש הארץ פון דיא צדיקים פון דעם דור׳ זייא זאלין מתפלל זיין אויף זייער דור אונ אין דער צייט אז עש דר וועקין זיך גזירות רעות אויף דר וועלט׳ דענמאלט ווערין דיא שלוחים פאר שפרייט אויף דער וועלט אונ רופין דיא גזירה אויש׳ אונ דיא מזיקים אונ משחיתים ווערין גשיקט׳ אונ ברייננען עפיש איין חולשה אויף דר וועלט ר"ל אדער אנדערע שלעכטע זאכין ר"ל: (יג) אונ דענמאלט איז גוט פאר דעם מענטשין ער זאל זיך ניט ווייזן אלץ אויף דר גאס אזו וויא עש שטייט אין זוהר וייל עש ווערט גיגעבין רשות צוא דעם משחית ח"ו האט ער רשות מזיק צו זיין די מענטשין וואש גייען תמיד אויף דר גאס׳ דרום מוז דער מענטש מתפלל זיין ער זאל ניצול ווערין פון אלם בייזין: אויך מוז דר מענטש נזהר זיין ער זאל ניט דער מאנען זיין נאמן אין זיין תפלה כלומר ער זאל ניט מתפלל זיין אויף זיך אליין נאר ער זאל מתפלל זיין אויף כלל ישראל אונ זאל זיך אויך כולל זיין צווישין כל ישראל ווארום וייל ער דער מאנט זיין נאמן איז מען משגיח פון דעם הימל מעין צוא זיין אין זיינע מעשים צוא איז ער ווערט זיין תפלה זאל אן גינגמן ווערין אונ אויך ווערן גפונען צו אים מקטרגים זייא זאלין אים ח"ו מזיק זיין: (יד) דר זוהר ברייננט איין ראיה דער צוא פון דעם וואש אלישע הנביא האט גיזאגט צו דער שונמית היש לך לדבר אל המלך איז פאר האנדין צוא דיר עפעס איין זאך וואש דוא דארפסט דאש בעטין פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה ווארום דר טאג איז גיוועזן ר"ה איז מען דן אלע מענטשן ותאמר בתוך עמי אנכי יושבה האט זיא גזאגט איך וויל ניט מען זאל דער מאנן מיין נאמן ועלבשט אין דער תפלה נאר איך וויל נמשפט ווערין צווישין מיין פאלק דאש הייסט צווישן כלל ישראל: (טו) אונ דאש אלץ ווייזט אז דער מענטש ווערט גמשפט מיט דער וואג אזו וויא ער פאר דינט׳ דען צו איטליכר גוטע מעשה איז פאר האנדין איין מליץ אונ צו איטליכר עבירה איז פאר האנדן איין מקטרג: וואול איז דעם וואש האט זיין נשמה מער ליב פון זיין גוף אונ מאכט די וועלט פאר איין טפל אונ יענע וועלט פר איין עיקר׳ אונ איטליכן טאג קוקט ער אלץ אויף זיין סוף דאש דער סוף פון דעם מענטשן איז צוא שטארבין אונ דענמאלט וועט ער מצליח זיין אין זיין תורה אונ זיינע מעשים טובים ער זאל קומן צוא חיי עולם הבא אמן:

פרק עב אמרו אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט דיא וועלט האט נאר איין קיום פון וועגין דעם זכות

וואש

שכר המלמדין עם התינוקות ובכל מקום שהתינוקות לומדים אצל רבם שם השכינה מצויה ושורה שם כדאיתא בזוהר לך לך רבי שמעון בן יוחאי כד אתי למיחמי עולמיא בבי רב הוי אמר אזילנא למיחמי אנפי שכינתא ומה שדייק ואמר כד הוי אתי למיחמי עולמיא בבי רב כי כן מנהג אנשי מעשה כשהיו פנויין מן המלאכה היו הולכים אל המלמדים כדי לקבל אנפי שכינתא ועל כן צריך האדם ליזהר שכל ההולך לשם לבית המלמדים שם האם דהיא שכינתא רובצת על הבנים ופורש כנפי שכינה על גדיי הצאן ובהבל פיהם של תינוקות בוקעים רקיעים ואוירים : (ג) ע״כ צריכין המלמדים לשום אל לבם שהשכינה שוכנת אצלו ויעשה מלאכתו באמונה בלי רמיה באשר שהוא מלאכת שמים ויראה שיהיה החדר אשר לומדין שם התינוקות נקי וטהור מכל לכלוך ויקוים והיה מחניך קדוש כי זה נקרא מחנה שכינה: (ד) ואיתא בזוהר חדש רבי אלעזר ברבי שמעון בן יוחאי פגע ביה אליהו והוי אליהו מתחזי אליו כדמות סבא ותינוק קטן הלך לפניו והוי מעבר נהר גדול לאעבר להך גיסא וא״ל סבא רמייא להאי ינוקא על כתפאי בחד גיסא ואת על כתפאי ג״כ בהאי גיסא ואעביר לכון מעבר דנהרא רבא הדין א״ל לא מארי דדרא את ולא תוכל לעברנא (ר״ל שא״ל ראיתי שאתה הוא ת״ח ותש כחך מחמת לימוד התורה שנקראת תושיה שמתשת כחו של אדם) · (ה) א״ל סבא סבא אי יתפוש אותך ורבייא הדין בתרין ידי ארימית יתכון פלגות מיל אחורי הנהר ושאמרת לי שהתורה נקראת ת׳ שיה ומתשת כחו של אדם והלא התורה נקראת אסוותא שנאמר רפאות תהי לשרך וגו׳ ולכל בשרו מרפא אף אני שתיתי מהתורה יומין סגיאין כמה דשתי מילין דאסוותא ואיישר חילי נטיל להון ואעברינון על כתפוי א״ל סבא סבא חילי סגיא בעלמא הדין ובעלמא דאתי ובגין רבייא הדין

וואש דיא קליינע קינדער וואש לערנען אונ דאוונען בייא זייער רבי · אונ פון דאנען קענסטו פאר שטיין וויא גרויש דער שכר איז פון דיא מלמדים וואש לערנען ערינצט מיט דיא קינדר · אונ אויף איטליכן ארט וואש דיא קינדר לערנען בייא זייער רבי · דארט רועט דיא שכינה : (ב) אזו וויא עש שטייט אין זוהר רבי שמעון בן יוחאי איז גיגאנגן זעהן וויא די קליינע קינדר לערנען בייא זייער רבי האט ער גיזאגט איך גייא זעהן דיא שכינה · דען אזו איז גיוועזן דער מנהג פון די פרומע לייט בשעת זייא זיינן גיוועזן לידיג פון איין מלאכה פלעגין זייא גיין צו דיא מלמדים וואש לערנן מיט קליינע קינדער כדי מקבל צוא זיין דיא פני שכינה · דען די שכינה רועט בייא די קליינע קינדר אונ בשיצט אויף זייא מיט אירע פליגיל : אונ מיט דעם דאמפ וואש גייט ארויש פון דעם מויל פון קליינע קינדער בשעת זייא לערנן שפאלטן זייא דיא הימלן · אונ הש״י איז זיך משמח מיט זייא : (ג) דרום מוזין דיא מלמדים טאן צוא זייער הארץ אז דיא שכינה רועט בייא אים : אונ זאל טאן זיין מלאכה באמונה אן רמאות · ווייל דאש איז איין מלאכת שמים · אונ ער זאל זעהן אז דאש חדר וואש די קינדר לערנן דארטין זאל זיין ריין פון אלערלייא מיאוסקייט וועט אין דיר ווערין מקוים אז דיין מחנה זאל הייליג זיין · ווארום דאש ווערט גירופן מחנה שכינה : (ד) אונ אין זוהר חדש שטייט רבי אלעזר דער זון פון רבי שמעון בן יוחאי האט בגעגינט אליהו · אונ אליהו האט זיך גיוויזין צוא אים אין דעם גישטאלט פון איין אלטן מאן אונ איין קליין קינד איז גיגאנגן פאר אים אונ רבי אלעזר האט גיט גוואוסט אז דאש איז אליהו הנביא זיינן זייא גיקומן פאר איין גרויש וואסר האט רבי אלעזר גיזאגט צו אליהו דוא אלטר גיב מיר דאש קינד אויף איין אקסיל אונ דיך וועל איך נעמן אויף דעם אנדרן אקסיל אונ וועל דיך אריבער טראגין איבער דעם וואסער · האט דער אלטער צוא אים גיזאגט דוא בישט ניט דער מענטש וואש האט כח צוא טראגן ווייל דוא בישט איין תלמיד חכם איז דיין כח שלאף גיווארין פון דעם לערנן · דרום וועשטו אונז ניט קענען אריבר טראגין איבר דעם וואסר : (ה) האט רבי אלעזר צו אים גיזאגט דו אלטר אלטר איך האב ב״ה כח דען אויב איך זאל נעמן אייך מיט דעם קינד מיט מיינעביידע הענט וואלט איך אייך איבער דעם וואשער אריבר גיטראגין אונ נאך איין האלבע מייל ווייטער פון דעם טייך · אונ דאש וואש איר זאגט די תורה מאכט שלאף דעם כח פון דעם מענטשין · אמער דיא תורה ווערט דאך גירופין היילונג דען אזו שטייט אין פסוק רפאות תהי לשרך איין היילונג וועט זיא זיין צוא דיין נאפיל ולכל בשרו מרפא אונ צוא גאר זיין לייב איז זיא איין היילונג · איך האב אויך גיטרונקען

פון

הדין לא אשבוק לך ולא אתן רשות לשר של גיהנם ליגע בך ואנא עייל ליך לעלמא דאתי בתוקף חילי דאית לי תמן א"ל רבי רבא חילך וסגיא בעלמא הדין ובעלמא דאתי ואת דמייא כהאי שמשא וכו': (ו) ובהיות כי גדול שכר כח לימוד התינוקות והבל פיהם עושים הרבה פעולות טובות והצלות מגזירות קשות ורעות כמ"ש רז"ל הקול קול יעקב בזמן שהקול של תינוקות מצפצפים בבתי מדרשות ובבתי כנסיות של יעקב אין גוזרין בשמים עלינו ח"ו גזירות רעות ע"כ צריכין ג"כ להתפלל על התינוקות של בית רבן ועל יונקי שדים שהקדוש ברוך הוא יסוככם בצל כנפיו וישמרם מכל עינא בישא ומכל חולי ופגעים רעים שינצלו מן אסכרה שבא על התינוקות מחמת חסרון אור הלבנה ולכן כתיב מארת חסר וי"ו: (ז) ובהגיע הזמן לתת התינוק לבית הספר ללמוד אצל המלמד ישכים האב בבקר ויקיץ את הילד ויוליכנו לבית רבו ואף אם האב הוא זקן וגדול או פרנס ורב לא יהיה לו בושה מה שמוליך את בנו פעם ראשונה לבית רבו של תינוק ויתן שבח והודיה להקדוש ברוך הוא שזיכה אותו לזכות את בנו להכניסו תחת כנפי השכינה ומחויב האב או האם לכסות התינוק תחת בגדו בעת הליכתו שלא יסתכל התינוק בשום דבר טמא בעולם: (ח) ואחר שמביא התינוק לבית מלמד יתן האב התינוק לתוך חיקו של מלמד ע"ש הכתוב כאשר ישא האומן את היונק ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותיו ומביאין הלוח שכתוב עליו האל"ף בי"ת ויקרא המלמד לפני התינוק א' ב' ג' וכו' ואחר כך תשר"ק צפע"ם נמל"ך יטח"ז והדגב"א ואח"כ יאמר התינוק כל אות ואות אחר המלמד ואח"כ יקרא המלמד הפסוק תורה צוה לנו משה וגו' ואחר כך פסוק ראשון של ויקרא והתינוק יענה אחר כל תיבה ותיבה: (ט) ואח"כ יתן

פון דער תורה פיל צייט אזו וויא וואש אייגר טרינקט דאש גיטראנק פון רפואות. דרום האב איך פיל כח ב"ה. האט דר רבי אליעזר זייא גינומן אויף זיינע אקסלין אונ האט זייא אריבר גיטראגין. אונ האט גיזאגט צוא אים אלטר מיין כח איז פיל אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט אונ פון וועגין דעם דאזיגין קינד וועל איך דיך ניט לאזין אונ וועל ניט געבין קיין רשות צו דעם שר של גיהנם אין דיר אן רירין. אונ איך וועל דיך ארין ברייננען אין גן עדן ארין דורך דעם שטארקן קראפט וואש איך האב דארטן. האט דער אלטער צוא אים גיזאגט רבי. עש איז אמת דיין קראפט איז זייער גרויש אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט אונ דוא וועשט שיינן אזוא וויא דיא זון שיינט: (ו) אונ וויל דער שכר פון דעם לערנן וואש דיא קינדער לערנן איז זייער גרויש. אונ זייא טוען פיל גוטע פעולות אונ זיינען מציל דיא ישראל פון בייז אזו וויא אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט הקול קול יעקב אין דער צייט וואש דאש קול פון דעם לערנען פון דיא קינדער ווערט גיהערט אין די בתי כנסיות אונ בתי מדרשות איז מען ניט גוזר אין הימל אויף אונז קיין גזרות רעות ח"ו. דרום דארפין מיר אויף די קינדער אויך מתפלל זיין אונ אויף דיא זייגענדיגע קינדר. אז גאט ב"ה זאל זייא בשיצן אין דעם שאטן פון זיינע פליגיל אונ זאל זייא היטין פון עין הרע אונ פון אלע קראנקייט אונ בייזע בגעגניש. אונ זייא זאלין ניצול ווערין פון דער מיתה פון אסכרה: (ז) אונ אז עש קומט די צייט דר פאטר זאל געבין דאש קינד אין חדר אריין זאל דר פאטר אויף שטיין גאנץ פריא אונ זאל אויף וועקין דאש קינד אונ זאל אים אליין פירין אין חדר אריין ווען אפילו דער פאטר איז איין אלטער מאן אדער איין פרנס אדר איין רב זאל ער פארט אליין פירין דאש ערשטע מאל דאש קינד אין חדר אריין אונ זאל זיך ניט שעמן. אונ זאל אפ געבין איין שבח והודיה צו גאט ב"ה וואש ער האט אים מזכה גיוועזן זיין זון ארין צו ברייננען אונטר די פליגיל פון דער שכינה. אונ דער פאטר אונ דיא מוטר זיינן מחויב צוא דעקין דאש קינד אונטער זייערע קליידער בשעת זייא וועלין אים פירין. כדי דאש קינד זאל ניט קוקין אויף דעם וועג אין קיין שום טמא זאך: (ח) נאך דעם אז ער ברייננט דאש קינד צוא דעם מלמד אין זיין הויז ארין זאל דר פאטר געבין דאש קינד אין דר שויס פון דעם מלמד. אונ זאל ברייננן דעם טאוויל וואש דער אלף בית איז דרויף גישריבין. אונ דער מלמד זאל פיר לייענין פר דעם קינד א'ב'ג'ד'ה'ו' וכו'. אונ דר נאך תשר"ק צפע"ם נמל"ך יטח"ז והדגב"א. אונ דאש קינד זאל נאך זאגין דעם מלמד איטליכש אות דר נאך זאל דר מלמד מיט אים זאגין דעם פסוק תורה צוה לנו משה מורשה אונ דער נאך דעם ערשטין פסוק ויקרא. אונ דאש קינד זאל אים נאך זאגין איטליכש ווארט: (ט) דער נאך זאל ער געבין איין

יתן מעט דבש על הלוח וילחך התינוק הדבש שע"ג האותיות ואח"כ יקח האב התינוק וישיבנו לבית באופן שלא יראה התינוק שום דבר טמא וטוב שבאותו היום לא תגע שום אשה נדה בהתינוק ולכן נכון הוא שיתענו בו ביום אביו ואמו של תינוק ויתפללו אל אלהי השמים שיהיה הולד מוצלח בתורה וביראה ובמע"ט ולאריכות ימים ושנים ולעת ערב אחר התענית יעשה סעודה לעניים וליתן צדקה כפי מסת ידו ואז בודאי יהיה לב האב בטוח שיראת ה' יהיה על אותו התינוק ודי באזהרה זו :
(י) ומה מאוד גדול שכר של אותן האנשים אשר הם חשוכי בנים לגדל יתום בתוך ביתם וישגיחו עליהם לנהגם בדרך ישרה כאילו ילדם אם יכולת בידו להושיב לומדי תורה בביתו ולפרנס שיהיה ביתו מלא תורה, פשיטא אשרי לו ואשרי חלקו וכן מצינו ברש"י ז"ל שבהיותו גולה מן גלות צרפת היה מתאכסן בבית עשיר פרנס אחד והיה העשיר הפרנס מפציר בו שיתעכב בביתו וילמוד תורה לרוב הפצרתו ובקשת העשיר היה רש"י ז"ל מחבר ספר אחד וקרא שם הספר הנ"ל על שם העשיר הפרנס וכוונת רש"י ז"ל היה לגדל ולכבד את שאר בעלי גומלי חסדים : (יא) ואשרי האיש אשר בוחר ובורר מקום יפה ונאה בביתו כדי ללמוד שם כי הקדוש ברוך הוא מצוי בבית שלומדים בו תורה וגדול יהיה כבוד בית זה לעתיד בעת שיתקבצו נדחי ישראל אז יתקבצו גם כן כל בתי מדרשות ובתי כנסיות לארץ ישראל ויהיו לצבי תפארת אמן :

## פרק ענ

**אמרו** רז"ל לא איברי לילה אלא לגירסא כי גדול כבוד הבית אשר קול תורה נשמע בו כי הענין הוא כך כשאדם ישן על מטתו אז נשמתו נפקת מיניה אזי היא כסהידא בהאדם כל מה דעביד בההוא יומא ודנין את הנשמה בין טב לביש כי בלילה ב"ד של מעלה יושבין בדין

אין ביסיל האניק אויף דעם טאוויל וואו דער אלף בית איז אויש גישריבין אונ דאש קינד זאל אפ לעקין דעם האניק פון אפ די אותיות · דער נאך זאל דער פאטר נעמן דאש קינד אהיים אונ זאל אים אויך צוא דעקין איבר דעם וועג כדי דאש קינד זאל קיין שום טמא זאך ניט זעהן אויף דעם וועג אונ עש איז גוט אז דעם טאג זאל קיין שום אשה נדה ניט אן רירין אין דעם קינד · דרום איז רעכט אז דר פאטר אונ מוטר זאלין דעם טאג פאסטין אונ זאלין מתפלל זיין צוא גאט אז דאש קינד זאל זיין בגליקט אין דער תורה אונ אין יראת שמים אונ זאל דער צויגין ווערין אויף לאנגע יאר · אונ אויף דר נאכט נאך דעם תענית זאל ער מאכן איין סעודה פאר ארמע לייט אונ צדקה געבין נאך זיין פאר מעג נאך אונ דענמאלט זאל דער פאטר בוודאי בטוח זיין אז גאטש פארכט ווערט זיין אויף דעם קינד · (י) אונ וויא זייער גרויש איז דער שכר פון דיא מענטשין וואש האבין קיין קינדר ניט אונ נעמן איין יתום אונ זיינען אים מגדל אונ זיינן אויף אים משגיח צו פירין אים אין דעם גוטין וועג גליך וויא זיין קינד · אונ אויב ער האט יכולת צוא מאכין זיצין לומדי תורה אין זיין הויז פון וועגין זיין הויז זאל פול זיין מיט תורה אונ זייא מפרנס צוא זיין איז בוודאי וואול צוא אים אונ וואול צוא זיין חלק · אונ אזו גיפינן מיר בייא רש"י ז"ל דען אז רש"י איז פר טריבן גיווארין אין גלות וואש מען האט פון צרפת ארויש גיטריבן אלע יהודים איז ער אמאל איין גישטאנען בייא איין עושר וואש ער איז גיוועזן איין פרנס · האט דער פרנס אים זייער מפציר גיוועזן ער זאל זיך פר זאמן בייא אים אונ זאל תורה לערנן · אונ וויל דער פרנס האט אים זייער מפציר גיוועזן דרויף · דרום האט רש"י מחבר גיוועזן איין ספר אונ האט עש איין נאמן גיגעבין ספר הפרנס · אונ דיא כוונה פון רש"י איז גיוועזן גרויש צוא מאכין אונ מכבד צו זיין דיא וואש זיינען גומל חסד כדי זייא זאלין גומל חסד זיין : (יא) אונ וואול דעם מענטשין וואש דער ווילט זיך אויש איין ארט אין זיין הויז אויף צוא לערנן · ווייל גאט ב"ה איז גיוויינטליך אין דעם הויז וואש מען לערינט דארטין תורה · אונ אז משיח וועט קומן וועלין איין גיזאמילט ווערין אלע שולין אונ בתי מדרשות קיין ארץ ישראל אמן :

## פרק ענ

אמרו אונזערע חכמים ז"ל האבין גיזאגט דאש די נאכט איז מער ניט בשאפין גיווארין נאר אויף צו לערנן ווארום דר כבוד פון דעם הויז וואש תורה ווערט גיהערט דרינן איז זייער גרויש · דען אז דר מענטש שלאפט גייט זיין נשמה ארויש פון אים · זאגט זיא עדות אויף אים וואש ער האט גיטאן אין דעם טאג · אונ מען איז דן דיא

נשמה

בדין׳ (ב) ובשעה ראשונה כיון שהשמש נכנסה למקומה אזי יש ממונה מכריז כרוז דרך י״ב שערים אשר הם נפתחים כשהחמה יוצאת לזרוח ונסגרים כשהחמה שוקעת כל הלילה ואז כל אינון ממונים מלאכים דאינון ממונים על שמירת העולם כולם מתכנשים לעילא ושערי רחמים ננעלים והבתי דינים מתעוררין ועומדים מלאכים הממונים על התקיעות ותוקעין וזהו סימן שעמדו מלאכים בחצי הלילה המיוחדים לומר שירה ואז תיכף מתעוררים המלאכים ועומדין באימה וביראה בקדושה בטהרה ומשוררים ומזמרין קמי קב״ה ואז בתחילת הלילה בני נשא ניימין על ערסיהון ונשמותיהון נפקין ומעידין על עובדיהון די בימממא ועומדין בדין ובחצות הלילה אתער רוח צפון חזק וקם חד ממונה ובטש ביה בשרביטא והרוח שכיך וכדין אתער הקדוש ברוך הוא לאשתעשעא עם צדיקייא הה״ד היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני וגו׳ (ג) והקדוש ברוך הוא מושך חוט של חסד על אותן אנשים העומדים בלילות לעבודתו ומשמרים אותן מכל פצעים ופגעים רעים ועליהם נאמר יומם יצוה ה׳ חסדו ובלילה שירה עמי ובודאי ימשוך עליו חוט של חסד ואור גדול מנטיעות שבגן עדן מאותו המקום הנקרא נחל קדומים וחלקו מוכן ומזומן לאחר מותו במקום מנוחה ושמחה אשרי לו ואשרי חלקו׳ (ד) ע״כ אל יהיה קל בעיניך לימוד התורה בלילה וקדמונינו ז״ל היו מתחכמים והיו עושים סימנים לכוין חצות לילה לקום ולעסוק בתורה כדי להתחבר כחדא עם צדיקים שבגן עדן השומעים מפי הקדוש ברוך הוא כדמצינו בזוהר רבי אבא ורבי יעקב אזלי מטבריא לכפר טרשא והוי מתאכסנים אצל אושפיזא כד בעי למשכב אמר ר״א למרי דביתא אית הכא תרנגולא א״ל למה א״ל איצטריכני למיקם בפלגות ליליא׳ (ה) א״ל לא אצטריכנא דהא אית לי סימנא אתרא דהדא טיקלא דקמי ערסי מלינא מיא ונטף טיף טיף בפלגות ליליא ממש אתרוקנו

נשמה הן אויף נוטש הין אויף בייז׳ ווארום בייא נאכט זיצן דאש בית דין של מעלה אונ זיינן דן די נשמות: (ב) אונ אין דער ערשטר שעה וויא דיא זון גייט אונטר דענמאלט איז פאר האנדין איין ממונה וואש רופט אויש אונ דער כרוז גייט דורך צוועלף טויערין וואש אז דיא זון גייט אויף צוא שיינען זיינן זייא אפין אונ אז דיא זון גייט אונטר ווערין זייא פר שלאסין׳ אונ אלע מלאכים וואש זיינן ממונה איבר דעם היטונג פון דער וועלט דיא אלע ווערין איין גיזאמילט אויף דעם הימל גאנץ הויך׳ אונ דיא טויערין פון רחמים ווערין פאר שלאסן׳ אונ דיא בית דינים ווערן דר וועקט אונ די מלאכים וואש זיינן ממונה איבר דיא תקיעות דיא שטייען אונ בלאזן׳ אונ דאש איז איין סימן אז די מלאכים זאלין שטיין וואש זיינן מיוחד אין האלבע נאכט שירה צוא זאגן׳ אונ דענמאלט ווערין תיכף דער וועקט דיא מלאכים אונ שטייען מיט פארכט אונ מיט היילי[ק]קייט אונ מיט ריינקייט אונ זינגן אונ לויבן פאר גאט ב״ה׳ אונ אין תחלת נאכט שלאפין דיא לייט אויף זייערע בעטליך׳ אונ זייערע נשמות גייען ארויש אונ זאגן עדות אויף זייערע מעשים וואש זייא האבין גטאן בייא טאג אונ שטייען בייא דעם דין פון דעם בית דין של מעלה׳ אונ צוא האלבע נאכט ווערט דער וועקט זייער איין שטארקר ווינט אונ איין ממונה שטייט אויף אונ גיט אים איין טרעט׳ אונ דען ווערט דער ווינט גישטילט׳ אונ דענמאלט גייט השי״ת זיך צוא פרייען מיט די צדיקים אין גן עדן׳ (ג) אונ אויף דיא דאזיגע מענטשין וואש זייא שטייען אויף בייא נאכט צוא זיין דינסט׳ אונ מכל שכן אויף דעם וואש שטייט אויף צו חצות ווערט גיצוגן איין חוט של חסד אונ איין גרויש ליכט פון דעם פלאנצונג וואש איז אין גן עדן׳ פון דעם ארט וואש ווערט גירופין נחל קדומים׳ אונ נאך זיין טויט איז זיין חלק אן גיברייט אין איין רוא ארט אונ איין פרייליך ארט׳ וואול איז אים וואול איז זיין חלק: (ד) דרום זאל בייא דיר ניט גרינג זיין דאש לערנן פון בייא נאכט׳ אונ אונזרע ערשטע חכמים ז״ל האבין גיקליגט אונ האבין גימאכט סימנים זייא זאלין קענן מכוין זיין אויף צו שטיין פינקט האלבע נאכט תורה צוא לערנן׳ פון וועגין זייא זאלין זיך בהעפטין מיט דיא צדיקים וואש זיינען אין גן עדן וואש זייא הערין תורה פון גאט ב״ה׳ אזו וויא מיר גפינן אין זוהר׳ רבי אבא אונ רבי יעקב זיינן גיגאנגן פון דר שטאט טבריא צוא דעם דארף טרשא׳ אונ זייא זיינן איין גשטאנן אין איין הארברג׳ וויא זייא האבן זיך גוואלט לייגן שלאפן׳ האט רבי אבא גיזאגט צום בעל הבית איז דא פר האנדין איין האן האט דער בעל הבית אים גיפרעגט נאך וואש טויג דיר איין האן׳ האט רבי אבא אים גיענטפערט איך דארף ער זאל מיך אויף וועקין אויף צוא שטיין האלבע נאכט: (ה) האט דער בעל הבית

אתרוקנו כלהו מיא ואתגלגל האי קיטפא דהיינו (טיקלא) ואשתמע קלא בכל ביתא וכדין הוא פלגות ליליא (פי' שהיה כלי מים תלוי לפני מטתו והוי עשוי בגלגל וכלי זה היה נוטף טיף טיף וכדרך שעושין במדינה זו (האור ווערג) עד שהוציא כל המים שבכלי עד חצות וכל זמן שהיו מים אפילו מעט מזער קאי אקיימייהו וכשנגמרו כל הטיפין לצאת אזי נתהפך הגלגל ונופל למטה ונהפך הכלי והיה מרעיש וצועק ונשמע קולו עד שהקיצו אותן האנשים שהיו בחדר ההוא) והיה שם באותו הבית חד סבא דהוה קם בכל פלגות לילה ואשתדל באורייתא ובגין דא עביד האי אמר רבי אבא בריך רחמנא דשדרני הכא · (ו) ובהגיע הזמן חצי לילה קמו כולהו ועסקי באורייתא וכו' אמר האי לתרין בנוהי מהו ענין השכר דהקב"ה משתעשע עם צדיקים ועייל בפלגות לילה לג"ע ולכן אמר דוד חצות לילה אקום להודות לך אמר רבי אבא ודאי שפיר קאמרת אבל מנא לן הא אמר ליה כך למדתי מן סבא אוחרי · (ז) תו הוי אמר להו בתהלת שעתא קמייתא דלילה כל הדינים דלתתא מתערין אולין ושאטין בלילה בפלגות לילה ממש אתער הקב"ה בג"ע ודינין דלתתא לא אשתכחין וכל נמוסין דלעילא לא משתכחין אלא בפלגות ליליא דכתיב ויחלק עליהם לילה ויהי בחצי הלילה וכמה מקומות בתורה מצינו הכי דוד המלך קרייה להקב"ה חצות לילה ממש (ר"ל היודעים סוד שהנוקבא הנקראת מדת לילה יוצאת מאחורי הדוהי דהיינו ממחציתו וע"כ דוד הוי קרי להקב"ה חצות לילה וזהו שדייק בזוהר דאיהו חצות לילה ממש וזהו סוד גדול ואין מגלין אותו אלא לצנועין וליודעי חן) ומלכות בית דוד נקראת מדת לילה וע"כ קם דוד בחצות לילה כדכתיב חצות לילה אקום להודות לך על משפטי צדקך וסוד משפט וצדקה ג"כ ידוע למבין מדעתו א: למי שיש קבלה בידו דמהני דינין נפקן דינא דמלכותא דינא אתו ר' אבא ור"י ונשקוהו וכו' אדהכי אתא האי ינוקא ושאיל אמאי כתיב חצות לילה (ר"ל מאחר דקאי אנוקבא דנקראת חצות לילה ומדת חצות אינו משמע שהוא מדת לילה לגמרי אלא כי מחצית שבמדת לילה) אמר הא אתמר בפלגות לילה מלכות דשמיא אתער (פי' וא"כ כבר מבואר דמשום הכי צריך שתהיה נקראת חצות לילה דאיהו הקב"ה הנזכר להראות דאז מתגלה מלכותא דשמיא הנקרא זעיר והבן) אמר האי ינוקא הכי שמענא מלה פתח האי ינוקא ואמר מאחר דבחצות מתגלין החסדים וע"כ נקראת אז חצות לילה פלגות דינא היא דנהירא אנפהא בסיטרא דחסד קם רבי אבא ושוי ידו על רישא דהאי ינוקא וברכיה · (ח) פתח רבי אבא ודרש סודות נפלאות

בעניני

הבית אים גיזאגט דרויף דארף איך קיין האן ניט ווארום איך האב אנאנדר סימן דען דער בעקין וואש היינט איבר מיין בעט וואש ער איז ארײן גיזעצט גיווארין אין איין ראד גיס איך אים אן פול מיט וואשר אונ אונטין איז פאר האנדין איין קליין לעכיל טריפט די וואשר פון אים טראפין ווייש · אונ כל זמן אין אים איז פאר האנדין אפילו איין טראפין שטייט די ראד אויף איר ארט · צוא האלבע נאכט ווערט דר בעקין גאר ליידיג · טוט דיא ראד איין דרייא פאלט דער בעקין תיכף אראפ אונ גיט אגרוישין קלאפ מיט גרויש רעש · פון דעם קול חאפין מיר זיך אלע אויף · אונ אין דעם הויז איז גיוועזן איין אלטער מאן וואש ער פלעגט תמיד אויף שטיין האלבע נאכט צוא לערנען תורה · דרום האט ער דאש אזו גימאכט · האט רבי אבא גיזאגט גלויבט איז גאט וואש ער האט מיך אהער גיבראכט וואש דא שטייט מען אויף האלבע נאכט : (ו) אונ וויא עש איז גיקומן האלבע נאכט זיינן זייא אלע אויף גישטאנן אונ האבין גילערינט תורה · האט דר בעה"ב גיזאגט צוא זיינע צווייא זין דאש גאט ב"ה גייט האלבע נאכט אין גן עדן ארײן אונ פרייט זיך מיט דיא צדיקים אונ דרום האט דוד גיזאגט חצות לילה אקום להודות לך האלבע נאכט טוא איך אויף שטיין לויבין דיך · האט רבי אבא גיזאגט דוא זאגשט בוודאי רעכט · נאר פון וואנען ווייסטו דאש האט דער בעל הבית אים גיזאגט אזוא האב איך גילערינט פון איין אנדרן אלטן מאן : (ז) אונ נאך האט ער גיזאגט צוא זיינע קינדער פון תחלת הלילה ביז האלבע נאכט ווערין דער וועקט דינים · אונ זייא גייען אונ שוועבין ארום אויף דער וועלט ביי נאכט · פונקט האלבע נאכט גייט גאט ב"ה אין גן עדן ארײן אונ דיא דינים הערין שוין מער ניט גפונן אונ האט דרינן פיל סודות גיזאגט · איז רבי אבא גיקומן אונ האט אים גיקושט · דר וויל איז גקומן איין קינד אונ האט זייא גפרעגט איין קשיא · אונ האט זיי מגלה גיוועזן גרוישע סודות · איז רבי אבא אויף גישטאנן אונ האט גילייגט זיינע הענט אויף דעם קאפ פון דעם קינד אונ האט אים גבענטשט : (ח) האט רבי אבא אן גהויבן אונ האט גדרשנט

וואונדרליכע

בעניני דמילה ואמר בשעה שמכנים האב את בנו למול ערלתו בההיא שעתא קרי קב"ה לפמליא דיליה אמר חמו פמליא דילי בני חביבין מה עבדין בעלמא בההוא רגע מזדמן אליהו הנביא וטאס עלמא בד' טאסי ואזדמן תמן על דא תנינן דבעי בר נש לתקנא כורסיא לאליהו והוא סליק ואסהיד קמי קב"ה דישראל הן מקיימין בריתו של אברהם אבינו וכו' · (ט) אדהכי הוי נהורא קמו רבי אבא ורבי יעקב ובעו למיזל א"ל האי גברא במאי דעסיקו בחצות לילה אשתלימו אמרו מאי הוא אמר להו דתיתמון למחר אנפוי דמאריה קיימא בעל ברית שהוא אליהו הנביא דהא דביתאי בעית דא מנייכו על הברית מילה וגזר קיימא דברא דאתיילדת לי יהיה למחר הילולא דיליה א"ר אבא בעותא דמצוה הוא ולמיחמי אנפוי דשכינתא אוריכו (פי' המתינו) כל ההוא יומא בהאי לילה כנש האי גברא כל אינון רחימין ואתר הסעודה השתדלו באורייתא ולא הוי מאן דנאים · (י) והובא שם בזוהר דהענין כי באותו הלילה שלפני המילה צריך הילד שמירה מעולה מן אותן המחבלין שלא יזיקו ליולדת ולהילד וע"כ מנהג שקורין (בל"א ווין נאכט ובלשון פולין וואכט נאכט) ולומדין כל הלילה אז מקויים הכתוב ליהודים היתה אורה זו תורה ושמחה זו מילה ויקר זו תפלין והזוהר הביא באריכות שהאיש הקדוש הנ"ל כנס כל אוהביו לומדי תורה שיהיו גורסין כל הלילה · (יא) וכן הוא ראוי לעשות לנו ג"כ באותו הלילה כי התורה היא מגנת ומצלת מכל חיבול ומכל נזק בעולם ואחר כך אמר הבעל ברית במטו מנייכו לימא מלה חדתא כל אחד ואחד והיו מחדשין דברי תורה בענייני המילה וכוונתו היה שדברי תורה הוא תועלת גדול לשמירת הולד ולשמירת היולדת · (יב) ועוד הביא בזוהר שע"י התורה שעוסקים בלילה

של

וואונדערליכע סודות אין די ענינים פון דער מילה אונ האט גיזאגט דאש אין דר צייט אז דער פאטר ברייננט אריין זיין זון מל צוא זיין רופט גאט ב"ה צוא זיין פמליא אונ זאגט זעהט מיין פמליא וואש מיינע גליבטע קינדר טוען אויף דער וועלט · אין דר זעלביגר רגע ווערט אליהו הנביא אן גבריית אונ שוועבט איבר די וועלט מיט פיר שוועבין · אונ ווערט דארטן אן גבריית ביי דר מילה · דריבר האבין מיר גילערינט אז דער מענטש זאל אן בריטין איין שטול פון וועגין אליהו הנביא אונ מען רופט זיא כסא של אליהו אונ ער גייט אויף אונ זאגט עדות פאר גאט ב"ה אז דיא ישראל זיינן מקיים דעם ברית פון אברהם אבינו : (ט) דר וויל איז טאג גיווארין זיינן רבי אבא אונ רבי יעקב אויף גשטאנן אונ האבין גיוואלט אוועק גיין · האט איין מענטש צו זייא גיזאגט אין דעם וואש איר האט עוסק גיוועזן ביי נאכט דער מיט לאזט אויש · האט רבי אבא גיזאגט וואש מיינשטו דאש · האט דער מענטש צוא זייא גיזאגט איר וועט מארגין זעהן דעם מלאך הברית דאש איז אליהו הנביא דען בייא מיר איז מארגין איין ברית מילה · אונ מיין ווייב בעט איך איר זאלט זיין אויף דעם ברית מילה האט רבי אבא גזאגט דאש איז איין גיבעט פון איין מצוה אונ צו זעהן די פני שכינה דרום װעלין מיר דא בלייבין · האבין זייא גיווארט איין גאנצין טאג אויף דער נאכט האט דער מענטש צוא נויף גיזאמילט אלע זיינע פריינד אונ האט זייא גיגעבין עסין · נאך דעם עסין האבין זייא אלע תורה גילערנט אונ קיינער פון זייא האט ניט גישלאפין · (י) אונ אין זוהר ברייננט ער דעם טעם דר פון וויל די נאכט פאר דעם ברית טוז דאש קינד האבין איין רעכטע שמירה פון דיא מחבלים זייא זאלין ניט מזיק זיין צוא דער יולדת אונ צום קינד תוז אונ דרום רופט מען דיא נאכט וואך נאכט אונ מען לערינט אגאנצע נאכט · דענמאלט ווערט מקוים דער פסוק ליהודים היתה אורה צו די יהודים איז גוועזן ליכטיג דאש מיינט מען דיא ליכט פון דער תורה ושמחה אונ פריילכקייט דאש מיינט מען דיא מצות מילה ויקר אונ דאש ווערדיקייט דאש מיינט מען דיא מצות תפילין · אונ דער מענטש האט איין גיזאמילט אלע זיינע ליב האבר דיא לומדי תורה אונ זייא האבין גילערינט תורה איין גאנצע נאכט · (יא) אונ אזו גיהערין מיר אויך צו טאן אין דער וואך נאכט וויל דיא תורה איז מגין אונ איז מציל פון אלערלייא שאדין פון דער וועלט דער נאך האט דער בעל הבית גיזאגט איך בעט פון אייך איטליכער זאל זאגין איין נייע זאך פון דער תורה אין דעם ענין פון דער מצות מילה · אונ זיין כוונה איז גוועזן וויל דיא דברי תורה איז איין גרויש הילפונג צוא דר היטונג פון דעם קינד אונ צוא דער היטונג פון דר יולדת : (יב) נאך ברייננט דער זוהר אז דורך דער תורה וואש מען לערינט אויף דר וואך נאכט ווערט אליהו הנביא אנפלעקט מיט גרויש

ליכטיקייט

של (וויין נאכט) אליהו מתגלה בהארות גדולות של רצון ד.עליון ועי זה גורם הרבה טובות וישועות לישראל ואחר כך אמר רבי אבא לבעל הבית ולהאי סבא מאחר דאתון חכימין טובא מפני מה אתם יתבין הכא אמר הבעה"ב אי צפרין יתעקרו מאתרייהו לא ידעין לאן טאסין כד"א כצפור נודדת מן קנה כן איש נודד ממקומו וכן אם אנו עוקרים דירתנו מכאן שהוא מקום מוכן אצלנו ללמוד תורה לא נדע לאיזה מקום יהיה הישוב שלנו ללמוד תורה כי מקום זה הוא מוכן ומסוגל ללמוד תורה ואתרא דא זכו לן באורייתא והכי אנן נוהגין בכל פלגות לילה עסקינן באורייתא עד צפרא וכד צפרא אתו ריחי חקלא ונהרא מייא נהרו לן אורייתא ואתישבא בליבנא וגזר דין הוא משמים דמוכרחים אנו לדור בהאי אתר וכמה סרכי תריסין אסתלקו הכא פי' דהוו מתין באותן הימים על דלא עסקו באורייתא וכדין אשתדלותא דילן יומם ולילה בתורה ואתרא דא קא מסייע לן והוי יתבין עד דנהיר יממא · (יג) כיון שהתחיל לנהור יממא אמרו לאינון דרדקי דיפקו ויחמו אי נהר יממא ואח"כ כל חד לימא מלה חדתא נפקו וחמו דהוי נהיר יממא אמר חד ינוקא זמין האי יומא אשא מלמעלה אמר ינוקא אחרא ובהך ביתא אמר ינוקא תליתאי סבא חד הכא הוא מזומן לאתוקד בנורא אמר ר' אבא רחמנא לישזבן תווה ולא יכיל למללא אמר קוטרא דהורמנא בארעא אתפס (פי' קשר ותוקף הרשות מלמעלה נתפס בארץ) ר"ל שהיו יודעים שירד אש מן השמים בבית ההוא וכן הוי דבהוא יומא חמו חברייא אנפין דשכינתיה ואסתחרו באשא (פירוש האש מהשכינה [היה] מסבב אותם ור' אבא אתלהט פניו בנורא מחדוותא) דאורייתא · (יד) תאנא כל ההוא יומא לא נפקי כולהו מביתא ואתקטר בקטרא והוי חדאין במילין חדתין כאילו קבלו ההוא יומא אורייתא מטורא דסיני והיו שומעין קול בשעה שהיו מביאין התינוק לב"ה שהיה אליהו הנביא אומר פסוק אשרי תבחר

ותקרב

ליכטיקייט פון דעם רצון פון גאט ב"ה אונ דורך דעם איז ער גורם פיל גוטש אונ הילף צו דיא ישראל · דער נאך האט רבי אבא גיזאגט צו דעם בעל הבית אונ צוא דעם אלטין מאן · וויל איר זייט יוא אזוא קלוג אונ זייט אזעלכע גרוישע תלמידי חכמים ווארום זיצט איר דא אין אזוא איין קליין דארף אונ איר וואונט ניט אין אזוא איין קהלה וואו לומדים זיינן · האט דער בעל הבית גיזאגט אז דיא פייגיל ווערין אויש גירישין פון זייער ארט · ווייסין זייא ניט וואו הין צוא פליהן · אזוא וויא עש שטייט אין פסוק כצפור נודדת מן קנה אזוא וויא איין פויגיל וואש ווערט פאר וואגילט פון איר נעסט כן איש נודד ממקומו אזוא איז דער מענטש וואש ווערט פאר וואגילט פון זיין ארט · אזוא אויך אז מיר ווילין עוקר זיין אונזר וואונונג פון דאנין וואש דאש ארט איז פאר אונז אן גיברייט צו לערנן תורה · ווילין מיר ניט ווישין אין וואש פאר איין ארט מיר זאלין זיך בזעצין תורה צוא לערנען דען דאש ארט איז אן גיברייט אונ מסוגל פאר אונז תורה צו לערנען דען אויף דעם ארט זיינן מיר זוכה תורה צוא לערנען · אונ אזו זיינען מיר זיך תמיד נוהג דאש אין אלע האלבע נאכט לערנן מיר תורה ביז פריא · אונ דאש איז איין גזר דין פון דעם הימל אז מיר זאלן זיצן אין דעם דאזיגן ארט · אונ פיל לומדים זיינן דא גישטארבן ווייל זייא האבן קיין תורה ניט גילערינט · דרום לערנען מיר תורה טאג אונ נאכט אונ דאש ארט העלפט אונז · אונ זייא זיינען אזו גיזעסין ביז עש איז טאג גיווארין : (יג) וויא עש האט אן גיהובין צוא טאגין האבין זייא גיזאגט צוא דיא קינדער זייא זאלין ארויש גיין אונ זאלין זעהן אויב עש איז שוין רעכט טאג · אונ דער נאך זאל איטליכר פון אונז זאגין איין נייע זאך פון דער תורה · זיינען דיא קינדער ארויש גיגאנגען אונ האבין גיזעהן אז עש איז שוין רעכט טאג האט איין קינד גיזאגט עש וועט היינט ארויש פייער אראפ קומן פון דעם הימל · האט דאש אנדרע קינד גיזאגט דאש פייער וועט זיין אין דעם דאזיגן הויז · האט דאש דריטע קינד גיזאגט דא איז פאר האנדין איין אלטר מאן איז ער אן גברייט פאר ברענט צוא ווערין אין פייער האט רבי אבא גיזאגט גאט זאל אונז מציל זיין האט ער זיך פר וואונדערט אונ האט ניט גיקענט ריידין אונ אזו איז גיוועזן דאש דעם זעלבינן טאג האבין דיא חבריא גיזעהן דיא שכינה · אונ זיינן ווארין ארום גירינגילט אין דעם פייער פון דער שכינה · אונ דאש פנים פון רבי אבא האט גיברענט אין פייער מחמת דער חדוה פון דער תורה : (יד) מיר האבין גילערינט דעם דאזיגן גאנצין טאג זיינען זייא אלע ניט ארויש גנאנגן פון דעם הויז אונ זייא האבין זיך גיפרייט מיט דיא נייע דברי תורה וואש זייא האבין

מדרש

ותקר״ב ישכ״ן חצריך נשבע״ה בט״ב בית״ך קדו״ש היכל״ך והוא סוד גדול שיש בפסוק זה מ״ב אותיות דהן סוד שם של מ״ב וסודו אין מגלין אותו אלא לצנועין ויש בפסוק זה עשרה תיבות כנגד זה כתב הזוהר באמירת פסוק זה בשעת המילה מעטרים עשר חופות להתינוק הנמול לעולם הבא: (קו) ואח״כ פתח חד ינוקא ואמר תאנא כל מאן דקריב בריה לקורבנא כאילו קריב כל קרבנין דעלמין קמי קב״ה בגין כך בעי לסדרא מדבחא במאנא חד מליא ארעא למיגזר עליה האי קיימא ברית קדישא ואתחשב קמי קב״ה כאילו הקריב עליה עולה וקרבניה הוא ריח ניחוח וכו׳ בגין כך זכאה חולקיה מאן דקרב האי קרבנא בחדוה קמי קב״ה ובעי למיחדי כל האי יומא אמר רבי אבא זכאין אתון בעלמא הדין ובעלמא דאתי ועליכון אתמר ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כולכם היום והוו שמחין כל היום בחדוה דאורייתא והאי תינוק שנולד הביא בזוהר שהיה רב אידי בר יעקב שהוזכר התנא בגמרא בריך ליה רבי אבא ואזיל לאורחא· (טו) כד אתא רבי אבא לגבי רשב״י והוי דחיל למימר דברים האלו ששמעו מהנהו חסידים ומפי התינוקות הנזכרים לעיל לפני רשב״י דלא יתענשון על ידוי (פי׳ שהיה מתיירא ר׳ אבא לגלות זה הענין לפני רשב״י שלא יגזור רשב״י עלייהו דיגלון למקום אחר כדי שיתפרסם תורתם ברבים כדי שרבים ילמדו תורה מהם) ואח״כ סיפר רבי אבא לפני רשב״י כל המעשים הנ״ל א״ל רשב״י כל הני מילי מעליותא הוי טמירין גבך ולא אמרת לי גוזרני עלך דכל תלתין יומין אלין תתנשי התלמוד ממך והא כתיב אל תמנע טוב מבעליו וכו׳ ע״ש באריכות· (יז) ע״כ צריך האדם ליזהר לקום בחצות הלילה לעבודת בוראו ולעסוק בתפלה ובלימוד התורה איש איש כפי השגתו ולעשות התורה קבע ומשא ומתן

מחדש געוועזן גלייך וויא זייא האבן דעם טאג מקבל געוועזן די תורה פון דעם בארג סיני· אונ בשעת מען האט גבראכט דאש קינד אין שול אריין מל צו זיין האבן זיי געהערט איין קול וואש אליהו הנביא האט גזאגט דעם פסוק אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך נשבעה בטוב ביתך קדוש היכלך אונ דאש איז איין גרוישר סוד דען אין דעם דאזיגן פסוק איז פאר האנדן צווייא אונ פערציג אותיות קעגין דעם שם מ״ב אונ אין דעם פסוק איז פאר האנדן צעהן ווערטר· קעגין דעם שרייבט דער זוהר אז דורך דעם וואש מען זאגט דעם פסוק בשעת דער מילה· קריינט מען צעהן חפות פאר דעם קינד אויף עולם הבא: (טו) דער נאך האט אן געהויבן איין קינד אונ האט גזאגט מיר האבן געלערנט איטליכער וואש איז מקריב זיין זון פאר איין קרבן דאש היישט ער ענטפערט אים איבער מל צוא זיין· איז גלייך וויא ער איז מקריב אלע קרבנות פון דער וועלט פאר גאט ב״ה· דרום מוז ער אן גרייטן איין כלי פול מיט ערד מען זאל דרינן אריין ווארפין דיא ערלה· אונ דאש ווערט גירעכנט פאר גאט ב״ה גלייך וויא ער איז מקריב פאר אים איין קרבן עולה אונ זיין קרבן ווערט גירעכינט פאר איין ריח ניחוח פאר גאט ב״ה· דרום וואול איז דעם מענטשן וואש ענטפערט איבער זיין קינד מל צוא זיין מיט שמחה אונ ער מוז זיך פרייען דעם גאנצין טאג מיט פרייד פאר גאט ב״ה האט רבי אבא צוא זייא גזאגט וואול איז אייך אויף דר וועלט אונ וואול איז אייך אויף יענר וועלט· אונ אויף אייך ווערט גיזאגט דער פסוק ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כולכם היום אונ זייא האבין זיך גיפרייט איין גאנצן טאג מיט דער פרייד פון דער תורה אונ דאש קינד וואש מען האט דא מל גיוועזן איז געוועזן רב אידי בר יעקב וואש ער איז גיוועזן איין תנא פון דער גמרא· האט רבי אבא אים גיבענטשט אונ איז זיך אוועק גיגאנגן: (טו) וויא רבי אבא איז גיקומען צוא רבי שמעון בן יוחאי· האט ער זיך גיפארכטין צוא זאגין אים דיא רייד וואש ער האט געהערט פון דיא חסידים אונ פון דיא דאזיגע קינדר· פון וועגין זייא זאלין ניט גישטראפט ווערן דורך אים· דאש רבי שמעון בן יוחאי זאל ניט גוזר זיין אז זייא זאלין פאר טריבין ווערין אויף אנדער ארט· פון וועגין זייער תורה זאל מפורסם ווערין צווישן פיל לייט אונ זאלין תורה לערנן פון זייא· דר נאך האט רבי אבא דער ציילט פאר רבי שמעון בן יוחאי אלע דיא זאכין וואש פריער זיינן גישטאנן· האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט צוא אים דיא אלע גוטע זאכן זיינן גיוועזן בהאלטין בייא דיר אונ דוא האשט מיר זייא ניט גזאגט· דרום בין איך גוזר אויף דיר אז דרייסיג טעג זאלין דיא אלע זאכין פאר געסין ווערין פון דיר זעה נאך אין זוהר שטייט דיא מעשה נאך מער באריכות: (יז) דרום מוז דער מענטש נזהר זיין אויף צוא שטיין האלבע נאכט צוא דער דינסט פון זיין

בשעפער

ומתן ארעי ויראה האדם כשיזכה לבן זכר לנהוג כמו שכתבתי לעיל כי לא דבר רק הוא להציל נפש מישראל ולהדביק ישראל בשכינה כד"א ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום ואז צדקתם עומדת לעד אמן :

**פרק עד איתא** בזוהר פרשת נח רבי אלעזר ורבי יוסי חמוי הוי אזלי מאושא ללוד אמר רבי יוסי לרבי אלעזר אפשר דשמעת מן אבוך רבי שמעון בן יוחאי מאי דכתיב ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים מאן אינון הוי א"ל לא ידענא וכו' · (ב) עד דהוי אזלין חמו מערתא שמעו חד קלא דאמר תרין עזלין דאיילותא עבדו קדמי רעותא דניחא לי ואינון הוי משריותא קדישא שפגעו ביעקב והלכו לפניו אתרגיש ר' אלעזר ואסתער בנפשיה (לשון התעוררות וחרדה) ואמר רבון דעלמא כך אורחוי טב לן דלא נשמע שמיעתא דא ולא ידענא אתרחיש להו ניסא ושמעו קלא דאמר אברהם ויצחק הוו נפל ר' אלעזר על פניו חמא דיוקניה דאבוי א"ל אנא שאילנא מי הוו המלאכים והשיבו לי אברהם ויצחק הוו שהם נזדמנו לילך לפני יעקב בברחו מפני לבן ארמי ואף דיצחק היה עדיין קיים מ"מ נשמתו פרחת ממנו ועלה למעלה בשעת עקדה ואתחבר עם שמת אברהם ואזלו לפני יעקב וזש"ה אלהי אבי אלהי אברהם ופחד יצחק היה לי · (ג) וארשב"י לא ליעקב לבד היו מזדמנין נשמות צדיקים אלא לכל יראי שמים מזדמני לו נשמות צדיקים להצילו מן הרהורי עבירה ומכל שכן מהעבירה עצמה משא"כ אם אדם הוא מהרהר בהרהורים רעים הן בעיר והן בשדה והן בבית מזדמן אליו מזיק אחד (חגי"א) שמיה והוא ממונה ע"ז ההולך

בשעפער אונ עוסק צוא זיין תפלות אונ תורה צו לערנען איטליכר נאך זיין השגה נאך · אונ תורה צוא לערנן זאל ער מאכין פאר איין קביעות · אונ דעם משא ומתן זאל ער מאכין איין ארעיאונ אז צו דעם מענטשן ווערט געבארן איין בן זכר · זאל ער זעהן זיך נוהג צוא זיין אזוא וויא מיר האבין פריער געשריבין · ווארום דאש איז ניט קיין קליינע זאך מציל צוא זיין איין נפש פון דיא מענטשין אונ צוא בהעפטין דיא מענטשין מיט דער שכינה אונ דענמאלט וועט זייער צדקות בלייבין שטיין אויף אייביג אמן :

**פרק עד** איתא עש שטייט אין זוהר פרשת נח · רבי אלעזר אונ זיין שווער רבי יוסי זיינן גיגאנגן פון אושא קיין לוד האט רבי יוסי גיזאגט צוא רבי אלעזר אפשר האשטו געהערט פון דיין פאטר רבי שמעון בן יוחאי וואש עש שטייט אין פסוק אונ יעקב איז אוועק גיגאנגען פון לבן · האבין אים בגעגינט מלאכים פון גאט · ווער זיינען גיוועזן דיא מלאכים · האט רבי אלעזר אים גיענטפערט איך האב ניט גיהערט אונ אליין ווייש איך אויך ניט : (ב) וויא זייא זיינן אזוא פיר גיגאנגן פאר איין הייל · האבן זייא גיהערט איין קול גייט ארויש פון דער הייל אונ זאגט צווייא הינדין וואש זייא האבין פאר מיר גיטאן מיין ווילין וואש איז פאר מיר גיהא · דיא זיינען גיוועזן דיא מלאכים וואש האבן בגעגנט אין יעקב אבינו אונ זיינען גיגאנגען פאר אים · איז רבי אלעזר גיווארין דר שראקין אונ האט גיזאגט רבונו של עולם · עש וואלט בעשר גיוועזן מיר זאלין גאר ניט גוועזן הערין · איידר איצונד וואש מיר האבן גיהערט אונ ווייסן ניט דעם פירוש דער פון · האט זיך גיטראפן איין נס · אונ זייא האבין גהערט איין קול וואש האט גיזאגט דאש איז גוועזן אברהם ויצחק איז רבי אלעזר גיפאלין אויף זיין פנים אונ האט גיזעהן דיא צורה פון זיין פאטר רשב"י · האט רבי אלעזר צו אים גיזאגט · איך האב גפרעגט ווער די מלאכים זיינן גיוועזן וואש האבין בגעגינט יעקב · האט מען מיר גיענטפערט אברהם אונ יצחק זיינן דאש גיוועזן · איז מיר קשה יצחק האט דאך דענמאלט נאך גלעבט · האט אים רבי שמעון בן יוחאי גיענטפערט · דען בשעת עקידה איז זיין נשמה ארויש גיפלוגין פון אים · אונ אויש דר נשמה איז גיווארין איין מלאך אונ זיא האט זיך בהעפט מיט דר נשמה פון אברהם אונ האבין בגעגינט יעקב אונ זיינען גיגאנגען פאר אים · אונ צוא יצחק האט מען בשעת עקידה גיגעבין איין נייע נשמה · אונ דרום האט יעקב גזאגט צוא לבן דר גאט פון מיין פאטר אברהם אונ דער גאט פון מיין פאטער פחד יצחק איז גיוועזן מיט מיר אונ האט ניט גילאזט דיך דוא זאלשט מיר בייז טאן : (ג) אויך האט רשב"י גיזאגט · ניט צוא יעקב אליין זייגען וואר אן גיברייט די נשמות פון צדיקים · נאר צוא איטליכן צדיק ווערן אן גברייט נשמות פון צדיקים · דאש זייא זאלן אים מציל זיין פון איין מחשבה צוא האבין אויף איין עבירה מכל שכן פון דר עבירה זעלבשט · אבער אז דער מענטש גוויינט זיך אין שלעכטע מחשבות צוא טראכטין סייא אין שטאט

ההולך ובהליכתו הוא מחשב מחשבות רעות וזרות ונזוק הוא מאליו והמזיק נזקק לו וא גו סר ממנו עד שמביאו לידי חטא חמור ויפגם בנשמתו בעו"ה פגם מאוד אשר יתחרט בסוף ימיו ויהיה פסידא דלא הדר · (ד) למען תדע כי בכל מקום שאתה הולך שם יש מסייעין למחשבותיך הן לרעה והן לטובה ואח"כ שאל רבי אלעזר לרשב"י אביו מה אנן לעלמא דאתי א"ל אנא ואנת נשתעשע עם דוד מלך ישראל קם רבי אלעזר עד דהוו חמו ליה דאנפוהי נהירין כשמשא א"ל מלתא חדתא שמעתא א"ל זכאין צדיקייא שמתחברין עם נשמת צדיקים בסוד כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך · (ה) על כן בן אדם למען ה' אלהי ישראל ולמען נשמתך הטהורה החצובה מתחת כסא כבודו יתברך וראה דרכיך וחכם ליישר דרכיך וסור עיניך מראות ברע ותרגיל להסתכל בדברים קדושים כמ"ש בפרק ב' לעיל ולא תעלה על דעתך קנאה בשל אחרים וכשביל כן תנצל מגזל וממון שאינו של יושר ותתנהג בסדר נכון אף אם אספת ממון הרבה ואל תרבה בזוללות וסובאות רק תמיד יהיו מחשבותיך שאתה צריך ליתן דין וחשבון על מוצא שפתיך ומכ"ש על מעשיך הרעים וטובים · (ו) ואם תאמר פן תוכל להעלים ולכחש הרי העדים עומדין הן הן המלאכים המלווין לאדם באים ומעידים באיזה יום ובאיזה מקום נעשה העבירה או המצוה ובאין ומטפחים על פניו ואומרים לו רשע איך נשאך לבך לכחש ולשקר את פני בוראך הלא הכל גלוי לפניו והוא יודע כל מחשבותיו של האדם הוא בוחן לבבות וחוקר כליות · (ז) על כן צריך האדם לידע בכלל שהקדוש ברוך הוא הוא מדקדק עם בריותיו אפילו על דבור קל ומכ"ש על המעשה והרבה שלוחין ודינים קשים יש להקדוש ברוך הוא להפרע מן אין עושין רצונו ע"כ כל מעשה הטובה תהא עיקר בעיניך אם הובא דרך מצוה לידך תשמח מאשר בא לידך מציאה של אבן טוב ותתן שבח להקב"ה על

שטאט כאיי אין פעלד אדר אין זיין היים · ווערט אים אן גיבריים איין מזיק וואש הייסט חני"א אונ ער איז ממונה איבר זעלבע לייט וואש טראכטין שלעכטע מחשבות · אונ אזו איין מענטש ווערט ניזוק פון זיך זעלבשט אונ דער מזיק טוט זיך פון אים ניט אפ ביז ער ברייננט אים צוא איין הארבע זינד אונ ער איז פוגם אין זיין נשמה איין גרושן פגם · וואש אין סוף פון זיינע טעג וועט ער בוודאי חרטה האבין · אונ עש וועט זיין אזו איין שאדין וואש עש וועט זיך שוין ניט אום קערין : (ד) דאש זאג איך דיר פון וועגין דו זאלשט ווישן אז אין איטליכן ארט וואש דוא גייסט זיינן פאר האנדן העלפרש צוא דיין מחשבה · הן אויף בייז הן אויף גוטש · דער נאך האט רבי אלעזר גיפרעגט צוא זיין פאטר רבי שמעון בן יוחאי וויא אזוא חשוב זיינן מיר אויף עולם הבא · האט רשב"י גיזאגט צוא אים איך אונ דוא וועלין זיך פרייען מיט דוד מלך ישראל : (ד) דרום דוא בן אדם פון וועגין דעם גאט דער גאט פון דיא ישראל · אונ פון וועגין דיין ריינע נשמה דאש זיא איז גינומן גיווארין פון אונטער דעם כסא כבוד פון גאט ב"ה · זעה דיין וועג אונ זייא קלוג צוא רעכט פארטיגין דיין וועג אונ טוא אפ דיינע אויגן פון צוא זעהען אין בייז אונ גיוויין זיך צוא קוקין אין היילינע זאכין · אונ עש זאל ניט אויף גיין אויף דיין דיעה צוא מקנא זיין אין אנדרע · אונ דורך דעם וועט איר ניצול ווערין פון גזל אונ פון ניט קיין יושר געלט אונ אויך אפילו אויב דוא האשט איין גיזאמלט פיל געלט זאלשטו דיר פון דעם געלט קיין פיל תענוגים ניט אן טאן · אונ זאלשט ניט פערין אין פרעסרייא · נאר דיין מחשבה זאל תמיד זיין אז דוא דארפסט אפ געבין דין אונ חשבון אויף אלבן וואש דוא רעדסט · אונ מכל שכן אויף דיינע שלעכטע מעשים : (ו) אונ טאמר וועשטו וועלין זאגין טאמר וועשטו קענען לייקנן אונ זאגין איך האב דאש גאר ניט גיטאן פאר וואר דיא עדות דאש זיינען דיא מלאכים וואש זיינן תמיד בייא דעם מענטשין · דיא קומן אונ זאגין עדות אין וועלכין טאג אונ אין וועלכין ארט די עבירה אדר דיא מצוה איז ווארין גיטאן · אונ זייא קומן אונ שלאגין אים אויף זיין פנים אונ זאגין צוא אים דוא רשע וויא האט דיין הארץ דיך פאר טראגין צו לייקנן דיינע מעשים פר דיין בשעפר · פאר וואר עש איז דאך אלץ אנטפלעקט פר אים · אונ ער ווייסט אלע מחשבות פון דעם מענטשין ער פרובט דיא הערצער אונ פארשט די נירין : (ז) דרום מוז דר מענטש ווישן · אז גאט ב"ה איז מדקדק מיט זיינע בשעפניש אפילו אויף איין גרינגן דיבור · אונ מכל שכן אויף איין מעשה אונ פיל שלוחים אונ שווערע דינים איז פאר האנדין צוא גאט ב"ה · ער זאל גיצאלט ווערין פון דיא וואש טוען ניט זיין ווילין · דרום זאל איטליכע גוטע מעשה טייער זיין אין דיינע אויגין אויב עש קומט דיר איין מצוה צוא האנדן · זאלשטו זיך

פרייען

שזיכה אותך והביאך לידי איזה מצוה · (ח) ובפרט אם יזדמן לך איזה מצוה שאין לה מהדרין תהיה מהזריזים ומקדימין במצוה בכל יכולתך בגופך ובמאודך ובנשמתך כי המצוה שאין בה מתעסקים נקראת מת מצוה שאין לו מתעסקים ואתה תחזיק בה וזכה בה ובזה תגביה והרים קרן של מצוה זו ממש כמו שהקדוש ברוך הוא מרים מאשפות עני ואביון ואותה המצוה תהיה לך מליץ ופרקליט יושר בפני הקב״ה אף שנגזר על אותו האדם איזה גזר דין ח״ו המצוה ההיא זוקפת ועומדת לפני ב״ד של מעלה עד שמבטלת הגזר דין וע״ז נאמר אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם ישרו וגו׳ · (ט) וע״אב״ז אם האדם עוסק בתורה לשמה שהיא מובחרת מכל המצות אזי יהיה שכרו כפול ומכופל ובשעת פטירתו אז מט״ט שר הפנים וכל פמליא של מעלה מלווין אותו ולובשין את הצדיק בכל מיני בגדים דיקר ומעטרין ליה בעטרין ושר הפנים מדליק לפניו נרות העשויין מהוד והדר מזיו השכינה ועל זה התפלל דוד המלך ומשה רבינו אתהלך לפני ה׳ באור החיים · (י) ע״כ יתפלל האדם תמיד שיציל אותו הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו וחסדיו מכל מיני עון ופשע ופעולות שוא רק הקדוש ברוך הוא ידריכהו בדרך הישר והטוב והקב״ה בעל רחמים ישמע לקול המתחנן אליו בלב נשבר ויתן לאדם לב ישר וכשר וחפץ ה׳ בידו יצליח אמן :

**פרק עה אמרו** רז״ל אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא היה שולט בארצם אומה ולשון ואלמלי משמרין ישראל ב׳ שבתות מיד הן נגאלין כי מצות שבת היא שקולה כנגד כל התורה וכל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים והנה ראיתי מנהג בישראל ברוב הפוצות מדינות

פרייען בעסער אויב דוא וואלשט גיפונען איין טייער שטיינדיל : (ח) אונ בפרט אז עש טרעפט זיך דיר אזוא איין מצוה וואש קיינר וויל ניט זיא טאן · זאלשטו זיין פון די זריזים אונ פון דיא וואש פעדרין זיך מצות צוא טאן אונ זאלשט זיא טאן מיט גאר דיין יכולת מיט דיין גוף אונ מיט דיין געלט אונ מיט דיין נשמה : ווארום דיא מצוה וואש קיינר איז ניט עוסק אין איר · ווערט זיא גירופן מת מצוה וואש האט קיין מתעסקים ניט · אונ דוא שטארק זיך אין איר אונ זייא זוכה אין איר : אונ דער מיט ווערשטו אויף הייבין דאש הערשאפט פון דער מצוה · אזו וויא גאט ב״ה דער הייבט דעם ארום מאן פון דעם מיסט׳ אונ דיא מצוה ווערט פאר דיר זיין איין מליץ יושר פר גאט ב״ה · אונ אז עש ווערט נגזר אויף דעם מענטשין ח״ו עפיש איין גזר דין ; שטייט דיא מצוה פאר אים בייא דעם בית דין של מעלה ביז זיא איז מבטל דעם גזר דין : (ט) אונ מכל שכן אז דער מענטש לערינט תורה לשמה · וואש איז בעשר פון אלע מצות · ווערט זיין שכר נאך פיל מער גיטאפלט זיין · אונ בשעת ער שטארבט בלייט אים דער מלאך מט״ט שר הפנים אונ גאר דיא פמליה של מעלה · אונ קליידין אים אן אין אלערלייא מינים טייערע קליידר · אונ קריינן אים אן מיט קרוינען אונ דער שר הפנים צינט אן פאר אים ליכט וואש זיינען גימאכט פון שיינקייט פון דער לויטרקייט פון דער שכינה אונ דרויף האט דוד המלך ע״ה מתפלל גיוועזן אונ משה רבינו אויך · איך זאל גיין פאר גאט אין דעם ליכט פון לעבין : (י) דרום זאל דער מענטש תמיד מתפלל זיין אז גאט ב״ה מיט זיין פיל רחמנות אונ זיינע חסדים זאל אים מציל זיין פון אלערלייא זינד אונ פאלשע ווערק · נאר גאט ב״ה זאל אים מדריך זיין בדרך הישר · אונ גאט ב״ה דער בעל הרחמים ווערט צו הערין צוא דעם קול וואש בעט אים מיט איין צו בראכין הארץ אונ ווערט אים געבין איין כשר הארץ אמן :

**פרק עה** אמרו אינזערע חכמים האבין גיזאגט אז ווען דיא ישראל זאלין גיוועזן היטין דעם ערשטין שבת וואלט קיין שום אומה אין זייער לאנד ניט גיוועלטיגט · אונ ווען דיא ישראל זאלין איצונד היטין צווייא שבתים וואלטין זייא תיכף אויש גילייזט גיווארן ווארום דיא מצוה פון שבת בשטייט קעגין גאר דער תורה · אונ דר וואש איז מענג שבת גיט מען אים איין ארב גאר אן גרענצן אונ נון איך האב גיזעהן איין שלעכטין מנהג דאש רוב פון דיא דאזיגע מדינות דאש זייא זיינן מזלזל אין דעם כבוד פון דעם הייליגן שבת אונ זיינען מחלל שבת׳ צום ערשטין האב איך גיזעהן פיל לייט וואש אלע ערב שבת גייען זייא אין דיא הארבריגן אונ עסין אונ טרינקן ביז זייא שיכורין זיך אן אזו וויא דאש שיכרות פון לוט דער נאך קומן זייא צרשט אהיים אונ מחמת גרויש שיכרות קען ער אפילו קיין קידוש רעכט

מדינות הללו שהן מזלזלים בכבוד יום הקדוש שהוא שבת׃ (ב) בראש ראיתי רבים שהולכים כל ערב שבת בבתי אושפיזות ואוכלין ושותין עד שמשתכרים כשיכורו של לוט ואחר כך באין לביתם ומרוב השכרות אין יכול לעשות קידוש היום כראוי וקי״ל שלשה מעידים זה על זה ואלו הן הקדוש ברוך הוא ושבת וישראל׃ וגמירי כל המעיד צריך להעיד מעומד והשיכור אין יכול לעמוד אפילו על רגליו הייטב בעיני ה׳ שיבא שיכור להעיד עליו שהוא אחד ומיוחד ועל שבת שהוא שקול כנגד כל התרי״ג מצות ע״כ שומר נפשו ירחק מזה המכשול כי ענשו גדול מאוד׃ ועוד מכשול שני שבני הכפרים היושבים בערי הפרזות במקומות שאין להם חומה ומחיצה והן מטלטלים מרשות היחיד לבתי אינם ישראלים ומבתי אינם ישראלים לבתיהן ומורין היתר לעצמן באשר שהוא יחיד בעירו ואין ישראלים אחרים דרים אצלו בקביעות אין אינו ישראל אוסר עליו אבל טועין הן ואינם יודעים הדין על בוריו כי קיי״ל כיון דישראל אחד דר במקום יחידי מותר לטלטל בכל העיר ההוא בעיר אשר לו חומה ודלתים ומוקפת כראוי ואז אותה העיר הוא נחשב לו כד׳ אמות ומותר לו לטלטל בכל אותו העיר משא״כ בערי הפרזות ומכל שכן בכפרים אין לשום ישראל היתר לטלטל אפילו מפתח ביתו ולחוץ כי איסור גמור הוא׃ לכן כל הירא את דבר ה׳ צריך להודיע את יושבי כפרים ובפרט להארנדרי״ם שהיא להם חתיכה דאיסורא לטלטל שום דבר בכפרים ובערי הפרזות׃ (ג) שלישית ראיתי המנהג ביושבי כפרים הרחוקים זה מזה ובשבת באים למנין עשרה לבית הכנסת להתפלל ברב עם הדרת מלך מלכו של עולם הקב״ה ובאים לבהכ״נ והם עוסקים בהבלי עולם ומספרים אחד לחבירו איך שקנה סוסים במקח השוה אצל א׳ וזה מספר שקנה פרה או שאר בהמה וכל דבריהם הוא במשא ומתן של חול וקיי״ל ודבר דבר שלא יהיה דבורך בשבת כשל חול ובחול אין רואין אחד לאחד רק בשבת באים למנין והן עוסקים הכל בדרך ארץ ובמשא ובמתן אז טוב היה להם לשבת בית בבתיהם ולישן במטה כדי שלא ידבר דברי חול בשבת ומכשול זה הוא מצוי בעו״ה ברוב בני יושבי כפרים ועוד נגע אחד נראה לי שבמקצת מקומות הולכין כמו ב׳ וג׳ שעות

רעכט ניט מאכן אונ מיר האבן דאך איין קיימא לן אז דרייא זאגין עדות איינר אויף דעם אנדרין אונ דאש זיינען זייא גאט ב״ה אונ שבת אונ דיא ישראל אונ דער וואש זאגט עדות מוז דאך עדות זאגין שטייענדיג אונ איין שיכור קען דאך ניט שטיין אויף זיינע פיס נוא קען דען וואול גיפעלין בייא גאט אז איין שיכור זאל קומן אויף אים עדות זאגין אז ער איז איין איינציגר גאט אונ זאל אויך עדות זאגין אויף שבת אז דאש גישטייט קעגין אלע תרי״ג מצות דרום דער וואש היט זיין לייב דער זאל זיך דער וויטערין פון דעם דאזיגן שטרויכלונג ווארום זיין עונש איז זייער גרויש׃ (ב) נאך איין מכשול האב איך גיזעהן דאש דיא דארפש לייט וואש ארום דעם דארף איז ניט פאר האנדין קיין מויער׃ אונ זיי טראגן פון רשות היחיד אין די ניט יודישע הייזר אונ פון דיא ניט יודישע הייזר צוא זייערע הייזר׃ אונ זיינן זיך מורה היתר וויל קיין אנדערע ישראלים וואונען דארטין ניט בקביעות ׳אונ די ניט יודישע קענן ניט אסרין אויף אים זיין מחיצה׃ אבער זייא ווייסן ניט רעכט דעם דין׃ דען דאש איז איין איסור גמור אפילו נאר פון זיין טיר עפיש ארויש צוא טראגין׃ דרום דער וואש פארכט זיך פר גאט׃ מוז מודיע זיין דיא לייט וואש וואונען אין דיא דערפער אונ בפרט צוא דיא רענדארים׃ אז עש איז צוא זייא איין איסור גמור צוא טראגין איין שום זאך אום שבת אין די דערפר׃ (ג) דאש דריטע האב איך גיזעהן דעם מנהג צווישן דיא דארפש לייט וואש זיצין ווייט איינער פון דעם אנדרן׃ אום שבת קומן זייא צום מנין אונ זייגען עוסק אין נארישקייט׃ אונ איינר דר ציילט דעם אנדערין וויא ער האט גיקופט פערד אין גלייכן געלט׃ אונ דער אנדערער דר ציילט וויא ער האט גיקויפט איין קוא אדר אנדרע זאכין׃ אונ אגאנץ דאבנען שמועסין זייא נאר פון משא ומתן אונ צום אמת טאר מען דאך אום שבת גאר ניט ריידין קיין דברי חול אונ אום דער וואכין זעהן זייא זיך ניט איינש עש אנדרע נאר אום שבת קומן זיי זיך צום הויף אונ שמועסין נאר פון משא ומתן אונ דברים בטלים עש וואלט שוין בעשר גיוועזן זייא זאלין זיצין אין זייער היים׃ אונ צו שלאפין׃ איידר צוא מנין גיין פון וועגין צוא ריידין דברי חול׃ דען זייא זאלין זיין אין דער היים וואלטין זיי ניט גיהאט מיט קיינם צוא ריידין וואלטין זייא גידאבינט אונ גיגעסין אונ גישלאפין אונ אפשר עפיש גילערינט׃ אונ דר מכשול איז גיוויינטליך בייא פיל דארפש לייט׃ אויך האב איך גיזעהן אז אין אטייל ערטער גייען

מעיר לעיר למנין ואומרים דיש תחום שבת ואני יודע בעצמי שהוא ג' או ד' תחומי שבת ע"כ אני מזהיר בכל המקומות אשר היא קבלה בידי אנשי הישובים שהתיר להם איזה מורה צדק שהוא מפורסם ומדד הרב בעצמו התחום אז מותר לילך בשבת אבל לא יסמוך על איזה מלמד או על מי שאינו יודע להורות איסור והיתר כי בעו"ה בדור הזה רבו המתירים על האוסרים מחמת הניפה או מחמת נתינת ממון שוחד שנותנין לו והוא מתיר אסורים איסור דאורייתא ע"כ יראה כל אחד ואחד להסיר מכשול מעליו ולא ילך ממקום למקום עד שיהיה לו רשות מן הרב מדינה שלו׃ (ז) ד' ראיתי מכשול גדול באנשי ישובים ובקצת הקהילות שישראל מכוונין לכבד את יום השבת בכל מה דאפשר לו והמה שולחים בשר לצלות לבית האופה אינו יהודי באשר שאין תנורים מצויין במדינות האלו אצל יהודים ושתים רעות עושין בכיבוד זה חדא ששולחים הבשר לצלות ע"י בתולה יחידה לבית האופה ועוברים על איסור יחוד שאיסור זה הוא אסור בישראל כי דוד ושמואל הנביא ע"ה היו גוזרין גזירה זו והיו אוסרין לייחד שום זכר ונקבה׃ (ה) ע"כ השומר שהיא הבתולה צריך שמירה מפני היחוד והיאך תשמור היא הבשר הצלי ועוד איסור שני הוא כיון דאין ישראל מסייעו להאופה אין לתבשיל זה או לצלי שום היתר בעולם כי הוא אסור מדאורייתא ולאו כל עלמא מר בר רב אשי נינהו שיודעין דין זה ומכל שכן בני הישובים שהן נכשלים בעו"ה בעון זה ואוכלים איסור דאורייתא כי לא מצאתי שום פוסק הפוסק היתר בזה הדין אבל הוא אסור אף דישראל עומד ע"ג כיון דישראל אינו מסייעו הוא איסור גמור ומכשול זה בערה נכשלים ברוב מדינות׃ (ו) ע"כ אני מזהיר להסיר כל אחד ואחד מכשול מביתו ולא ישלח בתולה ואשה ביחידות ואם שלח לבית האופה אזי יראה לחתות בגחלים או להשים הצלי בעצמו לתוך התנור כדי שלא יבא לידי איסור דאורייתא חס ושלום וכל הנזהר בארבעה דברים

זיי אפשר צווייא אדר דרייא שעה צוא מגין פון איין דארף צום אנדרין׳ אונ זאגין עש איז נאר איין תחום שבת׳ אונ איך ווייש אליין פיל ערטר וואש עש איז פר האנדין דרייא אדר פיר תחום שבת אונ זייא גייען פארט אום שבת אונ זאגין עש איז מיין ניט פאר האנדין נאר איין תחום שבת דרום בין איך מזהיר דאש אין אלע ערטער וואש זייא האבין בקבלה פון איין ערליכן מורה הוראה וואש ער האט אליין אויש גימאסטין אונ עש איז מיין ניט פאר האנדין נאר איין תחום שבת׳ דארטין מעגין זייא גיין אום שבת׳ אבר זייא זאלין זיך ניט סומך זיין אויף עפיש איין מלמד אדער אנדרר וואש ער ווייש ניט צוא פסקנן קיין שאלות׳ בעונותינו הרבים אין דעם היינטיגן דור האבין זיך גימערט פיל לייט וואש מחמת חניפה אדער מחמת מען גיט זייא געלט זיינען זייא מתיר פיל זאכין וואש זיינן אסור מן התורה׳ דרום זאל איטליכר זעהען דעם מכשול אפ צוא טאן פון זיך אונ זאל ניט גיין אום שבת פון איין דארף צום אנדרין ביז ער וועט האבין רשות פון דעם רב וואש איז אין זיין מדינה׃ (ד) דאש פערטע האב איך גיזעהן איין גרושער מכשול אין דיא דערפר אונ אין אטייל שטעט דאש דיא ישראל גרייטן אן שפייז לכבוד שבת וויא וויט זייער יכולת גרייכט אונ זייא שיקין דורך איין בתולה פלייש צוא איין בעקר איין ניט יוד דארטין עש בראטין לכבוד שבת׳ ווארום אין דער דאזיגער מדינה איז בייא דיא יהודים דאש רוב ניט פאר האנדין קיין קיך אובינש׳ אונ זייא טוען דער מיט צווייא עבירות׳ איין מאל זייא זיינען עובר אויף דעם איסור פון יחוד וואש דאש איז אסור צווישין יהודים דען דוד המלך אונ שמואל הנביא ע"ה האבין גוזר גיוועזן אז קיין שום זכר מיט איין נקבה זאלין ניט זיין אליין אין איין שטוב׳ דרום דר שומר דאש איז די בתולה וואש היט דאש פלייש׳ מוז אליין האבין איין שומר פון וועגין זיא טאר ניט זיין אליין מיט דעם בעקר׳ נאך איין איסור טוען זייא ווארום ווייל איין ישראל העלפט ניט דעם בעקר בראטין דאש פלייש׳ ווערט עש אסור מן התורה׳ אונ ניט איטליכר ווייסט דעם דין דרום זאגין זייא ניט אן דער בתולה זיא זאל העלפין בראטין דאש פלייש דרום ווערט עש אסור׳ אונ אין דעם דאזיגן ווערין בעונותינו הרבים גישטרויכלט פיל בעלי בתים׳ דרום בין איך מזהיר איטליכר זאל דעם מכשול אפ טאן פון זיין הויז אונ זאל ניט שיקין איין בתולה אדר איין אשה אליין צוא איין בעקר וואש ער איז איין אינו יהודי נאר מיט איין שומר אונ אויך דר ישראל זאל העלפין בראטין דאש פלייש אדער צו קאכין דאש גיקעכץ דהיינו דר ישראל זאל צו שארין קולין צוא דעם גיקעכץ אדער ער זאל דאש גיקעכץ אליין צוא שטעלין צום אויבין פון וועגין ער זאל ניט קומן צוא קיין איסור דאורייתא ח"ו׃ אונ דר

שכתבתי יהיה שכרו כפול ומכופל ויזכה לנחלה בלי מצרים כד״א והאכלתיך נחלת יעקב אביך אבי״ר :

**פרק עז כתיב** בפרשת ויקרא ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה וגו׳ פסוק זה נדרש בזוהר פרשת ויקרא דקאי על נשמת האדם אשר טרם יורדת הנשמה לגוף לעולם הזה מוליכין את הנשמה באלף ושמונה עולמות שתראה יקר וכבוד של ת״ח שעסקו בעולם הזה בתורה ולמדו לשם שמים וכל דרכם ועניינם היה לשיש והיו מתנהגים במדת הענוה ומושבם בכבוד אור פני הצדיקים ומאירים כזוהר הרקיע ועל ראשם חופות מאבנים טובות מאד אז אומרים להנשמה ראה בכבודן של צדיקים שיושבין בגן עדן אם אתה תנהג בטוב כמו אלו הצדיקים תזכה אתה גם כן ליקר ותפארת הזה ואח״כ מביאים הנשמה לפני הקדוש ברוך הוא ולובשים אותה לבוש דיקר כצורת הגוף ודיוקנא דהאי עלמא · (ב) ואז הנשמה נהנית מזיו השכינה ומעטרין לה בכמה עטרין ואומרים לה הננו עושין לך כל הכבוד הזה על מנת שתהיה צדיק ותהיה יראת ה׳ על פניך ומשביעין אותה בשמא דמלכא קדישא דלא תחטא ומתרין בה כמה התראות ואח״כ היא משתחות נגד הקדוש ברוך הוא ואחר כך יורדת לגוף לעולם הזה ואם האדם הוא צדיק הוא טוב ובאם שאין האדם עושה רצונו של מקום אזי התורה היא מתמיה על אותו הרשע ואומרת ונפש כי תחטא בתמיה הלא שמעה הנפש קול האלה וקול השבועה שהיו משביעין אותה במרום קודם שירדה לגוף האדם הרי התרו בה בכמה התראות כנ״ל · (ג) אמנם אעפ״כ אל תתייאש מן העולם הבא רק ראה לתקן מה שאתה פוגם ועל אותן החטאים שאתה זוכר ע״י ראייה שאתה מסתכל בזה החטא או שאתה זוכר או ידעת וזה הפירוש של או ראה או ידע על כולם תוכל לשוב בתשובה שלימה ותתודה בדמעות על כל חטא ועון ואם לא יגיד כל החטא להתודות עליו קמי הקדוש ב״ה קודם המות אז ונשא עונו ותסבול עונש צער של גיהנם ושאר עונשים כשתפול בידי אכזרים וכל

וואש איז נזהר אין די פיר זאכין וואש איך האב פריער גישריבין ווער זיין שכר פיל גיטאפילט זיין אונ ווער זוכה זיין צוא נחלה בלי מצרים אמן :

**פרק עז** כתיב עש שטייט אין דער פרשה ויקרא ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה וגו׳ דר פסוק ווערט גידרשת אין זוהר דען דאש גייט אויף דר נשמה פון דעם מענטשין דאש אז זיא נידערט אראפ אין גוף אריין אויף דער וועלט · פירט מען זיא דורך טויזינט מיט אכט וועלטין · פון וועגין זיא זאל זעהן דעם כבוד פון דיא תלמידי חכמים · וואש האבין אויף דר וועלט תורה גילערינט לשם שמים : אונ אלע זייערע וועגין זיינן אלץ גיוועזן לשם שמים · אונ האבין זיך נוהג גיוועזן אין דער מדה פון ענוה אונ זייער זיצונג איז בכבוד אונ דיא ליכט פון דיא צדיקים לייכטין אזוא וויא דער גלאנץ פון דעם הימל · אונ אויף זייער קאפ זיינן פאר האנדין חופות פון זייער טייערע שטיינר · זאגט מען צוא דער נשמה · זעה אין דעם כבוד פון דיא צדיקים וואש זיצן אין גן עדן · אונ אויב דוא וועסט זיך אויך פירן אזוא וויא דיא צדיקים וועשטו אויך זוכה זיין צו דעם דאזיגן כבוד אין דעם שיינקייט · דר נאך ברייננט מען די נשמה פאר גאט ב״ה · אונ מען קלייד זיא אן מיט טייערע קליידר אזוא וויא דאש גישטאלט פון דעם גוף · (ב) אונ דערנאלט האט די נשמה הנאה פון דעם לויטרקייט פון דר שכינה · אונ מען קריינט זיא אן מיט פיל קרוינן אונ מען זאגט צו איר · נון מיר טוען דיר גאר דעם דאזיגן כבוד אויף דעם תנאי דו זאלשט זיין איין צדיק · אונ גאטש פארכט זאל זיין אויף דיין פנים אונ מען בשווערט זיא מיט דעם נאמן פון גאט ב״ה · אז זיא זאל ניט זינדיגן · אונ מען איז איר מתרה פיל התראות · דר נאך בוקט זיא זיך קעגן גאט ב״ה · דער נאך נידערט זיא אין גוף אריין אויף דער וועלט · אונ אויב דער מענטש איז איין צדיק איז גוט · אבר אז דר מענטש טוט ניט דעם ווילן פון גאט · פאר וואונדרט זיך דיא תורה אויף דעם רשע אונ זאגט ונפש כי תחטא וויא קומט דאש אז דר מענטש זאל זינדיגן · אמער ושמעה קול אלה זיא האט דאך גיהערט דאש קול פון דר שבועה וואש מען האט זיא בשווארין אין הימל איידער זיא האט גינידערט אין גוף אריין אונ מען האט איר מתרה גיוועזן מיט פיל התראות : (ג) נאר פון דעסט וועגין זאל דר מענטש זיך ניט מייאש זיין פון עולם הבא נאר ער זאל זעהן מתקן זיין וואש ער האט פוגם גיוועזן · אונ אויף אלע עבירות קען ער תשובה טאן אונ זאל מתוודה זיין מיט טרערין אויף איטליכר זינד · ואם לא יגיד אבר אז ער וועט ניט זאגין כלומר אבר ווען ער וועט פר זיין טויט ניט מתוודה זיין זיינע זינד

וכל זה גרמת לך בעצמך · (ד) והקב"ה הוא מלא רחמים ברוב חסדיו על בריותיו והוא מעמיד ממונים ושלוחים ברקיע המכריזים בכל יום אתערו בני עלמא לקמי מלכא קדישא אתערו וחוסו על עצמכם ותוס' על בניכם ומפני כך כמה פעמים יבא פתאום יראה וחרדה בלב האדם לזכור את יום המיתה כדי שיתחרט על מעשיו הרעים והירא וחרד לדבר ה' מתגבר ומתחזק לילך בדרך טובים ואז האדם בעצמו מתעורר לעשות תשובה שלימה ומי שיש לו לב אביר וקשי עורף אזי תיכף אחר החרטה שב אל קיא צואה לעשות עבירות כמנהגו אז כמה חיילות של מלאכי חבלות אורבים עליו להדבק בו להסטין אותו שילך בדרך הפושעים ומורדים ומביאין אותו לכמה מדות רעות להיות אכזר ומלעיג על דברי חכמים וכל דרכיו בכעס ואינו חס על כבוד הבריות ואח"כ מושלין המלאכי חבלות על אותו אדם עד שמביאים עליו כמה קלקולים ומעבירין אותו מן העולם בענין רע · (ה) ופתאום יבא על אותו האדם איזה פגע רע שכל רואיו תמיהין על סיבתו הרע וכל זה הוא בשביל שמסר עצמו במעשיו הרעים ביד הס"א כי המשחיתים הממונים על סיבות הרעות אורבים ומצפים מתי יעשה האדם איזה חטא ועון אפילו חטא קל יפול בידם · (ו) כדמצינו בימי האר"י ז"ל שהיה לו תלמיד זקן וגדול הדור הי' רבי חיים וויטאל ז"ל שהיה פעם א' בבית המדרש של האר"י ז"ל הביאו לפניו אשה אחת שהיתה חולה בחולי רע והיתה כדמיון פגע רע ולא ידעו מה הרעה אשר פגעה בה אם יש רוח אצלה או שד או שאר מקרה ואמרה האשה לפני האר"י ז"ל שהיא בריאה וחזקה בלי כאב רק לפעמים נהפכה לדמיון אדם שיש בו פגע רע ראה האר"י ז"ל הדפק שלה ואמר שנתלבש בה רוח א' בר מינן ושלחה לביתה ולערב צוה האר"י ז"ל להרב מהור"ר חיים וויטאל ז"ל שילך אל האשה ויוציא הרוח ממנה ואמר לו האר"י ז"ל ראה

והחכם

זינד פאר גאט ב"ה · דענמאלט נשא עונו ווערט ער ליידין פר זיינע זינד עונש אונ צער פון דעם גיהנם אונ דאש איז ער זיך אליין גורם: (ד) אונ גאט ב"ה איז דאך הול מיט רחמנות · דרום מחמת זיינע פיל חסדים · שטעלט ער ממונים אונ שלוחים אין הימל וואש זייא רופן אויש איטליכן טאג · דער וועקט זיך איר לייט פון דער וועלט תשובה צוא טאן פר גאט ב"ה · דר וועקט זיך אונ דער בארמט זיך אויף זיך זעלברט · אונ דר בארמט אייך איבר אייערע קינדער · אונ מחמת דעם אויש רופן ווערט אמאל פלוצלונג קומען איין פארכט אונ איין ציטרניש אין דעם מענטשינס הארץ צוא גידיינקן דעם טאג פון דעם טויט · פון וועגן ער זאל חרטה האבין אויף זיינע בייזע מעשים · אונ דער וואש פארכט זיך אונ איילט זיך צוא דיא רייד פון גאט שטארקט ער זיך צוא גיין אין דיא גוטע וועגין אבער דער וואש האט איין שטארק הארץ אונ איז הארט אקינדיג דר קערט תיכף ווידער צוא טאן עבירות נאך דער חרטה · אונ דענמאלט לאקרן אויף אים פיל חילות פון מלאכי חבלה צוא בהעפטין זיך אין אים אונ אן צוא ריידין אים ער זאל גיין אין דעם וועג פון די פושעים אונ מורדים · אונ ברייגן אים צוא פיל מדות רעות · דאש ער זאל זיין איין אכזר · אונ זאל שפעטין אויש דיא רייד פון דיא חכמים אונ אלע זיינע וועגין זאלין זיין בכעס · אונ זאל ניט חס האבין אויף דעם כבוד פון לייט · דר נאך גיוועלטיגן די מלאכי חבלות איבר דעם מענטשין · ביז זייא זיינען אים מעביר פון דער וועלט מיט אשלעכטן ענין: (ה) אונ פלוצלונג טוט קומן אויף דעם מענטשן אזו איין פגע רע אז אלע וואש זעהען דאש פר וואונדרין זיך דרויף · אונ דאש אלץ איז ווייל דורך זיינע שלעכטע מעשים האט ער זיך פאר קויפט אין דיא הענט פון דער סטרא אחרא ווארום דיא משחיתים וואש זיינען ממונה אויף דיא שלעכטע סיבות · דיא לאקרן אונ האפין ווען ווערט דר מענטש טאן עפיש איין עבירה · ווערט ער אין זייערע הענט אריין פאלין: (ו) אזו וויא עש האט זיך גיטראפין איין מעשה אין דיא צייטין פון האר"י ז"ל · דען דער האר"י ז"ל האט גיהאט איין תלמיד זקן · אונ איין תלמיד גדול הדור ער האט גיהיישין רבי חיים וויטאל האט מען גיבראכט אין דעם בית המדרש פון דעם האר"י ז"ל איין אשה וואש זיא איז שטארק קראנק גיוועזן אונ מען האט ניט גיוואוסט וואש איר קראנקייט איז · ציא איז פר האנדן אין איר איין רוח אדר איין שד אדר אנדער טרעפונג · האט דער האר"י ז"ל גיזעהן איר דפק אונ האט גיזאגט אז אין איר האט זיך בהעפט איין רוח · אונ האט זיא אפ גישיקט צוא איר היים · אונ פאר נאכט האט ער גיהיישן צוא דעם הרב רבי חיים וויטאל ער זאל גיין צוא דער אשה אונ זאל מיט שמות אונ כוונות דעם רוח

ארויש

ותתחכם נגד הרוח כי הוא שקרן וכזבן גדול וכשאתה תשאל לו על שמו יהיה משקר ג׳ פעמים והגיד לו האר״י ז״ל כוונות השמות איך להתנהג להוציא הרוח והלך הרב רבי חיים וויטאל ז״ל בין השמשות לבית הרוח וקודם שנכנס הרב רבי חיים הנ״ל אמר הרוח לאותן האנשים העומדים עליו תראו שיבא לכאן הרב ר׳ חיים וויטאל להוציא אותי מן האשה אבל אין אני מתיירא ממנו ואין לי פחד ממנו ודבור זה היה מדבר בקול רם ובעזות מצח כדרך של הרוח וכל זה היה קודם ביאת מהור״ר חיים וויטאל ואח״כ בא מהר״ח לתוך החדר ומיד שכשראה הרוח פניו של מהר״ח וויטאל מיד התחיל לרתת וקם לפניו ונפל מרוב המורא על פניו ואמר הרוח רבי אין אני כדאי לראות בפניך הקדוש ואח״כ שאל הרב את הרוח מי אתה והשיב פלוני בן פלוני והיה שקר בפיו ואח״כ שאל הרב אותו פעם שנית ושיקר וכיחש בו עד פעם שלישי ובפעם הרביעי התחיל והגיד את שמו האמיתי ואז התחיל הרב מהור״ר חיים להזכיר איזה שמות קדושים והתחיל הרוח לדבר קשות ובעזות מאד מאד ואמר הנני יוצא מיד וכוונת הרוח היה לצאת דרך בית הווסת ודרך הצואר והיה רוצה בדעתו לנקוב הסימנים מן האשה והיה רוצה לכבות כל הנרות שבאותו החדר ולהזיק איזה נפשות שהיו שם בחדר והרב מהור״ר חיים וויטאל הבין את כונתו ומחשבתו הרעה ואמר לו רצוני שתלך אתה דרך אצבע קטנה של רגל השמאל של האשה ואמר הרוח שכך יעשה והרב מהור״ר חיים וויטאל הבין שהוא שקר כי כוונת הרוח היה דוקא להמית האשה מיד גזר עליו חרם ונידוי ושמתא שלא יצא עכשיו כלל כי ראה הרב שאם יצא הרוח עכשיו מחמת ההשבעות ושמתות אז בודאי תמות האשה והניח הדבר כך והלך להתפלל ערבית לבית האר״י

ארויש טרייבן פון איר · האט אים דר האר״י ז״ל אן גיזאגט זעה אונ בנייא זיך קלוג מיט דעם רוח ווארום ער איז איין גרוישר שקרן אונ איין כזבן · אונ אז דוא וועשט אים פרעגין וויא ער הייסט וועט ער דיר זאגין ליגן ביז צום דריטן מאל · אונ דער האר״י ז״ל האט דעם רב רבי חיים וויטאל גיזאגט דיא כוונות פון דיא שמות וויא אזוא ער זאל זיך נוהג זיין דעם רוח ארויש טרייבין פון דער אשה · בין השמשות איז דר רב רבי חיים וויטאל גיגאנגען צוא דעם הויז וואו די אשה איז גיוועזן · אונ איידר דער רב רבי חיים וויטאל איז ארין גיגאנגען האט דער רוח גיזאגט צוא דיא מענטשין וואש זיינן גישטאנן בייא אים · איר וועט זעהן דאש דר רב רבי חיים וויטאל וועט אהער קומן מיך ארויש צו טרייבין פון דער אשה · אבער איך פארכט מיך פאר אים ניט · אונ דאש האט ער גירעט מיט איין הויך קול · אונ מיט איין עזות מצח אזוא וויא דער שטייגר פון איין רוח איז צו ריידין מיט עזות מצח · אונ דאש אלץ איז גיוועזן איידר רבי חיים וויטאל איז גיקומן אבר וויא רבי חיים וויטאל איז ארייז גיקומן אונ וויא דער רוח האט דער זעהן דאש פנים פון רבי חיים וויטאל האט ער תיכף אן גיהויבן צו ציטרן אונ מחמת גרויש מורא איז ער גיפאלין אויף זיין פנים · האט דער רוח גיזאגט רבי איך בין ניט ראוי צוא זעהן דיין הייליג פנים · דער נאך האט דער רב רבי חיים וויטאל גיפרעגט דעם רוח ווער ביסטו · האט ער אים גיענטפערט דער אונ דער · אונ דאש האט ער ליגן גיזאגט · דער נאך האט דער רב אים נאך אמאל גיפרעגט ווער בישטו · האט ער זיך ווידער גימעלדט אויף איין פרעמדין נאמן · אונ אזוא אויך איז גיוועזן דאש דריטע מאל · צום פערטין מאל האט ער ערשט גיזאגט זיין רעכטין נאמן · האט רבי חיים וויטאל אן גיהויבן צו דער מאנן עטליכע שמות הקדושים · האט דער רוח אן גיהויבין צו ריידן הארטע רייד אונ מיט גרויש עזות מצח · אונ האט גיזאגט איך וועל תיכף ארויש גיין · אונ דיא כוונה פון דעם רוח איז גיוועזן דאש ער האט גיוואלט ארויש גיין דורך דעם ווסת אונ דורך דעם האלז אונ אין זיין דיעה איז גיוועזן צוא לעכרין דיא סימנים פון דער אשה · אונ האט גיוואלט פר לעשין אלע ליכט וואש זיינן גיוועזן אין דעם חדר · אונ מזיק צוא זיין דיא מענטשין וואש זיינען דארטין גיוועזן · אונ דער רב רבי חיים וויטאל האט אבר פר שטאנן זיין כוונה אונ זיין בייזע מחשבה · אונ האט גיזאגט צוא דעם רוח איך וויל דוא זאלשט ארויש גיין דורך דעם מינסטן פינגר פון דעם לינקן פוס פון דער אשה האט דר רוח גיזאגט אז ער וועט אזו טאן · אבר דר רב רבי חיים וויטאל האט פאר שטאנן אז ער זאגט ליגן אונ זיין כוונה איז דווקא צוא טייטין דיא אשה · האט ער תיכף אויף אים נוזר בחרם גיוועזן ער זאל איצונד גאר ניט ארויש גיין פון דער אשה אונ איז אוועק גיגאנגען דאבנען מעריב

האר"י ז"ל ואחר התפלה סיפר מהר"ח וויטאל להרב האר"י ז"ל כל המעשה הנ"ל והשיב האר"י ז"ל זה אירע לך בשביל שהלכת בלילה אל הרוח ולא מבעוד יום קודם הלילה שאמרתי לך כי בלילה הן שליטת החיצונים ודינים והרוחות מתגברים באותו הפעם ואין אותו זמן גורם לפעול פעולות נגד הרוח בלילה אח"כ אמר האר"י ז"ל למהור"ר חיים וויטאל לך לשלום והלך עמו מעט דרך הדלת מה שלא היה עושה כן לשאר תלמידים ולמחרתו אחר התפלה הלך הרב מהר"ח וויטאל להשביע את הרוח והוכרח הרוח לצאת דרך אצבע קטנה של רגל האשה והיו האנשים ונשים רואין את הרוח שנדמה להם כמו חוט של אש והיה דולק וצועק ובוכה על מעשיו ואח"כ שאל הרב מהור"ר חיים וויטאל את הרוח מפני מה אירע לך כך שנעשית רוח ומה חטא היה בידו והשיב שהוא היה בעל לשון הרע רמאי ושקרן ואחר כך היה שואל מפני מה היה לו רשות לילך לתוך האשה זו ולנוח בתוכה והשיב שהממונים שלו נתנו לו רשות לבוא לתוך האשה כי הוא היה שוכב על העפר שעל גבי הכירה ומ"מ לא היה לו רשות לבא לתוך שום אדם עד שפעם אחד באתה האשה זאת להכין אש ועצים לבשל מאכלים ליום השבת והיתה האשה משוררת זמרים של ניבול פה והיה לי רשות לבא אליה וזהו שלשה שנים רצופים אשר הוא שוכן בתוכה עד כאן המעשה׃ (ז) על כן יראה האדם ויצייר בנפשו כמה הקב"ה מדקדק עם הבריות ומה הרשע הזה שלא חטא אלא בפיו ובשפתיו שהיה מדבר לשון הרע ורכילות בעון הזה נעשה רוח ומכ"ש העושה עבירה בפועל עבירות שהן חייבי כריתות או ארבע מיתות ב"ד או המחלל שבת בפרהסיא עאכ"ו ומה האשה הזאת שהיתה עוסקת במצות הכנת מזון לשבת וע"י שהיתה
מזומרת

מעריב אין דעם הויז פון דעם האר"י ז"ל נאך דעם דאבנען האט דער רבי חיים וויטאל דער ציילט דיא גאנצע מעשה פר דעם הרב האר"י ז"ל׃ האט דר האר"י ז"ל אים גיענפרט דאש האט זיך דיר גיטראפין ווייל דוא בישט גיגאנגן צוא דעם רוח ביי נאכט׃ אונ ניט ביי טאג׳ דען איך האב דיר דאך גיזאגט אז ביי נאכט איז דאש גיוועלטיקייט פון די חיצונים׃ אונ די דינים מיט דיא רוחות שטארקין זיך דענמאלט׃ דרום איז דענמאלט ניט די צייט צו ווערקין ווערק קעגין די רוחות׃ דער נאך האט ער גיזאגט צוא רבי חיים וויטאל גייא צוא שלום אונ האט אים א ביסל בלייט איבר דר טיר פון דעם הויז וואש ער פלעגט צוא זיינע איבריגע תלמידים אזו ניט טאן׃ אונ צו מארגין נאך דעם דאבנען איז דר רב רבי חיים וויטאל גיגאנגן צו בשווערין דעם רוח ער זאל ארויש פון דר אשה׃ אונ דער רוח האט גמוזט ארויש דורך דעם מינסטן פינגער פון דעם לינקין פוס פון דר אשה אונ דיא מאנצבלין אונ ווייבר האבין גיזעהען דעם רוח דאש ער האט זיך פאר זייא גיוויזין וויא איין פאדים פון פייער׃ אונ דער רוח האט גישריען אונ האט גוויינט אויף זיינע בייזע מעשים וואש ער האט גיטאן׃ דר נאך האט דער רב רבי חיים וויטאל גיפרעגט דעם רוח פאר וואש האשטו דאש אזעלכש גיטאן וואש דוא בישט גיווארין איין רוח׃ האט דער רוח אים גיענטפערט דען איך בין גיוועזן איין בעל לשון הרע אונ איין רכילות זאגער אונ איין שקרן׃ דער נאך האט ער אים גיפרעגט פאו וואש האשטו גיהאט רשות אריין צוא גיין אין דער דאזיגער אשה׃ האט ער גיענטפערט זיינע ממונים האבן אים גיגעבין רשות אריין צוא גיין אין דער דאזיגער אשה דען איך בין גילעגין אויף דעם אש וואש איז גיוועזן אויף דעם קוימן נאר פון דעסט וועגין האב איך קיין רשות ניט גיהאט אריין צוא גיין אין קיין שום מענטש׃ ביז איין מאל איז דיא דאזיגע אשה גיקומן אן צוא גרייטין האלץ אונ פייער צוא קאכין לכבוד שבת אונ זיא האט בשעת מעשה גיזונגען לידר פון ניבול פה האבין דיא ממונים מיר גיגעבין רשות אין איר אריין צוא גיין׃ אונ עש איז שוין דרייא יאר אז איך בין שוין אין איר׃ (ז) פון דער מעשה קען מען אפ לערנן וויא זייער גאט ב"ה איז מדקדק מיט דיא לייט׃ דען מה דאך דער דאזיגר וואש האט מער ניט גיזינדיגט נאר מיט זיין מויל אונ מיט זיינע לעפצין דאש ער האט גירעט לשון הרע׃ איז ער דורך דער זינד גיווארין איין רוח׃ מכל שכן דער וואש טוט מיט דיא הענט אזעלכע עבירות וואש מען איז חייב כרת אויף זייא אדער מען איז חייב גיוועזין מיתות בית דין אדר וואש איז מחלל שבת בפרהסיא׃ איז שוין אפשיטא אז ער האט נאך איין גרעסרין עונש׃ אונ מה דאך די דאזיגע אשה וואש זיא האט עוסק גיוועזן אין דר מצוה אויף שבת אן צוא גרייטין שפייז נאר ווייל זיא האט גיזונגן לידר פון ניבול פה איז זיא גישטראפט גיווארין׃

מזמרת זמרים של ניבול פה בא אליה הרוח עאכ״ו מי שחטא בפועל אזי יש רשות למזיקים והרוחות להזיק לו׳ (ח) ע״כ כל אחד ואחד מישראל יש להתפלל לפני קונו להציל אותו מכל פשע ועון ולא ירגיל אדם לדבר נבלות פה וכשיגיע עת וזמן שהאדם מתעורר מעצמו לעשות תשובה אף כי השעה תהיה עוברת אל יתחרט על התשובה שכבר עשה רק יחזיק תמיד בעבודת ה׳ והבא ליטהר מסייען אותו וא יהיה לו טוב סלה:

**פרק עח** **שלמה** המלך ע״ה כתב בקהלת ראיתי את כל המעשים שנעשו תחת השמש והנה הכל הבל ורעות רוח פי׳ אותן המעשים שהבל שלהם הוא דברי שמץ ודופי הבל כזה אינו עולה למעלה מהשמש במעלות עליונות אלא אזיל ושט תחת השמש כי לכל עניינים שבעולם יש הבלים וכמו שיש הבל בדבור כן יש הבל במעשה ואם יש הבל של מצות אזי מיד אותו ההבל עולה למעלה ומתעטר למעלה ונעשה סניגור קמי קב״ה ובאם אדם מדבר דברי שוא אזי ההבל של פעולה זו אזיל ושט בעלמא ומיד בשתצא נשמתו של זה האדם אזי אוחז ההבל בנשמתו וזורקהו כמה פרסאות ומייסר אותו מאוד׳ (ב) וז״ש שלמה המלך וראיתי את כל המעשים אשר נעשו תחת השמש והנה הכל הבל ורעות רוח פי׳ אותן המעשים שהבל שלהם אינו עולה למעלה מהשמש בעולמות עליונות אלא אזיל ושט תחת השמש אזי הוא גורם רעה לעצמו ובפרט מי שהוא פוגם בדיבורו דברים של כיעור על חבירו בחנם אזי הבל זה מקטרג ומכ״ש כשאדם מוציא דיבור ודורש ברבים ובאים לידי שגיאה ודורשים מחטא אדה״ר או בחטא השבטים ובמכירת יוסף ובמעשה דוד ובת שבע והמה מפליגים בחטאם שלא כדת והתורה כיסהו אי אתה רשאי לפרסם אף שהדרשן כוון לאמת מכל מקום עתיד ליתן את הדין ומכ״ש אם הדרשן בודה מלבו ובקש לתלות בוקי סריקי באדם הראשון יציר כפו של הקב״ה

גיוואריך דאש דער רות איז אין איר אריין מכל שכן דער וואש זינדיגט מיט די הענט אדר מיט אנדרע גלידר האבין בוודאי רשות דיא רוחות אונ דיא מזיקים אים מזיק צו זיין׳ (ח) דרום גיהער איטליכר יהודי מתפלל זיין פר זיין בשעפר ער זאל אים מציל זיין פון אלירלייא זינד אונ מיסטייט אונ זאל זיך ניט גיוויינן צו ריידין ניבול פה׳ אונ זאל זיך תמיד שטארקין אין גאטש דינסט׳ אונ דער וואש קומט זיך צוא ריינגין פון זיינע עבירות׳ העלפט מען אים פון דעם הימל׳ אונ דענמאלט ווערט אים גוט זיין אויף אייביג אמן סלה:

**פרק עח** שלמה המלך ע״ה האט גישריבן אין קהלת ראיתי את כל המעשים שנעשו תחת השמש והנה הכל הבל ורעות רוח איך האב גיזעהן אלע מעשים וואש ווערן גיטאן אונטר דער זון אונ אלץ איז נארישקייט אונ איין צו בראכין גימיט׳ דאש האט ער גימיינט די מעשים וואש זיינן שלעכט אדער דער דיבור וואש איז שלעכט דהיינו ניבול פה אדער לשון הרע׳ אזו איין הבל גייט ניט ארויף העכער פון דער זון דאש איז גימיינט דאש קומט ניט ארויף אויף דעם הימל נאר דאש בלייבט אונ גייט ארום אונ שוועבט אונטר דעם הימל אבער ווען איינער רעט דברי תורה גייט דער דאמף תיכף ארויף גאנץ הויך אונ ווערט דארטין גיקריינט אונ ווערט איין סניגור צוא דעם מענטשן פאר גאט ב״ה׳ אבר אז דער מענטש רעט שלעכטע רייד דענמאלט שוועבט ארום דער דאמף דער פון אויף דער וועלט׳ אונ תיכף ווען דער מענטש שטארבט׳ בגרייפט דער דאמף זיין נשמה אונווארפט זיא פיל מייל אונ שטראפט זיא זייער: (ב) אונ דאש האט שלמה המלך ע״ה גימיינט וראיתי את כל המעשים שנעשו תחת השמש אונ איך האב גיזעהן אלע מעשים וואש ווערן גיטאן אונ קומט ניט ארויף אויף דעם הימל נאר זייא בלייבן אונ שוועבן ארום אונטר דער זון והנה הכל הבל ורעות רוח אונ נון דאש אלץ איז נארישקייט אונ איין צוא בראכין גימיט אונ בפרט דער וואש איז פוגם אין זיין דיבור: דאש ער רעט אויף זיין חבר מיעסע רייד אום זיסט דענמאלט איז דער הבל מקטרג אויף אים׳ אונ מכל שכן דער וואש דרשנט פאר פיל לייט אונ קומט צוא איין שגיאה דאש ער דרשנט פון דעם חטא פון אדם הראשון׳ אדער פון דעם חטא פון דיא שבטים וואש זייא האבן פאר קויפט צוא יוסף׳ אונ פון דער מעשה פון דוד מיט בת שבע׳ ווערן זייא בוודאי דרויף אפ געבן דין אונ חשבון ווען אפילו דער דרשן איז מכוון דעם אמת׳ אונ מכל שכן אז דער דרשן טראכט נאך אויש פון זיין הארץ אונ הייננט אן איין זינד אויף אדם הראשון וואש גאט ב״ה האט אים בשאפין מיט זיינע הענט אדער ווען ער טראכט עפיס אויש אויף דוד

המלך

הקב"ה או בהשבטים שבטי יה או בדוד המלך ע"ה וכדומיהן שהן חסידי עליון · (ג) והנה אציג לך מאמר אחד מה שכת ב בזוהר פרשת בראשית וז"ל תנו רבנן כשחלה רשב"י עאלו לגביה רבי פנחס ב"י ורב, חייא ורבי אבהו אמרו ליה מאן דהוא קיומא דעלמא שכיב אמר להו לא בית דינא דלעילא מעייני בדינאי דהא אנא חדאי דלא אנא אתייהב למלאכא ולדינא דלעילא דאנא לאו כשאר בני נשא אלא האי דינא דילי קב"ה דיינא ליה ולא בית דינא והיינו דאמר דוד מלכא שפטני אלהים וגו' וכן שלמה אמר לעשות משפט עבדו ומשפט עמו משפט עבדו בלחודוי ולא אחרא · (ד) דהא תנינן כשאדם שוכב בית דינא דלעילא מסתכלין בדינוי אית מנהון דנטין לכף זכות ואית מנהון דנטין לכף חובה כיון דחזיין חובה בבר נש וכד דינא הוה קמי קב"ה לא נפיק אינש למהוי בההוא דינא בר טב מאי טעמא דהא תגינ מכילוי (פי' מדות) דמלכא עילאה נטי דזכות תדירו הוי כוליה צד רחמנות ובידו לשבקא לחטאין וחובין הה"ד כי עמך הסליחה ולא עם אחר ובג"כ בעינא קמיה דהוא ידין דינאי ואנא עאיל אתריסר באבי דעלמא דאתי דלא אעברו לון בר אבהתא ולא אית מאן דימחה בידי ועוד דלא אתבע רשותא · (ה) ארשב"י מלה וחמו בבי מרעיה דלא הוי תמן תווהו ולא יכילו למללא מדחילו רבא דהוי עליהו עד דהוי יתבי סליק לון ריחין דבוסמין סגיאין וכל חד וחד מנהון אתיישר חיליה עד דהוי חמו לרשב"י הוי ממלל ולא הוי חמאן בר מיניה לבתר עידן אמר להו רשב"י חמיתון מידי אמר ליה רבי פנחס לא אלא כולנו תווהון על מה דלא חמינא לך בבי מרעך זמן רב וכד חמינון לך סליק לן ריחין ובוסמי דגן עדן ושמענא קלא ממלל ולא ידענא מי ממלל עמך א"ל ולא שמעתון מלה אוחרנוי בר מדידי אמ' ליה לא · (ו) אמר תמיהנא על רבי פנחס דלא חמא דאנא חמית ליה כען בההוא עלמא לתתא מר"א ברי

וכען

המלך אדער אויף אנדרע חסידים דער האט בוודאי ארויסן עונש · (ג) אונ נון איך וועל דיר שטעלן איין מאמר וואש עש שטייט אין זוהר פרשה בראשית תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט אז רבי שמעון בן יוחאי איז קראנק גיווארן זייגען צוא אים ארין גינאנגען רבי פנחס בן יאיר אונ רבי חייא אונ רבי אבהו · האבן זייא צוא אים גיזאגט דער וואש אויף אים שטייט דיא וועלט זאל שטארבין אויף וואש וועט דיא וועלט שטיין · האט ער צוא זייא גיזאגט דאש בית דין של מעלה האבין קיין רשות ניט מיך צוא משפטין אונ קיין שום מלאך האט קיין רשות איבער מיר ניט דען איך בין ניט אזו וויא אנדרע מענטשין נאר גאט ב"ה אליין וועט מיך דן זיין אונ דאש האט דוד המלך ע"ה גיבעטין שפטני אלהים דוא גאט משפט מיך אליין אונ אזו אויך האט שלמה המלך גיבעטין גאט ב"ה אליין זאל אים משפטין אונ ניט דאש בית דין של מעלה: (ד) דען מיר האבין גילערינט אז דער מענטש שטארבט · איז דאש בית דין של מעלה מעיין אין זיין דין · אטייל פון זייא זייגען דעם מענטשין דן לכף זכות אונ אטייל לכף חובה · ווייל זייא זעהען דער מענטש האט גיזינדיגט · אבער אז גאט ב"ה אליין משפט דעם מענטשין וואש אין זיין מאכט איז צוא פאר געבין דיא זינד אונ ער איז איין גרוישר בעל הרחמים · גייט דר מענטש בוודאי ארויש גוט פון דעם משפט · אונ דרום האב איך גיבעטין פון אים ער אליין זאל מיך משפטין · אונ איך וועל ארייין גיין אין צוועלבע מחיצות וואש קיין שום מענטש האט קיין רשות ניט צוא קומען אהין נאר דיא אבות אברהם יצחק ויעקב : אונ קיין מלאך וועט מיר ניט קענען ווערן אונ נאך מער איך וועל גאר בייא זייא קיין רשות ניט נעמן : (ה) האט ר' שמעון בן יוחאי גזאגט איין זאך האבן זיי אים שוין מער דארטן ניט גיזעהן · האבין זייא זיך פאר וואונדערט אונ האבן ניט גיקענט רידן מחמת דיא גרויש פארכט וואש אויף זייא איז גיוועזן · וויא זייא זייגען אזו גיזעסין איז צו זייא אויף גינאנגען איין ריח פון פיל בשמים · אונ איטליכר פון זיי איז גיווארן פרישר · דער ווייל האבן זייא דער זעהען צוא רבי שמעון בן יוחאי אונ ער האט גירעט אונ זייא האבן קיין שום זאך ניט גיזעהן חוץ רבי שמעון בן יוחאי · אין איין רגע ארום האט רשב"י צו זייא גיזאגט זעהט איר עפיס · האט רבי פנחס צו אים גיזאגט מיר זעהן גאר ניט · נאר מיר אלע פר וואונדרן זיך וואש מיר האבן דיך פלוצלונג ניט גיזעהן אונ דער נאך אז מיר האבן דיך ווידר גיזעהן איז אונז אויף גינאנגען זייער איין גישמאקער ריח פון בשמים פון דעם גן עדן אונ אויך האבין מיר גיהערט איין קול וויא איינר רעט מיט דיר · אונ איך ווייס ניט ווער עש האט מיט דיר גירעט : (ו) האט רשב"י גיזאגט איך פאר וואונדער מיר אויף רבי פנחס וואש ער זעהט ניט דען איך זעה אז אויף יענר וועלט וועט זיין ארט

זיין

וכען שדרו בדילי מלעילא ואתחזין לי אתרא דצדיקייא לעלמא דאתי ולא אתיישר בלבאי דוכתאי בר עם אחיה השילוני וברירנא דוכתאי ואתינא ואתו עמי תלת מאתן נשמות דצדיקייא ולעילא מנהון אדה"ר דהוי יתיב גבאי והוי ממלל עמי ובעא דלא אתגלי חוביה לכל עלמא בר מאי דאמרה התורה בגיניה ואתכסיא בההוא אילנא דג"ע ואנא אמינא ליה דהא לחברייא גלינא כבר אמר האי דגלי לחברייא טב ושפיר עבדית אבל לא לשאר עלמא מאי טעמא דחס הקב"ה על יקריה ולא בעי לפרסמא ההוא חובה אלא בההוא אילנא דאכל מיניה וכו' קריב לגביה ר' אלעזר בריה א"ל אבא מה אנא התם א"ל זכאה חולקך ברי זמן סגיא יהא דלא תתקבר גבאי אבל בהאי עלמא דוכתא דידך ברירנא וכו' · (ז) מכאן תראה שלא טוב מאוד עושין הדרשנים שדורשים בפרהסיא בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ואומרים בפומבי ברבים בפני עמי הארצים בדרוש שלהם אדה"ר מין היה ועבר על עבודת כוכבים ג"ע ש"ד וכיוצא בזה היתכן לעשות כן לומר על יציר כפיו של הקב"ה שהוא היה צדיק גמור ובאדה"ר היו תולין כל הנשמות של דורי דורות ואותן נשמות הרשעים שהיו תלויין בו בנשמתו של אדה"ר או באחת מאיבריו הן היו החוטאים והיו נחפזים וממהרין לחטוא אבל אותה הנשמה שהיתה מיוחדת לאדה"ר לא חטאה כלל כי היא היתה קדשי קדשים ומבואר שם בזוהר חדש שיש סכנה גדולה לבעל הדרשן כשידרוש איזה גנאי על אדה"ר פן יקוים בו ונפל ממנו רבי'(ח) ע"כ ראוי לגעור בהעושין כן כי אין הקב"ה חפץ באלו הקוראים תגר על ישראל ועל הצדיקים ועל נשמות הצדיקים והתורה חסה על כבודן של רשעים כמשארז"ל ואת הבהמה תהרוגו שלא יאמרו הבריות פלוני נכשל בבהמה זו עכ"ל ע"כ יראה האדם לצדד על חטא אדה"ר לטובה וכן על חטא העגל ומכירת יוסף והאוחז במדת המזכירים לשבח מאריך ימיו ושנותיו אמן :

זיין עפים נידריגר פון מיין זון רבי אלעזר · אונ איצונד האט מען נאך מיר גישיקט פון דעם הימל איך זאל מיר אויש קלייבין איין ארט · אונ מען האט מיר גיוויזן דאש ארט פון דיא צדיקים האב איך מיר אויש דער וויילט מיין ארט זאל זיין לעבין דעם נביא אחיה השילוני · אונ אז איך האב מיר שון אויש דר וויילט מיין ארט בין איך קאריק גיקומן אונ מיט מיר זיינן גיקומן דרייא הונדרט נשמות פון צדיקים אונ איבר זייא איז אדם הראשון אונ ער האט דאש גירעט מיט מיר · אונ האט מיך גיבעטין איך זאל זיינע זינד ניט אנפלעקן פאר דיא מענטשין נאר חוץ דר זינד וואש דיא תורה האט אויף אים אן גישריבין · האב איך אים גיזאגט איך האב דאך שון מגלה גיוועזן דיינע זינד צו דר חבריא · האט ער גיזאגט דאש וואש דו האשט מגלה גיוועזן צו דר חבריא · דאש האשטו רעכט גיטאן · אבר צו די איבריגע מענטשין פון דער וועלט זאלשטו ניט מגלה זיין ווארום גאט ב"ה האט חס גיהאט אויף מיין כבוד אונ האט ניט גיוואלט מפרסם זיין מיינע זינד נאר דאש · וואש איך האב גיגעסין פון דעם עץ הדעת · האט רבי אלעזר זיין זון גינעהנט צו רבי שמעון בן יוחאי אונ האט אים גיפרעגט מיין פאטר וויא אזו חשוב בין איך דארטין · האט רשב"י אים גיזאגט וואול איז דיין חלק מיין זון · פיל צייט וועשטו נאך לעבין אבר אויף יענר וועלט האב איך דיין ארט אויש דר וויילט לעבין מיר : (י) פון דער מעשה קענשטו זעהן אז ניט נאר

טוען די דרשנים וואש דרשנן ברבים אין שולן אונ זאגין פאר דיא עמי הארצים אין זייער דרשה · אדם הראשון איז גיוועזן איין מין אונ האט עובר גיוועזן אויף עבודת גילולים אונ זנות אונ רציחה · נוא איז דען רעכט אזו צו זאגין אויף דעם וואש איז ווארין בשאפין מיט דיא טענער פון גאט ב"ה · אונ איז גיוועזן איין רעכטר צדיק אונ אין אים האבין גיהאנגן אלע נשמות פון דור דורות · אונ די נשמות פון די רשעים וואש האבין גיהאנגן אין זיין נשמה אדער אין איין אבר פון זיינע אברים · דיא האבין גזינדיגט · אבער דיא נשמה וואש איז גיוועזן מיוחד צוא אדם הראשון דיא איז גיוועזן קדש קדשים · אונ זיא האט גאר ניט גיזינדיגט · אונ אין זוהר חדש שטייט אז עש איז אגרוישע סכנה צוא דעם דרשן וואש דרשנט איין גנאי אויף אדם הראשון דען ער קען חלילה דורך דעם פון דער וועלט אוועק גיין : (ח) דרום גיהער מען אן צוא שרייען אין דיא וואש טוען אזוא · ווארום גאט ב"ה וויל ניט אין דיא וואש זייגען קורא תגר אויף זיינע צדיקים אונ אויף די נשמות פון דיא צדיקים · אונ די תורה האט חס אפילו אויף דעם כבוד פון די רשעים דרום זאל דר מענטש זעהען צוא פאר ענטפרין דעם חטא פון אדם הראשון לטובה אונ אזו אויך דעם חטא פון דעם עגל אונ פון מכירת יוסף אונ דר וואש בגרייפט אין דר מדה וואש דער מאנן איטליכן צוא שבח דר וועט האבין אריכות ימים ושנים אמן :

**פרק עט כתיב** מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו נקי כפים וגו' זה דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה ופי' הדבר כמ"ש בזוהר שבזמן שהצדיק נפטר מן העולם נשמתו עולה למעלה והיא קרובה לעולמות שלפני כסא הכבוד אזי אומר הקדוש ברוך הוא ליעקב אבינו בני חביבי אשר אתה סבלת יסורים בעבור נידול בנים הנה פב"פ זה הצדיק בא לעלמא הדין והוא מהודר ומפואר בכמה קישוטין ובכמה הידורין של תורה ומצות ומעשים טובים ויאות הוא לך לצאת לקראתו ולקבלו בשמחה ובחדוה וליתן לו שלום ואני בעצמי וכבודי אלך עמך לקבל פנים המאירות ומסבירות בתורה וביראה: (ב) וזש"ה מבקשי פניך יעקב סלה מבקש אין כתיב כאן אלא מבקשי דהיינו הקב"ה עם יעקב ומי ראה אלו ינצאים ולא יצאו לקראתו ואז מתאספים כמה כיתות ויוצאים כל כת וכת אצל שער אחד שעוברת שם הנשמה של הצדיק וכולם פותחים את פיהם ואומרים שלום אתה שלום ולתורתך שלום אשריך ואשרי יולדתך לך בא אל חדריך וחופות נאים מוכנים לך ובכל יום מכריזים בכל רקיען שלא יתעסקו בשום לימוד כ"א בתורה שחידש זה הצדיק בחייו ומקרין לפניו כל חידושיו כדמיון שקורין הכתובה לפני חתן וכלה תחת החופה ולי נראה דזהו הרמז שארז"ל אגרא דבי הילולא מילי היינו מילין דאורייתא דיליה וכל ראשי בני הישיבה של מעלה נוטלין הני חידושים ומודיעין לשאר כיתות וחבורות הצדיקים ומזכירין שמו של הצדיק וכולן פותחים את פיהם ואומרים בריך מתייך לשלם: (ג) ואח"כ מביאין אביו ואמו ומעטרין להו בכמה עטרין בגין בגיהם הצדיק וגם קודם יציאת נשמתו מקדימין ג"כ כיתות צדיקים ובאים לקראת נשמתו בעודו בחייו ובאין אצלו לחדרו ומסבבים הצדיקים את מטתו ומביאין עמהון בוסמין וריחין של גן עדן והוא זוכה ורואה אותן ונותן להם שלום והן משיבים לו שלום ואומרים לו צדיקא חביבא ברא קדישא להקדוש ברוך הוא אל ירך לבבך בשביל פרידתך מעולם הזה אשר העולם הזה הוא שוא ושקר ובנפשו יביא לחמו ולפעמים מחמת קיום נפשו פוגם בנשמתו ונעשה חילול השם על ידו אבל העולם הבא בגן עדן הוא יום שכולו טוב וא"צ לסכן נפשו ואין שום חטא בא על ידו ואומרים הצדיקים

**פרק עט** כתיב מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו נקי כפים ובר לבב וכו' זה דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה ·

דעם פירוש דר פון שטייט אין זוהר דען אין דר צייט אז דר צדיק גייט אוועק פון דער וועלט אונ זיין נשמה גייט אויף דעם הימל ארויף אונ זיא איז שוין נאהונט צו די עולמות וואש זיינן פר דעם כסא כבוד · דענמאלט זאגט גאט ב"ה צו יעקב אבינו · מיין גליבטר זון וואש דוא האסט גליטן יסורים פון וועגן נידול בנים · זאלסטו וויסן אז דער אונ דר צדיק קומט אויף דר דאזיגר וועלט · אונ ער איז זייער שיין אונ בשיינט מיט פיל צירונג פון תורה אונ מצות אונ מעשים טובים · דרום איז רעכט דוא זאלסט אים אקעגין גיין אונ זאלסט אים צוא נעמן מיט שמחה אונ חדוה אונ אים שלום געבין אונ איך אליין מיט מיין כבוד וועל אויך גיין מיט דיר מקבל צוא זיין דאש פנים וואש לייכט אין דר תורה אונ יראה: (ב) דרום זאגט דער פסוק מבקשי פניך זייא בגערין מקבל פנים זיין דעם צדיק יעקב סלה דער גאט מיט יעקב · אונ ווער איז דאש וואש זעהט דיא גייען אנטקעגין דעם צדיק אונ ער זאל ניט ארויש גיין אנטקעגין אים · אונ דענמאלט זאמלן זיך איין פיל כיתות אונ איטליכע כיתה גייט ארויש אונ שטייען לעבין איין טויער וואש די נשמה פון דעם צדיק גייט דארטין דורך · אונ אלע זאגין אים דו ביסט שלום אונ צוא דיין תורה איז שלום · וואול דיר אונ וואול צו די וואש האבין דיך גוואגן גייא אונ קום צוא דיין שיינקייט · אונ שיינע חופות זיינן דיר אן גיברייט · אונ אלע טאג רופט מען אויש אין אלע הימלן · אז מען זאל ניט עוסק זיין אין קיין שום אנדרע תורה נאר אין דער תורה וואש דער צדיק האט מחדש גיוועזן בייא זיין לעבין · אונ מען לייענט פאר אים אלע זיינע חידושים פון דער תורה · אזו איין גלייכנש וויא מען לייענט די כתובה פאר דעם חתן וכלה אונטר דער חופה · אונ אלע ראשים פון די ישיבות פון דעם הימל · נעמן די דאזיגע חידושים · אונ זיינן זייא מודיע צוא דיא איבריגע כיתות אונ חבורות פון דיא צדיקים · אונ זייא דער מאנן דעם נאמען פון דעם צדיק · אונ אלע זאגין גילויבט איז דיין קומן צו פריד: (ג) דר נאך ברייננט מען זיין פאטר אונ מוטר אונ מען קריינט זיי מיט פיל קרוינען פון וועגין זייער זון דעם צדיק · אונ אויך איידר זיין נשמה גייט ארויש · פעדרין זיך אויך פיל כיתות צדיקים אונ קומען אנטקעגין זיין נשמה · אונ איידר ער שטארבט קומן זייא צוא אים אין זיין חדר אריין · אונ רינגלען ארום זיין בעט אונ ברייננען

עינייני העולם הזה הוא הבל הבל ורעות רוח: (ד) ע״כ תכין לך הדרך הטובה והמאורות כאור הבהיר לחיי עוה״ב וכמה חופות וכמה חדרים מלאים כל טוב מוכנים לכבודך ע״כ באנו להודיע אותך כי בשעה קלה תבא אל בית שמחתך ותבא מאפילה לאורה ותעמוד לפני הקב״ה ותשב בין חבורות צדיקים ותזכה לומר שירה לפני רבון עלמא ואז תראה שיפה קורת רוח שעה אחת בג״ע מכל תענוגי עוה״ז וכששומע הצדיק דברים האלו אז הוא בשמחה ומקבל עליו המיתה בשמחה ע״ז תקנו לומר יה״ר שהוא במעמדות ביום שני ז״ל ותוציאני משלום אל שלום כוונת תפלה זו שאזכה למיתת הצדיקים הנזכרים: (ה) ועל זה יתפלל כל חסיד לעת מצוא זה יום המיתה ר״ל שיתפלל שיבואו לקראתו כתות ומחנות צדיקים קדושים וטהורים כדי שילך עמהם ויתעטר ביניהם בשמחה ובחדוה סגיא רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו המה המים הזידונים כתות המשחיתים ומחבלין ר״ל ואינם זוכים לראות באור השכינה משא״כ נשמת הצדיק מי יוכל לספר כבודו ובא וראה מ״ש שם בזוהר ביחוד עשה הקדוש ברוך הוא כסא כבוד ליעקב אבינו לישב עליה בשעה שהצדיק בא לעוה״ב וכשרואה הנשמה כל הכבוד הזה מברכת ומשבחת להקב״ה ומשתחוות לפניו ונותנת שבח והודיה על גודל היקר וכבוד שנעשית לה ואז הנשמה מתפללת ג״כ על הגוף שישכון לבטח בלי עונש חיבוט הקבר ואומרת מזמור ק״ג ברכי נפשי את ה׳ וכל קרבי את שם קדשו וכו׳ וכיון ששומעין שאר האבות אברהם ויצחק אז אף הן הולכין לקראת הצדיק וע״ז נאמר וישא אברהם את עיניו וזהו נשמת הצדיק (כי הזוהר מכנה את נשמת הצדיק בשם אברהם) וירא אברהם (דא היא הנשמה) והנה שלשה אנשים נצבים עליו זהו נשמת אברהם יצחק ויעקב וכבוד השכינה עמהם ומיד וירץ

מיט זיך בשמים אונ רייחין פון דעם גן עדן · אונ ער איז זוכה אונ זעהט זיי · אונ גיט זייא שלום · אונ זיי ענפרין אים שלום אונ זאגין צוא אים גליבטר צדיק היילינער זון צוא גאט ב״ה · עש זאל ניט איבלען דיין הארץ פון וועגין דעם וואש דוא שיידסט זיך אפ פון דער וועלט דען זיא איז אייטיל פאלש אונ ליגן אונ הורך סכנת נפשות ברייננט ער צו האנדין זיין פרנסה · אונ אמאל פון וועגין זיין פרנסה איז ער פוגם אין זיין נשמה אונ עש ווערט איין חילול השם דורך אים · אבער דר עולם הבא אין גן עדן איז איין טאג וואש איז נאר גוט · אונ מען דארף ניט מסכן זיין לייב זיין אונ קיין שום זינד קומט ניט דורך אים · אונ דיא צדיקים זאגין אים אז די ענינים פון עולם הזה איז אייטל נארישקייט אונ צוא בראכין גימיט · (ד) דרום זאלסטו דיר אן גרייטין דעם גוטן וועג אונ דיא ליכט וואש לייכט אזו וויא דאש לוטר ליכט דאש איז היי עולם הבא · אונ פיל חופות אונ פיל חדרים וואש זיינן פול מיט אלץ דאש גוטש זייגען אן גיברייט פון דיין כבוד וועגין · דרום זיינן מיר גיקומען דיר מודיע זיין אז אין איין קליינער ווילע וועסטו קומן צו דיין פרייד הויז אונ וועסט קומן פון פינסטרקייט צוא ליכטקייט אונ וועסט שטיין פר גאט ב״ה · אונ וועסט זיצן צווישן די חברותות פון צדיקים אונ וועסט זוכה זיין צוא זאגין שירה פאר גאט ב״ה אונ דענמאלט וועסטו זעהן אז איין שעה נחת רוח אין גן עדן איז בעסר פון אלע תענוגי עולם הזה · אונ אז דר צדיק טוט הערין דיא דאזיגי רייד : איז ער אויף זיך מקבל דיא מיתה מיט שמחה · אונ דרויף האבין דיא חכמים ז״ל מתקן גיוועזן צוא זאגין דעם יהי רצון וואש עש שטייט אין מעמדות פון יום שני ותוציאני משלום אל שלום אונ דוא זאלסט מיך שוין אוים ציהין פון שלום צו שלום · די כוונה פון דער תפלה איז · ער זאל זוכה זיין צוא דער מיתה פון דיא צדיקים אזו וויא פריער שטייט : (ה) אונ דרויף זאל איטליכר חסיד מתפלל זיין דאש אז עש וועט קומען זיין צייט צו שטארבין זאלין אים אנטקעגין קומען כיתות אונ מחנות צדיקים קדושים וטהורים · פון וועגין ער זאל מיט זייא גיין אונ זאל ווערין גיקריינט צווישין זייא מיט גרויש שמחה אונ חדוה · אבר ער זאל ניט שטארבין וויא איין רשע שטארבט דאש עש קומט צוא אים די כיתות פון משחיתים רחמנא ליצלן אונ איז ניט זוכה צו זעהין אין דעם ליכטיקייט פון דער שכינה זעה · וואש דר זוהר שרייבט גאט ב״ה האט גימאכט צו יעקב אבינו איין בזונדרי שטול · דאש ער זאל זיצין אויף איר בשעת דר צדיק קומט אויף עולם הבא · אונ אז דיא נשמה זעהט גאר דעם כבוד וואש מען טוט איר · דאנקט זיא אונ לובט צוא גאט ב״ה אונ בוקט זיך פאר אים · אונ גיט איין שבח והודיה צוא אים אויף דעם גרויש כבוד וואש איר ווערט גיטאן אונ דענמאלט איז דיא נשמה מתפלל אויף דעם גוף · ער זאל רוען צוא זיכר ער זאל ניט האבין קיין עונש פון חיבוט הקבר אונ זיא זאגט דעם מזמור פון קאפיטל ק״ג ברכי נפשי את ה׳ וכל קרבי את שם קדשו וכו׳ אונ וויא דיא איבריגי אבות דאש

זייגען

(אברהם שהיא הנשמה) לקראתם מפתח האהל וישתחו ארצה נגד השכינה ומתפללת הנשמה ויאמר אדוני אל נא תעבור מעל עבדך ר"ל שהנשמה מבקשת מאת השכינה שתלך השכינה עמה ללוות אותה עד שערי ג"ע ולנטור ולשמור אותה מכל המקטריגים עיין שם בזוהר באריכות: (ו) ומה מאוד חביב בעיני הקב"ה מי שרגיל ומזכיר תמיד זכותן של משה ואהרן ומרים וכן זכותן של ג' אבות ושאר נביאי וחסידי עליון כי כל הנשמות של צדיקים שמחים בראותם מעשים טובים באדם וזכותן מאיר עלינו תמיד וכדאיתא בזוהר חדש פ' בראשית: (ז) ת"ר זימנא חדא הוי אזיל רבי יוסי באורחא פגע ביה ר' ירמיה ואזלי כחדא פגע בחד טורא הוי טורא דחיל עליהון מאוד א"ר יוסי לר' ירמיה נימא מילין דאורייתא ואח"כ ניזיל פתח ואמר ואתה אל תירא עבדי יעקב וכו' עד דהוי אזלי שמעו חד קלא דינוקא בטורא דהוי אזיל ובכי א"ר יוסי ניזיל לגביה דלא מסתפינא דהא תנן שד לחד מתחזי ומזיק לתרי אתחזי ולא מזיק אזלו לגבי האי ינוקא כד מטו לגביה אמר ר' יוסי בני דמרי עלמא אנן ולא מסתפינא מינך כד שמע האי ינוקא מלה דא היה משיג בדעתו דאומרים כן דחיישי שמא שד הוא: (ח) אמר ההוא ינוקא יהודאי אנא ובר בריה דר' חייא רבא אנא והוי אבא מוליך לי פסוקי דשיר השירים ופסוקי בראשית ואבא מית וגנבי לי גנבים ומוכרח אני להיות משרת אצלם ואעריקנא בההוא טורא ובכינא על דא דלא ידע אנא לילך ולפנות לבית אמי בכה רבי יוסי ואמר בר בריה דר' חייא רבא ייזיל בלחודוי כדין נטלין ליה בידוי ואזלו· אמר ר' יוסי אימא ברי מאי הוית לעית עם אבוך בפ' בראשית א"ל התינוק בפסוק יהי מאורות ברקיע השמים הוינא לעי א"ל ר' יוסי מאי אמר לך אבוך בפ' דא אמר ליה התינוק כך אמר אבא ג' רועים טובים הוו לישראל במדבר משה ואהרן ומרים ובזכות משה היה יורד מן לישראל ובזכות אהרן היו ענני כבוד ובזכות

זייען אברהם אונ יצחק העררין דעם כבוד וואש מען טוט אן דער נשמה פון דעם צדיק· דענמאלט גייען זייא אויך אנטקעגין דעם צדיק· דאש מיינט דער פסוק וישא אברהם את עיניו אונ דיא נשמה הייבט אויף אירע אויגין דען דער זוהר רופט די נשמה אברהם וירא אונ די נשמה זעהט והנה שלשה אנשים נצבים עליו אונ נון דרייא מאנען שטייען בייא אים דאש זיינן אברהם יצחק ויעקב אונ דר כבוד פון דער שכינה איז מיט זייא וירץ לקראתם לופט די נשמה אנטקעגין זייא וישתחו ארצה אונ בוקט זיך צו דר ערד אנטקעגין דער שכינה ויאמר אדני אל נא תעבור מעל עבדך אונ די נשמה בעט דיא שכינה זיא זאל ניט אוועק גיין פון איר· נאר זיא זאל מיט איר גיין צו בלייטין זייא ביז צוא דיא טויערין פון דעם גן עדן אונ זאל זייא היטין פון אלע מקטריגים: (ו) אונ וויא זייער איז גיליבט אין דיא אויגין פון גאט ב"ה· דער וואש איז גיוואונט צוא דער מאנען תמיד דעם זכות פון דיא דרייא אבות אברהם יצחק ויעקב· אונ אויך דעם זכות פון משה אונ אהרן אונ מרים· אונ דיא איברגי נביאים אונ חסידים ווארום אלע נשמות פון דיא צדיקים פרייען זיך אז זייא זעהן מעשים טובים אין איין מענטשין אונ זייער זכות לייכט תמיד אויף אונז אזו וויא עש שטייט אין זוהר חדש: (ז) תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט איין מאל איז רבי יוסי גיגאנגן אין וועג· האט ר' ירמיה אים בגעגינט זיינן זיי ביידע גיגאנגן האט רבי יוסי גיזאגט צו רבי ירמיה לאמיר זאגין דברי תורה· אונ דער נאך וועלין מיר גיין האט ער אן גיהובין אונ האט גיזאגט תורה אויף דעם פסוק ואתה אל תירא עבדי יעקב· וויא זייא זיינען אזוא גיגאנגען האבין זייא גיהערט איין קול פון איין קינד וואש ער איז גיגאנגען אויף איין בארג אונ האט גיוויינט· האט רבי יוסי גיזאגט לאמיר גיין צוא אים דען אפילו ווען ער איז איין שד האבין מיר קיין מורא פאר אים ניט· ווארום מיר האבין דאך גילערינט איין שד ווערט צוא איינם בוויזן אונ קען אים מזיק זיין· צוא צווייא מענטשין ווערט ער בוויזין אבר ער קען זייא ניט מזיק זיין· זיינן זייא גיגאנגען צוא דעם קינד וויא זייא האבין גירייכט צוא אים· האט ר' יוסי גיזאגט מיר זיינן דיא קינדר פון גאט ב"ה האבין מיר פאר דיר קיין פארכט ניט· וויא דאש קינד האט דאש דער הערט· האט ער פר שטאנן אז דרום זאגין זייא אים אזוא ווייל זייא טראכטין זיך אפשר איז ער איין שד: (ח) האט דאש קינד גיזאגט איך בין איין יהודי אונ בין איין איינקעל פון ר' חייא רבא· אונ מיין פאטר האט מיך גילערינט דיא פסוקים פון שיר השירים אונ דיא פסוקים פון בראשית· אונ דר נאך איז מיין פאטר גישטארבין אונ גנבים האבין מיך אוועק גיגנבת· האב איך גימוזט זיין איין משרת בייא זייא בין איך אנטלאפין גיווארין אויף דעם בארג· אונ דרויף וויין איך ווייל איך ווייס ניט וואו אהין צו גיין אונ וואו צוא קערין זיך צו מיין מוטרס הויז· האט ר' יוסי גיוויינט

אונ

מרים היה הבאר ואף לאחר דמיתו אהרן ומרים זכותן היה עומד לישראל כי מגודל אהבת הקב"ה חקק דיוקניהן של משה ואהרן ומרים ברקיע לאנהרא זכוותיהן על ישראל ועליהם אתמר ויתן אותם אלהים ברקיע השמים להאיר על הארץ אתו ר' יוסי ור' ירמיה ונשקוהו והלכו עמו ג' מילין והיו נושאין אותו על כתפיהן וקרו עליה וכל בניך למודי ה' וכו' ע"כ צריך לידע כי כל אינון דיוקנין קדישין דחקק הקב"ה להאיר זכותן על ישראל כמו כן מסתכלין כל אינון דיוקנין ונותנין השגחה על ישראל אם ישרים במעשיהם או לאו כי הרבה עדים והתראות מוכנים וערוכים מפי הקב"ה לעורר לבבות בני אדם כדאיתא בזוהר פ' פקודי כמה אית לבר נש למינדע ולאסתכלא באורחיה דקב"ה דהא בכל יומא ויומא קלא נפיק ואכריז אסתמרו בני עלמין טריקו כוי חובי פן תלקו ברישתא דתפים (פי' סגרו בפניכם שערי העונות והזהרו שתרחיקו מהמצודה הפרוסה לבני אדם החוטאים פן תלכדו במצודה רעה) עד דלא יתפסון רגליכון בההוא רישתא ווי לון דנפלין לתמן ולא ינהרון בנהורא דגנזי לצדיקייא לעלמא דאתי ועל כל דבור ומעשה אתפקדן ממונה למעלה הן לרעה הן לטובה ואשרי מי שדיבורו ממלא אוירא דעלמא בדברי תורה וביראת ה'׃ (ט) ע"כ צריך אדם ליקח כל אלה הדברים ולשום אל לבו ויחשוב תמיד שעיני ה' המה משוטטים תמיד בכל הארץ וזהו כלל גדול אל תעשה דבר בסתר מה שאתה מתבייש לעשות בגלוי וה' הוא אל רחום וחנון בראותו שכוונתך לשם שמים לילך בדרך הטוב והישר ישלח הוא מלאכו לפניך להצילך מכל חטא ומכל דברים רעים ואם יארע לך איזה היזק או מקרה תקבל באהבה כמו שהארכתי לעיל ואם תצליח במעשיך במשא ובמתן ופרנסה שלך הוא בהרוחה׃ (י) אל תאמר חכמתי עמדה לי כי צריך לידע כי לא לחכמים לחם כי הכל מתת אלהים הוא ועל כולם

אונ האט גיזאגט דאש אייניקיל פון ר' חייא רבא זאל גיין אליין האבין זייא אים גינומן בייא זיינע הענט אונ זיינען גינאנגן׃ האט ר' יוסי גיזאגט מיין זון וואש האסט דוא גילערינט מיט דיין פאטר אין דער פרשה בראשית׃ האט דאש קינד אים גיזאגט אין דעם פסוק יהי מאורת ברקיע השמים האב איך גלערינט׃ האט ר' יוסי צוא אים גיזאגט וואש האט דיין פאטר דיר גיזאגט אין דער דאזיגר פרשה׃ האט דאש קינד צו אים גזאגט אזו האט מיין פאטר גיזאגט דרייא גוטע רועים האבין דיא ישראל גיהאט אין דער מדבר׃ משה אונ אהרן אונ מרים׃ דורך דעם זכות פון משה האט גנידערט דער מן צו די ישראל׃ אונ דורך דעם זכות פון אהרן זיינן גיוועזן די ענני כבוד ארום דיא ישראל׃ אונ דורך דעם זכות פון מרים איז זייא נאך גיגאנגן איין ברונין מיט וואסר וואו אהין זייא זיינען גיגאנגן׃ אונ אויך אפילו דר נאך אז אהרן אונ מרים זיינן גישטארבין איז זייער זכות בייא גישטאנען צו די ישראל׃ ווארום מחמת גרויש ליבשאפט וואש גאט ב"ה האט זייא ליב האט ער אויש גיקריצט אויף דעם הימל דיא צורות פון משה אונ אהרן אונ מרים׃ פון וועגן זייער זכות זאל לייכטין אויף דיא ישראל׃ אונ אויף זייא ווערט גיזאגט דער פסוק ויתן אותם אלהים ברקיע השמים להאיר על הארץ אונ גאט ב"ה האט זייא גיגעבין אין דעם פאר שברייטונג פון דעם הימיל פון וועגין צוא לייכטין אויף דער ערד׃ זיינען גיקומען ר' יוסי אונ ר' ירמיה אונ האבין אים גיקושט אונ זיינן מיט אים גיגאנגן דרייא מייל אונ האבין אים גיטראגין אויף זייערע אקסלין׃ (ט) דרום מוז דער מענטש נעמן דיא אלע זאכין אונ זייא צוא טאן אין זיין הארץ אונ זאל תמיד טראכטין אז גאט ב"ה זעהט אליץ׃ אונ דאש איז איין גרוסר כלל׃ אזו איין זאך וואש דוא שעמסט זיך זיא צוא טאן אז איטליכר זעהט׃ זאלסטו אויך ניט טאן אז קיינר זעהט ניט׃ אונ גאט ב"ה איז איין דער בארמיגער גאט דאש אז ער ווערט זעהן אז דיין כוונה איז פון זיינט וועגן צו גיין אין דעם גוטין וועג׃ ווערט ער שיקין זיין מלאך פר דיר׃ דיך מציל צוא זיין פון אלערלייא זינד אונ פון אלע שלעכטע זאכין׃ אונ אויב עש ווערט זיך דיר טרעפין עפים איין טרעפונג אודר איין היזיק׃ זאלסטו דאש מקבל זיין באהבה׃ אונ אויב דוא ווערסט בגליקין אין דיין משא ומתן אונ דיין פרנסה איז ברווח׃ (י) זאלסטו זאגן ניט מיין חכמה האט עש מיר גורם גיוועזן׃ ווארום דוא דארפסט וויסין אז ניט צוא דיא קלוגי איז דאש ברויט נאר עש איז אליץ איין מתנה פון גאט׃ אונ אויף אלעם זאלסטו געבין איין שבח והודיה צוא גאט ב"ה׃ אזו וויא אונזרע חכמים ז"ל האבין גיזאגט ברוך יי יום יום לויב גאט אלע טאג׃ דאש איטליכן טאג זאלסטו אם געבין איין שבח והודיה צו גאט ב"ה אויף דעם וואש ער ווערקט דיר׃ מאיי גוטש

סייא

כולם תתן שבח והודיה להקב״ה כמו שארז״ל ברוך ה׳ יום יום בכל יום תתן שבח והודיה לאל לפי פעולתו הן לטובה הן לרעה ח״ו ובגלל זה יברכך ה׳ מציון ובכל מעשיך תשכיל ותצליח אמן :

**פרק פ** **אמרו** על האר״י ז״ל שבימיו היה נופל פחד גדול על כל הרשעים בעבור כשראה אותן היה מגיד להם כל פרטי העבירות של כל אחד ואחד שהיה חוטא מזמן חמשים שנה ואפילו אם אדם היה מהרהר עבירה בלבו היה מגיד לו והיו הרשעים בורחים ממנו מפני הבושה שלא יסתכל בהם ויגיד פשעם ועל זה ישים אדם אל לבו אם כן יש בושה וכלימה מפני ילוד אשה אשר רוה״ק שורה עלי׳ מכיר חטאיו עאכו״כ שצריך בושה בעת בואו לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה ולפני כסא כבודו הקדוש ברוך הוא יגיד לו מה שיחו ועדים מעידים עליו וידי אדם בעצמו כותבין כל מעשיו מה יעשה האדם ביום פקדו ומי יודע אם יזכה לבא לפני בוראו יתברך פן יפול בידי אכזרים בצאת נשמתו ויבא נשמתו של אדם במקום אופל ועומק שלא יראה אור עד שיתעורר עליו איזה פרקליט של זכות או מיוצאי חלציו שיהיו עוסקים בתורה כדמצינו הרבה שלא ניצולו מידי המשחיתים בר מינן כ״א בזה הזכות · (ב) וכדאי׳ במדרש הנעלם פ׳ לך גברא חד אזיל לבי טורי קרדנייא (פי׳ הרי אררט) הוא ותרין חכימין עמיה חמו גומין בקיעין ואשא ותננא נפיק מן גומין ושמעו חד גברא דאמר ווי ווי אמרו ודאי אתר דא מדוכתיה דגיהנם הוא יתבין תמן ואדמוכי ושמעין קול אנחה מן חד גבר דהוי מאסף קוצים חבילות גדולות והיה נושא על כתיפיו ושני ממונים מן גיהנם הולכים אחריו והיו מדליקין החבילות באש ושורפין אותו בהליכת האי גברא הוי צועק בקול מר ווי ווי והממונים היו משיבין אותו כי לא היית משגיח על חסד שעשה

סאיי ביז ח״ו אונ דורך דעם וועט גאט ב״ה דיך בענטשין אונ דוא וועסט מצליח זיין אין אלע דיינע מעשים אמן :

**פרק פ** אמרו עליו על האר״י ז״ל זייא האבין דר ציילט פון דעם האר״י ז״ל דאש אין זיינע טעג איז גיפאלין איין גרויש פחד אויף דיא רשעים · פון וועגין אז ער האט זייא דער זעהן · האט ער זייא גיזאגט אלע עבירות וואש איטליכער פון זייא האט גיטאן פון פופציג יאר אן וועז אפילו איין מענטש האט מהרהר גיוועזן איין עבירה · האט ער זייא דאש אויך גיזאגט · דרום פלעגין דיא רשעים אנטלופין פר אים מחמת בושה · דאש ער זאל אין זייא ניט קוקין אונ דען וועט ער דאך זיי זאגין זייערע זינד · אונ דורך דעם גיהער דר מענטש טאן צו זיין הארץ · וועז עש איז פאר האנדין אזו איין בושה פאר איין בשר ודם וואש איז גיבארין פון איין אשה וואש דער רוח הקודש האט גרואט אויף אים מכל שכן וויא דארף ער זיך צוא שעמין אין דער צייט אז ער וועט קומין פר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא · אונ פר זיין כסא כבוד · אונ גאט ב״ה וועט דאך אים זאגין אלץ וואש ער האט גירעט · אונ עדות וועלין דרויף עדות זאגין · אונ דעם מענטשינש הענט זעלבשט שרייבין אלע זיינע מעשים · נוא וואש וועט דער מענטש טאן אין דער צייט אז ער וועט שטארבין · אונ ווער ווייסט אויב ער וועט זוכה זיין צו קומין פאר זיין בשעפר יתברך · טאמר וועט ער אריין פאלין אין דיא הענט פון דיא אכזרים אז זיין נשמה וועט ארויש גיין פון אים · אונ זיא וועט קומין אין איין פינסטער אונ איין טיף ארט · וואש ער וועט ניט זעהן קיין ליכטקייט · ביז עש וועט דר וועקט ווערין אויף אים עפעס איין מליץ אדר פון זיינע קינדר וועט איינר גוט זיין אונ וועט תורה לערנן וועט ער אים אפשר ארויש נעמען פון זייערע הענט · אזו וויא מיר גפינן פיל מענטשין וואש זייא זיינן ניט ניצול גיווארין פון דיא משחיתים נאר דורך דעם זכות פון זייערע קינדר : (ב) אזו וויא עש שטייט אין מדרש הנעלם · איין מענטש איז גיגאנגן צו דיא הרי אררט אונ צוויי קלוגע לייט זיינען גיוועזן מיט אים · האבין זייא גיזעהן גרושע שפאלטין אין דער ערד אונ פייער אונ רויך גייט ארויש פון דיא גריבר אין דיא שפאלטין · אונ זייא האבין גיהערט וויא איין מענטש זאגט ווי וויי · האבין דיא מענטשין גיזאגט איינש צום אנדערין דאש ארט איז בוודאי פון דעם גיהנם זייגען זייא דארט גיזעסין אונ האבין גיהערט איין קול פון זיפצין פון איין מענטש וואש ער האט גיקליבין גרושע בינד דערנר · אונ האט זייא גיטראגן אויף זיינע אקסלין · אונ צוויי ממונים פון דעם גיהנם זיינן אים נאך גיגאנגן · אונ האבין דיא בינדליך אן גיצונדין אין פייער אונ האבין פר ברענט דעם מענטשין בשעת ער איז אזו גיגאנגען אונ דער מענטש האט גישריען מיט אביטער קול ווייי וויי · אונ די ממונים האבין אים גיענפרט ווארום האסטו ניט משגיח גיוועזן אויף דעם חסד וואש גאט ב״ה האט מיט דיר גיטאן אזו וויא ער טוט מיט זיינע צדיקים דאש ער ניט צוא איטליכן פון זייא צוויי מלאכים צו היטין

אים

הקב"ה עמך כמו שהקב"ה עושה עם שאר צדיקים שנותן הקב"ה להם שני מלאכים לשמור אותו כד"א כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך ואז היית ניצול מהעונש הזה ואתה עזבת את ה' אלהיך ולא שמרת את התורה ועשית רצון יצה"ר ונתחברת עם כיתות של רשעים הנקראים קוצים כסוחים וקוצים האלו הן שורפין אותך· (ג) אמר האי גברא להההוא חייבא מאן אנת א"ל יהודאי אנא והרבה חטאים ופשעים עשיתי ושכחתי שמי וממונים דגיהנם אין רוצין לגלות לי את שמי וגם אני שכחתי את שמי מתוך היסורים קשים ומרים ורעים וחמשה פעמים דנים אותי בשריפה בכל יום ג"פ ובכל לילה ב' פעמים לפי שעברתי על חמשה עריות שבתורה ואח"כ שאל אותו האי גברא מאיזה מקום הוא והשיב שהוא מגליל העליון שבא"י והניח בן קטן במקום א' בגליל העליון ואח"כ א"ל הרבה חטאתי ומלאך אחד מתחלה היה דן אותי ביסורים קשים ומרים יותר משריפה זו ומלאך הממונה על הקברות אמר לי בשעת הדין· (ד) אוי למי שנשבע על התורה לקיים אותה ולא קיים אוי לידים ששמשו בדברים האסורים אוי לרגלים שהלכו לדברים האסורים ובשעת ההכאה שהיו מכין בי באכזריות אומרים לפני כל פרטי חטאים שעשיתי וגם אני אמרתי אמת כך וכך עשיתי כי לא יכולתי לשקר כי נשמתי ומלאך הממונה על נשמתי היו עומדים ובידם כתבים ושם נרשם כל פרטי דברים ופרטי עבירות שעשיתי וידי היא חתומה תחת הכתבים· (ה) אזל האי יהודאי לגליל העליון ושאיל בכל אתר אית הכא גבר דמית מקרוב ושביק חד ינוקא אמרו ליה אין וינוקא דא אזיל בבית מטבחייא ואיהו רשע כאביו אזיל האי גברא לבית מטבחייא ואשגח בההוא ינוקא וחזו ליה דהוי מצחק עם הנערים

אים אונ דען וואלסטו גיוועזן נצול גיווארן פון דעם דאזיגן עונש אונ דוא האסט אבער פאר לאזין גאט דיין גאט אונ האסט ניט גהיט דיא תורה· אונ האסט גיטאן דעם ווילן פון דעם יצר הרע אונ האסט זיך בהעפט מיט די כיתות פון דיא רשעים וואש זייא ווערין גירופין פאר שניטענע דערנר· אונ דיא דערנר פאר ברענן דיך: (ג) האט דר מענטש גיפרעגט צו דעם רשע ווער ביסטו· האט דר מת אים גיענפערט איך בין איין יהודי אונ איך האב גיטאן פיל זינד אונ האב פר געסין מיין נאמן· אונ דיא ממונים פון דעם גיהנם ווילין מיר ניט מגלה זיין מיין נאמן· אונ איך האב אויך פר געסין מיין נאמען מחמת דיא שווערע אונ ביטרע יסורים וואש זייא טוען מיר· אונ פינף מאל אין מעת לעת איז מען מיך דן דרייא מאל בייא טאג אונ צווייא מאל בייא נאכט דאש טוט מען מיר וויל איך בין גילעגין מיט די פינף עריות· וואש אין דר תורה שטייט מען טאר ניט ליגין מיט זייא· דער נאך האט דער מענטש אים גיפרעגט פון וואש פאר איין ארט ביסטו· האט דער מת אים גיזאגט איך בין פון דער שטאט גליל העליון· אונ איך האב גילאזין איין קליינם זון אין גליל העליון· דער נאך האט דער מת צוא אים גיזאגט איך האב פיל גיזינדיגט· אונ פריער האט מיר איין מלאך דן גיוועזן מיט נאך שווערע אונ ביטערע יסורים פון דעם פאר ברענען· אונ דר מלאך וואש איז ממונה איבר דעם בית הקברות האט מיר גיזאגט בשעת אז מען האט מיך דן גיוועזן: (ד) ווייא איז צו דעם וואש האט גישוואורין מקיים צוא זיין דיא תורה אונ האט זיא ניט מקיים גיוועזן· ווייא איז צוא די הענט וואש האבין גינוצט מיט זעלכע זאכין וואש זיינען אסור· ווייא איז צוא די פיס וואש זיינן גינאנגען צוא אזעלכע זאכין וואש זיינען אסור· אונ בשעת מען האט מיך גישלאגין מיט גרויש אכזריות· האט מען פאר מיר גיזאגט אלע עבירות וואש איך האב גיטאן אונ איך האב אויף אלמין מודה גיוועזן אונ האב גיזאגט אמת איך האב אזו אונ אזו גיטאן· דען איך האב ניט גיקענט לייקענען וויל מיין נשמה אונ דער מלאך וואש איז ממונה איבר מיין נשמה זיינן גישטאנן אונ האבין גיהאט ביכר אין זייערע הענט וואש דארט זיינן פר שריבן אלע עבירות וואש איך האב גיטאן אונ אלע רייד וואש איך האב גרעט· אונ דאש כתב פון מיין האנט איז גיחתמת אונטר דיא ביכר: (ה) איז דער יהודי גיגאנגען צוא דער שטאט גליל העליון אונ האט גיפרעגט אויף איטליכן ארט איז דא פר האנדן איין מענטש וואש איז ניט לאנג גשטארבין אונ האט איבער גילאזין איין קינד· האבין זייא אים גיזאגט יוא אונ ער גייט ארום צווישין דיא יטקעם אונ ער איז אזו איין רשע וויא זיין פאטר· איז דער מענטש גיגאנגען אין דיא יאטקעם ארין אונ האט אן גיטראפין דאש קינד· אונ האט אים גיזעהן וויא ער שפילט זיך מיט דיא קינדער אין די יאטקעם· האט דער יהודי צוא אים גיזאגט מיין קינד קום מיט מיר אונ איך וועל דיר מגדל זיין אונ וועל דיך קליידין· איז ער גיגאנגען מיט אים אונ ער האט דאש קינד

גיזעהן

בבי מטבחייא א"ל האי יהודאי בני זיל עמדי ואלביש יתך אזיל עמיה ויהיב ליה לרב א' דהוי אוליף ליה אורייתא ולמד הרב עם הנער עד דהוי בחור חשוב שבתלמידים ואח"כ היה לומד עמו ההפטרה בבהכ"נ והיה מתפלל עם הצבור בבהכ"נ ואחר כך נתחכם עוד עד שהיו קורין ליה רבי · (ו) ואחר כך בא אותו רשע בחלום להאי יהודאי ואמר ליה רבי הקב"ה ינחם אותך כמו שאתה נחמתני כי בשעתא דאמר ברי הפטרה בקהל פקעו לי מן דיני קשיא ובשעתא דהוי מתפלל ואמר קדיש קרעו להאי גזר דיני מכל וכל ובשעתא דאתחכם ברי וקריין ליה רבי אתעטרו לי בכתרא דצדיקייא ובשבילך זכינא יקר זכאה חולקך דאייתת יתי לחיי עוה"ב זכאה חולקך בעוה"ז וזכאה חולקך בעוה"ב : (ז) וכן מצינו ג"כ מעשה בר' עקיבא שפגע באדם רשע והיו משחיתים דנין אותו הרשע ביסורים עד ששאל ר"ע אותו אם יש לו בן והשיב שיש לו בן במקום פלוני והלך ר' עקיבא לאותו המקום ולמד עם בנו קדיש ואח"כ אמר אמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא ומיד נחלץ אותו הרשע מהצרה ונתגלה לר"ע וגילה כי הותר הוא מיסורים דיליה פתח רבי עקיבא ואמר ה' זכרך לדור ודור ומזה הוא התעוררות אל האדם שישים עינו והשגחתו הגדולה על בניו ללמדם בתורת ה' ולהדריכם ביראת ה' כי ברא מזכה אבא · (ח) ומי שמת לו אביו או אמו יזהר אותו הבן לומר קדיש ואיש"ר בכל כוחו כי באמירתו הוא מביא למעלה נשמת אביו לג"ע העליון ולא כיש המקילים בקדישים שהוא בעיניהם כאחוכי וטלולי וממש הן מלגלגין על אמירת הקדיש ולא יודעים שכל מעשי שמים וארץ תלויין בתהלות ושבחות לקדש שמו יתברך ברבים כי יה"א שמי"ה רב"א מבר"ך לעל"ם ולעלמ"י עלמי"א כ"ח אותיות וכנגד זה יש כ"ח אותיות בפסוק ראשון שבתורה בראשי"ת בר"א אלהי"ם א"ת השמי"ם וא"ת האר"ץ בסוד כח מעשיו הגיד לעמ:

גיגעבין צו איין מלמד וואש האט מיט אים תורה גילערינט ביז ער איז גיווארין דר בעסטר בחור צווישן די תלמידים דר נאך האט ער מיט אים גילערינט וויא מען לייענט דיא הפטורה אין שול אונ האט גידאווינט מיט דעם ציבור אין שול · דער נאך איז ער גיווארין איין גרוסער תלמיד חכם ביז מען האט אים גירופין רבי : (ו) דר נאך איז דר רשע גיקומען צו חלום צוא דעם יהודי אונ האט אים גיזאגט רבי גאט ב"ה זאל דיר טרייסטן אזו וויא דו האסט מיך גטרייסט דען אין דער צייט אז מיין זון האט גילייענט דיא הפטורה פר קהל האט מען מיר שון ניט שווער דן גיוועזן אונ אין דר צייט אז ער האט מתפלל גיוועזן פאר דעם עמוד אונ האט גיזאגט קדיש האט מען מיין גזר דין גאר צו ריסין אונ אין דער צייט אז מיין זון איז גיווארין איין תלמיד חכם אונ מען האט אים גרופן רבי האט מען מיר גיקריינט מיט דער קרוין וואש מען קריינט דיא צדיקים אונ דורך דיר האב איך זוכה גיוועזן צו דעם כבוד · וואול איז דיין חלק וואש דוא האסט מיך גיבראכט צו חיי עולם הבא וואול איז דיין חלק אויף דר וועלט וואול איז דיין חלק אויף עולם הבא : (ז) אונ אזו אויך גפינען מיר ביי ר' עקיבא דאש ער האט בגעגינט איין מת איין רשע · אונ דיא משחיתים האבין אים דן גיוועזן מיט שווערי יסורים ביז ר' עקיבא האט אים גפרעגט אויב ער האט איין זון האט דר מת גיענפרט ער האט איין זון אין דעם דאזיגן אורט איז ר' עקיבא גיגאנגין צו דעם אורט אונ האט גילערינט מיט זיין זון קדיש · אונ דר נאך האט ער גיזאגט אמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא האט מען דעם רשע תיכף גיפטרט פון זיינע יסורים איז ער גיקומען צו ר' עקיבא צו חלום אונ האט אים מגלה גיוועזן אז ער איז שון אויף גיבונדין גיווארין פון דיא יסורים · אונ דער פון איז איין גרויש דער וועקונג צו דעם מענטשין ער זאל טאן זיין גרויש השגחה אויף זיינע זין זייא תורה צוא לערנען אונ זייא מדריך צוא זיין אין גאטש פארכט ווארום איין זון קען מזכה זיין זיין פאטר אויף עולם הבא : (ח) אונ ביא וועמען זיין פאטר אדער זיין מוטר איז גישטארבין זאל ער נזהר זיין צו זאגין קדיש אונ אמן יהא שמיה רבא מיט גאר זיין כח ווארום דורך דעם ברייננט ער דיא נשמה פון זיין פאטר אונ מוטר אין גן עדן אריין אונ ניט אזו וויא אטייל האלטין זיך פר גרינג צו זאגין קדיש דאש דר קדיש איז אין זייער אויגין וויא איין גישפעט אונ זייא ווייסין ניט אז גאר דיא בשעפעניש פון הימל אונ ערד הייננין אלע אויף דעם וואש מען לויבט גאט ב"ה אונ מען איז מקדש זיין נאמען ווארום דיא ווערטר יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא זיינען אכט אונ צוואנציג אותיות · אונ אקעגין דעם איז פאר האנדין אכט אונ צוואנציג אותיות אין דעם פסוק פון דער תורה דאש איז בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ · אונ אויך אין דעם ערשטין פסוק פון דיא עשרת הדברות וידבר אלהים את כל הדברים האלה לאמר זיינן אויך אכט אונ צוואנציג

אותיות

וכן פסוק ראשון שבעשרת הדברות הן כ״ח אותיות וידב״ר אלהי״ם א״ת כ״ל הדברי״ם האל״ה לאמ״ר ולכן היה מצוה רבינו יהודה חסיד שיאמרו פסוק בראשית ופסוק וידבר אלהים וגו׳ ואח״כ אמן יהא שמיה רבא וסודו מבואר בספר מגלה עמוקות אופן רי״ב ע״ש׳ (ט) על כן אדם האומר קדיש אחר אביו ואמו צריך לומר בכוונה גדולה הקדיש וגם מחויב האבל לומר ג״כ אמן יהא שמיה רבא וכו׳ ולא כיש ע״ה שאומרים רק ואמרו אמן ואחר כך מתחילין תיכף יתברך וישתבח אלא צריך האבל לומר ג״כ איש״ר כי עיקר הקדיש הוא באמירת איש״ר ובזה הוא עושה נ״ר להקב״ה ולאביו ולאמו ומי שאין לו בנים מוטל עליו לגדל יתום בתוך ביתו ולגדלו לתורה ולעבודת ה׳ כי פן ואולי אביו ואמו של היתום היו רשעים ועל ידי היתום מזכה את אביו ואת אמו ואזי יש להמגדל שכר בעוה״ז ובעוה״ב אבל מי שמגדל יתום בתוך ביתו כדי שיהיה לו עבד׳ (י) לא די שאינו מקבל שכר על מצוה זו אלא אפילו עונשו מרובה כשם שברא טבא מזכה אבא כך ברא בישא הוא גורם דמענשין את אביו ואמו וזהו כל זמן שאביו ואמו קיימין ואינם מוכיחין את בנם לכן עון בנים פוקד על אבות אבל מי שמניח בן קטן ואחר מגדל אותו אז אין מענשים את אביו כי אם את האיש המגדל וע״ז נאמר איש בחטאו יומת׳ (יא) ע״ב אציג לך פרק מיוחד שמדבר בענין גידול בנים שהאב מצווה על בנו להוכיח אותו ועל הבן הוא מצוה לקיים דברי אביו כדי שלא יאמרו בשבילו ארור שזה ילדו ארור שזה גדלו ואז ילך בלי כיסופא לעולם הבא אמן :

פרק פא **איתא** במ״ר פרשת בראשית כשחטא אדם הראשון בחטא אכילת עץ הדעת נתקללו הנחש וחוה והאדמה נתקללה עבור אדה״ר כדכתיב ארורה האדמה בעבורך שלפי שאדה״ר נברא

אותיות׳ אונ דרום האט ר׳ יהודה חסיד צוואה גילאזין אז בשעת דר חזן הייבט אן צו זאגין יתגדל ויתקדש וכו׳ זאל דאש קהל תיכף זאגין דעם פסוק בראשית ברא וכו׳ אונ דעם פסוק וידבר אלהים וכו׳ אונ דער נאך אמן יהא שמיה רבא ׃ (ט) דרום דער מענטש וואש זאגט קדיש נאך זיין פאטר אונ מוטר מוז ער אים זאגין מיט גרויש כוונה אונ דר אבל וואש זאגט קדיש אונ לאזט אויש ואמרו אמן מוז ער זעלברט אויך זאגין אמן יהא שמיה רבא וכו׳ ניט אזו וויא אטייל עמי הארצים טוען דאש זייא זאגין נאר ביז ואמרו אמן דער נאך הייבן זייא אן יתברך וישתבח אונ קיין אמן יהא שמיה רבא זאגין זייא ניט נאר ער מוז יוא זאגן אמן יהא שמיה רבא ווארום דער עיקר קדיש איז דער איש״ר אונ דר מיט טוט ער אן נחת רוח צו זיין בשעפר גאט ב״ה אונ צו זיין פאטר אונ מוטר אונ דר וואש האט קיין זון ניט איז אויף אים גיווארפין ער זאל מגדל זיין איין יתום בייא זיך אונ זאל אים געבן צו איין מלמד ער זאל מיט אים לערנען תורה אונ גאטש דינסט ווארום טאמער זיינן די פאטר אונ מוטר פון דעם יתום גיוועזן רשעים אונ דורך דעם וואש ער איז מגדל דעם יתום אונ מאכט אים פאר איין ערליכן מאן איז דער יתום מזכה זיין פאטר אונ מוטר אונ דר וואש איז אים מגדל האט דערמאלט גרויש שכר דר פר אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט אבער דער וואש איז מגדל בייא זיך איין יתום פון וועגן ער זאל אים בדינן ׃ (י) נוא ניט גינוג וואש ער נעמט קיין שכר ניט דער פאר נאר זיין עונש איז נאך זייער פיל ווארום טאמר כחכמת דעם קען דער יתום ניט פרום זיין אונ אזוא וואזל וויא איין גוטר זון איז מזכה זיין פאטר אויף עולם הבא אזו איז איין שלעכטער זון גורם מען זאל שטראפן זיין פאטר אונ מוטר אויף עולם הבא׳ ווייל ער האט אים ניט גשטראפט אונ ניט רעכט מגדל גיוועזן׳ דאש איז גרעט גווארין אז זיין פאטר לעבט אונ איז אים מגדל׳ אבער אז איין אנדרר איז אים מגדל פון וועגין ער זאל אים בדינען אונ ער לערינט אים ניט צו גיין אין גוטין וועג נוא אז דר יתום איז שלעכט שטראפט מען ניט זיין פאטר נאר דעם מענטשין וואש האט אים מגדל גיוועזן ׃ (יא) דרום וועל איך דיר שטעלין איין בזונדרין פרק פון דעם ענין פון גידול בנים דאש דער פאטער איז גיבאטין אויף זיין זון צוא שטראפין אים׳ אונ אויף דעם זון איז גיבאטין מקיים צו זיין דיא רייד פון זיין פאטער פון וועגין מען זאל אי״בר אים ניט זאגן פאר פלוכט זאל ווערן דר וואש האט אזעלכש גיוואונן׳ פר פלוכט זאל ווערין דער וואש האט אזעלכש מגדל גיוועזן אבר אז דר פאטער איז מדריך זיין זון אז ער זאל גיין אין גוטין וועג אונ דער זון וועט אים פאלגין וועט ער גיין אן בושה אויף עולם הבא אמן ׃

פרק פא איתא עש שטייט אין מדרש רבה׳ אז אדם הראשון האט גזינדיגט דער מיט וואש ער האט

נגעבן

נברא מן האדמה משל לבן שיוצא לתרבות רעה אזי הבריות מקללין את השדים שהתינוק יונק מהן ואמרין ליט ביזייא דהדין מניקתא והנה יש לדקדק בזה המדרש הלא אדה"ר נברא ג"כ מהעליונים ולמה נתקללה האדמה לבד שהיא מתחתונים ולמה לא נתקללו העליונים ג"כ בחטא אדה"ר והנראה בעיני לתרץ כי ענין בריאת אדם הראשון היה ע"י דכר ונוקבא כי הארץ היא מסטרא דנוקבא והנשמה בתוך האדם הוא מסטרא דדכורא כי הנשמה אינה מסיתה להאדם שיחטא כ"א החומר שנברא מן האדמה הוא המסית ומדיח להחטיא אדם שהוא עפר מן האדמה ולכן נתקללה האדמה שהיא מן התחתונים ולא נתקללו העליונים שבא הנשמה מהם כי הנשמה אינה חוטא כלל: (ב) וזהו הבריות אמרין לישא הדין ביזייא דהדין מניקתא ולא מקללין האב כי אם האם כי הוא זה כלל גדול כל אשה שהיא צנועה במעשיה ובמחשבותיה תזכה שיצאו ממנה נביאים ואנשי חסידים ואנשי מעשה וראייה מתמר וכל אשה אשר איננה צנועה במעשיה או שיש לה מחשבות רעות וזרות אזי יוצאי חלציה הולכים אחריה כי רחילא בתר רחילא אזלא ולכן נ"ל דמחמת זה כתוב בתורה כרחם אב על בנים למה לא כתוב כרחם אם על בנים כי טבע הזכר אשר אוהב את בנו הוא מיסרהו כמ"ש הכתוב חושך שבטו שונא בנו ואוהבו שחרו מוסר כי כל איש אשר ייסר את בנו הוא אוהב לבנו כמו שהאריך ברבה פ' שמות׃ (ג) משא"כ האשה היא רכת לבב ואינה רוצה שהאב יכה את בנו או המלמד ובעוד שהתינוק קטן אמו נותנת לו כל חפצו וכל משאלות לבו ואח"כ כשיגדל הנער הוא מבקש למודו ואח"כ יוצא לתרבות רעה והכל הוא בגרמא דאשה׃ (ד) ודע שהכל תלוי בהאשה כי לפעמים יש אדם רשע ויש לו אשה צנועה יהיה לו בנים טובים צדיקים וישרים ולפעמים יש אדם צדיק ויש לו אשה רעה יהיה לו בנים רשעים ע"כ צריכה כל אשה לראות להדריך את בניה בדרך טובים לא לחוס על בנה כשהמלמד או בעלה מכה את בנה וכל אשה צריכה

ליקח

גיגעסין פון דעם עץ הדעת׃ איז פר שאלטין גיווארין דר נחש אונ חוה׃ אונ דיא ערד איז אויך פר שאלטין גווארן איבר אדם הראשון׃ ווארום וויל אדם הראשון איז בשאפין גיווארין פון ערד דרום איז דיא ערד פאר שאלטין גיווארין איבר זיין זינד׃ דאש אין איין משל צו איין קינד וואש איז ארויש גיגאנגען לתרבות רעה שילטין דיא לייט דיא בריסטין אונ זיי זאגן פאר פלוכט זאל ווערין דיא בריסטין וואש דאש קינד האט פון זיי גזייגט׃ (ב) אונ דרום שילטין דיא לייט די בריסט וואש דאש קינד האט גזייגט פון זייא אונ שילטין ניט זיין פאטר׃ ווארום דאש איז איין גרויסר כלל׃ אז איטליכע אשה וואש איז איין צנועה אין אירע מעשים אונ אין אירע מחשבות איז זיא זוכה אז נביאים אונ חסידים אונ פרומע לייט וואש טוען מעשים טובים ווערין פון איר ארויש קומן׃ אונ איין ראיה איז דער צו פון תמר׃ אונ איטליכע אשה וואש זיא איז ניט קיין שום צנועה אין אירע מעשים אדער זיא האט שלעכטע מחשבות דערנאלט גראטין אירי קינדר אין איר כי רחילא בתר רחילא אזלא ווארום דאש קליינע שעפלי גראט אין איר מוטר די גרוישע שאף אונ דרום שטייט אין דער תורה כרחם אב על בנים אזו וויא איין פאטר איז זיך מרחם אויף זיינע קינדר אונ עש שטייט ניט כרחם אם על בנים ווארום די טבע פון אמאנזביל וואש האט ליב זיין זון שטראפט ער אים ער זאל גוט זיין אזו וויא עש שטייט אין פסוק חושך שבטו שונא בנו דער וואש פר מייד זיין רוט פון שטראפין מיט איר זיין זון דער האט פיינט זיין זון ואוהבו שחרו מוסר אבר דער וואש האט אים ליב דער פארשט אים מיט שטראף אונ שלאגט אים אונ מאכט אים איין מורא כדי ער זאל פרום זיין׃ (ג) אבר די אשה האט איין וייך הארץ אונ וויל ניט אז דער פאטער אדער דער מלמד זאל שלאגין איר קינד אונ בשעת דאש קינד איז קליין גיט זיא אים וואש זיין הארץ גילוסט אונ וואש ער בגערט דר נאך אז ער ווערט גרויש בגערט ער צו טאן זיין גוואונהנג׃ אונ דורך דעם גייט ער ארויש לתרבות רעה אונ דאש איז אלץ גורם דיא מוטר דרום שילטין דיא לייט די מוטר אונ ניט דעם פאטר אונ ווארום אלץ גיווענט זיך אן דר אשה דען אמאל האט איין רשע איין אשה צנועה האט ער גוטע קינדר אונ אופט איז פר האנדין איין צדיק וואש האט אשלעכטע ווייב האט ער שלעכטע קינדר דרום מוז איטלכע אשה זעהן מדריך צו זיין אירע קינדר אין דעם גוטן וועג אונ זאל ניט חס האבין דאש דער מלמד אודער איר מאן שלאגין דיא קינדר׃ (ד) אונ איטליכע אשה דארף זיך נעמן איין ראיה פון בת שבע דאש ווייב פון דוד המלך די מוטר פון שלמה המלך ע"ה דאש זיא אליין האט גישלאגין איר זון שלמה בשעת ער איז שוין גיוועזן איין מלך אונ האט אמאל גישלאפין דרייא שעה אויף דעם טאג׃ אונ די שליסיל פון

דעם

ליקח ראיה מן בת שבע אשת דוד המלך אמו של שלמה המלך ע"ה שהיתה בעצמה מכה את שלמה המלך בנה כשהיה ישן פעם אחת ג' שעות על היום והיו מפתחות של בית המקדש נתונים תחת מראשותיו כמאמר הכתוב דברי למואל אשר יסרתו אמו ואשרי האיש והאשה אשר מדריכין את בניהם בדרך הטוב ואז יראו ישרים וישמחו בעוה"ז ובעוה"ב :

פרק פב **אמרו** רז"ל בשביל ד' דברים נגאלו אבותינו ממצרים בזכות נשים צדקניות ובשביל שלא שינו את שמם ובשביל שלא שינו את לשונם לשון הקודש ובשביל שהיו תולין בטחונם בהקב"ה

וא"כ הרי לפניך שבזכות נשים יהיה ג"כ הגאולה אחרונה על כן צריכין הנשים להיות צנועין יותר מן האנשים ולא ילכו אחר שרירות לבם במלבושיהון שמכשילין את רוב ב"א ליתן עיניהם בהם וקיי"ל דאסור להסתכל אפילו בבגדי צבעונים של אשה · והם מוסיפים חטא על פשע שהולכות נטויות גרון וערום עד בית דדיהון מי יוכל לספר גודל העונש שלהם · גם המה גורמים לבעליהם רעה למי שאין ידו משגת ללבוש את אשתו כמו חברתה שלה האשה מקללת ומיללת את בעלה עד שנצרך בעלה ליקח בהקפה או לעשות שאר איסור בממון חבירו עד שהוכרח לעשות לאשתו גם כן בגדים נאים כמו לאחרת ואח"כ כשאין ידו משגת לשלם אזי נתפש בעלה או בא לידי שאר חרפות וביזוי · על כן צריכה כל אשה הכשירה וצנועה בישראל לראות להיות הילוכה בצניעות ולא בפריצות כדי שתזכה לצאת ממנה נביאים וחסידים · (ב) והזכות השלישי הוא שנגאלו אבותינו ממצרים בזכות שלא שינו את לשונם לשון הקודש ועכשיו ראיתי מכשול גדול אשר הוא צפון ברוב המדינה אשר הרבה בני אדם עושין שלא כהוגן והוא זה כיון דקיי"ל שצריך האדם ללמוד בניו כשהן קטנים כל דבר בלשון הקודש כדי שיבוא בנו וירגיל עצמו בלשון הקודש והדשים מקרוב באו שמרגילים לקטנים בל' צרפת ובשארי לשונות וכשיגדל הנער אין אביו שם על

דעם בית המקדש זיינן גילעגין ביא אים צו קאפין אונ קיין כלך טאר מען ניט וועקין דרום האט דר עולם ניט גקאנט קומען אין בית המקדש ארין ביז ער איז אויף גישטאנן האט זיין מוטר בת שבע אים גישלאגין דר פאר' אונ וואל דעם פאטר אונ מוטר וואש זיינן מדריך זייערע קינדר אין דעם גוטין וועג אונ דערנאך וועלן זייא זוכה זיין צו זעהן ביא זיך גוטע אונ רעכט פארטיגע קינדר אונ זייא וועלין זיך פרייען אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט אמן :

פרק פב אמרו חז"ל אונזרע חכמים ז"ל האבין גיזאגט פון וועגין פיר זאכין זיינן אונזרע עלטרן אויש גלייזט גיווארין פון מצרים : (א) בזכות נשים צדקניות (ב) פון וועגין וואש די ישראל האבן זייערע נעמן ניט משנה גיוועזן (ג) פון וועגין זייא האבין ניט משנה גיוועזן זייער לשון דען זייא האבין נאר גירעט מיט לשון הקודש : (ד) פון וועגין זייא האבין בטחון גיהאט אויף השי"ת אונ אזו וויא די גאולה ראשונה איז גיוועזן אזו אויך וועט זיין · די גאולה בזכות נשים צדקניות · דרום מוזין די ווייבער מיין צנועות זיין פון די מנזבילן אונ זאלין ניט גיין נאך תאות לבם מיט זייערע מלבושים זייא מאכן שטרויכלין פיל לייט זייא זאלין קוקין אויף זייא מחמת זייערע שיינע קליידער אונ צירונג וואש זייא גייען זייא זיינען נאך מוסיף זינד אויף ביטשייט אונ גייען מיט אויש גישטרעקטין האלז אונ נאקיט

ביז זייערע בריסטין אונ מיט אנדרע פאר שייטקייט וער קען אויש דער ציילין זייער גרויסין עונש וואש זייא וועלין האבין דער פר' נאך זיינן זייא גורם ביי צוא זייערע מאנען דען דער מאנזביל וואש פאר מעגט ניט זיין ווייב אזוא צוא קליידין מיט אזעלכע מלבושים וויא דיא אנדערע גייט שילט די אשה איר מאן אונ קלאגט אונ וויינט ביז איר מאן מוז בארגין אדער צו טאן עפיס איין איסור דהיינו אוועק צו נעמן דאש געלט פון זיין חבר אדר איין אן זעץ צו טאן כדי ער זאל זיין ווייב אויך מאכין אזעלכע שיינע קליידר וויא די אנדרע אשה גייט דער נאך קומט ער צוא חרפות אונ בושות דורך דעם · דרום מוז איטליכע ערליכע אשה גיין בצניעות ניט פר שייט כדי זיא זאל זוכה זיין אז פון איר זאל ארויש קומען נביאים וחסידים : (ב) דער דריטער זכות וואש די ישראל זיינן דורך אים אויש גלייזט גווארין אויש מצרים איז גיוועזין ווייל זייא האבין זייער לשון דאש מיינט מען לשון הקודש ניט פאר ענדערט אונ איצונד האב איך אויך גיזעהן איין גרוסין מכשול וואש פיל לייט טוען ניט רעכט דען מיר האבין איין קיימא לן אז דער מענטש מוז לערנן מיט זיינע קליינע קינדר לשון הקודש פון וועגין דער זון זאל זיך גיוויינען אין לשון הקודש אונ איצונד זיינען פאר האנדין פיל מענטשין וואש זייא טוען לאזין לערנען זייערע קליינע קינדער צוא ריידין נאר פראנצויז

לשון

לב שילך בנו לבית המדרש כ"א השגחתו הוא רק על לימוד לשון צרפת ושאר לשונות אף דקיי"ל דסנהדרין היו יכולין לדבר שבעים לשון מ"מ היו לומדין גם הלשונות והתורה קבע משא"כ עכשיו עושה הלשון צרפת עיקר הלימוד והתורה ארעי׳ (ג) הזכות הרביעי שנגאלו אבותינו היה שהיו תולים בטחונם בהקב"ה ועכשיו אני רואה בעוה"ר שא׳ מן אלף הוא תולה בטחונו בהקב"ה כי רוב העולם תולים בטחונם הכל בממון ובבן אדם שאין לו תשועה וזהו הגרם שרואין את העניים שהמה בתכלית השפלות והעשירים מצליחים ועי"ז אין איש שם בטחונו בהקב"ה כי אם כת החנופה היא גוברת שתולין בטחונם בעשירים מכ"ש אין מזכירין חורבן בית המקדש ואין שם על לב להתפלל ע"ז׳ (ד) ואילו היה שם בטחונו על הקב"ה היה תמיד לנגד עיניו להתאבל על חורבנו של בית המקדש ע"כ צריך אדם להשיג בדעתו שלא לעכב הגאולה ולתלות בטחונו בהקב"ה וכל הזהיר בארבעה דברים הנ"ל שנגאלו אבותינו יזכה למהר ולקרב את גאולתנו׳ שבזכות ד׳ דברים האלה יהיה הגאולה במהרה בימינו אמן :

פרק פג **אחד** מדרכי היראה הוא דלא לאנהגא קלנא בשום בריה בעולם על חנם וכמו שמזהיר ע"ז בזוהר פרשת יתרו שכל הנבראים הן מעשה ידיו של הקב"ה וכלן הן צרכי העולם ועל כן לא יהרוג אדם שום בריה על חנם ואפילו דבר המזיק לבריות כגון נחש ושממית אם אינו רודף אחריו להזיקו (ועיין לעיל בחלק ראשון מה שכתבתי בפרק יח)׳ (ב) ובא וראה מה דאיתא שם בזוהר פ׳ יתרו רבי אלעזר הוי אזיל באורחא והוי אזיל עמיה רבי חזקיה חמו חד חוויא קם רבי חזקיה ובעי למקטליה אמר לו רבי אלעזר לרבי חזקיה שבוק ליה לא תקטליניה אמר ליה והלא מילא בישא איהו דקטיל בני נשא אמר לו רבי אלעזר והא כתיב אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון

לשון אונ אז דאש קינד ווערט גרויש גיט זיין פאטר גאר קיין השגחה ניט אז זיין קינד זאל גיין אין בית המדרש אריין דאוונן אונ לערנן נאר זיין עיקר השגחה איז ער זאל גיין לערנן נאר דיא לשונות אונ חאטשע די סנהדרין האבין דאך גיקענט אלע זיבציג לשונות האבין זייא דאך גימוזט בוודאי זייא לערנען זייא האבין אבר דער עיקר גילערינט דיא תורה אבר איצונד טוען זייא פאר קערט דאש דער עיקר לערנן זייא דיא לשונות אונ אמאל לערנן זייא תורה : (ג) דער פערטער זכות וואש די ישראל זיינען דורך דעם אויש גלייזט גיווארין אויש מצרים איז גיוועזן ווייל זייא האבין איין בטחון גיהאט אויף גאט ב"ה אונ איצונד זעה איך בעונותינו הרבים אז איין מענטש פון טויזינט איז פאר האנדין וואש ער האט בטחון אויף השי"ת אבער דאש רוב העולם הייגן זייער בטחון אן אלץ אין דעם געלט אונ אויף מענטשין וואש דאש קען גאר ניט העלפין אונ דאש איז גורם וואש דיא ארימע לייט זיינען בתכלית השפלות אונ דיא עשירים זיינען מצליח אונ דרום טוט קיינער ניט זיין בטחון אן גאט ב"ה נאר דיא כיתה וואש חנפנען דיא זיינען זיך מתגבר דאש זייא הייגן זייער בטחון אן אין די עשירים אונ מכל שכן זייא דר מאנען ניט דעם חורבן בית המקדש אונ קיינר טוט ניט אויף זיין הארץ דרויף מתפלל צו זיין : (ד) אבער ווען ער זאל טאן זיין בטחון אויף גאט ב"ה וואלט תמיד גיוועזן קעגין זיינע אויגין צוא קלאגין אויף דעם חורבן בית המקדש׳ דרום מוז דר מענטש זעהן ער זאל ניט מעכב זיין די גאולה אונ זיין בטחון צו שטעלין אויף גאט ב"ה׳ אונ דר וואש איז נזהר אין דיא פיר זאכין וואש דורך זייא זיינן אונזרע עלטרין אויש גלייזט גווארן פון מצרים׳ ווערט ער זוכה זיין די גאולה׳ דען דיא גאולה ווערט זיין אין דעם זכות פון דיא פיר זאכין במהרה בימינו אמן :

פרק פג אחד איינש פון די וועגן פון יראה איז אז מען זאל ניט האלטן פר גרינג קיין בשעפניש פון גאט ב"ה אונ מען זאל עש אום זיסט ניט מצער זיין אזו וויא דר זוהר איז דרויף מזהיר דען אלע בשעפניש זיינען דיא ווערק פון גאט ב"ה אונ אלע בשעפעניש דארף מען אויף דר וועלט דרום זאל דער מענטש קיין שום בשעפעניש אום זיסט ניט הרגנן אפילו אזוא איין זאך וואש קען מזיק זיין לייט דהיינו איין שלאנג אדר איין שפין ווען זייא גייען זיך זייער וועג אונ יאגין ניט נאך איין מענטשן צוא הרגנן : (ב) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר פרשת יתרו רבי אלעזר איז גיגאנגן אין וועג אונ רבי חזקיה איז אויך גיגאנגן מיט אים האבין זייא דער זעהן איין שלאנג האט רבי חזקיה זיא גיוואלט הרגנן׳ האט רבי אלעזר צוא אים גיזאגט לאז זיא אונ הארגע זיא ניט׳ האט רבי חזקיה אים גיפרעגט פאר וואר דר טייט דאך מענטשן האט רבי אלעזר אים גיענפערט

חלשון לא נשיך חוויא לבר נש עד דלחשין ליה מלעילא ואמרו ליה זיל קטיל ליה לפלניא ולפעמים כמה דלחיש וממית הוא ע״פ ציווי של הקב״ה כן לפעמים אתרחיש ניסא אף על ידי נחש לבני נשא וכולה בידא דקב״ה תלייא וכולהו אינון עובדי ידוי ואיצטריך עלמא בהו ואי לא דאיצטריך לון לעלמא לא עביד הקב״ה לון ועל דא לא בעי בר נש לאנהגא קלנא במלה דעלמא באלו הבריות ובעובדיהון דהקב״ה׃ (ג) ועל כן בודאי עתידים ליתן את הדין אותן אנשים מישראל היורים חצים ובליסטראות שקורין ביקסי״ן אחר עופות וחיות טמאות שלא לצורך כלל כי אסור לב״י לאכלם כי אם ללמד קשת גבורים והורגים בעלי חיים חנם ואין זה מדרכי הרחמנים לעשות רעה לשום בריה על חנם ולא לדבר שיש בו חיות ולא לשום בריה בלבד כנ״ל אלא אפילו גם לאילנות ועשבים ושאר גדולי קרקע שכולן נבראו לצורך ולכן צריך דלא לנהוג בהן בזיון שלא לצורך׃ (ד) ובא וראה מ״ש הזוהר פ׳ יתרו תניא אמר רבי יוסי זמנא חדא אזלינא באורחא הוי רבי חייא ברי עמי עד דהוי אזלי אשכחנא גבר חד דהוי לקיט עשבים בחקלא קריבנא לגביה אמינא להאי בר נש בר נש למה לך הני קישורין דעשבים האלו לא זקיף רישיה ולא אמר ולא מידי אהדרנא שנית ושאילנא ליה ולא אמר מידי אמינא לרבי חייא ברי האי איניש שטיא הוא או חרש או חכימא יתיר מינן יתיבנא גביה וחמינא ליה דלבתר דלקיט עשבים כסיה להעשבים בעלי גפנים׃ (ה) אמר האי גברא לן חמינא דגברין חכימין דיהודאין אתון ויהודאין אמרין דאינון חכימין אי לא דהוינא חיים עלייכו השתא הויתון רחיקין מבני נשא כמסאבא דרחיקין ליה מכולא (ר״ל דהויתון כמצורע מוחלט ומוסגר) השתא הויתון רחיקין מבני נשא ... — 

השתא הויתון רחיקין מבני נשא כמסאבא דרחיקין ליה מכולא (ר״ל דהויתון כמצורע מוחלט ומוסגר) השתא הויתון רחיקין מבני נשא ותהוין מצורעים תלתא יומין והשתא אני דחמינא ריתא דחד עשבא דהוי קריבא לגביכון אעיל לגופייכו ותהוין מצורעים תלתא יומין והשתא אני אומר לכון רפואה אכילו אילין תומי ברא הגדל בשדה זה ותתרפאין עבדו הכי ואכלין הני תומי ברא

דהוי

עס שטייט דאך אין פסוק אם ישוך הנחש בלא לחש וועט דען דער שלאנג בייסין אז מען שפרעכט אים ניט פון דעם הימל דעם דאזיגן זאלשטו בייסין אונ זאלשט אים ממית זיין אונ אזו אויך וויא ער בייסט אונ טייט דורך דעם בפעל פון גאט ב״ה אזו אויך טרעפט זיך אמאל איין נס צו לייט דורך דעם שלאנג אונ אלץ איז ביי גאט ב״ה אין די הענט אונ אלץ איז פון זיינע בשעפניש אונ דיא וועלט דארף זייא אלע ווארום ווען די וועלט וואלט זייא ניט דארפין וואלט גאט ב״ה זייא ניט בשאפין׃ (ג) דרום טאר דער מענטש ניט מצער זיין אונ ניט מבזה זיין קיין שום בשעפניש אונ דרום דיא יהודים וואש שיסין מיט פיילין אונ קוילין דיא עופות אונ חיות טמאים חאטשע ווען זייא דארפין גאר ניט דען זייא טארין דאך עס ניט עסין נאר פון וועגין זיך צוא לערנען שיסין אונ הרגנען אום זיסט דיא לעבדיגע בשעפנעש דיא וועלין האבין איין גרוישן עונש אונ דאש איז ניט פון דיא דרכים פון בעלי רחמנות צוא טאן איין שום רעה אום זיסט צוא איין בשעפניש אונ אפילו ניט צו בוימער אונ קרייטעכער אונ אנדרע זאכין וואש וואקסין אויף דר ערד ווייל דיא אלע זיינן בשאפין גיווארין פון וועגין ווייל דיא וועלט דארף זייא׃ (ד) קום אונ זעה וואש עס שטייט אין זוהר רבי יוסי האט גיזאגט איין מאל בין איך גיגאנגן אין וועג אונ מיין זון רבי חייא איז גיוועזן מיט מיר האבין זייא גפונן איין מענטש וואש האט גקליבן גראז אין פעלד האב איך גיגעהנט צוא אים אונ האב אים גיזאגט דו מענטש נאך וואש טויג דיר דיא בינטליך קרייטכר׳ האט דער מענטש ניט אויף גיהויבין זיין קאפ אונ האט מיר גאר ניט גיענטפערט האב איך אים נאך אמאל דאש אייגנע גיפרעגט האט ער מיר ווידר ניט גיענטפערט האב איך גיזאגט צוא מיין זון רבי חייא דער מענטש מוז זיין אדר איין נאר אדר איין טויבר אדר ער איז קליגר פון אונז׳ בין איך גיזעסין לעבין אים אונ האב גיזעהן אז נאך דעם אז ער האט אן גיקליבין דיא קרייטיכר האט ער גינומן בלעטר פון ויין שטאקין אונ האט זייא בדעקט׃ (ה) האט דער מענטש צו אונז גיזאגט איך טראכט איר זיינט קלוגע לייט פון די יהודים אונ די יהודים זאגן אז זיי זיינן קלוג אונ ווען איך זאל אויף אייך קיין רחמנות ניט האבין וואלט איר איצונד גיווארין ווייט פון אלע לייט אזו וויא איין אייביגר מצורע וואש אלע דער ווייטערין זיך פון אים ווארום איך האב גזעהן איין קרייטכין האט גיגעהנט צוא אייך אונ איז אויף גיגאנגן אין אייער גוף אריין אונ דר פון וועט איר מצורע ווערין אויף דרייא טעג נאר איך וועל אייך זאגן איין רפואה דאש איר זאלט עסין דעם דאזיגן קנאביל וואש וואקסט אין דעם דאזיגן פעלד וועט איר געהיילט ווערן איר זאלט גאר ניט זיין מצורע האבין מיר

אזוא

דהוי שכיחי קמן ואחר כך אידמכנא אני וברי והוי זיעה יוצאת מינן כמה שעות ולבתר אתערנא אמר האי גברא אלהכון עמכון דאשכחתון יתי ואני אזמן לכון ואגיד לכון דהא אסוותא דגופיכון אשתלם׃ (ו) והוינא אזלין עמיה אמר האי בר נש חמיתון דלא זקיפנא עיני ולא רישאי ולא מלילנא בהדייכו משום דאבא חכים בעשבין מכל בני דרא הוה ואוליפנא מאבא אורחי דכל עשבין ואנא בכל שתא מדוראי ביניהו והאי עשבא דחמיתון שכסיתי העשבים בעלי גפנים כאשר שיש בעשבים עשב והאי עשב קריב הוה לגביכון הויתי נסיב מנהון באשר בביתי אית מקום חד והוא לצד צפון ושם מעין חד ורחיים שם ומההוא רחיים נפיק חד גבר בתרין רישין וחרבא שלופה בידו ובכל יומא קא מצערי לן ואנא לקיטנא האי עשבא וזילו אבתראי׃ (ז) עד דהוינא אזלי באורחיה מאיך לחד נוקבא בעפרא ושוי מהאי עשבא בנוקבא נפיק חד חויא ורישיה דיליה סגיא נטיל חד סנטירא (פי׳ חבל) וקטיר ליה להנחש כחד גדיא דחילנא אמר לן זילו אבתראי עד דמטינא לביתיה חמינא ההוא אתר בחשוכא בתר חד כותלא נטיל חד שרגא ודליק סביב ההוא רחיים אמר לן ממאי דתחמין לא תדחלון ולא תשתעון מידי אדהכי שרי חויא מקטרוי (פי׳ ר״ל התיר הנחש מקשריו שקשר אותו)׃ (ח) וקשיר בקיסטא מההוא עשבא ושוויה ברישיה דחויא עאל חויא בהאי עינא דרחיים ושמענא קלא דכל אתר מזדעזעא בעינא למיפק אחיד האי גברא בידנא ואמר לן לא תדחלון קריבו גבאי אדהכי נפיק חויא ושתית דמא נקט האי גברא מההוא עשבא ושויא ברישי׳ כקדמיתא עאל בההוא עינא דרחיים ולשעה מועטת חמינא

דנפקי

אַזוֹ גִיטָאן אוּנ הָאבִּין גִיגֶעסִין דֶעם קְנָאבִּיל אִיךְ מִיט מַיין זוּן אוּנ מִיר זַיינֶן אַנְשְׁלָאפִין גִיוָוארִין אוּנ שְׁוַייס אִיז גִיגַאנְגֶן פוּן אוּנְז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה דֶער נָאךְ הָאבִּין מִיר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ צוּא אוּנְז גִיזָאגְט אַייעֶר גָאט אִיז מִיט אַייךְ גִיוֶועזְן אוּנ עֶר הָאט אַייךְ גִיהָאלְפִין וָואשׁ אִיר הָאט מִיךְ אָן גִיטְרָאפִין אוּנ הָאבּ אַייךְ גִיזָאגְט דִי רְפוּאָה אָבֶּר זוּנְסְט וָואלְט אִיר בְּוַודַאי גִיוֶועזְן מְצוֹרָע׃ (ו) זַיינֶן מִיר גִיגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט עֶר צוּ אוּנְז גִיזָאגְט דָאשׁ וָואשׁ אִיךְ הָאבּ מַיין קָאפּ צוּא אַייךְ נִיט אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּנ הָאבּ מִיט אַייךְ נִיט גִירֶעט׃ דָאשׁ אִיז וַוייל אִיךְ בִּין זַייעֶר קְלוּג אִין דִי קְרַייטִיכֶר מַיין פוּן אַלֶע לַייט וָואשׁ זַיינֶן אִין דֶעם דוֹר אוּנ מַיין פָאטֶר הָאט מִיךְ אוֹישׁ גִילֶערִינְט דִיא סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע קְרַייטִיכֶר דְרוּם הָאבּ אִיךְ נִיט גִיקֶענְט רֵיידִין בְּשַׁעַת אִיךְ הָאבּ דִיא קְרַייטִיכֶר גִיקְלִיבִּן אוּנ דָאשׁ וָואשׁ אִיר הָאט גִיזֶעהֶן דָאשׁ אִיךְ הָאבּ צוּא גִידֶעקְט דִיא קְרַייטִיכֶר מִיט בְּלֶעטֶר פוּן וַויין שְׁטָאק׃ דָאשׁ אִיז וַוייל צְווִישְׁן דִי קְרַייטִיכֶר אִיז פַר הַאנְדִין אַיין הַאוּנְדֶערְלִיךְ קְרַייטְכְץ וָואשׁ אִיךְ דַארְף דָאשׁ׃ וַוייל אִין מַיין הוֹיז אִיז פַאר הַאנְדִין אַיין אָרְט וָואשׁ אַיין קְוַואל אִיז דָארְטִין אוּנ דְרוֹיף שְׁטֵייט אַיין מִיל׃ אוּנ פוּן דֶער מִיל גֵייט אַרוֹישׁ אַיין מֶענְטְשׁ מִיט צְוַוייא קֶעפּ אוּנ הַאלְט אַיין בְּלוֹיזֶע שְׁוֶוערְד אִין זַיין הַאנְט אוּנ אִיז אוּנְז מְצַעֵר׃ דְרוּם הָאבּ אִיךְ דָאשׁ קְרַייטִיכְץ אוֹיף גִיקְלִיבִּין׃ אוּנ גֵייט מִיר נָאךְ וֶועט אִיר זֶעהֶן וָואשׁ אִיךְ וֶועל דֶעם מַאן טָאן׃ (ז) וִויא מִיר זַיינֶן אַזוֹ גִיגַאנְגֶן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אַיין גִיבּוֹיגְן צוּ אַיין לָאךְ וָואשׁ אִיז גִיוֶועזְן אִין דֶר עֶרְד אוּנ הָאט גִינוּמֶן קְרַייטֶכְץ אוּנ הָאט אַרַיין גִישְׁטֶעקְט אִין דֶער לָאךְ אַרַיין׃ אִיז פוּן דֶר לָאךְ אַרוֹישׁ גִיגַאנְגִין אַיין שְׁלַאנְג מִיט אַיין גְרוֹישְׁן קָאפּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִינוּמֶן אַיין שְׁטְרִיק אוּנ הָאט דֶעם שְׁלַאנְג גִבּוּנְדִין אַזוֹ וִויא מֶען בִּינְט אַיין צִיקֶעלֶע הָאבִּין מִיר זִיךְ גִיפָארְכְטִין הָאט עֶר צוּא אוּנְז גִיזָאגְט פָארְכְט זִיךְ נִיט אוּנ גֵייט מִיר נָאךְ׃ וִויא מִיר זַיינֶען גִיקוּמֶן צוּא זַיין הוֹיז הָאבִּין מִיר גִיזֶעהֶן דָאשׁ אָרְט וואו דִיא מִיל אִיז גִישְׁטַאנֶען אוּנ עֶשׁ אִיז אָבֶּר דָארְטִין גִיוֶועזְן פִינְצְטֶר׃ הָאט עֶר גִינוּמֶן אַיין לִיכְט אוּנ הָאט אָן גִיצוּנְדִין׃ אוּנ הָאט אוּנְז אָן גִיזָאגְט פוּן וָואשׁ אִיר וֶועט זֶעהֶן זָאלְט אִיר זִיךְ נִיט פָארְכְטִין אוּנ זָאלְט גָאר נִיט רֵיידִין׃ הָאט עֶר אוֹיף גִבּוּנְדִין דֶעם שְׁלַאנְג אוּנ הָאט צוּא אוֹיף גִיבּוּנְדִין אַיין בִּינְטִיל פוּן דִיא קְרַייטֶכְץ וָואשׁ עֶר הָאט גִיהַאט. אוּנ הָאט דָאשׁ אָן גִיטָאן אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן דֶר שְׁלַאנְג אִיז דֶר שְׁלַאנְג אַרַיין גִיגַאנְגֶן אִין אַיין לָאךְ פוּן דֶעם מִיל שְׁטֵיין הָאבִּין מִיר גִיהֶערְט אַזוֹא אַיין גִישְׁרַייא וָואשׁ דָאשׁ גַאנְצֶע אָרְט הָאט גְצִיטֶרְט אִיבֶּער דֶעם גִישְׁרַייא׃ הָאבִּין מִיר גִיוָואלְט אַנְטְלוֹיפְן פַאר פַּחַד׃ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָן גִיחַאפְּט אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְט אוּנ הָאט אוּנְז גִיזָאגְט פָארְכְט אַייךְ נִיט גִינֶעהֶנְט צוּ מִיר׃ דֶער וַוייל אִיז דֶר שְׁלַאנְג אַרוֹישׁ גִיקוּמֶן פוּל מִיט בְּלוּט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ ווִידֶר גִינוּמֶן פוּן דִי קְרַייטִיכֶר אוּנ הָאט ווִידֶר גְמַאכְט אַיין בִּינְטִיל אוּנ הָאט דֶעם שְׁלַאנְג אָן גִיטָאן אוֹיף זַיין קָאפּ׃ אִיז דֶער שְׁלַאנְג ווִידֶער אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם לָאךְ פוּן

דעם

דנפקי מההוא עינא חד גברא בתרין ראשין · (ט) וחויא שרי סביב העורף והוי האי גברא בתרין ראשין אמר זקיטא (פי׳ דהוו קרי לבריה קלה זקיטא שמיה והאי בריה קלה קטיל לחויא) ואח״כ אמר לרוע מזלו שהיה נולד במקום הזה שאינו יכול לעשות כלום מחמת שגבר עליו יד של בעל הבית שהיה בקי בעשבים וצוות ווי ווי לאימא דלההוא אתר אוביל ליה אדהכי אתעקרא רחיים מאתריה ונפק גברא בתרין ראשין וההוא חוויא ונפלו תרווייהו ומיתו · (י) אמר לן האי גברא דא הוא חיליה דעישבא דאנא לקיטנא קמייכו ובג״כ לא אשתעינא בהדייכו ולא נקיטנא וזקפנא רישאי בשעתא דקריבתו גבאי אמר האי גברא אלו הוי ידעין בני נשא כל מה דנטע הקדוש ברוך הוא בארעא וחילא דכל מה דאשתכח בעלמא ישתמודעון חילא דמריהון בחכמתא סגי אבל לא טמיר הקב״ה חכמתא דא מבני נשא אלא בגין דלא יסטון מאורחיה ולא יהיו רחיצין בההוא חכמתא וינשון ליה ח״ו ומכל זה ילמוד האדם ויתבונן אשר נתן אלהים שכל ודעת בלבו וא״כ האזהרה שלא לצער שום בריה אפילו שלא להקל בעשבים ובצמחים שאין בהם חיות עאכ״ו שלא לנהוג בזיון אדם בחבירו שהן בני אברהם יצחק ויעקב · (יא) ואף אם נותן אלהים לאדם עושר ונכסים יזהר ביותר דלא ינהוג חס ושלום בשביל כן בזיון בעדת ה׳ כי כל שידבר האדם בגאוה ובוז נגד שום איש אותו הדבור כתוב ורשום מיד בפנקס של מעלה ועון זה חקוק ושמור עד שצריך אדם לסבול דין הקשה וכל שכן מי שמבזה לתלמידי חכמים אזי עונשו הוא כפול ומכופל כדאיתא בזוהר פרשת פקודי שאלו המלאכים הנקראים שרפים הם ממונים לענש ולייסר האדם בעולם הזה ובעולם הבא בפרט אם אדם מבייש לבר נש דאוליף מיניה אפילו מלה

דעם מיל שטיין · אין ווייניג צייט האבין מיר גיזעהען אז פון דעם לאך איז ארויש גיגאנגן איין מענטש מיט צווייא קעפ אונ דיא שלאנג ליגט אויף זיין נאקין: (ט) אונ דר מענטש מיט דיא צווייא קעפ האט גיזאגט דאש ווארט זקיטא כלומר ער האט גירופין צו איין קליין בשעפניש וואש הייסט זקיטא וואש די שלאנג האט מורא דר פאר דאס די זקיטא זאל פון אים דיא שלאנג אראפ טרייבין דער נאך האט ער גיזאגט ער האט איין ביטער מזל וואש ער איז גבארן גווארן אויף דעם ארט וואש ער קען דא גאר ניט טאן מחמת די מאכט פון דעם בעל הבית האט זיך גישטארקט איבר אים · ווייל ער איז בקי אין קרייטיכר · אונ ער האט גישריען וויי וויי צוא זיין מוטר וואש זיא האט אים גפירט אויף אזו איין ארט · דער ווייל איז דער מיל שטיין אויש גריסן גווארין פון זיין ארט אונ דער מענטש מיט דיא צוויי קעפ אונ דיא שלאנג זיינען ארויש גיגאנגן פון דעם לאך · אונ זיינן ביידע גיפאלין אונ זיינען גיבליבן טויט: (י) האט דר מענטש אונז גיזאגט דאש איז דר כח פון די קרייטיכר וואש איך האב פאר אייך גיקליבן · אונ דרום האב איך מיט אייך ניט גירעט אין דר צייט אז איר האט גינעהענט צוא מיר · האט דר מענטש ווידר גיזאגט ווען די מענטשן זאלן ווישן דאש אלץ וואש גאט ב״ה האט גיפלאנצט אויף דר ערד אונ אין אלמין וואש ווערט גפונען אויף דער ערד וואלטין זייא ערשט גוואוסט דעם כח אונ דיא חכמה פון זייער הער · נאר גאט ב״ה האט דרום בהאלטין די חכמה פאר די לייט פון וועגין זייא זאלין ניט האבין קיין בטחון אין דער חכמה אונ וועלין פאר געסין ח״ו אין אים · אונ פון דעם אלמן קען זיך דער מענטש לערנן אונ קען פר שטיין אז ווען די אזהרה איז אזו גרויש ניט מצער צו זיין קיין שום בריה אפילו קיין גראז אונ קיין שפראצונג וואש אין זייא איז ניט פאר האנדין קיין שום חיות · מכל שכן אז מען טאר ניט נוהג זיין קיין בזיון איין מענטש אין דעם אנדערן וואש זייא זיינן די קינדר פון אברהם יצחק ויעקב: (יא) אונ ווען אפילו גאט ב״ה גיט צו איין מענטשן עשירות אונ גוטש גיהער ער נאך מער נזהר זיין אז ער זאל ניט נוהג זיין קיין שום בזיון קיין שום מענטש · ווארום איטליכער מענטש וואש טוט ריידן מיט גאוה אונ מיט בזיון אנטקעגין איין שום מענטש · ווערט דר דיבור תיכף פאר שריבין אונ אויש גיקריצט אין איין בוך אויף דעם הימיל אונ דיא זינד איז אויש גיקריצט אונ גהיט ביז דער דאזיגער מענטש מוז דער פאר ליידין איין שווערין דין · אונ מכל שכן דער וואש איז מבזה צוא איין תלמיד חכם איז זיין עונש בוודאי פיל טאפיל מער · אזו וויא עש שטייט אין זוהר דאש דיא מלאכים וואש ווערין גירופן שרפים · דיא זיינן ממונה צוא שטראפין דעם מענטשין וואש איז מבזה זיין חבר צוא שטראפין אים אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט אונ בפרט אז איין מענטש איז מבייש אז

איין

מלה חדא דאורייתא ואינו נוהג בו כבוד ויקר ומכל שכן שהמלאכים מענשין למי שעושה איזה שירות בתלמיד חכם אם לא שידע בעצמו שמחל ת"ח על כבודו׳ (יב) וכל אדם צריך ליקח ראיה מן הקב"ה שהוא מלך מלכי המלכים ובחר בנו מכל עם ולשון בהוציאו אותנו ממצרים וקרא לן בני בכורי ישראל עם סגולה עדת ישורון ואם בני ישראל אין עושין רצונו של מקום והולכין אחר שרירות לבם ותמיד עוסקין במשא ובמתן ובהנאות העולם הזה מה יעשה האדם נחת רוח בזה להבורא יתברך ולא עוד אף אם לפעמים הוא מתפלל ומניח תפילין וציצית ומתפלל במהירות דרך העברת פה ובלבו מחשבות זרות ותיכף אחר תפלה הוא להוט אחר אכילה ושתיה ועל אדם כזה אמר הכתוב הרה עמל וילד שקר ופתאום המות בא ואין צידה ומזון לפניו אבל מי שמבלה זמנו בגמילות חסדים ובלימוד התורה אזי הקב"ה אוהב אותו בעוה"ז ובעוה"ב כמש"ה הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד וא"כ אם הקב"ה אוהב את הצדיקים וקרא אותם בנים אתם לה' אלהיכם ומכ"ש שבני אדם צריכין לאהוב את הצדיקים ואז שכרן יהיה כפול ומכופל אמן :

פרק פד **כתיב** אם תגביה כנשר ואם בין כוכבים שים קנך משם אורידך נאם ה' וגו' עיד הלצה יש לפרש הפסוק רק נקדים גמרא דברכות מ"ד ואתם בערתם הכרם גזלת העני בבתיכם כיון שהוא עני היאך יכולין לגזול את העני כיון שאין לעני שום דבר א"ר חלבו א"ר הונא כיון שהעני נותן שלום ולא החזיר לו שלום נקרא גזלן ע"ש׳ (ב) והנה העון זה ראיתי שרבים נכשלים בהם כשהאדם בינוני נותן שלום לעשיר אזי העשיר ההוא מחזיר פניו ממנו ומכ"ש כשעני הוא נותן לו שלום אזי אינו רוצה להביט אל פני העני ועושה עצמו כאילו עינו אינו רואה ואזנו אינו שומע וא"כ לפי גמרא הנ"ל נקרא גוזל

איין מענטש וואש ער האט פון אים גילערינט אפילו איין ווארט תורה אדר ווען ער איז אפילו גאר אים ניט נוהג קיין כבוד דעם שטראפט מען בוודאי אונ מכל שכן אז דיא מלאכים שטראפין צוא דעם וואש טוט עפיש איין שירות מיט איין ת"ח סיידין ער ווייסט גוויש אז דער ת"ח האט מוחל גיוועזן אויף זיין כבוד : (יב) אונ איטליכר מענטש מוז זיך איין ראיה נעמן פון גאט ב"ה וואש ער איז דער מלך איבר אלע מלכים אונ האט אונז אויש דער וויילט בשעת ער האט אונז ארויש גינומען פון מצרים אונ האט אונז גירופין בני בכורי ישראל גליבט פאלק אונ אז דיא ישראל טוען ניט זיין רצון אונ זיינן תמיד עוסק אין משא ומתן אונ אין דיא הנאות פון דער וועלט׳ נוא וואש פר איין נחת רוח טוען זייא דער מיט צו דעם בשעפר יתברך אונ נאך מער ווען ער איז אפילו אמאל מתפלל אונ לייגט תפילין אונ ציצית אונ דאבינט גישווינט אונ אין זיין הארץ האט ער מחשבות זרות אונ נאך דעם דאבנן איז ער תיכף להוט נאך עסין אונ טרינקען׳ אונ אויף אזו אמענטש ווערט גיזאגט הרה עמל וילד שקר ער טראגט מידיקייט אונ גוויגט פאלשקייט אונ פלוצלונג קומט דר טויט אויף אים אונ קיין שפייז האט ער זיך ניט אן גיגרייט׳ אבער דער וואש פר לענגט זיין צייט אין גמילות חסד אונ אין תורה לערנן׳ דענמאלט האט גאט ב"ה אים ליב אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט׳ אונ ווען גאט ב"ה האט ליב דיא צדיקים אונ רופט זייא איר זיינט מיינע קינדער׳ מכל שכן אז דיא מענטשין דארפין ליב האבין דיא צדיקים׳ אונ דענמאלט וועט זייער שכר פיל גיטאפילט זיין אויף עולם הזה אונ אויף עולם הבא אמן :

פרק פד כתיב עש שטייט אין פסוק דער נביא זאגט ווע דו וועשט זיך דער הייבן אזוא הויך וויא איין אדלר פליהט אונ ווען דוא וועסט מאן דיין נעסט צווישין די שטערין׳ פון דארטין וועל איך דיך אראפ נידערין אזו זאגט גאט׳ זאגט דר מחבר איך וועל דעם פסוק מפורש זיין על פי דרש׳ נאר איך וועל פריער ברייננן איין גמרא ברכות דען די גמרא זאגט וואש מיינט דער פסוק ואתם בערתם הכרם גזילת העני בבתיכם אונ איר האט אויש גיראמט דעם ויין גארטין איר גזלת דעם עני אין אייערע הייזר איז דאך קשה אז ער איז ארום וואש קען מען ביי אים גזלנן ער האט דאך קיין שום זאך ניט האט רבי חלבו גיזאגט דאש איז גמיינט אז דער ארומאן גיט איינם שלום אונ ער גיט אים ניט אפ קיין שלום ווערט ער גירופין גזלן: (ב) אונ נון די דאזיגע זינד האב איך גיזעהן דאש פיל לייט ווערין נכשל אין זייא דאש אז איין מיטלער מענטש גיט שלום צוא איין עושר קערט דער עושר אוועק זיין פנים פון אים אונ מכל שכן אז איין ארומאן גיט שלום צוא איין עושר׳ וויל

גזל וכל זה הוא מפני גאוה יתירה שיש לו לאדם שאינו רוצה להשיב לאדם בינוני ומכ"ש לאדם עני ואביון ומרוב הגאוה של העשיר הופך פניו לצד אחד ומחמת זה העני הוא מבויש והופך פניו לצד אחר ודומה הדבר בעיני כאילו הוא נשר שיש לו ב' ראשים ראשו אחד מהפך פניו לצד אחד וראש השני מהפך פניו לצד אחר ועל אדם בעל גאוה כזה נאמר אם תגביה כנשר משם אורידך נאם ה' וגו' כי הקדוש ברוך הוא גבוה מעל גבוהים ויודע כל הנסתרות הוא משפיל הבעלי עשירים שעושים כן ומגביה שפלים הן העניים והקב"ה עושה סולמות זה העני יהיה בקרב ימים עשיר והעשיר יעני· (ג) ע"כ אני מזהיר לכל בר דעת להסיר מכשול זה מעל פניו להשיב לכל אדם כשנותן לו שלום יחזיר ויתן לו שלום אזי הלבבות יהיו קרובות משא"כ כשהעשיר אינו שם לבו לפנות אל העני אזי יצעק העני במר לבו אל ה' ובודאי ישמע ה' את קול העני כי חנון הוא והנה ראיתי שיש בני אדם עשירים ומחמת עשרו הוא בעל גאוה והנה בני אדם שהן חכמים גדולים ומחמת חכמתו שעמדה לו הוא בעל גאוה מכל מקום על אותן אנשים יש לי ללמד זכות שיש להם קצת גאוה מחמת עשרם או מחמת חכמתם אבל אני כועס על אותן אנשים שאינן מיוחסים ואין להם תורה והכמה ואין להם עושר כלל למה ועל מה יהיה להם הגאוה· (ד) ע"כ אחי ורעי סורו סורו מן דרכי הגאוה ותראו לדבר עם כל אדם ולקרב העניים ובפרט שצריך להקדים שלום לעניים ומכל שכן שמחוייב להחזיר לו שלום ואז עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל אמן :

פרק פה **בחמלת** ה' יתברך שמו על האדם אשר הוא יתברך מחזיר הנשמות לבני האדם לגופם אשר

ער אפילו ניט קוקן אין זיין פנים אריין אונ ער מאכט זיך גלייך וויא זיינע אויגן זעהן ניט· אונ זיינע אויערן הערין ניט· דר ווערט גירופן גזלן· אונ דאש איז אלץ פון וועגין די גרוישע גאוה וואש דר עושר האט: דרום וויל ער ניט ענטפרין קיין שלום צוא איין מיטלן מאן אונ מכל שכן צו איין ארום מאן· אונ מחמת דיא גרוישע גאוה פון דעם עושר קערט ער גאר זיין פנים אוועק צוא אנגדר זייט אונ דרום ווערט דר ארומאן מבויש· אונ דיא זאך איז גלייך וויא דער עושר איז איין אדלר וואש האט צווייא קעפ איין קאפ פאר קערט ער צוא איין זייט אונ דעם אנדרן קאפ פאר קערט ער צוא אנגדער זייט· אונ אויף איין מענטשין וואש איז אזוא איין בעל גאוה ווערט אויף אים גזאגט אויב דוא וועשט זיך אויף הייבן וויא איין אדלער פון דארטין וועל איך דיך אראפ נידרן אזו זאגט גאט· ווארום גאט ב"ה איז העכר פון אלע הויכע ער ווייש אלע פר בארגנע זאכין ער מאכט נידריג די עשירים וואש האלטן זיך בעל גאוה אונ ער דער הייבט דיא נידריגע דאש זיינן דיא ארמע לייט· גאט ב"ה וועט מאכין אז דער עני וועט זיין אין גיכע צייטן איין עושר· אונ דער עושר וועט ארום ווערין: (ג) דרום בין איך מזהיר צוא איטליכן בר דעת ער זאל אפ טאן דאש שטרויכלונג פון זיך דאש איטליכן מענטשן וואש גיט אים שלום זאל ער אים ענטפרין שלום דען דענמאלט ווערין דיא הערצר זיין נאהענט איינש מיט דעם אנדרן· אבר אז דער עושר טוט ניט זיין הארץ צו קערין זיך צוא דעם ארום מאן: וועט דר ארום מאן בוודאי שרייען מיט זיין ביטר הארץ צו גאט· אונ גאט ב"ה וועט בוודאי צו הערין זיין גישרייא ווארום ער איז דאך איין דער בארמיגר גאט אונ נון איך האב גיזעהן דאש עש איז פאר האנדין מענטשין וואש מחמת זייער עשירות האלטין זייא זיך בעל גאוה אונ עש איז פאר האנדין מענטשין וואש האלטין זיך בעל גאוה פון וועגין זייער חכמה· קען מען אויף זייא פארט מלמד זכות זיין דאש זייא האבין אביסיל גאוה איבר זייער עשירות אדר איבר זייער חכמה· אבער אויף די מענטשן וואש זיינען ארום אונ האבין קיין תורה אונ קיין חכמה אויך ניט אונ זיינן אויך ניט קיין מיוחסים אונ האבין פארט גאוה· אויף דיא בין איך נאך מער ברוגז· דען פאר וואש זאלין זייא האבין גאוה: (ד) דרום מיינע ברידר אונ מיינע גיזעלין קערט אפ פון דיא וועגין פון גאוה· אונ איר זאלט זעהן צוא ריידן מיט איטליכן מענטש אונ בפרט צוא דיא ארעמע לייט זאלט איר נאך פעדרין שלום· אונ מכל שכן אז איר זייט מחויב אפ צוא ענטפרין זייא שלום אונ דענמאלט דר גאט וואש מאכט שלום צווישן זיינע מלאכים· דער גאט וועט טאן שלום צוא אונז אונ צוא אלע ישראל אמן :

פרק פה בחמלת ווייל גאט ב"ה דר בארימט זיך איבר דיא מענטשין· קערט ער זייא אום דיא נשמות

אין

אשר בלילה האדם ישן עיף ויגע ודומה למת והקדוש ברוך הוא ברוב חסדיו משליך שינה ותרדמה כדי להפיג ע"י השינה יגיעת הגוף וטרדת האיברים וכושל המתנים ואיבריו ועצמותיו וליתן זרוזי גרמי ובוודאי אין כוונת הקדוש ברוך הוא כדי לזרז את הגוף לעבירה ח"ו אלא לעבודת השי' ב"ה · (ב) ועי"כ גם האדם יבין וישכיל למלאות רצון הקב"ה ותיכף ומיד בקומו יטהר ויקדש ידיו ופניו בנטילה ולא ילך ד' אמות בלא נטילת ידים ואח"כ כשלובש את בגדיו יזהר להניח בית זרוע של יד שמאל לבלתי לקשור את בגדו וכתונת שלו סביב את היד בחוטים או בשליבות או בקרסיו והטעם כדי להראות שעבוד של יד שמאל למצות תפילין וכבר הזכרתי לעיל שיש זמן ועת רצון בשעה שלובש בגדיו של ציצית להתפלל על הצלת קנאה ושנאה וכעס על כן רשמתי בכאן איזה פסוקים אשר הוא קבלה בידי מן מ"ז הגאון מהור"ר יוסף בהגאון מהור"ר יודל ז"ל שפסוקים אלו המה מסוגלים לומר אותם דרך תפלה אחר ברכת ציצית ואלו הן · קראתי בכל לב ענני ה' חוקיך אצורה · נדבות פי רצה נא ה' ומשפטיך למדני · אגורה באהלך עולמים אחסה בסתר כנפיך סלה · הצילני מדמים אלהים אלהי תשועתי תרנן לשוני צדקתך · שויתי ה' לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט · נודע ביהודה אלהים בישראל גדול שמו · אשא כנפי שחר אשכנה באחרית ים · תהי ידך לעזרני כי פקודיך בחרתי · חסדך ה' מלאה הארץ חוקיך למדני · נאור אתה אדיר מהררי טרף · מכל פשעי הצילני חרפת נבל אל תשימני · כחסדך חייני ואשמרה עדות פיך · עיני תמיד אל ה' כי הוא יוציא מרשת רגלי · סעדני ואושעה ואשעה בחוקיך תמיד · יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שלא אכעוס ושלא אכעיסך רבש"ע זכני למדת ענוה ולמדת הכנעה ודרך שקר הסר ממני ותורתך חנני הדריכני באמיתך ויחד לבבי לאהבה וליראה את שמך הגדול הגבור והנורא בכל לבבי ובכל נפשי ומאודי · והתפלה זו היא מסוגל להתפלל תיכף אחר לבישת ציצית הטלית קטן ומועלת להנצל מכעס ומקנאה ומשנאת חנם והרמז נרמז בר"ת של הפסוקים הנזכרים והכוונה של לבישת ציצית ותפילין הלא המה כתובים על ספר הישר הוא ספר הזוהר פ' שלח לך וכל אחד ואחד לפי שכלו יוכל לכוין כראוי ונכון ויפה מאוד לנהוג כן וצריך האדם להניח ציצית ותפילין בביתו כדי שיצא מפתח ביתו והוא מושלם ומעוטר בציצית ותפילין ומי שיש לו שהות יעמוד אצל המזוזה ויכוין להשלים פרשת ציצית המחוסר במזוזה ואחר כך יניח ידו על המזוזה ויעביר ידיו על עיניו ויתפלל · (ג) רבונו של עולם הסר ממני הרהורים ואנצל היום ובכל יום מחטא ופשע בזכות שלשה מצות האלו אשר הם שלשתן יחד והן מזוזה ותפילין וציצית ואנצל מעין הרע ומכל כישוף וכה יאמר בעמדו אצל פתח המזוזה בטלית ותפילין (שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד יחיד ומיוחד יחד לבבי לאהבה וליראה את שמך הגדול הגבור והנורא

אין זייערע גופים אריין דען בייא נאכט שלאפט דר מענטש מיד אונ איז גלייך צו איין טויטן · אונ גאט ב"ה מיט זיין פיל רחמנות ווארפט אויף זייא איין שלאף פון וועגן דורך דעם שלאף זאל אוועק גיין דאש מידיקייט פון דעם גוף אונ די טירחה פון די אברים · אונ דיא כוונה פון גאט ב"ה איז בוודאי דר מיט ניט פון וועגן מזרז צו זיין דעם גוף צוא איין עבירה ח"ו נאר פון וועגן זיין דינסט : (ב) דרום גיהער דער מענטש אויך צו פאר שטיין אונ צוא קליגן צוא דר פילן דעם רצון פון גאט ב"ה · אונ תיכף וויא ער שטייט אויף זאל ער זיך וואשין אונ זאל ניט גיין קיין פיר איילין אום גוואשן · דער נאך אז ער קלייד אן זיינע קליידר זאל ער נזהר זיין ניט צו צו העקלין דיא ארביל פון דער לינקר האנט פון וועגן צו ווייזן וויא די לינקע האנט איז משועבד צו דר מצוה פון תפילין אונ איך האב שוין אויבן גשריבן אז בשעת דר מענטש טוט אן זיין טלית קטן איז דענמאלט איין עת רצון מתפלל צוא זיין ער זאל ניצול ווערין פון קנאה אונ שנאה אונ כעס' דרום שרייב איך דא די פסוקים וואש זיינן מסוגל צוא זאגין דרך תפלה נאך דער ברכה פון ציצית · אונ דאש זיינן זייא דעם נוסח פון די פסוקים מיט דער תפלה (עיין בפנים) · דער נאך זאל ער לייגן זיין האנט אויף דר מזוזה אונ זאל דיא האנט איבר פירן איבר זיינע אויגן אונ זאל מתפלל זיין : (ג) רבונו של עולם טוא אפ פון מיר שלעכטע מחשבות אונ איך זאל ניצול ווערין היינט אונ אלע טאג פון זינד אין דעם זכות פון די דרייא מצות · מזוזה · תפילין · ציצית · אונ איך זאל ניצול ווערין פון עין הרע אונ פון אלרלייא כישוף · אונ אז ער שטייט בייא דר מזוזה זאל ער אזוא זאגין שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד · יחיד ומיוחד יחד לבבי לאהבה וליראה את שמך הגדול הגבור והנורא

והנורא בכל לבבי ובכל נפשי) ואחר כך יאמר שמונה ההי"ן שבאשרי תמימי דרך ואחר כך יאמר פסוק מגדול עוז שם ה' בו ירוץ צדיק ונשגב · שבטי יה עדות לישראל להודות לשם ה' ולכן אומרים פסוקי ההי"ן שבתמניא אפי לפי שהן מתחילין באות ה"א ומסיימין באות יו"ד והן אותיות י"ה כ' אותיות י"ה הן עדות לישראל כגון הראובני ואחר כך יאמר רבונו של עולם הצילני ומלטני ופדני מכל חטא ופשע ועון בזכות שלשה מצוה הנזכרים בך ה' חסיתי אל אבושה לעולם בצדקתך פלטני ויכוין בזה הפסוק שמתחיל באות ב' ומסיים באות יו"ד שהן רמז לי"ב שבטים ויאמר · (ד) רבש"ע בזכות י"ב שבטים שמרני והצילני מכל חטא ומכל מיני עין הרע שלא ישלוט בי ולא בזרעי וזרע זרעי עד עולם ולא ישלוט עין הרע לא במאודנו ולא בגופנו ה' ישמר צאתי ובואי לחיים ולשלום מעתה ועד עולם ה' צלי על יד ימיני · נדעה נרדפה לדעת את ה' כשחר נכון מוצאו · לא יתיצב איש בפניכם פחדכם ומוראכם יתן ה' אלהיכם על פני כל הארץ אשר תדרכו בה כאשר דבר לכם · מכשפה לא תחיה · ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו · אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלהים אין עוד מלבדו · ואח"כ כשילך לרחוב יכוין להרהר תמיד במצות כאשר כתבתי לעיל בפרק ב' ואפילו כשרואה השלג יחשוב שהוא אחד מארבעה מראות נגעים ומכ"ש כשיפגע בבעלי חיים ינהג כמו שכתבתי שם עיין שם פרק ב' · (ה) ותפלה זו מועלת להנצל מרוחות רעות ומכשפים ומועיל על גודל הצלחת משא ומתן ותפלתו היא עולה למעלה תחת כסא הכבוד ושני מלאכים קדישין מוכנים ללוות למאן דנפיק מתרע ביתא בעיטופא דציצית ותפילין ברישיה והני מלאכין מברכין ליה ולא יהבין למקטרגא דאיהו קאים אפתחא לאנזקא ליה ואחר כך יאמר זה השער לה' צדיקים יבואו בו ואחר כך ילך לבית הכנסת ויתפלל לאל שיהיה לו פרנסתו בריוח ולא בצמצום בהיתר ולא באיסור ויהיה מתחת יד הקדוש ברוך הוא ולא יהיה מסור ביד בשר ודם · (ו) בא וראה מ"ש הזוהר פרשה לך לך ר' אליעזר הוי אזיל לבי חמוהי והוי אזיל עמיה ר' חייא ור' יוסי ור' חזקיה אמר ר' אליעזר הא חמינא דאין התעוררות מלמעלה אלא ע"י התעוררות דלתתא והכוונה

והנורא בכל לבבו ובכל נפשו דער נאך זאל ער זאגין די אכט פסוקים פון אשרי תמימי דרך וואש זיי הייבין זיך אן מיט דר ה אונ לאזין זיך אויש מיט דר י דאש איז מרמז אויף דעם שם יה דער נאך זאל ער זאגין דעם פסוק מגדל עוז שם ה' בו ירוץ צדיק ונשגב · שבטי יה עדות לישראל דער נאך זאל ער זאגין : (ד) רבש"ע זייא מיך מציל אונ מאך מיר אנטרינן פון אלרלייא זינד אין דעם זכות פון דיא דרייא מצות · מזוזה · ציצית · תפילין · אונ זאל זאגן דעם פסוק בך ה' חסיתי אל אבושה לעולם בצדקתך פלטני אונ זאל זיך מכוין זיין אין דעם פסוק וואש ער הייבט זיך אן מיט איין ב אונ לאזט זיך אויש מיט איין י דאש איז איין רמז אויף די צוועלף שבטים · אונ זאל זאגין רבש"ע אין דעם זכות פון דיא צוועלף שבטים היט מיך אונ זייא מיך מציל פון אלערלייא זינד אונ פון אלערלייא עין הרע עש זאל ניט שולט זיין אין מיר אונ ניט אין מיינע קינדר אונ אין מיינע איינקלך ביז אייביג · אונ קיין עין הרע זאל ניט שולט זיין ניט אין אונזער געלט אונ ניט אין אונזר גוף · גאט זאל היטן מיין אויש גיין אונ מיין קומן צוא חיים אונ שלום פון איצונד ביז אייביג : (ה' צלי על יד ימיני נדעה נרדפה לדעת את ה' כשחר נכון מוצאו · לא יתיצב איש בפניכם פחדכם ומוראכם יתן ה' אלהיכם על פני כל הארץ אשר תדרכו בה כאשר דבר לכם · מכשפה לא תחיה · ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו : אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלהים אין עוד מלבדו) · אונ דר נאך אז ער גייט ארויש אויף דער גאס זאל ער תמיד מהרהר זיין במצות אזו וויא איך האב דר פון גשריבין אין דעם אנדרן פרק : (ה) אונ די דאזיגע תפלה העלפט ניצול צוא ווערין פון רוחות רעות אונ פון כישוף אונ עש העלפט אויך אויף גרויש הצלחה פון משא ומתן · אונ זיין תפלה גייט אויף דעם הימל ארויף אונטר דעם כסא כבוד · אונ צווייא הייליגע מלאכים זייגען אן גיבריים צוא בלייטין צוא דעם וואש גייט ארויש פון זיין הויז אין דער פריא גיקריינט אין טלית אונ תפילין · אונ די מלאכים בענטשן אים אונ גיבין ניט קיין רשות צוא דיא מקטריגים וואש שטייען אויף דער טיר זייא זאלין אים ח"ו מזיק זיין · דער נאך זאל ער זאגין זה השער לה' צדיקים יבואו בו דער נאך זאל ער גיין אין שול אריין אונ זאל מתפלל זיין צו גאט אז ער זאל אים געבין זיין פרנסה בהיתר אונ ניט באיסור אונ זיא זאל זיין פון גאט ב"ה אונ ניט פון קיין בשר ודם : (ו) קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר רבי אלעזר איז גיגאנגען צוא זיין שווער אונ רבי חייא אונ רבי יוסי

והכוונה להתחיל בעסקי מצות בחיבה ואז יבא השכינה לפרוס גדפהא עלייהו והוו עסקי באורייתא עד דהוי אזלי אערע בהן ר' ייסא וחד יודאי נביה פתח האי יודאי לדוד אליך ה' נפשי אשא אמאי לא כתיב מזמור לדוד אלא בגין דרגיה קאמר שכוונתו היה להעלות נשמתו אל מקום קדושה עליונה אשר שרשו משם א"ר אליעזר לר' יוסי חמינא דשכינתא קאתי ואתחברנא וכו' א"ר אליעזר מה שמך א"ל יועזר א"ל יועזר ואליעזר חדא מלה היא יתבו כחדא גבי חד טינרא וחידש האי יועזר כמה חידושין ורזין דאורייתא׳ (ז) א"ל מה עבידתך א"ל מקרי דרדקי אנא באתראי והשתא אתא ר' ייסא דכפר חנן לדוכתאי וסליקו לי הנערים מגבאי ואותיבו לון לגביה והוי יהבין לי בני מתא אגרא כהאי זימנא דדרדקי הוי גבאי ואסתכלנא בנפשאי דלא אתחזי לי לאתהני מינייהו למגנא ואגירנא גרמאי בהדי ההוא חכים אמר ר"א ברכאן דאבא אצטריכא הכי קמו כולהו ובאו לפני רשב"י והוו לעין באורייתא קמי רשב"י יומא חד הוו עסקי בנטילת ידים׳ (ח) אמר רשב"י כל מאן דלא נטיל ידיו כדקא יאות אע"ג דאתענשו לעילא אתענשו גם כן לתתא עונשא דלתתא דגרים ליה מסכנותא ומאן דנטיל ידיו כדקא יאות גרים לגרמיה ברכאן דלעילא דשראן על ידוי ואתברך בעושרא לבתר אקדים רשב"י וחמי ליה לההוא יועזר דנטל ידיו במיא כדקא יאות ונטיל בשיעורא סגיא במים ארשב"י דרך תפלה מלא ידך מברכותיך וכך הוה מההוא יומא ולהלאה אשכח סימא (פי' אוצר) והוי לעי באורייתא כל יומא והוי יהיב מן סימא צדקה לעניים ופרנסה בסבר פנים יפות קרי עליה רשב"י ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל׳ (ט) נלמוד מזה המעשה שצריך האדם לדקדק בשכר טירחא דיליה שיהיה שכרו בעלמא דין לא על חנם שהרי החסיד הנזכר יועזר שמו הוו יהבי ליה ממון מעצמם ואפ"ה. לא רצה ליהנות למגנא מהם כי רצה ליהנות

מיגיע

יוסי אונ רבי חזקיה זיינען גיוועזן מיט אים האט רבי אליעזר גיזאגט עש קען אויף דער וועלט ניט גישעהן מאיי נטש אדר ביין סיידן דר מענטש איז דאש מתעורר דורך זיינע מעשים דרום זאל דר מענטש אן הייבן מיט ליבשאפט אין דיא זאכין פון דער מצוה׳ אונ דערנאך וועט דיא שכינה קומן צוא פאר שפרייטן זייערע פליגיל אויף זייא׳ וויא זייא זיינן אזו גיגאנגן האט זייא בגעגינט רבי ייסא מיט נאך איין יהודי׳ האט דער יהודי גיזאגט עש שטייט לדוד אליך ה' נפשי אשא ווארום שטייט ניט מזמור לדוד אונ האט דרויף אליין גזאגט איין תירוץ׳ האט ר"א אים גפרעגט וויא ער הייסט׳ האט ער אים גיענטפערט איך הייס יועזר האט ר"א גיזאגט יועזר אונ אליעזר איז איינע נעמן׳ אונ דר יועזר האט זייא מגלה גיוועזן פיל סודות: (ז) האט ר"א אים גיפרעגט וואש איז דיין ווערק׳ האט דר יועזר אים גיענטפערט איך בין גוועזן איין דרדקי מלמד אין מיין ארט אונ איצונד איז צוא אונז גיקומן רבי ייסא פון כפר חנן׳ האבין די לייט ביי מיר די קינדר צו גינומן אונ האבן זייא אים אפ גיגעבין אונ דיא שטאט לייט האבין מיר גיגעבן פון דעסט וועגין גיצאלט אזו וויא דיא צייט וואש איך האב גילערינט מיט זייערע קינדער׳ אבער איך האב פאר שטאנן אז איך גיהער פון זייא ניט צוא נעמן אום זיסט קיין געלט׳ דרום גייא איך נאך דעם ת"ח רבי ייסא פון אים עפיש מקבל צו זיין תורה׳ האט ר"א גזאגט דיא ברכות פון מיין פאטר וואלט מען דא בדארפט׳ זיינן זייא אלע אויף גישטאנן אונ זיינן גיקומן פאר רשב"י אונ האבין גילערינט תורה פאר רשב"י: (ח) איין טאג האט רשב"י גיזאגט איטליכר וואש וואשט זיך ניט רעכט צום עסין חאטשע ער ווערט גישטראפט אויף יענער וועלט׳ האט ער נאך אויף דער וועלט אויך דר פאר איין עונש דאש ער ווערט איין ארום מאן׳ אבר דער וואש וואשט זיך וויא רעכט איז׳ איז ער גורם צוא זיך ברכות פון דעם הימל רוען אויף זיינע הענט אונ ער ווערט גיבענשט מיט עשירות׳ דער נאך האט רשב"י גיזעהען וויא דער יועזר וואשט זיך וויא רעכט איז אונ מיט פיל וואשר׳ האט רשב"י גזאגט בדרך תפלה מלא ידיך מברכותיך דער פיל דיינע הענט פון דיינע ברכות׳ אונ אזו איז גיוועזן פון דעם טאג אן אונ ווייטר האט דר יועזר גפונן איין אוצר אונ האט גילערינט תורה גאנצע טעג׳ אונ האט גיגעבין פיל צדקה צוא דיא ארעמע לייט: (ט) פון דער מעשה ווערט גילערינט אז דער מענטש מוז מדקדק זיין אז ער זאל פאר דינען זיין פרנסה ניט ער זאל נעמן צדקה דען דר חסיד יועזר האט מען דאך אים גגעבין געלט אונ ער האט ניט גיוואלט נעמן אום זיסט קיין געלט ווארום ער האט נאר גיוואלט נהנה זיין פון זיין יגיע כפו אנ מיט יושר געלט: (י) אויך מוז

איטליכר

מיגיע כפו דוקא בממון של יושר ע"כ צריך כל אדם לראות שלא להרבות ממון שאינו של יושר · (י) וגם צריך כל אדם ליזהר בנטילת ידים הן במים ראשונים והן במים אחרונים ואז יקוים בו מלא ידיך מברכותיך וישלח ברכה והצלחה במעשה ידיו ובכל אשר יפנה יצליח :

**פרק פו** **כי** אקח מועד אני מישרים אשפוט · (א) דוד המלך ע"ה אמר כן עבור שראה ישראל אף ע"פ שאוכלין ושותין ושמחים בשמחה של מצוה הם עוסקים חצי היום בתפלה ומאריכין בפיוטים ואחר כך לומדין תורה וזהו נרמז בתיבת מישרים לכן דוד אמר אני מישרי"ם אשפוט מ' של מישרים רומז למ' שנתנה התורה ואף שישראל עוסקים גם כן בשמחת שבת ובשמחת ימים טובים אינם מבטלים ג' תפלות ש"חרית מ"נחה ע"רבית ועליהם רומזת אות שי"ן של מישרים ולפעמים כותבין השי"ן בד' ראשים שיש רמז לד' תפלות ש"חרית מ"וסף מ"נחה ע"רבית ולא עוד אלא שאנו מוסיפים פיוטים ושירות של קרוב"ץ שהן ראשי תיבות ק"ול ר"נה ו"ישועה ב"אהלי צ"דיקים וזהו נרמז באותיות רי"ש יו"ד של מישרי"ם שהוא רנה ישועה ומ' סתומה של מישרים מרמזת על הגאולה העתידה שנרמז במ' סתומה של למרבה המשרה לומר לך שאע"פ שאנו שמחים וששים בחגינו אעפ"כ אנו מתפללים על הגאולה העתידה להיות שמחה שלמה כשישמח הקדוש ברוך הוא את ציון וירושלים · (ב) ואיתא בזוהר פרשת אמור כשישראל משבחין תחלה להקב"ה בתשבחות ובזמירות בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ואחר כך באים לביתם ומסדרים בתיהם ושלחן שלהם ואומרים הכל הוא לכבוד שבת ולכבוד יו"ט אז פותחין מלאכי השרת ואומרים אשרי העם שככה לו על כן לא יהיה קל בעיניך אמירת פיוטים של קרוב"ץ וחיוב על כל אדם לומר הפיוטים בשמחה ובכוונת הלב בשפה ברורה כי בכל פיוט ופיוט יש סודות ונפלאות ולא יהיו הפיוטים דומין עליך כמשא כי הפיוטים נתחברו על פי עצות מלאכי מעלה שנגלו לר' אלעזר הקליר שסידר הפיוטים ע"פ א' ב' ג' ד' וע"פ תשר"ק · כי כן מזמרין ומשבחין למעלה וקבלה

איטליכר מענטש נזהר זיין סאיי אין דעם וואשן וואש פאר דעם עסין סאיי אין מים אחרונים אונ דענסאלט וועט אין אים מקוים ווערן דר פסוק מלא ידך מברכותיך אונ גאט וועט שיקין איין ברכה והצלחה אין זיינע ווערק אונ אין אלמן וואש ער וועט זיך קערין וועט ער בגליקין אמן :

**פרק פו** דוד המלך ע"ה האט גיזאגט (כי אקח מועד אני מישרים אשפוט) דאש האט ער גיזאגט ווייל ער האט גיזעהן אז דיא ישראל חאטשע זייא עסין אונ טרינקן אונ פרייען זיך אין איין שמחה של מצוה · זיינן זייא פארט עוסק האלבין טאג אין תפלות אונ זיינן מאריך אין פיוטים אונ דער נאך לערנן זייא תורה · אונ דאש איז מרומז אין דעם ווארט מישרים דיא מ איז מרומז צוא דיא פערציג טאג וואש די תורה איז גיגעבין גיווארין די ש איז מיט דרייא קעפליך איז זיא מרמז אז חאטשע די ישראל זיינן עוסק אין שמחת שבת אונ אין שמחת ימים טובים פון דעסט וועגן זיינן זייא ניט מבטל דיא דרייא תפלות שחרית מנחה ערבית אונ אמאל שרייבט מען דיא שין מיט פיר קעפליך דאש איז מרמז אויף דיא פיר תפלות שחרית מוסף מנחה ערבית · אונ נאך מער מיר זיינן נאך מוסיף פיוטים אונ שירות פון קרובץ וואש דר קרובץ מאכט קול רנה וישועה באהלי צדיקים · אונ דאש איז מרומז אין די אותיות ר"י פון מישרים דאש מאכט רנה ישועה אונ דיא שלאם ם פון מישרים איז מרומז אויף דר גאולה וואש וועט קומן במהרה וואש זיא איז מרמז אין ישעיה אין דעם פסוק למרבה המשרה · צו זאגין חאטשע מיר פרייען זיך אין אונזר יו"ט פון דעסט וועגין זיינען מיר מתפלל אויף דער גאולה וואש וועט זיין במהרה וואש דענסאלט וועט זיין איין רעכטע שמחה · אז גאט ב"ה וועט דר פרייען ציון אונ ירושלים : (ב) אונ אין זוהר שטייט אז די ישראל לויבן פריער גאט ב"ה מיט שירות ותשבחות אין דיא שולין · אונ אין בתי מדרשים · אונ דער נאך קומן זייא אהיים אונ זיינען מסדר זייער טיש לכבוד שבת · אונ זאגין דאש אלץ איז לכבוד שבת אונ לכבוד יו"ט · דענסאלט זאגין דיא מלאכים וואל דעם פאלק וואש זיינן זיך אזו נוהג · דרום זאל ניט גרינג זיין אין דיינע אויגן דאש זאגין די פיוטים · אונ עש איז איין חיוב אויף איטליכן מענטשן צוא זאגין דיא פיוטים מיט שמחה אונ מיט כוונה פון דעם הארץ · ווארום אין איטליכן פיוט איז פאר האנדין וואונדערליכע סודות · אונ די פיוטים זאלין בייא דיר ניט גלייך זיין וויא איין משא · ווארום די פיוטים זיינען נתחבר גיווארין דורך דיא עצות פון דיא מלאכים וואש זיינן אנטפלעקט גיווארין צוא רבי אלעזר הקליר וואש ער האט מסדר גיוועזן די פיוטים על

בידי מפי זקנים ומפי חסידים מי שמיקל באמירת קרוב"ץ ואומר שאינו חיוב כל כך לאומרם אינו מאריך ימים ח"ו כי כל יחידים שחברו הפיוטים היו גדולי הדור ואנשי מעשה אשר נעשו להם כמה נסים בחייהן ובמיתתן · (ג) וכדמצינו בגדול הדור אחד הנקרא ר' שלמה אלקב"ץ ז"ל שהיה בקי בחכמת הקבלה ובדקדוק וחבר הרבה פיוטים ומרוב חכמתו נתקנאו בו שונאי ישראל וארב עליו ישמעאל א' והרגו וקברו בגן שלו אצל אילן תאנה והתאנה חנטה פגיה קודם זמנה ועשתה פירות תאנים גדולים ויפים מאד ויתמהו כל יושבי העיר· (ד) והדבר בא אל מלך ישמעאלים וירא המלך הפירות ויתמה וישלח המלך אחר הישמעאל הנ"ל ושאל אותו איך תתחכם לעשות פעולה לבשל הפירות קודם זמנם ומרוב הפחד לא יכול הישמעאל להשיב אל המלך כי היתה סבה מאת ה' וצוה המלך לייסר אותו ביסורים קשים ומרים עד שהוכרח הישמעאל להודות והוא שמאותו היום שהרג את היהודי רבי שלמה אלקב"ץ התחיל האילן לעשות פירות קודם זמנו וצוה המלך לתלות את הישמעאל הרוצח על אותו האילן · הכלל העולה כי כל העדה עדת ה' כולם גדולי הדור תקנו הפיוטים לכן טוב לכוין אל הרמז שם המחבר הפיוט או המחבר את הסליחה ויכוין שיעמוד זכותו שיעלה לרצון אמירת שבח המחבר כי יש נחת רוח לאותו המחבר כשאומרים פיוטו או סליחה שלו בכוונה ובפרט בשבת ויו"ט שאז הנשמות עולין עם תפלתן של ישראל וזה הטעם של הזכרת נשמות בשבתות ויו"ט כי הוא עת רצון לנדור בשבת ויו"ט לצדקה בעד הזכרת נשמות ולהזכירם ולהתפלל עליהם שיהיו נפשותן צרורות בצרור החיים· (ה) ומנהג יפה הוא להזכיר נשמות ולהתפלל עליהם ובפרט שצריך להזכיר נשמות אבותיו ורבו בעבור שהרביצו תורה בישראל והעמידו תלמידים הרבה ולא יאמרו בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם שמא ח"ו יעכב בתשלומי הנדר שנדר ואז יהפוך אליו אותה הנשמה שנדר

פי א"ב אונ על פי תשר"ק דען אזו איז מען מזמר אויף דעם הימל· אונ עש איז בייא מיר איין קבלה פון זקנים אונ חסידים · אז דר וואש איז מקיל אין דעם זאגין פון דיא פיוטים · אונ זאגט · עש איז ניט קיין גרוישר חיוב צו זאגין זיי · דר איז ניט מאריך ימים ח"ו דען אלע וואש האבין מחבר גיוועזן די פיוטים זיינן גיוועזן גדולי הדור וואש צוא זייא איז גיטאן גווארין פיל נסים בייא זייער לעבין אונ נאך זייער טויט : (ד) אזו וויא מיר גפינן בייא איין גדול הדור וואש ער האט גיהייסן רבי שלמה אלקב"ץ וואש ער איז בקי גיוועזן אין חכמת הקבלה אונ אין דקדוק אונ האט מחבר גיוועזן פיל פיוטים : אונ מחמת זיין פיל חכמה האבן די ישמעאלים זיך מתקנא גוועזן אין אים אונ איין ישמעאל האט אים גיהרגת אונ האט אים בגראבין אין זיין גארטין בייא איין פייגן בוים · האט דיא תאנה גישפראצט אירע פירות פאר איר צייט · אונ עש האט אויף איר גיוואקסן זייער גרוישע אונ שיינע פייגין האבין די אלע שטאט לייט זיך פאר וואונדרט דרויף : (ה) אונ די זאך איז אן גיקומן צו דעם מלך פון די ישמעאלים : האט דער מלך גיזעהען די פירות אונ האט זיך פאר וואונדרט אונ האט גישיקט נאך דעם ישמעאל אונ האט אים גיפרעגט וואש פאר איין פעולות האט ער גיטאן דיא פירות זאלין פארטיג ווערין פר דער צייט · אונ מחמת פיל פחד האט דער ישמעאל גאר ניט גיקענט ענטפרין דעם מלך דען דאש איז גיוועזן פון גאט כדי דר ישמעאל זאל גיהאנגן ווערין · האט דר מלך גיהייסן דעם ישמעאל שטראפין מיט שווערע אונ ביטערע יסורים ביז דער ישמעאל האט גמוזט מתודה זיין אז פון דעם טאג אן וואש ער האט גיהרגת דעם יהודי רבי שלמה אלקב"ץ האט אויף דעם בוים אן גיהובן צוא וואקסין פירות פאר זיין צייט · האט דער מלך גהיישן דעם ישמעאל דעם רוצח היינגן אויף דעם זעלביגין בוים · דער כלל איז אז גאר די עדה גדולי הדור האבין מתקן גיוועזן די פיוטים דרום איז גוט אין זין צוא האבין דעם נאמן פון דעם מחבר בשעת ער זאגט דעם פיוט וואש ער האט מחבר גיוועזן · אונ בפרט אום שבתות אונ ימים טובים וואש דענמאלט גייען אויף דיא נשמות מיט דיא תפלות פון דיא ישראל · אונ נאט ב"ה פאר נעמט דורך זייא די תפלות פון דיא ישראל : (ו) אונ עש איז איין גוטר מנהג דענמאלט מזכיר נשמות זיין אונ אויף זייא מתפלל צו זיין אז זייער נשמה זאל רוען אין דעם היכל צרור החיים · אונ בפרט ער מוז דער מאנן די נשמה פון זיין פאטר אונ זיין רבי · אונ ער זאל ניט זאגין בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם פון וועגין וואש איך בין מנדר צדקה פאר זייערע נשמות ווארום מאמר ח"ו וועט ער זאמין אפ צוא געבין דיא צדקה וואש ער איז מנדר · אונ דענמאלט דיא נשמה וואש ער

צדקה בעבורו למקטרג מצאתי כתוב בשם מהרי"ל ז"ל ושמעתי טעם הגון למה מזכירין נשמות במדינות פולין באחרית של ימים טובים דע כי אחת מעשרה ניסים שהיו במקדש היא שכל ישראל היו נכנסים לבית המקדש ג"פ בשנה בחג המצות ובחג השבועות ובחג הסוכות והיו עומדים צפופים ומשתחוים רווחים וזהו היה נגד הטבע והענין כך כי בכל רגל ורגל היו באים נשמות אברהם יצחק ויעקב לבהמ"ק של מעלה עם כל נשמות הצדיקים והמקדש של מטה היה מסתלק והבית המקדש של מעלה היה יורד למטה ומקדש של מעלה הוא רוחני ולכן היה יכול לקבל כל כלל ישראל ולכן עכשיו שחרב הבית בעונינו צריכין אנו להזכיר נשמות אבותינו הקדושים בכל רגל ורגל כדי שיהיה זכותם עומדת לנו ולזרענו לעד אמן מ"ו מהרי"ז ז"ל:

פרק פז **איתא** בספר רזיאל הרשעים אף בפתחו של גיהנם אינם חוזרין · ויכולין לחטוא ולהענש כענין רוחו של נבות היזרעאלי לכן נותנים צדקה בעד נשמות המתים ואז נשמות המתים הן פרקליטים גדולים כשמקיים האדם הנדר בעד הזכרת נשמתן ואז הקדוש ברוך הוא ישלח ברכה במעשה החיים וכל זה הוא אם לא יאחר ולא יעכב נדרו ואחר יציאת בית הכנסת טוב לאדם להקביל פני רבו ברגל והוא כאילו מקבל פני השכינה ועל ידי קבלת פנים שמקביל פני רבו ברגל אז בא לו הארה של ניצוץ קדושה בדמיון נשמה יתירה ואח"כ ילך לביתו לאכול ולשתות ולשמוח עם אשתו ובניו וצריך האדם לחלק מנות יפות לעניים · (ב) ודע שמצאתי כתוב בזוהר פ' בראשית רבי שמעון אמר כל מאן דחדי במועדייא ולא יהיב חולקיה להקדוש ברוך הוא ההוא רע עין אקרי והשטן שונא אותו ותיכף בא השטן ומקטרג עליו וסליק ליה מעלמא וכמה עאקו על עאקו מסבב ליה בגין דהנהו מסכני הן חולקיה דהקב"ה והקב"ה בעי למחרי למסכנא וסליק הקב"ה ביומין אילין למיחמי לאינון מאני תבירי דיליה ואם הקב"ה חמא דלית ליה למסכנא למיחדי אזי הקדוש ברוך הוא בעי למיחרב עלמא · (ג) ואז באין כל פמליא של מעלה קמי קב"ה ואמרין רבש"ע רחום וחנון איתקריאת יתגלגלו רחמיך על בניך אמר הקדוש ברוך הוא להו וכי לא על חסד איתבריאת עלמא דכתיב עולם חסד יבנה ואין אני רואה שום חסד שנעשית בעלמא

האט מנדר געוועזן צדקה פאר איר וועט זיא פאר קערט ווערין צוא איין מקטרג אויף אים · אונ אז ער זאגט יוא בעבור שאני וכו' זאל ער זעהן תיכף נאך יו"ט אפ גבין דאש וואש ער האט אין זין גיהאט בשעת מעשה צו געבן פאר די נשמות אונ מען גיהער צוא דר מאנן דיא נשמות פון אונזרע עלטרין די קדושים אין איטליכן יו"ט פון וועגין זייער זכות זאל בייא שטיין צוא אונז אונ צוא אונזערע קינדר אויף אייביג אמן:

פרק פז ראיתי עש שטייט אין ספר רזיאל · דיא רשעים זיינען ניט חוזר בתשובה אפילו אויף דר טיר פון דעם גיהנם · אונ זייא קענען דארטין נאך זינדיגן אונ גישטראפט ווערין · דרום גיט מען צדקה פאר דיא נשמות פון די מתים · אונ דענמאלט זיינן די מתים גרוישע מליצים פאר דעם מענטשין אז ער איז מקיים דעם נדר אונ ניט אפ די צדקה וואש ער האט מנדר גיוועזן פר זייער נשמה אונ דען שיקט גאט ב"ה איין ברכה אין אלע זייערע ווערק אונ נאך דעם אז ער גייט ארויש פון דר שול גיהער דער מענטש גיין גוט יו"ט ביטן צוא זיין רבי · אונ דאש איז גלייך וויא ער איז מקבל דיא פני שכינה · דער נאך זאל ער גיין אהיים עסין אונ טרינקן אונ צוא פרייען זיך מיט זיינע קינדר · אונ ער מוז זעהן דיא ארעמע לייט אויך אפ טיילין איין מנה יפה · (ב) אונ וויים איך האב גפונען אין זוהר פרשת בראשית רבי שמעון האט גיזאגט אז איטליכר וואש פרייט זיך אום יום טוב אונ גיט ניט קיין חלק צוא גאט ב"ה דאש הייסט צוא דיא ארעמע לייט וואש זייא זיינן דר חלק פון גאט ב"ה דער ווערט גירופין רע עין אונ דער שטן האט אים פיינד אונ איז מקטרג אויף אים · אונ ברייינגט אים אוועק פון דער וועלט אונ פיל צרות רינגלן אים ארום · ווייל דיא ארעמע זיינן גאטש חלק אונ גאט ב"ה וויל מאכין פרייען צוא די ארעמע לייט אונ אין די טעג פון יו"ט גייט גאט ב"ה זעהן צוא זיינע צו בראכנע כלים · אונ אויב ער זעהט אז דר ארומאן האט זיך ניט מיט עפיש צו פרייען · דענמאלט וויל גאט ב"ה כביכול חרוב מאכין דיא וועלט: (ג) דענמאלט קומן פאר אים גאר די פמליא של מעלה אונ זאגין רבונו של עולם דוא ווערשט דאך גירופן רחום וחנון לאז דיין רחמנות זיך קייקלן אויף דיינע קינדר · זאגט גאט ב"ה צוא זייא האב איך דען ניט בשאפין דיא וועלט אויף חסד: אונ איך

אמרו מלאכי השרת הא קושטא דהאי פלוני ופלוני דאכל ורווי ויכיל למעבד טיבו עם מסכנא ולא יהיב לון מיד אתי האי מקטרג ותבע רשות לרדות אבתריה ובכל סעודה דחדי בר נש האי מקטרג אתא וחמא אי האי בר נש אקדים טיבו למסכנא או יש מסכנא בביתא אז האי מקטרג אתפרש מהאי ביתא ולא עאל תמן ואי עאל תמן וחמא ערבוביא דחדוון בלא מסכנא אזי סליק לעילא ומקטרג עליו הרי לך התעוררות גדול בזה׳ (ד) וע״פ רוב מתהווים קטטות בסעודות אף שהן סעודות של מצוה במקום שאין שם דברי תורה ובמקום שאין שם עניים כי מה יש נחת רוח להקב״ה במסיבות אכילה ושתיה ואין בתוכה שמחה של מצוה ועל אחת כמה וכמה כשהשמחה היא מעורבבת בהרהורים רעים כמו במסיבה א׳ יושבים אנשים ונשים בחורים ובתולות בחדר אחד ועל ידי כן באים מכשולות במחולות ורוקדים אנשים עם נשים ביחד ואינן יודעין שהשטן עם הרבה מזיקים רוקדים לפניהם ולשמחה כזה מה זה עושה ועון זה הוא מצוי בעוה״ר ברוב מדינות פולין וליטא ע״כ איש הירא את דבר ה׳ יראה לישב אנשים בפני עצמם כדי להתרחק מהעבירה וכדי שלא יערבב השטן את השמחה של מצוה וכתיב בשמחתנו אל יתערב זר (ופי׳ כי זר הוא שטן) ויראה מכל סעודת מצוה ליתן חלק לעניים (כמו שכתבתי לעיל באריכות בפרק י׳ ע״ש)׳ (ה) ויחשוב כל אדם בלבו הלא סוף אדם למות ובשעת פרידת הנשמה מהגוף אשר הגוף צמוק ויבש וצפד עורו על בשרו ועצמיו ותולעים שולטים בהגוף אז יחשוב איה התענוגים והעדנים שהתעדן בשרו מהם היה כלא היה ולא נשאר שום לחלוחית של רוב אכילה ושתיה ויבש הוא כעץ והעון רוב אכילה ושתייה שאינו של מצוה נשאר חקוק ונרשם בגוף ועצמות מה שקילקל ע״י שרירות לבו ונפשו אחר תאות לבו ומרוב האכילה מחשבתו אינה זכה וצלולה ואינו יכול לברך את ברכת המזון בכוונה וזהו הפסד גדול כשהוא מברך ברכת המזון בלא כוונה׳ וראה מ״ש בזוהר פ׳ ויקהל כל מאן דמברך ברכת המזון כדקא יאות בחדוא ברעותא דלבא כד סליק להחוא עלמא אתר אתתקנא ליה גו רזין עלאין בהיכלין קדישין׳ (ו) ועוד מבואר בכמה דוכתי בזוהר כי הס״א קאים על שולחנא דבר נש וצריך ליתן לו חלקו במים אחרונים על כן צריך ליזהר מאוד שלא יהיה שם הס״א כשמתחילין לברך ברכת המזון׳ וכשאומרים הב לן ונברך אזיל הס״א וע״כ הזהירו חז״ל תיכף לנטילת ידים ברכה דקאי אזהרה זה שאין צריכין להפסיק בין נטילת ידים מים ראשונים לברכת המוציא וכן אין מפסיקין בין נטילת מים אחרונים לברכת המזון ואפילו ללמוד תורה הזהיר האר״י ז״ל

וועה ניט קיין שום חסד זאל גיטאן ווערין אויף דר וועלט׳ זאגין דיא מלאכי השרת עש איז אמת דען דער דאזיגער מענטש וואש עסט אונ ווערט זיך אן אונ קען טאן גוטש מיט ארעמע לייט אונ ער גיט זיי ניט׳ קומט תיכף דר מקטרג אונ מאנט רשות נאך צוא יאגין נאך אים׳ אבר אז דר מקטרג זעהט אז דר מענטש האט גיטאן גוטש מיט איין ארומאן אדער בייא אים עסט איין ארומאן ווערט ער אפ גישייד פון דעם דאזיגין הויז: (ד) אונ על פי רוב ווערין קריג אויף די סעודות מצוה וואש מען זאגט דארטין ניט קיין תורה אונ קיין ארעמע לייט איז דארטין ניט פאר האנדין׳ דען וואש פאר איין נחת רוח האט גאט ב״ה פון דיא סעודות אז דרינן איז ניט פאר האנדן קיין שמחה של מצוה דרום זאל איטליכר מענטש זעהן צוא געבין איין חלק צוא דיא ארמע לייט פון איטליכר סעודה: (ה) אונ איטליכר מענטש זאל טראכטין אין זיין הארץ׳ פאר וואר דער סוף פון דעם מענטשן איז דאך צוא שטארבין׳ אונ בשעת דיא נשמה שייד זיך אפ פון דעם גוף׳ ווערט דר גוף איין גישרומפין אונ פר דארט אונ ווערים גיוועלטיגין אין דעם גוף׳ נוא וואו זייגען די תענוגים וואש ער האט זיין לייב גיזעניפט פון זייא זייא זייגען גלייך וויא זייא זייגן גאר ניט גיוועזן אונ די זינד פון דעם פיל עסין אונ טרינקן וואש איז ניט גיוועזן קיין סעודות מצוה דאש איז איבר גבליבן אויש גיקריצט אונ אן גיצייכנט אין זיין גוף מיט דיא ביינער וואש דורך זיין פיל עסין אונ טרינקן איז ער גיקומן צו כמה מכשולים׳ אונ זיין מחשבה איז ניט גיוועזן קלאר צוא בענטשין מיט כוונה אונ דורך דעם האט ער איין גרווישן שאדן׳ דער זוהר שרייבט איטליכער וואש בענטשט מיט חדוה אונ מיט כוונה פון זיין הארץ׳ דר נאך אז ער שטארבט גיט מען אים איין הויך ארט אין גן עדן: (ו) אונ אויך שטייט אין זוהר אויף פיל ערטר אז די סטרא אחרא שטייט בייא דעם מענטשישן טיש׳ אונ מען מוז אים געבין זיין חלק מיט דיא מים אחרונים׳ אונ מען טאר ניט מפסיק זיין

צווישן

ז"ל שלא להפסיק בין מים אחרונים לברכת המזון ופעם אחת היה בא חכם אחד איש קדוש מתלמידי של ר' משה קורדווירי אצל הקדוש האר"י ז"ל והאר"י ז"ל קיבל אותו בסבר פנים יפות׃ (ז) ובשעת הסעודה השגיח האר"י ז"ל עליו שאינו אוכל כדרך הבריאים וראה בו שהיה לו כאב באחד מאיבריו ושאל האר"י ז"ל לאותו האורח למה אינו אוכל והשיב לו האורח כי זה ימים רבים אשר הכתף שלו כאוב לו ביותר ואז הסתכל בו האר"י ז"ל ואמר בודאי היית אתה מפסיק בין מים אחרונים לברכת המזון א"ל כן הוא שרגיל היה ללמוד פרק משניות בין הנטילה לברכת המזון והוי ס"ל דדברי תורה צורך סעודה הוא כמ"ש רז"ל כל שלחן שאין אומרים עליו דברי תורה כאילו אכלו מזבחי מתים א"ל האר"י ז"ל לכן בא אליך הכאב דוקא בכתף שעברת על דברי חכמים שאמרו תיכף לנטילת ידים ברכה ותכ"ף הוא אותיות כתף ונתן האר"י ז"ל עצה להחסיד שיקבל עליו שלא להפסיק בנטילה אזי יתרפא מהחולי עד כאן׃ (ח) הרי לך שהקדוש ברוך הוא מדקדק עם כל אחד ואחד וכל מעשיו היא בחשבון במדה ובמשקל והוא הדבר שזכרנו כל מי שלא בירך ברכת המזון בכוונה הרי הס"א על שולחנו וכל מי שמברך בכוונה יזכה לשמוע ברכת המזון לעתיד מפי דוד המלך כשיעשה הקב"ה אריסטון לצדיקים לעתיד לבא כי אין הקב"ה מקפח שכר שום בריה אפילו שכר שיחה נאה וכן מצינו בזוהר פ' תרומה כל מי שאומר שירת הים בכוונה זוכה לראות פני המלך המשיח מעוטר בהאי כתרא דאתעטר הקב"ה בשעה שעברו ישראל את הים וזכי לשבחא ההיא שירה תמן׃ (ט) ויהא רעוא קמי קב"ה דבגין שירתא קדישא דאמרי ישראל בכל יומא ובפרט בההוא שני יומי סיומא דפסח נזכה לראות פני משיחנו מעוטר בכתרא האמור לעיל ונזכה לשורר ההוא שירתא בעדת צדיקים במהרה בימינו אמן מ"ז מהרי"ז ז"ל:

ההדש

צווישן דיא מים אחרונים אונ צווישן בענטשן׃ אונ דער האר"י ז"ל האט מזהיר גיוועזן אז מען טאר ניט מפסיק זיין אפילו צוא לערנן תורה נאך דיא מים אחרונים פאר דעם בענטשן אונ איין מאל איז גיקומן איין חכם פון די תלמידים פון רבי משה קארדווירי צום האר"י ז"ל האט ער אים זייער שיין צו גינומן׃ (ז) בשעת עסן האט דר האר"י ז"ל אכטונג גיגעבן אז ער עסט ניט וויא איין גזונטר מענטש אונ האט פר שטאנן אז ער מוז האבן איין ווייא טאג אין איין אבר פון זיינע איברים׃ האט דער האר"י ז"ל אים גיפרעגט ווארום עסטו ניט׃ האט דער אורח אים גיענטפרט דען עש איז אלאנגע צייט וואש דער אקסיל טוט אים זייער וויא׃ האט דר האר"י אויף אים גיקוקט אונ האט גיזאגט דוא האשט בוודאי מפסיק גיוועזן צווישן מים אחרונים אונ צווישן בענטשן האט דר אורח גיזאגט עש איז אמת איך פלעג לערנן איין פרק משניות נאך דיא מים אחרונים פר דעם בענטשן האט דער האר"י אים גיזאגט דרום איז דיר גיקומן דר ווייא טאג אין דעם אקסיל ווייל דוא האשט עובר גיוועזן אויף דיא רייד פון די חכמים ז"ל וואש זייא האבן גיזאגט נאך די מים אחרונים זאל מען תיכף בענטשן אונ דאש ווארט תיכף איז דיא אותיות כתף דאש איז טייטש אקסיל׃ האט דער האר"י ז"ל אים איין עצה גיגעבן ער זאל אויף זיך מקבל זיין אז פון היינט אן אונ ווייטער זאל ער שוין ניט מפסיק זיין ווערט ער גהיילט ווערין פון דעם קראנקייט׃ (ח) נוא איז גידרונגען אז גאט ב"ה איז מדקדק מיט איטליכן בזונדער׃ אונ אלע זיינע מעשים זיינן מיט דער מאס אונ מיט דער צאל אונ מיט דער וואג׃ אונ דער וואש בענטשט מיט כוונה דר וועט זוכה זיין צוא הערין לעתיד לבא דאש בענטשין פון דוד המלך ע"ה אויף דער סעודה פון דעם לויתן׃ אויך שרייבט דער זוהר דער וואש זאגט דיא שירה אז ישיר מיט כוונה דער וועט זוכה זיין צוא זעהען דעם מלך המשיח וויא ער וועט זיינן גיקרייט מיט דער קרוין וואש גאט איז גיוועזן גיקריינט אין דער צייט אז דיא ישראל זיינן גיגאנגן אויף דעם ים אונ האבין גיזונגען דיא שירה׃ (ט) אונ עש זאל זיין דער ווילן פון גאט ב"ה׃ אז וועגין דעם זכות פון דער היילגר שירה וואש די ישראל זאגין אלע טאג אונ בפרט אין דעם פייט פון שביעי של פסח אונ אחרון של פסח זאלין מיר זוכה זיין צוא זעהן דאש פנים פון אונזער מלך המשיח וויא ער איז גיקריינט מיט דער קרוין וואש פריער שטייט אונ מיר זאלין זוכה זיין צוא זינגן דיא שירה צווישן דיא צדיקים במהרה בימינו אמן׃

ההרש

**פרק פח החדש** הזה לכם לכ״ם הוא אותיות מלך לרמז שהחודש ניסן הוא מלך וראש לכל החדשים ויש ליתן טעם כי י״ב צירופי הוי״ה הן ועל כל חודש מאיר גיצוץ צירוף הוי״ה ועל חודש ניסן מאיר שם הוי״ה כפשוטו יהו״ה וכשמתחלף לצירופים הוא מורה על קצת מניעות רחמים גמורים משא״כ שם יהו״ה ביושר וכסדר אז הוא מורה על רחמים גמורים ובשביל כן הנשמות הקדושות מתפללות בחודש ניסן על החיים כדי שהשם הוי״ה יהיה מאיר על ישראל בהשקפה של רחמים · (ב) וכן בחודש תשרי מתפללים המתים על החיים אע״פ שאז מאיר שם א׳ מי״ב צירופים על חודש תשרי שאינו מעורר רחמים גמורים מכל מקום על ידי קול השופר מעורר רחמים ובמה שאנו מברכים ואומרים ברוך אתה ה׳ שומע קול תרועת עמו ישראל ברחמים ובאשר כי מדה במדה לא בטלה לעולם מוטל עלינו לעשות חטיבה מול חטיבה להתפלל ג״כ על הנשמות הקדושות כמו כן הנשמות הן מתפללים עלינו והיה בחודש תשרי אז חיוב זה מוטל עלינו שאנו הולכים בכל ערב ראש השנה וערב יוה״כ על הקברים להתפלל ונותנין צדקה עבור החיים ועבור שוכני עפר אכן בחודש ניסן בעבור היות שם יהו״ה מאיר בחודש ניסן ברחמים גמורים לכן אסור בניסן להתענות ולומר בו תחינות ולכן אין המנהג בניסן לילך על בית החיים להתפלל על הקברים ולומר תחנונים כמו בשאר ימים כדי שיהיה החודש ניסן כולו קודש · (ג) ובמה נעשים חטיבה מול חטיבה לנשמות הקדושים הנזכרים ע״כ נכון מאוד לקיים דברי פה קדוש מהר״ר ישעיהו סג״ל בעל ספר שני לוחות הברית לקרות מיום ר״ח ניסן דבר יום ביומו נשיא אחד מי״ב נשיאים של חנוכת המזבח הכתובה בפ׳ נשא ואחר שיקרא בכל יום נשיא של אותו היום יאמר תפלה קצרה יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו ואלהי אבותינו שתאיר היום בחסדך הגדול על נשמתין קדישין דמתחדשין כצפרים ומצפצפים בשבחין ומצלאין על עמא ישראל רבונו של עולם תכנים ותעייל הנך צפרים קדישין לאתר קדישא דאתמר עלייהו עין לא ראתה אלהים זולתך יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי שבאם אני עבדך משבט פלוני שקראתי בתורתך פרשה של הנשיא היום אזי יאירו נא עלי כל ניצוצין קדישין וכל האורות קדושות הכלולות בקדושת זה השבט ואהיה מלובש בקדושת זה השבט להבין להשכיל בתורתך וביראתך לעשות רצונך כל ימי חיי אני וזרעי וזרע זרעי מעתה ועד עולם וכה יאמר דבר יום ביומו והוא מנהג כשר וישר ונכון הוא ובהיות כי הצדקה היא תבלין לכל התפלות כמו שהתבלין הוא טוב לכל דבר מאכל להמתיק את המאכל כך הצדקה הוא טוב קודם התפלה

**פרק פח** החודש הזה לכם דאש ווארט לכם זיינן די אותיות מלך · דאש קומט מרמז צו זיין אז דר חודש ניסן איז איין מלך אונ איין ראש צוא אלע חדשים דער טעם דר פון איז · וייל דער שם הוי״ה קען מתחלף ווערין אויף צוועלף צירופים אונ איטליכער צירוף איז קעגין איין חודש פון דעם יאר אונ אין דעם חודש ניסן איז דער צירוף פון דעם שם הוי״ה כסדר אזו וויא עש שטייט גישריבין אויף אלע ערטר · אונ דאש ווייזט אויף גרויש רחמים · אונ דרום זיינען דיא מתים מתפלל אויף די לעבדיגע אין דעם חודש ניסן פון וועגין דר שם הוי״ה זאל לייכטין אויף די ישראל מיט רחמים : (ב) אונ אזו אויך אין דעם חודש תשרי זיינען דיא מתים מתפלל אויף דיא לעבדיגע חאטשע דענמאלט לייכט דאך אנדר צירוף פון שם הוי״ה וואש ער איז ניט לויטר רחמים · פון דעסט וועגין דורך דעם קול פון שופר וועקט דר וועקט רחמים · אונ אזוא וויא מיר מאכין איין ברכה ברוך אתה ה׳ שומע קול תרועת עמו ישראל ברחמים גילויבט ביסטו גאט וואש הערט דאש קול פון שופר פון זיין פאלק ישראל מיט רחמים · דרום איז מוטל אויף אונז מיר זאלין אויך מתפלל זיין אויף דיא היליגע נשמות אין דעם חודש תשרי אונ צוא גיין אויף דיא קברים אונ צוא געבין צדקה פאר דיא נשמות · אבער אין דעם חודש ניסן טאר מען ניט פאסטין אונ מען טאר אין אים ניט זאגין קיין שום תחינות · דרום איז אין ניסן ניט דער מנהג צוא גיין אויף דעם בית הקברות דארטין מתפלל צוא זיין פאר דיא מתים אונ זאגין דארטין תחנות פון וועגין דר חודש ניסן זאל זיין אין גאנצין היליג : (ג) אונ מיט וואש דען העלפין מיר טאן איין חטיבה די מתים אום ניסן שרייבט דער של״ה מען זאל פון ר״ח ניסן אן זאגין אלע טאג דעם נשיא פון דעם טאג אונ דר נאך זאל ער זאגין דיא תפלה וואש שטייט אין דיא סידורים יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו ואלהי אבותינו שתאיר היום בחסדך הגדול על נשמתין קדישין וכו׳ אונ וויל דיא צדקה איז צוא אלע תפלות וויא בשמים צוא איין

התפלה שאדם מתפלל על נשמותיהן קדישין כאמור ובלבד שיתן אדם צדקה עבור הנשמות ע"כ קודם שיתחיל לקרות פרשת הנשיא שבכל יום ויום מן ר"ח ניסן ואילך עד יום י"ב בניסן יתן או ידור איזה דבר כפי השגת ידו לצדקה ובצדקה זו הוא מזכה כל אותו השבט ועוד יש ליתן טעם לשבח על מה שכתבתי שמתפללין הנשמות קדושות בחודש ניסן דוקא על היו בני אדם כי ידוע מ"ש רז"ל מרחיקין מן שור שחור בחודש ניסן מטעם שהשטן מרקד בין קרניו והענין הוא כתב הרב האר"י ז"ל כי בימי ניסן מתחילין הדשאים להצמיח ולפרות בארץ שיוכל השור לאכול ממנו וכהיום בעוה"ר רוב העולם המה נכשלים בחטאים ובפשעים קצתם נכשלים בדברם דברי לשון הרע וליצנות וקצתם במחשבות רעות וקצתם חוטאים בגופן והנה יש ג' מיני עונות עון פשע חטא ובכל יום חדשים לבקרים מתחדשים לתובה והעונות מבריעין הזכיות ובעבור כן נשמות היוצאים מן בני אדם במותם נדחים הן מחוץ לפרגודא קדישא ויורדים מטה וסגורים בקרקע העולם וכאשר הדשאים והעשבים מתחילין לצאת מהארץ אז נשמות הרשעים מתדבקין בהעשבים כדי שיאכלם בעלי חיים ואח"כ כשיאכל האדם את הבשר או את העשבים ואם האדם הוא כשר על ידו נתקן אותה הנשמה שהיא מגולגל בעשב או בבשר ומקרבין את הנשמה לקדושה על ידי ברכה ואז הנשמות הנדחין יוצאים מאפילה לאור גדול והנה טבע השור שהוא אוכל דשאים הרבה אז מתכנשין בקרבו אלו הנשמות הדחוין ובזמן היותם מסוגרים בארץ ניתוסף בשור עזות וגבורה של הס"א ואז הוא מועד להזיק ובפרט שור שחור כיון שהשחרות מורה בלאו הכי על ההיזק ולכן נכון הוא להתפלל על אותן הנשמות הנדחות שנדבקין בהעשבים ובפרט אותן הנשמות שמתדבקין בעשבין שאין עולין מהרה למקום הראוי למצוא להם מנוחה נכונה ולכן צריך האדם להתפלל בכל חודש ניסן באומרו המאיר לארץ ולדרים עליה ברחמים יהרהר שיאיר עליהם הקב"ה ברחמים לעלותם עם הנשמות הנדחים שנרמזים בתיבת או"ר כמ"ש הרב האר"י ז"ל בפסוק ויאמר אלהים יהי אור והנה לא בחנם השטן מרקד בין קרניו של השור כי עיקר גאות של השור הוא בקרניו כמו התרנגול שיש לו גאוה בכרבלתו ולכן מצא השטן שם מקום לחנייתו במקום הגאוה וזה תוכחת מגולה על כל בעלי גאוה המתגאים בשביל עשרם או בשביל חכמתם או בשביל יחוסם או בשביל למודם יהיה מה שיהיה אף אם הם עוסקים בתורה מ"מ אם יש בהם מדת הגאוה אזי הם מרכבה לס"א וזהו האות מה שנזכר שהשטן מרקד בין קרניו של שור שחור ששם מקום הגאות ולפ"ז נ"ל שמפני כך אותו פרק שירה שהשור אומר שירה בכל יום אשירה לה' כי גאה גאה וגו' ר"ל שהוא מודה ומשבח לה' כי לו נאה הגאוה והגדולה ולא לבני אדם וכמש"ה ה' מלך גאות לבש׃ (ד) ובהיות שכל החודש ניסן הם ימי רצון ע"כ מקדימין הנשמות קדושות להתפלל בעדנו כמש"ה לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם ותמיד הנשמות מצטערים בצרות בני אדם וכשאיזה גזירה נגזרת חס ושלום אזי הן מקדימין לתפלה אך שאין להם רשות לגלות ולהגיד בפירוש לבני אדם רק לפעמים באים בחלום להגיד ברמז וכיוצא בו וכמו שמצינו ברבינו יחיאל אביו של רבינו אשר ז"ל שהיה לו חבר בעירו והיה ג"כ חסיד גדול והיו אוהבים מאוד זה לזה והיו זקנים ואנשי מעשה מופלגים בתורה ובחסידות

עסן דרום איידר ער הייבט אן צו לייענן דעם נשיא פון איטליכן טאג זאל ער עפיש געבין אדר מנדר זיין אין צדקה אריין וועדליג זיין פאר מעג׳ אונ מיט דער צדקה איז ער מזכה גאר דעם שבט וואש זיין נשיא האט דעם טאג מקריב גיוועזן אין קרבן אין משכן׃ (ד) אונ ווייל אלע דיא טעג פון ניסן זיינען ימי רצון׳ דרום זיינן דיא הייליגע נשמות דערמאלט מתפלל פאר אונז דען די נשמות זיינן תמיד אן גיבריים פאר אונז מתפלל צוא זיין אז דיא לעבעדיגע מענטשין האבין צער זיינען זייא זיך אויך דערנכאלט מצער אונ אז עש ווערט נגזר ח"ו עפיש איין גזירה׳ פעדרין זייא זיך מתפלל צו זיין זיא מבטל צוא זיין נאר זייא האבין קיין רשות ניט מגלה צוא זיין דאש צוא לייט נאר אבאר קומן זייא בחלום אונ זאגין עש ברמז׳ אזו וויא מיר גפינן ביי רבינו יחיאל דר פאטר פון רבינו אשר ז"ל דאש ער האט גיהאט אין זיין שטאט איין חבר וואש ער איז אויך גיוועזן איין גרוישר חסיד׳ אונ זייא האבי זיך איינש עש אנדערע זייער ליב גיהאט׳ האבין זייא ביידע גישווארין אז דער ערשטר צווישן זיי וואש וועט פריער שטארבין׳ זאל קומן צו זיין חבר צו חלום אונ זאל אים דר ציילין וויא עש גייט מיט אמענש בשעת ער שטארבט אונ וויא מען איז זיך

נוהג

ונשבעו יחד שהראשון שביניהם שימות תחלה יבא בחלום לחבירו ויגיד לו דרכי מיתה והילוך הנשמה׃ (ה) ויהי היום נפטר חבירו של רבינו יחיאל ז״ל ובהיותו בבית החיים קודם הקבורה עמד רבינו יחיאל ואמר אל הקהל שמעו רבותי כי כן וכן נשבענו יחד אני וחבירי המוטל עכשיו לפני מת ולכן אני מזכיר לו בפניכם שיקיים את שבועתו ואז ראו כל האנשים שארונו של המת היה מזדעזע מעט ויפתחו ארונו כי סבורין היו שהחיה המת הנ״ל ואז רק עפעפיו מתנודדים ואמרו כלם פה אחד שזה הוא סימן בקריצות עיניו שאין יכול להגיד לו מאומה ואעפ״כ אחר שלשים יום בא החסיד המת ונראה לו בחלום להרב רבינו יחיאל ובקש ממנו שימחול לו על שבועתו כי אין לו רשות להגיד לו מאומה עד כאן המעשה׃ (ו) הכלל העולה כי בחודש ניסן צריכין אנו להתעורר כמו בחודש תשרי וע״כ כתיב משכו וקחו לכם צאן וגו׳ ודרשו רז״ל משכו ידיכם מעבודת כוכבים ומשאר מדות הרעות שהן דומין לעבודת כוכבים וזהו מדת הגאוה וגסות רוח והמעלים עיניו מהצדקה ולשון שקר העבירות כאילו הן נחשבים כאילו עובד עבודת כוכבים על כן כל אחד יודע מרת נפשו ומדותיו הרעים להסיר המכשול מעליו קודם ביאת חג הפסח וכבר אמרו רז״ל שצריך כל אדם לטהר עצמו ברגל בטהרת הגוף ובטהרת הנשמה ובזכות זה נזכה לטהרה ולביאת משיחנו ואליהו הנביא אמן מהרר״י ד״ל׃

פרק פט **ושמרתם** את המצות ראוי להתבונן למה אמרה התורה במצוה זו לשון שמור הנופל על ענין הצריך שמירה מן גזלנים או מן גנבים אמנם דע כי בהוציא ה׳ את עמו ישראל בנסים גדולים ונפלאים והפיל תחלה השר של מצרים עם שאר המקטרגים כדי שלא יוכלו לקטרג ועדיין עומדים עלינו בקטרוגיהם אבל בהגיע החג הקדוש הוא חג הפסח מתנוצצים ומתעוררים

ודע מיט דר נשמה נאך דעם טויט׃ (ה) ויהי היום איז רבינו יחיאלש חבר נפטר גיווארין· אונ אז ער איז גיוועזן אויף דעם בית הקברות איידר מען האט אים נאך בגראבין איז דער רבינו יחיאל אויף גישטאנען אונ האט גיזאגט צו דעם עולם הערט צוא מיינע רביים אזוא אונ אזוא האבין מיר גישווארין איינש צום אנדרין· דרום דער מאן איך אים היינט פאר איך ער זאל זיין שבועה מקיים זיין· האבין אלע מענטשן גיזעהן וויא דר ארון פון דעם מת האט זיך אביסל גישאקלט· האבין זייא גיעפינט זיין ארון דען זייא האבין נמיינט אז דער מת איז לעבדיג גיווארין· האבין זייא גיזעהן וויא זיינע ברעמן פון דיא אויגין שאקלין זיך· האבין אלע גיזאגט אז דאש איז איין סימן אז ער האט קיין רשות ניט צוא זאגין אים קיין שום זאך פון דעסט וועגין נאך שלשים איז דער חסיד דער מת גיקומען צוא חלום צו דעם רבינו יחיאל אונ האט אים גיבעטין ער זאל אים מוחל זיין זיין שבועה· דען ער האט קיין רשות ניט אים צו זאגין קיין שום זאך׃ (ו) דער כלל איז אז אין דעם חודש ניסן מוזן מיר זיך דער וועקין תשובה צוא טאן אזו וויא אין דעם חודש תשרי· אונ דרום שטייט אין פסוק משכו וקחו לכם צאן האבין אונזערע חכמים ז״ל גידרשת דאש ווארט משכו· ציהט אוועק אייערע הענט פון צוא דינען כוכבים אונ פון דיא איבריגע שלעכטע מדות וואש זיינען גלייך צוא דר עבודת כוכבים דאש איז דיא מדה פון גאוה אונ דר וואש פר הוילט זיינע אויגן פון צדקה געבין· אונ דער וואש האט איין פאלשע צונג· אזעלכע עבירות זיינן גלייך וויא ער דינט די כוכבים· דרום איטליכר ווייסט דאך וואש פאר עבירות ער האט גיטאן· כוז ער דאש אפ טא פון זיך איידר עש קומט דר יו״ט פון פסח· אונ אונזערע חכמים ז״ל האבין שוין גיזאגט אז איטליכער מענטש מוז פאר יו״ט זיך מטהר זיין דעם גוף אונ דיא נשמה אונ אין דעם זכות וועלין מיר זוכה זיין צוא טהרה אונ אז משיח אונ אליהו הנביא זאלין קומען במהרה אמן׃

פרק פט עש שטייט אין פסוק ושמרתם את המצות אונ איר זאלט היטין די מצות· דא דארף מען צו פאר שטיין ווארום האט די תורה גיזאגט ביא דער דאזיגער מצוה דאש לשון פון היטין וואש דאש גשיקט זיך בייא אזו אזאך וואש מען דארף עש היטן פון גזלנים אדר גנבים נאר ווייש אז נאט ב״ה האט אויש גצויגן זיין פאלק ישראל מיט גרוישע אונ וואונדרליכע נסים פון מצרים· האט ער צום ערשטין אראפ גיווארפין זייער שר מיט אלע מקטרגים פון וועגין דיא מקטרגים זאלין ניט קענן מקטרג זיין· אונ דיא מקטרגים שטייען נאך אויף אונז אויף מיט זייערע מקטרגים· אבר אז עש גרייכט דר הייליגר יו״ט פסח דער וועקין זייא זיך אויף אונז מקטרג צוא זיין אונ ווילין גורם

זיין

ומתעוררים עלינו לקטרג ומבקשים לגרום רעה אל עמו ישראל · (ג) אבל הקב"ה צוה עלינו באזהרת אכילת מצה והמצוה ההיא מכרעת הס"א והמקטרגים שלא יוכלו לקטרג עלינו דמיון מזוזה שבבית ושם שדי כתוב עליו מבחוץ והואיל הדבר כן צריכה עיסה של המצות שמירה גדולה מפני ס"א שלא יהיה להחיצונים שום דביקות ח"ו וכל מקום שנאמר בתורה חמץ נרמז על ס"א והיכא דכתיב מחמצת מרמז על נוקבא בישא של ס"א דהיא לילית הרשעה וסמאל ולכן צריכין אנו לשמור את המצות משום חימוץ ונופל על זה לשון שמירה ושמרתם את המצות כמו שהוכרח אדם לשמור עצמו מפני הגזלנים וחמסנים הבאים עליו להורגו ולקחת את נפשו וכל אשר לו כי היא קליפה תקיפא זו היא סוד חמץ ומחמצת ועל האי קליפה נאמר וכל הרשעה כלה כעשן תכלה וכו' וחלילה להיות להם דביקות בקדושה העליונה אפילו כמלא נימא כמש"ה ולא ידבק בידך מאומה מן החרם ולכן איסור חמץ הוא במשהו · (ג) תכון ללמוד לבית ישראל בהיותן מגעילין ומלבנין את הכלים מפני החמץ שיכוונו שכמו כן יבער הקב"ה היצר הרע והרשעה שהיא הלילית מן הארץ ובטוחים אנו בהקב"ה להעבירם מהארץ ומנהגן של ישראל תורה היא לגרר שולחנות וספסלים וכותלין מפני חשש חימוץ וה' יתברך עיניו פקוחות על כל מעשי בני ישראל עדת סגולתו אשר כל טרחתם הוא לביעור חמץ כל ימי חודש ניסן וכמו כן יגרר הקב"ה את כל הנגעים הבאים מס"א ומקטרגים ובהיות כי כל ענייני טורח של חג המצות הקדוש הוא באהבה ובשמחה ולכן צריכין ישראל לשמור עצמם מלב רגז ומכל שכן שלא יהיה ריב ומצה ומחלוקת ביניהם · (ד) וכל מה שיקנה לצורך ביתו יאמר בפיו שאני קונה זאת לצורך החג וכמ"ש וצריך להזהר שלא יהיה במעות במה שיקנה לצורך חג הקדוש הזה שום גזל או פרוטה משאר איסורים כי אז נותן כח להס"א שיהיה להם חלק בקדושה וקי"ל דחמץ אוסר במשהו ובהגיע העת לילך אל המים לשאוב מים של מצה או מים של מצות אף שהוא רב ופרנס ונגיד בישראל לא יקפיד על כבודו מלמנוע לילך בעצמו לשאוב מי מצה ומכל שכן מים של מצוה וכל אחד מישראל יזדרז בשמחה של מצוה שיזכהו הקדוש ברוך הוא בחיים לשאיבת מים של מצוה לשנה הבאה ולשאוב מים בששון ממעיני הישועה כשנזכה לראות בעינינו מים חיים מבארת של מרים הנביאה

זיין בייז: (ג) דרום האט גאט ב"ה אונז גיבאטן מיט איין אזהרה מיר זאלין עסין מצות · אונ דיא מצה מאכט אונטער טעניג דיא סטרא אחרא אונ דיא מקטריגים זייא זאלין ניט קענן אויף אונז מקטרג זיין · דרום מוז דאש טייג פון דער מצה האבן גרויש היטונג פון חמץ כדי דיא חיצונים זאל דרינן ניט האבין קיין שום בהעפטונג ח"ו · אונ וואו עש שטייט אין דר תורה דאש ווארט חמץ איז דאש מרמז אויף דער סטרא אחרא אונ וואו עש שטייט דאש ווארט מחמצת איז דאש מרמז אויף די נוקבא בישא פון דער ס"א דאש איז די לילית הרשעה · דרום גישיקט זיך בייא דער מצה דאש לשון היטונג · אזו וויא דר מענטש דארף זיך היטין פאר גזלנים וואש קומן אים צוא הרגנן אונ צוא נעמען גאר זיין פאר מעג · אזוא דארף ער היטין דיא מצות פון חמץ דאש איז דיא שטארקע קליפה · אונ חלילה דיא קליפה זאל האבין איין בהעפטונג אין דער אויבערשטר קדושה אפילו וויא איין האר גרויש · דרום איז אום פסח דר איסור חמץ במשהו : (ג) אונ עש איז רעכט צו לערנן צו מאנזבילן אונ ווייבער וואש כשרין אונ גליהען דיא כלים פון חמץ זאלין זייא זיך מכוין זיין בשעת מעשה · אז אזו אויך זאל גאט ב"ה אויש ראמען דעם יצר הרע אונ דיא לילית פון דער וועלט · אונ מיר זיינן בטוח אין גאט ב"ה אז ער ווערט זייא אויש ראמן פון דער וועלט · אונ דער מנהג פון די ישראל איז איין תורה אויש צוא קראצין די טישן אונ דיא בייניק אונ די ווענט פון וועגין טאמר איז דארטין פאר האנדן חמץ · אונ גאט ב"ה קוקט אויף אלע מעשים פון דיא ישראל זיין גליבטע עדה וואש גאר זייער טירחא איז מבער צו זיין דעם חמץ · אונ אזו אויך זאל גאט ב"ה אויש קראצן אלע נגעים וואש קומען פון דער ס"א אונ פון דיא מקטריגים : (ד) אונ אלץ וואש ער קויפט פון פסח וועגן זאל ער זאגין מיט זיין מויל דאש קויף איך לכבוד יו"ט · אונ ער מוז נזהר זיין אין דעם געלט וואש ער קויפט לכבוד פסח זאל דרינן ניט זיין קיין גזל געלט · אונ אז עש קומט דיא צייט צוא גיין אן שעפן מצה וואשר · חאטשע ווען ער איז איין רב אדער איין פרנס אדר איין גרוישר עשיר זאל ער ניט מקפיד זיין אויף זיין כבוד אונ זאל גיין אליין אן שעפן מצה וואשר אונ איך האב אויך גיזעהן

ויבהר כלים הנקיים שלא יהא בהם שום לכלוך לשאוב בהם מי מצוה ויקח שני כלים לכל לילה משני הלילות כלי מיוחד כמו שנהג ההס"ד מהרי"ל ז"ל וגם ראיתי נוהגין להרבה גדולי ישראל כשהיו שואבים מים לוקחים כלי קטן והיו סופרים בכל פעם שישפוך א' ב' ג' ד' ה' ו' עד שהיו סופרים כל כ"ב אותיות שבתורה כדי להמשיך קדושות אותיות של התורה אל תוך המים וכן יעשה לתוך כלי שני מי מצוה השייך לליל שני ואם הוא איש זקן או שיש לו איזה חולי ואינו יכול לילך בעצמו לשאוב מים אזי ימתין וישמור על פתח ביתו כשרואה שנושאין מים של מי מצוה ירוץ לקראתם ויקחם וישאם לביתו וכן נהגו הרבה גאונים כשהיו רואים שמביאים לביתם מים של מי מצוה היו רצים לקראת המים הקדושים והיו נושאים על כתפיהם והכניסו לביתם והיו נזהרין להעמיד המים במקום נקי שאין שם לכלוך וסרחון וטוב מאוד שלא תגע במים אשה נדה ויהיו המים מכוסים במטפחות נקיים בלתי שום לכלוך כי הגלוי הוא אסור מצד הנחש והס"א׃ (ה) וכשהוא הולך לשאוב מים למצוה וכן בחזירתו עם המים שאובים לא ידבר עם שום אדם כי אם בלשון הקודש כי עבודת הקודש עליו בכתף ישאו וקודם שישאוב מים אזי ירחיץ ידיו תחלה ואח"כ יברך על בדיקת חמץ׃ וקבלה היא בידי מן רבותי שהיו מצוים להניח חמץ בעשרה מקומות נגד עשר מכות שהביא הקב"ה על המצרים וכנגד עשרה דינים שהקב"ה יהיה עתיד לבע"ר ולנע"ר ולכרו"ת ולהמ"ם להרו"ם ולעק"ר ולנתו"ץ ולנתו"ש ולכלו"ת ולקעק"ע היצר הרע׃ (ו) וכנגד זה הקב"ה הוא מקדש את א"י בעשר קדושות כדאיתא בפרק קמא דמסכת כלים וצריך שיבדוק בעיון רב ולא בדרך ארעי וכמו שתופש ומגרר חמץ מחורים וסדקים ע"י אור הנר של שעוה שבידו כן הקב"ה יבער כל זוהמת ס"א אשר עתיד הס"א להטמין ולהחבא מפני אור השכינה אשר יופיע הקב"ה לחפש ירושלים בנרות ואז יתבטל ויתבער היצר הרע וכל הס"א מן העולם ויטוהר כל הארץ בעשר קדושות העליונות במהרה בימינו אמן מ"ו מהרי"ו ז"ל׃

**פרק צ בערב** פסח שהוא ארבעה עשר בניסן ישכים בהשכמה כדי שלא יהא נכשל חס ושלום באכילת חמץ אחר ארבע שעות עד היום והתחלת היום הוא מעמוד השחר ועמוד

אז פיל גדולי ישראל דאש אז זייא האבן אן גישעפט מצה וואשער האבן זייא גנומין איין קליינע כלי אונ אלע מאל וואש זייא האבן ארויין גיגאסין פון דער קליינר כלי אין דר גרוישר כלי ארייין׃ האבין זייא גיצייאלט א' ב' ג' ד' ה' ו' ביז זייא האבין אויש גיצייאלט אלע צווייא אונ צוואנציג אותיות פון דער תורה פון וועגן צוא ציהן אין דער וואסר ארייין דיא קדושה פון דיא אותיות פון דער תורה׃ אונ אי"ב ער איז איין אלטר מאן אדר איין שלאפר זאל ער ווארטין אויף זיין טיר אונ אז ער דער זעהט וויא מען טראגט דיא מצה וואשר׃ זאל ער לויפן אנטקעגין זייא אונ זאל זיא נעמן אונ טראגין צוא זיך אהיים׃ אונ אזו האבין זיך נוהג גיוועזן פיל גאונים אונ זיינן גזהר גיוועזן די וואשר צוא שטעלין אין איין ריין ארט׃ אונ עש איז זייער גוט אז קיין אשה נדה זאל ניט אן רירן אין דער וואשר׃ אונ דיא וואשר זאל זיין צוא גידעקט מיט ריינע טיכליך ווארום דאש וואש איז אויף גידעקט איז אסור מצד הנחש אונ די סטרא אחרא׃ (ה) אונ אז ער גייט אן צוא שעפן מצה וואשער אונ אויך אז ער גייט קאריק מיט דער מצה וואשר׃ זאל ער ניט רידן מיט קיין שום מענטש נאר אויף לשון הקודש׃ אונ איידר ער שעפט אן דיא וואשר׃ זאל ער פריער וואשין דיא הענט׃ אונ איך האב בקבלה אז בשעת בדיקת חמץ זאל מען לייגן צעהן שטיקליך ברויט אין צעהן ערטר דאש איז קעגין דיא צעהן מכות וואש גאט ברוך הוא האט גיבראכט אויף דיא מצרים׃ (ו) אונ קעגין דעם וועט גאט ב"ה היילגן ארץ ישראל מיט צעהין קדושות אונ ער כוו בודק חמץ זיין מיט גרויש עיון אונ אזוא וויא ער זוכט אונ קראצט אויש דעם חמץ פון דיא לעכר אונ שפאלטין דורך דיא ווערסענע ליכט וואש ער האט אזו אויך וועט גאט ב"ה אויש ראמן נאר דיא זוהמא פון דער סיטרא אחרא וואש זיא וועט זיך בהאלטין פאר דעם ליכטיקייט פון דער שכינה אונ דענמאלט וועט בטל ווערן אונ אויש גיראמט ווערין דער יצר הרע אונ נאר דיא ס"א פון דער וועלט אונ נאר דאש לאנד וועט גריינקט ווערין מיט דיא צעהען אויברשטע קדושות במהרה בימינו אמן׃

**פרק צ** בערב אום ערב פסח פוז אימליכער מענטש גאנץ פריא אויף שטיין פון וועגין ער זאל ניט נכשל ווערין ח"ו צוא עסין חמץ נאך פיר שעה אויף דעם טאג

השחר הוא כשהרקיע התחיל להאיר בקו לבן מצד מזרח מתוח לארכו בין צפון לדרום וזהו עמוד השחר (כן הוא מבואר ברמב"ם ובפי' הרב בעל תוספת יום טוב וכן עיקר) רבים בעו"ה מקילין מאוד שאוכלין חמץ אחר ד' שעות אוי ואבוי על חטא גדול כזה שעוברים על דברי חכמים במזיד והם ח"ו בכלל פורץ גדר ישכנו נחש ובחנם מכניסין את עצמן לעונש גדול הזה · בדוק ומנוסה והוא קבלה בידי מן רבותי מי שמיקל לאכול חמץ אחר ד' שעות לא יפטור מסיבה גדולה באותה שנה ואפילו אם לא יעבור עליו שום סיבה בזה השנה אזי יש לו לדאוג יותר שבודאי מאספים עליו עונשים קשים להאבידו בפעם אחת מהעולם באיזה סיבה רעה ע"כ כל איש הירא וחרד לדבר ה' יזהר באיסור זה באשר שכל דברי חכמים ז"ל הן כגחלי אש · (ב) וראיתי רבים אשר להוטים אחר גרונם וממלאים כריסם בריבוי מאכלים בשחרית בע"פ ואח"כ שותין שכר עד שמשתכרין ועבור זה בהגיע זמן לאפות מצות של מצוה באים שיכור לעזור את עשית המצה ואפית המצות ואין דעתם מתיישב עליהם להנתן לבם אל קדושת המצות וזולת זה הם נכשלים שמוכרים חמץ אין מוכרים החמץ כראוי ואין מכירתו כלום וכל זה הוא בגרם שהוא להוט אחר גרונו ושרירות לבו ולא כן צריך להיות מנהג ישראל הכשרים שכל עניינם וכל מעשיהם צריכין להיות בצדק ובהשכל ובדעת בקדושה ובטהרה וביראה ובאימה לטהר את הנשמה ולא יכוין להנאת הגוף ובפרט בעסק מצות החג הזה אשר המה עסוקים ויש בו איסור כרת · (ג) ויש קבלה בידי כל טורח שאדם מטריח את עצמו לכבוד יום טוב של פסח והוא ע"ף ויגע בהטורח אזי בעסק זה הוא הורג כל המזיקים הנקראים נגעי בני אדם והעוסק בטרדת מצוה של ימי הפסח הוא מתקן התיקון של הוצאת שכבת זרע לבטלה והלב יודע מרת נפשו שכמעט אחד מאתנו לא ניצל מחטא זה על כן מוטל על כל אחד ואחד מישראל לתקן מאי דאפשר וה' ברוב רחמיו וחסדיו יקבל

פון דער צייט וואש דער מארגין שטערין גייט אויף · אונ פיל לייט זיינען בעונותינו הרבים מקיל דרינן אונ עסין חמץ אום ערב פסח נאך פיר שעה אויף דעם טאג אונ ווייא אויף דיא זינד דען זייא זיינן עובר במזיד אויף דיא רייד פון דיא חכמים · אונ זייא זיינן ח"ו אין דעם כלל פון פורץ גדר ישכנו נחש · אונ נאר אום זיסט ברייננען זייא זיך ארין צוא איין גרוישן עונש אונ דאש איז בדוק ומנוסה אונ איך האב עש בקבלה פון מיינע רביים אז דער וואש איז מקיל צוא עסין חמץ אום ערב פסח נאך פיר שעה אויף דעם טאג · אויף דעם וועט בוודאי קומן דאש יאר עפיש איין סיבה · אונ ווען עש האט זיך גיטראפין דאש איינר האט גיגעסן חמץ נאך פיר שעה אויף דעם טאג אונ עש איז ניט גיקומן אויף אים קיין סבה · דארף ער זיך נאך מער זארגן ווייל מען זאמלט בוודאי אויף אים צוא גויף שווערע עונשים מען זאל אים מיט אמאל מאכן פר לירן פון דער וועלט · דרום איטליכר מענטש וואש פארכט זיך פאר גאט זאל נזהר זיין ניט צו קומן צוא דעם איסור : (ב) אונ איך האב גיזעהן פיל לייט וואש זיינן להוט נאך זייער האלז אונ זייא דער פילן זייער בויך מיט פיל עסין נאו"ג דער נאך טרינקען זייא פיל ביר ביז זייא ווערין שיכור · אונ דורך דעם אז עש גרייכט דיא צייט פון צוא באקין מצות מצוה קומן זייא שיכור הייך צוא העלפין אונ באקין דיא מצות אונ זייער דיעה איז ניט מיושב אויף זייא צוא געבין זייער הארץ אויף דעם הייליקייט פון דיא מצות · אונ חוץ דעם ווערין זייא גשטרויכלט דאש זייא פאר קויפין ניט רעכט דעם חמץ · אונ דאש קומט אלץ מחמת זייער דיעה איז ניט מיושב מחמת שיכרות · אבער ניט אזו דארף זיין דער מנהג פון די ערליכע יהודים דאש אלע זייערע ענינים אונ זייערע מעשים דארפין זיין מיט גירעכטיקייט אונ מיט קלוגשאפט אונ מיט שכל אונ מיט הייליקייט אונ ריינקייט אונ פארכט צו ריינינן די נשמה : אונ זאל זיך ניט מכוין זיין פון וועגין דיא הנאה פון דעם גוף · אונ בפרט אין דעם עסק פון דיא מצות פון דעם יום טוב וואש דרינן איז פאר האנדין איין איסור כרת : (ג) אונ איך האב בקבלה אז אלע טירחות וואש דער מענטש איז זיך מטריח לכבוד דעם יו"ט פון פסח אונ ער ווערט מיד אין דער טירחא אדער אין דעם עסק וואש ער טוט לכבוד פסח · הרגת ער דער מיט אוועק אלע מזיקים וואש זייא ווערין גירופין נגעי בני אדם · אונ איז מתקן דעם תיקון פון קרי · אונ דאש הארץ פון איטליכין מענטשין ווייסט דאך זיין ביטערקייט דאש כמעט אפילו אייגר פון אונז איז ניט ניצול גיווארין פון דר עבירה פון קרי · דרום איז גיווארפין אויף איטליכן יהודי מתקן צוא זיין דאש וויא ווייט ער קען אונ גאט ב"ה מיט זיינע פיל חסדים

מחשבות טובות של ישראל עמו וימהר עלינו לגאלנו · (ד) וחייב כל אדם לטהר עצמו ברגל וזהו ודאי אין הפירוש שיטהר עצמו ברגל ממש דוקא אלא צריך לטהר עצמו קודם כניסת הרגל כדי שיקבל הרגל בקדושה ובטהרה וסוד הרג״ל הוא קדושת השם הוי״ה במילואו עולה לחשבון ע״ב כזה יו״ד ה״י וי״ו ה״י ושם אהי״ה עולה במספר קס״א וקס״א וע״ב הן גימטריא רג״ל וזהו הסוד שיטהר שני שמות קדושים שהן קדושת הרג״ל והרב האר״י ז״ל כתב שבשעת הטבילה יכוין לקבל הארות ב׳ שמות אהי״ה הוי״ה כי זהו הסוד שחייב אדם לטהר עצמו ברגל ואם הוא זקן או חלוש או חולה לא יסכן נפשו במצוה זו כי אין הקב״ה חפץ שיבואו בני אדם לידי סכנה אלא יוכל לטהר עצמו בתשעה קבין במים שאובין או ירחץ גופו מחגורה ולמטה וגם זה יקובל ברצון לפני הקב״ה ואח״כ יראה האדם לעסוק בהלכות פסח בתורה מאי דאפשר · (ה) והרב הגאון מהור״ר ישעיהו סג״ל בספר של״ה כתב קודם טבילה מצוה לרחוץ גופו בחמין ובכל ערב יום טוב נכון לעשות כן ובפרט בערב פסח כי זה הענין מבואר בזוהר ויקרא שביום י״ד בניסן כשמבערין החמץ בשריפה יכוין כי אז הוא בן חורין והוא יצא משעבוד היצר הרע שהוא השטן ועתה בשריפת החמץ מורה. שיבער היצר הרע מהעולם ובתוכנו ה׳ והקליפות והרשעה כולם יבטלו מהעולם ואז יהיה ה׳ אחד ושמו אחד ולכך הביעור חמץ הוא בי״ד בניסן שאז הלבנה היא במילואה ואין לקליפות שום שליטה על התינוקות מה שרוצין הקליפות לעורר דין עליהם בחולי הנכפה בר מינן כיון שהלבנה במילואה מה שאין כן כשהלבנה בחסרונה אז יש שליטות הקליפות להפיל לתינוקות בחולי הנ״ל ולכן כתיב יהי מאר״ת ברקיע חסר וי״ו ולא כתיב מאורות בוי״ו ולכן צריך האדם לכוין בשעת הביעור שהוא נעשה בכח גמור וגובר על הקליפות · (ו) ולכן ראיתי מנהג יפה להשים עצי ההושענא על האש ששורפין בו החמץ ויש בו טעם כמוס וטעם הנגלה הוא כמ״ש הפוסקים בכמה מקומות הואיל ואתעביד בהו חדא מצוה נעביד בו מצוה אחריתא הכלל

העולה

זאל מקבל זיין דיא גוטע מחשבות פון זיין פאלק ישראל · אונ זאל איילן אונז אויש צו לייזן : (ד) אונ איטליכער מענטש בדארף זיך מטהר זיין אום יו״ט איז ניט דאש פירוש ער זאל זיך מטהר זיין טאקע אום יו״ט : נאר דאש פירוש איז ער דארף זיך מטהר זיין איידר יו״ט גייט אריין פון וועגן ער זאל מקבל זיין דעם יו״ט מיט קדושה אונ טהרה אונ ערב יו״ט זאל ער זיך טובלן לכבוד יו״ט · אונ אויב ער איז איין אלטר מאן אדר איין שלאפר · זאל ער זיך ניט מסכן נפש זיין אין דער מצוה צו טובלן זיך דווקא · וואורום גאט ב״ה וויל ניט אז מענטשן זאלן קומן לידי סכנה נאר ער קען זיך מטהר זיין ער זאל אויף זיך גיסן ניין קבין וואסר · אדר ער זאל אפ וואשין זיין גוף פון דעם גארטיל אן ביז אראפ אונ דאש וועט אויך אן גינומן ווערן ברצון פאר גאט ב״ה · אונ דר נאך זאל דער מענטש זעהן לערנן הלכות פסח וויא וייט ער קען : (ה) אונ דער של״ה שרייבט איידער ער טובלת זיך לכבוד יו״ט · איז איין מצוה ער זאל אפ וואשן זיין גוף אין ווארם וואשר · אונ אלע ערב יו״ט איז דאך רעכט אזו צו טאן אונ בפרט אום ערב פסח דען דער ענין איז בשייד אין זוהר · דאש אין דעם פערצטן טאג אין ניסן אז מען פאר ברענט חמץ · זאל ער זיך מכוין זיין אז דענסאלט ווערט ער איין בן חורין אונ גייט ארויש פון דעם שעבוד פון דעם יצר הרע דאש איז דער שטן · אונ איצונד מיט דעם פאר ברענען דעם חמץ ווייזט דאש אז דער יצר הרע זאל אויש גיראמט ווערין פון דער וועלט · אונ מיר אלע זיינען הייליג אונ צווישן אונז איז גאט : אונ דיא קליפות אונ גאר דאש רשעות זאלין בטל ווערין פון דר וועלט · אונ דרום פאר ברענט מען דעם חמץ אין דעם פערצטין טאג אין ניסן · וייל דענסאלט איז דיא לבנה במלואה דאש זיא שיינט דענסאלט גאנץ העל · אונ דיא קליפות האבן קיין שליטה גיט דענסאלט אויף דיא קינדר צוא דער וועקין אויף זייא דעם דין זייא מזיק צו זיין מיט חולי נכפה בר מינן · דרום מוז דער מענטש דאש מכוין זיין בשעת חמץ פאר ברענן וואש דאש ווערט גיטאן מיט כח אונ דענסאלט שטארקט ער זיך אויף די קליפות : (ו) אונ דרום האב איך גזעהן איין גוטן מנהג צוא פאר ברענען חמץ מיט דיא הושענות אונ אין דריטן איז פאר האנדין איין בהאלטענער סוד · אונ דר פראסטר טעם איז אזו וויא דיא פוסקים שרייבין אויף פיל ערטר וייל עש איז מיט דעם שוין גיטאן גיווארין איין מאל איין מצוה · זאל מען דער מיט טאן נאך אמאל איין

מצוה

העולה כי ביעור חמץ מורה על החירות מסטרא אחרא וא"כ חיוב גדול באותו הפעם שצריך לרחוץ בחמים כדרך השבוים היוצאים מבית השבי מרחיצין עצמן בחמין ואח"כ יתעסק בעשיתו באפית המצות כדי להכנים עצמו בקדושה העליונה ויעשה בשמחה ובחדוה המצות של מצוה לצורך סדר ב' לילות וזה יהיה יחוד להקב"ה ושכינתיה כדאיתא בזוהר פ' ויקרא שם וזה לשונו בגין כך ישראל מתקנין ליחוד הקב"ה ושכינתיה ביתא כל ההוא יומא וכו' דהא בההוא לילה זוגא עילאה קדישא אתער ואשתכח הה"ד הוא הלילה ובהצעת השלחן והסיבה שעושין שמציירין ומייפין הסיבה כדרך כל מנהג ישראל עיקר כוונה צריך לתקן ההסיבה לכבוד קוב"ה ושכינתיה וע"כ יזהר מאוד לתקן ההסיבה דווקא על ידי ישראלית ומה טוב מאוד ע"י ישראלית הטהורה מטומאת הנדה ומכל שכן שיותר טוב ע"י בתולה ישראלית שלא ראתה נדה עדיין פשיטא הוא טוב ומשובח יותר׃ (ז) ואיתא בזוהר פ' ויקרא בע"י למחדי בההוא ליליא בגין דחדוותא משתכח לעילא ותתא וע"כ צ"ל שירות ותשבחות של אותו הלילה בשמחה ובגילה ולא להראות שום לב רגז וכן מזהיר הזוהר בכמה מקומות דחיוב הוא על בר נש לאשתעי ביציאת מצרים ובההוא סיפורא כונס הקב"ה לכל פמליא דיליה ואמר להו זילו ושמעו סיפורא דשבחא דקא חדאן ברזא דפורקנא דמאריהון כדין אתיין ואודין ליה להקב"ה על כל אותן ניסין וגבורין וכל פמליא דלעילא אודאן ליה על עמא ישראל דאית ליה בארעא דחדאן בחדוה דפורקניה דמאריהון כדין אתוסף חילא וגבורתיה לעילא וישראל בההוא סיפורא יהבין חילא למאריהון וכל העולמות דחלין מקמי הקב"ה הנך רואה גודל השבח של סיפור יציאת מצרים׃ (ח) ע"כ יראה לומר ההגדה במתון ולא לאמרו במהירות ואל יהא דומה עליו למשא ח"ו ודע לך כי מצות עשה מן התורה להיות לכל אחד מישראל לזכרון תמיד כל ימי חייו הניסים שעשה הקב"ה לאבותינו ולנו ובהגיע יום זה מחויב לספר חסדי ה' לפניו כמש"ה והגדת לבנך ביום ההוא וגו' ועל זה באה עלינו המצוה של סיפור יציאת מצרים בכל שנה ושנה ובכל דור ודור בליל פסח כי בזכות זה הקב"ה יפרוש כנפיו תמיד עלינו להציל אותנו

מצוה׃ דער כלל דער פון איז אז דאש פאר ברענען חמץ ווייזט אויף חירות פון דר ס"א׃ דרום איז דאש מאל איין גרושר חיוב ער זאל זיך וואשין אין ווארעמע וואשר׃ אזו וויא דיא שבוים וואש גייען ארויש פון דער תפיסה וואשין זייא זיך אפ מיט ווארמע וואשר אונ דער נאך זאל ער עוסק זיין אין דיא מצות באקין׃ פון וועגין ער זאל זיך אריין ברייגן אין דר אייבערשטר קדושה׃ אונ זאל מיט חדוה באקין דיא מצות פון וועגין דיא סדרים פון ביידע נעכט פון פסח׃ אונ דאש וועט זיין איין יחוד צו קוב"ה ושכינתה אזוא וויא עש שטייט אין זוהר פרשת ויקרא׃ אויך דאש צום טיש גרייטין אונ דיא העסע בעט בעטין וואש דיא ישראל זיינען זיך נוהג דיא דאזיגע נאכט פון פסח׃ מוז דער עיקר כוונה זיין דרינן פון וועגין דעם כבוד פון גאט ב"ה מיט זיין שכינה׃ דרום זאל בעטין דיא העסע בעט נאר דווקא איין ישראלית וואש איז טהור פון דר טומאה פון נדה׃ אונ מכל שכן אז עש איז נאך בעשר אז אזו איין בתולה וואש האט נאך גאר ניט גיזעהן קיין נידות זאל בעטין דיא העסע בעט׃ אונ אין זוהר פרשת ויקרא שטייט אז דיא נאכט פון פסח מוז דער מענטש זיך פרייען ווייל דענמאלט ווערט גפונן איין פרייד אויף דעם הימל אונ אויף דר ערד׃ דרום מוז מען זאגין די שירות והשבחות מיט שמחה אונ פרייד אונ ניט צו ווייזן קיין שום צארינדיג הארץ אונ אזו אויך איז דר זוהר מזהיר אין פיל ערטר אז עש איז איין חיוב אויף דעם מענטשין צו דר ציילין אין יציאות מצרים די דאזיגע נאכט׃ אונ גאט ב"ה זאמלט איין גאר זיין פמליא אונ זאגט צוא זייא׃ גייט הערט דאש דער ציילונג אונ דעם שבח וואש זייא פרייען זיך אין דעם אויש לייזונג פון זייער הער אונ זייא קומן אונ לויבן צוא גאט ב"ה אויף דיא אלע נסים אונ גבורות׃ אונ גאר די פמליא פון דעם הימל לויבן אים אויף דעם פאלק ישראל וואש ער האט אויף דר ערד׃ וואש זייא פרייען זיך מיט דעם וואש זייער הער האט זייא אויש גלייזט׃ דענמאלט ווערט נימערט כח אונ שטארקייט אויף דעם הימל אונ אלע עולמות פארכטין זיך פאר גאט ב"ה׃ נוא זעהסטו דאך דאש גרוישקייט פון דעם שבח פון דעם דר ציילונג יציאות מצרים׃ (ח) דרום זאל ער זעהן זאגין דיא הגדה מיט ישוב אונ ניט גיך׃ אונ עש זאל ביא זייא ניט גליך זיין ח"ו וויא איין משא׃ אונ ווייש אז עש איז איין מצות עשה מן התורה אז איטליכר יהודי זאל תמיד גידיינקן די ניסים וואש גאט ב"ה האט גיטאן צו אונזרע עלטרין אונ צוא אונז׃ אונ אז עש גרייכט

מן הסכנה בכל הדרכים ויעשה לנו נסים ונפלאות אבל מי שההגדה עליו דומה למשא ואומר בעל כרחו או בעצלות ובלי שמחה וכוונת הלב אז אינו זוכה להעשות לו נס כשהוא במקום הסכנה הנה קצרתי בענין זה עיין באריכות בספר של"ה ובהגיע לומר מעשה בר' אליעזר ור' עקיבא יכוין למ"ש האר"י ז"ל שיש למעלה ש"ע נהורין הבאים משני שמות הקדושים של מי א"ל כמוך נושא עון ועובר על פשע וגו' ושל ה' א"ל רחום וחנון כי ב' פעמים א"ל כזה אל"ף למ"ד במילואם הן גימטריא ש"ע וש"ע נהורין אלו מקבלין נשמות בעלי תורה שלומדין תורה לש"ש והם בעלי יראה ואז מאירים על ראשם ש"ע נהורין הנזכרים ועוד מ"ה כמנין שם הוי"ה במילואה כזה יו"ד ה"א וא"ו ה"א ומ"ה נהורין באין לתלמידי חכמים מצד הוראות שלהם ובודאי תנאים ואמוראים הראשונים היו מושלמים בתורה וביראה ואל זה מרמז תיבות מ"ה ש"ע שהן בהיפוך אתוון מעשה בר' אליעזר ור"ע וכו' כי מעש"ה הן אותיות מ"ה ש"ע נהורין שיאירו אלינו בזכות התנאים ואמוראים · (ט) ודע ענין גדול כתב הרב האר"י ז"ל כשמגיע באמירת ההגדה לוהיא שעמדה לאבותינו וכו' עד תיבת והקב"ה מצילנו מידם יגביה הכוס כשיתחיל לומר והיא שעמדה דתיבת והיא קאי אשכינה שהיא תמיד עמנו ועוד דע ענין נכון לפי דעתנו כי לפי הנראה בעת שהרג משה רבינו את המצרי זה היה התחלת מפלה ונפילת מצרים ומאז התחיל להתיש כח שר של מצרים · (י) כי הרב האר"י ז"ל כתב בכתביו דמרע"ה הרג למצרי בשם אחד מן מ"ב שמות והוא שם הנקרא (יכ"ש) ויוצא מפסוק מ"י שמ"ך לאי"ש שר ושופט כי השם הזה היה משפיל את מצרים ועל שם זה רמז דוד המלך ש"פטני י"הוה כ"צדקי הרומז בר"ת שם יכ"ש ובהיות כי עלינו חיוב לספר ביציאת מצרים ע"כ נראה לי דשם זה הוא מרומז בר"ת של ל"יל ש"מורים שהוא גימטריא שם יכ"ש וליל זה נקרא ליל שמורים לפי שהוא משומר מן המזיקים ולכן אין אנו קורין ק"ש בליל זה להראות שאנו מאמינים בהקב"ה שהוא ישמור אותנו מכל המזיקים ופגעים בב' לילות הפסח כאשר שהשם הנ"ל הוא מכניע כל הרשעה ולכן חיוב עלינו רק להרבות בספור יציאת מצרים וכל המרבה לספר הרי זה משובח מ"ו מהרר"י ז"ל :

פֶּסַח איז ער מְחוּיָב צוא דר ציילן דיא חֲסָדִים פון גאט אונ דרום איז חַל אויף אונז אַלֶע יאר די מִצְוָה פון צוא דער ציילן יְצִיאוּת מִצְרַיִם אין דר ערשטר אונ אין דר אנדרר נאכט פון פֶּסַח · דען בִּזְכוּת זֶה ווערט גאט ב"ה פאר שְׁפּרייטין זיינע פליגל אויף אונז מַצִּיל צו זיין פון סַכָּנוֹת דְרָכִים אונ ווערט אונז טאן נִסִּים וְנִפְלָאוֹת · אָבער דער וואש דיא הַגָּדָה זאגין איז ביי אים גְלייך וויא איין מַשָּׂא · אונ זאגט זיא איבר דאנק · אָדֶר מיט פוילקייט · אונ אָן שִׂמְחָה אונ אָן כַּוָּנָה פון דעם הַאַרְץ · דער איז ניט זוכה אז עש זאל אים גיטאן ווערין איין נֵס אז ער איז אמאל אין איין מָקוֹם סַכָּנָה : (ט) אונ ווייש אז אגרוישע זאך שרייבט דר האר"י ז"ל דאש אז ער גרייכט אין דער הַגָּדָה צוא וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ · זאל ער אויף הייבן דעם כוס ביז והקב"ה מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם ווארום דאש ווארט וְהִיא גייט אויף דער שְׁכִינָה · וואש זיא איז כִּבְיָכוֹל תָּמִיד מיט אונז · נאך ווייס אז בְּשָׁעַת משֶׁה רַבֵּינוּ האט גיהרגת דעם מִצְרִי איז דענמאלט גיוועזן דער אן הייב פון דער מַפָּלָה פון מִצְרַיִם · אונ פון דענמאלט אן האט דער שַׂר פון מִצְרַיִם אן גיהויבן שְׁלַאף צוא ווערין : (י) דען דר הָרַב האר"י ז"ל שרייבט אז משֶׁה

דוד

רַבֵּינוּ ע"ה האט גיהרגת דעם מִצְרִי מיט איין שֵׁם פון די צוויי אונ פערציג שֵׁמוֹת אונ דאש איז דער שֵׁם (יכ"ש) אונ ער קומט ארויש פון דעם פָּסוּק מ"י שמ"ך לאי"ש · דען דער דאזיגער שֵׁם (יכ"ש) האט מַשְׁפִּיל גיוועזין דיא מִצְרַיִם · אונ אויף דעם שֵׁם האט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה מְרַמֵּז גיוועזן שפטני יי' כצדקי וואש דיא ראשי תֵּיבוֹת דער פון זיינען דער שֵׁם (יכ"ש) אונ וייל עש איז אויף אונז איין חִיוּב דיא נאכט פון פֶּסַח צוא דער ציילין אין יְצִיאוּת מִצְרַיִם דרום איז דער שֵׁם מְרוּמָז אין דיא אָן הייב ווערטר פון לֵיל שִׁמּוּרִים וואש זיא טרעפט אן וויפל דר שֵׁם (יכ"ש) אונ דרום ווערט דיא נאכט גירופין לֵיל שִׁמּוּרִים · וייל זיא איז גיהיט פון דיא מַזִּיקִים · אונ דרום לייענן מיר ניט קיין קְרִיאַת שְׁמַע אין דער דאזיגער נאכט צו ווייזין אז מיר גלייבין אין גאט ב"ה אז ער ווערט אונז היטן פון די מַזִּיקִים איןביידע נעכט פון פֶּסַח · וייל דער דאזיגר שֵׁם (יכ"ש) איז מַכְנִיעַ אַלֶע רִשְׁעוּת אונ דרום איז איין חִיוּב אויף אונז צוא מערין צוא דער ציילין אין יְצִיאוּת מִצְרַיִם · אונ איטליכער וואש מערט צו דר ציילין אין יְצִיאוּת מִצְרַיִם דער איז גילויבט :

חוד

פרק צא **דוד** המלך אמר גם צפור מצאה בית ודרור קן לה וגו׳ בודאי לא להנם אמר דוד כן ולא על סתם צפור אמר הכי דמאי רבותא איכא שצפור מצאה בית וצפור דרור מצאה קן לה אבל הענין הוא מבואר בזוהר פ׳ בלק כי העולמות וחדרים שיש למעלה בגן עדן אשר הצדיקים יושבים שם מסודרים בתלת שורין ובהנך שורין יש חדרים והיכלות מלאים צדיקים אשר עליהם נאמר עין לא ראתה אלהים זולתך והצדיקים יושבים ביקר וגדולה ועטרותיהן בראשיהם ובין הני שורות שם מטיילין נשמות הצדיקים אשר עדיין לא זכו כל כך כמו אותן הצדיקים שהן יושבין על מקומם אכן גם הטיול אשר מטיילין בין השורות הוא להם לעונג גדול ויש להם נחת רוח ועליהם נאמר גם צפור מצאה בית אף שהן בין השורות אפ״ה מצאו גם שם בית ומקום מנוחה מהאי עונג ומאי דקראו צפור הוא שבשביל שבחודש ניסן הצפרים מתחילין לצפצף כן בגן עדן הנשמות מתלבשין בדמות צפרים בחודש ניסן ובכל בקר ובקר הם מצפצפים כצפרים והאי צפצופא שבחא דקב״ה הוא וצלותא על חיי בני נשא בגין דאלין יומין ישראל כלהו מתעסקין במצות ועבדין פקודין דמארי עלמא ואינון צדיקים דיתבי לגו בהיכלין טמירין דאתאמר עליהון עין לא ראתה ונקראים דרור דאית להון דרור וחרות מכולם ואינו קן מיוחד לבא למדור כמו קן מתוקן ומוכן היטב ואי תימא במאי זכיין אינון צדיקים דיתבין לגו בהיכלין טמירין יותר מאינון צדיקים שבין השורות ולז״א אשר שתה אפרוחיה את מזבחותיך ה׳ צבאות פירוש אינון דבהיכלין טמירין לגו הם אשר זכו להעמיד בני תלמידי חכמים העוסקים בתורה שבכתב ותורה שבעל פה שהן נגד ב׳ מזבחות שבמקדש ותלת זמנין בשתא הקב״ה בעי לאשתעשע בהנך צדיקים ופתחין להו היכלא חד תמן עושין עטרות לעטר בהם משיח צדקנו לעתיד לבא והנה נזכר לעיל דבחודש זה כל ישראל עוסקים במצות לבער חמץ בהגעלה ובליבון וההדחה והעירוי והבדיקות חיטים בנפה והטחינה והלישה והעריכה והריקוד ואפייה והיסק התנור כל עסק נחשב למצוה מיוחדת

פרק צא דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה הָאט גְיָזאגְט גם צפור מצאה בית אויךְ דֶר פוֹיגִיל הָאט גִיפוּנֶן אַיין הויז ודרור קן לה אונ דֶר פְרַייעֶר פוֹיגִיל הָאט זִיךְ גְפוּנֶן אַיין נֶעסְט אונ דָאשׁ הָאט דָוִד בְּוַודַאי נִיט גִיזָאגְט אויף אַיין סְתָם פוֹיגִיל וָוארוּם וָואשׁ אִיז דֶען דִיא רְבוּתָא אַז אַיין פוֹיגְל הָאט גְפוּנְן אַיין הויז · נָאר דֶר עִנְיָן אִיז בַּשֵׁייד אִין זוהַר פַּרְשָׁה בָּלָק דָאשׁ דִי עוֹלָמוֹת אונ דִי חֲדָרִים וָואשׁ עֶשׁ אִיז פַאר הַאנְדִין אִין גַן עֵדֶן וָואשׁ דִיא צַדִיקִים זִיצְן דָארְטִין · זַייֶנְ זַייא גִיסַדֶּרְתְּ אִין דְרַייא שׁוּרוֹת אונ דִיא צַדִיקִים זִיצִין מִיט כָּבוֹד אונ גְדוּלָה אונ זַייעֶרֶע קְרוֹנֶן זַייְנְן אויף זַייעֶרֶע קֶעפּ אונ צְווִישִׁין דִי שׁוּרוֹת שְׁפַּאצִירְן זִיךְ דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי צַדִיקִים וָואשׁ זַייא הָאבִין נָאךְ נִיט אַזוֹ פִיל זוֹכֶה גִיוֶועְן אַזוֹ וִויא דִי צַדִיקִים וָואשׁ זַיי זִיצְן שׁוֹין אויף זַייעֶרֶע עָרְטֶר · נָאר דָאשׁ שְׁפַּאצִירְן וָואשׁ זַייא שְׁפַּאצִירִין זִיךְ צְווִישְׁן דִיא שׁוּרוֹת אִיז דָאשׁ פַאר זַייא אויךְ גְרוֹישׁ תַּעֲנוּג אונ הָאבִין דֶר פוּן נַחַת רוּחַ אונ אויף זַייא וֶוערְט גִיזָאגְט דֶער פָּסוּק גם צפור מצאה בית אויךְ דִיא נְשָׁמוֹת וָואשׁ הָאבִין נָאךְ נִיט זוֹכֶה גִיוֶועְן צוּא זִיצְן צְווִישְׁן דִי צַדִיקִים אויף זַייעֶר אָרְט נָאר זַייא שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי שׁוּרוֹת דִי גְפִינֶן אויךְ אַיין הויז אונ אַיין רוּאוּנְג דֶער מִיט אונ דְרוּם רוּפְט עֶר זַייא צִפּוֹר וָוארוּם וַוייל אִין דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן הֵייבִּין אָן דִי פֵייגְלִיךְ צוּא פִּיפְּצְן · אַזוֹ אויךְ אִין גַן עֵדֶן קְלֵיידְן זִיךְ אָן דִי נְשָׁמוֹת אַזוֹ וִויא דָאשׁ גִישְׁטַאלְט פוּן דִיא פֵייגְלִיךְ אונ לוֹיבְּן גָאט · אונ בֶּעטִין אויף דֶעם לֶעבִּין פוּן דִי לֶעבֶּדִיגֶע מֶענְטְשִׁין · וַוייל אִין דִי דָאזִיגֶע טֶעג · זַייֶנְן אַלֶע יִשְׂרָאֵל עוֹסֵק אִין מִצְוֹת · אונ טוּעֶן דִיא גִיבָּאט פוּן גָאט ב״ה · אונ דִיא צַדִיקִים וָואשׁ זִיצְן נָאךְ הֶעכֶר אִין בַּהַאלְטֶנֶע הֵיכָלְן וֶוערְט גִיזָאגְט קַיין אוּנ הָאט דָאשׁ נִיט גִיזֶעהֶן · דִיא וֶוערִין גִירוּפִין דְרוֹר · וַוייל זַייא הָאבִּין מֶער פְרַייקַייט אונ פְרֵייד פוּן אַלֶע · אונ אוֹיבּ דוּ וֶועשְׂט וֶועלִין זָאגִין פַאר וָואשׁ הָאבִּין דִי צַדִיקִים זוֹכֶה גִיוֶועְן צוּא זִיצִין אִין דִי בַּהַאלְטֶנֶע הֵיכָלוֹת מֶער פוּן דִיא צַדִיקִים וָואשׁ זִיצִין צְווִישְׁן דִי שׁוּרוֹת דָאשׁ אִיז וַוייל זַיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶועְן מַעֲמִיד צוּ זַיין קִינְדֶר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואשׁ זַיי לֶערְנֶן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אונ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה וָואשׁ זַייא זַייֶנְן קֶעגִין דִיא מִזְבְּחוֹת פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ · אונ דְרַייא מָאל אִין יָאר פְרַייעֶט זִיךְ גָאט מִיט דִי דָאזִיגֶע צַדִיקִים אונ מֶען עֶפִינְט זַייא אַיין הֵיכָל וָואשׁ דָארְטִין מַאכְט מֶען קְרוֹנֶן מִיט זַייא צוּא קְרַיינֶען לֶעָתִיד לָבֹא אוּנְזֶר גִירֶעכְטְן מָשִׁיחַ · אונ נוּן פְרִיעֶר וֶוערְט דֶר מָאנְט · אַז אִין דֶעם דָאזִיגִין חוֹדֶשׁ זַייֶנֶען דִיא יִשְׂרָאֵל עוֹסֵק בְּמִצְוֹת · דָאשׁ זַייא כַּשֶׁרִין אונ גְלִיהֶן אונ שְׁווַיינְקְן אָפּ נָאךְ דֶעם כַּשֶׁרִין · אונ גִיסִין אויף הַיים וָואשֶׁר בְּשַׁעַת כַּשֶׁרִין אונ קְלַייבְּן אָדֶער אוּנְטֶר מַאכִין דִיא וַוייץ · אונ זַייא מָאלִין

ועל כן ישר וכשר לעשות מלאכה ממלאכות הנזכרים על ידי ישראלית ובהיות כן ראוי להדר אחר עשיית המצות בחודש זה וכל הירא לדבר ה׳ יחשב בעין שכלו איך לחדש איזה דבר מצוה כי גם זה נכלל בדברים קדושים של מאמר הנזכר שבחודש זה מתעסקים במצוה ושפיר מתפרש הכתוב החודש הזה לכם לטהר את נפשותיכם צריכין ליתן צדקה ופרנסה לעניים כי בפסח נידונין על התבואה ופריך מאי קמ״ל אר״י על התבואה ממש דאמר ר״י בשנה שעברה נתן להם הקדוש ברוך הוא תבואה כדי סיפוק דעלמא והנה כשרואה הקב״ה שהבריות לא יצאו י״ח בעשיית הצדקה נגד השפע טוב שנתן להם הקב״ה בתבואה והבריות לא נתנו מעשר כהוגן ולא יהבי מיניה למסכנא כהוגן וליתמי ולאלמנה כד אתיא פסח דאין הקב״ה לכל עלמא על ההוא תבואה דיהיב להו בשתא דעברה׳ על כן יתבונן האדם היטב בכל חודש ניסן אם יצא ידי חובתו היטב במצוה של צדקה נגד ההשפעה שקיבל מהקב״ה בשנה שעברה ועל אחת כמה וכמה מוטל על ראשי עדת ישראל להתבונן היטב על השנה שעברה ומכ״ש על השנה הבאה בפרט לצורך חג הגדול והקדוש כמו חג הפסח שצרכי העולם הן מרובים וכל בני ישראל שוים בתוקף הנס עני ועשיר יחדו מחויבים למצות ומרור וד׳ כוסות ושאר צרכי יו״ט ובא וראה מה שכתב הזוהר פ׳ בשלח על התעוררות השגחות עניים ואביונים א״ר חייא תמיהנא על האי קרא כי שומע אל אביונים ה׳ וכי אל אביונים שומע ולא לאחרים׳ א״ר שמעון בגין דאביונים קרובין הן יותר למלכא קדישא דכתיב לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה ולית לך בעלמא דאיהו תביר ליבא כמסכנא ואמר רשב״י תא חזי כל אינון בני עלמא אתחזין קמי קוב״ה בגופא ונפשא ומסכנא לא אתחזי אלא בנפשא בלחודא וקב״ה קריב לנפשא יתיר ומסכנא חד הוי בשבבותיה דר׳ יוסי ולא הוי מאן דאשגח ביה

והוא

אונ זיפן די מעל אונ מצות קנעטן אונ באקין׳ דאש איטליכע זאך ווערט גירעכינט צוא איין בזונדרע מצוה׳ דרום איז איין מנהג כשר׳ אז דיא מלאכה פון דיא אלע מלאכות זאל גיטאן ווערין נאר דורך ישראלים׳ אונ וויל עש איז יוא אזו גיהער מען מהדר צו זיין דעם חודש מצות צו טאן אונ איטליכר וואש פארכט זיך פאר גאט זאל טראכטין מיט זיין שכל וויא ארום נאך מחדש צוא זיין עפיש איין דבר מצוה׳ אונ מען מוז געבין צדקה אונ פרנסה צוא דיא ארעמע לייט ווארום אום פסח ווערט מען גימשפט אויף דר תבואה דאש מיינט מען אזו וויא רבי יוחנן האט גיזאגט דאש אין דעם פריערינן יאר האט זייא גאט ב״ה גגעבין תבואה וועדליג דאש בדערפניש פון דער וועלט׳ אונ אז גאט ב״ה זעהט אז די לייט האבין ניט יוצא גיוועזן דאש זייא האבין ניט גיגעבן קיין צדקה וועדליג דער גוטר שפע וואש גאט ב״ה האט זייא גיגעבן אין דער תבואה׳ אונ דיא לייט האבין ניט גיגעבין קיין מעשר וויא רעכט איז׳ אונ האבין פון איר ניט גיגעבין צו די ארעמע לייט אונ צו יתומים אונ אלמנות וויא רעכט איז אז עש קומט פסח איבר איאר משפט גאט ב״ה צוא גאר דער וועלט איבר דער תבואה וואש ער האט זייא גיגעבין אין דעם פריערין יאר׳ דרום זאל דער מענטש גוט זיך איבר קלערין אין גאנץ חודש ניסן אויב ער האט רעכט יוצא גיוועזן׳ מיט דער מצוה פון צדקה קעגין דער השפעה וואש ער האט מקבל גיוועזן פון גאט ב״ה אין דעם פריערין יאר׳ אונ מכל שכן דיא ראשים אונ דיא פרנסים׳ דיא בדארפין גוט אכטונג געבין דרויף׳ אונ מכל שכן זייא זאלין ווייטר רעכט יוצא זיין אין דר מצות צדקה׳ אונ בפרט זייא זאלין געבין דיא עניים אויף דעם בדערפניש פון דעם גרויסן יו״ט פסח׳ וואש דענמאלט דארף דער עולם זייער פיל׳ אונ אלע ישראלים זיינן גלייך אין דעם שטארקין נס פון יציאת מצרים׳ דאש איין עני אונ איין עשיר זיינן אלע חייב צוא עסין מצה אונ מרור אונ צוא טרינקען ארבע כוסות אונ דיא איבעריגע בדערפניש פון יום טוב׳ קום אונ זעה וואש עש שטייט אין זוהר פרשה בשלח אויף דעם התעוררות פון השגחה צו האבן איבר דיא ארעמע לייט׳ רבי חייא האט גיזאגט איך פאר וואונדר מיך אויף דעם פסוק וואש עש שטייט כי שומע אל אביונים ה׳ דען גאט הערט צו די ארעמע לייט וואש בעטין פון אים׳ איז דאך קשה הערט דען גאט ב״ה נאר צוא דיא ארעמע לייט אונ ניט צוא אנדרע וואש בעטן אים׳ האט רבי שמעון דאש פר ענטפרט וויל די אביונים זיינן נאהנט צוא גאט ב״ה דען עש שטייט אין פסוק לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה איין צוא בראכין אונ איין צוא שטוסן הארץ פאר שעמט גאט ניט׳ אונ עש איז ניט פאר האנדין קיין שום מענטש זאל האבין אזו איין צו בראכין הארץ וויא

איין

והוא הוי אכסיף (ר"ל שהיה ביישן גדול) יומא חד חלש האי מסכנא מחמת הדוחק עאל לגביה רבי יוסי שמע חד קלא מן השמים דאמר טילקא טילקא (פירוש כי הגלגל הוא טילקא ר"ל שהעניות הוא גלגל החוזר בעולם) והנה בזה המקום אשר שמה גלגל הנשמות הפורחים מאותו המקום יצאה בת קול ואמרה כן הא נפשא פרחה גבאי ולא מטו יומיה ווי ווי לבני נשא דלא אשתכח בהו דיתיב נפשיה לגביה אז שדא רבי יוסי בפומיה דהאי מסכנא מיא דגרגרין אפותא דקונטא (פי' המפרשים שנתן לו מים שנתבשלו בו גרוגרות ועוד שרשי עשבים של רפואות שהשותה מים שמתבשלים בהם אלו השרשים עם הגרוגרות גורמים שהחולה מזיע ונתרפא) אתבקע זיעה באנפוי ותב לבתר אתא ושאיל ליה אמר חייך רבי נפשי נפקת מיני וממו לנפשאי קמי כורסיא דמלכא ובעיתי למיהוי תמן אלא דבעי הקדוש ברוך הוא לזכאה לך ואכריזו עלך זמין הוא רבי יוסי לסלקא רוחיה ולאתקשרא בחד אידרא קדישא דזמין חברייא לאתערא תמן והא אתקינו תלת כורסייא דקיימין לך ולחברך מההוא יומא הוי משגיחין ביה בני נשא ונתנו לו כדי צרכו ותו מסכנא אחרא אעבר קמיה דר"י והוי בידיה פלג מעה כסף אמר ליה רבי יצחק היאך אשלים נפשייכו דהא לא אשתכח גבאי רק פלג מעה אמר ליה האי מסכנא הא אשלימות בפלגא אחרא דאית לי אפקיה ויהיב ליה אתחזיאו לרבי יצחק בחלמא דהוא אעבר בשפתא דימא רבא ובעאן למשדיה בגוואה ויהיב ידיה לרשב"י דהוא אושיט ידוי לקבליה ואתי האי מסכנא ואפיק יתיה ואשתזיב כד אתער נפל בפומיה האי קרא אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' הרי לך כמה אזהרות שצריכין להזהר בעניים ובפרט גבאי צדקה צריכין לראות לקנות חיטים ולטחון ולשלוח הקמח לעניים שאז הנאתן קרובה ויותר שכר יש להגבאים כששולחים קמח ובשר לעניים

איין ארום מאן · אונ נאך האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט אלע מענטשין פון דער וועלט ווערין גוויזין פאר גאט מיט דעם גוף אונ מיט דער נשמה · אונ דער ארום מאן ווערט נאר גוויזין מיט זיין נשמה אליין · אונ גאט ב"ה גינעהנט דיא נשמה בעסר · איין ארום מאן איז גיוועזן איין שכן בייא רבי יוסי · אונ קיינער האט אויף אים קיין השגחה ניט גיגעבן · אונ ער איז גיוועזן אגרוישר ביישן · איין טאג איז דער ארום מאן שלאף גיווארין מחמת גרויש דוחק איז רבי יוסי ארין גיגאנגען צוא אים מבקר חולה זיין · האט ער גיהערט איין בת קול האט גיזאגט טילקא טילקא דאש איז טייטש דאש עניות איז גלייך וויא איין ראד וואש דרייט זיך ארום כלומר דאש עשירות בלייבט ניט תמיד אויף איין ארט · נאר אמאל איז איינר רייך אונ אמאל ווערט ער ארום · דער נאך האט ער ווידר גיהערט איין בת קול האט גיזאגט · דיא נשמה פליהט צוא מיר אונ עש האט נאך ניט גיגרייכט דיא צייט · נאר ער שטארבט מחמת דוחק · וויא איז צוא דיא מענטשין וואש עש ווערט צווישין זייא ניט גיפונען אזעלכער וואש זאל אים דער קוויקין זיין נשמה זאל ווידער קערין צוא אים · דערנאך האט רבי יוסי ארין גיווארפן אין זיין מויל פייגן וואסיר אונ נאך פיל קרייטיכער פון רפואות וואש זייא זיינן גורם דער חולה זאל שוויצן אונ זאל גיהיילט ווערין האט דער חולה גשוויצט אונ איז גזונד גיווארין · דר נאך האט דער ארום מאן גיזאגט צוא רבי יוסי מיין ליבער רבי מיין נשמה איז פון מיר ארויש גיגאנגן אונ איך האב שוין גיוואלט דארטין זיין נאר גאט ב"ה האט גיוואלט דיך מזכה זיין דורך מיר · דרום האט מען מיר מיין נשמה צוא ריק גיגעבן · פון דעם טאג אן האט מען שוין אויף דעם ארום מאן השגחה גיגעבן אונ מען האט אים גגעבן זיין בדערפניש אמאל איז רבי יצחק גיגאנגן אויף דעם מארק האט אים בגעגינט איין ארום מאן אונ האט אים גיבעטין ער זאל אים עפיש געבין ער זאל האבין מיט עפיש צוא דר נערין זיך מיט ווייב אונ קינדר האט ר"י צו אים גזאגט מיט וואש קען איך איך דר נערין אז איך האב מיין ניט נאר איין האלבין זעקס · האט דר ארומאן גיזאגט איך האב אויך אהאלבין זעקסער אונ מיט אייערין וועל איך שוין האבין אגאנצין זעקסער וועל איך שוין האבין אונז מיט עפיש צו דער נערין · האט ר"י אים גיגעבין זיין האלבין זעקסר · בייא נאכט האט זיך גיחלמט צו ר"י אז ער גייט איבר דעם ים אונ האט גיזאלט דר טרונקן ווערין האט ער גיוואלט געבין זיין האנט צוא רשב"י ער זאל אים מציל זיין איז גיקומן דער ארומאן אונ האט אים מציל גוועזן · אז ער האט זיך אויף גיחאפט איז ארייין גיפאלין אין זיין מויל דער פסוק אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' וזאול דעם וואש גיט אכטונג אויף איין ארום מאן אונ בזכות זה אז עש וועט קומן ח"ו איין צרה

אויף

וכדמצינו באבא חלקיה בגמרא דמסכת תענית דהוי צריכין עלמא למטרא שדרו רבנן לגביה אמר לדביתהו סליק לאגרא למבעי רחמי אפשר שיתרצה הקב״ה ואתי מטרא ולא נחזיק טיבותא לנפשאין סליקו לאיגרא קם איהו בחדא זוית ודביתהו בחדא זוית ובעי רחמי סלק קדים ענגא מזוית דדביתהו ובאותו הפעם אתו רבנן לבקש לו שיתפלל על מיטרא וכי נחית מאיגרא אמרו ידענו דמיטרא מחמת מר הוא דאתא אכן מאי טעמא קדים סליק ענגא מזוית דדביתהו דמר הוית עומדת אמר להו משום דאיתתא שכיחא במתא ובביתא ומקרב הנייתא לעני (ופירש רש״י דמקרב הנייתא כו׳ שהיא נותנת לעני לחם וקטניות וכיוצא בהן כדי שלא יהיה לעני טורח בהם אבל אבא חלקיה היה נותן להם מעות) הרי לך שכל כמה דנותנין לעני מעות אין זכותו גדול כל כך כשהוא נותן לעני לחם ובשר ויין כדי שלא יהיה טורח לקנות ויהיה מקרב הנאתו על כן מנהג הטוב לחלק קמח לעניים ואף שהטורח הוא יותר על הגבאים בשביל כן השכר יותר והלא כבר אמרו רז״ל ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד אלו הגבאי צדקה והנראה לפי שכלי למה נמשלו הגבאי צדקה לכוכבים כי ענין הכוכבים הוא להאיר בלילה ולא ביום כי שרגא בטיהרא לא מהני וכן הגבאים מיוחדים להאיר במקומות האפילות וזהו מקום העניות ודלות ובאותן המקומות יראו הגבאים ליתן אור והשגחה בשימת עין ובעין פקוחה לטוב באיך מה לעשות ואשרי הגבאי צדקה שעוסקין עצמן בעסק מצוה רבה לקנות חיטים המובחר והטוב כי חלק עניים הוא חלק גבוה וזהו הסוד וכל מבחר נדריכם אשר תדרו לה׳ (ופרש״י פ׳ ראה מלמד שיתן להעניים חלק המובחר כי חלק העני הוא חלק ה׳ וכמ״ש כמה פעמים בפרקים הקודמים עיין שם והנה ראיתי מכשול גדול במדינות פולין בין הגבאים מחזיק חודש א׳ מדי חודש בחדשו יש גבאי אחר ובהגיע חודש ניסן וחודש תשרי אשר צרכי העניים הם מרובים מוציאים שארי הגבאים את ראשם מעסק הגבאות ואומרים להעניים הבאים לפניהם מה לכם אלי הלא יש גבאי החודש לפניך ועליו הוא מוטל לצאת ידי חובתו בחודש זה והעושה כן הוא מכוער מאוד והלא על כל הגבאים הדבר מוטל לעבוד עבודת הקודש בכס״ף ישאו ומה יעשה הגבאי חודש לפעמים אין יכולת בידו להלוות מכיסו למעות צדקה ואין לו שום מעות בכים של צדקה וא״כ הרי זו עבודת הקודש הוא נחשב כעבודת המלך המוטל על איש דבר יום ביומו ושבת בשבתו וחודש בחדשו ואין אותו איש יכול לומר הרי פטור אני בחודש זה ועלי המלאכה לגמור בחדש אחר ולמה יעשה כן ח״ו בעבודת מלך מלכי המלכים הקב״ה

או ה׳ דר וועלט וועט אים גאט ב״ה פון איר אנטרינן · דוא האסט פיל אזהרות וויא מען סוז נזהר זיין אין דיא ארעמע לייט אויף זייא השגחה צוא געבין · אונ בפרט דער גבאי צדקה דארף קויפן ווייץ אונ מאלין עש : אונ דאש צו שיקן די ארעמע לייט · דען עש איז מער מצוה · אונ דר גבאי האט מער שכר אז ער גיט צוא די ארעמע לייט מעל אונ פלייש איידר ער גיט זייא געלט · אונ מיר דאכט צוא זיין אז דרום זיינן די גבאים גיגליכן גיווארין צו די שטערין דען דער סדר פון דיא שטערין איז צו לייכטן ביא נאכט אונ ניט ביא טאג · ווארום וואש העלפט דאש ליכט ביא טאג · אזו אויך די גבאים זיינן מיוחד צוא לייכטן אין דיא פינסטרע ערטר · אונ דאש איז אין דעם ארט וואו עש איז דלות דארפין די גבאים השגחה געבין דארטין ליכטיג צוא מאכין דורך דער צדקה · אונ וואול דעם גבאי וואש ער איז אליין עוסק אין דער גרויסר מצוה צו קויפן די בעסטע ווייץ פון דיא ארעמע לייט וועגין · ווארום דר חלק וואש מען גיט צוא דיא ארעמע לייט איז דאש דער חלק פון גאט אונ נון איך האב גזעהן אין דר מדינה פון פולין איין מכשול צווישן די גבאים · דאש איטליכר איז איין גבאי איין חודש אונ אז עש קומט דר חודש ניסן אונ דער חודש תשרי וואש דאש בדערפניש פון דיא ארעמע לייט איז דענמאלט זייער פיל · נעמן די גבאים זיך ארויש דער פון אונ זאגין צוא דיא ארעמע לייט וואש האט איר צוא אונז גייט אייך צוא דעם גבאי חודש · אונ אויף אים איז מוטל ער זאל דעם דאזיגין חודש יוצא זיין אנטקעגן אייך · אבר דר וואש טוט אזו איז דאש זייער איין שלעכטר מנהג · דען אויף אלע גבאים איז מוטל זייא זאלן דעם חודש אכטונג געבין אויף דיא ארעמע לייט אונ זאלין זייא העלפין מיט געלט אונ וואש זאל טאן דער גבאי חודש דאש ער האט אמאל קיין יכולת ניט צוא לייען פון זיין געלט אין צדקה אריין · אונ אין דעם כים פון צדקה איז גראד ניט פאר האנדין קיין געלט · דרום מוזן אלע גבאים זיך צוא טוף זאמלן · אונ גוט אכטונג צו געבן

אין

הקב"ה ע"כ צריכין כל הגבאים לעשות אסיפה ולפקוח ולעיין היטב בצרכי העניים ואביונים ובגלל הדבר הזה יברך ה' בכל מעשה ידיהם ויזכו לראות בנין ציון וירושלים אמן כי"ר מ"ו מהרר"י ז"ל :

**פרק צב מאהבת** הקב"ה לישראל צוה לספור תשעה וארבעים יום ממחרת הפסח עד חג השבועות שהוא יום מתן תורה שהוא יום הנ' והטעם הוא מבואר כי כשהיו ישראל בגלות מצרים נשתקעו בקליפה במ"ט שערי טומאה ואלמלי היו ישראל שם עוד יום אחד אחר ט"ו בניסן הרי אנו ובנינו ובני בנינו היינו משועבדים לפרעה· (ב) והקב"ה ברחמיו וברוב חסדיו הוציאנו לחירות ונתן לנו התורה אחר נ' יום דהיינו שהיו ישראל סופרים מ"ט יום חוץ מיום שניתנה בו התורה הקדושה ובכל יום ויום באנו ממדריגה למדריגה במ"ט שערי הקדושה שהן שערי בינה ולכן צוה הקדוש ברוך הוא לספור לנו שבעה שבועות כדין אשה נדה שספרה ז' ימי נקיים לנדתה ואח"כ היא טהורה לבעלה· (ג) כן היו ישראל במדבר שהיה להן דין טומאת הנדה מקליפות מצרים היו מוכרחים לספור שבעה שבועות תמימות ואיתא במדרש רבה כל מקום שנאמר תמים או תמימים השלים למדת שבועות שבעה שהן מ"ט יום וג' ימים קודם מתן תורה היה מצות הגבלה והיו ישראל מטהרין את עצמן כמו אשה המטהרת לבעלה אחר עת נדתה וביום החמשים זכו ישראל להכנס בשער החמשים של שערי בינה ושער החמשים נקרא עץ החיים אשר בתוך הגן ואף כי יש ב' דעות פלוגתא ר"א ור"י אי בניסן נברא העולם אי בתשרי נברא העולם ובין למר ובין למר ס"ל דבפועל בניסן נברא העולם ומתחילין אנו למנות החדשים מן ר"ח ניסן שהוא ראש לחדשים וא"כ פסח הוא חג הראשון וחג השבועות הוא חג האמצעי וחג הסוכות הוא חג האחרון· (ד) וא"כ לכן נקרא שבועות עץ החיים שבתוך הגן לפי שהוא אמצעי וחג השבועות הוא שבחא דא ושבחא דכולה ולכן ניתנה התורה בהאי יומא דוקא כיון דתורה נקראת עץ החיים שבתוך הגן ולכן נ"ל דעל זה כתוב בזוהר פ' אמור וז"ל וביום הבכורים בהקריבכם מנחה חדשה לה' בשבועותיכם מקרא קודש יהיה לכם ר"ש פתח אז ירננו כל עצי היער לפני ה' כי בא לשפוט את הארץ וקשה לכאורה למה דרש רשב"י המקרא הזה כאן ונ"ל דשפיר דרש רשב"י אז ירננו כל עצי היער דכל עצי

אין דעם בדערפנש פון דיא ארמע לייט אונ דורך דעם וועט גאט ב"ה זייא בענטשן אין אלע זייערע ווערק· אונ זייא וועלין זוכה זיין צוא זעהן דעם בנין פון ציון אונ ירושלים אמן כן יהי רצון :

**פרק צב** מאהבת וייל גאט ב"ה האט ליב ישראל האט ער זייא גיבאטן צו ציילין ניין אונ פערציג טאג פון דעם אנדרין טאג פסח ביז שבועות וואש דענמאלט האט מען גגעבן דיא תורה וואש דאש איז דער פופציגטער טאג· אונ דער טעם דער פון איז וייל אז די ישראל זיין גיוועןאין גלות מצרים· זיינן זיי פאר זונקן גיווארן אין דר קליפה אין ניין אונ פערציג שערי טומאה· אונ ווען דיא ישראל זאלין דארט גיוועןזיין נאך איין טאג וואלטין זייא אריין ח"ו אין דעם פופציגטן שער הטומאה· וואלטן מיר מיט אונזרע קינדר אונ קינדש קינדער גוועןקנעכט אין מצרים : (ב) אונ גאט ב"ה מיט זיין גרויש רחמנות אונ זיינע חסדים האט ער אונז ארויש גצויגן פון דארטן אונ האט אונז גיגעבין דיא תורה נאך פופציג טאג דהיינו ער האט אונז גיהייסן ציילן ניין אונ פערציג טעג אונ איטליכן טאג האט ער אונז אריין גבראכט אין איין שער הקדושה· ביז דעם פופצגטן טאג דאש איז יו"ט פון שבועות האט ער אונז די תורה געבן אונ דרום האט גאט ב"ה אונז גהייסן ציילין זיבן וואכין אזו וויא דער דין פון איין נדה וואש זיא דארף ציילן זיבן ריינע טעג אונ דער נאך ווערט זיא ערשט טהור צוא איר מאן : (ג) אזו אויך די ישראל האבין גיהאט דעם דין פון טומאת הנדה דאש זייא זיינן טמא גיווארין אין דיא קליפות פון דיא מצרים דרום האבין זייא גימוזט ציילן זיבן וואכין זייא זאלין זיך אין זייא ריינגן כדי זייא זאלין זיין בקדושה ובטהרה אויף חג השבועות אונ מקבל צו זיין דיא תורה· אונ אין דעם פופצגטין טאג דאש איז חג השבועות· האבן דיא ישראל זוכה גוועןאריין צו גיין אין דעם פופצגטין שער פון די שערי בינה· אונ דר שער ווערט גירופן עץ החיים שבתוך הגן דען אזו וויא דעם עץ החיים האט גאט ב"ה גיפלאנצט אין מיטן דעם גן עדן : (ד) אזו אויך דער חג השבועות איז דער מיטלסטר יו"ט דען פסח איז דער ערשטער יו"ט אונ סוכות איז דער הינטרשטר אונ שבועות איז דער מיטלסטער יו"ט· דרום האט אונז גאט ב"ה דענמאלט דיא תורה גיגעבן· אונ דרום איז שבועות איין טאג מרמז צו זיין אז גאט ב"ה איז אייגר אונ דיא ישראל

חיער הלבנון נקשרים בעץ החיים שבתוך הגן וכמש״ל והנה הקב״ה רצה להראות חיבתן של ישראל והאכילנו את המן במדבר כמש״ה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים וצוה אותנו להקריב שעורים לקרבן בחג השבועות זכאה חולקיהון דישראל דקב״ה בדיק בקרבן שעורים כדין סוטה שהביאה קרבנה מאכל בהמה כך צוה הקב״ה להביא קרבן שעורים אבל האי שעתא אקדימו ישראל נעשה לנשמע ואשתכחו כולן זכאין כד״א כולך יפה רעיתי ומום אין בך ואתמר עלייהו אשת חיל מי ימצא ואשת חיל היא עטרת בעלה ולכן קרא הזוהר המנחה חדשה מנחת קנאות ולכן נקראת מנחה חדשה חידושה שנעשו ישראל בריה חדשה ביום מתן תורה כאשה סוטה והיא טהורה דהיא נקתה ונזרעה זרע וטהורה היא כך היו ישראל טהורין אחר מעשה הקרבן של חג השבועות ולכן חג השבועות יום אחד לרמז שהקב״ה הוא אחד וישראל היו גוי אחד בארץ ישראל לרמז שישראל תלויין באחדותו לרמז על עץ החיים המיוחד לכולא אילני דגן עדן לקשרם ביחודא שלים׃ (ה) ולכן כתיב בזוהר פ׳ אמור וז״ל וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה כד הוו ישראל במצרים הוו ברשותא אחרא והוו אחידו במסאבותא באיתתא דא דיתבת ביומי דמסאבותא בתר דאיתגזרו במצרים אעלו בחולקא דקדושה דאתקס ברית ופסיק מינייהו מסאבותא כהדא איתתא דפסקא מינה סאובתא בתר דאתפסקו מנייהו מה כתיב וספרתם לכם ממחרת וגו׳ כמ״ש גבי אשה וספרה לה שבעת ימים כך אמר הקב״ה לישראל מכאן ולהלאה חושבנא וספרתם לכם דייקא לעצמכם כדי שיהיו תמימות בטהרה הני מ״ט יומי נגד מ״ט שערים דהוו ישראל בטומאה במסאבותא דעבודת כוכבים של מצרים׃ (ו) וביום החמשים פסקה מישראל זוהמתן ונכנסו לשער נ׳ שהוא סוד נ׳ שערי בינה והיו כולן טהורים והאי יומא שהוא יום חמשים הוה יום קדוש וטהור ובו ביום יצאו ישראל לחירות מן מלאך המות על כן ראוי ונכון לכל איש הירא וחרד לדבר ה׳ שילמוד כל הלילה של חג השבועות כפי תיקון שחברו תלמידי האר״י ז״ל ויעסקו בתורה ובנביאים ובמשניות וקצת מאמרי הזוהר׃ (ז) ויש נוהגים לעשות התיקון בשני לילות של שבועות ואשרי האיש אשר יעשה כזאת ובאתערותא דלתתא הוא מעורר קדושת עליון לאתחברא יחוד עליון בשפע גדול ובזכות זה ישפיע הקב״ה גם כן עלינו אור חדש ונזכה כולנו לאורו אמן׃

**פרק צג אמר** רבי יוחנן אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעוה״ז שנאמר אז ימלא שחוק פינו אמרו

זיינן איין פאלק אין דעם לאנד ארץ ישראל דאש איז מרמז אז דיא ישראל היינגן אין זיין איינקייט׃ (ח) אונ דרום שרייבט דר זוהר׳ אז די ישראל זיינן גיוועזן אין מצרים זיינן זייא גיוועזן אין איין אנדר רשות׳ אונ זיינן גיוועזן בגריפט אין דר טומאה אזו וויא איין אשה וואש זיא זיצט אין אירי טמא טעג׳ נאך דעם אז זיי האבן זיך מל גיוועזן אין מצרים׳ זיינן זיי ארײן גיגאנגן אין דעם חלק פון דער קדושה וואש עש ווערט גירופין ברית׳ אונ דיא טומאה האט זיך אפ גינומן פון זייא׳ שטייט דער נאך וספרתם לכם ממחרת השבת אונ איר זאלט אן הייבין צוא ציילין פון דעם אנדערן טאג פסח ניין אונ פערציג טעג׳ אזו וויא איין אשה דארף ציילן זיבן ריינע טעג׳ אזוא אויך האט גאט ב״ה גיזאגט צוא די ישראל פון היינט אן אונ ווייטר זאלט איר אן הייבין צוא חשבונן דיא ניין אונ פערציג טעג׳ פון וועגין איר זאלט זיין גאנץ אין דעם ריינקייט׳ דיא ניין אונ פערציג טעג זיינן קעגין דיא ניין אונ פערציג שערים וואש דיא ישראל זיינען גיוועזן אין דר טומאה פון מצרים׳ זיינען זייא אין דיא ניין אונ פערציג טעג ארויש גיגאנגען פון דער טומאה אונ זיינן ארײן גיגאנגען אין דיא ניין אונ פערציג שערי בינה׳ (ו) אונ אין דעם פופציגסטין טאג האט ער פון דיא ישראל אפ גינומן זייער זוהמא׳ אונ זיינען ארײן גיגאנגען אין דעם פופציגסטן שער הבינה ארײן׳ זיינען זייא שוין אלע גיוועזן ריין אונ אין דעם פופציגסטען טאג וואש ער איז איין הייליגר אונ איין ריינר טאג׳ זיינן דיא ישראל פרייא ארויש גיגאנגן פון דעם מלאך המות׳ דרום איז רעכט צוא איטליכן מענטש וואש פארכט זיך פאר גאט ער זאל לערנן דיא נאכט פון שבועות אזוא וויא דער הרב האר״י ז״ל האט מתקן גיוועזן עש שטייט שוין היינט גידרוקט אין דעם תיקון ליל שבועות׃ (ז) אונ אטייל זיינן זיך נוהג דעם תיקון צוא טאן אין ביידע נעכט פון שבועות׳ אונ וואול דעם מענטשין וואש טוט אזו׳ אונ בזכות זה ווערט גאט ב״ה אויף אונז משפיע זיין איין נייע ליכט אונ מיר ווערין אלע זוכה זיין צוא זיין ליכט אמן׃

**פרק צג** ר׳ יוחנן האט גזאגט איין מענטש טאר ניט לאכין מיט דעם פולין מויל דען עש שטייט אין פסוק אז ימלא שחוק פינו אז דער גואל צדק וועט קומן דענסאלט

עליו על ר"ש בן לקיש שלא מלא שחוק פיו מכי שמעה מר' יוחנן רביה · (ב) והענין הוא השי' ברא באדם לב וכבד וטחול הלב הוא למעלה והכבד מתחתיו באמצע מצד ימין והטחול מתחתיו מצד שמאל והטח"ל היא מרמזת על לילי"ת הרשעה והלב מרמזת על ישראל וע"כ לא נטלה כל כך דמים כי אם הברור והזך דם טהור מבחין בין דם לדם בין דם נדה לדם טהור משא"כ הכבד שואב לגביה כל דם ואינו מבחין בין דם לדם והכבד הוא תמיד בכעס' (ג) וע"כ אמרו ר"ז"ל כל הכועס כאילו עובד עבודת כוכבים כי כבר כתבתי כי הכעס הוא מצד הכבד שהוא כח של סמא"ל והטחול הוא מצד לילי"ת שדרכה להתראות לבני אדם בלילה בחלום ובהקיץ כדמות אשה עד שגורמת לקרי ולכן הטחול שוחק ובהיות שבית המקדש היה קים אזי היה מאיר לישראל שני אורות משני עולמות העליונים שעליהם נאמר יהי **אור** ויהי **אור** ומשורש העולמות האלו הן נשמות האמהות רחל ולאה אשר בנו שתיהן בית ישראל ובם היו מכניעים את הסמא"ל וזוגתו לילי"ת שלא היה להם שליטה לעשות רע לישראל ושני פעמים **אור** גימטריא **שחוק** משא"כ כיון שנחרב הבית גרמו העונות שהאורות של מעלה נסתלקו ואז גברו שתי הקליפות הנזכרים ולכן אין שמחה ושחוק בעוה"ז וכשיבא משיחנו אז ימלא שחו"ק פינו ומכאן צריך האדם לדעת איך לרצות הבורא יתברך שלא להראות שום פנים שוחקות עכשיו בשעת חורבן כי אסור לנו לשחוק ואם האדם אינו נזהר בזה אזי הוא נותן כח להטחול לשחוק ומתגברין הב' קליפות הנ"ל · (ד) ולא מילוי שחוק לבד אסור אלא גם שאר שמחות שאינן של מצוה הוא אסור ואפי' שמחה של מצוה אין להרבות בה כלל וכמבואר בדברי רז"ל ראה מ"ש הזוהר פ' תזריע ר' חייא ור' יוסי אזלי באורחא כד מטו חד חקל חמו חד דפטרא דקיטפא (פי' עץ של אפרסמון שהיה בדרך לצד ימין) א"ר יוסי עטיפא עטיפא דקיטרא לעיני שכיח (ופי' כיסוי עשן של שריפת אש חורבן בית המקדש שכיח לפני עיני צדיקים הזוכרים תמיד על חורבן בית המקדש) ולכן אין רשות להסתכל בשום שמחה מיום שנחרב הבית המקדש ראה כמה גודל חיוב להתאבל על חורבן בית המקדש ועל שפיכת דמן של ישראל בשעת החורבן וצריך אדם לומר על נהרות בבל ולשפוך דמעות על חורבן בהמ"ק ושיר מזמור לאסף סימן פ"ג בתהלים על הריגת הצדיקים בשעת חורבן כי שערי דמעות לא ננעלו ואין נמחקים לעולם ויש ברקיע ממונה אחד שמקבל אותן דמעות והוא ג"כ ממונה על התפלות של ישראל שהן בדמעות והוא מלאך מן שרי האופנים ושמו (ירחמיא"ל) והוא שולט על שש מאות חזות ואינון

וועט דער פילט ווערין אונזר מויל מיט גילעכטרי די חכמים האבן גיזאגט אויף ריש לקיש אז זינט ער האט עש גיהערט פון זיין רבי ר' יוחנן האט ער ניט דער פילט זיין מויל מיט גילעכטר: (ב) אונ דר ענין איז דען גאט ב"ה האט בשאפן אין דעם מענטשן דאש הארץ אונ דיא לעבר אונ דיא מילץ דאש הארץ איז פון אויבן אונ דיא לעבר איז אין מיטן אין דער רעכטר זייט אונ דיא מילץ איז אונטר אים פון דער לינקר זייט · אונ דיא מילץ איז מרמז אויף דיא לילית הרשעה וואש איר סדר איז צוא בווייזן זיך פאר די מענטשן ביי נאכט אין חלום אזו וויא דאש גישטאלט פון איין אשה ביז זיא ברייננט אים צוא קרי אונ דרום לאכט תמיד דיא מילץ אונ דאש הארץ איז מרמז אויף דיא ישראל אונ דרום האט דאש הארץ ניט גנומן אזו פיל בלוט וויא די לעבר נאר דאש ריינע אונ לויטרע בלוט דאש ער איז מבחין צווישן דם נדה אונ צווישן ריין בלוט אבר די לעבר שעפט צו זיך נאר דאש בלוט אונ דיא לעבער איז תמיד צארינדיג: (ג) דרום האבן אונזרע חכמים ז"ל גזאגט איטליכר וואש צארינט איז גליך וויא ער דינט די עבודת כוכבים דען דר כעס איז פון דעם לעבר וואש זיא איז דר כח פון דעם (סם) אונ אז דאש בהמ"ק איז גשטאנן האט דענמאלט גלייכט צו דיא ישראל צוויא ליכט פון דיא צוויא אויברשטע עולמות וואש אויף זייא ווערט גיזאגט יהי אור ויהי אור אונ צווייא מאל אור טרעפט אן שחוק אבר אז דאש בהמ"ק איז חרוב גיווארן האבן דיא עבירות גורם גיוועזן אז דיא אויברשטע ליכט זיינן נסתלק גווארן אונ דענמאלט האבן זיך גשטארקט די דאזיגע צווייא קליפות דר (סם) מיט די לילית אונ דרום דארפן מיר ניט לאבן אונ ניט פרייען זיך אויף דר וועלט · אונ אז משיח וועט קומן דענמאלט וועט דער פילט ווערין אונזר מויל מיט פרייר אונ אז דר מענטש איז ניט נזהר דרינן גיט ער איין כח צו דער מילץ אונ עש ווערן גשטארקט דיא צוויי קליפות וואש פריער שטייען · (ד) אונ אויך די שמחות וואש איז ניט פון איין מצוה איז אויך אסור · אונ אפילו אין איין שמחה של מצוה גיהער מען אויך ניט איברינג צו מערן שמחה דר כלל איז דאש תמיד מוז דר מענטש זיך דר וועקן

סיט

ואינון דמעין אחרינין והוא אותן דמעות הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון ואינון דמעין דישדון על זכאין כד מסתלקין מעלמין כלהון נטלי לון רתיכין עלאין ומערבי לון באינון דמעין דאושדן על חורבן בהמ"ק ועל דא כתיב ומחה ה' דמעה מעל כל פנים אינון פנים אינון אלין רתיכין קדישין עלאין ובתר כן וחרפת עמו יסיר מעל כל הארץ כי ה' דבר · הכלל כי תדיר צריך האדם להתעורר בלב מר על גלות השכינה כביכול ולהתאנח ולשום אל לבו כי בהיותנו על אדמתנו והשכינה היתה שורה בין הכרובים היינו מקבלים הארה בכל יום והיו ישראל נקראים עם קדוש לה' והיינו קרובים אל השכינה ואל הקדושה והקליפות היו נחבאים ודחופים בעמקי תהום. מה שאין כן עכשיו ישראל הם מפוזרים בכל פינות וקצוות הארץ · (ה) והלילי"ת היא חייכת ושוחקת ויש לה הנאה גדולה אשר ממ"ש מקוים בנו כי שחה לעפר נפשנו ואיך לא ישים אדם אל לבו כל מי שיראת אלהים נוגע בלבו לכוין בתפלתו במקומות השייכים לגאולת ישראל שיגאלנו הקב"ה למען שכינת כבודו · (ו) וקבלה אמיתית היא בידי כל מי שבלבו תדיר צער על גלות השכינה כביכול זוכה לכתר תורה ודע מ"ש האר"י ז"ל על מהור"ר אברהם הלוי שחבר התיקוני שבת שהיתה דירתו בצפת תוב"ב ובכל חצות לילה קם וסיבב כל הרחובות של יהודים ונתן קולו בקול מר ואמר אחינו בית ישראל הלא ידוע לכם שהשכינה היא בעו"ה בגלות כביכול ובית מקדשנו היה לשריפת אש · (ז) קומו ונצעק אל אלהינו שהוא מלך רחום וחנון אולי ישמע ה' את קול תפלתנו וירחם את עמו שארית פליטת ישראל והיה החסיד צועק ולא נתן מנוחה לכל בני העיר והיו קמים כולן בשעה הדא לבתי מדרשים והיו אומרים התיקון חצות ואח"כ היו לומדין איש איש כפי השגתו יש מהן היו עוסקים בדברי קבלה ובזוהר ויש מהן היו עוסקים בגמרא ובמשניות ויש מהן היו עוסקים בתורה ונביאים וכתובים ואח"כ היו אומרים פזמונים ובקשות עד אור היום והיה מעורר רחמים והרב האר"י ז"ל היה מפליג בחסידותו ואמר עליו על החסיד ר' אברהם הלוי ז"ל שהוא היה גלגול של ירמיהו הנביא · (ח) ופעם אחת אמר לו האר"י ז"ל דע כי שלמו ימיך והגיעו ימיך למות אם לא שתעשה תקנה אחת שאלמדך ואם תעשה אותה תקנה אזי תחיה עוד כ"ב שנים וזו היא התקנה שלך שתלך

מיט איין ביטר הארץ אויף דעם גלות השכינה כביכול אונ צו זיפצן אונ צו טאן אויף זיין הארץ אז מיר זיינן גיוועזן אין ארץ ישראל · אונ די שכינה האט גרואט צווישן די כרובים האבן מיר אלע טאג מקבל גיוועזן איין ליכטקייט אונ מיר זיינן גוועזן נאהנט צו דער שכינה הקדושה אונ די קליפות זיינען גוועזן בהאלטן אונ פר שטוסן אין דעם טיפניש פון דם תהום · אבר אצונד זיינן די ישראל פר שפרייט אין אלע ווינקלן פון דר וועלט: (ה) אונ די לילית לאכט אונ פרייט זיך אונ האט גרויש הנאה דר פון · דאש אויף אונז איז ממש מקוים דר פסוק כי שחה לעפר נפשנו דען אונזר לייב איז איין גיבוגן ביז צו דר ערד דרום דארף דר מענטש טאן זיין הארץ דש אין די ערטער פון די תפלה וואש דארטין שמועסט פון גאולת ישראל זאל ער מכוין זיין צו בעטן אז גאט ב"ה זא"ל אונז אויש לייזין פון וועגין זיין היילינער שכינה · (ו) אונ איך האב בקבלה אז דער וואש האט אין זיין הארץ תמיד צער אויף גלות השכינה כביכול דר איז זוכה צו איין כתר תורה · אונ דר רבי אברהם הלוי וואש האט מחבר גוועזן דעם תיקון שבת פלעגט ער האלבע נאכט ארום גיין אין אלע גאסן פון דיא יהודים אונ האט גשריען מיט אביטר קול אונ האט גיזאגט אונזערע ברידר בית ישראל · פאר וואר איר ווייסט דאך אז די שכינה איז אין גלות כביכול איבר אונזערע זינד · אונ אונזער בית המקדש איז פאר ברענט גווארן · אונ איר ליגט אויף אייער בעט אונ שלאפט · (ז) שטייט אויף אונ לאמיר שרייען צו אונזר גאט וואש ער איז איין דר בארמיגר גאט · דען טאמער וועט גאט ב"ה צוא הערין דאש קול פון אונזר תפלה אונ ער וועט מרחם זיין זיין פאלק דאש איבער בלייבונג פון די ישראל · אונ דר חסיד רבי אברהם פלעגט שרייען אונ פלעגט ניט לאזין קיין רוא צוא אלע שטאט לייט · אונ זיי פלעגין אלע אויף שטיין אין איין שעה אונ פלעגין גיין אין בית המדרש אריין אונ פלעגין זאגין דעם תיקון חצות · אונ דער נאך פלעגין זייא לערנן איטליכער מענטש נאך זיין השגה נאך · אונ דר הרב האר"י ז"ל האט אויף אים גיזאגט אז ער איז איין גילגול פון ירמיה הנביא: (ח) איין מאל האט דר האר"י אים גיזאגט זאלסט ווישן אז דיינע טעג האבין זיך שוין אויש גלאזט אונ עש האט גנרייכט דיינע טעג צו שטארבן נאר סיידין אז דוא וועסט טאן איין תקנה וואש איך וועל דיך לערנן וועסטו נאך לעבין צוויי אונ צוואנציג יאר · אונ דאש איז די תקנה דו זאלסט גיין

קיין

לירושלים ושם תלך להתפלל לפני הכותל מערבי ותשפוך תחינתך ותזכה לראות השכינה ואז הלך החסיד לביתו וסגר עצמו ג׳ ימים וג׳ לילות בתענית שק ואפר ואח״כ הלך החסיד לירושלים ובא לפני כותל המערבי בתפלה ובתחנונים בבכיה גדולה ואח״כ ראה על גבי הכותל צורה דוגמת אשה מלובשת שחורים ותיכף מרוב פחד נפל על פניו ארצה והיה צועק ובוכה בבכי גדול ואמר אוי לי אוי שראיתיך בכך אוי אהה על נפשי והיה מאריך בבכיות וזעקות והיה ממרט בשערות ראשו עד שנתעלף ויירדם׳ (ט) ואז ראה בחלום שבא אליו רוח הקודש בבגדים נאים ואמר התנחם בני אברהם כי יש תקוה לאחריתך וישובו הבנים לגבולם כי אשיב את שבותם ורחמתי אותם וייקץ וישא את רגליו וחזר לצפת ובא אל האריי ז״ל ותיכף אמר האריי ז״ל אני רואה בך שזכית לראות פני השכינה ומעתה תהיה בטוח שתחיה עוד כ״ב שנים וכן היה שהחסיד חיה אחר זה המעשה כ״ב שנים ומהחסיד הנ״ל יראה כל אדם לעשות כן לקום בחצי הלילה או קודם אור הבוקר להתאבל על חורבן בהמ״ק ואחד המרבה וא׳ הממעיט ובלבד שיכוין לבו לש״ש ולא יעשה זאת שיתפאר בפני הבריות כדי שישבחו אותו הבריות ולא די שאינו מקבל שכר ע״ז אלא אפילו מקבל עונש גדול מי שאינו מכוין לש״ש אבל מי שכוונתו היא לש״ש אזי עליו הכתוב הוא אומר שומר מצוה לא ידע דבר רע ויזכה לראות בבנין ציון וירושלים אמן מ״ז מהר״י ז״ל :

פרק צד **כתיב** כה אמר ה׳ למענכם שלחתי בבלה והורדתי בריחים בפסוק זה נתנבא גודל אהבת הקדוש ברוך הוא לישראל שהשתתף בצרתן וירד עמהם לגלות כביכול וכמו שהיו במצרים דכתיב הבאים מצרימה את יעקב את לרבות השכינה ובסוד שאמר הקדוש ברוך הוא ליעקב אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך וגו׳ ובגלות בבל כתיב למענכם שלחתי בבלה ובכל צרתם לו צר׳ (ב) ובזוהר איתא ארשב״י מאן דמרגיל עצמו בצערא דשכינתא אע״ג דבא עליו צערא יסבול משאוי הזה ולא חייש אבל מאן דלא מרגיל עצמו בצערא דשכינתא. וצערא דישראל רק כל יומין הוא בתפנוקין ועידונין

קיין ירושלים׳ אונ דארט זאלסטו גיין מתפלל זיין פר דר כותל מערבי אונ זאלסט דארטין פיל תפלה טאן אונ וועסט זוכה זיין צו זעהן די שכינה׳ איז דר חסיד גנאנגן אהיים אונ האט זיך פר שלאסן אין איין בזונדר הדר׳ אונ האט גפאסט דריי מעת לעת׳ דר נאך איז דר חסיד גנאנגן קיין ירושלים׳ אונ איז גקומן פר דר כותל מערבי מיט תפלות אונ גיבעט מיט גרויש גוויין׳ דר נאך האט ער גיזעהן אויף דר וואנט איין גישטאלט פון איין אשה וואש זיא איז אן גקלייט אין שווארצע קליידר אונ מחמת זיין פיל פחד איז ער תיכף גיפאלן אויף זיין פנים אונ האט גשריען אונ גיוויינט מיט גרויש גוויין אונ האט גזאגטווייא גשריען וואש איך האב דיך גזעהן אין אזו איין גשטאלט׳ אונ האט אזו לאנג גיוויינט ביז ער איז מיד גווארן אונ איז אנטשלאפן גווארן : (ט) אונ דערנאך האט ער גזעהן אין חלום אז די רוח קדושה איז צו אים גקומן מיט שיינע קליידר אונ האט גזאגט טרייסט זיך מיין זון אברהם׳ דען עש איז פר האנדן איין האפנונג צו דיין סוף אונ די קינדר וועלין ווידר קערין צו זייער גבול׳ האט ער זיך אויף גחאפט אונ האט זיך אום גקערט קיין צפת אונ איז גקומן צו דעם האריי ז״ל׳ האט דר האריי אים תיכף גזאגט איך זעה אין דיר אז דו האסט זוכה גוועזן צו זעהן די שכינה׳ אונ איצונדר זאלסטו בטוח זיין אז דו וועסט נאך לעבין צוויי אונ צוואנציג יאר׳ אונ אזו איז גוועזן דר חסיד האט נאך דר מעשה גלעבט צוויי אונ צוואנציג יאר׳ אונ אזו גהער איטליכר מענטש צו טאן אויף צו שטיין האלבע נאכט אדר חאטשע פר טאג צו קלאגן אויף דעם חורבן בית המקדש׳ אבר ער דארף דאש טאן לשם שמים דען ווערט ער זוכה זיין צוא זעהן אין דעם בנין פון ציון אונ ירושלים אמן :

פרק צד כתיב עש שטייט אין פסוק כה אמר ה׳ למענכם שלחתי בבלה אזו האט נאט גזאגט פון אייערט וועגן בין איך גשיקט גווארן קיין בבל׳ אין דעם פסוק ווערט בשייד דאש גרויש ליבשאפט וואש גאט ב״ה האט ליב דיא ישראל׳ דאש ער איז משותף אין זייער צער כביכול אונ האט מיט זייא גינדרט קיין גלות בבל : (ב) אונ אין זוהר שטייט רשב״י האט גזאגט דר וואש גוויינט זיך מתאבל צו זיין אויף דעם צער פון דער שכינה כביכול׳ אונ ווען אויף דעם מענטשין קומט אפילו איין צער׳ לייט ער עש אונ זארגט דרויף ניט׳ אבער דער וואש גיוויינט זיך ניט מתאבל זיין אויף דעם צער פון דר שכינה כביכול

ועידונין של העוה"ז כיון דאתיא עליו איזה צער דא איהו צערא שלים ועי"ד איצטריך כל א' למבכי כד ישראל הן בצערא · (ג) והנה בגלות בבל הוי צערא שלים דהוי ישראל בתפנוקין כדכתיב בני ציון היקרים המסולאים בפז וגו' והוו נחתין בגלותא ורחיים על צווארידהון וידיהון מהדקין לאחוריהון וכד הוו אולין בגלותא קרא קב"ה לכל פמליא דיליה ואמר למה בני בגלותא ואתון הכא קומו חותו כולכון ואנא עמכון הה"ד כה אמר ה' למענכם שלחתי בבלה והורדתי בריחים כלם מאן בריחים אלין כל רתיכין ומשריין עילאין וכד נחתו אתפתחו ושריא רוח הקודש על יחזקאל הנביא אמר להו לישראל הא מאריכון הכא וכל חילא שמיא ורתיכוי דאתיא לדור עמכון ולא הימנוהו ישראל עד דאמר להו יחזקאל כל מאי דחמא בנבואה שנאמר ואראה והנה רוח וגו' ארשב"י בהאי שעתא חדו ישראל חדוותא שלמה שראו דקב"ה הוא עמהון עכ"ל ע"ש פ' בראשית והנה בכל דור יש צדיקים שמקבלים עליהם באהבה רבה למסור נפשם על קדושת השם אמר ר' יהודה אלמלי יודעים ישראל חביבותם דישראל דרחים הקב"ה יתהון היו שואגים ככפירים לרדוף אחריו · (ד) ומה מאוד יפה לכל איש להתאבל על חורבן בהמ"ק ולהתפלש על הארץ באפר ועפר ובפרט מיום י"ז בתמוז ואילך שהן ימי האבילות שצריכים אנו להתאבל ומכל שכן ביום של תשעה באב שהוא יום מבוכה ויום צער ובעו"ה ראיתי מכשול גדול ברוב מדינות שבאים אנשים לבהכ"נ ולא די שאין אומרים קינות בבכי ובקול מר אלא עוסקים בשחוק וקלות ראש ושמחים ושוחקים בפה מלא כאילו הן שמחים בשמחת תורה ואין זוכרים אחריתם שיהיה מרה ועונשם יהיה גדול וכל אותן האנשים לא יזכו לראות בנחמות ישראל כשיבא משיחנו ועל הרבנים פרנסי הדור ומנהיגי ישראל הוא מוטל עליהם למחות בידי פושעי ישראל השמחים אל גיל ביום צרה ומבוכה וצריכין לקנום אותם אבל מי שמתאבל תמיד על חורבן בית המקדש ומיצר עצמו בצערן של ישראל יזכה לראות הנחמה בביאת משיחנו לי־ראות

אונ דעם צער פון דיא ישראל · גאר ער טוט זיך תמיד אן גרויסע תענוגים · נוא אז עש קומט אויף אים עפיס איין צער · איז דאש איין גאנצר צער · דרום אז דיא ישראל זיינן ח"ו אין צער מוז איטליכר יהודי דרויף וויינן אונ קלאגן : (ג) אונ נון אין גלות בבל איז גיוועזן איין גאנצר צער · ווארום די ישראל זיינן גיוועזן אין ארץ ישראל אין גרויסע תענוגים · אונ האבין גינידרט אין גלות אריין אונ פיל שטייער איז גיוועזן אויף זייערע העלזער · אונ זייערע הענט זיינן גוועזן אהינטר גיבונדן · האט גאט ב"ה גירופן צו גאר זיין פמליא אונ האט גיזאגט ווארום זיינען מיינע זין אין גלות אונ איר זייט דא : נידרט אלע מיט זייא אונ איך וועל אויך גיין מיט אייך · וויא זיי האבן אראפ גנידרט · האט דר רוח הקודש גירועט אויף יחזקאל הנביא · האט ער גזאגט צו די ישראל · אייער הער איז דא אונ גאר דיא חיילות פון דעם הימל זיינן גיקומן וואונן דא מיט אייך · האבין די ישראל אים ניט גגלייבט ביז יחזקאל האט זייא גיזאגט אלץ וואש ער האט גזעהן בנבואה · האט רשב"י גיזאגט אין דער צייט האבין דיא ישראל זיך גיפרייט אגאנצע פרייד וויל זייא האבין גיזעהן אז גאט ב"ה איז מיט זייא · ר' יהודה האט גיזאגט ווען דיא ישראל זאלין וויסן דאש ליבשאפט וואש גאט ב"ה האט זיי ליב · וואלטן זייא גישריען וויא לייבין נאך צו יאגן נאך אים · (ד) אונ וויא זייער איז גוט צו איטליכן מענטשן צוא קלאגן אויף דעם חורבן ב"ה אונ בפרט פון שבעה עשר בתמוז אן אונ ווייטר וואש זיי זיינן די קלאג טעג · דארפין מיר דענמאלט בוודאי צו קלאגן · אונ מכל שכן אין דעם טאג פון תשעה באב וואש דאש איז איין פינסטערר אונ צער טאג · אונ בעונותינו הרבים איך האב גזעהן איין גרויש שטרויכלונג אין פיל מדינות דאש מענטשין קומן אין שול אריין אונ ניט גינוג וואש זייא זאגן ניט קיין קינות מיט גוויין אונ איין ביטר קול · נאר זייא לאכן נאך אונ פרייען זיך גלייך וויא אום שמחת תורה · אונ גדיינקן ניט אז זייער סוף וועט ביטר זיין · אונ זייער עונש וועט גרויש זיין · אונ די אלע מענטשן וועלין ניט זוכה זיין צוא זעהן אין דיא נחמות פון דיא ישראל אז משיח וועט קומן · אונ אויף די רבנים אונ דיא פרנסים פון דעם דור איז אמצוה צוא ווערין אין דיא וואש פרייען זיך אין דעם צרה טאג · אבער דער וואש קלאגט תמיד אויף דעם חורבן בית המקדש אונ איז זיך מצער אין דעם צער פון דיא ישראל · דער וועט זוכה זיין צוא זעהן די נחמה אז אונזר משיח וועט קומן · צוא זעהן די הילף פון גאט ב"ה אונ צוא פרייען זיך אין דעם בנין בית המקדש אונ אין דיא הייליגע שטאט ירושלים

לראות ישועת ה' צבאות ולשמות בבנין בית המקדש ובירושלים עיר הקודש כמש"ה שישו וגילו כל המתאבלים עליה אמן מ"ו הארי"ז ז"ל :

פרק צה **ויעקב** נסע סכותה ויבן לו בית ולמקנהו עשה סוכות על כן קרא שם המקום סוכות מנהגן של ישראל תורה היא מה שאנו נוהגים בבואנו לבתינו תיכף אחר יציאת בהכ"נ אחר יום כפור אנו עוסקין במצות סוכהדוקא תיכף ומיד מצאתי טעם הגון בדרשות של הרב ר' שלמה מולכו ז"ל שכתב טעם הגון למה ישראל עוסקים דוקא במצוה זו תיכף אחר יום הכפורים ולא במצוה אחרת ופי' הרב הנ"ל דהענין הוא כך לפי שצוה הקב"ה ליקח שני שעירים ביום הכפורים שעיר אחד לה' ושעיר אחד לעזאזל והכהן הגדול שהיה מתודה על השעיר ששלה לעזאזל את כל עונותיהם ופשעיהם כמ"ש ונשא השעיר עליו את כל עונותם ובזה היה כפרה גדולה לישראל וכמעשה שאירעו לאבותינו ירשו הבנים כנגדן איזה מצוה כי האבות הקדושים היו סימן לבניהם ויעקב נסע לסוכות ועסק במצות אף אנחנו אחר יוה"כ ששלחנו שעיר לעזאזל אנו עוסקים במצות סוכה דוקא ולא בשום מצוה אחרת זו דברי פי חכם חן ואני אוסיף בה טעם לשבח · (ב) כי הוא ידוע שהשטן ולילי"ת מקטרגים תמיד על ישראל ומבקשים תמיד להרע ולהצר לישראל ולילי"ת שהיא גימטריא ת"פ באשר שישלה ת"פ מחנות שהן מקטרגים על ישראל וידוע לכל שביום הכפורים אין לשטן (ולילית) שום שליטה על ישראל כמשארז"ל (השטן) גימטריא (שס"ד) ובשנה הוא (שס"ה) ימים הוא רמז שהשטן אין לו שליטה ביוה"כ כי אם שס"ד יום שהוא שאר ימות השנה וכנגד זה צוה לנו הקב"ה מצות סוכה ולכן כתיב בט"ו יום לחודש השביעי הוא חג הסכת שבעת ימים לה' סכ"ת כתיב חסר וי"ו כי סכ"ת הוא גימטריא ת"פ שהוא בקדושה כי סכ"ת הוא מכניע לקליפת לילי"ת שהוא גימטריא ת"פ וכל המקיים מצות סוכה כראוי הוא מבטל כח וממשלה של לילית הרשעה ולכן נ"ל כיון דביוה"כ אין להשטן ולילי"ת שום שליטה על ישראל ותיכף אחר יום כיפור מתחילין לקטרג מחדש על ישראל ולכן ישראל הם עוסקים במצות סכ"ת שהיא גימטריא ת"פ תיכף אחר יוה"כ כדי לבטל הקטרוג של לילית הרשעה כי כל מצוה שהיא גימטריא ת"פ מבטל הקליפות לילי"ת כמ"ש הרב גלאנטי על פסוק בישעיה (מלאתי משפט כו' ועתה מרצחים) ודע שהיו בירושלים ת"פ בתי כנסיות ועם הבית המקדש היו תפ"א כמנין (מלאתי) ואח"כ כשחרב ירושלים נתגברה הלילית ומחנותיה והיתה הורגת בישראל עם כחול הים ולכן נתקיים אז הפסוק ועתה מרצחים בעו"ה · (ג) ע"כ מצות סוכה אל יהי קל בעיניך שסוכה כוללת שני שמות הו"ס כ"ו הו"ס גי' אדנ"י וכ"ו גי' שם הוי"ה ובמצות סוכה שמקיימין ישראל כראוי וכהלכותיו הן נותנים כח וגבורה לפמליא של מעלה כי סוכה גימטריא צ"א כמנין מלא"ך ולכן אנו מתפללים ופרוס עלינו סוכת שלומך כי בזכות הסוכה שאנו מקיימין אותה יהיה השם שלם והכסא כבוד יהיה שלם משא"כ בעוה"ז אין השם שלם כדכתיב כי יד על כס

ירושלים אזוא וויא עש שטייט אין פסוק איר וועט זיך פרייען אלע וואש קלאגין אויף ירושלים אמן :

פרק צה דר מנהג פון דיא ישראל איז איין תורה דש איז וואש מיר זיינן זיך נוהג אז וויא באלד מיר קומן אהיים מוצאי יו"כ זיינן מיר תיכף עוסק אין מצות סוכה · דר טעם דר פון איז · (ב) ווייל דאש איז ידוע אז דר שטן אונ די לילי"ת זייא זיינן תמיד מקטרג אויף די ישראל אונ ווילן זיי תמיד טאן שלעכטש · אונ די לילית טרעפט אן ת"פ ווייל זיא האט פיר הונדרט מיט אכציג מחנות וואש זייא זיינן מקטרג אויף די ישראל · אונ דאש ווייסט איטליכר אז אום יום כפור האט דר שטן אונ די לילית קיין שום שליטה ניט אויף די ישראל אזו וויא אונזרע חכמים ז"ל האבין גיזאגט דאש ווארט השטן טרעפט אן דרייא הונדרט אונ פיר אונ זעכציג אונ אין דעם יאר איז פר האנדן דריי הונדרט מיט פינף אונ זעכציג טעג · דאש איז איין רמז אז איין טאג אין יאר האט ער קיין שליטה ניט מקטרג זיין אויף דיא ישראל דאש איז אום יום כפור · אונ קעגין דעם האט גאט ב"ה אונז גיבאטן די מצוה פון סוכה · דען סוכה טרעפט אן ת"פ · אונ דער וואש איז מקיים די מצות סוכה וויא רעכט איז · דר איז מבטל דעם כח אונ דאש גוועלטיקייט פון דר לילית הרשעה : (ג) דרום זאל די מצות סוכה ניט גרינג זיין אין דיינע אויגן דען סוכה טרעפט אן צווייא שמות הויה אדני אונ דורך דעם וואש די ישראל זיינן זיא מקיים אזו ווי רעכט איז · דר מיט גיבן זייא כח אונ גבורה אין דער פמליא של מעלה · דען סוכה טרעפט אן וויפל מלאך האטשע די מצות סוכה איז ניט גרויש ביי דיא לייט · אבר אין די אויגן פון נאט

כס יה ואין הכסא שלם משא"כ לעתיד יהיה השם והכסא שלם אע"פ שמצות סוכה היא קלה בעיני הבריות אבל בעיני הקב"ה היא גדולה מאוד כי סכ"ת היא גימטריא ת"פ ומצוה זו היא מכניע הקליפה של לילית שהיא גימטריא ת"פ ולעתיד הקב"ה יעביר את הגילולים מן הארץ שהוא לילית וכל המחנות שלה ע"י מצות סוכה דוקא ואז יהיה שם הוי"ה אחד וכסאו יהיה שלם ולכן אנו מתפללים ופרוס עלינו סכת שלומך כי סכת שלם יהיה עוד הפעם שיחזור ת"פ בתי כנסיות בירושלים ועם המקדש שיהיה לעתיד יהיה תפ"א כמנין מלאתי משפט וביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד · (ד) לכן צריכין אנחנו להזהר בקדושת סוכה שהיא כוללת שתי שמות הוי"ה אדנ"י ובפרט שלא יעשה אותה במקום מטונף ואז הסוכה היא מרכבה להקב"ה ושכינתיה וסוכה היא במקום בהמ"ק מעט כי בהמ"ק נקראת סוכת שלם ולא כדעת המקילין בסוכה שהיא עליהן כמשאוי גדול והם באים לסוכה ומברכין ברכת המוציא וברכת הסוכה במהירות ובמריצות ואח"כ הולכין חוץ לסוכה ולא עוד שהן מברכין ברכת הסוכה לבטלה שהן מברכין לישב בסוכה והן סוברים שיושבין בסוכה מעט ואח"כ יש רשות להן שילכו מחוץ לסוכה אבל באמת טועין הן בדעתם שפירוש לישב בסוכה הוא עיכוב כמו שפירש"י אין ישיבה אלא לשון עכבה לכן אני מזהיר לכל בר דעת שלא יהיה נכשל בעון זה כשיבא לסוכה לאכול אזי יראה לישב שם עד אחר אכילה כדי שלא יעשה ברכה לבטלה ולא יהיה בכלל מבעט במצוה זו ואז אנו זוכין לסוכה של לויתן כמש"ה וסוכה תהיה לצל יומם והקב"ה יסתירנו בצל כנפיו בסוכת שלם לעולמים אמן כי"ר:

**פרק צו להודות** ולהלל יתברך שמו הקדוש והגדול על הנס הגדול שעשה הקב"ה לאבותינו בימים ההם בימי אנטיוכוס שעשה כמה רעות עם ישראל וה' ברחמיו וברוב חסדיו אשר בכל עת לובש בגדי ישע (עיין לעיל פרק צ"ד) על ידי חשמונאי ובניו ונהרגו שני שרי צבאות של אנטיוכוס האחד נקרא שמו בגרים והשני נקרא נקנור וכל חייליו של אנטיוכוס נמסרו בידי ישראל כן יאבדו כל אויבי ה' · (ב) ואח"כ באו בני חשמונאי לבית המקדש ולא מצאו כי אם צלוחית אחת של שמן אשר היתה חתומה בטבעת של כהן הגדול אשר באותו צלוחית היו מושחין מלכי ישראל וכל כהן גדול שהיה טעון משיחה נמשח באותו פך של שמן המשחה והיה בה רק כשיעור הדלקת יום אחד ואלהי השמים אשר שיכן שמו בבית המקדש עשה נס שהיה שמן ההוא דולק שמונה ימים עד שהוצרכו הכהנים לטהר עצמן ד' ימים ואח"כ ביום השמיני הוצרכו לעשות שמן שהוא נעשה בטהרה על כן הוכרח השמן שהיה

גאט ב"ה איז דאס זייער אגרויסע מצוה ווייל סוכה טרעפט אויך אן ת"פ · אין דאס מכניע די קליפה פון דר לילית וואס זיא טרעפט אויך אן ת"פ: (ד) דרום מוזן מיר זייער נזהר זיין אין דר קדושת סוכה אונ בפרט ער זאל זיא ניט מאכן אויף ניט קיין ריין ארט · אונ דענמאלט איז דיא סוכה איין מרכבה צו גאט ב"ה מיט זיין שכינה · ניט אזו וויא אטייל וואס זיינן מקיל אין דר סוכה אונ זייא מאכן דיא ברכה פון המוציא אונ לישב בסוכה גיך אונ גייען גיך ארויש פון דר סוכה · אונ זייא מאכן איין ברכה לבטלה · ווארום דער פשט פון לישב בסוכה איז צו זאמן זיך אין דער סוכה · דרום בין איך מזהיר צוא איטליכן בר דעת ער זאל ניט גשטרויכלט ווערין אין דר דאזיגר זינד דאש אז ער קומט אין סוכה ארין עסן זאל ער דארטין זיצין ביז נאך דעם עסן פון וועגן זיין ברכה זאל ניט זיין לבטלה אונ זאל ניט זיין אין דעם כלל פון די וואש טרעטין אין דר מצוה · אונ דענמאלט וועלן מיר זוכה זיין צו דר סוכה פון דעם לויתן אמן:

פרק צו להודות מען גהער צו לויבן דעם היילגן גאט ב"ה אויף דעם גרויסן נס וואש גאט ב"ה האט גטאן צו אונזרע עלטרן אין דיא דאזיגע טעג פון חנוכה אין דער צייט פון דעם אנטיוכוס וואש ער האט גיטאן פיל בייז צוא דיא ישראל · אונ גאט ברוך הוא מיט זיין רחמנות אונ זיינע פיל חסדים וואש ער קלייד זיך אן אלע צייט די הילף קליידער · זיינן דורך דעם חשמונאי אונ זיינע זין גיהרגת גיווארן צווייא גרויסע העררין פון דעם אנטיוכוס וואש איינר האט גיהייסן בגרים אונ דר אנדרר האט גיהייסן ניקנור · אונ גאר זיין חיל זיינן איבר גיענפרט גיווארין אין די הענט פון די ישראל: (ב) דער נאך זיינן דיא חשמונאים גיקומן אין בית המקדש ארייך · אונ האבן מער ניט גפונן גאר איין גלעזיל בוימל וואש עש איז גיוועזן פאר חתמת מיט דעם פינגריל פון דעם כהן גדול · אונ אין דרינן איז מער ניט גוועזן גאר אזו פיל בוימל וואש וואלט גיקענט ברענן איין טאג · אונ דיא כהנים האבן זיך אבר בדארפט ריינגן

ויבן

שהיה ע״פ הנס להדליק שמונה ימים עד הטהרה על כן לזכרון הנס הזה לא ימיש מישראל בכל דור ודור לעשות שמונת ימי חנוכה ולהדליק נרות שהן נרות של מצוה ובהרבה מקומות מצינו שחביבין לפני הקב״ה נרות של מצוה כמש״ה (באורים כבדו את ה׳) · (ג) וכל הנר הדלוק לדבר מצוה יש בו חדושים נפלאים גדולים אין שיעור ואילו היינו זוכים להשגת רוח הקודש היינו מכרכים ומבינים ומשיגים ע״י מצות הדלקת הנרות של מצוה עתידות דהנר של מצוה מתנבא כמו נביא המתנבא על פי ה׳ והרב הגאון מהרש״ל ז״ל כתב בהקדמת ספר הנקרא ים של שלמה וז״ל פעם אחת בא לידי ע״י נר של מצוה כאילו הראו לי מן השמים ונהנו לי הרמנא ואמיץ כת מרקיע ופתחו לי שערי אורה ע״כ · (ד) ושמעתי מפי מורי ע״פ קבלה שהענין הוא כך כשהיה הרב ר׳ שלמה לוריא ז״ל מחבר ספרו ים של שלמה אירע לו שהיה רק נר קטן דלוק לפניו והיה זמן קרוב להכבות והיה דלוק כמה שעות יותר משלש וארבע נרות שלמים וזה הע״ד עליו תלמידו ונכדו וז״ל בעל הנר הכיר בנרו כי ה׳ עמו ע״כ וזה אירע להגאון הנ״ל נס ממש כנר של שמן הקדש שבצלוחית הקודש שבבהמ״ק זכותו יעמד לנו אשרי לו ואשרי יולדתו הכלל עולה בכל נר של מצוה נמשך בו קדושה עליונה ומעורר למעלה הדלקת בוצינין קדישין וכן מצינו בזהר בתיקונים דקאי אליהו אחורי כותלי של בית המדרש של רשב״י אמר ליקום בוצינא קדישא וידליק בוצינין קדישין דלעילא ועי״כ מנהג המדקדקים שנר הדלוק לשום מצוה ונשאר ממנו מצניעין אותו שלא להשתמש בו דבר חול כי אם דוקא דבר מצוה ובפרט נר הדלוק ללמוד בו תורה ויש הרבה עניינים תועלת לנשמה ע״י נרות של מצוה והנה הנרות של חנוכה הבאים לזכרון תוקף הנס הגדול שהן נרות קדושים ומקדשין בקדושה עילאה ומראין על נרות ומדות העליונות אשר הם מתעוררים ומתלהבים בגבורה לפעול דין ברשעים · (ה) וע״כ כתב הרב מהרי״ל סג״ל שנכון הוא ליטול ידיו קודם שיברך על הדלקת נר חנוכה אך מפני שלא יחשב כיוהרא ע״כ כתבו האחרונים שראוי הוא להביא עצמו לידי חיוב נטילה כדי שיטול ידיו אח״כ ג״כ קודם הדלקת הנרות וידוע כי כתבתי לעיל פרק י״ד שבכל מצוה שאדם עושה נולדים ונבראים מלאכים קדושים ממנה ולכל מצוה שנבראים ממנה מלאכים הן נקראים מחנה של מצוה זו וזהו פשוט שבכל מצוה שמברכין עליה מתכנשין אליה אותן המלאכים ועומדין סביבות המברך ושומעין הברכה ועונין אמן ורמז לדבר מלא״ך הוא גימט״יא אמן ולכן כשישראל עונין בברכה או בקדיש

זיבן טעג ווייל זייא זיינן גוועזן טמאי מתים · האט גאט ב״ה געטאן איין נס אז דאש ביסל בוימל האט גברענט אכט טאג אונ אין דעם אכטין טאג זיינן דיא כהנים שוין גוועזן ריין אונ האבן גימאכט אנדר בוימל · דרום פון וועגן צו גדיינקן דעם דאזיגן נס · זאל ניט אפ גיטאן ווערן פון די ישראל צו מאכן אכט טאג חנוכה אונ צו צינדן ליכטליך די אכט טאג : (ג) אונ איטליכש ליכט וואש ברענט פון וועגן איין דבר מצוה · איז דרינן פר האנדן איין וואונדרליכע קדושה וואש האט קיין שיעור ניט · אונ ווען מיר זאלין זוכה זיין צו רוח הקודש · וואלטין מיר פר שטאנן אונ משיג גוועזן עתידות דורך דעם אן צינדן פאר דר מצוה ליכט · ווארום דאש מצוה ליכט זאגט נביאות אזוא וויא איין נביא וואש זאגט נביאות פון גאט · אונ דער גאון מהרש״ל ז״ל שרייבט אין דער הקדמה פון זיין ספר ים של שלמה איין מאל בין איך גיזעסן אונ האב גישריבן דעם ספר ים של שלמה האב איך דורך דעם ליכט גיזעהן איין מראה גלייך וויא מען האט מיר גוויזן מן השמים אונ מען האט מיר גגעבן כח אונ רשות פון דעם הימל אונ מען האט מיר גיעפנט דיא שער אורה : (ד) האב איך גיהערט פון מיין רבי אז דר ענין איז אזו דאש אז דר רב רבי שלמה לוריא ז״ל האט מחבר גיוועזן דעם ספר ים של שלמה · האט אים זיך גיטראפן דאש איין קליין ליכט האט גיברענט פאר אים · אונ עש האט שוין גיוואלט פאר לאשן ווערן · אונ עש האט גברענט פיל שעה מער פון דרייא פיר גאנצע ליכט · אונ עש האט זיך גטראפן צו דעם גאון רש״ל איין נס ממש אזו וויא דאש ליכט פון בוימל וואש עש האט זיך גטראפן אין דעם בית המקדש זיין זכות זאל אונז בייא שטיין דר כלל איז אז אין איטליכן ליכט פון מצוה ווערט נמשך איין קדושה אונ עש דער וועקט אויף דעם הימל אן צוא צינדן די הייליגע ליכט : (ה) אונ דרום שרייבט דר מהרי״ל אז איידר ער בענטשט די חנוכה ליכט זאל ער וואשן זייגע הענט · אונ דאש איז גוויש אז דורך איטליכר מצוה וואש דר מענטש טוט ווערין גבארין אונ בשאפן פון איר הייליגע מלאכים אונ די מלאכים ווערין גירופן מחנה של מצוה זו

און

בקדיש ואומרים אמן יכוונו לאותן המלאכים שיענו אמן כי אמן גימטריא מלא"ך והנה בברכה ראשונה של נר חנוכה יש י"ג תיבות צריך לכוין שהןמעוררים י"ג מדות רחמים וכן יש י"ג תיבות בברכה שנייה שהן מעוררים י"ג מדות רחמים ושתיהן יחד הן כ"ו תיבות כנגד ש"ה ויכוין היטב בברכות של הדלקת הנרות לאומרם מתוך שמחה באשר המצוה היא חביבה בשעתה לזמן פעם אחת בשנה ולכבוד המלאכים קדישין הבאים לבית בשביל מצוה זו ידליק הנרות כשהוא בבגד עליון כמו שהולך לבית הכנסת וצריך להדליק תיכף בכניסת הלילה כי מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה והנה מספר הנרות של חנוכה הן ל"ו ושמונה שמשים ומנהגן של ישראל תורה הוא שהמנהג ליתן את השמש המדליק למעלה מהנרות של חנוכה ורמז לדבר שרפים עומדים ממעל לו (מצאתי כתוב בס' מהרי"ל) וא"כ לפי זה יש קדושה גדולה ג"כ בנרות של השמשים אשר הן יותר קצת גדולים מן הנר של חנוכה · (ו) שהנר השמש הוא דוגמת הכהן שהיה מדליק נרות בבהמ"ק ודוגמת שרפי מעלה המדליקין בוצינין קדישין שיאירו פני כסא כבוד יתברך ומכאן תראה הפגם הגדול מה שראיתי בעו"ה שרוב העם נוהגים שלוקחים נר השמש מן הנרות ועושין לאורו עסקי חול מכ"ש שעתידין ליתן את הדין מהעון פלילי שמשחקין באור השמש בקלפים שקורין קארטין או בקבייאו"ת שקורין ווערפי"ל ואינם יודעים שהשמשים הם קדושה יתיר מנר חנוכה כמ"ש הרב הגאון מהרי"ל ז"ל הרמז שרפים עומדים ממעל לו ר"ל שהשמשים עומדים ממעל להלו נרות של חנוכה · (ז) ע"כ המזלזל מצוה זו בודאי עונשו יהיה קשה מאוד וכל מי שמדקדק במצוה זו ואינו מניח לזוז את השמש ממקומו יזכה לראות נרות העתידין להדליק בבית מקדשנו במהרה בימינו אמן :

## פרק צז תענית

אסתר הוקבע על סמך דאיתא בגמ' י"ג באדר זמן קהלה לכל הוא ופירשו המפרשים שהכל מתכנשין לתענית אסתר ובאים בני הכפרים למנין לימי הסליחות ותחנונים לפי שבו ביום נקהלו לעמוד על נפשם והיו צריכים רחמים ע"כ הוקבע יום זה לומר סליחות ותחנונים ובני הכפרים מחויבים להקדים ולבא ליום התענית אסתר ולהשתתף בתוך אחיהם בני ישראל באמירת סליחות כי כן חפי' של דברי חז"ל י"ג זמן קהלה לכל הוא וזהו חביב לפני הקב"ה שמתאספים היחידים לתוך העיירות וברוב עם הדרת מלך שנקהלים לומר סליחות בקהל וע"י תפלה זו הם מעוררים רחמים גדולים בפמליא של

אונ דאש איז פשוט אז אין איטליכר מצוה וואש מען מאכט איבר איר איין ברכה · זאמלן זיך צו איר איין די מלאכים אונ שטייען ארום דעם וואש מאכט דיא ברכה · אונ זייא הערן די ברכה · אונ ענטפערן אמן · אונ איין רמז איז דר צו דר מלאך איז בגמטריא אמן דרום אז דיא ישראל ענפרין אמן אויף איין ברכה אודר אויף איין קדיש זאלן זיי זיך מכוין זיין צו די דאזיגע מלאכים · דרום איז פר האנדן איין גרויסע קדושה אין די חנוכה ליכטליך אונ אויך אין דיא שמשים וואש זיי זיינן אביסל גרעסר פון די חנוכה ליכטליך: (ו) דען דער שמש איז גליך צוא דעם כהן וואש ער האט אן גצונדן די ליכט אין בית המקדש · אונ פון דאנען קענסטו זעהן דעם גרוסן פגם וואש איך האב גזעהן בעונותינו הרבים אז פיל מענטשן נעמן דעם שמש פון דיא חנוכה ליכטליך אונ טוען זייערע עסקים דר בייא · אונ מכל שכן די וואש שפילין אין קארטין בייא די ליכט פון דעם שמש די וועלין בוודאי האבן איין גרויסן עונש · דען זייא ווייסן ניט אז די שמשים זיינן הייליגר פון די חנוכה ליכטליך אזוא וויא דר רב הגאון מהרי"ל ז"ל שרייבט איין רמז דאש עש שטייט אין פסוק שרפים עומדים ממעל לו דאש איז גימיינט די שמשים וואש זייא שטייען העכר פון דיא זעקס אונ דרייסיג חנוכה ליכטליך · אזו וויא דר מנהג איז : (ז) דרום דר וואש איז מזלזל אין דר דאזיגר מצוה וועט זיין עונש בוודאי זייער שווער זיין · אונ דער וואש איז מדקדק אין דער דאזיגר מצוה אונ לאזט ניט רירין דעם שמש פון זיין ארט דר וועט זוכה זיין צו זעהן אין דיא ליכט וואש וועלין ברענן אין אונזר בית המקדש במהרה בימינו אמן :

## פרק צז

דעם תענית אסתר האט מען קובע גוועז מען זאל דערנמאלט פאסטן דאש איז ווייל דיא גמרא זאגט י"ג באדר זמן קהילה לכל הוא מאכין דיא מפרשים דעם פשט דען אלע דארף לייט זאמלן זיך איין אונ קומן צוא מנין אין שטאט אריין צו זאגין סליחות אונ תחנונים אין דעם דרייא צעהנטין טאג אין אדר · ווייל אין דעם טאג האבן זיך דיא ישראל איין גזאמלט צו שטיין קעגן דיא וואש האבין זייא גיוואלט הרגן אזו וויא עש שטייט אין מגלת אסתר · אונ דאש איז זייער גליבט פאר גאט ב"ה וואש די דארפס לייט זאמלן זיך איין אין די שטעט אריין · דען דורך פיל פאלק

תערט

של מעלה · (ב) ויש עוד טעם לתענית אסתר אשר גילה המגיד להרב בית יוסף ז״ל והוא שהשגחת הקב״ה תמיד על ישראל שהן נחלתו ועדת סגולתו והוא חפץ להצדיקם כדי להנחילם שכר טוב לעוה״ב וכהיום שמגיע יד להיות ישראל שמחים וששים בו על תוקף הנס שעשה הקב״ה בהמן הרשע ובבניו ואז היא נקראת שמחה של מצוה וע״כ אמרו רבותינו ז״ל שחייב איניש לבסומי בפורים והנה יש לחוש פן על ידי ריבוי האכילה ושתיה ושמחה באין ישראל לידי חטא לכן הקדים הקב״ה התענית ולפי שהתענית הוא סגולה להנצל ע״י התענית מן החטא ולא יהיה כח להשטן וללילית לקטרג עליהם ולהביאם לידי חטא מחמת ריבוי האכילה ושתיה וטוב לכוין כשיאמר פזמון במתי מספר וכו׳ וכשאומרים שמע תפלה והעבר תיפלה וכו׳ צריך לכוין שלא יבא לידי חטא ועון ח״ו ע״י ריבוי אכילה ושתיה ושמחת פורים · (ג) וע״י סליחות ותחנונים שאנו אומרים בכנופיא בזה אנו מעוררים זכות מרדכי ואסתר כי במרדכי כתיב ומרדכי ידע את כל אשר נעשה ויקרע את בגדיו והענין מבואר בזוהר בראשית כי שאר בני אדם לא ידעין רק מה שעיניהם רואות ומרדכי ידע תוכן הדבר ומקור כח של הקליפות שמשם יוצאים נפשות הרשעים החוטאים בנפשותם וזהו שאמר הכתוב שמרדכי ידע את כל אשר נעשה והתבונן כי גברה יד הקליפה מחמת החטאים של ישראל שהיו באותו הדור עד שהוצרך מרדכי סיגוף גדול וזעקה בתפלה להתיש כח הס״א ולעורר רחמים על ישראל וכן כתיב ויקרע את בגדיו וישם שק וגו׳ ואסתר הצדקת אשר זכתה לרוח הקודש ידעה ג״כ תוכן הדבר הנזכר ולכן כתיב בה ותעמוד אסתר בחצר המלך וגו׳ ופי׳ הזוהר אין עמידה אלא תפלה כד״א ויעמוד פינחס ויפלל והרבתה אסתר בתפלה עד שעלתה תפלתה למעלה למקום קדוש ונורא הנקרא בתי החצירות והוא החצר שלפני בית המקדש של מעלה אשר שם מתנוצץ שם הוי״ה וזהו ותעמוד אסתר בחצר המלך מלך זה הקב״ה ולא כתיב בחצר המלך אחשורוש וכתיב בה ויושט המלך לאסתר את שרביט הזהב ומשך עליה חוט של חסד שהוא ביד הקב״ה ולא לה בלחודא אושיט הקב״ה שרביט הזהב אלא אפילו למתחברים בהדה ולכן אנחנו עדת ישראל למען כבוד הקב״ה מתחברין ומתכנשין בבתי כנסיות שהן נקראים ג״כ חצר המלך מלכו של עולם ובודאי על ידי אמירת הסליחות ותפלות אנו מעוררים את מרדכי הצדיק ואסתר המלכה ובודאי הם מתחברים עמנו ביום התענית אסתר אשר מזכירים זכותן באמירת כבימי מור והדס הושעת בניך ולכן היושבי כפרים צריכין ג״כ להיות בחבורא קדישא בבית הכנסת ביום תענית אסתר כי יום זה הוא מסוגל מאוד שתקובל תפלתנו בזכות מרדכי ואסתר · (ד) וכל מי שצריך רחמים על איזה דבר שהוא צריך להתפלל יקח פנאי לעצמו ביום התענית אסתר ולומר תהלה מזמור כ״ב בספר ההלים למנצח על אילת השחר ודרשו רז״ל דאסתר היתה נקראת אילת השחר ואח״כ ישפוך שיחו לפני ה׳ ולבקש

ווערט דר מלך בשיינט · אונ דורך דיא סליחות אונ דיא תפלות ווערט דער וועקט גרוש רחמים אין דער פמליא של מעלה : (ב) אונ עש איז פר האנדין נאך איין טעם פר וואש מען פאסט דעם דרייצטן טאג אין אדר אונ מען רופט אים תענית אסתר · דאש האט דער מגיד מגלה גיוועזן צו דעם רב בית יוסף וייל די השגחה פון גאט ב״ה איז תמיד אויף די ישראל וואש זיי זיינן זיין ארב אונ ער בגערט זייא גירעכט צו מאכין פון וועגין ער זאל זייא מאכין ארבין גוטין שכר אויף עולם הבא · אונ אז עש קומט דר פערציטר טאג אין אדר פרייען זיך דיא ישראל אויף דעם שטארקין נס וואש גאט ב״ה האט גיטאן אין דעם המן הרשע אונ אין זיינע זין אונ דענמאלט ווערט עש גירופן שמחה של מצוה : דרום האבין אונזרע חכמים ז״ל גיזאגט דער מענטש איז בחויב צו זיין שיכור אום פורים · אונ נון מחמת דעם פיל עסין אונ טרינקן אונ שמחה וואש דיא ישראל האבין אום פורים · קענין זייא אפשר קומן צו איין זינד ח״ו · דרום האט גאט ב״ה גיפעדרט דעם תענית אסתר פאר פורים · ווייל דער תענית איז איין סגולה מציל צוא זיין פון זינד · אונ דר שטן מיט דר לילית זאלין קיין מאכט ניט האבין אויף זיי מקטרג צו זיין אונ זייא צו ברייגן צו איין זינד מחמת דעם פיל עסין אונ טרינקן : (ג) אונ דורך דיא סליחות אונ תחנונים וואש מיר זאגין בכנופיא דער וועקין מיר דעם זכות פון מרדכי ואסתר · אונ דרום דארפין די דארפס לייט אויך זיין אין דר חבורא קדישא אין שול אין דעם טאג פון תענית אסתר · ווארום דר טאג איז זייער מסוגל אז אונזר תפלה זאל מקובל ווערין דורך דעם זכות פון מרדכי ואסתר · (ד) אונ איטליכר וואש דארף רחמים אויף עפיס איין זאך וואש ער דארף מתפלל זיין · זאל ער זיך אפ נעמען אצייט אין דעם טאג:

ולבקש בקשתו ויזכיר זכות מרדכי ואסתר אשר בזכותם יעתר לו הקב"ה ויפתח לו שערי רחמים ותקובל תפלתו ברצון · (ה) ובהיות שאמרו רז"ל שבשעה שבא המן למרדכי להרכיבו על סוס המלך אחשורוש ולעשות לו יקר כאשר צוה המלך אחשורוש מצא למרדכי דיתבי רבנן קמיה ומחוי להו הלכות קמיצה ופי' רש"י דדרש מרדכי בעניינו של יום כי אותו היום ט"ז בניסן היה שהוא יום הנפת העומר אמר המן אתא מלא קומצא דידכו ודחי עשרת אלפים ככר כסף דידי ע"כ נכון לעשות לעסוק בענייני קמיצה בט"ז בניסן והכל הוא לעורר זכות של אותן הצדיקים · (ו) ע"כ אהובי ה' הנועדים לדבר ה' לשמוע קול מגילה ביום המועד הזה שהוא פורים אשר לעתיד כל הימים טובים יהיו בטלים וימי פורים לא נבטלים צריכין אנו להזכיר זכותן של מרדכי ואסתר כי יום תענית אסתר ויום הפורים הן ימים של רצון ואהבה לכן טוב להתפלל ביום תענית אסתר ושומע תפלה יקבל ברחמים וברצון את תפלתנו אמן:

**פרק צח** **מתחלת** בריאת עולם ראה הקב"ה שאין העולם יכול להתקיים במה"ד מה עשה הקב"ה שיתף שם הרחמים וברא את העולם שנאמר בראשית ברא אלהים במדת הדין כי מדת אלהים הוא דין ואח"כ כתיב ביום עשות יהו"ה אלהים ארץ ושמים ומצאתי טעם הגון שכתב הרב הגאון בעל המחבר תורת חיים הענין שהצדיקים נתפשים בעון הדור לפי שמדה של דין הוא רוצה לכלות את העולם כשאין עושין רצונו של מקום והקב"ה הוא ברחמיו מרחם על כל מעשיו ולכן שיתף הקב"ה מדת הרחמים שהוא שם הוי"ה עם מדת הדין אך שמדת הדין הוא מקטרג ומבקש שיעשה הקב"ה דין בעולם מה עושה הקב"ה נותן לו צדיק אחד שהוא שקול כנגד כל העולם ובזה הוא משתיק את הדין ומציל את כל העולם אבל תיכף כשמת צדיק אחד נולד צדיק אחר וזרח השמש ובא השמש ע"כ דבריו של

טאג פון אסתר תענית · אונ זאל פריער זאגין אין תהלים דעם מזמור פון קאפיטל כ"ב למנצח על אילת השחר · דען אונזרע חכמים ז"ל דרשנן אז אסתר ווערט גירופן אילת השחר · דער נאך זאל ער בעטין פון גאט וואש ער דארף · אונ זאל דער מאנן דעם זכות פון מרדכי ואסתר · דאש דורך זייער זכות ווערט אים גאט ב"ה ממלא זיין זיין בקשה · אונ ווערט אים עפנן דיא שערי רחמים · אונ זיין תפלה ווערט מקובל ווערין ברצון: (ה) אונ ווייל אונזרי חכמים ז"ל האבן גיזאגט אז אין דר צייט אז המן איז גיקומען צוא מרדכי · אים מאכין רייטין אויף דעם פערד פון דעם אחשורוש · אונ צו טאן אים כבוד אזו וויא דער מלך אחשורוש האט אים גיבאטין · האט ער גיפונן וויא דיא רבנן זיינען גיזעסין בייא מרדכי אונ ער האט זיי גילערינט הלכות קמיצה׳ מאכט רש"י דעם פשט · דען מרדכי האט גידרשת אין דעם ענין פון דעם טאג · דען דענמאלט איז גיוועזן זעכצין טעג אין ניסן וואש דענמאלט פלעגט מען ברייננן דעם עומר אין בית המקדש · האט המן גיזאגט · אייער הייפיל גערשטין מעל איז גיקומען אונ האט אוועק גישטוסן מיינע צעהן טויזינט צענטנר זילבר׳ דרום איז רעכט אין דם אנדרין טאג פסח דש איז זעכצין טאג אין ניסן עוסק צו זיין אין די דינים פון קמיצה · אונ דאש אלץ איז פון וועגין צו דער וועקין דעם זכות פון די צדיקים: (ו) דרום מיינע ליב האבר וואש זייא זאמלין זיך איין צוא גאטש ווארט · צו הערין די מגילה אין דעם יו"ט פון פורים וואש לעתיד וועלין אלע ימים טובים בטל ווערין אונ פורים ווערט ניט בטל ווערין · מוזן מיר דענמאלט דער מאנין דעם זכות פון מרדכי ואסתר · ווארום דער טאג פון תענית אסתר אונ דער טאג פון פורים זיינן ימי רצון אונ השי"ת וואש ער הערט צו אלע תפילות זאל מקבל זיין מיט רחמים אונ מיט רצון אונזרע תפלות:

**פרק צח** מתחלת פון דעם אן הייב אזגאט ב"ה האט בשאפן דיא וועלט · האט ער גיזעהן אז דיא וועלט קאן קיין קיום ניט האבן האט גאט ב"ה משתף גיוועזן דעם מדת הרחמים צוא דעם מדת הדין אונ האט דיא וועלט בשאפין מיט דעם מדת הרחמים אונ מיט דעם מדת הדין · אונ איך האב גיפונען איין גוטן טעם וואש דער הרב הגאון בעל המחבר תורת חיים שרייבט · דרויף וואש גאט ב"ה נעמט צוא דיא צדיקים פון וועגין דיא זינד פון דעם דור · דען ווייל דיא מדה פון דין וויל פר לענדין דיא וועלט אז דיא לייט טוען ניט דעם ווילין פון גאט ב"ה אונ גאט ב"ה מיט זיין פיל רחמנות איז זיך מרחם איבר אלע זייני בשעפניש דרום האט ער משתף גיוועזן דעם מדת הרחמים צוא דעם מדת הדין נאר דער מדת הדין שרייט אונ איז אבער מקטרג אונ וויל גאט ב"ה זאל טאן דין אויף דער וועלט · גיט גאט ב"ה אים איין צדיק וואש ער ווענט קענין נאר דער וועלט

אונ

של הגאון מהור"ר חיים שור ז"ל במס' שבת ע"ש: (ב) ועפ"ז נ"ל לתרץ קושיא גדולה בפסוקים במגילה וירא המן כי אין מרדכי כורע ומשתחוה לו וימלא המן חמה ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי וגו' ויבקש המן להשמיד את כל היהודים אשר בכל מלכות אחשורוש עם מרדכי ולכאורה קשה מרדכי לבד לא רצה להשתחות ובקש המן לעקור את כל היהודים והנראה לתרץ כי הנה ידוע שישראל שבאותו הדור היו חייבים כלייה מפני שהשתחוו לצלם של נבוכדנצר או מפני שנהנו מסעודת אחשורוש והנה המן והשטן היו מקטרגים ע"ז ומדת הדין היה נותן שיכלו ישראל כולן ולכן היה המן מתירא שהקב"ה יעשה כן שיטול את צדיק אחד שהוא שקול כנגד כל ישראל וצדיק אחר יולד ויהיו ישראל חיים וקימים ולכן כתיב ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לחוד כי בזה יהיה לישראל כפרה במיתת הצדיק א' שלפי שמרדכי היה שקול כנגד כל ישראל ולכן בקש המן והשטן להשמיד את כל היהודים בכל מלכות אחשורוש ודו"ק: (ג) והנה לדיעה שאמרו ישראל שבאותו הדור היו חייבים כליה מפני שנהנו מסעודה של אחשורוש דליכא למימר דמשום דקאכלי מאכלי אסורות אתחייבו דהא כתיב והשתיה כדת אין אונס והפי' לפי דת כל אחד ואחד היה השתייה של ישראל ולא היו משקי להו אלא מיין של ישראל ושמשין של ישראל הי' מזגין להון וכל מאכלים דהוו יהבי להון לישראל הוי בישול של ישראל דאחשורוש לא הוי אנס להו למיכלי ולמשתי מאי דאסור להו וכדכתיב אין אונס ולעשות כרצון איש ואיש אבל חובא דלהון הוי כי כוון בסעודתו שהזמין ישראל כדי למינקי שפע דנהיר מלעילא דלא ישפיע בשכינתא אלא בס"א ולכן הזמין ישראל כדי למינקי להו לסיטרא דיליה והוא סוד הטלת זוהמא כיון שהשפע יהיה יורדת לישראל ע"י הס"א ולולא שלא היו ישראל נהנין מסעודתו לא הי' פועל כלום כי הקדושה לא היתה מקבלת שום שפע מס"א אבל כיון דהוי ישראל נהנין מסעודתו של אחשורוש הוה כאילו כביכול ינקא מסט"א ובהאי סעודתא גרם לאטלא זוהמא בישראל אע"ג דהוו אוכלין ושותין מאכל כשר ומשקין דהיתרא אעפ"כ נחשב להם כאילו אכלו מסעודה של ס"א: (ד) וע"כ רצה מרדכי לבדו שלא ליהנות מסעודתו כדי שבזכותו יהיו ניצולין כלל ישראל ואף בימי מרדכי רצה מדת הדין לפגוע בכלל ישראל שהיו באותו הדור כמו שאמר הקב"ה בימי משה ואכלה אותם כרגע ואעשה אותך לגוי גדול ורצה המדת הדין להרבות זרעו של מרדכי כחול הים רק מרדכי ביטל הגזרה בתפלתו כמו שביטל משה רבינו הגזרה בתפלתו וזהו שכתב ומרדכי ידע ר"ל שידע תוכן הדבר שהגזרה באה ע"י הפגם הגדול שפגמו בשכינה

ג"ע דער מיט איז ער משתיק דעם דין אין גאר די וועלט ווערט ניצול · אבער תיכף וויא דער דאזיגער צדיק שטארבט ווערט גיבארין אנדר צדיק אין זיין אורט: (ב) אונ דורך דעם קען מען פאר ענפרין איין גרושע קשיא אין די פסוקים פון דר מגילה · דען עש שטייט וירא המן כי אין מרדכי כורע ומשתחוה לו אונ המן האט גיזעהען אז מרדכי בוקט זיך ניט צו אים איז ער זייער ברוגז גיווארין ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו אונ עש איז גיוועזן מבוזה אין זיינע אויגין צוא הרגנען מרדכי אליין · נאר ער האט גיוואלט אויש הרגנן אלע ישראל ח"ו · נוא איז דאך קשה מרדכי אליין האט זיך ניט גיוואלט בוקין צו אים ווארום האט ער גיוואלט אויש הרגנען אלע ישראל וואש זיינען זייא שולדיג נאר דער תירוץ איז דען דאש איז ידוע אז די ישראל פון דעם דאזיגן דור זיינען חייב גיוועזן מען זאל זייא פר לענדין ח"ו · ווייל זייא האבין זיך גיבוקט צוא די עבודת גלולים וואש נבוכדנצר האט גימאכט · אדר ווייל זיי האבין נהנה גיוועזן פון דר סעודה וואש אחשורוש האט גימאכט: אונ המן אונ דר שטן האבין דרויף מקטרג גיוועזן · אונ דר מדת הדין האט מחייב גיוועזן אז אלע ישראל זאלין דורך דעם פר לענד ווערין ח"ו · אונ מרדכי האט גיוואוגין קעגין אלע ישראל דרום האט המן ניט גיוואלט הרגנען פריער דעם מרדכי ווייל דורך אים וועלין האבין אלע ישראל איין כפרה · נאר ער האט בעסר גיוואלט אלע ישראל אויש הארגינען פריער אונ דר נאך דעם מרדכי: (ג) אונ דריבר זיינן דע מאלט דיא ישראל חייב גיוועזן פאר לענד צו ווערין ח"ו איבר דעם וואש זייא האבין נהנה גיוועזן פון דער סעודת אחשורוש · חאטשי זייא האבין דאך ניט גיגעסין קיין טריפות אונ קיין ויין נאר כשרין ווארום עש שטייט והשתיה כדת אין אונס אונ דאש טרינקין איז גיוועזן נאך איטליכש דת נאך מען האט קיינעם ניט גנייט עובר זיין אויף זיין דת: (ד) אונ דער מדת הדין האט גיוואלט מערין דיא קינדר פון מרדכי כחול הים ווייל ער האט ניט נהנה גיוועזן פון דער סעודת אחשורוש · נאר מרדכי האט מיט זיין תפלה דיא גזירה מבטל גיוועזן · אזוא וויא משה רבינו האט מיט זיין תפלה מבטל גיוועזן פיל גזירות אונ מרדכי

האט

עבור שהיו ישראל נהנין מסעודתו של אחשורוש ולכן וילבש מרדכי שק וישם אפר ויצעק צעקה גדולה ומרה וילבש שק לכפר על חטא זה ומרדכי הודיע לאסתר גודל הפגם הנעשה בסעודה של אחשורוש ומיד כתיב ותלבש אסתר מלכות שהוא רוה״ק ונתנה עצה לצום ג׳ ימים וג׳ לילות כדי לבטל הזוהמא שהטיל המן בסעודתן ובזה יותש כח הזוהמא הנעשה ע״י אכילה ושתייה וע״י הצום התיש כח הזוהמא כנסת ישראל האיר כבראשונה ומעתה מוכן לפנינו ג״כ טעם לתענית זה שהוא תענית אסתר שאנו נוהגין להתענות לדורי דורות: (ה) על כן כל אחד ואחד צריך לכוין בתענית אסתר להתפלל שתעמוד לנו זכות מרדכי ואסתר שתקנו התענית וקבעו להתענות בו ביום י״ג באדר כדי להתיש כח הס״א שרוצה להדבק דוקא בקדושה וע״י התענית יזדככו ויטהרו הפגם הגדול הזה וכל מי שנזהר ואינו רוצה ליהנות מן אחרים יגיע כפיך כי תאכל אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא:

**פרק צט** **אמרו** רז״ל במסכת מגילה מגילת אסתר ברוח הקודש נאמרה ע״כ מבואר במגילה זו כמה ענינים פלאים ונזכיר דרך כלל דבר אחד והוא דאיתא בזוהר פ׳ פקודי שיש חדר אחד למעלה ויש להחדר ארבעה פתחים לד׳ רוחות העולם • ועשרה ממונים לכל פתח ופתח • והד ממונה על כלם ואהריא״ל שמיה • והוא מלאך אחד מן האופנים והוא אופן לפעול פעולות: (ב) והתוא אופן עם הארבעים מלאכים הממונים הנזכרים עולין למעלה למקום אחד שנקראת תא הרצים ואז עולין עמו מלאכים הנקראים חשמלים ומקדימין את עצמן במרוצה ובזריזות להעריך מלחמה עם הס״א וכשהחטא גורם ח״ו אזי יש רצים אחרים בס״א שמקדימין בקטרוגיהן על ישראל ולהרע מזלן של ישראל • (ג) וזהו דכתיב הרצים יצאו דחופים מס״א לעורר גזירות למעלה על ישראל ואז והעיר שושן נבוכה ואחר כך כשגרם תפלת מרדכי ואסתר שעשו ישראל תשובה שלימה כדי להעביר העת המן ועלתה צעקתם למרום וה׳ ברחמיו קיבל את תפלת עמו ונתגלה העת רצון אז הרצים רוכבי הרכש יצאו

האט מודיע גיוועזן צו אסתר דעם גרויסן פגם וואש עש איז גיטאן גיווארין דורך דר סעודה פון אחשורוש • האט תיכף אסתר זיך אן גיקלייד רוח הקודש • אונ האט גיגעבין איין עצה זייא זאלין פאסטין דרייא טאג מיט דרייא נעכט: פון וועגין מבטל צוא זיין די זוהמא וואש המן האט אריין גיווארפין אין דיא סעודה אונ דורך דעם פאסטין ווערט דר כח פון דער זוהמא שלאף ווערין • אונ איצונד איז שוין פר האנדין נאך איין טעם פאר וואש מיר פאסטין דעם תענית אסתר • (ח) דרום מוז איטליכר אין דעם תענית אסתר מכוון זיין אונ מתפלל זיין אז דער זכות פון מרדכי אונ אסתר זאל אונז בייא שטיין וואש זייא האבין מתקן גיוועזן דעם תענית אונ האבין אים קובע גיוועזן אויף אייב״ג פון וועגין שלאף צו מאכין דעם כח פון דער סטרא אחרא • וואש ער וויל זיך בהעפטין אין דער קדושה אונ דורך דעם תענית ווערט גילייטערט אונ גיבייניקט דער דאזיגער גרויסר פגם אונ איטליכר וואש איז נזהר אונ וויל ניט נהנה זיין פון אנדרע אונ עסט פון זיין יגיע כפו • דעם ווערט זיין וואל אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט אמן •

**פרק צט** אמרו אונזרע חכמים ז״ל האבין גיזאגט אין דער מסכת מגילה • אז דיא מגילת אסתר איז גיזאגט גיווארין ברוח הקודש אונ דרום איז פאר האנדין אין דער מגילה גרויסע סודות אונ רמזים • אונ איך וועל דער מאנין איין זאך אונ דאש איז וואש עש שטייט אין זוהר פרשה פקודי • דאש עש איז פאר האנדין איין חדר אויף דעם הימל אונ צוא דעם חדר איז פאר האנדן פיר טירין צוא דיא פיר זייטן פון דר וועלט • אונ צעהן ממונים איז פאר האנדין צו איטליכר טיר אונ איין מלאך איז ממונה איבר אלע • אונ זיין נאמין איז ואהריא״ל אונ דער מלאך איז פון דיא אופנים • אונ ער איז ממונה צוא ווערקין פעולות: (ב) אונ דער אופן מיט דיא פערציג מלאכים וואש ער איז איבר זייא ממונה • גייען זיי ארויף צו איין ארט וואש ווערט גירופין תא הרצים אונ דענטמאלט גייען מיט אים אויף מלאכים וואש ווערין גירופין חשמלים • אונ זייא פעדרין זיך גיך אונ מיט זריזות צוא סדרין מלחמה מיט דיא ס״א • אונ צוא טאן מיט זייא איין נקמה • אונ אז דיא זינד איז גורם ח״ו • דענטמאלט איז פאר האנדין אנדרע רצים אין דער סטרא אחרא וואש זייא פעדרין זיך מיט מקטריגים איבר דיא ישראל: (ג) אונ דאש איז וואש עש שטייט אין דר מגילה הרצים יצאו דחופים דיא רצים פון דר ס״א זיינן ארויש גיגאנגן איילינדיג צוא דער ווערקין גזירות אין הימל אויף דיא ישראל אונ אויף דר צייט שטייט והעיר שושן נבוכה דער נאך אז דיא תפלה פון מרדכי ואסתר האט גורם גיוועזן אז דיא ישראל האבין

מבוהלים ר״ל אותן המלאכים קדישין היו רצים לעשות נקמה בהמן הרשע ואז והעיר שושן צהלה ושמחה׃ (ד) ולכן צריך לקרות המגילה מלה במלה ולא במהירות כי כל תיבה ואות יש בהם קדושה וסודות נפלאות וכדאי מרדכי ואסתר להזכיר שבחן בכוונה כיון שמסרו נפשם עבור ישראל בזעקתן ותפלתן ואסתר היתה מוסרת נפשה כשהלכה לגבי אחשורוש אמרה וכאשר אבדתי אבדתי איתא במ״י שאסתר אמרה מזמור כ״ב שבספר תהלים אלי אלי למה עזבתני והענין מבואר בדברי פה קדוש האריי ז״ל והוא כי הקב״ה ברוב רחמיו וחסדיו משגיח ומביט להאיר ולהשפיע שפע קדוש ממרום רוח חכמה ובינה ע״י שמות הקדושים שכל שם הוא (א״ל) שיוצאים מן הפסוק מי (א״ל) כמוך ושם שני יוצא מן הפסוק ה׳ ה׳ אל רחום וחנון ב׳ פעמים א״ל במילואה כזה אל״ף למ״ד גימטריא ש״ע כי יש למעלה ש״ע נהורין המאירין בש״ע עולמות והן מאירין לנשמת הצדיק אשר עסק תמיד בתורה והיה מתמיד בלימודו והיה תמיד דבוק בתורה הנקרא אור ובמצות הנקרא נר ואלו שני שמות הן מסוגלין לעורר חסד של אלו ש״ע נהורין ע״י עניית אמן בכוונה כי כל העונה אמן בכוונה ומהדר לרוץ לבהכ״נ בשביל עניית אמן זוכה לש״ע נהורין ע״י עניית אמן וכל המבזה אמן וקל בעיניו עניית אמן מקדימין לנשמתו ש״ע קליפות ר״ל ומוליכין אותו לחדרי חושך וצלמות ועליהם אמר הנביא עש יאכלם והנה על אסתר הצדקת היה מאיר אותן ש״ע נהורין כי נשמתה היתה משורש הארה זו אשר שם מאירים שני שמות של א״ל שם אחד (מה׳ ה׳ אל רחום נחנון ארך אפים וגו׳) ושם השני מפסוק מי אל כמוך וכשהלכה אסתר לאחשורוש הוכרחה לילך בין ב׳ בתי גלולים והיה שם מקום קליפות והוסר ממנה רוח הקודש והארה של שם א׳ שהוא שם של (א״ל) מי כמוך ולא נשאר בה כי אם הארה של ה׳ ה׳ א״ל רחום וע״כ צעקה אל״י אל״י למה עזבתני שעד עכשיו היו מאירים ב׳ שמות של (א״ל) ועכשיו רק שם אחד׃ (ה) ראה בעיניך קדושת המועדים שלנו בכל מועד ומועד יש בהן קדושות וסודות נפלאים וצריך אתה לדעת כי יש עולם חדש למעלה שהוא קדוש ואין אותו העולם מתגלה לחוץ מחמת רוב קדושתו כי אם פעם אחת בשנה מתחיל להתגלות בהתחלת קריאת מגילה ומזה העולם היה שורש נשמתו של מרדכי הצדיק וצריכין אנו לעורר רחמים שיתגלה העולם הנ״ל לחוץ וישפיע ויאיר על רישא דעמיה המתאספים לשמוע מקרא מגילה בלב טהור בלב של כוונה וזהו כוונת הברכות בא״י אשר קדשנו במצותיו וצונו על מקרא מגילה פי׳ שצונו הש״י ב״ה לעורר כוונה להוציא אותו הארה גדולה לחוץ וזהו על מקרא כמגילה (כמו למקרא העדה ולמסע את המחנות) ועל זה יענו הקהל אמן בכוונה גדולה ומאוד מאוד צריכין לעורר בקריאת המגילה בשעה שמברך בציבור על מקרא מגילה כשאומר על

מקרא

גיטאן איין רעכטע תשובה׃ אונ זייער גישרייא איז אויף גיגאנגן אויף דעם הימל׃ אונ גאט ב״ה מיט זיין רחמנות האט מקבל גיוועזן דיא תפלה פון זיין פאלק׃ אונ דר עת רצון איז נתגלה גיווארין דעמאלט זיינן די מלאכים הרצים גילאפין מיט זריזות צו טאן איין נקמה אין המן הרשע אונ דעמאלט האבין זיך דיא יהודים פון שושן זייער גיפרייט׃ (ד) דרום מוז מען לייענן דיא מגילה ווארט ביי ווארט אונ מרדכי ואסתר זיינן ראוי אז מען זאל זייער שבח דער מאנן מיט כוונה ווייל זייא האבין זיך מוסר נפש גיוועזן איבר דיא ישראל מיט זייער תפלה אונ אסתר האט זיך מוסר נפש גיוועזן בשעת זיא איז גיגאנגן צוא דעם מלך אחשורוש דען זיא האט גיזאגט וכאשר אבדתי אבדתי אונ אזו וויא איך האב שוין אן גיהובן פאר לארין צוא ווערין וועל איך ווייטר פאר לארין ווערין דען איך גייא אריין צו דעם מלך אן רשות וועט ער מיך אפשר הרגנן׃ (ה) זעה מיט דיינע אויגן דאש הייליקייט פון אונזרע ימים טובים דאש אין איטליכן יו״ט איז פאר האנדין גרוישע קדושות אונ וואונדרליכע סודות׃ אונ דוא דארפסט וויסן אז אויף דעם הימל איז פאר האנדין איין נאייע וועלט וואש זיא איז זייער הייליג אונ דיא וועלט ווערט ניט אנטפלעקט מחמת זיין פיל קדושה׃ נאר איין מאל אין יאר הייבט זיא אן אנטפלעקט צוא ווערין׃ דאש איז אז מען הייבט אן דיא מגילה צוא לייענן׃ אונ פון דער וועלט איז גיוועזן דער שורש פון דר נשמה פון מרדכי הצדיק׃ אונ מיר מוזן דער וועקין רחמים אז דיא וועלט זאל אנטפלעקט ווערין׃ אונ זאל לייכטין אויף דעם פאלק ישראל וואש זייא זאמלין זיך איין צו הערין דיא מגילה לייענן מיט איין ריין הארץ אונ מיט כוונה׃ אונ בשעת דער ש״ץ מאכט דיא ברכה על מקרא מגילה

מקרא שילבש חרדה ואימה על המברך וגם על הציבור בשמעם הברכה כשאומר הש״ץ על מקרא מגילה יפול עליהם חרדה ואימה והכנעה גדולה כי הוא עולם איום גדול ונורא ומאור העולם ההוא יבוא שפע וניצוץ קדושה וטהרה להאיר על ישראל ויכוין כל אחד מישראל שהוא כלי מוכן לקבל הקדושה והטהרה מזה העולם ובאותו אור של רחמים יזכה להיים והסד ושלא יבואו ישראל לשום מכשול וימהר הקב״ה רחמים עלינו׃ (ו) ולכן מרבים אנו בנרות בפורים שיהיו בתי כנסיות מלא בנרות והכל הוא רמז על אותו אור גדול מש״ע נהורין ועל זה כתיב ליהודים היתה **אורה** וגו׳ ובוודאי כל הירא וחרד לדבר ה׳ ישמח ויגיל בגילה וברעד כששומע קול הברכה על מקרא מגילה כשיוצא מפי החזן ע״כ חיוב גדול עלינו לטהר את עצמנו במקוה קודם שילך לבהכ״נ כדי שיהיה טהור לקבל אור טהור והשפעה טהורה וכל זה העתקתי מכתבי ר׳ חיים וויטל ז״ל והאור הוא דמיון קבלת נשמה יתירה למי שיודע לכוין לעשות עצמו כלי מוכן לקבל קדושה העליונה ובמדינות פולין ראיתי מנהג הגון שהן מלבישין כתונת לבן ונקייה ומכנסיים לבנים קודם קריאת המגילה והולכין לבית הכנסת בבגדי שבת ויום טוב ובין מגילה למגילה ישראל שמחין ונותנין שבח והודיה על רוח והצלה שעמדה ליהודים וצריך לחלק לעניים איזה דבר ולחלק מנות לאביונים וצריך לדבר בד״ת כמאמר רז״ל ליהודים היתה אורה זו תורה כד״א כי נר מצוה ותורה אור׃ (ז) וטוב לאדם שילמוד מעט קודם שמחת סעודת פורים ביום והמדקדקים נוהגים להתפלל מנחה ביום י״ד קודם הסעודה ואח״כ אוכלין תבשיל א׳ ומתפללין תפלת מעריב שלא לאחר יותר עד הלילה פן יבוסם ויהיה בכלל שיכור שאינו ראוי להתפלל ואח״כ אחר תפלת מעריב יגיד לבני ביתו תוקף הנס שנעשה לאבותינו והנה אציג לך ענין א׳ מפה קדוש האר״י ז״ל כי צריכין אנו לדעת מחשבות המן הרשע צורר היהודים אשר נתן נפשו להיות מיצר ישראל בחודש אדר דוקא ולא בשאר החדשים של שארי ימות השנה׃ (ח) דע כי יש י״ב חדשים בשנה והם נגד י״ב צירופי שם הוי״ה ועל כל חודש נתמנה צירוף אחד עד שעפ״ז החודש אדר הוא הצירוף האחרון בהיפוך אתוון כזה (הוה״י) שהוא סוד הדין ולכן כשהזכיר המן הרשע השם הוי״ה

היה

מוז ער זיך אן קליידן מיט ציטרניש אונ גרויש הכנעה׃ ווארום דענמאלט ווערט נתגלה דיא נאייע אונ פארכטיגע וועלט׃ אונ פון דעם ליכט פון דער דאזיגר וועלט קומט שפע אונ קדושה אונ טהרה צוא לייכטין אויף דיא ישראל אונ גאט ב״ה וועט איילן אויף אונז רחמים׃ (ו) אונ דרום מערין מיר ליכט אן צוא צינדן אום פורים דאש דיא שולין זאלין זיין פול מיט ליכט דאש אלץ איז איין רמז אויף דעם גרוישן ליכט פון דיא ש״ע ליכט׃ אונ דרויף שטייט ליהודים היתה אורה צוא די יהודים איז גיוועזן דאש ליכטקייט׃ אונ דר וואש פארכט זיך פאר גאט דער וועט זיך בוודאי פרייען אז ער הערט די ברכה על מקרא מגילה פון דעם חזן׃ דרום איז אויף אונז איין גרויסר חיוב מיר זאלין זיך טובלין אין מקוה איידר מיר גייען צוא דר מגילה אונ אין מדינת פולין האב איך גיזעהן איין גוטן מנהג דאש זיא טוען אן איין ווייש העמד אונ ווייסע מכנסיים פאר קריאת המגילה אונ זייא גייען אין שול ארין אין בגדי שבת׃ אונ איטליכר מענטש מוז דיא ארעמע לייט טיילין עפיש אום פורים׃ אונ מוז אויך לערנן אום פורים אזוא ווי אונזרע חכמים דרשנן דעם פסוק ליהודים היתה אורה דאש ווארט אורה מיינט מען תורה׃ (ז) אונ עש איז גוט אז פאר דער סעודת פורים וואש מען עסט ביים טאג זאל מען אביסל לערנן׃ אונ דיא פרומע לייט זיינן זיך נוהג צו דאבנן מנחה פאר דער סעודה׃ דער נאך עסן זייא איין תבשיל׃ אונ דאבנן תיכף מעריב פון וועגן טאמר בייא נאכט וועלין זייא שיכור ווערין וועלין זייא ניט טארין דאבנן׃ אונ נאך מעריב זאל איטליכר מענטש זאגן צוא זיין הויז גזינד דעם שטארקין נס וואש גאט ב״ה האט דענמאלט גיטאן צוא אונזרע עלטרין׃ אונ נון איך וועל דיר שטעלין איין זאך פון דעם פה קדוש האר״י ז״ל דען מיר דארפין וויסן דיא מחשבה פון המן הרשע דר שונא פון דיא יהודים וואש ער האט גיוואלט דיא ישראל אום ברייגגן ח״ו דווקא אין דעם חודש אדר אונ ניט אין אנדרין חודש׃ (ח) ווייס אז אין יאר איז פר האנדן צוועלף חדשים אונ זייא זיינן קעגין דיא צוועלף צירופים וואש דער שם הוי״ה ווערט פר ביטן׃ אונ אויף איטליכן חודש איז מכוונה אנגדר צירוף אונ אין דעם חודש אדר איז דער אונטרשטר צירוף פון דעם שם הויה אונ אזו איז דר צירוף (הוה״י) וואש דער צירוף איז דין׃ דרום אז המן הרשע האט דער מאנט

דעם

היה מזכירו מהופך ולכן היה אומר המן וכל ז״ה אינג״ו שו״ה ל״י כי סופי תיבות הוא הצירוף בהיפוך כזה (הוה״י) שכוון לעורר דינים כפולים על ישראל הא׳ שהזכיר את השם בהיפוך והשנית שהיה מזכיר השם בסופי תיבות ולא בראשי התיבות והש״י ברחמיו אשר האזין ושמע לתפלתן של ישראל ותפלת מרדכי הצדיק ותפלת אסתר המלכה המוכתרת בכתר מלכות היתה באמירתה מכוונת להפך מדת הדין לרחמים כי כן פעולת הצדיקים שמהפכין מדת הדין למדת הרחמים ולכן אמרה השם הרמוז בר״ת וביושר ואמרה יבא ה׳מלך ו׳המן ה׳יום אל המשתה כי באותה סעודה היתה מכוונת להפיל את המן מגדולתו ולקיים הפסוק אם רעב שונאך האכילהו לחם והקב״ה הסכים על ידיה · (ט) אמנם כוונת אסתר המלכה היתה להמשיך רחמים גמורים והשם כפשוטו ובהווייתו הוא רחמים גמורים כי לולי לא הזכירה אסתר זה השם בראשי תיבות לא היתה יכולה לנצח את המן ולכן בחכמתה היתה צריכה להזכיר ג״כ קצת דין כדי שיהיה הדין נוקם בהמן צורר היהודים ולכן כתיב כי ראה כ׳י כלת׳ה אלי׳ו הרע׳ה מאת המלך והוא מלך מלכו של עולם שהיה השם ביושר ברחמים שמורה רחמים על ישראל אמנם השם נרמז בסופי תיבות לרמז הדין העליון שיבא על המן ובניו הרי עד היכן היתה כוונת אותו הרשע מתכוין להרע לישראל ועליו נתקיים הכתוב בור כרה ויחפרהו ויפול ברשתו אשר טמן והוא נלכד בה ולכן צותה התורה למחות עמלק וזרעו וכמ״ש רבותינו ז״ל שצריכין למחות שם עמלק אפילו מן העצים והאבנים · (י) לכן מנהגן של ישראל תורה הוא להכות בעץ הנקרא המן קלעפריל כשזוכרין שם המן כדי למחות את שמו וכל הראשונים והאחרונים כתבו שלא לבטל המנהג והנה שמעתי בשם הגאון מהור״ר העשיל ז״ל שהיה נוהג כשהיה רוצה לנסות את הקולמוס היה כותב שם המן וזרעו ואח״כ היה מנחק את שמם כדי לקיים מצות עשה מחה תמחה וכו׳ כדי שיהיה השם שלם והכסא שלם ואז יתקיים המקרא והתגדלתי והתקדשתי וביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד אמן מ״ו מהר״י ז״ל :

פרק ק **תמים** תהיה עם ה׳ אלהיך · דע כי מדת התמימות היא מעלה המעולה שבכל המעלות למדות הטובות שצריך להיות בבני אדם ולכן כתיב באבינו יעקב ויעקב איש תם יושב

דעם שם · האט ער אים דר מאנט ניט כסדרי (וכל ז״ה אינג״ו שו״ה ל״י) דאש דר צירוף איז דין · דען ער האט זיך מתכוין גיוועזן צו דער וועקין טאפלע דינים אויף דיא ישראל איין מאל וואש ער האט דעם שם הוי״ה דער מאנט פאר קערט אונ דאש אנדרע וואש ער האט אים דער מאנט אין דיא סוף ווערטר · אונ גאט ב״ה מיט זיין רחמנות וואש ער האט פאר נומן אונ צוא גיהערט צו דער תפלה פון דיא ישראל אונ די תפלה פון מרדכי הצדיק אונ דיא תפלה פון אסתר המלכה וואש זיא איז גיוועזן גיקריינט מיט כתר מלכות · האט זיא זיך מכוין גיוועזן פאר קערין דעם מדת הדין צו מדת הרחמים דרום האט זיא גיזאגט דעם שם אין דיא אן הייב ווערטר אונ גלייך דעם צירוף · דאש איז וואש דיא האט גיזאגט יבא המלך והמן היום אל המשתה : (ט) נאר דיא כוונה פון אסתר המלכה איז גיוועזן צו ציהן רחמים גמורים אויף דיא ישראל · אונ האט אויך בדארפט דער מאנן אביסיל דין פון וועגין דער דין זאל זיך נוקם זיין אן דעם המן צורר היהודים · דרום שטייט כי כלתה אליו הרעה · דא שטייט שון דער שם כסדר דאש איז רחמים אויף דיא ישראל אונ ער שטייט אין די סוף ווערטר דאש איז מרמז דין דער זאל קומן אויף המן מיט זיינע זין אונ אויף אים איז מקוים גיווארין דער פסוק בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל דאש איז טייטש ווען איינר גראבט איין גרוב אויף זיין חבר דאש דר חבר זאל דרינן אריין פאלין · פאלט ער זעלבשט דרינן אריין דרום האט די תורה גיבאטן זכור את אשר עשה וכו׳ אזו ווי אונזרע חכמים ז״ל זאגן אז מען מוז זיין נאמן אויש מעקין אפילו פון העלצר אונ שטיינר : (י) דרום איז דער מנהג פון דיא ישראל איין תורה צוא שלאגין מיט איין המן קלעפריל אז מען איז מזכיר דען שם המן אום פורים פון וועגין אם צוא מעקין זיין נאמן אונ אלע ראשונים אונ אחרונים שרייבין מען זאל דעם דאזיגן מנהג ניט מבטל זיין פון וועגין דר שם אונ זיין כסא הכבוד זאל זיין גאנץ אונ דענמאלט וועט מקוים ווערין דער פסוק והתגדלתי והתקדשתי אונ אין דעם טאג וועט זיין ה׳ אחד ושמו אחד אמן :

פרק ק תמים תהיה עם ה׳ אלהיך ווייס אז די מדה פון תמימות איז די בעסטע מעלה פון אלע מעלות אונ דיא בעסטע מדה וואש דער מענטש דארף זיא האבין ביא זיך

יושב אוהלים · יש לדייק הלא בוודאי כמה מעלות ומדות קדושות היו ביעקב אבינו כגון מדות חסידות ויראה וענוה וקדושה וטהרה ואין הכתוב מייחס אותו על מדות הללו כי אם במדות של תמות כדכתיב ויעקב איש תם אלא מוכרח לומר כי תמימות כולל כל המדות טובות הקדושות · (ב) והאמת הוא כן מי שהוא עניו ויש לו חסרון שהוא רודף אחר הממון או נפשו חשקה לעשות עבירה זהו אינו איש תם במעשיו ואיש כזה הוא נמשל ככלי נאה שיש בו פגימות ושברים הרבה וכיוצא בזה אמנם מי שהוא תם ומושלם בכל מדות הכשרים והוא ירא אהוב רודף צדקה ויושב אוהל באהלי של תורת משה ועוסק בתורה בלילה אז כשיצא נשמתו יהיה זוכה לישב באהל של מעלה · והענין זה מבואר במדרש הנעלם בזוהר פרשת חיי שרה וז"ל אמר ר' פנחס קודם שיצא הצדיק מן העולם בת קול יוצא בגן עדן הכינו מקום לפלוני הצדיק שיבא לכאן וכו' וכיון שהנשמה זוכה ליכנס בשערי ירושלים של מעלה אז מיכאל שר הגדול הולך עמה ומקדים לה שלום ושארי מלאכי השרת מתמיהין ושואלין מי זאת עולה מן המדבר מן עלמא תתאה דהוא עלמא דחריבה שנקרא מדבר נגד עלמא עילאה ומיכאל שר הגדול משיב אחת היא יונתי תמתי ר"ל שאין מיכאל משבח המצות הפרטיות ומעלות הצדיק בצדקתו כי אם אומר מעלות התמימות שהוא כולל כל המעלות ומדות טובות הכשרים · (ג) וכשם שהוא כולל במעשה התמימות כל מדות הכשרים וישרים כן הקדושה עליונה חופפת עליו תמיד כשהוא עוסק בתורה או במצות אזי ד' אמות סביבו יש עמו שלימות הקדושה ושכרו הוא גדול מאוד · כדאיתא בזוהר פרשת חיי שרה · כי ידוע מה שאמרו רז"ל שאין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכ"ה והיינו ד' אותיות של שם אדנ"י שנקראת שכינה קדישא והיא ה' אחרונה שבשם הוי"ה שנקראת כלה ועל כן נקראת ה' כלה שהן בהפוך אתוון הלכה וזה סוד של ד' אמות של הלכ"ה והיינו יחוד שם הוי"ה בתוך שם אדנ"י בחבור כזה יאהדונהי שהוא יחוד הקב"ה ושכינתיה ולכן קודם התפלה אנו מתחילין להתפלל אדנ"י שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך שהכוונה שהשכינה תקבל תפלתנו דאיהי מקבלה כל צלותהון דבני נשא וע"י הכוונה זו שמכוין היטב במחשבה ברורה וזכה וישרה ובלב נכנע וטהור מיחד קב"ה ושכינתיה ואז הוא עומד ממש בתוך ד' אמות של הקדושה הלכ"ה שהן אותיות הכל"ה · ובזה יובן ממילא גודל הפגם כשאדם מפסיק ועובר כנגד המתפלל בתוך ד' אמות דהוי נחשב שהוא מפסיק ומפריד בין יחוד הקב"ה ושכינתיה ח"ו ואפילו בצד המתפלל תוך ארבע אמות יש ליזהר אף שהוא מותר מן הדין · והטעם דאסור להתפלל אחורי רבו דכך הוא מפורסם מ"ש רז"ל את ה' אלהיך תירא לרבות תלמידי חכמים אמנם בעמדו להתפלל לא ישים מורא אחרת

זיך · דרום איז יַעקב אָבִינוּ גלויבט גיוואָרין מיט דער מִדָּה וַיַּעֲקֹב אִישׁ תָּם: (ב) אונ דר אֶמֶת איז אַזו וואָרום דער וואש איז איין עָנָיו אונ האָט איין חִסָּרוֹן דש ער יאָגט נאך געלט אדר זיין לייב גלוסט איין עֲבֵירָה צוא טאָן דער איז ניט נאָגט אין זיינע מַעֲשִׂים אונ אַזו איין מענטש איז גיגליכן צוא איין שיינע כְּלִי וואש אין איר איז פאר האַנדן פיל פְּגִימוֹת אונ פיל ברעך אָבר דער וואש איז איין תָּם אונ איז איין מוּשְׁלָם אין אַלע כְּשֵׁרָע מִדּוֹת · דענמאָלט אַז זיין נְשָׁמָה גייט ארויש איז ער זוֹכֶה צו זיצן אין דעם גיצעלט פון דעם הימל: (ג) אונ אַזו וואול וויא מיט דר מַעֲשֶׂה פון תְּמִימוּת איז ער כּוֹלֵל אַלע רעכט פאַרטיגע מִדּוֹת · אַזו אויך רוּעט אויף אים תָּמִיד דיא אייבערשטע קְדוּשָּׁה אַז ער איז עוֹסֵק בַּתּוֹרָה אדר ער טוט מִצְוֹת · אונ פיר איילן ארום אים איז פאר האַנדן דאש גאַנצקייט פון דער קְדוּשָּׁה אונ זיין שָׂכָר איז זייער גרויש אַזו וויא עש שטייט אין זוהר דען דאש איז יָדוּעַ וואש אונזערע חֲכָמִים ז"ל האָבין גיזאָגט אַז גאָט ב"ה האָט מער ניט אין זיין וועלט נאָר דיא פיר איילן פון הֲלָכָה דאש איז גימיינט די פיר אוֹתִיּוֹת פון דעם שֵׁם אֲדֹנָי וואש ער ווערט גירופן שְׁכִינָה קַדִּישָׁא · דרום הייבין מיר אָן פאר דעם דאַוונן (אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח) דאש מיינן מיר אַז דיא שְׁכִינָה זאָל מְקַבֵּל זיין אונזער תְּפִלָּה · דען זיא איז מְקַבֵּל אַלע תְּפִלּוֹת פון דיא יִשְׂרָאֵל · אונ דורך דעם ווערט פאַר שטאַנן דר גרוישר פְּגַם וואש עש איז אַז דר מענטש איז מַפְסִיק אונ גייט פיר קעגן דעם וואש דאַוונט ש"ע אין זיינע פיר איילן אונ איז אים מְבַלְבֵּל דורך דעם דען דאש איז גירעכינט וויא ער איז מַפְסִיק אונ מאַכט איין צווישן שייד צווישן דעם יִחוּד פון קוּב"ה וּשְׁכִינְתֵּיהּ · אונ דר טַעַם וואש איין מענטש טאָר ניט דאַוונען אונטר זיין רַבִּי איז דאש · דען

אחרת לנגדו כי אם מורא השמים ומכאן ראה גודל אזהרת תפלה בכוונה ומה לי להאריך ולהזהיר
ע״ז וכבר הזהרתי בפרקים הקודמים · אך נלמד מזה המעשה גודל התמימות שהיו בדורות הראשונים
ראה גם ראה אף שהיה היהודי שליח בדברי תורה א״ל רשב״י אימא ברי ואח״כ שאל האי גברא א״ל
אנת בר יוחאי אמר ליה אנא בר יוחאי אז הבין האי גברא שהוא ודאי לא ישקר כיון שאמר רשב״י אנא
בר יוחאי ואח״כ אמר עסק שליחותו כי כן דין ודת תורתנו הקדושה נותנת להיות כל ציר נאמן לשולחיו
וזהו העיקר שלימות באדם שיהיה נאמן בדבורו שלא ישנה את דבורו הן במילי דשמיא והן במילי דעלמא
ומכ״ש במו״מ ואל תפן אל ממון שאינו של יושר כי עיקר החסידות והתמימות הוא תולה בממון כאשר
כתבתי בפרק נ״ב ע״ש באריכות כי מי שאינו רוצה ליהנות בממון האיסור זה נקרא איש תמים וצדיק ·
וצריך האדם להזהר אף שהוא יודע לכוין הכוונות של תפלה ע״פ הקבלה מ״מ הוא איסור גמור להתפלל
באריכות בשעה שהצבור מתפללין רק יתפלל תפלתו כפשוטו כמ״ש הרב ריב״ש בשאלות ותשובות
שלו וז״ל ואני מתפלל כתינוק המתחיל להתפלל רק אני מכוין להבין פירוש המלות ול״א יותר · וראה
מן ר׳ עקיבא כשהיה מתפלל עם הציבור היה מתחיל ומסיים עם הציבור כי היה תפלתו כפשוטו משא״כ
כשהיה מתפלל ביחיד כשאדם היה מניחו בזוית זו היה מוצאו בזוית אחרת וכל מי שיראת אלהים
בלבבו צריך להיות תמים עם ה׳ אלהיו ולהיות נקי מה׳ אלהים ומישראל כדי שלא יאמרו הבריות
זה חסיד שוטה שמאריך בתפלתו ויהיה בכלל מחטיא הרבים רק בכל דרכיך דעהו והוא יישר את
דרכיך ואז טוב לך יהיה סלה:

**פרק קא** **בזוהר** פרשת תרומה הוא מפליג מגודל שכר של המוכיחים ומזכין את הרבים שמונעין את
הרבים מן החטא ופועלין דברים בראש כי ידוע הוא דהעולם נידון מחצה על
מחצה ועון אחד היא מכריע לכף חובה לכל העולם ומצוה אחת היא מכרעת לכף זכות ועל ידי
שהמוכיח מוכיח את הבריות וע״י תוכחתו אם שב אחד מישראל בתשובה שלימה נמצא שעל ידיו
העולם

דען אונזרע חכמים ז״ל זאגין פאר איין ת״ח מוז מען מורא
האבין דרום אז ער שטעלט זיך דאבנן זאל ער ניט טאן
קיין אנדר מורא קענין זיין פנים נאר דיא מורא פון גאט
ב״ה פון דאגן קענסטו אויך זעהן דיא גרויסע אזהרות וויא
מען זאל דאבנן מיט כוונה · אונ דער עיקר גאנצקייט איז
בייא דעם מענטשן ער זאל זיין בגלייבט מיט זיין דבור ·
דאש ער זאל ניט משנה דבור זיין הן אין מילי דשמיא הן
אין מילי דעלמא אונ מכל שכן אין משא ומתן אונ זאלסט
זיך ניט קערין צוא דעם געלט וואש קומט דיר ניט מיט
יושר · ווארום דער עיקר חסידות אונ תמימות הייננט נאר
אין דעם געלט · אזו וויא איך האב גישריבן אין דעם פרק
נ״ב דען דר וואש וויל ניט נהנה זיין פון איסור געלט דר
ווערט גירופן צדיק תמים · אז דער מענטש דאבינט פאר
דעם עמוד · חאטשע ווען ער ווייסט מכוין זיין דיא כוונות
פון דער תפלה על פי הקבלה · פון דעסט וועגין איז איין
גרוישר איסור לאנג צוא דאבנן נאר ער זאל דאבנן מיט
פרוש המלות · אזו וויא דער רב ריב״ש שרייבט אין זיינע
שאלות תשובות אונ איך דאבין וויא איין קינד וואש הייבט
אן צוא דאבנן · נאר איך בין זיך מכוין צוא פאר שטיין
דיא טייטש פון דיא ווערטר אונ ניט מער · אונ איין ראיה
איז דער צו פון רבי עקיבא · דאש אז ער האט גידאבינט
מיט דם צבור · האט ער אן גיהובן אונ אויש גילאזט מיט דעם
צבור · אבר אז ער האט גידאבינט ביחידות · אז איין
מענטש האט אים גילאזט אין דעם ווינקל האט ער אים
גפונן אין דעם אנדרין ווינקל · אונ איטליכר וואש די פארכט
פון גאט איז אין זיין הארץ · מוז ער זיין גאנץ מיט זיין
גאט · אונ זאל זיין ריין פון גאט ב״ה אונ פון דיא ישראל
פון וועגין לייט זאלין ניט זאגין דר דאזיגר איז איין חסיד
שוטה וואש ער דאבינט אזוא לאנג · אונ ער וועט זיין אין
דעם כלל פון מחטיא את הרבים · נאר אין אלע דיינע
וועגין ווייס אים · אונ ער וועט רעכט פארטיגין דיין וועג
אונ דענמאלט וועט דיר גוט זיין אויף אייביג :

**פרק קא** אונ דער זוהר שרייבט אז דיא וואש שטראפין
לייט אונ זיינן מזכה רבים דיא האבין זייער
גרויש שכר אונ ווערקין פיר גוטע זאכין · איין מאל דען
דאש איז ידוע אז די וועלט ווערט נימשפט גלייך וויא דיא
לייט האבין העלפט עבירות אונ העלפט זכיות · אונ איין
עבירה קען מאכין איבר וועגין דיא שאל פון דיא עבירות

את

העולם נידון לכף זכות ונמצא זכות הרבים תלוי בו · (ב) שנית המוכיח מקיים מצות עשה הוכח תוכיח לרעך וע"י התוכחה מתגבר הקדושה והס"א מוכרח להיות מוכנע תחת יד הקדושה · (ג) השלישית גורם שכבוד הקב"ה הוא מתעלה ומתרומם ושכרו יהיה שיזכה לראות בנים ובני בנים יראים ושלמים לה' כי לאחר מותו מוליכין את נשמתו בתליסר תרעי של עולמות העליונים ולית מאן דימחה בידיה ועליו נאמר בריתי היתה אתו החיים והשלום ועוד שנוסף על שכרו שכר גדול מאוד והוא זה כי מלאך אחד ושמו (יהודעי"ת) הוא ממונה על נשמתן של המוכיחין לשמה והוא מביא דיוקנא דההוא מוכיח אשר הוא מזכה את הרבים בתוכחות ומכריע את העולם מכף חובה לכף זכות ובשעה שמביא ההוא ממונה הדיוקנא ההוא כדין מלכא קדישא מברך לההוא דיוקנא בכל ברכאין דנתברך אברהם אבינו כד קריב עובדי כוכבים לעבודת הקב"ה כמד"א ואת הנפש אשר עשו בחרן ומעיילין לההוא דיוקנא בשבעין עלמין הגנוזים דלא זכו בהו שום בר נש אחרא חוץ מאן דמזכה רבים ע"י התוכחה וא"כ אם הוא כך גודל שכר המוכיחים הוא קשה בעיני דאמר ר"ע תמה אני אם יש בדור הזה מי שהוא יודע להוכיח וכי ר"ע לא היה יודע שכר הנ"ל היה לו להוכיח הרבים כדי שיהיה זכות הרבים תלוי בו ולדרוש ברבים כי הוא היה מופלג בדורו · והנראה בעיני דראה ר"ע גודל העונש של המוכיחים כשמוכיחים שלא לשמה ומביישים את הבריות בפני רבים ולכן לא רצה ר"ע להוכיח את הבריות בפני רבים כדי שלא לבייש אותן ברבים וכל המבייש את חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא ולכן אמרו וכו' :

## פרק קב

במדרש רבה פרשת בראשית וז"ל ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור בתורתו של ר"מ היה כתוב כתנות אור באל"ף והוא תמוה למה דוקא בתורתו של ר"מ היה כתוב כתנות אור באל"ף ולא בשאר ספרי תורות (עיין ספר ברכת שמואל שחיבר הגאון אבי מהור"ר אהרן שמואל קאיידינו"ר ז"ל בפרשת בראשית ע"ש בשם הגאון מהור"ר ליב צונץ מ"ש ע"ש) תירוץ

אונ איין מצוה קען איבר וועגין דיא שאל פון מצות · אונ ־ורך דעם וואש דער מוכיח שטראפט דיא לייט · ווען אפילו נאר איין יהודי טוט תשובה דורך זיין שטראפין · ווערט גפונן אז ער מאכט איבר וועגין דיא שאל פון מצות אונ איז דיא וועלט מכריע לכף זכות · ווערט גפונן דער זכות פון דיא רבים הייננט אן אין אים : (ב) דאש אנדערע איז דען דר וואש שטראפט דיא לייט איז מקיים דיא מצות עשה הוכח תוכיח את עמיתך דוא זאלשט שטראפין דיין גזעלין אונ דורך דר שטראף ווערט גישטארקט די קדושה · אונ דיא סטרא אחרא מוז ווערין אונטר טעניג אונטער דער קדושה · (ג) דאש דריטע איז ער איז גורם אז דר כבוד פון גאט ווערט דער הויבן · אונ זיין שכר וועט זיין דאש ער וועט זוכה זיין צו זעהן קינדר אונ איינקליך יראים ושלמים · (ד) דאש פערטע איז דען נאך זיין טויט פירט מען זיין נשמה דורך דרייא צעהן טויערין פון דיא אויבערשטע וועלטין אונ קיינער וועט אים ניט ווערין · אונ נאך עש ווערט גימערט איין גרויש שכר אויף זיין שכר · אונ דאש איז דען עש איז פאר האנדין איין מלאך אונ ער איז ממונה אויף דיא נשמות פון דיא וואש שטראפין דעם עולם פון גאטש וועגין אונ דער מלאך ברייננט דיא צורה פון דעם מוכיח פר גאט ב"ה · בענטשט גאט ב"ה אים מיט דיא אלע ברכות וואש אברהם אבינו ע"ה איז גיבענטשט גיווארין בשעת אז ער האט מקרב גוועזן דיא היידין צוא דער דינסט פון גאט ב"ה אונ מען בריינגט די צורה וואש איז מזכה רבים דורך זיין תוכחה :

פרק קב אין מדרש רבה פרשת בראשית שטייט ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור עש שטייט אין פסוק אונ גאט ב"ה האט גימאכט צוא אדם הראשון מיט זיין ווייב חוה העמדר פון פעל · זאגט דער מדרש אין דער ספר תורה פון רבי מאיר איז גישטאנען דאשווארט עור מיט איין אלף (אור) דאש איז טייטש ליכט · איז קשה ווארום דווקא אין דער ספר תורה פון רבי מאיר איז גישטאנן אור מיט איין אלף אונ אין אנדרע ספרי תורות שטייט עור מיט איין עיין · דאש האט פאר ענטפרט מיין פאטר אין זיין ספר (ברכות שמואל) אונ איך האב אויך דרויף איין תירוץ נאר מען טאר דאש ניט מגלה זיין נאר צוא

תירוץ ע"ז ע"פ מה ששמעתי מפה קדוש ה"ה האיש מהור"ר העשיל צורף ז"ל שאמר בשם מקובל אחד דבר נפלא ודבר נאה ומתקבל עוד יש בידי לאלהי מילין אך אין מגלין אותן אלא לצנועין להבאים בסוד ה' בחכמת הקבלה מהאריז"ל · ע"כ כדי לסיים בדברי נחמה אכתוב קצת בבנין של בית המקדש שעתיד לעמוד בירושלים יהיה חי' מילין על חי' מילין ויהיה בנוי מכל אבנים טובות ויקר שלשה חומות יקיפוהו אחד חומה של כסף ואחד של זהב ואחד של אבנים טובות מאירים בכל מיני צבעונים וכל חומה יהיה רחב שש אמות · וחוץ לג' חומות יהיה חומת אש סביב ואלף וארבע מאות שמונה ושמונים מגדלים של אבן יקר יהיו שם ובין מגדל למגדל יהיו מאה ועשרים שערים וכל שער ושער יהיה מאבן יקר · ואלפים ושלש בריכות מים חיים יצאו מתחת ההרים שהבית המקדש יהיה עומד עליהם והבית המקדש יהיה בנוי על ארבעה הרים ואלו הן · הר סיני · הר כרמל · הר תבור · הר חרמון · וקרתא דירושלים יהיה ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה וכשירד המקדש של מעלה למטה אז אח"כ יקבץ הקדוש ברוך הוא נפוצות ישראל ואז נשיר שיר חדש וישמח ישראל בעושיו ובני ציון יגילו במלכם והשטן והקליפות יבוטלו מן העולם בביאת משיחנו · כי הכל יהיה מתוקן והיצר הרע יהיה בטל · ואז נזכה כולנו לכתנות אור באל"ף כמו שאמר הכתוב והיה לך ה' לאור עולם אמן כן יהי רצון :

פרומע לייט · אונ פון וועגין אויש צוא לאזין דעם ספר מיט נחמה רייד וועל איך אביסיל שרייבין פון דעם בנין בית המקדש וואש עש וועט זיין אין ירושלים במהרה בימינו אמן דען ער וועט גרויש זיין אכצן מייל דיא לייננ אונ אכצין מייל די ברייט אונ ער וועט זיין גיבויט פון אלרלייא גוטע אונ טייערע שטיינר אונ דרייא מויערין וועלין אים ארום רינגלן איינער פון זילבר אונ איינער פון גאלד אונ איינר פון גוטע שטיינר וואש זייא וועלין לייכטין מיט אלרלייא פארבן אונ איטליכער מויער וועט זיין גראב זעקס איילן אונ ארום דיא דרייא מויערין וועט זיין איין פייערדיגר מויער אונ טוזינט מיט פיר הונדרט אונ אכט אונ אכציג טורעמס פון טייערע שטיינר וועלן דארטן זיין אונ צווישן איטליכן טורם וועט זיין הונדרט מיט צוואנציג טויערין פון גוטע שטיינר אונ צווייא טויזינט מיט דרייא טייכליך קוועלינדיגע וואסר וועלין ארויש גיין פון אונטר די בערג וואש דר בית המקדש וועט אויף זייא שטיין אונ דר בית המקדש וועט זיין גיבויט אויף פיר בערג · דאש זיינן הר סיני · הר כרמל · הר תבור · הר חרמון · אונ דיא שטאט ירושלים וועט זיין פיר הונדרט מייל אויף פיר הונדרט מייל · אונ אז דער בית המקדש פון דעם הימל וועט אראפ גידרין אויף דער ערד קיין ירושלים דענמאלט וועט גאט ב"ה איין זאמלין דיא ישראל אונ דענמאלט וועלין מיר זינגען אנייעם שיר · אונ דיא ישראל וועלין זיך פרייען אין זייער בשעפר · אונ דיא קינדער פון ציון וועלין זיך פרייען אין זייער גאט · אונ דער שטן מיט דיא קליפות וועלין בטל ווערין פון דער וועלט אז אונזער משיח וועט קומן · אונ דר יצר הרע וועט בטל ווערין אונ דענמאלט וועלין מיר אלע זוכה זיין צוא כתנות אור מיט איין אלף דאש איז טייטש העמדר פון ליכט אזו וויא דר פסוק זאגט אונ גאט וועט דיר זיין צוא איין אייביג ליכט אמן כן יהי רצון :

## תם ונשלם חלק שני מספר קב הישר שבח לאל בורא עולם

# לזכר עולם יהי׳ צדיק!

## יזכור ד׳ את נשמת

אאמו״ר וחותני הרב הגאון מו״ה **אשר אנשיל יצחק זעלטענרייך** האבד״ק וואדאוויטץ ז״ל, נכד להגה״ק מטשעטשעוויץ ומטשענגער זללה״ה, ונשמת אשתו הרבנית מרת **שפרה** ע״ה בת הרב הגה״צ מיעדלאווא זצ״ל, שנהרגו עקה״ש בקראקא ביום ז׳ אדר שני תש״ג הי״ד.

ואת נשמת זקינינו הרה״ג מו״ה **יוסף זעלטענרייך** ע״ה, נכד להגה״ק **מהר״י חריף** זצ״ל מזבארוב עם נשמת אשתו הרבנית מרת **שרה** הי״ד, בת הגה״ק מו״ה **יהושע ברוך רייניטץ** זצ״ל, שנפטרו עקה״ש בפולני׳ בשנת הזעם תש״ב.

ואת נשמת גיסינו הרב הגאון מו״ה **אברהם צבי רומעלט** ראבד״ק וואדאוויטץ ז״ל ונשמת בנו היניק וחכים **יונה יהודא** הי״ד.

ואת נשמת אחי וגיסי הרה״ג מו״ה **אלכסנדר סענדר זעלטענ־רייך** ז״ל, ונשמת אשתו הרבנית מרת **רעכיל** ע״ה, בת הרה״צ מגלינא ז״ל, ובתם הילדה **ראצא**, נכדי הגה״ק מצאנז זי״ע.

ואת נשמת אחי וגיסי הרה״ג מו״ה **נתן אהרן** האבד״ק דאבשיטץ ונשמת אשתו הרבנית מרת **מרים** ע״ה בת הרב הגה״צ מדאבשיץ ז״ל ובנם הילד **חיים מתתי׳**, נכדי הגה״ק מצאנז זצ״ל שנהרגו כולם בחודש סיון תש״ג בלבוב הי״ד.

ואת נשמת אחי וגיסי הרה״ג מו״ה **יהושע ברוך** ע״ה ונשמת אשתו הרבנית מרת **פרידא** בת הרב הגאון מפראבוזנא ז״ל, ונשמת בתם הילדה הי״ד.

ואת נשמת אחי וגיסי הבחור המופלא **דוד מאיר** הי״ד.

השי״ת ינקום דם עבדיו השפוך, וימליצו טוב בעדינו לתושע בקרוב תשועת עולמים.

ולזכר עולם יזכר לטובה נשמת אמי מורתי ואחותי הרבנית מרת **חנה** ע״ה בת הרה״ג מו״ה **נתן אהרן וואלף** ז״ל, שהלכה לעולמה ביום כ״ז טבת תרפ״ו בעיר וואדאוויטץ. ונשמת נכדתה הילדה **חנה** שהלכה לעולמה ביום כ׳ תשרי תרצ״ד. תהא נפשם צרורה בצרור החיים.

הכותבים בדמע בנם וחתנם,

הרב שמואל אברהם זעלטענרייך

ישראל זאב וואלף